STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02391

DER YIDISHER ARBETER

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דער אידישער
אר ב ע ט ע ר

ד ר י ט ע ר ב אַ נ ד

צווישן צוויי רעוואָלוציעס
1916—1908

פאַרלאַג „שול און בוך“, מאָסקווע, 1927

א. קירזשניץ

דער אידישער ארבעטער

כרעסטאָמאַטיע
צו דער געשיכטע פון דער אידישער
אַרבעטער, רעוואָלוציאָנערער און סאָ-
ציאַליסטישער באַוועגונג אין רוסלאַנד

דריטער באַנד

די יאָרן 1908—1916
צווישן צוויי רעוואָלוציעס

אונטער דער רעדאַקציע און מיט אַריינ-
פיר-אַרטיקלען פון מ. ראַפעס

פאַרלאַג „שול און בוך". מאָסקווע, 1927

Отпечатано в типографии „Дер Эмес“ Москва,
Покровка, д. 9, телеф.
2-72-14, в количестве
3.000. Главлит № 82197

פאָרוואָרט.

דערדאָזיקער באַנד פון דער כרעסטאָמאַטיע איז אין אלגעמיין געבויט אַף דיזעלביקע יעסוידעס, וואָס דער צווייטער.

זיינע גרונט-אויפגאבן זיינען: געבן אַ מעגלעכסט פול און אלזייטיק בילד פון דער אידישער אַרבעטער-באוועגונג אינם צעניאָר צווישן די ערשטע צוויי רעוואָלוציעס, אָפשפיגלענדיק אלע וויכטיקערע עטאפן, וואָס זי האָט דורכגעמאַכט אין אָט דער היסטאָרישער טקופע; פעסטשטעלן די גרונט-שטריכן פונם סאָציאַל-פּאָליטישן אַרום און די אלגעמיינע אָביעקטיווע סוויווע, אין וועלכער זי האָט זיך געמוזט אנטוויקלען אין דער געגעבענער עפּאָכע; געבן אַן אלגעמיינע פאָרשטעלונג וועגן אידעאָלאָגישן קאַמף, וואָס האָט זיך אין אָט דעם צעניאָר געפירט צווישן די וויכטיקערע פאַרטיי-גרופּירונגען, פון איין זייט, און וועגן די אינערלעכע מיינונגס-פאַרשיידנהייטן אין יעדערער פון זיי גופע, פון דער צווייטער; קלאָר מאַכן די הויפּט-מאָמענטן פון דער אידעאָלאָגישער און טאַקטישער עוואָלוציע, וואָס זיי האָבן דורכגעמאכט אינם רעזולטאט פון דער מאַפּאָלע פון דער ערשטער רעוואָלוציע א. ד. גל.

צוליב מאַנגל אין פּלאץ ווערן אינם געגעבענעם באַנד געבראכט בלויז די סאמע וויכטיקסטע דאָקומענטן, און דאָס—אָפט נאָר אין אויסצוגן; קעדיי צו פאַרפילן די אומפאַרמיידלעכע באַ אזעלכע באדינגונגען בלויזן, זיינען דעריבער פאַרברייטערט געוואָרן די אריינפיר-אַרטיקלען פונם רעדאקטאָר און ס'איז באַדייטנדיק פאַרגרעסערט געוואָרן די צאָל דערקלערונגען און באמערקונגען.

אונזער כרעסטאָמאטיע, ווי ס'איז שוין געווען באטאָנט אינם פאָרוואָרט צום צווייטן באַנד, באטראכט זיך בלויז אלס הויסאָפע צו די אלגעמיינע היסטאָריש-רעוואָלוציאָנערע כרעסטאָמאטיעס, צו וועלכע די לייענער וועלן זיך מוזן ווענדן, קעדיי גרינטלעך צו דערלערנען דעם גאַנג און אנטוויקלונג פון דער אַלגעמיינער פּראָלעטארישער באוועגונג אין לאנד; צו פאַרגרינגערן דאָס לעצטע, איז דער מאטעריאל אין אונזער כרעסטאָמאטיע דעריבער סיסטעמאטיזירט אין פולן העסקעם מיט די גרונט-עפּאָכן, וועלכע זיינען פאַר דער געגעבענער טקופע אָנגענומען אין דער אלגעמיינער היסטאָרישער ליטעראטור.

אין פאַרגלייך מיטן צווייטן באנד איז אין דריטן די צאָל דאָקומענטן, וואָס שפּיגלען אָפּ דעם דירעקטן רעוואָלוציאָנערן קאַמף פון די אידישע אַרבעטער-מאסן, פארהעלטניסמעסיק זייער קליין. און דאָס איז גאַנץ נאטירלעך. אין דער אידישער אַרבעטער-סוויווע האָבן די קאָנטר-רעוואָלוציע און די געזעלשאפטלעכע רעאקציע אָנגעמאכט אַזאַ טיפן כורבן, אז דאָ האָט די אַרבעטערשאפט אפילע אין די יאָרן פונם נייעם רעוואָלוציאָנערן אויפשטייג (1912—1914)

שוין ניט געקאָנט דערהויבן זיך צו אַ פיל ניט איז באַדייטנדיקער רע־וואָלוציאָנערער אַקטיווקייט. ס'איז דעריבער גאַנץ פאַרשטענדלעך, וואָס ס'ראָוו דאָקומענטן פונם געגעבענעם באַנד זיינען געווידמעט די אינערלעכע פּראָצעסן פון דער באַוועגונג — דעם אידעאָלאָגישן קאַמף, דער עוואָלוציע פון דער טאַקטיק א. ד. גל.

בלייבנדיק טריי די מאַרקסיסטישע פאָרשונגס-מעטאָדן, וואָלט אין צוזאַ־מענהאַנג מיט דעם געווען באַזונדערס וויכטיק פעסטצושטעלן די טיפע ענדע־רונגען, וואָס די ערשטע רעוואָלוציע און די קאָנטר־רעוואָלוציע האָבן אריינ־געטראָגן אין דער עקאָנאָמיק פונם געוועזענעם „טכום" און אין דער סאָציאָ־לער סטרוקטור פון דער אידישער באַפעלקערונג. ליידער אָבער זיינען דאָך אַזעלכע מאַטעריאַלן, ווי באַוואוסט, ניט פאַראַן, און אָט דער וויכטיקסטער מאָמענט איז געבליבן קימאַט אינגאַנצן ניט באַלויכטן.

מיר האָבן זיך באַמיט אָפּן סמאָך פון די פאַראַנענע מאַטעריאַלן מעג־לעכסט אויספירלעכער באַלויכטן די ווירקונג און ספּעציפישן געוויכט פונם רע־וואָלוציאָנערן פליגל אין דער אידישער ארבעטער-סוויווע; די דאָקומענטן, וואָס שפּיגלען אָפּ די ארבעט פון די באָלשעוויסטישע גרופּן צווישן די אידישע מאַסן און דעם קאַמף פון די באָלשעוויסטישע פּאַרטיי-צענטרען קעגן די קליינביר־גערלעכע אידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, פאַרנעמען אין דעם באַנד אַ גאַנץ אָנגעזעען אָרט. איינצייטיק אָבער, קעדיי ניט צו פאַרלירן די היסטאָרישע פּערספּעקטיוו, ווערט אָפּגעגעבן גענוג אויפמערקזאַמקייט אויך די איבעריקע פּאַרטיי־גרופּירונגען, וועלכע האָבן אין דער געגעבענער היסטאָרישער טקופע נאָך דאָמינירט אין דער אידישער אַרבעטער-סוויווע.

די באַמערקונגען צום צווייטן באַנד וועגן דער אַרבעטער־באַוועגונג אין דאָרעם־רוסלאַנד (אוקראַינע) און וועגן דער שפּראַך פון די דאָקומענטן בלייבן אין אַלגעמיין גילטיק אויך פאַר דעם באַנד.

צולעצט האַלטן מיר פאַר אונזער כויוו אויסצודריקן אַ כאַוועדשן דאַנק די כ. כ. טיאַמקינא און ראַפּרעק פון דער קאָמאַקאַדעמיע, קראַסני און פּשיבי־שעווסקאַיאַ—פונם פוילישן קאָמוניסטישן אַרכיוו, קראַסקין—פון אַרכיוו בא דער לעטישער סעקציע אַל. ק. פּ. (ב), דעם פאַרוואַלטער פון דער צענטראַלער אידישער ביבליאָטעק, כ' מערקין, דעם כ. קאַלוזשסקי פון אַרכיוו באַם פּויאַליי-ציאָניסטישן צ. ק., און אויך די כ. כ. אבע לעוו, ז. ראַטנער און ש. נעפּאָמניאַשטשי, וואָס אָן זייער אַקטיווער הילף וואָלט געווען אויסערסט שווער צונויפצוקלייבן די אַלע געבראַכטע דאָקומענטן, וועלכע זיינען צעוואָרפן איבער פאַרשיידענע אַרכיוון און ביבליאָטעקן.

ס'ראָוו איבערזעצונגען (פון רוסיש, פויליש און דייטש) זיינען געמאַכט געוואָרן דורך די כ. כ. מ. הער און ש. לעוויאַנט.

אין לעצטן מאָמענט, ווען די כרעסטאָמאַטיע איז שוין געווען צונויפגע־שטעלט, זיינען מיר, צוליב ניט פאַרויסגעזעענע סיבעס, געווען געצוואונגען אויסצושליסן פון טעקסט העכער 30 דאָקומענטן, וואָס ס'האָט זיך זיכער גע־מוזט אָפּשפּיגלען אָף דער באַלויכטונג פון אַ ריי מאָמענטן.

מאָסקווע, 28 אפּרעל, 1927.

א. ק.

ערשטער טייל

אונטערן פרעס פון דער רעאקציע

א ר יי נ פ י ר.

די ערשטע רעוואָלוציע האָט זיך געענדיקט, ניט זייענדיק אימשטאַנד אַראָפּצוּוואַרפן דעם יאָך פון צאַריזם.

די באָלשעוויסטישע טאַקטיק האָט זיך אַרויסגעוויזן פולשטענדיק ריכטיק. עס איז נאָך אָבער ניט געווען שטאַרק יענער בלאָק פון פּראָלעטאַריאַט מיטן פּויערטום, וואָס האָט געדאַרפט בייקומען די קויכעס פון דער קאָנטער-רעוואָלוציע. די האָפענונגען פון די מענשעוויקעס אַף דער קאַדעטישער בורזשואַזיע, אַז זי וועט פירן די רעוואָלוציע פאָרויס, האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר פאַלשע און שעדלעכע אוטאָפּיעס. די בורזשואַזיע איז אָפן אַריבערגעגאַנגען אין לאַגער פון דער קאָנטער-רעוואָלוציע.

דעם 3-טן יוני 1907, ווען דער צאַריזם האָט שוין פאַרשטאַנען, אַז די קרעפטן-פאַרהעלטעניש איז גינסטיק פאַר אים, האָט ער אָן ווידערשטאַנד דורכגעפירט די קאָנטער-רעוואָלוציאָנערע איבערקערעניש. די סטרוקטור פון דער גאָסודאַרסטווענער דומע איז געוואָרן געענדערט אַזוי, אַז זי זאָל אָן שטערונגען קאָנען דינען דער אויפגאַבע צו שאַפן אַן אויסגלייך צווישן אַלע קרעפטן פון דער קאָנטער-רעוואָלוציע,—דער מאָנאַרכיע, דער צאַריסטישער ביוראָקראַטיע, די פּריצים, ליבעראַלער בורזשואַזיע און דעם רייכן דאָרפישן באַלעגוף.

סטאָליפּינס פּראָגראַם האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל פאַרייניקן אַלע קאָנטער-רעוואָלוציאָנערע שיכטן פון פאָלק אַרום דעם קייזערלעכן טראָן, פאַרברייטערנדיק אַף אַזאַ אויפן די באַזע פון דעם עטוואָס מאָדערניזירטן צאַריזם. די בורזשואַזיע האָט באַקומען אַ גרעסערע פאַרטרעטונג אין דומע און האָט געקאָנט דורך דער דומע-טריבונע ריידן צום קייסער און ווירקן אין אירע אינטערעסן, אויסבעסערנדיק די וויכטיקע פונקטן אין די דורכויס רעאַקציאָנערע געזעצן. דעם דאָרפישן באַלעגוף האָט מען געגעבן די נייע אַגראַררעפאָרם, וואָס האָט אים אויסגעטיילט פון דער דאָרפישער געמיינדע און געשטעלט אין אַ פּריווילעגירטער לאַגע לעגאַבע די איבעריקע פּויערים; פאַר דער בורזשואַזיע איז דאָס געווען אַ צוזאָג צו פאַרברייטערן דעם אינווייניקסטן מאַרק. די פּריצים זיינען געבליבן בא זייער גאַנצער ערד און צוזאַמען מיט דער ביוראָקראַטיע האָבן זיי באַקומען די מעגלעכקייט אויסצולאָזן זייער גאַנצן

קאָס, בלוטדורשטיקייט און נעקאָמע-געפילן צו די רעוואָלוציאָנערן, צו די אַרבעטער, צו אַלע ניט-רוסישע פעלקער,—די אידן בעסויכאָם, וואָס האָבן אָנטייל גענומען אין דער רעוואָלוציע. און אַלע צוזאַמען—אָט די גאַנצע קנופּיע, וואָס איז געווען צונויפגעשמידט דורך דער איבערקערעניש פון 3-טן יוני, האָט נאָך באַקומען אַ געמיינזאַמע פּראָגראַם פון אויסוויינקסטער פּאָליטיק: די צאַרישע אימפּעריאַליסטישע שטרעבונגען צו קאָנסטאַנטינאָפּאָל, באַלקאַנען און קליין-אַזיע. דער צאַרישער אויסערן-מיניסטער סאַזאָנאָוו און דער פירער פון דער קאַדעטישער ליבעראַלער אָפּאָזיציע, מיליוקאָוו, האָבן זיך געגעבן די הענט און געהאָלפן דער צוגרייטונג פון דער קומענדיקער אימפּעריאַליסטישער מילכאָמע.

די רעוואָלוציע איז געווען צעטראָטן. דער אוואַנגאַרד איז געלעגן אַ צעוואונדעטער. די רעוואָלוציאָנערע קרעפטן צעשטויבט... דער קאַפּיטאַל האָט געפירט דעם אָנגריף אויפן פּראָלעטאַריאַט. די רעאַקציע האָט געבושעוועט. קיין שטאַרקן ווידערשטאַנד האָט דער אַרבעטער-קלאַס ניט געקאָנט אַרויסווייזן,—ער האָט זיך אָבער גערעאַנגלט, פאַרטיידיקט זיך פונם אָנגריף. די פּאַרטייאישע אָרגאַניזאַציעס זיינען געווען צעבראָכן, זיי האָבן אָבער עקזיסטירט און האָבן געמוזט באַשטימען דעם וועג, די ריכטונג פון זייער ווייטערדיקער אַרבעט.

* * *

ס'זיינען געווען צוויי וועגן:

דער ערשטער וועג: אָנערקענען צוזאַמען מיט דער קאָנטער-רעוואָלוציע, אַז די רעוואָלוציע איז געענדיקט און האָט ניט מער קיין קויכעס נאָכאַמאָל צו פאַרמעסטן זיך קעגן דעם צאַריזם. אויב אַזוי, בלייבט נאָר שטעלן זיך אויפן וועג פון פאַרברייטערן די ראַמען פון דער „לעגאַלער געזעלשאַפט", פאַרברייטערן די „פרייהייטן" פון דער „קאָנסטיטוציע", אויסנוצן די רייבונגען אינעווייניק אינם רעאַקציאָנערן בלאָק, קעדיי אויסצוקעמפן פאַרן אַרבעטער-קלאַס געוויסע האַנאָכעס אין די ראַמען פון דעם 3-טן יוני-רעזשים. דעמאָלט איז מען שוין אָבער מעכויעוו אָפּצוזאָגן זיך פון די רעוואָלוציאָנערע לאָזונגען, פון צוגרייטן די מאַסן צו אַ באַוואָפנטן אויפשטאַנד, פונם אומלעגאַלן פּאַרטייאַפּאַראַט. דורך אויסשליסלעך לעגאַלע וועגן „אַריינוואַקסן" אינם „קאָנסטיטוציאָנעלן" רעזשים, — דאָס איז די פּראָגראַם און טאַקטיק. און דאָס איז טאַקע געווען דער שטאַנדפּונקט פונם רעכטן מענשעוויסטישן פליגל, פון די „ליקווידאַטאָרן", ווי זיי האָט טרעפלעך אָנגערופן לענין.

דער צווייטער וועג איז געווען דער אַלטער רעוואָלוציאָנערער וועג: ריכטן די גאַנצע אַרבעט, קעדיי פאַרצובאַרייטן אַ נייעם אויסברוך פון דער רעוואָלוציע. די רעוואָלוציע איז ניט געענדיקט, ווייל קיין איינע פון אירע אויפגאַבן איז ניט געלייזט געוואָרן. ס'איז נאָר אַ האַפסאָקע אין דער רעוואָלוציע, ווייל די קרעפטן זיינען ניט געווען גענוג צוגעגרייט. דאַרף מען

ווי פריער אלץ טאָן, קעדיי צוצוגרייטן דעם בלאָק פון ארבעטער-קלאס מיטן פּויערטום. ניט פאַרשמעלערן די רעוואָלוציאָנערע לאָזונגען, נאָר פירן די אַר-בעט ווייטער ארום די דריי הויפּט-פאָדערונגען: רעפּובליק, קאָנפיסקירן די גאַנצע פּריצישע ערד, אַן 8-שאָעדיקער ארבעטס-טאָג... אויסנוצן אלע לעגאַלע מעגלעכקייטן, וואָס זיינען פאַראַן: די גאָסוד. דומע, די פאַריינען א. ד. גל. קעדיי צו זיין אין שטענדיקער באַרירונג מיט די ברייטע מאסן און אָרגאַניזירן זיי אַרום די רעוואָלוציאָנערע לאָזונגען. דאָ ווערט אָפּגעוואָרפן די גאַנצע טענדענץ פון אריינוואקסן אין סטאָליפינס „קאָנסטיטוציע"; אלץ ווערט געטאָן אויסשליסלעך מיטן צוועק צוצוגרייטן אַ צווייטן רעוואָלוציאָנערן אויפשטאנד. אויב אזוי, איז שוין לאָגישערווייז נויטיק אלץ טאָן, קעדיי איינצוהיטן און פאַרשטאַרקן די פּראָלעטארישע פּאַרטיי, אלס דאָס וויכ-טיקסטע געווער פון דער צווייטער רעוואָלוציע.

צווישן אָט די ביידע עקסטרעמע ריכטונגען האָט ניט געקאָנט זיין קיין שום פשאָרע און פריער אָדער שפּעטער האָט געמוזט קומען צו אַן אָפענער און ענדגילטיקער שפּאלטונג פון דער פּאַרטיי, וואָס ס'איז ווירקלעך פאָרגע-קומען אָנהויב 1912, ערעוו דער נייער רעוואָלוציאָנערער כוואַליע.

אין פעריאָד פון 1108—1911 זאמלט די באָלשעוויסטישע פּאַרטיי די קרעפטן, קעדיי ווידעראַמאָל צו באַהערשן די גאנצע אַרבעטער-באַוועגונג.

* * *

ווי אַזוי האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אָט דער קאַמף צווישן דער רעוואָלוציע און קאָנטער-רעוואָלוציע אינם אידישן געזעלשאַפטלעכן און פּאָליטישן לעבן און אין דער אידישער אַרבעטער-באַוועגונג?

דער ניצאָכן פון דער קאָנטער-רעוואָלוציע אין גאַנצן לאַנד האָט אכוץ אַלגעמיינע פּאַרפאָלגונגען אומפארמיידלעך געמוזט ברענגען מיט זיך פאר דער אידישער באפעלקערונג אַ נייע כוואַליע פון ריין אַנטיסעמיטישע רעדי-פעס מיצאד דער רעגירונג און די קאָנטער-רעוואָלוציאָנערע געזעלשאפטלעכע קרייזן. מיר וועלן דאָ ניט אָפּשטעלן זיך דערויף, אָפּשיקנדיק אונזערע ליי-נער צום אויסצוג פון דובנאָווס בוך (זע דאָקומענט נום. 8).

דערצו איז נאָך אין פוילן צוגעקומען אַ נייע דערשיינונג פון דעמזעל-ביקן מין — דער אַזוי גערופענער „פּראָגרעסיווער אַנטיסעמיטיזם", וואָס האָט פאַרכאַפּט אַ גאַנצן שיכט פון דער נאָך גאָר ניט לאַנג רעוואָלוציאָנער גע-שטימטער דעמאָקראטישער אינטעליגענץ (זע דאָקומענטן נום. 9 און 10).

דאָס אלץ האָט בוילעט באוויזן, אַז די גאַנצע פּוילישע בורזשואַזע געזעלשאפט האָט זיך דערשראָקן פאַר דער רעוואָלוציע און זוכט צו ראַטע-ווען זיך אין די אָרעמס פון דער אויסגעשפּראָכן קאָנטער-רעוואלוציאָנערער אידעאָלאָגיע. דאָס איז אויך געווען אַ סימען פון דער וואַקסנדיקער קאָנקו-רענץ צווישן דעם אידישן און פּוילישן קליינבירגער. אינם לאָזונג „קעגן ליטוואַקעס" האָט זיך אויסגעדריקט סאַי דער שרעק פארן סאָצ.-דעמאָקראַ-

טישן רעוואָלוציאָנערן איינפלוס, סאַי די קאָנקורענץ מיטן אידישן סוחר און אינטעליגענט, וואָס קומען הויפּטזאכלעך פון ליטע.

פון קליינבירגערטום רייסט זיך ארויין דער אַנטיסעמיטיזם אויך אין די פוילישע אַרבעטער-מאַסן. דער פוילישער מאַיסטער, וואָס איז ענג פאַרבונדן מיטן קלויסטער אָדער מיטן „פּראָגרעסיוון אנטיסעמיטיזם", ברענגט פון גאַס אין פאבריק דעם לאָזונג: „פוילן פאַר פוילישע", און דערפאר טאָרן ניט אָנגענומען ווערן קיין אידן אַף דער פאַבריק, ווען מע גייט אַריבער פון האַנט-אַרבעט אַף מעכאַנישער קראפט. האנט-אַרבעט איז קלוימערשט געווען אַ כאַזאָקע פאַר אידן, אָבער די אַרבעט אַף מעכאַנישער קראַפט — דאָס איז שוין אַ ריין קריסטלעכע מאָנאָפּאָל (זע דעם קאַפּיטל VII).

אין דער אידישער בורזשואַזער און קליינבירגערלעכער געזעלשאַפט קומט אויך פאָר אַ טיפער פּראָצעס פון איבערשאַצן די ווערטן. די פאַרגאַנגענע רעוואָלוציאָנערע כוואַליע האָט אַריינגעצויגן קימאט דאָס גאנצע אידישע פאָלק אין קאַמף קעגן צאַריזם; אַפילע די ציאָניסטן האָבן ניט געקאָנט ביישטיין און האָבן אָנגענומען די העלסינגפאָרסער פּראָגראַם, שטעלנדיק זיך אַפן וועג צו פאַרוואַנדלען זיך אין אַ פּאָליטישער פּאַרלאַמענטאַרישער פּאַרטיי. די דעמאָקראַטישע אינטעליגענץ איז געווען אין די רעוואָלוציאָנערע יאָרן אינגאַנצן אריינגעצויגן אין פּאָליטישן קאַמף, צעשפּליטערנדיק זיך אין דער גרויסער צאָל פּאַרטייען פון אידישן קליינבירגערלעכן סאָציאַליזם. די רעאַקציע האָט אָפּגעשוואַנקט מיטאַמאָל די אַלע „ברייטע" און „טיפע" פּאָליטישע אינטערעסן. די רעאַקציע האָט פון ס'ניי אויפגעשטעלט דאָס אַלטע אידישע געטאָ.

אין פוילן איינקלאַנג מיטן אַלגעמיינעם פּאָליטישן לעבן האָבן אויך אין דער אידישער געזעלשאַפט דעם אָנגריף געפירט די רעכטע, דער אידישער קלעריקאַליזם און ציאָניזם. די ראַבאָנים האָבן געפילט, אַז ס'איז געקומען זייער צייט און צונויפגערופן איינעם נאָכן אַנדערן אַ ריי ראַבאָנישע צוזאַמענפאָרן. אין אָדעס אונטער דער שוץ פון טאָלמאַטשאָוון האָט זיך אַפילע ארגאַניזירט אַ אידישע שוואַרצמייעדיקע גרופּע. די בורזשואַזע אינטעליגענץ שלאָגט זיך „אַלכעט" און לויפט „צוריק אַהיים", צו די „שיינע אידעאַלן" פון דער „אידישער עמונע". אַלע צוזאַמען דערמאָנען זיך אָן דער אידישער קעהילע, וואס האָט אַמאָל געראַטעוועט די אידישע „נאַציע און עמונע", און מע פּרוּווט ארויסצורוקן אָט די אָפּגעלעבטע אינסטיטוציע אין צענטער פון אידישן לעבן. און מע דאַרף מוידע זיין, אַז אויב סטאָליפּינס גאָסוד. דומע קאָן זיך רעכענען פאַר אַ פאָלקס-פאַרטרעטונג, איז צו דערדאָזיקער אַלגעמיינער סיטואַציע גאַנץ גוט געווען צוגעפּאַסט די אידישע קעהילע מיט די ראַבאָנים און ציאָניסטן בעראָש, אלס אידישער „פאַרטרעטונגס-אָרגאַן": אָפּגעזונדערט, ווי דאָס אַלטע געטאָ, און אונטער דער אָנפירונג פון די רעאַקציאָנערע קויכעס. דער קאַמף פאַר עמונע און העברעאיש אין דער שול איז געווען די פּראָגראַם פון דער „ליבעראַלער" כעוורע „מעפיצי האַסקאָלע".

די דעמאָקראַטישע אינטעליגענץ האָט געהאַלטן אין איין אָפּטרייסלען זיך פון אירע רעוואָלוציאָנערע כאַטאָים: אַלע זיינען געוואָרן „געוועזענע״ און זיינען אוועק אין ליטעראַטור, קולטור, „ברייטע געזעלשאַפטלעכקייט״, וואָס זיי האָבן קעגנגעשטעלט דער „שמאָלקייט״ פון דער פאַרגאַנגענער רע-וואָלוציאָנערער טקופע.

דער נויג אַף רעכטס איז געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז אפילע אין דער פראַגע וועגן רעליגיע איז פאָרגעקומען אַ רעוויזיע. אַסאַך אינטעליגענטן האָבן געשריען וועגן דער שיינקייט פון דער אידישער עמונע, אַלע זיינען געוועזן אנטציקט פון פערעצן, וועלכער האָט צוטרעפלעך פאַר דער צייט געשריבן זיינע „כסידישע״ מאַיסעס.

דער נאַציאָנאַליזם אַלס פראָגראַם איז געוועזן אנערקענט פון אַלעמען: סאַי פון דער דעמאָקראַטישער אינטעליגענץ, פאַי פון דער בורזשואַז-ליבע-ראַלער. די פאָן פונם נייעם נאַציאָנאַליזם איז אָבער געוועזן ניט דאָס אַלטע העברעאיש, נאָר דאָס מאָדערנע אידיש. דער „אידישיזם״ איז געוואָרן אַ גאַנ-צע פּאָליטישע שיטע מיט אַ ברייטער פאַרצווייגטער „ליטעראַרישער געזעל-שאַפט״, מיט אַ זשורנאַל פאַר ליטעראַרישן רענעסאַנס — די „ליטעראַרישע מאָנאַטסשריפטן״, מיט קאָנפערענצן (די טשערנאָוויצער קאָנפערענץ). די טאָנ-געבער זיינען דאָ געוועזן אַלץ „געוועזענע רעוואָלוציאָנערן״. דער לינקער פליגל אין אָט דער גאַנצער באַוועגונג — די בונדיסטן — זיינען געשטאַנען שטאָל און אייזן פאַר אידיש און אויסשליסלעך אידיש, אָבער ניט אַלע אין דער אידישיסטישער באַוועגונג זיינען געוועזן אין דעם פראַט אַזוי קאָנסעק-ווענט.—אפילע דאָ האָבן זיך געפונען פריידיקער פון פשאָרעס, פון העברעאיש מיט אידיש, וועלכע האָבן געזאָלט דינען פאַר אַ בריק צו אַן אויסגלייך צווישן די „רעכטע״ און „לינקע״ נאַציאָנאַליסטן. די שטרעבונג צו מאַכן די קעהילע פאַר אַן עפנטלעכן אָרגאַן פון דער אידישער נאַציע איז אויך געוועזן אַן אַלגעמיינע באַ אַלע אידישע נאַציאָנאַליסטן.

אַזוי האָט זיך די אַלגעמיינע רעאַקציע אָפּגעשפיגלט אין דער אידישער בורזשואַזער און קליינבירגערלעכער געזעלשאַפט.

* * *

די רעאַקציע, דער אָנגריף פונם קאַפיטאַל, די אַנטיסעמיטישע העצע, דער אָפּפאַל פון דער רעוואָלוציאָנערער כוואַליע האָבן געבראַכט מיט זיך אַ דעזאָרגאַניזירונג פון דער אידישער, ווי אויך פון דער אַלגעמיינער, אַרבעטער-באַוועגונג. דורכן „טכום״ טראָגן זיך דורך אַ ריי לאָקאַוטן, וואָס נעמען אַרום צוויי גרויסע צווייגן פון דער אינדוסטריע מיט אידישע אַרבעטער: גאַרבער און בערשטער. אין די איבעריקע פאַכן קומט ניט צו אַזעלכע ברייטע צוזאַ-מענשטויסן, נאָר דער אָנגריף אַפן אַרבעטס-טאָג און סכירעס מערקט זיך אומעטום. די אידישע אַרבעטער ווייזן אַרויס אַ ווידערשטאַנד. די פראָפעסיאָ-נעלע פאַריינען זיינען אַלע פאַרמאַכט. ס'לאָזט זיך אָבער פילן די אַלטע

פראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזירטקייט פון די אידישע ארבעטער. ס׳אַנטשטייען אומלעגאַלע שטרייק-קאָמיסיעס, וועלכע פירן דורך — אָפט ניט אָן ערפאָלג — די פּאַרטיידיקונגס-קאמפאניעס קעגן דעם אָנגריף פונם קאַפּיטאַל.

אומלעגאלע עקאָנאָמישע אָנפירנדיקע אינסטיטוציעס — דאָס איז אַ קערן אויך פאַר דער פּאָליטישער אומלעגאלער אָרגאַניזאציע. און ווירקלעך האַלט אונטער די עקאָנאָמישע אָרגאַניזאציע די עקזיסטענץ פון די פּאַרטייאישע גרופּן צווישן די אידישע ארבעטער אין די ערשטע גאָר שווערע יאָרן פון דער רעאַקציע. די פּאָליטישע שטימונג צווישן דעם פּראָלעטארישן אוואַנגארד איז אַ דערשלאָגענע. דערצו איז נאָך די באוועגונג אָפּגעשוואכט צוליב דער גרויסער עמיגראַציע פון די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער קיין אַמעריקע.

צוזאמען מיטן וואוקס פון קולטורעלן מאַצעוו בעאייס דער רעוואָלוציע זיינען אויסגעוואקסן אויך די קולטורעלע באַדערפעניש פון די אידישע אר-בעטער. אין אלע גרעסערע צענטרען — ווילנע, ריגע, לאָדז, ווארשע, ביאַליס-טאָק — אַנטשטייען דעריבער, לויט דער איניציאטיוו פון די אומלעגאלע פּאַרטיי-גרופּן, ארבעטערשע אָוונט-שולן און מוזיקאל-דראמאטיש-ליטעראַרישע ארבע-טער-געזעלשאַפטן, וואָס פאַרייניקן עטלעכע טויזנט אידישע ארבעטער. דאָ קאָנצענטרירן זיך די רעשטלעך פון דער פּאָליטישער אָרגאַניזאציע.

דער אידישער ארבעטער, וואָס איז קאָנצענטרירט הויפּטזאכלעך אין דער האַנטווערקעריי, לעבט ניט אָפּגעזונדערט פון דער גאַנצער ארומיקער סוויווע. ווען ס׳איז געווען בא אים די ברייט פאַרצווייגטע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע אָרגאַניזאציעס, האָבן זיי מיט זייער ארבעט און קאַמף געוויסערמאַסן אָפּגע-טיילט דעם אידישן ארבעטער פון דער ארומיקער קליינבירגערלעכער וועלט, ווען אָבער אָט די ברייטע אָרגאַניזאציעס זיינען דורך דער קאָנטר-רעוואָלוציע אָפּגעשוועכט געוואָרן, איז נאָך מער אָפּגעשוואכט געוואָרן די גרעניץ צווישן דער ארבעטער-מאסע און קליינבירגערטום. דאָס האָט געשאפן נאָך א גרעסערע סאַקאָנע, אז די קליינבירגערלעכע שטימונגען זאָלן פאַרפלייצן די אידישע ארבעטער-באוועגונג.

* * *

פון די אידישע נאַציאָנאַל-סאָציאַליסטישע גרופּירונגען איז דער „בונד״ געווען די איינציקע, וועלכע האָט ווי א פּאַרטיי-אָרגאַניזאציע דורכגעלעבט די גאנצע טקופע פון דער רעאַקציע. די „סיימאָוצעס״ האָבן פאַרלאָרן דאָס ביסל, וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט. די „ס. ס״. און „פּ. צ.״ האָבן אונטערגעהאַלטן פאַרבינדונגען מיט ארבעטער-גרופּן בלויז אין איינצלנע שטעט.

די פּאָליטישע פּאָזיציע פון „בונד״ איז געווען ניט קיין קלאָרע, א וואַקלדיקע צווישן צוויי עקסטרעמע ריכטונגען. די אָנפירנדיקע גרופּע פון „בונד״ אלס גאנצע איז אויסדריקלעך געווען פיינט-לעך געשטימט צו דער באָלשעוויסטישער פּאָליטישער קאָנצעפּציע פון גרייטן זיך צו א נייער רעוואָלוציע. זי האָט געהאַט אָפן ליגנן פלאַנג א באָלשעוויק

(יודין—איצט א מענשעוויק, אין עמיגראציע) און אפן רעכטן פלאנג צוויי אויסגעשפּראָכענע ליקווידאטאָרן—ליבער און אבראמאָוויטש. די דעצידירנדיקע ראָלע האָט געשפּילט—ווי אלעמאָל אינם „בונד"—דער צענטר, וועלכער האָט זיך פּאָליטיש געניגט צו דער ליקווידאטאָרישער גרופּע מיט אירע טיילווייזע לאָזונגען א.א.וו., און אָרגאניזאציאָנעל געשטאנען פאר די באָלשעוויסטישע פּאָרשלאגן צו שטארקן די פּארטיי-ארגאניזאציע. דערפאר האָט דער „בונד" אין די יאָרן 1908—1910 אזוי פיל מיטגעהאָלפן אלע פּרואוון אויפצושטעלן דעם צעפאלענעם צ. ק. פון ר. ס.-ד. א. פּ. דער „בונד" האָט דאָ ארויסגעוויזן פיל ענערגיע און איניציאטיוו, האָפנדיק, אז ביידע עקסטרעמען אין דער ר. ס.-ד. א. פּ. וועלן זיך קאָנען לייכט צונויפלעבן, ווי אין צ. ק. פון „בונד".

די גרופּע פון צ. ק. פון בונד האָט געארבעט פאר דער אויפשטעלונג פון די בונדישע פּארטיי-אָרגאניזאציעס, פּאָדערנדיק, אז אלע לעגאלע טוער זאָלן זיך אונטערוואַרפן די באשלוסן פון דער אומלעגאלער פּארטיי-אָרגאניזאציע. אָבער דער אינהאלט פון דער פּאָליטישער ארבעט איז פון טאָג צו טאָג אלץ בוילעטער געוואָרן א מענשעוויסטישער, א ליקווידאטאָרישער. די VIII-טע קאָנפערענץ פון בונד (אין אָקטיאבר 1910) איז אין דעם פּראַט זייער באלערנדיק. די רעזאָלוציע „וועגן אונזער ארבעט" איז א מוסטער פון דער בונדישער קאָנצעפּציע, וואָס פאַרבינדט די פּאָליטישע שיטע פון די ליקווידאטאָרן מיט די אָרגאניזאציאָנעלע פּרינציפּן פון אַן אונטערערדישער פּאַרטיי-אָרגאניזאציע.

ס'איז וויכטיק צו באַטאָנען, אז ניט נאָר דער בונד, נאָר אלע אָן אויסנאַם אידישע נאציאָנאל-סאָציאליסטישע גרופּן האָבן אין דער פּאָליטישער אַרבעט אָפּגעשטיצט די ליקווידאטאָרישע שיטע פון ארייננואַקסן אין דער עקזיסטירנדיקער אָרדענונג (זע דאָקומענטן נומ. 42 און 43).

די ליקווידאטאָרישע שיטע האָט געזיגט אין בונד אויך אין דער באציאונג צו ס'ראַוו נאציאָנאלע פראַגן, וואָס האבן אזוי פאַרכאַפּט די געזעלשאַפט-לעכע אינטערעסן פונם בונד. דער בונד האָט שוין ניט מער ווי אמאָל — פאַר דער ערשטער רעוואָלוציע—געזאַמלט קרעפטן צו א נייעם אויפשטאנד, וועל-כער וועט אומוואַרפן די גאנצע געביידע פון צאַריזם און צוזאַמען מיט דעם אויך די גאנצע אידישע רעכטלאָזיקייט. דער בונד איז געוואָרן רעפאָרמיסטיש. אין דער אלגעמיינער פּאָליטיק—פאַר פאַרברייטערן די רעכט פון דער דומע, פון אַלע „פרייהייטן". אין דער אידישער פּאָליטיק—דאָסזעלביקע: רעפאָרמירן די אידישע קעהילע אין דער ריכטונג פון קולטורעלער אווטאָנאָמיע, פאַרברייטערן דאָס וואַל-רעכט, פאַרשמעלערן איר קאָמפּעטענץ, אָרגאַניש ארייננוואַקסן אין איר,—אָבער ניט אפן רעוואָלוציאָנערן אויפן צעשמעטערן די גאַנצע קע-הילע... דערפאַר איז דער בונד געגאנגען צום קאָוונער צוזאַמענפאַר, דערפאַר האָט ער געזוכט א דערנעענטערונג מיט אלע קליינבירגערלעכע גרופּן.

די נאַציאָנאליסטישע כוואליע, וואָס האָט פאַרפלייצט דאָס גאנצע אי-דישע קליינבירגערטום, האָט ניט באגעגנט קיין ווידערשטאנד מיצאד דעם בונד; פאַרקערט, ער האָט מיטגעהאָלפן, אז דער נאציאָנאליזם זאָל ארייננדרינ-

גען אויך אין דער ארבעטער-מאַסע. דער בונד האָט אויפגעכאַפּט דעם לאָזונג פון גאראנטירטער שאַבעס-רו. פיל זיינען געשטאנען פאַר פאַרברייטערן די קאָמפּעטענץ פון דער נאַציאָנאַל-קולטורעלער אווטאָנאָמיע.

פאַרלירנדיק זיין רעוואָלוציאָנערע שטעלונג, האָט שוין דער בונד, ווי אויך די אנדערע אידישע סאָצ. גרופּירונגען, ניט געקאָנט אָפּשטעלן זיך... ער האָט זיך נאָר דערמיט אויסגעטיילט פון די רוסישע ליקווידאַטאָרן, וואָס זייער אַלגעמיינע פּאָליטישע ליניע האָט ער דערגאַנצט מיט א גרויסער דאָזע פון קליינבירגערלעכן נאַציאָנאַליזם.

אזוי איז אין די יאָרן 1908—1910 צוגעגרייט געוואָרן דער אָפענער איבערגאַנג פונם בונד צו די ליקווידאטאָרן, וואָס ס'איז פאָרגעקומען אף דער IX-טער בונדישער קאָנפערענץ, זומער 1912.

* * *

די ערשטע רוסישע רעוואָלוציע האָט געבראַכט מיט זיך א גרויסע פּאָליטישע און אָרגאַניזאַציאָנעלע ענדערונג. אין אלטן אידישן טכום מיט דער איזאָלירטקייט פון דער אידישער ארבעטער-באַוועגונג האָט זיך אין דער אידישער ארבעטער-מאַסע אויסגעבילדעט א קליינער באָלשעוויסטישער קערן, וועלכער האָט זיך פאַרייניקט מיט אַזעלכע קערנדלעך אין דער רוסישער ארבעטער-מאַסע, און זיי צוזאַמען האָבן געבילדעט די איינהייטלעכע קאָמיטעטן פון דער באָלשעוויסטישער ר. ס.-ד. א. פּ. זייער ראָלע אין דער באַוועגונג פון 1905—1906 איז געווען זייער גרויס, ווייל זיי האָבן געבראַכט מיט זיך א פּרינציפּיעלע ענדערונג אין דער גאַנצער באַוועגונג. זיי האָבן געמאַכט מעגלעך צענטראַליזירטע און געמיינזאַמע ארויסטרעטונגען פונם גאַנצן פּראָלעטאַריאַט, וועלכע זיינען געווען אוממעגלעך פריער, ביז דער אנטשטייאונג פון אָט די אלגעמיין-רוסלענדישע קאָמיטעטן.

די צעברעקלונג און צעשטויבונג פון אלע רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס נאָך דער מאַפּאָלע פון דער רעוואָלוציע האָט גאַנץ פאַרשטענדלעך געמוזט נאָך שטאַרקער ווירקן אף אָט די אָרגאַניזאַציעס, ווייל זיי האָבן נאָך גאָר קיין צייט ניט געהאַט צו לאָזן טיפע וואָרצלען אין דער ברייטער ארבעטער-מאַסע. נאָר ס'איז דורכויס וויכטיק צו באַטאָנען, אז ניט קוקנדיק אף אלע רעפּרעסיעס און גאַנצן כורבן, האָט די גאַנצע רעאַקציע און דער קאַמף פון די נאַציאָנאַל-סאָציאַליסטן שוין ניט געקאָנט אומברענגען אָט די יונגע אָרגאַניזאַציעס.

דער לייענער וועט געפינען אין א ספּעציעלן קאַפּיטל מאַטעריאַלן וועגן דער ארבעט און פּאָליטישע אנשויאונגען פון אָט די גרופּן אין דער צייט פון דער רעאַקציע. דאָס זיינען געווען די איינציקע גרופּן—זאָל זיין, אז זייער איינפלוס איז געווען באַגרענעצט—אין דער אידישער ארבעטער-באַוועגונג, וועלכע זיינען בייגעשטאַנען דעם גאַנצן שטראָם פון רעאַקציע, ליקווידאַטאָרסטווע און נאַציאָנאַליזם, און האָבן ניט אויפגעהערט לויט די דירעקטיוון פון

דעם באָלשעװיסטישן צענטראל-קאָמיטעט, צו פירן אַן אויסגעהאלטן רעװאָלו-ציאָנערע ארבעט... דאָס זײנען יענע גרופן, װאָס האָבן שפּעטער מיטגעהאָלפן דערצו, אז אויך אין דער ארבעטער-מאסע, װאָס איז געװען אָרגאניזירט אינם בונד, זאָל זיך אויסבילדן א לינקער האלב-באָלשעװיסטישער פליגל. דאָס האָבן זײ מיטגעהאָלפן אין די יאָרן פון מילכאָמע צו פירן אין דער אידישער אר-בעטער-מאסע א אינטערנאציאָנאליסטישע קאמפּאניע קעגן קריג. און װען ס'איז געקומען די רעװאָלוציע פון 1917 און די באָלשעװיסטישע פּארטײ האָט בא-קומען די מעגלעכקײט אָפן צו רײדן צו די מאַסן, זײַנען אָט די גרופן גע-װאָרן די קערנדלעך פון די אויסגעװאקסענע ברײטסטע באָלשעװיסטישע אָר-גאניזאציעס, װעלכע האָבן פאַרײניקט דעם אװאנגארד פונם גאנצן פּראָלעטא-ריאט פון לאנד.

מ. ראפעס.

I. דער אָנגריף פון קאפיטאל און דער ווידערשטאַנד פון די ארבעטער.

1. דער לאָקאוט פון די לעדער־ארבעטער אין צאָפן־מאירעוו־קאנט.

(„דער לאקאוט פון די לעדער-פאבריקאנטן". „אידישע צייטונג" 1), ווילנע, נומ. 13 פון 18-טן יאנוואר 1909).

שוין 2 כאַדאָשים, זינט ס'געדויערט דער לאָקאוט פון די לעדער־פאבריקאנטן. אָנגעהויבן האָט זיך דער לאָקאוט אין סמארגאָן, וואו 19 לעדער־פאבריקאנטן האָבן דעם 24 נאָוועמבער *) אַרויסגעשטעלט די ארבעטער פאָדערונגען צו פארקלענערן דעם ארבעטס-לוין אף 20—30 פראָצ. און אנדערע. די ארבעטער האָבן זיך, געוויינטלעך, אָפּגעזאָגט צו אַרבעטן אף די נייע באַדינגונגען און ביז 1000 מאן זיינען געבליבן אָן ארבעט און אָן ברויט. די פאבריקאנטן האָבן דאן פאָרגעלייגט די ארבעטער, זיי זאָלן ארבעטן נאָך צוויי וואָכן אף די אלטע באדינגונגען, אָבער די ארבעטער האָבן באשלאָסן צו ווארפן די ארבעט באלד, ווייל ווען זיי וואָלטן מאסקים געווען אף דעם פאָרשלאג פון די פאבריקאנטן, וואָלטן די לעצטע פיל אויסגעוואונען. ניט אלע פאבריקאנטן אָבער זיינען נויטע געווען צום לאָקאוט. אין אַלגעמיין האָבן די קליינע פאבריקאנטן ניט געוואָלט אריין אין לאָקאוט, אָבער די גרויסע פאבריקאנטן האָבן אָנגעהויבן צו שרעקן, אז זיי וועלן אָפּשטעלן דעם קרעדיט פון די קליינע אונטערנעמער אין די ווילנער בענק, און ווילנדיק ניט ווילנדיק האָבן געמוזט די קליינע פאַבריקאנטן אונטערגעבן זיך און אריין אין לאָקאוט.

...נאָך סמארגאן איז ארויסגעטראָטן ווילנע. דעם 8 דעצעמבער האָבן די ווילנער לעדער-פאבריקאנטן מוידיע געווען די ארבעטער, אַז ווען זיי ווילן בלייבן באַ דער ארבעט, מוזן זיי אָננעמען די פאָלגנדע פאָדערונגען: די צאָל פון די ארבעטער ווערט פאַרקלענערט אַף 20 פראָצ., די ארבעט הויבט זיך אָן 7 אין דער פרי און ווערט געענדיקט 7 אין אָוונט, מיט אַ האַלבע שאָ אף אָנבייסן, איין שאָ אף מיטאָג און אַ האַלבע שאָ אף אָוונט-ברויט; יעדע אַר-

*) 1908

טעל אָדער באַזונדערע גרופּע איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער גאַנצקייט פון דער אָנגענומענער סכוירע און פון די זאַכן, וואָס געפינען זיך אין יעדער אָפּטיילונג; דער אַרבעטס-לוין ווערט פאַרקלענערט אויף 20 פּראָצ. און דער אַרבעטס-טאָג פאַרגרעסערט אויף 2 שעה, און נאָך אייניקע אַנדערע גאַנץ וויכטיקע פאָדערונגען.

...די אַרבעטער האָבן באַלד צונויפגערופן אַ פאַרזאַמלונג אויף מענקעס זאַוואָד, קעדיי זיך צו באַראַטן וועגן דעם איניען. אויף דער פאַרזאַמלונג האָבן זיי אָנגענומען אַ רעזאָלוציע, אַז די אַרבעטער זיינען ניט מאַסקים אַפילו אויף איין פאָדערונג אויך ניט, אַכוץ די פאָדערונגען וועגן דער אינערלעכער אָרדענונג אין די זאַוואָדן, וואָרום אויב די אַרבעטער וואָלטן מאַסקים געווען אָנצונעמען די אַלע פאָדערונגען, וואָלט דאָס הייסן אומקערן זיך צו דער לאַגע, אין וועלכער די אַרבעטער האָבן זיך געפונען מיט 20 יאָר צוריק. אַכוץ דעם האָבן די אַרבעטער אַרויסגעשטעלט אַ קאָנטער-פאָדערונג, אַז די פאַבריקאַנטן מוזן זיי צאָלן פאַר דער גאַנצער צייט, וואָס דער לאָקאַוט וועט געדויערן.

אויף צו באַקעמפן דעם לאָקאַוט איז געגרינדעט געוואָרן אין דעם פּראָפעסיאָנעלן פאַריין פון די גאַרבער אַ געלט-פאָנד, פון וועלכן מע האָט באַשלאָסן צו געבן שטיצע די אַרבעטסלאָזע צו אַנדערהאַלבן רובל אַ וואָך אַ באַווייבטן אַרבעטער, צו רובל אַ אומבאַווייבטן און 75 קאָפּ. פאַר קינדער. די שטיצע ווערט אַרויסגעגעבן ניט מיט געלט, נאָר מיט עסן-פּראָדוקטן.

אַזוי האָט זיך פאַרשפּרייט דער לאָקאַוט פון די גאַרבער-פאַבריקאַנטן איבער דעם גאַנצן צאָפּן-מאַירעוו-קאַנט. דער לאָקאַוט האָט אויך געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף די וואַרשעווער לעדער-פאַבריקאַנטן, וועלכע האָבן זיך דערשראָקן פאַר קאָנקורענץ מיטן צאָפּן-מאַירעוו-קאַנט און האָבן אויך אַרויסגעשטעלט זייערע אַרבעטער אַ פאָדערונג וועגן פאַרקלענערן זייער אַרבעטס-לוין...

2. סמאַרגאָנער לעדער-אַרבעטער-פאַריין רופט צו אָרגאַניזירן אַ ווידערשטאַנד די פאַבריקאַנטן.

(פונעם אויפרוף פון דער פאַרוואַלטונג, וואָס איז דערשינען אין דעקאַבער 1908).

(איבערזעצט פון רוסיש).

כאַווייִרים אַרבעטער!

ווידער אַ לאָקאַוט, ווידער אַרבעטסלאָזיקייט! עס איז אָנגעקומען דער ווינטער, און אונזערע באַלעבאַטים האָט זיך פאַרוואָלט אויסנוצן אונזער נויט, און זיי האָבן אונז אַרויסגעוואָרפן אויף דער גאַס!

כאַווייִרים! דער טייוולשער באַשלוס איז אָנגענומען געוואָרן אין די סאַלאָנען פון אונזערע „ברויט-געבער—באַלעצדאָקעס"! די גאַנצע צייט האָבן

זיי זיך שאַרף צוגעקוקט צו אונזער לאגע, האָבן געוואָרט בלויז אַף אַ פּאַסנ־דיקן מאָמענט, קעדיי אָנצופאַלן אַף אונז. זיי האָט געשראָקן אונזער פעסטע אייניקייט, אונזער אָרגאַניזירטקייט, זיי האָט באַאומרואיקט אונזער סאָלידאַ־רישע הילף. איז אָט זיי געקומען צו הילף די צאַרישע רעגירונג און מיט איין פעדערשטריך פאַרמאַכט זי אונזער פאַריין. פאַרמאַכט אים, ווי זי האָט דער־קלערט, פאַר „געוואַלטאַט", וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין העלפן די אַר־בעטסלאָזע. אין דער עמעסן, ברידערלעכע הילף — דאָס איז „געוואַלטאַט" איבער דער אָרדענונג, וואָס איז געגרינדעט אַף רויבעריי און עקספּלואַטירן פרעמדע מי; כאַווערשע הילף — דאָס איז „געוואַלטאַט" אין די אויגן פון די אַלרוסלענדישע הענקער, וואָס האַלטן זיך בלויז אַף געוואַלטאַט און שפּיזן.

אונזערע באַלעבאַטים שילדערט זיך אַזאַ בילד: מיר זיינען צעבראָקלט און צעשטויבט, מיר האָבן ניט קיין מעגלעכקייט צונויפצוקלייבן זיך און צו־נויפריידן זיך, אונזערע פרויען בעטן ברויט, און ס'איז ניטאָ פון וואַנען צו קריגן, אונזערע קינדער גייען אויס פון סקאַרלאַטינע און דיפטעריט. דעמאָלט, אָ דעמאָלט,—טראַכטן זיי,—וועלן מיר גיין אַרבעטן אַף וואָסערע עס זאָל ניט זיין באַדינגונגען!... יאָ, כיטרע צוגעטראַכט, טייוולאָניש אויסגערעכנט!... נאָר דאָס וועט ניט זיין, כאַווײרים! מיר קאָנען צעשלאָגן זייערע פּלענער, מיר דאַרפן געבן אַ ווידערשטאַנד זייער אָנפאַל. זיי האָבן געמיינט, אַז מיר זיינען אָפּגעשוואַכט, — איז לאָמיר זיך פעסטער פאַרייניקן! זיי האָבן אויסגערעכנט אַף אונזער דערשראָקנקייט,—איז לאָמיר זיך... האַלטן פעסט און געשלאָסן! די רעגירונג האָט פאַרמאַכט אונזער לעגאַלן פאַריין—און מיר רופן אייך אַלע־מען אַריינטרעטן אין אונזערע רייען, צוזאַמענשליסן זיך אַרום אונזער נייעם פאַריין, זאָלן נאָר ניט זיין צווישן אונז קיין דעזערטירן, זאָל נאָר קיינער באַ־זונדער ניט פירן קיין אונטערהאַנדלונגען מיט זיין פאַבריקאַנט און לאָזן דאָס טאָן דער אויסגעקליבענער פאַרוואַלטונג!

אַף די פאָדערונגען פון אונזערע פאַבריקאַנטן ענטפערן מיר פון אונזער זייט מיט אַזעלכע פאָדערונגען: 1) פולשטענדיקע באַפרידיקונג פאַר דער צייט פונם לאָקאַוט; 2) מעדיצינישע הילף; 3) צאָלן פאַר דער צייט פון קרענק; 4) פאַרבעסערן די היגיענישע באַדינגונגען אַף די פאַבריקן.

אַלזאָ, פעסט, כאַווײרים! אַלס אַן אָרגאַניזירטע, שטאַרקע אַרמײ וועלן מיר אַרויסטרעטן קעגן דעם סוינע!

די פאַרוואַלטונג פונם סמאָרגאָנער לעדער־אַרבעטער־פאַריין.

3. דער לאָקאוט באַ די בערשטער.

(פון פּאַרטיי-לעבן, „די שטימע פון בונד“, נומ. 2, 1909).

פאר די לעצטע צוויי יאָר האָבן די בערשטער-פאַבריקאנטן אַ סאַך אָפּגענומען באַ די ארבעטער פון די פארבעסערונגען, וואָס זיי האָבן זיך אין לאַנגען שווערן קאמף דערשלאגן. זיי האָבן אַראָפּגעריסן די סכירעס, אין אייניקע ערטער איינגעפירט פּוד-ארבעט, אָנשטאָט וואָכן-ארבעט, אָפּגענומען די מעדיצינישע הילף. היינטיקן ווינטער האָבן זיי געפונען דעם מאָמענט פּאַר גינסטיק אָפּצונעמען באַ די ארבעטער די וויכטיקסטע דעראָבערונגען פון די שטורם-יאָרן—דעם 8-שאָעדיקן ארבעטס-טאָג, ווייל אין דער לעצטער צייט איז די אַרבעטער-אָרגאַניזאַציע קימאַט אינגאַנצן צופאַלן.

די ערשטע זיינען ארויסגעטראָטן די ווילקאָווישקער סאָכרים. פיר גרויסע פאַבריקאנטן (מיט 250 ארבעטער) האָבן זיך פארייניקט און ארויסגעשטעלט זייערע ארבעטער אַ פאָדערונג אַרבעטן 10 שאָ. אין ווילקאָווישק האָבן די פאַבריקאנטן וועניקער פאר אלץ זיך גערעכנט צו באַקומען אַ ווידערשטאנד, ווייל דאָרטן איז די לעצטע צייט די אָרגאַניזאַציע פון די ארבעטער צופאלן מער ווי אומעטום, איבערהויפּט נאָך די ארעסטן, וואָס זיינען פּאָרגעקומען, ניט אָן דער מיטווירקונג פון די פאַבריקאנטן. זיי האָבן אָבער אַ טאָעס געהאַט. די אַרבעטער האָבן זיך פארייניקט... ארום די לעצטע איבערבלייבונגען פון זייער אָרגאַניזאַציע און זיך געהאַלטן פעסט, ניט געטראַכט אַפילע זיך אונטערגעבן.

ס'איז געקומען פייסאך. דער לאָקאוט האָט שוין נעדויערט 10 וואָכן, און די ארבעטער האָבן זיך געהאלטן פעסט. דאַן האבן די ווילקאווישקער פאַבריקאנטן זיך געווענדעט צו די פאַבריקאנטן פון אנדערע שטעט, זיי זאָלן אויס סאָלידאַריטעט צושטיין צום לאָקאוט, קעדיי צוברעכן דעם מוט פון די ארבעטער און פאַרניכטן די שטיצע, וואס די ארבעטנדע בערשטער פון אנדערע שטעט פלעגן ביז אהער שיקן די ווילקאָווישקער לאָקאוטירטע. פייסאַך-צייט אין לייפּציק אף דער מעסע (יעריד) זיינען צוגעשטאַנען צום לאָקאוט אויך די פאַבריקאנטן פון אנדערע שטעט, און דער לאָקאוט האָט ארומגעכאפּט: אָרשע, וויטעבסק, נעוועל, קרעסלאַווע, ווערזשבעלאָווע, וויסטעניעץ, ניישטאט, קאלוואריע, שקלאָוו און די איבעריקע פאַבריקן אין ווילקאָווישק גופע, וואָס האָבן ביז אהער געארבעט—סאכאקל 1000 ארבעטער.

אין ווילקאָווישק איז דער לאָקאוט פאָרגעקומען אין זייער שווערע באַדינגונגען; די פאַבריקאנטן האָבן אויסגעשריבן קריסטלעכע אַרבעטער שטרייקברעכער. איין פאַבריקאנט האָט געעפנט א פאַבריק אין קאָוונע מיט אידישע און קריסטלעכע שטרייק-ברעכער. צום באַדויערן, האָבן די פאָנעוועזשער בערשטער געארבעט בא סאָבאָלעוויטשן אף דער פאַבריק, ניט קוקנדיק אף דעם, וואס דערזועלביקער סאָבאָלעוויטש האט אין ווילקאָווישק געהאלטן זיין פאַבריק פארמאכט, און ער איז געוועזן איינער פון די אקטיווסטע אנטיילנעמער אין לאָקאוט... דאָך זיינען די לאקאוטירטע ארבעטער געשטאנען פעסט. דער

8-שאָיקער ארבעטס-טאָג איז בא אלעמען געווען זייער טייער... פאַר אים זיינען געשטאנען פעסט אפילע אזעלכע ארבעטער, וועלכע האָבן זיך ביז אהער פארהאַלטן פיינטלעך צו דער אָרגאניזאציע. אכוץ דעם, האָבן די ארבעטער געוואוסט, אז אויב די פאַבריקאנטן וועלן זיגן, וועלן זיי זיך ניט באנוגענען בלויז מיט איינפירן א 10-שאָיקן ארבעטס-טאָג, נאָר זיי וועלן נאָך מער אראָפּרייסן די סכירעס און אָפּזאָגן פיל ארבעטער.

האלב אפּרעל איז פאָרגעקומען א קאָנפערענץ, אָרגאַניזירט פון אייניקע מיטגלידער פונם געוועזענעם בערשטער-פאַרבאַנד [2]. עס זיינען געווען צו איין דעלעגאט פון: קרעסלאווע, ווילקאָווישק, נעוועל, וויטעבסק, אָרשע, מינסק, צוויי מיטגלידער פון אָרגאניזאציאָנס-קאָמיסיע (מיט באשטימונגס-רעכט נאָר איינער) און צוויי פאָרשטייער פונם צ.ק. פון בונד. די טאגעס-אָרדענונג איז געווען פאָלגנדע: 1) באריכטן, 2) דער קאַמף קעגן לאָקאוט, 3) דער בערשטער-פאַרבאַנד.

...וועגן קאַמף קעגן לאָקאוט איז איינשטימיק אָנגענומען געוואָרן די פאָלגנדע רעזאָלוציע: אנערקענענדיק, 1) אז ניט די באדינגונגען פון דער פּראָדוקציע, ניט די איצטיקע לאגע פון מארק און ניט די קאָנקורענץ-באדינגונגען האָבן ניט געקאָנט באשאַפן פאַר די סאָכרים א דרינגענדע נויט צו פאָדערן פון די ארבעטער א 10-שאָיקן ארבעטס-טאָג, און אז דעם איצטיקן לאָקאוט האָבן די סאָכרים דערקלערט, נאָר ווייל זיי ווילן אויסנוצן די שוואכקייט פון דער ארבעטער-אָרגאניזאציע און ווילן פון זיי נעמען נעקאָמע פאַר זייערע פריערדיקע ניצכוינעס, 2) אז דער 8-שאָיקער ארבעטס-טאָג, וועלכן די בערשטער האָבן זיך דערשלאָגן אין שווערן קאַמף נאָך מיט פיל יאָר צוריק, איז אזא פּאָזיציע, וועלכע די ארבעטער דאַרפן פאַרטיידיקן מיט די לעצטע קויכעס, ווייל אויב די פאַבריקאַנטן וועט זיך איינגעבן צו פאַרלענגערן דעם ארבעטס-טאָג, וועט עס ביסלעכווייז איינגאַנצן פאַרניכטן די רעזולטאַטן פון לאַנגיאָריקן קאַמף און קאָן אומקערן די בערשטער צוריק צו די אומעגלעכע עקאָנאָמישע און גייסטיקע באדינגונגען, אין וועלכע זיי האָבן געלעבט פריער, איידער דער עקאָנאָמישער קאַמף האָט זיך אנגעהויבן,—געפינט די קאָנפערענץ, אז אלע בערשטער טאָרן זיך אין קיין פאַל ניט אונטערגעבן דער פאָדערונג פון די באַלעבאטים און זאָלן מיט דער גרעסטער פעסטקייט און ענערגיע פאַרטיידיקן דעם 8-שאָיקן אַרבעטס-טאָג. אזוי ווי די אינטערעסן פון אַלע בערשטער זיינען ענג פאַרבונדן, און אויב זיי וועלן זיך אונטערגעבן די באלעבאטים אין איין אָרט אַפילע, וועט דאָס ווירקן שעדלעך אף דעם אויסגאַנג פונם אַלגעמיינעם קאַמף פון אלע בערשטער,—געפינט די קאָנפערענץ פאַר נויטיק צו באַשליסן, אז די אָרטיקע בערשטער-אָרגאניזאציעס זאָלן אין די פאַרהאנדלונגען מיט די באַלעבאטים ניט מאַכן קיין ערנסטע טריט אָן דעם הסכעם פון דער צענטראלער בערשטער-קאָמיסיע, וועלכע פאַרטיידיקט די אינטערעסן פון אלע בערשטער.

די קאָנפערענץ באַפולמעכטיקט די צענטראלע בערשטער-קאָמיסיע דורכ־צופירן די נויטיקע אָרגאניזאַציאָנס-ארבעט אַף צו שאַפן א באָדן צו פאַר־שטאַרקן דעם בערשטער-בונד.

נאָך דער קאָנפערענץ איז דער ווידערשטאַנד פון די ארבעטער געוואָרן נאָך פעסטער, נאָך אויסגעהאַלטענער און פלאַנמעסיקער. מיט דער הילף פון צ. ק. פון בונד האָט מען זיך געווענדעט צו פיל אָרגאניזאַציעס אין רוסלאַנד און אין אויסלאַנד נאָך שטיצע. און די כאַוויירים-אַרבעטער האָבן זיך אָפּגע־רופן. שטיצע האָט זיך באַקומען פון אידן און קריסטן, פון רוסלאַנד און אויסלאַנד אין א באַדייטנדער מאָס. די ס. ד. פראַקציע אין דומע האָט אויך געשיקט 50 רובל און דערמיט אויסגעדריקט איר מיטגעפיל די לאָקאוטירטע. די ארבעטער האָבן זיך געהאלטן פעסט, און די פאַבריקאַנטן האָבן זיך אָנגע־הויבן וואַקלען. זייער אַכדעס האָט זיך אָנגעהויבן רייסן. אפריער האָט נאָכגע־געבן איין פאַבריקאַנט, נאכהער דער צווייטער, און אין האַלב יוני *) האָט זיך דער לאָקאַוט אומעטום געענדיקט מיט אַ ניצאָכן פון די ארבעטער. אומעטום ארבעט מען ווי פריער 8 שאָ.

4. דער שטרייק פון 1500 זאָקנמאכער אין ווילנע.

(אויפרוף פונם שטרייק-קאמיטעט. „פון פאַרטיי-לעבן". מאַרט, 1908, נומ. 1)

צו אלע כאַוויירים!

דעם 18 פעברואר ד. י. איז אין ווילנע און ראַיאָן דערקלערט געוואָרן אַן אלגעמיינער שטרייק פון די זאָקן-ארבעטער. ס'שטרייקן 1500 ארבעטער, פון זיי פיל מיט פאַמיליעס. דער קאַמף פירט זיך פאַר דער עקזיסטענץ פון פאַך. פאַר די לעצטע 2—3 יאָר איז דער לוין—אזוי אויך א מינימאלער, א „הונגעריקער"—געפאַלן אַף 20—30 פראָצ. בא א דריטל ארבעטער איז דער וואָכנטלעכער פאַרדינסט אין דורכשניט פון 1 ביז $1^1/_2$ רובל, בא א העלפט—פון 2 ביז $2^1/_2$. פירן א זעלבשטענדיק לעבן מיט אזא פאַרדינסט בא דעם איצטיקן אלץ וואקסנדן יאקרעס איז אומעגלעך. די ארבעטער פאָדערן איצט איינשטעלן די אַלטע פרייזן. די צייט איז איצט פון סעזאָן. די לאַגערן בא די קאָמיסיאָנערן זיינען ליידיקע. די פרייזן אין די איבעריקע צענטרען פון דער זאָקן-ארבעט זיינען העכערע, איידער אין ווילנע. ס'זיינען פאַראַן אויס־זיכטן דעם שטרייק צו געווינען. ס'פעלן אָבער געלט-מיטלען.

כאַוויירים! שוין א כוידעש שטייען די זאָקן-ארבעטער פעסט אין זייער שטרייק. אלע ווי איינער האָבן פעסט באַשלאָסן דעם שטרייק פאָרטזעצן. „פאַלן אין גאַס, איידער גיין אַף די אַלטע מעקאָכים",—דאָס איז די אנטשלאָ־סענע שטימע פון אלע שטרייקנדע. מיר רופן אייך אויף, כאַוויירים, צו

*) 1909.

שטיצן די שטרייקנדע זאָקנמאַכער מיט געלט-מיטלען.
די שטיצע מוז זיין זאָפאָרט, אַנדערש וועט שפּעט זיין.

דער ווילנער שטרייק-קאָמיטעט
פון די זאָקנמאַכער.

5. דער בעקער-שטרייק אין ווארשע.

(„פון דער טעטיקייט פון דער ווארשעווער בונדישער ארגאניזאציע". „אָטקליקי בונדא",
פעוורואל, 1911, נומ. 5).

דער שטרייק פון די בעקער איז אינגאַנצן דורכגעפירט געוואָרן פון אונז. דער שטרייק האָט געדויערט 6 וואָכן. ביכלאַל איז פירן דעם שטרייק געווען גאַנץ שווער. דער בעקער-פאַך געהערט ווייט ניט צו אונזערע בעסערע פאַכן. ניט קוקנדיק אַף דער איינמוטיקייט, מיט וועלכער דער שטרייק איז דערקלערט געוואָרן, ניט קוקנדיק אַף דער אַלגעמיינער צופרידנקייט דערמיט, וואָס ער איז דערקלערט געוואָרן, האָבן די בעקער שוין נאָך די ערשטע טעג גענומען פאָדערן פון דער שטרייק-קאָמיסיע שטיצע.

ס'זיינען געווען עקסצעסן (האגאם זייער ווייניק) מיט א טעראָריסטישן כאַראקטער, נאָר קעגן זיי האָט מען טייקעף אָנגענומען די אַנטשיידנסטע מיטלען, אזוי אז קיינער אבסאָלוט האָט אונז ניט באַשולדיקט אין דידאָזיקע עקסצעסן, ס'זיינען געווען א היפּשע ביסל פאַלן פון שטרייקברעכעריי. נאָך א 6-וואָכעדיקן ווידערשטאַנד איז דער שטרייק אינגאַנצן געוואונען געוואָרן.

דאָס כאראקטעריסטישע אין דעמדאָזיקן שטרייק איז דאָס, וואָס קעגן די ארבעטער איז געשטאַנען א גוט אָרגאניזירטער פאַריין פון באַלעבאַטים. דערדאָזיקער אומשטאַנד האָט געמאַכט דעם קאַמף... פאַר זייער א הארטנעקיקן. נאָר אין א געוויסן זין האָט דאָס אויך פאַרגרינגערט די ארבעט און האָט דערלויבט דורכצופירן פאַר אלע ווארשטאטן איינהייטלעכע באדינגונגען.

זייער א וויכטיקע באדייטונג האָט דאָס, וואָס די באלעבאטים זיינען געווען געצוואונגען צו סאַנקציאָנירן א מין אויסגלייכונגס-קאמער, וואָס באַשטייט פון א גלייכער צאָל באלעבאטים און ארבעטער און וועלכע איז די איינציקע, וואָס איז קאָמפּעטענט צו דערלייזן די סיכסוכים.

אזוי ארום איז אנערקענט געוואָרן דער פּראָפעסיאָנעלער פאַריין פון די אַרבעטער, וועלכער האָט דעמאָלט נאָך ניט עקזיסטירט.

באלד אָבער נאָכן ענדיקן דעם שטרייק זיינען מיר צוגעטראָטן צו אָרגאניזירן אן אומלעגאלן פּראָפעסיאָנעלן בעקער-פאַריין. די שטימונג נאָך דעם געוואונענעם שטרייק איז געווען בא די אַרבעטער זייער אַ מונטערע, און דער געדאַנק פון אָרגאַניזירן אַ פאריין האָט געפונען צווישן זיי אַ לעבעדיקן אָפּקלאנג. ס'איז געווען דורכגעפירט אַ גאַנצע ריי מאַסן-פאַרזאַמלונגען, אף וועלכע עס זיינען איבערגעווען צו 150 און 200 מענטשן (אייניקע פאַרזאַמלונגען זיינען פאָרגעקומען, אזוי ווי אין די אלטע צייטן, אונטערן פרייען הימל), ס'זיי-

נען געווען אויסגעקליבן דעלעגאַטן פון די וואַרשטאַטן, צוזאַמענגעשטעלט דעלעגאַטן-פאַרזאַמלונגען לויט די ראַיאָנען, ס'איז געווען אויסגעקליבן אַ ביוראָ פון 11 מענטשן און צו זיי נאָך 11 קאַנדידאַטן. אין אָנפאַנג סעפּטעמבער*) האָט דער פאַריין געציילט שוין אַרום 250 מיטגלידער; די מיטגלידער-אָפּצאָלונגען פלעגן אָנקומען רעגולער, די דעלעגאַטן-פאַרזאַמלונגען האָבן פונקציאָנירט רעגלמעסיק.

די באַציאונגען צווישן בעקער-פאַריין און דער אָרטיקער אָרגאַניזאַציע פון בונד, הארמאָנישע גאָר אין אָנהויב פון דער עקזיסטענץ פונם פאַריין, האָבן זיך שפּעטער עפּעס אביסל אַ וואַקל געטאָן. די בעקערס האָבן סאַי אף די זיצונגען פונם ביוראָ, סאַי אף די גרעסערע מיטגלידער-פאַרזאַמלונגען אויסגעדריקט דעם קאַטעגאָרישן ווונטש צו באַשטראָפן אַלע שטרייקברעכער, אומאָפּהענגיק דערפון, וויפל צייט ס'האָט געאַרבעט דער שטרייקברעכער: צי נאָר איין טאָג, אָדער די גאַנצע זעקס וואָכן. די פראַגע איז איבערגעגאַנגען אין וואַרשעווער קאָמיטעט פון בונד („וו. ק.״), וועלכער האָט זיך אַרויסגעזאָגט קעגן אַנווענדן די באַשטראָפונג (די לעצטע האָט געדאַרפט באַשטיין אין דעם, אַז מע זאָל די שטרייקברעכער אַראָפּנעמען פון דער אַרבעט און פאַרבייטן זיי מיט אַרבעטסלאָזע. דעם טערמין פון דער געצוואונגענער רו האָט מען גערעכנט איינשטעלן פּראָפּאָרציאָנעל דער דויערדיקייט פון דער אַרבעט בעת'ן שטרייק, אין אַלגעמיין פון 3 טעג ביז אַ כוידעש). דער „וו. ק.״ האָט גערעכנט, אַז אַזאַ שטראָף קאָן ניט זיין קיין ערפאָלגרייכער קאַמפּסמיטל מיט שטרייקברעכעריי; אויב אין פאַך זיינען פאַראַן אַסאַך שטרייקברעכער, דאַרף מען פאַרשטאַרקן די פּראָפּאַגאַנדע און אַגיטאַציע... און ניט אָנווענדן צו ווייניק באַוואוסטזיניקע אַרבעטער קרימינעלע שטראָף. דערצו נאָך איז דער קאָמיטעט אַרויס אויך פון טאַקטישע טאַימים. די אַרבעטער האָבן נאָך ניט געהאַט גענוג צייט אָפּצורוען נאָכן שטרייק. דער פאַריין איז נאָך שוואַך. און אין דערזעלביקער צייט איז גאַנץ מעגלעך, אַז די באַלעבאַטים זאָלן זיך איינשטעלן פאַר די שטרייקברעכער און דעמאָלט קען אויפלאַקערן אַ נייער שטרייק, וועלכער וואָלט זיך אומפאַרמיידלעך געענדיקט מיט פאַרלירן די דערקעמפּטע האנאָכעס.

ס'האָט זיך אָבער געמאַכט אזוי, אַז דער פאָרשטייער פונם „וו. ק.״, וועלכער האָט געדאַרפט איבערגעבן דער ביוראָ פון פאַריין די מיינונג פונם „וו. ק״., האָט אַף דער זיצונג פונם ביוראָ ניט געקאָנט גיין. די ביוראָ האָט באַשלאָסן צו נעמען זיך פאַר דער זאַך און אף מאָרגן האָט זי באַזייטיקט פון דער אַרבעט די ערשטע פּאַרטיע שטרייקברעכער. דער „וו. ק״. האָט צונויפגערופן אַן עקסטרע זיצונג פונם ביוראָ און עטלעכע אַלגעמיינע פאַרזאַמלונגען פון די מיטגלידער פונם פאַריין. די פאַרזאַמלונגען זיינען דורכגעגאַנגען זייער שטורמיש, נאָר קיין שום רעזולטאַט איז ניט דערגרייכט געוואָרן: די אַרבעטער זיינען אַקשאָנעסדיק געשטאַנען אף זייערס.

---

*) 1910

אין דערזעלביקער צייט האָט די פאַרוואַלטונג פונם באַלעבאַטים-פאַריין פאַרעפנטלעכט אין איינער פון די אָרטיקע צייטונגען, אַז מיט זייער אייגנ-מעכטיקן באַשטראָפן די שטרייקברעכער האָבן די אַרבעטער געבראָכן דעם אָפּמאַך, לויט וועלכן קיין איין אַרבעטער קאָן ניט באַזייטיקט ווערן פון דער אַרבעט אָן דעם העסקעם פון דער אויסגלייכונגס-קאָמיסיע.

מע האָט גאָרניט געקאָנט מאַכן, ס׳איז אויסגעקומען צו גיין מיטן שטראָם. אלס ענטפער אף דער ארויסטרעטונג פון די באלעבאטים, איז אָפּ-געדרוקט געוואָרן אַ מעלדונג, אין וועלכער ס׳איז דערוויזן געוואָרן, אַז וועגן ברעכן דעם אָפּמאַך קאָן קיין רייד ניט זיין, ווייל דער אָפּמאַך האָט צו די שטרייקברעכער קיין שום שאַיכעס ניט געהאַט, אַז די ביוראָ באַזייטיקט, אגעוו, די שטרייקברעכער ניט אף שטענדיק, נאָר בלויז אף אַ געוויסע צייט, דער-ביי שטעלט זי אף זייער אָרט גוטע, קוואַליפיצירטע שטעלפארטרעטער; אַז די אַרבעטער קאָנען ניט ניט באַשטראָפן די פון זייערע אומבאוואוסטזיניקע כאוויי-רים, וועלכע האָבן באַזונדער געשטערט זייער קאַמף.

די פאַרוואַלטונג פון די באַלעבאַטים האָט איינגעלאַדן דעלעגאַטן פון די אַרבעטער אף אונטערהאַנדלונגען, וועלכע האָבן זיך אָבער מיט גאָרנישט גע-ענדיקט, ווייל דער סעקרעטאַר פון דער באַלעבאַטים-פאַרוואַלטונג האָט מיט זיין טאַקטלאָזער אויפֿירונג געצוואונגען די אַרבעטער צו פאַרלאָזן די זיצונג.

אלס ענטפער אף דעם נייעם בריוו פונם באלעבאטים-סעקרעטאַר, איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין די צייטונגען אַ בריוו מיט אונטערשריפטן פון 17 שטרייקברעכער, וועלכע האָבן פּראָטעסטירט קעגן דעם ניט געבעטענעם פאַר-טיידיקן זיי מיצאַד די באַלעבאַטים, אויסגעדריקט זייער באַדויערן פאַר זייער ניט-כאַווערשער האַלטונג בעת׳ן שטרייק און די פולשטענדיקע גרייטקייט אונטערצואווארפן זיך דעם באַשלוס פון זייערע כאַווייריִם.

די ביוראָ האָט ווייטער אָן שטערונגען אראָפּגענומען די שטרייק-ברעכער...

6. די עקאָנאָמישע אָרגאַניזאַציעס און זייער ארבעט.

(קארעספאָנדענציעס. „די שטימע פון בונד", נומ. 2, 1909).

ל אָ ד ז.

...קימאט אלע פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען האָבן זיך פאַרמאַכט (מע דאַרף געדיינקען, אז בא אונז האָט די אדמיניסטראציע גאַנץ וועניק פאַריינען פאַר-מאַכט).

...די לאגע האָט זיך אלץ מער פארערגערט. מע האָט דעמאָלט געפּרואווט אננעמען פאַרשיידענע מיטלען אום צו דערהאלטן באַם לעבן די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען, אָבער אלץ איז געווען אומזיסט. אין יענער צייט איז פאָרגעקומען אַ לאָקאוט בא די אקריצע (מאנטל)-שניידער, וועלכער האָט געדויערט עטלעכע

וואָכן און זיך געענדיקט, אַדאנק דער ענערגישער אַרבעט פונם שניידערשן פאריין, מיט דעם זיג פון די ארבעטער, אָבער אויך דאָס האָט ניט געהאָלפן, און דער פאַריין האָט זיך פארמאכט.

אזא אויסזעען האָט באקומען לאָדז.

...מיט אַ געוויסער צייט צוריק האָט די אָרגאַניזאַציע*) געגרינדעט אַ פּראָפעסיאָנעלע קאָמיסיע בא די וועבער, וועלכע האָט אָנגעהויבן ארבעטן געוויסערמאסן מיט ערפאָלג. די לעצטע צייט מערקט זיך דאָ אַ אויפלעבונג אף דעם עקאָנאָמישן געביט. די פּראָדוקציע האָט זיך אַ הויב געטאָן, און די ארבעטער האָבן אָנגעהויבן שטרייקן, ביז אהער הויפטזעכלעך אין וועבער-פאך. ס'איז באמערקנסווערט, דאָס די שטרייקן זיינען געווען מערסטנטיילס ניט אָרגאַניזירטע,—זיי פלעגן ארויסגערופן ווערן דורך די ארבעטער אליין, און אַ וועלכער ס'איז צוגרייטונג, און פונדעסטוועגן זיינען די אַרבעטער געווען פעסט בא זיך. אזוי, צום ביישפּיל, האָבן די פלוש-ארבעטער געשטרייקט עטלעכע וואָכן נאָכאנאנד, ניט האָבנדיק קיין מאטעריעלע שטיצע. די קליינע שטיצע, וועלכע איז געווען (מיר האָבן ארויסגעלאָזן זאמל-ליסטן), האָט ניט געקאָנט אונטערהאלטן אלע ארבעטער. מיר האָבן ניט געקאָנט אָננעמען די אָנפירונג פון שטרייק, ווייל ער איז ארויסגערופן און געפירט געוואָרן געמיינזאם דורך די אַרבעטער און דעם לוינוועבער-פאַריין**). אָבער פונדעסטוועגן איז אונזער פּראָפעסיאָנעלע קאָמיסיע ניט געבליבן שטיין פון דער ווייטנס, זי האָט זיך אריינגעמישט, וואו עס איז נאָר געווען נויטיק און, אַדאַנק איר אריינמישונג, האָבן די ארבעטער אויך באקומען אייניקע האנאָכעס.

אויך אין די איבעריקע בראנזשן פון וועבער-פאך זיינען פאָרגעקומען פיל שטרייקן, איבערהויפט אין טיכער-און קאָרט-בראנזשן האָבן געשטרייקט פיל אַרבעטער (עס איז שווער געניי צו באשטימען די צאָל). דאָס בילד איז אומעטום דאָסזעלבע: קיין ארגאניזירונג, קיין פריערדיקער צוזאמענריידן זיך. די פאָדערונגען זיינען איבעראַל געווען העכערן דעם לוין פון 20 ביז 25 און ביז 30 פּראָצ. איבעראל איז מען אויך געגאנגען אף קאָמפּראָמיסן, און די ארבעטער האָבן באקומען 10—12 און 18 פּראָצ.

מע דארף באמערקן, אז אויסער דער פלוש-בראנזשע, וואו דער שטרייק איז ארויסגערופן געוואָרן דורך די לוינוועבער, האָט זיך אין די אנדערע בראנזשן דער שטרייק מייסטנטיילס געפירט דורך די ארבעטער אליין. אין צוזאמענהאנג מיט דער אויפלעבונג צווישן די ארבעטער אף דעם עקאָנאָמישן געביט, איז ארויסגעשוואומען די פראגע וועגן עפענען צוריק די פּראָפעסיאָנעלע פאריינען. אף דעם געביט זיינען בא די שניידער און וועבער פאָרגעקומען עטלעכע פארזאמלונגען, אף וועלכע מע האָט אויסגעקליבן אַ צייטווייליקע פארוואלטונג. אין גיכן וועלן די פאריינען אפן זיין.

---

*) פון בונד.

**) פאריין פון די פארמיטלער.

אויך די זאקנמאכער האָבן זיך אָנגעפאנגען צו רירן. די טעג האָבן מיר דאָרט אָרגאניזירט א בּאראטונג פון 16—18 מאַן, אף וועלכער מע האָט אויסגעקליבן אַ „סכאָדקע" פון 4 מאן. מיט איין וואָרט, די אויפלעבונג ארום אונז מערקט זיך מער און מער.

דווינסק.

...פון אלע פּראָפעסיאָנעלע פּאריינען, וואָס האָבן דאָ אמאָל עקזיסטירט (פון זיי 11 לעגאלע), פונקציאָנירט איצט נאָר איינער, דער פריקאזטשיקעס-פּאריין; די איבעריקע זיינען אלע צופאלן, און די לאגע פון די ארבעטער ווערט אלץ ערגער. די באלעבאטים נוצן אויס זייער שוואכקייט צו פארערגערן די אַרבעטס-באדינגונגען; די אַרבעטער גיבן זעלטן ווען אַ ווידערשטאנד צו שטרייקן ווערט אלץ שווערער. ניט זעלטן גיבן די באלעבאטים ארויס דער פּאָליציי די שטרייקנדע, ווי אויך די, וואָס פירן די אונטערהאנדלונגען.

...אף דער ערשטער זיצונג פון קאָלעקטיוו איז באשטימט געוואָרן אויפצושטעלן אייניקע פּראָפעסיאָנעלע פאריינען (דערוויייל, פארשטייט זיך, אומלעגאלע), ארײַנשיקן אהין פּאָרשטייער פון דער פּאָליטישער אָרגאניזאציע און פּאָרלייגן יעדן פאריין באזונדער ארויסצולאָזן צו די ארבעטער פון זייער פאך אַ בלעטל, אין וועלכן מע זאָל זיי רופן צו ארגאניזירן זיך ארום זייער פאריין. אויסער דעם, איז אויסגעקליבן געוואָרן אַ סעקרעטאריאט פון 3 כאווײרים אף צו באראטן זיך וועגן פארשיידענע עקסטרע פראגן און אָנצונעמען באשטימונגען, וועלכע דער קאָלעקטיוו מוז נאכהער באשטעטיקן.

ביז איצט זיינען מיט אונזער מיטווירקונג אויפגעשטעלט געוואָרן און ס'פונקציאָנירן גאנץ גוט: 1) אַ פּאַריין בּאַ די אַרבעטער פון דער שוועבלפּאַבריק, 275 מיטגלידער, ארויסגעלאָזן אַ העקטאָגראַפירט בלעטל אין 75 עקז.; 2) אַ שטרייק-קאָמיסיע בּאַ די סטאָליארעס, ארויסגעלאָזן אַ העקטאגראפירט בלעטל, 75 עקז.; 3) דער לעדער-פּאַריין. צוזאָמען מיט דעם פּריקאזטשיקעס-פּאַריין ווערן אָנגעפירט דורך אונז פיר פּאַריינען. אין שוועבל-פּאַריין זיינען אריינגעטראָטן קימאַט אלע אידישע אַרבעטער פון פּאַבּריק (275 פון 300). דאָ האָט מיטגעהאָלפן דאָס, וואָס די ארגאניזאציע האָט צוגעזאָגט צו שטיצן דעם פּאַריין און אָנפירן מיט אים.

...איצט שטייט בּאַ אונז אף דער טאגעס-אָרדענונג אַ גאַנץ וויכטיקע פראַגע: אויסער דעם פריקאזטשיקעס-פּאַריין, וועלכער געפינט זיך אונטער אונזער אָנפירונג, איז דאָ פאראן נאָך אַ פריקאזטשיקעס-פּאַריין, אַ אינטערפּארטייאישער (אייגנטלעך אַ ציאָניסטיש-סיימאָוסקער). דער פּאַריין האָט זיך געווענדעט צו אונזערן מיט אַ פּאָרשלאָג צו פּאַרייניקן ביידע פּאַריינען. פּאַר אונז איז קלאָר, אז אין פּראָפעסיאנעלן הינזיכט וואָלטן די פריקאזטשיקעס פון אַזאַ פּאַרייניקונג פיל געוואונען, אין הינזיכט אָבער פון פּאַרטיי-אינטערעסן לוינט דאָס פּאַר אונז ניט, ווייל דער פּאַריין וואָלט דאן אינגאנצן פּאַרלאָרן געגאנגען פאר אונז.

ווילנע.

...פון אַלע לעגאַלע פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען, וואָס זיינען געווען אין ווילנע, זיינען געבליבן נאָר דער דרוקער-און דער מעטאַל-פאַריין, דער לעצטער ווייזט ניט אַרויס קיין שום סימאָנים פון לעבן, דער דרוקער-פאַריין פאַרנעמט זיך מיט קליינלעכער עקאָנאָמישער ארבעט. דורכפירן וועלכע ס'איז קולטורעלע ארבעט, האָט ער קיין פּראָבע ניט געמאַכט. דער שניידער-פאַריין, וועלכער האָט זיך אין פרילינג 1906 אליין פאַרמאַכט, האָט זיך אין פרילינג 1909 געווען געעפנט, נאָר צוליב מאַנגל אין טוער און צוליב דער גלייכגילטיקייט פון די ארבעטער האָט ער זיך באַלד ווידער פאַרמאַכט.

אומלעגאַלע עקאָנאָמישע קאָמיסיעס עקזיסטירן באַ די סטאָליארעס און שוסטער. אומלעגאַלע פאַריינען—באַ בעקער און פאַבריקמאַכער. נאָר זיי זיינען געגרינדעט און פירן זיך מיט דער הילף פון איינצלנע מענטשן, בונדיסטן, ניט דורך דער אָרגאַניזאַציע.

האָמעל.

אויסער דעם פאַריין פון די גילזן-ארבעטערקעס, האָבן מיר דאָ א פאַריין פון שניידער (40 מאַן). די פאַרוואַלטונג האָט דורכגעפירט אין פאַך אייניקע קליינע שטרייקן, וועלכע האָבן זיך געענדיקט מיט א ניצאָכן פון די ארבעטער. איין שטרייק דויערט נאָך ביז איצט. די מאַיסע דערפון איז אזוי: די באַלעבאַטים האָבן געקלערט מעלדן א לאקאוט, נאָר נאָך דעם, ווי דער פאַריין פון די ארבעטער האָט זיך געגרינדעט, האָבן זיי זיך דערווייל אָפּגעהאַלטן און אלס פּראָבע-שטיין האָבן זיי געשטעלט א שטרייק ביים שניידער ה. שייקין. אלע באַלעבאַטים גיבן אים הילף און זיי האָפן, אַז בעאייס די ארבעטער וועלן באַ אים פאַרשפּילן, וועט מען קאָנען דרייסט מעלדן א לאקאוט. די ארבעטער האַלטן זיך אבער פעסט, מע האָט שוין אַראָפּגענומען באַ שייקינען עטלעכע פערסאָנאַלן און צושיקט די געבראַכטע ארבעטער אהיים. שייקין מיט די איבעריקע באַלעבאַטים האָבן געשראָקן, אז זיי וועלן מאַסערן אין פּאָליציי די טוער פון דער אָרגאַניזאַציע. ביכלאַל האָבן זיי נאָענטע באַציאונגען מיט דער פּאָליציי. און אויב דערווייל זיינען ניט פאָרגעקומען קיין ארעסטן, האָבן מיר עס צו פאַרדאַנקען דער גוטער האַלטונג פון די ארבעטער, וועלכע לאָזן זיך ניט פּראָוואָצירן און פאַרהאַלטן זיך רואיק. ביז איצטער האָט מען קיין שום גוואַלט-מיטלען קעגן די באַלעבאַטים ניט אָנגעווענדעט. און די פּאָליציי האָט זיך ניט צו וואָס צו בינדן.

7. א רוף צו פארשטארקן די עקאָנאָמישע ארגאַניזאַציעס.

(„א דרינגענדע אויפגאַבע". „די שטימע פון בונד", נומ. 2, 1909).

... ענדלעך האָט די זון א שיין געטאָן אין אונזער פענסטער. אין דעם עקאָנאָמישן קאַמף באַמערקט זיך אַן אויפלעבונג, און נאָך א לאַנגן צעטל

*) 1909.

דורכפֿאַלן קאָנען מיר ענדלעך פֿאַרצייכענען א ריי מער אָדער ווייניקער באַ-דייטנדע עקאָנאָמישע ניצחונעס; מיט א ניצאָכן פֿאַר די ארבעטער האָבן זיך געענדיקט: די שטרייקן פֿון די מעכאַנישע שוסטער אין מינסק, דער לאָקאוט פֿון בערשטער-פֿאַך אין צאָפן-מאירעוו-ראַיאָן, דער שטרייק פֿון די בערשטער אין מעזשעריטש, דער לאקאוט פֿון די מעכאַנישע שוסטער אין ווילנע און אנ-דערע. דער מערקווירדיקסטער און וויכטיקסטער פֿון די אלע פֿאַקטן איז דער געוואונענער בערשטער-לאקאוט אין צאָפן-מאירעוו-ראַיאָן.

...אין איצטיקן שווערן און פֿינסטערן מאָמענט האָט דערדאָזיקער ני-צאָכן א גרויסע באַדייטונג ניט בלויז פֿאַר די בערשטער אליין, נאָר פֿאַר דער גאַנצער אידישער אַרבעטער-מאַסע. ער פֿליסט איין מוט אין די הערצער, וואָס זיינען פֿארקישעפֿט פֿון יאוש, צינדט אָן פֿונקן האָפֿענונג באַ די, וואָס האָבן יעדע האָפֿענונג פֿאַרלאָרן, און אין יעדן ווינקל, וואו אידישע אר-בעטער שמאַכטן מוטלאָז, אומאָפּהענדיק, קלינגט זיס, ווי מוזיק, די בסורע: „די בערשטער האָבן געוואונען! ס'איז נאָך מעגלעך א קאַמף! מעגלעך א זיג!"

...בעכיין: וואו עס זיינען נאָך דאָ רעשטלעך פֿון דער געוועזענער אָרגאַניזאַציע, מוז מען זיי היטן, ניט לאָזן פֿאַרשווינדן. אין א נויט קאָנען זיי צוניץ קומען. פֿאַרשווינדן זיי אינגאַנצן, פֿאַרשווינדט דער לעצטער שנור, וועל-כער האָט די אַרבעטער פֿאַרבונדן, און זיי בלייבן שטיין מאַכטלאָז קעגן זיי-ערע אָרגאַניזירטע קעגנער.

נאָר באַ רעשטלעך אַליין טאָר מען ניט בלייבן.

...עמעס, די אויסערלעכע באַדינגונגען זיינען איצט שווערע. די לעגאַלע פֿאַריינען, וואָס זיינען נאָך געבליבן, געפֿינען זיך אונטערן שטענדיקן דרוק פֿון רעפּרעסיעס, וועלכע לאזן זיי ניט אנטוויקלען קיין ברייטע טעטיקייט און מאכן זייער אָפּט זייער עקזיסטענץ פֿאַר אומעגלעך. אבער שטרעבנדיק איינצוהאלטן די לעגאַלע פֿאַריינען, וואו זיי זיינען נאָך פֿאַראַן, און עפֿענען נייע, וואו דאָס איז מעגלעך, טאָרן מיר זיך ניט אָפּזאָגן פֿון אָרגאַניזאַציע, וואו מע פֿאַר-מאַכט די לעגאַלע פֿאַריינען, אָדער וואו ס'איז לעכאטכילע אומעגלעך אזעלכע צו עפֿענען. ווארום אויב מיר וועלן אַזוי טאָן, וועט אונז איצט אויסקומען אין זייער אַ סאַך שטעט, אין זייער א סאַך פֿאַכן צו בלייבן גאָר אָן אָרגאַניזאַ-ציעס; דאָס הייסט בלייבן אינגאַנצן אנמעכטיק אין דעם עקאָנאָמישן קאַמף, וועל-כער וויקלט זיך אלץ מער פֿאַנאַנדער. וואָס מע קאָן ניט טאָן אין דער לעגאַ-לער אָרגאַניזאַציע, מוז געטאָן ווערן אומלעגאַל. וואו לעגאלע אָרגאניזאציעס זיינען אומעגלעך, מוז מען גרינדן אומלעגנאלע. עמעס, די אומלעגאַלע אָרגאניזאציעס וועלן די ערשטע צייט זיין קליין, זיי וועלן ניט ארומכאַפּן די ברייטע מאַסן. זיי וועלן אבער אויסוואקסן אין קאַמף, אויסוואקסן אינם פּראָצעס פֿון זייער אַרבעט. און נאָך איינס: דערשלאָגן זיך דאָס רעכט זיך פֿריי צו ארגאַניזירן וועט געוויס זיין פֿיל לייכטער, ווען מיר וועלן פֿאַקטיש זיין אָרגאַניזירט, ווען דאָס געזעץ קעגן פֿאַריינען וועט בלייבן אפֿן פּאַפּיר. דאָס געזעץ וועט

שפּעטער מוזן באַשטעטיקן דאָס, וואָס מיר וועלן פריער איינפירן ברייט אין לעבן. די געשיכטע האָט דאָס שוין ניט איין מאָל געוויזן.

...אויב דער ווידערשטאַנד פון די בערשטער איז געווען א פעסט אָרגאַניזירטער, אַן אויסגעהאַלטענער, אויב אונזערע ברידער אַרבעטער, אידן און קריסטן, פון רוסלאַנד און אויסלאַנד, האָבן זיך אָפּגערופן און הילף געשיקט, האָבן דאָס די בערשטער אין א באדייטנדער מאָס צו פאַרדאַנקען דעם „בונד", וועלכער האָט זיי צוגעגעבן מוט, געהאָלפן מיט ראַט און טאַט, בעגעבן צו ויסן פון זייער קאַמף און צוגעצויגן צו זיי די סימפּאַטיען פון דער ארבעטער-וועלט.

דאָס דאַרפן געדענקען די בערשטער. דאָס דאַרפן געדענקען אלע אנדערע אידישע אַרבעטער.

געבוירן אַפן שוים פון עקאָנאָמישן קאַמף, האָט דער „בונד" פון זיין זייט קיינמאָל ניט אויפגעהערט דעם עקאָנאָמישן קאַמף צו שיצן און שטיצן. אינם לאַנגן שווערן קאַמף, וואָס די אידישע ארבעטער-מאַסן אין רוסלאַנד פירן פאַר א בעסער לעבן, זיינען זיי איבערהויפּט אונטער דער פאָן פון „בונד" געגאַנגען. ער האָט זיי געהאָלפן זיך ארגאניזירן, ער איז זייער אידיישער אָנפירער געווען. די פאָן פון „בונד" איז אַן אויסגעפּרואווטע. ניט איין ניצאָכן האָט דער אידישער פראָלעטאַריאַט אונטער איר אָפּגעהאַלטן. זאָלן די נייע עקאָנאָמישע אָרגאניזאציעס זיך גרינדן און ארבעטן אין פעסטער אייניקייט מיט די אָרגאַניזאַציעס פונם „בונד". איצט, באַ זייערע ערשטע ניט פעסטע טריט, איז זיי איבערהויפּט נויטיק שטיצע פון א געניטער, אָנפירנדער האנט. דער „בונד" וועט צוגעבן דער גאַנצער אידישער ארבעטער-מאַסע די קרעפטן פון יעדן פאַך, און יעדן פאַך—די פאַראייניקטע קרעפטן פון דער גאַנצער אידישער ארבעטער-מאַסע. ער וועט פאַרבינדן די איינצלנע אידישע אַרבעטער-מאַכנעס אין איין מעכטיקער סאָציאַליסטישער אַרמיי פונם אידישן פראָלעטאַריאַט.

דער עקאָנאָמישער קאַמף איז פארשטענדלעך יעדן ארבעטער; דאָס איז איצט דער שלאָג-וואָרט, אף וועלכן יעדער ארבעטער קאָן זיך אָפּרופן, און צוזאמען מיט דעם אויך איינער פון די בעסטע מיטלען אַף צוציען די מאַסן איבעראנייס אין אונזערע ארגאניזאַציעס.

זאָלן אונזערע אָרגאַניזאַציעס אַף די ערטער זיך אָפּגעבן אף צו באשאַפן אין די פאַכן עקאָנאָמישע אָרגאַניזאציעס. זאָלן זיי זיך ניט באנוגענען בלויז מיט אָנפירונג. זאָלן זיי אַריינטראָגן אהין זייער איניציאטיוו, זייער ענערגיע. דאָס איז זייער כּיוון; דאָס איז איצט זייער דרינגענדע אויפגאַבע.

אלץ ווייזט, אז עס גייט א נייע כוואליע פון עקאָנאָמישן קאַמף, אז מיר מוזן אָנווענדן אלע קרעפטן, זי זאָל אונז אויפהויבן, מיר זאָלן פון איר ארויס באַמוטיקט, ארגאַניזירט, גרייט צו פירן א ווייטערדיקן קאַמף אַף אַלע געביטן פונם געזעלשאַפטלעכן לעבן.

II. דער פּאָליטישער און געזעלשאַפטלעכער אַנטי-סעמיטיזם.

8. דער אַנטיסעמיטישער קורס פון דער צאַרישער רעגירונג.

(ש. דובנאָוו 3) ; „די אידן אין רוסלאַנד פאַר ניקאָלאַי דעם II״. פּעטראָגראַד, 1920. ז. ז. 75—84) (איבערזעצט פון רוסיש).

...די מאַכט אין רוסלאַנד האָבן באַקומען די „שוואַרצע מייעס״ — די עקסט-רעכטע מאָנאַרכיסטישע גרופּן, וואָס... האָבן זיך פאַרייניקט אין „פאַריין פון רוסישן פאָלק״ 4). דער פירער פונם פאַריין, דובראָווין, האט באַגריסט דעם צאַר מיט דער איבערקערעניש פון 3-טן יוני 5) און האָט באַקומען אַן ענטפער, אַז פון איצט אָן וועט דער „פאַריין פון רוסישן פאָלק״ זיין אַ „זיכערע שטיצע״ פונם טראָן. אין דער עמעסן האָט דער טראָן געשטיצט דעם שוואַרצן פאַריין פון די קנעכט פון דער זעלבסטהערשונג, וועלכע האָבן באַקומען פאַר זייער דינסט מיליאָנען רובל פונם צאַרישן רעפּטיליען-פאָנד 6). די גאַסן-העלדן, די פּאָגראָם-מאכערס האָבן אָנגעהויבן שאַפן די פּאָליטיק פון דער רוסישער מעלוכע...

אַלע טאָג פלעגן די צייטונגען זיין פול מיט יעדיעס וועגן אַרעסטן פון די פּאָליטיש ניט קאָשערע מענטשן און וועגן טויט-שטראָפן איבער די רעוואָלוציאָנערן. די טליע און די טורמע זיינען געוואָרן די סימוואָלן פון דער מעלוכע-מאַכט.

...די „שוואַרצע מייע״ האָט דערפילט, אַז איצט איז אויף איר גאַס יאָנטעוו. זי האָט געוואוסט, אַז די רעדלפירער פונם „פאַריין פון רוסישן פאָלק״ זיינען אין לאַנד די „צווייטע רעגירונג״. ווי מע פלעגט זיך אויסדריקן אין דער פּרעסע, וועלכע איז נאָך שטאַרקער פון דער אָפיציעלער, קלוימערשט קאָנסטיטוציאָנעלער סטאָליפּינס 7) רעגירונג.

...אין אָדעס האָבן די באַנדעס פון די „סאָיוזניקעס״ אָנגעהויבן אַלע טאָג צו שלאָגן אידן אויף די גאַסן מיט רעזינע-שטעקלעך, און באַ אַ ווידער-שטאַנד פלעגן זיי שיסן פון רעוואָלווערן... אויף אַלע אָנקלאַגעס פון דער געזעלשאַפט פלעגן די פאָרשטייער פון דער מאַכט ענטפערן: „דאָס איז דער-

פאַר, וואָס די אידן האָבן מער פון אַלעמען באַטייליקט זיך אין דער רעוואָלוציע״... לויט דער פאָדערונג פון די „סאָיוזניקעס״, האָט סטאָליפּין באַפוילן, אז אין קיעוו זאָלן אויסגעשלאָסן ווערן פון פּאָליטעכניקום 100 אידישע סטודענטן, וועלכע האָבן אויסגעהאַלטן דעם קאָנקורס-עקזאַמען, און אַז אף זייער אָרט זאָלן צוגענומען ווערן רוסישע, וואָס האָבן באקומען ווייניקער באַלן. דער דירעקטאָר און דער דעקאַן האָבן פּראָטעסטירט קעגן אַזאַ גראָבן ברעכן די אַקאדעמישע אַווטאָנאָמיע, נאָר דער פּראָטעסט האָט ניט געהאָלפן, און זיי האָבן אָנגעגעבן אין דעמיסיע.

...אין נאָיאבר 1907 האָט זיך צונויפגעקליבן די „שוואַרצע דומע״...

...איר באַציאונג צו דער אידן-פראַגע האָט די רעאַקציאָנערע דומע אַרויסגעוויזן שוין אין די ערשטע סעסיעס, באַם באהאנדלען דעם געזעץ-פּראָיעקט וועגן דער אומבאַרירלעכקייט פון פּערזאָן... דער רעכטער מערהייט האָט זיך איינגעגעבן איינצושליסן אין געזעץ-פּראָיעקט אַזאַ פּונקט: „קיינער קאָן ניט זיין באגרעניצט אינם רעכט אויסצוקלייבן א וואוינונגס-אָרט און איבערצופאָרן, אויסער די פאלן, וואָס זיינען אָנגעוויזן אין געזעץ, און אויסער די אידן, וואָס זיינען געקומען אין די ערטער אויסערן „טכום״ (1908).

אָט אַזוי האָבן זיך אויסגעקליגט די רוסלענדישע געזעצגעבער צו פאַרייניקן דעם פּרינציפּ פון אומבאַרירלעכקייט פון פּערזאָן מיט דעם אייביקן פאַרשפּאַרן מיליאָנען מענטשן אין דער גרויסער געטאָ-טורמע.

די אַכזאָריעס פון דער אידן-פיינטלעכער דומע האָט זיך אגעוו אויסגעדריקט אויך אין דערין, וואס ס׳איז אפּגעוואָרפן געוואָרן דער פאָרשלאג פון דער אָפּאזיציע וועגן געבן די קראנקע אידן דאָס רעכט צו באנוצן זיך מיט די קוראָרטן אין די ראַיאָנען, וואו זיי האָבן ניט געהאַט קיין שטענדיקע וואוין-רעכט (1908).

דעם סאמע שווערסטן איינדרוק האָט געמאַכט דאָס כוצפּעדיקע אפּשפּאָטן פונם אידישן פאָלק, וואָס ס׳האט זיך סיסטעמאטיש דערלויבט דער רעכטער פליגל פון דער דומע.

...ווי ווילדע, האָבן די געדונגענע לאַקייען פון דער זעלבסטהערשונג... פריילעך געטאַנצט איבערן טויטן קערפּער פון דער פרייהייטס-באַוועגונג, געזונגען לויב-לידער דער קנעכטשאפט און דעם דעספּאָטיזם, די פורישקעוויטשעס [8] און מאַרקאָווס [9] האָבן פאַרגאָסן מיט שמוץ די טריבונע פון דער דומע... און מיט די אידן האָבן זיי געטאָן דאסזעלביקע, וואָס ס׳האָבן געטאָן זייערע כאווריים פון פינסטערן האַמוין אף די גאַסן פון די צעראַבעוועטע שטעט. די ווערטער „זשידעס״ און „זשידאָווקעס״, צוזאמען מיט אנדערע זידל-ווערטער, זיינען געווען די סאַמע געברויכלעכע אין זייער אומגאנג. זיי פלעגן אַריינטראָגן פאָרמולעס פון אויסבעסערונגען צו פאַרשיידענע געזעץ-פּראָיעקטן, ספּעציעל קעדיי צו באליידיקן די אידן. זיי האָבן פאָרגעלייגט דעם מיליטערישן מיניסטער אַריינצוטראָגן אַ געזעץ-פּראָיעקט וועגן אויסשליסן די אידן פון דער ארמיי דערפאַר, וואָס די אידישע סאָלדאַטן האָבן זיך אַרויסגעוויזן אלס אן עלעמענט, וואָס „דעמאָראַליזירט״ די אַרמיי אין

דער פרידלעכער צייט און איז זייער אַן אומזיכערער אין דער צייט פון אַ מילכאַמע" (1908). זיי האָבן אונטערגעשטיצט דעם געזעץ וועגן ניט דערלאָזן אידן אין דער מיליטערישער מעדיציניששער אַקאַדעמיע, ווייל די אידישע דאָקטוירים האָבן קלוימערשט געפירט אַ „רעוואָלוציאָנערע פּראָפּאַגאַנדע" אין דער ארמיי אין דער צייט פון דער יאַפּאַנישער מילכאָמע (1910). די אַק- טיאַבריסטן האָבן געפאָדערט ניט צו דערלאָזן די אידישע יוריסטן אַף שטעלעס פון פרידנס-ריכטער, ווייל דאָס איז קעגן די יעסוידעס פון אַ „קריסטלעכער מעלוכע" (1909).

...אונטערן איינפלוס פון דער רעאַקציאָנערער דומע איז די רעגירונג געגאַנגען אַלץ ווייטער אַפן וועג פון באַגרעניצן די אידישע רעכט. דער פּרעמיער-מיניסטער סטאָליפּין, וואָס מער ער האָט זיך איבערגערוקט אַף רעכטס, אַלץ מער האָט ער פאַרגעסן וועגן זיין האָוטאָכע אין 1906 „טייקעף צו באַזייטיקן די אַלע אויסגעשפּראָכן אָפּגעלעבטע באַגרעניצונגען, וואָס פלאַנצן איין צערייצונג", און זיין מיניסטעריום האָט סיסטעמאַטיש זיך פאַר- נומען מיט אויסטראַכטן די שווערסטע רעפּרעסיעס... דאָס מאַסנהאַפטע ארויס- שיקן אידן פון די שטעט, וואָס אויסערן „טכום", און פון די דערפער, וואָס אין „טכום", האָט אנגענומען אַן עפּידעמישן כאַראַקטער. אין פרילינג 1910 האָט די רעגירונג זיך אַנטשלאָסן ארויסצושיקן פון קיעוו 1200 פאַמיליעס... דאָס אַכזאַריעס פון די רעדיפעס איז דערגאַנגען ביז צו ראַפינירטקייט... מע פלעגט ארויסשיקן קליינע קינדער, קראַנקע, אַלטע; מיט אַ באַזונדער ענערגיע האָט מען געטריבן די אידן, וואָס האָבן זיך באַזעצט אַף זומער אין די זומער-וואוינונגען אויסער די שטעט, מיטן „פאַרברעכערישן צוועק" צו אָטע- מען מיט ריינער לופט. דער סענאַט האָט דערקלערט, אַז די אידישע סאָל- דאַטן, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין פאַרטיידיקן די באַלאַגערטע פעסטונג פּאָרט-אַרטור אין דער צייט פון דער יאַפּאַנישער מילכאָמע, קאָנען זיך ניט באַנוצן מיט דער האַנאָכע אין וואוין-רעכט, וועלכע איז געגעבן געוואָרן די אַנטיילנעמער פון דער מילכאָמע.

מיט די אידישע קינדער פון שול-עלטער האָט זיך פאַרנומען דער שוואַרצער בילדונגס-מיניסטער שוואַרץ[10]... די שול-נאָרמע, וואָס האָט עקזיס- טירט ביז דער רעוואָלוציע און וואָס האָט זיך פּראַקטיקירט אַפן סמאַך פון אַ רעגירונגס-פאַראָרדענונג אָן אַ געזעצגעבערישער סאַנקציע, האָט שוואַרץ פאַר- וואַנדלט אין אַ געזעץ, וואָס איז באַשטעטיקט געוואָרן דורכן צאַר אָן דער גאָסודאַרסטווענער דומע (סענטיאַבר 1908). פון דענסטמאָל אָן האָבן אין אַלע הויכשולן פון דער אימפּעריע אידן זיך געקאָנט לערנען בלויז אין אַ צאָל, וואָס איז ניט העכער פון דריי פּראָצענט לעגאַבע דער אַלגעמיינער צאָל שטודירנדיקע אין די הויפּט-שטעט, 5 פּראָצענט פאַר די שולן אויסערן טכום, 10 פּראָצענט אין טכום. העיויס ווי אין די יאָרן פון דער פרייהייט-באַוועג- גונג איז דער דראַנג פון די אידן אין די הויכשולן געוועזן זייער גרויס, און זייער צאָל איז איצט געוועזן העכער פון דער פּראָצענט-נאָרמע, וואָלט אויס- קומען איינגאַנצן צו פאַרמאַכן די הויכשול פאַר נייע קאַנדידאַטן, ביז וואַנען

די צאל אידישע סטודענטן וועט ניט אַריין אין די גרעניצן פון דער נאָרמע.
...די פּראצענט-נאָרמע איז פּערפעסטיקט געווארן אפן געזעצגעבערישן אויפן אויך פאַר דער מיטלשול, דערביי איז די נאָרמירונג פּאַרשפּרייט געווארן אויך אף די פּריוואטע לער-אנשטאלטן, וועלכע האבן געהאט רעכט (1909). ...די אינקוויזיטאָרן פון בילדונג זיינען אוועק נאך ווייטער, און אין מאַרט 1911 האבן זיי זיך דערשלאָגן א באפעל פונם צאַר וועגן פּארשפּרייטן די נארמע אף די עקסטערנעס: צו די עקזאמענס אף צו באקומען א „צייגעניש אף רייפקייט" אדער ביכלאל א צייגעניש אף א דורכגעגאנגענעם טייל פון לערנקורס זאלן פון איצט אן דערלאָזן ווערן אידן נאר אין דער צאל פון עטלעכע פּראצענטן לעגאַבע דער צאל פון די קריסטלעכע עקסטערנעס; נאָר אַזוי ווי קיין קריסטלעכע עקסטערנעס זיינען קימאט אין ערגעץ ניט געווען, ווארום בלויז די אידן, וואס זיינען געבליבן אויסער דער שול, זיינען געצוואונגען געווען צו האלטן עקזאמען אלס עקסטערנעס, האט פאקטיש די אומגעהויערע מאסע אידישע קינדער, וואס האט זיך גיט געלערנט אין קיין שולן, אָנגעווארן דאס רעכט צו באקומען צייגענישן פון א מיטלשול.
...אין 1910 האט סטאָליפּין ארויסגעגעבן אַ צירקולאר, וואָס אין אים האט ער געגעבן צו פאַרשטיין דער אַדמיניסטראציע, אז די קולטורעל-בילדונגס-געזעלשאפטן פון די ניט-רוסן ווירקן מיט אויפצואוועקן אין זיי דעם „שמאָלן נאַציאָנאל-פּאליטישן באוואוסטזיין" און פירן צו דער „פּאַרשטארקונג פון דער נאַציאנאלער אָפּגעזונדערטקייט", און דעריבער דארפן די אלערליי געזעלשאפטן פון די אוקראינער און אידן, וואס זיינען געגרינדעט געווארן מיטן צוועק צו פארשטארקן די סעפּאראטע נאציאנאלע קולטור, פּאַרבאטן ווערן.

דערדאָזיקער קלאַפּ איז געווען געצילט אין רעכטן האַרץ פונם אידנטום. די זאַך איז אין דעם, וואָס נאָך דער רעוואָלוציע, ווען דער פּאָליטישער קאַמף האָט זיך איינגעשטילט, האָט די אידישע אינטעליגענץ אנגעווענדעט איר גאַנצע ענערגיע אין געביט פון נאַציאָנאַל-קולטורעלער אַרבעט. אומעטום האָבן אַפּן סמאַך פונם געזעץ פונם 1906 וועגן געזעלשאַפטן און פאַרזאַמלונגען געגרינדעט זיך קולטורעלע בילדונגס-און עקאָנאָמישע אידישע געזעלשאַפטן. אין 1908 איז אין פּעטערבורג געגרינדעט געוואָרן די אידישע ליטעראַרישע געזעלשאַפט, וועלכע האָט זיך דערנאָך פאַרצווייגט אף א הונדערט אָפּטיילונגען אין די פּראָווינציעלע שטעט... א גרויסע צאָל אַנדערע קולטורעלע געזעלשאַפטן און קרייזלעך האָבן זיך לעגאַליזירט אַף דער גאַנצער טעריטאָריע פונם „תחום". אומעטום זיינען געלייענט געוואָרן לעקציעס, רעפעראַטן, ס'האָבן זיך געפירט הייסע דעבאַטן איבער נאַציאָנאַל-קולטורעלע פּראָבלעמען... אָט דער אינערלעכער אויפלעבונג האָט, פאַרשטייט זיך, ניט געקאָנט מיטפילן די אידנפיינטלעכע רעגירונג, און זי האָט אזוי ווי אין פּלעוועס[11]) צייטן געווענדעט איר קלאַפּ אין די אידישע נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס. און דערדאָזיקער קלאַפּ האָט אָנגעמאַכט גרויסע צעשטערונגען... אין 1911 איז פאַרמאַכט געוואָרן די אידישע

ליטעראַרישע געזעלשאַפט מיט אַלע אירע 120 אָפּטיילונגען, וועלכע האָבן אַנטוויקלט א באַזונדער אינטענסיווע טעטיקייט.

...די ציַיטונגען פון דער ביוראָקראַטיע און „פאַריין פון רוסישן פאָלק"— „נאָוואָיע ווּרעמיאַ", „רוסקאיע זנאַמיא", זעמשטשינא"—פלעגן אַלע טאָג אויסגיסן אף די אידן טייכן גיפטיקע רעכילעס, און די רעכטע פראַקציעס אין דער גאָסודאַרסטווענער דומע האָבן געטאָן דאָסזעלביקע פון דער פּאַרלאַמענטאַרישער טריבונע. אויסשעפּנדיק אַלע מיטלען פון אַנטיסעמיטישער פּראָפּאַגאַנדע, האָבן די „סאָיוזניקעס" באַשטימט צו אינסצענירן א מיטלאַלטערלעכן ריטועלן פּראָצעס.

אין 1911 האָבן די שוואַרצמייעדיקע אָרגאַניזאַציעס, מיט דער הילף פון זייערע מיטגלידער אין דער דומע און אין דער רעגירונג, באַשאַפן דעם אומגעהויערן בייליס-פּראָצעס. די דערמאָרדונג פון א רוסישן אינגל יושטשינסקי פון א פאַמיליע, וועלכע איז געווען פאַרבונדן מיט א כעוורע גאַנאָווים אין קיעוו, און דאָס געפינען דעם טויטן קערפער נעבן א אידישן זאַוואָד האָט געגעבן א געלעגנהייט די אַנטיסעמיטן ארויסצורוקן קעגן די אידן די באַשולדיקונג אין א ריטועלן מאָרד, וואָס ס'האָט קלוימערשט באַגאַנגען דער אָנגעשטעלטער פונם זאַוואָד, מענדל בייליס.

...דער יוסטיץ-מיניסטער שטשעגלאָוויטאָוו[12]), אן אמאָליקער ליבעראַל, וואָס איז געוואָרן א שוואַרצמייעניק, האָט באַשלאָסן צוצוגעבן דעם בייליס-פּראָצעס א ריטועלן קאָליר. אזוי ווי די ערשטע געריכטס-אויספאָרשונג האָט ניט געפונען קיין שום שפּורן, וואָס זאָלן באַווייזן, אז די אידן האָבן געהאַט א שאַיכעס צום דאָזיקן אומפאַרשטענדלעכן פאַרברעכן, האָט דער יוסטיץ-מיניסטער באַשטימט אַ נייע איבערגעוויינלעכע אויספאָרשונג, און דערנאָך האָט ער קעסיידער געביטן דעם באַשטאַנד פון די אויספאָרשער און דער פּראָקוראָטור ביז וואַנען ער האָט זיך ניט דערשלאָגן א באַשולדיקונגס-אַקט, וואָס אין אים איז דער גאַנצער איניַען געווען פאָרגעשטעלט אלס ריטועלער פאַרברעכן, וועלכן ס'איז באַגאַנגען דער איד בייליס, מיטן אנטייל פון „ניט אנטפּלעקטע פּערזאָנען". צוויי יאָר האָט זיך געפירט אָפן באָדן פון „בייליס-פּראָצעס" א פלאַמיקע אַנטיסעמיטישע קאַמפּאַניע אין דער געזעלשאַפט, אַף די גאַסן, אין דער פּרעסע און אין דער גאָסודאַרסטווענער דומע. דער פּראָצעס אין קיעווער געריכט אין אָקטיאַבער 1913, האָט געדאַרפט באַקרוינען מיט ערפאָלג דעם פאַרברעכערישן פּלאַן פונם יוסטיץ-מיניסטער און פון דער „שוואַרצער מייע", נאָר די דערוואַרטונגען פון דער רעגירונג האָבן זיך ניט באַרעכטיקט. ניט געקוקט דערויף, וואָס דער געריכט איז געווען ספּעציעל צוזאַמענגעשטעלט פון געקרויגטע ריכטער-אַנטיסעמיטן און פון געשוואָרענע בייזיצער — אומוויסנדיקע פּויערים און שטאָטישע מעשטשאַנעס, וועלכע זיינען געניגט צו גלויבן אין דער ריטועלער לעגענדע,—איז פונדעסטוועגן די שולד פון די אידן אָפּגעוואָרפן געוואָרן, און בייליסן האָט מען פריַיגעשפּראָכן.

צערייצט פונם דורכפאַל, האָט די רעגירונג זיך גענומען אָפּצורעכענען זיך מיט די אַלע טוער פון דער פּרעסע, וועלכע האָבן מיט זייער אַגיטאַציע קעגן דעם שענדלעכן בילבל ארויסגעריסן דעם קאָרבן פון די שוואַרצמייעדיקע

הענט; ס'זיינען פאַרפירט געוואָרן צענדליקער געריכטס-פּראָצעסן קעגן די רעדאַקטאָרן און מיטאַרבעטער פון די צייטונגען, און אויך קעגן דעם פּעטער-בורגער ראַט פון די געשוואָרענע אַדוואָקאַטן, וועלכער האָט אַרויסגעטראָגן אַ פּראָטעסט-רעזאָלוציע קעגן שטשעגלאָוויטאָווס יוסטיץ אין ביילים-פּראָצעס. דער באַרימטער פּראָצעס פון די אַדוואָקאַטן איז פאָרגעקומען אין יוני 1914, מיט אַ כוידעש פאַרן אָנהויב פון דער וועלט-מילכאָמע, און האָט זיך געענדיקט מיט פאַרמישפּעטן די אַדוואָקאַטן פאַר „אויפרעגן קעגן דער רעגירונג".

...דער אַנטיסעמיטיזם איז געוואָרן אַזאַ פעסטער יעסאָד אין אינימאַמין פון דער רוסישער אינערלעכער פּאָליטיק, אַז די צאַרישע רעגירונג האָט ניט דערלאָזן אָנצורירן אַפילע פון דרויסן דעמדאָזיקן פונקט פון איר גלויבנס-סימוואָל. זי האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט פאַר צערייסן דעם האַנדלס-אָפּמאַך מיט די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע, אַבי ניט צו באַפרידיקן די פאָדערונג פון די לעצטע וועגן דערלאָזן די אַמעריקאַנער אידן אין רוסלאַנד גלייך מיט די אַמעריקאַנער בירגער פון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן. נאָך אַ פילייאָריקער דיפּלאָמאַטישער קאָרעספּאָנדענץ צווישן ביידע מעלוכעס און נאָך אַ שטאַרקער פּאָליטישער אַגיטאַציע אין אַמעריקע, האָט דער קאָנגרעס *) פון די פאַראייניקטע שטאַטן באַשלאָסן פאַנאַנדערצוריסן דעם האַנדלס-אָפּמאַך מיטן לאַנד, וואָס טיילט באַ זיך די אַמעריקאַנער בירגער אויף פולבאַרעכטיקטע און רעכטלאָזע (1911). פאַר רוסלאַנד האָט דאָס צערייסן די האַנדלס-באַציאונגען מיט דער גרויסער טראַנסאַטלאַנטישער רעפּובליק געהאַט שווערע עקאָנאָמישע פאָלגן, דערפאַר אָבער איז געראַטעוועט געוואָרן דער „קאָוועד": די אידנפיינטלעכע פעסטקייט פון דער רוסישער רעגירונג איז נאָך אַ מאָל דעמאָנסטרירט געוואָרן פאַר דער גאַנצער ציוויליזירטער וועלט.

9. דער „פּראָגרעסיווער" אַנטיסעמיטיזם אין פּוילן.

(„שטימען פון פּוילישע פאָלקס-פאָרשטייער", אַנדרזשיי געמאָיעווסקי 13), „הײַנט" 14), וואַרשע, 1909, נומ. 237, 238 און 239).

...אויב ס'האָט זיך אין אונזער לאַנד דערוועקט אַ ברענענדיקער אַנטי-סעמיטיזם, האָט אין די אידישע מאַסן קיין מאָל ניט געפעלט קיין אַנטיגאָניזם. און אויב דערדאָזיקער אַנטיסעמיטיזם איז אין אַ גרויסער שטופע אָפּגעשוואַכט געוואָרן דורך די אײַדעלע אָנהענגער פון דער אַסימילאַציע, וועלכע האָבן אַזוי פיל געאַרבעט אויף דעם געביט פון אונזער וויסנשאַפט, אויפקלערונג און ליטעראַטור, האָבן די אידן ליטוואַקעס צוגעגאָסן גאַנצע מעסער אייל צו דעם זינקענדיקן פייער, אויסלאַכנדיק און רופנדיק בויגדים די אידן, וואָס זיינען צוגעשטאַנען צו אונזער פאָטערלאַנד פּוילן און האָבן מיט אונז צוזאַמען געוואָלט דעם פאָטערלאַנד דינען.

---

*) פאַרלאַמענט.

ווען פון איין זייט האָט זיך געלאָזט הערן „לעשאָנא האַבאָאָ בירושאָלאַים" (די ציאָניסטישע באַוועגונג), האָט מען אין מינסק, פינסק און דווינסק געקויפט בילעטן קיין וואַרשע און, אריינקומענדיק אין פוילישע געשעפטן, וואו זיי זיינען פריינטלעך באַגריסט געוואָרן פון די אָרטיקע סאָכרים, האָבן זיי מיט כוצפע געפרעגט: „שטאָ, זדיעס נע גאָוואָריאַט פאָ רוסקי?" די שטילע, פאַרזיכטיקע אידן, וואָס וואוינען פון לאַנגע צייטן אין פוילן און שטרעבן צו א בעשאָלעמדיקן פריינטלעכן לעבן מיט די פאָליאַקן, האָט זיך קעגנשטעלט אן אָנגעשוואומענער עלעמענט, א כוצפעדיקער, וואָס צורייסט אַלע אַלטע פשאָרעס און איינפאַרשטענדלעכקייטן, וואָס וויל דורכויס מילכאָמע און אָפגעזונדערטקייט. די מענטשן האָבן אַפילע ניט פאַרשטאַנען צו שוינען די ליידן און געקרענקטע געפילן פון די באַלעבאַטים, צו וועלכע זיי זיינען צוגאַסט געקומען, שטעלנדיק ביכלאַל אין סאָפעק זייערע רעכט צו הייסן באַלעבאַטים פון פוילן.

...ווען דער פוילישער פראָגרעס האָט דורך זיין פילאסעמיטיזם (אידנליבע) פאַרלאָרן זיין כיין באַם פאָלק, האָבן די מענטשן בעשאַס די דומע-וואַלן פאָשעט געוואָלט מיט טעראָר-„באַדינגונגען" אים אויפשטעלן. „גלויבט ניט די פוילישע הענט, וואָס זיינען צו אייך אויסגעשטרעקט", — האָבן זיי געשריען, „פון דער פריינטשאַפט מיט די פאָליאַקן קאָנט איר נאָר פאַרלירן", — האָט מען גערופן אין א גאַנצן מאַבל פון בראָשורן. מיט דער דייטשישער שפראַך, וועלכע זיי האָבן אויפגעהויבן צו דער מאַדרייגע פון א „אידישער" שפראַך, האָט מען זיך אריינגעריסן אין פוילישע אינסטיטוציעס, וועלכע זיינען געגרינדעט געוואָרן דורך פוילישער פריוואַט-איניציאַטיוו צוליב זעלבסטשוץ. יעדער רעדנער, וואָס האָט מיט זיין אויפטריט באַגליקט אַ פוילישן מיטינג, האָט די הענט אין די טאַשן אַריינגעשטעקט, דאָס היטל אַף דער זייט גערוקט און פאַרזיכערט, אַז פון היינט אָן וועלן אידן נאָר צום קויאַך אַפעלירן. א גאַנצער מאַבל פון פראָגראמען, וואָס רופן די קיין ערעץ איסראָעל, די קיין אוגאַנדע, די גאָר צו גרינדן א אידישן סיים אין דער רוסישער מעלוכע, און אַלע מאָל מיט היסלאוועס, מיט גאַיווע, מיט כוצפע, פרעגנדיק דערביי, צי לוינט ביכלאַל פאַר אידן, אַז פוילן זאָל באַקומען אווטאָנאָמיע. עטלעכע יאָר נאָכאַנאַנד האָבן מיר דאָס אלץ געהערט.

ס'איז מיר אַלזאָ שווער צו ריידן איבער דעם טאָן פון די פוילישע צייטונגען, כאָטש ער איז פאַר מיר זייער אומאַנגענעם, ניט דערמאָנענדיק דערביי אויך דעם טאָן, וועלכער האָט געקלונגען און קלינגט פון דער צווייטער זייט, ניט נאָר קעגן אנטיסעמיטיזם, אָבער אויך קעגן פילאָסעמיטן, און דערום זע איך טאַקע, אז די רייען פון די פילאסעמיטן ווערן ניט נאָר קלענער, נאָר זיי זיינען פאָשעט פאַרשוואונדן געוואָרן. היינט איז אפילע דער פוילישער פראָגרעס אראָפּגעגאנגען פון זיין פריערדיקער שטעלונג און ס'איז זאָגאר שוין ניט פאַראן קיין גרופע צווישן די ראדיקאַלן, וואו אידן זאָלן גוטע פריינט האָבן. די ליטוואקעס האבן אלזא דאָס, וואָס זיי האבן געוואָלט.

...וואָס פאַר אַ שטעלונג פאָליאַקן דארפן אָננעמען אין באַציאונג צו די אָנגעלאָפענע רוסישע אידן? זאָלן מיר א ווײלע פארגעסן, אז דער אָנגעלאָפע-

נער עלעמענט באַשטייט פון רוסישע אידן, דאן וועלן מיר האָבן אַ פאקט פון אַ מאַסן־איינוואנדערונג פון פרעמדע. אויב די מאַסן־איינוואַנדערונג וויל די איינגעבירטיקע ארויסשטויסן פון פאָטערלאנד, מוזן זיי זיך ווערן און זיי וועלן זיך ווערן, אויב זיי זיינען נאָר ניט קיין פערזענלעכע אָדער גייסטלעכע מיי־סים, אָדער פאַנטאַזיאָרן. די מאַסן־איינוואנדערונג באשטייט (אָבער) פון רוסישע אידן, היינט ווייסט שוין יעדער, אז דער עלעמענט איז רוסיפיקאַטאָריש. ...רוסישע אידן, אָדער ליטוואַקעס, באטראכטן זיך אַלס אידן. ס׳איז ווירקלעך אומעטום אָנגענומען דער פּרינציפּ. ...אַז יעדער באַצייכנט אַליין זיין נאַציאָנא־ליטעט. די דערפארונג לערנט אָבער אונז, אז דיזער מעטאָד האָט ערפאָלג נאָר אין סטאַטיסטיק און פילאָזאָפיע, דאגעגן אין טעגלעכן לעבן און אין קולטורע־לער ארבעט קאָן ער קיין קיעם ניט האָבן. די ליטוואקעס זאָגן אף זיך, אז זיי זיינען אידן, אומעטום טראָגן זיי אָבער מיט זיך אריין די רוסישע קולטור, מאַניפעסטירנדיק איבערהויפּט מיט דער רוסישער שפראך... דערצו זיינען זיי אין ווארשע טאַקע צווייישפראַכנדיק; זיי ריידן רוסיש און דייטשישן זשאַר־גאָן, וועלכן מיר קאנען רופן „פלאַט־דייטש”. אָבער שוין אין וולאצלאוועק, און געוויס אויך אין אַלעקסאנדראָוו און אין טאָרן, ווערט דער „פלאט־דייטש” פארביטן אף „הויך־דייטש”, מיט וועלכן עס באנוצן זיך אויסשליסלעך די דייטשע ציאָניסטן סאַי אין ריידן, סאי אין שרייבן, און דאָס העברייאיש האָט שוין קימאַט אינגאנצן באנקראָטירט. די אידן ווילן זיין אידן און נאָר אידן...° אָבער ווען די פּאָליאַקן האָבן פארשפּילט אין ליטע, זיינען די ליטווישע אידן געוואָרן רוסן; ווען די פּאָליאַקן האָבן פארשפּילט אין פּויזן, זיינען די פּויזנער אידן געוואָרן דייטשן, און ווייל די פּאָליאקן האָבן אין פּוילן ניט אינגאנצן פארשפּילט און אויך ניט אינגאנצן געוואונען, דארום זיינען די אידן דאָ ארויסגעטראָטן מיט אַ פראגע פון אן אייגענער נאציאָנאַליטעט.

איצט ענטפער איך אף דעם לעצטן טייל פון דער פראַגע: „אָנגעלאָפע־נע אידן, וואָס וואַרפן אָפּ דעם געדאנק פון ווערן פּאָליאַקן, ווילן טראָץ דעם זיין גוטע בירגער”. דאָ אָבער פרעגט זיך: וואָס הייסט דאָס א גוטער ביר־גער? ריידן סטאַם אין דער וועלט אַריין קאָן מען דאָך ניט... זאָלן מיר ניט נאַרן ניט זיך און ניט אנדערע. דער קלייגער טייל פון בירגערשאפט, וואָס איז איבערגעבליבן די פּאָליאַקן און אין וואָס זיי האָבן עפּעס א דייע, איז דאָך פּאָליטיש נאָר דאָס פּוילישקייט און זיין שטעלונג אין דער מעלוכע. צי וועלן אלזא אידן־ליטוואקעס צוהעלפן די פּאָליאַקן, אז די שטעלונג זייערע זאָל מיט יעדן יאָר בעסער ווערן? אידן־ליטוואקעס זאָגן דאָך אָבער בעפיירעש, אז נאָר וועגן זיך קלערן זיי און ווילן קלערן. און עפּשער הייסט דאָס, אז אויב מע וועט זאמלען געלט אף א דענקמאָל פאר א פּוילישן פּאָעט, וועלן ליטוואַ־קעס אויך עפּעס געבן? איך בין מעסופּעק, צי מע וואָלט דאָס גאָר גע־דארפט. דען דאָס, וואס גייט ניט פון הארצן, זאָל ניט גיין אויך פון דער טאַש.

די אָנגעלאָפענע אידישע באפעלקערונג רופט פּאָשעט פארדעטער די אידן, וואָס פילן זיך אַלס פּאָליאקן, זי לאכט זיי אויס, פארשעמט זיי, שטויסט

זיי ארויס פון זייערע שטעלונגען און באמת זיך אָפּצונעמען בא זיי יעדן איינפלוס אף דער אידישער מאַסע. ווען זשעראָמסקי[15] האָט גערופן אידן „לאנד-אויסלענדער", האט מען אים געענטפערט, אז ס'איז שווער צו באַטראכטן פאר אַן אויסלענדער דעם, וואָס וואוינט אין לאנד 6 הונדערט יאָר. נאָר דאס איז אויך ניט אינגאנצן ריכטיק, דען אויב א פרעמדער קערפּער וועט אריין אין אונזער אָרגאניזם און וועט זיך ניט אסימילירן, וועט ער בלייבן א פרעמדער קערפּער... אָבער אפילע ניט ריידנדיק פון דעם, איז ווי זאָל מען רופן דעם עלעמענט, וואָס האט א מילכאָמע געמאָלדן דער אסימי-ליאציע? צי באַשטייט ער טאקע ניט נאָר פון „לאנד-אויסלענדער?" אָט זע איך ניט, ווי אזוי די אָנגעלאָפענע זאָלן קאָנען זיין „גוטע לאנד-בירגער"... דאס איז אלזאָ א וועקסל, וואס איז אויסגעשטעלט אף דער רעגירונג און פאָרגעלייגט דער פוילישער באפעלקערונג צו געבן אף אים א זשירע. יעדנ-פאלס איז ער ניט צאָלבאר אין דער באנק פון פוילישע בירגערלעכע שטרע-מונגען.

אף דער דריטער פראגע, וואס אנבאלאנגט אידן אין דער קינפטיקער זעלבסטפארוואלטונג, דארפן אייגנטלעך א טשאווע געבן יוריסטן, און באלד וועל איך זאגן פארוואס. ...ווען מיך פרעגט א פילאָזאָף, וואָס זאָל ער דענקען, א מוסער-מענטש, ווי ער זאָל ווירקן, ענטפער איך; ווען מיך פרעגט אָבער א סאָלדאט, ווי זאָל ער שלאָגן, אָדער ווי ער זאָל זיך ווערן פון שלאָגן, שיק איך אים אָפּ צו זיין אונטער-אָפיצער און בעט אים, אז ווי לאנג ער טראָגט זיין מונדיר, זאָל ער זיך ניט מאכן פאר א פילאזאָף, אדער א מוסער-מענטש. ווען ער וויל די פראגע לייזן מיט קריגס-מיטלען און ניט מיט פילאָזאָפיע און מוסער... די צייטונגען פון די ליטוואקעס שטייען אף דעם שטאנדפונקט פון פילאָזאָפיע און באלעמוסער, נאָר זיי שטעלן ארויס לאָזונגען פון מילכאָמע. ווער ס'פירט זיך ניט מיט ברודערשאפט, דער דארף ניט אפּעלירן צו ברודערשאפט.

אף דער פערטער און לעצטער פראגע, „וואָס פאר א צוקונפט ס'דער-ווארטעט אידן בא דער קאָאָפּעראטיווער באוועגונג", קאָן איך ניט ענטפערן, ווייל איך קאָן ניט פאָרויס וויסן, וואָס פאַר א צוקונפט ס'דערוואַרטעט אידן אין פוילן באַ דער קאָאָפּעראטיווער באוועגונג, וואָס שטויסט זיי ארויס פון האַנדל, וועלכער איז ביז איצט די הויפּט-קוועלע פון זייער פארדינסט. די ליטוואַקעס האָבן דערוועקט דעם פוילישן עלעמענט צו אַן עקאָנאָמישן קאמף, בעכיין, האָבן זיי דאָס, וואָס זיי האָבן געוואָלט, אָן דער טעטיקייט און פיי-איקייט פון פוילישן פאָלק ווענדעט זיך, צי דער האַנדל וועט בלייבן מאָנאָ-פּאָליזירט אין אידישע הענט, צי וועט דער אידישער האנדל אינגאנצן פאר-ניכטעט ווערן. זאָלן בעסער די ליטוואקעס ענטפערן אף דער פראגע, אויב זיי האָבן פארזיכערט, אז זיי ברענגען אידן גליק, און די פריינטשאפט מיט די פּאָליאקן איז פאר זיי דורכאויס שעדלעך. איך מוז אויך באמערקן, אז די קאָאָפּעראטיווע באוועגונג ווערט אומעטום באטראכט אלס אַ גוטע און קול-טורעלע זאך, און איז ניט ספּעציעל געווענדעט קעגן אידן; זי דערלייזט פון

קרעמערײ און פון עקספּלאָטאַציע. ווען אַלזאָ דאָס פּױלישע פֿאָלק ווײַלט זיך דעם גליקלעכן וועג, וואו וועט זיך געפֿינען אַ פּאָליאַק, וואָס זאָל אים פון דעם וועג אַראָפּפֿירן און דערצו נאָך פאַר מענטשנס וועגן, וועלכע זאָגן הױך, אַז זײ ווילן קײן שום געמײנזאַמקײט ניט האָבן מיט דער פּױלישקײט? פּאָ־ליאַקן נעמען זיך אָבער ניט נאָר צו קאָאָפּעראַציע. זײ נעמען זיך אױך צום האַנדל און זײ מוזן זיך צו אים נעמען, טאַקע דערום, ווײַל דער אידישער האַנדל האָט זיך אַ שלעכטן נאָמען אױסגעאַרבעט, און ווײַל ער נױטיקט די פּױלישע געזעלשאַפֿט, זי זאָל זיך באַגײן אָן קראָמען אום שאַבעס און צו קױפֿן זונטיק. איצט האַלטן מיר אָפּ הױפּט־יאַנטױװים: פּראַוואָסלאַוונע, קאַ־טױלישע און אידישע. דאָס איז אַביסל צופֿיל. מע שטרעבט איצט שטאַרק צו פֿאַרקלענערן די צאָל פון יאָנטױװים און מאַכן פון זײ עמעסע רו־טעג, ווי אין די מאַירעוו־לענדער. די ליטוואַקעס שטיצן ניט אָט די שטרעבונג, אָפּהיטנדיק שטאַרק די אידישע יאָנטױװים. יעדער מענטש און יעדער געזעלשאַפֿט שטרעבט צו זײַן זעלבשטענדיק, ניט צו דאַרפֿן דורכױס אָנצוקומען צו אַנדערע, בי־פּראַט, ווען די אַנדערע ווילן זיך דורכױס אָפּזונדערן. אױך די ליטוואַקעס זאָרגן ניט פאַר דער צוקונפֿט פון די פּאָליאַקן. צי מײנען זײ, אַז די פּאָליאַקן וועלן אַזױ נאַיוו זײַן און וועלן זאָרגן פאַר זײער צוקונפֿט? צי קלינגט דאָס ניט לעכערלעך, ווען פלוצלונג באַהאַלטן זײ זיך אונטער די רעכט פון די היגע אידן, וואָס וואױנען מיט אונז 600 יאָר?

די הײַנטיקע אָנפֿירער פון דעם אידישן פֿאָלק האָבן אַלץ געטאָן, אום די לעצטע ראַיע אומצוװאַרפֿן און צו מאַכן פון אידן אַ באַזונדערע מאַסע. יעדער פּאָליטיקער וועט זאָגן, אַז פּאָליאַקן קאָנען דערפֿון נאָר טױוועס האָבן. מיר איז נאָר אַ שאָד די קאָרבאָנעס, וועלכע וועלן אומשולדיק דערפֿון לײַדן. ס'איז מיר אַ שאָד די אײדעלע היסלאַווערדיקע מענטשן, וואָס זעען איצט נאָר אַ טהאָם פאַר זיך. ס'איז מיר אַ שאָד די אײדעלע אידן־פּאָליאַקן, וועלכע ס'קאָן אױסרױמען דאָס געוויסער, וואָס די ליטוואַקעס האָבן אָנ־געמאַכט.

10. דער באָיקאָט פון די אידן אין פּױלן.

(„דאָס אידישע לעבן אין וואַרשע“, און „אין דער פּראָווינץ“, „דער פֿרײַנד“ 16), 19,2, נ' 250, 251, 252, 254, 256, 259, 262 און 268).

די „גאַזעטאַ פּאַראַנאַ“ שרײַבט, אַז זונטיק אין אָוונט איז פֿאָרגעקומען אַ פאַרזאַמלונג פון די פּױלישע אײגנטימער פון די אַפּטײק־סקלאַדעס און פּרי־זירער, וועלכע האַנדלען מיט פּאַרפֿומעריע, צו באַקלערן מיטלען, ווי אַזױ אױסצומײַדן באַם קױפֿן פּאַרפֿומעריע די אידישע אַנגראָ־הענדלער. אױף דער פאַרזאַמלונג האָט זיך אַרױסגעוויזן, אַז דער גאַנצער פּאַרפֿומעריע־האַנדל ליגט אין אידישע הענט, און אַז די פֿאַרטרעטער פון די רוסישע און אױסלענדישע פּאַרפֿומעריע־פֿאַבריקן זײַנען אַלע אידן. די פאַרזאַמלונג האָט דערום באַשלאָסן

צו אָרגאַניזירן אַן אייגענעם אַנגראַ-מאַגאַזין פון דידאַקטיק סכוירעס, און אויך זיך ווענדן צו אַלע פּאַרפומעריע-פאַבריקן, אַז זיי זאָלן זייער פאַרטרעטונג איבערגעבן קריסטן.

* *
*

...דער שטאַט-פּרעזידענט האָט באַקומען אַ ביטע, אונטערגעשריבן פון אייניקע אָנגעזעענע „נאַראָדאָווצעס 17)", אַז ער זאָל מיטהעלפן אינם קאַמף, וועלכער ווערט איצט געפירט מיטן צוועק אַרויסצוטרייסן דעם האַנדל פון די אידישע הענט, און פון ניי יאָר ניט פאַרדינגען אידישע הענדלער קיין פּלעצער אין די האַלעס אין די שטאַט-באַזאַרן.

* *
*

...דער „דזען" האָט אָפּגעדרוקט אַ לייט-אַרטיקל, אין וועלכן די צייטונג באַמיט זיך צו באַווייזן, אַז דער אידישער האַנדל ווערט הויפּטזעכלעך געפירט מיט קריסטלעך געלט. די צייטונג פאָדערט דערום אויף די קריסטן, אַז זיי זאָלן ניט האַלטן זייערע קאַפּיטאַלן אין די בענק אָדער אַנדערע קרעדיט-אינסטיטוציעס, וועלכע האָבן געשעפטן מיט אידן.

* *
*

...די פּוילישע קאָאָפּעראַטיווע באַנק „זגאָדאַ" האָט זיך געווענדעט צו דער שטאָטישער קרעדיט-געזעלשאַפט מיט אַ פּאָרשלאַג זיך ווענדן צו דער רעגירונג מיט אַן אָפיציעלער ביטע איינצופירן אין דער שטאָטישער קרעדיט-געזעלשאַפט אַ פּראָצענט-נאָרמע פאַר אידן.

...די זעלבע געזעלשאַפט האָט אָפּגעדרוקט אַן אויפרוף אין „גאָנעץ", אין וועלכן זי שרייבט, אַז דער ניצאָכן פון די אידן בעאייס די וואַלן אין וואַרשע האָט דערוויזן זייער קראַפט, און אויך זייער פיינדלעך באַציִען זיך צום פּוילישן פאָלק. די פּוילישע געזעלשאַפט דאַרף זיך דערום פאַרייניקן צו קעמפן קעגן דער אידישער עקאָנאָמישער מאַכט. די געזעלשאַפט פאָדערט אויף אַלע פּוילישע קאַפּיטאַליסטן, אַז זיי זאָלן אין איר קאַסע אַריינטראָגן זייערע קאַפּיטאַלן, און דערמיט איר געבן די מעגלעכקייט אויסצוקויפן די הייזער פון אידישע הענט.

* *
*

...צוויי פּוילישע אָפּערעטן-זינגערינס, פרוי בעלסקאַ און ראַבאַצקי, וועלכע האָבן געזאָלט זינגען אויפן קאָנצערט-באַל, וואָס ווערט אָרגאַניזירט דורך די שילער פון שימאַנסקיס צאָן-אַרצט-שול, האָבן מודיע געווען אין די פּוילישע אַנטיסעמיטישע צייטונגען, אַז אַזוי ווי זיי זיינען געוואָר געוואָרן, דאָס דער-

דאָזיקער קאָנצערט-באַל ווערט אָרגאַניזירט דורך די אידישע צוהערער, זאָגן זיי זיך אָפּ דאָרט צו זינגען.

* *
*

...די גאזעטא „פאראנא" האט אָפּגעדרוקט אַ ספּעציעלן אַרטיקל, אין וועלכן זי ווייזט אָן, אַז אַלע היגע צאָן-אַרצט-שולן געהערן צו אידן, און דערום זיינען אַלע שילער אין די דאָזיקע שולן רוסישע אידן, וועלכע האָבן פאַרכאפּט אין זייערע הענט די גאנצע דאנטיסטן-פּראָפעסיע. די צייטונג לייגט דערום פאָר, אַז מע זאָל גרינדן אַ ספּעציעל קריסטלעכע צאָן-אַרצט-שול, כדי מע זאָל די דאָזיקע פּראָפעסיע ארויסרייסן פון די אידישע הענט.

11. דער קיעווער בלוט-בילבל.

(פּ. י. ליפין: „די געשיכטע פון ביילים-פּראָצעס". „צייט", 1913, נומ. 28 און 29).

...דעם 20-טן מאַרט 1911 אין קיעוו, אין איינע פון די גריבער, וואָס געפינען זיך אַף דעם פּלאַץ פון דעם ציגל-זאַוואָד, האָט מען געפונען דעם טויטן קערפּער פון אַ אינגל אַנדריי יושצינסקי. דער גוף איז געווען שרעקלעך צושטאָכן. אַף מאָרגן זיינען באַטיצן וועגן דעם דערשינען אין אלע קיעווער צייטונגען, אין דער „קיעווסקאַיאַ מיסל"[18] איז אין אַ פּאָר טעג אַרום געווען אָפּגעדרוקט אַ פאָטאָגראַפיע פון דעם געהאַרגעטן. דאָס פאַרברעכן האָט אויסגעזעען רעטזעלהאַפט, ניט צו פאַרשטיין. קיין שפּורן האָבן די מערדער ניט איבערגעלאָזן. דער מאָרד האָט אָבער די ערשטע טעג קיין אויסערגעוויינלעכע אויפמערקזאמקייט צו זיך ניט דערוועקט. און ווען שפּעטער האָבן די אויספאָרשונגס-באַאַמטע געוואָלט גענויער באַטראַכטן די שפּורן פון טריט באַם אריינגאַנג אין הייל-גרוב, איז דאָס שוין געווען אומעגלעך. די פּיל מענטשן, וואָס זיינען דאָרטן אונטערדעסן געווען, האָבן אלע שפּורן פאַרניכטעט.

דער געדאַנק וועגן אַ „ריטועלן" מאָרד, וועגן אַ ריציכע צוליב רעליגיעזע צוועקן, האָט זיך דערוועקט שפּעטער. ער האָט זיך דערוועקט בא איינצעלנע פּערזאָנען, און רעטזעלהאַפט בלייבט נאָך ביז איצט אַ בריוו אונטערגעשריבן „כריסטיאנין" („אַ קריסט"), וואָס די פּאָליציי האָט דערהאַלטן באַלד אַפן צווייטן טאָג נאָך דעם, ווי מע האָט געפונען דעם טויטן קערפּער. דער „כריסטיאנין" האָט געשריבן וועגן דעם, אַז דעם אינגל האָבן די אידן געהאַרגעט פאַר פּייסאַך... דער געדאַנק, אַז דאָ האָט מען צו טאָן מיט אַ נאָכגעמאַכטע „ריטועלע" רעציכע, אַז עמיצנס שמוציקע האַנט האָט פאַר פּייסאַך געפּרוּווט באַשאַפן אַ בילבל אַף אידן און אַף אזא אַרט פאַרפירן אַן אַ זייט די געריכטלעכע אויספאָרשונג, אזא געדאַנק איז אויך געקומען אַפן זין איינצעלנע פּערזאָנען. אָבער ניט די פּאָליציי, ניט דער אויספאָרשונגס-ריכ-

טער האָבן זיך אין די ערשטע טעג אף דעם וועג ניט געשטעלט, און די אויספאָרשונג איז זיך געגאַנגען מיטן געוויינלעכן וועג... געפּאלמעסט דעם קערפּער האָט אין אָנפאנג אַ געוויינלעכער שטאָט-דאָקטאָר, וועלכער האָט אויך וועגן קיין שום ריטואַל אין זיין פּראָטאָקאָל ניט געשריבן... די פּרעסע האָט אין אָנפאַנג יעדן טאָג געשריבן וועגן דער גרויזאמער רעציכע, נאָכדעם איז דער אינטערעס דערצו שטיל געוואָרן.

נאָר די יעדיע וועגן דעם קיעווער מאָרד איז דערגאַנגען צו די פּעטערבורגער שוואַרצמייעדיקע בלעטער, צום „רוסקאָיע זנאמיא" און צו דער „זעמשצינע". דאָ האָט זיך באַלד אָנגעצונדן אַ העצעריי, און אָפן און הויך איז אַרויסגעזאָגט געוואָרן דאָס וואָרט „ריטואל". דאָס האָט אונטערגעכאפּט די שוואַרצמייעדיקע קיעווער צייטונג „דוואוגלאווי אָריאָל"... יושצינסקעס לעוואָיע איז אַריבער שטיל און קימאט אומבאמערקט, הא‍גאַם אַ פּאָגראָם-אַגיטאַציע האָט זיך שוין געפירט אויך דאַן, אָבער די „פּאַניכידע", דאָס „האַזקאָרעס-נישאָמע" אַפן 40-טן טאָג נאָכן טויט האָט זיך שוין פאַרוואַנדלט אין אַ שוואַרצמייעדיקע מאַניפעסטאציע. מע האָט געטיילט פּאָגראָם-פּראָקלאמאציעס, דער „דוואוגלאווי אָריאל" האָט אַרויסגעלאָזן אַ ספּעציעלן נומער מיטן בילד פונם געהאָרגעטן אינגל, וואָס דער פּאָנים זיינער איז אין אַ סאַך ערטער געווען דורכגעשטאָכן. צום סאָף האָבן זיך אין „נאָוואָיע וורעמיא" באוויזן די ערשטע קאָרעספּאָנדענציעס פון „זאפּאָראָזשעץ" — אזוי האָט זיך אונטערגעשריבן דער באַוואוסטער רוסישער נאַציאָנאַליסט סאַווענקאָ. פון דעם מאָמענט אָן הויבט זיך אָן דער אומריינער שפּיל... דאָס וואָרט „ריטואל" האָט מיט סימכע אונטערגעכאפּט די פּעטערבורגער ביוראָקראטיע. דאָס וואָרט איז געווען אזוי באַקוועם, ס'האָט אזוי געפּאַסט צום גאַנצן סטיל פון דער נאַציאָנאַליסטישער פּאָליטיק.

...די שטימונג פון די פּעטערבורגער מאַכטהאָבער האָט זיך איבערגעגעבן צו די קיעווער. צו דעם באַגאַנגענעם מאָרד נעמט זיך דער אויספאָרשונגס-ריכטער פאַר באזונדער וויכטיקע איניאַנים פענענקאָ... די זוכונגען פירט דער הויפּטמאַן פון דער קיעווער געהיים-פּאָליציי מישצוק. ס'ווערן געגעבן אָנווייזן, מע זאָל זוכן אידן. פון דעם, פאַרשטייט זיך, קומט אָבער גאָר ניט אַרויס. שפּירנדיק דעם שולדיקן, דרייען זיך דער אויספאָרשונגס-ריכטער און די געהיים-פּאָליציאַנטן אַרום הויז פון ווערא טשעבעריאַק. דער פּראָקוראָר שטופּט זיי קעסיידער אָפּ: זוכט אַהין. די אויספאָרשונג פאָלגט דעם פּראָקוראָר, זי שאַרט ארום די אידישע שולן, קלויזן, זי זוכט „כסידים" און יעדעס מאָל איבערצייגט זי זיך, אַז זי באַשעפטיקט זיך מיט העוועל האַוואָלים. אין די זוכענישן נעמען אָבער שוין אָנטייל די „סאָיוזניקעס". עס גייט אַן אומאויפהערלעכע אַגיטאציע, און דער פּראָקוראָר פאָדערט: געפינט אַ אידן. ביילים איז דער נאָענסטער איד. ער האָט געאַרבעט אין ציגל-זאַוואָד, זיין נאָמען איז באַקאנט די שכיינים, קריסטן. דאָס איז גענוג, און דעם פּראָקוראָרס פינגער שטעלט זיך אָפּ אף אים... דער שולדיקער איז אנטדעקט, די שוואַרצמייעניקעס זיינען צופרידנגעשטעלט. דער איקער פעלט אָבער — ניטאָ קיין באַווייזן.

ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז לײַכטער איז צו געפֿינען אַ אידן, אײדער באַווײַזן געפֿינען קעגן אים. הויבט זיך דאַן אָן די וויכטיקסטע אַרבעט — דאָס באַשאַפֿן באַווײַזן קעגן בײליסן. ניט קוקנדיק אָבער אויף די ריזיקע אָנשטרענגונגען, אויף דעם ליאַרם פֿון דער שוואַרצמײעדיקער פּרעסע, אויף די הילף פֿון די „סאָיוזניקעס", אויף דער אַרײַנמישונג אַפֿילו פֿון דעם מיניסטער — האָט זיך די אַרבעט ניט אײַנגעגעבן... העכער צוויי יאָר האָט מען זיי דאָך ניט געפֿונען...

די מעדיצינישע עקספּערטיזע איז איבערגעגעבן געוואָרן די פּראָפֿעסאָרן אָבאָלענסקי און קאָסאָראָטאָוו, די פּסיכיאַטרישע — דעם פּראָפֿעסאָר סיקאָרסקי. די ערשטע צוויי זײַנען באַהאַלטענע נאַציאָנאַליסטן, וואָס זײַנען ביז דאַן אויף דער פּאָליטישער סצענע ניט אַרויסגעטראָטן. דער דריטער איז אַן אָפֿענער נאַציאָנאַליסט... די נאַציאָנאַליסטישע פּראָפֿעסאָרן האָבן פֿאַרשטאַנען, וואָס מע פֿאַרלאַנגט פֿון זיי. זיי האָבן זיך אָבער ניט דערוואַגט צו זאָגן אָפֿן דאָס וואָרט „ריטואַל", קעדיי ניט צו ווערן צו שפּאָט אין זייער אײגענעם קרײַז. זיי האָבן אָבער געגעבן אַזאַ רעזאָלוציע, וואָס אָן איר האָט זיך מיט פֿרייד אָנגעכאַפּט די פּראָקוראַטור. פּראָפֿעסאָר אָבאָלענסקי האָט אָנגעשריבן, אַז די וואונדן זײַנען געמאַכט געוואָרן בײַם אינגלס לעבן מיטן צוועק אַרויסצוצאַפּן דאָס בלוט. דאָס ווײַזט אָדער אויף אַ ריטועלן מאָרד, אָדער אויף נאָכמאַכן אַזאַ מאָרד. דער פּראָפֿעסאָר סיקאָרסקי האָט אָנגעוויזן, אַז לויט דעם אויפֿן און גרויזאַמקייט פֿון יושטשינסקיס דערמאָרדונג, איז זי ענלעך צו אַ רעציכע, וועלכע ווערט באַגאַנגען דורך ראַסן-נעקאָמע, דורך נעקאָמע, וואָס ליגט אין דער טעווע פֿון אַ געוויסן פֿאָלק, דורך דעם „ווענדעטאַ" (נעקאָמע) פֿון די „בנײ יאַנקעוו"... מע וואָלט געקאָנט זיך אויסלאַכן פֿון די מעשוגענע רייד פֿון דעם אַלטן נאַציאָנאַליסט. די פּראָקוראַטור האָט זיך אָבער מיט פֿרייד אָן זיי אָנגעכאַפּט...

ווערא טשעבעריאַק האָט אָנגעהויבן פֿירן די גאַנצע אויספֿאָרשונג נאָך זיך. נאָך ווערא טשעבעריאַק האָט זיך נאָכגעשלעפּט דער פּראָקוראָר, דער אויספֿאָרשונגס-ריכטער, נאָך זיי — דאָס מיניסטעריום, און אויך דער גאַנצער שוואַרצמײעדיקער אוילאַם. די פֿאַרברעכערין און די גאַנעוווטע, אויף וועלכער ס'ליגט דער כשאַד פֿון יושטשינסקיס דערמאָרדונג, איז געוואָרן אַ העלדין, „דווירע האַנוויע" פֿון דער באַשולדיקונג... און בעאײַס די פּאָליציי האָט געוואָלט ווערא טשעבעריאַק אַרעסטירן, האָט דער פּראָקוראָר זי באַפֿרײַט. און ווען מע האָט זי אַרײַנגעזעצט אין טורמע פֿאַר אַ גנייווע, לויט דעם אורטייל פֿון געריכט, האָט דער פּראָקוראָר זי נאָך אַ מאָל באַפֿרײַט. דער פּראָקוראָר טשאַפּלינסקי האָט פֿעסט צונויפֿגעקניפּט זײַן נאָמען מיטן נאָמען פֿון ווערא טשעבעריאַק...

אין פֿעוורואַל 1912 נעמט זיך פּריוואַט צו די זוכונגען קראַסאָווסקי און אַרבעט דערבײַ צוזאַמען מיט בראַזולן. געוויסע ידיעס פֿירן צו דער מיינונג, אַז ס'איז נאָך ווײניק וואָס טשעבעריאַק „ווייסט פֿון אַלץ", נאָר אַז זי האָט אויך אַ שײכעס צו דער דערמאָרדונג. אײן מאָל זיך געשטעלט אויף דעם וועג, האָט שוין די פּריוואַטע אויספֿאָרשונג אַנטדעקט עטלעכע וויכטיקע באַווײַזן. ס'שטעלט זיך אַרויס, ווי נאַכלעסיק די פּראָקוראַטור האָט געפֿירט די

זאַך. טשעבעריאַקס ברודער סינגאַיעווסקי איז זיך מוידע, אַז ער און זיינע כאַווייִרים לאַטישאַוו און רודזינסקי האָבן דערהאַרגעט יושצינסקין אין טשע־בעריאַקס דירע. טשעבעריאַקס שאַכנטע, דיאַקאָוונאַ, גיט אַ וויכטיקע דער־קלערונג. אין דעם טאָג פון דער דערמאָרדונג האָט זי געזען אַ גערודער, געהערט אַ ראַש און פאַרהילכטע געשרייען אין טשעבעריאַקס דירע. זי האָט געזען דורכשווינדנדיק אויך צוויי מאַנסלייט. שפּעטער, צווישן די אַרעס־טאַנטן, וואָס מע האָט איר געוויזן, האָט זי דערקענט לאַטישאַוון און סינ־גאַיעווסקין. שטעלט זיך אַרויס, אַז דער געהאַרגעטער יושצינסקי האָט געהאַט געוואוסט וועגן די גנייוועס פון דערדאָזיקער באַנדע. אין מאַי איז שוין געווען אָנגעקליבן גענוג באַווייזן, און בראַזול דערלאַנגט זיין באַוואוסטע מעלדונג. טשעבעריאַטשקע דערוועט, אַז מע האָט זי אָפּגענאַרט און איר אויפפירונג בייט זיך... פון דעם מאָמענט אָן טרעט זי אַרויס אַנטשלאָסן קעגן ביילסן... איר זון זשעניע און איר טאָכטער הויבן אָן אַ יאָר נאָך דער דערמאָרדונג צו דערציילן וועגן אַ אידן מיט אַ שוואַרצער באָרד, וואָס האָט געכאַפּט און אוועקגעשלעפּט אַנדריי יושצינסקי. נאָר באַלד נאָכדעם שטאַרבט פּלוצלונג זשעניע און איבער־צייגן זיך אין זיינע רייד איז אומעגלעך. ראַטעווענדיק זיך, גייט טשעבע־ריאַטשקע מיטן וועג, וואָס האָט אָנגעוויזן די פּראָקוראַטור. און דאָ ווערן גע־קניפּט פּעסטע... פאַרבינדונגען צווישן טשעבעריאַק, דעם פּראָקוראָר טשאַפּ־לינסקי און נאַציאָנאַליסט סאַווענקאָ. די פּריוואַטע אויספאָרשונג בראַזולס ווערט דערקלערט אַלס פאַלשע, זיינע באַווייזן פאַר ניט גענוגענדיק. באַווייזן זיינען געווען איבעריק אַף צו האַלטן העכער צוויי יאָר ביילסן אין טורמע, אָבער אַף אַריינצוזעצן אין טורמע טשעבעריאַטשקען זיינען אַלע באַווייזן געווען ניט גענוגענד. אין די רעזולטאַטן פון דער אויספאָרשונג האָט מען אפילו ניט געפּרואווט זיך איבערצייגן. דער אַזאַרט האָט שוין אַרומגענומען די פּראָקו־ראַטור און די העכערע געריכטלעכע מאַכט. אַוועקזעצן ביילסן אַף דער באַנק פון די באַשולדיקטע איז פאַר איר געוואָרן אַ פראַגע פון „האָנאָר", פּונקט ווי פאַר טשעבעריאַטשקען איז דאָס געווען אַ פראַגע פון ראַטעווען זיך. ס׳ווערן פאַרפירט פּראָצעסן קעגן מאַרגאָלינען[19], קעגן די צייטונגען, וועלכע האָבן געדרוקט בראַזולס נוסעך, קעגן קראַסאָווסקי און מישצוקן, וועלכע האָבן גע־האַט די כוצפּע זי כוישעד צו זיין.

די שוואַרצע מייעס האָבן זיך ניט באַנוגנט מיט אַריינשלעפּן אין זייער אַוואַנטיור די רוסישע יוסטיץ: זיי האָבן אויסגענוצט אויך די טריבונע פון דער גאָסודאַרסטווענער דומע. צוויי אָנפראַגן האָבן זיי אַריינגעטראָגן, און ביידע מאָל האָבן פון דער דומע־טריבונע געקלונגען פאַרן גאַנצן לאַנד די פּאָגראָם־רעדעס פון די זאַמיסלאָווסקיס[20], מאַרקאָווס און פּורישקעוויטשעס, אין וועלכע די אידן זיינען געוואָרן באַשולדיקט אין טרינקען דאָס בלוט פון קריסטלעכע קינדער. דעם ערשטן מאָל האָט די דומע באַלד אָפּגעוואָרפן די אָנפראַגע; באַם צווייטן מאָל אָבער איז דער שוואַרצער כעוורע געלונגען אַריבערצוציען אַף זייער זייט די אָקטיאַבריסטן[21]. און די דריטע דומע האָט באַגאַנגען דעם שענדלעכסטן טאַט און איבערגעגעבן די אָנפראַגע אין אַ קאָ־מיסיע זי צו באַטראַכטן...

III. די אידישע קלעריקאַל-נאַציאָנאַליסטישע רעאַקציע און די נאַציאָנאַל-דעמאָקראַטישע באַוועגונג.

12. דער צוזאַמענפאָר פון די ראַבאָנים אין פוילן.

(„דער ראַבאָנים-צוזאַמענפאָר אין וואַרשע“. „דער פריינד“, 1909, נומ. 2 און 3).

דעם 31 דעצעמבער האָט זיך אין וואַרשע געעפנט דער צוזאַמענפאָר פון די ראַבאָנים אין פוילן: אין צוזאַמענפאָר באַטייליקן זיך 150 ראַבאָנים, צווישן זיי אויך עטלעכע רעבעאים. אויסער פון פוילן, זיינען געקומען אויך אייניקע אַנדערע ראַבאָנים: פון וויטעבסק, נעזשין, בעלצי און אַנדערע.

איידער ס'האָבן זיך אָנגעהויבן די וואַלן אין פרעזידיום, איז געקומען צו א סיכסוך: עטלעכע ראַבאָנים האָבן פאָרגעלייגט, אַז די באַלעבאַטים, וואָס באַטייליקן זיך אין צוזאַמענפאָר, זאָלן קיין שטימרעכט ניט האָבן. באַליידיקט פון אזא פאָרשלאָג, האָבן זיך די באַלעבאַטים אויפגעהויבן און שוין געוואָלט אוועקגיין. ס'איז געוואָרן א טומל. נאָך הייסע וויקוחים איז געבליבן, אַז די באַלעבאַטים זאָלן יאָ האָבן שטימרעכט.

אין א קורצער רעדע האָט דער ערן-פאָרזיצער באַדאַנקט... פאַרן קאָוועד... און אָנגעוויזן אף דער גרויסער באַדייטונג פונם צוזאַמענפאָר.

מיר,—האָט ער געזאָגט,—האָבן זיכע געוועזן צו אַזאַ זאַך, וואָס אונזערע אָוועס אַוואויסיינו האָבן ניט געקאָנט דערגרייכן—צו א ראַבאָנים-צוזאַמענפאָר, וואָס דורך אים קאָנען מיר זיך פאַרייניקן אף אויפצוהויבן די טוירע און די עמונע, וואָס זיינען פאַר דער לעצטער צייט אַזוי געפאַלן. מיר באַדאַרפן דערום דאַנקבאַר זיין דער רעגירונג, וואָס האָט אונז געגעבן די דערלויבעניש דערויף, און האָפן, אז אויך אף ווייטער וועט אונז דער אויבערשטער העלפן געפינען כיין באַ דער רעגירונג.

נאָך דער רעדע האָט דער כאזן מיטן כאָר געזונגען „הנותן תשועה“ 22) און דעם פאָלקס-הימן. דערנאָך האָט זיך דער ערן-פאָרזיצער געווענדעט צו דער פאַרזאַמלונג מיט א פאָרשלאָג אָפשיקן אן אלאונטערטעניגסטע טעלעגראַמע צו זיין מאַיעסטעט דעם קייזער. דער פאָרשלאָג איז איינשטימיק אָנגענומען געוואָרן.

אף דער טריבונע איז ארויף דער קאַלישער ראָוו און פאָרגעלייענט אַף רוסיש דעם נוסעך פון דער טעלעגראַמע:

„פעטערבורג, דעם מיניסטער פון אינערן. דער נאָר וואָס געעפנטער ערשטער ראַבאָנים-צוזאַמענפאָר פון פוילן, וואָס שטרעבט אויפצוהויבן דעם מאָראַלישן און רעליגיעזן גייסט בײַ אידן, פאָרריכטענדיק א טפילע צו גאָט פון פאָלק איסראָעל וועגן גליק און געזונט פון זיין קייזערלעכן מאַיעסטעט און דער אלהעכסטער פאַמיליע, בעט געפעליגסט אייער וויסאָקאָפרעװאָסכאָדיטעל-סטװאָ אנידערצולייגן פאַר די טריט פון זיין קייזערלעכן מאַיעסטעט אונזער אלאונטערטעניגסטע געפילן און אומבאַגרענעצטע איבערגעגעבנקייט. זאָל זשע גאָט בענטשן מיט פרידן און בראָכע זיין געזאַלבטן, דעם אלהעכסטן מוישל פון רוסלאַנד צום גליק און פרייד פון אירע געטרייע זין".

די טעלעגראַמע איז אָנגענומען געוואָרן מיט שטאַרקע אַפּלאָדיסמענטן.

די צווייטע זיצונג... איז געווען זייער א שטורמדיקע.

נאָך קורצע דעבאַטן זיינען אָנגענומען געוואָרן די ערשטע דריי פונקטן פון פראָגראַם: 1) אַז יעדער ראָוו אין זיין שטאָט זאָל אין נאָמען פון דער גאַנצער אידישער געמיינדע האָבן דאָס רעכט אָנצוקלאָגן די מענטשן, וואָס באַליידיקן די אידישע עמונע, פונקט ווי די גייסטלעכע פון אַנדערע עמונעס; 2) אַז יעדער זאַך, וואָס איז נויגייע צו דער רעליגיאָן, זאָל שטיין אונטער דער האַשגאָכע פון דעם ראָוו; 3) אַז דער ראָוו זאָל מעגן אָנקלאָגן אין סוד מענטשן, וואָס פאַרקויפן טרייפע זאַכן, אנשטאָט קאָשערע.

מע איז אריבער צו באַטראַכטן דעם 4 און וויכטיקסטן פונקט פון פראָגראַם. אין דעמדאָזיקן פונקט רעדט זיך דערפון, אַז אין יעדער גובערניע זאָלן די ראַבאָנים דורך א געהיימער אָפּשטימונג אויסוויילן פון צווישן זיך א קאָמיסיע פון דריי ראַבאָנים און דריי קאַנדידאַטן צו זיי. דידאָזיקע קאָמיסיע באַדאַרף זיך צונויפקומען ניט ווייניקער ווי צוויי מאָל אין יאָר אַף אָרומצו-קלערן אלע רעליגיעזע און גייסטיקע פראַגן. די באַשליסונגען פון דערדאָזיקער קאָמיסיע באַדאַרפן האָבן די קראַפט פון א געזעץ פאַר דער גאַנצער גובערניע. די וויקוכים וועגן אָט דער פראַגע זיינען געווען זייער שטורמישע. עטלעכע ראַבאָנים האָבן אָנגעוויזן דערויף, אַז אַזאַ מאַכט האָבן ניט אַפילע די גייסט-לעכע פון אַנדערע עמונעס, און אַז אויך די רעגירונג וועט ניט איינגיין דע-רויף, אז די ראַבאָנים זאָלן באַקומען דאָס רעכט ארויסצוגעבן געזעצן בענויגייע אַפילע צו רעליגיעזע פראַגן. דער הויפט-טאַם פון די קעגנער איז אָבער געווען דער, אז דעמאָלט וועלן די גאַנצע דייע באַקומען די רעבעאים, און די ראַ-באָנים וועלן אינגאנצן פארלירן זייער זעלבשטענדיקייט.

דער פונקט איז סאַפּקאָלסאָף אראָפּגענומען געוואָרן פון טאגעס-אָרדענונג און ס'איז באַשלאָסן געוואָרן באטראכטן דאָס אַף דער צווייטער ראבאָנים-אסיפע.

אף דער זיצונג פון דער קאָמיסיע, וואו ס'איז באטראכט געוואָרן די פראגע וועגן קינדער-דערציאונג, איז געקומען צו א סיכסוך מיטן ראדזימער

רעבן. ער איז אַרויס מיט אַזאַ פֿאָרשלאַג: זיך מישטאַדל זיין באַ דער רעגירונג, אַז אַלע ביכער, וואָס ווירקן שלעכט אַף דער אידישער יוגנט, און זיינען ביכלאַל שעדלעך פֿאַר דער אידישער עמונע, זאָלן קאָנפֿיסקירט ווערן. נאָר דאָס ראָוו פֿון דער קאָמיסיע האָט אים אָנגעוויזן, אַז דאָס איז שוין צו פֿיל פֿאַרלאַנגט, אַז אַזעלכעס וועט מען ניט פּועלן. איז דער ראַדזימער רעבע אין קאַעס געוואָרן און פֿאַרלאָזן די זיצונג.

אַף דער אייגענער זיצונג זיינען אויך פֿאָרגעקומען שאַרפֿע וויקוכים וועגן אַנדערע דערציִאונגס-פֿראַגן. איינער אַ ראָוו האָט פֿאָרגעלייגט זען פּועלן באַ דער רעגירונג, אַז אין די „שקאָלעס" זאָל מען ניט אָננעמען קיין אידישע קינדער, ווייל דאָס פֿירט זיי אַראָפּ פֿון רעליגיעזן וועג. אַז אינגלעך זאָל מען לערנען נאָר אַף אַזוי פֿיל, וויפֿל זיי באַדאַרפֿן האָבן צום געשעפֿט, און מיידלעך זאָל מען גאָר ניט לערנען. קעגן דעם איז שאַרף אַרויסגעטראָטן רעב יעקעוזקל ליפּשיץ, וועלכער איז אַלע ווײַלע איבערגעריסן געוואָרן דורך געשרייען און געפּילדער.

דער פֿאָרזיצער פֿון דער קאָמיסיע... האָט פֿאָרגעלייגט גרינדן אין אַלע שטעט יעשיוועס... אַז אויסהאַלטן דידאָזיקע יעשיוועס זאָלן זיין מעכויעוו די גווירים, און אַרויסגעבן ספֿאָרים, געשריבן אין רעליגיעזן גייסט, וואָס זאָלן דערוועקן אידישקייט אין די הערצער פֿון דער אידישער יוגנט און פֿון האַמוין...

...אַף דער דריטער און לעצטער זיצונג, בעאייס ס'איז אַרומגעקלערט געוואָרן די פֿראַגע וועגן קאָשער עסן פֿאַר אידישע סאָלדאַטן, האָט דער סײַנער ראָוו גערעדט וועגן דעם, אַז דער צוזאַמענפֿאָר... באַדאַרף זיך אַרויסזאָגן, אַז קיין איד טאָר ניט וועלן אויסמיידן דאָס מיליטער-דינסט, וואָס ס'איז אַ הייליקער כויוו פֿאַר יעדן בירגער. געענדיקט האָט ער זיין רעדע מיט אַן אויפֿרוף גרינדן אַ ראַבאָנישע צייטונג און שוין אָנהויבן גרייטן זיך צום צווייטן ראַבאָנים-צוזאַמענפֿאָר.

אַף דער אָוונט-זיצונג האָט איינער אַ ראָוו אָנגעוויזן דערויף, אַז אַף די קאָנצערטן, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן דורך די צעדאָקע-כעווורעס, טאַנצן יונגעלייט מיט מיידלעך. מע דאַרף אַלזאָ בעטן די רעגירונג, אַז באַם דערלויבן אידישע צעדאָקע-כעווורעס זאָל זי שטעלן אַ טנאַי, אַז אַף מאַכן אַ קאָנצערט זאָל יעדע כעווורע באַדאַרפֿן האָבן אַ דערלויבעניש פֿון ראָוו. דער פֿאָרשלאַג איז ניט אָנגענומען געוואָרן.

דעם 1 יאַנוואַר... האָט זיך דער צוזאַמענפֿאָר געענדיקט.

13. די ראַבאָנים-דעפּוטאַציע באַ סטאָליפּינען.

(לויטן טעלעגראַפֿישן באַריכט אין „היינט", 1910, נ״מ. 65).

דינסטיק באַטאָג איז די דעפּוטאַציע פֿון דער ראַבאָנים-קאָמיסיע[23] און ראַבאָנים-צוזאַמענפֿאָר אויפֿגענומען געוואָרן אַף אַ אודיענץ דורכן פּרעמיער-

מיניסטער סטאָליפּין... די דעפּוטאַציע איז באַשטאַנען פון 6 מיטגלידער פון דער ראַבאָנים-קאָמיסיע... און דריי מיטגלידער פונם ראַבאָנים-צוזאַמענפאָר: באראָן דאוויד גינזבורג[24]), מאָסקווער ראַבינער י. מאַזע[25]) און לייזער פּאָ-ליאַקאָוו.

...צו דער באַשטימטער צייט, פונקט האלב פיר באַטאָג, זיינען שוין אלע מיטגלידער פון דער דעפּוטאַציע געווען אין אינערן-מיניסטעריום, אָבער זיי האָבן געוואַרט אין אויפנאַם-צימער גאַנצע $2^1/_2$ שאָ צייט. ערשט האלב זעקס איז סטאָליפּין ארויס צו זיי.

נאָכן פאָרשטעלן די דעפּוטאַציע קומט פאָר אַזאַ געשפּרעך צווישן סטאָליפּינען און דעם פאָרזיצער פון ראַבאָנים-צוזאמענפאָר. סטאָליפּין: — ווי גייט עס די אַרבעט? „אויסגעצייכנט"—ענטפערט דער באַראָן.—איר האָט שוין עפּעס באטראכט אַסאַך פראַגן?—פרעגט סטאָליפּין ווייטער. „דערווייל,—ענט-פערט דער באַראָן, — האָבן מיר באַטראַכט נאָר איין פראַגע וועגן ראַבאָנים".

—וואָס איז דאָס, אין דער פראַגע וועגן ראבאָנים זיינען פאראן בײַ אייך צווי שטרעמונגען? ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז איר האָט צווי מינע ראַבאָנים: קאַזיאָנע און דוכאָוונע. — „אַלע מיטגלידער פון צוזאַמענפאָר, — ענטפערט דער באַראָן,—באַציִען זיך מיט גרעסטן קאָוועד צו די דוכאָוונע ראַבאָנים".

— די דוכאָוונע ראַבאָנים,—זאָגט סטאָליפּין, — זיינען דורך דער רעגירונג ניט אנערקענט און מע לאָזט זיי גלאט אַזוי עקזיסטירן.

...נאָכפרעגנדיק זיך וועגן די באַשלוסן פון צוזאַמענפאָר, זאָגט פּאָליאַ-קאָוו צו סטאָליפּינען: „מיר בעטן באשטעטיקן די באשלוסן פון צוזאמענ-פאָר", אָף וואָס סטאָליפּין ענטפערט: „מיר וועלן זיי באטראכטן, מיר וועלן זיך מיט זיי באקאָנען, מיר וועלן זעען. פיל זאכן, וועלכע זיינען פאר אונז ביז איצט געווען אומפארשטענדלעך, וועט קלאָר ווערן; איך וועל זיך באַציִען צו דער אַרבעט פון צוזאמענפאָר מיט אויפמערקזאמקייט".

דערנאָך ווענדעט זיך סטאָליפּין צום באראָן גינזבורג מיט דער פראַגע, אויב די אַרבעט פון צוזאמענפאָר גייט אין די גרעניצן פון דער באשטעטיקטער פראָגראַם און מע פארנעמט זיך ניט מיט קיין פּאָליטיק. באַראָן ד. גינזבורג ענטפערט, אַז די ארבעט ווערט געפירט אין די גרענינצן פון דער פראָגראַם, אָף וואָס סטאָליפּין זאָגט: „איך בין געווען זיכער אין אייך, איך האָף, אַז ס'וועלן ניט פאָרקומען קיין אָפּנויגונגען אָן אַ זייט פון דער פראָגראַם".

בישאַס דער אויפנאַמע האָט זיך דער פאָרזיצער פון דער ראַבאָנים-קאָמיסיע, דער קישענעווער ראָוו צירעלסאָן געווענדעט צו סטאָליפּינען מיט אַ רעדע, אין וועלכער ער זאָגט: „מיר זיינען גערירט פון דעם קאָוועד, וואָס איר האָט אונז באוויזן, געבענדיק די מעגלעכקייט פּערזענלעך אויסצודריקן אונזער טיפע דאנקבארקייט דער רעגירונג, וועלכע וויל אונטערשטיצן דאָס גייסטיקע און מאָראַלישע לעבן פון אידישן פאָלק. דידאָזיקע נויטיקע באַציאונג פון דער רעגירונג,—זאָגט צירעלסאָן,—שטאַרקט אונז אין אונזער האָפענונג, אַז מע וועט איינגיכן פאַרבעסערן אויך די מאטעריעלע לאגע פון אונזער פאָלק, אין וואָס מיר נויטיקן זיך זייער. מיר האָפן, אַז די אָפּנהערציקע און פרוכט-

באַרע ארבעט פון צוזאמענפאָר פון די ראבאָנים, וועלכע זיינען דורכגעדרונגען מיט אלאונטערטעניקסטע געפילן, וועט מיטווירקן צו פארווירקלעכן אונזערע האָפענונגען.

אַף צירעלסאָנס רעדע האָט סטאָליפין געענטפערט: „די אידן האָבן זיך אליין פיל געשאדט, זיי האָבן איבערגעלאָזט טרויעריקע זיכרוינעס. דער „בונד"[26]) און אנדערע אידישע פארייגען האָבן דער רעגירונג פיל שלעכטס געטאָן. אויב די אידן וועלן דערציען זייערע קינדער אין גייסט פון דער טוירע און אין טרייהייט צום טראָן, וועט מיט דער צייט דער שלעכטער איינדרוק פארגעסן ווערן, און ס'קאָן זיין, מיט דער צייט וועט מען וועגן דער פראַגע אנדערש אָנהויבן צו טראַכטן".

באַראָן גינזבורג באמערקט: „אַלע פעלקער פון רוסלאנד האָבן זיך דאָך באטייליקט אין דער רעוואָלוציע. אידן זיינען פאראן אין רוסלאנד סאכאקל 6 מיליאָן, ס'זיינען אויך דאָ „אומגלויביקע". אידן לעבט זיך שלעכט, און אום צו זאָגן זיי: „זייט גוטע", דארף מען צוזאָגן, אז דערפאר וועט זייער לאגע בעסער ווערן".

אַף דעם באַראָנס באמערקונג גיט סטאָליפין דעם פאָלגנדן ענטפער: „קיין היסכאַיוועס קאָן איך ניט געבן, ניט ערשט און ניט אַף דער צו-קונפט"...

דערנאָך גיט סטאָליפין די האנט דעם באַראָן גינזבורג און פאָליאַקאָוון, פאר די איבעריקע פארנויגט ער זיך און גייט אַרויס פון קאַבינעט.

די אויפנאמע מיט די רעדעס האָט געדויערט 10 מינוט.

14. אידישע שווארצמייעניקעס אין אָדעס.

(אַן עכט-אידישע סעקציע. „דער פריינד", 1909, נומ. 225).

איינער אַ גאבע פון אַן אָדעסער בייסמעדרעש האָט היינטיקן יאָמים-נוראָים אנטדעקט אַ געהיימען מיניען און האָט וועגן דעם מודיע געווען דעם אָרטיקן „גאבאים-סאָוועט", און דער לעצטער—דער פאָליציי. פון דער פאָליציי-אישער אויספאָרשונג האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אז דער ניט דערלויבטער מיניען געפינט זיך אין כיידער פון איינעם ש. קעניס. בעאייס ערעוו יאָם-קיפער איז אַהין אָנגעקומען פּאָליציי, האָט זי דאָרט געפונען אַן ערעך 40 מיספאלעלים... זיי האָבן דערקלערט, אַז פאָלגנדיק מוישע קעניסעס „לערע", וואָס פריידיקט — גלויבן אין גאָט, איבערגעבנקייט צום אלהערשנדן קייסער און ליבע צו רוסלאנד אלס פאָטערלאנד, האָבן זיי נאָך אין יאָר 1905 זיך פאראייניקט ארום אים אין אַ כעוורע און זיינען מיספאלעל צו גאָט פאַרן קיי-סער און פאר דער רעגירונג. דערציענדיק אין גייסט פון ליבע צום קייסער און פאָטערלאנד דעם אונטערוואקסענעם דאָר, האָבן זיי באשלאָסן דאוונען אין דעמדאָזיקן כיידער. אין שאבאָסים, יאָנטויוים און טאבעל-טעג[27]) קלייבן זיך זייערע קינדער און אייניקלעך צונויף אין כיידער אַף מיספאלעל צו זיין.

טוירע האָבנדיק פאר דער רעוואָלוציאָנערער אידישער יוגנט, פלעגן זיי זיך אין די ערשטע דריי יאָר צונויפקלייבן דאָרט בישטיקע. נאָך דעם, אַז טאָלמאַטשאָוו [28] איז געוואָרן גראדאנאטשאלניק און ס'איז אויך אָנגעקומען אַ נייער פּאָליצמייסטער, האָבן זיי פאַראיאָרן אין אווגוסט דערלאנגט אַ באַקאָשע וועגן לעגאליזירן זייער כעוורע. דערוואוסט זיך, אַז אזוינע באקאָשעס, וואָס קערן זיך אָן מיט אידישע אָנגעלעגנהייטן, ווערן צוגעשטעלט דעם ראַבינער, האָבן זיי זיך דורך זייער פאָרשטייער מוישע קעניס געווענדעט וועגן דעם צו אווינאָוויצקין. דערויף האָט אווינאָוויצקי אים געענטפערט, אַז אַזאַ כעוורע וועט אַרויסרופן אַ בונט צווישן די אידן. באקומען אַזאַ ענטפער, האָבן זיי באשלאָסן וואָס ס'זאָל ניט זיין עפנטלעך צונויפקלייבן זיך און מיספּאלעל זיין פאַר דעם קייסער און פאָטערלאַנד. לעיעסער ביטאָכן האָבן זיי אָף די פענסטער פון כיידער אויפגעהאנגען אַ צעטל „אַ כעוורע מיספּאלעלים פאַרן קייסער און פאָטערלאַנד“.

15. די אידישע בורזשואַזיע זוכט זיך איינצוקויפן באַ די קלייקוידעש.

(פון ג. ב. סליאָזבערגס [29] פאַרטראַג אַפן שלוס-רעדע אפן קאָוונער צוזאַמענפאָר [30], סטענאָגראַפישער באריכט, ז. ז. 28—30 און 135).

(איבערזעצט פון רוסיש).

...ס'ווערט אלץ מער און מער אַזעלכע אידן, וועמען עס פאַרבינדט מיטן אידנטום דער מאָמענט פון געבאָרן ווערן, ווען מע דאַרף האָבן אַ מעטריקע פון ראָוו, און דער מאָמענט פון טויט, ווען מע דאַרף האָבן אַן אָרט אַפן אידישן בייס-אַלמען, ווייל אַף קיין אַנדערן קאָן מען ניט מעקאַבער זיין; די גאַנצע צווישן-צייט איז פארפילט מיט פולקומען אינדיפערענטיזם... ביז וואַנען מיר אמפערן זיך און מיר מאכן שאַלעס, ביז וואַנען מיר קלערן וועגן דעם, ווי אַזוי איינצואָרדענען זיך, שווימט אַוועק דאָס אידנטום; עס בלייבן איבער אידן, די אידישע באפעלקערונג, דאָס, וואָס די דייטשן רופן אָן אידנהייט, און דאָס אידנטום פאַרשווינדט. ראַבויסאַי! איז עס דען ניט טרויעריק, אַז ווען מיר דארפן האָבן אַ ראָוו, געפינען מיר אים ניט? איז עס נאָרמאַל, אַז מענטשן, וועלכע וואָלטן וועלן געבן זייערע קינדער אַ דערציאונג אין אידישן גייסט, קאָנען ניט געפינען קיין לערער? איז עס נאָרמאַל, אַז פיל פון אונז, וואָס זייערע סימפּאַטיעס, זייערע גייסטיקע שטרעבונגען צום אידנטום זיינען אויסער שום סאָפעק, זיינען פרעמד דער פאַרגאַנגענהייט פון אידנטום, זייען פרעמד דעם גייסט פון אידנטום? און אָט דעם גייסט קאָן מען ניט צוגעבן אַ געוואלטיקע באַדייטונג, אין אָט דעם גייסט זע איך אַ גאַראַנטיע אויך פון אונזער רעטונג אין דער צוקונפט, ווי ער איז עס געווען פאַר אידנטום אין דער פאַרגאַנגענהייט. דאָס נאַציאָנאַלע זעלבסטבאַוואוסטזיין, אָן דעם דורכדרינגען זיך מיטן גייסט פון דער פאַרגאַנ-

געַנהייט, מיטן מעהוס פונם אידנטום, בלייבט אַ פוסטער קלאנג; דאָס הייסט זיין צוגעשריבן צו דער נאציע און ניט בעעמעס גייסטיק אָנגעהערן צו איר. ס'קומט אויס צו קאָנסטאטירן מיט ביטערקייט, אַז די מענטשן, וואָס וואָלטן געקאָנט שעפן אינם אידנטום קויכעס אין דער שטרעבונג צום אידעאַל, קענען אים ניט. און זיינען מיר דען אַליין ניט שולדיק אין דעם, וואָס אונזערע קינדער זיינען פרעמד דעם אידנטום, זיינען מיט אים ניט באַקאנט? לאָמיר זיך פרעגן, וואָס האָבן מיר געטאָן, קעדיי אונזערע קינדער זאָלן ליב באַקומען אונזער אָוואר, אונזער כאָכמע, — דעם גייסט פון אידנטום? אונזערע קינדער קאָנען נים אליין צונויפקלייבן דאָס, וואָס אונזערע טאטעס און זיידעס האָבן אָנגע-זאמלט פון אונזערע ספאָרים... אָבער וואָס האָבן מיר, די היטער פון דעם, וואָס איז שוין אויפגעזאמלט געוואָרן, וואָס האָבן מיר געטאָן, קעדיי איבערצוגעבן דאָס די קינדער? וואָס האָבן מיר געטאָן, קעדיי די געזעלשאַפט, צווישן וועלכער מיר וואוינען, קעדיי אונזער רעגירונג זאָל האָבן אַ געוויסע פאָרשטעלונג וועגן דעם עכטן גייסט פונם אידנטום? מיר ריידן אַלע וועגן נאַציאָנאלע אינטערעסן, מיר גייען זיך פאנאנדער אין די פראגראמען, אָבער וואָס האָבן מיר אלע צוזאמען געטאָן, קעדיי אונזער נאציאָנאל פארמעגן—דער גייסט פון אידנטום—זאָל בעעמעס ווערן דאָס אַלגעמיין פאר-מעגן פון די אידן? ווייסן דען אַ סאך פון די אידן-אינטעליגענטן, וועלכע זיינען דורכגעגאנגען אַ הויך-שול, וואָס ס'איז אַזוינס געמאָרע?

...איך אַכט יעדע רעליגיעזע איבערצייגונג, און ניט פון מיר קאָנען ארויסגיין פאָרוואורפן אין אָפּשוואכן די רעליגיעזע שטימונג צווישן אידן. אָבער מוז דען צוזאמען מיטן שוואַכער ווערן פון אַט דער שטימונג ברייטער ווערן דער טהאָם צווישן די אָרטאָדאקסאַלע און די ניט-אָרטאָדאָקסאלע אידן?...

...איך בין אַ מיטגליד פון דער ווירטשאַפט-פאַרוואלטונג פון דער פע-טערבורגער שול, און איך פאַרזיכער אייך, אַז די מערהייט זיינען דאָרט ניט קיין אָרטאָדאָקסן, אָבער מיר זיינען דאָרט אַלע אידן. און זאָגט, צי פירן מיר ניט דורך אַלע אף די זיצונגען, ניט קוקנדיק אף די קנאַפּקייט פון די מיטלען, די פראַגן וועגן איינהאַלטן די מיקווע און וועגן די אנדערע באדער-פענישן פון דער רעליגיע, האַגאַם באַ אונז איז קיין קאראָבקע[31]) ניטאָ? ניט שוין וועלן ניט זאָגן אַסאך איידעס, אז גראָד איך בין באשטאנען אף דעם, אַז פעטערבורג זאָל האָבן (נאָך 13 יאָר) אַ ראָוו? איר זעט, מיינע הערן, אַז אויב איר האָט צוגעלאָזט צו אָט דער יעפּאס-טויער ניט קיין ארטאָדאָקסן, האָבן זיי זי ניט פאַרדאָרבן, זיי זיינען מיטגעריסן געוואָרן פון איר שיינקייט. האָט קיין מוירע ניט, אז אויב אין אייערע באָטיי-מעדראָשים וועלן קומען מענטשן ניט צום דאַוונען (ווייל מיר קאָנען קיינעם ניט צווינגען דאַוונען), נאָר סטאם אידן, מענטשן, דערוואַרימטע מיט אַ אידיש געפיל, מיט אַ אידיש הארץ, וועלן קומען אַהער, קעדיי צוזאַמען מיט אייך אַרומגיין ארום אָט דער יעפּאס טויער,—האָט קיין מוירע ניט, אַז זי זאָל ניט פאַרדאָרבן ווערן...

16. די בונדיסטן אפן קאָווגער צוזאמענפאר.

(רעדע פונם רעלעגאט פון ווילנע, מ. י. גאלדמאן (ליבער) 32). סטענאגראפישער באריכט, ז.ז. 178—180).

איך מיין, אַז גאָר אומזיסט האָט הענריך באָריסאָוויטש (סליאָזבערג) געפרואווט שילדערן די פראַגע וועגן אָרגאַניזירן די אידישע קעהילע, די אידישע זעלבסטפאַרוואלטונג, ווי אַ פראַגע פון אידישן קולט, שילדערן זי, ווי א פראַגע, וועלכע איז אַזוי ווייט זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז דער צווייפל אין איר נעמט אָפּ באַ ה. ב. דעם שלאָף, ווי אַ צו אַפּיקאָרסישער געדאנק, וואָס שטרעבט אָפּצוטיילן די רעליגיעזע אויפגאַבן פון די איניאָנים פון דער קעהילע-פאַרוואלטונג. ה. סליאָזבערג דאַרף וויסן, אז אלע אָרגאַנען פון דער קעהילע-פאַרוואלטונג עקזיסטירן קלאַל ניט צוליב די באטיי-מעדראשים. אַף וויפל ס'האנדלט זיך וועגן פאַרוואלטן מיט ריין-וועלטלעכע איניאָנים, וועגן פאַרוואלטן מיט אַ גאַנצער ריי ווירטשאַפטלעכע פונקציעס, זיינען אין זיי פאַרינטערעסירט אלע מיטגלידער פון דער קעהילע. אָבער דער עלעמענטאַרער פּרינציפּ פון געוויסן-פרייהייט פאַרלאַנגט, אַז דאָס פאַרוואַלטן מיט די רעליגיעזע איניאָנים זאָל זיך ניט געפינען אין די הענט פון די, וועלכע האבן ניט קיין דירעקטע שאיכעס צו דער רעליגיע. ס'איז קלאָר, אַז אין דער קעהילע זיינען פאַראַן צוויי געביטן, וועלכע מע קאן בעשום אופן ניט צונויפמישן אין איינעם. איר זעט, אַז די פראגע, וועלכע ס'האָט דאָ אוועקגעשטעלט ה. סליאָזבערג, איז שוין גאָר ניט אַזא עלעמענטאַרע, און איך בין איבערצייגט, אז ה. סליאָזבערג, ווי עפשער די מערהייט מיטגלידער פון אָט דער באַראַטונג, ווען זיי זאל אויסקומען צו באהאַנדלען אָט די פראגע אין די אלגעמיין-מעלוכישע אנשטאלטן, וואָלטן געזאָגט: „ווי קאָן מען צונויפמישן אן אָרגאניזאציע צום פארוואלטן מיט וועלטלעכע איניאָנים מיט אַן אָרגאן, וואָס פאַרוואלט מיט רעליגיעזע איניאָנים? דאָס הייסט דאָך ברעכן די געוויסן-פרייהייט". איך מיין: די עלעמענטארסטע פאָדערונג פון דער גערעכטיקייט איז אָפּהיטן די אינטערעסן סאַי פון די, וועלכע האלטן פאַר נויטיק צוליב דער אידישער רעליגיע אונטערשטיצן ספעציעלע טפילע-אנשטאלטן, סאַי פון די, וואָס דארפן האָבן די קעהילע-זעלבסטפארוואלטונג צוליבן פארוואלטן מיט א גאנצער ריי קולטור-פונקציעס, וועלכע האָבן ניט קיין דירעקטע שאַיכעס צו דער אידישער רעליגיע. איר ווייסט, אַז אַלע ווייזן אַרויס אַ שטרעבונג אָפּצוטיילן די פאָלקסבילדונגס-פראגע פון די פראגן מיט אַ רעליגיעזן כאַראקטער. דערפאַר זיינען אויך פולקום פאַרשטענדלעך די שטרעבונגען פון די אידן אָפּצוטיילן די אויפקלערונגס-אויפגאבן, וועלכע וועלן זיך איינגעפינען אין דער קאמפעטענץ פון דער קעהילע, פון דער פאַרוואלטונג מיט די דירעקט-רעליגיעזע איניאָנים. איך מוז זאָגן, אז איך בין אַ פרינציפיעלער אָנהענגער פון שאפן אַ הארמאָנישע קעהילע-ארגאַניזאציע מיט צוואנג-יעסוידעס. אָבער איך קאָן ניט דערלאָזן, אַז ס'זאָל געגרינדעט ווערן אזא קעהילע, וואָס זאָל האָבן דאס רעכט צו פאַרוואלטן מיט אַלע וועלט-

לעכע און קולטור-אנשטאלטן, זייענדיק אויסגעוויילט אַפן קאָנפעסיאָנעלן *) פרינציפ. מע מוז איינשטעלן דעם גרונט-פרינציפ פון אָפטיילן די קעהילע-אָרגאניזאציע, ווי אַ זעלבסטפאַרוואלטונגס-אָרגאַן, פון די רעפאָרמירטע רעלי-גיעזע באַטיי-מעדראָשים.

דאָס זיינען צוויי גאנץ זעלבשטענדיקע פראגן, און איך מיין, אַז דער צוזאמענפאָר קאָן ניט אנעמען אָן דעבאטן די טעזיסן, וועלכע ה. סליאָזבערג האָט פאָרגעלייגט. איך בין אויך זיכער, אז דעם צוזאמענפאָר דארף ניט באפאלן קיין איימע פונם געדאנק וועגן דעם, אז די אָרגאניזאציע פון דער קעהילע-זעלבסטפאַרוואלטונג מיט די איניאָנים פון ווירטשאפט און קולטור קאָן אָפגעטיילט ווערן פון די ריין-רעליגיעזע איניאָנים.

17. די בונדיסטן וועגן דער פאלקס-שול.

(רעדע פון מ. ג. ראפעס אַף דער באראטונג פון „מעפיצי-האסקאלע". „וועסטניק פון מעפיצי האסקאלע" [33]), 1911, נומ. 6, ז. 20—22; „די נייע שטימע", יון, 1911, ז. 10).

צו באַהאנדלען די פראַגע וועגן דער אידישער פאָלקס-שול גייט מען דאָ צו שמאָל. מע מוז פאַרבינדן די פראגע וועגן דער אידישער שול מיט דער פראגע וועגן דער אַלגעמיין-רעכטלעכער לאַגע פון די אידן אין רוסלאנד. די בילדונגס-געזעלשאפט האָט זיך לאכלוטן ניט באטייליקט באַם באהאַנדלען די פראַגע וועגן דער פאָלקס-שול אין דער מעלוכע-דומע, און ביכלאל האָט די גאנצע אידישע באַפעלקערונג עפעס ניט אַרויסגעוויזן קיין אינטערעס דערצו.

דעם רעדנערס פאָרשטעלונגען וועגן דער פאָלקס-שול גייען זיך אבסאָלוט פאַנאנדער מיט דעם פאָרטרעגערס פאָרשטעלונגען. דער רעדנער מיינט, אז די שול דאַרף זיין געבויט אַפן נאציאָנאלן פרינציפ, דארף זיך געפינען אין רעשוס פון די ארגאַנען פון דער נאציאָנאלער זעלבסטפאַרוואלטונג, ד. ה. פון דער נאציאָנאל-קולטורעלער אווטאָנאָמיע.

די כילוקע-דייעס באַשטייען אין דעם, וואָס די אידישע פאָלקס-שול דארף מיט זיך פאָרשטעלן, וועלכע צוועקן זי דארף פאַרפאָלגן. אין דער מעלוכע-דומע, באַם באהאַנדלען דעם געזעץ-פראיעקט וועגן דער אלגעמיינער בילדונג, האָט די אָפאָזיציע מיט פולקאם רעכט אפגעוואָרפן אלע בייצוועקן פון דער שול. אויב האַלטן זיך באַ דעם זעלביקן קוק, דארף זיך די אידישע שול אויך ניט שטעלן פאַר א צוועק די נאציאָנאלע דערציאונג; די פאָלקס-שול דארף זיין, ווי באַ אלעמען, א נאַטירלעכער פּראָדוקט פון דער נאציאָנאלער סוויווע. אויב אָבער זי וועט זיך אוועקשטעלן אזא צוועק, וועט זי אומפארמיידלעך איינשליסן אלערליי טאָפל-עלעמענטן פאר דער פאָלקס-שול: אַ שטייגער, די רעליגיעזע דערציאונג, לאָשן-קוידעש אוקדוימע. די אי-

*) רעליגיעזן.

דישע שול דארף זיין אַ פּראָדוקט פון דער סוויווע און אַ נאציאָנאלע לויטן מעהוס. און אַזא וועט זי זיין נאָר אין דעם פאל, אויב זי וועט זיין געבויט אַף דער פאָלקס-שפּראַך. און דאס פאָלק — 97 פּראָצ. פון אים — רעדט אַף אידיש. דאָס איז ניט קיין ארגומענט, וואָס דערווייל איז אזא שול אוממעגלעך. צום זיג פון אָט די פּרינציפּן דארף מען שטרעבן, צו אַזא שול דארף מען זיך איצט גרייטן. די אויפגאבע פון דער בילדונגס-געזעלשאפט איצט דארף זיין צוגרייטן די באַדינגונגען צו אַזא שול: ארויסגעבן לערנביכער, שאפן אַ קאדר לערער.

דער רעדנער זאָגט זיך נאָכדעם קאַטעגאָריש ארויס קעגן דעם קאָנפעסיאָנעלן עלעמענט אין דער שול. דער צוועק, וועלכן דער פאָרטרעגער שטעלט זיך מיט דערמיט — דאָס פאַרניכטן דעם כיידער,— וועט אזוי ארום ניט דערגרייכט ווערן... שטעלנדיק זיך פאַר א צוועק אוניטאַרישקייט, דאָס פאַרייניקן שול און כיידער, קומט מען אומפאַרמיידלעך צום אריינברענגען רעליגיע אין דער שול. אָבער דאָס וועט סאַי ווי ניט באַפרידיקן די בעעמעס רעליגיעזגעשטימטע. די, וועלכע טראָגן אריין אין די היינטוועלטיקע שולן דעם קאָנפעסיאָנעלן עלעמענט, דענקען ניט די אידישע נאַציאָנאַליטעט אָן רעליגיע, ווייל זיי גלויבן ניט אין די זעלבשטענדיקע נאַציאָנאַלע שאַפונגס-קויכעס פונם פאָלק. אָט דאָס אַלץ בינדט זיך ניט מיטן פּראָגרעסיוון געדאַנק און מוז אָפּגעוואָרפן ווערן. עמעס, די ברייטע מאַסן ווילן דאַפקע א קאָנפעסיאָנעלע שול, אָבער בא די פּאָליאַקן, לעמאָשל, האַלט דאָך די צוגעבונדנקייט פון די פאָלקס-מאַסן צום קאטאליציזם ניט אָפּ די פּראָגרעסיווע עלעמענטן פון צו פאָדערן אָפּטיילן די רעליגיע פון דער שול.

דער רעדנער זאָגט זיך נאָכדעם אויך ארויס קעגן לערנען אין דער פאָלקס-שול העברעאיש און טאַנאַך. העברעאיש דאַרף געלערנט ווערן ניט אין דער אָנפאַנגס-שול, נאָר אין דער מיטל-שול. ס'איז דאָסזעלבע, וואָס לאַטיין,— א טויטע שפּראַך, באַזונדערס פון פּעדאַגאָגישן שטאַנדפּונקט. העברעאיש איז נויטיק ניט אַף דער אַרענע פון געזעלשאַפטלעכן קאַמף, נאָר פאַר קולטורצוועקן, און מע קאָן זיין א גוטער איד און ניט קענען קיין העברעאיש...

דער רעדנער לייגט פאָר אזא רעזאָלוציע וועגן דער פּראגע *):

„נאָך דער באטראכטונג פון דער פראגע וועגן נאָרמאלן טיפּ פון דער פאָלקס-שול געפינט די בעראַטונג, אז קעדיי צו באַפרידיקן די באדערפעניש פון די ברייטע מאסן פון אידישן פאָלק אין עלעמענטארער בילדונג, איז וויכטיק, ס'זאָל באשאפן ווערן אן אומזיסטע און אָבליגאטאָרישע אידישע פאָלקס-שול, וואָס זאָל אויסגעהאלטן ווערן אפן כעשבן פון דער מעלוכע און זאָל זיך

*) דיראַזיקע רעזאָלוציע האָבן די רעדלפירער פון דער כעווורע „מעפיציי-האסקאָלע“ געהאלטן פאר אזא טרייף-אַפּיקאָרסישע, אז ניט נאָר זיי האָבן זי ניט געשטעלט צו דער אָפּשטימונג אף דער בעראטונג, נאָר זיי האָבן זי אפילע ניט פארעפנטלעכט אין באריכט פון דער בעראטונג. די רעזאָלוציע האָט פארעפנטלעכט די כאווערטע מ. פרומקינא־עסטער אין ארטיקל „פאָלקס-אויפקלערונג אָדער פאָלקס-פארפינסטערונג“ אין בונדישן זאמל-בוך „די נייע שטימע“.

געפינען אין רעשוס פון די אידישע נאציאָנאַל-קולטורעלע זעלבסטפאַרוואַל-טונגס-אָרגאַנען.

דידאַקטיקע שול דאַרף געבויט זיין אף די פאָלגנדע יעסוידעס:

1. פון שול-פּראָגראַם דאַרף אויסגעשלאָסן ווערן דאָס קאָנפעסיאָנעלע עלעמענט.

2. אין דער פאָלקס-שול ווערן אונטעריכטעט: אידיש, רוסיש (דאָרט, וואו ס'פאָדערן די אָרטיקע באַדינגונגען, פּויליש), עלעמענטאַרע מאַטעמאַטיק, געאָגראַפיע, אידישע און אַלגעמיינע געשיכטע, נאַטורוויסנשאַפט, זינגען, צייכענען און גימנאַסטיק.

3. אַלע געגנשטאַנדן פון שול-פּראָגראַם אין מעשעך פון אַלע אונטעריכטס-יאָרן, אַכוץ דער רוסישער שפּראַך, וואָס ווערט אונטעריכטעט אין רוסיש (און פּויליש—אף פּויליש), ווערן אונטעריכטעט אף אידיש און אַנטשפּרעכנד דעם לעבנס-אַרט און קולטור פון אידישן פאָלק.

4. מיידלעך און אינגלעך לערנען אין דער שול צוזאַמען.

שטרעבנדיק צו באַשאַפן אַזאַ אידישע נאָרמאַלע שול, דאַרף די כעווּרע „מעפיצײ האַסקאָלע", אין פאַרזאָן פון אירע צענטראַלע און אָרטיקע אָרגאַנען, זאָרגן, ס'זאָלן באַשאַפן ווערן די נויטיקע באַדינגונגען פאַר דער אָרגאַניזאַציע און עקזיסטענץ פון אַזאַ נאָרמאַלער אידישער שול:

1. אַרויסגעבן לערנביכער (און סובסידירן פּריוואַטע אויסגאַבן) אף אידיש פון אַלע געגנשטאַנדן פונם אָנגעוויזענעם שול-קורס.

2. פאַרבאַרייטן לערער און לערערינס, וואָס וואָלטן געקאָנט אונטעריכטן אין דער אָנגעוויזענער אידישער שול.

3. וואו ס'איז מעגלעך, גרינדן אידישע מוסטער-שולן פונם אָנגעוויזענעם נאָרמאַלן טיפּ.

18. א אידישער „דעמאָקראַט" אין קאַמף פאַר קלעריקאַליזם.

(רעדע פון ש. מ. גינזבורג 34) אף דער באַראַטונג פון „מעפיצײ האַסקאָלע" „וועסטניק", 1911, נומ. 6, ז. 40—41).

זאָגן, אַז די קעגנער פון ה. ראַפּעפּאָרט מיינונגען, איבערגעבנדיק זייערע אַנשויאונגען, מאַכן קלוימערשט אויך א „דעמאָנסטראַציע", וואָלט הייסן שפּילן זיך מיט ווערטער. מיר זיינען זיך דאָ צונויפגעקומען, קעדיי צו באַהאַנדלען און, ווי מעגלעך, פאַרגרינגערן די דרינגענדיקע היצטאַרכעסן פון דער אידישער שול; ה. ראַפּעפּאָרט אָבער לייגט אונז פאָר פאַרנעמען זיך מיט באַהאַנדלען און פּראָקלאַמירן דעם טיפּ פון דער אידישער שול, וועלכער קאָן פאַרווירקלעכט ווערן, לויט זיין אייגענער מיינונג, נאָר אין דער גאָר ווייטער צוקונפט, ד. ה. מאַכן א פּאָליטישן זשעסט. איך מיין ניט, אַז אף א פאַרזאַמלונג פון פּראַקטישע טוער, וועלכע זאָרגן וועגן די דרינגענדיקע באַדערפענישן פון דער אידישער שול, זאָל אַזא פאָרשלאָג קאָנען באַנעגענען מיטגעפיל. עמעס, ניט

באגרעניצנדיק זיך מיטן פראָקלאמירן דעם פּרינציפּ פון א שול פאר דער
ווייטער צוקונפט, לייגט אונז ה. ראפעס פאָר אויך א סכעמע פון מאיסים פאר
דער געגנוואַרט. זיין סכעמע איז גאנץ איינפאך: צוגרייטן לערנביכער און א
פעדאגאָגישן זשורנאל פאר דער צוקונפטיקער שול און ארויסוואַרפן דערווייל
פון דער היינטיקער אידישער שול טאנאך און העברעאיש, פארבייטנדיק דאָס
אלץ מיט אידיש אליין. מיך, דעם גרינדער פון ערשטן טאָגבלאט אף אידיש *),
וועט, האָף איך, קיינער ניט כוישעד זיין אין סינע צו אָט דער שפראך; אָבער
כ'וועל זאָגן אָפנהערציק: איך בין פארציטערט געוואָרן, הערנדיק ה. רא-
פעסעס שול-פראָגראם. ה. ראפעס איז געווען פולקום גערעכט, דערקלערנדיק,
אז דער שטרייט גייט דאָ קלאל ניט אף דער ליניע פון „העברעאיזם" און
„זשארגאָניזם". יאָ, אזוי איז עס. דאָ קומט פאָר א שטרייט צווישן די, וועלכע
שטייען אפן באָדן פון היסטאָרישן אידנטום, וואָס שאצן די גאָלדענע קייט פון
אונזער קולטור-אנטוויקלונג, און די, וואָס פירן דעם אידישן לואך נאָר פון
סענטיאבר 1897 **)... ה. ראפעס שרעקט זייער דאָס וואָרט „גאָט" אין דער אי-
דישער שול, און די נויטווענדיקייט צו פארטרייבן פון איר דעם טאנאך, מאָ-
טיווירט ער מיט דעם, וואָס אָט דאָס וואָרט באגעגנט מען אין טאנאך שוין
אין די ערשטע שורעס. איך וועל זיך ניט ארייַנלאָזן אין היסטארישע כקירעס,
פאר וועלכע ס'איז דאָ ניט דאָס אָרט, אָבער איך מוז באווייזן דעם ה. רא-
פעס: די אידייע פון מאָנאָטעאיזם איז קלאל ניט קיין דורכוים-רעליגיעזע אי-
דייע אינם אידנטום. זי איז דער יעסאָד פון דער גאנצער אידישער וועלט-אנ-
שויאונג. ה. ראפעס איז אליין מודע, אז די שול, וועלכע ער פראָיעקטירט, איז
אויסגערעכנט נאָר אף דער ווייטער צוקונפט. אָבער אויב זי וואָלט ווען עס
איז יאָ פאַרווירקלעכט געוואָרן, וועט די אידישע מאסע זיכער ניט שיקן
אהינצו אירע קינדער, ווייל דער לעבנס-אינסטינקט וועט אונטערזאָגן אונזער
מאסע, אז אזא שול, וואו די גאנצע פראָגראם ווערט אויסגעשעפּט מיט אי-
דיש, איז ניט מעסוגל צו באוואָפענען די קינדער צום לעבנס-קאמף, און דער
נאציאָנאלער אינסטינקט וועט איר אונטערזאָגן, אז אזא שול וואָלט געפירט
נאָר צו „שמאַד".

19. ליטעראַרישער „רענעסאַנס" אָנשטאָט רעוואָלוציאָ-נער-דעמאָקראַטישן קאַמף.

(„צו אונזערע לעזער", „ליטעראַרישע מאָנאטשריפטן" 35), ווילנע, 1908, נום. 1,
ז. ז. 5—8).

...די ליטעראטור קאָן קיין קיעם ניט האָבן, קאָן זיך ניט פריי און ברייט
אַנטוויקלען, אויב זי שטיצט זיך אף א וויניק אַנטוויקלטן לעזער, אויב זי
שטעלט צופרידן די גייסטיק-עסטעטישע באַדערפעניש נאָר פון די, וואָס האָבן

*) „דער פריינד".

**) די דאַטע, ווען ס'איז אָפיציעל געגרינדעט געוואָרן דער „בונד".

קיין צוטריט ניט צו דער קולטור פון אנדערע פעלקער. די אידישע ליטע־ראַטור האָט זיך ביז דער לעצטער צייט געהאלטן נאָר אף אזוינע לעזער-שיכטן. איר הויפט-געברויכער איז געשטאנען אף א נידעריקער קולטור-שטופע און זי אַליין איז געווען פרימיטיוו און פראָסט. די אינטעליגענץ האָט אין דער נאַ־ציאָנאל-קולטורעלער אַרבעט קימאט קיין שום איינטייל ניט גענומען. איר גרעסטער טייל האָט זיך ווי ס׳איז צוגעפּאַסט צו דער קולטור פון אנדערע פעלקער. אינערלעך איז די אידישע אינטעליגענץ צו דער פרעמדער קולטור ניט צוגעשטאנען. נאָר פון דעם אידישן קולטור-שאפן איז זי אָפּגעשטאנען אי אויסערלעך, אי אינערלעך. אין איר טראגישער און קאָמישער איבערצייגונג, אז זי איז בעעמעס אַ טייל פון יענעם פאָלק, מיט וועלכן זי שטרעבט זיך צו אַסימילירן, קוקט דידאָזיקע אינטעליגענץ אף דער אידישער קולטור, אַף דער אידישער שפּראַך און ליטעראטור, ווי אף אַ אומבאַקוועמען און פּאַרדריס־לעכן זייכער פון אַלטן געטאָ. פול מיט אפשטויסנדער גאיווע פון גייסטיקער אָרעמקייט באציט זי זיך צו די נאַציאָנאַל-קולטורעלע אויפגאַבן פון אייגענעם פאָלק, אין בעסטן פּאַל קאַלט און גלייכגילטיק. די אלטע געטער אירע זיינען שוין לאַנג צושטערט, די קרוין און צירונג פון איר אַמאָליקער קאָסמאָפּאָלי־טישער אידעאָלאָגיע, פון אירע מעסיאנישע טרוימערייען, האָבן שוין לאַנג פאַרלאָרן זייער כיין און גלאנץ. די אַסימילאַטאָרישע אינטעליגענץ אָבער כאזערט איבער אינערטיש, אַל פּי הערגל, אויס פויילקייט צו טראכטן, דעם אלטן ניגן פון נאַציאָנאלער זעלבסטפאַרניכטונג. דאָס איז דער נייער מאָדער־נער „מאיאָפיס״ [36]), מיט וועלכן מיר קומען צו די הערשנדע פעלקער אין קול־טורעלן פאָדערהויז. אָט די אינטעליגענץ קאָן אליין ניט שאפן און קאָן ניט העלפן אַנדערע אין זייער שאַפנדער אַרבעט. ווילנדיק ניט ווילנדיק מוז זי, מיט איר פּאַסיווער עקזיסטענץ אַפילע, ש ט ע ר ן די שאפנדע. אין די אויגן פון דער אָרטאָדאָקסאל-נאציאָנאלער אינטעליגענץ איז די אידישע („זשארגאָ־נישע״) ליטעראטור קיין נאציאָנאלע ליטעראטור ניט, און די אידישע פאָלקס־שפּראַך — אַ גאָלעס-שמאטע.

...נאָר אַפן פּאָליטישן און עקאָנאָמישן כורבן פון אידישן לעבן באַווייזן זיך אָן צווייפל שפּראָצונגען פון קולטור-רענעסאַנס, ס׳פאַלט דער קולטור-ני־הילזם און דער קולטור-אימפּעריאַליזם. ס׳וואַקסט די איבערצייגונג, אז דאָס אידישע פאָלק האָט דאָס זעלביקע רעכט, ווי אנדערע פעלקער, שאַפן זיין איי־גענע קולטור, אויסגיסן זיין נאַציאָנאלן א י ך אין אָריגינעלע פאָרמען, איינ־בינדן זיין אייגן בלאט אין גרויסן וועלט-בוך. די האַלב-אַסימילירטע אינטע־ליגענץ הויבט אָן בייִנקען נאָך קולטורעלער זעלבשטענדיקייט, נאָך אייגענע קולטור-ווערטן, הויבט זיך אָן שלעכט צו פילן בא דער פריערדיקער באָדנ־לאָזיקייט, בא דער באליידיקטער נאציאָנאלער זעלבסטנעגאציע. אויך די אָר־טאָדאָקסאל-נאציאָנאלע אינטעליגענץ קומט טיילווייז צו דער איבערצייגונג, אז ווען ס׳וואָלט געשעען אַ נעס און דער „זשארגאָן״ וואָלט אומגעקומען, וואָלט דאָס געווען איינער פון די אומגליקלעכסטע ניסים. אזא נעס וואָלט געבראַכט צו דער קולטורעלער ענטארטונג פון אידישן פאלק... סימאָנים פון קולטור־

אויפלעבונג באוויזן זיך אויך אין לעבן פון יענע פאָלקס-שיכטן, אף וועלכע די אידישע ליטעראטור האָט זיך ביז דער לעצטער צייט אויסשליסלעך געהאלטן. די גייסטיק-קולטורעלע באדערפעניש, וועלכע דאָס פריערדיקע לעבן פלעגט אי מיט זיינע מאילעס, אי מיט זיינע כעסרוינעס פאַרטעמפּן, — הויבן אָן באדייטנד צו וואַקסן. זיי ווערן מער קאָמפּליצירט, העכער און איידעלער.

...אין נאָמען פון דעם אָנקומענדן קולטור-רענעסאַנס, אלס זיין צייכן און זיין מיטהעלפער, דערשיינען די ליטערארישע מאָנאטסשריפטן.

די אייגנארטיקע אומנאָרמאַלע באַדינגונגען האָבן צוברעקלט די סאָציאַלפּאָליטישע ריכטונגען אין אידישן פאָלק, פאַרשאַרפט זיינע ווינקלען און געמאַכט זיי ניט לעפי ערעך פיינטלעך איינע צו די אנדערע. דער אנטשטייענדער קולטור-רענעסאנס פאָדערט, אז אף זיין באָדן, צפּן באָדן פון דעם קולטור-שאפן, זאָלן פאַרייניקט ווערן אלע לעבעדיקע קרעפטן פון פאָלק. „פאַרפעסטיקן אונזערע נאציאָנאלע באסטיאָנען!״ — דאָס איז דאָס שלאָג-וואָרט, וואָס הענגט אין דער לופט. זאָלן אנדערע זיי פאַרפעסטיקן פּאָליטיש און עקאָנאָמיש, און זייער אַרבעט וועט זיך אומפאַרמיידלעך מוזן שפּאלטן, לויט זייערע פאַרשיידענע וועגן און קעגנזעצלעכע מיטלען. מיר ווילן דורך דער אָנשטרענגונג פון אלע שעפערישע קרעפטן העלפן בויען אונזערע קולטור-פעסטונגען.

20. די אידישע ליטערארישע געזעלשאַפט (37).

(ש. אנ—סקי (38): „דאָס פּראָווינציעלע לעבן״. „יעווריייסקאָיע אָבאָזרעניע״ (39, 1910, נומ. 5).

אין מעשעך פון די לעצטע 1½—2 יאָר זיינען אין דער פּראָווינץ געגרינדעט געוואָרן הונדערטער אידישע קולטורעלע און עקאָנאָמישע געזעלשאַפטן: ליטעראַרישע, דראמאטישע, מוזיקאלישע, פּראָפעסיאָנעלע, קאָאָפּעראַטיווע, קרעדיטנע און אנדערע. אָט די שטרעבונג צו אָרגאניזאַציע, צו באַהעפטן זיך, צו געמיינזאַמער טעטיקייט קאָן גערעכנט ווערן פאַר סאַמע כאראקטעריסטישן שטריך פון איצטיקן מאָמענט. אָט דער שטריך טרעט ארויס באַזונדערס בוילעט באַם פאַרגלייכן מיט דער טענדענץ פון דער ניט לאַנגאָניקער פאַרגאנגענהייט צום פאַנאַנדערגרעניצן זיך און אונטערצושטרייכן די כילוקע-דייעס, ווען די פּראָווינץ איז געווען צוברעקלט אף א פולע פאַרטייען, גרופן און קרייזלעך, וועלכע האָבן זיך געקריגט איינער מיטן אנדערן.

פון דעם דאַרף מען נאָך ניט מאַכן קיין אויספיר, אז אלע פריערדיקע כילוקע-דייעס זיינען אָפּגעגעבן אין ארכיוו. אל פּי ראָוו טרעפן מיר אלץ דיזעלביקע טוער, וואָס זיינען געבליבן באַ זייערע פריערדיקע אנשויאונגען, אָבער זיי האָבן זיך דורכגעדרונגען מיטן טיפן באוואוסטזיין, אַז פאַרן איצטיקן מאָמענט איז וויכטיק ניט אונטערצושטרייכן און פאַרטיפן די כילוקע-דייעס פון די פּאָליטישע פּראָגראמען, נאָר פאַרייניקן די קויכעס צוליב לעבעדיקער און געמיינזאַמער קולטור-ארבעט.

בעאַיס מיין רייזע איבערן „טכום" בין איך געווען אין עטלעכע שטעט, וואו מיט 4—5 יאָר צוריק איז פאָרגעקומען א באזונדער פאַרביטערטער קאַמף פון פאַרטייען און ריכטונגען, און גראָד אין אָט די שטעט האָב איך געפונען בעראָש פון די קולטור־געזעלשאַפטן פאַרשטייער פון פאַרשיידענע, שאַרף קעגנזעצלעכע, געזעלשאַפטלעכע שטרעמונגען. ווען ס'האָט זיך געמאַכט א פּאַסיקע געלעגנהייט, האָבן אָט די אלע פּערזאָנען בעפּייר'עש ארויסגעזאָגט און אונטערגעשטרייכט זייערע גרונט-אנשויאונגען, אָבער צוזאַמען מיט דעם האָבן זיי אָנגעוויזן אף דער נויטווענדיקייט און מעגלעכקייט פון געמיינזאַמער אַרבעט אָפּן באָדן פון דער קולטור-שאַפונג.

אויב די ערשטע ניט לאַנגע פּראָגראַמען און לאָזונגען זיינען איצט ניט קיין אָביעקט פון שטרייטן, דעבאטן און כילוקע-דייעס, זיינען שוין אָפן באָדן פון דער נייער מעטיקייט אנטשטאנען צוויי באשטימטע ריכטונגען. אומעטום, וואו מיר איז ניט אויסגעקומען צו זיין אין דער פּראָווינץ, פלעג איך זיך צונויפשטויסן מיט א באזונדער ליידנשאַפטלעכער באציאונג צו דער שפּראַךפּראַגע, ווי צו דער גרונט-פּראַגע פון אונזער קולטור-אויפלעבונג... לויטן אינטערעס, וואָס אָט די פּראַגע פלעגט דערוועקן בא דער אוידיטאָריע, לויט דער ליידנשאַפטלעכקייט פון די דעבאַטן און, צולעצט, לויט די פּאָרוואורפן, וועלכע מע פלעגט מיר מאַכן דערפאַר, וואָס איך האָב זיך ניט גענוג קאַטעגאָריש אַרויסגעזאָגט פאַר דער העגעמאָניע פון דער צי פון יענער שפּראַך..., האָב איך געקאָנט קומען צום אויספיר, אז די שפּראַך-פּראַגע איז איצט אין דער פּראָווינץ די סאמע אקטועלע און ברענענדיקע, און אז אין דער פּראגע האָט זיך די אידישע גאַס איינגעטיילט אין צוויי לאַגערן: אידישיסטן (אָדער זשאַרגאָניסטן) און העברעאיסטן. ס'ראָוו פּאַלן אָט די ריכטונגען צונויף מיט דער פּריערדיקער פּאַרטיי-טיילונג. די אידישיסטן זיינען אָפטער פּאַראַלץ דיזעלביקע פּאָרשטייער און אָנהענגער פון די דעמאָקראַטישע שטרעמונגען, די העברעאיסטן זיינען קימאט אויסשליסלעך ציאָניסטן פונם אזוי גערופענעם אָרטאָדאָקסאַלן כיידער...

אף וויפל איך קאָן אורטיילן לויטן אוילאָם, וועלכן איך פלעג טרעפן אַף מיינע פּאָרטראגן, איז קימאט אומעטום די אויבערהאנט אין קאמעט—אפן צאַד פון די אידישיסטן. זיי האַלטן זיך אויך געשלאָסענער פאַר די העברעאיסטן, און דאָרטן, וואו די דעבאַטן האָבן געקאָנט געפירט ווערן אף אידיש, פלעגן זיי ארויסשטעלן דערפאַרענע רעדנער, וואָס פלעגן ריידן מערקווירדיק פּליסיק, בילדלעך און פּאָשעט אף א קליינגענדיקן און שיינעם אידיש... אין אָט די רעדעס פלעגט זיך אמאָל ארויסווייזן א איבעריקע ליידנשאַפטלעכקייט, ס'פלעגן זיך דורכגלימשן שאַרפע פּאָלעמישע אויסדריקן, אָבער ביכלאָל זיינען זיי ניט געווען אגרעסיוו בענוגייע צו דער העברעאישער שפּראַך...

די דעבאטן צווישן די העברעאיסטן און אידישיסטן פלעגן אָפט ניט ווילנדיק ארויפגעפירט ווערן אָפן באָדן פון טיפערע פּרינציפּיעלע כילוקע-דייעס. פּאַרטיידיקנדיק די שפּראַך פון דער פּאָלקס-מאַסע, פלעגן די אידישיסטן באַגרינדן זייערע אנשויאונגען מיט די אלגעמיין-דעמאָקראַטישע פּרינציפּן. די

העבֿרעאיסטן ווידער, וועלכע פֿלעגן אַרויסטרעטן קעגן דער פֿאָלקס־שפּראַך און... קעגן דער פֿאָלקס־שאַפֿונג אַף איר, פֿלעגן זיך בעמיילע פֿאַנאַנדערגיין מיט די עלעמענטאַרע יעסוידעס פֿון דעמאָקראַטיזם. אָבער אויסער דעם, פֿלעגן די רעדנער פֿון ביידע פּאַרטייען ניט פֿאַרבינדן די שפּראַך־פֿראַגע מיט די סאָציאַל־עקאָנאָמישע פֿראַגן, פֿלעגן ניט שטרעבן צו באַגרינדן זי מיט „טעאָריעס" און פֿלעגן זאָרגפֿעלטיק אויסמיידן די רייכע טערמינאָלאָגיע פֿון די אָראַטאָרישע רעדעס פֿון דער נאָענטער פֿאַרגאַנגענהייט. אַף מיינע פֿאָרטראַגן איז מיר קיין איינמאָל ניט אויסגעקומען צו הערן אַפֿילע אַזעלכע טערמינעס, ווי „בורזשואַזיע", „פּראָלעטאַריאַט", „עקאָנאָמישער פֿאַקטאָר" און אַזוי ווייטער.

21. קעגן קליינבירגערלעכן נאַציאָנאַליזם און אידישיזם.

(עסטער[40]: „צו דער כאַראַקטעריסטיק פֿון א נייער שטרעמונג". „צייט־פֿראַגן". צווייטער באַנד, 1910, ז.ז. 93—96).

בּאַ פֿיל אידישע פּאַרטייען—דוכט זיך, בּאַ אַלע—איז אין פּראָגראַם פֿאַראַן א פּונקט וועגן גלייכבאַרעכטיקונג פֿון אידיש. קעמפֿן פֿאַר דער פֿאָדערונג האָט ביז גאָר די לעצטע צייט געקעמפֿט נאָר דאָס באַוואוסטזיניקע אידישע פּראָלעטאַריאַט. נאָר בּאַ אים האָט זיך דער נאַציאָנאַלער שטאָלץ, דאָס נאַציאָנאַלע באַוואוסטזיין אויפֿגעהויבן ביז דער מאַדרייגע פֿון ניט שעמען זיך פֿאַר דער מוטער־שפּראַך, פֿון קעמפֿן פֿאַר איר.

בּאַ אַנדערע נאַציאָנען איז דער קאַמף פֿאַר גלייכבאַרעכטיקונג פֿון שפּראַך אַן אַלגעמיין דעמאָקראַטישער אינטערעס: בּאַ אַנדערע נאַציאָנען זיינען דאַפֿקע די אונטערדריקטע שפּראַך־אינטערעסן פֿונם פֿאָלק דער בעסטער באָדן, אַף וועלכן ס'בּויען זייער אַגיטאַציע שאָוויניסטן און נאַציאָנאַליסטן דאַפֿקע דעמדאָזיקן קאַמף שטרעבן זיי צו פֿאַרכאַפּן אין זייערע הענט. בּאַ אונז האָט עס ביז דער לעצטער צייט אויסגעזעען אַזוי, אַז ס'האָט זיך געקאָנט דוכטן, אַז די גלייכבאַרעכטיקונג פֿון שפּראַך איז א ריין פּראָלעטאַרישע פֿאָדערונג, וואָס גייט אָן ספּעציעלע אַרבעטער־אינטערעסן, ווי די פֿאָדערונג פֿון א 8־שאָעדיקן אַרבעטס־טאָג. אונזערע נאַציאָנאַליסטן האָבן אין בעסטן פֿאַל באַצויגן זיך צו אידיש נייטראַל; פֿיל עפּטער—פֿיינטלעך, שטורמיש פֿיינטלעך.

די לעצטע צייט קומט פֿאָר א געוויסע ווענדונג. אינם לאַגער פֿון די נאַציאָנאַליסטן אַנשטייט א שטרעמונג, וואָס בויט איר עקזיסטענץ ניט אַף „אָפּלייקענען דעם גאָלעס", ניט אַף ציאָניסטישע און טעריטאָריאַליסטישע אוטאָפּיעס, נאָר וואָס שטייט מיט ביידע פֿיס אין גאָלעס און וויל ווערן די וואָרטפֿירערין פֿונם קאַמף פֿאַר דער אידישער שפּראַך.

דער קאַמף פֿאַר אידיש הערט אויף צו זיין א ריין פּראָלעטאַרישע אויפֿגאַבע. עס הויבט אָן צו אַנטשטיין א אינטעליגענץ, וועלכע הויבט אָן צוליב אירע אייגענע אינטערעסן צונויפֿצובינדן איר שיקזאַל מיט דעם שיקזאַל פֿון דער „אידיש־אידישער" קולטור, וואָס ווערט ברענענד פֿאַרינטערעסירט אינם וואוקס און אַנטוויקלונג פֿון דער „אידיש־אידישער" קולטורעלער

סוויוועט. און זי הויבט אויף די פאָן פון קאַמף פאַר אידיש און קעגן די קעגנער פון אידיש.

שוואַך און קליין איז נאָך דידאָזיקע שטרעמונג. אָבער א צוקונפט האָט זי בעלי ספק: ווייל יענע טענדענצן, וואָס באשאפן א אידישע נאציאָנאלע אינטעליגענץ, וואַקסן אינם אידישן לעבן לאנגזאם, אָבער זיכער. מיר וועלן אונזערע „יונג-אידן" האָבן, ווי די טשעכן האָבן זייערע „יונג-טשעכן". און מיר וועלן דאַרפן מיט זיי פירן א קאַמף, ניט קוקנדיק אַף דעם, וואָס זיי שטעלן ארויס אונזערע נאַציאָנאלע פאָדערונגען — א אידישע פאָלקס-שול, גלייכבארעכטיקונג פון אידיש.

ווייל איינע און דיזעלבע פראַקטישע פאָדערונג קאָן מען ארויסשטעלן ארויסגייענדיק פון די פאַרשיידנסטע שטאַנדפונקטן און וויכטיק איז ניט נאָר די הוילע פאָדערונג,—אָבער דער אויפן, מיט וועלכן מע זוכט דורכצופירן זי אין לעבן.

און גייען מיר צו צום איצטיקן „פריינד"—דעם ליטערארישן פאַרטרעטער פון דער אויבן-כאראקטעריזירטער שטרעמונג, און טראַכטן מיר זיך אַריין אין זיין פאָליטיש-געזעלשאַפטלעכע געשטאַלט, דאַן זעען מיר, ווי ריכטיק ס'איז דער אלטער קלאַל, דאָס ווען צוויי זאָגן איין זאַך, זאָגן זיי פאָרט פאַרשיידענע זאַכן.

* *
*

...דאָס אידישע פראָלעטאריאט קען נאָר באגריסן, ווען עס ערשיינט א אידישע אינטעליגענץ, וועלכע איז פאַראינטערעסירט אין דער אנטוויקלונג פון דער אידישער קולטור. אָבער אין דערזעלבער צייט מוז עס פאַרנעמען א פיינטלעכע פאָזיציע בענוגייע צו די רעאקציאָנערע טענדענצן פון דעראָזיקער אינטעליגענץ. אנדערש פירט עס זיין קאַמף פאר דער נאציאָנאלער קולטור, אנדערע צילן פאַרפאָלגט עס דערביי. ווען דאָס פראָלעטאריאט קעמפט קעגן די אסימילאטאָרן, טוט עס דאָס ניט אין נאָמען פון „נאַציאָנאַלן גייסט", פון איינהייטן די אידישע נאַציאָן. עס טרעט ארויס קעגן זיי אין נאָמען פון זיינע רעאַלע אינטערעסן, וועלכע די אסימילאטאָרן טרעטן מיט די פיס.

אָבער ניט ווייניקער שעדלעך, איידער די אסימילאַטאָרן, וואָס דראַפירן זיך די לעצטע צייט אין נאַציאָנאלע פראַזן, זיינען די שאָוויניסטן, וואָס דראַפירן זיך אין דעמאָקראַטישע פראַזן. און קעמפנדיק קעגן די אסימילאַטאָרן, וועט דאָס פראָלעטאריאט פירן א האַרטן, א אומבערחמאָנעסדיקן קאַמף אויך קעגן אלע שאַטירונגען פון שאָוויניזם,—מעגן זיי אפילע זיינע נאציאָנאלע פאָדערונגען איבערכאזערן—אלץ איינס, וואו זיי האַלטן זיך אויף—אין ציאָניסטישן „ראזסוועט" אָדער אין נאַציאָנאַליסטישן „פריינד".

IV. די באָלשעוויקעס און די אידישע אַרבעטער-באַוועגונג *).

22. די באָלשעוויקעס וועגן דער פּאָזיציע פונם בונד אַף דער אַלרוסלענדישער פּארטיי־קאָנפערעץ.

(„די אלרוסלענדישע קאָנפערענץ [41]) פון ר.ס.ד.א.פּ. [42]) אין דעקאבר 1908״, אויסגאבע פון דער צייטונג „פּראָלעטאַרי״ [43]) פּאריז 1909).

...דער בונד האָט געהאט דריי דעלעגאטן, וועלכע זיינען געווען באַשטימט דורכן צ. ק. פון בונד. דידאָזיקע דריי דעלעגאטן זיינען ניט געווען סאָלידאַריש אין אַ ריי וויכטיקסטע פראגן, און איבערהויפּט אין דער פראגע וועגן שווערפּונקט פון דער איצטיקער פּארטיי־אַרבעט. צום ערשטן מאָל איז די פּארטיי געווען אַן איידעס פון אַן אָפענעם אידייאישן קאמף פון פארשיידענע שטרעבונגען אין בונד. דאָס מאָל האָבן די כאוויידים בונדיסטן שוין אַפילע ניט פרובירט פאָרצושטעלן די זאך אזוי, אז בא זיי איז אלץ אין אָרדענונג און אַז פון קיין שום אינערלעכן אידייאישן קאַמף, וועלכן ס׳בלאָזן שטענדיק פאַנאַנדער די באָלשעוויקעס, איז באַ זיי אַפילע קיין זייכער ניטאָ. די דעלעגאַציע פון בונד, פונקט ווי דער ערשטער נומער פון דער „שטימע פון בונד״, האָבן באוויזן, אַז באַ היינטיקן טאָג קעמפן אויך אין בונד, אין אלגעמיינעם און אינם גאַנצן גענומען, די זעלביקע צוויי ריכטונגען, וואָס אין די רייען פון דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע (ליקווידאטאָרסטווע [44]), לעגאַליזאטאָרסטווע און אַנדערע), און—וואָס ס׳איז דער איקער — אַז די פּאַרטיי־ריכטונג דאמינירט אין בונד אין איצטיקן מאָמענט.

...איבער דער פראַגע „די איצטיקע פּאָליטישע לאַגע און די אויפגאַבן פון דער פּאַרטיי״ איז געווען פּאָרטרעגער כ׳ לענין... 1 בונדיסט האָט געשטימט פאַר דער באָלשעוויסטישער רעזאָלוציע, 2 קעגן.

...אין דער פראגע וועגן דער באציאונג צו דער סאָצ.־דעמאָקראַטישער פראַקציע און אירע אויפגאַבן האָבן זיך די דעלעגאַטן פון בונד געוואַקלט

*) מיר ברענגען דאָ ניט קיין אלגעמיינע פּארטיי-דאָקומענטן, אָפּשיקנדיק נאָך זיי די לייענער צו די רוסישע פּאַרטיי-כרעסטאָמאַטיעס.

צווישן אונזער רעזאָלוציע און דער רעזאָלוציע פון די מענשעוויקעס, נאָר
אין אנטשיידענעם מאָמענט האָבן זיי אויסגעקליבן אונזערע: אַף אַזוי פיל
שאבלאָן-אָפּאָרטוניסטיש און טיילווייז דירעקט ליקווידאַטאָריש איז געווען די
רעזאָלוציע פון די מענשעוויקעס... אין אונזער רעזאָלוציע איז די בונדיסטן
באַזונדערס ניט געפעלן געוואָרן דאָס אויסרעכענען די גרעסערע פעלערן פון
דער פראַקציע. אַף זיי האָט געמאכט אַ שטארקע ווירקונג די דערקלערונג פון
די מענשעוויקעס, אַז אַזאַ אויסרעכענונג איז דאָסזעלבע, וואָס שטעלן די
פראַגע וועגן דעם, אַז אונזער״ע דעפּוטאַטן זאָלן זיך אָפּזאָגן פון זייערע מאַנ-
דאַטן. זיי האָבן דעריבער ענערגיש פאָרגעלייגט אונז אָפּצוזאָגן זיך פון אויס-
רעכענען די פעלערן. נאָר מיר האָבן דאָס, נאַטירלעך, ניט געקאָנט טאָן...
נאָך די אַלגעמיינע דעבאַטן, איז די רעזאָלוציע פון די מענשעוויקעס אָפּגע-
וואָרפן געוואָרן און אונזערע איז געוואָרן אָנגענומען אַלס יעסאָד און איבער-
געגעבן געוואָרן אין אַ קאָמיסיע. די קאָמיסיע איז באַשטאַנען פון 5 מיטגלי-
דער: צוויי באָלשעוויקעס, איין מענשעוויק, איין בונדיסט און איין פּ.ס.ד.[45]...
לויט דער איניציאַטיוו פון די בונדיסטן, איז אין דעם רעזאָלוציון טייל
אַריינגעטראָגן געוואָרן אַ פּונקט וועגן דער נויטיקייט שטעמפּלען פון דער
דומע-טריבונע די פּאָליטיק פון דער רעגירונג און דער דומע-מערהייט אין
דער נאַציאָנאַלער פראַגע... אין רעזולטאט פונם קאמף זיינען די מענשע-
וויקעס געבליבן אינגאַנצן איזאָלירט. פאַר אונזער רעזאָלוציע האָט געשטימט
די גאַנצע קאָנפערענץ, אַכוץ די מענשעוויקעס. זייער פּאָזיציע האָט אָפּגע-
שטויסן פון זיי אַפילע די בונדיסטן, וואָלכע האָבן זיך פאַרייניקט צו אונזער
רעזאָלוציע... די בונדיסטן האָבן באַ דער אָפּשטימונג אַריינגעטראָגן אַזאַ מעלדונג:
„מיר שטימען פאַר דער רעזאָלוציע וועגן דער דומע-פראַקציע, האגאם מיר זיינען
ניט מאסקים מיטן אויסרעכענען די געמאכטע פעלערן פון דער פראַקציע,
וויל דער רעזאָלוטיוועր טייל פון דער רעזאָלוציע באפרידיקט אונז אין אַלגעמיין".

...אויך דאָ (אין די אָרגאַניזאַציאָנעלע פראַגן) זיינען די מענשעוויקעס
געבליבן אינגאנצן איזאָלירט... אַפילע די בונדישע דעלעגאַציע האָט זיך אנט-
שיידן אָפּגעגרעניצט פון די מענשעוויקעס אין אָט דער פראַגע (2 פון 3 האָבן
זיך פאַרייניקט צו אונז, און דער דריטער—אליין אַ האלב-לעגאַליסט—האָט
זיך אָפּגעהאלטן, ניט אנטשיידנדיק זיך צוצושטיין צו די שוין צופיל קאָנזעק-
ווענטע מענשעוויקעס).

מיר האָבן אַריינגעטראָגן, אלס דירעקטיוו דער קאָמיסיע וועגן די אָר-
גאַניזיר-פראגן, אַ קורצע רעזאָלוציע וועגן צוויי ריכטונגען אין דער אָרגאַני-
זאַציאָנס-פּאָליטיק פון ר.ס.ד.א.פּ. און וועגן דער נויטיקייט צו מאַכן פאַר דער
שלאג-אויפגאבע—די שאַפונג און פאַרשטאַרקונג פון דער אומלעגאַלער פאַר-
טיי-אָרגאַניזאַציע פאר דער אַרבעט צווישן די מאסן. אויך אָט די רעזאָלוציע
איז געווען אָנגענומען מיט אַלע שטימען קעגן די מענשעוויקעס, וועלכע האָבן
ניט אָפּגעשראָקן די בונדיסטן אַפילע מיט די אויסגעשרייען, אַז די רעזאָלוציע
ווערט אַריינגעטראָגן דורך די באָלשעוויקעס ספּעציעל מיט פראקציאָנעלע
ציל און קעדיי צו דעמאָנסטרירן קעגן די מענשעוויקעס...

23. וועגן דער פאַרייניקונג פון די נאַציאָנאַלע ס.-ד. אָרגאַניזאַציעס אַף די ערטער.

(רעזאָלוציע פון דער אַלרוסלענדישער פּאַרטיי-קאָנפערענץ).

1) די קאָנפערענץ לייגט פאָר דעם צ. ק. אָנעמען מיטלען אַף דורכצו-פירן די פאַרייניקונג פון די אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס פון אונזער פּאַרטיי אין יענע אַלע געגנטן, וואו זי איז ביז איצט—ניט קוקנדיק אַפן באשלוס פון סטאָקהאָל-מער צוזאמענפאָר [46]—ניט פאָרגעקומען;

2) דערביי געפינט די קאָנפערענץ, אַז דידאָזיקע פאַרייניקונג דאַרף אַרויסגיין פון פּרינציפּ פון איינהייט פון דער ס.-ד. אָרגאַניזאַציע אין יעדן באַזונדער אָרט, און זאָגט זיך אנטשלאָסן אַרויס קעגן דעם, אַז אין יעסאָד פון פאַרייניקונג זאָל געלייגט ווערן דער פּרינציפּ פון פעדעראַליזם [47].

24. די באַלשעוויסטישע אָרגאַניזאַציע אין ווילנע.

(„סאָציאַל-דעמאָקראַט" [48] נומ. 3, מאַרט, 1909).

דער אפּפאַל פון דער געזעלשאַפטלעכער כוואַליע און די געפאַלענע שטימונג אין די מאַסן, וואָס ער האָט אַרויסגערופן, האָט פונדעסטוועגן ניט געבראַכט צו דער פולשטענדיקער ליקווידירונג פון אונזערע אָרגאַניזאַציאָנעלע קעמערלעך. ביז דעקאַבער 1907 האָט זיך געפירט באַ אונז אין אַלע ראַיאָנען אַ לעבעדיקע אַרבעט, נאָר אָנהויבנדיק פון 1908 איז אין דער אַרבעט פון אונזער אָרגאַניזאַציע אָנגעקומען אַ שטילשטאַנד, וועלכער האָט זיך געצויגן קימאַט ביז אויגוסט פון דעם יאָר. באַזונדערס האָט געליטן דער שטאָטישער האַנדווערקער-ראַיאָן, אין וועלכן ס'זיינען פון אַלץ, וואָס איז געווען, געבליבן איינע כורוועס.

ערשט אַרום $3\frac{1}{2}$ כאַדאָשים, ווי ער האָט פון דאָס ניי אָנגעהויבן צו פונקציאָנירן, אדאַנק דער ענערגיע פון אייניקע כאַווײרים. אייניקע אַלטע מיטגלידער פונם קאָלעקטיוו, וועלכע זיינען א לאַנגע צייט געשטאַנען אָן אַ זייט פון דער באַוועגונג, האָבן זיך איצט פון דאָס ניי אַריינגעצויגן אין דער אָרגאַניזאַציאָנעלער אַרבעט.

לעכאַטכילע זיינען צוגעטראָטן צו אויפשטעלן די אַרבעט פיר כאַווײרים. אַף דער ערשטער באַראַטונג פון דער שטאָטישער „סכאָדקע" איז אויסגע-אַרבעט געוואָרן אַ פּלאַן, ווי אוועקצושטעלן די אַרבעט אינם שטאָטישן ראַיאָן. גענומען האָבן מיר זיך פאַר דער אַרבעט גאַנץ ענערגיש און רעזול-טאַטן האָבן זיך באַקומען באַמערקבאַרע. אין דער אַרבעטער-מאַסע האָט מען אָנגעהויבן צו ריידן וועגן דער אויפלעבונג פון אונזער אָרגאַניזאַציע. יעדע וואָך האָט געבראַכט אַלץ נייע פאַרבינדונגען, וועלכע מע האָט געדאַרפט בלויז אויסנוצן און פאַרברייטערן. אין מעשעך פון אַ כוידעש איז אונז גע-

לונגען צו אָרגאַניזירן אַ שטאָטישע „סכאָדקע”, אין וועלכער ס׳גייען איצט אַריין פאָרשטייער קימאַט פון אַלע פאַכן: פון די האַנדלס-אָנגעשטעלטע 2, 2 פון די קאַנטאָרשטשיקעס, 2 שניידער, איין שטעפּער, 1 יואוועליר און 1 שוסטער. אַט די סכאָדקע פירט פאַרהעלטניסמעסיק אַ גרויסע אַרבעט... פאַר דער לעצטער צייט זיינען דורכגעפירט געוואָרן עטלעכע קרייזלעך, אין וועלכע ס׳האָבן זיך באַטייליקט צו 15, 20 און מער מענטשן.

וואָס אָנבאַלאַנגט די אַנדערע ראַיאָנען, לעמאָשל, די זאַוואָדן-ראַיאָנען, וואָס דער גרעסטער פון זיי איז דער לוקישקער, איז דאָרטן האָט זיך די אַרבעט בלויז פאַרקלענערט, נאָר אינגאַנצן איז זי קיינמאָל ניט ליקווידירט געוואָרן, אַפילו צייטווייליק. די גאַרבער,... וועלכע האָבן זיך שטענדיק געפונען אין די ערשטע רייען פון דער ווילנער אָרגאַניזאַציע, זיינען אין דעם קריטישן מאמענט ניט אָפּגעשטאַנען פון דער אָרגאַניזאַציע. מיט דעם לוקישקער ראַיאָן פירן אָן זייער איינפלוסרייכע גאַרבער, וועלכע זיינען זייער פּאָפּולער אין דער ברייטער גאַרבער-מאַסע. אונזערע מיטגלידער זיינען פאַראַן אינם ראַיאָן אַרום 200. די אַרבעט אינם דאָזיקן ראַיאָן פירט די פאַבריק- און זאַוואָד-סכאָדקע. אינגיכן וועט באַ אונז אָנהויבן פונקציאָנירן די שטאָט-קאָנפערענץ, וועלכע פאַרייניקט די טעטיקייט פון אַלע ראַיאָנען. אויסער אַט די איינריכטונגען, עקזיסטירט באַ אונז אַן אויספיר-אָרגאַן, דער ווילנער קאָמיטעט פון ר. ס.-ד. א. פּ., אין וועלכן ס׳גייען אריין 4 באָלשעוויקעס, 1 אָנהענגער פון דער פאַרייניקונג („רוידעפּשאָלעמניק”) [49] און איין מענשעוויק. קיין ברייטע פּראָפּאַגאַנדע פירט זיך באַ אונז ניט, איבערן מאַנגל אין פּראָפּאַגאַנדיסטן.

אונזערע פינאַנץ-מיטלען זיינען קליינע, און געלט-מיטלען זיינען אונז איצט נויטיק, ווייל מיר האָבן באַשלאָסן אַרויסצוגעבן אַן אומלעגאַלן אָרגאַן אין פּויליש און אין רוסיש. די טעכניק איז באַ אונז ניט שלעכט אוועקגעשטעלט און צו דער פאַרלעגערישער טעטיקייט קאָן מען טייקעף צוטרעטן.

פון צייט צו צייט קומען פאָר אָפענע פאַרזאַמלונגען.

...פאַר דער אַלגעמיין-פּאַרטייאישער קאָנפערענץ *) האָט די ווילנער אָרגאַניזאַציע באַהאַנדלט איר טאָג-אָרדענונג, דערביי איז איבער דער פראַגע וועגן איצטיקן מאָמענט אַרויסגעטראָגן געוואָרן אַ רעזאָלוציע, וועלכע רעקאָמענדירט גלייכצייטיק מיטן אויסנוצן די אַזוי גערופענע „לעגאַלע מעגלעכקייטן” אָנהויבן אַן אונטערערדישע אַרבעט און בויען קוידעמקאָל אומלעגאַלע אָרגאַניזאַציאָנעלע פּאַרטיי-אַפּאַראַטן, באַמיענדיק זיך דערביי צו באַשאַפן געשלאָסענע קערנער פון באַוואוסטזיניקע אַרבעטער, וועלכע זאָלן קאָנען זיך שטעלן בעראָש פון דער אַרבעטער-באַוועגונג. די רעזאָלוציע ווייזט אָן, אַז די אורזאַכן, וועלכע האָבן אַרויסגערופן די רוסישע רעוואָלוציע, זיינען ניט ליקווידירט, אַז פריער אָדער שפּעטער וועלן באַשאַפן ווערן באַדינגונגען אַף ראַדיקאַל צו לייזן דעם קאָנפליקט, וועלכער קומט פאָר צווישן דעם רעוואָלוציאָנערן פאָלק און דער אַלטער מאַכט; אַז מיר לעבן איבער בלויז אַ צייטווייליקן שטילשטאַנד, נאָך וועלכן ס׳מוז זיך אומפאַרמיידלעך אָנהויבן אַן

*) אין דעקאַבר 1908.

אויפשטייג, וואָס צו אים דאַרף מען זיך גרייטן; אז די רעוואָלוציאָנער-דעמאָקראַטישע פּאָדערונגען, וועלכע מע האט פּראָפּאַגאַנדירט אינם רעוואָלוציאָנערן פּעריאָד, האבן אויך איצט ניט פאַרלאָרן זייער קאָנקרעטן ווערט; אַז מע דאַרף זיי ווי פריער איינוואָרצלען אין באוואוסטזיין פון דער דעמאָקראַטיע א. א. וו.

איבער דער פראגע וועגן דעם אזוי גערופענעם „אָטזאָוויזם" [50] (דאָס אָפּרופן די דומע-דעפּוטאַטן) איז איינשטימיק אָנגענומען געוואָרן אַ רעזאָלוציע, וועלכע וואַרפט קאַטעגאָריש אָפּ דעם שטאַנדפּונקט פון די „אָטזאָוויסטן" און ווייזט אָן אויף דער נויטיקייט פאר דער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער פראַקציע צו בלייבן אין דער גאָסודאַרסטווענער דומע, קעדיי אויסצונוצן זי אַלס אַ טריבונע אין די אינטערעסן פון דער אַגיטאַציע-טעטיקייט אין דעם מאָמענט פונם שטילשטאַנד, ווען פיל אַנדערע וועגן צו ווירקן אויף די ברייטע שיכטן פון דער באפעלקערונג זיינען אָפּגעשניטן. די רעזאָלוציע באהאַנדלט אויך די פראַגע וועגן דער נויטיקייט איינצושטעלן אַ פעסטע פאַרבינדונג צווישן די סאָציאַל-דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס מיט דער ס.-ד. פראַקציע, וועגן אונטערוואַרפן די לעצטע די באשלוסן פון די צענטראַלע איינריכטונגען פון אונזער פּאַרטיי. איבער דער פראַגע וועגן בילדונגס-געזעלשאַפטן איז באַשטימט געוואָרן אויסצונוצן די עקזיסטירנדיקע בילדונגס-געזעלשאַפטן אין די אינטערעסן פון דער פּאַרטיי-אַרבעט, אַריינטרעטן אין זיי מיטן ציל צו ליקווידירן דעם איינפלוס פון די ליבעראַלן אויף אַ געוויסן טייל פונם פּראָלעטאַריאַט. איבער דער פראגע וועגן דער פּראָפעסיאָנעלער באוועגונג איז באַטאָנט געוואָרן די נויטיקייט, אַז די פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס זאָלן זיך מער דערנעענטערן מיט די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, אז די מיטגלידער פון די פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס זאָלן אַריינטרעטן אין די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען און זאָלן דאָרט בילדן אייגענע גרופּעס.

...די פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונג אין ווילנע איז מער אנטוויקלט איידער אין אַנדערע שטעט פון צאָפן-מאַירעוו-קאַנט. דאָ עקזיסטירן דריי לעגאַלע פאַראיינען: פון גאַרבער, האנדלס-אָנגעשטעלטע און שטעפּער. דער לעצטער האלט באַם צעפאַלן, צוליב דער גלייכגילטיקער באציאונג צו אים מיצאַד די אַרבעטער. די פאַראיינען פון די האנדלס-אָנגעשטעלטע און פון די שטעפּער זיינען נייטראַלע, נאָר פאַקטיש דאָמינירן אין זיי סאָציאַל-דעמאָקראַטן. דער פאַריין פון די האַנדלס-אָנגעשטעלטע האָט מער ווי 400 מיטגלידער, דער גאַרבער-פאַריין—600 פאַרעגיסטרירטע מיטגלידער.

...באַ דעם בונד איז ווידער אויפגעשטעלט געוואָרן דער „קאָלעקטיוו".

קיין פאַרייניקונג פון אַלע סאָצ.-דעמאָקראַטן אין ווילנע איז ביז איצט ניט פאָרגעקומען. דידאָזיקע פראגע שטייט אויף דער טאָג-אָרדענונג.

25. די באָלשעוויסטישע גרופּע אין מינסק.

(„פּראָלעטאַרי“, נום. 26, אַפּרעל 1908).

די אַרבעט אין מינסקער גרופּע איז ווידער אויפגעשטעלט געוואָרן נאָך ווי-נאַכטן. ...ס'איז פאַראַן אַ פּראָפּאַגאַנדיסטן-קאָלעגיע, אַ פינאַנציעלע גרופּע און אַ דרוקערײ-גרופּע. מיט צוויי וואָכן צוריק איז באַם אַרויסלאָזן דאָס ערשטע בלעטל די דרוקערײ דורכגעפאַלן איבער אַ צופעליקײט. נאָר באַלד איז זי פון דאָס נײַ אויפגעשטעלט געוואָרן, און דאָס קאָנפיסקירטע בלעטל איז אַרויסגעלאָזן געוואָרן אין 2.000 עקז. פאַר דער שטאָט און פאַרן אַרום. די פּראָקלאַמאַציע גיט אַן אַנאַליז פונם איצטיקן מאָמענט, באַווײַזט, אַז די רעוואָלוציע איז ניט געענדיקט, ווײַל ס'זײַנען ניט פאַרניכטעט די קויכעס, וואָס האָבן זי אַרויסגערופן, און פאַרענדיקט זיך מיט אַ רוף צו די אַרבעטער ווײַטער צו פירן דעם קאַמף אין די רייען פון ר. ס.-ד. א. פּ.

די אַרבעט פירט זיך צווישן די אַרבעטער פון די אײַזנבאַן-וואַרשטאַטן, גאַרבערײַען, טאַפּעציר-פאַבריקן און צווישן די האַנטווערקער — אי אין קרײַזלעך, אי דורך בלעטלעך.

די טעטיקײט פון די פּראָפאַרײַנען איז שטאַרק פאַרשוואַרט. די אַדמיניסטראַציע פאַרמאַכט זיי באַ יעטווידער געלעגנהייט און מאַכט קעסיידערדיקע אַרעסטן באַם ערשטן פּרוּוו פון אַ שטרייק-באַוועגונג. דורך אַזאַ טאַקטיק פון דער אַדמיניסטראַציע ווערט דאָס לעבן פון די פּראָפאַרײַנען ביסלעכווײַז דערשלאָגן, און דער גאַנצער פּאָנים זייערער, ווי פון קאַמף-אָרגאַניזאַציעס, ווערט שטאַרק צעהויקערט, די מער רעוואָלוציאָנער-געשטימטע אַרבעטער באַציִען זיך פון זיי און פילן מיט אַלץ מער דער שטרעבונג צו בילדן אומלעגאַלע פאַרײַנען, געפינענדיק, אַז באַ די איצטיקע באַדינגונגען וועלן נאָר אַזעלכע פאַרײַנען קאָנען דורכפירן אַ מער אַקטיווע קאַמף-טאַקטיק. די אָרגאַניזאַציע רעכנט וועגן איר באַציִונג צו די לעגאַלע און צו די אומלעגאַלע פאַרײַנען אַרויסצוזאָגן זיך אין אַ באַזונדער בלעטל.

די טעטיקײט פונם בונד ווערט אויך לעבעדיקער נאָך אַ דויערנדיקער האַפּסאָקע. אין די נאָענטע טעג וועט זײַן אַן אַלגעמײַנע באַראַטונג פון די פאָרשטייער פון דער גרופּע און פון בונד, כדי אויסצואַרבעטן די באַדינגונגען פון געמײַנזאַמער אַרבעט.

26. דער „סאָציאַל-דעמאָקראַט“ וועגן דער דיסקוסיע צווישן די פאַרטײַער און ליקווידאַטאָרן אין בונד.

(„די שטימע פון בונד“. „סאָציאַל-דעמאָקראַט“, 1909, נום. 9).

מיר האָבן נאָר וואָס באַקומען דעם 2-טן נומער פון דער „שטימע פון בונד“, וועלכער איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אומלעגאַל אין רוסלאַנד אין אידיש.

...אַזוי ווי אין דעם 1-טן נומער, גיט די צײַטונג אָפּ פון דאָס נײַ פילאָרט דער פראַגע וועגן די אויפגאַבן פון דער פאַרטיי אין איצטיקן מאָמענט. דער 2-טער נומער באַווײַזט נאָך אַ מאָל קלאָר, אַז אויך אין בונד קעמפן איצ-

טער דיזעלביקע שטרעמונגען, וואָס אין דעם רוסישן טייל פון דער פּאַרטיי: ליקווידאַטאָרישקייט און פּאַרטייאישקייט. דער אינטערעסאַנטסטער ארטיקל איז דעם כאַוועד יו. דינס: „צו דער פראַגע וועגן אונזער ארבעט”. דער אוטאָר פאַרטיידיקט ליידנשאַפטלעך די שטעלונג פון דער פּאַרטייאישער מערהייט קעגן די ליקווידאַטאָרן פון בונד, און באַזונדערס קעגן די ליקווידאַטאָרן פון די רוסישע מענשעוויקעס, באַ וועלכע, ווי דער אוטאָר זאָגט, „ס'ווייזט זיך פאַר דער לעצטער צייט ארויס גאַנץ קלאָר א טענדענץ אלץ מער צו באַפרייען זיך פון דער פאַרטיי, צו ליקווידירן זי”. „אלץ פאר דער פארטיי, אלץ דורך דער פארטיי” — מיט דידאָזיקע טייערע ווערטער פאַרענדיקט זיך דערדאָזיקער ארטיקל, וועלכער איז בליסאָפּעק אָנגעשריבן פונם שטאַנדפּונקט פון דער עמעסער רעוואָלוציאָנערער סאָצ.-דעמאָקראַטיע.

דער צווייטער ארטיקל אַף דערזעלביקער טעמע איז אונטערגעשריבן: ר—ל. דער לעצטער באמיט זיך צו פאַרנעמען א מיטעלע שטעלונג צווישן דעם כאַוועד יו. דין און מ. אבר., אן עקס-רעכטן בונדיסט, וואָס זיין האַלב-ליקווידאטארישער ארטיקל איז געווען אָפּגעדרוקט אין דעם ערשטן נומער פון דער „שטימע פון בונד” און איבערגעדרוקט אין די אויסלענדישע „אָטקליקי בונדא”. דער כאוועד ר—ל פרואווט זיך באהויפּטן, אז אין בונד זיינען אזעלכע ליקווידאַטאָרן, ווי אין דעם רוסישן רעכטן פליגל, ניטאָ, און אז צווישן די אידישע ס.-ד. עקזיסטירן בלויז טיילווייזע כלוקעדייעס, דערביי זיינען איי-ניקע פון דידאָזיקע כלוקעדייעס (ווי, לעמאָשל, בענויגייע דער פראַגע וועגן אַן אומלעגאַלער ארגאַניזאציע) געגרינדעט, הייסט דאָס, אף א פּאָשעטער „מיס-פאַרשטייעניש”. קעדיי צו פאַרשענערן זיין שטעלונג, מאַכט דער כאוועד ר—ל א העלדישן פרואוו צוזאַמענצושטויסן דעם כאַוועד יו. דין און אנדערע פאַרטיי-צעס-בונדיסטן מיט דער ניט לאנגיקער באָלשעוויסטישער באראַטונג און מיט אירע רעזאָלוציעס וועגן פּאַרטייאישער בויאונג און לעגאַלע מעגלעכקייטן, — א פרואוו, וועלכער איז האָפענונגסלאָז דערפאַר, וואָס אין דידאָזיקע פראַגן איז צווישן די בונדיסטן, וואס זייערע מיינונגען דריקט אויס דער כאַוועד יו. דין, און די באָלשעוויקעס, אַף וויפל מע קאָן אורטיילן לויט דעם, וואָס די און יענע שרייבן, עקזיסטירט א פולשטענדיקע סאָלידאַריטעט בענויגייע צום איקער.

V. די פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס אין די יאָרן פון רעאַקציע.

27. אין די פינסטערע רעאַקציע־יאָרן.

(א. ליטוואַק: [51] „אין די פינסטערע יאָרן" „אַרבעטער-שטימע", 1917, נ. 45, ז. 18—22).

...סאָף 1906 און אין אָנפאַנג 1907 האָבן נאָך אונזערע אָרגאַניזאַציעס געבליט. א גאַנץ זומער 1907 האָט מען אין אַלע אונזערע אָרגאַניזאַציעס גערעדט וועגן א קריזיס; מע האָט דיסקוסירט, געזוכט די סיבעס. אין 1908 איז שוין קימאַט ניט געווען, וועך ט'זאָל ריידן פון דעם קריזיס. די אָרגאַניזאַציעס זיינען איינע נאָך דער אַנדערער צופאַלן אָדער איינגעשלאָפן א טיפן ווינטער-שלאָף.

אין 1906 האָבן מיר געהאַט אַזוי פיל אינטעליגענטן, אקטיווע פּאַרטיי־טוער, און מיטלויפער און נאָכשלעפּער. אין 1907 האָבן זיי אָנגעהויבן צו־לויפן. אין 1908 זיינען זיי ווי אויסגערונען געוואָרן. אַרום אונז איז געבליבן א ליידיק אָרט.

...אפריער זיינען אוועק די מיטלויפער און נאָכשלעפּער. די מאָדע האָט זיך געביטן; דער אינטערעס איז אוועק אַנדערש וואו. אין דער מאָדע איז געווען „סאַנין" [52], אַרומגעצוימט מיט א קנאַקעדיקער נאַציאָנאַליסטישער פראַזע, מיט אונטערשלאַג פון געקינצלטע כסידעס. דער אינטערעס איז אוועק אין צירק, אין אָפּערעטע, און דער איקער אַף טאַכלעס, קאַריערע.

שפּעטער אַביסל האָבן אָנגעהויבן שיטער ווערן די רייען פון די אקטיווע טוער. די נייע, די יונגע, וואָס זיינען געקומען אין דער צייט פון שטורם,—זיי זיינען צום ערשטן אוועק.

...שפּעטער אביסל האָבן גענומען אַוועקגיין אויך אלטע טוער, מענטשן, וואָס האָבן אָפּגעגעבן דער באַוועגונג זייער גאַנצע יוגנט און א טייל פון די מיטעלע יאָרן. דאָס איז געווען א טראַגעדיע.

...געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געטראָגן זייער וויטאָק אין דער שטיל. אַנדערע האָבן געזוכט טעאָריעס צו פאַרענטפערן זיך פאַר אַנדערע און פאַר זייער אייגענעם געוויסן. איינער אַזעלכער האָט אָנגעווענדעט אַלע קונצעס אַף צו דערווייזן, אַז אויב איר „טוט נאָך עפּעס, גייט איר קעגן מאַרקסיזם". „די באַדינגונגען פון דער אַנטוויקלונג זיינען איצט קעגן אונז, מוזן מיר דערווייל

אוועק". א צווייטער האָט געטאַינעט: „קאַלזמאַן ס'וועט ניט אויסשטאַרבן דער גאַנצער אַלטער דאָר, וואָס האָט געזעען די ערשטע רעוואָלוציע, איז ניטאָ וואָס צו קלערן וועגן א צווייטער". א דריטער האָט פאַרזיכערט, אז ער האָט ביכלאַל א טאָעס געהאַט: דער פּראָלעטאַריאַט איז ניט זיין קלאַס; און זיין א וויסער ראָב און אָנפירן א פרעמדן קלאַסן-קאַמף, אַף דערויף איז ער ניט פייאיק. איינע האָבן אונז געוואָרנט: אידישע רעוואָלוציאָנערן טאָרן זיך ניט רוקן, זיי דאַרפן וואַרטן, ביז דער גאָי וועט ווערן א רעוואָלוציאָנער, ווען ניט, וועלן זיין פאַגראָמען. אנדערע האָבן זיך פאַרענטפערט: דער פּראָלעטאַריאַט איז דאָך מער ניט, ווי א טייל פון פאָלק... מע דאַרף עפּעס טאָן פאַרן גאַנצן. אין דער עמעסן האָבן זיי פאַר קיינעם ניט געטאָן, ניט פאַרן טייל, ניט פאַרן גאַנצן... איינע זיינען אוועק אין לעגאַלע קולטור-ארבעט. אָבער אַזוי ווי די לעגאַלע מעגלעכקייטן אַף דער אידישער גאַס זיינען געווען קליין, און פאַר אַ לעגאַלער כעוורע האָט מען אַמאָל געקלערט אריינפאַלן נאָך אין א לעגאַלערער טורמע, האָבן זיי דאָס ראָוו נאָר גערעדט וועגן קולטור-ארבעט, געטאָן האָבן זיי וויייניק, און אזוי ווי די קולטור-כעווּרעס זיינען שטענדיק געשטאַנען אונטער א שטרענגן אויפזיכט פון דער פּאָליציי און פאַר א לאַדע האָר האָט מען זיי געקאָנט פאַרמאַכן, איז געוואָרן א טענדענץ צו „היטן די געזעלשאַפטן", ניט דערלאָזן צו זיי כאלילע קיין ווינטעלע פון סאָציאַליזם, קיין זייכער פון רעוואָלוציע, נאָר „ריינע קולטור", נאָר „זאָג מיר שיין מיידעלע" און „אַמאָל איז געווען א מיילעך" *).

...אָבער צווישן די „געוועזענע" זיינען געווען אויך אסאך ציניקער, וואָס האָבן כאַראָטע געהאַט אַף זייער נעכטן, וואָס האָבן אליין באשפיגן די שענסטע מינוט פון זייער לעבן. איצט האָבן זיי אַזוי ווי געוואָלט אַריינכאַפּן און אָפּטאָן אלץ דאָס קליינלעכע און נידעריקע, וואָס זיי האָבן אין יענע שיינע יאָרן דורכגעלאָזן. איצט האָבן זיי זיך געאיילט מיט א באַזונדערן אימפּעט צו ווערן וואָס מיעסער, וואָס אָפּשיילעכער.

...די אַלטע אינטעליגענץ איז אַוועק. קיין יונגע איז ניט צוגעקומען. די יוגנט איז געווען אַריינגעטאָן מיטן קאָפּ און לייב און לעבן אין בוך, אין טאַכלעס-זאַכן. טאַטע-מאַמע האָבן פון זיי נאכעס געקליבן... דאָס איז געווען א יוגנט מיט פאַרקילט בלוט פון זקיינים. איך ווייס ניט, אויב אין די פאַר יאָר פון 1908 ביז 1912 איז אין „בונד" אַריין א האַלבער צענדליק אינטעליגענטן.

* * *

...די פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס זיינען אויסגעליידיקט געוואָרן. אין די ארבעטער-מאַסן האָט זיך געפילט א שטאַרקע מידקייט, א טיפע אנטוישונג אין פּאָליטישן קאַמף. די גזיירעס און רעדיפעס אַף אידן זיינען געוואַקסן, ווי שוואמען נאָך א רעגן, און די אידישע מאַסע איז געווען פול מיט יאוש; זי

*) פּאָפּולערע אין יענע יאָרן אידישע פאָלקס-לידער.

האָט פֿאַרלאָרן יעדן גלויבן אין פּאָליטיק. דערצו זײַנען די מאַסן פֿאַר די צוויי פֿריערדיקע יאָרן געוואָרן געוואָרנט צו א האַלב אָפֿענער באַוועגונג, צו האַלב לעגאַלע באַדינגונגען, איז ווען מע האָט זיך געדאַרפֿט אומקערן צוריק אין „קעלער", זײַנען אָף דעם געווען ווייניק באַלאָנים. מע האָט אויפֿגעהערט גיין אָף פֿאַרזאַמלונגען. מע האָט ניט געוואָלט לייענען קיין אומלעגאַלע ליטעראַטור.

די מאַסע האָט גענומען לויפֿן פֿון דער באַוועגונג, כּויזעק מאַכן פֿון די פֿאַרײנען און פֿון די טוער... „קאָמונע מיט לאָקשן", „דער כּאַוועր פֿון פֿאַרײן" זײַנען געוואָרן שפּאָט-ווערטלעך. די מאַסע איז פּלוצלונג „קלוג" געוואָרן. זי האָט זיך גענומען יאָגן נאָכן טאַכלעס און נאָך גראָבע פֿאַרגעניגנס. זי איז געוואָרן מעגושעם, אויסגעלאַסן, אָדער גרוי און גלײַכגילטיק. דער טאַנץ-קלאַס האָט פֿאַרביטן דעם פֿאַרײן, א טעשל קאָרטן—די פּראָקלאַמאַציע. די בעסערע מענטשן האָבן נאָר געזיפֿצט, נאָר געשאָקלט מיטן קאָפּ. אַנדערע פֿלעגן נאָך פּרוּוון עפּעס טאָן, אָנהויבן איבער א נײַס פֿון אָנהויב; אַנדערע ווידער האָבן נאָר געקאָנט פֿאַרשפּרייטן יאוש. וואָס מע זאָל ניט אָנהויבן, אָף אַלץ האָבן זיי געהאַט א פֿאַרטיקן ווערטל: רעדט, טוט—ס'וועט דערפֿון סאַי ווי גאָר ניט אַרויסקומען.

דאָך האָבן זיך געפֿונען א טייל יונגע און עלטערע אַרבעטער, וועלכע האָבן זיך ניט געקאָנט באַנוגענען מיטן גרויען גלײַכגילטיקן לעבן. איז ניט געווען קיין באַוועגונג, האָבן זיי זיך א וואָרף געטאָן צום בוך, צו זעלבסט-בילדונג, צו קולטור-אַרבעט. די קולטור-כאַווערעס, די ליטעראַרישע, מוזיקאַלישע און דראַמאַטישע פֿאַרײנען וואָלטן געקאָנט אַסאַך אויפֿטאָן. איין צײַט האָט זיך אַפֿילע געדוכט, אַז דאָרטן וועט זיך די סאָציאַליסטישע באַוועגונג באַהאַלטן איבער דער שלעכטער צײַט, אָבער די האָפֿענונגען, וואָס מע האָט געלייגט אָף די קולטור-פֿאַרײנען, זײַנען מעקוייעם געוואָרן נאָר אין זייער א קליינער מאָס.

...פֿון אַלע פֿאַרײנען, וואָס איך ווייס, קאָן איך דאָ דערמאָנען צופֿגוטן נאָר אייניקע: די ליטעראַרישע געזעלשאַפֿט אין וואַרשע אין 1910—1911. זי האָט אינגאַנצן געלעבט א קנאַפּן יאָר. די אַדמיניסטראַציע האָט זי גיך פֿאַרמאַכט, און האָט נאָך צוליב איר אַרעסטירט א היפּשע ביסל מענטשן. אָבער איר קורצער לעבן איז געווען אַקטיוו און פּרוכטבאַר. די לאָדזער „האַרפֿע" האָט געבליט נאָר צום ערשטן יאָר. שפּעטער האָט זי זיך גיכער געמאַטערט, ווי געלעבט, און אַלץ דערפֿאַר, וואָס ס'זײַנען ניט געווען קיין אינטעליגענטישע קרעפֿטן. אין ריגע האָט עטלעכע מאָנאַטן (אין 1909) רוישיק געאַרבעט די אידישע סעקציע פֿון פֿאַרײן „וועסטניק זנאַניא", אָבער די אַדמיניסטראַציע האָט דעם „וועסטניק זנאַניא" באַלד פֿאַרמאַכט. און דער פֿאַרײן „קאַרמעל", וואָס האָט זײַן אָרט פֿאַרנומען, האָט זײַן גאַנצן לעבן נאָר געגויסעסט. די ווילנער מוזיקאַליש-דראַמאַטישע געזעלשאַפֿט האָט געהאַט א מאָדנעם מאַזל. זי פֿלעגט זיך אַמאָל אויפֿכאַפּן אָף עטלעכע וואָכן און אָטעמען מיט דער פֿולער ברוסט, באַכהער פֿלעגט זי אָף א האַלב יאָר אײַנשלאָפֿן, ווידער זיך אויפֿכאַפּן אָף

וואָכן און ווידער איינשלאָפן אָף כאַדאָשים. דורכויס צו גוטן מוז מען דערמאָ-נען די ווילנער אָוונט-שול, וועלכע איז אין יענע יאָרן געווען אַן עמעסער פאָלקס-אוניווערסיטעט, דורכגעדרונגען מיטן גייסט פון „בונד". די ווילנער אָוונט-שול האָט דערצויגן א גאַנצע ריי יונגע באַוואוסטזיניקע קולטורעלע אַר-בעטער. זי איז געווען איינער פון די ליכטיקע פונקטן אין יענער פינסטערער צייט.

* * *

...אין 1908 האָבן מיר קימאַט קיין איינציקע לעבעדיקע פאַרטיי-אָרגאַ-ניזאַציע ניט געהאַט. ס'זיינען געווען נאָר שטעמפּלען און שטיקלעך מיט בּרעקלעך פון אָרגאַניזאַציעס... אין ווילנע האָט מען אין 1909—1910 געמאכט אסאך פּראָבּעס אויפצולעבן די ארגאַניזאַציע. פון די פּראָבּעס איז גאָר ניט אַרויסגעקומען. אין 1910 האָבן מיר געהאַט פעסטע אָרגאַניזאַציעס נאָר אין פּינסק, האָמעל, באָבּרויסק, גראָדנע, לאָדז און ריגע. פאַרוואָס גראָד אין יענע שטעט? די רעאַקציע איז ניט אומעטום גלייך געקומען, און ניט אומעטום איז זי געווען גלייך שווער. בא אונז האָט דאָך יעדע געגנט געהאַט א מין באַזונדערע קאָנסטיטוציע.

28. די בונדישע אָרגאַניזאַציעס אין 1908—1910.

(פונם באַריכט אף דער VIII-טער קאָנפערענץ [53]). „די 8-טע קאָנפערענץ פון בונד". 1911).

אלגעמיינע באַמערקונגען.

...אונזערע אָרגאַניזאַציעס קומט אויס צו אַרבעטן אין זייער פאַרשיידנ-אַרטיקע באַדינגונגען. לאָזנדיק אָן א זייט די ווייניקער וויכטיקע אונטערשיידן, קאָן מען צוטיילן אונזערע שטעט אין צווי קאַטעגאָריעס: פאַראַן ערטער, וואו דאָס גאַנצע אָרגאַניזאַציאָנס-לעבן איז פאַרטריבן אונטער דער ערד, וואו אפילע די קולטורעלע באַוועגונג צווישן די אַרבעטער נעמט אָן די פאָרם פון אומלעגאַלע קרייזן, וואו לעגאַלע כעווערעס עקזיסטירן בלויז אפן פּאַפּיר אָדער לאָזן צו זיך די אַרבעטער ניט צו; פאַראַן דאַגעגן אַנדערע, וואו דער אַרבע-טער-באַוועגונג געלינגט אין א געוויסער מאָס אָנצונעמען לעגאַלע, ריכטיקער האַלב-לעגאַלע פאָרמען.

אָבער אין די ראַמען פון דיביידע קאַטעגאָריעס עקזיסטירן פאַרשיי-דענע גראַדאַציעס, א פאַרשיידענע קאָמבינירונג פונם לעגאַלן און אומלעגאַלן עלעמענט.

אייניקע באַריכטן קאָנסטאַטירן א געוויסע עקאָנאָמישע אויפלעבונג, וועלכע נעמט אָן אין די גרעסערע אינדוסטריעלע צענטרען (וואַרשע, ביאַליס-טאָק) א זייער באַדייטנדן אומפאַנג. דערמיט איז פאַרבונדן אַ שטאַרקע און ערפאָלגרייכע שטרייק-באַוועגונג. קימאַט אומעטום זיינען פאָרגעקומען א ריי אלגעמיינע שטרייקן. נאָר איין באַריכט-אָפּגעבער (ווילנע) קאָנסטאַטירט, אַז אין זיין שטאָט פילט זיך די עקאָנאָמישע אויפלעבונג קימאָט אינגאַנצן ניט.

די עקאָנאָמישע באַוועגונג.

די עקאָנאָמישע באַוועגונג איז קימאַט אומעטום געווען דער באָדן, אויף וועלכן ס'האָבן זיך אַנגעהויבן ווידער אויפבויען אונזערע אָרגאַניזאַציעס. די באַדערפעניש נאָך אָנפירונג, נאָך אָרגאַניזירונג פונם עקאָנאָמישן קאַמף—פריער קעדיי אָפּצואוועהרן דעם אָנגריף פון די באַלעבאַטים, איצט קעדיי אויסצונוצן די גינסטיקערע עקאָנאָמישע קאָניונקטור,—האָבן געטריבן די אַרבעטער צו אונזערע אָרגאַניזאַציעס, האָבן געצוואונגען די אַקטיווערע און ענערגישערע צווישן זיי צו נעמען אויף זיך די אַרבעט פון זייער אויפבויאונג. און קימאַט אומעטום פאַרנעמט די עקאָנאָמישע אַרבעט דעם וויכטיקסטן טייל פון דער אָרגאַניזאַציאָנס-טעטיקייט, נעמט צו קימאַט אַלע קרעפטן און פאַרוקט ליידער אפן הינטערגרונט די דירעקטע פּאָליטישע אַרבעט.

דאָרט, וואו די אָרגאַניזאַציעס האָבן זיך שפּעטער ווידער אויפגעשטעלט, וואו זיי האָבן נאָך ניט באַוויזן צו דערוואַרבן גענוג אַווטאָריטעט און פּאָפּולערי-טעט,—פלעגן די אַרבעטער זיך ווענדן צו אַלטע איינצלנע בונדיסטן: ס'פלעגן זיך אָרגאַניזירן אויף אַזאַ אויפן שטרייק-קאָמיסיעס, ס'פלעגן פאַנאַנדערגענומען ווערן סיכסוכים און אַז. וו. אין דער לעצטער צייט אָבער באַמערקט זיך דאָרט, וואו דאָס איז פאָרגעקומען, אַז די פּריוואַטע טעטיקייט פון איינצלנע כאַווייריםווערט פאַרביטן מיט דער טעטיקייט פון דער אָרגאַניזאַציע.

...ווענן די עקאָנאָמישע אָרגאַניזאַציעס גיבן די באַריכטן פאָלגנדע אָנגאַבן: ס'עקזיסטירן איינציקע לעגאַלע פאַריינען, וועלכע פירן אַ מער אָדער ווייניקער נאָרמאַלע עקזיסטענץ: אין לאָדז (וועבער, שניידער), אין ריגע (ציגאַטנמאַכער, האַנדלס-אָנגעשטעלטע)... אין ביאַליסטאָק (וועבער, דרוקער), אין ווילנע (דרוקער), אָבער די לעצטע ווייזן אַרויס זייער אַ שוואַכע טעטיקייט. פיל פאַריינען האָבן זיך פאַרן באַריכט-פּעריאָד אַליין פאַרמאַכט, אייניקע—צוליב אינערלעכע רייסעניִשן.

אַכוץ די עטלעכע פאַריינען, זיינען די איבעריקע עקאָנאָמישע אָרגאַניזאַציעס אומלעגאַל...

לויט די אָנגאַבן פון אַכט שטעט, געפינען זיך דאָרט אונטער אונזער ווירקונג 23 פאַריינען מיט אַרום 1500 מיטגלידער. צווישן די פאַריינען זיינען 15 פאַרטייאישע און 8 אומפּאַרטייאישע.

...האָגאַם מיר שטרעבן אַריינצוציען אין די פאַריינען אויך די קריסטלעכע אַרבעטער, אָבער פאַקטיש זיינען די אַלע פאַריינען קימאַט אויסשליסלעך אידישע.

...אין וואַרשע... זיינען פאַראַן פאַריינען (אומלעגאַלע) נאָר אין דריי פאַכן—באַ בעקער, קינדער-שניידער און בערשטער... אין די איבעריקע פאַכן—פאַכאָווע קאָמיסיעס. סאַכאַקל געפינט זיך אין וואַרשע 18 פאַכאָווע קאָמיסיעס. די צאָל מיטגלידער פון די קאָמיסיעס אליין דערגרייכט ביז 120.

מע דאַרף באַמערקן, אז די גרעסטע צאָל פון די פאַכאָווע קאָמיסיעס, סײַ אין וואַרשע, סײַ אין די איבעריקע שטעט (אויך אין ווילנע און ביאַ-ליסטאָק) זײַנען געקליבענע. די וואַלן קומען פאַר אַף פאַרזאַמלונגען פון 40, 50, 60 און נאָך מער ארבעטער פון פאַך. די איבערוועגנדע צאָל פון די פאַ-כאָווע קאָמיסיעס זײַנען אנטשטאַנען לויט דער דירעקטער איניציאַטיוו פון אונזערע אָרגאַניזאַציעס, און באַשטייען אַלפּי ראָוו פון בונדיסטן, אין פיל פון זיי (אין וואַרשע אין אלע) גייען אריין פאָרשטייער פון דער אָרגאַניזאַציע. פאַראַן ערטער, וואו די פאַכאָווע קאָמיסיעס פירן אויך די פּאָליטישע אַרבעט,— ד. ה. זיי דערפילן ביכלאַל די פונקציעס פון די אַמאָליקע סכאָדקעס. האַגאַם די לעצטע צייט באמערקט זיך א שטרעבונג אָפּצוגרעניצן פון אַנאַנדערביידע געביטן פון אַרבעט.

די פּאָליטישע אַרבעט.

די פּאָליטישע אַרבעט איז באַשטאַנען, ערשטנס, אין אָרגאַניזירן פאַר-אַמלונגען מיט פּאָליטישע און אלגעמיין-סאָציאַליסטישע טעמען (דעם ערשטן מאַי, דעם 9-טן יאַנוואַר [54]), דעם 17-טן אָקטיאַבר [55]), צו בעבעלס [56] יובי-לעאום *), וועגן שאַבעס-און זונטיק-רו, וועגן דער טעטיקייט פון דומע און אז. וו.); ס'פלעגן אָרגאַניזירט ווערן אויך אַגיטאַציאָנס-פאַרזאַמלונגען, וואו מע פלעגט ריידן וועגן קלאַסן-קאַמף, סאָציאַליזם און אז. וו. די גרויס פון די פאַרזאַמלונגען איז געווען פאַרשיידן—פון 25 ביז 100 מענטשן.

אין וואַרשע איז דורכגעפירט געוואָרן א קאַמפּאַניע בענוגייע צו דער פראַגע וועגן די אידיש-פוילישע באַציאונגען; ס'זײַנען פאָרגעקומען א ריי פאַרזאַמלונגען, אין וועלכע ס'האָבן זיך באַטייליקט עטלעכע הונדערט כאַוויי-רים, און וואו ס'זײַנען אָנגענומען געוואָרן רעזאָלוציעס מיט כסימעס. אין ריגע איז אַף עטלעכע פאַרזאַמלונגען דורכגעפירט געוואָרן א פּראָטעסט-רעזאָלוציע מיט כסימעס וועגן דער ניט אנערקענונג פון אידיש אין דומע.

א גרויסן אָרט אין דער ארבעט האָט פאַרנומען די קאַמפּאַניע ארום קאָווגער צוזאַמענפאָר... די לעצטע כאָדאָשים האָט דעם הויפּט-אינהאַלט פון דער ארבעט אומעטום געבילדעט די פאָרבאַרייטונג צו דער קאָנפערענץ...

... א גרויסן אָרט האָט אין דער אַרבעט פון די פּאָליטישע אָרגאַניזאַ-ציעס פאַרנומען די פאַרשפּרייטונג פון דער לעגאַלער און אומלעגאַלער לי-טעראַטור. אין אייניקע ערטער עקזיסטירן צוליב דעם ספּעציעלע קאָמיסיעס, וועלכע ארבעטן מיט ערפאָלג.

די אָרגאַניזאַציעס האָבן געשטרעבט וואָס בעסער צו שטעלן די ארבעט פון פּראָפּאַגאַנדע. וועגן דער פּראָפּאַגאַנדישער ארבעט, וועלכע איז גע-פירט געוואָרן לעגאַל, וועלן מיר דאָ ניט ריידן. אין אומלעגאַלע פּראָפּאַגאַנ-דיסטישע קרייזן זײַנען אין די צען שטעט, וועלכע האָבן זיך באַטייליקט אין דער קאָנפערענץ, אָרגאַניזירט 471 ארבעטער; די טיפּן פון די קרייזן זײַנען

*) זע ווייטער ז. 95.

פאַרשיידן: אין אייניקע לייענען די ארבעטער צוזאמען סאָציאַליסטישע ליטעראטור, אין אנדערע ווערן געפירט באַשפּרעכונגען אף די עלעמענטארסטע טעמען: קלאַסן-קאַמף, עקאָנאָמישער קאַמף און א. וו.; אין אייניקע ווידער ווערט סיסטעמאַטיש און לויט א פּראָגראַם דערלערנט א געוויסער געגנשטאנד: קאַרל מאַרקס עקאָנאָמישע לערע, אונזער פּראָגראַם, די געשיכטע פון סאָציאַליזם און אז. וו. אין א פּאָר שטעט זיינען ספּעציעלע אין די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען אָרגאַניזירט קרייזן וועגן געווערקשאַפטלעכע פראַגן; אַרבעטס-לוין, אַרבעטס-טאָג און אז. וו. אין אייניקע קרייזן האָבן זיך געפירט באַשפּרעכונגען אין פאַרבינדונג מיט דער באַטראַכטונג פון געוויסע געזעץ-פּראָיעקטן, לעמאָשל, וועגן זעמסקער זעלבסטפאַרוואַלטונג, שאבעס- און זונטיק-רו; אין א פּאָר שטעט האָבן זיך געפירט קרייזן אויך איבער נאַטור-וויסנשאַפט און פּאָליטישער געאָגראַפיע.

אכוץ מער אָדער ווייניקער סיסטעמאַטישע קרייזן, זיינען דורכגעפירט געוואָרן רעפעראַטן און דיסקוסיעס וועגן איינצעלנע פראַגן... וועגן דיאַלעקטיק, היסטאָרישן מאַטעריאַליזם, די ראָלע פון דער פּערזענלעכקייט אין דער געשיכטע, נאַציאָנאַליזם, וועגן ראַבאָנים-צוזאמענפאָר, וועגן קאָאָפּעראַטיון און אז. וו.

...א פּאָר ווערטער וועגן אונזערע אָרטיקע אָנפירנדע פּאַרטיי-איינריכטונגען. מייסטנס ווערט די ארבעט געפירט דורך א קאָלעקטיוו (פון 4 ביז 18 מיטגלידער). אין א דריי-פיר שטעט עקזיסטירט נאָך א דורכפירנדע (עקזעקוטיווע) קאָמיסיע, געקליבן דורכן קאָלעקטיוו (3—5 מיטגלידער).

די קאָלעקטיוון זיינען קימאַט אומעטום געקליבענע אף פּאַרטיי-פאַרזאמלונגען. אין איין שטאָט זיינען זיי געקליבן פון די פאַכאָווע קאָמיסיעס; אין איין שטאָט גייען אריין אין קאָלעקטיוו פאַרטרעטער פון די בונדישע סעקציעס אין די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען. אכוץ די קאָלעקטיוון, זיינען אין אייניקע שטעט פאַראַן צו 2—3 סבאדקעס (ראַטן).

קימאַט די גאַנצע ארבעט ווערט אָנגעפירט און דורכגעפירט דורך ארבעטער: אינטעליגענטן באַטייליקן זיך אין דער אומלעגאַלער ארבעט נאָר אויסנאַמסווייז. נאָר אין איין שטאָט עקזיסטירט א ספּעציעלע אינטעליגענטישע גרופּע, וואו ס'גייט אריין אַ פאָרשטייער פון דער אָרגאַניזאַציע.

אָרטיקע ליטעראַטור איז פאַר דער צייט אַרויסגעגאַנגען פאַרהעלטניסמעסיק ווייניק. אין אייניקע שטעט זיינען ארויסגעלאָזן געוואָרן א ריי בלעטלעך פון ריין-עקאָנאָמישן אינהאַלט: וועגן שטרייקן, צו איינצעלנע פאַכן וועגן דער נויטיקייט זיך צו אָרגאַניזירן און אז. וו. ...מיר וועלן דערמאָנען בלעטלעך צום 1-טן מאַי (לאָדז, וואַרשע), צום 9-טן יאַנוואַר (לאָדז), וואַרשע האָט ארויסגעגעבן אן אָרגאַן מיטן נאָמען „וואַרשעווער פלוגבלאַט" (ערשטער נומער).

קולטורעלע ארבעט.

...אין צוויי שטעט האָבן די ארבעטער צו די קולטורעלע כעוורעס קיין צוטריט ניט... אין די איבעריקע שטעט באַזיצן מיר אין דער קולטורעלער באוועגונג א אומצווייפלהאַפטן אידייען-איינפלוס. אין די פּאַרוואלטונגען גייען אריין מענטשן מיט אונזער וועלט-אנשויאונג, אונזערע כאווירים זיינען גע-ווײלט געוואָרן צו אייניקע געזעלשאַפטלעכע צוזאַמענפאָרן.

די קולטורעלע כעוורעס און איינריכטונגען קאָנען צוטיילט ווערן אין דעם פּראָט אף צוויי טיפּן: פּאַראַן כעוורעס, וועלכע באַשטייען קימאַט אויס-שליסלעך פון ארבעטער, פּאַראַן אנדערע, וואו די ארבעטער און די סאָלידאַ-רישע מיט זיי אינטעליגענטן בילדן א מינדערהייט, אָבער וואו ס'איז פּאַראַן א פלאַך פאַר פּראָפּאַגאַנדירן די ארבעטער-פאָדערונגען, אַנטקעגנשטעלן זיי די פאָדערונגען פון דער בירגערלעכער אינטעליגענץ און געוויסערמאַסן ווירקן אָף דער אויפקלערונגס-טעטיקייט פון די כעוורעס.

פּאַראַן א שטאָט... וואו די באַדינגונגען זיינען פּאַרהעלטניסמעסיק אזוי גינסטיק, דאָס אונזער אָרגאַניזאַציע איז דאָרט געלונגען אויסצונוצן די לע-גאַלע מעגלעכקייטן אף אלע אויפאַנים: אי שמאָל אָרגאַניזאַציאָנעל, אי צוליב פּראָפּאַגאַנדע, אי קעדיי צו לאָזן הערן אונזער שטים אין דער געזעלשאַפט. אין אַן אנדער שטאָט, וואו אין די לעגאַלע כעוורעס האָט זיך קאָנצענטרירט א גרויסע צאָל אַנטוויקלטע אַרבעטער און סאָציאַליסטישע אינטעליגענץ, וואו די לעגאַלע מעגלעכקייטן זיינען פּאַרהעלטניסמעסיק רייך, האָט די ארבעט זיך געפירט דורך איינצלנע כאַווירים, אָרגאַניזאַציאָנעל וויניק פּאַרבונדן און פּאַרייניקט; די פּאָליטישע אָרגאַניזאַציע איז ווידער אויפגעשטעלט ערשט אין דער לעצטער צייט און איז איינגאַנצן אָפּגעריסן פון דער לעגאַלער טעטיקייט. די לעגאַלע כעוורעס האָבן פיל וויניקער געטאָן פאַר דער פּאָליטישער אויפ-קלערונג און באַזונדערס פאַר דער סאָציאַליסטישער דערציאונג פון די ארבע-טער, ווי דאָס איז געווען מעגלעך.

א געוויסע צוזאַמענפּאַסונג פוןביידע עלעמענטן באגעגענען מיר נאָך אין דריי שטעט. אין די איבעריקע שטעט שפּילט די לעגאַלע ארבעט אין די קולטורעלע כעוורעס אָדער א גאַנץ באַשיידענע ראָלע, אָדער גאָר קיין ראָלע ניט...

די טעטיקייט פון צענטראַל-קאָמיטעט.

...זומער 1908 איז דער צ. ק. געקומען צום שלוס, אז ס'איז נויטווענ-דיק צו פּאַרקלענערן די צאָל פּראָפעסיאָנאַלן. ס'איז איינשטימיק באַשלאָסן געוואָרן, אַז נאָר א טייל פון די מיטגלידער פון צ. ק. זאָלן בלייבן פּראָפע-סיאָנאַלן.

...[זומער 1909 איז דורכגעפירט געוואָרן די קאמפּאניע ארום דעם קאָוונער צוזאַמענפאָר]...

פון די אַנדערע צוזאַמענפאָרן, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין באַריכטס-פּעריאָד, איז אונזער ריכטונג פאָרגעשטעלט געוואָרן אויף דער טשערנאָוויצער שפּראַך-קאָנפערענץ און אויף דער באַראַטונג פון דער כעווראַ „מעפיצייַ האַסקאָלע".

די נויטיקייט צו העלפן די אָרגאַניזאַציעס און איינשטעלן די פּראָפּאַגאַנדישע אַרבעט האָט באַוועגט דעם צ. ק. אָנצונעמען מיטלען, כדי ס'זאָל אויסגעאַרבעט ווערן אַ סיסטעמאַטישעס און אויספירלעכעס פּראָגראַם פאַר פּראָפּאַגאַנדישע קרייזן. דער ערשטער טייל פונעם פּראָגראַם איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דעם 3-טן נומער „שטימע פון בונד", דער צווייטער איז פאַרטיק צום דרוק.

קאַפּלינסקיס פּראָוואָקאַציע האָט אַריינגעטראָגן אין דער אַרבעט אַ געוויסע אָפּשוואַכונג אויף עטלעכע כאַדאָשים (גראָד יענע, ווען ס'איז פאָרגעקומען די קאַמפּאַניע אַרום קאָווגער צוזאַמענפאָר), מע האָט געמוזט אָננעמען באַזונדערע מיטלען, כדי צו גאַראַנטירן זיך, ווי ווייט ס'איז מעגלעך, פון דורכפאַל. מע איז אויך באַשעפטיקט געווען מיט דער אויספאָרשונג פון דער זאַך. די ראָזיקע אַנטדעקונג האָט, נאַטירלעך, געצוואונגען דעם צ. ק. אויף עטלעכע כאַדאָשים אָפּצוזאָגן זיך פון דעם פּלאַן צו אָרגאַניזירן אַ באַראַטונג, אָפּלייגן די פראַגע צו פאַרברייטערן אונזער אַרבעט אין געביט פון פּרעסע.

...די נאָענטקייט פון דער 4-טער סעסיע *) האָט געצוואונגען דעם צ.ק., ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס די פראַגע וועגן שאַבעס-און זונטיק-רו איז געשטאַנען אויף דער טאָגעס-אָרדענונג פון דער קאָנפערענץ, אָנצוהייבן אַ קאַמפּאַניע אַרום דעם געזעץ-פּראָיעקט. ס'איז אויסגעאַרבעט געוואָרן אַ פּראָיעקט פון אַ רעזאָלוציע און פאַנאַנדערגעשיקט געוואָרן די אָרגאַניזאַציעס... געוויסע פאָרבאַרייטונגס-שריט האָט דער צ. ק. באַשלאָסן צו מאַכן בנוגע צום געזעץ-פּראָיעקט וועגן פאָלקס-בילדונג.

דער צ. ק. האָט שטענדיק געשטרעבט צו פאַרבינדן די ס.-ד. פראַקציע אין דומע מיט דער אידישער אַרבעטער-באַוועגונג. די ערשטע אַרויסטרעטונגען אירע בנוגע צו דער אידן-פראַגע (אָדער ג׳כער געזעגט, דער מאַנגל פון אַזעלכע אַרויסטרעטונגען) האָבן ניט געקאָנט צופרידנשטעלן דאָס אידישע פּראָלעטאַריאַט. דער צ. ק. האָט אין יול 1908 אָנגענומען בנוגע צו דער פראַקציע אַ רעזאָלוציע, וועלכע ווייזט אָן דער פראַקציע אויף אירע פעלערן אין דער פראַגע... אַ געוויסע צייט האָט אין פּעטערבורג געאַרבעט אונזערע אַ קאָמיסיע, וועלכע האָט זיך געשטעלט דעם ציל צו שאַפן פאַר דער פראַקציע מאַטעריאַל וועגן דער אידן-פראַגע ביכלאַל און וועגן די פראַגן פונעם אידישן פּראָלעטאַריאַט ביפראַט. פאַקטן און מיינונגען זיינען צוגעשטעלט געוואָרן דער פראַקציע בנוגע צו שאַבעס-און זונטיק-רו, צו דער שטאָטישער זעלבסט-פאַרוואַלטונג אין פּוילן, צו דער אידישער פאָלקס-שול, צו דער

*) פון דער גאָסודאַרסטווענער דומע.

אינטערפעלאציע פון די רעכטע וועגן סטאָליפינס וואָלנרעכט-צירקולאַר[57] און אז. וו.

דער צ. ק. האָט שטענדיק גערופן די אָרגאַניזאַציעס צו פאַרבינדן זיך מיט דער פראַקציע, צו שיקן איר רעזאָלוציעס, מאַטעריאַלן און אז. וו. נאָר אייניקע שטעט האָבן אין דעם פראַט וואָס ניט איז געטאָן (ריגע, דווינסק, באָברויסק, וואַרשע, פינסק).

דער אנטייל פון צ. ק. אין דעם עקאָנאָמישן קאַמף האָט זיך אויסגע-דריקט אין אָרגאַניזירונג און מאַטעריעלער שטיצע בעשאַס באזונדער וויכטיקע עקאָנאָמישע צוזאַמענשטויסן.

...וואָס אָנבאַלאַנגט די באַציאונגען מיט דער ר. ס. ד. א. פּ. האָבן זיך אונזערע פאַרטרעטער באַטייליקט אין אלע פּלענאַר-זיצונגען פונם צ. ק., ווי אויך אין די זיצונגען פונם רוסישן טייל פון דער קאָלעגיע; אונזער צ. ק. האָט עטלעכע מאָל געמאַכט טריט מיטן ציל מיטצוהעלפן, ס׳זאָל זיך איינ-שטעלן א מער רעגלמעסיקע טעטיקייט פונם רוסלענדער צ. ק.; זיין שטרע-בונג איז אלעמאָל געווען, אז דער שווערפּונקט פון דער ארבעט פונם רוס-לענדישן צ. ק. זאָל אריבערגעטראָגן ווערן אין רוסלאַנד. אף דער אלגעמיין-פּאַרטייאישער קאָנפערענץ איז אונזער פּאַרטיי פאַרטראָטן געווען דורך א דעלעגאַציע, וועלכע ס׳האָט אָרגאַניזירט דער צ. ק. פאַרטרעטער פון צ. ק. גייען אריין אין דער אויסלענדישער ביוראָ פונם צ. ק. פון ר. ס. ד. א. פּ. און אין דעם ראַט פון דער פּאַרטיי-שול אין אויסלאַנד, אין דער רעדאַקציע פון דעם אויסלענדישן דיסקוסיאָנס-בלעטל, אין פאַרשיידענע קאָמיסיעס, אָר-גאַניזירט דורכן צ. ק. פון דער ר. ס. ד. א. פּ.

פון די וויכטיקערע דערשיינונגען אין אונזערע באַציאונגען צום אינטער-נאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן פּראָלעטאַריאַט וועלן מיר פאַרצייכענען די אָרגאַני-זירונג פון דער פאַרטרעטונג אף דעם אינטערנאַציאָנאַלן קאָנגרעס אין קאָפּען-האַגען[58] און באַזונדערס די קאַמפּאַניע, וועלכע איז לויט אונזער איניציאַטיוו דורכגעפירט געוואָרן אין אונזערע אָרגאַניזאַציעס לעקאָוועד בעבעלס יובילע-אום. אפילע אין שטעט, וואו ס׳איז ניט געווען קיין שטענדיקע אָרגאַניזאַציע, האָט אונזער צירקולאַר וועגן בעבעלס יובילעאום געגעבן א געלעגנהייט צו אָרגאַניזירן בעבעל-פאַרזאַמלונגען. דער צ. ק. אַליין האָט אויך געשיקט א באַ-גריסונג. א באַגריסונג איז אויך געשיקט געוואָרן דעם שוועדישן פּראָלעטאַ-ריאַט בישאַס דעם אלגעמיינעם שטרייק אין שוועדן[59].

אין די באַציאונגען סײַ מיט די אויסלענדישע איינריכטונגען פון ר. ס. ד. א. פּ., סײַ מיט אנדערע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען האָט א גרויסע ראָלע געשפּילט אונזער אויסלענדישער קאָמיטעט...

29. א לינקער בונדיסט וועגן דער בורזשואזיע אין דער דריטער דומע.

(אי. יודין: 60) „דער ביודזשעט און די גאָסודאַרסטווענע דומע" *). „די נייע צייט". זאמעלבוך, ב. 3. 1908. ז. ז. 25—28).

...אין איר רעסטאווראציאנס-פּאָליטיק שטיצט זיך די רעגירונג אף דער געהאָרכזאמער מערהייט פונם אדל און דער גרויס-בורזשואזיע. פאַרשטייט זיך, איר זיכערסטן און סאַמע ערפאַרענעם מיטהעלפער זעט די רעגירונג אין דעם ערד-באַזיצענדן אדל, וועלכער איז אָנגעשראָקן פון דער בויערן-באַוועגונג **) און זעט זיין איינציקע רעטונג אין דער צוריקשטעלונג פון דער הערשאַפט פון אלטן רעזשים.

נאָר—וועט פיללייכט ווער פרעגן—ווי האָט עס געקאָנט געשען, וואָס צו דעם גאַנץ פאַרשטענדלעכן פריציש-ביוראָקראַטישן בונד איז צוגעשטאַנען די אינדוסטריעלע גרויס-בורזשואזיע? און ניט נאָר וואָס זי איז צוגעשטאַנען, נאָר וואָס זי גייט אַלץ ווייטער און ווייטער אפן שטריקל בא דעם רעאקציאָנערן אדל, וועלכער ווערט מיט דער צייט אלץ מער אגרעסיוו? די אינטערעסן פון דער קאַפּיטאַליסטישער אנטוויקלונג פאָדערן דאָך אַ פולע ליקווידאַציע פון דער שטאנדן-מעלוכע און די פארניכטונג פון דעם ביוראָקראַטישן ווילקיר?

די זאַך איז אָבער אין דעם, וואָס די אינדוסטריעלע און פינאַנציעלע גרויס-בורזשואזיע אין רוסלאַנד איז אויסגעהאָדעוועט אף קאַזיאָנע נעדאָוועלעך, פרעמיעס, זאקאזן און א. וו. און ביז היינט נאָך איז איר עקזיסטענץ ענג צוזאמענגעפלאכטן מיט דער פולמעכטיקער ביוראָקראַטיע.

אָט איז איין ביישפיל פון זייער פילע. צי קענען די „נאפט-מאגנאטן" שטעלן זיך אין אַ וועלכער ס'איז אָפּאָזיציע צו דער רעגירונג, אויב—ווי דאָס איז קלאָר געוואָרן אין דער ביודזשעט-קאָמיסיע—זייערע אומגעזעטיקטע אפּעטיטן קאָנען זיי באפרידיקן נאר בא דער שוץ-פּאָליטיק פון דער רעגירונג?

די רעגירונג פאַרברייטערט ניט דעם פלאַץ פון די מיט נאַפט רייכע שטיקלעך ערד, וואָס זי גיט אָפּ אין ארענדע. די פרייזן פון נאַפט וואקסן אומגעהויער און אָן אן אויפהער: אין 1903-טן יאָר האָט אַ פוד נאפט געקאָסט 9 קאָפּ. און אין 1906-טן יאָר—פון 20 ביז דרייסיק קאָפּיקעס. די קאזנא ליידט אומגעהויערע העזייקעס, דער געברויכער צאָלט פאַר די נאַפט-פּראָדוקטן מעשוגענע פרייזן, אָבער דערפאַר האָט די פירמע נאבעל בא אַ גרונד-קאַפּיטאַל פון 15 מיליאָן רובל געהאַט פאַר דריי יאָר 9 מיליאָן 370 טויזנט רובל ריי-

*) דערדאָזיקער ארטיקל איז געדרוקט מיט א באמערקונג פון דער רעדאקציע, אז זי איז ניט איגאנצן מאסקים מיט אייניקע מיינונגען, וואָס דער מעכאבער זאגט ארויס אינם דאָזיקן קאפיטל.

**) פויערים.

נעם רעוואך *). וואָס פאַר א באָדן קאָן שוין דאָ זיין פאר קאָנפליקטן אָדער כאָטש ערנסטע אומצופרידנהייט מיטן אלטן רעזשים?

ווי ס'איז באוואוסט, איז דער גרויס-קאפיטאל ארגאַניזירט אין רוסלאַנד גאנץ שטייף. אַ גאַנצע ריי פון די סאמע מעכטיקע און ווירקנדיקע אינדוסטריעלע ארגאַניזאַציעס זיינען פאריייניקט אין דעם „צוזאמענפאָרן-ראט פון די פארשטייער פון אינדוסטריע און האנדל". דיזן „ראַט" האָט ניט לאנג די „נאָוואָיע ווּרעמיא" [61]) גאנץ טרעפלעך כאראקטעריזירט, אלס אַ „פון דער רעגירונג דערלויבטע ביוראָ פון קלאָגערקעס איבער די באדערפענישן פון דער רוסישער אינדוסטריע און האנדל, מיט דעם דעוויז: „קום, טראָג אריין דיין מיטגלידס-אָפצאָלונג, און ספעציאליסטן אין הילכעס קלאָגן וועלן שוין בעסער ווי דו אליין אָפּמאָלן פאַר וועמען מע דארף אלע דיינע פארלאנגען"!

דיזער „צוזאמענפאָרן-ראַט" פונקציאָנירט טאקע אַלס אַ נויטיקער טייל פונם ביוראָקראטישן מעכאניזם, און די רעגירונג מאַכט ניט קיין איין טריט אין אלע איניאָנים פון דעם אינווענינסטן און אויסערלעכן מעלוכע-לעבן, אייִדער זי האלט ניט מיט אים קיין אייצע. די גרויס פונם ארטיקל גיט אונז ניט די מעגלעכקייט דאָס צו אילוסטרירן מיט אַ גאנצער ריי פארשיידענע פאקטן. און אויב דער ראט פון די אינדוסטריעלער האָט נאָך ניט אַזאַ גרויסע ווירקונג אף דער רעגירונג, ווי דער „פריצים-ראט", איז עס נאָר אַ דאנק דעם, וואָס ער איז נאָך פארהעלטנמעסיק יונג. אלנפאלס, פילט ער זיך אין אָט דער נאָענטער שכיינעשאַפט מיט דער ביוראָקראַטיע, אין דער ספער פון די ערפאלגרייכע „כאדאטייסטוועס" **) און „באקאָשעס-פראָיעקטן", ווי מע דאַרף עס ניט בעסער און וועט געוויס ניט ווענדן קיין אויפמערקזאמקייט אף דער אייצע פון דער מעסיק-בורזשואזער „סלאָוואָ"—אז „דער בורזשואזיע איז שוין צייט ניט צו האָבן מוירע אָפלאָזן די ראָל פון אן אויפעלע, וואָס איז אויפגעהאָדעוועט דורך דער רעגירונג", און זי מעג זיך באשליסן „אראָפּצואווארפן פון זיך די מיניסטערסקע ווינדעלעך און אנהויבן גיין מיט דער אייגענער הילף".

בא אזעלכע באציאונגען פון די צוויי העכערע קלאסן צו דער ביוראָקראטיע איז נאטירלעך, אז אויך זייערע פאָליטישע פאָרשטייער—די אָקטיאַבריסטיש-רעכטע מערהייט פון דער דריטער דומע—טאנצן נאָך בלינד דער ביוראָקראטיע און זיינען גרייט צו פארטיידיקן אלץ, וואָס נאָר זי זאָל ניט פאַרלייגן. און די טאקטיק פון דער פארטיידיקונג,—באמערקט די „רעטש" [62]) (נ. 83),—„איז אַלץ דער אלטער כאמסקער לאָזונג: „ווי אייך איז ניכע". אום צו פאַרווירקלעכן דעם לאָזונג, דאַרף מען פיל ניט קלערן און ניט אַרבעטן. מע דאַרף נאָר עקזיסטירן און זיין געהאָרכזאַם. וועמען, ווען און אין וואָס זיין געהאָרכזאם—דאָס ווערט שוין באשטימט דורך געהיימע באאל-אייצעס, וועלכע קלערן שוין פאר דער גאנצער דומע-מערהייט".

אזוי גייט אונטערטעניק די דריטע דומע אף דעם וועגל, וואָס ווערט

*) „רעטש", 1908, נומ. 73.

**) שטאדלאנעס.

אויסגעטראָטן פון דער רעגירונג. און דער וועג איז אנגעמערקט דערווייל אַזאַ: פון איין זייט, פארוואָרפן בוכשטעבלעך די דומע און אירע קאָמיסיעס מיט אַ אומגעהויער גרויסער צאָל קליינלעכע געזעץ-פּראָיעקטן, וואָס האָבן קיין שום ווערט, אום אָפּצעווענדן מיט דעם די געדאנקען וועגן יענע פראגן, וואָס זיינען ווירקלעך צונויפגעבונדן מיט די אינטערעסן פון פאָלק: לעמאָשל, וועגן איבערבייטן די נעמען פון די גענעראַל-גובערנאַטאָרסטוועס און גובערנאטאָרסטוועס, אָדער וועגן איבערמאַכן די לוצקער 6-קלאַסיקע פּראָגימנאזיע אין אַ 8-קלאַסיקע גימנאזיע; און פון דער צווייטער זייט, נויט זי די דומע זיך ספּעציאַליזירן אף אזעלכע ארבעטן, וואָס זיינען איבערהויפּט אנגענעם דער מערהייט: אפן קאַמף מיט דער רעוואָלוציע און די „אינאָראָדצעס", אפן קאמף מיט דער אינוועניגסטער „קראמאָלע". יעדע פראגע—אפילע א ריין טעכנישע—ווערט לעכאטכילע אזוי אוועקגעשטעלט, אז די אראטאָרן פון די „רעכטע" און דעם צענטר זאָלן האָבן די מעגלעכקייט און איבעריקן מאָל צו לייגן אין כיירעם[63] די רעוואָלוציע און די אינאָראָדצעס, און איבעריקן מאָל אונטערצושטרייכן זייער סאָלידאריטעט מיט דער רעגירונג. פאראלעל מיט דעם ווערט געשטרעבט אָנצוטאָן אַ מויל-שלאָס אף דער אָפּאָזיציע, ארויסצוטרייבן אירע פאָרשטייער פון אלע וויכטיקע קאָמיסיעס...

אין אַ מעשעך פון 5 מאָנאטן זיינען אין דער דריטער דומע אריינגעטראָטן 549 געזעץ-פּראָיעקטן. פון זיי געהערן מער ווי 95%—523 דער רעגירונג. און יענע ביסעלע, וואָס איז ארויס פון דער איניציאטיוו פון דער דומע, טראָגט אַ כאראקטער פון קאמף מיט דער „קראמאלע": אַ פּראָיעקט וועגן באפרידיקן די קארבאנעס פון דער רעוואָלוציע, א פּראָיעקט וועגן פארגרעסערן דעם שטראָף פאר אגראר-אומרוען, א פּראָיעקט וועגן די „צערקאָוונע-פּריכאָדסקע" שולן...

30. דער בונד און דער קאמף פאר אָפּשאפן דעם „טכום".

(א—ר: „דאָס געזעצפּראָיעקט וועגן אָפּשאפן דעם „טכום". „צייט-פּראגן". דריטער באנד. 1910. ז. ז. 101—103).

...ווען מיר ריידן וועגן אנווענדן אלע קרעפטן, איז פאר אונזערע לעזער זעלבסטפארשטענדלעך, אז דאָ האנדלט זיך ניט וועגן די „קרעפטן" פון פּעטערבורגער שטאדלאָנים, וועגן „ארבעט" דורך הינטער-טירלעך, דורך פּראָטעקציעס און דיפּלאמאטיע. מיר ריידן וועגן די קרעפטן פון די ברייטע פאָלקס-מאַסן, פון דער געזעלשאַפט—פון דער אידישער און ניט אידישער.

קוידעמקאָל, פון דער אידישער. אַ פאָלק, וואָס שווייגט, ווען ס'האנדלט זיך וועגן זיינע בלוטיקסטע אינטערעסן, א פאָלק, וואָס שטרעבט ניט צו פרייהייט, אַ פאָלק, וואָס שטעלט זיך צופרידן מיט דעם גוירל פון אַ שקלאף—אזא פאָלק קאן ניט דערווארטן, אז אנדערע זאָלן זיך פאר אים איינשטעלן, אנדערע זאָלן פאר אים רעכט דערווערבן. דער פּראָטעסט פון די אידישע מאַסן,

זייער באוועגונג איז נויטיק, קעדיי צו באגעגענען אַ ווידערקויל, אַ מיטגעפיל, אַ אונטערשטיצונג פון די ניט-אידישע מאַסן, קעדיי צו צווינגען די ניט-אידישע מאַסן פאַרשטיין, אַז די אידישע קנעכטשאַפט איז אַ שווערע מאַסע אַף דעם גאַנצן לאַנד.

די דריטע דומע וועט ניט אויביק עקזיסטירן. ניט אויביק וועט די מאַכט בלייבן אין די הענט באַ די מענטשן פון 3-טן יון.

די שטילע האכנאע, די שקלאַפישע אונטערטעניקייט פון די אונטער-דריקטע באַפעסטיקט דאָס סיסטעם פון קנעכטשאַפט. יעדער פּראָטעסט, יעדע לעבעדיקע שטים אין לאַנד גראָבט די קנעכטשאַפט אונטער.

יעדעס מיטל דאַרף אויסגענוצט ווערן, קעדיי די שטים פון די אידישע מאַסן זאָל דערהערט ווערן אין לאנד און אין דומע. פאַרזאַמלונגען—גרויסע און קליינע—מעגן זיי זיין ווי קליין,—אָפענע און פאַרמאַכטע, דאַרפן ארויס-טראָגן רעזאָלוציעס, וואָס זאָלן פאָדערן פולבארעכטיקונג פאַר אידן ביכלאל און די פולשטענדיקע אָפשאַפונג פונם טכום ביפראט; וואָס זאָלן פאַרלאַנגען, דאָס געזעץ זאָל אוועקגעשטעלט ווערן אַף דער טאַגעס-אָרדענונג פון דומע. אין פאַריינען, כעוורעס, איינריכטונגען דאַרפן אזעלכע רעזאָלוציעס ארויסגע-טראָגן ווערן.

עס דאַרפן ספּעציעלע מיטלען אָנגעווענדעט ווערן, קעדיי צו אָרגאַניזירן געמיינזאַמע פארזאמלונגען פון אידישע און ניט-אידישע אַרבעטער און ביר-גער. עס דאַרפן געמיינזאמע ליטעראַרישע אויסגאַבן געמאַכט ווערן אין אלע ארטיקע שפראכן, וואָס זאָלן זיך ווענדן צו דער גאנצער באַפעלקערונג.

די אלע פּראָטעסטן און רעזאָלוציעס, מיט טויזנטער כסימעס באדעקט, דאַרפן זיך קאָנצענטרירן אין דער ס. ד. פראַקציע פון דומע—דער איינציקער עמעסער פאַרטיידיקערין פון די אונטערדריקטע. ווי וויט מעגלעך, דאַרפן זיי ברייט פארעפענטלעכט ווערן.

אזוי, דורך אַ מאַסן-באַוועגונג,—ניט דורך פּערזענלעכע אונטערהאַנד-לונגען און דינגעניש פון די „פניי"—דאַרף מען דריקן אַף די דעפּוטאַטן.

...אז די אלע פּראָטעסטן און רעזאָלוציעס דאַרפן ריידן מיט אַ שטאָל-צער און אָפענער שפראַך, אַז נאָר אַזאַ שפּראַך קאָן ווירקן אפילע אַף די מעסיקע עלעמענטן—אויב ס'איז אַף זיי ביכלאל מעגלעך צו ווירקן—געפינען מיר פאר איבעריק צו דערווייזן.

ווייל ס'איז ווייניק, די שטים פון פאָלק זאָל זיך הערן. ווייל אויב דאָס וועט זיין אַ שטיל געבעט, אַ שטים פון דערנידערונג און טאכנונים—ווי ס'קאָ-נען פארלאנגען די אידישע קלאל-איסראָעל-באזאָרגער,—איז בעסער, אז זי זאָל גאָר ניט געהערט ווערן. ווייל הערן דאַרף זיך אַ שטאָלצע שטים פון אַ פאָלק, וואָס וויל קיין שקלאַף ניט זיין.

...די באוועגונג אין טכום וועט מוזן ווירקן אויך כוץ לעטכום, אין די ניט אידישע געגנטן.

...ארויסטרעטנדיק קעגן דער אידישער רעכטלאָזיקייט, וועלן די קריסט-לעכע אַרבעטער, די קריסטלעכע פּראָגרעסיווע געזעלשאַפט ניט „אָנעמען זיך"

פאַר אנדערע, ניט „טאָן זיי אַ טויווע". זייערע אייגענע ברענענדע אינטערעסן שטופּן זיי צום קאַמף קעגן דער נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג, ווייל זי איז דער יעסאָד פון זייער אייגענער אונטערדריקונג. אָט דאָס באַוואוסטזיין פאַרשפּרייטן און פאַרטיפן אין די פאָלקס-מאַסן—איז אַ ברענענדע אויפגאַבע. דערצו מוז יעדע געלעגנהייט אויסגענוצט ווערן. דאָס איצטיקע געזעצפּראָיעקט איז אזא געלעגנהייט.

31. די אויפדעקונג פון בונדישן פּראָוואָקאַטאָר איסראָעל-מיכל קאַפּלינסקי [64].

(מעלדונג פונם צענטראַל-קאָמיטעט פון בונד).

(איבערזעצט פון רוסיש).

אָפן סמאַך פון אָנסאָפּעקדיקע באַווייזן, וואָס האָבן זיך באַקומען פון אַ פולשטענדיק ריכטיקן קוואַל, מעלדעט דער צענטראַל-קאָמיטעט פון בונד, אַז דער מיטגליד פון בונד איסראָעל-מיכל קאַפּלינסקי (לויטן צונאָמען „לאַנגזאַם") דינט פון דער צייט אָן, וואָס ער איז באַפרייט געוואָרן פון דער מאָסקווער טורמע (סאָף 1899), אין דער אָכראַנע-אָפּטיילונג.

נאָך פאַר דער גרינדונג פון בונד האָט קאַפּלינסקי גענומען אָן אָנטייל אין דער אידישער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער באַוועגונג. און דערנאָך, ווען דער בונד איז געגרינדעט געוואָרן, האָט קאַפּלינסקי געאַרבעט אין דער אומלעגאַלער בונדישער דרוקערײַ אין באַברויסק, וואָס אין איר איז ער אין 1898 אַרעסטירט געוואָרן. נאָך דער באַפרייאונג האָט ער גענומען אַ טעטיקן אָנטייל אין דער אָרטיקער אַרבעט אין פאַרשיידענע שטעט—אין ווילנע, דווינסק, וואַרשע—און איז געווען גערעכנט אַלס אַן אָנגעזעענער מיטגליד פון בונד. לויט דעם אויפטראַג פונם צענטראַל-קאָמיטעט, פלעגט קאַפּלינסקי אויספירן וויכטיקע טעכנישע אַרבעט.

אזוי ווי אין אייניקע צייטונגען, וואָס האָבן אָפּגעדרוקט ידיעס וועגן קאַפּלינסקין, האָט מען אים אָנגערופן מיטגליד פונם צענטראַל-קאָמיטעט, האַלטן מיר פאַר נויטיק צו דערקלערן, אַז קאַפּלינסקי איז קיינמאָל ניט געווען קיין מיטגליד אין אַ וועלכער ס'איז צענטראַלער איינריכטונג פון בונד.

די לעצטע צוויי יאָר האָט קאַפּלינסקי זיך געהאַלטן פון דער ווייטן פון אונזער אינערלעך-אָרגאַניזאַציאָנעלן לעבן, און אין משך פון מער אַלס אַ יאָר האָט ער שוין קיין אָנטייל אין דער אָרגאַניזאַציאָנעלער אַרבעט ניט גענומען.

לויט די ידיעס, וועלכע ס'האָט באַקומען דער צענטראַל-קאָמיטעט פלעגט קאַפּלינסקי געבן דער אָכראַנע-אָפּטיילונג אָנווייזונגען וועגן אַ גאַנצער ריי אָנגעזעענע מיטגלידער פון בונד; ער פלעגט געבן צו וויסן, אין וואָסערע

שטעט ס׳געפינען זיך די דרוקערייען פון בונד; ווער ס׳אַרבעט אין זיי, ווער ס׳פאַרנעמט זיך מיט אַריבערפירן ליטעראַטור פון אויסלאַנד א. ד. ג.

די אָנגעוויזענע באַשולדיקונג האָט מען דערלאַנגט קאַפּלינסקין און אים איז געגעבן געוואָרן אַ טערמין, אין מעשעך פון וועלכן ער קאָן זיך באַנוצן מיטן רעכט צו פאָדערן אַ פּאַרטיי-געריכט. דערביי האָט מען אים אָנגעוויזן, אַז אויב ער וועט זיך אַוועקמאַכן פונם געריכט, וועט זיין גלייך, ווי ער זעלבסט אָנערקענט זיין שולד. פון אים האָט זיך באַקומען אַ מעלדונג, אַז ער וועט קומען צום געריכט, נאָר פאַקטיש האָט ער זיך פונם געריכט אַוועקגעמאַכט.

איסראָעל-מיכל קאַפּלינסקי איז לויט דער פּראָפעסיע אַ שלאָסער. די לעצטע צייט האָט ער פאַרנומען אַ שטעלע פון אַ מאַשיניסט אין אַ דרוקעריי. ער איז אַ הויכער, אַ בלאָנדער, דער פּאָנים איז אַ בלייכער, מיט אַ קליינער העלער באָרד. ער איז אַלט אַרום 35 יאָר, אַ באַווייבטער, האָט דריי קינדער. לויט אונזערע ידיעס איז ער אַוועקגעפאָרן קיין קאַזאַן.

דער צענטראַל-קאָמיטעט פון בונד.

10 אָקטיאַבר 1909.

32. די פּויאַלײ-ציאָניסטישע פּאַרטיי-אָרגאַניזאַציע אין 1908—1909.

(„די קאָנפערענץ (IV) פון דער א. ס. ד. א. פּ. (פּויאַלײ-ציאָן) 65) אין רוסלאַנד״).

(איבערזעצט פון אַ רוסישער איבערזעצונג *).

נאָכן צווייטן אָרדנטלעכן צוזאַמענפאָר פון דער פּאַרטיי אין אַווגוסט 1907 איז אָנגעשטאַנען אַ שווערער קריזיס. צוליב די אַלגעמיינע פּראָוואָקאַציעס, וועלכע שטערן די לעצטע צייט די אַרבעט פון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען פון רוסלאַנד, און צוליב די אָפטע אַרעסטן פון די מיטגלידער פון צ. ק., האָט זיך די אַרבעט קימאַט אינגאַנצן אָפּגעשטעלט.

אין דעקאַבער 1907 איז צונויפגערופן געוואָרן אַ פּאַרטיי-ראַט, וועלכער האָט קאָאָפּטירט נייע מיטגלידער אין צ. ק. די לעצטע האָבן זיך ענערגיש גענומען פאַר דער אַרבעט, נאָר אַ טייל פון זיי איז דורכגעפאַלן, און די איבעריקע האָבן גאָרנישט ניט געטאָן. אַזוי אַרום איז די פּאַרטיי אינגאַנצן צעפאַלן געוואָרן.

בלויז סאָף דעקאַבער 1908 האָט זיך אונזער אויסלענדישער פאָרשטייער אין אַלוועלטלעכן פאַרבאַנד פון „פּ. צ.״ 66) איינגעגעבן איינצושטעלן אַ פאַרבינדונג מיט אייניקע פונקטן און צוטרעטן צו אויפשטעלן די צעבראָכענע אָרגאַניזאַציעס. ער האָט אָנגעהויבן אַרויסצולאָזן רעגולער אַלע צוויי וואָכן אַ

*) די רוסישע איבערזעצונג פונם באַריכט געפינט זיך אין אַרכיוו פון צ. ק. פון דער אידישער קאָמוניסטישער אַרבעטער-פּאַרטיי „פּויאַלײ-ציאָן״ אין מאָסקווע.

העקטאָגראַפירטן „אינפאָרמאציאָנס־בלעטל״, וואָס האָט ציטווייליק פאַרביטן דעם אָפּוועזנדיקן פּאַרטיי־אָרגאַן. מיט דעם האָט ער באַשאַפן אַ צענטראַלן פּונקט, אַרום וועלכן די כאַווײרים אין רוסלאַנד האָבן זיך אָנגעהויבן אָר־גאַניזירן.

פאַר אָט דער צייט האָט ער אַרויסגעגעבן 17 נומערן פון „אינפאָרמאַ־ציאָנס־בלעטל״ און פאַרבונדן זיך מיט 32 פּונקטן, וואו ס׳עקזיסטירן גרופּן מיט 5—60 כאַווײרים.

די אַלגעמיינע צאָל פון די אָרגאַניזירטע כאַווײרים (אַזעלכע, וואָס אַר־בעטן אונטער דער אָנפירונג פון דער פּאַרטיי און וואָס זיינען פאַרבונדן מיטן „אינפאָרמאַציאָנס־בלעטל״), דערגרייכט צו 400. אַכוץ דעם, זיינען אין אַלע פּונקטן פאַראַן פיל סימפּאַטיקער, הויפּטזאַכלעך געוועזענע כאַווײרים.

די אָנגעוויזענע גרופּן פירן אַ פּראָפּאַגאַנדישע, קולטורעלע און פּראָפע־סיאָנעלע אַרבעט.

איין צייט האָט זיך די פּאַרטיי־אַרבעט אינגאַנצן אָפּגעשטעלט, פּונדעסט־וועגן האָבן זיך ניט געלאָזט פילן די ליקווידאַטאָרישע טענדענצן, וועלכע האָבן אַזוי שטאַרק געשאָדט די איבעריקע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען. צווישן אונ־זערע כאַווײרים איז אויך ניטאָ קיין אַגיטאַציע פאַר אָפּזאָגן זיך פון די סאָצי־אַליסטישע אָדער טעריטאָריאַליסטישע פּרינציפּן. צווישן די כאַווײרים לאָזט זיך מערקן אַ טענדענץ צו אָרגאַניזירן פון אַלע אידישע פּאַרטייען איין אידישע סאָצ.־דעמ. אַרבעטער־פּאַרטיי, וועלכע זאָל זיך ניט פאַרנעמען מיט קיין טע־ריטאָריאַליסטישער פּראַקטיק, נאָר זאָל דערלאָזן אין אירע רייען אַ טעאָרעטישע טעריטאָריאַליזם־פּראָפּאַגאַנדע.

33. די ציאָניסטיש־סאָציאַליסטישע אַרבעטער־פּאַרטיי („ס.ס.״)[67] אין די רעאַקציע־יאָרן.

(ב. גוטמאַן: ערינערונגען. אנגעשריבן ספּעציעל פאַרן „אידישן אַרבעטער״).

די מאַפּאָלע פון דער ערשטער רוסלענדישער רעוואָלוציע און די פאַר־פעסטיקונג פון דער רעאַקציע אין די יאָרן 1907—1911 האָט געגעבן אַ שווערן קלאַפּ אַלע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אָן אויסנאַם. אָבער אין פאַרגלייך מיט דער ר.ס.ד.א.פּ. און בונד איז דער כורבן פון דער ס.ס.־ישער פּאַרטיי געווען אַ סאַך אַ גרעסערער. מיטגעווירקט דערצו האָט, ערשטנס, די מעטושטעש־דיקע צעשוואומענע אידעאָלאָגיע פון ס.ס., וואָס האָט ניט געקאָנט באַשאַפן קיין באַוואוסטזיניקן פאַרהאַרטעוועטן אַקטיוו, וואָס זאָל אַף זיינע פּלייצעס קאָנען אַריבערטראָגן די שווערע צייט פון דער פּאָליטישער דעפּרעסיע. צווייטנס, האָט די פּאַרטיי זיך אַרויסגעוויזן פאַר אומפעאיק צו צאָלן די ט ע ר י ט אָ־ר י אַ ל י ס ט י ש ע וועקסלען, וואָס זי האָט אין איר „גילדענער וואָך״ אונטער־געשריבן. פון אוגאַנדע (אַן ענגלישע קאָלאָניע אין מיזרעך־אַפריקע), אַלס פון אַ טעריטאָריע פאַרן אידישן פאָלק, האָט זיך אויסגעלאָזט אַ בוידעם;

קיין נייע טעריטאָריע האָט זיך אויך ניט פאַרויסגעזעען. די אָנהענגער פון „ס.ס.״ האָט אַרומגעכאַפּט אַ יאוש, און ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ מאסן-אַנט-לויף פון דער פאַרטיי און פון איר פעריפעריע. און ניט נאָר די אונטערשטע מאסן-שיכטן, די ווייטע אָנהענגער, האָבן די פאַרטיי פאַרלאָזן. ס'זיינען פון איר אַוועק אויך אַ ריי אָנגעזעענע פירער, ווי דר. נאַכמען סירקין[68]), יאנקעוו[69]) און יאָסיף לעשטשינסקי, צווי-אַווראַאַמי, ש. ניגער[70]), דר. מ. פינעס, מוישע און דאָוויד העפשטיין, איסאַק קוריצקי און אַסאַך אַנדערע. דאָס פאַרטיי-וואָכנבלאט „אונזער וועג״[71]) צוזאמען מיט זיין צווייוועכנטלעכער ביילאַגע „די פראָפעסיאָנעלע באַוועגונג״ האָבן זיך געמוזט צוליבן געלט-דויכעק אָפּ-שטעלן. ס'זיינען נאָך אַרויסגעגאַנגען צוויי זאמלביכלעך „דער שטראַל״ (סאָף 1907 און אָנהויב 1908), אָבער צו קיין דריטן איז שוין ניט דערגאַנגען אזש ביז זומער 1913*). פון דער גרויסער צאָל אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס זיינען געבליבן געציילטע — אין טשענסטאכאוו, ביאַליסטאָק, פינסק, האָמעל, קיעוו, לאָדז און אַנדערע.

די אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס דאָרטן, וואו זיי זיינען נאָך פארבליבן, האָבן זיך פארנומען מיט בויען פראָפעסיאָנעלע פאַריינען, מיט פירן עקאָנאָמישע שטרייקן, מיט פאַרטיי-פראפּאגאנדע א.ד.ג. ריין פּאָליטישע פּראָבלעמען אָבער, וועלכע האָבן אַפילע אין די גוטע יאָרן געשפּילט אין דער פאַרטיי אַ צווייט-ראנגיקע ראָלע, זיינען איצט אָפּגערוקט געוואָרן גאָר אַפן הינטערשטן פּלאַן.

דער צענטראַל-קאָמיטעט פון זיין זייט האָט זיך פארנומען קימאַט בלויז מיט ריין טעריטאָריאַליסטישע איניאָנים. די פראגע וועגן „קאנקרעטער טעריטאָרי-אַליסטישער אַרבעט״ איז אויך געווען די הויפּט-פראגע פון טאָג-אָרדענונג פון דער 3-טער אלרוסלענדישער פאַרטיי-קאָנפערענץ, וועלכע איז פארגעקומען דעם 25—27 דעקאָבער 1907 אין ווילנע.

נאָך דער 3-טער קאָנפערענץ איז דער צעפאַל-פּראָצעס בא „ס.ס.״ אַוועק נאָך גיכער. אַכוץ די אויבנאָנגעוויזענע אָביעקטיווע סיבעס, האָט אויך מיטגעווירקט דאָס, וואָס דער צענטראַל-קאָמיטעט האָט פאַרלאָזן דעם אידישן אַרבעטער-צענטער—ווילנע און האָט זיך אַריבערגעטראָגן אין אָפּגעריסענעם פון דער אידישער פּראָלעטאַרישער מאַסן-באַוועגונג—קיעוו. די סיבע איז געווען אי אַ אידעאָלאָגישע, אי אַן אָרגאַניזאַציאָנעלע. פון איין זייט, איז די פאַרטיי אַף אַזוי פיל איינגעשרומפּן געוואָרן, אַז ס'איז שוין ניט געווען קיין געלט אַף אויסצוהאַלטן די פאַרטיי-פראָפעסיאָנאלן (אין קיעוו האָבן זיך גע-וויסע צ. ק.-מיטגלידער איינגעאָרדנט אַף פּריוואַטע פּאָסטנס); פון דער אַנ-דערער זייט, האָט מען געוואָלט זיין נעענטער צום צענטער פון דער בירגער-לעך-טעריטאָריאַליסטישער אָרגאַניזאַציע „יטאָ״[73]), וועלכע האָט זיך געפונען אין קיעוו. די אָפּגעריסנקייט פון די מאַסן מיצאַד דעם צענטער האָט דעם אָר-גאַניזאַציע-כורבן אין דער פאַרטיי נאָך פארגרעסערט און דעם „לאַנדזוכע-

*) אויב מע זאָל ניט רעכענען די צוויי העפטן—„אידישעס פריילאַנד״ און „דער מאָרגן״, וואָס בערטאלדי[72]) מיט אנינען האָבן אַרויסגעגעבן אין ווין פרילינג 1910 און וואָס זיינען ניט געווען קיין אָפיציעלע פאַרטיי-אויסגאַבן.

רישן" פֿליגל נאָך פֿאַרשטאַרקט. די רעכטע פֿירער—בערטאָלדי, דאַווידאָוויטש א. א.—האָבן אין דער פֿאַרטיי־אָנפֿירונג פֿאַרנומען דעם אויבנאָן.

אין יוני 1909 איז פֿאָרגעקומען אין ריגע אַ לאַנד־באַראַטונג פֿון „ס.ס.״, ס׳האָבן זיך אין איר באַטייליקט 12 פּערזאָן: די דאָזיקע באַראַטונג איז אַרעסטירט געוואָרן. נאָך 15 טעג זיצן האָט זיך איינגעגעבן (מיט דער הילף פֿון כאַבאַר) אַלעמען צו באַפֿרייען, אָבער די מאַטעריאַלן זייַנען אַלע פֿאַרניכטעט געוואָרן. נאָך דער באַפֿרייאונג האָט מען בלויז באַוויזן אויסצואווילן אַ נייעם צענטראַל־קאָמיטעט און אָנצונעמען אַ באַשלוס וועגן אָנהויבן אַ קאַמפּאַניע פֿאַרן צונויפֿרופֿן אַן אַלוועלטלעכן אידישן עמיגראַציע־קאָנגרעס און פֿאַר באַשאַפֿן אַ אידישן עמיגראַציע־באַנק.

די דאָזיקע קאַמפּאַניע האָט זיך געפֿירט עטלעכע יאָר נאָכאַנאַנד, קימאַט ביז דער סאַמע מילכאָמע און האָט מיט זיך אויסגעפֿילט דעם גרעסטן טייל אינהאַלט פֿון דער ס.ס.־ישער טעטיקייט פֿאַר די דאָזיקע 5 יאָר, האַגאַם פּראַקטיש האָט זי זיך אויסגעלאָזט מיט גאָרנישט.

אין נאָיאַבר 1909 איז אין קאָוונע פֿאָרגעקומען אַן אַלרוסלענדישער צוזאַמענפֿאָר פֿון די אידישע קעהילעס.

דער צוזאַמענפֿאָר האָט זיך קימאַט איינשטימיק אַרויסגעזאָגט פֿאַר צוואַנג־קעהילעס. דאָס, צוזאַמען מיט אַ געוויסער אַנטוישונג אין דער מעגלעכקייט פֿון אַ שנעלן שאַפֿן אַ טעריטאָריע פֿאַר אידן, האָט געשטויסן די „ס.ס.״ צו רעווידירן זייער שאַרף נעגאַטיווע שטעלונג צום אַוטאָנאָמיזם.

די דאָזיקע שטימונג איז געקומען צום אויסדרוק אַף דער 4־טער ס.ס.־ישער פּאַרטיי־קאָנפֿערענץ[74] (אין ווין, דעם 1—8 פֿעוראַל 1911). עמעס, די פֿאָדערונג פֿון נאַציאָנאַל־פּערסאָנאַלער אַוטאָנאָמיע אין פֿולער מאָס איז נאָך אין פּאַרטיי־פּראָגראַם ניט איינגעשלאָסן געוואָרן, אָבער צום אָנטייל אין די אידישע קעהילעס האָט מען שוין פֿאַרנומען אַ פּאָזיטיווע שטעלונג.

אין שײַכעס מיט דער דאָזיקער ס. ס.־ישער טיילווייזער פּראָגראַם־רעוויזיע, וואָס האָט דערנעענטערט „ס.ס.״ צו די סיימיסטן און פּויאַליי־ציאָן, און אַדאַנק די סימפּאַטיעס פֿון די דאָזיקע ביידע פּאַרטייען צו דער ס.־ס.־ישער קאַמפּאַניע פֿאַר אַן אַלוועלטלעכן אידישן עמיגראַציע־קאָנגרעס, האָבן זיך צווישן די דאָזיקע דריי סאָציאַליסטיש־ציאָניסטישע פּאַרטייען אָנגעהויבן אונטערהאַנדלונגען וועגן פֿאַרייניקונג. די איניציאַטיוו האָט געשטאַמט פֿון די „עמיגראַנטן״ פֿון די אויסלענדישע פֿאָרשטייער פֿון די דערמאַנטע פּאַרטייען, וואָס האָבן זיך אַלע געפֿונען אין ווין: בערטאַלדי, דאַווידאָוויטש און שאַץ־אַנין פֿון „ס.ס.״; מ. ב. ראַטנער[75], מ. זילבערפֿאַרב[76] און י. עפּרויקין פֿון די סיימיסטן און ב. באָראָכאָוו[77] פֿון „פּ.צ.״. נאָר אַזוי ווי אין רוסלאַנד זייַנען די פֿאַרייניקונגס־פּלענער גאַנץ קאַלט באַגעגנט געוואָרן (בײַ די „ס.ס.״—מ. ליטוואַקאָוו[78] און בײַ די סיימיסטן—בען־אַדיר האָבן זיך שאַרף אַרויסגעזאָגט קעגן דער פֿאַרייניקונג) און אַזוי ווי אַלע דריי פּאַרטייען האָבן זיך דאַן געפֿונען אין אַ צושטאַנד פֿון צעפֿאַלונג (דעריקער די סיימיסטן), האָט די ווינער איניציאַטיוו קיין פּראַקטישן ערפֿאָלג ניט געהאַט.

נאָך דער 4-טער קאָנפערענץ איז די פּאַרטיי-לאַגע ניט פאַרבעסערט געוואָרן. דער ניי-אויסגעוויילטער צענטראַל-קאָמיטעט איז באַשטאַנען פון צוויי טעריטאָריאַל צעטיילטע גרופּן: די קיִעווער גרופּע (די רעדאַקציע) איז באַשטאַנען פון: מ. ליטוואַקאָוו, א. סאָקאָלאָווסקי און י. כורגין [79]; די אַנדערע, די וואַרשעווער (דער עקזעקוטיוו) — פון מ. גוטמאַן און מ. קאַץ. [80]; צוליבן דויכעק אין געלט, האָט מען קיין איין פּראָפעסיאָנאַל ניט געקאָנט אויסהאַלטן; צוזאַמען מיט דער טעריטאָריאַלער צעריסנקייט פון צ. ק., האָט דערדאָזיקער פאַקט געוואַלדיק טאָרמאָזירט די אַרבעט. דער צ. ק. איז געווען שטאַרק אָפּגעריסן פון די אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס און איז ביכלאַל געווען אומפעאיק עפּעס פּראַקטיש דורכצופירן.

אין יוני 1911 איז אין לעגינגראַד פאָרגעקומען אַן אַלרוסלענדישע עמיגראַציע-קאָנפערענץ, צונויפגערופן דורך דער צענטראַל-פאַרוואַלטונג פון דער אידישער עמיגראַציע-געזעלשאַפט, וואו די „ס. ס." האָבן געשפּילט די ערשטע פידל. אָרום דערדאָזיקער קאָנפערענץ האָט די ס. ס.-ישע פּאַרטיי געפירט אַן ענערגישע קאַמפּאַניע, און די ס. ס.-ישע פראַקציע איז טאַקע דאָרט געווען גענוג גרויס. אַף דער קאָנפערענץ איז אויך געווען אַ ציאָניסטישער פליגל (די בונדיסטן האָבן זיך אין איר ניט באַטייליקט). די קאָנפערענץ האָט פאַרנומען אַ פּאָזיטיווע שטעלונג צום אַלוועלטלעכן עמיגראַציע-קאָנגרעס און האָט באַשלאָסן אַלס האכאָנע צום קאָנגרעס צונויפצורופן אַן אַלרוסלענדישן אידישן עמיגראַציע-צוזאַמענפאָר און צו גרינדן אין אַלע גרעסערע שטעט אָפּטיילונגען פון דער עמיגראַציע-געזעלשאַפט.

דידאָזיקע אָפּטיילונגען זיינען שפּעטער געוואָרן די הויפּט-באַזע, וואו ס'האָבן זיך קאָנצענטרירט די ס. ס.-ישע עלעמענטן אין לאַנד. אין דידאָזיקע אָפּטיילונגען זיינען קיין אַנדערע פּאַרטייען ניט געגאַנגען, אַזוי אַז די „ס. ס." האָבן דאָרט געהערשט אומגעשטערט.

פעווראַל, 1927.

34. די א. ס. א. פּ. („סערפּ") [81] אין דער צייט פון דער רעאקציע.

פון באַריכט (אין דייטש) פון צ. ק. פון דער א. ס. א. פּ. צום אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס אין קאָפּענהאַגען. 1910).

...די פּאָליטישע טעטיקייט פון דער פּאַרטיי האָט זיך קאָנצענטרירט אין די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען. נאָך אראָפּגעשטופּט פון דערדאזיקער פּאָזיציע דורך די קעסיידערדיקע פאַרפאָלגונגען מיצאַד דער רעגירונג, ...האָט די פּאַרטיי געמוזט אַריבערגיין צו אונטערערדישן לעבן און ווייטער פירן איר פּאָליטישע אַרבעט דורכויס אין אומלעגאַלע פאָרמען...

...איצט רעכנט זיך אין דער פּאַרטיי בערעך 2000 (? א. ק.) אַקטיווע

מיטגלידער, אכוץ דעם באַדייטנדיקן קרייז מענטשן, וואָס לויט זיינע אנשוי־אונגען רעכנט ער זיך צו צו אונז, אָבער דירעקט נעמט ער ניט קיין אקטיוון אנטייל אין אונזער אַרבעט.

דערפאַר אָבער קאָנען מיר באמערקן אן אויפלעבונג פונם אינטערעס צו די פראַגן פון אידישן קעהילע־לעבן. ...מיר וועלן דערמאָנען דעם קאמף פאַר דער שול (וויטעבסק 1908 און קאַטערינאָסלאַוו 1909), דעם אנטייל אין די קעהילע־וואַלן און די קולטורעלע טעטיקייט אין פעאָדאָסיע און נאָוואָ־מאסקאָווסק, די איניציאַטיוו אויסצואַרבעטן אַ דעמאָקראַטישן קעהילע־סטאַטוט מיט פאַרטרעטונגס־רעכט פאַר די אַרבעטער און דעם וואַל־קאַמף צו דער רעפאָרמירטער קעהילע אין סימפעראָפאָל (1909).

איבער דעם מאַנגל אין געלט־מיטלען און איבער די אָפטע קאָנפיס־קאַציעס פון די פאַרטיי־דרוקעריי, איז פאַר דער פאַרטיי געווען אומעגלעך צו אַרויסלאָזן רעגולמעסיק די פרעסע. דאָך וועלן מיר דערמאָנען: דאָס זאמל־בוך „די שטימע" אין אידיש (1909), די איבערזעצונג פון אָטאָ באוערס[82] בוך „די נאַציאָנאַלע פראגע און די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע" אין דער רוסישער שפּראַך, דעם פראָטאָקאָל פונם צוזאמענפאָר פון די נאַציאָנאַלע סאָציאַליס־טישע פאַרטייען פון רוסלאַנד[83] (1908) צוזאמען מיט דידאָזיקע פאַרטייען, ווייטער, די צענטראַלע און אָרטיקע (קאַטערינאָסלאַוו און וויטעבסק) מאַי־אויפרופן (1908, 1909, 1910), דאָס פלוגבלעטל וועגן דער דערמאָרדונג פונם מיטגליד פון דער צווייטער דומע קאַראַוואַיעוו[84], אַ צווייטן וועגן דער האריגע אין קאַטערינאָסלאַווער טורמע און א. וו.

...דאָס איינאָרדענען לעקציעס איבער ליטעראַרישע טעמעס (פעטערבורג, קאַטערינאָסלאַוו, וויטעבסק, ראָוונאָ, האָראָדאָק א. א. וו.), דאָס גרינדן ליטע־ראַרישע געזעלשאַפטן (איבער פאַרשטענדלעכע סיבעס רופן מיר ניט אָן די ערטער), לעקציעס איבער פראגן פון פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג, אַרבעטער־געזעצגעבונג און אַרבעטער־פאַרזיכערונג, איבער דער פרויען־פראַגע און איבער די נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען (קאַטערינאָסלאַוו, יוזאָווקע, באַכמוט, יענאַקיעוו, געניטשעסק און א. וו.), דאָס גרינדן ליטעראַרישע גרופן צווישן דער שטודירנדיקער יוגנט אין אַ ריי שטעט, דאָס אנטיילנעמען אין גרינדן און אָנפירן מיט ביבליאָטעקן בּאַ פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען, — דאָס אלץ איז דער קורצער סכום פון דער פאַרטיי־טעטיקייט אין דערדאָזיקער היגזיכט.

דורך אירע מיטגלידער האָט זיך די פאַרטיי באַטייליקט אין פאָלגנדיקע צוזאמענפאָרן: פון די פאַבריק־דאָקטוירים, ...אין דער קאָנפערענץ פון די אידישע געזעלשאַפטלעכע טוער*), אין דער קאָנפערענץ פון די אידישע שול־און פאָלקס־בילדונגס־טוער**). אין דער לעצטער צייט נעמט די פאַרטיי אַ טיכטיקן אנטייל אין דער אַגיטאַציע פאַר דעם פאָרשטייענדיקן אלוועלט־לעכן אידישן עמיגראַציע־קאָנגרעס.

---

*) קאָוונער צוזאַמענפאָר.

**) בּאַראַטונג פון דער כעוורע „מעפּיצײ־האַסקאָלע".

די פּאַרטיי איז, ווי פריער, געווען אין אַ בלאָק מיט דער פּאַרטיי „סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן" 85). צום באַדויערן, האָט דער בלאָק, אדאַנק דעם אונטערגיין פון דער פּאַרטיי־טעטיקייט, קיין קאָנקרעט באשטימטע פאָר־מען ניט אָנגענומען.

אין די ערטער, וואו אויסער אונזערע אָרגאַניזאַציעס זיינען פאַראַן נאָך אנדערע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, זיינען מיר אַריין מיט זיי אין אָפּמאַכונגען בענוגייע די פראגן פון פראָפעסיאָנעלער, קולטורעלער, קאָאָפּעראַטיווער, פּאָליטישער אַרבעט (אנטייל אין וואַל־קאַמפּאַניע, אַרויסגעבן פלוג־בלעטער, אנטייל אין „רויטן־קרייץ" אף צו שטיצן פּאָליטישע ארעסטירטע און אז. וו.).

35. א פרואוו צו פאַרייניקן די אידישע סאציאליסטישע פאַרטייען.

(פון א צירקולאר פון צ. ק. פון בונד. „די שטימע פון בונד", 1910, נומ. 3).

...דער צ. ק. האָט באקומען פונם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער אידישער ס. ד. ארבעטער פּאַרטיי (פּויאַלי־ציאָן) אַ פּאַרלאַגע צו שיקן זיינע דעלעגאַטן אף אַן אינטערפּאַרטייאישער קאָנפערענץ פון די פּאָלגנדע פיר פּאַרטייען: בונד, „פּ. צ.", „ס. ס." און „י. ס." — מיט אזאַ טאַגעס־אָרדענונג: 1. א) די פראַגע וועגן דעם, צי ס'איז מעגלעך און ווינשנסווערט די דערנעענטערונג פון דיזע פּאַרטייען און די קאָאָרדינירונג פון זייערע קרעפטן. ב) דער אָפּ־שטימונגס־מאָדוס איבער דיזער פראַגע.

2. די וויטערדיקע קאָנסטיטואירונג פון דער קאָנפערענץ, איר קאָמ־פּעטענץ און דער אָפּשטימונגס־מאָדוס.

3. די קאָנקרעטע פאָרמען פון דער קאָאָרדינאציע אין די מער אלגע־מיינע ריכטונגען (אלגעמיינע געביטן): א) דער וויטערדיקער רעוואָלוציאָנערער קאמף פאר דער דעמאָקראטיזירונג פון דער פּאָליטישער אָרדענונג אין רוס־לאַנד; ספּעציעל—די באַציאונג צו דער ס. ד. פראַקציע אין דומע און צו די פאָרמען פון קאמף פונם אַרבעטער־קלאס אין רוסלאַנד אויסער דער דומע; ב) דער קאַמף פאַר דער בירגערלעכער און נאַציאָנאלער גלייכבאַרעכטיקונג און פאַר אַ נאציאָנאלער אויטאָנאָמיע פאר דאָס אידישע פאָלק אין רוסלאנד; ספּעציעל דער קאמף פאר לעגאַליזירן, דעמאָקראטיזירן און וועלטלעך מאַכן די אידישע קעהילע־איינריכטונגען; ג) די פירונג פונם פראָפעסיאָנעלן קאמף און פון דער קולטורעלער באוועגונג פונם אידישן פּראָלעטאַריאַט; ד) די רעגולירונג פון דער אידישער עמיגראַציע און די באציאונג צו די איינריכ־טונגען, וואָס דינען דיזן ציל; ה) דאָס אַריינטרעטן פונם אידישן פּראָלעטא־ריאט אינם סאָציאליסטישן אינטערנאציאָנאל, ווי א באַזונדערע נאציאָנאלע סעקציע.

4. די ספּעציעלע קאָאָרדינאציאָנס־געביטן: א) די אָרגאניזאַציע פון אן

אינטערפּאַרטייאישן זעלבסטשוץ קעגן פּאָגראָמען; ב) די אָרגאַניזאַציע פון אַן אינטערפּאַרטייאישן „רויטן קרייץ".

5. א) דאָס אָרגאַניזירן אויף די ערטער אינטערפּאַרטייאישע קאָאַליציאָנס-ראַטן אויף צו פירן די שטענדיקע קאָאָרדינירטע אַרבעט; ב) דאָס באַשאַפן פון אַ שטענדיקן אינטערפּאַרטייאישן אינפאָרמאַציאָנס-ביוראָ פאַר די צענטראַלע איינריכטונגען פון אַלע פיר פּאַרטייען; ג) די פראַגע וועגן דער קאָנסטיטואירונג און דער קאָמפּעטענץ פון די ווייטערדיקע אינטערפּאַרטייאישע קאָנפערענצן פון די צענטראַלע קאָמיטעטן.

ווייטער זיינען די איניציאַטאָרן פון דיזער קאָנפערענץ אונז מודיע, אַז די צענטראַלע קאָמיטעטן פון די „ס. ס." און „י. ס." האָבן געגעבן זייער פּרינציפּיעלע הסכמה אויף דעם אָנטייל אין איר.

דער צ. ק. פון „בונד" האָט נאָך דער באַטראַכטונג פון דיזער פּאָרלאַגע אָנגענומען די פאָלגנדע רעזאָלוציע, וועלכע איז שוין אָפּגעשיקט געוואָרן די איניציאַטאָרן:

„האַלטנדיק פאַר אוממעגלעך צוזאַמען צו באַטראַכטן און באַשליסן די פראַגן פון טאָגעס-אָרדענונג פון דער קאָנפערענץ, וועלכע איר רופט צונויף, צוליב דער פולשטענדיקער קעגנזעצלעכקייט צווישן דער פּרינציפּיעלער פּאָזיציע פון בונד און די גרונט-פּונקטן פון זיין פּראָגראַם און טאַקטיק און צווישן דער פּאָזיציע פון די אַנדערע פּאַרטייען, וואָס נעמען אָן אָנטייל אין דער קאָנפערענץ, האַלט דער צ. ק. פון בונד פאַר אוממעגלעך פאַר זיך צו נעמען אָן אָנטייל אין דער קאָנפערענץ, וועלכע איר רופט צונויף.

צוזאַמען מיט דעם שליסט דער צ. ק. פון בונד מיט דיזן באַשלוס ניט אויס די מעגלעכקייט פון אָפּמאַכן אויף די ערטער איבער באַזונדערע פּראַקטישע פראַגן מיט די גרופּן פון דיזע פּאַרטייען, אויף וויפיל די אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס פון בונד וועט אויסקומען אין דער פּראַקטיק מיט זיי זיך צו טרעפן".

36. די אידישע אַרבעטער אויפן האַנטווערקער-צוזאַמענפאָר [36].

(א. ר—טש: „די אַרבעטער-דעלעגאַציע אויפן האַנטווערקער-צוזאַמענפאַר". „די אידישע פאָלקס-שטימע", העפט 2, ז. 11—15).

אַלגעמיינע באַמערקונגען.

...די אידישע באַלעבאַטים זיינען אין זייערע באַמיאונגען ניט צו דער-לאָזן קיין אידישע אַרבעטער אויפן צוזאַמענפאָר ניט אָפּגעשטאַנען פון זייערע קריסטלעכע כאַוויירים. די געזעלשאַפטלעכע איינריכטונגען, וואָס האָבן אָרגאַ-ניזירט די אידישע פאַרטרעטונג, האָבן געזאָרגט, אַז ס'זאָל זיין וואָס מער „אידן"; און דאָס איז דאָך שוין אַן אַלטער קלאַל, אַז ווען אונזערע פאַרזאָר-גער ריידן וועגן „אידן", האָבן זיי אין זינען נאָר די אידישע באַלעבאַטים.

די אידישע מייסטערס האָבן אַף די ערטער דיזע „נאַציאָנאַלע" אַרבעט דורכ-געפירט גלענצנד; זיי האָבן אַלע קרעפטן צוגעלייגט, מע זאָל די אַרבעטער אַפילע ניט צולאָזן צו די וואַל-פאַרזאמלונגען, און אויב דאָס האָט זיך זיי אין אַנדערע שטעט ניט איינגעגעבן, איז דאָס נאָר צוליב דער ענערגיע פון די באַוואוסטזיניקע אַרבעטער.

„אידן קענגן קריסטן" איז געווען דער לאָזונג פון די באַלעבאַטים. „אַר-בעטער קעגן באַלעבאַטים" איז געווען דער ענטפער פון די אַרבעטער. די אידישע אַרבעטער-דעלעגאטן פון דווינסק און זשיטאָמיר זיינען אויסגעקליבן געוואָרן מיט די שטימען פון אידישע און קריסטלעכע אַרבעטער; דער דעלע-גאט פון לאָדז האָט געהאט אַ מאַנדאַט ניט נאָר פון די אידישע אַרבעטער, נאָר אויך פון די פוילישע.

...פאָרמעל זיינען געווען אַרבעטער-פאָרשטייער נאָר פון 6 שטעט. צו די 6 שטעט זיינען צוגעשטאַנען נאָך 2 — גראָדנע און ביאַליסטאָק, — וועלכע האָבן אליין ניט געהאַט די מעגלעכקייט צו שיקן זעלבשטענדיקע דעלעגאטן, זיי האָבן אָבער געשיקט זייערע מאַנדאַטן דער דעלעגאַציע אַפן צוזאמענפאָר. די אידישע אַרבעטער-דעלעגאציע האָט באַקומען פון דיזע שטעט רעזאָלוציעס, דירעקטיוון וועגן די וויכטיקסטע פראגן פון טאגעס-אָרדענונג מיט הונדערטער אונטערשריפטן (פון ביאַליסטאָק ביז 400 אונטערשריפטן, פון גראָדנע — ביז 200). די אידישע אַרבעטער האָבן אין אַלגעמיין מער פון די רוסישע איינגע-היט די איינהייט און גאַנצקייט פון זייער קלאַסן-אָרגאניזאציע. און די ניט גרויסע נאָך איר צאָל אידישע ארבעטער-דעלעגאציע האַט מיט רעכט זיך געפילט, ווי אַ דעלעגאַציע פון אידישן פראָלעטאַריאט און האָט מיט ווירדע דערפילט די פאַראַנטוואָרטלעכע ראָלע, וואָס די באַדינגונגען האָבן אַף איר אַרויפגעלייגט.

פאַר די אידישע אַרבעטער איז אַזא אַרויסטרעטונג אַף אַן אַלגעמיין רוסלענדער צוזאַמענפאָר געווען דער ערשטער טריט — און ווי דער ערשטער באַקומט ער אַ באַזונדער וויכטיקייט.

די טאַקטישע ליניע.

די אַרבעטער-דעלעגאַציע איז געווען די אָרגאַניזירטסטע גרופע אַפן צו-זאַמענפאָר. ...אין אירע אַרויסטרעטונגען האָט זיך פון אָנהויב ביזן סאָף באַ-מערקט א אויסגעהאַלטנקייט, אַ פּלאַנמעסיקייט.

...די טאַקטיק האָט געדרונגען פון די אויפגאַבן, וואָס די ארבעטער האָבן זיך געשטעלט, ווען זיי האָבן באשלאָסן אינם צוזאמענפאָר אָן אנטייל צו נע-מען. זיי זיינען אין אלגעמיין אָנגעמערקט אין דער ערשטער אַרבעטער-דעק-לעראציע. „אַף דיזן צוזאמענפאָר פון האַנטווערקער-באלעבאַטים וועלן מיר זיך באמיען צו צעזייען די אילוזיעס וועגן דער אינטערעסן-איינהייט בא אַלע, וואָס זיינען אין האנדווערק פאַרנומען; קעגן די פרעטענזיעס פון די בא-

לעבאַטים וועלן מיר אַוועקשטעלן די פאָדערונגען פון די ארבעטער... מיר וויסן אפריער, ...אז מיר, וועלן דאָ בלייבן אין דער מינדערהייט. נאָר מיר האָבן רעכט צו פאדערן, מע זאָל אונז אויסהערן ביזן סאָף, און מיר האָפן, אז אונזער שטים וועט געפינען אַן אָפּקלאַנג אין די ברייטע מאַסן פון די האַנדווערקער-אַרבעטער און וועט דורך דער אַרבעטער-פּארטרעטונג *) ארייננדרינגען אויך אין דומע".

...וועגן א שטרעבונג דורך די ארבעטער-שטימען צו פארבעסערן די באַשלוסן פונם צוזאמענפאָר האָט גאָר קיין רייד ניט געקאָנט זיין.

...דאָס האָבן אין קיין פאַל ניט געקאָנט פאַרשטיין אייניקע דעמאָקראַטישע און נאָך מער ווי דעמאָקראַטישע ווייכע הערצער, וועלכע האָבן גע-דורשט נאָך „רעאַלע" אַרבעט און האָבן געשמייכלט און איראָניזירט איבער דער „פּרינציפּיעלער אויסגעהאַלטנקייט" פון די ארבעטער.

פון אָנהויב אָן אָנמערקן די פּאָזיציע, וואָס די אַרבעטער פאַרנעמען אין יעדער פראַגע, אויסהאַלטן די פּאָזיציע ביזן סאָף, ניט גייענדיק אַף קיינע פשאָרעס, אַראָפּציען די מאַסקע פון די, וואָס פאַרדעקן מיט ארבעטער-פריינט-לעכע פראַזן זייער באַלעבאַטישן טאָך, זייערע עקספּלואַטאַטאָרישע פאַרלאַנגען, אומעטום אויפדעקן די קלאַסן-קעגנזאַצן און ניט פאַרשיטן קיינע גריבער צווישן זיך און צווישן די באַלעבאַטים, טרייבן די אומבאַשטימטע עלעמענטן זיך צו שטעלן אנטשיידן אַף דעם אָדער אַף יענעם צאַד—דאָס איז געווען די טאַקטישע ליניע פון דער ארבעטער-דעלעגאַציע, און זי איז איר געבליבן טריי פון אנהויב ביזן סאָף...

י אָ נ ט ע ו ו - ר ו.

...די ארבעטער דעלעגאַציע האָט געפאָדערט 42 שאָ רו אן אונטערברע-כונג יעדע וואָך; די באַלעבאַטים זיינען איינגעגאַנגען נאָר אַף 36 שאָ, ד. ה. אַז ערעוו יאָנטעוו זאָלן די אַרבעטער האָרעווען די זעלבע צייט, ווי יעדן טאָג.

...פיל שווערער איז געווען די פראַגע וועגן דעם טאָג פון רו. פאַר די ארבעטער איז דאָס געווען א שווערע פראַגע, ווייל זי האָט ארויסגערופן מיינונגס-פאַרשיידנהייטן אין אירע אייגענע רייען.

די מיינונג פון די אידישע ארבעטער-דעלעגאַטן איז באַוואוסט: דאָס געזעץ דאַרף געבן די מעגלעכקייט די ארבעטער פון יעדער נאַציאָן צו פייערן אירע היסטאָרישע יאָנטויוויים און דאַרף זיי ניט צווינגען פייערן אנדערע טעג. אין דער זעלבער צייט איז באוואוסט אויך די מיינונג פון דער ס. ד. פראַק-ציע אין דומע, וועלכע זי האָט אַרויסגעזאָגט, ווען ס'האָט זיך באַהאַנדלט די פראַגע וועגן דער נאָרמאַלער רו פון די האַנדלס-אָנגעשטעלטע: אין יעדער שטאָט דאַרף איינגעשטעלט ווערן איין רו-טאָג פאַר אַלע אַרבעטער, דעם טאָג באַשטימט א געמישטע קאָמיסיע פון באלעבאטים און ארבעטער אין גלייכער צאָל.

*) סאָצ. דעמ. דומע-פראַקציע.

...די ארבעטער-דעלעגאַציע האָט דער באטראכטונג פון דיזער פראַגע אָפּגעגעבן מער צייט, ווי אלע אנדערע. און צום סאָף פון די דעבאטן האָט זיך ארויסגעוויזן, אַז די אידישע אַרבעטער שטייען פעסט פאַר זייערע פאָ-דערונגען; פון די רוסישע זיינען עטלעכע צוגעשטאנען צו דער מיינונג פון זייערע אידישע כאַווײרים; די איבעריקע האָבן פאַרטיידיקט דעם שטאַנדפונקט פון דער ס. ד. פראַקציע. א גרויסע ראָלע האָט באַ זיי געשפּילט אויך דער אַוטאָריטעט אַליין פון דער פראַקציע...

...ס'איז פון אָנהויב אָן געוועזן קלאָר, אז וועגן דעם, ס'זאָלן אין נאָמען פון דער גאַנצער דעלעגאַציע ריידן נאָר די פאָרשטייער פון איר מערהייט, קאָן גאָר קיין רייד ניט זיין. די פרייהייט ארויסצוזאָגן אָפן צוזאַמענפּאָר די מיינונגען פון ביידע ריכטונגען איז פון אָנפאַנג אָן גאראנטירט געוואָרן. די שוועריקייט איז געלעגן אין דער פראַגע וועגן דער אָפּשטימונג. שטימען באזונדער—יעדער טייל פאר זיין רעוואָלוציע — וואָלט הייסן אָפּשוואכן די שטאַרקסטע זייט פון דער דעלעגאַציע — איר גאַנצקייט, איר סאָלידאריטעט. אָף א פרעמדן צוזאמענפּאָר זיך צעשפּאַלטן — אף אזא טריט וואָלט מען גע-קאָנט איינגיין נאָר דאַן, ווען ס'וואָלט טאַקע קיין אנדער אויסוועג ניט גע-ווען. די אידישע ארבעטער האָבן אָנגענומען אן אנדער אויסגאַנג, וועלכן ס'האָבן זיי פאָרגעלייגט די רוסישע כאַווײרים: ...די גאַנצע דעלעגאַציע זאָל זיך אָפּהאַלטן פון שטימען מיט דעם מאָטיוו, אז דאָס רוסלענדער פּראָלעטאַ-ריאַט האָט נאָך ניט אויסגעאַרבעט קיין ענדגילטיקע מיינונג וועגן דיזער פראַגע.

...דער שטאַנדפונקט פון די אידישע ארבעטער האָט פון זייער האַלטונג אין דיזער פראַגע פיל געוואונען.

פון דער טריבונע האָבן צווי פאָרשטייער פון דער אידישער ארבעטער-דעלעגאַציע פאַרטיידיקט דעם שטאַנדפונקט פון די אידישע ארבעטער. איינער פון זיי האָט אונטערגעשטרייכט, אז די אידישע ארבעטער האָבן א פולשטענ-דיק פעסטע מיינונג וועגן דיזער פראַגע און האָט דערקלערט, פאַרוואָס די גאַנצע דעלעגאציע האלט זיך אָפּ

37. באגריסונג פון די אידישע ארבעטער אווגוסט בעבעלן צו זיין 70-יאָריקן יובילײ.

(„צו בעבעלס 70-טן געבורטס-טאָג". „די שטימע פון בונד", 1910, נומ. 3).

טייערער כאַווער!

אין יענעם מאָמענט, ווען די פאַריזער קאָמונע איז געלעגן צעטראָטן, דערטרונקען אין בלוט, ווען ס'האָט סימכע וועסאָסן געהערשט אין דער בור-

זשואזער וועלט,—אין יענעם מאָמענט האָט איר אין דייטשישן רייכסטאַג *) מיט טיפּן, מיט פייערדיקן גלויבן נעוויעס געזאָגט:

„פריער, איידער ס'וועלן איבערלויפן עטלעכע יאָרצענטן, וועט דער קאַמפּס-רוף פון פּאַריזער פּראָלעטאַריאַט... זיין דער קאַמפּס-לאָזונג פון גאַנצן אייראָפּייאישן פּראָלעטאַריאַט".

דער איינציקער פּראָלעטאַרישער פּאַרטרעטער אין רייכסטאַג זייט איר דעמאָלט געווען—איינזאַם צווישן סאָנים, וואָס האָבן מיט א פריילעכן געלעכטער אייערע ווערטער באַגעגנט.

ס'זיינען אָבער נאָך קיין פולע פיר יאָרצענטן ניט אָפּגעלאָפן, און יענער קאַמפּס-רוף איז שוין לאַנג געוואָרן דער לאָזונג פון אייראָפּייאישן, פון אַלוועלטלעכן פּראָלעטאַריאַט,—און אייער 70-טער געבורטסטאָג איז א יאָנטעוו פאר דער ארבעטערשאַפט פון דער גאַנצער וועלט, און אין צענדליקער שפּראַכן פליט היינט צו אייך דער גרוס פון מיליאָנען.

פון מיליאָנען, וואָס זיינען פינסטערע שקלאַפן געווען בישאַס אייער יונגע נעוויעס האָט געקלונגען, און וואָס האָבן שטאָלץ זייערע רוקנס אויסגעגלייכט, הויך די פאָן פון קאַמף אויפגעהויבן פאר דער צייט, ווען גרוי איז געוואָרן דאָס האר פון אייער קאָפּ.

זאָל זשע אינם כאָר פון די דערוואַכטע קלינגען אויך די שטימע פון יענע, וועמען דער ליכטיקער אידעאַל פון סאָציאַליזם האָט פון דער טיפער טיפעניש פון קנעכטשאַפט, פון דער פינסטערער פינסטעריניש פון דערנידערונג אויפגעהויבן און פאַר שטאָלצע קעמפער געמאַכט.

כאַווער! אין נאָמען פון די אונטערדריקסטע צווישן די אונטערדריקטע אין נאָמען פון די אידישע פּראָלעטאַריער נעמט צו אונזער גרוס.

אין נאָמען פון די אידישע פּראָלעטאַריער, וואָס ליידן ניט נאָר אלס לוין-שקלאַפן, אָבער אויך אַלס קינדער פון א פאַרפאָלגטער נאַציאָן, און וואָס זעען אינם זיג פון סאָציאַליזם אויך זייער נאַציאָנאַלע באַפרייאונג—באַגריסן מיר דעם, וועלכער האָט מיליאָנען אַרבעטער צום באוואוסטזיין אויפגעוועקט, וועלכער האָט מוטיק זיין גאַנץ לעבן קעגן נאַציאָנאלער העצע געקעמפט און האָט אין די הערצער פון די מאַסן דאָס געפיל פון אינטערנאַציאָנאלער ברודערשאַפט דערצויגן.

אין נאָמען פון די אידישע פּראָלעטאַריער, וועלכע לעבן איצט איבער מיטן גאַנצן רוסלענדער פּראָלעטאַריאַט אומענדלעך שווערע, פינסטערע צייטן, וועלכע שטרענגען איצט אָן אַלע זייערע קרעפטן, קעדיי ניט אַראָפּצולאָזן פאַרן סוינע זייער אַלטע פאָן,—באַגריסן מיר יענעם, וואָס האָט בעראָש פון דער דייטשישער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע א רומפולן ביישפּיל געגעבן, ווי אזוי דאָס באוואוסטזיניקע פּראָלעטאַריאַט דארף דורכמאַכן שווערע צייטן, ווי אַזוי ער קאָן בייקומען די פינסטערע קויכעס און ארויסגיין פון קאַמף נאָך שטאַרקער, נאָך מוטיקער ווי פריער.

---

*) פּארלאַמענט.

טייער און נאָענט זייט איר דעם אידישן פּראָלעטאַריאַט, אלס מוטיקער פּירער פון דער דייטשישער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע, פונם אוואַנגאַרד אין דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער-ארמיי, פון דער פּאַרטיי, וועלכע איז פאַרן „בונד" טאָמיד א לערערין, א וועגווייזערין געווען.

און זינט אין די קעפּ פון די אידישע אַרבעטער לייכט א פונק פון קלאַסנבאוואוסטזיין, איז זיי טייער און נאָענט דער נאָמען פונם טאקער אוו-גוסט בעבעל, דער נאָמען פונם פּראָלעטאַריער, וועלכער איז... איינער פון די גרעסטע אַרבעטער-פּירער און דענקער געוואָרן. דער נאָמען פונם פּראָלעטאַריער, וועלכער האָט אין זיין אייגענעם לעבן פאַרקערפּערט דאָס פּראָלעטאַריאַט, וואָס ברעכט זיינע קייטן.

אין פיל אָרימע אַרבעטער-צימערלעך פון דער אידישער גאַס וואָלט איר קאָנען געפינען אייער בילד. און צו דער צעשטערנדער מאַכט פון אייער וואָרט, וואָס וואַרפט אַן איימע אַף די סאָנים, פלעגן זיך פילע, פילע הער-צער אין דער אידישער ארבעטער-גאַס צוהערן מיט שטאָלץ און ער-פורכט.

כאווער! מיר ווינשן אייך, מיר ווינשן דער דייטשישער סאָציאַל-דע-מאָקראַטיע, איר זאָלט נאָך לאַנג בלייבן איר אייביק יונגער פירער, איר זאָלט נאָך איבערלעבן פיל מאָמענטן פון ליכטיקן ניצאָכן, איר זאָלט נאָך לאַנג זיין דער שרעק פאַר די געוואלט-טוער און אונטערדריקער און דער לעבעדיקער שטאָלץ פון אַלוועלטלעכן רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט.

דער צענטראלער. קאָמיטעט פון „בונד" *).

*) ענלעכע באַגריסונגען בעבעלן צו זיין 70-טן געבורטסטאָג האָבן געשיקט אויך אייניקע ארטיקע אָרגאניזאַציעס פון בונד: די באָברויסקער, בריסקער; יובילי-פאַרזאמלונגען זיינען פאָרגע-קומען; אין גראָדנע (163 ארבעטער), האָמעל (60), ביאליסטאָק (60), ווילנע (2 פאַרזאמלונגען צו 70), ריגע און מאָליעוו.

VI. דער קאמף צווישן פּאַרטייער [87]) און ליקווידאַטאָרן אין, דער אידישער אַרבעטער-באַוועגונג.

38. אַף דער בונדישער באַראַטונג אין 1908־טן יאָר [88]).

(פונם באריכט וועגן דער באַראַטונג באַם צ. ק. פונם בונד. „פון פּאַרטיי-לעבן“, 1908, נומ. 1).

...די צווייטע פראַגע איז געווען וועגן דעם כאַראַקטער פון „אונזער וויטערדיקער אַרבעט“. אין די דעבאַטן וועגן דיזער פראגע האָבן זיך ארויסגעוויזן צווי פּרינציפּיעלע הויפּט-ריכטונגען, געשטיצט אַף פאַרשיידענע בליקן אַף דעם איצטיקן פּאָליטישן מאָמענט און דעם ווייטערדיקן גאַנג פון דער רעוואָלוציאָן.

איין ריכטונג, וועלכע איז געווען פאָרגעשטעלט דורך איין כאַווער, איז ארויסגעגאנגען פון דעם שטאַנדפּונקט, דאָס איצט לעבן מיר איבער א פּעריאָד נים פון א פעסטגעשטעלטער רעאַקציע, וועלכע וועט אין איר ווייטערדיקן גאַנג ברענגען צו א פולשטענדיקער רעסטאווראַציאָן פון דעם אַלטן רעזשים, נאָר א צייט פון אַן אָרגאַנישן פּראָצעס, ווען ס'שטעלט זיך איין א מעסיקע, פּילייכט זייער א מעסיקע, קאָנסטיטוציע אף דעם מוסטער פון פּרייסן, דעהאַיינע. די רעוואָלוציע אַלזאָ איז געענדיקט מיט א זיג און די ווייטערדיקע פּאָליטיש=געזעלשאַפטלעכע עוואָלוציע וועט זיך אויסדריקן אין דעמאָקראַטיזירן דידאָזיקע קאָנסטיטוציע דורך דעם קאַמף פון די דעמאָקראַטישע פּאָלקסשיכטן (און אויך פון דעם פּראָלעטאריאט) פּאַר אלגעמיינע וואל-רעכט א. ד. ג.

צי זיינען דאָ אביעקטיווע באדינגונגען אין לאַנד פאַר א פעסטגעשטעלטער לאנגדויערנדער רעאַקציע? אַף דער פראַגע דאַרף מען אנטשיידן ענטפערן — ניין. עמעס, דער אַקטיוועסטער אין יעצטיקן מאָמענט פּאָליטישער עלעמענט אין דער מעלוכע איז דער אַדל. ער איז אַם בעסטן אָרגאַניזירט און שטרעבט צו דער פולקאָמער ווידערשטעלונג פון דער אַלטער אורדענונג מיט אלע פּריווילעגיעס פאַר זיך. עמעס איז אויך, דאָס די רעגירונג הערט זיך גאַנץ אויפמערקזאַם צו צו דער שטימע פון דעם אדל. פון דער צווייטער זייט, זעען מיר, ווי די בורזשואזיע איז פּאַרטאָן אין קאמף מיט דער רעוואלוציאָן און האלט אונטער די קאָנטר-רעוואָלוציאָנערע פּאָליטיק פון דער רעגירונג. נאָר צי קאָן מען פון דעם שליסן, אז די רעסטאווראציאָן איז געזיכערט? ניין. די ביו-

ראָקראַטיע, וועלכע פאַרפאָלגט אירע אייגענע אינטערעסן, קאָן ניט גיין מיטן אדל ביזן סאָף: דער קריזיס, אין וועלכן די מעלוכע האָט זיך געפונען בעאייס דעם יאַפּאַנישן קריג [89]), האָט איר געבראַכט א געוויסע פּעאולע. איבעריקנס, איז זי אויך פארן קריג ניט געגאַנגען אויסשליסלעך אַפן שטריקל פון דעם אדל. דעסטאָ ווייניקער קאָן זי דאָס יעצט טאָן. זי איז געצוואונגען זיך צו רעכענען מיט די אינטערעסן פון דער בורזשואַזיע, די אינטערעסן פון דער וואקסנדער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציאָן, און זי טוט דאָס... ס'איז אומעגלעך צו דענקען, דאָס די רעגירונג זאָל בייסן איר פּאָליטיק און ברענגען דערצו, אז די בורזשואזיע זאָל איבערגיין אַפן צאד פון דער אָפּאָזיציע, און אף אזא אויפן זאָל אנטשטיין אַן אלגעמיין נאַציאָנאלע באוועגונג קעגן דער ביוראָקראַטיע.

...וועגן דער סכעמע פון די באָלשעוויקעס, וועלכע איז אויסגערעכנט אַף דער נויטווענדיקייט און מעגלעכקייט פון דער זאָגענאנטער דעמאָקראַטישער רעוואָלוציאָן אין דער נאָענטסטער צוקונפט, איז ניטאָ וואָס צו ריידן: דער ביז העריקער גאנג פון דער רעוואלוציאָן האָט פולקאָם באוויזן דעם גאנצן אוטאָפּיזם פון דערדאָזיקער סכעמע.

די רעוואָלוציאָן איז אלזאָ געענדיקט. וועגן א מאַפּאָלע קאָנען מיר ניט ריידן, מיר האָבן א מעסיקע קאָנסטיטוציע. זי איז נאָך ניט איינגעפעסטיקט, ס'קומט נאָך פאָר א קאמף מיט די מער רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן, נאָר דאָס לעצטע איז אַן איבערגייענדע דערשיינונג.

פון דיזן שטאנדפונקט פאָלגט א געוויסער קוק אף אונזער וויַיטערדיקער ארבעט. ס'קאָן קיין רייד ניט זיין וועגן איין איינציקן לאָזונג פאר אונזער פּאַרטיי-ארבעט, ווי אין די פריערדיקע צייטן. אונזער ארבעט, ווי ביכלאַל די אַרבעט פון דער גאַנצער דעמאָקראַטיע, דארף זיין געריכטעט צו דעם, וואָס מער צו געניסן פון דעם קאָמפּראָמיס, וועלכער קומט פאָר צווישן די קרעפטן, וועלכע די רעוואָלוציאָן האָט ארויסגערוקט אַפן פאָדערגרונט פון דער פּאָליטישער סצענע, און דער עקזעקוטיווער מאַכט, צו ווירקן, דער קאָמפּראָמיס זאָל אָנעמען א וואָס מער דעמאקראטישן פּאָנים. מיר דארפן זעען אויסנוצן אלע לעגאַלע פאָרמען פון דער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט, וועלכע די רעוואָלוציאָן האָט אונז געבראַכט, די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען, קולטורעלע געזעלשאפטן א. ד. ג., אריינדרינגען אין אלע געביטן פון געזעלשאַפטלעכן לעבן, וועלכע רירן דירעקט אדער אומדירעקט אָן די אינטערעסן פונם פּראָלעטאַריאַט, און אַפן באָדן פון דיזער טעטיקייט אָרגאַניזירן די ברייטע ארבעטער-מאַסן. דורך אריינציען און פאַרינטערעסירן די מאַסן מיטן טאָג-טעגלעכן קאַמף וועלן מיר זיי אַם בעסטן פאַרינטערעסירן מיטן פּאָליטישן לעבן ביכלאַל.

די פאַרטרעטער פון דער צווייטער ריכטונג... לייקענען אָפּ דעם הויפּטטעזיס פון דער ערשטער ריכטונג, אז רוסלאַנד האָט אַריינגעטראָטן אין פאזיס פון א מעסיקער קאָנסטיטוציע. נאָך זייער מיינונג האָבן מיר נאָך פאָרלויפיק ניט קיין קאָנסטיטוציע, די דומע איז נאָר א פאַרבלענדעניש און קאָן פאַרפירן נאָר קורצזיכטיקע, ווייל בעעמעס איז זי ניט קיין רעוואלוציאָנערע איינריכטונג. זאָל זי זיך נאָר וועלן פאַקטיש אוועקשטעלן אלס א פאַרלאמענטארישע

איינריכטונג, און דאַן וועט זי צעטריבן ווערן. די פּאָליטיק פון דער רעגירונג אונטערשיידעט זיך ניט בעעצעם פון דער פּאָלימיק, וועלכע זי האָט געפירט ביז די אָקטיאַבער-טעג *). פריער איז זי אויפמערקזאַם געווען צום אַדל און דער בורזשואַזיע, און מער פון אַלץ געטראַכט וועגן זיך אַליין, און יעצט טוט זי דיזעלבע זאַך. אויסער די אינטערעסן פון אַדל און דער גרויס-בורזשואַזיע, זיינען קיינע באַדערפעניש׳ן אין לאַנד ניט באַפרידיקט און דאָס מוז ברענגען צו א נייער רעוואָלוציאָנערער אויפלעבונג... צו דיזן נייעם עטאַפּ פון דער רעוואָלוציע דאַרפן מיר זיך גרייטן. דער ערשטער פּאַזיס פון דער רעוואָלוציאָן האָט זיך געענדיקט מיט א מאַפּאָלע, ווייל די ברייטע מאַסן זיינען ניט געווען אָרגאַניזירט. אָרגאַניזירן דעם פּראָלעטאַריאַט... דאַרף זיין אונזער אויפגאַבע, אונזער ווייטערדיקע אַרבעט דאַרף זיך פירן אונטערן צייכן פון צוגרייטן זיך צו א נייעם רעוואָלוציאָן-אויסברוך. פּראַקטיש האָבן די אָנהענגער פון דיזער ריכטונג גאָר ניט קעגן אַנטייל נעמען אין דער טאָג-טעגלעכער קליינער אַרבעט, מע דאַרף אָבער דערביי ניט אַרויסלאָזן פון זינען די הויפּט-אויפגאַבע, אַנדערש קאָן מען פאַרזונקען ווערן אין דער קליינלעכער אַרבעט. מע דאַרף פאַרשטאַרקן אונזערע אָרגאַניזאַציעס, מיר דאַרפן האָבן א רעוואָלוציאָנערן קלאַסנבאַוואוסטן אַפּאַראַט. מע דאַרף צוזאַמענבינדן די פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס מיט די פּראָפעסיאָנעלע. מע דאַרף פירן א קאַמף מיטן פּאָליטישן אינדיפערענטיזם פון די מאַסן, און צוליב דיזן צוועק איז נויטיק שטאַרקער צו פירן די פּאָליטישע אַגיטאַציע אויפן באָדן ניט נאָר פון די אַלטעגלעכע קליינע אינטערעסן (איינער האָט זיך אויסגעדריקט „די אַגיטאַציע דאַרף געפירט ווערן אויסשליסלעך אויפן באָדן פון אַלגעמיין מעלוכישע פּאָליטישע פראַגן“); אַלס א מיטל צו פירן די פּאָליטישע אַגיטאַציע, האָבן אייניקע פאַרטרעטער פון דיזער ריכטונג פאָרגעלייגט צוצוטרעטן צום אַרויסגעבן אַן אומלעגאַלן פּאָליטישן אָרגאַן.

39. די פּאָזיציע פון די בונדיסטן-ליקווידאַטאָרן.

(מ. אבר.: „צו דער פראַגע וועגן דער אַרבעט“. „אָטקליקי בונדאַ“, 1909, נ. 1).

וואָס טוט מען און ווי? אויף אָט דער טעמע ווערן די לעצטע צייט געפירט לעבהאַפטע דעבאַטן צווישן די „פאַרבליבענע“ אין דער פּאַרטיי...

וואו שטעקט דער מעהוס פונם שטרייט? וואו ליגט דער שווערפּונקט פון דער פראַגע? „ס׳האַנדלט זיך וועגן דעם, צי ס׳איז צוועקמעסיק די עקזיסטענץ פון דער ס. ד. פּאַרטיי“,—פאָרמולירט דעם שטרייט-פּונקט דער אויסלענדישער אָרגאַן פון די באָלשעוויקעס („פּראָלעטאַרי“ נומ. 36). „רעגאַל צי אומלעגאַל“, אָט וואו ס׳ליגט דער שווערפּונקט פון דער שטרייט-פראַגע,—פּאַראַלגעמיינערן אייניקע פון אונזערע „באָלשעוויקעס“. ס׳איז אָבער גרינג צו באַמערקן, אַז אי דער, אי יענער אויפן אוועקשטעלן די פראַגע אַנטפּלעקט ניט

*) 1905 י.

דעם עמעסן זין פון שטרייט, אַז אי די, אי יענע פאָרמול טראָגט אריבער דעם שווערפונקט פון דער שטרייט-פראַגע אין גאָר אן אנדער פלאַך און מאכט בע-מיילע פון אלע דעבאַטן א בראָכע לעוואַטאָלע...

...וואָס פאַר א קרעפטן-פאַרהעלטעניש איז איצט אין רוסלאַנד? וואָ-סערע פערספעקטיוון אנטפלעקט פאַר אונז די סאָציאַל-פּאָליטישע אַנטוויקלונג? איז די איצטיקע סיטואַציע אזא, ווי אין 1904—1905, און אויב ניט, איז אין וואָס פאַר א ריכטונג האָט זי זיך געענדערט?..

...אונזערע „אָרטאָדאָקסן" זאָגן: אין טאָך האָט זיך גאָר ניט געביטן... דאָס אלטע בילד, ...נאָר מיט דעם אונטערשייד, וואָס די רעאַקציע ווייזט איצט ארויס נאָך מער רישעס, רעציכע און ווילדקייט... די צייט, וועלכע מיר לעבן איצט איבער, איז ענלעך אין אירע גרונט-שטריכן אף דער סיטואַציע פון פאַר אָקטיאבער, בעמיילע איז אויך די ליניע פון אונזער טעטיקייט, אונזער גאַנצע טאַקטיק—אלץ בלייבט ווי פאַר אָקטיאַבר...

...לאָמיר זעען, צי זיינען געבליבן אומבאַרירט... די קויכעס, וואָס אף זייער יעסאָד איז אויסגעוואַקסן די אָקטיאַבר-איבערקערעניש.

...די אַגראַר-פראַגע איז ניט געלייזט, די פויערים זיינען ניט באַפרידיקט. אלץ איז ווי געווען. און פונדעסטוועגן, ווער וועט דאָס זאָגן, אַז דאָס פויער-טום, גענומען אין גאַנצן, איז איצט דאָסזעלבע, ווי אין 1904—1905?.. ווי טיף האָט עס זיך די לעצטע צייט דיפערענצירט עקאָנאָמיש און פּאָליטיש?... ווער קאָן פאָרויסזעען אלע רעזולטאַטן, וועלכע ס'וועט מיטברענגען מיט זיך דער גרויסער פּראָצעס פון דער דיפערענציאַציע פונם פויערטום?... קאָן מען דען אלע טעאָריעס, וואָס זיינען געבויט אַפן באַאָבאַכטן דאָס פויערטום פאַר 1905, אָנווענדן צום פויערטום פון 1910?..

...איין עלעמענט פאלט אזוי ארום ארויס פון דער קאָמבינאַציע.

און דער פּראָלעטאַריאַט?.. איז עס דען א פאַרברעכן קעגן דעם רע-וואָלוציאָנערן מאַרקסיזם, איז עס דען א באַליידיקונג פאַרן פּראָלעטאַריאַט, ווען מיר קאָנסטאַטירן הויך און אָפן דעם פאַקט, אַז דער פּראָלעטאַריאַט אין רוסלאַנד לעבט איצט איבער בעהעסקעם מיט די אַלגעמיינע געזעצן פון דער סאָציאַלער אנטוויקלונג, א שווערע צייט פון נאָך רעוואָלוציאָנערן אראפגעפאַ-לענעם געמיט, אז אין זיינע רייען הערשט איצט פּאַסיוויטעט און סקעפּטיציזם, אז ער האָט שוין ניט דעם פריערדיקן נאַיוון גלויבן, דעם פריערדיקן ברען און היסלאַוועס?.. דער גרונט-פאַקטאָר פון דער אָקטיאַבר-רעוואָלוציע איז איצט אויך ניט דער, וואָס אין 1905.

און די דעמאָקראַטישע אינטעליגענץ? וועגן די שוואַנקונגען און וואַק-לונגען אין אירע רייען האָט מען שוין אַסאַך גערעדט.

...בעקיצער: קיינער פון די עלעמענטן, פון וועלכע ס'האָט זיך געהאַט אויסגעבילדעט די רעוואָלוציאָנערע סיטואַציע, איז איצט ניט פאַרבליבן אין דעם געשטאַלט, ווי אין אָקטיאַבר... די אָקטיאַבר-קאָמבינאַציע קאָן זיך אין דער באַענטסטער צוקונפט ניט ווידערהוילן, ווייל אירע גרונט-עלעמענטן זיינען מער ניט פאַראַן.

וואָס זשע דרינגט פון דעם אַרויס? א לאַנגיאָריקע רעאַקציע און גע־וועלשאַפּטלעכער שטילשטאַנד? מע דאַרף ניט זיין קיין נאָווי, קעדיי צו זאָגן, אַז דער נייער געזעלשאַפטלעכער באַרג-ארויף איז שוין ניט ווייט... אָבער די אָנזאמלונג פון דער ענערגיע, אָבער די ווייטערדיקע פּאָליטישע אַנטוויקלונג פון רוסלאַנד וועט שוין גיין אף אן אנדער וועג, ווי ביז אָקטיאַבר. דער קו־מענדיקער סאָציאַלער באַרג-ארויף וועט זיך אויסגיסן אין נייע פאָרמען, וועלכע וועלן זיך ראַדיקאַל אונטערשיידן פון די אַלטע...

...די נייע וועגן באַשטייען אין אויסנוצן די נייע סאָציאַל-פּאָליטישע מעג־לעכקייטן, אין מאכן פאַר א באַזע פון אונזער טעטיקייט די פּאָזיציעס, וועלכע די אָקטיאַבר-רעוואָלוציע האָט דעראָבערט.

די דריטע דומע? דער געזעץ פון 4-טן מארט [90], די „פרייהייט" פון פּרעסע און סטאָליפּינס „קאָנסטיטוציע"? יאָ, וועגן דעם ריידן מיר! רוסלאַנדס סאָציאַל-פּאָליטיש לעבן גייט מיט אָט די עטאַפּן. און מיר קאָנען זיי אויך ניט אויסמיידן...

„איר ווילט מאַכן לעגאַל די טעטיקייט פון אונזער פּאַרטיי, איר ווילט ברייט אויסנוצן די לעגאַלע מעגלעכקייטן? — זאָגן אונזערע קעגנער: ...אָבער ניט שוין זשע זעט איר ניט, אַז אין דערווירקלעכקייט איז אַזאַ מעגלעכקייט ניטאָ, אַז אייער לעגאַליטעט איז נאר א פּראָדוקט פון אייער פאַנטאַזיע?"...

...וויפל פּראָפאַריינען האָט פארמאכט די אדמיניסטראַציע, און וויפל האָבן זיך אליין ליקווידירט צוליב סיבעס, וועלכע האָבן גאָר ניט צו טאָן מיט דער טעטיקייט פון דער אדמיניסטראַציע?..

אסאך פאלן קאָנט איר אָנווייזן, ווען די אדמיניסטראציע זאָל האָבן פארמאכט קולטור-און בילדונגס-פאַריינען?..

מע טאַינעט, אַז די לעגאלע ארבעט איז אומעגלעך און אומנוצלעך... אָט די אגיטאציע איז רעאַקציאָנער, ווייל זי איז געווענדעט קעגן דער ליניע פון דער סאָציאַלער אנטוויקלונג...

...אויב מע זאָגט ...„לאָזט אָפּ, ס'לוינט ניט צו פאטערן קיין קויכעס, לאָמיר בעסער אוועק צוריק אונטער דער ערד",—מוזן מיר אנערקענען, אַז די, וואָס זאָגן דאָס, טוען דעם פּראָלעטאַריאַט קיין טויווע ניט... ד. ה.: וואַרפן דאָס, וואָס איז פאַראַן, פאַרבייטנדיק דאָס אף א ליידיק אָרט! יאָ, אף-א ליי־דיק אָרט!...

...אוטאָפּיסטיש איז די שטרעבונג צו פירן דורך אומלעגאַלע אָרגאַניזאַ־ציעס דעם אָרגאַניזאַציאָנעלן און פּלאַנמעסיקן קאַמף פונם אַרבעטער-קלאַס קעגן דער רעגירונג און קעגן די לעגאַל אָרגאַניזירטע עקאָנאָמישע, פּאָליטישע און גייסטיקע קויכעס פון דער בורזשואַזיע. ד. ה. אַרויסטרעטן אף א מילכאָמע מיט א דובינקע קעגן א קוילנוואַרפער, מיט אן אומלעגאלער דרוקעריי קעגן א ראָטאַציע-מאַשין, מיט אן אומלעגאלער פאַרזאַמלונג קעגן אן אלרוסלענדי־שער טריבונע...

...דער פרילינג פון די אומלעגאַלע אָרגאַניזאַציעס איז אוועק און וועט זיך ווידער אמאל ניט אומקערן.

...אין די פראָפּאַרייִנען, אין די געזעלשאַפטן פאַר זעלבסטבילדונג, אין די קרייזלעך און אַף די קורסן — אומעטום מוזן אָרגאַניזירט ווערן אונזערע אינזלען... זאָל זיך בילדן אַ גאַנצע נעץ ארבעטער-קעמערלעך, דורכגעדרונגענע מיט סאָצ.-דעמ. אידייען, מיטן סאָציאַל-דעמאָקראַטישן גייסט! זאָל דאָס זיין די לאַבאָראַטאָריע, וואו ס׳וועט אויסגעאַרבעט ווערן דער אָנפירנדיקער אַרבע-טער-שיכט, די ארבעטער-אינטעליגענץ... מע מוז זיך האַלטן מיט די ציין פאַר איטלעכער מעגלעכקייט, פאַר איטלעך ברעקל, וואָס איז געבליבן פון רייכן אָקטיאַברשן טיש.

...אַף דער פראַגע ווידער, וועלכע פאָרמען ס׳דאַרף אָנעמען אונזער באַוועגונג, ענטפערן מיר: דאָס אויסנוצן די לעגאַלע מעגלעכקייטן איז דער יעסאָד, די אומלעגאַלע אָרגאַניזאַציע איז אַ הילפסמיטל. אָט דאָס איז אונזער פּלאַן, וואָס איז געבויט אַפן אנאַליז פון דער סאָציאַלער אנטוויקלונג...

40. די פּאָזיציע פון די בונדיסטן-אנטילעגאַליסטן.

(י. דין: „צו דער פראגע וועגן אונזער ארבעט". „די שטימע פון בונד", 1909, נ. 2).

...בא אונז אין „בונד" זיינען ניטאָ קיין ליקווידאַטאָרן אין פולן זין פון וואָרט. און דאָך זיינען פאַראַן סימפּטאָמען, וועלכע באַווייזן, אז די קראַנק-הייט האָט אונז אויך איינגאַנצן ניט אויסגעלאָזן. ס׳באַווייזן זיך בא אונז אויך שטרעבונגען איינצושטעלן די ארבעט אזוי, אז אין איר גאַנג זאָל די פּאַרטיי פאַרנעמען ניט דעם אָרט פון אן אָנפירערין, נאָר פון אַ הילפס-מיטל, אז אין די נעכסטע יאָרן זאָל דער איינפלוס פון דער פּאַרטיי, אלס אזעלכע, זיין פיל שוואַכער, ווי ס׳דאַרף זיין... אזעלכע סימפּטאָמען האָבן מיר, צום באַדויערן, געפונען אינם ארטיקל פונם כאַווער אבר. („שטימע פון בונד", נומ. 1 „צו דער פראַגע וועגן דער ארבעט".

...דער כאַווער מ. אבר. שטעלט זיך אזוי פאר די ראָלע פון דער אומ-לעגאַלער אָרגאַניזאַציע: „און צוזאַמען מיט דעם (מיט דער ברייטער לעגאַלער אַרבעט, ריכטיקער געזאָגט, מיט דעם טשעפּען זיך מיט די ציין פאר די לע-גאַלע מעגלעכקייטן!), מוז אויך עקזיסטירן אן אָרגאַניזאַציע פון ס. ד. טוער". זאָל דער לעזער באַמערקן: ניט קיין מאסן-ארגאַניזאַציע, ניט קיין פּאַרטיי אינם פולן זין פון וואָרט, נאר אן אָרגאַניזאַציע פון ס. ד. טוער. און דידאָזיקע אָר-גאַניזאַציע באַקומט אן אָרט ניט העכער, נאָר צוזאַמען מיט די לעגאַלע איינ-ריכטונגען; זיי ארבעטן פּאַראַלעל, מיטווירקנד, נים אריינרייסנדיק זיך איינע אין רעשוס פון דער אַנדערער. און אזוי ווי די לעגאַלע ארבעט איז איצט, לויט דעם כאַווער מ. אבר., דער איקער, וועט, פאַרשטייט זיך, די אומלעגאַלע אָרגאַניזאַציע אין דער עמעסן פאַרנעמען אן ארט שוין ניט קיין גלייכן, נאָר אַסאַך אַ קלענערן, ווי די לעגאַלע איינריכטונגען. און מיט איינִיקע שורעס שפּעטער גיט טאַקע דער כאַווער מ. אבר. אזא לאָזונג:

...„אויסנוצן די לעגאַלע מעגלעכקייטן—דאָס איז דער פונדאַמענט, דאַביי

אן אומלעגאַלע אָרגאַניזאַציע, אלס הילפס-מיטל". פּאַשעט גערעדט, הייסט עס: איינצלנע טוער, וואָס זיינען אָדער רופן זיך ס. ד. (ווער קאָן זיי קאָנטראָלירן?), מיט קיין זאַך ניט פאַרבונדענע, קיין שום דיסציפּלין ניט אונטערגעוואָרפענע, דאָס איז דער יעסאָד, דער איקער, און די פּאַרטיי—נאָר אַ הילפס מיטל.

...דער כאַווער מ. אבר. שטעלט אַ גאַנצע ריי פראַגן: וועגן דער קרעפטן-פאַרהעלטעניש, וועגן די פּערספּעקטיוון פון דער געזעלשאַפטלעך-פּאָליטישער אַנטוויקלונג א. ד. ג. ער בלייבט אָבער נאָר בײַ די פראַגן. קיין ענטפער אַף זיי גיט ער ניט. ער אנערקענט פאר ריכטיק דעם טעזיס פון אונזערע „אָרטאָדאָקסן"... אַז קיין איינציקע פּראָבלעם פון דער רוסישער רעוואָלוציע איז נאָך ניט געלייזט, קיין קלאס איז ניט צופרידנגעשטעלט. ער וויל אָבער דערפון ניט ארויסדרינגען דעם לאָגישן פויעל-יויצע, אַז דעריבער איז נאָך די רעוואָלוציע ניט געענדיקט. פאַרוואָס? ווייל, זאָגט ער, צו אַ רעוואָלוציע איז נויטיק, ערשטנס, באַשטימטע אויסווייניקסטע אומשטענדן (אַן עקאָנאָמישער קריזיס, אַן אומגליקלעכע מילכאָמע, לעמאָשל, און ד. ג.). צווייטנס, באשטימטע אומצופרידנהייט, אַן אויסשליסלעכע שטימונג... און ער פרעגט: די קלאַסן זיינען געבליבן ווי פריער ניט צופרידנגעשטעלט. צי דען זיינען זיי אין אלעם איבעריקן אויך געבליבן דיזעלביקע ווי פריער? אין זייערע „שטימונגען, האָפענונגען און דערוואַרטונגען", זייער ענערגיע און קאמפּספּעאיקייט?

די מאַרקסיסטן—און דער כאַווער מ. אבר. רעכנט זיך דאָך געוויס אויך פאַר אַ מאַרקסיסט—זיינען ביז אהער געוואוינט געווען צו רעכענען די „שטימונג" ניט פאַר קיין גרונד-דערשיינונג, נאָר פאַר אזעלכע, וואָס... מוז אליין באשטימט ווערן פון אנדערע, עמעסע גרונד-דערשיינונגען.

...איבערהויפּט מעשונע קומט אויס דער פאָלגנדער ארגומענט פונם כאַווער מ. אבר: „אַ אוטאָפּיע וועט זיין די שטרעבונג צו פירן דורך אומלעגאלע אָרגאַניזאציעס אן אָרגאַניזירטן און פּלאנמעסיקן קאמף פון אַרבעטער-קלאַס קעגן דער רעגירונג און קעגן די לעגאַל אָרגאַניזירטע עקאָנאָמישע, פּאָליטישע און גייסטיקע קרעפטן פון דער בורזשואזיע". דאָס איז אַ שווערע זאַך. עמעס. אָבער וואָס שווער, איז נאָך ניט אומעגלעך, ניט קיין אוטאָפּיע. אַז דאָס איז מעגלעך, האָט שוין אונז באוויזן אונזער פאָריקער קאַמף.

און ביכלאל צי אין דעם איז די שטרייט-פראַגע?

...די גאַנצע שטרייט-פראַגע איז אין דעם, צי איז איצט פאַראַן אַ מעגלעכקייט צו קעמפן לעגאל, און דאָס האָט אונז דער כאוועד מ. אבר. ניט דערוויזן.

און ווייטער: „דאָס הייסט ארויסגיין אַף מילכאָמע מיט אַ דובינקע קעגן אַ קוילנוואַרפער, מיט אַ אומלעגאַלער דרוקעריי קעגן אַ ראָטאַציאָנס-מאַשין". זאָל אונז דער כאַווער מ. אבר. מויכל זיין, אָבער דאָס איז אַ ריין באַלעבאַטישער ארגומענט, דאָס איז די טאַינע פון אונזערע ניכטערע טאַטעס: „הויבט זיך ניט אָן! זיי האָבן ביקסן".

...די לעגאַלע ארבעט, וואָס איז איצט מעגלעך, קאָן, עמעס, די דובינקע בא אונז צונעמען. קיין קוילנוואָרפער קאָן זי דאָך אָבער אונז אוואדע ניט געבן, און אויב ס'איז אַ כאלעם די שטרעבונג צו קעמפן מיט א דובינקע קעגן אַ קוילנוואָרפער, איז דריי מאָל אַ כאלעם צו קעמפן קעגן אַ קוילנוואָרפער מיט ליידיקע הענט.

...באַם כאַוועד מ. אבר. איז געבליבן נאָך איין טרייסט: מע מוז זיך האַלטן מיט די ציינער פאַר יעדער לעגאַלער מעגלעכקייט און אף אַזאַ אויפן וועלן מיר ביסלעכווייז געווינען די רעכט צו אָרגאַניזירן זיך. ס'קומט אויס צו דערוויזן אן אלעפבייס-עמעס, אז די לעגאַלע פּראָפאַריינען, וואָס מיר האָבן איצט, קאָנען ניט זיין קיין אויסגאנגס-פונקט צו ווייטערדיקע רעכטלעכע דערגאָ-בערונגען, פּאָשעט דערפאַר, ווייל אין זיי פירט זיך ניט קיין עקאָנאָמישער קאַמף, אז דאָס רעכט צו אָרגאַניזירן זיך קאָן מען זיך דערשלאָגן ניט דורך דעם, וואָס מע וועט זיך אָפּזאָגן פון קאַמף, נאָר דורך דעם, וואָס מע וועט באַשאַפן אומלעגאלע פאַריינען, וועלכע קעמפן אין דער עמעסן, און דערום צווינגען זיי, מע זאָל זיך מיט זיי רעכענען; זיי וועלן צווינגען אי די רעגי-רונג, אי די אונטערנעמער איינגיין אף האנאָכעס.

אונזערע אָרבעטער פאַרשטייען דאָס, און דערום... אָרגאַניזירן זיי אום-לעגאַלע פאַריינען, אומלעגאַלע קאָמיסיעס, ווייל דער קאַמף ווארט ניט, ער איז נויטיק שוין אפן שטעל... אפילע דאָרטן, וואו בא די אָנפירער איז די שטימונג אַ לעגאַליסטישע. פון האמעל שרייבט מען: „די שטימונג איז בא אונז אַ לעגאַליסטישע“. און וואָס טוען זיי דאָרטן? זיי גרינדן אומלעגאַלע פאַריינען, אָט וואוהין ס'גייען די מאַסן, ווי ווייט מע קאָן ריידן וועגן מאַסן אין אום-לעגאַלע ראמען. און מיר דאַרפן דאָך גיין אהין, וואוהין די מאַסן גייען.

נו, און אונזערע אויפקלערונגס-געזעלשאַפטן, אונזערע מוזיקאליש-דראַ-מאַטישע פאַריינען? אָבער וואו זיינען זיי? וויפיל זיינען פאַראַן אזעלכע באַ אונז? איינס, צוויי און גענוג... בא היינטיקע באַדינגונגען מוזן דיזאַזיקע איינ-ריכטונגען פירן אַ עלנדע באַדויערסווערטע עקזיסטענץ, צום ווייניקסטן אינם ראיאָן פון די אידישע אָרבעטער, און קיין שום אַרבעט, וואָס האָט אַ וועלכע ס'איז באַציאונג צו דעם בוי פון אונזער פּאַרטיי, איז אין זיי איצט ניטאָ, און קאָן קימאט ניט זיין...

...דער כאַוועד מ. אבר. שרייבט, אז „רופן איצט צוריק אין קעלער הייסט אוועקוואַרפן דאָס, וואָס מע האָט, און פאַרבייטן עס אף ליידיק אָרט“... די ווירקלעכקייט באַווייזט, אז ניט די, וואָס קריטיקירן די לעגאַלע מעגלעכ-קייטן, נאָר, פאַרקערט, די, וואָס שרייען וועגן דער פאַרשטיקטער לופט אין קעלער, גראדע זיי פריידיקן אין אַ באַדייטנדער מאָס „אַ ליידיק אָרט“.

נאָך מער, דער כאַוועד מ. אבר. פרעגט מיט שפאָט... „און וואו איז ער, אייער קעלער?“ אף דעם קאָנען מיר אים ענטפערן: ערשטנס, איז ער שוין פאַראַן. דאָס דערציילן אונז די קאָרעספּאָנדענציעס, און צווייטנס, האָבן מיר ווייניקער פון אלץ דערוואַרט אַזאַ פראַגע פון כאַוועד מ. אבר., וועלכער דאַרף דאָך וויסן, ווי שווער ס'קומט אונז איצט אָן איינצושטעלן די אָרגאַניזאַציעס,

ווייל ס'קומט אויס זיי איצט צו בויען אף אַ ריין פּראָלעטאַרישן יעסאָד, אָן אינטעליגענץ... און דער כאַוער מ. אבר. ווייל אונז צעקלאַפּן מיט אַזאַ פּראַגע!

...אָבער דערפון, וואָס מיר זאָגן, אַז די לעגאַלע אַרבעט איז ניט דער געביט, וואוהין ס'דאַרף אָנגעווענדעט ווערן די הויפּט-קרעפטן פון אונזער פּאַרטיי, דערפון איז, פאַרשטייט זיך, נאָך גאָר ניט געדרונגען, אז מיר גיבן איר ניט צו קיין שום באַדייטונג... מע דאַרף אָבער ניט מאַכן פון די לעגאַלע מעגלעכקייטן קיין אָפּגאָט, וועלכער... זאָל זיך שטעלן אין וועג דער אַרבעט; מע טאָר זיך ניט באשאפן קיין געץ, און אפּפערן אים די נויטן פון פּראָלעטארישן קאַמף.

...און בעאַייס מיר נוצן אויס די לעגאַלע מעגלעכקייטן, מוזן מיר זיך אָפּגעבן א קלאָרע רעכענונג אינם כאראקטער פון דערדאָזיקער אַרבעט. מע מוז געדענקען, אז בא דעם היינטיקן רעזשים קאָן מען אפילע ניט טראכטן וועגן דער אזוי גערופענער „אָרגאַנישער אַרבעט”... אונזער טעטיקייט דאַרף זיך שטעלן אגיטאציאָנס-און דערציאונגס-צילן; איר צוועק דאַרף זיין אנטוויקלען דעם פּאָליטישן סאָציאַליסטישן באוואוסטזיין פונם פּראָלעטאַריאט, אויפהויבן זיין רעוואָלוציאָנערע שטימונג.

אף אונזער טעטיקייט אין גאָסודארסטווענער דומע, לעמאָשל, קוקן אזוי אלע פּראקציעס פון דער רוסלענדער ס.-ד., און דערדאָזיקער קוק איז באַשטעטיקט געוואָרן אף דער לעצטער אלרוסלענדער קאָנפערענץ. און אזוי דאַרף אויך זיין אונזער פּאָזיציע אף פארשיידענע לעגאלע צוזאַמענפאָרן, וועלכע האָבן אן ערנסטע געזעלשאַפטלעכע באַדייטונג, און אין וועלכע די ס. ד. קאָן אנטייל נעמען.

...איבערהויפּט בא אונז אידן מוז מען זיך צו אזעלכע אונטערנעמונגען באַציען מיט דער גרעסטער פּאָרזיכטיקייט, ווייל אונזערע ליבעראַלן, די אזוי גערופענע דערגרייכער[91], האָבן זיך נאָך איצט ניט אפגעזאָגט פון זייער שטרעבונג דורכצופירן אונטער אַ פארמאסקירטן אומשולדיקן פלאג זייערע פּאָליטישע אויפגאַבן, זייער קלאל-איסראָעל-פּאָליטיק. מיר האָבן זיך אלע מאָל פארהאלטן צו אזעלכע פארמאסקירטע אלגעמיין-אידישע פּאָליטישע צוזאַמענפאָרן פּרינציפּיעל און שאַרף קעגנעריש. און קיינע אויסרעכענונגען טאָרן אונז ניט באוועגן אָפּצוטרעטן אף אַ האָר אפילע פון דערדאָזיקער פּרינציפּיעלער פּאָזיציע, ווייל דאָס וואָלט געווען דער ערשטער טריט זיך אָפּצוזאָגן פונם קלאסנשטאנדפונקט, דער ערשטער טריט צו ליקווידירן אונזער אייגענע פּאַרטיי.

דעם איקער מוז מען געדענקען, אז דאָס אויסנוצן פון לעגאלע מעגלעכקייטן איז נאָר אַ מיטל, אפּהענגיק און אונטערגעוואָרפן דעם הויפּטציל, בויען אַ ברייטע פּאַרטיי. ליידער איז פאַראַן אזא טענדענץ דאָס צו פאַרגעסן און מאכן דעם טאָפּל פאר אן איקער, דעם מיטל פאר א הויפּט-ציל. און קעגן דערדאָזיקער טענדענץ מוז מען אנטשיידן קעמפן.

...אונזער לאָזונג דארף בלייבן: אלץ צוליב דער פּאַרטיי, אלץ דורך דער פּאַרטיי!

41. פראַגן פון טאַקטיק און אָרגאַניזאַציע אף דער VIII־טער קאָנפערענץ פון בונד.

(„רעזאָלוציעס״, באַריכט „פון דער 8־טער קאָנפערענץ פון בונד״, ז. 71—75).

1.

וועגן באַריכט פון צ. ק.

...נעמענדיק אין אכט, אז די פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע רעאַקציע האָט געבראַכט מיט זיך, ווי אינם לאנד אין גאַנצן, אזוי אויך בא אידן, זייער א שטאַרקע נאציאָנאַליסטישע שטימונג, וועלכע שטעלט פאַר א סאָקאָנע אָפּצוציען די אויפמערקזאַמקייט פון די ארבעטער פון אַלגעמיין פּראָלעטארישע אויפגאַבן און פראַגן,—געפינט די קאָנפערענץ, אז, באַציענדיק זיך מיט פולער אויפמערקזאַמקייט צו די נאציאָנאַלע פּראָבלעמען, מוז דער צ. ק. ארויסרוקן אַפן ערשטן אָרט די פראַגן פון סאָציאַלער געזעצגעבונג און פון דעם ארבעטער־לעבן.

2.

וועגן אונזער ארבעט.

I. דער כאַראַקטער פון אונזער ארבעט.

מיר לעבן איבער א מאָמענט פון דויערנדער רעאַקציע, וועלכער כאַראַקטעריזירט זיך, צווישן אנדערע, מיט דעם, וואָס די רעגירונג, פאַרשמעלערנדיק וואָס ווייטער אלץ מער און מער די זאָגענאנטע קאָנסטיטוציע, פאַרבייטנדיק רעכט אף ווילקיר, שטרעבנדיק צו פאַרוואנדלען די צענטראַלע דעראָבערונג פון דער רעוואָלוציע, די דומע, אין א פיקציע, מאַכן פון איר פאַקטיש א געזעצבאַראטנדע איינריכטונג,—גיט זי דאָך די הערשנדע קלאַסן גענוג מעגלעכקייט ברייט צו אָרגאַניזירן זייערע קרעפטן; באַם פּראָלעטאַריאט אָבער שטרעבט זי אָפּצונעמען אָדער מאַכן צו גאָרניט די אזוי אויך באַגרעניצטע מעגלעכקייט פון אָרגאַניזאַציע, די לעצטע פרוכט פון רעוואָלוציע, אזוי אז קעגן די אָרגאַניזירטע קרעפטן פון דער בורזשואזיע און פינסטערער מאַכט פון דער רעאַקציע זאָל דער פּראָלעטאריאט שטיין אינגאַנצן אומבאַוואָפנט, צעשטויבט, דעזאָרגאניזירט. דערביי האָבן דער עקאָנאָמישער קריזיס, דער געזעלשאַפטלעכער יאוש און די נאַציאָנאַלע אונטערדריקונג און העצע, וועלכע די רעגירונג און די הערשנדע קלאַסן בלאָזן אויף און האַלטן אונטער אין לאַנד, געבראַכט דערצו, אַז פון איין זייט נוצן די אַרבעטער שוואַך אויס אַפילע די באַגרעניצטע מעגלעכקייט פון אָרגאַניזאַציע, וועלכע זיי האָבן; פון דער זונדער זייט, באַשאַפט זיך פאַר דער אַרבעטער־באַוועגונג א געפאַר, זי

זאָל ווערן צעברעקלט, זי זאָל פאַרקלענערן איר שוואונג, פאַרשמעלערן אירע אויפגאַבן.

פון דער אַנדער זייט ווידער, באַמערקט זיך אין דער לעצטער צייט אין עקאָנאָמישן צושטאַנד פונם לאַנד אַ ענדערונג, וועלכע האָט זיך שוין אויסגעדריקט אין אַ גאַנצער ריי טיילווייז סטיכישע, טיילווייז אָרגאַניזירטע שטרייקן, און אין דער שטרעבונג פון די אַרבעטער צוריק אויפצושטעלן זייערע געפאַלענע פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס; צוזאַמען מיט דעם פאַרשטאַרקט זיך דער אינטערעס פון די מאַסן צו באַפרידיקן זייערע קולטורעלע באַדערפעניש, וואָס האָט שוין געבראַכט צו אַ באַמערקבאַרן צופלוס פון די אַרבעטער אין די קולטורעלע כעוורעס; בײַ די באַוואוסטזיניקערע און אַקטיווערע אַרבעטער באַמערקט זיך פאַר דער לעצטער צייט אויך אַ שטאַרקערער אינטערעס צו דער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער פּאַרטיי.

אין דעם מאָמענט איז די אויפגאַבע פון דער ס. ד. אַרבעטער-פּאַרטיי— צו זאַמלען די קרייזעס פונם פּראָלעטאַריאַט אַפן באָדן פון באַפרידיקן זייערע לעבנס-אינטערעסן אין אַלע געביטן פון זיין קאַמף, וועקן דעם אינטערעס צו ברייטע פּאָליטישע אויפגאַבן, אויסשמידן פון די אַרבעטער-מאַסן אַ פעסטגעשלאָסענע אַרמיי, וועלכע זאָל, אָרגאַניזירנדיק זיך, פאַרברייטערן די מעגלעכקייט פון אָרגאַניזאַציע, פירנדיק דעם אַלטעגלעכן קאַמף, אונטערגראָבן די יעסוידעס פון דער רעאַקציע און זיך צוגרייטן צו שטירצן דעם היינטיקן פּאָליטישן רעזשים, קעדיי צו באַשאַפן גינסטיקע באַדינגונגען פריי צו אָרגאַניזירן זיך צום קאַמף פאַרן ענדציל.

אין אַזאַ מאָמענט איז באַזונדערס נויטיק איינפלאַנצן אין די מאַסן די אידייע וועגן דער איינקייט פון אַלע פאָרמען פון פּראָלעטאַרישן קאַמף, די אידייע פונם סאָציאַל-דעמאָקראַטישן קלאַסן-קאַמף.

II. עקאָנאָמישע אַרבעט.

אַפן געביט פונם עקאָנאָמישן קאַמף און אָרגאַניזאַציע האַלט די קאָנפערענץ פאַר נויטיק:

1. אומעטום, וואו דאָס איז מעגלעך, גרינדן לעגאַלע פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען.

2. קאָלזמאַן אַזעלכע פאַריינען ניטאָ און וואו ס'איז יעצט אומעגלעך צו גרינדן לעגאַלע פאַריינען, מוז מען גרינדן מעגלעך ברייטע אומלעגאַלע פאַריינען.

3. די פּאַרטיי מוז שטרעבן איינצושטעלן זיך מיט די פאַריינען אַן ענגן צוזאַמענהאַנג, האָבנדיק דערביי אין אַכט די איינהייט פון דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג.

4. מע מוז קאָנצענטרירן די אויפמערקזאַמקייט פון די אַרבעטער אין די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען אויף די פראַגן פון סאָציאַלער געזעצגעבונג און אַרבעטער-לעבן, פאַרבינדנדיק עס מיט דער אַרבעט פון דער ס. ד. דומע-פראַקציע.

III. פּאָליטישע אַרבעט.

די פּאָליטישע אַרבעט פון אונזערע אָרגאַניזאַציעס דאַרף זיך הויפּטזעכלעך קאָנצענטרירן אַרום די פראַגן, וועלכע ווערן באהאַנדלט אין דומע.

אויפדעקנדיק די שטעלונג פון דער רעגירונג און פון די פּאַרטייען אין דומע און זייער קלאַסן-אינהאַלט, דאַרף מען אָנווענדן די אויפמערקזאַמקייט פון די מאַסן אַף די אַרויסטרעטונגען פון דער ס. ד. פראַקציע, פּאָפּולאַריזירן ברייט אירע געזעץ-פּראָיעקטן, ווירקן אַף אירע באַפאָרשטייענדע טריט, שאַפנדיק איר דורך דעם א שטענדיקע אונטערשטיצע.

א באַדייטנדן אינהאַלט פאַר אונזער פּאָליטישער אַרבעט קאָן, אַכוץ דער אַרבעט אַרום דער דומע, שאַפן אויך די אַגיטאַציע אַפּן באָדן פון פאַרשיידענע וויכטיקע דערשיינונגען פון געזעלשאַפטלעכן און פּאָליטישן לעבן: די טעטיקייט פון דער רעגירונג, פון דער שטאָטישער און פּראָווינציעלער זעלבסטפאַרוואַלטונג, פאַרשיידענע זעלבשטענדיקע אַרויסטרעטונגען און צוזאַמענפאָרן פון געזעלשאַפטלעכע גרופן און אָרגאַניזאַציעס.

א וויכטיקן אָרט אין אונזער פּאָליטישער אַרבעט דאַרף פאַרנעמען די פּאָפּולאַריזירונג פון אונזערע נאַציאָנאַלע פאָדערונגען און דער קאַמף פאַר זייער פאַרווירקלעכונג, וואָס וועט אויך זיין דער בעסטער מיטל צו פאַרהיטן די מאַסן פון דעם איינפלוס פון פאַרשיידענע בורזשואַזע פּאַרטייען.

IV. וועגן קולטורעלע כעוורעס.

1. די קאָנפערענץ לייגט פאַר די אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס גרינדן קולטורעלע אַרבעטער-כעוורעס (קלובן, בילדונג-כעוורעס, ליטעראַרישע פאַריינען), רופן די אַרבעטער אַריינצוטרעטן אין די אַרבעטער-כעוורעס, וועלכע עקזיסטירן שוין אַף דעם געביט; אויך דאַרפן אויסגענוצט ווערן אַזעלכע קולטורעלע כעוורעס, אין וועלכע אַרבעטער גייען אַריין צוזאַמען מיט אַנדערע שיכטן פון דער געזעלשאַפט.

2. אין די אַלע כעוורעס דאַרפן מיר אָרגאַניזירן די אַרבעטער אַפּן באָדן פון באַפרידיקן זייערע קולטורעלע נויטן, זעען, אַז די קולטורעלע שפּייז, וואָס די אַרבעטער באַקומען, זאָל זיין אין איינשטימונג מיט אונזער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער וועלט-אַנשויאונג, צוזאַמענבינדן די פראַגן, וואָס רוקן זיך אַרויס אין די קולטורעלע כעוורעס אַפּן באָדן פון זייער טעטיקייט, מיט אונזער אַלגעמיינער פּאָליטישער אַרבעט.

3. אין די געזעלשאַפטן, וואו די אַרבעטער גייען אַריין צוזאַמען מיט אַנדערע שיכטן, מוז מען קעמפן דערפאַר, דיזע געזעלשאַפטן זאָלן וואָס בעסער צופרידנשטעלן די קולטורעלע נויטן פון די אַרבעטער. מע מוז קעגנשטעלן אונזער וועלט-אַנשויאונג דער וועלט-אַנשויאונג פון דעם בורזשואזן טייל און אַף אזא אויפן פאַרהיטן די אַרבעטער פון זיין איינפלוס.

V. וועגן פּראָפּאַגאַנדע.

1. אכוץ דער סאָציאַליסטישער אויפקלערונגס-אַרבעט פאַר ברייטע מאַסן, וועלכע ס'איז צוועקמעסיקער פאַר אַלץ צו פירן אָפן, איז אום צו פּאַרטיפן דעם סאָציאַליסטישן געדאַנק פון דעם אַקטיוויסטן טייל פון די אַרבעטער, נויטיק בא איצטיקע באַדינגונגען צו גרינדן אויך ענגע פּראָפּאַגאַנדיסטישע קרייזן אפן פּרינציפּ פון זעלבסטבילדונג.

2. צו דעם געביט פון דער פּראָפּאַגאַנדיסטישער טעטיקייט געהערן אויך סאָציאַליסטישע דערציאונגס-קרייזן, וועלכע די אָרגאַניזאַציעס דאַרפן גרינדן פאַר דער אַרבעטער-יוגנט.

VI. אונזער פּאַרטיי-אָרגאַניזאַציע.

1. די גאַנצע אַרבעט אַף אַלע אויבנדערמאָנטע געביטן ווערט פּאַרטייניקט און אָנגעפירט דורך די אָרטיקע פּאַרטיי-אָרגאַניזאַציעס.

2. אום בעסער דורכצופירן די אַרבעט, מוז זי אומעטום, וואו אונזערע מיטגלידער גייען אַריין צוזאַמען מיט אַנדערע, בילדן באַזונדערע פּאַרטייגרופּן.

42. די טאַקטישע פּאָזיציע פון די פּועלי-ציון.

(כאַווער יעשאַיאַהו. „בריוו וועגן אַרבעט". „דאָס פרייע וואָרט", 1910, נומ. 1).

...איינע פון די וויכטיקסטע אויפגאַבן פון דער קאָנפערענץ*) איז געווען אונטערצופירן דעם סאַכאַקל פון אונזער פריערדיקער טעטיקייט, אַרויסציען פון דער פאַרגאַנגענהייט די געזונטע קערנדלעך פון דערפאַרונג, זעען צי מיר דאַרפן רעווידירן און ענדערן אונזער אַנשויאונג און קאַמפּס-מעטאָד, און אַלס אַ פּועל-ציוניסטישע פון דעם אַלעס אָנווייזן די כאַווערים, אַף וועלכע געביטן ס'דאַרף און קאָן זיך ערשטרעקן אונזער נעכסטע טעטיקייט. אין דער הינזיכט האָט זיך די קאָנפערענץ געשטעלט אַף דעם איינציקן ריכטיקן וועג.

זי האָט פאַרשטאַנען, אַז ווי קנאַפּ און ווינציק ס'זאָלן ניט זיין די דעראָבערונגען פונם פּראָלעטאַריאַט אין דער רוסלענדישער רעוואָלוציע, דאָך איז ער אין די יאָרן פון קאַמף אַף אַזוי פיל אויסגעוואַקסן, אַף אַזוי פיל באַוואוסטזיניקער און שטאָלצער געוואָרן, אַז ס'איז פאַר אים פּאַשעט פיזיש און פּסיכאָלאָגיש אומעגלעך צוריק אַריינצוקריכן אין גאַנצן אין דער פינסטערער

---

*) ס'רעדט זיך וועגן דער 4-טער קאָנפערענץ פון דער א. ס. ד. א. פּ. „פּועלי-ציון", וועלכע איז פאָרגעקומען אין 1909 אין ווין.

ענגער „פאַדפאָליע". זי האט אָבער אויך פארשטאנען, אז פיל און זייער וויכטיקע אַרבעטער-אינטערעסן קאָנען נאָך דערווייל בעשום אויפן ניט באפרידיקט ווערן אף דער רוסלענדישער ערד-אויבערפלעכע. ס'איז דעריבער נויטיק צו פאַרפעסטיקן און ווייטער אַנטוויקלען אומלעגאַלע אָרגאניזאציעס, אָבער גלייכצייטיק אויסנוצנדיק די קלענסטע לעגאַלע מעגלעכקייטן פאר אָרגאניזאציע און פראפאגאנדע, וואָס זיינען אונז נאָך פארבליבן פון די קלאָגעדיקע רוסלענדישע „פרייהייטן". אייניקע אזעלכע מעגלעכקייטן זיינען בליסאָפעק פאַראַן.

די באַשלוסן פון דער קאָנפערענץ האָבן קלאָר און דייטלעך באַוויזן, אַז מיר האָבן אונזער פאָן ארויסגעטראָגן ריין און אומבאַפלעקט, סאַי אין די יאָרן פון זיגרייכן קאמף, סאַי אין דער צייט פון דער שמוציקסטער רעאקציע. אונזערע כאוויירים זיינען פארבליבן דיזעלביקע פארביסענע טויט-סאָנים פון דער הערשנדער רוסלענדישער אָרדענונג, פון דער קאפיטאליסטישער אויסבויטונג און פונם אידישן גאָלעס. די קאָנפערענץ האָט אונזער אַרבעטס-פראָגראם ניט פאַרשמעלערט, ניט פאַרקלענערט, נאָר, אומגעקערט, ווייטער אויסגעבויט און ראַציאָנאליזירט. צו אַלע פריערדיקע אויפגאַבן איז צוגעקומען די אַרבעט פאר דער אייניקונג פון אידישן פראָלעטאריאט, פאר דער קאָאָרדינירונג פון זיינע קרעפטן, דער קאַמף פאר דער רעגולירונג פון דער אידישער עמיגראציע, דער קאַמף קעגן דעם קלעריקאַליזם אַף דער אידישער גאס. דעם בעקאָוועדיקסטן אָרט אַף דער קאָנפערענץ האָט פאַרנומען די פראַגע וועגן דער עקאָנאָמישער אָרגאניזירונג פונם אַרבעטער-קלאס. ס'איז אויך אָנגעוויזן געוואָרן אף דער נויטווענדיקייט ווייטער צו פירן דעם רעוואָלוציאָנערן פאָליטישן קאַמף, איינצוהאַלטן דעם קאָנטאַקט מיט דער סאָצ.-דעמ. דומע-פראקציע, אויפצודעקן די שווארצמייעדיקע קאַוואָנעס פון די מערהייטס-פארטייען אין אונזער „פאַרלאַמענט" און וואָרענען פאַר דעם ליבעראַלן אָפּאָרטוניזם. מיר האָבן אַף זיך ווייטער גענומען דעם כויוו צו דערקלערן דער אידישער אַרבעטער-גאס אין רוסלאנד די איינהייטלעכקייט פון דער אַלוועלטלעכער אידישער ארבעטער-באוועגונג, די געמיינזאמקייט פון אירע אינטערעסן, אויפגאַבן און צילן אין אַלע לענדער. מיר האבן באַשטעטיקט אונזער אלטע פליכט, קלאָר צו מאַכן דער אידישער אַרבעטערשאפט פון אַלע לענדער אירע געמיינזאַמע נאציאָנאלע אויפגאבן, אָנווייזן דעם אינערלעכן צוזאַמענהאנג צווישן דעם סאָציאליסטישן און נאַציאנאלן טייל פון אונזער פראגראם, דעם צוזאַמענהאנג צווישן אונזער קאמף און דעם קאמף פון אונזערע פאַלעסטינער כאוויירים, די נויטווענדיקייט און צוועקמעסיקייט פון דער טעריטאָריאלער פאַרענטפערונג פון דער אידן-פראגע.

VII. סיכסוכים צווישן די אידישע און פוילישע אר־בעטער אַף די פאַבריקן.

43. ווענדונג פון די וואַרשעווער אידישע מעכאַנישע שוסטער צו די פוילישע.

(א. ר—מש: „אפן ריכטיקן וועג“. „די נייע שטימע“, זאמלבוך 2, 1911, ז. 16).

...געערטער הער רעדאקטאָר!

דורך אייער געערטער צייטשריפט ווילן מיר, אידישע ארבעטער־שוסטער, ווענדן זיך צו דער מיינונג פון אונזערע קריסטלעכע קאָלעגן וועגן אַן אנגעלעגנהייט, וועלכע האט פאר אונז אַן אויסערסט וויכטיקע באדייטונג.

ווי אומעטום, ווערט אויך אין אונזער פאַך די האַנט־אַרבעט פארביטן ביסלעכווייז דורך מאַשין־אַרבעט; אין פארבינדונג דערמיט אנטשטייען גרעסערע פאַבריקן, וואָס געהערן צו רייכע אונטערנעמער. דערדאזיקער פּראָצעס פון ארויסשטופן די היים־ארבעט (כאלופניקעס), וועלכער איז געוויינלעך ווינשנס־ווערט און נוצלעך פאַר די ארבעטער, ווערט פאר אונז, צוליב ספּעציעלע באַדינגונגען, פארוואנדלט אין אַ שווערער צאָרע. די פאַבריקאנטן,—אגעוו גע־רעדט, אידן,—באַ וועלכע מיר האָבן פריער געארבעט, באַזייטיקן אונז פון דער אַרבעט און ווילן ניט צונעמען אַף די פאַבריקן קיין אידישע אַרבעטער. אזעלכע פאַקטן זיינען צווישן אַנדערע פאָרגעקומען אַף די פאבריקן פון ברענער, בוימפלעך, צוקערמאַן, צייטלין און אַנדערע. מיר, 2000 אידישע ארבעטער, מעכאַנישע שוסטער, שטייען פאר אַ סאַקאָנע צו פארלירן די אַרבעט און אַלזאָ צו ליידן נויט און הונגער.

אויסנוצנדיק די פאַרשיידנסטע רעליגיעזע און נאַציאָנאַלע פארורטיילן, די שווערקייט צונויפצורעדן זיך, דעם מאַנגל פון לעגאַלע פאָרמען פון לעבן, רעכענען די אונטערנעמער דערויף, אז ס'וועט זיך זיי איינגעבן צו דערוועקן א צעשפּאַלטונג צווישן די אידישע און פוילישע ארבעטער און אַף אזאַ אויפן שאדן סאַי די, סאַי יענע. אונטער דעם שיין צו באַזייטיקן אידן, זיינען די אונטערנעמער אויסן פאָטער צו ווערן פון אַנטוויקלטע אַרבעטער, וועלכע האָבן באַוויזן, אז זיי קאָנען איינשטעלן זיך פאר זייערע אינטערעסן.

אַ געוויסע צאָל אַרבעטער קריסטן פאַרטראַכט זיך ניט וועגן דער ווירקלעכער באַדייטונג פון די אונטערנעמערס האַנדלונג, און זיי פאַרנעמען די ערטער פון די באַזייטיקטע אידישע אַרבעטער מיט דעם טערעק, אַז בײַ מאַשינען דאַרפן אידן ניט אַרבעטן. אַזאַ האַלטונג קאָן דערוועקן אין די ווייניקער אַנטוויקלטע אידישע אַרבעטער אַ שלעכט געפיל בענוגע צום קלאַל פוילישע קאַלעגן.

פון דער לאַגע, וועלכע באַשאַפט זיך און וועלכע ברענגט צו רעזולטאַטן, וואָס זיינען סויסער די יעסוידעס פון דער קלאַסן-סאָלידאַריטעט, זעען מיר אײַן אײַנציקן אויסגאַנג: די גאַנצע אַנגעלעגנהייט זאָל געמיינזאַם באַטראַכט ווערן דורך די אידישע און פוילישע אַרבעטער, און זיי זאָלן צוזאַמען פּרובירן אָנווענדן מיטלען קעגן דער צאָרע.

א גרופּע אידן, מעכאַנישע שוסטער *).

44. דער ענטפער פון פּ.ס.ד. אף דער ווענדונג פון די אידישע אַרבעטער.

(א. וואַרסקי 93): „דער אידישער סעפּאַראַטיזם", „וואָלני גלאָס", 1911, נ. 20).

א גרופּע אידישע שוסטער-אַרבעטער קלאָגט זיך אינם בריוו, וואָס איז אָפּגעדרוקט אין נומ. 19 פונם „וואָלני גלאָס", אַז א געוויסער טייל קריסטלעכע אַרבעטער איז קעגן צולאָזן זיי צו דער אַרבעט בײַ די מאַשינעס. די אויטאָרן פונם בריוו גיבן צו, אַז אַזאַ האַנדלונג קאָן אַרויסרופן בײַ די ווייניק אַנטוויקלטע אידישע אַרבעטער א ניט געוואונשענע באַציאונג צום קלאַל פוילישע כאַווײרים.

צום באַדויערן, לאָזט זיך ניט אָפּשטרייטן, אַז צווישן אסאַך אַרבעטער אונזערע פּוליסירט נאָך דער גייסט פון פאַרורטיילן און צעכן-אָפּגעזונדערטקייט.

דער קליינער אונטערנעמער וואָלט וועלן פּאָטער ווערן פון די אידישע קאָנקורענטן מיט דער הילף פון אומקערן די צעכן-פּריווילעגיעס און באַגרעניצונגען, בעכיין שרייט ער, אַז אַזא און אַזא אַרבעטס-פעלד געהערט נאָר צו קריסטן און ניט צו אַנדערע. פּונקט אַזוי אורטיילט דער פינסטערער אַרבעטער. ניט וויסנדיק קיין אַנדערע מיטלען אף גרינגער צו מאַכן זיין עלנד און זייענדיק געצוואונגען צו זוכן לוין-אַרבעט, וואָלט ער וועלן פּאָטער ווערן פון דער קאָנקורענץ פון זיינע אידישע כאַווײרים, אָפּזאָגנדיק זיי דאָס רעכט אף אַרבעט בײַ די מאַשינעס, ווי מיר זעען דאָס אין דער שוך-אינדוסטריע. אָט אף דעם וועג פון קאַמף מיט די אידישע אַרבעטער, אַנשטאָט צו קעמפן מיט די פאַבריקאַנטן, האַלטן אײַן די אומבאַוואוסטזיניקע פוילישע מאַסן די אַגיטאַציע פון אונזערע נאַראָדאָוועצעס און „קריסטלעכע" דעמאָקראַטן, וואָס העצן ביכלאל

*) דערדאָזיקער בריוו איז געווען פאַרעפנטלעכט אין וועכנטלעכן לעגאַלן אָרגאַן פון דער ס. ד. פּ. און ל. „וואָלני גלאָס" 92) 1911, נומ. 19.

קעגן אידן. און די אַנטיסעמיטישע אגיטאַציע איז זייער צום גינסטן די אי-
דישע פאַבריקאַנטן, וועלכע ווילן מאכמעס פאַרשיידענע טאַימים ניט צולאָזן
צו דער ארבעט אידישע ארבעטער און זיינען צופרידן, וואָס ס'איז שוואַך די
קלאַסן-סאָלידאַריטעט צווישן די ארבעטער פון פאַרשיידענע עמונעס און אָפּ-
שטאַמונג. דאָס איז ביפראַט צו באַוואונדערן אינם שוסטער-פאַך, וואו די הור-
טאווע אונטערנעמער זיינען מערסטנטיילס אידישע קאַפּיטאַליסטן. פאַר זיי,
די אידישע פאַבריקאַנטן, ווערט ניט נאָר אנערקענט דאָס רעכט צו איינפירן
די מאַשין-פּראָדוקציע, נאָר פון זיי ווערט אויך געפאָדערט, זיי זאָלן עקספּלו-
אַטירן נאָר קריסטלעכע ארבעטער...

אָבער די גרופּע אידישע שוסטער-אַרבעטער האָבן א טאָעס, ארויס-
וואַרפנדיק אין זייער בריוו צום „וואָלני גלאָס" די גאַנצע שולד אף דער האַנד-
לונג פון די אומבאַוואוסטזיניקע פּוילישע ארבעטער. ס'איז עמעס, אַז דער אי-
דישער קאַפּיטאַליסט וויל גערנער די פּוילישע אַרבעטער, וואָס זיינען פאַרנארט
דורך דער דעמאַגאָגיע פון דער „קריסטלעכער" דעמאָקראַטיע און לאָזן זיך
עקספּלואטירן אָן טאַינעס, איידער די ניט געהאָרכזאַמע און קלאַסן-באַוואוסט-
זיניקע אידישע אַרבעטער. יעדער פאַבריקאַנט וויל גערנער א פינסטערן אַר-
בעטער, איידער א באַוואוסטזיניקן. אָבער מיר האָבן געזען, אַז אין שוסטער-
פאַך איז דאָס ניט די איינציקע סיבע, צוליב וועלכער די אידישע אַרבעטער
זיינען ווייניקער געוואונשן פאַר די אידישע פאַבריקאַנטן. די אַלגעמיינע סיבע,
וואָס ווירקט אין קימאַט אלע צווייגן פון דער פּראָדוקציע און ביפראַט אין
דער גרויס-אינדוסטריע, איז דער לעבנשטייגערישער, אָדער דער רעליגיעזער
קאָנסערוואַטיזם פון דער מאַטע אומבאַוואוסטזיניקע אידישע אַרבעטער גופע.
קוידעמקאָל האנדלט זיך דאָ וועגן פייערן שאַבעס. מאַכמעס דעם נעמען ניט,
לעמאָשל, די לאָדזער פאַבריקאַנטן, מערסטנטיילס אידן, ביכלאַל קיין אידישע
אַרבעטער. דערפאַר קאָן מען זיך אויך לאַכלוסן ניט פאָרשטעלן קיין מאַסע
אידישע ארבעטער אין דער גרויס-פּראָדוקציע פון מעטאַל, אין די גלאָז-גיסע-
רייען, קוילנגרובן, אַפילע אין די לייטיש, סאָליד אָפּערירנדיקע האנטווערק-
און האנדל-בראַנזשעס. דער גאַנצער אפּאראט פון דער קאַפּיטאליסטישער
פּראָדוקציע און אויסטויש, די געריכטן, די מעלוכע-אדמיניסטראַציע, די פּאָסט,
דער קרעדיט, קאָנען זיך ניט צופּאַסן צום אידישן לואַך, צו די מינהאָגים און
צו דער רעליגיע פון די אידן. מאכמעס דעם מוזן אפילע די אידישע פאַב-
ריקן, די אידישע בענק רוען ניט שאַבעס, נאָר זונטיק, זיי מוזן זיך צופּאַסן
צו די אַלגעמיין-אייראָפּעאישע באַדינגונגען...

ס'איז ביכלאַל ניט די פאָרורטיילן פון די אומבאַוואוסטזיניקע פּוילישע
אַרבעטער, נאָר די אָפּגעשטאַנענקייט, די רעליגיעזע און לעבנשטייגערישע פאָ-
רורטיילן פון דער מאַסע אידישע פּראָלעטאַריער גופע זיינען גורים, וואָס זיי
זיינען אָפּגעוואָרפן פון די וויכטיקסטע פּראָדוקציע-צווייגן פון לאַנד, וואָס זיי
האָבן ניט קיין צוטריט אהין, וואו ס'קאָנצענטרירן זיך די צאָלרייכסטע קאַדרען
פון די אינדוסטריעלע ארבעטער.

ס'איז ניטאָ קיין ספּעציעל אידישער קאַפּיטאַליזם. ס'איז ניטאָ קיין ספּע-

ציעל אידישע בורזשואזע געזעלשאפט, ווי דאָס שטעלן זיך פאָר די אידישע נאציאָנאַליסטן, ס'איז דאָ נאָר א טעריטאָריעל פוילישער, רוסלענדישער, דייטשישער, פראנצויזישער קאפיטאליזם א. א. וו.. האגאם אין פיל ערטער דאָמינירן צווישן די קאפיטאליסטן אידן. און אויב די אידישע נאציאָנאליסטן שטעלן זיך פאָר, אכוץ אלעמען, אז ס'קאָן עקזיסטירן און קאפיטאליסטיש אנטוויקלען זיך אַן עקסטעריטאָריעל אידישע נאציאָנאַליטעט, איז די לאגע פון דער מאסע אידישע פראָלעטאריער, אָפגעצוימטע דורך זייער „נאציאָנאליטעט" פון די וויכטיקסטע פראָדוקציע-שטאָכים, א ראיע, אז זייערע עקסטעריטאָריעל-נאַציאָנאַלע אידייען הענגען אינגאנצן אין דער לופטן, אז זיי זיינען נאָר א פאנטאסטישע אוטאָפּיע, וועלכע ווידערשפּרעכט דער קאפיטאליסטישער אנטוויקלונג.

מיר דערלויבן זיך אויך צו צווייפלען, צי אידישע אונטערנעמער, אריבערגייענדיק אין דער שיך-בראנזשע צו דער מאַשין-פּראָדוקציע, ווילן ניט צונעמען קיין אידישע ארבעטער בלויז דערפאר, וואָס דאָס געפעלט ניט א געוויסן טייל פוילישע אַרבעטער, אָדער דערפאַר, וואָס די אידישע ארבעטער באשטייען פון די סאָמע קלאַסנבאַוואוסטזיניקע עלעמענטן. צום באַדויערן, איז דער אידישער פראָלעטאריאַט נאָך ווייט ניט אַזוי אַנטוויקלט, פונקט אזוי ווי דער פוילישער, און די אידישע קאַפּיטאַליסטן וואָלטן נאָך געפונען געהאָרכזאַמע אַרבעטער צווישן די אידן גופא, ווען גראָד דער שאַבעס זאָל ניט שטערן.

ס'פאַרשטייט זיך, מיר זיינען ווייט פון פארלאַנגען א וואסער ס'איז רעכטלעכן צוואנג, וואָס זאָל נויטן די אידן צו ארבעטן קעגן זייער ווילן אום שאַבעס און ניט אום זונטיק. דאָס וואָלט געהייסן פארגוואלטיקן זייער געוויסן און ס'וואָלט ניט געשטימט מיטן פריהייטס-פּרינציפּ. אָבער די באַוואוסטזיניקע אידישע אַרבעטער זיינען מעכויעוו צו פאַרשטיין און צו דערקלערן זייערע באַוואוסטזיניקע ברידער, אז אויב זיי ווערן ניט צוגעלאָזן צום גרויסן פעלד פון דער קאַפּיטאַליסטישער פראָדוקציע, איז דאָס ביכלאַל ניט די שולד פון די פינסטערע פוילישע ארבעטער, נאָר פון די אייזערנע געזעצן פון דער קאַפּיטאַליסטישער אנטוויקלונג, וועלכע איז אין אירע טענדענציעס אסימיליאַטאָריש בענויגייע אידן, און זי וועט אָפּשאַפן זייערע לעבנשטייגערישע און רעליגיעזע באַזונדערהייטן, וועט פריער צי שפּעטער אָפּראַמען פון איר וועג די אידישע מעכיצעס, ווי זי האָט שוין אפגעראַמט אַנדערע מיטלאלטערלעכע מעכיצעס.

בעכיין מוזן די אידישע אַרבעטער פאַרשטיין, אז מיט זייער אָפּגעזונדערטקייט פון דער אייראָפּעאישער קולטור און מיט זייער שאַבעס שטעלן זיי אליין א מעכיצע צווישן זיך און דער פראָדוקציע, און אַף וויפל זיי זיינען פריי פון רעליגיעזע פארורטיילן, מוזן זיי וואָס גיכער פאַרבייטן שאַבעס אַף זונטיק און אזוי ארום געבן א ביישפּיל אנדערע.

אָבער מיט דעם אליין ענדיקט זיך נאָך ניט דער כויוו פון די באַוואוסטזיניקע אידישע ארבעטער. אין זייער בריוו צום „וואָלני גלאָס" פאַרלאַנגען זיי געמיינזאם באטראכטן דעם איניען און צוזאַמען געפינען אן אייצע. געוויס זיינען זייערע פאָדערונגען אינגאנצן גערעכט, און די פוילישע אַרבעטער זיינען

מעכויעוו צוזאַמען מיט די אידישע אַרבעטער באַראַטן זיך און געפינען א פאַרנינפטיק מיטל קעגן דעם ברעכן די קלאַסן-סאָלידאַריטעט. אָבער די מע-כאַברים האָבן א טאָעס, אויב זיי מיינען, אז דאָ וועט עפּעס העלפן דאָס בלויזע געמיינזאַמע באַראַטן זיך. ס'האַנדלט זיך ניט וועגן איינמאָליקע, צי אָפילע וועגן פּילמאָליקע באַראַטונגען. ס'האַנדלט זיך ניט וועגן איין צי וועגן פיל ספּאַראַדישע טאַטן, ס'האַנדלט זיך וועגן דעם גאַנצן גייסט פון די באַצי-אונגען צווישן די באוואוסטזיניקע פּוילישע און אידישע אַרבעטער, וועגן א שטענדיקער ליניע פון אויפירונג.

אין דעם פּראַט קאָן מען גאָר ניט פאַרוואַרפן די באוואוסטזיניקע פּוי-לישע אַרבעטער... צום באַדויערן, קאָן מען דאָס ניט זאָגן וועגן די פּירער פון די באוואוסטזיניקע אידישע אַרבעטער *). פון א ריי יאָרן האָבן זיי זיך גע-שטעלט אן אויפגאַבע אַרויסצורוקן אין דער אידישער אַרבעטער-באַוועגונג דאָס, וואָס ס'טיילט זי אָפּ פון דער באַוועגונג פון די פּוילישע אַרבעטער און דאָס, וואָס ס'דערנעענטערט זי צום קלאַל-איסראָעל. זיי פלעגן אונטערשטרייכן אַף איטלעכן שריט די אידישע באַזונדערהייט, אַנשטאָט צו האַנדלען פאַרקערט און אונטערשטרייכן דאָס, וואָס פאַראייניקט דעם פּראָלעטאַריאַט אין איין קלאַס. אַפן פעלד פון פּאָליטישן קאַמף האָבן זיי זיך אָפּגעטיילט אין א באַזונדער אָר-גאַניזאַציע, און אַפן פעלד פון עקאָנאָמישן קאַמף האָבן זיי געשאַפן ספּעציעלע אידישע פּראָפאַריינען, פּונקט ווי דאָס האָבן ניט לאַנג געטאָן די טשעכישע סעפּאַראַטיסטן.

אַזוי אַרום איז נאָך טיפער געוואָרן די אַזוי אויך גענוג טיפע מעכיצע צווישן די פּוילישע און די אידישע אַרבעטער; אַזוי אַרום האָבן די אידישע סעפּאַראַטיסטן נאָך שטאַרקער געמאַכט דעם אַנטיסעמיטיזם, אַנשטאָט צו באַ-קעמפן אים אין טאַט, מיטן ביישפּיל פון סאָלידאַריטעט און צונויפגעבונדנקייט פון די פּוילישע און אידישע אַרבעטער...

אויב די באוואוסטזיניקע אידישע אַרבעטער ווילן ערנסט זוכן אן אויס-וועג, איז זייער ערשטער כויוו — שטרעבן צו געמיינזאַמע אַרבעטער-אָרגאַניזאַ-ציעס מיטן באוואוסטזיניקן פּוילישן פּראָלעטאַריאַט.

45. דער בונד וועגן דער פּאָזיציע פון פּ. ס. ד.

(ד. ק.: „גוטע אייצעס". „די נייע שטימע", זאַמלבוך 2, 1911, ז. 19—20).

...די וואַרשעווער צייטונג „וואָלני גלאָס", אַלס גייסטיקע פאַרטרעטערין פון אַ באַשטימטן טייל פונם פּוילישן פּראָלעטאַריאַט, האָט געפונען פאַר איר כויוו צו זאָגן איר וואָרט וועגן דער גאַנצער געשיכטע אין צוויי אַרטיקלען, געכאַסמעט פון וואַרסקי.

וואָס זשע זאָגט די צייטונג צו איר פּוילישן אַרבעטער-לעזער?

---

*) דער בונד.

פון אָנהויב אביסל מוסער. אוואַדע איז ניט שיין, די פוילישע אַרבעטער זאָלן האָבן פאַרורטיילן קעגן די אידישע. זיי זיינען ברידער. דער איד איז אזא פראָלעטאַריער, ווי דער קריסט א. א. וו.

שפּעטער אָבער ווייזט זיך ארויס, אַז דער איד איז פאָרט ניט אַזא פּראָלעטאַריער, ווי דער קריסט. צוזאמען מיט די ס. ס., אנטדעקן די שריי־בער פון „וואָלני גלאָס", אַז אידישע אַרבעטער זיינען פּראָלעטאַריער פון צווייטן סאָרט, ווייל זיי קאָנען זיך ניט אינדוסטריאַליזירן. אידישע אַרבעטער זיינען רעאַקציאָנער, קליינבירגערלעך, שטעקן אין מיטלאַלטערלעכע פאַרור־טיילן, אבערגלויבן און בּארבּאַרישקייט און זיינען אליין שולדיק, וואָס מע לאָזט זיי ניט צו צו די מאַשינען. דער „וואָלני גלאָס" צווייפלט, צי שפּילט אין דער גאַנצער געשיכטע אַזא ראָלע די שטרעבונג פון דער אידישער בור־זשואַזיע צו פאַרבייטן די באַוואוסטזיניקע אַרבעטער דורך אומבאַוואוסטזיניקע. „די אידישע קאַפּיטאַליסטן וואָלטן געפונען געהאָרכזאַמע אַרבעטער צווישן די אידן גופא, ווען ס'וואָלט זיי ניט שטערן דער שאַבּעס"*).

...הייסט דאָס, אין אַלץ איז שולדיק דער שאַבּעס און עפּעס נאָך „מינ־האָגים". וואָס זיינען דאָס פאַר אַ „מינהאָגים", דערציילט אונז דער „וואָלני גלאָס" אינעם נומער 19. דאָס איז „דער זשאַרגאָן, אויסגעוואַקסן אַפן באָדן פון זייער דערנידערונג, יערידע און בּאַרבּאַרישקייט" (ריכטיק, ווי די העב־רעאיסטן זאָגן, זאָל גאָר פעלן אַ האָר!). די קאַפּיטאַליסטישע אַנטוויקלונג, גיט דער „וואָלני גלאָס" גוטע האָפענונגען, „וועט אויסקערן דעמדאָזיקן קולט פון בּאַרבּאַרישקייט", דאָס פוילישע פּראָלעטאַריאַט וועט אַריינציען צו זיך די אידישע אַרבעטער, און זיי וועלן ווערן אַנטיילנעמער פון דער פוילישער נאַציאָנאַלער קולטור. דעמאָלט וועט אַלץ זיין גוט. זאָלן די אידישע אַרבע־טער אַוועקוואַרפן שאַבּעס און אויפהערן צו ריידן אף דעם מיטלאַלטערלעכן „זשאַרגאָן", וועלן די אידישע קאַפּיטאַליסטן מיט סימכע עפענען פאַר זיי די טירן פון זייערע פאַבריקן, און די פוילישע אַרבעטער וועלן קיין וואָרט קעגן דעם ניט זאָגן.

דער „וואָלני גלאָס" ווייס, ער ווייס דאָס צוזאַמען מיט די פּראָלעטאַ־רישע ציאָניסטן, אַז אין גאָלעס אָן אַ טעריטאָריע קאָנען די אידן ניט עק־זיסטירן, אַז יעדער געדאַנק וועגן דער מעגלעכקייט צו פירן א נאַציאָנאַל לעבן און אַנטוויקלען אַ אידישע קולטור אין גאָלעס איז אַ שעדלעכע רעאַק־ציאָנערע אוטאָפּיע; ער ווייס, אז אידן מוזן זיך אַסימילירן, און אַז אַסימי־לאַציע איז זייער איינציקע יעשועו.

און באַ אַן אומבאַוואוסטזיניקן פוילישן אַרבעטער, וועלכן מע איז מע־כאַבּעד מיט די אַלע טעאָריעס, דאַרפן זיי זיך אָפּשפּיגלען אומגעפער מיט אזא געדאַנקען־גאַנג:

ווען דער אידישער קאַפּיטאַליסט נעמט ניט צו קיין אידישן אַרבעטער,— טוט ער אַ פּראָגרעסיווע אַרבעט: ער קעמפט מיט די מיטלאַלטערלעכע פאַ־

*) „וואָלני גלאָס", 1911, נומ. 20, ז. 2.

רורטייכן; הונגער איז אַ גוט מיטל פון זיי זיך צו באַפרייען. ווען דער פּוילישער אַרבעטער פאַרנעמט דעם אָרט פון אידישן, טוט ער אַ פּראָגרעסיווע אַרבעט: ער העלפט זיין אידישן ברודער באַפרייען זיך פונם מיטלאַלטערלעכן „קולט פון באַרבאַרישקייט“, ער העלפט אים צו וואַרפן שאַבעס און פאַרגעסן אידיש. די נארישע אידישע אַרבעטער זאָגן, אַז ער טוט אַן אוולע; אין דער עמעסן טוט ער גאָר אַ גרויסע טויווע: ער העלפט זיי צו אַסימילירן זיך, און זיי פּראָטעסטירן קעגן דעם נאָר דערפאַר, ווייל זיי זיינען קליינבירגערלעך, רעאַקציאָנער און באַרבאַריש...

* *
*

...צי איז נויטיק ערנסט צו ענטפערן אף די וויסנשאַפטלעכע טעאָריעס, קלוגע אייצעס און געוויסנהאַפטע באַהויפּטונגען פון די באַוואוסטזיניקע מארקסיסטן פון „וואלני גלאס“?

צי איז נויטיק צו באַווייזן, אַז פאַר די באַוואוסטזיניקע אידישע אַרבעטער איז דער שאַבעס ניט קיין רעליגיעזער מינהעג, נאָר „אַ טאָג, וואָס ער איז פריי פאַר אַגיטאַציע, פאַר קעגנזייטיק אויפקלערן זיך, פאַר געמיינזאַמע פאַרזאמלונגען“ *) — צוזאַמען מיט יענער אומגעהויערער מאַסע, וואָס פייערט שאַבעס? אז די באַוואוסטזיניקע אידישע אַרבעטער שטעלן זיך ניט און האָבן זיך קיינמאָל ניט געשטעלט פאַר אַ ציל צו קאָנסערווירן שאַבעס; אַז ווען ס'האנדלט זיך וועגן אַ פראגע, וואָס באַרירט מיליאָנען מענטשן, טאָר מען ניט לייזן זי מיט א מאך פון דער האַנט: „נידער שאבעס!“; אַז וואָס פאַר אַ מיינונג מע זאל ניט האָבן וועגן דער צוקונפט פון שאַבעס, דארפן די קריסטלעכע און די אידישע ארבעטער שוין איצט צוזאמען זוכן מיטלען, ווי אזוי איינצואָרדענען די באַציאונגען דאָרט, וואו זיי ארבעטן צוזאמען, איצט אין טאָג-טעגלעכן לעבן, ווי אזוי איינצושטעלן דעם רו-טאָג אין יעדן קאָנקרעטן פאל, ס'זאָלן ניטליידן די אינטערעסן פון פּראָדוקציאָן און ס'זאָלן ווי וויית בעסער גאראנטירט ווערן די רעכט פון דער אידישער אָדער קריסטלעכער מינדערהייט?

...דאַרף מען לערנען די מאַרקסיסטן פון „וואלני גלאס“, וויפיל אומוויסנהייט ליגט אין דעם צונויפוואַרפן אין איין טאָפּ רעליגיעזע מינהאָגים און נאציאָנאלע שפראכן, צו טיילן שפראכן אף קאפּיטאליסטישע (אלע, אכוץ אידיש), און ניט קאפּיטאליסטישע (אידיש), אזוי ווי פּויליש, דייטש, פראנצויזיש זיינען ניט געבאָרן געוואָרן אין מיטלאלטער פּונקט ווי אידיש?

צי דארף מען דערמאָנען, ווי געוויסנהאפט ס'איז די באַהויפּטונג, אז די אידישע באַוואוסטזיניקע ארבעטער שטרעבן צו בויען נאציאָנאַלע פּראָפעסיאָנעלע פאריינען — אין דער צייט, ווען די אידישע באוואוסטזיניקע ארבעטער האָבן אלע מאָל גערופן דאָס פּראָלעטאריאַט צו בויען אינטערנאציאָנאלע פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען, און דאָרט, וואו די פאריינען זיינען פאקטיש ניט קיין

*) „וואלני גלאס“, נומ. 11.

אינטערנאציאָנאלע, קומט דאָס פאַר צוליב אורזאכן, וואָס זיינען אינגאנצן אומאָפּהענגיק פון די אידישע באוואוסטזיניקע אַרבעטער?

* * *

דער מאָמענט איז אן ערנסטער. די באוואוסטזיניקע אידישע און פּוילישע אַרבעטער דאַרפן אָנווענדן אַלע קויכעס, קעדיי זיי זאָלן אַרויסטרעטן צוזאמען, קעדיי זיי זאלן צוזאמען געפינען אן אויסוועג פון דער לאגע. און ווען אין אַזא מאָמענט געפינט דער „וואָלני גלאס" ניט קיין בעסערע אַרבעט, ווי איבערלופטערן דאָס אלטע פאַרשימלטע רויכוואַרג פון פראַזן וועגן סעפאַראטיזם, וועגן זשאַרגאָן אלס קולט פון באַרבארישקייט א. א. וו., באווייזט דאָס נאָר, ווי אויבערפלעכלעך און ניט ערנסט די שרייבער פון „וואָלני גלאס" באציען זיך צו זייער פליכט צו אנטוויקלען אין זייערע לעזער די געפילן פון ארבעטער-סאָלידאַריטעט.

די אידישע באוואוסטזיניקע אַרבעטער, צו וועמען ווארסקי ווענדעט זיך מיט זיינע ניט געבעטענע אייצעס, האָבן בא קיינעם קיין העטער ניט געבעטן, ווען זיי האָבן זעלבשטענדיק זיך אָרגאניזירט אַפן „פּאָליטישן באָדן"; ווען מע האָט זייער שטאנדפונקט באשטימט מיטן שרעק-וואָרט „סעפּאַראטיזם", האָבן זיי זיך פאר דעם זייער ווייניק געשראָקן.

און הערנדיק די אָפּגעדראָשענע אסימילאטאָרישע פראַזן פון „וואָלני גלאס", וועט די אידישע ארבעטער-מאסע דערויף ענטפערן נאָר מיט איין זאך:

דאָס ברענגט ניט קיין קאָוועד דער פּוילישער אַרבעטער-צייטונג און פארשאפט בלויז סימכע די צייטלינס[94] און נעמאָיעווסקיס.

46. די אָרגאניזירטע ארבעטערשאפט וועגן די קאנפליקטן.

(רעזאָלוציע פון אַ געמיינזאמער קאָמיסיע פון פּוילישע און אידישע מעכאנישע שוסטער. „דער אנפאנג", זאמלבוך, 1912, ז. 55—57).

די לעצטע צייט לעבט איבער דער שוסטער-פאַך אין וואַרשע אַ שווערן קריזיס, וואס איז אַרויסגערופן דורך דעם איבערגאַנג פון די גרויסע שוך-ווארשטאטן פון האַנט-ארבעט צו מאַשין-אַרבעט.

דיזע דערשיינונג, וואָס איז אן אַלגעמיינע פאַרן עקאָנאָמישן לעבן פון דער גאנצער וועלט, וואָס שטאַמט פון דער אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַל און דארף ענדלעך ברענגען צו דער דערגרייכונג פון אונזער געזעלשאַפטלעכן אידעאַל, רופט אַרויס ווי שטענדיקליידן און יעסורים פאַר די אַרבעטער, וואָס האָבן פריער געטאָן באַ די האַנט-ארבעט.

הונדערטער, טויזנטער ארבעטער פאַרלירן זייער אַרבעט, אלע רייסן זיך צו פאַרנעמען אַ פלאץ אף די נייע דאַמף-פאַבריקן, צווישן די אַרבעטער וואַקסט די פאַרצווייפלונג און ס׳פאנגט זיך אָן אַ קאָנקורענץ פאַר די פלעצער

אַף די פֿאַבריקן׳ אין די פֿרייע דעמאָקראַטישע מעלוכעס, וואו ס׳עקזיסטירן פֿעסטע און ברייטע אַרבעטער-אָרגאַניזאַציעס, רעגולירן די שטאַרקע פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַריינען די באַציאונגען צווישן די אַרבעטער און, אַנשטאָט קאָנקורענץ, טראָגן זיי אַריין אין די רייען פֿון די אַרבעטער אָרדענונג און סאָלידאַריטעט׳ אין רוסלאַנד לאָזן ניט די פֿאַרטאָלגונגען זי שאַפֿן שטאַרקע און ברייטע פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַריינען, און דאָס מאַכט שווערער צו רעגולירן די באַציאונג צווישן אַרבעטער.

באַ אונז אין וואַרשע, וואו אין שוסטער-פֿאַך אַרבעטן האַנט-באַ-האַנט פּוילישע און אידישע אַרבעטער, נעמט אָן דער קאָנקורענץ-קאַמף צווישן די אַרבעטער אַ כאַראַקטער פֿון נאַציאָנאַלן קאַמף, צו דער פֿרייד פֿון דער בורזשואַזיע׳ די פֿאַבריקאַנטן סטאַרען זיך נאָך מער צו אונטערהאַלטן און פֿאַרשאַרפֿן די באַציאונגען, אַרויסוואַרפֿנדיק באַם עפֿענען נייע פֿאַבריקן די אידישע אַרבעטער, וואָס האָבן פֿריער געאַרבעט אין די האַנט-וואַרשטאַטן.

צום באַדויערן, געפֿינט אָבער דער פֿאַבריקאַנט דערביי שטיצע און מיטהילף באַ אַ טייל ניט באַוואוסטזיניקע פּוילישע אַרבעטער, וועלכע האַלטן פֿאַר ריכטיק די פֿאַקטיק פֿון פֿאַבריקאַנט צו באַזייטיקן פֿון מאַשין-אַרבעט די אידישע אַרבעטער און באַציען זיך מיט אַן אָפֿענער פֿיינטשאַפֿט צו די איינציקע אידישע אַרבעטער, וואָס קומען אָן אין די פֿאַבריקן. פֿון דער אַנדער זייט, האָט דאָס געצוויט די אידישע אַרבעטער, וואו זיי האָבן געהאַט דערצו אַ מעגלעכקייט, ניט צולאָזן צו דער אַרבעט פּוילישע אַרבעטער.

אַנשטאָט סאָלידאַריטעט, פֿירט זיך צווישן די אידישע און פּוילישע שוסטער-אַרבעטער אַ קאַמף, וואָס איז דורכויס שעדלעך פֿאַר דער אַרבעטער-זאַך׳

אזוי קאָן ניט דויערן ווייטער!

מיר, די פֿאָרשטייער פֿון פֿאַריין פֿון לעדער-אַרבעטער — פּאָליאַקן און פֿון פֿאַריין פֿון שוסטער-אַרבעטער — אידן, נאָך אַן אויספֿירלעכער באַטראַכטונג פֿון דער גאַנצער זאַך, ווידער דערמאָנענדיק אַלע אַרבעטער, אַז נאָר אין דער סאָלידאַריטעט קאָן דער אַרבעטער-קלאַס געפֿינען די נויטיקע קראַפֿט אין קאַמף קעגן קאַפּיטאַל, רופֿן מיר אַלע באַוואוסטזיניקע אידישע און פּוילישע אַרבעטער נעמען אַף זיך אַ סאַך צו מאַכן צו די שעדלעכע מאַרן פּראָלעטאַריאַט רייבונגען, לויט די פֿאָלגנדע פּרינציפּן:

1) מיר דאַרפֿן קעמפֿן קעגן יעדער נאַציאָנאַלער באַגרעניצונג, וואָס דער פֿאַבריקאַנט וויל איינפֿירן באַם צונעמען אַרבעטער. באַם עפֿענען אַ נייע פֿאַבריק דאַרפֿן פֿאַר אַלעס צוגענומען ווערן די אַלע אַרבעטער, אָן אונטערשייד פֿון נאַציאָנאַליטעט, וועלכע האָבן געאַרבעט אַף דער זעלבער פֿירמע אין די האַנט-וואַרשטאַטן.

2) דער פֿאַבריקאַנט איז מעכויעוו אויסצולערנען זיינע אַרבעטער פֿון די וואַרשטאַטן׳ וואָס קומען אָן אין די נייע פֿאַבריקן, צו אַרבעטן אַף די נייע מאַשינען, לויט די טנאים, וואָס וועלן צוזאַמען אויסגעאַרבעט ווערן דורך דעם אַרבעטער-פֿאַריין און דעם פֿאַבריקאַנט.

3) באם צונעמען אַרבעטער אף די שוין עקזיסטירנדע פאַבריקן, דאַרפן איצט פריער צוגענומען ווערן די אַרבעטער, וואָס האָבן געאַרבעט אין די האַנט-וואַרשטאַטן פון דער פירמע, און וואָס זיינען ביז איצט ניט דערלאָזן געוואָרן צו דער אַרבעט.

4) די פראַגע וועגן דעם רו-טאָג אפן פאַבריק (שאַבעס אָדער זונטיק) דאַרף דערלייזט ווערן דורך די אַרבעטער אף אזא אויפן, וואָס זאָל אמבעסטן פאַרזיכערן די אינטערעסן סאַי פון די פוילישע, סאַי פון די אידישע אַרבעטער, און דעם נאָרמאַלן גאַנג פון דער אַרבעט אפן פאַבריק.

5) אף צו רעגולירן די פאַרשיידענע פראַגן, וואָס וועלן זיך דערוועקן באַ יעדער פאַבריק, בילדן מיר פון זיך א „פאַרייניקטע קאָמיסיע פון פוילישע און אידישע שוסטער-אַרבעטער״.

מיר זיינען איבערצייגט, אז אַלע באַוואוסטזיניקע פוילישע און אידישע אַרבעטער וועלן אונז העלפן אין אונזער אַרבעט און מיט פאַראייניקטע קרעפטן וועט זיך אונז איינגעבן א סאַך צו מאַכן צו די רייבונגען און קאַמף אינם אַרבעטער-לאַגער [95].

47. דער בונד וועגן ארויסשטופן די אידישע אַרבעטער.

(באַשטימונג פון דער יולי-באַראַטונג (1911) באַם צ. ק. פון בונד. „די 9-טע קאָנפערענץ פון בונד״, 1912, ז. 61).

די באַראַטונג קאָנסטאַטירט, אז צווישן די פאַקטאָרן, וועלכע רופן ארויס אין אייניקע פּראָדוקציאָנס-צווייגן דאָס ארויסשטופן אָדער ניט צולאָזן אידישע אַרבעטער, וואָס באַמערקט זיך נעבן דער אַלגעמיינער טענדענץ פונם אריינדרינגען פון אידישן פּראָלעטאַריאַט אין דער גרעסערער אינדוסטריע,—צווישן דידאָזיקע פאַקטאָרן פאַרנעמט אַ וויכטיקן אָרט די שטרעבונג פון דער בורזשואזיע צו פאַרבייטן באַוואוסטזיניקע אַרבעטער דורך ניט-באַוואוסטזיניקע, וואָס נעמט זייער אָפט אָן באַ די געגעבענע באַדינגונגען די פאָרם פון פאַרבייטן אידישע אַרבעטער דורך ניט-אידישע. א וויכטיקן אָרט פאַרנעמט אויך די טראַדיציע, וואָס האָט זיך איינגעוואָרצלט אין אייניקע גרופן פון פּראָלעטאַריאַט, און וואָס ס'ווערט באַוואוסטזיניק אונטערשטיצט דורך די באַלעבאַטים—די טראַדיציע צו באַטראַכטן געוויסע פּראָדוקציעס, ווי זייער כאַזאָקע, פאַרצאַמענדיק אָדער באַגרעניצנדיק דעם איינטריט אין זיי פאַר אַרבעטער פון אַן אַנדער נאַציאָן.

פאַרוואַרפנדיק אַלע פּראָבעס צו קעמפן קעגן דאָסדאָזיקע ביז דורך קינסטלעך פילאַנטראָפּישע מיטלען (ספּעציעלע פילאַנטראָפּישע פאַבריקן, אַרטעלן א. א. וו.), רעכנט די באַראַטונג, אז דער ווידערשטאַנד קעגן די אויבנדערמאָנטע פאַקטאָרן קאָן אָרגאַניזירט ווערן נאָר דורך ברייטע און שטאַרקע פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען; פאַרייניקנדיק אין די רייען פון איינער און דערזעלבער אָרגאַניזאַציע אידישע און ניט-אידישע אַרבעטער, וועלן דידאָזיקע פאַריינען

דורך דעם אַליין זיין אַ מעכטיק געווער פון קאַמף קעגן דער נאַציאָנאַלער צעריסנקייט אין דער אַרבעטער-סוויווע און קעגן דער שטרעבונג פון די באַלעבאַטים, אויסצונוצן דידאָזיקע צעריסנקייט אין זייערע אינטערעסן.

קעמפנדיק, אַז אין די אונטערנעמונגען זאָלן צוגענומען ווערן אויסשליסלעך אָדער וויייניקסטנס הויפּטזעכלעך אָרגאַניזירטע אַרבעטער, וועלן דידאָזיקע פאַריינען צוזאַמען דערמיט דאַרפן איינשטעלן און צווינגען אָפּהיטן אַ שטרענג רעגלאַמענטירטן סיידער פון פאַרנעמען די פּלעצער אין די אונטערנעמונגען איינגאַנצן אומאָפּהענגיק פון דער נאַציאָנאַליטעט פון די אַרבעטער.

באַטאָנענדיק דעריבער די נויטיקייט צו באַשאַפן און צו באַפעסטיקן ברייטע פּראָפעסיאָנעלע אַרבעטער-פאַראייניקונגען, האַלט די באַראַטונג פאַר העכסט וויכטיק, די אַרבעטער זאָלן שוין איצט האַנדלען אין דעם גייסט פון די אויבן אָנגעוויזענע מיטלען און זאָלן טאָן אַלץ, וואָס איז מעגלעך, די באַציאונגען זאָלן רעגלאַמענטירט ווערן דורך קעגנזייטיקע אָפּמאַכן צווישן די אַרבעטער.

צוזאַמען דערמיט איז די באַראַטונג מאַסרע די אידישע אַרבעטער קעגן דער אַגיטאַציע פון אַ געוויסן טייל פון דער אידישער בורזשואַזיע פאַר דער פאַרענטפערונג פון דערדאָזיקער פראַגע דורך אָרגאַניזירן דעם אַזוי אָנגערופענעם „נאַציאָנאַל שוק“ 96) אפן עקאָנאָמישן באָדן. ווייל אַכוץ דעם, וואָס אַזעלכע פּלענער זיינען אוטאָפּיסטיש און קאָנען ניט פאַרענטפערן דידאָזיקע פראַגע, קאָן די אַגיטאַציע גופא פאַר זיי נאָר פאַרטונקלען דאָס קלאַסנבאַוואוסטזיין פון די אַרבעטער פון אַלע נאַציאָנען און פאַרשטאַרקן די נאַציאָנאַלע צעריסנקייט צווישן זיי.

48. אידישע אַרבעטער אין דער ראָלע פון שטרייקברעכער.

(בּ—סקי: „דער פּאַביאַניצער שטרייק“. „קרוניא“ 97), 1913, נומ. 2. איבערגעדרוקט פון דער „צייט“, נומ. 36).

די אַרבעטער פון דער פאַבריק (אַכוץ איינציקע) זיינען ווייט פון וועלכן ס'איז אַנטיסעמיטיזם, זיי האַלטן זיך פעסט אָן דעם קלאַסן-שטאַנדפּונקט און באַציען זיך פיינטלעך צו יעדן נאַציאָנאַליזם סיי פּוילישן, סיי אידישן. פאַרשטרייקט האָבן זיי, פאַרטיידיקנדיק זייערע אַרבעטס-באַדינגונגען. זיי זיינען געווען אָנגערירט דורכן פאַבריקאַנט, וועלכער האָט אָפּגעזאָגט די בעסטע כאַווירים פאַר זייערע געזעלשאַפטלעכע איבערצייגונגען, דערפאַר, וואָס זיי פלעגן ניט איינמאָל אָפן אַרויסטרעטן קעגן פאַבריקאַנט אין קאַמף פאַר זייערע אינטערעסן.

פאַרגעקומען איז די זאַך אַזוי: מע האָט אָנגעהויבן צוצונעמען אָף דער פאַבריק אידן. צום אָנפאַנג זיינען קעגן דעם אַרויסגעטראָטן איינציקע אַרבעטער-נאַציאָנאַליסטן, נאָר די קלאַסנבאַוואוסטזיניקע אַרבעטער האָבן פאַרטיידיקט די אידן. די אידן האָבן רואיק געאַרבעט, נאָר דער פאַבריקאַנט, זעענ-

דיק, אז ער האָט אפן פאַבריק אַרבעטער, וועלכע טרעטן שטענדיק סאָלידאר ארויס פאַר זייערע אינטערעסן, האָט באַשטימט אויסצונוצן די געלעגנהייט און מיט דער הילף פון די אידישע אַרבעטער צו ברעכן די אַרבעטער-סאָלידאַרי-טעט. ער האָט געזוכט מיט אלע מיטלען אריינצוטראָגן אן אומצוטרוי צווישן די קריסטלעכע און אידישע אַרבעטער. ער האָט די אידישע אַרבעטער גע-געבן צו צוויי שטולן מיט בעסערע אַרבעט.

ס'איז געווען אַ פאַל, ווען מע האָט שוין געהאַט צוגעזאָגט אַ קריסט צוויי שטולן און מע האָט דאָס אָפּגעגעבן אַ אידן. דאָס האָט שטאַרק אויפ-געערגט די אַרבעטער, באזונדער דאן, בעאייס הער שטיין *) האָט נאָך דער-קלערט, אז ער וועט געבן אַרבעט וועמען ער וויל. דאן האָבן די ארבעטער פאַרשטרייקט און ה. שטיין האָט געבראַכט פּאָליציי.

דער קאָנפליקט האָט זיך אויסגעגלייכט, איז אנטשטאַנען אַ נייער קאָנ-פליקט, צוליב דעם, וואָס מע האָט פאַרקלענערט די פרייזן אף אייניקע אר-טיקלען. די קריסטלעכע אַרבעטער, ווילנדיק פארשטרייקן, זיינען געגאַנגען אין קאָנטאָר (?) און האָבן גערופן אויך די אידישע, זיי האָבן אָבער ניט געוואָלט גיין, מוירע האָבנדיק צו פאַרלירן דעם פאבריקאנטס ליבע. אזוי ווי ה. שטיין האָט זיך ניט געוואָלט אנטזאַגן פון זיין פארלאנג פארקלענערן די פרייזן, האָבן די קריסטלעכע אַרבעטער געוואָרפן די אַרבעט. די אידישע זיינען ניט צוגעשטאנען. דאָס האָט ווידער אריינגעבראַכט די קריסטלעכע אין קאעס. באַ-מערקנדיק דאָס, האָבן די אידן אויך געוואָרפן די ארבעט. ס'איז ווידער גע-וואָרן שאָלעם...

ווייטער איז פאָרגעקומען אַ נייער קאָנפליקט. בא אַן אַרבעטערין האָט מען אָפּגענומען איר שטול און אָפּגעגעבן אים אַ אידישן אַרבעטער. איר האָט מען געגעבן א צווייטן שטול מיט ערגערע ארבעט. די ארבעטערין איז אוועק אין קאָנטאָר נאָך איר ביכל, האָט איר דער פאבריקאנט אַ וואָרף געטאָן דאָס ביכל אין פּאָנים.

דער לעצטער שטרייק איז פאָרגעקומען צוליב דעם, וואָס מע האָט אָפּ-געזאָגט פון פאַבריק זייער אַ טעטיקן אַרבעטער. נאָך פריער האָט מען אויך אָפּגעזאָגט עטלעכע ארבעטער, און דאָס האָט זייער אויפגערעגט די אַרבעטער. מע דאַרף נאָך צו דעם צוגעבן, אז ה. שטיין האָט פארלאנגט פון די ארבע-טער, זיי זאָלן ארבעטן יעדן טאָג לענגער מיט א שאָ, און שאַבעס וועט די פאבריק פון 12 דעם זייגער זיין איינגאנצן געשלאָסן, צוליב די אידן, וועלכע ווילן ניט ארבעטן אום שאַבעס. די אַרבעטער האָבן אף דעם ניט געוואָלט איינשטימען.

אזוי ווי ה. שטיין האָט שוין געגעבן אָנצוהערעניש, אז מע וועט נאָך איינעם אָפּזאָגן פון דער אַרבעט, זיינען די אַרבעטער אוועק אין קאָנטאָר און געפרעגט דעם פאַבריקאַנט, צי פאַרלאַנגט ער טאַקע, בא אים זאָלן אַרבעטן דורכויס אידן; אויב אזוי, האָבן זיי געזאָגט, קאָנען זיי גלייך אלע ווארפן די

---

*) דער פאבריקאנט.

אַרבעט. אַף דעם האָט דער פאַבריקאַנט געענטפערט, אַז ער וועט טאָן, ווי ער וועט געפינען פאַר נויטיק.

פאַרשטייענדיק, אום וואָס דאָ האַנדלט זיך און זעענדיק, אַז ס'שטייען פאַר נייע אָפּזאָגן, האָבן די אַרבעטער באַשטימט צו וואַרפן די אַרבעט. די אידישע אַרבעטער האָבן אָבער ניט געוואָלט אָנשליסן זיך צו אַלע אַרבעטער און האָבן נאָך אַגיטירט אַף אַנדערע פאַבריקן, וואו ס'אַרבעטן דורכויס אידן, זיי זאָלן אַריבערגיין אַף שטיינס פאַבריק. אַף אַזאַ אופן האָבן זיי מיטגעהאָלפן צו שאַפן אידישע שטרייקברעכער; ס'האָבן זיך אויך געפונען קריסטלעכע שטרייקברעכער. דערזעענדיק, אַז ס'איז שלעכט, האָבן די אַרבעטער נאָך אַ דרייטאָגיקן שטרייק געוואָלט אומקערן זיך צו דער אַרבעט, נאָר אפן פאַבריק איז שוין געווען פאָליציי, וועלכע האָט אַריינגעלאָזן איינציקווייז.

דאָס איז געווען אַ פאַרטיידיקונגס-שטרייק, וועלכער איז אַרויסגערופן געוואָרן דורך דעם, וואָס דער פאַבריקאַנט האָט אָנגעהויבן אַרויסצואווייזן פראָטעקציע די אידן און אָנטזאָגן קריסטן, אָבער אין קיין פאַל ניט צוליב אַנטיסעמיטיזם. די פאַרשפּרייטונג פון פאַלשע ידיעות וועגן דעם שטרייק רופט אַרויס אַ דערביטערונג צווישן די אַרבעטער.

פון דער רעדאַקציע:

„פון די אידישע אַרבעטער פון שטיינס פאַבריק דערגייען צו אונז פאָלגנדע ידיעות. זיי ווייזן אויף, אַז זיי האָבן גאָר ניט געוואוסט וועגן די מאָטיוון פונם לעצטן שטרייק. זיי ווייזן אויף, אַז די פוילישע אַרבעטער האָבן זיך גאָר ניט געווענדעט צו זיי מיט קיין פאָרלאַג צוצושטיין צום שטרייק. די אידישע אַרבעטער האָבן גאָר ניט געוואוסט, וועגן וואָס דאַ האַנדלט זיך, און זיינען געגאַנגען צום פאַבריקאַנט דערקונדיקן זיך וועגן די אורזאַכן פונם שטרייק. דער פאַבריקאַנט האָט דערקלערט, אַז די קריסטלעכע אַרבעטער פאָדערן, מען זאָל אָפּזאָגן די אידישע אַרבעטער און האָט נאָך דערצו צוגעגעבן: „איר זעט, וויפיל כלאָפּאָט איך האָב צוליב אייך". די אידן האָבן אים געגלויבט און דערום אָפּגעהאַלטן זיך פון שטרייק. איצט זאָגן זיי, אַז ווען זיי זאָלן וויסן, וועגן וואָס דאָ האַנדלט זיך, וואָלטן זיי צוגעשטאַנען צו די קריסטלעכע אַרבעטער. ס'איז שווער צווישן זיך דורכצוקומען (?) נאָך צוליב דעם, וואָס די אידישע אַרבעטער, וועלכע זיינען אָנגעקומען אפן פאַבריק, פאַרשטייען אינגאַנצן ניט די פוילישע שפּראַך אָדער זיי ריידן אַף איר זייער שוואַך".

49. די „פּועלי־ציון" וועגן אַרויסשטופּן די אידישע אַרבעטער.

(„די VI-טע קאָנפערענץ פון די רוסלענדישע פּועלי-ציון" 98). „דער אידישער אַרבעטער" (קראַקע), 1913, נומ. 5).

...[די קאָנפערענץ] פּראָטעסטירט קעגן דעם שענדלעכן פאַרהאַלטן זיך פון דער אידישער גרויס-בורזשואַזיע, וואָס אונטערשטיצט דעם באָיקאָט סאַי אַקטיוו דורך אַרויסשטויסונג פון אידישע אַרבעטער, סאַי פּאַסיוו דורך איר פולשטענדיקער אומטעטיקייט.

זי דריקט אויס איר שטאַרקע אומצופרידנהייט מיט דער טאַקטיק פון די פּוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, באַזונדערס פּ. ס. ד., וואָס פאַרנאַכלעסיקן זייערע פליכטן בענויגייע דער באָיקאָט-באַוועגונג, וועלכע באַהערשט די מוי-כעס און די האַנדלונגען פון דעם פּוילישן פּראָלעטאַריאַט.

II) נעמענדיק אין באַטראַכט,

אַז דער באָיקאָט אין פּוילן רופט זיך שטאַרק אָפּ אויף דער עקאָנאָמישער לאַגע פון אידישן אַרבעטער, פאַרקלענערנדיק זיין אַרבעטס-פּלאַץ אין דער פּראָדוקציאָן;

אַז דער באָיקאָט ווערט אויך געוויסערמאַסן באַנוצט דורך אידישע אונ-טערנעמער, קעדיי צו פאַרשלעכטערן די אַרבעטס-באַדינגונגען פון די אידישע אַרבעטער;

אַז די גלייכגילטיקייט און אומטעטיקייט פונם אָרגאַניזירטן אידישן פּראָ-לעטאַריאַט קאָן נאָך מער פאַרערגערן די לאַגע, —

שלאָגט פאָר די קאָנפערענץ די כאַווערים אין פּוילן צו קעמפן קעגן דער אַרבעטסלאָזיקייט, וואָס ווערט געשאַפן צוליב דעם באָיקאָט, מיט אַלע מיטלען, וואָס געפינען (זיך) בעהעסקעם מיט די פּראָלעטאַרישע פּרינציפּן.

אַלס איינע פון די נאָענטסטע אויפגאַבן אין קאַמף קעגן די פאָלגן פונם באָיקאָט, באַטראַכט די קאָנפערענץ די שאַפונג פון אַרבעטער אינפאָרמאַציאָנס-ביוראָען, וואָס זאָלן זיך געפינען אונטער דעם איינפלוס און קאָנטראָל פון דער אידישער אָרגאַניזירטער אַרבעטערשאַפט; זי פאַרלאַנגט פון די אידישע קעהילעס, אַז זיי זאָלן פינאַנציעל אונטערשטיצן דיזאָזיקע ביוראָען.

III) די קאָנפערענץ פאַרלאַנגט, אַז די אידישע אָרגאַניזירטע אַרבעטער-שאַפט זאָל ברייט און ענערגיש אָנווענדן דאָס מיטל פון באָיקאָט קעגן אי-דישע באַלעבאַטים, וואָס פאַרבייטן זייערע אידישע אַרבעטער מיט ניט-אידישע; יעדע באָיקאָט-דערקלערונג דאַרף אָבער באַשטעטיקט ווערן דורך אונזערע פּאַרטייאישע צענטראַל-אינסטאַנצן.

די קאָנפערענץ דערקלערט, אַז אָרגאַניזירטע אַרבעטער האָבן דאָס פולע רעכט צו באַטראַכטן אַלס שטרייקבּרעכער און שטערן די שטרייקן פון יענע ניט-אידישע אַרבעטער, וואָס העלפן מיט סאַי אַקטיוו, סאַי פּאַסיוו דער אַרויס-שטופונג פון אידישע אַרבעטער.

IV) די קאָנפערענץ מאכט אויפמערקזאַם די פוילישע סאָציאַליסטישע פאַרטייען, אז זייער נעגאטיווע באציאונג צו די נאציאָנאַלע באדערפענישן פון אידישע פראָלעטאַריער גרייט צו צווישן דער פוילישער ארבעטערשאַפט אַ גינסטיקן באָדן פאר דער באָיקאָט-אגיטאציע.

V) די VI-טע פאַרטיי-קאָנפערענץ שלאָגט פאָר דער IV-טער קאָנפערענץ פון אלוועלטלעכן אידישן סאָציאַליסטישן אַרבעטער-פאַרבאַנד זיך ווענדן צום אינטערנאציאנאלן סאָציאַליסטישן ביוראָ מיט אַ געניויען מעמאָראנדום וועגן דער באָיקאָט-באוועגונג אין פוילן און וועגן (דער) ניט גענוג אקטיווער באַציאונג פון די פוילישע סאָציאַליסטישע פאַרטייען.

די VI-טע קאָנפערענץ שלאגט פאָר דער IV-טער אלוועלטלעכער קאָנפערענץ ארויסגעבן צו אונזערע ברידער-פארטייען די פאראָלע אָרגאניזירן אַ ברייטע פראָטעסט-באוועגונג קעגן פוילישן באָיקאָט.

...כאָטש די פולשטענדיקע לייזונג פון אידישן אַרבעטער-פראָבלעם אין פוילן, ווי אויך בכלל אין דער גאַנצער וועלט, ליגט אין דער פארענטפערונג פון אידישן עמיגראציאָנס-פראָבלעם און שאפונג פון אַ נאָרמאַלן אידישן צענטר אין פאַלעסטינע, דאָך געפינט די קאָנפערענץ, אז דורך אן ענערגישן קאמף אף די ערטער קאָן די אידישע ארבעטער-לאגע מאמאָשעסדיק פארבעסערט ווערן און ס'קאָנען באשרענקט ווערן די שעדלעכע ווירקונגען פון פוילישן באָיקאָט און ענלעכע דערשיינונגען.

VIII. דער קליינבירגערלעכער סאָציאַליזם אף נאַ-ציאָנאַליסטישע פּאָזיציעס.

50. די דעבאטן וועגן דער קעהילע און דער נאציאָנאלער פראגע אף דער VIII קאָנפערענץ פון בונד.

(פונם באריכט וועגן דער 8-טער קאָנפערענץ פונם בונד, אָפּגעהאלטן אין הארבסט, 1910).

...ס'האָט זיך אף דער קאָנפערענץ ניט געלאָזט הערן קיין איינציקע שטים קעגן דעם, אז אונזער פּאַרטיי דאַרף ארבעטן אין דער קעהילע.

...ס'האָבן אויך קיין גרויסע כילוקע דייעס ניט געקאָנט פאָרקומען וועגן דעם, אַז מיר דאַרפן קעמפן, די אָליגארכישע קעהילע זאָל אף א געזעצגע-בערישן וועג פאַרוואנדלט ווערן אין א וועלטלעכע און עמעס דעמאָקראטישע (סאַי לויטן וואַל-סיסטעם, סאַי לויטן שטייערן-סיסטעם א.א.וו.) אָרגאַניזירטע איינריכטונג, און אז מיר דאַרפן שוין איצט אף יעדן שריט און טריט שטרעבן אריינטראָגן אין דער קעהילע דעם גייסט פון סעקולאריזאציע*) און דעמאָ-קראטיזאַציע.

...די וויכטיקסטע כילוקע דייעס האָבן זיך אָבער ארויסגעוויזן בענויגייע צו דער פראַגע וועגן דעם, וואָס פאַר א קאָמפּעטענץ ס'דאַרף האָבן די קעהילע. אין פאַרבינדונג מיט דער פראגע איז געשטאנען אויך דער וויקואַך וועגן דער שאיכעס, וואָס ס'איז פאַראַן צווישן דער קעהילע און דער נאציאָ-נאַל-קולטורעלער אויטאָנאָמיע.

אין וואָס פאַר א שאיכעס שטייען די צוויי אינסטיטוטן?

— אין קיין שאַיכעס ניט,—האָט געענטפערט איין כאווער,—אין דער אמאָליקער שטאנדן-מעלוכע זיינען אידן געווען א באַזונדער שטאַנד. די קע-הילע איז געווען אַן עפנטלעך-רעכטלעכע שטאַנדן-אָרגאניזאציע אין דער שטאנדן-מעלוכע; צוזאַמען מיט דער שטאַנדן-מעלוכע פאַלט אויך די שטאַנדן-אָרגאַניזאציע—די קעהילע. דאָס זעלבע מיט די רעליגיעזע פונקציעס. מיט דער דעמאָקראטיזירונג פון דער מעלוכע, מיט דער אָפּטיילונג פון דער קירך פון דער מעלוכע וועט די קעהילע פאַרלירן איר עפנטלעך-רעכטלעכן כאראקטער;

*) דאָס אויסטיילן פון דער קעהילע די רעליגיעזע איניאָנים.

זי וועט ניט האָבן קיין מעלוכע-פונקציעס, זי וועט זיך פאַרוואַנדלען אין אַ פריוואַט-רעכטלעכער איינריכטונג. וואָס אנבאַלאַנגט די נאציאָנאַל-קולטורעלער אווטאָנאָמיע, וועט זי פאַרווירקלעכט ווערן ערשט אין דער ווייטער צוקונפט, ווען דאָס פראָלעטאַריאַט וועט שוין זיין זייער שטאַרק, ניט ווייט פאַר דער סאָציאַלער רעוואָלוציע. דאָ אַן איינריכטונג, וואָס גייט אונטער; דאָרט אַן איינריכטונג, וואָס וועט ערשט אין דער ווייטער צוקונפט דערשיינען; וואָס פאַר אַ שאַיכעס קאָן צווישן זיי זיין?

— די קעהילע קאָן ווערן אַ קערן פון דער צוקונפטיקער נאַציאָנאַל-קולטורעלער אווטאָנאָמיע, — האָט געענטפערט אַ צווייטער כאַווער. — די נאַציאָנאַל-קולטורעלע אווטאָנאָמיע איז אַ פאָרם פון זעלבסטבאַדינונג פון דער אידישער נאַציאָן, אַ פאָרם פון באַפרידיקן אליין די נאַציאָנאַלע באַדערפענישן. אונטער דער פאָרם פון דער קעהילע באַהאַלט זיך דערזעלבער אינהאַלט. דאָס זיינען רינגען פון איין קייט, פון איין עוואָלוציע.

די אַלטע פאָרם, — האָבן נאָך אייניקע כאַווירים געענטפערט, — קאָן מיט אַ נייעם אינהאַלט אָנגעפילט ווערן. מע טאָר זי ניט פאַרנאַכלעסיקן נאָר דערפאַר, וואָס זי איז אַ רעשט פון אַלטע צייטן. אייניקע פונקציעס קאָנען אָפּשטאַרבן, אַנדערע פאַרנעמען זייער אָרט.

...צי איז די קעהילע היסטאָריש פאַרבונדן מיט דער צוקונפטיקער אַווטאָנאָמיע, — דאָס איז אַ באַזונדערע פראַגע; אָבער זי איז איצט אַ געוויסע פאָרם פון אָרטיקער נאַציאָנאַלער זעלבסטפאַרוואַלטונג. אונזער פראָגראַם זאָגט אונז, וועלכע פונקציעס עס געהערן דער נאַציאָנאַלער זעלבסטפאַרוואַלטונג, דאָס זיינען די קולטורעלע פונקציעס. אַלע איבעריקע פונקציעס פון דער קעהילע דאַרפן געהערן אָדער צו פריוואַט-רעכטלעכע אינסטיטוציעס (רעליגיאָנס-אנגעלעגנהייטן) אָדער צו אָרגאַנען פון דער אָרטיקער זעלבסטפאַרוואַלטונג (סאָציאַלע הילף).

...פיל כאַווירים זיינען אָבער געקומען צום שלוס, אַז די פונקציעס פון דער קעהילע דאַרפן ניט פאַרשמעלערט ווערן (אכוץ, פאַרשטייט זיך, די רעליגיעזע, וועלכע דאַרפן אַרויסגעוואָרפן ווערן); אַז זיי דאַרפן אפילע פאַרברייטערט ווערן (הילף ארבעטסלאָזע, רעגולירונג פון עמיגראַציע).

...איין כאַווער, לאָמיר אים אָנרופן נ., האָט אויך געפונען, אַז *דערווייל* דאַרפן די פונקציעס פון דער קעהילע פאַרברייטערט ווערן; אַז דערווייל דאַרף די קעהילע זיך פאַרנעמען, אכוץ קולטורעלע אנגעלעגנהייטן, מיט סאָציאַלער הילף און מיט רעגולירן די עמיגראַציע. וואָס וועט זיין שפּעטער, ווייסן מיר ניט. ס'קאָן זיין, דידאָזיקע פונקציעס וועט מען קאָנען ווען ס'איז, אינם דעמאָקראַטיזירטן רוסלאַנד, איבערגעבן די אַלגעמיינע איינריכטונגען. *ס'קאָן אָבער אויך זיין, אַז זיי וועלן בלייבן נאַציאָנאַלע פונקציעס, אַז מיר וועלן זיי אריינעמען אין דער קאָמפּעטענץ פון דער נאַציאָנאַלער אווטאָנאָמיע**).

---

*) אומעטום קורסיוו פון אָריגינאַל.

מע קאָן ניט זאָגן, מיינט דער כאווער, אז די פונקציעס פון דער קעהילע זיינען באשטימט דורך די פונקציעס פון דער נאציאָנאַלער אווטאָנאָמיע. אונזער פראָגראַם גיט ניט קיין קאָנקרעטן ענטפער אף דער פראגע וועגן די פונקציעס. די באדינגונגען, אין וועלכע ס׳ווערט באהאנדלט די פראַגע וועגן רעאָרגאניזירן די קעהילע, אונטערשיידן זיך פון די, אין וועלכע ס׳וועט פאָרקומען די פאַרווירקלעכונג פון נאציאָנאלער אווטאָנאָמיע. די נאציאָנאלע אווטאָנאָמיע נעמט ארויס פונקציעס פון דער קאָמפעטענץ פון דער מעלוכע. די קעהילע—פון דער אָרטיקער זעלבסטפאַרוואלטונג; די נאציאָנאלע אווטאָנאָמיע וועט פארווירקלעכט ווערן אין א דעמאָקראטישער אָרדענונג און פאַר אלע נאציאָנען; די קעהילע עקזיסטירט איצט און נאָר בא אידן. דאָס אלץ צווינגט אונז, ריידנדיק וועגן דער רעאָרגאניזירונג פון דער קעהילע, ניט באגנוגענען זיך מיטן אלגעמיינעם נאציאָנאלן פראָגראַם, וועלכן מיר האָבן, נאָר אויסארבעטן א ספעציעלע קעהילע-פלאטפאָרם, א מין מינימאלן מינימום (ווייל די אווטאָנאָמיע איז דאָך אויך א פראָגראַם-מינימום).

...פאַרוואָס האָבן מיר געפונען פאַר גויטיק אויסטיילן קולטור? וואו איז דאָס קריטעריום?—פרעגט דער רעדנער. איין כאווער האָט ארויסגעשטעלט דעם פרינציפּ — אויסטיילן, וואָס ס׳לאָזט זיך און וואָס ס׳לוינט. איך לייג פאָר אַן אנדער קריטעריום:

אויסטיילן דאָס, וואָס רופט ארויס נאציאָנאלע רייבונגען (ווייל דאָס פאַרפינסטערט דאָס קלאסן-באַוואוסטזיין און שטערט דעם קלאַסנקאמף) און לאָזט זיך אויסטיילן.

...פון דעם שטאַנדפונקט באטראכט ער די פונקציעס פון רעגולירן די עמיגראציע און פון סאָציאַלער הילף. אויסגעטיילטערהייט קאָנען זיי בעשום אופן ניט ווערן קיין באַדן פון עקאָנאָמישן קאמף צווישן פאַרשיידענע נאציאָנאלע בורזשואזיעס. אין דעם זין זיינען זיי נייטראלע פונקציעס. דעריבער קאָנען זיי אויסגעטיילט ווערן און אַריינגיין אין דער קאָמפעטענץ פון דער קעהילע. צי וועלן זיי שפעטער אריינגיין אין דער קאָמפעטענץ פון דער נאציאָנאלער אווטאָנאָמיע, וועט ווייזן די דערפאַרונג. מיר דאַרפן דאָס איצט ניט פעסטשטעלן, מיר דאַרפן זיך לאָזן אָפענע הענט. דאָס איז א פראַגע פון צוועקמעסיקייט. ס׳קאָן זיין, אויב ס׳וועט זיך איינשטעלן א נאָרמאלע צאָלפאַרהעלטעניש צווישן דער אידישער און ניט-אידישער עמיגראציע, וועט די רעגולירונג קאָנען איבערגעגעבן ווערן צו אינטערנאציאָנאלע איינריכטונגען. אָבער דערווייל קאָן און דאַרף דערמיט פאַרנעמען זיך די קעהילע.

ווי באקאנט, איז אין אונזער פאַרטיי ארויסגעזאָגט געוואָרן פון א כאווער, לאָמיר אים אָנרופן או., א מיינונג, וועלכע גייט ווייטער, ווי די מיינונג פונם כאווער נ. דער כאווער נ. לאָזט די פראגע וועגן דער קאָמפעטענץ פון דער נאציאָנאלער אווטאָנאָמיע אָפן; ער דערלאָזט, אז אין איר וועלן אריינגיין אידישע שפיטאָלן און אז. וו. ער פאַרלאנגט אָבער ניט, אז דאָס זאָל איצט באשלאָסן ווערן. דער כאווער או. געפינט, אז אין דער קאָמפעטענץ פון דער קעהילע קאָנען מיר ניט אריינעמען אזעלכע זאַכן, וואָס גייען

ניט אריין אין אונזער פראָגראם פון נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע. אידישע שפּיטאָלן און אנדערע אנשטאלטן פון סאָציאַלער הילף דאַרפן [דעריבער] אריינגיין אין דער קאָמפּעטענץ ניט נאָר פון דער איצטיקער קעהילע, נאָר אויך פון דער צוקונפטיקער נאציאָנאלער אויטאָנאָמיע.

די מיינונגען פונם כאווער נ. און פונם כאווער או. האָבן ארויסגערופן שאַרפע דערווידערונגען פון אייניקע כאווירים.

אונזער פראָגראם שטעלט פעסט די קאָמפּעטענץ,—האָבן זיי אויפגעוויזן:— דאָס איז קולטור-איניאָנים. ווער ס'לייגט פאָר פארברייטערן די קאָמפּעטענץ, לייגט פאָר בייטן דאָס פראָגראם. מע בארופט זיך, אז מיר האָבן ניט קיין דערפאַרונג; וואו איז די דערפאַרונג, וועלכע צווינגט אונז צו ב ײ ט ן אַן איינמאָל אָנגענומענעם פראָגראם; דער שטאנדפונקט, וואָס הייסט לאָזן די פראַגע אָפן, וואַרטן, וואָס דאָס לעבן וועט זאָגן, איז אַן עמעס רעוויזיאָניסטישער[99]: אלע רעוויזיאָניסטן ווארפן אויף די מארקסיסטן, אז זיי האַלטן זיך אָן זייער פראָגראם, אָן זייער „פאַרקילטער דאָגמע". אלע רעוויזיאָניסטן טאַינען: לאָמיר זעען, וואָס דאָס לעבן וועט זאָגן. דאָס סיסטעם פון מינימאלע מינימומען פירט צו פולשטענדיקן אָפּאָרטוניזם,—האָט איינער פון דידאָזיקע אפּאָנענטן געזאָגט:—די נאציאָנאלע אויטאָנאָמיע אליין איז א פראָגראם-מינימום; די קעהילע-פלאטפאָרם, וועלכע מע לייגט פאָר—א מינימאלער מינימום, מע לייגט נאָך פאָר דאָס קאָוונער פראָגראם*) אלס מינימאלסטער מינימום — ד. ה. אף יעדן קאָנקרעטן פאַל האָבן א באזונדער פראָגראם, ד. ה. מאכן פאַר א פרינציפּ די פולשטענדיקסטע פרינציפּלאָזיקייט.

אף וואָס איז געגרינדעט די שטרעבונג אויסצוטײלן וואָס מער, בויען דאַפקע אידישע שפּיטאָלן,—פרעגט דערזעלבער כאווער.—אַף דער באַהויפּטונג, אז א איד פילט זיך גוט נאָר צווישן אידן; א אידישער ארבעטער דאַרף זיך בעסער פילן מיט א אידישן שווארצמייעניק, איידער מיט צערעטעלין[100]. אונזער שטאַנדפּונקט איז אלע מאָל געווען דער פראָלעטאַרישער קלאַסן-שטאנדפּונקט. איצט פירט מען איין, אכוץ דעם פראָלעטארישן, נאָך א נאציאָנאלן קריטעריום, ד. ה. ארויסווייזן א נאַציאָנאַליסטישע טענדענץ.

ס'איז פאראן צוויי שטאנדפּונקטן,—האָט געזאָגט א צווייטער כאווער.— איינער שטרעבט אָפּצוזונדערן דאָס פראָלעטאריאט פון איין נאציאָן פונם איבעריקן, פאַראייניקן עס מיט זיין איין נאַציאָן אין נאציאָנאַלע גאנצע. דער אנדערער, די גרויסע, איינפאַכע, לאַנגווייליקע מארקסיסטישע דאָגמע שטרעבט פאַראייניקן וואָס ענגער, וואָס נעענטער דאָס אינטערנאַציאָנאלע פראָלעטאריאט, פאראייניקן ניט נאָר אפן וואָרט, נאָר אין א רעזאָלוציע, נאָר אין טעגלעכן לעבן. דער רעדנער האָט מוירע פאר יעדער אָפּזונדערונג אין פּאָליטישן, געזעלשאַפטלעכן און פריוואטן לעבן—פאר נאציאָנאלע קוריעס און פאר נאציאָנאלע שפּיטאָלן. מע זאָגט, מיר האָבן דאָך אָפּגעזונדערט דאָס פראָלעטאריאט צוליב קולטור, פארוואס ניט אויסטיילן נאָך עפּעס? אָט דאָ איז דער אונטערשייד צווישן אונזער פראָגראם און דעם, וואָס מע לייגט אונז פאָר. וואָס דאַרף

---

*) די רעזאָלוציע פון „קאָוונער צוזאמענפאָר" וועגן דער קעהילע.

אויסגעטיילט ווערן? דאָס, וואָס קאָן ניט עקזיסטירן צוזאמען, דאָס, וואָס דאָס לעבן אַליין צעטיילט. ס׳קאָן ניט זיין קיין געמיינזאמע שול פאר אידישע, פוילישע און רוסישע קינדער. דאָ גייט נאָר אום שפּראַך. אין עטלעכע שפּראכן קאָן מען אין איין שול ניט אונטעריכטן. וועט קיין אידישע שול ניט זיין, וועט דאָס אידישע פּראָלעטאַריאט גאָר קיין שול ניט האָבן. אבער א שפּיטאָל, וואו מע רעדט מיט די קראנקע אף פארשיידענע שפּראכן, איז פולקאָם מעגלעך. פאר די פארטיידיקער פון אידישע שפּיטאָלן גייט דאָ אבער ניט אום שפּראך. זיי באַפּרידיקט ניט די לייזונג פון דער שפּראך-פראגע. „א קראנקער פילט זיך בעסער צווישן אייגענע". אין דעם אויסדרוק פון כאוועראָו. ליגט דאָס גאנצע אונטערשלאק פון זיין שטאנדפּונקט: דעם אידישן ארבעטער וועט זיין שלעכט צווישן פוילישע ארבעטער, אים וועט זיין בעסער צווישן אידישע קרעמער. נאָר אין דער אידישער סוויווע פילט זיך דער אידישער ארבעטער גוט. די פּסיכישע בענדער, וואָס בילדן א גוט זעלבסטגעפיל, זיינען באם כאַ־וועראָו. ניט די קלאַסן-בענדער, נאָר די נאַציאָנאלע בענדער. מע זאָגט, ס׳האנדלט זיך ניט נאָר וועגן דעם פּערסאָנאל פון שפּיטאָל, ס׳האנדלט זיך וועגן דעם, אז די קראנקע וועלן זיך איינאנדער ניט פארשטיין און וועלן זיך דעריבער שלעכט פילן. דער רעדנער איז פאַר דער פולער אנטוויקלונג פון אידיש, אבער זאָגן, אַז ס׳איז נאָרמאַל, די אידישע און ניט-אידישע אר־בעטער, וואָס וואוינען אין איין שטאָט, זאָלן זיך ניט קאָנען אויפריידן צווישן זיך,—הייסט מאַכן פאַר א געזעץ די אָפּזונדערונג. ניט דערפאַר האָבן מיר פיל יאָרן געקעמפט קעגן טכום, קעדיי איצט צו קומען צום נאַציאָנאלן „געטאָ"!

א דריטער כאַוועראט האָט אַרויסגעשטעלט אנדערע דערווידערונגען: אונ־זער פּראָגראַם איז אויסגעוואקסן אין קאַמף קעגן די ציאָניסטן. זיי האָבן פאַר־שטאַרקט די געטאָ-פּסיכאָלאָגיע. מיר האָבן, פאַרקערט, געשטרעבט צו פאָרמו־לירן אונזערע פאָדערונגען אזוי, זיי זאָלן זיין אָנעמבאַר פאר דער גאַנצער ר. ס. ד. א. פּ. מיט דער פאָדערונג פון נאַציאָנאַל-קולטורעלער אויטאָנאמיע האָבן מיר זיך געשטעלט אַף אַן אלגעמיין מעלוכישן שטאַנדפּונקט. מיר האָבן געפאָדערט אזא אָרדענונג, באַ וועלכער יעדע נאַציאָן זאָל באַקומען די מאַק־סימאַלע פרייהייט פון נאַציאָנאלער אנטוויקלונג. מיר זיינען געגאַנגען מיט דער ליניע פון גרעסטן ווידערשטאַנד. אידישע שפּיטאָלן — זיינען עפּשער בעסער. אידישע שפּיטאָלן זיינען באגרייפלעכער פאַר אידן. אבער די ס. ד. פּראַקציע וועט ניט קאָנען פאָדערן קיין באזונדערע שפּיטאָלן פאַר אידן,—מיר דאַרפן זיך היטן ארויסצושטעלן פאָדערונגען, וואָס קאָנען ניט ווערן פאָדערונגען פון גאַנצן פּראָלעטאריאט פון רוסלאנד. פאַרברייטערן די פונקציעס פון דער קעהילע הייסט העלפן דער אָפּזונדערונג, גיין מיט דער ליניע פון קלענסטן ווידערשטאנד, דאָס איז שעדלעך.

די באַהויפּטונג, אז שטרעבן צו פאַרברייטערן די קאָמפּעטענץ פון דער אויטאנאמיע הייסט דורכפירן א נאַציאָנאליסטישע טענדענץ—האָבן ארויסגע־געזאָגט נאָך א פּאַר כאַווירים.

נאָך איין רעדנער האָט זיך אויך ארויסגעזאָגט קעגן ארייננעמען סאָציאַלע הילף און די רעגולירונג פון עמיגראַציע אין דער קאָמפּעטענץ פון נאַציאָנאַלער אווטאָנאָמיע, אבער צוליב אנדערע מאָטיוון. ער איז מאַסקים, אז די נאַציאָנאַלע אונטערדריקונג קומט פאָר ניט נאָר אינם געביט פון קולטור. אָבער דאָס איז נאָך ניט קיין מאָטיוו פאָר אויסטיילן אלץ, וואָס עס לאָזט זיך. ס'איז ניט ריכטיק, אז דער שטאַנדפּונקט פון פארברייטערן די קאָמפּעטענץ איז א נאַציאָנאַליסטישער. דאָס איז א פראַגע פון צוועקמעסיקייט, א פראַגע וועגן דעם, ווי ווערן בעסער באפרידיקט די רעאלע באדערפענישן פון פראָלעטאַריאט. לויט דער מיינונג פון רעדנער, וועלן געמיינזאמע אינפאָרמאציאָנס-ביוראָען פאר עמיגראַנטן און געמיינזאמע שפּיטאָלן פיל בעסער באפרידיקן די באַדערפעניש פון פּראָלעטאַריאט, איידער נאציאָנאַלע: אין די פונקציעס שפּילט דער נאַציאָנאַלער מאָמענט א אונטערגעאָרדנעטע ראָלע, אויסגעטיילט דאַרפן ווערן נאָר פונקציעס ספּעציפיש-נאַציאָנאַלע.

...ווען מיר האָבן געזאָגט „נאַציאָנאַל-קולטורעלע אווטאָנאָמיע“,— האָט אָנגעוויזן דעם כאַווער או.,—איז דאָס געווען א קאָנקרעטיזירונג פונם פּרינציפּ נאַציאָנאַלע אווטאָנאָמיע. איצט קאָנקרעטיזירן מיר אים ווייטער. דעמאָלט זיינען מיר נאָך ווייניק פארבונדן געווען מיט דער אידישער גאַס,— איצט שטייען מיר אין געדיכטעניש פון לעבן. איר פאַרטיידיקט דעם בוכשטאַב פון פּראָגראַם. מיר זיינען טריי זיין גייסט. די לעבנסבאַדערפענישן פון די מאַסן האָבן אונז געבראַכט צו דער פאָדערונג פון באַזונדערע שולן. די לעבנסבאדערפענישן פון די מאַסן קאָנען אונז ברענגען צום שלוס, אַז מע דאַרף נאָך זאכן אויסטיילן. מע זאָגט אונז: מיט די באַדערפענישן פון די מאַסן האָבן מיר זיך אלע מאָל גערעכנט: די אידישע ארבעטער דאַרפן א שול, אויב מע וועט ניט מאכן קיין באזונדערע שול, וועט קיין שול פאַר זיי גאָר ניט זיין. דערפאַר דאַרף מען די קולטור אויסטיילן. נו, און אויב דאָס באַדערפעניש ווערט אין געמיינזאמע איינריכטונגען יאָ באפרידיקט, אבער ערגער, איידער אין נאַציאָנאלע, דאַרפן מיר ניט זאָרגן וועגן דעם, דאָס באַדערפעניש זאָל וואָס בעסער באפרידיקט ווערן?

...מע זאָגט, זאָגט ווייטער דערזעלבער רעדנער, די פאָדערונג פון אידישע שפּיטאָלן קאָן די פראַקציע *) ניט ארויסשטעלן. פאַרוואָס? ניט נאָר אידן דאַרפן דאָך באַזונדערע שפּיטאָלן, אבער אויך פּאָליאקן, רוסן, ליטאָווצעס א. א. וו. מיר שטעלן ארויס אַן אלגעמיינע פאָדערונג, וואָס איז גילטיק פאַרן פּראָלעטאַריאט פון אלע נאַציאָנען, א פאָדערונג פון נאַציאָנאלע שפּיטאָלן.

...די נאַציאָנאליטעט איז ניט נאָר א שפּראַך, — ענטפערט כאַווער או. אָבער איז ניטאָ קיין באזונדער שפּראַך, איז קיין באזונדער נאַציאנאַליטעט ניטאָ. די אָביעקטיווע באַדינגונגען זאָגן, אז די אידישע ארבעטער וועלן ניט קענען קיין אנדער שפּראַך, אכוץ זייערע (אויב זיי וועלן אַפילע אביסל לערנען די פרעמדע שפּראך, וועט דאָס נאָך ניט באדייטן, אז זיי באהערשן זי). האַלטן דאָס פאַר ניט נאָרמאל, הייסט ארויסווייזן אַן אסימילאטאָרישע טענדענץ. מיר

*) די סאָצ. דעמ. דומע-פראַקציע.

זאָגן, אז די אידישע גאס איז דאָ, אז זי גייט ניט אונטער. פאר אייך הייסט דאָס רופן אין געטאָ.

מע האָט מוירע פאַרן פאַקט פון אָפּזונדערונג, האָט געזאָגט דער כאווער צ.: איך האָב פארן פאַקט פון אָפּזונדערונג ניט מוירע, פאַר מיר איז דאָס אָפּזונדערונג דאָס נאַציאָנאלע לעבן.

...צי איז די פארשווינדונג פון שפראַך—אסימילאציע? יאָ, די שפראַך איז ניט דער איקער. זי איז אבער א סימפטאָם, פּראָדוקט פון דעם, וואָס ס'איז פאַראַן א באזונדערע סוויווע. די אידישע שפראַך איז פארשוואונדן, ד. ה. ס'איז פאַרשוואונדן די אידישע סוויווע, זי איז צעשטויבט געוואָרן: די אידן זיינען איינגעקוויישט אריינגעדרונגען אין אנדערע סוויווע.

די נאַציאָנאלע אווטאָנאָמיע איז א יורידישער אויסדרוק פון דעם, וואָס אידן לעבן אין א געוויסן פראט מיט א באזונדער לעבן, אָפּגעזונדערט. צי דאַרפן מיר די אָפּגעזונדערטקייט פאַרניכטן, פאַרשטאַרקן אָדער זיך רעכענען מיט איר? מיר דארפן טאָן דאָס לעצטע. די אָפּגעזונדערטקייט דריקט זיך אויס ניט נאָר אין שול-פראגן. איך קאָנסטאטיר, אז נאציאָנאַלע אונטערדריקונג קאָן זיין ניט נאָר אין געביט פון קולטור. דערמיט דאַרף מען זיך רעכענען. דאָס ווידערשפּרעכט ניט דעם בונדיזם. דאָס ווידערשפּרעכט בלויז דעם איסקריזם, דעם פרינציפּ „וואָס ענגער!" אונזער נאַציאָנאַלן פרינציפּ האָבן מיר ארויסגעשטעלט ניט נאָר קעגן ציאָניזם, נאָך אויך קעגן איסקריזם. דער פרינציפּ פון איסקריזם איז געווען: ניט פאַרייניקונג, אָבער פאַרשמעלצונג. אַרויסגייענדיק פון דעם, זיינען די „איסקריסטן" געווען קעגן אונזער אָרגאַניזאַציאָנס-פרינציפּ און קעגן אונזער נאַציאָנאַלן פּראָגראַם. איצט זאָגט מען אונז דאָ דיזעלבע זאַך: „וואָס ענגער!" איך ענטפער—איר פלאָנטערט סאָלידאַריטעט מיט פאַרשמעלצונג. איר ווילט, אז דער מאַקסימום זאַכן, וואָס קאָן נאָר געדאַכט ווערן פאַראייניקט, זאָל געטאָן ווערן צוזאַמען. מיין פרינציפּ איז אקוראַט פאַרקערט: אויסטיילן דעם מאַקסימום, נאָר מיט דער באַגרענעצונג, ס'זאָלן ניט אויסגעטיילט ווערן אזעלכע איינריכטונגען, וואָס קאָנען ווערן א ווערקצייג פון נאַציאָנאַלן קאַמף...

51. די פּועלי־ציאָן וועגן דער קעהילע־ארבעט.

(רעזאלוציע פון דער IV-טער קאָנפערנץ פון דער א. ס. ד. א. פּ. „פּועלי-ציאָן").
(איבערזעצט פון א רוסישער איבערזעצונג).

נעמענדיק אין אכט, אַז די אידישע קעהילע ווירקט שוין איצט אף דער עקאָנאָמישער לאַגע פון די אידישע מאַסן און אז מיט איר ווייטערדיקער אנטוויקלונג און דעמאָקראַטיזירונג קאָן זי אין דער צוקונפט ווערן (א מוסטער) פאר דער נאַציאָנאַל-פּאָליטישער אווטאָנאָמיע פונם אידישן פאָלק אין רוסלאַנד, לייגט די קאָנפערענץ פאַר די אידישע ארבעטער ענערגיש ווירקן אף דער אידישער קעהילע, קעדיי זי צו דעמאָקראַטיזירן, נאַציאָנאַליזירן און סעקולאריזירן, ד. ה. באַפרייען זי פון איצטיקן רעליגיעזן כאַראַקטער.

אלס נאָענטסטע אויפגאַבע לייגט די קאָנפערענץ פאַר דערשלאָגן זיך: אלגעמיינע וואלרעכט באַ די וואַלן פון דער קעהילע, אָפּשאַפן די קעהילע-שטייערן (קאָראָבקע, ליכט-שטייער), ראַציאָנעל אַוועקשטעלן די צדאָקע און בילדונג, צופּאַסנדיק די לעצטע צו די רעאַלע באַדערפעענישן פון די ארבעטער-מאַסן און קוירעמקאָל צו די עמיגראציע-באַדערפעניש.

די קאָנפערענץ לייגט פאַר דעם צ. ק. אריינגיין אין א פאַרבינדונג מיט די איבעריקע אידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען וועגן פאַרשטייענדיקן אידישן צוזאַמענפאָר פון די געזעלשאַפטלעכע טוער אין קאָווגע.

52. דער קאמף פאַר שאַבעס-רו.

(רעזאָלוציע פון דער VIII-טער קאָנפערענץ פונם „בונד"*). באריכט. ז. ז. 75—76).

נעמענדיק אין אַכט, אז אין דער ערשטער לייזונג פונם געזעץ-פּראָיעקט, שטעלט די גאָסוד. דומע איין זונטיק אַלס אַן אָבליגאַטאָרישן רו-טאָג פאַר דער גאַנצער מעלוכע, אַז אזא איינשטעלונג אין רוסלאנד, וואו ס'איז פאַראַן א קריסטלעכער, אידישער און מאַכמעדאַנישער האַנדלס-פּראָלעטאַריאַט, דריקט די געוויסנס-פרייהייט פון די אידישע און מאכמעדאנישע האַנדלס-אָנגעשטעלטע, נעמט אָפּ באַ זיי די נאָרמאלע רו אין די יאָנטעוו-טעג, וואָס זיינען היסטאָריש איינגעשטעלט אין זייער סוויווע, און שטערט זיי אינם באַפרידיקן זייערע קולטורעלע באדערפעניש,—

רופט אויף די 8-טע קאָנפערענץ פון „בונד" די אידישע האַנדלס-אָנגעשטעלטע אָם ענערגישסטן צו קעמפן קעגן דעם באשלוס פון דער גאָס. דומע, אין וועלכן מיר זעען איין אַן אויסדרוק פון דער פּאָליטיק פון נאַציאָנאלער אונטערדריקונג, וואָס ס'פירט די רעגירונג און די דומע-מערהייט.

די קאָנפערענץ מאַכט אבער אויפמערקזאַם די ס. ד. דומע-פראַקציע, אז אויך די פּאָזיציע, וועלכע זי האָט פאַרגומען אין דיזער פראַגע, באַפרידיקט ניט די אינטערעסן פונם האנדלס-פּראָלעטאַריאַט, ווייל דאָס איינשטעלן אַן אבליגאטאָרישן רו-טאָג פאַר יעדער באַזונדערער שטאָט ברענגט אָביעקטיוו דיזעלבע רעזולטאַטן, ווי דער באַשלוס פון דער דומע-מערהייט, פירנדיק צו דער אונטערדריקונג פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן אין יעדער באזונדערער שטאָט.

איינגאנצן אונטערשטיצנדיק די אלגעמיינע פּאָדערונגען אין דער פראַגע וועגן נאָרמאַלער רו פון די האנדלס-אָנגעשטעלטע, וואָס די ס. ד. פראקציע האָט ארויסגעשטעלט, האלט די קאָנפערענץ פאר אומבאדינגט נויטיק אזא לייזונג פון דער פראגע וועגן רו-טאָג, וועלכע זאָל באַפרידיקן די פאקטישע באדערפעניש פון דעם האנדלס-פּראָלעטאַריאַט, און זעט אזא לייזונג אין איינשטעלן

*) אָנגענומען מיט 18 שטימען קעגן 1, בא 2 אָפּגעהאלטענע.

דורכן געזעץ דריי טעג פון וועכנטלעכער רו: זונטיק, פרייטיק, שאַבעס, און אין געזעצלעכן אויפן גאַראַנטירן דעם אידישן פּראָלעטאַריאַט דאָס רעכט צו פייערן שאַבעס, באַזייטיקנדיק דעם צוואַנג צו פייערן אויך אַן אַנדער טאָג.

53. די אכטע קאָנפערענץ פון בונד וועגן דער גלייכבארעכ־טיקונג פון דער אידישער שפּראַך.

(„רעזאָלוציעס". באריכט ז. ז. 77—78).

I. נעמענדיק אין אכט:

אז אין פאַרבינדונג מיט א גאַנצער ריי געזעצפּראָיעקטן האָט זיך די פראַגע וועגן גלייכבאַרעכטיקונג פון שפּראַך געשטעלט אַף דער טאָגעס-אָרדע-נונג פון דער גאָסודאַרסטווענער דומע און זי ווערט דאָרט געלייזט אַף אַן אויפן, וואָס ווידערשפּרעכט די אינטערעסן פונם פּראָלעטאַריאַט און פון די ברייטע פאָלקס-מאַסן, אז אינם לעבן פון די אידישע ארבעטער אנטשטייט די-דאָזיקע פראַגע מיט א באַזונדער שטאַרקייט, צוליב די פאַרפאָלגונגען קעגן דער אידישער שפּראַך,

האַלט די קאָנפערענץ פאַר נויטיק ארויסצורוקן און באַטאָנען מיט דער גאַנצער אנטשלאָסנהייט יענע פּרינציפּיעלע פאָדערונגען, וועלכע מוזן ארויס-געשטעלט ווערן אין דערדאָזיקער פראַגע:

1) ס'קאָן ניט דערלאָזן ווערן די צעטיילונג פון שפּראַכן אַף הערשנדע און אַף אונטערטעניקע, וואָס ווערן בלויז געדולדעט.

2) די מעלוכע-איינריכטונגען און די אָרגאַנען פון דער אָרטיקער זעלבסטפאַרוואַלטונג און פון דער זעלבסטפאַרוואַלטונג פון באַזונדערע געביטן מוזן זיך אויסקומען מיט דער באַפעלקערונג אין די אָרטיקע שפּראַכן.

3) די פאַרווירקלעכונג פון דערדאָזיקער פאָדערונג דאַרף גאַראַנטירט ווערן דורך ספּעציעלע נאָרמען פון געזעץ.

4) ביז וואַנען ס'וועט פאַרווירקלעכט ווערן די נאַציאָנאַל-קולטורעלע אויטאָנאָמיע, וועלכע גיט איבער די שול-איניאָנים און די קולטור-איניאָנים בי-כלאַל אין רעשוס פון די נאַציאָנען גופע, מוז מען זיך דערשלאָגן, אז פאַר יעדער נאַציאָנאַלער גרופּע פון דער באַפעלקערונג זאָל די מעלוכע-שול באַ-שאַפן ווערן אין דער מוטער-שפּראַך.

5) ס'דאַרפן אָפּגעשאַפט ווערן אַלע באַגרעניצונגען אינם געברויך פון דער מוטער-שפּראַך אינם געזעלשאַפטלעכן לעבן—אַף פאַרזאַמלונגען, אין דער פּרעסע, אין די פאַריינען, אין די פּריוואַט-שולן א. א. וו.

II. אינם קאַמף פאַר דידאָזיקע פאָדערונגען מוז מען באַזונדערס דרינ-גענד איינשטעלן זיך פאַר די רעכט פון דער אידישער שפּראַך, וועלכע איז מער רעכטלאָז, איידער אַלע איבעריקע, און ווערט ניט אנערקענט אפילו דאַן, ווען די אַנדערע ניט-הערשנדיקע שפּראַכן באַקומען, ווייניקסטנס א טיילווייזע אנערקענונג.

III. שאַרף אפּגרעניצנדיק זיך פון די נאַציאָנאַליסטישע שטרעמונגען, וואָס פאַרוואַנדלען דעם קאַמף פאר דער אידישער שפּראַך אין א ווערקצייג פון פארפינסטערן דאָס קלאסנבאַוואוסטזיין פונם אידישן פּראָלעטאַריאַט, מוז די אידישע סאָציאַל-דעמאָקראַטיע, ארויסגייענדיק פון די אינטערעסן און באַדערפענישן פון דער ארבעטערשאַפט, פירן סאַי קעגן די אסימילאַטאָרן, סאי קעגן די העבּרעאיסטן א קאמף דערפאַר, די אידישע שפּראַך זאָל אין אלע געביטן פונם געזעלשאַפטלעכן לעבן—אין דער ערשטער ריי אין דער שול און אין די קולטורעלע איינריכטונגען—פאַרנעמען יענעם ארט, וואָס דארף איר געהערן, אלס דער נאַציאָנאַלער שפּראַך פון דער אידישער באַפעלקערונג.

54. די ווילנער בונדיסטן וועגן דער ארויסטרעטונג פון דער ס. ד. דומע־פראקציע אין דער שול־פראַגע.

(א בריוו צו דער ס. ד. דומע-פראקציע פון דער אַלגעמיינער פארזאמלונג פון דער ווילנער בונדישער אָרגאניזאציע. „אָטקליקי בונדא", פעווראל, 1911, נומ. 5).

(איבערזעצט פון א רוסישער איבערזעצונג).

געערטע כאַווײרים! לויטן באַשלוס פון דער 8-טער קאָנפערענץ פון „בונד", האַלטן מיר פאַר נויטיק ארויסצוזאָגן זיך וועגן אייער טעטיקייט פאַר די ערשטע צוויי כאַדאָשים פון דער פערטער דומע-טעסיע. מיר באַדויערן שטאַרק וועגן דעם, וואָס ביז איצט איז נאָך ניט באַשאַפן געוואָרן אַזאַ ספּעציעלער אָרגאַן, וואו איר זאָלט קאָנען אויספירלעך איבערגעבן וועגן אַלץ, וואָס ס'קומט פאָר אין דער סאָצ. דעמ. פראקציע, וואו ס'זאָלן זיך דרוקן די רעדעס פון די ס. ד. דעפּוטאַטן. די בורזשואזע פרעסע, סאַי די אידישע, און סאַי די רוסישע, גיט אונז ווייניק מאַטעריאַל אף צו באקענען זיך מיט אייער טעטיקייט; פאַר דער ברייטער ארבעטער-מאַסע ווערן, אף אזאַ אויפן, פאַרפאַלן פיל רעדעס, וועלכע וואָלטן געוויס מיטווירקן איר פאָליטישער דערציאונג און דער אנטוויקלונג פון איר קלאַסנבאוואוסטזיין.

אויסהערנדיק דעם פאָרטראַג פון איינעם אונזערן אַ כאַווער, וועלכער האָט אונז באקאנט געמאַכט מיט אייער טעטיקייט אַפן סמאַך פון די סטענאָגראַפישע באַריכטן פון די דומע-זיצונגען, קאָנסטאַטירן מיר מיט צופרידנקייט, אַז די ס. ד. פראַקציע ווערט מיט יעדן טאָג אַלץ מער זעלבשטענדיק אין איר טריט און גיט אַלץ מער צו וויסן וועגן זיך אין דער דומע-אַרבעט; אַלץ אָפטער קומען פאָר די אַרויסטרעטונגען פון די ס. ד. רעדנער, אַלץ רייכער ווערן לויטן אינהאַלט זייערע רעדעס.

מיר באגריסן דאָס אקטיווע אַנטיילנעמען פון דער ס. ד. פראַקציע אינם באַהאַנדלען דעם שול-געזעצפּראָיעקט. ...אינם קאַמף, וועלכן אונז קומט אויס צו פירן אַף דער אידישער גאַס קעגן דעם נאציאָנאַליזם און קעגן דער הערשונג פון דער רעליגיע אין דער פאָלקס-שול, באַקומען מיר אין אייערע ארויסטרעטונגען אַ באַדייטנדיקע שטיצע. אייערע ארויסטרעטונגען אין דומע

קעגן דעם רעאַקציאָנערן אינהאַלט, וועלכן די רעגירונג און די דומע-מערהייט לייגן אריין אין דער פּאָרמולירונג פון די שול-אויפגאַבן; אייערע שאַרפע רעדעס קעגן דער הערשונג פון דעם אַדל אין דער שול-פאַרוואַלטונג,—דאָס אַלץ וועט אומבאַדינגט העלפן אויפצוקלערן די מאַסן דעם פּאַרצעף פון דער איצטיקער נאַציאָנאַליסטישער דומע-מערהייט און דעם פּריצישן כאַראַקטער פון דער רעאַקציע.

איר האָט ריכטיק געטאָן, ווען איר האָט—קעגן די ניט-פולשטענדיקע און ניט-קלאָרע אויסבעסערונגען פון פאַרשיידענע אָפּאָזיציאָנעלע פּאַרטייען—קלאָר און גענוי געזאָגט אין אייער אויסבעסערונג, אַז די שפּראַך פון דער שול דאַרף זיין די מוטער-שפּראַך, אַז די שול דאַרף זיין צוגעפּאַסט צו די לעבנס-באַדינגונגען פון דער אָרטיקער באַפעלקערונג. אין אייערע אויסבעסערונגען וועלן מיר, בונדישע אָרגאַניזאַציעס, געפינען אַ שטיצפּונקט אין אונזער קאַמף פאַר דער קולטורעל-נאַציאָנאַלער אַווטאָנאָמיע, וועלכע איז דער איינציקער קאָנסעקווענטער וועג אף צו דערגרייכן די צילן, וועלכע איר שטעלט זיך מיט אייערע אויסבעסערונגען, און וועלכע דערלאָזט ניט אין דערזועלביקער צייט, אַז ס'זאָל זיך פאַנאַנדערברענען דער נאַציאָנאַליסטישער קאַמף ארום דער שול.

אַריינטראָגנדיקביידע אויסבעסערונגען, האָט די פראַקציע, אף וויפל דאָס איז קענטיק פון די סטענאָגראַפישע באַריכטן, זייער וויניק געטאָן אַף צו דערקלערן זייער באַדייטונג. די פראַקציע האָט גענומען זייער אַ שוואַכן אָנטייל אין די דעבאַטן וועגן דער שפּראַך פון דער שול. ...אַלס קעגנגעוויכט דער נאַציאָנאַליסטישער פּאָליטיק פון דער דומע-מערהייט און פון דער פּוילישער קאָלאָ [101], וועלכע קעמפן פאַר דער הערשאַפט פון די בורזשואזע קלאַסן פון זייער נאַציע, אלס קעגנגעוויכט דער סינע און דעם שאָוויניזם פון די נאַציאָנאַליסטן—האָט די ס. ד. פראַקציע געדאַרפט פּראָקלאַמירן די אינטערנאַציאָנאַלע סאָלידאַריטעט פון דעם אַלרוסלענדישן פּראָלעטאַריאַט, וועלכער שטרעבט צו געבן יעדער נאַציע אַ שול, וועלכע איז איר נויטיק. ...לויט דער אייגענער איניציאַטיוו האָבן די סאָציאַל-דעמאָקראַטישע רעדנער געדאַרפט מעלדן פון דער דומע-טריבונע וועגן דער נויטיקייט פון אַ אידישער שול פאַר דעם אידישן פּראָלעטאַריאַט, פון אַ פּוילישער שול פאַר דעם פּוילישן פּראָלעטאַריאַט א. א. וו. אייער שוויגן האָט באַשאַפן ניט קיין גוטן איינדרוק, אַז קלוימערשט די פּוילישע קאָלאָ איז דער בעסטער פאַרטיידיקער פון די אינטערעסן פון דער פּוילישער נאַציע, ניסעלאָוויטש [102] מיט מיליוקאָוון [103] — פון דער אידישער, די מוסולמאַנער קאָלאָ—פון די מוסולמאַנער.

...מיר קאָנסטאַטירן מיט צופרידנקייט די פרוכטבאַרע טעטיקייט פון דער פראַקציע. ...די גוט אָרגאַניזירטע און צוגעגרייטע ארויסטרעטונגען פון דער ס. ד. פראַקציע אין די דעבאַטן וועגן דער פאַבריק-אינספּעקציע וועלן מיטווירקן אַריינצוציען די האַנטווערקער-אַרבעטער און בכלל די אַרבעטער פון די קליינע אונטערנעמונגען אינם קאַמף פאַר אַרבעטער-שוץ-געזעצגעבונג; און דאָס איז באַזונדערס וויכטיק ערעוו דעם האַנטווערקער-צוזאַמענפאָר, וואו

די פאָרשטייער פון די אַרבעטער וועלן פירן דעמזעלביקן קאַמף, וועלכן איר האָט געפירט אין דומע בעאייס דער אָנפראַגע.

צוזאמען מיט דער אָנפראגע וועגן די פארפאָלגונגען קעגן די שטרייקן וועלן אייערע ארויסטרעטונגען דערקלערן דעם פראָלעטאַריאַט די באדייטונג פון די רעגירונגס-געזעצפראָיעקטן אינם געביט פון דער אַרבעטער-שוץ-געזעצגעבונג.

...מיט די אָנפראַגן וועגן די גרויזאַמע געשעענישן אין די קאַטאָרגע-טורמעס [104], וועגן די סטודענטן-אומרוען האָט די פראקציע געוועקט צום קאַמף אַלע בירגער פון רוסלאַנד און האָט באַוויזן, אז איר טעטיקייט אין דומע איז פאר איר בלויז א טייל פון דעמדאָזיקן קאַמף, וועלכן דער פראָלעטאַריאַט פירט אין גאַנץ רוסלאַנד אויסערהאַלב דער דומע.

מיר באַגריסן אייך פאַר אייער אַרבעט, וועלכע איז נוצלעך פאַר דעם פראָלעטאריאַט. אין אייערע פעלערן באשולדיקן מיר ניט אייך אַליין, נאָר מער איז שולדיק דערין די גאַנצע פאַרטיי און איר איצטיקע לאַגע.

דעקאבר, 1910.

55—56. די ציאָניסטיש־סאָציאַליסטישע גרופּירונגען און דער אינטערנאציאָנאַל.

א. די צ. ס. א. פ. אויסערן אינטערנאציאָנאַל.

(„די באַזייטיקונג פון די ציאָניסטן-סאָציאַליסטן פונם אינטערנאַציאָנאַל". „גאָלאָס סאָציאַל-דעמאָקראַטא" [105], נאָיאבר—דעקאַבר, 1908, נומער 10—11).

...דער דעלעגאט פון די ס. ס. איז ניט געקומען.

אין די דעבאטן האָבן זיך אַרויסגעוויזן דריי שטרעמונגען: רובאנאוויטש [106] (ס. ר.) און זשיטלאווסקי [107] („סערפ") האָבן פאָרגעלייגט, אַז די פראַגע זאָל מען אָפּלייגן ביז דער קומענדיקער זיצונג, ווי באלד ס'איז ניטאָ קיין פאָרשטייער פון די ס. ס. רובאנאוויטש, אין אונטערשייד פון זשיטלאָווסקין, איז געווען באַ דער מיינונג, אז די ס. ס. זיינען דערלאָזן געוואָרן בלויז צום שטוטגאַר-טער קאָנגרעס און איצט ווערן זיי ניט גערעכנט פאַר קיין מיטגלידער פונם אינטערנאַציאָנאַל, הא:גאָם לויט דער מיינונג פון דער פּאַרטיי ס. ר. האָבן זיי דאָס רעכט צו זיין אין אים; 2) אדלער [108] (עסטרייך), דיאמאנט (עסטרייך, פּ. פּ. ס.), באַ דער שפּיצע פון דע-ברוקער (בעלגיע) און רומעל (פראנקרייך), האָבן געפאָדערט, אַז די פראַגע וועגן די ס. ס. זאָל מען פאַרענדיקן אַף אָט דער זיצונג. לויט אַדלערס מיינונג, האָט די אינטערנאציאָנאלע ביוראָ אין שטוטגארט באַם באַשטימען די פראַגע וועגן די ס. ס. זיך געלאָזט פירן ניט פונם פאַרשטאַנד, נאָר פון סענטימענטאלע געפילן; 3) די דעלעגאטן פון ר. ס. ד. א. פּ. פאָדערן ניט, אז די פראַגע זאָל באַהאַנדלט ווערן אָן די ס. ס. נאָר וויבאלד די דיסקוסיע פירט זיך, געפינען די דעלעגאטן פון בונד פאַר

מעגלעך צו באגרעניצן זיך מיט אַ פאָרמעלן דערקלערן די שטוטגארטער רעזאָלוציע.[109]

דער דעלעגאַט פון בונד האָט געגעבן אַ פרינציפיעלע אָפּשאַצונג פון דער פּאַרטיי ס. ס.

דער הויפּט-פּונקט, אין וועלכן ס'גייען זיך פאַנאַנדער דער בונד און די ס. ס — דאָס איז דער טעריטאָריאַליזם. נאָך דעם ווי ער האָט דערקלערט אין אייניקע ווערטער דעם מעהוס פונם טעריטאָריאַליזם, ווייזט אָן דער רעדנער, אַז קעדיי צו באווייזן די נויטיקייט פונם טעריטאָריאַליזם, מוזן די ס. ס. באַשטיין אַף דער ניט-פּראָלעטאַריזירונג און דעגענערירונג פון די אידישע אַרבעטער אין דער איצטיקער צייט. אַריינקלאַפּנדיק די אידישע אַרבעטער אין קאָפּ אריין דעם געדאַנק וועגן זייער אומפּאַרמיידלעכער דעגענערירונג אין גאָלעס, גראָבן די ס. ס. אונטער דערמיט אַליין דעם גלויבן פונם אידישן פּראָלעטאריאַט אין זיינע אייגענע קויכעס, פאַרשטאַרקן זיי אין אים די איבערצייגונג, אַז ער שטעלט מיט זיך איצט ניט פאָר קיין קלאַס און מעמיילע קאָן ער שוין ניט פירן קיין קאָנסעקווענטן קלאַסנקאַמף און קיין מאַסן-פּאָליטיק. אין אַ הימלשרייענדיקער סטירע מיט אָט דעם לאָגישן אויספיר פון זייער אייגענער טעאָריע געפינען זיך אַלע זייערע פּראַזן וועגן דעם ריין-פּראָלעטאַרישן, קלאַסן-כאַראַקטער פון זייער באַוועגונג, וועגן קעגנשטעלן זייער פּאָליטיק דער פּאָליטיק פון דער אידישער בורזשואַזיע. מיט זייער טעאָריע פון ניט-פּראָלעטאַריזירונג באַשאַפן זיי אַן אָפּגרונט צווישן דעם אידישן פּראָלעטאריאַט און דעם פּראָלעטאַריאַט פון אנדערע נאַציאָנאַליטעטן, ווייל אין דער צייט, וואָס די אידישע אַרבעטער זיינען קלוימערשט פאַרמישפּעט אַף אַן אומפּאַרמיידלעכער דעגענערירונג, הויבן זיך אויף די אַרבעטער פון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן אַף אַלע העכערע שטופן פון פּראָדוקציע, און ווי סאָציאַליסטיש די אידישע אַרבעטער זאָלן ניט זיין סוביעקטיוו געשטימט, מוזן די אָביעקטיווע באַדינגונגען אומפּאַרמיידלעך אַוועקשטעלן פאַר זיי אַנדערע צילן, אנדערע קאַמפּסמעטאָדן, איידער פאַר דעם פּראָלעטאַריאַט פון אנדערע נאַציאָנאַליטעטן. אויסער דעם, קומט אויס די ס. ס. טאָמיד אונטערצושטרייכן, אַז די אַרבעטער פון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן, וואָס פאַר אַ מאַדרייגע פון באַוואוסטזיניקייט זיי זאָלן ניט דערגרייכן, וועלן אלעמאָל אַרויסשטויסן פון דער פּראָדוקציע די אידישע אַרבעטער און דערמיט, קעגן זייער אייגענעם ווילן, זייען זיי פיינטלעכע געפילן צווישן די אַרבעטער פון פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן. זיי פירן אַריין דעם אידישן אַרבעטער אין אַ קרייז פון ווידערשפּרוכן, וועלכע פאַרטונקלען זיין קלאַסן-באַוואוסטזיין, פאַרגלעטן די שאַרפע ווינקלען צווישן די קלאַסן אינם אידנטום און אַנטוויקלען אינם אידישן אַרבעטער פּעסימיזם און אומצוטרוי צו דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, צו זיין קלאַסנקאַמף.

אין דער פאַרווירקלעכונג פון דער טעריטאָריאַליסטישער אידייע טרעט אַפּ דער פּראָלעטאַריאַט אפן לעצטן אָרט, וואו ס'ווערן אַרויסגערוקט פלענער וועגן אַלגעמיין-נאַציאָנאלע אָרגאַניזאַציעס און וועגן אנדערע אויפטוענישן פונם סאָמע געוויינלעכן בורזשואזן ציאָניזם. אינם געביט פון פּאָליטישן קאַמף קאָ-

בען די ס. ס. זיין אויסערגעוויינלעך רעוואָלוציאָנער, נאָר זיי וועלן אַלעמאָל בלייבן דעמאָקראַטן, רעפאָרמיסטן, און די אידייע וועגן דעם, אז די פּאָליטישע מאַכט דאַרף פאַרכאַפּן דער פּראָלעטאַריאַט פון די לענדער, פון וואַנען זיי קלייבן זיך אוועקצוגיין, וועט זיי שטענדיק זיין פרעמד. דאָס סאנקציאָנירן פונם אינטערנאַציאָנאַל זייער טעטיקייט אין אָט דער ריכטונג קאָן ברענגען אַן אומגעהויערן שאָדן.

...נאָך די דעבאַטן איז פאָרגעקומען די אָפּשטימונג: קוידעמקאָל ווערט געשטימט רובאַנאוויטשעס פאָרשלאַג אָפּצולייגן די פראַגע. פאַר שטימען דריי: בראַנטינג[110] (שוועדן), וואַליאַן[111] (פראַנקרייך) און רובאַנאוויטש (ס. ר.).

אלע איבעריקע זיינען קעגן.

דערנאָך ווערט געשטימט אַדלערס רעזאָלוציע: „די אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע ביוראָ באַשטימט, אַז דאָס דערלאָזן די ס. ס. מיט באַראַטונגס-רעכט איז באַשטימט געוואָרן אויסשליסלעך פאַרן שטוטגאַרטער קאָנגרעס, אַז די ס. ס. ווערן ניט צוגערעכנט איצט צו דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליס-טישער ביוראָ אלס אייגענע און גייט איבער צו די פראַגן, וואָס שטייען אַף דער טאָג-אָרדענונג". אַלע — פאַר. וואַליאַן און רובאַנאוויטש האַלטן זיך אָפּ.

לעסאָף ווערט געשטימט רובאַנאָוויטשעס הויסאָפּע צו אדלערס רעזאָלו-ציע. דער זינען פון דער הויסאָפּע איז אַזאַ, אז די אינטערנאַציאָנאַלע ביוראָ, דערקלערנדיק, אז די ס. ס. געפינען זיך איצטער ניט אינם אינטערנאַציאָנאַל, באַשטימט ניט פאָרויס מיט דערדאָזיקער דערקלערונג די פראַגע וועגן דערלאָזן די ס. ס. אין דער צוקונפט. אדלער שרייט אויס: „מע קאָן ניט אין איין און דערזעלביקער צייט פאַרמאַכן די טיר און עפענען זי". קעגן העמדאָ-זיקן צוגאָב זאָגן זיך אַרויס אַלע; פאַר—נאָר רובאַנאָוויטש; וואַליאַן האַלט זיך אָפּ.

ב. דער קאַמף פון די ציאָניסטיש-סאָציאַליסטישע גרו-פּירונגען פאַר א אידישער סעקציע אין אינטערנאַצי-אָנאַל.

(ש. סאמועלי: „די אידישע סעקציע אין סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל", „דאָס פרייע וואָרט", 1910, נומ. 1).

...מיר האָבן שוין פון לאַנג פּראָקלאַמירט די פאָדערונג פון א אידישער סעקציע אינם אינטערנאַציאָנאַל, אין וועלכער ס'זאָלן אריינגיין די פארטרעטער פון אלע אידישע סאָציאַליסטישע פאַרטייען. דיזע פאָדערונג האָט שוין פי-גורירט אין דעם מעמאָראַנדום, וועלכן די פּועלי-ציון האָבן געשיקט דעם אינטערנאַציאָנאַלן ביוראָ אין מערץ 1907. ס'איז אויך איבערגעכאַזערט געוואָרן פון אונזער פאַרבאַנדס-ביוראָ אין 1908 יאָר און אויפגעשטעלט געוואָרן פון אונזער לעצטער פאַרטיי-קאָנפערענץ.

מיר ציטירן דאָ די איינשטימיק אָנגענומענע רעזאָלוציע פון דיזער קאָנפערענץ:

„האלטנדיק פאַר איינע פון די וויכטיקסטע אויפגאַבן פון דער פּאַרטיי, אז אינם באַוואוסטזיין פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן פּראָלעטאַריאַט זאָל אריינדרינגען דער געדאַנק וועגן אן עקסטעריטאָריאַלער אידישער נאַציע און וועגן דער געמיינזאַמקייט פון די אינטערעסן פונם אידישן פּראָלעטאַריאַט אין אַלע לענדער, וואו ער וואוינט, באַאויפטראָגט די קאָנפערענץ דעם צ. ק. זיך צונויפריידן מיטן אַלוועלטלעכן פאַרבאַנד פּויאַליי-ציאָן און מיט אנדערע אידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, וואָס שטייען אף דעמזעלבן שטאַנדפּונקט, וועגן אונטערנעמען געמיינזאַמע שריט, קעדיי צו פאַרלאַנגען א באַזונדערע אלוועלטלעכע אידישע סעקציע אינם סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל".

אין א געוויסער צייט נאָך דיזער קאָנפערענץ, האָט זיך דער צ. ק. געווענדעט צו די צענטראַלע קאָמיטעטן פון בונד, ס. ס. און י. ס. מיט דעם פאָרשלאַג וועגן א קאארדינירונגס-קאָנפערענץ, וועלכע זאָל, צווישן אַנדערעס, באַטראַכטן אויך די פראַגע וועגן א אידישער סעקציע אינם אינטערנאַציאָנאַל. שפּעטער איז די פראַגע וועגן דער אידישער סעקציע אויסגעטיילט געוואָרן פון די איבעריקע קאָאָרדינירונגס-געביטן, און די פאַרהאַנדלונגען זיינען איבערגעגעבן געוואָרן דעם פאַרבאַנדס-ביוראָ, אלס דעם פאַרטרעטער פון די געזאַמטע פּויאַליי-ציאָן אין יענע פראַגן, וועלכע האָבן דיזעלבע באַדייטונג פאַר אַלע פּויאַליי-ציאָניסטישע לאַנדעס-פּאַרטייען.

די צ.ק.-ען פון די ס. ס. און י. ס., וועלכע שטייען אין דער דערמאָנטער פראַגע אף דעמזעלבן שטאַנדפּונקט, ווי מיר, האָבן אויסגעדריקט זייער כיישעק צו באַטראַכטן געמיינזאַם מיט אונזער פאַרבאַנדס-ביוראָ דעם איניען און אונטערנעמען געמיינזאַמע שריט.

דער בונד האָט געענטפערט דעם פאַרבאַנדס-ביוראָ מיט פאָלגנדן בריוו:

„צום ווינער ביוראָ פונם אלוועלטלעכן אידישן סאָציאַליסטישן אַרבעטער-פאַרבאַנד פּויאַליי-ציאָן.

ווערטע גענאָססן!

אונזער צענטראַל-קאָמיטעט האָט אף זיין לעצטער זיצונג באַטראַכט אייער פאָרשלאַג וועגן בילדן א אידישע סעקציע אין אינטערנאַציאָנאַל (לויט אייער בריוו פון $26/_{IX}$).

דער צ. ק. האָט באַשטעטיקט די אַלטע פּאָזיציע פון „בונד" בענוגייע צו דיזער פראַגע, אז די פאַרטרעטונג אין דעם סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל דאַרף זיין אָרגאַניזירט לויט די מעלוכעס, ניט לויט די נאַציאָנען.

אין אייער בריוו פרעגט איר אויך די מיינונג פון אויסלענדישן קאָמיטעט וועגן אייער פאָרשלאַג. דער אויסלענדישער קאָמיטעט איז איינשטימיק מיט דעם באַשלוס פון צ. ק.

$18/_{I}$, 1910."

...די איבעריקע אידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען האָבן זיך ערנסט גענומען צו דער געמיינזאַמער ארבעט אין דיזער הינזיכט. ס'איז זיך צונויפגעקומען א באַראַטונג פונם פאַרבאַנדס-ביוראָ, פונם אויסלענדישן קאָמיטעט פון די י. ס. און דער אויסלענדישער ליגע פון די ס. ס. די באראטונג איז צוגעטראָטן צו דער אויסאַרבעטונג פון א מעמאַראַנדום, וועלכער וועט פון די דריי פּאַרטייען געמיינזאַם געשיקט ווערן אין דאָס אינטערנאַציאָנאַלע ביוראָ.

57. די צ. ס. א. פּ. („ס. ס.") וועגן עמיגראַציע און דער טעריטאָריאַליסטישער באוועגונג.

(פון די רעזאָלוציעס פון דער IV קאָנפערענץ).

5...) וועגן געזעלשאַפטלעכער זעלבסטעטיקייט אָפן פעלד פון דער אידישער עמיגראַציע.

געפינענדיק, אז דאָס באוואוסטזיין פון דער נויטיקייט צו אָרגאַניזירן די אידישע עמיגראַציע איז שוין אריינגעדרונגען אין די ברייטע מאַסן פון אידישן פאָלק,

אַז די מאַטעריעלע מיטלען, וואָס די עמיגראַציע ציט מיט זיך, זיינען גענוג אויסצובויען א פאָלקס-אָרגאַניזאַציע פאר דער אידישער עמיגראַציע, וואָס זאָל ניט אָפּהענגען פון דער אידישער בורזשואַזער פילאַנטראָפּיע,

רעכנט די קאָנפערענץ, אַז פאַר דער אידישער דעמאָקראַטישער פּאָליטיק שטעלט זיך איצט די אויפגאַבע:

א) אויסבויען אף דעמאָקראַטישע פּרינציפּן אן אַלוועלטלעכע אָרגאַניזאַציע אף רעגולירן די אידישע עמיגראַציע;

ב) באַשאַפן אַפן עקאָנאָמישן יעסאָד פון דער אידישער עמיגראַציע געזעלשאַפטלעכע פינאַנץ-אינסטיטוטן, וואָס זאָלן ווערן די אָרגאַנען פון דער אידישער דעמאקראַטישער עמיגראַציאָנס-פּאָליטיק.

6) וועגן עמיגראַציאָנס-צוזאַמענפאָר.

די קאָנפערענץ שטרייכט אונטער די נויטיקייט ענערגיש ווייטער צו פירן די אַגיטאַציע פאר אן אַלוועלטלעכן אידישן עמיגראַציאָנס-צוזאַמענפאָר, אין וועלכן ס'זאָלן זיך באַטייליקן די פאָרשטייער פון דעם אידישן פּראָלעטאַריאַט און פון די ברייטע אידישע פאָלקס-מאַסן. דער צוזאַמענפאָר דאַרף זיין איינער פון די איקער-לאָזונגען בא אלע אָרגאַניזאַטאָרישע אונטערנעמונגען אפן פעלד פון דער עמיגראַציע.

געפינענדיק, אז די ארבעט פון עמיגראַציאָנס-צוזאַמענפאָר וועט באַקומען א באזונדערע באַדייטונג און שטאַנדהאַפטיקייט, ווען ער וועט קאָנען גרינדן א

פינאַנץ-אינסטיטוט אױף רעגולירן די עמיגראַציע, רעקאָמענדירט די קאָנפערענץ אונטערצושטרייכן אין דער אַגיטאַציע פאַר דעם צוזאַמענפאָר די נויטיקייט פון אַזאַ אינסטיטוט און ווירקן אויף די אידישע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, קעהילעס און דער איקער אויף די עמיגראַציאָנס-אַנשטאַלטן, אַז זיי זאָלן מאַכן די נויטיקע האַכאָנעס צו זײַן גרינדונג.

די קאָנפערענץ געפינט פאַר נוצלעך דאָס צונויפרופן אין די לענדער, וואָס ווערן באַריִרט פון דער אידישער עמיגראַציע, לאַנדעס-קאָנפערענציעס, וואָס זאָלן מאַכן די נויטיקע האַכאָנעס צום עמיגראַציאָנס-צוזאַמענפאָר.

7) וועגן עמיגראַציאָנס-כעוורעס.

די קאָנפערענץ געפינט פאַר נויטיק צוצוטרעטן צום גרינדן דעמאָקראַטישע און אומפּאַרטייאישע עמיגראַציאָנס-כעוורעס, אויף וועלכע ס'זאָל זיך קאָנען שטיצן די אַלוועלטלעכע עמיגראַציאָנס-אָרגאַניזאַציע, וואָס דאַרף באַשאַפן ווערן אויפן עמיגראַציאָנס-צוזאַמענפאָר.

8) וועגן דער טעריטאָריאַליסטישער אָרגאַניזאַציע.

קאָנסטאַטירנדיק, אַז אין דער לעצטער צייט באַמערקן זיך צווישן די אַלגעמיינע טעריטאָריאַליסטן פאַרשיידענע פּראָבן אויפצושטעלן זייער אָרגאַניזאַציע אויף דעמאָקראַטישע יעסוידעס, און צוגעבנדיק אָט דער שטרעבונג אַ געוויסע באַדייטונג פאַר דער טעריטאָריאַליסטישער באַוועגונג, געפינט די קאָנפערענץ פאַר נויטיק, אַפן סמאַך פון די רעזאָלוציעס פון 1-טן צוזאַמענפאָר*), אויסצונוצן אונזער אידייען-ווירקונג דערצו, אַז אָט די פּראָבן זאָלן פאַרווירקלעכט ווערן אין העסקעם מיט די אינטערעסן פון דער טעריטאָריאַליסטישער באַוועגונג.

14...) וועגן דער סאָציאַליסטיש-טעריטאָריאַליסטישער באַוועגונג.

די קאָנפערענץ שטרייכט אונטער דעם צווישן-שטאַטלעכן כאַראַקטער פון דער סאָציאַליסטיש-טעריטאָריאַליסטישער באַוועגונג און געפינט, אַז דאָס, וואָס די אַרויסטרעטונגען פון ס.-ט. אָרגאַניזאַציעס אין די איינצלנע לענדער זיינען ניט קאָאָרדינירט צווישן זיך, ברענגט אַ גרויסן שאָדן דער גאַנצער באַוועגונג. די קאָנפערענץ רעקאָמענדירט דעריבער דעם צ. ק. צו שטיצן מיט אַלע מיטלען די באַוועגונג אין די פאַרשיידענע לענדער און צוגרייטן אַ באָדן פאַר דער שאַפונג פון אַלגעמיינע אָרגאַנען פון דער ס. ט. באַוועגונג.

---

*) זע „דער אידישער אַרבעטער“. ב. II, ערשטע העפט, ז.ז. 380—382.

צווייטער טייל

די נייע אויפלעבונג

אריינפיר.

די יאָרן 1911—1914 אונטערשיידן זיך גרונטלעך פון די פינסטערע רעאַקציע-יאָרן 1908—1910.

דער צאַריזם זעצט פאָר זיין פאָליטיק סאַי אינעווייניק אין לאַנד, סאַי אין אינטערנאַציאָנאלן לעבן. דער בלאָק פון דער צאַרישער ביוראָקראַטיע, פריצים און בורזשואזיע פירט ווייטער זיין אָנגריף אף די פויערים און אַרבעטער. די גאָסודאַרסטווענע דומע האָט רואיק דורכגעלעבט איר „קאָנסטיטוציאָנעלן" טער-מין און „דאָס פאָלק" איז אונטער דער האַשגאָכע און קאָמאַנדע פון דער צאַ-רישער פאָליציי נאָך אַ מאָל געגאַנגען צו די וואלן אין דער 4-טער מעלוכע-דומע, וועלכע איז געווען אַ פולע קאָפּיע פון דער אָפּגעלעבטער דריטער.

שטיצנדיק די אינטערעסן פון גרויס-קאַפּיטאַל, אָרגאַניזירט דער צאַרי-שער אָכראַניק טרעשטשענקאָוו די בלוטיקע האַריגע אף די לענער גאָלד-גרובן אין אַפּרעל 1912. ס'הערט ניט אויף אף קיין מינוט די ווילדע העצע קעגן די „אינאָראָדצעס". אין קיעוו גרייט זיך צו דער בייליס-פּראָצעס, וועלכער ווערט אראַנזשירט אין הערבסט 1913. דער וואוקס פון דער נאַציאָנאַליסטישער רע-אַקציע אין פוילן הויבט זיך אויף אף דער העכסטער מאַדרייגע און גיסט זיך אויס אין אַ ווילדער באָיקאָט-קאמפאניע קעגן די אידן נאָך די וואלן פון יאַגעלאָ, אַ קאמפאניע, אין וועלכער ס'נעמען אנטייל די גאָר אלטע און „פּראָ-גרעסיווע" אנטיסעמיטן. זיכער באַ זיך אין דער היים, ווערט דער צאַריזם אלץ מער און מער אקטיוו און אָנגרייפנדיק אין דער אויסווייניקסטער פאָליטיק, זוכנדיק צו שטאַרקן זיינע פּאָזיציעס אף די באַלקאַנען און אין קליין-אַזיע.

צוויי נייע פאַקטאָרן האָבן זיך אָבער ביסלעכווייז ארויסגערוקט אף דעם אויבערפלאַך און אריינגעטראָגן אַן ענדערונג אין דער סיטואציע, צעשטערנדיק די „רואיקייט" פון די יאָרן 1908—1910. דאָס איז געווען, ערשטנס, דער אינ-דוסטריעלער אויפשוואונג אין 1912—1914, און, צווייטנס, די פאַרשאַרפטע אינטערנאַציאָנאַלע סיטואציע.

דער אינדוסטריעלער אויפשוואונג האָט אריינגעגאָסן מוט אין די ארבע-טער-מאַסן, וואָס זיינען געוואָרן טאַקעפער באַ זיך קעגן די פאַבריקאַנטן. די ארבעטער האָבן אָנגעהויבן ארויסצואווייזן אַ ווידערשטאַנד דעם אָנגרייפנדיקן קאַפּיטאַל. די צאָל שטרייקן — עקאָנאָמישע און פּאָליטישע — האָט אָנגעהויבן אלץ מער צו וואַקסן. דער אָרגאַניזירטער פּראָלעטאַרישער אוואַנגאַרד האָט

שוין אין 1911 געפילט א שטארקערע אונטערשטיצונג פון אונטן. אין אפּרעל 1912 נאָך די לענער פּאַסירונגען הויבט זיך אויף א נייע רעוואָלוציאָנערע כוואַליע, וואָס האָט שוין ניט אָפּגעטראָטן ביז דער סאַמע מילכאָמע. פון דער אנדער זייט, קומט די רעפּעטיציע פון דער וועלט-מילכאָמע. ארום דעם קאָנפליקט צווישן פראנקרייך און דייטשלאַנד צוליב מאַראָקאָ (דער באוואוסטער אינצידענט אין אגאדיר) פילט זיך, אז די אימפּעריאַליסטישע וועלט איז שוין איינגעטיילט אין צוויי לאַגערן מיט ענגלאַנד און דייטשלאַנד בעראָש און איז גרייט צו ווארפן זיך איינער אָפן אנדערן. דערנאָך קומען אין 1912 די צוויי מילכאָמעס צווישן די קליינע באַלקאַן-מעלוכעס, וואָס הינטער זיי שטייען די אימפּעריאליסטישע גרופּירונגען.

א נייע רעוואָלוציאָנערע כוואַליע ערעוו דעם גרויסן אימפּעריאליסטישן קריג — דאָס איז דאָס כאַראַקטעריסטישע פּאַרן פּעריאָד פון 1912—1914. דער באָלשעוויזם האָט זיך ארויסגעוויזן פאַר גערעכט: די האַפּסאָקע אין דער רעוואָלוציע איז געווען קירצער, איידער מע האָט געטראַכט. די ארבעטער-מאַסן האָבן גאָר ניט געטראכט ארייננוואַקסן אין סטאָליפּינס ריעושים. אָפן יעסאָד פון דער נייער אויפלעבונג ווערן גיך אויפגעשטעלט די פריערדיקע אונטערערדישע אָרגאַניזאַציאָנעלע פארבינדונגען. עס זיינען אָבער געשאַפן אויך נייע פאָרמען און נייע צענטרען פאַר דער אָרגאַניזירונג פון די קרעפטן ארום די רעוואָלוציאָנערע באָלשעוויסטישע קאַדרען. די ארבעטער-פראַקציע אין דער מעלוכע-דומע, די לעגאַלע ארבעטער-פּרעסע, די וואלן צו די פאַרזיכערונגס-קאָסעס — דאָס אלץ ווערט אויסגענוצט אָפן רעוואָלוציאָנערן אויפן און איז פּאָליטיש באַאיינפלוסט פון דער העפּטיקער באָלשעוויסטישער פּאָליטישער אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע. דאָס אלץ העלפט צו אָרגאַניזירן דעם מאַסן-קאַמף אין זיין העכסטער פאָרם — אין דער פאָרם פון פּאָליטישע שטרייקן. די דריי באָלשעוויסטישע לאָזונגען — רעפּובליק, ערד-קאָנפיסקאַציע, 8-שאָעדיקער ארבעטס-טאָג — ווערן לאָזונגען פון דער נייער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. די באָלשעוויקעס זיינען די פירער און די וועגווייזער פון דעם נייעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף.

די יאָרן פון רעאַקציע זיינען אָבער ניט דורך אָן ווירקונג אין דעם אַרבעטער-קלאַס זעלבסט. פריער פון אלץ האָט זיך אין פּעטערבורג אויסגעטיילט א קליינער שיכט ארבעטער-אַריסטאָקראַטיע, וואָס האָט ווירקלעך אָנגעהויבן זוכן מיטלען ווי אויסצומיידן דעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף, ווי צו שליסן שאָלעם מיט דער עקזיסטירנדיקער אָרדענונג. די „ליקווידאַטאָרן" זיינען געוואָרן די פירער און פאָרשטייער פון אָט דעם שיכט ארבעטער-אריסטאָקראַטיע. זיי האָבן ארייַנגעטראָגן די שפּאַלטונג, באַקעמפנדיק די רעוואָלוציאָנערע שטימונגען פון די ארבעטער-מאַסן און די רעוואָלוציאָנערע לאָזונגען פון די באָלשעוויקעס. און דאָך האָבן זיך נאָך אלע צוזאַמען — די ליקווידאַטאָרן און באָלשעוויקעס — פאָרמעל גערעכנט אין איין פּאַרטיי, אין דער ר. ס. ד. א. פּ. — דאָס איז געווען דורכויס פאַלש און האָט געמוזט פריער אָדער שפּעטער אויסגעריסן ווערן.

די פּשאָרעמאַכער — און צווישן זיי אויך דער „בונד“ — האָבן אָנגעשטרענגט אַלע קרעפטן, קעדיי ניט צו דערלאָזן די אָרגאַניזירונג פון אַן אויסגעהאַלטענער רעוואָלוציאָנערער אָנפירונג מיט דער פּאַרטיי, קעדיי איינצוהאלטן אין די רייען פון דער רעוואָלוציאָנערער פּארטיי אויך די אויסגעשפּראָכענע קאָנטער-רעוואָלוציאָנערע „ליקווידאטאָרן“. די באָלשעוויקעס האָבן געמאכט א סאָף צו דער ספּעקולאַציע אַף די קלוימערשטע פּאָרמאַליטעטן. די פּארטיי-קאָנפערענץ אין יאַנוואַר 1912 האָט דערקלערט די אויפשטעלונג פונם צענטראַל-קאָמיטעט. די אנטי-באָלשעוויסטישע עלעמענטן זיינען אַף אזא אויפן געווען געצוואונגען צו עפענען די קארטן. זיי האָבן זיך פאַרזאַמלט אין אווגוסט 1912 אַף דער באַוואוסטער „אווגוסט-קאָנפערענץ“ און געבילדעט דאָרט דעם באַוואוסטן פּרינציפּלאָזן „אַווגוסט-בלאָק“ מיטן אנטייל פון די טראָצקיסטן, בונדיסטן, פּ. פּ. ס. (לעוויצע), גרופּע „ווּפּעריאָד“ און אנדערע.

די פולשטענדיקע אָרגאַניזאַציאָנעלע צעשפּאַלטונג פון דער פּאַרטיי איז געוואָרן א פאַקט. דער באָלשעוויסטישער טייל פון ר. ס. ד. א. פּ. איז געבליבן דער פאַקטישער אָנפירער פון דער רעוואָלוציאָנערער אָרגאַניזירטער און קעמפנדיקער פּראָלעטאַרישער מערהייט. די מענשעוויקעס זיינען געגאנגען טראָט בא טראָט אלץ שנעלער אין די אָרעמס פון דער בורזשואזיע.

* * *

ווי אַזוי האָט זיך אָט דער נייער פּראָצעס אָפּגעשפּיגלט אין דער גאַנצער אידישער סוויווע? וואָס פאַר אַן איינפלוס האָבן אָט די נייע ענדערונגען געהאט אַף דער אידישער אַרבעטער-באוועגונג?

וואָס אנבאַלאנגט די גאַנצע אידישע בירגערלעכע געזעלשאַפטלעכקייט, איז זי, אזוי ווי די רוסישע און פּוילישע „געזעלשאַפט“, געווען פיינטלעך געשטימט צו דער רעוואָלוציע. דערצו האָט זי געלעבט אונטערן איינפלוס פון דער רעאַקציאָנערער אנטיסעמיטישער העצע פון דער רעגירונג און פון די געזעלשאַפטלעכע קרייזן, וואָס זייער העכסטן אויסדרוק האָט דאָס געפונען אין ביילִיסעס פּראָצעס. דער נייער אויפשוואונג פון רעוואָלוציאָנערן קאַמף האָט נאָך ניט געקאָנט ברענגען קיין שטארקע ווירקונג. דער בלאָק צווישן דער נאַציאָנאַליסטישער בורזשואזי-קלעריקאַלער רעאַקציע און דער קליינבירגערלעכער נאַציאָנאַליסטישער דעמאָקראַטיע, וואָס האָט זיך געבילדעט נאָך דער נידערלאַגע פון דער רעוואָלוציע, איז נאָך ניט געווען צעריסן. אָבער אויך דאָ האָבן שוין אָנגעהויבן צו בלאָזן עטוואָס פרישערע ווינטן. זייענדיק געצוואונגען אויסצוקלייבן צווישן דעם רעאַקציאָנער-אַנטיסעמיט און פּוילישן סאָציאַליסט-מענשעוויק, האָבן די אידישע וואַלמענער אין וואַרשע בעת די וואלן צו דער פערטער מעלוכע-דומע אין 1912 אָפּגעגעבן זייערע שטימען דעם קאנדידאַט פון בלאָק פון פּ. פּ. ס. (לעוויצע) און „בונד“—דעם פּוילישן אַרבעטער יאגעלא. דאָס איז געווען אַ סימען, אַז די צאַרישע רעאַקציע און דער אנטיסעמיטיזם פון דער פּוילישער בורזשואַזיע

טרייבן די נאַציאָנאַל אונטערדריקטע אידישע בורזשואַזיע און קלײנבירגערטום אָף לינקס, ווי ס'איז געווען ערעוו דער ערשטער רעוואָלוציע, אין די יאָרן 1900—1904.

די אידישע בורזשואַזיע, שטיצנדיק דעם פּוילישן מענשעוויק, האָט פונדעסטוועגן, מאַשמאָעס, גוט פאַרשטאַנען די נאָפקעמינע צווישן אים און דעם קאַנדידאַט פון דער פּוילישער באָלשעוויסטישער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע.

פאַרן „בונד" איז די גאַנצע וואַל-קאַמפּאַניע אין פּוילן כאַראַקטעריסטיש מיט דעם, וואָס ער איז געגאַנגען אָף אַן אָפענער צעשפּאַלטונג מיט דער פּוילישער רעוואָלוציאָנערער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע און איז אַרויסגעטראָטן צוזאַמען מיט פּ. פּ. ס., וועלכע איז געשטאַנען אויסער די רייען פון ר. ס. ד. א. פּ., קעמפנדיק קעגן דער פּ. ס. ד., וועלכע איז געווען אַ באַשטאַנד-טייל פון ר. ס. ד. א. פּ.

דער כורבן פון דער רוסישער רעוואָלוציע אין 1907—1910 האָט שטאַרק אויפגעלעבט די אַלטע געטאָ-שטימונגען באַ אַלע קלײנבירגערלעכע סאָציאַליסטישע גרופּירונגען, אַפילע באַם „בונד", וועלכער האָט אַמאָל אַזוי שטאַרק באַקעמפט די געטאָ-פּאָליטיק פונם ציאָניזם. די אויסגעוואַקסענע נאַציאָנאַליסטישע שטימונגען אַרום די נײַע פּראַגן, ווי קעהילע, שאַבעס-רו, נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע א. ד. גל., האָבן זיך אָבער אין בונד גאַנץ אײַנאַרטיק צונויפגעפאָרעמט מיט אַ געוויסער טרייקייט צו די אונטערערדישע אָרגאַניזאַציאָנעלע פאָרמען. אין די אָרגאַניזאַציאָנעלע פראַגן האָט דער „בונד" באַקעמפט די עקסטע ליקווידאַטאָרן, פּאָליטיש איז ער אָבער אַלץ נעענטער געוואָרן צו זיי.

דער נײַער אויפשוואונג פון 1912 האָט דאָ געבראַכט גרויסע ענדערונגען: די בונדיסטן האָבן זיך אפּן פּאָליטיש און אָרגאַניזאַציאָנעל פאַרבונדן מיט דער פּעטערבורגער ליקווידאַטאָרישער גרופּע, גלײַכצײַטיק האָבן זיי אָבער זיך מער אַרײַנגעצויגן אין אַלגעמײַנעם פּאָליטישן לעבן, אַלגעמײן-אידישן נאַציאָנאַליסטישן בלאָק.

דערדאָזיקער פּראָצעס האָט זיך בוילעט אַרויסגעוויזן נאָך אין יאַנוואַר 1911, אפן האַנמוועקער-צוזאַמענפאָר. די גרופּע בונדישע דעלעגאַטן האָט זיך דאָ געטראָפן פּאָנים על פּאָנים מיט דער ליקווידאַטאָרישער גרופּע דעלעגאַטן און האָבן זיך גאָר גיך צונויפגערעדט. די בונדיסטן האָבן אײַנגאַנצן אויפגענומען די טאַקטיק פון די ליקווידאַטאָרן און נאָך גענומען אָף זיך צו פּראָפּאַגאַנדירן אָט די טאַקטיק צווישן די אידישע אַרבעטער-מאַסן. גלײַכצײַטיק הויבט אָן דער „בונד" צוזאַמען מיט טראָצקין צו זאַמלען אַלע אַנטי-באָלשעוויסטישע קרעפטן. ווען די באָלשעוויקעס מאַכן אַ סאָף צו דעם שפּיל אין פּאָרמאַליטעטן און שליסן אויס די ליקווידאַטאָרן פון דער פּאַרטיי, ווערן די בונדיסטן געצוואונגען צו שטעלן שנעלערע טריט אפן וועג פון דער פּאָליטישער און אָרגאַניזאַציאָנעלער זעלבסטבאַשטימונג.

אין אויגוסט 1912 זעען מיר שוין דעם „בונד" אין אַן ענגן אָרגאַניזאַציאָנעלן און פּאָליטישן בלאָק מיט די אויסגעשפּראָכענע ליקווידאַטאָרן. דער „בונד" רײַסט עטוואָס אָפּ די פעדים, וואָס פאַרבינדן אים מיט דער אידישער

נאַציאָנאַליסטישער בורזשואזיע, דערפאַר אָבער טרעט ער אריין אין יענער מענשעוויסטישער פּאָליטישער גרופּירונג, וואָס נאָכן אויסברוך פון דער מיל־כאָמע האָט זי געשפּילט אזא גרויסע ראָלע אַלס שטיצפּונקט פון דער אימפּע־ריאַליסטישער בורזשואזיע.

דערנאָך קומען די וואלן אין דער מעלוכע-דומע, די שפּאַלטונג פון דער סאָצ.־דעם. דומע-פראַקציע, די פאַרזיכערונגס-קאַמפּאַניע, די גרויסע שטרייק־כוואַליע, די אנטשטייאונג פון דער אָפענער ארבעטער־פּרעסע, — דער „בונד" האָט שוין געפונען זיין וועג, ער איז שוין ניט מער נייטראַל, ער זוכט ניט מער קיין פשאָרעס, ער גייט מיט א ריין מענשעוויסטישן וועג — מיט די „ליקווידאַטאָרן".

ענלעכע שטימונגען קאָנען מיר געפינען אויך בא די איבעריקע נאַציאָ־נאַל-סאָציאַלע גרופּירונגען.

* *
*

דער קער פון די פירער פונם „בונד" אף נאַציאָנאַליסטישע וועגן אין 1903, ווען דער „בונד" איז ארויסגעטראָטן פון דער ר. ס. ד. א. פּ., האָט געבראַכט מיט זיך די אויסבילדונג פון אידישע באָלשעוויסטישע אַרבעטער־גרופּן און די גרינדונג פון צאָפן־מאַירעוודיקן און פּאָליעסער קאָמיטעטן פון דער פּאַרטיי. איצט, ווען דער „בונד" האָט צעריסן מיט זיין פריערדיקער פּאָליטישער וואַקלדיקייט און איז אָפן אריין אין ליקווידאַטאָרישן לאַגער, האָט דאָס ווידער אַמאָל געבראַכט מיט זיך די פאַרשטאַרקונג פון באָלשעוויס־טישן פליגל אין דער אידישער אַרבעטער-באַוועגונג. די אלטע באָלשעוויסטישע גרופּן האָבן אין די יאָרן פון רעאַקציע ניט אויפגעהערט זייער פּראָפּאַגאַנדישע אַרבעט אין דער אידישער ארבעטער־מאַסע און האָבן דערמיט באאיינפלוסט די רעוואָלוציאָנערע פּראָצעסן, וועלכע האָבן זיך נאָך געשטאַרקט אונטערן איינפלוס פון דעם רעוואָלוציאָנערן אויפשוואונג אין גאַנצן לאַנד.

די פירער פון „בונד" האָבן דאָס ערשטע מאָל אין זייער געשיכטע גע־טראָפן א ווידערשטאַנד אינעווייניק אין די רייען פון „בונד" זעלבסט. אָנ־הויבנדיק פון באשלוס פון „בונד" צו פאַרבינדן זיך מיטן אווגוסט-בלאָק ביז דער פאַרזיכערונגס-קאַמפּאַניע סאָף 1913, באַגעגענען מיר אין אלע וויכטיקסטע מאָמענטן אן אינעווייניקסטן קאַמף אין „בונד". די זאַמלונגען פאַר דער ארבעטער-פּרעסע, די שפּאלטונג פון דער דומע־פראַקציע און ענדלעך די צוגרייטונג צום בונדישן 8-טן צוזאַמענפאָר ווייזן ארויס, אז אין „בונד" גופא בילדעט זיך אויס א האַלב-באָלשעוויסטישע גרופּע, וואָס טרעט ארויס אָפן פאַר אונטערשטיצן די באָלשעוויקעס אין דומע, פאַר דער באָלשעוויסטישער „פּראַוודא", פאַר דער באָלשעוויסטישער פאַרזיכערונגס־טאַקטיק. אין דער דיסקוסיע פארן צוזאַמענפאָר ווייזן זיך אין דער בונדישער פּרעסע אַר־טיקלען פאַר צערייסן מיטן ליקווידאַטאָרישן בלאָק. אָט די אַלע אַרויסטרעטונגען זיינען א סימען פון דער וואַקסנדיקער באָלשעוויסטישער שטימונג צווישן די אידישע ארבעטער-מאַסן, זיי זיינען אָבער ניט קיין דרייסטע. די אידעאָלאָגיע פון די איינצלנע פּראָטעסטאַנטן און פון די גרופּן איז ניט קיין אויסגעהאַל־

טענע, זיי פֿאַרבלײַבן אַלע אין „בונד" ניט צוליב טאַקטישע מאָטיוון, נאָר דערפֿאַר, וואָס זיי האָבן נאָך ניט צעריסן מיט דער גאַנצער קלײנבירגערלעכער אידעאָלאָגיע, ניט צעריסן די פֿעדים פֿון דער נאַציאָנאַל-אָרגאַניזאַציאָנעלער באַגרעניצטקייט.

* * *

דער פּעריאָד 1913—1912 צייכנט זיך אויס מיט דער גרעסטער אַקטיווקייט פֿון דער גאַנצער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי אַרום דער נאַציאָנאַלער פֿראַגע. דער ליקווידאַטאָרישער בלאָק האָט, ווי באַוואוסט, אַרייַנגענומען אין זיין פּראָגראַם דעם בונדישן לאָזונג פֿון נאַציאָנאַל-קולטורעלער אויטאָנאָמיע. דאָס איז געווען אַ סימן דערפֿון, אַז די רוסישע ליקווידאַטאָרן שטעלן זיך אָפּ אָפֿן וועג פֿון די עסטרייכישע סאָציאַל-דעמאָקראַטן. אַזוי ווי יענע האָבן זייער גאַנצע ענערגיע געווענדעט אויף צו ראַטעווען די גאַנצקייט פֿון דער האַבסבורגישער מאָנאַרכיע, טוען דאָס איצט די רוסישע ליקווידאַטאָרן אין באַציאונג צו דער צאַרישער אימפּעריע. די אַלטע פּראָגראַם פֿון דער ר.ס.ד.א.פּ. אין 1903 האָט געוואָרפֿן דעם לאָזונג פֿון רעכט אויף זעלבסטבאַשטימונג פֿאַר אַלע פֿעלקער. דאָס האָט באַטייט, אַז די רוסישע סאָצ. דעמ. זאָגט זיך אָפּ צו שטיצן די גאַנצקייט פֿון דער צאַרישער אימפּעריע און וועט, פֿאַרקערט, אונטערשטיצן די נאַציאָנאַל-רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג פֿון די אונטערדריקטע פֿעלקער פֿאַר נאַציאָנאַלע זעלבשטענדיקייט קעגן אָט דער אימפּעריע. דער לאָזונג פֿון נאַציאָנאַל-קולטורעלער אויטאָנאָמיע איז געווען דער הייפעך פֿונם אַלטן רעוואָלוציאָנערן לאָזונג „רעכט אויף זעלבסטבאַשטימונג". אַנשטאָט דעם איז דאָס געווען אַ אונטערשטיצונג פֿאַר די נאַציאָנאַליסטישע טענדענצן, וואָס שטעקן אין דער בונדישער פּראָגראַם מיט איר שטרעבונג צו אָרגאַניזירן די נאַציעס אויסער די טעריטאָריאַלע גרעניצן און צעטיילן צווישן זיך די פּראָלעטאַריער פֿון פֿאַרשיידענע נאַציעס. די באָלשעוויסטישע פּרעסע מיט לענינען בעראָש האָט אויפֿגעהויבן אַ ברייטע קאַמפּאַניע קעגן אָט דעם לאָזונג.

גלײַכצייטיק האָבן אָבער די באָלשעוויקעס גענומען אויף זיך די איניציאַטיוו צו באַקעמפֿן די ווילדע נאַציאָנאַליסטישע אַנטיסעמיטישע רעאַקציע פֿון צאַריזם. די באָלשעוויסטישע דומע-פֿראַקציע האָט אַרייַנגעטראָגן אין דומע אַן אייגענעם געזעץ-פּראָיעקט פֿאַר אָפּשאַפֿן אַלע נאַציאָנאַלע באַגרעניצונגען און אויפֿגעהויבן אַרום אָט דעם געזעץ-פּראָיעקט אַ ברייטע קאַמפּאַניע צווישן דעם רוסישן פּראָלעטאַריאַט.

אין דער אידישער אַרבעטער-מאַסע האָט אָט די באָלשעוויסטישע קאַמפּאַניע אַרויסגערופֿן אַ גרויסן אָפּקלאַנג, מיטהעלפֿנדיק דערצו, אַז אויך די אידישע אַרבעטער זאָלן זיך אַלץ מער קאָנצענטרירן אַרום דער רעוואָלוציאָנערער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי.

מ. ראַפּעס.

IX. די אַרבעטער-באַוועגונג אין די יאָרן 1912—1914.

58—61. די עקאָנאָמישע לאַגע און די אַרבעטס-באַדינגונגען.

א. בײַ די מעזשעריטשער בערשטער.

(„די צײַט“, 1913, נומ. 18).

אַ גרופּע אידישע אַרבעטער-בערשטער אין מעזעריטש האָט פאָרגענומען אַן אַנקעטע, קעדיי קלאָר צו מאכן די אַרבעטס-און לעבנס-באדינגונגען פון דעם פאַך.

סאַכאַקל זײַנען פאַראַן אין מעזעריטש 68 אונטערנעמונגען מיט 846 אַרבעטער (די, וואָס ארבעטן באם פוך, ווערן דאָ ניט פאַרעכנט). אין דער צאָל זײַנען 659 מענער און 187 פרויען. די פרויען אַרבעטן באַם וואַשן, בינדן און קלײַבן די כאַזער-האָר.

אין קיין איינעם פון די אַלע 68 פאַבריקן און וואַרשטאַטן איז ניט אײַנגעאָרדנט קיין ווענטילאַציע. ד. ה. אז זומער עפנט מען נאָר די פענסטער, ווייטער אָבער דאַרף מען די גאַנצע צײַט פון דער אַרבעט אָטעמען מיט דער לופט, וואָס איז אָנגעפילט מיטן שמוציקן שטויב פון כאַזער-האָר.

וויפל זשע פאַרדינט אַן אַרבעטער-בערשטער אין מעזעריטש?

116 מאַן באקומען פון 50 קאָפּ. ביז 2 רובל 50 קאָפּ. אַ וואָך, 73—פון 2,50 ביז 3 רובל, 87—פון 3 רובל ביז 4 רובל, 51—פון 4 ביז 5 רובל, 77—פון 5 ביז 6 רובל, 68—פון 6 ביז 7 רובל, 77—פון 7 ביז 8 רובל, 73—פון 8 ביז 9 רובל, 17—פון 9 ביז 11 רובל, 17—פון 11 ביז 12 רובל, 3—פון 12 ביז 15 רובל.

קעדיי צו קאָנען אורטיילן וועגן דער גרויס פון דעם פאַרדינסט, דאַרפן מיר אין אכט נעמען: 1) אז אין מעשעך פונם יאָר אַרבעטן די בערשטער ניט מער ווי 9 מאָנאטן, ד. ה. אז פאַקטיש איז דער פאַרדינסט אַף 25 פּראָצענט קלענער, איידער עס ווײַזט אונז די טאַבעלע, 2) אז 297 ארבעטער (קימאט אַ העלפט) זײַנען פאַרהיירעטע, ד. ה. זיי קומט אויס אויסצוהאַלטן ניט נאָר זיך אליין, נאָר אויך די גאַנצע מישפּאָכע.

די פרויען פארדינען: די, וואס קלייבן די האר—פון 50 ק. ביז 3 ר. א וואך. די, וואס וואשן—פון 4 ביז 5,50 ר. א וואך.

ב. די ארבעטער-פרוי אין דער פאבריק.

(ג. ד.: קארעספאנדענץ פון פינסק, „אונזער צייט", 1914, נומ. 4).

קעדיי צו געבן א געגויען באגריף, ווי עס לעבט זיך די ארבעטער אף האלפערינס שוועבל-פאבריק, וועל איך ברענגען עטלעכע פאקטן.

אין דער „פאקאוונע" איז שוין לאנג באוואוסט דער מאשגיאך מיט זיינע „קארעקטע" באציאונגען צו די מיידלעך (דארטן ארבעטן קימאט דורכויס מיידלעך). נאך אין די „גוטע צייטן" האט מען אים ניט איין מאל געשלאגן פאר זיינע אויפירונגען; ניט איין מאל טרעפט, אז ער שלאגט די קלענערע מיידלעך (אין דער פאקאוונע ארבעטן מער קליינע מיידלעך). עס האט געטראפן אזא פאל: ער האט געפונען בא איין קליין מיידל ברעק אין דער ארבעט, האט ער איר דערלאנגט אזא שטארקן קלאפ, אז זי האט זיך איבערגעקערט און מיטן פוס געטראפן אים אין פאנים, דערביי האט זיך אויסגעשאטן די ראם שוועבעלעך. ניט קוקנדיק, וואס די מיידל האט זיך שטארק צעקלאפט, האט דער מאשגיאך איר נאך געהייסן זיך וואלגערן אף דער ערד און צונויפקלייבן די שוועבעלעך.

אין פאקאוונע האט מען אריינגעשטעלט א פאק-מאשין, וועלכע ברענגט צו אפטע קאטאסטראפעס מיט ארבעטער. ווען דאס מיידל דירט זיך צו צו דער מאשין, טרעפט אפט, אז ס'צינדט זיך אן די ראם און באלד כאפט זיך אן בא דער מיידל דער פאנים אדער די קליידער. פאר דער לעצטער צייט האט זיך עס געטראפן אין א מעשעך פון 2 וואכן מיט 15 מיידלעך. די מיידלעך האבן זיך אנטזאגט צו גיין אף אזא געפערלעכע ארבעט. וואס טוט דער מאשגיאך? דאס מיידל, וואס וויל ניט גיין צו דער מאשין, הייסט ער גיין אהיים.

אין דער „באנדעראל-שטוב" ארבעטן אויך מיידלעך און דארט איז אויך דיזעלבע צארע: מאראן דארטן א מאשגיאך „מוישע פעלאיט". ס'איז ניט צו באשרייבן, וויפל די מיידלעך ליידן פון אים. ער דערלויבט זיי אנרופן מיט די נידעריקסטע נעמען. ס'איז ניטא דער טאג, וואס די מיידלעך וויינען ניט פון אים.

ג. די לאגע פון די שטעטלדיקע פאבריק-ארבעטער.

(אן ארבעטערין שיינדל: קארעספאנדענץ פון קאראסטישעוו, קיעווער גוב. „צייט", 1914, נומ. 14).

בא אונז אין שטעטל געפינען זיך 10 פאבריקן: איין שוועבל-פאבריק, איין פאפיר-פאבריק, זעקס געוואנט-פאבריקן און צוויי פארקעטן-פאבריקן. אין

שוועבל-פאַבריק אַרבעטן 110 ארבעטער, פון זיי נאָר 10 דערוואַקסענע מענער, אַלע אנדערע זיינען קינדער און פרויען. דער דורכשניטלעכער אַרבעטס-לוין איז פון 90 קאָפּ. ביז 3 רובל אַ וואָך. דער ארבעטס-טאָג איז פון 7 ביז 7 מיט 1 שאָ אף ווארמעס, און די היגיענישע באדינגונגען — זייער שלעכטע: קיין ווענטילאַציע ניטאָ, אין די וואַרשטאטן איז ענג, דושנע און פינסטער; די באַהאַנדלונג פון דער אדמיניסטראַציע איז זייער גראָב. דער מאַשיניסט דוואָר-זשיאַק האָט פיינט זיך צערעמאָניען מיט די ארבעטער: ווער ס'געפעלט אים ניט, פירט ער אים אַרויס פאר די אויערן פון פאַבריק, און ער איז שוין אָפּ-געזאָגט און קיינער שטעלט זיך ניט איין פאַרן באלייידיקטן. דער פריקאַזטשיק העלמיליאַן דערנידעריקט שטענדיק די אַרבעטער מיט שענדלעכע באליידיקונ-גען, וועלכע קאָנען ניט פאַרעפנטלעכט ווערן אין אַ צייטונג. ניט לאַנג האָט באַ איין מינדעריעריקן ארבעטער אָפּגעריסן אַ פינגער. אלע זיינען קימאט אנ-אלפאבעטן. אַף דער ארבעטער-פאַרזיכערונג קוקן די ארבעטער נאָך דעם פרי-קאַזטשיקס „דערקלערונג", ווי אַף אַ מין נייע „אָנשיקעניש".

אין דער פאַפּיר-פאַבריק אַרבעטן 100 ארבעטער, פרויען און מענער. דער אַרבעטס-טאָג—אויך אַ 12-שאָעדיקער. דער אַרבעטס-לוין פון 2 ביז 5 רובל אַ וואָך, די היגיענישע באדינגונגען שטאַרק שעדלעכע: ענג און שמוציק. ניט לאַנג האָט איינעם אן ארבעטער, שמועל מאגידאוו, וועלכער האָט אַ גרויסע פאַמיליע, אָפּגעריסן אַ האַנט... קיינער פון די ארבעטער לעזן ניט די אַרבע-טער-צייטונגען, און דערום וויסן זיי ניט, וואָס פאַר אַ קאַמף די אַרבעטער פירן איצט אַרום דעם געזעץ וועגן אַרבעטער-פאַרזיכערונג, וועלנדיק אים אויס-נוצן וואָס ברייטער אין זייערע אייגענע אינטערעסן.

אַף די 6 געוואַנט-פאַבריקן און 2 פאַרקעטן-פאַבריקן הערשט אַ שרעק-לעכע עקספּלואַטאַציע: מע אַרבעט 15 שאָ, פון 6 ביז 9, דער פאַרדינסט איז אַ מיזערנער, באַזונדער אין היינטיקן יאָקרעס. קינדער נעמען 15 קאָפּ. אַ טאָג און דערוואַקסענע פון 25 ביז 30 קאָפּ. דער גרעסטער טייל אַרבעטן אין די פאַבריקן קליינע מיידלעך—8—9-יאָריקע.

ד. קינדער-עקספּלואַטאַציע אין גראָדנע.

(מ. א. „מינדעריעריקע", „צייט", 1914, נומ. 2).

ס'שוין פון לאַנג קיין נייס ניט, אז אומעטום ווערן באַנוצט צו דער אַר-בעט קינדער פון 12 יאָר און ווייטער. אומעטום ווערן אָט די קליינע פראָ-לעטאַריער עקספּלואַטירט, נאָר ניט ווי באַ אונז אין גראָדנע. די פאַבריקאַנטן אונזערע באַמיען זיך וואָס מערער קליינוואַרג אַריינצונעמען אין פאַבריק. שטענדיק וועט איר זען אַף אלע גאַסן צעקלעפּט גרויסע פּלאַקאַטן פון אַלע פאַבריקן: „מע ברויכט מיידלעך און אינגלעך צו דער אַרבעט". אָפּן פאַר די קונדייס'ים זיינען די טויערן פון געגעם, מע כאַפּט זיי אזוי ווי טאַצע-וואַסער,

און די אָרימע עלטערן, ניט האָבנדיק וואָס צו געבן עסן די קינדער, פירן אַוועק זייערע אומשולדיקע אויפעלעך, אנשטאט אין קלאַס, אין פאַבריק.

און ווי לעבן דאָרט די יונגע ארבעטער? צי צאָלט מען זיי כאָטש גוטע סכירעס? צי באהאַנדלט מען זיי גוט? ניין! אַפּן פאַבריק פון צוקערקעס „גלאָריא" אַרבעטן זייער פיל יונגע מיידלעך. די סכירעס זייערע באַשטייט פון 1 רובל אַ וואָך, דער אַרבעטס-טאָג פון 12 ביז 15 שאָ. און די קליינע סכירעס באַצאָלט מען נאָך ניט אינגאַנצן. פילע צעלויפן פון דער ארבעט ניט באצאָלטע. און אז זייערע אָרימע פאָטערס קומען בעטן, וויפל ס'קומט זיי אַרויס, ענטפערט מען זיי גאָר ניט, און מע ווייזט זיי די טיר. דאָס האָט געטראָפן מיט דעם „ליבעראלן" איד, הער סאָפער, דעם אייגנטימער פון צוקערקעס-פאַבריק.

62. דער אויפרוף פון צ. ק. פון בונד וועגן דער לענער בלוט-באָד [112].

צום פּראָטעסט!

א נייע אומדערהערטע רעציכע איז צוגעקומען די לעצטע טעג צו די בלוט-טאטן פון אונזער „קאָנסטיטוציאָנעלער" רעגירונג. דעם 4-טן אפּרעל האבן סאָלדאטישע קוילן אוועקגעלייגט אין די וויסטע בּרעגן פון לענע הונדערטער דערשאָסענע און פארוואונדעטע ארבעטער.

פאר וואָס האָט מען זיי דערהארגעט? דערפאר, וואָס זיי, וועלכע האָבן מיט אומענדלעכער מי און אומענטשלעכער פּיין דערוואָרבן גאָלד פארן אָפּגאָט פון קאפּיטאל, וועלכע האָבן מיט זייער שוויס, מיט זייערע טרערן געשאפן די מיליאָנען-האכנאָסעס פון די לענער אקציען-אייגנטימער,—האָבן די האָזע געהאט צו וועלן, אז פון אומגעהויערן שטראָם גאָלד, געשאפן פון זייערע הענט, זאָלן כאָטש שפּרינקעלעך אויסגעטיילט ווערן, זיי זאָלן מענטשלעכער קאָנען לעבן.

דאָס איז אַ גרויסער פאַרברעך... דערפאַר האָט זיי געקומט טויט...

פאַרוואָרפן אין די וויסטע וועלדער פון סיביר, וואו מע קאָן פאַר קיין געלט ניט קויפן קיין עסן, ניט קריגן קיין וואוינונג און קיין שום זאַך, געצוואונגען אַלץ צו באַקומען פון דער האַנט פון זייערע באלעבאטים, צוגעשמידט צו דידאָזיקע געלט-מאַגנאַטן אין דער באפרידיקונג פון די נויטיקסטע באַדערפעונישן, עמעטע אייביקע שקלאַפן,—האָבן זיי די האָזע געהאט צו פאַרלאַנגען, זייערע לעבנס-באַדינגונגען זאָלן ווערן אַביסל פרייער.

דאָס איז אַ גרויסער פאַרברעך. דערפאַר האָט געקומט טויט...

אָפּגעריסן פון דער גאַנצער וועלט, אין גאנצן אָפּהענגיק פון דער אַלמעכטיקער פאַרוואַלטונג, האָבן זיי די האָזע געהאט צו פאַרלאנגען, ס'זאָלן אָפּגעזאָגט ווערן יענע מיטגלידער פון דער אַדמיניסטראַציע, וואָס האָבן באַזונדערס אַכזאָריעסדיק געבאלעבאטעוועט איבער זיי.

דאָס איז אַ גרויסער פאַרברעך, דערפאַר האָט געקומט—טויט...

טויט האָט זיי געקומט דערפאַר, וואָס זיי האָבן זיך פאַרייניקט, קעדיי צו פאַרבעסערן זייער לאַגע, וואָס זיי האָבן געטרוימט, אַז זיי האָבן אויך רעכט מענטשלעך צו לעבן; וואָס האָבן פּראָטעסטירט, ווען מע האָט געפאַנגען גע-נומען זייערע כאַווײרים, וואָס האָבן גענומען אָף זיך די אָנפירונג פון שטרייק. טויט האָט זיי געקומט פאַר אויסגלייכן זייער רוקן, פאַר הויך אויפהויבן זייער קאָפּ.

די געלט-זעק פון דער לענע-געזעלשאַפט, וואָס פאַרדינען 2000 פּראָצענט אָף זייער קאַפּיטאַל, האָבן איין ענטפער פאַר זייערע ארבעטער—קוילן!

„דער שטרייק קאָן זיך ניט ענדיקן אָן שיקן אַהין כאַיל״,—האָבן זיי געטאַינעט. „באַשיצט אונזער רו!״ — האָבן זיי געפאָדערט בא זייער טרייען פריינט, בא דער רעגירונג.

און די רעגירונג, וועלכע קאָן ניט דערלאָזן דעם קלענסטן רעמעז אָף זעלבסטעטיקייט פון די ארבעטער, אָף וועלכער ס'פאַלט אַן איימע בא יעדן ריר פון די ארבעטער, וועלכע שטעלט זיך ניט אָפּ פאַר קיין זאַך, קעדיי צו דערשטיקן יעדן פונק פון לעבן, — האָט געשיקט סאָלדאטן קעגן די פרידלעך-שטרייקנדע ארבעטער.

די גאָלד-מאַגנאַטן האָבן רו פאַרלאַנגט, זיי האָבן רו באַקומען. 200 קוואָ-רים האָבן זייער רו באַוואָרנט.

כאַווײרים! זאָל דאָס פאַרגאָסענע בלוט פון אונזערע געפאַלענע ברידער ניט פאַרגאָסן זיין אומזיסט. זאָל די יעדיע פון דעם שרעקלעכן מאָרד אַ דונער טאָן איבערן גאַנצן לאַנד. זאָלן די אָפּגעשטאַנענסטע, די גלייכגילטיקסטע אויפגעציטערט ווערן פון עמפּערונג און צאָרן.

די ארבעטער דאַרפן באַווײזן, אַז ניט דערשרעקן זיי קאָן מען מיט אַזעלכע רעציכעס, נאָר וועקן אין זיי דעם פייער פון קאַמף; אַז ניט מיט טור-מעס און ניט מיט קוילן וועט מען זיי צווינגען אָפּצוזאָגן זיך פון זייער ווידער דערוואַכטער שטרעבונג זיך צו פאַרייניקן, צו קעמפן, צו פאַרטיידיקן זייער רעכט.

אידישע ארבעטער! פּראָטעסטירט מיט וואָס איר קאָנט קעגן דער בלו-טיקער רעציכע, באַערט דאָס אָנדענקען פון אייערע געפאַלענע ברידער!

צום קאַמף! צום פּראָטעסט!*).

דער צענטראַל-קאָמיטעט פון „בונד״.

אפּרעל, 1912. — 25.000 עקז.

*) לויט די מיטיילונגען פון די וואַרשעווער „לעבנספראַגן״ (נומ. 1, מאי 1912), איז דער מאַי-יאָנטעוו (18 אַפּרעל) פאַרייניקט געוואָרן מיטן לענער-פּראָטעסט. ס'האָבן געשטרייקט: אין וואַרשע 6000 אַרבעטער, אין ווילנע 3000 (צוזאַמען מיט די ניט-אידישע ארבעטער), מינסק 400, באָברויסק 500 אָון אַז. וו. אין ווילנע, קיעוו און נאָך אייניקע שטעטער זיינען אַרויסגעלאָזן גע-וואָרן אָרטיקע אויפרופן; אין אַ ריי שטעט זיינען פאָרגעקומען פאַרזאַמלונגען און אָנגענומען גע-וואָרן פּראָטעסט-רעזאָלוציעס: אין לאָדז, ווילנע, האָמעל, מינסק, ביאַליסטאָק, גראָדנע, בריסק, סלאָנים, באָברויסק, קיעוו, קאַטערינאָסלאַוו א. א. וו. אין וואַרשע האָבן די אידישע ארבעטער געמאַכט אַ גאַסן-דעמאָנסטראַציע מיט אַ רויטער פאָן.

63. פּראָטעסט פון די האָמלער באָלשעוויקעס קעגן דער לענער צעשיסונג.

(א. כאנקין: „די האָמלער באָלשעוויסטישע אָרגאַניזאַציע אין די לענער-טעג“. „נאַכריכטן פון האָמלער גובערניאַלן קאָמיטעט פון ר. ק. פּ.“, 1922, נ. 23, ז. 31—33).

.. אין שטאָט, צווישן די ארבעטער, האָט מען אָנגעהויבן ריידן, אַז אין די לענער גאָלד-שאַכטן איז פאָרגעקומען א בלוטיקע רעציכע, מע האָט צעשאָסן אַרבעטער, נאָר ווען און וויפל—האָט קיינער ניט געוואוסט. אין אָוונט בין איך צוגעגאַנגען צום צייטונגס-קיאָסק, גענומען די צייטונג „דען“[113], וואו כ'האָב געפונען צוויי דעפּעשן פון „פּטא“ *)... באלד איז אונטערגעקומען מישע קאגאן... און דער פאָרזיצער פונם קאָלעקטיוו און פון קאָמיטעט פון די אייזנבאַן-אַרבעטער, כ' מיכאיל גאליצקי... מיר זיינען אוועק צום שטאָטישן בולוואַר און באַשטימט אין דריי שאָ אַרום באַגעגענען זיך בא גאליצקין אַף א זיצונג פון קאָלעקטיוו. מע האָט זיך געדאַרפט צואיילן, ווייל אין דערזועלביקער נאַכט האָט אויך געדאַרפט פאָרקומען אַ זיצונג פונם קאָמיטעט.

אַרום 9 אַזייגער האָבן זיך באַם כאַווער גאַליצקי צונויפגעקליבן קימאַט אַלע מיטגלידער פונם קאָלעקטיוו. ס'איז אויך געווען דער אַרבעטער מייראָוויטש, וועלכער האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן אַלס פּראָוואָקאַטאָר (אָנהייב 1919 האָט אים די האָמלער „גובטשעקא“ צעשאָסן). כאוועה גאַליצקי האָט געעפנט די זיצונג, פאָרגעלייענט די צייטונגס-נאָטיץ, דערקלערט, אַז אויב די בורזשואזע פּרעסע שרייבט וועגן עטלעכע דערהאַרגעטע און פאַרוואונדעטע, זיינען מיסטאמע געפאַלן אסאך ארבעטער. ס'איז ניט נויטיק צו וואַרטן אַף איינצלהייטן, ווייל איצט וועט מען אונזערע צייטונגען זיכער קאָנפיסקירן, אויב ניט אינגאַנצן אָפּשטעלן. מע מוז טייקעף אינפאָרמירן וועגן די געשעענישן אלע אַרבעטער.

די כאַווערים האָבן אָנגעהויבן אַריינטראָגן פאַרשיידענע פאָרשלאָגן. כאַווער קאגאן האָט פאָרגעלייגט צוזאַמענריידן זיך מיטן בונד וועגן אַ געמיינזאמער דעמאָנסטראציע. כאווער כאנקין האָט פאָרגעלייגט די פראגע וועגן בונד און דער דעמאָנסטראציע איבערגעבן דעם קאָמיטעט און פאָרלייגן אים אַרויסלאָזן אַ פּראָקלאמאַציע און אָרגאַניזירן א ריי אַרבעטער-פאַרזאמלונגען אין שטאָט, אַף דער אייזנבאַן, אין דאָברושע און ניי-בעליצע. ס'איז אַנטשטאַנען די פראַגע וועגן געלט-מיטלען. כאווער קאגאן האָט פאָרגעלייגט פאַפיר נעמען אין דער דרוקעריי, וואו ער אַרבעט. כאַווער פוסטאָוואָיטאָוו האָט פאָרגעלייגט, אַז אַלע מיטגלידער פונם קאָמיטעט זאָלן אריינטראָגן צו 50 קאָפּיקעס. די אַלע פאָרשלאגן זיינען אָנגענומען געוואָרן. מיט דעם האָט זיך די זיצונג געענדיקט... אַלע זיינען זיך פאנאנדערגעגאנגען, ס'זיינען געבליבן נאָר

*) „פּעטערבורגער טעלעגראפן-אגענטור“—אָפיציעלער אינפאָרמאציע-אפאראט פון דער צארישער רעגירונג.

די מיטגלידער פונם קאָמיטעט: די כאווײרים קאגאן, פוסטאָוואָיטאָוו, פעאָדאָראָוו און כאנקין... מע האָט אָנגעהויבן פון פראַקטישער ארבעט. ס'איז אויסגעטײלט געוואָרן א רעדאַקטיר-קאָמיסיע פון מיר און כ' שימען כאיקין (אַן אײנבינדער), וועלכער מע האָט איבערגעגעבן צונויפשטעלן און אָפּדרוקן א בלעטל... די כאווײרים טויבמאן און איליצקי איז איבערגעגעבן געוואָרן אויסגעפינען דירעס פאַר פאַרזאמלונגען אין שטאָט און דעם כאווער מיכאיל גאליצקי — הינטער דער אײזנבאַן-ליניע... גאליצקי האָט פאַרגעלײגט באַשטימען די פאַרזאמלונג פאַר די אידישע ארבעטער אַף שאַבעס, און הינטער דער אײזנבאַן-ליניע —אַף זונטיק. בײדע—באַנאַכט.

...אַף מאָרגן האָבן מיר זיך באַגעגנט [מיטן כאווער כאַיקין] באַם קיאָסק פון כאיע לעווין ...פון דאָרט זײנען מיר אוועק אַרבעטן. געאַרבעט האָבן מיר אין צימער פון מישע קאגאן. זאלבעדריט האָבן מיר געשריבן, איבערגעשריבן, דערנאָך האָט יעדערער געלײענט, וואָס ער האָט אָנגעשריבן, לאַנג דיסקוסירט און, לעסאָף, פון שטיקלעך צונויפגעקלעפּט די פּראָקלאמאציע... גלײך באַכדעם איז געקומען דער גימנאַזיסט בערמאן, וועלכער האָט צוזאַמען מיט אבראם דערקאטש געדאַרפט אָפּדרוקן דאָס בלעטל... געדרוקט האָבן מיר אין צווײ ערטער, טאָמער וועט אין אײנעם זײן א דורכפאל, זאָל בלײבן כאָטש א טײל בלעטלעך...

...ס'איז געקומען שאבעס. מיר האָבן פאַרן טאָג דורכגעפירט אין שטאָט ניט פיר, נאָר זעקס פאַרזאַמלונגען. די דירעס זײנען אומעטום געווען געפּאַקט. אַף יעדער פאַרזאַמלונג זײנען ארויסגעטראָטן צו פיר—פינף רעדנער... מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקײט האָבן די ארבעטער געהערט די רעדנער... דאָ האָט מען אויך געקליבן געלט פאַר די לענער כאווײרים, אבאָנירט זיך אַף די צײטונגען... באַם ארויסגאנג האָט מען געטײלט די פּראָקלאַמאַציע. גוט זײנען דורכגעגאַנגען די פאַרזאַמלונגען אויך הינטער דער אײזנבאַן-ליניע... נײ-בעליצע איז אינגאַנצן געווען באַדעקט מיט בלעטלעך, די פאַרזאַמלונגען זײנען דאָ געווען ניט קײן צאָלרײכע, נאָר זײ זײנען אויך דורכגעגאַנגען זײער לעבהאַפט. אין דאברושע זײנען די פאַרזאמלונגען פאָרגעקומען אין וואַלד. ס'זײנען געקומען קימאט אַלע ארבעטער. נאָך די פאַרזאמלונגען האָט מען געזונגען די „דובינושקא". אַף די פאַרזאמלונגען זײנען אויך געווען פויערים פון די שכײנישע דערפער.

מאָנטיק... אין אָוונט האָבן מיר צונויפגערופן א זיצונג פונם קאָמיטעט. די זיצונג איז פאָרגעקומען אַף א שיפל אַפן סאָזש *). מיר האָבן אונטערגעפירט א סאַכאַקל פון דער אָפגעטאָנענער ארבעט און אָנגעמערקט א פּלאַן פון דער װײטערדיקער ארבעט, קעדײ אויסצונוצן די געשאַפענע באַ די ארבעטער געהויבענע שטימונג...

---

*) דער טײַך באַ האָמעל.

64. די מאַי־פײַערונג און דער לענער פּראָטעסט אין וואַרשע.

(„אינפאָרמאַציאָנס-בלעטל פון דער אויסלענדישער ארגאניזאציע פון בונד" (רוסיש) 1912, נומ. 4).

די צוגרייטונגס-ארבעט צום 1-טן מאַי האָט זיך דאָ אָנגעהויבן אביסל שפּעטלעך, צוליב די ארעסטן, וואָס הערן דאָ ניט אויף פון יאַנוואַר כּוידעש. דידאָזיקע ארעסטן האָבן אויך אָפּגעשוואַכט די אָרגאַניזאַציע און געמאכט פאר אומעגלעך צו פירן די אַגיטאציע אין א ברייטן מאַסשטאב.

...די מאי-אויפרופן פון צענטראל-קאָמיטעט זיינען פארשפרייט געוואָרן מיט א וואָך פריער פארן יאָנטעוו. גלייכצייטיק האָבן מיר באקומען דעם אויפרוף פון צ. ק. וועגן די לענער געשעענישן. די בלעטלעך זיינען פארשפרייט געוואָרן צוזאמען, אויך אין דער מונדלעכער אגיטאציע איז דער פּראָטעסט קעגן דער צעשיסונג פארייניקט געוואָרן מיטן מאי-יאָנטעוו.

די שטימונג אין דער ארבעטער-מאסע איז די גאנצע צייט געווען א געהויבענע. די בונדישע גרופּע אין פּראגע*) האָט דורכגעפירט די מאי-פארזאמלונג מיט א רויטער פאָן, אף וועלכער צווישן אנדערע איז געווען א לאָזונג: „נעקאָמע פאר די דערהאַרגעטע לענער כאַוויירים!" אף דער פארזאַמלונג פון די שניידער האָט א גרופּע כאַוויירים אריינגעטראָגן א פאָרשלאג וועגן אָרגאַניזירן א גאסן-דעמאָנסטראציע. די פאַרזאַמלונג האָט, מאַכמעס מע איז צו דעם ניט געווען צוגעגרייט, דעם פאָרשלאג אָפּגעוואָרפן. פונדעסטוועגן האָט מען צווישן די ארבעטער די גאנצע צייט ניט אויפגעהערט צו ריידן וועגן א דעמאָנסטראַציע, איבערהויפּט נאָך דעם, ווי ס'האָבן אָנגעהויבן צירקולירן קלאַנגען, אַז אויך די פּוילישע אַרבעטער גרייטן זיך צו א דעמאָנסטראַציע... ס'איז געווען קלאָר, אז גאַסן-מאַניפעסטאַציעס וועלן פאָרקומען, און דעריבער האָבן גרופּן ארבעטער צוגעגרייט רויטע און שוואַרצע פאָנען; די אָרגאַניזאַציע האָט באַשטימט ניט שטערן דער פּריוואַטער איניציאַטיוו פון איינצלנע בונדישע גרופּן.

אף צו אָרגאַניזירן דעם שטרייק האָבן זיך געבילדעט פאך-גרופּן; א באזונדער קאָמיסיע איז אָרגאַניזירט געוואָרן פאר יעניע פאַבריקן און פאַכן, וועלכע האָבן ניט קיין זעלבשטענדיקע עקאָנאָמישע אָרגאַניזאַציעס. דידאָזיקע גרופּן האָבן דעם 1-טן מאַי אינדערפרי באַזוכט די פאַבריקן און ווארשטאַטן, וואו ס'אַרבעטן אידישע אַרבעטער, און אראָפּגענומען העכער 3000 שניידער, גאַרבער, איינבינדער, שטעפּער, אַרבעטער פון פאַפּירענע שיידלעך. ס'האָבן אויך געשטרייקט די שוסטער, סטאָליער, ס'זיינען געווען געשלאָסן איי̆ניקע מאַגאַזינען, צוליב דער אָפּוועזנהייט פון די אָנגעשטעלטע. אין אלגעמיין האָבן ניט געאַרבעט ביז 6000 אידישע אַרבעטער. די בעקער האָבן דאָס יאָר געאַרבעט; דעם שטרייק פון די בעקער האָט ארונטערגעריסן דער אַרעסט, בא וועלכן די פּאָליציי האָט קאָנפיסקירט ביז 2000 בלעטלעך וועגן 1-טן מאַי און די לענער געשעענישן.

---

*) א פאָרשטאָט פון וואַרשע.

לויט די אָפיציעלע ידיעות, האָבן ניט געאַרבעט ביז 10.000 פאַבריק־אַרבעטער, נאָר דידאָזיקע ציפער איז, נאַטירלעך, א שטאַרק פאַרקלענערטע. אין אלגעמיין האָבן דעם 1-טן מאַי אין וואַרשע געשטרייקט העכער 20.000 אידישע און פוילישע ארבעטער.

די פּאָליציי האָט זיך געגרייט פון גאַנץ פרי; ס'זיינען געווען געשלאָסן אַלע בולווארן, פאַרשטאַרקט די וואַך. איבער די גאַסן זיינען ארומגעפאָרן פּאָליצייאישע און זשאַנדאַרמישע פּאַטרולן.

דריי באַטאָג האָט א גרופּע אידישע ארבעטער, וועלכע האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן אף דער מילע גאַס, באַשטימט אָרגאַניזירן א דעמאָנסטראַציע. מע האָט אויפגעהויבן א רויטע פאָן מיט אויפשריפטן: „נעקאָמע פאַר די דערהארגעטע לענער כאַווירים!", „נידער די קנעכטשאַפט!", „זאָל לעבן דער סאָציאַליזם!", „זאָל לעבן דער ערשטער מאַי!", „זאָל לעבן דער בונד!". די אַרבעטער זיינען דורכגעגאַנגען די גאַס מיט רעוואָלוציאָנערע לידער. די צאָל דעמאָנסטראַנטן איז געוואַקסן און צום סאָף האָט זי דערגרייכט 300. די דעמאָנסטראַציע האָט געדויערט א מינוט 10. ס'איז אָנגעקומען פּאָליציי און ארעסטירט א מענטשן אכט.

65. דער פּאָלעסיער קאָמיטעט פון ר. ס. ד. א. פּ. אין 1910—1914.

(א. כאנקין, ס. כאווקין: „די ווידעראויפשטעלונג פון פּאָלעסיער קאָמיטעט" (פון פערזענלעכע זיכרוינעס), „נאכריכטן פון האָמלער גובקאָם ר. ק. פּ. (ב.) 1922, נומ. 68—69).

...די פּאָלעסיער אָרגאַניזאַציע האָט פונדאָסניי אויפגעלעבט אָנהויב 1910.

אין דער אָרגאַניזאַציע זיינען אריינגעגאַנגען אויך אייניקע מענשעוויקעס, ווייל אין די אונטערשטע פּאַרטייאישע שיכטן זיינען דעמאָלט נאָך ניט געווען קיין גרויסע כלוקעדייעס.

קיין אינטעליגענץ איז אין אונזערע רייען ניט געווען. אַפילע די, וועלכע זיינען פריער געווען מיט אונז, האָבן זיך איצט אָפּגעקערט.

דער אנפירנדיקער קערן איז געווען אויסגעטיילט דורך א געהיימער אָפּשטימונג. ס'זיינען אין אים אריינגעגאנגען די כאַווירים: גאמאָצקי, כאווקין און גורעוויטש. די איבעריקע איז איבערגעגעבן געוואָרן אריינציען וואָס מער אַרבעטער אין דער ארגאַניזאַציע.

ס'זיינען געגעבן געוואָרן אינסטרוקציעס, ווי אזוי צו האלטן קאָנספּיראַציע. ס'איז באשטעלט געוואָרן א שטעמפּל און מע האָט ארויסגעלאָזן א בלעטל מיט א רוף צו אָרגאַניזירן זיך און צוזאַמענשליסן זיך ארום אונזער פּאַרטיי.

סאָף 1910 איז אונז געלונגען צו פאַרבינדן זיך מיטן צ. ק., וועלכער האָט זיך געפונען אין אויסלאַנד. קיין האָמעל איז געקומען דער פאָרשטייער פון צ. ק. כאווער זאָלעזשסקי וול. דער ערשטער רעפעראַט זיינער אף דער טעמע „וועגן אונזערע כלוקעדייעס מיט די מענשעוויקעס" האָט אוועקגעלייגט

א פעסטן פונדאמענט פאַר דער אידעאָלאָגישער פאַרפעסטיקונג פון דער באַל־שעוויסטישער ליניע.

אָנהויב 1911, מיטן אויפשטייג פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, הויבן זיך אָן עקאָנאָמישע שטרייקן. קעגן די אומלעגאַלע אַרבעטער־פאַריינען ווערן באַשאַפן לעגאַלע באַלעבאַטים־פאַרבאַנדן... דער ערשטער שטרייק, וואָס האָט זיך פאַרענדיקט מיט א טיילווייזן ניצאָכן פון די ארבעטער, איז פאָרגעקומען בא די שניידער־טאַנדעטניקעס; נאָכדעם גייט א שטרייק בא גאבריעלאָון, וואו די עקספּלואַטאַציע איז געווען אן אומגעהויערע.

דער אקשאָנעסדיקער כאַראַקטער פון אָט דעם שטרייק האָט צוגעצויגן צו זיך די שטאַרקסטע אויפמערקזאַמקייט פון די ארבעטער. נאָכדעם איז פאָרגעקומען א שטרייק אַף פרומינס זאַוואָד און אַנדערע. די אלע שטרייקן, מיט וועלכע ס'האָט אָנגעפירט אונזער אָרגאַניזאַציע, האָט באַדייטנדיק פארשטארקט אונזער איינפלוס צווישן די מאַסן.

אן אומגעהויערע ראָלע אינם פאַרטיפערן אונזער פאַרטייאישע אַרבעט האָט געשפּילט די „זוועזדא" [114]).

...דער טאָג, ווען ס'איז ארויסגעגאַנגען דער 1-טער נומער „פראַוודאַ [115]) איז געווען א יאָנטעוו בא דעם באַוואוסטזיניקן טייל פון די האָמלער אַרבעטער.

אין 1912 יאָר האָט די פּאָלעסיער אָרגאַניזאַציע שוין געציילט 7—8 קרייזלעך, ארום 10 מענטשן אין יעדערן. בעראָש פון יעדן קרייזל איז געשטאַנען אן אָנפירער—א מיטגליד פונם קאָלעקטיוו און א קאַנדידאַט, אפן פאַל פון אן ארעסט. די קאָלעקטיוויסטן פלעגן אויסגעקליבן ווערן דורך א געהיימער אָפּשטימונג, די פאַרזאַמלונג פון די קאָלעקטיוויסטן פלעגט אויסקלייבן א קאָמיטעט פון 5 כאַווירים. פון יעדן קרייזל פלעגט מען אויסטיילן די מער פעאיקערע כאַווירים, וועלכע מע פלעגט איבערגעבן די אָרגאַניזירונג פון א נייעם קרייזל. אָנפירער האָבן מיר געהאַט ווייניק. איינעם פלעגט אויסקומען צו אַרבעטן אין עטלעכע קרייזלעך.

אינטערעסאַנט איז צו באַצייכענען, ווי אזוי מיר פלעגן אריינעמען אין דער פאַרטיי.

איידער אריינצונעמען אין דער פארטיי אן ארבעטער, פלעגט מען אים אָנווייזן אַף דער געפאַר, דערקלערן אים די פראָגראַמען פון די איבעריקע שאָוויניסטישע און נאַציאָנאַליסטישע פאַרטייען און בלויז נאָך א לאנגדויערנדיקער אינדיווידועלער באארבעטונג פלעגט מען דעם ארבעטער אריינעמען אין א קרייזל. דאָרט פלעגט מען אים לערנען די קלאָלים פון קאָנספּיראַציע, ווי אַזוי צו האַלטן זיך אַף דער גאס, ווי אזוי צו באגעגענען זיך א. א. וו. מע פלעגט מיט אים דורכגיין די פראָגראַם־מינימום, אָנווייזנדיק גלייכצייטיק די באַציאונג פון אנדערע פארטייען צו דיזעלביקע פונקטן פון פראָגראַם. אין די קרייזלעך פלעגט מען א באזונדערע אויפמערקזאמקייט אָפּגעבן פארשיידענע דיסקוסיע־פראגן, באזונדערס פלעגט אלעמען אינטערעסירן די נאציאָנאלע און אגראר־פראגן.

פון צייט צו צייט פלעגט מען דורכפירן מאסאָווקעס, אָפט מיט די פּאָר-שטייער פון אנדערע פּאַרטייען, און אין די דיסקוסיעס מיט זיי פלעגט זיך אויסקריסטאַליזירן אונזער פּאַרטיי-ליניע און טאַקטיק.

אינגיכן איז אונטערגעקומען די וואַל-קאַמפּאַניע אין דער גאָסודאַרסטווע-נער דומע. דער פאָרשטייער פון צ. ק. כאַווער סאַפּראָנאָוו, וועלכער איז אין דער צייט געקומען צו פאָרן, האָט פאָרגעלייגט אַרויסצושטעלן אַ קאַנדידאַט. דער קאָמיטעט האָט אָנגעמערקט דעם אייזנבאַנער פּוסטאָוואָיטאָוו.

...דער בונד האָט אַרויסגעשטעלט דעם איצט באַוואוסטן מענשעוויק, ווייסגוואַרדייער גרישע אַראַנסאָן (געפינט זיך איצט אין בערלין).

...מיר האָבן געווענדעט אונזער אויפמערקזאַמקייט אַף די אייזנבאַן-אַר-בעטער, וועלכע האָבן געהאַט אַ צענז (הייזלעך) און וואַלרעכט. די שטאָט-אופּראַווע און די פּאָליציי האָבן אָנגענומען אַלע מיטלען, קעדיי ניט צו דער-לאָזן די אַרבעטער צו נעמען אַן אַנטייל אין די וואַלן. די וואַלן זיינען געווען באַשטימט אַף זונטיק: מע האָט געדאַרפט האָבן צייגענישן וועגן פּערזענלעכ-קייט. אַרויסגעגעבן זיי האָבן די פּאָליציי-צירקלען, און אָם דעם זונטיק זיינען זיי געווען „צופעליק" פאַרמאַכט. די אופּראַווע האָט אַלץ אָפּגעצויגן דאָס צו-נעמען דעם שטייער פון די אַרבעטער, ווייל די, וואָס האָבן ניט איינגעצאָלט צו דער צייט דעם שטייער, פלעגן ניט דערלאָזן ווערן צו די וואַלן.

איבערן שטאָט זיינען אַרומגעפאָרן פּאַטרולן, ס'האָט זיך געשאַפן אַ גע-דריקטע אַטמאָספער.

די רעזולטאַטן פון די וואַלן האָבן געגעבן דעם איבערוואָג דעם שוואַרצ-מייעניק. דער קאַנדידאַט פון אונזער פּאַרטיי האָט באַקומען 99 שטימען, דער מענשעוויק אַראָנסאָן 30, ראַיעווסקי 200 און דאָמבראָווסקי 600.

...אין האָמעל האָבן דעמאָלט עקזיסטירט אַ ריי קליינבירגערלעכע און שאָוויניסטישע פּאַרטייען (ס. ס., בונד, ציאָניסטן, ס. ר. א. א. וו.).

דער קאַמף מיט זיי האָט זיך נאָך מער פאַרשטאַרקט, אין צוזאַמענהאַנג מיטן טעגלעכן דערשיינען פון דער „פּראַוודאַ", פון מענשעוויסטיש-ליקווידאַ-טאָרישן „לוטש" און פון דער בונדישער „די צייט". „פּראַוודאַ" האָט געפירט אַן אָפענעם קאַמף מיטן מענשעוויזם, אויפדעקנדיק זיין ליקווידאַטאָרישע ריכטונג—און דערמיט האָט זי געהאָלפן אונזער אַרבעט.

...אַ ריי צוזאַמענשטויסן איז פאָרגעקומען אינם קאַמף פאַר דער וויר-קונג אין די פּראָפפאַריינען. אין אייניקע פאַריינען (פון די האַנדלס-אָנגעשטעל-טע, שניידער, דרוקער) האָבן מיר געהאַט אַ דאָמינירנדיקע ווירקונג.

די ס. ס. האָבן אָנגעהויבן צו פירן קעגן אונז אַ נידערטרעכטיקע קאַמפּאַניע, פאַרשפּרייטנדיק צווישן די אַרבעטער קלאַנגען, אַז מיר פאַרנעמען זיך בלויז מיט פּאָליטיק און אינטערעסירן זיך ניט מיטן קאַמף פאַר פאַרבע-סערן די לאַגע פונם אַרבעטער-קלאַס. זיי פלעגן זיך באַנוצן מיט ליגנס, קעדיי אונטערצוגראָבן אונזער ווירקונג אַף די אַרבעטער-מאַסן, זיי פלעגן אַרונטעררייסן די אַרבעטער-פאַרזאַמלונגען. דאָך, ניט געקוקט אַף אַלע זייערע שפּיצלעך, האָבן מיר דעם שניידער-פאַריין דערקעמפּט.

אף יעדן טריט פלעגט אונז אויסקומען אויסצוהאלטן אַ פאַרצווייפלטן קאמף מיט די ליקווידאטאָרישע און נאַציאָנאליסטישע עלעמענטן.

...אַ פאַרביסענער קאמף איז אָנגעגאַנגען אויך גופא אין דער פּאַרטיי־אישער אָרגאַניזאציע, וועלכע האָט פאַרייניקט, עמעס, אין אן אומבאַדייטנדי־קער צאָל, אויך מענשעוויקעס און „אָנהענגער פון פאַרייניקונג" („רווידעפ־שאָלעמניקעס"). אָפּן פלעגט זיך דערדאָזיקער קאמף אַרויסווייזן באם זאַמלען געלט פאר די צייטונגען, באם אויסשרייבן די אָדער יענע צייטונגען, באם אַרויסטראָגן באַגריסונגען, רעזאָלוציעס א. א. וו. דער קאַמף פלעגט זיך גע־ווינלעך פארענדיקן מיט אונזער ניצאָכן. מיר פלעגן אויסשרייבן 130—140 עקזעמפליארן „פּראַוודא" און סאכאקל 3—4 עקז. „סעווערנאַיאַ ראַבאָטשאַיאַ גאַזעטאַ" *). אלע געלט-זאמלונגען זיינען געגאַנגען אויסשליסלעך פאַר דער „פּראַוודאַ".

...אין 1913 איז דער פאַרשטייער פון דער דומע-פראַקציע כ. באַדאַיעוו געקומען קיין האָמעל, באַקאַנט זיך מיט דער אַרבעט, געגעבן א ריי דירעק־טיוון. די ארבעט האָט ער באַוויליקט. זיין אויסדריק: „איר זייט, יאָטן, כאַ־ווירים. וואָס מער איינגעשפּאַרטקייט" האָט אונז גרונטלעך אויפגעטרייסלט און האָט אונז אָנגעלאָדן מיט נייער ענערגיע.

דער 22-טער אפּרעל 1913 **) איז באַצייכנט געוואָרן מיט אַ ריי אַר־בעטער-פאַרזאמלונגען, אף וועלכע מע האָט גערעדט וועגן דער באַדייטונג פון דער ארבעטער-פּרעסע. אַ גרופּע אַקטיווע טוער האָט אָרגאַניזירט אַ פייערלעכע זיצונג מיט אַן אָוונט. מע האָט געהאלטן טאָסטן פאַר דער אַרבעטער-פּרעסע, דאָרט האָט מען אויך צונויפגעקליבן 16 רובל אין פאָנד פון „פראַוודא" און געשיקט איר אַ באַגריסונג.

די ארבעטער-פארזיכערונג האָט אין האָמעל ניט געהאַט קיין גרויסע באַדייטונג, צוליב דער אָפּוועזנהייט פון גרויסע אונטערנעמונגען, נאָר אַ קאמף מיט די ליקווידאטאָרן ארום דערדאָזיקער קאמפּאניע האָט זיך פאַנאנדערגע־פלאַקערט אַ שאַרפער.

...די ליקווידאטאָרן און די בונדיסטן פלעגן אַרויסרוקן נאָר טיילווייזע אומענדערונגען און דערגאַנצונגען צום געזעץ פון 1912 יאָר, באַשאַפנדיק דורך דעם באַ די אַרבעטער א אילוזיע, אז דערדאָזיקער געזעץ איז גאָר ניט אַזוי שלעכט. אָבער מיר פלעגן אים ! אנטשיידן אפּוואַרפן. מיר פלעגן אים אויסנוצן בלויז ווי אַ מיטל פאַרן פּאָליטישן קאמף.

די מערהייט פון די ארבעטער איז געשטאַנען אַף אונזער שטאַנדפּונקט.

אין דער צייט, וואָס די ליקווידאַטאָרן פלעגן אונז מאכן פאָרוואורפן, אַז מיר צעשפּאַלטן די אַרבעטער-באַוועגונג און אַז מיר זיינען צו פיל פאַר־קאַכט אין שטרייקן, פלעגט די פּאָלעסיער אָרגאַניזאַציע ברייט אויסנוצן דעם לאָזונג וועגן אייניקייט, וועלכן דער צ. ק. האָט געגעבן. ווען אין דער

*) טעגלעכע צייטונג פון די ליקווידאַטאָרן.

**) דער טאָג פון דער ארבעטער-פּרעסע.

„פראוודאַ" איז געבראַכט געוואָרן די יעדיע וועגן זועלבסטמאָרד פון אן אר-בעטער פונם זאַוואָד „נייער לעסנער" *), האָט די פּאָלעסיער אָרגאַניזאַציע געענטפערט דערויף אף אַ געהעריקן אויפן.

אף די מאַסאָווקעס, וועלכע זיינען צוליב דעם צונויפגערופן געוואָרן דורך אונזער אָרגאַניזאַציע, האָט מען גערעדט פאַר די אַרבעטער, אַז דער קאַפּיטאַליזם דערפירט די אַרבעטער נישט נאָר ביז א הונגעריק לעבן, נאָר אויך ביז דער טליע. אַף די מאַסאָווקעס האָט מען געקליבן געלט פאַר די שטרייקנדע אַרבעטער. בײַ אלע פאַריינען האָבן זיך געשאפן קאָמיסיעס אף צו העלפן די שטרייקנדיקע.

* *
*

דעם 1-טן מאַי 1910 האָט געפייערט אן ענגע גרופּע פון אַ 20 כא-ווירים. דער ערשטער מאַי 1911 האָט אָנגענומען אַברייטן כאַראַקטער. אים האָט שוין געפייערט א גרויסע צאָל ארבעטער; מע האָט ארויסגעלאָזן אויפ-רופן, אָרגאַניזירט אַ ריי פאַרזאַמלונגען מיטן אנטייל פון ארום 200 ארבעטער.

ערעוו דעם 1-טן מאַי 1912 זיינען שוין געווען גרויסע פאַרזאַמלונגען. דער קאמיטעט האָט ארויסגעלאָזן בלעטלעך. פון די בעסערע ארבעטער האָבן זיך אָרגאַניזירט אַטריאַדן, וועלכע זיינען געגאַנגען איבער די זאַוואָדן, וואר-שטאַטן און קלייטן און האָבן אַראָפּגענומען פון דער ארבעט. ...מיט א טאָג פריער זיינען געווען א ריי הויז-זוכונגען. דעם 1-טן מאַי זיינען איבערן שטאָט פארשטארקט געווארן די פּאַטרולן.

דער 1-טער מאַי 1913 האָט אָנגענומען נאָך אַ גראַנדיעזערן כאַראַקטער. אף די פאַרזאַמלונגען, וואָס זיינען געווען אָרגאַניזירט מיט אַ טאָג פריער, האָט זיך געשטעלט די פראַגע וועגן אָפענע דעמאָנסטראַציעס.

...דער 1914 יאָר איז געווען א יאָר פון אויפבליאונג פון דער פּאָ-לעסיער אָרגאַניזאַציע; דעמאָלט האָבן שוין עקזיסטירט 14—15 קאָלעקטיוון מיט 140—150 מיטגלידער.

די „אָכראַנקע" האָט אָנגעהויבן מער נאָכקוקן נאָך אונז.

ס'האָבן זיך אָנגעהויבן פעריאָדישע הויז-זוכונגען און ארעסטן, ס'זיינען פאַרפאָלגט געוואָרן נישט נאָר די אַקטיווע אנטיילנעמער פון רעוואָלוציאָנערן קאמף, נאָר אויך די אַדרעסאַטן פון „פראַוודאַ"... די זשאַנדאַרמען-פּאַרוואַל-טונג איז געווען גוט אינפאָרמירט וועגן אונזער אַרבעט, אדאַנק דעם פּראָוואָ-קאטאר מייעראָוויטש.

גראַד איז געקומען צו אונז אן אקטיווער טוער פון לעפאָרטאָווער ראַיאָן**), כאַווער ראמאַן אראָנאָוו. אינגיכן איז ער אַרעסטירט געוואָרן.

...ס'הויבט זיך אן אַ פאַרצויגענער שטרייק אף לאוויאַנאָווס ליניר-פאבריק, וועלכער האָט געדויערט ארום 3 כאדאָשים. אונזער קאָמיטעט האָט

*) אין פעטערבורג.

**) א שטאָט-טייל פון מאָסקווע.

גענומען די אָנפירונג מיטן שטרייק אַף זיך. א טייל אַרבעטער זיינען צוגע-טראָטן צו דער אַרבעט.

די כאַווייריס כאַווקין, ניימאַן און נאַטקין האָבן זיך געלאָזט גיין צו לאַוויאַנאָוון אַראָפּנעמען די שטרייקברעכער. לאַוויאַנאָוו האָט אַרויסגערופן פּאָליציי, נאָר אונז האָט זיך איינגעגעבן איבערצושניידן דעם טרייב-פּאַס.

מיר האָבן געמעלדעט די אַרבעטער, אַז מיר וועלן ניט אַוועקגיין, ביז די פּאָליציי וועט אונז ניט פֿאַרנעמען — די אַרבעטער האָבן געוואָרפן די אַרבעט. אין דעם מאָמענט איז געקומען פּאָליציי אונטער דער קאָמאַנדע פֿונם פּריסטאַוו לעבעדיעוו (איצט אַרבעט ער אין גובדאָרפּטרעסט!) ניימאַנען און כאַווקינען האָט זיך איינגעגעבן צו אַנטלויפן. נאַטקין איז אַרעסטירט געוואָרן.

באַנאַכט האָט מען אַרעסטירט אויך כאַווקינען און ער איז אָפּגעזעסן דריי כאַדאָשים.

...דער באַקוועד שטרייק[116]) האָט צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט פֿון אַלע אַרבעטער. דער קאָמיטעט האָט באַשלאָסן דורכצופירן אַ מאַסן-קאַמ-פּאַניע אַף צו שטיצן די שטרייקנדע. ס'איז אַרויסגעלאָזן געוואָרן אַ ספּעציעלע פּראָקלאַמאַציע. דרוקן דאָס בלעטל האָט מען איבערגעגעבן כאַטאַיעוויטשן, איליצקין און די ברידער ראַכלין. בעאַייס דער אַרבעט איז אָנגעקומען פּאָ-ליציי און אַרעסטירט אַלעמען. דאָס איז געווען אַ פֿילבאַרער קלאַפּ פֿאַר דער גאַנצער אָרגאַניזאַציע.

66. דער וואַוקס פֿון דער באָלשעוויסטישער ווירקונג.

(א. כאַנקין: „די האָמלער באָלשעוויסטישע אָרגאַניזאַציע אין די לענער טעג“. „באַכריכטן פֿונם האָמלער גובערניאַלן קאָמיטעט פֿון ר. ק. פּ.“, נומ. 23, ז. 33—34).

...מע קאָן פֿעסט באַהויפּטן, אַז נאָך די לענער געשעענישן האָט די אַרבעטער-באַוועגונג שטאַרק אויפֿגעבליט. ווי שוואַמען האָבן אָנגעהויבן אויס-וואַקסן פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַריינען. פֿריער האָבן זיך אָנגעהויבן שטרייקן אין קליינע וואַרשטאַטן, דערנאָך האָבן זיי זיך איבערגעוואָרפֿן אין די גרעסערע. דער פּאַרטיי-קאָמיטעט האָט באַשטימט אומבאַדינגט באַקומען אַ ווירקונג אַף די פּראָפֿפֿאַריינען. דורך די פֿאַריינען האָבן מיר געשטרעבט אַריינצודרינגען אין די ברייטע פּראָלעטאַרישע מאַסן. אין שטאָט האָבן מיר זיך קוידעמקאָל גענומען פֿאַר די נאָדל-אַרבעטער. דאָ האָבן מיר געמאַכט אַן עמעסע איבער-קערעניש: פֿון 9 „ט. ס.“ און בונדיסטן איז אין דער פֿאַרוואַלטונג געבליבן נאָר איינער—אַראָן גראָזני. דערנאָך האָבן מיר זיך צוזאַמענגעשטויסן מיט די בונדיסטן אין פּריקאַזטשיקעס-פֿאַריין. דערדאָזיקער פֿאַריין איז געווען זייערע אַ פֿעסטונג, און מיר האָבן זיך דערשלאָגן צוויי ערטער אין דער פֿאַרוואַל-טונג: פֿאַר אונז האָבן געשטימט די פּריקאַזטשיקעס און פּריקאַזטשיצעס, וועלכע זיינען עקספּלואַטירט געוואָרן ניט בלויז דורך די באַלעבאַטים, נאָר אויך דורך די עלטערע פּריקאַזטשיקעס...

אף דער אייזנבאַן זיינען באַ אונז שנעל געוואַקסן קרייזלעך. אַזעלכע זיינען שוין געווען אין אַסאַך צעכן. די ס.ד.=רעוו. האָבן אַהין אַפילע קיין צוטריט ניט געהאַט. די אייזנבאַן-וואַרשטאַטן זיינען געווען די פעסטע בּאַלשעוויסטישע בּאַסטיליע[117]. טעגלעך פלעגן דאָרט פאָרקומען לימודים אין די קרייזלעך, און אַלגעמיינע פאַרזאַמלונגען — זונטיק אין לוביאַנסקער וואַלד.

פון צ. ק. האָבן מיר נאָך באַקומען ווייניק ליטעראַטור, נאָר אין פאַרגלייך מיטן 1911 יאָר איז אויך אין דעם פּראַט געווען אַן אויפלעבונג.

די מיטגלידס-אָפּצאָלונגען זיינען אַריינגעטראָגן געוואָרן פּינקטלעך. די פאַרשפּרייטונג פון דער פּרעסע איז געגאַנגען גוט.

אין צוזאַמענהאַנג מיטן וואוקס פון דער אַרבעטער-באַוועגונג זיינען אַנטשטאַנען בּאַלעבאַטים-אָרגאַניזאַציעס. ס'האָט זיך אָרגאַניזירט אַ האַנדלס-אינדוסטריעלער פאַרבאַנד און אַ סאָכרישער קלוב, וועלכער האָט פאַראייניקט אַלע גרויסע, מיטעלע און אפילע קליינע אונטערנעמער. ...די קליינע באַלעבאַטים האָבן אָרגאַניזירט אַ שוטפעסע קלייט, ס'האָט זיך געבילדעט אַ פאַרבאַנד פון שניידער-באַלעבאַטים. דער לעצטער האָט אויסגעטיילט אַ פאַרוואַלטונג פון גוט באַקאַנטע די האָמלער אַרבעטער באַלעבאַטים: לייבע עלקין, לייבע פייגין, אָזערסקי, קאַנטאַראָוו א. א. אַלס ענטפער אף די פאָדערונגען פון די אַרבעטער, האָבן די באַלעבאַטים געמעלדעט אַ לאָקאַוט. דאָס איז געווען איינער פון די גרעסטע לויטן האָמלער מאַסשטאַב לאָקאַוטן. ס'האָבן זיך אָנגעהויבן פאַרפאָלגונגען, אָבער זיי האָבן ניט אָפּגעשוואַכט די אַרבעטער-באַוועגונג. ס'איז געשאַפן געוואָרן אַ באָיקאָט=קאָמיסיע, אין וועלכער ס'איז אַריינגעגאַנגען איינער פון אונז, איינער פון בונד און איינער פונם פּראָפּאַריין. מיט די שטרייקברעכער פלעגן מיר שטאַרק קעמפן. דער קאַמף מיט די שניידער-באַלעבאַטים האָט זיך געענדיקט מיט אונזער ניצאָכן. נאָכדעם האָבן זיך אָנגעהויבן שטרייקן אין אַנדערע פאַכן און פאַריינען. די פּראָפּאַריינען, האָגאָם זיי זיינען געווען אומלעגאַלע, דאָך האָבן זיי געהאַט אַ גרויסן אויטאָריטעט. די פּאַרטיי האָט אין זיי געפירט אַ גרויסע דערציערישע-רעוואָלוציאָנערע אַרבעט. זי האָט אַריינגעצויגן די אַרבעטער אין די פאַריינען, און דאָרט האָט זי פון זיי דערצויגן רעוואָלוציאָנערן.

67. די „פּראַוודאַ" און די מאָלעווער אידישע אַרבעטער.

(סשערנאַגלאַז: „די „פּראַוודאַ" אין דער פּראָווינץ" (מאָלעוו 1912 — 1914). „נאַכריכטן פון האָמלער גובערניאַלן קאָמיטעט פון ר. ק. פ." 1922. נומ. 30, ז. ז. 33—34).

...אָנהויב 1913 האָט די אַרבעטער-און פּריקאַזטשיקעס-יוגנט אָנגעהויבן אינטערעסירן זיך מיט דעם, ווי ס'לעבן און קעמפן די אַרבעטער אין רוסלאַנד.

אַלס ווענדפּונקט דאַרף אָנערקענט ווערן „די לענער צעשיסונג". צו יענער צייט הויבן שוין אָן אַריינצופאַלן אין מאָלעוו די „זוועזדאַ" און שפּעטער די צייטונג „פּראַוודאַ"... לויט אונזער פאָרשלאַג, הויבט אָן דער אָרטיקער צי-

טונגס-פאַרקויפער אויסצושרייבן די „פּראַוודא", וועלכע ער האט פאַרקויפט אין זיינע קיאָסקן.

דער אינטערעס פון די אַרבעטער צו דער „פראוודא" איז געשטיגן. מע פלעגט זי פּאָשעט צעכאַפּן. אָבער צוליב דאָס אָפטע קאָנפיסקירן די צייטונג און די פאַרפאָלגונגען פון די צייטונגס-פאַרקויפער, האָט גאָטקין *) אָפּגעזאָגט זיך אויסצושרייבן די „פּראַוודא". דעמאָלט האָבן מיר באַשלאָסן אָרגאַניזירן אַ קאָלעקטיוון אַבאָנעמענט. אין מעשעך פון עטלעכע טעג האָט זיך אונז איינגעגעבן צו שאַפן 30 אַבאָנענטן... מיט יעדן כוידעש איז די צאָל אַבאָנענטן געוואַקסן. אין 1913 האָבן מיר געהאט העכער 40 אַבאָנענטן.

...אַדאַנק דער פאַרשפּרייטונג פון דער „פּראַוודא", האָט זיך אונזי אַ קליינער גרופּע, איינגעגעבן צו אָרגאַניזירן אַ קרייז אַף צו דערלערנען דעם מאַרקסיזם און רעוואָלוציאָנערן קאַמף, אין וועלכן ס'זיינען אריינגעגאַנגען באַ 50 אַרבעטער פון פאַרשיידענע פאַכן און פריקאַזטשיקעס, וועלכע זיינען גע- שטאַנען קימאַט איינגאַנצן אַפן באָלשעוויסטישן שטאַנדפּונקט פון „פּראַוודא". מיר האָבן אויך פאַרשפּרייט דעם באָלשעוויסטישן פריקאַזטשיקעס-אָרגאַן „וועסטניק פּריקאַזטשיקא". קעדיי בעסער צו אָריענטירן זיך אין פּראַקציאָנעלן קאַמף צווישן די באָלשעוויקעס און ליקווידאַטאָרן, האָבן מיר אויך אויסגע- שריבן 2 עקזעמפּלאַרן פון ליקווידאַטאָרישן „לוטש", פּלעכאַנאָווס „יעדינסטוואָ" און ל. טראָצקיס אָרגאַן „באָרבאַ" [118]). מאַכמעס אין מאָלעוו זיינען געווען אַסאַך ארבעטער, וואָס האָבן געלייענט אויסשליסלעך אידיש, האָבן מיר אויס- געשריבן אויך די בונדישע „צייט". ניט איינמאָל אָבער האָבן מיר אונטער די אויגן פאָרגעוואָרפן דעם אונז אומבאַקאַנטן באָלשעוויסטישן צענטר, וואָס ער גיט ניט ארויס קיין צייטונג און ליטעראַטור אין אידיש, צוליב וואָס מיר זיינען געווען געצוואונגען צו שפּייזן די, וואָס לייענען נאָר אין אידיש, מיט דער ליקווידאַטאָרישער „צייט".

דורך דער „פּראַוודא" פלעגן מיר זיך דערוויסן וועגן אַלע געשעענישן אין צענטראַל-רוסלאַנד, וועגן אַלע קאַמפּאַניעס, וואָס ווערן דורכגעפירט צווישן די אַרבעטער, דורך דער צייטונג האבן מיר איינגעשטעלט א פאַרבינדונג מיט דער באָלשעוויסטישער פראַקציע פון דער גאָס. דומע.

אַף אַלע וויכטיקערע געשעענישן האָבן מיר רעאַגירט. צום ביישפּיל, דער יאָרצייט פון דער לענער צעשיסונג, דער טויט פון אווגוסט בעבעל, דער אַלרוסלענדער פריקאַזטשיקעס-צוזאַמענפאָר, דער יאָרטאָג פון „פּראַוודא", ביי- ליסעס פּראָצעס *), דער שטרייק אַף לעסנערס זאַוואָד אין פּעטערבורג, וועל- כער איז געווען ארויסגערופן צוליבן זעלבסטמאָרד פון אַ מאָלעווער ארבעטער יאנקעוו סטראַנגין, וואס האָט דאָרט געארבעט א. א. וו.

אין צוזאַמענהאַנג מיט די אַלע געשעענישן פלעגן מיר צוזאַמענקלייבן קרייזלעך און פאַרזאַמלונגען, ארויסטראָגן רעזאָלוציעס, אָרגאַניזירן געלט- זאַמלונגען.

*) דער אָרטיקער צייטונגס-פאַרקויפער.

**) זע ווייטער ז. 246.

...אין 1912, אין דער צייט פונם ערשטן שטרייק, האָט זיך אָרגאַניזירט אַ גאַרבער-פאַריין, אין וועלכן ס'זיינען געווען פאַרייניקט 200 אַרבעטער. דער פאַריין האָט דורכגעפירט דריי שטרייקן. די פּריקאַזטשיקעס האָבן זיך געגרייט צום אַלרוסלענדישן צוזאַמענפאָר און באַמיט זיך צו אָרגאַניזירן אַ לעגאַלן פאַריין—אַ קערנדל פון אַן אומלעגאַלן פאַריין האָט עקזיסטירט. ס'האָבן זיך אויך אָרגאַניזירט א נאָדל-פאַריין און אַ פאַריין פון איינבינדער. דער לעצטער אָבער איז אינגיכן צעפאַלן.

די ערשטע צייט האָבן די בונדיסטן געהאָלפן אונז, יונגע און ווייניק דערפאַרענע טוער, אָנפירן מיט דער פראָפעסיאָנעלער באַוועגונג. נאָכדעם אָבער, ווי זיי האָבן זיך איבערצייגט, אז מיר גיבן זיך ניט אונטער דער בונדישער ווירקונג, האָבן זיי אונז פאַרלאָזן און אויפגעהערט צו העלפן אונז. מיר האָבן דעמאָלט באַשלאָסן אָרגאַניזירן אַ זעלבשטענדיקן קרייז, וועלכער איז אנטשטאַנען סאָף זומער 1913 אונטערן נאָמען „קאַרל מאַרקס". מיר האָבן אויסגעקליבן אַ ביוראָ פון 5 כאַווײַרים, פון וועלכע פיר זיינען איצט קאָמוניסטן, אקטיווע טוער. די צילן פונם קרייז זיינען געווען: דערלערנען דעם מאַרקסיזם, פאַרשפּרייטן די מאַרקסיסטישע אידייען צווישן די אַרבעטער, אָרגאַניזירן די אַרבעטער, אָנפירן דורך זיינע מיטגלידער מיט דער פראָפעסיאָנעלער באַוועגונג א. א. וו. אינגיכן האט דער קרייז צונויפגעקליבן א ביבליאָטעק פון 1200 ביכער, ...ס'האָט זיך איינגעגעבן צו אָרגאַניזירן אַ נעץ קרייזלעך פון אַרבעטער און אַרבעטערינס.

...אָנהויב 1914 האָט זיך אונז איינגעגעבן דורכצופירן צווישן די אַרבעטער די אַנקעטע פון דער באָלשעוויסטישער דומע-פראַקציע.

...אין פעוורואַל 1914 האָט די זשאַנדאַרמעריע געמאכט א ריי הויז-זוכונגען און אַרעסטירט צוויי כאַווײַרים... בא איינעם פון די אַרעסטירטע האָט מען געפונען רעשימעס פון מיטגלידער, און אַף דעם סמאָך האָט מען צו דער אויספאָרשונג צוגעצויגן ביז 200 גאַרבער, פּריקאַזטשיקעס, שניידער און אַנדערע אַרבעטער... די אַרבעט איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן... זומער איז פאָרגעקומען אַן אלגעמיינער שטרייק פון די גאַרבער, וועלכער האָט זיך געצויגן ביז דער מילכאָמע. דער שטרייק האָט זיך פאַרענדיקט מיטן אַרעסט פונם שטרייקקאָמיטעט... גלייך נאָכדעם האָט אויסגעבראָכן די מילכאָמע...

68. די דווינסקער באָלשעוויסטישע אָרגאַניזאַציע.

(„סאָציאַל-דעמאָקראַט", נומ. 31, יוני 1913).

בא אונז הויבט אָן די אַרבעט איינצושטעלן זיך. ס'עקזיסטירט אַן אָרגאַניזאַציע, אַן אויסגעקליבענער קאָמיטעט פון 3 כאַווײַרים. מיר האבן אַרויסגעלאָזן 4 העקטאָגראַפירטע בלעטלעך. אַף דער אלגעמיינער פאַרזאַמלונג פון די מיטגלידער פון דער אָרגאַניזאַציע איז אָנגענומען און באַשטעטיקט געוואָרן דער סטאַטוט, וועלכן מיר וועלן אָפּשיקן אַף צו באַשטעטיקן דעם צ. ק.

די גרופּע האָט פאַרבינדונגען מיטן פּעטערבורגער קאָמיטעט און מיט די אָרגאַניזאַציעס פון דער לעטישער געגנט. ס'איז געקומען אהער א פאָרשטייער פון די ליקווידאַטאָרן, נאָר אוועקגעפאָרן איז ער מיט גאָרנית. ס'פּילט זיך א גויט אין אומלעגאַלער ליטעראַטור.

69. די וואַסילקאָווער אידישע ארבעטער און די „פּראַוודא".

(א וואַסילקאָווער: „אונזער צייט", 1914, נומ. 3).

„...די לעצטע צייט האָבן זיך אָנגעהויבן צאַנקערייען. א פּאָר ארבעטער, וואָס האָבן זיך אָנגעלייענט מיט די „פּראַוודעס", און אָנגעשמעקט מיטן סאָם פון פראַקציאָנעלער מילכאָמע, האָבן געהאַלטן פאַר זייער הייליקן כויוו אויפצוהויבן א קאַמף קעגן די ארבעטער, וואָס לייענען די צווייטע ארבעטער-צייטונג „סעווערנאַיאַ ראַבאָטשאַיאַ גאַזעטאַ" און די „צייט". ווען אף א פאַרזאַמלונג איז פאָרגעלייגט געוואָרן זאַמלען געלט פאַר דער „צייט", האָט איינע (אַן „עכטע" מאַרקסיסטקע) געשריען, אז זי קאָן בעשום אויפן ניט דערלאָזן, אז די אַרבעטער זאָלן שטיצן די „צייט", וועלכע איז אין גרונט גענומען נאָר א ליבעראַלע צייטונג. נאָך איינער א פריש-געבאַקענער „פּראַוודיסט" האָט געטאַינעט צווישן אוילאָם, אז די „צייט" איז פּורישקעוויטשעס אַן אָרגאַן (? א. ק.). די מערהייט האָט זיך ארויסגעזאָגט פאַר דער „צייט".

דעם 22-טן אַפּרעל, אינעם טאָג פון דער ארבעטער-פּרעסע, האָבן די „פּראַוודיסטן" געוואָלט מאַכן פאַר זיך א פאַרזאַמלונג. קעדיי ס'זאָל ניט צעשפּאַלטן ווערן דער יאָנטעוו, האָבן די אָנהענגער פון דער „צייט" און פון „נאַשאַ ראַבאָטשאַיאַ גאַזעטאַ" באַשטימט ניט מאַכן קיין באַזונדערע פאַרזאַמלונג און קומען אף די, וואָס די „פּראַוודיסטן" האָבן צונויפגערופן. די פּראַוודיסטן האָבן דערקלערט, אז דאָס איז זייערע א פאַרזאַמלונג און זיי ווילן „פרעמדע" ניט געבן קיין וואָרט. די מערהייט האָט אָבער באַשטימט געבן א וואָרט אַלעמען. די „פּראַוודיסטן" האָבן ניט געלאָזן איבערלייענען דעם אויפרוף פון דער ס. ד. פראַקציע צו דעם טאָג פון דער אַרבעטער-פּרעסע: „די פראַקציע, האָבן זיי געשריען, באַשטייט פון ליקווידאַטאָרן".

„...אינגאַנצן ציילן בא אונז די פּראַוודיסטן 19 אָנהענגער. א באַוועגונג איז בא אונז א קליינע, אָבער אין דעם איניען פון צאַנקעריי שטייען מיר ניט אָפּ פון די גרויסע שטעט.

70. דער בונד וועגן די אויפגאַבן פון די פּראָפאַריינען.

(א—ר: „אונזערע אויפגאַבן", „פּראָפעסיאָנעלער לעבן", 1914, נומ. 1. אומזיסטע ביילאַגע צו „אונזער צייט", נומ. 4).

וויכטיקע, גרויסע אויפגאַבן שטייען פאַר דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג אין טכום. אונזער פּראָפעסיאָנעלער אָרגאַן וויל העלפן די אידישע ארבעטער צו פאַרשטיין דידאָזיקע אויפגאַבן, צו לייזן און צו דערפילן זיי.

די שטרייק-באַוועגונג פון די לעצטע יאָרן האָט אין געוויסע פאַכן, אין געוויסע ערטער געהאַט אַן ערפאָלג: נאָך פיל מי און פיל קאָרבאָנעס האָט געלונגען צוריק ארויסצורייסן יענע דעראָבערונגען, וועלכע מע האָט פארלאָרן אין דער צייט פון רעאַקציע.

דארף מען גוט איינכאזערן די לערן פון דער רעאַקציע. דאַרף מען געדענקען, אז דאָס איינגענומענע קאָן צוריק פאַרלאָרן ווערן, ווען ס'בייט זיך די עקאָנאָמישע סיטואציע. דאַרף מען ניט פאַרגעסן, אַז דאָס איינגענומענע דארף מען באפעסטיקן, פאַרשטארקן, קעדיי קיין פיינטלעכע קראפט זאָל עס ניט קאָנען ארויסרייסן צוריק.

ס'איז ווייניק דורכצופירן א שטרייק, געווינען אים און דערנאָך בארואיקן זיך. מע דאַרף טראַכטן, וואָס וועט זיין דערנאָך. ווען די פּראָפעסיאָנעלע באוועגונג איז נאָר א שטרייק-באוועגונג, ווען די פּראָפעסיאנעלע ארגאניזאציע איז נאָר א שטרייק-קאָמיסיע,—דאַן איז ניט גוט. דאן באטייט דאָס, אז פיל-פיל קרעפטן גייען לעאיבעד, אז די ניצכוינעס זיינען שיינבארע, אז דער פּראָצענט מאפּאָלעס מוז זיין זייער גרויס.

אויסבויען א מעכטיקע, שטאַרקע אלזייטיק באוואָפנטע עקאָנאָמישע קאַמפּס-אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל בעקויאַך זיין אויסצוהאלטן די שווערסטע, די הארטעסטע שלאכטן, וואָס זאָל קאָנען ארויסשטעלן קעגן דער מאַכט פונם קאַפּיטאל די אייגענע מאַכט פונם גאנצן רוסלענדער פּראָלעטאַריאַט—דידאָזיקע היסטאָרישע אויפגאבע שטייט פאַרן רוסלענדער ארבעטער-קלאַס; און ער וועט זי ערפילן, עס מעג זיין וואָס עס וויל, ניט קוקנדיק אַף קיינע שטערונגען, אַף קיינע קארבאנעס. אין זיין דראַנג צו מאַכט, צו אייניקייט וועט ער זיך ברעכן א וועג דורך די געדיכטע דערנער, וועט ער, שמידנדיק זיין קראַפט, אַף יעדן שריט, אַף יעדן טריט דערשלאָגן זיך יענע באַדינגונגען, באַ וועלכע ער וועט באקומען די פולע מעגלעכקייט פריי זיך צו ארגאַניזירן.

...אין טכום, וואו ס'האָבן ניט אויפגעהערט צו ווירקן די פּראָלעטאַרישע אָרגאַניזאַציעס, האָט דער עקאָנאָמישער קאמף שטענדיק געהאַט א וועלכע ניט איז אָנפירונג. אָבער אין פראַט פון עקאָנאָמישער אָרגאניזאציע איז נאָך פאַראַן אומגעהויער פיל צו שאַפן. פיל ארבעט און קאַמף איז נויטיק, די פּראָפעסיאָנעלע באוועגונג אין טכום זאָל ארויסגיין אַף א ברייטן וועג. און די אידישע אַרבעטער, וואָס די פּאָליטישע און בירגערלעכע רעכטלאָזיקייט לייגט זיך מיט א באַזונדער מאסע אַף זייער עקאָנאָמישער לאַגע, וואָס זיינען אזוי שטאַרק צעברעקלט אין קליינע ווערקשטאַטן און ארבעטן אין אַזעלכע פאַבריקן, וואו די עקספּלואטאציע איז אַמשטאַרקסטן, זיינען גאָר באזונדער פאַרינטערעסירט אין שאַפן וואָס איינהייטלעכערע, וואָס שטאַרקערע פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס, און צוזאַמענשמעלצן די פּראָלעטאַריער פון אַלע נאַציאָנען אין איין גרויסער קראַפט.

שאַפן ברייטע, אָפענע פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען — דאָס איז די ברענענדסטע, די וויכטיקסטע אויפגאבע פון אונזער עקאָנאָמישן קאַמף. די פאַכאָווע קאָמיסיעס דאַרפן פאַרוואנדלט ווערן אין פאַריינען; די פאַריינען דאַרפן שטרעבן

אַרומצונעמען דעם גאנצן פאך. די קליינע פארוואנדטע פאכן דארפן זיך צוזאמענשליסן, פאַריינען פון באזונדערע שטעט דאַרפן זיך וואָס ענגער פארבינדן, בויען א געמיינזאמע פאכאווע ארגאניזאציע. אָפענע מאַסן-אָרגאניזאציעס—דאָס דארף זיין דער לאָזונג.

אוואדע איז בעסער א פאכאווע קאָמיסיע, איידער גאָר קיין שום ארגאַניזאציאָנס-קערן ניט. אוואַדע איז בעסער א קליינער פאַריין, איידער גאָר קיין שום פאַריין ניט. אָבער בא אונז איז ליידער פאראַן א טיף איינגעווארצלטער יאוש בענויגייע צו בויען, צו קעמפן פאַר אָפענע פראָפעסיאָנעלע ארגאניזאציעס. בא אונז שטעלט מען זיך אָפט צופרידן מיט אַן אומפאראנטוואָרטלעכער פאַכאווער קאָמיסיע, אנשטאט אָנווענדן אלע קויכעס, זי זאָל פאַרביטן ווערן דורך א פאריין; מע באנוגנט זיך מיט א קליינעם שוואכן פאַריין, אָנשטאָט פירן א שטענדיקע, איינגעשפארטע ארבעט פון פאַרברייטערן און פארפעסטיקן אים. דער אידישער ארבעטער וועט גאָר אָן איינריכטונגען אין דעם געביט ניט בלייבן; וועלכע ניט איז צעלן וועט ער שטענדיק באשאַפן. אָבער די אויפגאבע פון דעם אוואנגארד איז ניט אוועלכע ניט איז ארגאניזאציע, א שטיקל ארגאניזאַציע שאַפן, די אויפגאבע פון אוואנגארד איז שאַפן אַ שטאַרקע, קאמפספעאיקע ארגאַניזאציע... דאפקע די פאכאווע קאָמיסיעס, וואָס זיי נעמען אריין די אקטיווסטע, איבערגעגעבנסטע טוער, דארפן זיך שטעלן פארן ערשטן, וויכטיקסטן ציל פארביטן צו ווערן דורך פאריינען.

א ניט אָפענער פאריין קאָן אריינעמען א גאנץ באַדייטנדע צאָל מיטגלידער. אָבער די זעלבסטעטיקייט פון דער מאסע, דער קאָנטראָל אירער, דאָס געפיל פון פאראנטוואָרטלעכקייט, דער אויפבוי פון א שטארקער קאַסע—דאָס אלץ זיינען זאכן, וועלכע ס'איז אומגעהויער שווער דורכצופירן אין אַן אומלעגאלן פאריין.

...בא אונז זינדיקט מען שווער בענויגייע צו לעגאליזירן די פאריינען. ס'ווערט ניט געטאָן א הונדערטכיילעק פון דעם, וואָס קאָן און מוז געטאָן ווערן. לעגאליזירן די פאריינען! דערדאָזיקער לאָזונג דאַרף אַריינגיין אין בלוט און פלייש ניט נאָר פון די טוער, נאָר פון אלע באוואוסטזיניקע ארבעטער.

די פראָפעסיאָנעלע אָרגאניזאציע קאָן זיין א קראפט, נאָר ווען זי נעמט ארום די ברייטע מאַסן, ווען זי איז איינהייטלעך.

אונזער פראָפעסיאָנעלע באוועגונג איז צעברעקלט, ס'עקזיסטירן באזונדערע פאַריינען אין פארוואנדטע פאכן (שוסטער און שטעפער; איינבינדער און דרוקער). און די גרעסטע צאָרע—זיי זיינען צעברעקלט לויט די נאציאָנען. אלע קרעפטן דארפן אָנגעווענדעט ווערן, קעדיי דורכצופירן אין לעבן אונזער אלטן קלאל—אינטערנאציאָנאלע פאריינען.

די פאריינען מוזן זיין אינטערנאַציאָנאל, זיי מוזן ארומנעמען אלעמען, פאָליאקן, אידן, רוסן, דייטשן; זיי מוזן זיין אינטערנאציאָנאל, ווייל אינם טאָגטעגלעכן געמיינזאמען קאמף און געמיינזאמער ארבעט פאלן די ווענט פון

קינסטלעכע נאַציאָנאַלע פּאַרוטיילן, ווערט געשמידט די עמעסע ברידערלעכ־קייט און סאָלידאַריטעט.

...קיין באַזונדערע אידישע, פּוילישע, דייטשישע, לעטישע פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונג. איין באַוועגונג אין טכום, איין פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציע פונם גאַנצן אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט—אף יעדן שריט און טריט, אין יעדן פּראַט פון טאָג־טעגלעכער אַרבעט מוז מען דורכפירן דעמדאָזיקן פּרינציפּ. ביז וואַנען ער וועט ניט פאַרווירקלעכט ווערן, וועט די פּראָפעסיאָנעלע באַ־וועגונג אין טכום ניט זיין געזונט.

אַבער ניט נאָר אין יעדער באַזונדערער שטאָט, אין יעדן ראַיאָן, אין גאַנצן טכום דאַרפן די אַרבעטער פון אַלע נאַציאָנען אַריינגיין אין איין פּראָפעסיאָ־נעלער אָרגאַניזאַציע.

...די פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונג פון גאַנצן לאַנד מוז פאַראייניקט ווערן. די אַרבעטער פון איינצלנע שטעט און ראַיאָנען מוזן דערפילן זייער איינהייט, זייער פאַרבונדנקייט מיט דער באַוועגונג פון גאַנצן לאַנד... מיט אַלע קויכעס דאַרף מען זען מיטהעלפן דער פאַראייניקונג פון אָרטיקע און ראַיאָנע אָרגאַ־ניזאַציעס צווישן זיך, דער צענטראַליזירונג פון דער פּראָפעסיאָנעלער באַווע־גונג אין רוסלאַנד. דער אַרבעטער פון ווילנע, וואַרשע, בערדיטשעוו דאַרף אָרגאַניזאַציאָנעל פאַרבינדן זיך מיט זיינע כאַווירים פון פּעטערבורג, מאָסקווע. דאָס איז אַ ברענענדע פּראַקטישע באַדערפעניש, אָן וועלכער די פּראָפעסיאָנע־לע באַוועגונג קאָן קיין קראַפט ניט ווערן.

בויען מאַסן־אָרגאַניזאַציעס, אָפענע, פעסטע, געבויט אָפן פּרינציפּ פון אינטערנאַציאָנאַליטעט און זעלבסטעטיקייט, ווי ווייט מעגלעך פאַרבונדענע צווישן זיך און מיט דער גאַנצער רוסלענדער באַוועגונג—דאָס דאַרף זיין די אויפגאַבע פון די באַוואוסטזיניקע אַרבעטער אין טכום; די אידישע אַרבעטער דאַרפן אַלע קויכעס אָנווענדן, דידאָזיקע אויפגאַבן זאָלן וואָס בעסער, וואָס גרינגלעכער דערפילט ווערן.

די געשיכטע פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין טכום ביכלאַל, און פון דער אידישער באַוועגונג ביפּראַט, זאָגט אונדז קלאָר און דייטלעך, מיט וואָס פאַר אידייען דידאָזיקע מאַסן־אָרגאַניזאַציעס וועלן דורכגעדרונגען זיין, און־טער וואָס פאַר אַן איינפלוס זיי וועלן שטיין. קעמפנדיק פאַר די טאָג־טעגלע־כע עקאָנאָמישע אינטערעסן פונם אַרבעטער, פירנדיק אַן אומויפהערלעכן קאַמף פאַר זייער קיעם, וועלן זיי אין דערזעלבער צייט קיינמאָל ניט אָפּ־ווענדן זייער בליק פון די ענד־צילן, וואָס שטייען פאַרן גאַנצן אַרבעטער־קלאַס. זיי וועלן גיין האַנט אין האַנט מיט זייער פּאָליטישער אָרגאַניזאַציע אינם וועג צום ענד־ציל, צו דער ענדגילטיקער באַפרייאונג פון דער מענטשהייט.

71. די א. ס. ד. א. פּ. (פּױאַלײ־ציאָן) װעגן דער באַפרײאונג.

(רעזאָלוציע פון דער VI-טער קאָנפערענץ. „דער אידישער אַרבעטער“, 1913, נ. 5).

1...) אונזער העכסטער פּרינציפּ בענויגייע פּראָפעסיאָנעלער טעטיקייט איז די איינהייטלעכקייט פון דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג. די טאַקטיק פון אינטערפּאַרטייאישע פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען האָט דעם צוועק אָפּצוהיטן די איינהייטלעכקייט פון דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג בא דער צעשפּליטערונג פון דער אידישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. וואו אנדערע פּאַרטייען, אַכוץ פּויאַ-לײ-ציאָן, פירן ניט קיין פּראָפעסיאָנעלע טעטיקייט, דאַרפן געגרינדעט ווערן אומפּאַרטייאישע פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען, וואָס געפינען זיך אונטער דער ווירקונג פון אונזער אָרגאַניזאַציע און אונזער וועלט-אנשויאונג.

2) אין יענע שטעט, וואו ס׳זיינען פאַראַנען עטלעכע פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען, דאַרפן זיי בילדן אַ שטאָטישע צענטראַל-ביוראָ, וואָס באַשטייט פון פאָרשטייער פון אלע פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען.

3) ס׳דאַרפן אָרגאַניזירט ווערן פּראָפעסיאָנעלע פאַך-פאַרבאַנדן, וואָס נע-מען אַרום אלע פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען פון אַ געוויסן פאַך אַף אַ מעגלעכסט גרעסערן טעריטאָריום.

4) די קאָנפערענץ באַאויפטראַגט דאָס צ. ק. אַרויסצוגעבן פּאָפּולערע פּראָפעסיאָנעלע ליטעראַטור, סאַי אלגעמיינע, סאַי פאַר איינצלנע פאַכן און אָפּגעבן אין פּאַרטיי־אָרגאַן אַ ברייטן פּלאַץ דער פּראָפבאַוועגונג.

5) אלע פּאַרטיי-מיטגלידער, וואָס געהערן צו אַ באַשטימטן פאַך, דאַרפן אַריינגיין אין אַ פּאַרטייאישער פאַך-גרופּע, וואָס דאַרף סאָלידאַריש אַרויסטרעטן אינעם פּראָפעסיאָנעלן פאַריין.

6) אנערקענענדיק דעם פּרינציפּ פון אינטערנאַציאָנאַלע פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס, פאָרלאַנגט די קאָנפערענץ, אַז די אינטערנאַציאָנאַלע פּראָפע-סיאָנעלע פאַריינען זאָלן געבויט ווערן אַף נאַציאָנאַל-פעדעראַטיווע יעסוידעס, און זאָלן אין זייער עקאָנאָמישער און קולטורעלער טעטיקייט באַפרידיקן די נאַציאָנאַלע אינטערעסן פון זייערע מיטגלידער.

72. די באַשטימונגען פון דער שניידער-קאָנפערענץ [119].

(„אַ שניידער-קאָנפערענץ“. „צייט“, 1914, נום. 4).

...באַקענענדיק זיך מיט דער פראַגע וועגן שניידער-צוזאַמענפאָר, געפינט די קאָנפערענץ, אַז דאָס לעבן פון די שניידער-אַרבעטער אין רוסלאַנד האָט אַרויסגערוקט אַזעלכע וויכטיקע פראַגן, אַף וועלכע ס׳קאָן געבן אַן ענטפער נאָר אַן אַלגעמיין-רוסלענדער שניידער-אַרבעטער-צוזאַמענפאָר. רעכענענדיק זיך מיט די באַדינגונגען, אין וועלכע דעם צוזאַמענפאָר וועט אויסקומען צו אַרבעטן, מיינט די קאָנפערענץ, אַז קיין פּראַקטישע רעזולטאַטן וועט דער צוזאַמענפאָר ניט געבן. ניט קוקנדיק אַף דעם, איז די קאָנפערענץ איבער-

ציִיגט, אַז די גאַנצע קאמפּאַניע אַרום דעם צוזאַמענפאָר האָט אַ גרויסע אַגיטאַציאָנע און אָרגאַניזאַציאָנע באַדייטונג און וועט פיל מיטהעלפן דער אַנטוויקלונג פון דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג צווישן די רוסלענדער שניידער-אַרבעטער. אַרויסגייענדיק פון דעם אַלץ, באַגריסט די קאָנפערענץ די מאָסקווער כאַוויירים שניידער, וואָס האָבן אונטערגעהאלטן דעם פאָרשלאַג פון די ווילנער שניידער-אַרבעטער און זיינען פּראקטיש צוגעטראָטן צו אָרגאַניזירן דעם שניידער-צוזאמענפאָר.

...מיר לייגן פאָר צוגעבן צום טאגעס-אָרדענונג, וואָס די מאָסקווער און פּעטערבורגער כאַוויירים האָבן אויסגעאַרבעט, פאָלגנדע פראַגן:

1. פּארמיטלעריי; 2. פרויען-אַרבעט; 3. די פרייהייט צו באַנוצן זיך מיט דער אייגענער שפּראַך.

...די קאָנפערענץ אנערקענט, אַז נאָר אינטערנאַציאָנאַלע פּראָפעסיאָנעלע פּאריינען זיינען אימשטאנד ווי געהעריק איז צו באפרידיקן די אַרבעטער-אינטערעסן און אָפּצושוואכן די נאַציאָנאלע רייבונגען, וועלכע דעמאָראַליזירן און פּאַראַליזירן די ארבעטער-באוועגונג. די קאָנפערענץ רעקאָמענדירט, אַז דאָרטן, וואו ס'עקזיסטירן נאציאָנאלע פּאריינען פון איין פאך, זאָלן זיי זיך פאריייניקן אין איין אינטערנאציאָנאלן פאריין.

...קעדיי צו העלפן דער אויפלעבונג און אַנטוויקלונג פון דער פּראָפעסיאָנעלער באוועגונג באַ די שניידער... און גלייכצייטיק מיטהעלפן דער פארווירקלעכונג פון אַ צענטראל-פארבאנד, קעדיי צו געבן דער פּראָפעסיאָנעלער באוועגונג אַן איינהייטלעכע ריכטונג, באשטימט די קאָנפערענץ צו שאַפן אַ שטיצע-פאָנד.

...ס'ווערט אויסגעקליבן אַ צענטראלע ביוראָ, וועלכער ס'ווערט איבערגעגעבן צו פירן אַ ברייטע אַגיטאַציאָנע און אָרגאניזאציאָנע אַרבעט באַ די שניידער-אַרבעטער און זעען דורכפירן אין לעבן די אָנגענומענע באַשטימונגען.

די קאָנפערענץ באַגריסט אויך דעם כאַווער יאגעלא[120], די ס. ד. פראקציע און ווינשט איר ערפאָלג אין איר שווערער און פאראנטוואָרטלעכער אַרבעט און קאמף, וואָס איר קומט אויס צו פירן קעגן דער רעאקציע פאר דער עקאָנאָמישער און פּאָליטישער באפרייאונג.

73. די פארשטארקונג פון דער שטרייק-באוועגנג און קאַמף.

(„די שטרייקן ריידן", „אונזער צייט", 1914, נומ. 3).

שטרייקן, שטרייקן און שטרייקן.
אין באַקו און אין ביאַליסטאָק, אין וואַרשע און אין ריגע, אין צענטראלן ראיאָן און אין לאָדז, אין ווילנע און אין קיעוו—די באוועגונג וואקסט פון טאָג, צעשפּרייט זיך, ווערט אַ באדייטנדער, א מעכטיקער פאקט.
און די שטרייקן ריידן, די שטרייקן לערנען.

זיי דערציילן אונז פון דער ביטערער אומדערטרעגלעכער לאגע, אין וועלכער ס׳געפינען זיך צענדליקער טויזנטער ארבעטער, וועלכע זעען פאר זיך קיין שום אנדער אויסוועג ניט, אויסער דעם קאמף, ווי לאנג און ווי שווער ער זאָל ניט זיין. די שטרייקן דערציילן פון מוט, וואָס איז אויסגע־וואַקסן אַפן באָדן פון צאָרן, פון ענערגיע, וואָס האָט זיך דערצויגן אַפן שויס פון פארביטערונג פון מענטשן, וואָס זיינען גרייט צו הונגערן, די שווערסטע קארבאָנעס צו ברענגען, אבי זייערס אויסצופירן.

...און מיט ווייטוט דערציילן זיי אונז, אז די ארבעטער זיינען ווייניק אָרגאניזירט... די מערהייט איז ווייניק צוגעגרייט, ווייניק באוואוסטזיניק. די שטרייקן דערציילן, אז ניט אַלע מאָל קלייבט מען אויס די רעכטע צייט, ווען די ארבעט אָפּצושטעלן. ס׳טרעפט, אַז מע רעדט זיך ניט צונויף מיט די אַרבעטער פון די נאָענטע פאַבן און מע שטערט איינע די אַנדערע...

...ס׳פעלט אַ פּלאַן, ס׳פעלט פאררייניקטע מאַכט. ס׳פעלט. אָבער ס׳טאָר ניט פעלן. ס׳מוז געשאַפן ווערן!

די שטרייקן דערציילן, אַז ניט קוקנדיק אף אלץ, איז דאָך אָפט דער ניצאָכן געזיכערט צוליב דעם מוט פון די ארבעטער, צוליב זייער גרייסקייט אַף די שווערסטע קארבאנעס, צוליב זייער דראנג, וואָס איז ניט אָפּצוהאַלטן.

און מיט קאַעס און פראָטעסט ריידן די שטרייקן ווייטער, ריידן מיט פאקטן, וואָס קיינער קאָן ניט אָפּלייקענען. זיי דערציילן, ווי מע מישט זיך אַריין אין פרידלעכע שטרייקן, מע אַרעסטירט, מע שלאָגט, מע שיקט ארויס—ניטאָ נאָך קיין פרייהייט פון שטרייקן אין רוסלאַנד!

זיי דערציילן פון פאַריינען, וועלכע מע האָט פאַרמאַכט, פון פאַריינען, וועלכע מע האָט לעגאַטכילע ניט געלאָזט עפענען, פון רעדיפעס און באַ־גרעניצונגען, וואָס שיטן זיך ווי אַ האָגל אַף די פאַריינען, וואָס זיינען נאָך אָפן, און לאָזן זיי ניט ווערן דאָס, וואָס זיי האָבן געדאַרפט ווערן, לאָזן זיי ניט ווערן קיין מאַכט,—דאָס פילט זיך אין אַלע טעג פון אַ גאַנץ יאָר; דאָס פילט זיך נאָך שווערער אין די טעג פון אַ שטרייק—דער רוסלענדער אַרבע־טער האָט נאָך ניט קיין פרייהייט פון פאַריינען!

און ווייטער דערציילן זיי, אַז דעם אַרבעטער איז שווער זיך צונויפ־ריידן און פירן זיין קאַמף מיט אַ קלאָרן פּלאַן, ווייל מע דערלויבט ניט קיין פאַרזאַמלונגען, און ווען מע דערלויבט שוין אַ מאָל אין אַ יויוול יאָ אַ פאַרזאַמלונג, לאָזט מען ניט זאָגן גראַד דאָס, וואָס איז נויטיקער פאַר אַלץ, מוז מען ריידן האַלבע ווערטער, פאַרשטעלט, אַפן וואונק; לאָזט מען ניט ריידן קיין אידיש, קיין פויליש, מוז מען ריידן דאַפקע רוסיש, אַפילע ווען די אַרבעטער פאַרשטייען די שפּראַך ניט, און זי איז פאַר זיי אַ מין טאַרגעם.

ניטאָ קיין פרייהייט פון פאַרזאַמלונגען פאַרן אַרבעטער אין רוסלאַנד!

און די אַרבעטער־צייטונגען, וועלכע טראָגן אַריין באַוואוסטזיניקייט און פּלאַנמעסיקייט אין קאַמף, ווערן געיאָגט און פאַרפאָלגט, געשטערט און געבונדן.

ער האָט ניט קיין פרייהייט פון פרעסע, דער אַרבעטער אין רוסלאַנד!
און שטרייקן ריידן ווייטער, און זייער קאָל קלינגט, ווי אַ געבאָט:
ניטאָ די אַלע פרייהייטן, אָבער אָן זיי קאָן מען ניט אויסקומען, דאָס
זעט איר אַליין!
דאָס ריידן מיר צו אייך אַף דער שפּראַך פון פאַקטן.
דאָס, וואָס איז ניטאָ, מוז ווערן. איר מוזט עס געווינען, ווי טייער
דאָס זאָל אייך ניט קאָסטן.
די שטרייקן ריידן, די שטרייקן לערנען.

74—75. דער פרויען-טאָג בא די אידישע ארבעטערינס.

א. באָברויסק.

(„צייט", 1913, נומ. 10).

...דער אינטערנאַציאָנאַלער „פרויען-טאָג", וועלכן מיר האָבן היינטיקס יאָר געפייערט דעם ערשטן מאָל, איז בא אונז אריבער גאַנץ לעבעדיק. נאָך מיט אַ וואָך דריי פאַרן 17-טן פעווראַל איז פאָרגעקומען אַ פאַרזאַמלונג, אַף וועלכער ס'איז באַשלאָסן געוואָרן: אין צוזאַמענהאַנג מיטן „פרויען-טאָג" אויספאָרשן די לאַגע און די אַרבעטס-באדינגונגען פון די אָרטיקע אידישע אַרבעטערינס, ענערגיש פאַרשפּרייטן די נומערן „צייט" און „לוטש", וועלכע וועלן זיין געווידמעט דעם „פרויען-טאָג" א. ד. ג.

ניט קוקנדיק אַף דעם, וואָס צייט איז פאַר דעם געווען גאַנץ ווייניק, האָט זיך דאָך איינגעגעבן צו פאַרווירקלעכן אַלע אָנגענומענע באַשלוסן. די אָנגעמערקטע אנקעטע איז דורכגעפירט געוואָרן אין די פאָלגנדע פאַכן, וואו ס'אַרבעטן הויפּטזאַכלעך פרויען: בא די נייטערינס, בעקערינס, וועשערינס, אין דער שאכטל-פאַבריק און אין דער פאבריק פון די שטרוי-שיידלעך. אינגאַנצן האָבן אַף דער אנקעטע געענטפערט 206 אַרבעטערינס.

אַף דער פאַרזאַמלונג, וועלכע איז פאָרגעקומען שאַבעס דעם 16-טן, זיינען געקומען 50 אַרבעטערינס. אַרויסגעטראָטן זיינען אייניקע אַרבעטערינס, וועלכע האָבן דערקלערט די באַדייטונג פון נייעם פאַר אונז אַרבעטער-יאָנטעוו. די שטימונג איז געווען אַ געהויבענע. ס'איז באַשלאָסן געוואָרן ענערגיש צו פאַרשפּרייטן „די צייט", אָנווענדן אלע מעגלעכקייט אַף צו גרינדן פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען אין די פרויען-פאַכן, וואו אזעלכע זיינען נאָך ניטאָ א. אז. וו.

ב. אָדעס.

(אקיצור: „דער פרויען-טאָג צווישן אדעסער אידישע ארבעטערינס", „צייט", 1914, נ. 10 (49).

נאָך מיט אייניקע וואָכן צוריק האָט מען זיך אין מער באוואוסטזיניקן טייל פון אָדעסער אידישן פּראָלעטאריאט גענומען מאַכן האכאָנעס צום פרויען-

טאָג. ס'איז אָנגענומען געוואָרן דורכצופירן די אנקעטע, וועגן וועלכער מיר האָבן שוין געגעבן אַ באריכט אין נומ. 8 „צייט". אויך איז באשלאָסן געוואָרן דורכצופירן וואָס מער פארזאַמלונגען, אף וועלכע מע זאָל ריידן וועגן פרויען-טאָג און אָנעמען אַ באַשטימטע רעזאָלוציע. דער גאַנצער פּלאַן האָט זיך אין אַ באַשטימטער מאָס איינגעגעבן. די פּאַרזאַמלונגען האָט מען גענומען מאַכן פון דאָנערשטיק דעם 20 פעווראַל, זיי זיינען געווען 5. באזוכט די פּאַרזאַמלונגען האָבן 65 מאַן, פון זיי גאָר אַ קליינער טייל מענער, 10—12, און די איבעריקע פרויען פון פאַרשיידענע פאכן און פאבריקן. אף די אלע פּאַרזאַמלונגען איז אָנגענומען געוואָרן די פּאָלגנדע רעזאָלוציע:

„מיר, אדעסער אידישע אַרבעטערינען, פייערן, אונטער דער אָנפירונג פון דעם מער באוואוסטזיניקן טייל פון אדעסער אידישן פּראָלעטאריאַט, דעם פרויען-טאָג—דעם 23 פעברואר. זייענדיק איבערצייגט, אז די פרויען-פראַגע קאָן פולקאָם און ראדיקאל געלייזט ווערן נאָר דאַן, ווען ס'וועט פארווירקלעכט ווערן דער פּראָלעטאַרישער אידעאל אין זיין גאַנצער פולקאָמענהייט, ד. ה. ווען ס'וועט געבויט ווערן אַ נייע געזעלשאַפט, וועלכע וועט נים וויסן פון דריקער און אונטערדריקטע,—געפינען מיר, אַז די פרויען באוועגונג מוז זיין אַ טייל פון דער אלגעמיין פּראָלעטאַרישער באַוועגונג. גלייכצייטיק אנערקענען מיר, אז אונזער לאגע אפן עקאָנאָמישן, ווי אפן פּאָליטישן און קולטורעלן געביט האָט אזוי פיל באזונדערהייטן און אייגנשאַפטן, אז זי גיט אונז רעכט ארויסצוטרעטן נית נאָר אלס פּראָלעטאריער ביכלאָל, נאָר אויך אלס פרויען-פּראָלעטאריער, און הויך אויסדריקן אונזערע ספּעציפישע פאָדערונגען. דאָס זיינען דיזעלבע פאָדערונגען, וואָס ס'שטעלט ארויס די אינטערנאַציאָנאַלע פּראָלעטאַרישע פרויען-באַוועגונג, מיט וועלכער מיר זייגען פולקאָם סאָלידאַריש. און מיר רופן די פון אונזערע שוועסטער, וועלכע זיינען נאָך ניט צוגעשטאַנען צו דער אלגעמיינער פּראָלעטאַרישער פרויען-באוועגונג, צו פּאַרייניקונג און אָרגאניזירונג. ס'איז שוין לאנג צייט, די אדעסער ארבעטערינען זאָלן פארקלערן זיך וועגן זייער לאגע. לאָמיר ניט אָפּשטיין פון אונזערע שוועסטער, פון די אַרבעטערינען פון אַלע לענדער, וועלכע האָבן שוין לאַנג פאַרשטאַנען די וויכטיקייט פון קאַמף און אָרגאַניזאַציע.

אָרגאַניזירט אייך און באַקעמפט אייער רעכטלאָזיקייט!"

76—77. לעגאלע פּראָלעטארישע קולטור-ארבעט.

א. די אידישע מוזיקאליש-דראַמאַטישע געזעלשאַפט אין ווילנע.

(כ. לייבע: קאָרעספּאָנדענץ פון ווילנע, „צייט", 1914, נומ. (59) 20).

די ווילנער דראַמאַטישע געזעלשאַפט איז איצט אַ ריין פּראָלעטאַרישע אָרגאַניזאַציע הייַן לויט איר צוזאמענשטעלונג, היין לויטן אינהאַלט און כאַראַקטער פון איר טעטיקייט. ניט אַזוי אָבער איז זי געווען צום אָנהויב, בעאיס זי איז געגרינדעט געוואָרן.

...אין דער צוזאַמענשטעלונג און טעטיקייט פון דער געזעלשאַפט האָט זיך די ערשטע צייט... שטאַרק געלאָזט פילן דער ריינער „קונסט-שטאַנדפּונקט". אַרבעטער זיינען צווישן די מיטגלידער געווען זייער ווייניק... די ערשטע פאַרוואַלטונג איז אין איר גרעסטער מערהייט באַשטאַנען פון מער אָדער ווייניקער דעמאָקראַטישע אינטעליגענטן און באַקאַנטע אידישע ליטעראַטן, וואָס האָבן זיך דאַן געפונען אין ווילנע (ה. נאָמבערג, א. ווייטער[121]), ש. ניגער, ש. גאָרעליק[122]), ש. אַנ-סקי א. א. וו.). קיין ברייטע—און ווער רעדט נאָך—פילזייטיקע טעטיקייט האָט די געזעלשאַפט דעמאָלט, נאַטירלעך, ניט אַנטוויקלט. איר גאַנצע טעטיקייט איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס פון צייט צו צייט פלעגן איינגעאָרדנט ווערן אוונטן, אויף וועלכע דער כאָר פון דער געזעלשאַפט פלעגט זינגען אידישע פאָלקס-לידער, און ווער ניט איז פון די מיטגלידער פלעגט עפעס פאָרלעזן אָדער דעקלאַמירן.

...דערפאַר אָבער האָבן די ליטעראַטן אָרגאַניזירט פאַר זיך א ריין ליטעראַרישע סעקציע, וואָס פלעגט איינאָרדענען גאַנץ אָפט ליטעראַרישע שמועסן, אויף וועלכע עס פלעגן צוגעלאָזן ווערן נאָר ליטעראַטן און זייערע באַקאַנטע.

דאָס האָט אויפגעבראַכט קעגן דער פאַרוואַלטונג אלע מער דעמאָקראַטישע עלעמענטן; איבערהויפט אָבער האָבן קעגן דעם ענערגיש אָנגעהויבן קעמפן די אַרבעטער. פאַר דער אָפּאָזיציע איז דאַן שוין געוואָרן קלאָר, אַז די געזעלשאַפט וועט נאָר דאַן קאָנען זיין אויף דער נויטיקער הויך, ווען זי וועט זיך באַפרייען פון די פאַרשיידענע דעקאַדענטיש-ליטעראַרישע און בורזשואַז-נאַציאָנאַליסטישע עלעמענטן, וואָס די עמעסע קולטורעלע באַדערפענישן פון דער אַרבעטער-מאַסע אינטערעסירן זיי ווייניק.

ביז צו דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג האָבן זיך אין דער געזעלשאַפט פאַרשריבן פיל ארבעטער און נאָענטע אינטעליגענטן.

די אלגעמיינע פאַרזאַמלונג איז געווען זייער אַ שטורמישע. די ליטעראַטן האָבן זיך באַמיט צו דערווייזן, אַז די „ריינע קונסט" ווייסט ניט פון קיינע קלאַסן, פאַרטייען א. ד. ג. און אַז נאָר זי דאַרף הערשן אין געזעלשאַפט. נאָר די פּראָלעטאַרישע גרופּע האָט שוין דאַן געהאַט א מערהייט, און אין פאַרוואַלטונג זיינען אויסגעקליבן געוואָרן אלע אירע קאַנדידאַטן.

...די פּאָפּולאַריטעט פון דער געזעלשאַפט צווישן די ווילנער אידישע ארבעטער איז געוואָרן אומגעהויער גרויס. די צאָל מיטגלידער האָט דערגרייכט 700, און ס'איז שוין געווען א מאָמענט, ווען די פאַרוואַלטונג האָט צוליב דער ענגשאַפט פון דער דירע געמוזט אָפּזאָגן זיך פון אָנעמען נייע מיטגלידער.

ניט באַנוגענענדיק זיך מיט די דראַמאַטישע פאָרשטעלונגען און מוזיקאַל-וואָקאַלע אָוונטן, האָט די פאַרוואַלטונג אָרגאַניזירט אייניקע עפנטלעכע ליטעראַרישע פאָרלעזונגען פאַר די מיטגלידער און אַ גראַנדיעזן מאַריס ראָזענפעלד[123])-אָוונט, וועלכער האָט, אדאַנק זיין אויסגעהאַלטענער פּראָלעטאַ-

רישער פּראָגראַם און אויסגעצייכנטער אויספירונג, געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק אַף אַלע אַנוועזנדע.

אויפגעמונטערט פון דעמדאָזיקן ערפאָלג, האָט די פאַרוואַלטונג געהאַט בעדייע צו אָרגאַניזירן נאָך אַ ריי אַזעלכע און ענלעכע אָוונטן און ביכלאַל פאַרברייטערן איר טעטיקייט. נאָר צו דערדאָזיקער צייט האָט זיך מיט דער געזעלשאַפט שטאַרק אָנגעהויבן אינטערעסירן די אָרטיקע אַדמיניסטראַציע, און פון אַלע פּלענער האָט זיך דעריבער קימאַט קיין זאַך ניט אויסגעלאָזן. פאַרשטייענדיק, אַז דער איקער פאַר דער געזעלשאַפט איז האָבן אַן אייגענעם לאָקאַל, וואו די מיטגלידער זאָלן זיך אַלע טאָג קאָנען באַגעגענען,—האָט די פּאָליציי זי אָנגעהויבן מיט קאָלערליי מיטלען פאַרפאָלגן און טרייבן פון דירע. דאָס צוליב אַ סריי פע-געפאַר, דאָס צוליב אַן אַנדער אויסרייד. ס'איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז אַפילע אַ דירע פאַר דער קאַנצעלאַריע, וואו די מיטגלידער זאָלן קאָנען זיך פאַרשרייבן, האָט די פּאָליציי ניט געלאָזט דינגען. זי האָט פּאָשעט אָנגעזאָגט דעם באַלעבאָס, אַז ער זאָל דער געזעלשאַפט קיין דירעס ניט פאַרדינגען, און יענער האָט, פאַרשטייט זיך, געמוזט פאָלגן.

די נייע פאַרוואַלטונג האָט אויך געזען צו פאַרברייטערן איר... אַרבעט. זי האָט איינגעלאַדן אַ ספּעציעלן דראַמאַטישן רעזשיסער, וועלכער האָט געגרינדעט אַ דראַמאַטישע גרופּע פון 30 אַרבעטער; אויך דער כאָר פון דער געזעלשאַפט ווערט אָנגעפירט פון אַ געניטן דיריזשאָר.

די פאַרוואַלטונג פירט איצט, אויסער דעם, אונטערהאַנדלונגען מיט די אייגנטימער פון אַן אָרטיקן פאַרוויילונגס-גאָרטן וועגן איינאָרדענען דאָרט אַ ריי פאַרוויילונגען פאַר די מיטגלידער.

אין די לעצטע כאַדאָשים האָט די געזעלשאַפט אָרגאַניזירט אייניקע עקסקורסיעס אַף אָרטיקע קונסט-אויסשטעלונגען, וואו געניטע פאַך-לייט האָבן געגעבן אויספירלעכע דערקלערונגען.

ב. דער בילדונגס-פאַריין „אָבראַזאָוואַניע“ אין ריגע.

(יויסעף לאַב—קי: קאָרעספּאָנדענץ פון ריגע, „צייט“, 1914, נ. 4).

דעם 5-טן יאַנוואַר איז פאָרגעקומען די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון די מיטגלידער; אַף דער פאַרזאַמלונג איז געווען 194 מאַן.

אין באַריכט האָט די פאַרוואַלטונג אָנגעוויזן, אַז זי האָט אויפגעטאָן, אַף וויפל זי האָט נאָר געהאַט די מעגלעכקייט... דער לאָקאַל פון פאַריין האָט אויך געשטערט צו אַנטוויקלען ברייטער די טעטיקייט. אָפטמאָל אין איין און דעמזעלבן צימער... פלעגן מוזן פאָרקומען די זיצונגען פון פאַרוואַלטונג און פון פאַרשיידענע סעקציעס. בײַ אַזוינע באַדינגונגען איז קיין וואונדער ניט, אַז די אַרבעט איז געווען ניט גאָר פּראָדוקטיוו. דינגען אַן אייגענעם לאָקאַל האָט די פאַרוואַלטונג ניט געקאָנט, ווייל אין קאַסע איז אויך איצט נאָר 259 רובל 94 קאָפּ. און נעמענדיק אַ לאָקאַל, מוז מען איינצאָלן פאַר 3 כאַדאָשים פאָרויס, קויפן מעבל און אַז. וו.

אין פאריין איז איצט 374 מיטגלידער, פון דער צאָל איז אידישע 159— 75 מענער און 84 פרויען. נאָך די פראָפעסיאָנען טיילן זיך די אידישע מיט גלידער: 63 פון נאָדל-פאַך, 39 האַנדלס-אָנגעשטעלטע און קאָנטאָרשטשיקעס, 18—ציגאַרעטנמאַכער, 9—בלעכער און מעטאַליסטן, 9—דרוקער, 8—פריוואטע הויז-לערערס און לערערינס, 1 סטודענט, די איבעריקע אומבאוואוסט.

...פאַר דעם האלבן יאָר, וואָס דער פאַריין עקזיסטירט, איז פאָרגעקומען 15 לעקציעס, 4 פאמיליען-אָוונטן און 2 עקסקורסיעס אין א מוזעום. אַף לי-טעראַרישע טעמעס זיינען פארגעקומען 9 לעקציעס. באזוכט האָבן זיי 871 מאן—617 מענער און 254 פרויען. וועגן טאָג-פראגן איז געווען 6 לעקציעס, באזוכט האָבן זיי 640 מאן—498 מענער און 142 פרויען. די פאַמיליען-אָוונטן האָבן באזוכט 622 מאן—453 מענער און 169 פרויען. איןביידע עקסקורסיעס האָבן זיך באטייליקט 61 מאן.

אַלע פראגן זיינען געווען באלויכטן פון מארקסיסטישן שטאנדפונקט.

78. דער אָנהויב פון אַן אָרגאַניזירטער באוועגונג צווישן דער אידישער ארבעטער-יוגנט.

(י. פאפערניקאוו: „צו דער געשיכטע פון דער יוגנט-באוועגונג אין פוילן" (רוסיש), מעלוכע-פארלאג פון אוקראינע, 1925, ז.ז. 31—62).

...סאַך 1909 איז אַנטשטאַנען אַ ס. ד. קרייז „ווערִיטאס"*). לויט דער איניציאַטיוו פון אייניקע פאַרטיי-מיטגלידער און סימפּאַטיקער פון דער ס. ד. ק. פּ. און ל.**), איז דער קרייז אינגיכן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ סאָצ. דעמ. יוגנט-אָרגאַניזאציע בא דער ס.ד.ק.פּ. און ל. דער סטאַטוט איז איבערגעגעבן געוואָרן צום באשטעטיקן דעם ווארשעווער קאָמיטעט פון דער לעצטער.

זייענדיק ענג פאַרבונדן מיט דער ס.ד.ק.פ. און ל., איז די אָרגאַני-זאַציע דאָך געווען אַווטאָנאָם. דער ווארשעווער קאָמיטעט האָט געוואוסט, אז אין איר גייען אריין אויך אָנהענגער פון בונד, נאָר ער האָט קעגן דעם ניט דערווידערט און באשטעטיקט דעם סטאַטוט... אינגיכן אָבער, אַף איינער פון די זיצונגען פון קאָמיטעט, איז דער פאָרשטייער פון דער ס. ד. ק. פּ. און ל. אַרויסגעטראָטן קעגן דעם באטייליקן זיך פון די בונדיסטן אין דער אָרגאַני-זאַציע, בארופנדיק זיך אַף דירעקטיוון פון צ. ק... דאָס האָט געצוואונגען די, וואָס האָבן סימפּאַטיזירט דעם בונד, אַרויסטרעטן פון דער אָרגאַניזאַציע, און דאָס האָט זיך געמוזט אָפּרופן אַף איר אַרבעט. דאָס צעפאַלן פון דער אָרגאַניזאַציע איז דערגאַנגען אזוי ווייט, אז ס'האָט זיך געשטעלט די פראַגע וועגן איר זעלבסטליקווידירונג.

דעם 26-טן יולי 1910 איז צונויפגערופן געוואָרן אַ קאָנפערענץ פון דער אָרגאַניזאַציע, אין וועלכער ס'האָבן זיך באַטייליקט פאָרשטייער פון אַלע אירע

*) „עמעס".

**) סאָציאַל-דעמאָקראַטיע פון קעניגרייך פוילן און ליטע.

קרייזלעך. נאָך לאַנגע דעבאַטן איז אָנגענומען געוואָרן א רעזאָלוציע, וועלכע האָט אויסגעדריקט די אומצופרידנהייט דער ס.ד.ק.פּ. און ל. פאַר איר טאַקטיק אין פּראַט פון דערווייטערן דעם בונדישן עלעמענט פון דער אָרגאַניזאַציע, וואָס ווידערשפּרעכט איר סטאַטוט. ...מיט א מערהייט פון אַלע שטימען קעגן איינעם האָט די קאָנפערענץ באַשלאָסן אינגאַנצן צערייסן מיט דער ס.ד.ק.פּ. און ל. ...לויטן פאָרשלאַג פון איינעם פון די דעלעגאַטן, האָט די קאָנפערענץ באַשטימט אומענדערן דעם נאָמען פון דער אָרגאַניזאַציע אַף „צוקונפט".

...נאָך דער קאָנפערענץ און אין צוזאַמענהאַנג מיטן אַלגעמיינעם רעוואָלוציאָנערן אויפשטייג, איז „צוקונפט" אריינגעטראָטן אין א נייער טקופע פון איר אַנטוויקלונג. דער פאַרבאַנד האָט זיך פאַרשטאַרקט און אַנטוויקלט. „צוקונפט" האָט געהאַט פעסטע קרייזלעך: „ווערידאַס", „אוטיליטאַס"*) און אַן אַרבעטער-קרייזל „מאַרקס"... דער פאַרבאַנד האָט געשטרעבט איינצושטעלן אַן ענגערע פאַרבינדונג מיט דער אַרבעטער-יוגנט, און ער האָט זיך איינגעשטעלט צוזאַמען מיטן „פאַרבאַנד פון דער אידישער סאָציאַליסטישער אַרבעטער-יוגנט", וועגן וועלכן ס'לוינט צו זאָגן עטלעכע ווערטער.

„דער פאַרבאַנד פון דער אידישער סאָציאַליסטישער אַרבעטער-יוגנט" איז אַנטשטאַנען, ווען ס'האָט זיך שוין בוילעט אָנגעהויבן מערקן דער רעוואָלוציאָנערער אויפשטייג. אַ קליינע גרופּע יונגע באַוואוסטזיניקע אַרבעטער, פאַרשטייענדיק, אַז די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג נויטיקט זיך אין צוגעגרייטע אָנפירער, האָט פון דעם געמאַכט אַן אויספיר, אַז ס'איז נויטיק ענערגיש גרייטן זיך צו אָט דער ראָלע... די איניציאַטאָרן (מייער—אַלעק, פינקלקרויט—קובאַ און דער אויטאָר פון די שורעס) האָבן ניט געהאַט קיין באַשטימטן אַרבעטס-פּלאַן. זיי זיינען נאָר געווען פול מיט רעוואָלוציאָנערן ענטוזיאַזם און ווילן צו דינען דער רעוואָלוציע. די ערשטע גרינדונגס-פאַרזאַמלונג איז פאָרגעקומען דעם 1-טן מאַי 1911. אַף דער פאַרזאַמלונג האַט זיך קאָנסטרואירט די אָרגאַניזאַציע. ס'איז אויסגעקליבן געוואָרן א צייטווייליקע קאָמיסיע, וועלכע האַט אויסגעאַרבעט א פּראָגראַם און צוגעטראָטן צו אָרגאַניזירן די אַרבעט אין די קרייזלעך... ניט האָבנדיק קיין אָנפירער, וואָס זאָלן קאָנען לייענען פאָרטראַגן, האַט מען געמוזט באַנוגענען זיך מיט פאָרלייענען לעגאַלע און אומלעגאַלע ביכער וועגן פאַרשיידענע פראַגן פון דער טעאָריע און פּראַקטיק פון סאָציאַליזם און דער געשיכטע פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. פון צייט צו צייט האָט מען אויך פאָרגעלייענט אומלעגאַלע בלעטלעך און צייטונגען, איבערהויפּט בונדישע אויסגאַבן, ווייל קימאַט אַלע מיטגלידער פונם פאַרבאַנד האָבן סימפּאַטיזירט דעם בונד... אינגיכן האַט דער פאַרבאַנד איינגעשטעלט ענגע פאַרבינדונגען מיט דער אַרבעטער-יוגנט. יונגע אַרבעטער און אַרבעטערינס האָבן אָנגעפילט זיינע רייען, פינקטלעך באַזוכט די קרייזן און מיט באַגייסטערונג אויפגענומען די ערשטע ווערטער וועגן רעוואָלוציע, קאַמף און פרייהייט.

דער פאַרבאַנד, האָבנדיק אַ ברייטן אַרבעטס-פעלד, האַט פונדעסטוועגן ניט געקאָנט פאַנאַנדערוויקלען זיין טעטיקייט, מאַכמעס ער האַט ניט געהאַט

*) „נוצלעכקייט".

קיין פראפאגאנדישע קרעפטן. דעם פארבאנד האט געדראָט אַן אומפארמיידלעכע צעפאַלונג. ...גראָד אָבער האט ער זיך דערוואוסט וועגן דער עקזיסטענץ פון „צוקונפט", און ווען ס'איז געוואָרן קלאָר, אז ביידע אָרגאניזאציעס פאַרפאָלגן דיזעלביקע צילן, האבן זיי זיך צונויפגעגאָסן. אדאנק דער צונויפגיסונג, האט „צוקונפט" באקומען עטלעכע קרייזלעך מיט אַן אויסשליסלעך פּראָלעטארישן באשטאנד, און דעריקער זי האט זיך ענג פארבונדן מיט דער אָרבעטער-יוגנט. די צונויפגיסונג האט באדייטנדיק אויפגעלעבט די טעטיקייט פון פארבאנד, וועלכער... האט זיך געשטעלט אפן וועג פון ברייטער לעבּהאפטער מאסן-אַרבעט... ביז צו איר 4-טער קאָנפערענץ, וועלכע איז פאָרגעקומען אין נאָיאבער 1911, ד. ה. פאר 4 כאדאָשים, וואָס זיינען דורכגעגאנגען נאָך דער צונויפגיסונג, האט „צוקונפט" באוויזן דורכצופירן 150 פאָרטראגן וועגן פארשיידענע פראגן פון דער טעאָריע און פראקטיק פון סאָציאליזם, געשיכטע פון רעוואָלוציאָנערער באוועגונג אין רוסלאנד און אין אנדערע לענדער, פּראָגראמען פון פארשיידענע פארטייען, פּראָפבאוועגונג, יוגנט-באוועגונג א. א. וו. אין איייניקע קרייזן האט מען סיסטעמאטיש שטודירט פּאָליטישע עקאָנאָמיע. אַכוץ דעם, זיינען דורכגעפירט געוואָרן דריי גרויסע פאַרזאמלונגען-מיטינגען, ...אין דעם אַ מאַסאָווקע פון 200 מענטשן אין וואַלד, צום יובילײ פונם פאָרבאנד.

די מיטגלידער פון „צוקונפט" האבן גענומען אַן אַקטיוון אנטייל אין דער פּראקטישער ארבעט פון בונד און ס. ד. ק. פּ. און ל., אויספירנדיק פארשיידענע זייערע טעכנישע אויפגאבן... די אנפירער פונם פארבאנד האבן זיך אקטיוו באטייליקט אין די ארויסטרעטונגען פון דידאָזיקע פאַרטייען אף ארבעטער-פארזאמלונגען און מאסאָווקעס... פון צייט צו צייט האט דער פארבאנד אַרויסגעגעבן אין אידיש און פויליש אויפרופן צו דער יוגנט, רופנדיק זי שטעלן זיך אין זיינע רייען.

...אין דער 4-טער קאָנפערענץ האבן זיך באטייליקט 29 דעלעגאטן, וועלכע האבן פארטראָטן בא 120 אָרגאניזירטע מיטגלידער פונם פארבאנד... די קאָנפערענץ האט סאנקציאָנירט די צונויפגיסונג מיטן „פארבאנד פון דער אידישער סאָציאליסטישער ארבעטער-יוגנט" און אויסגעאַרבעט א נייע פּראָגראם, אף וועלכער ס'האָט זיך באזירט די ווייטערדיקע טעטיקייט פונם פארבאנד. זיינע נאָענטסטע אויפגאבן האט די קאָנפערענץ פאָרמולירט אזוי: די סאָצ. דעמ. אָרגאניזאציע „צוקונפט" האלט פאר איר הויפט-ציל אנטוויקלען אין פוילן און רוסלאנד אַ פּראָלעטארישע יוגנט-באוועגונג לויטן מאירעוו-אייראָפּעאישן מוסטער, און דערציען די פּראָלעטאַרישע און לערניוגנט אין גייסט פון דער סאָציאל-דעמאָקראטיע... די קאָנפערענץ האָט אויך אָנגענומען שארפע רעוואָלוציאָנערע רעזאָלוציעס קעגן מיליטאריזם, מילכאָמע און אויך קעגן דער אנטיסעמיטישער העצע, וואָס האט דעמאָלט געבושעוועט. באזונדערס דאַרף דערמאָנט ווערן דער אויפרוף פון דער קאָנפערענץ „גיט אונז אָפּ אונזערע דעפּוטאטן!"*).

*) די סאָצ. דעמ. דעפּוטאטן פון דער צווייטער דומע, וועלכע זיינען דורך דער צארישער רעגירונג געוועזן פארמישפּעט אף קאטאָרגע און פארשיקט געוואָרן קיין סיביר.

...נאָך דער 4-טער קאָנפערענץ האט זיך די אָרגאַניזאַציע נאָך מער באַפעסטיקט. עמעס, אין איר ארבעט זיינען געווען אויך נעגאטיווע מאָמענטן, ערשטנס, האט זי געארבעט קימאט בלויז צווישן דער אידישער יוגנט, צווייטנס, האָט זי ניט געהאט קיין פעסטע פּאָליטישע ליניע. זי האָט פאַר זיך אַפילע ניט געפּרואווט שטעלן אזא וויכטיקע פראַגע, ווי די מיינונגס-פאַרשיידנהייטן צווישן די באָלשעוויקעס און מענשעוויקעס... דריטנס, זייענדיק פאַרבונדן מיטן פוילישן רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאריאט דורך דער ס. ד. ק. פּ. און ל., האָט זי גלייכצייטיק אונטערגעהאלטן פאַרבינדונגען אויך מיטן בונד *).

...אינגיכן האָט זיך מיט דער „צוקונפט" שטאַרק פאַרינטערעסירט די צאַרישע אָכראַנקע, און דעם 4-טן מארט 1912 האָט זיך איר איינגעגעבן צו אַרעסטירן (אף דער יובילי-פייערונג פון קרייזל „ווערריטאס") קימאט דעם גאנצן אקטיוו פון דער אָרגאַניזאַציע. ס'זיינען ארעסטירט געוואָרן 33 מענטשן, פון וועלכע 3 זיינען געווען פארמישפּעט צו 4 יאָר פעסטונג, 9—צו 3 יאָר מיט 4 כאַדאָשים, און איינער צו 1 יאָר מיט 4 כאַדאָשים.

...דעם 1-טן מאי האט די אָרגאַניזאַציע פונדעסטוועגן אַרויסגעלאָזן און ברייט פאַרשפּרייט אַ געדרוקטן אויפרוף, אין וועלכן ס'איז דערקלערט געוואָרן, אז ניט קוקנדיק אַפן אַרעסט, לעבט „צוקונפט" און עקזיסטירט, און זי וועט נאָך מיט מער ענערגיע פאָרזעצן איר טעטיקייט.

אינגיכן איז צונויפגערופן געוואָרן די פינפטע קאָנפערענץ פון דער אָרגאַניזאַציע, אף וועלכער ס'איז אויסגעקליבן געוואָרן אַ נייער קאָמיטעט אין באשטאנד פון די כאווײרים: מייער (אלעק), קאנטאָר (קלימאוו), דאַדין (כאווער) און דער אווטאָר פון די שורעס. די קארדינאַלע פראגע פון דער קאָנפערענץ איז געווען וועגן אריינטרעטן פון דער אָרגאַניזאַציע אין בונד. נאָך לאנגע און הייסע דעבאַטן איז דאָס מיט אַ איבערוועגנדיקער מערהייט שטימען אָפּגעווארפן געוואָרן. דאָס האָט אָבער ניט באַטייט, אז דער פארבאנד צערייסט מיטן בונד. פאַרקערט, אין אלע פּאָליטישע קאַמפּאַניעס פלעגט די אָרגאַניזאַציע איבערגעבן איר גאַנצן טעכנישן אַפּאַראַט אין רעשוס פון בונד. די אָרגאַניזאַציע האָט גענומען אַ סיכטיקן אָנטייל אין די וואלן צו דער 4-טער דומע, ...שטיצנדיק דעם בלאָק פון בונד מיט דער „לעוויצע" פון פּ. פּ. ס. [124]. „צוקונפט" האָט זיך אויך באטייליקט אין דער לעוואיע פון פּאָפּולערן מיטגליד פון בונדישן צ. ק. גראָסער (סלאוועק, זעלצער [125]), וועלכע האָט אָנגענומען דעם כאַראַקטער פון אַ פּאָליטישער דעמאָנסטראַציע מיט צוועלף טויזנט אָנטייל-נעמער.

...אין אַווגוסט 1912 האָט די אָרגאַניזאַציע ווידער איבערגעלעבט אַ פּאָליציײאישן דורכפאל, פונדעסטוועגן האָט זי ווייטער געפירט איר ארבעט, נעמענדיק אַן אַקטיוון אנטייל אין דער וואקסנדיקער שטרייק-באוועגונג.

...אין 1914 איז פאַרגעקומען די 6-טע קאָנפערענץ פון „צוקונפט".

*) ביז 1918 איז „צוקונפט" אָפיציעל געבליבן אַן אומאפּהענגיקע ס.-ד. אָרגאַניזאַציע. ערשט אין 1918 האָט זיך דעם בונד פאָרמעל איינגעגעבן ארונטערצונעמען זי אונטער זיין אידיישער און אָרגאַניזאַציאָנעלער ווירקונג.

X. די צעשפּאַלטונג פון דער ר. ס. ד. א. פּ. און די אידישע ארבעטער.

79. די ווילנער פּאַרטיי-גרופּע פאַר צונויפרופן די קאנפערענץ פון די באלשעוויקעס.

(„סאציאל-דעמאקראט״, נומ. 25, דעקאבער, 1911).

1. די ווילנער איניציאַטיוו-גרופּע פון ר. ס. ד. א. פּ., אויסהערנדיק דעם פּאָרטראג פון א כאַווער „וועגן דער לאַגע אין דער פּאַרטיי״, איז געקומען צום אויספיר, אַז דער איינציקער אויסוועג פון דער געשאפענער קריטישער לאגע קאָן זיין א פּאַרטיי-קאָנפערענץ פון אלע פּאַרטייאישע גרופּן און קעמערלעך, וועלכע פירן, לויט דער מעגלעכקייט, א רעוואָלוציאָנערע ס. ד. ארבעט.

2. וועגן דער פראַגע, ווער ס׳רופט צונויף די פּאַרטיי-קאָנפערענץ, האָט זיך די גרופּע ארויסגעזאָגט אין דעם זין, אַז די ארבעט פון צונויפרופן אזא קאָנפערענץ דארפן נעמען אף זיך די פּאָרשטייער פון די גרעסטע רוסישע אָרגאניזאציעס, וואָס דאַרפן בילדן די רוסישע קאָלעגיע פון דער „אָרג-קאָמיסיע״ צום צונויפרופן די אלפּאָרטייאישע קאָנפערענץ.

סעקרעטאר פון דער ווילנער גרופּע ב.

פון דער רעדאקציע [פונם „סאָציאל-דעמאָקראט״]: אָט די רעזאלוציע איז אָנגענומען געוואָרן איידער די ר. א. ק. *) האָט זיך געבילדעט.

80. די פּראגער באלשעוויסטישע קאנפערענץ[126] וועגן די נאציאנאלע סאצ. דעמ. אָרגאניזאציעס.

(„וועגן דער אפּוועזנהייט פון די דעלעגאטן פון די נאציאנאלע צענטרען אף דער אלפּאַרטייאישער קאָנפערענץ״. „די אַלרוסלענדישע קאָנפערענץ פון ר. ס. ד. א. פּ.״, אויסגאַבע פון צ. ק. 1912, ז. 15—16).

אנערקענענדיק פאַר אויסערסט וויכטיק צו פארשטאַרקן די איינהייט פון די ס. ד. ארבעטער פון אַלע נאציאָנאליטעטן פון רוסלאנד, איינגעפינען-

*) רוסלענדער אָרגאניזיר-קאָמיסיע.

דיק פֿאַר אומבאַדינגט נויטיק איינצושטעלן די איינהייט מיט די „נאַציאָ־נאַלן"*) אױף די ערטער און צו פֿאַרפֿעסטיקן דעם צוזאַמענבונד פֿון די נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס מיטן אַלרוסלענדישן צענטער, איז די קאָנפֿערענץ געצוואונגען צו קאָנסטאַטירן:

1. די דערפֿאַרונג האָט ענדגילטיק דערוויזן, אַז ס׳איז ניט דערלאָזבאַר, אַז אין דער פּאַרטיי זאָל זײַן אַזאַ לאַגע, בײַ וועלכער די „נאַציאָנאַלן", וואָס אַרבעטן אינגאַנצן אָפּגעזונדערט פֿון די רוסישע אָרגאַניזאַציעס, זאָלן פֿאַרווירקלעכן אַ פֿעדעראַציע פֿונעם ערגסטן טיפּ און, אָפּט אומאָפּהענגיק פֿון זייער ווילן, זאָלן שטעלן די וויכטיקסטע רוסישע אָרגאַניזאַציעס אין אַזאַ לאַגע, אַז אין די נאַציאָנאַלע צענטערן, וועלכע נעמען פּראַקטיש לאַכלוטן קיין שום אַנטייל ניט אין דער רוסישער אַרבעט,— זאָל די ר. ס. ד. א. פּ. ניט קאָנען פֿאַרנעמען די גאָר נויטיקסטע און די גאָר וויכטיקסטע פּאַרטיי-טריט.

2. איינער פֿון די נאַציאָנאַלע צענטערן (בונד) האָט פֿאַרן לעצטן יאָר אָפֿן מיטגעווירקט די ליקווידאַטאָרן און פּרובירט אָרגאַניזירן אַ צעשפּאַלטונג אין דער ר. ס. ד. א. פּ., און אַנדערע (די צענטערן פֿון די לעטן און פּ. ס. ד.) האָבן זיך אײַנם אַנטשיידענעם מאָמענט באַזײַטיקט פֿונעם קאַמף קעגן די צעשטערער פֿון דער פּאַרטיי—די ליקווידאַטאָרן.

3. די פּאַרטייאישע עלעמענטן פֿון די נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס און קוידעמקאָל אַלע אַרבעטער פּאַרטיי-מיטגלידער, אױף וויפֿל ס׳דערגייען צו זיי יעדיעס וועגן לעבן פֿון די ר ו ס י ש ע אָרגאַניזאַציעס, זאָגן זיך אַנטשלאָסן אַרויס פֿ א ר דער איינהייט מיט די רוסישע אומלעגאַלע ס. ד. אָרגאַניזאַציעס, פֿ א ר אונטערשטיצן די רוסלענדישע אָרגאַניזיר-קאָמיסיע און פֿ אַ ר ן קאַמף קעגן דער ליקווידאַטאָרישקייט.

4. די צענטראַל-קאָמיטעטן פֿון אַלע דרײַ נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס זײַנען געווען דרײַ מאָל אײַנגעלאַדן אױף דער פּאַרטיי-קאָנפֿערענץ (דורכן אויסלענדישן א. ק.**), ר. א. ק. און דורך די דעלעגאַטן פֿון דער קאָנפֿערענץ) און זיי איז פֿאַרזיכערט געוואָרן די פֿולשטענדיקע מעגלעכקייט צו שיקן זייערע דעלעגאַטן.

צוליב דעם אַלץ, און געפֿינענדיק פֿאַר אומעגלעך אָפּצולייגן די אַרבעט פֿון דער ר. ס. ד. א. פּ. צוליב דעם, וואָס די נאַציאָנאַלע צענטערן ווילן ניט שיקן זייערע דעלעגאַטן אױף דער אַלגעמיין פּאַרטייאישער קאָנפֿערענץ, לייגט די קאָנפֿערענץ אַרויף די גאַנצע פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט פֿאַרן ניט קומען פֿון די „נאַציאָנאַלן" אױף זייערע צענטערן און באַאויפֿטראַגט דעם צ. ק. פֿון ר. ס. ד. א. פּ. ניט אויפֿהערן צו דערשלאָגן זיך אַן איינהייט און אײַנשטעלן נאָרמאַלע באַציאונגען מיט די נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע גייען אַרײַן אין דער ר. ס. ד. א. פּ.

*) נאַציאָנאַלע צ.צ. דעמ. אָרגאַניזאַציעס (בונד, לעטישע און פּוילישע סאָצ. דעמ. פּאַרטייען).

**) אָרגאַניזיר-קאָמיטעט.

די קאָנפערענץ דריקט אויס איר זיכערקייט, אַז ניט קוקנדיק אף אַלע שטערענישן, וועלן די אַרבעטער ס. ד. פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן פון רוסלאַנד אייניק און האַנט בא האַנט קעמפן פאר דער פראָלעטארישער זאך און קעגן אַלע סאָנים פונם ארבעטער-קלאַס.

81. פראָטעסט פונם בונד קעגן דער פראַגער פאַרטיי-קאָנפערענץ.

(רעזאָלוציע פון דער וואַרשעווער אָרגאַניזאַציע פון בונד *). „אינפאָרמיר-בלעטל פון דער אויסלענדישער אָרגאַניזאַציע פון בונד" (רוסיש), נום. 4, מאי, 1912).

די באַראַטונג פראָטעסטירט אַנטשיידן קעגן דער קאָנפערענץ, וואָס איז פאָרגעקומען אין אויסלאַנד, און וועלכע האָט זיך דערלויבט צו דערקלערן זיך פאַר דער העכסטער פאַרטיי-אינסטאַנץ, אַרויסצוטראָגן אין נאָמען פון דער גאַנצער פאַרטיי באַשטימונגען וועגן די וויכטיקסטע פראגן פון אַלגעמיין פאַרטייאישן לעבן און אפילע אויסצוקלייבן אַ צענטראַל-קאָמיטעט, האַגאַם די קאָנפערענץ איז געווען אָרגאַניזירט בלויז דורך איין ריכטונג פון דער ר.ס.ד.א.פ. (דורך די לענינצעס), און אין איר האָבן ניט גענומען קיין אנטייל ניט די פארשטייער פון די אנדערע ריכטונגען, גרופן און אָרגאַניזאַציעס, וואָס אַרבעטן צווישן די רוסישע ארבעטער, ניט די נאַציאָנאַלע סאָצ. דעמ. אָרגאַניזאַציעס. די קאָנפערענץ האָפט, אַז דער אָרגאַניזיר-קאָמיטעט, וועלכער איז געשאפן געוואָרן דורכן בונד, לעטישער סאָצ. דעמ. און קאווקאַזער געגנטקאמיטעט, וועט איגנאָרירן די באַשטימונגען פון דער פאָרגעקומענער קאָנפערענץ און פאָרזעצן זיין ארבעט פאר דער פאַרייניקונג פון אַלע אָרגאַניזאַציעס און ריכטונגען פון דער ר. ס. ד. א. פ.

82. די IX קאָנפערענץ פון בונד[127]) וועגן דער פאָרשטייענדיקער ליקווידאַטאָרן-קאָנפערענץ[128]).

(„די 9-טע קאָנפערענץ פון בונד", רעזאָלוציעס. ז. 54).

נאָך דעם, ווי די קאָנפערענץ האט אין פאַרבינדונג מיט דער פראַגע וועגן די קעגנזייטיקע באַציאונגען פון פאַרשיידענע ס. ד. אָרגאַניזאַציעס אין דער קומענדיקער וואַל-קאַמפּאַניע באַטראַכט די לאַגע, וואָס האט זיך באַשאַפן אין דער ר. ס. ד. א. פ., באַגריסט זי, ערשטנס, די טעטיקייט פון אָרגאַניזאַציאָנס-קאָמיטעט, וואָס איז אָנגעווענדעט אף ווידער אויפצושטעלן די פאַרטיי-איינהייט

---

*) די רעזאָלוציע איז אָנגענומען געוואָרן אף אַ באַראַטונג פון פאָרשטייער פון אלע וואַרשעווער עקאָנאָמישע אָרגאַניזאַציעס, וואָס ארבעטן אונטער דער אָנפירונג פון בונד, וועלכע איז פאָרגעקומען דעם 2 מאַרט 1912.

דורך צוציען צום אָנטייל אין דעם אויפבוי פון דער פּאַרטיי אַלע ס. ד. גרופּעס אָן אונטערשייד פון שטרעמונגען און פון געביט פון זייער ס. ד. אַרבעט; צווייטנס, האַלט די קאָנפערענץ פאַר פולקאָם צוועקמעסיק דעם באשלוס פון דער באראטונג פון די נאציאָנאלע אָרגאניזאציעס, אז אין דער גאַנצער אַרבעט פון דער קומענדיקער אַלגעמיין רוסלענדער קאָנפערענץ זאָלן געשטעלט ווערן אלס הויפּט-געגנשטאנד די פראגן, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט דעם אָנטייל פון דער ר. ס. ד. א. פּ. אין דער קומענדיקער וואַל-קאַמפּאַניע; דריטנס, באשטימט די קאָנפערענץ אויסצוקלייבן פיר דעלעגאטן אַף דער קאָנפערענץ, וואָס ווערט אָרגאַניזירט דורך דעם אָ. ק.

83. די אַווגוסט-קאָנפערענץ און די נאַציאָנאַל-קולטורעלע אַווטאָנאָמיע.

(„רעזאָלוציע איבער דער פראגע וועגן נאציאָנאל-קולטורעלער אַווטאָנאָמיע". „מוי-דאָע וועגן דער קאָנפערענץ פון די אָרגאניזאציעס פון ר. ס. ד. א. פּ.", סענטיאבר, 1912, ז. 42).

אויסהערנדיק די מיטיילונג פון קאווקאזער דעלעגאט וועגן דעם, אז אי אַף דער לעצטער קאָנפערענץ פון די קאווקאזער אָרגאניזאציעס פון ר.ס.ד.א.פּ., אי אין די ליטעראַרישע אויסגאבן פון דידאָזיקע אָרגאניזאציעס איז פעסטגעשטעלט געוואָרן די מיינונג פון די קאווקאזער כאווייריס וועגן דער נויטיקייט אַרויסצושטעלן די פאָדערונג פון נאציאָנאַל-קולטורעלער אַווטאָנאָמיע, קאָנסטאַטירט די קאָנפערענץ, ניט אַרויסזאָגנדיק זיך וועגן עצעם פון דערדאָזיקער פאָדערונג, אז אזא אויסטייטשונג פונם פונקט פון דער פּאַרטיי-פּראָגראם, וועלכע אנערקענט פאַר יעדער נאציע דאָס רעכט אַף זעלבסטבאשטימונג, וויִדערשפּרעכט ניט דעם פּינקטלעכן זין פונם לעצטן, און זאָגט ארויס א וואונטש, אז די נאציאָנאלע פראגע זאָל איינגעשלאָסן ווערן אין טאָג-אָרדענונג פונם נאָענטסטן צוזאַמענפאָר פון ר. ס. ד. א. פּ.

84. דער „סאציאל-דעמאקראט" וועגן דער נאציאָנאלער פראגע אַף דער קאָנפערענץ פון די ליקווידאטאָרן.

(„נאציאנאליסטישע דעמאָראליזאציע". „סאָציאל-דעמאָקראט", 1912, נ. 28—29).

...די קאָנפערענץ האָט „דערקלערט" דעם פונקט פון דער פּאַרטייאישער פּראָגראַם וועגן די רעכט פון די נאַציאָנאַליטעטן אַף זעלבסטבאַשטימונג אין דעם גייסט פון דער „נאַציאָנאַל-קולטורעלער אווטאָנאָמיע", וועלכע ס'האָט שוין לאַנג געפאָדערט פון דער פּאַרטיי דער בונד, און בעגויגייע צו וועלכער די פּאַרטיי האָט טאָמיד פאַרנומען א נעגאַטיווע שטעלונג. בא דער ליקווידאַטאָרישער קאָנפערענץ האָט דער בונד גרינג „אויסגעדונגען" דאָס, וואָס ער האָט

בעשום אויפן ניט געקאָנט אויסדינגען בא דער פּאַרטיי. דאָס וואָרט „אויס-דינגען" איז ניט אונזערס. מיר נעמען דאָס בענויגייע דער אינערלעך-פּאַר-טייאישער טאַקטיק פון בונד באַ דער אלטער „איסקרא"[129]: מארטאָוו[130] און קאָסטראָוו[131] ווייסן (אָדער זיי האָבן געוואוסט) פיל וויינקער וועגן אָט דעם ספּעציפיש בונדישן מעטאָד אף צו לייזן פּרינציפּיעלע פּראַגן.

דערקלערנדיק אונזער פּראָגראַם צום פּאַרגעניגן פונם בונד, און שטיצנ-דיק זיך אף דעם אויטאָריטעט פון די קאַוקאַזער ליטעראַטן, וועלכע האָבן קלוימערשט דערוויזן די נויטיקייט אַרויסצושטעלן די פּאָדערונג פון נאַציאָנאַל-קולטורעלער אווטאָנאָמיע (מע דאַרף רעכענען, אַז די אַנטשפּרעכנדיקע אַר-טיקלען פון די גרוזינישע אָרגאַנען זיינען פּאַרעפּנטלעכט און באַהאַנדלט גע-וואָרן אף דער קאָנפערענץ!),—מעלדעט די רעזאָלוציע פון דער קאָנפערענץ, אַז „אינם טאָך פון דער פראגע (וועגן נאַציאָנאַל-קולטורעלער אווטאָנאָמיע) גייט זי ניט אריין". וואָס הייסט דאָס? דאָס קאָן הייסן נאָר איין זאַך:—אַז אַ פּרינ-ציפּיעלע פראַגע האָט די קאָנפערענץ געלייזט ניט אין טאָך גענומען, נאָר... צוליב קרויוועשאַפט, ווילנדיק פּאַרדינען די ג ע נ אָ ד פון די בונדישע נאַ-ציאָנאַליסטן.

און דאָ איז אויך די זאַך ניט אין דעם שענדלעכן, ביז איצט ניט גע-זעענעם מיטל, מיט וועלכן ס'האָט געלייזט פּרינציפּיעלע פּראַגן די קאָנפערענץ פון די ליקווידאַטאָרן. באַנוצן זיך מיט דער הילפלאָזיקייט פון די ליקווידאַ-טאָרן, קעדיי דורכצושלעפּן פאַר זיך דאָס לאַנג דערוואַרטעטע „פּ אַ פּ י ר" אף נאַציאָנאַליסטישע „פּרייהייטן"—דאָס איז געווען דאָס „רעכט" פונם בונד. קויפן דאָס מיטגעפיל און די מיטווירקונג פונם בונד פאַר אָט דעם פּרייז—איז געווען טראָצקיס „רעכט". מיר מיינען אָבער, אַז דאָסדאָזיקע „רעכט" איז דאָס רעכט פון מענטשן, וועלכע האַנדלען מיט סאָציאַליזם, נאָר ניט פון סאָציאַליסטן.

דער איקער פון דער זאַך באַשטייט דערין, וואָס, אַדאַנק דער שטעלונג פונם בונד און פון דער קאָנפערענץ, איז פאַר די נאַציאָנאַליסטישע טענדענצן געעפנט געוואָרן אַ ברייטע טיר.

די פּאַרטיי דאַרף אָבער אַרויסטרעטן קעגן דעם, וואָס אין דעם שאַרפן מאָמענט פון נאַציאָנאַליסטישן טשאַד האָבן זיך אונטער דער פירמע פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע באַהאַלטן ניט קאָנסעקווענטע נאַציאָנאַליסטן, וועלכע גע-פינען פאַר זיך אַ פּאַרטיידיקונג אין דער פּרינציפּלאָזיקייט און אין די קרייז-לעך-אינטערעסן פון די ליקווידאַטאָרן.

85. די „ס״ס״ באגריסן די רעזאָלוציע פון דער ליקווידאטאָרישער קאָנפערענץ.

(ירמיהו רעגער: „די נאציאָנאלע פראגע און דער רוסישער מארקסיזם״. „צוקונפט״, ערשטער זאמלבוך, 1913).

...מיט באפרידיקונג קאָן מען איצט פעסטשטעלן, אז ווייט הינטער אונז איז געבליבן די צייט פון יענער פובליציסטיק און פונם בארימטן צווייטן צוזאמענפאָר פון די רוסישע מאַרקסיסטן[132], אַסאַך ווייטער, ווי דאָס יאָר 1903, ווען ער איז פארגעקומען, שטייט אָפּ פונם 1913-טן. עמעס, ניט אין אלע ריכטונגען האָבן מענאצייאך געווען די נייערע געדאנקען, אָבער אַ גענוג ברייטן וועג האָבן זיי זיך דאָך שוין דורכגעשלאָגן.

אף אַ באראטונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין אויגוסט פון לעצטן יאָר, איז אפילע אָנגענומען געוואָרן אַ רעזאָלוציע, אז די פאָדערונג פון דער נאציאָנאל-קולטורעלער אווטאָנאָמיע גייט זיך ניט פאנאנדער מיט דעם אלטן פונקט וועגן נאציאָנאלער זעלבסטבאשטימונג. כאראקטעריסטיש איז אגעוו, וואָס אָט די רעזאָלוציע איז אָנגענומען געוואָרן, יעדנפאלס אומיטלבאר, ניט חייל דאָס האָבן פארלאנגט אונזערע אווטאָנאָמיסטן *), נאָר „אויסהערנדיק די מיטיילונג פונם קאווקאזער דעלעגאט, אז ס׳איז קלאָר געוואָרן די מיינונג פון די קאווקאזער כאווייריים וועגן דער נויטיקייט ארויסצושטעלן די פאָדערונג פון דער נאציאָנאל-קולטורעלער אווטאָנאָמיע״. מע דאַרף אויך אָנמערקן, אז די באראטונג גופע האָט זיך דאָך „ניט ארויסגעזאָגט וועגן דעם עצעם פון דער פאָדערונג״. אָבער אפילע אין אזא פאָרם איז די רעזאָלוציע אַ גרויסער שריט פאָרווערטס, און באזונדערס וויכטיק איז דער באשלוס ארייגצושטעלן די נאציאָנאלע פראגן אינם טאָג-אָרדענונג פונם נעכסטן צוזאמענפאָר.

אָט די נייע אנשויאונגען שלאָגן זיך איצט דורך דעם וועג, צייטנווייז זייער שווער.

...אויך איצט זיינען נאָך דאָ גאנצע שיכטן אינם רוסישן מאַרקסיזם **), וואָס זיינען פארבליבן גאנץ קאָנסערוואטיוו בענויגייע צו דער נאציאָנאַלער פראַגע.

ליידער, געהערן אהער אויך גרויסע מויכעס פונם רוסישן מארקסיזם. אזוי, לעמאָשל, האָט פלעכאנאָוו[133], גלייך נאָך דער דערמאָנטער באראטונג שארף קריטיקירט איר אווטאָנאָמיסטישע רעזאָלוציע. אויב ער איז געוויסער מאסן גערעכט, ווען ער רעדט פון אַ „גאנץ באשטימטער טעריטאָריע״ פון קאווקאז, איז ער אָבער ניט גערעכט, ווען ער מיינט, אז די נאציאָנאלע אווטאָנאָמיע קאָן האָבן אַ זין פאר די אידישע „האנטווערקער-באפעלקערונג, וואָס איר פעלט א טעריטאָריע״, און ער איז שוין גאָר ווייט פון דער ריכטיקער זאכלאגע, ווען ער שרייט, אז „די נאציאָנאלע פראגע... אף קאווקאז איז אַ

*) דער בונד.

**) די באלשעוויקעס.

פּרוכט פון דער רעאַקציע״. צי זעט דען ניט פּלעכאַנאָוו, אַז די איבערקערע־ניש איז געקומען דאַפקע אין דער פּריהייטס־עפּאָכע, צי האָט ער ניט גע־לערנט בא זיינע עסטרייכישע כאַווירים, וועלכע האָבן אַזוי טיף באַגרינדעט דעם קלאַל, אַז דאָס אויפוואַכן פון די נאַציעס צום געשיכטלעכן לעבן איז דאַפקע אַ גרויסע קולטור־דערשיינונג פון דער נייער צייט, און ניט די פּרוכט פון דער רעאַקציע...

בא אַזעלכע אַלטע שאַבלאָנע אָנזיכטן וועט אָבער דער רוסישער מאַרק־סיזם שוין ניט קאָנען בלייבן. דאָס לעבן טרייבט פאָרווערטס. דאָס פּילפּאַרביקע פּעלקער־געוועב איז צו פיין, אַז מע זאָל עס קאָנען אַזוי באַאַרבעטן, ווי דאָס האָבן געטאָן אונזערע אַלטע וועב־מייסטער. צום רוסישן מאַרקסיזם זיינען גע־ריכטעט אַסאַך האָפענונגען פון די אונטערדריקטע און אונטעריאָגטע, און ער מוז און וועט מוזן געבן אַן ענטפער אף די „פאַרשאָלטענע פראַגן״...

86. דער קאַמף פון די באָלשעוויקעס קעגן בונד.

(„אַן אַ פּייגנבלעטל (דער בונד וועגן זיך אַליין)״, „סאָציאַל־דעמאָקראַט״, 1913, נ. 30).

מע קאָן ניט ניט לויבן דעם בונד פאַר זיין באַשלוס אַרויסצוגעבן אַ פאַרהעלטניסמעסיק אויספירלעכן „באַריכט וועגן דער IX־טער קאָנפערענץ פון בונד״. אָט איז אַ דאָקומענט, מיט וועלכן ס׳דאַרף זיך באַקאַנען יעדער פּאַר־טייאישער אַרבעטער.

דער בונד איז וויכטיק ניט אַליין פאַר זיך. אינם אַלגעמיין פּאָליטישן לעבן, אין דער אַרבעטער־באַוועגונג פון אונזער לאַנד שפּילט די אָרגאַניזאַציע, וואָס מע רופט זי „בונד״, אַ נישטיק קליינע ראָלע. דאָס איז פאַר קיינעם קיין סאָד ניט, און דאָס, וואָס ווערט דערציילט אינם בונדישן „באַריכט״, האָט בלויז אַ איבעריק מאָל קלאָר אונטערגעשטראָכן די גאַנצע פּאָליטישע אָרים־קייט פון דער בונדישער פּראַקטיק, זיין פולשטענדיקע אָפּוועזנהייט אַף דער פּאָליטישער אַרענע בא אַזעלכע אַרויסטרעטונגען, ווי די לענער געשעענישן. נאָר אינם קאַמף פון די ליקווידאַטאָרן מיט אונזער פּאַרטיי אינם מעשעך פון די לעצטע יאָרן האָט דער בונד געשפּילט זייער אַ גרויסע ראָלע. איינע פון די ערגסטע זייטן פון אונזער פּאַרטיי־קריזיס באַשטייט גראַד דערין, וואָס אָפּט־מאָל באַקומען אַן „איינפלוס״ גרופּן און קרייזלעך, וועלכע האָבן ניט קיין שום ערנסטע פּאָליטישע באַדייטונג. ס׳איז אַ פּאַקט. נאָכן בונד שלעפּן זיך, לויט פּלעכאַנאָווס געלונגענעם אויסדרוק, „ווי אַ קעלבל נאָך דער מוטער״ ניט נאָר די ווייניק אויסגעפּראַוועטע לעטישע ליקווידאַטאָרן, נאָר אָפּטמאָל אויך די רוסישע. דער בונד איז געווען דער הויפּט־אָרגאַניזאַטאָר פון דער אַווגוסט־קאָנפערענץ פון די ליקווידאַטאָרן. דער בונד האָט זיך דערשלאָגן פון די רוסישע ליקווידאַטאָרן אַ האַסקאָמע אַף זיינע נאַציאָנאַליסטישע פּרעטענזיעס און דאָס אומענדערן פון דער פּאַרטייאישער פּראָגראַם (די באַרימטע רעזאָלו־ציע פון די ליקווידאַטאָרן וועגן דער קולטורעל־נאַציאָנאַלער אַווטאָנאָמיע).

אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם אַלעמען, איז באַזונדערס באַלערנדיק אַרייַנצוקוקן זיך אין פּאָליטישן מעהוס פון בונד.

* * *

די בונדישע קאָנפערענץ האָט געהאַט אירע זיצונגען פאַר דער ליקווידאַטאָרישער. איינ.ער פון די הויפּט-פּונקטן פון איר טאָג-אָרדענונג איז געווען די פראַגע וועגן דער וואַל-קאַמפּאַניע און וועגן דער וואַל-פּלאַטפאָרם. איז אָט באַהאַנדלט דער בונד די פראַגע וועגן דעם, צי דאַרף מען אַרייַנשטעלן אין דער פּלאַטפאָרם די פאָדערונג פון אַ רעפּובליק. דער בונדישער פּאַרטרעגער, הינטער וועלכן ס'איז געשטאַנען די מערהייט פון דער קאָנפערענץ, זאָגט אַרויס אַזאַ טשיקאַווע מיינונג:

— „רופן צו אַ דירעקטן פּאָליטישן קאַמף אַרום דער פאָדערונג פון אַ דעמאָקראַטישער רעפּובליק וואָלט געהייסן רופן צו אַ דירעקטער רעוואָלוציע. אַזאַ רוף איז אומעגלעך" (באַריכט, זייט 24). און דערפאַר לייגט פאָר דער פּאַרטרעגער אַרויסצורוקן (אין דער פּלאַטפאָרם) די פאָלגנדיקע לאָזונגען: אַלגעמיינע און אַזוי ווייטער וואַלרעכט; איינפּאַלאַטע-סיסטעם; פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון מיניסטעריום; בירגערלעכע פרייהייטן; ספּעציעל אויסטיילן די קאָאַליציע-פרייהייט; אָפּשאַפן אַלע באַגרעניצונגען, ספּעציעל אָפּשאַפן דעם „תּחום"; נאַציאָנאַלע גלייכבאַרעכטיקונג און ספּעציעל דאָס רעכט פון דער מוטער-שפּראַך; אַרבעטער-געזעצגעבונג פאַר אַלע קאַטעגאָריעס אַרבעטער; דאָס רעכט צו פייערן שאַבעס" (באַריכט, זייט 24).

פאַרלויפנדיק פאַרויס, וועלן מיר זאָגן, אַז אַזאַ ריין ליקווידאַטאָרישע פּלאַטפאָרם איז טאַקע *אָנגענומען געוואָרן**) אַף דער בונדישער קאָנפערענץ, נאָר טוט אַ קוק, וואָס מע האָט גערעדט אין די דעבאַטן וועגן איר.

דער בונדישער פּאַרטרעגער „באַגרינדעט" אַזוי זיין טאַקטיק פון *אָפּזאָגן זיך* פון „רופן צו אַ רעוואָלוציע".

„אונטערן איינפלוס פון די לעצטער געשעענישן, — זאָגט דערדאָזיקער הער,—האָבן זיך צווישן דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע ווידער אָנגעהויבן הערן שטימען, אַז מיר שטייען ערעוו אַ רעוואָלוציע... נאָר מיר האָבן ניט קיין שום גרונטן אַזוי צו רעכענען" (ז. 23).

וועגן דעם, אז מיר שטייען „ערעוו" אַ נייער רעוואָלוציע, האָט דער בונדישער פּאַרטרעגער, פאַרשטייט זיך, גאָר אַ קלייניקייט... אויסגעטראַכט. וואו, ווער און ווען האָט באַהויפּטעט אין דער רוסישער ס.ד.-פּרעסע, אַז מיר שטייען קלוימערשט „ערעוו" אַ נייער רעוואָלוציע? ניט וועגן דעם האַנדלט זיך, זייער געערטער הער פּאַרטרעגער, צי זייַנען מיר „ערעוו", אָדער מיר שטייען נאָך ווייט פון אַ דירעקטן אויפשטאַנד אַף אַ באַדייטנדיקער צייט. גאָר *ניט וועגן דעם* גייט דער שטרייט אין דער רוסישער סאָציאַל-דע-

*) קורסיוו אומעטום פין אָריגינאַל.

מאַקראַטיע: קיינער וועט זיך איצט ניט נעמען פאָרויס צו זאָגן דעם כוידעש אָדער דאָס יאָר, ווען אַ נייע רעוואָלוציע וועט ווערן אַ פאַקט. דער שטרייט גייט וועגן דעם, אין וועלכער ריכטונג גייט ביכלאַל דאָס רוסישע לעבן? צי גייען מיר צו אַ נייער רעוואָלוציע אָדער מיר וואַקסן אַריין אין קאַקאָווצעוו[134]-גוטשקאָווס[135]) קאָנסטיטוציאָנעל רוסלאַנד? ווי אַזוי דאַרף פירן איר אַרבעט אונזער פּאַרטיי, צי דאַרף זי פירן די גאַנצע באַוועגונג צו אַ נייער רעוואָ-ציע? אַזוי און נאָר אַזוי שטייט די פראַגע. און דער בונדישער ליקווידאַטאָר ווייסט דאָס אויסגעצייכנט. ער אַליין גיט זיין גאַנץ באַשטימטן ענטפער גראַד אַף אָט דער פראַגע וועגן דעם „ערעוו", ווען ער רוקט אַרויס די פאָרמול:

— „עוואָלוציאָנערע אַנטוויקלונג, וועלכע שעפּט אירע קוי-כעס פון דער רעוואָלוציע" (זייט 23).

די לעצטע ווערטער („וועלכע שעפּט אירע קויכעס פון דער רעוואָלו-ציע") האָבן אַ וועלכן ניט איז זינען נאָר דאַן, אויב מע זאָל זאָגן, וועלכע שעפּט קרעפטן פון דער זיך פאַרענדיקטער, פון דער געוועזענער רעוואָ-לוציע, וואָרום „עוואָלוציאָנערע באַוועגונג", וועלכע שעפּט קרעפטן פון דער קומענדיקער, פאָרשטייענדיקער רעוואָלוציע, איז אַן אומזין.

פלאָנטערנדיק זיך און אביסל לייגנדיק, גיט דער בונדישער ליקווידאַטאָר זיין פּראָגנאָז, און דער פּראָגנאָז איז אַ ריין ליקווידאַטאָרישער.

ניט קיין נייע רעוואָלוציע, נאָר „עוואָלוציאָנערע אַנטוויקלונג".

דעם לאָזונג פון אַ רעפּובליק דאַרף מען אָפּוואַרפן, וואָרום אַזאַ לאָזונג „וואָלט געהייסן רופן צו אַ דירעקטער רעוואָלוציע". טיילווייזע האַנאָכעס זיינען מעגלעך אויך באַם 3-יוני-רעזשים (דאָרטן, ז. 23). אָבער דאָס הייסט דאָך טאַקע אינגאַנצן אָפּזאָגן זיך פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער טאַקטיק, אָבער דאָס הייסט דאָך טאַקע אַ ריינע אָן קיין שום צומישונג ליקווידאַטאָ-רישקייט, אַ ליקווידאַטאָרישקייט „סין פראַז" (אָן פראַזן) אָדער דאָסזעלביקע מיט אַנדערע ווערטער, ליקווידאַטאָרישקייט אָן אַ פייגנבלעטל.

ניט קיין נייע רעוואָלוציע, נאָר „עוואָלוציאָנערע אַנטוויקלונג"—אָט דאָס איז דער ענטפער פונם אָפנהערציקן ליקווידאַטאָר פון בונד. נאָר דער בונד וואָלט ניט געווען קיין בונד, ווען באַ אים וואָלט זיך ניט געפונען קיין פּשאָרעמאַכער", וועלכער זאָל זיך פּרוּוון „פּרינציפּיעל" פאַרטיידיקן די פּאָ-זיציע פון פולשטענדיקער פּרינציפּלאָזיקייט, פון ניט האָבן קיין שום באַ-שטימטע מיינונגען. דער פּרינציפּ פון ליקווידאַטאָרישקייט איז אָבער פאָרט אַ באַשטימטער פּרינציפּ. דער פּראָגנאָז, וואָס הייסט עוואָלוציאָנערע אַנטוויק-לונג, איז דאָך פאָרט אַ באַשטימטער פּראָגנאָז. איז אָט טרעט טאַקע אַרויס איינער פון די בונדישע כאַכאָמים, קעדיי צו פאַרטיידיקן דעם געדאַנק, אַז „קיין פּראָגנאָז איז גאָר ניט נויטיק" (באַריכט, ז. 25). ...זייענדיק קעגן יעטווידער פּרינציפּיעלער פּאָזיציע, איז ער בליסאָפעק געבליבן געטריי די אַלטע טראַדיציעס פון בונד.

„קיין פּראָגנאָז איז גאָר ניט נויטיק"—אין די אומשטערבלעכע ווערטער איז בליסאָפעק אויסגעדריקט דאָס סאַמע הייליקסטע פון דער געוויינלעכער

בונדישער פּאָליטיק. אין זיי, קאָן מען זאָגן, ליגט „דאָס אייביק בונדישע״. נאָר דאָס מאָל האָט אין דער פּאָליטיק פון אונזערע אָפּאָרטוניסטן פאָרט מענאַצייעך געווען די פּלאַטפאָרם פון דער ניט צוגעפּוצטער ליקווידאַטאָרישקייט.

אַף דער בונדישער קאָנפערענץ האָבן דאָמינירט אומגעפּער אַזעלכע רעדעס:

— „אַרויסרוקן מיטאַמאָל די סאַמע לעצטע פאָדערונגען (רעפּובליק און אַז. וו.) דאָס וואָלט געהייסן ניט אַנדערש, ווי רופן צו אַ טייקעפּדיקער ראַדיקאַלער איבערקערעניש״...

— „מע רעדט וועגן דעם, אַז די מאַסע וועט פאַרשטיין דעם לאָזונג פון אַ רעפּובליק, די מאַסע וועט זיך אָפּרופן און אַזוי ווייטער. צו אָט די רעדעס דאַרף מען זיך באַציען מיט דער גרעסטער פאָרזיכטיקייט״...

— „שטעלט אייך פאָר אָט די דערוואַקסענע אידישע אַרבעטער מיט בערד, מיט ווייבער און קינדער. איר וועט זיי דערציילן וועגן אַ דעמאָקראַטישער רעפּובליק און איר וועט זיי לאַגיש דערווייזן איר נויטיקייט. זיי וועלן אייך גלייכגילטיק ענטפערן: „רעפּובליק? גאַנץ גוט. פאַרוואָס ניט? מיר דאַרפן אָבער האָבן אַן אַקטיוון אָפּקלאַנג און מיר דאַרפן זיי זאָגן עפּעס אַזאַ וואָרט, וואָס זאָל בײַ זיי אַרויסרופן אַ געפיל: אָט דאָס איז טאַקע דאָס, וואָס מיר דאַרפן אָט איצט״!

לייענער! איז אייך דען אָפּט אויסגעקומען צו לייענען שורעס, וועלכע זאָלן זיין פול מיט אַזאַ ענדלאָזער טריוויאַליטעט, ווי די נאָר וואָס געבראַכטע רעדע פונם בונדישן פאָרטרעגער, מיט וועלכן ס'האָט מאַסקים געווען די מערהייט פון דער בונדישער קאָנפערענץ?

לייענענדיק אָט די שורעס, דוכט זיך, אַז אָט זעסטו פאַר זיך ווי אַ לעבעדיקן דעם טריוויאַלסטן פון די רעפאָרמיסטן, וועלכער איז אַף אַזוי פיל „קלוג געוואָרן״, אַז וועגן רעפּובליק און רעוואָלוציע האַלט ער אפילו „פאַר ניט ערנסט״ צו ריידן מיט „דערוואַקסענע״ אַרבעטער. אַ דערוואַקסענער באַיאַרנטער אַרבעטער „מיט אַ באָרד״ און „מיט קינדער״ קאָן, לויט דער פאָרשטעלונג פונם דאָזיקן פּערסאָנאַזש, בלויז טראַכטן וועגן פאַרדינען נאָך אַ קאָפּיקע אַפן רובל און עפּשער נאָך אויך וועגן פייערן שאַבעס.

האָבן דען ניט געהערט די בונדישע ליבערס וועגן דעם, אַז אין רוסלאַנד האָבן אין יאָר 1912 געשטרייקט צוליב דער לענער שיסעריי עטלעכע הונדערט טויזנט רוסישע אַרבעטער? צווישן זיי, מיינע הערן, זיינען די גרעסטע מערהייט געווען מענטשן „דערוואַקסענע, מיט בערד, מיט ווייבער און קינדער״. און זייער רעוואָלוציאָנערן שטרייק האָבן זיי דורכגעפירט, ווי באַוואוסט, טאַקע אונטערן לאָזונג פון אַ רעפּובליק.

מיר זיינען זיכער, אַז די ליקווידאַטאָרן-בונדיסטן זאָגן רעכילעס אויך אַף די אידישע אַרבעטער, שילדערנדיק זיי, ווי פּאַשעטע באַלעבאַטים, און ווי מענטשן, וועלכע זיינען פעאיק צו באַגייסטערן זיך און שרייען: „אָט דאָס איז טאַקע דאָס״ בלויז דאַן, ווען מע רעדט וועגן יאָנטעוו-טעג.

ווי ס'זאָל אָבער ניט זיין, נאָר די בונדישע ליקווידאַטאָרן „מיט בערד, מיט ווייבער און קינדער" זיינען באַשטאַנען אַף זייערס און האָבן דורכגעפירט די ריין ליקווידאַטאָרישע פּלאַטפאָרם, וועלכע מיר האָבן אויבן געבראַכט. פינף דעלעגאַטן (פון 17) האָבן שעמעוודיק זיך אָפּגעהאַלטן באַם אָפּשטימען און בלויז איינער האָט געשטימט קעגן.

מע האָט אויסגעשטראָכן די רעפּובליק, אויסגעשטראָכן דאָס קאָנפיסקירן די פּריצישע ערד, און מע האָט דערפאַר אַריינגעשטעלט דאָס פייערן שאַבעס.

ס'אַראַ שאַנדע!..

* * *

אַף די איבעריקע פּערל פונם בונדישן באַריכט וועלן מיר זיך אָפּשטעלן נאָר אין קורצן.

זייער ווערטיק זיינען אייניקע אנערקענונגען, וועלכע ס'האָבן געמאַכט איינצלנע דעלעגאַטן, וואָס האָבן נאָך ניט פאַרלאָרן זייער סאָציאַל-דעמאָקראַטישן פּאָנים. לעמאָשל, אין דער פראַגע וועגן דער אַזוי גערופענער „פּעטיציעס-קאַמפּאַניע" און וועגן אַנדערע קאַמפּאַניעס, וואָס וועגן זיי האָבן אַזוי פיל אָנגעטומלט טראָצקי און זיינע פריינט.

די פּעטיציעס-קאַמפּאַניע, ווי ס'האָט דערקלערט אין זיין באַריכט אפילע דער בונדישער צ. ק., קאָן ניט גערעכנט ווערן פאַר אַ געלונגענע. וועגן דערדאָזיקער פראַגע האָבן זיך אין בונד „אַרויסגעוויזן כלוקעדייעס (אין דער פראַגע וועגן פּאַרקירצן די לאָזונגען), וועלכע זיינען ענלעך צו די, וואָס קומען פאָר אויך צווישן די רוסישע כאַווייריםֿ" (ז. 5). מענאַצייעך געווען האָבן פונדעסטוועגן, ווי ס'פירט זיך אין בונד, די ליקווידאַטאָרן. די קאַמפּאַניע האָט זיך אָנגעהויבן. און—אין סאַכאַקל.... „235 אונטערשריפטן אין וואַרשע, 100 אין קיעוו א. א. וו. אינגאַנצן האָבן זיך באַטייליקט אין דער קאַמפּאַניע אַרום אנדערהאַלבן טויזנט מענטשן" (ז. 5). און דאָס איז, ווי ס'שיינט, ערשט אַדאַנק דער פאַרייניקונג מיט פּ.פּ.ס.! ניטאָ וואָס צו ריידן, אַ שיינע „מאַסן-קאַמפּאַניע"! איז דען פאַראַן וואָס צו וואונדערן זיך, וואָס אייניקע סאָציאַל-דעמאָקראַטן, וועלכע זיינען אַריינגעפאַלן אין דער קאַמפּאַניע פון די ליבערס, האָבן געמאָלדן, אַז „באַ אונז (באַם בונד) האָבן זיי („די קאַמפּאַניעס") זיך פאַרוואַנדלט אין אַ מין פּאָליטישער גימנאַסטיק... און האַלטן באַ נימעס צו ווערן און צו פאַרלירן די שאַרפקייט, וועלכע זיי דאַרפן האָבן אַלס אַ מיטל פון פּאָליטישן קאַמף" (באַריכט, ז. 14—15)? און אַנדערע האָבן אַפילע אָפן געשטעלט דאָס פּינטל אַפן „יוד" און האָבן באַמערקט, אַז בעאייס מיר (בונדיסטן) האָבן געקליבן אונטערשריפטן אונטערן פּראָטעסט קעגן די לענער געשעענישן, האָבן אַנדערע—געשטרייקט (ז. 18).

ס'האָבן זיך געפונען אפילע איינצלנע דרייסטע מענטשן, וועלכע האָבן פאַרורטיילט די פּאָליטיק פון בונד אין די אָנגעלעגנהייטן פון ר. ס. ד. א. פּ.

איין דעלעגאט „האָט געמאַכט דעם צ. ק. פון בונד אַ פאַרוואורף פאַר דעם, וואָס ער האָט געפירט אין די אָנגעלעגנהייטן פון ר. ס. ד. א. פּ. אַ פראַקציאָנעלע מענשעוויסטישע ליניע“ און אויך אין דעם, וואָס „מיר (בונדיסטן) האָבן דערדאָזיקער דיפּלאָמאַטיע אָפּגעגעבן צו פיל צייט“. נאָר ווען די בונדישע ליבערס האָבן דערקלערט דידאָזיקע אומצופרידענע, אַז „מיר (בונד) זיינען גאָר ניט אויסערהאלב דער פאַרבינדונג מיט ר.ס.ד.א.פּ.“ *) (אַ הייליקער עמעס !), האָבן זיך דידאָזיקע בונדישע (פאַרטייער) באַרואיקט און האָבן (איינשטימיק) באַשלאָסן צו גיין אַף דער ליקווידאַטאָרישער קאָנפערענץ.

אינם בונדישן באַריכט זיינען נאָך געבליבן סימאָנים פון דעם אינטערעסאַנטן שטרייט וועגן דעם, צי איז איצט נויטיק אַ רעגולערער אומלעגאַלער אָרגאַן. די ליקווידאַטאָרן פון בונד האָבן, פאַרשטייט זיך, באַשלאָסן, אַז ניט. דער באַריכט טיילט מיט וועגן דעם פאָלגנדיקעס:

— „וואָס אנבאַלאנגט דער נויטיקייט פאַר אונז אָנהויבן איצטער רעגולער אַרויסצוגעבן אַן אומלעגאַלן אָרגאַן, האָט מען אויך קעגן דעם געבראַכט אזוינע ראַיעס. די באַאַרבעטונג פון קימאַט אַלע פראַגן, אויסער נישטיקע (?) אויסנאַמען, איז מעגלעך אין די לעגאַלע אויסגאַבן... קיין פעריאָדישער אָרגאַן איז צוליב דעם ניט נויטיק“.

אינדערעמעסן, אויב מע זאָל אנערקענען, אַז „רופן צו א רעוואָלוציע“ איז ניט נויטיק, און א רעפּובליק טויג ניט פאַר אַרבעטער „מיט בערד“ — קאָן מען דאָך טאַקע אַלץ זאָגן לעגאַל, הייגט צוליב וואָס דאַרף מען דעמאלט אַן אומלעגאלן אָרגאַן ?...

אינטערעסאַנט זיינען די דעבאַטן וועגן דעם בלאָק פון בונד מיט פּ.פּ.ס. קעגן דער פּ. ס. ד. אייניקע דעלעגאַטן האָבן געוואָרנט, אז דאָס איז א צעשפאַלטונג. אַפילע די מערהייט האָט זיך אויך, ווייזט אויס, געפילט ניט גאָר זיכער. נאָר דאָך האָט מען באַשטימט אַף אָט דער צעשפּאַלטונג צו גיין. און, ווי באַוואוסט, איז מען טאַקע געגאַנגען. פאַרבייגייענדיק, מאַכן די בונדיסטן א באַדייטונגספולע אנערקענונג:

— „מיט דער פּ. ס. ד. זיינען מיר גלייכצייטיק אריין אין ר. ס. ד. א. פּ. נאָר קיין פאַקטישע פאַרייניקונג איז בא אונז מיט זיי ניט פאָרגעקומען“ (באַריכט ז. 35).

אָט דאָס איז טאַקע אזוי, מיינע הערן. פריער, איידער צו פריידיקן אונז אייניקייט מיט די ליקווידאַטאָרן, וואָלט עפּשער ניט געווען בעסער, אז איר אליין זאָלט זיך פריער פאַקטיש פאַראייניקן מיט די פוילישע ס. ד. דערצו האָבן דאָך אייך ניט איין מאָל גערופן די באַשלוסן פון די פּאַרטייאישע צו-

*) דער באַריכט פון צ. ק. פון בונד וועגן זיינע טריט אין ר.ס.ד.א.פּ. איז, צום באַדויערן, „אין פּראָטאָקאָל ניט אינגאַנצן געבליבן“ (?!). אַף אַזאַ אויפן איז געבליבן אומבאַוואוסט, וועלכע ביטערע עמעסן האָבן נאָך אָנגערעדט אייגע די אנדערע די בונדיסטן.

באַמערקונג פון אַווטאָר.

זאַמענפאָרן און קאָנפערענצן. ...נאָר וועגן דערדאָזיקער טעמע אַן אַנדערש מאָל.

* * *

...די בונדיסטן, וועלכע האָבן ארויסגעלאָזן דעם אָנגערופענעם באַריכט, סאָלידאַריזירן זיך אינגאַנצן אויך מיט דעם באַריכט, וועלכער איז ארויסגעלאָזן געוואָרן פון טראָצקין און פונם ליקווידאַטאָרישן „אָ. ק.״ *) נאָך דער אווגוסט-קאָנפערענץ. זאָלן וועגן דעם א טראַכט טאָן אונזערע „פשאָרעמאַכערס״. די סאַמע אָפנהערציקע און ציניש ליקווידאַטאָרן „שרייבן אינגאַנצן אונטער״ די רעזאָלוציע, די פּלאַטפאָרם און די „מיטיילונג״ פון דער אווגוסט-קאָנפערענץ, וועלכע האָט זיך קלוימערשט אינגאַנצן אָפּגעזאָגט פון ליקווידאַטאָרישקייט, „געוואָרן גוט און פרום״ א. א. וו. און דערפאַר, הייסט דאָס, פאַרדינט זי אַמ-ביסטיע! ווי אַזוי האָט עס געקאָנט פּאַסירן?

גאָר פּאָשעט! די ליקווידאַטאָרישע (אווגוסט-)קאָנפערענץ אונטערשיידעט זיך פון דער בונדישער בלויז און אויסשליסלעך מיט א פייגנבלעטל. טוט א סקראָבע די רעזאָלוציעס און די פּלאַטפאָרם טראָצקיס, און פון דער אווגוסט-קאָנפערענץ וועט איר באַקומען די רעזאָלוציעס און די פּלאַטפאָרם פון ליבערס בונדישער קאָנפערענץ. „שרייבן שרייבט זיך״ לויט טראָצקין, נאָר „לייענען לייענט זיך״ לויט ליבערן און פאָטרעסאָוון [136]). די ליבערס אנטשליסן זיך צו באַווייזן אין זייער „עמעסן״ געשטאַלט, שוואַרצינקע, די טראָצקיס אָבער שטרעבן צו באַווייזן זיך ווייסינקע. מער ניט ווי דאָס.

יעדנפאַלס, בלייבט בא דעם בונד דער אָנאָפּעקדיקער פאַרדינסט, וואָס ער האָט אונז באַוויזן בעכוש, ווי אַזוי די ליקווידאַטאָרישקייט זעט אויס אָן אַ פייגנבלעטל.

87. די פעוורואַל-באַראַטונג [137]) באַם צ. ק. פון ר. ס. ד. א. פּ. וועגן בונד.

(רעזאָלוציעס וועגן די נאַציאָנאַלע סאָצ.-דעמ. אָרגאַניזאַציעס).

1. די דערפאַרונג פון 1912 יאָר האָט פולשטענדיק באַשטעטיקט, אַז דער באַשלוס פון דער יאַנוואַר-קאָנפערענץ (1912) פון דער ר. ס. ד. א. פּ. וועגן דערדאָזיקער פראַגע איז געווען ריכטיק. דעם בונדס אונטערשטיצן די קאַנדי-דאַטור פון דעם ניט-סאָציאַל-דעמאָקראַט יאַגעלאָ קעגן די פּוילישע ס. ד. און דאָס אויוועך זיין די פּאַרטיי-פּראָגראַם לעטויוועס דעם נאַציאָנאַליזם דורך דער אווגוסט- (1912) קאָנפערענץ פון די ליקווידאַטאָרן, בונד און לעטישע ס. ד. האָבן באַזונדערס בוילעט ארויסגעוויזן דעם פולשטענדיקן באַנקראָט פון די פע-

*) ארגאַניזיר-קאָמיטעט.

דעראַליסטישע יעסוידעס אין דעם געבוי פון דער ס.-ד. פּאַרטיי און דעם טיפן שאָדן פון דער אָפּגעזונדערטקייט פון די „נאַציאָנאַלע" ס.-ד. אָרגאַניזאַציעס פאר דער פּראָלעטאַרישער זאַך.

2. די באַראַטונג רופט דעריבער דרינגענד די אַרבעטער פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן פון רוסלאַנד אַף אַן אַנטשיידנסטן אופן אָפּצושטויסן דעם קריגערישן נאַציאָנאַליזם פון דער רעאַקציע, צום קאַמף מיט אַלע און קאָלערליי דערשיינונגען פון נאַציאָנאַליסטישן גייסט צווישן די האָרעפּאַשנע מאסן און צו דער ענגסטער פאַרייניקונג און צונויפגיסונג פון די ס.-ד. אַרבעטער אַף די ערטער אין איינהייטלעכע אָרגאַניזאַציעס פון דער ר. ס. ד. א. פּ., וועלכע פירן די אַרבעט אַף דער שפּראַך פון דעם אָרטיקן פּראָלעטאַריאַט, און וועלכע פאַרווירקלעכן בעפּויעל די איינהייט פון אונטן, ווי דאָס פירט זיך פון לאַנג אַף קאַווקאַז.

...4. די באַראַטונג באַטאָנט באַזונדערס דעם עקסטן אָפּאָרטוניזם און ליקווידאַטאָרישקייט אין די באַשלוסן פון דער לעצטער (9-טער) קאָנפערענץ פון בונד, וועלכע האָט באַזייטיקט דעם לאָזונג פון רעפּובליק, אָפּגערוקט די אומלעגאַלע אַרבעט אָפן הינטערשטן פּלאַן און באַוויזן, אַז זי האָט פאַרגעסן די רעוואָלוציאָנערע אויפגאַבן פון פּראָלעטאַריאַט. אויך אַזאַ פאַרורטיילן פאַרדינט דאָס קעגנשטעלן זיך פון בונד צו פאַרייניקן אַלע ס.-ד. אַרבעטער אַף די ערטער (אין וואַרשע, לאָדז, ווילנע א. א. וו.)—א פאַרייניקונג, וועלכע די ר. ס. ד. א. פּ. דורך אירע צוזאַמענפאָרן און קאָנפערענץ האָט פון 1906-טן יאָר אָן *) אסאַך מאָל געפאָדערט...

88. די נאַציאָנאַלע פראַגע אַף דער „זומערדיקער (1913) באַראַטונג" פון די באָלשעוויקעס [138].

(רעזאָלוציע וועגן דער נאַציאָנאַלער פראַגע. וו. א. לענין: געזאַמלטע ווערק. ב. 12, צווייטער טייל, מאָסקווע, 1924, ז. 254—257).

דאָס פאַנאַנדערבושעווען זיך פון שוואַרצמייעדיקן נאַציאָנאַליזם, דער וואוקס פון די נאַציאָנאַליסטישע טענדענצן צווישן דער ליבעראַלער בורזשואַזיע, די פאַרשטאַרקונג פון די נאַציאָנאַליסטישע טענדענצן צווישן די אויבערשטע שיכטן פון די אונטערדריקטע נאַציאָנאַליטעטן רוקן אַרויס אינם איצטיקן מאָמענט די נאַציאָנאַלע פראַגע אַף אַן אָנגעזעען אָרט.

די זאַכלאַגע אין דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע גופא (די פרואוון פון די קאַווקאַזער ס. ד., בונד און די ליקווידאַטאָרן אָפּצושאַפן די פראָגראַם פון דער פאַרטיי א. א. וו.) צווינגט די פאַרטיי לייגן נאָך מער אכט אַף דעראַזיקער פראַגע.

*) זינט דעם סטאָקהאָלמער פאַרייניקונגס-צוזאַמענפאָר.

שטיצנדיק זיך אף דער פּראָגראַם פון דער ר. ס. ד. א. פּ., רוקט ארויס די באַראַטונג אין די אינטערעסן פון ריכטיק אוועקצושטעלן די ס. ד. אגיטאַציע וועגן דער נאַציאָנאַלער פראַגע אַזעלכע גרונטלאגן:

1) אף וויפל ס׳איז מעגלעך א נאַציאָנאַלער פרידן אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, וועלכע איז געגרינדעט אף עקספּלואַטאַציע, רויבעריי און רייסעניש, אף אזוי פיל קאָן מען דאָס דערגרייכן בלויז בא אן אויסגעהאלטענער ביזן סאָף דעמאָקראַטישער רעפּובליקאנישער מעלוכע-אָרדענונג, וועלכע פארזיכערט א פולע גלייכבארעכטיקונג פון אלע נאַציעס און שפראכן, וואו ס׳איז ניטאָ קיין אָבליגאַטאָרישע מוטער-שפּראַך, וואו די באפעלקערונג איז באזאָרגט מיט שולן, מיט אונטעריכט אף אלע אָרטיקע שפּראכן, און וואו ס׳איז איינגעשלאָסן אין דער קאָנסטיטוציע א גרונט-געזעץ, וועלכער דערקלערט פאר אומגילטיק אלערהאנט נאציאָנאלע פּריווילעגיעס און אלערהאנט באגרעניצונגען פון די רעכט פון די נאציאָנאלע מינדערהייטן. באזונדערס איז נויטיק דערצו א ברייטע געגנט-אווטאָנאָמיע און א פולע דעמאָקראַטישע זעלבסטפארוואלטונג, וואו די גרעניצן פון די זעלבסטפארוואלטנדיקע און אווטאָנאָמע געגנטן ווערן באשטימט אפן יעסאָד פון די יעדיעס פון דער אָרטיקער באפעלקערונג גופע וועגן זייערע ווירטשאפטלעכע און לעבנשטייגערישע באדינגונגען, נאציאָנאלן באשטאנד א. א. וו.

2) דאָס צעטיילן דעם שול-איניען לויט די נאציאָנאליטעטן אין די גרעניצן פון איין מעלוכע איז לאכלוטן שעדלעך פונם שטאנדפונקט פון דעמאָקראַטיע ביכלאל און פון די אינטערעסן פון פּראָלעטארישן קלאסנקאמף ביפּראַט. צו אָט אזא צעטיילונג ברענגט דאָס דער פּלאן פון דער אזויגערופענער „קולטור-נאציאָנאלער אווטאָנאָמיע״, אָדער דאָס „באשאפן אינסטיטוציעס, וועלכע גאראנטירן די פרייהייט פון נאציאָנאלער אנטוויקלונג״ וועלכער איז אָנגענומען געוואָרן אין רוסלאנד דורך אלע בורזשואזע פארטייען פון אידנטום און די בירגערלעך-אָפּאָרטוניסטישע עלעמענטן פון פארשיידענע נאציעס.

3) די אינטערעסן פונם אַרבעטער-קלאס פאָדערן, אז די ארבעטער פון אַלע נאציאָנאליטעטן פון דער געגעבענער מעלוכע זאָלן זיך צונויפגיסן אין איינהייטלעכע פּראָלעטארישע אָרגאניזאציעס: פּאָליטישע, פּראָפעסיאָנעלע, קאָאָפּעראַטיוו-בילדונגס-אָרגאניזאַציעס א. א. וו. בלויז אַזא צונויפגיסונג פון די ארבעטער פון פאַרשיידענע נאַציאָנאליטעטן אין איינהייטלעכע אָרגאניזאציעס גיט די מעגלעכקייט דעם פּראָלעטאריאַט פירן א זיגרייכן קאמף מיטן אינטערנאציאָנאַלן קאַפּיטאל און מיט דער רעאַקציע, און גלייכצייטיק אויך מיט די דראָשעס און שטרעבונגען פון די פריצים, גאַלאָכים און בורזשואַזע נאַציאָנאליסטן פון אלע נאַציעס, וועלכע פירן געוויינלעך דורך זייערע אַנטי-פּראָלעטארישע שטרעבונגען אונטער דער פאָן פון „נאַציאָנאלער קולטור״. די אלוועלטלעכע אַרבעטער-באַוועגונג שאפט און אַנטוויקלט מיט יעדן טאָג אלץ מער און מער די אינטערנאַציאָנאלע... קולטור.

4) וואָס איז שייַעך די רעכט פון די דורך דער צארישער מאָנאַרכיע אונטערדריקטע נאַציעס אף זעלבסטבאַשטימונג, ד. ה. אף אָפּטיילן זיך און

בילדן זעלבשטענדיקע מעלוכעס, דאַרף די ס. ד. אומבאַדינגט דאָסדאָזיקע רעכט פאַרטיידיקן. דאָס פאָדערן סײַ די גרונט-פּרינציפּן פון דער אינטערנאַציאָנאַלער דעמאָקראַטיע ביכלאַל, סײַ באַזונדערס די שרעקלעכע נאַציאָנאַלע אונטערדריקונג פון ראָוו באַפעלקערונג פון רוסלאַנד דורך דער צאַרישער מאָנאַרכיע, וועלכע שטעלט מיט זיך פאָר די סאַמע רעאַקציאָנערע און באַרבאַרישע מעלוכע-אָרדענונג, אין פאַרגלייך מיט די שכייניש מעלוכעס פון אייראָפּע און אַזיע. ווייטער פאָדערט דאָס די זאַך פון פרייהייט פון דער גרויסרוסישער באַפעלקערונג גופע, וועלכע איז ניט פעאיק צו באַשאַפן אַ דעמאָקראַטישע מעלוכע, אויב ס'וועט ניט זיין אויסגעבריענט דער שוואַרצמייעדיקער גרויסרוסישער נאַציאָנאַליזם, וועלכער ווערט אונטערשטיצט דורך דער טראַדיציע פון קעסיידערדיקער בלוטיקער אונטערדריקונג פון די נאַציאָנאַלע באַוועגונגען, און וועלכער ווערט סיסטעמאַטיש געהאָדעוועט ניט בלויז דורך דער צאַרישער מאָנאַרכיע און אַלע רעאַקציאָנערע פאַרטייען, נאָר אויך דורכן גרויסרוסישן בורזשואַזן ליבעראַליזם, וואָס בויגט זיך פאַר דער מאָנאַרכיע, באַזונדערס אין דער עפּאָכע פון קאָנטער-רעוואָלוציע.

5) די פראַגע פון רעכט פאַר די נאַציעס אף זעלבסטבאַשטימונג (ד. ה. די גאַראַנטיע פון דער קאָנסטיטוציע פון דער מעלוכע אף פולשטענדיק פרייען און דעמאָקראַטישן אויפן צו באַשליסן די פראַגע וועגן אָפּטיילן זיך) טאָר מען ניט צונויפמישן מיט דער פראַגע וועגן דער צוועקמעסיקייט פאַר דער אָדער יענער נאַציע אָפּצוטיילן זיך.

אָט די לעצטע פראַגע דאַרף די ס. ד. באַשליסן אין יעדן איינצלנעם פאַל גאַנץ זעלבשטענדיק, אַרויסגייענדיק פון די אינטערעסן פון דער גאַנצער געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג און פון די אינטערעסן פון פּראָלעטאַרישן קלאַסנקאַמף פאַרן סאָציאַליזם.

די סאָציאַל-דעמאָקראַטיע דאַרף דערביי האָבן אין זינען, אַז די פּריצים, גאַלאָכים און די בורזשואַזיע פון די אונטערדריקטע נאַציעס דעקן ניט זעלטן צו די שטרעבונגען צו צעטיילן די אַרבעטער און צו פאַרקלאַפּן זיי די מויכעס מיט נאַציאָנאַליסטישע לאָזונגען, שליסנדיק הינטער זיי אָפּמאַכן מיט די פּריצים און דער בורזשואַזיע פון דער הערשנדיקער נאַציע, צום שאָדן פון די האָרעפּאַשנע מאַסן פון אַלע נאַציעס. די באַראַטונג שטעלט אָפּן סיידער-האַיאָם פון פאַרטיי-צוזאַמענפאָר די פראַגע וועגן דער נאַציאָנאַלער פּראָגראַם. די באַראַטונג לאַדט איין דעם צ. ק., די פאַרטיי-פּרעסע און די אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס מעגלעך אויספירלעכער באַלויכטן (אין בראָשורן, דיסקוסיעס און א. וו.) די נאַציאָנאַלע פראַגע.

89. לענין וועגן דער נאַציאָנאַל-קולטורעלער אווטאָנאָמיע.

(„וועגן קולטור-נאַציאָנאַלער אווטאָנאָמיע”. „פּראַווראַ”, 1913, נומ. 46; געזאַמלטע ווערק, ב. XIX. מאָסקווע, 1924, ז.ז. 68—72).

דער טאָך פון פּלאַן אָדער פון דער פּראָגראַם פון דער אַזויגערופענער „קולטור-נאַציאָנאַלער” אַווטאָנאָמיע (אַנדערש: „דאָס באַשאַפן אינסטיטוציעס, וועלכע גאַראַנטירן די פרייהייט פון נאַציאָנאַלער אנטוויקלונג”) באַשטייט אין *צעטיילן דעם שול-איניען לויט די נאַציאָנאַליטעטן* *).

אפן דאָזיקן טאָך דאַרף מען באַשטיין וואָס פעסטער, וואָס אָפטער קאָ-לערליי אָפענע און פאַרשטעלטע נאַציאָנאַליסטן (צווישן זיי די בונדאָווצעס) פּרובירן זיך אים פאַרטונקלען.

יעדע נאַציע, אומאָפּהענגיק פון דעם, וואו ס'וואוינט יעטווידער פּער-זאָן, וואָס איז צו איר אָנגעהעריק (אומאָפּהענגיק פון דער טעריטאָריע: פון דאַנען איז דער נאָמען „עקסטעריטאָריעלע”, אויסערהאַלב וועלכער ניט איז לאַנד-אווטאָנאָמיע), בילדעט אַן איינהייטלעכן, דורך דער מעלוכע אנערקענטן פאַרבאַנד, וועלכער האָט צו שאַפן איבער נאַציאָנאַל-קולטורעלע איניאָנים. דער וויכטיקסטער פון אָט די איניאָנים איז דער שול-איניען.

דאָס, וואָס דער באַשטאַנד פון די נאַציעס ווערט באַשטימט דורך דעם, וואָס יעדער בירגער, אומאָפּהענגיק פון זיין וואוינאָרט, קאָן פריי זיך פאַר-שרייבן אין וועלכן ער וויל נאַציאָנאַלן פאַרבאַנד, פאַרזיכערט די אַבסאָלוטע פּינקטלעכקייט און אַבסאָלוטע אויסגעהאַלטנקייט פון דער צעטיילונג פונם שול-איניען לויט די נאַציאָנאַליטעטן.

פרעגט זיך, איז דערלאָזבאַר אַזאַ צעטיילונג פונם שטאַנדפּונקט פון דעמאָקראַטיע ביכלאַל און באַזונדערס פונם שטאַנדפּונקט פון די אינטערעסן פון פּראָלעטאַרישן קלאַסנקאַמף?

ס'איז גענוג קלאָר זיך פאָרצושטעלן דעם ־אָך פון דער פּראָגראַם פון דער „קולטור-נאַציאָנאַלער אווטאָנאָמיע”, קעדיי, ניט קווענקלענדיק זיך, צו ענטפערן אף דערדאָזיקער פראַגע: ס'איז לאַכלוטן ניט דערלאָזבאַר.

קאָלזמאַן פאַרשיידענע נאַציעס וואוינען אין איין מעלוכע, בינדן זיי צונויף מיליאָנען און מיליאַרדן פעדים פון עקאָנאָמישן, רעכטלעכן און שטיי-גערשן כאַראַקטער. ווי זשע קאָן מען אַרויסרייסן דעם שול-איניען פון דידאָ-זיקע פאַרבינדונגען? קאָן מען דען אויך אים „אַרויסנעמען פונם רעשוס” פון דער מעלוכע, ווי ס'לויטעט די קלאַסישע, לויטן בוילעטן באַטאָנען פון אומזין, בונדישע פאָרמולירונג? אויב די עקאָנאָמיק בינדט צונויף די נאַציעס, וואָס וואוינען אין איין מעלוכע, איז דער פּרואוו צו צעטיילן זיי איינמאָל פאַר אַלעמאָל פאַרן געביט פון „קולטורעלע” און באַזונדערס פון שול-איניאָנים אומגעלומפּערט און רעאַקציאָנער. פאַרקערט, מע דאַרף זיך דערשלאָגן צו *פאַרייניקן* די נאַציעס אפן שול-געביט, קעדיי אין שול זאָל צוגעגרייט

*) קורסיוו אומעטום פון אַווטאָר.

ווערן דאָס, וואָס אין לעבן ווערט פֿאַרווירקלעכט. אין דער געגעבענער צייט זעען מיר, אַז די נאַציעס זיינען ניט גלייך באַרעכטיקט און געפֿינען זיך ניט אויף אַ גלייכער אַנטוויקלונגס-מדרייגע; באַ אַזעלכע באַדינגונגען וועט דאָס צעטיילן דעם שול-געביט לויט די נאַציאָנאַליטעטן פֿאַקטיש זיין אַ פֿאַרערגערונג פֿאַר די מער אָפּגעשטאַנענע נאַציעס. אין אַמעריקע, אין די דאָרעמדיקע, געוועזענע שקלאַפֿן-באַזיצערישע, שטאַטן, טיילט מען אָדהאַיאָם אויס די קינדער פֿון די נעגערן אין באַזונדערע שולן, אין דער צייט ווען אפֿן צאָפֿן לערנען זיך די ווייסע מיט די נעגערן צוזאַמען. אין רוסלאַנד איז ניט לאַנג אַנטשטאַנען אַ פּראָיעקט פֿון „נאַציאָנאַליזירן די אידישע שול", ד. ה. אָפּטיילן די אידישע קינדער פֿון די קינדער פֿון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן אין באַזונדערע שולן. ס'איז איבעריק צוצוגעבן, אַז אַנטשטאַנען איז דערדאָזיקער פּראָיעקט אין די סאַמע רעאַקציאָנערע, פּורישקעוויטשישע קרייזן.

מע קאָן ניט זיין קיין דעמאָקראַט, פֿאַרטיידיקנדיק דעם פּרינציפּ פֿון צעטיילן דעם שול-געביט לויט די נאַציאָנאַליטעטן. באַמערקט: מיר ריידן דערביי פֿונעם אַלגעמיין-דעמאָקראַטישן, ד. ה. בורזשואַז-דעמאָקראַטישן שטאַנדפּונקט.

אַסאַך מער אַנטשלאָסענער קומט אויס אַרויסצוטרעטן קעגן צעטיילן דעם שול-געביט לויט די נאַציאָנאַליטעטן פֿונעם שטאַנדפּונקט פֿון פּראָלעטאַרישן קלאַסנקאַמף. ווער זשע ווייס ניט, אַז די קאַפּיטאַליסטן פֿון אַלע נאַציעס פֿון דער געגעבענער מלוכה גיסן זיך צונויף אויפֿן ענגסטן, שטאַרקסטן אופֿן אין אַקציאָנערע אונטערנעמונגען, אין קאַרטעלן און טרעסטן, אין פֿאַרבאַנדן פֿון אינדוסטריעלער א. ד. ג. קעגן די אַרבעטער פֿון יעטווידער נאַציאָנאַליטעט? ווער ווייס ניט, אַז אין יעטווידער קאַפּיטאַליסטישער אונטערנעמונג—אָנהויבנדיק פֿון די גרויסע זאַוואָדן, ערד-גרובן און פֿאַבריקן, האַנדלס-פֿירמעס, און ענדיקנדיק מיט די קאַפּיטאַליסטישע ערד-באַזיצערישע ווירטשאַפֿטן— זעען מיר אַבסאָלוט שטענדיק אַסאַך אַ גרעסערע נאַציאָנאַלע פֿאַרשיידנאַרטיקייט פֿון אַרבעטער, איידער אין פֿאַרוואָרנטעם, שטילן, פֿאַרשלאָפֿענעם דאָרף?

דעם שטאָטישן אַרבעטער, וועלכער איז בעסער פֿון אַלץ באַקאַנט מיטן אַנטוויקלטן קאַפּיטאַליזם און האָט טיפֿער פֿון אַלץ אויפֿגענומען — פֿון זיין גאַנצן לעבן, קאָן זיין אַפֿילע מיט דער מוטערס מילך האָט ער איינגעזויגן די פּסיכאָלאָגיע פֿון קלאַסנקאַמף — אַזאַ אַרבעטער קומט ניט ווילנדיק און אומפֿאַרמיידלעך אין קאָפּ, אַז דאָס צעטיילן דעם שול-געביט לויט די נאַציאָנאַליטעטן איז ניט בלויז אַ שעדלעכער, נאָר פּאָשעט אַן אַפּעריסטישער, שאַרלאַטאַנישער שפּיצל מיצד די קאַפּיטאַליסטן. די אַרבעטער קאָן מען צעברעקלען, צעטיילן, אָפּשוואַכן מיט פּראָפּאַגאַנדע פֿון אַזאַ אידייע, און נאָך מער — מיטן צעטיילן די פֿאָלקס-שולן לויט די נאַציעס, בעת די קאַפּיטאַליסטן, וועמעס קינדער זיינען אפֿן בעסטן אופֿן באַזאָרגט מיט רייכע פּריוואַטע שולן און מיט ספּעציעלע געדונגענע לערער, קאָן אין

קיין פאל קיין שום „קולטור-נאַציאָנאַלע אווטאָנאָמיע" ניט דראָען מיט קיין שום צעברעקלען, מיט קיין שום אפשוואַכן.

אין דערווירקלעכקייט אָבער איז די „קולטור-נאַציאָנאַלע אַווטאָנאָמיע", ד. ה. דאָס אבסאָלוט ריינע און אויסגעהאַלטענע צעטיילונג פונם שול-געביט לויט די נאַציאָנאַליטעטן אויסגעטראכט געוואָרן ניט דורך די קאַפּיטאַליסטן (זיי באַנוצן דערוויילע מעגושעמדיקערע מעטאָדן אַף צו צעטיילן די ארבעטער), נאָר דורך דער אָפּאַרטוניסטישער, באַלעבאַטישער אינטעליגענץ פון עסט-רייך. אין קיין שום פון די מאַירעווו-אייראָפּעאישע דעמאָקראַטישע לענדער מיט א פארשיידנארטיקן נאַציאָנאַלן באַשטאַנד איז דידאָזיקע גניאַל-באַלע-באַטישע און גניאַל-נאַציאָנאַליסטישע אידייע נאָך אפילע אין זייער ניטאָ. בלויז אין מיזורעך-אייראָפּע, אין אָפּגעשטאַנענעם פעאָדאַלן, קלערי-קאַלן, ביוראָקראַטישן עסטרייך, וואו דאָס גאַנצע געזעלשאפטלעכע און פּאָ-ליטישע לעבן איז פארשטאָפּט מיט נישטיק-קליינלעכע רייסערייען (און נאָך ערגער: מיט צאַנקעריי, מיט געשלעג) צוליב דער שפּראַך, איז אנטשטאַנען דידאָזיקע אידייע פון פארצווייפלטן קלייינבירגער. כאָטש פאַנאַנדערצוימען אייני-מאָל פאר אלעמאָל אלע נאַציעס מיט אַן אַבסאָלוטער ריינקייט און אויסגע-האַלטנקייט אַף „נאַציאָנאַלע קוריעס" אין שול-געביט, אויב מע קאָן ניט שאָלעם מאכן צווישן דער קאַץ מיטן הונט! — אָט דאָס איז די פּסיכאָלאָגיע, פון וועלכער ס'איז אנטשטאַנען די נארישע „קולטור-נאַציאָנאַלע אַווטאָנאָמיע". דער פּראָלעטאַריאַט, וועלכער אנערקענט און שעצט זיין אינטערנאַציאָנאַליזם, וועט קיינמאָל ניט גיין אַף דערדאָזיקער נארישקייט פון ראַפינירטן נאַציאָ-אָנאַליזם.

ס'איז ניט קיין צופאל, וואָס אין רוסלאנד האָבן אָנגענומען די „קולטור-נאַציאָנאַלע אווטאָנאָמיע" בלויז אלע בורזשואזע פּאַרטייען פון אידנטום, דערנאָך (1907 יאָר) די קאָנפערענץ פון די קלייינבירגערלעכע לינק-פּאָלקיסטישע פּאַרטייען פון פארשיידענע נאַציעס, און לעסאָף די באַלעבאַטיש-אָפּאַרטוניסטישע עלעמענטן פון די ארום-מארקסיסטישע גרופּן, ד. ה. די בונ-דיסטן און ליקווידאַטאָרן (די לעצטע האָבן אפילע מוירע געהאַט צו טאָן דאָס דירעקט, אָפן און באַשטימט). ס'איז ניט קיין צופאל, וואָס פון דער טריבונע פון דער גאָסודארסטווענער דומע האָבן בלויז דער נאַציאָנאַליסטיש-אָנגע-שטעקטער האלב-ליקווידאַטאָר טשכענקעלי [139] און דער קלייינבירגער קערענ-סקי [140] גערעדט וועגן „קולטור-נאַציאָנאַלע אַווטאָנאָמיע".

ס'איז ביכלאַל לעכערלעך צו לייענען דאָס ליקווידאַטאָרישע און בונדישע באַרופן זיך אַף עסטרייך אין דערדאָזיקער פראגע. ערשטנס, פארוואָס דאַרף מען פאר א ביישפּיל נעמען די סאַמע אָפּגעשטאַנענסטע פון די נאַציאָנאַל-פארשיידנארטיקע לענדער? פארוואָס ניט די סאַמע פאָרגעשריטענע? דאָס איז דאָך א מעטאָד, ענלעך צום מעטאָד פון די שלעכטע רוסישע ליבע-ראַלן, ד. ה. קאדעטן, וועלכע זוכן מוסטערן פאר דער קאָנסטיטוציע מער פון אַלץ אין די אָפּגעשטאַנענע לענדער, פּרייסן, עסטרייך, און ניט אין די פאָר-געשריטענע, ניט אין פראַנקרייך, שווייצאַריע, אמעריקע!

צווייטנס, געמענדיק דעם עסטרייכישן ביישפיל, מאכן אים די רוסלענדישע נאציאָנאליסטישע קליינבירגער, ד. ה. די בונדיסטן, ליקווידאַטאָרן, די לינקע פּאָלקיסטן א. ד. גל. פון זייער זייט נאָך אסאך ערגער. בא אונז פּראָפּאַגאַנדירן און אגיטירן מער פון אלץ און אפן ערשטן אָרט דעם פּלאַן פון „קולטור-נאציאָנאַלער אױטאָנאָמיע" די בונדיסטן, און אויך די אלע בורזשואַזע פּארטייען פונם אידנטום, גאָך וועלכע — ניט אלע מאָל אנערקענענדיק דאָס — ס'שלעפּן זיך נאָך די בונדיסטן, אין דער צייט ווען גראד אין פּאָטערלאנד פון דער אידייע פון „קולטור-נאַציאָנאלער אַווטאָנאָמיע", אין עסטרייך, האָט דער גרינדער פון דערדאָזיקער אידייע אָטטאָ באוער, געווידמעט אַ באזונדערן קאַפּיטל פון זיין בוך צו דערווייזן, אַז ס׳איז אומעגלעך צו די אידן אָנצוואווענדן די אידייע פון „קולטור-נאַציאָנאלער אַווטאָנאָמיע!"

דאָס דערווייזט בעסער פון די לענגסטע רעדעס, ווי ווייניק אויסגעהאלטן ס'איז און ס'גלויבט אין זיין אידייע א. באוער, אויסשליסנדיק די איינציקע עקסטעריטאָריאלע (וועלכע האָט קיין באזונדער געגנט) נאציע פונם פּלאַן פון עקסטעריטאָריאלער אווטאָנאָמיע פון די נאציעס.

דאָס דערווייזט, ווי די בונדיסטן נעמען איבער בא אייראָפּע אַלטמאָדישע פּלענער, פּארצענפּאכנדיק די פעלערן פון אייראָפּע, דערגייענדיק צו אן אבסורד אין דער „אנטוויקלונג" פון דידאָזיקע פעלערן.

ווייל, — דאָס איז דריטנס, — די עסטרייכישע סאָציאַל-דעמאָקראטן האָבן אפן צוזאמענפאָר אין בריון (1889) די פאָרגעלייגטע פּראגראם פון „קולטור-נאציאָנאלער אַווטאָנאָמיע" אָפּגעוואָרפן — זיי האָבן אָנגענומען בלויז א קאָמפּראָמיס אין דער פאָרם פון א פאַרבאַנד פון אלע נאציאָנאַל-אָפּגעגרעניצטע געגנטן פון דער מעלוכע. אינם דאָזיקן קאָמפּראָמיס איז ניטאָ ניט קיין עקסטעריטאָריאליטעט, ניט קיין צעטיילן דעם שול-געביט לויט די נאציאָנאליטעטן. לויטן דאָזיקן קאָמפּראָמיס-פּראָעקט ברעקלען ניט די סאמע פאָרגעשריטנסטע (אין קאַפּיטאליסטישן זין) באוואוינונגס-ערטער, שטעט, פאבריקן, ערד-גרובן, גרויסע דאָרפישע מאיאָנטקעס דעם שול-געביט לויט די נאַציאָנאליטעטן!

דער רוסלענדישער ארבעטער-קלאס האָט געקעמפט און וועט קעמפן מיט דער רעאקציאָנערער, שעדלעכער, קליינבירגערלעכער, נאציאָנאַליסטישער אידייע פון „קולטור-נאציאָנאלער אַווטאָנאָמיע".

90. דער בונד, זיין נאציאָנאליזם, זיין סעפּאראטיזם.

(סטאלין 141): „דער מארקסיזם און די נאציאָנאלע פּראגע". „די נאציאָנאלע פּראגע אין דער ר.ק.פּ." מאָסקווע, 1922, ז.ז. 56 - 69).

...פריידיקנדיק די לעבנספעאיקייט פון דער אידישער נאַציאָנאַליטעט, האָט דער „בונד" ניט געקאָנט ניט שטעלן זיך אַפן שטאַנדפּונקט פון „גאראַנטיע". ווי באלד אָבער ער האָט זיך געשטעלט אף אזא פּאָזיציע, האָט ער ניט

געקאָנט ניט אָנעמען די נאַציאָנאַלע אַווטאָנאָמיע, ווייל אויב דער „בונד" האָט זיך יאָ געקאָנט אָנכאַפּן פאַר אַ וואָסער ניט איז אַווטאָנאָמיע, איז נאָר פאַר דער נאַציאָנאַלער, ד. ה. פאַר דער קולטור-נאַציאָנאַלער. וועגן אַ טעריטאָריאַל-פּאָליטישער אַווטאָנאָמיע פון אידן האָט קיין רייד אפילע ניט געקאָנט זיין, ווייל בא די אידן איז ניטאָ קיין באַשטימטע איינהייטלעכע טעריטאָריע...

נאָר דער „בונד" באַטראַכט די נאַציאָנאַלע אַווטאָנאָמיע נאָך פון אַ ספּעציעלער זייט, אלס א גאַראַנטיע פון די רעכט פון די נאַציאָנאַלע מינ-דערהייטן. לאָמיר אַנאַליזירן די פראַגע פון אָט דער ספּעציעלער זייט. דאָס איז נאָך מער וויכטיק, ווייל די פראַגע וועגן די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, און ניט נאָר די אידישע, האָט פאַר דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע אַן ערנסטע באַדייטונג. אַלזאָ אַן „אַנשטאַלט, וועלכער גאַראַנטירט" די נאַציעס „די פול-שטענדיקע פרייהייט פון קולטורעלער אַנטוויקלונג". אָבער וואָס איז דאָס פאַר אַן אַנשטאַלט, וואָס „גאַראַנטירט" א. א. וו. דאָס איז קוידעמקאָל שפּרינ-גער[142])-באַוערס נאַציאָנאַלער ראַט, עפּעס אַ מין סיים פאַר קולטורעלע אינ-יאָנים. צי קאָנען אָבער דיזאָיקע אַנשטאַלטן גאַראַנטירן די „פולשטענדיקע פרייהייט פון קולטורעלער אַנטוויקלונג" פון דער נאַציע? צי קאָנען וואָסערע ניט איז סיימען פאַר קולטורעלע איניאָנים גאַראַנטירן די נאַציעס פון נאַציאָ-נאַליסטישע רעפּרעסיעס? דער „בונד" מיינט, אַז זיי קאָנען. נאָר די געשיכטע זאָגט גאָר פאַרקערט. אין רוסישן פּוילן האָט עקזיסטירט איין צייט אַ סיים, אַ פּאָליטישער סיים, און ער האָט זיך, פאַרשטייט זיך, באַמיט צו גאַראַנטירן די פרייהייט פון „קולטורעלער אַנטוויקלונג" פון די פּאָליאַקן, אָבער ער האָט ניט נאָר ניט געהאַט קיין ערפאָלג אין דעם, נאָר איז, אַדרעבע, אַליין גע-פאַלן אין אומגלייכן קאַמף מיט די אַלגעמיין פּאָליטישע באַדינגונגען אין רוס-לאַנד. אין פינלאַנד עקזיסטירט א לאַנגע צייט א סיים, וואָס באַמיט זיך אויך צו פאַרטיידיקן די פינישע נאַציאָנאַליטעט פון „אַטענטאַטן", אָבער וויפל ס׳גיט זיך אים איין אויפטאָן אין דערדאָזיקער ריכטונג — דאָס זעען אַלע... די זאַך איז קלאָר ניט אין „אַנשטאַלטן", נאָר אין דער אַלגעמיינער אָרדענונג אין לאַנד. איז ניטאָ אין לאַנד קיין דעמאָקראַטיזירונג, איז אויך ניטאָ קיין גאַראַנטיע פון „נאַציאָנאַלער אַנטוויקלונג". מע קאָן מיט זיכערקייט זאָגן, אַז וואָס דעמאָקראַטישער ס׳איז דאָס לאַנד, אַלץ ווינציקער „אַטענטאַטן" אויף דער „פרייהייט פון נאַציאָנאַליטעטן", אַלץ מער גאַראַנטיעס קעגן „אַטענטאַטן"...

אַלזאָ, דער „בונד" שטייט אויף א פאַלשן וועג, באַהויפּטנדיק, אַז „אַנשטאַלטן" קאָנען אַליין פאַר זיך גאַראַנטירן פולשטענדיקע קולטורעלע אַנט-וויקלונג פון די נאַציאָנאַליטעטן. מע קאָן באַמערקן, אַז דער „בונד" האַלט אויך די דעמאָקראַטיזירונג אין רוסלאַנד פאַר אַ פאָרהאַנאָכע פאַר שאַפן „אַנ-שטאַלטן" און פאַר אַ גאַראַנטיע פון פרייהייט, אבער דאָס איז ניט ריכטיק. פונם „באַריכט וועגן דער אכטער קאָנפערענץ פון „בונד" איז צו זעען, אַז דער „בונד" מיינט צו דערשלאָגן זיך „אַנשטאַלטן" אפן יעסאָד פון דער איצ-טיקער אָרדענונג אין רוסלאַנד דורך רעפאָרמירן די אידישע קעהילע,

„די קעהילע, האָט געזאָגט אַף דערדאָזיקער קאָנפערענץ איינער פון די לידערס פון „בונד”, קאָן ווערן דער קערן פון דער צוקונפטיקער קולטור-נאַציאָנאַלער אַווטאָנאָמיע. די קולטור-נאַציאָנאַלע אַווטאָנאָמיע איז א פאָרם פון דער זעלבסטבאַדינונג פון דער נאַציע, א פאָרם פון באַפרידיקן די נאַציאָנאַלע באַדערפעניש. אונטער דער פאָרם פון דער קעהילע איז באַהאַלטן דערזעלבער אינהאַלט. דאָס זיינען רינגען פון איין קייט, עטאַפּן פון איין עוואָלוציע” *). אַרויסגייענדיק פון דעם, האָט די קאָנפערענץ באַשלאָסן, אַז מע דאַרף קעמפן „פאַר רעפאָרמירן די אידישע קעהילע און פאַרוואַנדלען זי אַף אַ געזעצגעבערישן אויפן אין א וועלטלעכן אַנשטאַלט, דעמאָקראַטיש אָרגאַניזירט” **) (אונטערגעשטראָכן פון אונז י. ס.). קלאָר, אַז פאַר א באַדינגונג און פאַר א גאַראַנטיע האַלט דער „בונד” ניט די דעמאָקראַטיזירונג פון רוסלאַנד, נאָר דעם צוקונפטיקן „וועלטלעכן אַנשטאַלט” פון די אידן, וואָס וועט זיך באַקומען דורך „רעפאָרמירן די אידישע קעהילע” אַף אַזוי צו זאָגן „געזעצגעבערישן אויפן”, דורך דער דומע.

מיר האָבן שוין אָבער געזעען, אַז „אַנשטאַלטן” אַליין פאַר זיך, אָן אַ דעמאָקראַטישער אָרדענונג אין דער גאַנצער מעלוכע, קאָנען ניט דינען אַלס „גאַראַנטיעס”.

נו, און ווי זשע וועט פאָרט האַלטן בא דער צוקונפטיקער דעמאָקראַטישער אָרדענונג, צי וועלן, לעכאָלאַפּאָכעס, באַם דעמאָקראַטיזם ניט נויטיק זיין קיין ספּעציעלע „קולטורעלע אַנשטאַלטן”, וועלכע „גאַראַנטירן” א. א. וו.? ווי האַלט עס מיקויעך דעם, לעמאָשל, אין דער דעמאָקראַטישער שווייץ? צי זיינען דאָרט פאַראַן ספּעציעלע קולטור-אַנשטאַלטן, ווי, לעמאָשל, שפּרינגערס „נאַציאָנאַלער ראַט”? דאָרט זיינען זיי ניט פאַראַן. אָבער ציליידן ניט דורך דעם די קולטורעלע אינטערעסן, לעמאַשל, פון די איטאַליענער, וועלכע בילדן דאָ א מינדערהייט? מע הערט עפּעס ניט. און דאָס איז גאַנץ פאַרשטענדלעך: די דעמאָקראַטיע אין דער שווייץ מאַכט פאַר איבעריק קאָלערליי ספּעציעל קולטורעלע „אַנשטאַלטן”, וועלכע „גאַראַנטירן” קלוימערשט א. א. וו.

אַלזאָ, מאַכטלאָזע אין דער געגנוואַרט, איבעריקע אין דער צוקונפט — אָט אַזוינע זיינען די „אַנשטאַלטן” פון דער קולטור-נאַציאָנאַלער אַווטאָנאָמיע, אָט אַזוי איז די נאַציאָנאַלע אַווטאָנאָמיע.

זי ווערט אָבער שוין שעדלעך, ווען מע בינדט זי אָן א „נאַציע”, וואָס איר עקזיסטענץ און צוקונפט שטייט אונטער א סאָפעק-צייכן. אין אַזעלכע פאַלן קומט אויס די אָנהענגער פון נאַציאָנאַלער אַווטאָנאָמיע צו פאַרהיטן און קאָנסערווירן אַלע באַזונדערהייטן פון דער „נאַציע”, ניט נאָר די נוצלעכע, נאָר אויך די שעדלעכע, אַבי נאָר צו „ראַטעווען” די נאַציע פון אַסימילאַציע, אַבי נאָר „איינצוהיטן” זי.

אַזאַ דאָזיקן געפערלעכן וועג האָט זיך אומפאַרמיידלעך געמוזט שטעלן דער „בונד”.

---

*) באַריכט פון דער 8-טער קאָנפערענץ פון בונד, 1911, ז. 42.

**) באַריכט, ז. 84—88.

און ער האָט זיך טאַקע געשטעלט. מיר האָבן אין זינען די באַוואוסטע באַשטימונגען פון דער לעצטער קאָנפערענץ פון „בונד“ וועגן „שאַבעס“, „זשאַרגאָן“ א. א. וו.

די סאָציאַל-דעמאָקראַטיע קעמפט פאַר די רעכט פון דער מוטער-שפּראַך פאַר אַלע נאַציעס. נאָר דער „בונד“ באַנוגנט זיך ניט מיט דעם. ער פאָדערט, מע זאָל „מ י ט א ב א ז ו נ ד ע ר ע ר ע נ ע ר ג י ע“ פ א ר ט ײ ד י ק ן ד י „ר ע כ ט פ ו ן ד ע ר א י ד י ש ע ר ש פ ר א ַ ך“*). (אונטערגעשטראָכן פון אונז. י. ס.). דערבײַ וועט דער „בונד“ אַלײן, בא די וואַלן אין דער 4-טער דומע, אָפּגעבן „די בכוירע יענעם פון זײ (ד. ה. פון די וואַלמענער), וועלכע וועלן זיך מיסכאַיעוו זײַן צו פאַרטײדיקן די רעכט פון דער אידישער שפּראַך“**).

ניט די אַלגעמײנע רעכט פון דער מוטער-שפּראַך, נאָר די באַזונדערע רעכט פון דער אידישער שפּראַך, פון זשאַרגאָן! זאָלן די אַרבעטער פון באַזונדערע נאַציאָנאַליטעטן קוידעמקאָל קעמפן פאַר זײער שפּראַך: די אידן פאַר דער אידישער שפּראַך, די גרוזינער פאַר דער גרוזינישער א. א. וו. דער קאַמף פאַר די אַלגעמײנע רעכט פון אַלע נאַציעס, דאָס איז א מינדערווערטיקע זאַך. איר מעגט ניט אַנערקענען די רעכט פון דער מוטער-שפּראַך פון די אַלע נאַציעס פון די אונטערדריקטע נאַציאָנאַליטעטן, נאָר אויב איר האָט אַנערקענט די רעכט פון זשאַרגאָן, טאָ זײט וויסן: דער „בונד“ וועט שטימען פאַר אײַך, דער „בונד“ וועט אײַך אָפּגעבן די „בכוירע“.

אָבער מיט וואָס אונטערשײדעט זיך דעמאָלט דער „בונד“ פון די בורזשואַזע נאַציאָנאַליסטן?

די סאָציאַל-דעמאָקראַטיע קעמפט פאַר אַן אָבליגאַטאָרישן רו-טאָג אין וואָך, אָבער דער „בונד“ באַנוגנט זיך ניט מיט דעם. ער פאָדערט, ס'זאָל אָפּן „געזעצגעבערישן אויפן“ „געזיכערט ווערן דעם אידישן פּראָלעטאַריאַט דאָס רעכט צו פײַערן שאַבעס, און אַז ס'זאָל באַזײַטיקט ווערן די אָבליגאַטאָרישקײט צו פײַערן נאָך א צווײטן טאָג“***).

מע דאַרף רעכענען, אַז דער „בונד“ וועט מאַכן נאָך א „טריט פאָרויס“ און וועט פאָדערן דאָס רעכט צו פײַערן אַלע אַלט-אידישע יאָנטויווים. און אויב די אידישע אַרבעטער האָבן זיך, צום אומגליק פון „בונד“, אָפּגעזאָגט פון פאָרורטײלן און ווילן ניט פײַערן, וועט זײ דער „בונד“ מיט זײַן אַגיטאַציע פאַר דאָס „רעכט פון שאַבעס“ דערמאָנען וועגן שאַבעס, וועט קולטיווירן אין זײ, אַזוי צו זאָגן, דעם „שאַבעס-גײַסט“.

ס'זײַנען דעריבער גאַנץ פאַרשטענדלעך די פּלאַמפּײַערדיקע רעדעס אויף דער 8-טער קאָנפערענץ פון „בונד“ מיט דער פאָדערונג פון „אידישע שפּיטאָלן“. דערבײַ איז די דאָזיקע פאָדערונג באַגרינדעט געוואָרן מיט דעם, וואָס „דער קראַנקער פילט זיך בעסער צווישן אײגענע“, אַז „דער אידישער אַר-

*) באַריכט פון דער 8-טער קאָנפערענץ פון בונד. 1911, ז. 85.

**) באַריכט פון דער 9-טער קאָנפערענץ פון בונד. ז. 42.

***) באַריכט וועגן דער 8-טער קאָנפערענץ פון בונד, ז. 83.

בעטער וועט זיך פילן שלעכט צווישן פוילישע ארבעטער, ער וועט זיך פילן גוט צווישן אידישע קרעמער" *).

איינהאַלטן אלץ, וואָס ס'איז אידיש, קאָנסערווירן אלע נאציאָנאלע באַזונדערקייטן פון די אידן, ביז די אויסגעשפּראָכן שעדלעכע פאַרן פּראָלעטאַריאט, אָפּגרעניצן די אידן פון אלץ, וואָס ס'איז ניט אידיש, איינאָרדענען אַפילע באַזונדערע שפּיטאָלן, אָט צו וואָס דער „בונד" האָט זיך אַראָפּגעלאָזט.

...פאַרבלייבנדיק אף אזא פּאָזיציע אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע, האָט דער „בונד", נאַטירלעך, זיך געמוזט אויך אין דער אָרגאַניזאַציאָנס-פראַגע שטעלן אפן וועג פון אָפּזונדערן די אידישע אַרבעטער, אפן וועג פון נאַציאָנאַלע קוריעס אין דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע. אזא איז שוין די לאָגיק פון דער נאציאָנאלער אווטאָנאָמיע.

און ווירקלעך טאקע, פון דער טעאָריע וועגן „אייניציקער פאָרשטייערשאַפט" גייט דער „בונד" איבער צו דער טעאָריע פון „נאַציאָנאלער פאַנאַנדערגרעניצונג" פון די ארבעטער. דער „בונד" פאדערט פון דער רוסלענדישער סאָציאל-דעמאָקראַטיע, זי זאָל „דורכפירן אין איר אָרגאניזאציאָנס-בוי די פאַנאנדערגרעניצונג לויט נאציאָנאליטעטן" **).

פון „פאנאנדערגרעניצונג" מאכט דער „בונד" א „טריט פאָרויס" צו דער טעאָריע פון „אָפּזונדערונג". ניט אומזיסט האָבן זיך אף דער 8-טער קאָנפערענץ פון „בונד" געהערט רעדעס וועגן דעם, אז אין „אָפּזונדערונג איז די נאציאָנאלע עקזיסטענץ" ***).

דער ארגאַניזאַציאָנס-פעדעראַליזם באהאלט אין זיך עלעמענטן פון פאַנאנדערלייגונג און סעפּאראטיזם. דער „בונד" גייט צו סעפּאראטיזם.

און ער האָט, אייגנטלעך, קיין אנדער ברירע ניט. זיין עקזיסטענץ גופא, אלס אן עקסטעריטאָריאַלע אָרגאניזאַציע, טרייבט אים אפן וועג פון סעפּאראטיזם. דער „בונד" האָט ניט קיין באַשטימטע איינהייטלעכע טעריטאָריע. ער ארבעט אף „פרעמדע טעריטאָריעס", אין דער צייט ווען די פוילישע, לעטישע און רוסלענדישע סאָציאַל-דעמאָקראַטיעס, וואָס קומען מיט אים אין באַרירונג, זיינען אינטערנאַציאָנאַל-טעריטאָריאַלע קאָלעקטיוון. אָבער דאָס פירט צו דעם, אז יעדע פאַרברייטערונג פון דידאָזיקע קאָלעקטיוון באַדייט אן „אווידע" פארן „בונד", א פאַרשמעלערונג פון זיין טעטיקייטס-פעלד. איינס פון די ביידע: אָדער די גאַנצע רוסלענדישע סאָציאל-דעמאָקראַטיע דארף זיך איבערבויען אף יעסוידעס פון נאציאָנאלן פעדעראַליזם—און דעמאָלט באַקומט דער „בונד" די מעגלעכקייט צו „זיכערן" פאר זיך דעם אידישן פּראָלעטאַריאַט, אָדער דער טעריטאָריאל-אינטערנאציאָנאַלער פּרינציפּ פון דידאָזיקע קאָלעקטיוון פאַרבלייבט אין קראַפט,—און דעמאָלט בויט זיך דער בונד איבער אף אינטערנאציאָנאלע יעסוידעס, ווי דאָס קומט פאָר אין דער פוילישער און לעטישער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע...

*) „באריכט וועגן דער 8-טער קאָנפערענץ פון בונד", ז. 63.

**) „יעדיע וועגן דעם 1-טן צוזאמענפאָר פון בונד".

***) „באריכט", ז. 22.

אין 1906=טן יאָר האָט דער „בונד“, נאָכגעבנדיק דער פאַרייניקונגס-כוואַליע פון די מאַסן, אויסגעקליבן א מיטל=וועג, אריינטרעטנדיק אין דער רוסלענדישער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע. אבער ווי אזוי איז ער אריין אהין? אין דער צייט, ווען די פוילישע און לעטישע סאָציאַל-דעמאָקראַטיע זיינען אריין אהין צו פירן א פרידלעכע געמיינזאמע ארבעט, איז דער „בונד“ אריין מיטן ציל צו פירן א מילכאָמע פאר פעדעראַציע. דער לידער פון די בונדיסטן מע-דעם האָט טאָקע דעמאָלט דערקלערט פאָלגנדעס:

„מיר גייען נים צוליב א אידיליע, נאָר צוליב א קאַמף“ *).

ס'וואָלט געווען א טאָעס איינצוזעען אין דעם מעדעמס בייזן ווילן. די זאך איז נים אינם בייזן ווילן. נאָר אין דער באזונדערער פּאָזיציע פונם „בונד“, וואָס צוליב איר קאָן ער ניט ניט קעמפן מיט דער רוסלענדישער סאָציאַל=דעמאָקראַטיע, וועלכע איז געבויט אף אינטערנאציאָנאַלע יעסוידעס, אָבער קעמפנדיק מיט איר, פלעגט דער „בונד“, נאטירלעך, אויוועך זיין אף די אינ-טערעסן פון איינהייט. לעסאָף דערגייט די זאך ביז דעם, אַז דער „בונד“ רייסט פאָרמעל איבער מיט דער רוסלענדישער סאָציאַל-דעמאָקראטיע, אויוועך זייענ-דיק אָפן סטאטוס און פאריייניקנדיק זיך בא די וואלן אין דער 4-טער דומע מיט די פוילישע נאַציאָנאַליסטן **) קעגן די פוילישע סאָציאַל=דעמאָקראַטן.

דער „בונד“ האָט, אַפּאָנים, געפונען, אז דאָס איינרייסן איז דאָס בעסטע פארזיכערונג פון זיין זעלבסטעטיקייט...

אַזוי האָט דער „פרינציפּ“ פון אָרגאַניזאַציאָנעלער „פאַנאַנדערגרעניצונג“ געבראַכט צו סעפּאַראַטיזם, צו א פולשטענדיקן איינרייס...

ס'איז קיין וואונדער ניט, וואָס אזא לאגע ברענגט צו דער אָפּשוואכונג פון דעם סאָלידאַריטעטס-געפיל און צו דער דעמאָראַליזירונג פון די ארבעטער. דערביי דרינגט די דעמאראליזירונג אריין אויך אין „בונר“. מיר האָבן אין זי=נען די אלע אָפטערע צוזאמענשטויסן צווישן אידישע און פוילישע ארבעטער אָפן באָדן פון אַרבעטסלאָזיקייט. אָט וואָס פאַר א רעדעס ס'האָבן זיך געהערט וועגן דעם אף דער 9=טער קאָנפערענץ פון „בונד“.

„מיר באטראכטן די פוילישע ארבעטער, וואָס שטופן אונז ארויס, אלס פּאָגראָמען-מאַכער, אלס גזלע. מיר שטיצן ניט זייערע שטרייקן, מיר רייסן זיי אראָפּ, מיר ענטפערן, צווייטנס, אף ארויסשטופן מיט ארויסשטופן; אלס ענטפער אף ניט דערלאָזן די אידישע אַרבעטער אין די פאבריקן, דערלאָזן מיר ניט די פוילישע ארבעטער צו די האנט-וואַרשטאַטן. אויב מיר וועלן ניט נעמען דידאָזיקע זאך אין אונזערע הענט, וועלן די אַרבעטער גיין נאָך אנדערע ***). (אונטערגעשטראָכן פון אונז. י. ס.).

*) „נאשע סלאוואָ“, ווילנע. 1906.

**) פּ. פּ. ס.

***) „באריכט וועגן דער 9-טער קאָנפערענץ פון בונד“, ז. 19.

אזוי רעדט מען וועגן סאָלידאַריטעט אף א בונדישער קאָנפערענץ.

ווייטער גיין אפן וועג פון „פאנאנדערגרעניצונג און אָפזונדערונג" איז שוין ניטאָ וואוהין. דער „בונד" האָט דערגרייכט דעם ציל: ער גרעניצט פאַנאנדער די ארבעטער פון פארשיידענע נאַציאָנאַליטעטן ביז געשלעגן, ביז שטרייקברעכעריי. און אנדערש קאָן מען ניט: „אויב מיר וועלן ניט נעמען אין אונזערע הענט דידאָזיקע זאַך, וועלן די ארבעטער גיין נאָך אַנדערע".

דעזאָרגאניזירונג פון דער אַרבעטער-באוועגונג, דעמאָראַליזירונג אין די רייען פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע — אָט וואוהין ס'ברענגט דער בונדישער פעדעראַליזם.

XI. די וואַל-קאַמפּאַניע צו דער פערטער דומע און די צעשפּאַלטונג פון דער ס. ד. דומע-פראַקציע.

91. די יעסוידעס פון דער וואַל-פּלאַטפאָרם און טאַקטיק פון בונד.

(רעזאָלוציעס פון דער IX-טער קאָנפערענץ „די 9-טע קאָנפערענץ פון בונד", 1912, ז. 54—58).

וועגן די אויפגאַבן פון דער ס. ד. אין דער וואַל-קאַמפּאַניע און וועגן דער וואַל-פּלאַטפאָרם.

אונזערע אויפגאַבן אין דער וואַל-קאַמפּאַניע זיינען פאָלגנדע:

1. זעענדיק ניט צו דערלאָזן דעם וואַל-ניצאָכן פון רעאַקציאָנערן בלאָק, דאַרפן מיר פריער פאַר אַלץ אָנשטרענגען אַלע קרעפטן, אז אין דער 4-טער דומע זאָל זיין א מעגלעך שטאַרקע ס. ד. פראַקציע, וועלכע וועט: א) געבן א ווידערשטאַנד דער רעאַקציע; ב) וועקן די אַקטיוויטעט און קאַמפּספעאיקייט פון די מאַסן, אַנטוויקלען זייער באַוואוסטזיין און אף אַזאַ אויפן אָרגאַניזירן זיי ארום דער ס. ד. און מיטהעלפן צוצוגרייטן אין לאַנד יענע קרעפטן, וואָס זיי אליין זיינען בעקויעך צו מאַכן א סאָף פון דעם איצטיקן פּאָליטישן רעזשים; ג) שטיצנדיק זיך אף דער וואַקסנדער פּאָלקס-באַוועגונג, אויסנוצנדיק דעם דויערנדיקן קאָנפליקט צווישן דער בורזשואַזער אָפּאָזיציע און דער רעגירונג, פון איין זייט, און די קאָנפליקטן צווישן די באַזונדערע טיילן פונם רעאַקציאָנערן בלאָק, פון דער אַנדערער זייט, העלפן דעם פּאָלק אַרויסרייסן יענע האַנאָכעס, אף וועלכע די רעאַקציע וועט אונטער זיין דראַנג געצוואונגען זיין צו גיין.

2. זאַמלענדיק דעם מאַקסימום שטימען ארום אונזער פּלאַטפאָרם, דורכפירנדיק דעם מאַקסימום אונזערע וואַלמענער, מאָביליזירן די מאַסן צום אַקטיוון קאַמף פאַר זייערע ברענענדסטע לעבנס-באַדערפענישן.

3. פירנדיק אַ ברייטע אַגיטאַציע פאַר אונזער ס. ד. פּראָגראַם, אַנטקעגנשטעלנדיק אונזער רעוואָלוציאָנערע טאַקטיק דער האַלבקייט און אומאַנטשלאָסנהייט פון דער בורזשואַזער אָפּאָזיציע, פאַרברייטערן די רייען פון אונ-

זער פּאַרטיי און זאַמלען אַרום אונזער פאָן אַלע באַוואוסטזיניקע עלעמענטן פונם אַרבעטער-קלאַס.

די לאָזונגען פון אונזער וואַל-קאַמפּאַניע דאַרפן זיין:

קאָאַליציאָנס-פרייהייט—פון שטרייקן, פאַריינען און פאַרזאַמלונגען, פריי-הייט פון געוויסן, וואָרט און פּרעסע, אומבאַרירלעכקייט פון פּערזאָן; אָפּשאַפן די אויסנאַמס-צושטאַנדן, קריגס-געריכטן און טויט-שטראָף.

אַמניסטיע פאַר אַלעמען, וואָס האָבן געליטן אינם קאַמף פאַר דער פרייהייט.

אָפּשאַפן אַלע באַגרעניצונגען און אויסנאַמס-געזעצן קעגן אידן, ווי קעגן אַנדערע נאַציאָנען, און פרייער פאַר אַלץ אָפּשאַפן דעם טכום. די נאַציאָנאַלע גלייכבאַרעכטיקונג, רעכט פון מוטער-שפּראַך אין שול, געריכט, אויף פאַר-זאַמלונגען און אין פאַריינען, אין די אָרגאַנען פון דער מעלוכע און פון דער אָרטיקער זעלבסטפאַרוואַלטונג.

ברייטע אָרטיקע זעלבסטפאַרוואַלטונג אויף דעמאָקראַטישע יעסוידעס.

ברייטע אַרבעטער-געזעצגעבונג: אַן 8-שאָעדיקער אַרבעטס-טאָג; אַלזיי-טיקע פאַרזיכערונג פאַר אַלע לוין-אַרבעטער אַפן כעשבן פון דער מעלוכע און אַפן יעסאָד פון זעלבסטפאַרוואַלטונג פון די פאַרזיכערטע. וואָכנטלעכע רו 42 שאָ נאָכאַנאַנד מיט גאַראַנטירטן רעכט פאַר אידישע אַרבעטער און האַנדלס-אָנגעשטעלטע צו רוען שאַבעס.

קעגן דעם רעזשים פון 3-טן יון—א דעמאָקראַטישע און פולמעכטיקע דומע, געקליבן אַפן יעסאָד פונם אַלגעמיינעם, גלייכן, געהיימן און דירעקטן וואַל-רעכט.

די קאָנפערענץ לייגט פאָר דעם צ. ק. אויסצואַרבעטן די וואַל-פּלאַט-פאָרם אַפן יעסאָד פון דידאָזיקע טעזיסן.

ו ע ג ן ט א ק ט י ק.

אַרויסגייענדיק פונם אַלגעמיינעם בליק אויף די אויפגאַבן פון דער וואַל-קאַמפּאַניע, וועלכער איז פאָרמולירט אין דער רעזאָלוציע וועגן פּלאַטפאָרם, האַלט די קאָנפערענץ, אַז אין אונזער וואַל-טאַקטיק דאַרפן אָנגעווענדעט ווערן פאָלגנדע קלאָלים:

1) אומעטום, וואו ס'איז דאָ די קלענסטע מעגלעכקייט, דאַרפן אַרויס-געשטעלט ווערן ס. ד. קאַנדידאַטן.

2) אינם ערשטן וואַל-גאַנג דאַרף די סאָציאַל-דעמאָקראַטיע זיין אינ-גאַנצן זעלבשטענדיק, ניט שליסנדיק קיין וואַל-אָפּמאַכן מיט אַנדערע פּאַרטייען.

3) וואָס אָנבאַלאַנגט די שטיכוואַלן, קאָנען דאָ יאָ געשלאָסן ווערן אָפּ-מאַכן מיט אָפּאָזיציאָנעלע פּאַרטייען און ס'קאָן געשטיצט ווערן ניט סאָציאַל-דעמאָקראַטישע קאַנדידאַטורן, אָבער נאָר אינם פאַל פון א ווירקלעכער שוואַרצמייעדיקער סאַקאָנע.

אָנמערקונג. אין פוילן, וואו קיין שטיכוואַלן זיינען לויט דעם געזעץ ניטאָ, ווערט די פראַגע וועגן שוואַרצמייעדיקער סאַקאָנע באַשטימט באַם ערשטן וואַל-גאַנג.

4) אויב דער ס. ד. קאַנדידאַט באַקומט באַם ערשטן וואַל-גאַנג די אַבסאָלוטע מערהייט פון די אָפּאָזיציאָנעלע שטימען, דאַרף די פאָדערונג אים צו שטיצן זיין אַרויסגעשטעלט אַלס אולטימאַטיוו.

5) אַף די גובערנסקע וואַלן טרעטן די ס. ד. אַריין אין אָפּמאַכן וועגן דער צעטיילונג פון די מאַנדאַטן מיט פּאַרטייען, וואָס שטייען ניט רעכטער פון ק. ד.; וואָס אָנבאַלאַנגט אומפּאַרטייאישע אָפּאָזיציאָנעלע קאַנדידאַטן, דאַרפן זיי מעלדן, אַז זיי וועלן פאַרטיידיקן אין דער דומע דאָס אַלגעמיינע, גלייכע, געהיימע און דירעקטע וואַל-רעכטע, קאָאַליציאָנס-פרייהייט און נאַציאָנאַלע גלייכבאַרעכטיקונג.

6) אַף וויפל ס'קומט אויס באַם שליסן דעם אָפּמאַך אויסצוקלייבן צווישן צוויי אידישע קאַנדידאַטן, וואָס אַנטשפּרעכן ביידע די אויבנדערמאָנטע באַדינגונגען, דאַרפן די בונדישע וואַל-מענער אָפּשטעלן זיך אַף דעם פון זיי, וואָס פאַרפליכטעט זיך צו קעמפן פאַר די רעכט פון דער אידישער שפּראַך.

* * *

ספּעציעל אין פוילן איז נויטווענדיק א פולשטענדיקער אָפּמאַך פון אַלע 3 ס. ד. אָרגאַניזאַציעס: פון בונד, פּ. ס. ד. און פּ. פּ. ס. אין דער אַטמאָספער פון עקסטער פאַרשאַרפונג פון די נאַציאָנאַליסטישעליידנשאַפטן קאָן נאָר אַן איינהייטלעכע אַרויסטרעטונג פון אידישן און פוילישן פּראָלעטאַריאַט געבן אַן אימפּאָנירנדן ווידערשטאַנד דער נאַציאָנאַליסטישער רעאַקציע.

דעריבער לייגט די קאָנפערענץ פאַר דעם צ. ק. פון בונד צו פירן ענערגיש ווייטער די פאַרהאַנדלונגען מיט ביידע פוילישע פּאַרטייען וועגן א געמיינזאַמען אָפּמאַך.

אין פאַל, ווען ס'וועט אומעגלעך זיין אויסצופירן, ס'זאָל פאַרקומען א געמיינזאַמער פּאָליטישער אָפּמאַך פון אַלע 3 אָרגאַניזאַציעס, לייגט די קאָנפערענץ פאַר צו שטרעבן צו א געמיינזאַמען אָפּמאַך ווייניקסטנס אין דער פראַגע וועגן קאַנדידאַטורס. רעכענענדיק דערביי, אַז א מער צוזאַמענגעשלאָסענע אַרויסטרעטונג פון פוילישן און אידישן פּראָלעטאַריאַט, פאַר אַלעם—א געמיינזאַמע פּאָליטישע דעקלאַראַציע, געמיינזאַמע וואַל-אויפרופן א.א.וו., — האָבן אַן אומגעהויער גרויסע פּאָליטישע באַדייטונג, האַלט די קאָנפערענץ פאַר צוועקמעסיק, צוזאַמען מיט דעם טעכנישן אָפּמאַך פון אַלע דריי אָרגאַניזאַציעס, אַריינטרעטן אין אַן ענגערן אָפּמאַך מיט דער פּ. פּ. ס.

די קאָנפערענץ באַטאָנט, אַז די אָפּמאַכן סײַ מיט דער פּ. פּ. ס., סײַ מיט דער פּ. ס. ד. מוזן געשלאָסן ווערן איינצייטיק פאַר אַלע קוריעס און פאַר אַלע שטופן פון דער וואַל-קאַמפּאַניע.

די קאָנפערענץ האַלט פאַר נויטיק אָנצומערקן, אַז באַם איינשטעלן געמיינזאַמע קאַנדידאַטן קאָנען די אָרגאַניזאַציעס פון בונד ניט מאַסקים זיין אַף דער קאַנדידאַטור פון אַזעלכע ס. ד., וואָס וואָלטן זיך אָפּגעזאָגט צו פאַרטיידיקן אין דומע די רעכט פון דער אידישער שפּראַך.

92. פון דער בונדישער פּלאַטפאָרם צו די וואַלן אין דער 4־טער דומע.

(ד. קאַצענעלבויגן: „וואָס לערנט אונז די נאָענטע פאַרגאַנגענהייט?" *) „פראַגן פון לעבן". העפט 2—3 ז.ז. 137—144, 145—146

...איצט, ווען צום אידישן מאַסן-ווייַלער קומען ווייטער פאַרשיידענע שטרעמונגען און פאָדערן ווייטער, ער זאָל גלויבן זייערע האָוטאָכעס און געבן זיי זיין שטים, דאַרף ער נאָר די נאָענטע פאַרגאַנגענהייט ניט פאַרגעסן.

ווייטער טאַינעט מען: דאָס גאַנצע אידישע פאָלק דאַרף אַרויסטרעטן צוזאַמען, ווייל זיינע אינטערעסן זיינע איינע און דיזעלבע; ווער ס'זאָגט, אַז אין אידישן פאָלק זייגען פאַראַן פאַרשיידענע קלאַסן מיט פאַרשיידענע אינטערעסן, און יעדער קלאַס דאַרף זיך זוכן שטיצע און הילף אין דעמזעלביקן קלאַס פון די אַנדערע נאַציאָנען,—דער איז א פאַרעטער קעגן פאָלק.

און ווייטער גרינדעט מען קלאַל-איסראָעל-קאָמיטעטן, און ווייטער רופט מען די אידישע מאַסן צו אכדעס.

אָפּגעקראָכן איז אָבער די קלאַל-איסראָעל-פּאַן, אָפּגעקראָכן און צעפליקט. ס'זיינען שוין ניט אומעטום פאַראַן יענע קלאַל-איסראָעל-קאָמיטעטן, וואָס פלעגן פאַרייניקן אונטער זייערע פליגלעך אַלע שטרעמונגען און פאַרטייען און דורכקומען באַ זיך אינעווייניק, אַף א היימישן אויפן. די אידישע „אכדעס" רייסן שוין אַראָפּ ניט נאָר די אפּיקאָרסים, די אַרבעטער. מע רייסט די קלאַל-איסראָעל-פּאָן יעדערער צו זיך, זי האַלט קימאַט באַ פּלאַצן אַף עטלעכע שטיקער. אין אדעס רייסן זיך ציאָניסטן, דערגרייכער, „דעמאָקראַטן". אין קורלאַנד—ציאָניסטן און דערגרייכער. מע זיצט נאָך אַלץ אין איין קאָמיטעט,—אָבער מע קאָן צווישן זיך בעשום אויפן ניט דורכקומען. מע גייט אַרויף אַפן אָפּיקאָרסישן וועג פון די אַרבעטער,—אַנטקעגנצושטעלן איינע די אַנדערע פּראָגראַמען, פּלאַטפאָרמען און ניט פּערזענלעכע מאַילעס און כעסרוינעס, פירן וויקוכים וועגן פּרינציפּן און ניט וועגן דעם, וועלכן קאַנדידאַטס יכעס ס'איז גרעסער און ווער האָט מער כיין געפונען אין די פּעטערבורגער הויכע פּענסטער.

*) לעגאַל איז די וואַל-פּלאַטפאָרם פון בונד געווען פאַרעפנטלעכט אין דער פאָרם פון צוויי אַרטיקלען אין דעמדאָזיקן זאַמלבוך; מיר ברענגען דאָ איינעם פון זיי; דער צווייטער אַרטיקל פּאָפּולאַריזירט די בונדישע דומע-פּראָגראַם און טאַקטיק אין דער אַרבעטער-פּראַגע.

...איצט איז שוין פיל קלערער, ווי אמאָל, אז די קלאל-איסראָעל-פּאָן דינט נאָר אלס דעקטוך פאר יעדער באזונדערער בורזשואזער פּאַרטיי, פאַר יעדן באזונדערן „קלאל-טוער", וואָס אים ווילט זיך פּרובירן דורכגיין אין דומע.

...וואָס זשע טראָגט מען איצט אונטער דעם אידישן ווילער?

די קאנדידאטן פון „קאָוונער קאָמיטעט"? נייע פּרידמאנס [143] אָדער דערזעלביקער פרידמאן? איז דען ניט קלאָר, אַז אנדערש זיין, ווי פרידמאן איז געווען, וועט קיין איינציקער טאלמיד פון „נאָווי וואָסכאָד" [144] ניט זיין? הער סליאָזבערג אליין? אָ, דער גיט נאָך בעסערע האָפענונגען אפילע, ווי ניסעלאָוויטש. ניסעלאָוויטש איז געגאנגען נאָר צו אנשטענדיקע אָקטיאבריסטן, — אזוי זאָגט ער, — און אז מיליוקאָוו האָט אף אים געזאָגט, דאָס ער האָט געהאט באַציאונגען מיט די נאציאָנאליסטן, האָט ער גלייך געשיקט אין די צייטונגען א האקכאָשע. הער סליאָזבערג איז פּראקטישער. ער האלט, אז מע דארף אונטערשיידן, ווער עס רופט צו פּאָגראָמען, דער פּעך-שווארצער מארקאָוו אָדער דער סטאם שווארצער גראף באָברינסקי. די נאציאָנאליסטן, זאָגט ער, שטייען פונדעסטוועגן אפן באָדן פון קאָנסטיטוציע. און גיט אָנצוהערעניש, אז מע דארף זיי שטיצן קעגן די רעכטע.

...און אָט קומען די ציאָניסטן. זיי שלעפּן ארויס פון שפּייכלער דאָס פאַרשימלטע, פון זיי לאנג פארגעסענע העלסינגפאָרסער פּראָגראַם [145], און ווייזן אויף, ווי זיי זיינען ראדיקאל און ווי גוט זיי קאָנען פאַרטיידיקן די אינטערעסן פון די מאַסן, און פארזיכערן אפילע, אז זיי אַרט פאר רוסלאנד אויך.

יאָרנלאנג האָט מען מיט אלע קויכעס געשלעפּט די אידישע מאַסן, זיי זאָלן זיך שטעלן מיטן רוקן צו דער גאנצער וועלט; יאָרנלאנג האָט מען אויפגעוואָרפן די אידישע באפרייאונגס-באוועגונג, אז זי האָט געאָפּפּערט מיט די אידישע אינטערעסן פאַר דעם גליק פון פרעמדע; יאָרנלאנג איז מען ניט מיד געוואָרן צו מעסטן און צו וועגן די צאָל „איבעריקע" קארבאָנעס, וואָס דאָס אידישע פאָלק האָט געבראכט פאר רוסלאנד; יאָרנלאנג האָט מען געיאָגט, אויסגעלאכט יעדע שטרעבונג אין דער אידישער געזעלשאפט צו פּאָליטישן לעבן, צו ארבעטן אפן אָרט; יאָרנלאנג האָט מען מיט סימכע אונטערגעכאפּט יעדער פּאַקט פון נאציאָנאלן האס, פון נאציאָנאלער אפּגעזונדערטקייט, אלס באוויז, אז אַ טכום ליגט צווישן נאציאָנען, אז איין נאציאָן מוז דער אנדערער זיין אַ סוינע; יאָרנלאנג האָט מען אָנשטאָט קאַמף קעגן דער רעאקציע גערופן די אידן פלאנצן בוימלעך אין פּאלעסטינע און קויפן ברעקלעכווייז ערד דאָרטן. איצט קומט מען צו גיין מיט אַ העלסינגפאָרסער פּאַפּירל, וואו ס'שטייען ראדיקאלע פּאָדערונגען. לאכן ניט די ציאָניסטן אליין פון זיך, ווען זיי דערמאָנען דאָסדאָזיקע בלעטל פון זייער געשיכטע? האָט מען שוין אין האמבורג [146] ניט פאָרגעלייגט דאָס פּראָגראַם אוועקצוואַרפן?

ביז דער לעצטער מינוט גערופן אין פוילן צום באיקאָט פון די וואלן, צו ניט מישן זיך אין די „פרעמדע געשעפטן", קעדיי מיטאַמאָל צו דערקלערן, אז די ציאָניסטן ווילן קעמפן פאר פרייהייט דאָ אפן אָרט.

...און לייט, וואָס האָבן אַף זייער קאָנגרעס ניט געלאָזן ריידן קיין אידיש, די לייט, וואָס פירן אין אלע ווינקלעך פון אידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן אַ פארביסענעם קאַמף קעגן דער שפּראַך און קולטור פון פאָלק, בא וועמען ס'איז דאָ אַ לאָזונג: „איווריט אוי רוסיט“ *), די לייט נעמען זיך אָן צו פאַרטיידיקן די קולטורעלע אינטערעסן פונם אידישן פאָלק! דערזעלבער הער זשאַבאָטינסקי [147]) האלט זיך פונדעסטוועגן פאַר פעאיק אין דער אויסערלעכער וועלט צו פאַרטיידיקן אפילע די רעכט פון אידיש.

...און אָט קומען בעשאס דער וואל=קאמפּאניע די אידישע „דעמאָקראטן“, אַ גרופּע פון דריטהאלבן מענטשן, וואָס העגנט אין דער לופטן צווישן נעבל-האפטן ראַדיקאליזם און נעבלהאפטן נאציאָנאליזם און קאָן אלץ קיין באָדן ניט געפינען אַף אָנשפּאַרן זיך. אָט פירן זיי אין אדעס אַ קאַמף קעגן די ציאָ-ניסטן און ווייזן אויף, אַז דער הויפּט-טאָעס באַשטייט אין באַטראַכטן די אי-דישע אינטערעסן אָפּגעריסן פון די אַלגעמיין=רוסלענדער; גאַנץ גוט. אָבער אליין הערן זיי ניט אויף צו זינגען דאָסזעלבע קלאַל-איסראָעל-לידל, ווי אלע אנדערע. דער אידישער דעפּוטאַט דאַרף קוידעמקאָל זיין אַ איד, אַ איד ביזן מאַרך פון די ביינער, אַ איד פון קאָפּ ביז די פיס, דאַרשענען זיי. און עכט אידישער איד, אנדערש געזעגט. און נאָך—קוידעמקאָל, פריער פאַר אַלץ דאַרף מען עקזאַמענירן זיין עכט-אידישקייט. וואָס איז דאָס אַזוינס—אַ איד ביזן מאַרך פון די ביינער? באַטייט עס ניט דאָסזעלבע, וואָס אַלע קלאַל-איסראָעל-ניקעס זאָגן?

שוואַך און מאַכטלאָז, אָן אַ ברעקל ווירקונג, אָן אַ ברעקל באַדייטונג בויען זיי זייערע וואל-ארויסטרעטונגען אַף פערזענלעכע ווירקונגען און קאָמ-בינאַציעס, אָבער ניט אַף זייערע אייגענע רעאלע קרעפטן.

...די אַרבעטער-דעמאָקראַטיע קומט ניט צו די וויילער מיט קיין האַוו-טאָכעס. זי זאָגט ניט צו צו זיין אַ פאַרטרעטערין פון די אינטערעסן פון גאַנצן פאָלק אָן אויסנאַם. זי גייט אין דומע אַף פאַרטיידיקן די אינטערעסן פון אַרבעטער-קלאַס. אָבער די אידישע מאַסע האָט שוין געזען פאַקטן, וואָס באַווייזן, אַז די אַרבעטער-דעמאָקראַטיע קאָן ניט פאַרטיידיקן די אַרבעטער-אינטערעסן, ניט פאַרטיידיקנדיק אין דערזעלבער צייט די אינטערעסן פון אלע אונטערדריקטע און פאַרפאָלגטע. די אידישע אַרבעטער-דעמאָקראַטן נעמען אַף זיך ניט קיין שליכעס ארויסצוטרעטן אין נאָמען פון קלאַל-איסראָעל; זיי נעמען זיך ניט אָן צו באַפרידיקן די אידישע קאַפּיטאַליסטן, פאַבריקאַנטן, בענק-דירעקטאָרן, רייכע דאָקטוירים און אדוואקאטן. אויך דער מיטלשטאנד, די קלענערע קרעמער און באַלעבאַטים דאַרפן ניט מיינען, אז די אַרבעטער-דעמאָקראַטיע קאָן אונטערשטיצן יעדע פון זייערע פאָדערונגען. אבער די פאָדערונגען, וועלכע זי שטעלט ארויס צוליב די אינטערעסן פון אַרבעטער-קלאַס, זיינען קימאט אלע אזעלכע, דאָס דער אַרבעטער-קלאַס קאָן זיי ניט אויסקעמפן פאר זיך אליין, ניט אויסקעמפנדיק זיי פאר די ברייטע מאַסן פון

*) „העבּרעאיש אדער רוסיש“.

פאָלק ביכלאל. א פולמעכטיקע דומע, געקליבן אפן גרונט פון גלייכן, געהיימען, אלגעמיינעם און דירעקטן וואלרעכט; דעמאָקראטישע אָרטיקע זעלבסטפארוואלטונג; פרייהייט פון שטרייקן, פאַריינען, פאַרזאַמלונגען, פרעסע, אומבארירלעכקייט פון פערזאָן, אָפּשאַפונג פון די אויסנאמס-צושטאנדן, פון די פּאָליטישע פארפאָלגונגען, פון קריגס-געריכטן און טויט-שטראָף, באפרייאונג פון אלע פּאָליטישע ארעסטירטע און פארשיקטע, אָפּשאַפונג פון אלע נאציאָנאַלע באגרעניצונגען, אָפּשאַפונג פון טכום; נאציאָנאלע פולבארעכטיקונג; רעכט פון דער מוטער-שפראך אין שולן, געריכטן, מעלוכישע און געזעלשאפטלעכע איינריכטונגען, אף פאַרזאמלונגען, אין פאריינען. ברייטע ארבעטער-געזעצגעבונג; אן 8-שאָעדיקן ארבעטס-טאָג, פארזיכערונג פון אַלע געדונגענע ארבעטער אפן כעשבן פון דער מעלוכע און מיט זעלבסטפארוואלטונג פון די פארסטראכירטע, וואָכענטלעכע רו 42 שאָ נאָכאנאַנד מיט גאַראַנטירן רעכט פאר אידן רוען שאַבעס,—קימאט אַלע פון דידאָזיקע פאָדערונגען זיינען אין די אינטערעסן ניט נאָר פון אַרבעטער-קלאס, נאָר אויך פון די ברייטע פאָלקס-מאַסן; עס איז אומעגלעך, דער ארבעטער-קלאס זאָל זיי באקומען, אויב די ברייטע פאָלקס-מאסן וועלן זיי ניט באקומען.

...ווי אזוי די אידישע אַרבעטער-דעפּוטאַטן וועלן אין דומע פארטיידיקן דידאָזיקע פאָדערונגען, ווי אזוי זיי וועלן קעמפן קעגן רעכטלאָזיקייט ביכלאל און קעגן אידישער ביפראט, האָבן באוויזן זייערע כאוויירים, די ס. ד. דעפּוטאַטן פון די פריערדיקע דומעס. שטאָלץ מיט זייער גלויבן אין ניצאָכן, שטארק מיט זייער אינטערנאציאָנאלער איינהייט, מוטיק, ווייל זיי שטיצן זיך אף די וואקסנדע מאַכט פון פראָלעטאריאט, וועלן זיי אויך אין דער פערטער דומע שטיין ביזן סאָף פאר די אינטערעסן פון פאָלק.

93. די באָלשעוויקעס וועגן דער פּלאטפאָרם און וואל-טאקטיק פון בונד.

(„נאציאָנאליסטישע דעמאָראליזאציע״, „סאָציאל-דעמאָקראט״, 1912, נ. 28—29).

...אין דער רעזאָלוציע חעגן דער וואל-טאַקטיק האָט די בונדישע קאָנפערענץ*) אַריינגעטראָגן איין פונקט, וועלכער האָט אַ ספעציפיש-בונדישן כאַראַקטער (אין די איבעריקע טיילן זיינען די בונדישע רעזאָלוציעס ניט קיין אַנדער זאַך, ווי קאָנסעקווענט ליקווידאַטאָרישע רעזאָלוציעס). דערדאָזיקער פונקט זאָגט: „אַף וויפל ס'קומט אויס באַם שליסן אָפּמאַכן אויסצוקלייבן צווישן צוויי אידישע קאַנדידאַטן, וועלכע באַפרידיקן ביידע די אויבנאָנגעוויזענע באדינגונגען (זיינען זיך מיסכאיעוו צו פאַרטיידיקן אין דומע די אַלגעמיינע א. א. וו. וואלרעכט, די פרייהייט פון קאָאַליציעס און די *נאציאָנאלע גלייכבארעכטיקונג***), קלייבן אויס די בונדישע וואַל-מענער יענעם, וועלכער

*) די 9-טע.

*) קורסיוו אומעטום פון אַווטאָר.

איז זיך מיסכאיעוו צו פּאַרטיידיקן די רעכט פון דער אידישער שפּראַך". און ווייטער אין אַן אַנדער אָרט: „פאר די בונדישע אָרגאַניזאַציעס זיינען ניט אָנעמבאר די קאַנדידאַטורן פון די סאָציאַל-דעמאָקראַטן, וועלכע וואָלטן זיך אנטזאגן צו פארטיידיקן אין דומע די רעכט פון דער אידישער שפּראַך".

פאַר יעדן לאָגיש דענקענדיקן מענטשן איז גאַנץ קלאָר, אַז פאר דעם בונד איז דער גרונט-קריטעריום ניט קיין אַנדער זאַך, ווי גראד דאָס אנערקענען דעם זשאַרגאָן. די נאָר וואָס געבראַכטע רעזאָלוציעס זיינען אינגאַנצן ציאָניסטישע רעזאָלוציעס. די סאָציאַל-דעמאָקראַטן פארטיידיקן די רעכט פון דער מוטער-שפּראַך, נאָר אַרויסשטעלן פארן הויפּט-קריטעריום בּאַם אויסקלייבן קאַנדידאַטן דאָס אנערקענען די רעכט פון זשאַרגאָן קאָנען זיי בעשום אויפן ניט. האָבּן אַ טראכט געטאָן די בונדיסטן, וואָס ס'פאָלגט פון זייער שטעלן די פראגע? די סאָציאַל-דעמאָקראַטן, וועלכע אנטזאגן זיך (?!) צו פארטיידיקן די רעכט פונם זשאַרגאָן, זיינען פאר זיי אינגאַנצן ניט אָנעמבאר, און פון די בורזשואַזע קאַנדידאַטן איז אָנעמבאר דער, וועלכער—אויסער די נאַציאָנאַלע גלייכבאַרעכטיקונג—נעמט זיך אָן צו פארטיידיקן דעם זשאַרגאָן! וואָס וואָלט געקאָנט זאָגן מער באַשטימט אַ ציאָניסט? אָף וועלכן באָדן וועט דער בונד פירן דעם קאמף מיט דעם נאַציאָנאַליזם, וואָס דאָס איז ער מעכוּ-יעוו צו טאָן, קאָלומאַן ער בלייבט אַ סאָציאַל-דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציע, ווי באלד ער אַליין האָט אַרויסגעשטעלט אַלס דעם הויפּטפּונקט פון דער גאנצער וואַל-קאַמפּאַניע אַ בעפּיירעש נאַציאָנאַליסטישן לאָזונג?

איצטער דאַרפט איר צוגעבן דערצו, אַז אין זיין אָפּמאַך מיט פּ.פּ.ס. וועגן אַ געמיינזאַמער וואַל-קאַמפּאַניע האָט דער בונד ספּעציעל, אַלס זיין ספּעציפישן שטריך, אַרויסגעשטעלט דעם פּונקט „וועגן פייערן שאַבעס",—און פאר יעדערן וועט קלאָר ווערן, אַז די נאַציאָנאַליסטישע טענדענצן אין בונד האָבּן אינגאַנצן פארשטעלט זיינע סאָציאַל-דעמאָקראַטישע אויפגאַבן. „זשארגאָן און שאַבעס"—אָט דאָס איז, וואָס דער בונד טראָגט אַריין פון זיך, אלס בונד, אין דער וואַל-קאַמפּאַניע פון דער רוסלענדישער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע. ער רעכנט, מיסטאמע, אַז מיט דערדאָזיקער „איינלאגע" לייזט ער די נאַציאָנאַלע פּראָבּלעם אין דער אידישער מאסע. מיר באַהויפּטן, אַז דאָס איז ניט קיין אַנדער זאַך, ווי שקלאפּיש נאָכגיין נאָך דער מאסע. אויב אַזאַ פירן די וואַל-קאַמפּאַניע הייסט קעמפן מיט נאַציאָנאַליזם, איז וואָס הייסט אונטערבאַמ-קען דעם נאַציאָנאַליזם?

דער איקער פון דער זאַך אין דערדאָזיקער פראגע באַשטייט אין איצ-טיקן מאָמענט גאָר ניט אין דעם כאראקטער פון די אָרגאַניזאַציאָנעלע פאַר-בינדונגען פונם בונד מיט דער פּ.פּ.ס., אָדער פונם בונד מיט דער פּאַרטיי, נאָר אין דעם, מיט וואָס פאר אַ מין פּראָפּאַגאַנדע גייט די ס.ד. פּאַרטיי אין דער סוויווע, וואו ס'ווערן קינסטלעך אויסגעהאָדעוועט נאַציאָנאַליסטישע שטרעבּונגען. אַ ברייטע פּראָפּאַגאַנדע פון די פּונקטן פון איר פּראָגראַם, וועלכעריידן וועגן „דאָס רעכט פון די נאַציעס אָף זעלבסטבאַשטימונג", אָדער וועגן „די רעכט פון דער מוטער-שפּראַך"—אָט וואָס די פּאַרטיי דאַרף קעגנשטעלן

דעם נאַציאָנאַליסטישן טומל. דאָס זיינען די אַלגעמיין-דעמאָקראַטישע פאָדערונגען, וועלכע פאַרייניקן דעם פּראָלעטאַריאַט, דעם פּוילישן, רוסישן, אידישן, גרוזינישן א. א. וו. און צוזאַמען דערמיט הויבן זיי אויף איטלעכן פון זיי ביז דעם באַוואוסטזיין פון דער *אַלגעמיינהייט* פון זייערע אויפגאַבן, פון דער *איינקייט* פון זייער קאַמף. אָבער דאָס, וואָס ס׳טוט דער בונד, איז אַן אַרבעט פון *אויסטיילן*, פון אָפּרוקן די אַלגעמיינע און רעוואָלוציאָנערע פאָדערונגען, צוליב די אָרטיקע און נאַציאָנאַלע.

דאָס נאַציאָנאַליסטישע אַוועקשטעלן פונם בונד די וואַל-קאַמפּאַניע דאַרף מען פאַרגלייכן מיט זיין וואַל-פּלאַטפאָרם (ריכטיקער, מיט דער רעזאָלוציע וועגן דעם, וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דער מיטיילונג וועגן דער 9-טער קאָנפערענץ *). די דעמאָקראַטישע רעפּובליק, דאָס קאָנפיסקירן די ערד,— זיינען פון דערדאָזיקער רעזאָלוציע אינגאַנצן אויסגעשלאָסן, זיי ווערן ניט דערמאַנט אפילע מיט קיין איין וואָרט.

דער סאַכאַקל: די אַלרוסלענדישע אויפגאַבן, דאָס, וואָס ס׳בינדט צוזאַמען דעם פּראָלעטאַריאַט פון גאַנץ רוסלאַנד, דאָס, וואָס ס׳האָט אים צוזאַמענגעשלאָסן אין אַן איינהייטלעכער מעכטיקער אַרמיי אינם 1905,—דאָס אַלץ איז אַרויסגעוואָרפן געוואָרן. דערפאַר איז אַריינגעטראָגן געוואָרן דאָס „רעכט פונם זשאַרגאָן", אַלס אַן ענדגילטיקער סימען, לויט וועלכן דער בונד קאָן אָנעמען די קאַנדידאַטור פון אַ סאָציאַל-דעמאָקראַט. קאָן מען דען געפינען אַ בעסערן ביישפּיל צו דעם, אַף וועלכן באָדן ס׳ווערט אויסגעהאָדעוועט דער נאַציאָנאַליזם, ווי אַזוי „סאָציאַל-דעמאָקראַטן" פילן ניט אויס זייערע אויפגאַבן אינם קאַמף מיטן נאַציאָנאַליזם, ווי אַזוי געוועזענע סאָציאַל-דעמאָקראַטן ווערן נאַציאָנאַליסטן?

קאָן מען דען געפינען אַ מער שענדלעכע שטעלונג, איידער די, וועלכע ס׳האָט פאַרנומען דער בונד? און פונדעסטוועגן האָט די ניט לאַנגיקע ליקווידאַטאָרישע קאָנפערענץ **) אַריבערגעשטייגט די שאַנדע פון בונד. די שטעלונג פונם לעצטן האָט ניט נאָר ניט באַגעגנט קיין קריטיק אַף דערדאָזיקער קאָנפערענץ, דעם בונד האָט מען ניט נאָר באַגריסט אַף אָט דער קאָנפערענץ. די קאָנפערענץ האָט אָנגענומען אַ ספּעציעלע רעזאָלוציע וועגן דער נאַציאָנאַלער פראַגע, אין וועלכער דער בונד האָט באַקומען אַ פולשטענדיקע פרייהייט פאַר זיינע קומענדיקע נאַציאָנאַליסטישע איבונגען.

94. פּ. ס. ד. זאָגט זיך אָפּ פון א געמיינזאַמער אַרויסטרעטונג מיטן בונד און פּ. פּ. ס.

(„די 9-טע קאָנפערענץ פון בונד", ז. 12—13).

געערטע כאַווײרים! אַף אייער בריוו וועגן א געמיינזאַמער קאָנפערענץ מיט אייך און מיט דער פּ. פּ. ס. („לעוויצע") קאָנען מיר אייך ענטפערן פאָלגנדעס:

*) זע אויבן, נומ. 91.

**) די קאָנפערענץ, וואָס איז פאָרגעקומען אין אויגוסט 1912 אין ווין, אַף וועלכער ס׳איז געשאַפן געוואָרן דער אַזוי גערופענער „אויגוסט-בלאָק".

אַפן גרונט פונם אָפּמאַך צווישן דער ס. ד. פון פוילן און ליטע מיט דער רוסלענדער ס. ד. פּאַרטיי, וואָס איז געשלאָסן געוואָרן אַפן צוזאַמענפאָר אין סטאָקהאָלם און איז דורך יענעם צוזאַמענפאָר באַשטעטיקט געוואָרן, האָט די אַלגעמיינע פּאַרטיי קיין רעכט ניט אַריינצוגיין אין וועלכע ס'איז באַציאונ-גען מיט וועלכער ס'איז פּאַרטיי, וואָס אַרבעט אין פוילן, אָן דעם הסכם פון דער ס. ד. פון פוילן און ליטע. און ווייל דערדאָזיקער אָפּמאַך איז אָבלי-גאַטאָריש אי פאַר דער רוסלענדער פּאַרטיי אינגאַנצן גענומען, אַזוי אויך פאַר אירע איינצלנע באַשטאַנד-טיילן—און איינער פון דידאָזיקע טיילן איז ביז איצט אויך דער בונד,—פאַרשטייט די הויפּט-פאַרוואַלטונג דעם בריוו פון צ. ק. פון בונד אַזוי, אַז דאָס איינלאַדן די פּ. פּ. ס., וועלכע געהערט צו דער אַלגע-מיינער פּאַרטיי ניט, אַף א געמיינזאַמער קאָנפערענץ איז אָפּהענגיק פון דעם, צי וועט אַף דעם די ס. ד. פון פוילן און ליטע אפריער געבן איר הסכם. ווען ניט, וואָלט די הויפּט-פאַרוואַלטונג מוזן רעכענען די פירונג פון צ. ק. פון בונד פאַר הכסט ניט אנשטענדיק, און אויך פאַר אומפּאַרטייאיש [אַנטי-פּאַרטייאיש ?], ווייל דאָס איז קעגן דעם אָרגאַניזאַציאָן-סטאַטוט פון דער פּאַרטיי, און זי וואָלט אין אַזאַ פאַל געלאָזן דעם בריוו גאָר אָן אַן ענטפער.

און וואָס איז שאַיעך דער פאָרלאַגע גופע וועגן א געמיינזאַמער אַרויס-טרעטונג בעאַיס די וואַלן, קאָנסטאַטירט די הויפּט-פאַרוואַלטונג, דאָס צוליב דעם, וואָס די ס. ד. פון פוילן און ליטע גייט זיך פאַנאַנדער מיטן בונד אין אירע טאַקטישע בליקן, איז א געמיינזאַמע וואַל-פּלאַטפאָרם (א זאַך, וואָס קאָן ניט אָפּגעלייגט ווערן) לעכאַטכילע אויסגעשלאָסן. ס'קאָן זיין א רייד נאָר וועגן אַזוי גערופענעם טעכנישן אָפּמאַך וועגן די אָדער יענע געמיינזאַמע פּראַקטישע שריט אין דער וואַל-אַרבעט: געמיינזאַמע ליסטן אין דער שטאָ-טישער קוריע א.ד.ג. די הויפּט-פאַרוואַלטונג איז דער מיינונג, אַז אין אַזעלכע פראַגן איז געוואונטשן א אייניקע אַרויסטרעטונג און אַן אָפּמאַך מיטן זעלביקן אינהאַלט, וואָס בעאַיס די וואַלן צו דער דריטער דומע אין 1907.

נאָר ווייל די פּראַקטישע פראַגן, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט די וואַלן, און דערום אויך די באַציאונגען אין דער וואַל-קאַמפּאַניע צו אַנדערע אַרבע-טער-אָרגאַניזאַציעס, שטייען אַף דער טאָגעס-אָרדענונג פון אונזער נעכסטער פּאַרטיי-קאָנפערענץ, וועט די הויפּט-פאַרוואַלטונג נאָר נאָך דער קאָנפערענץ זיין אימשטאַנד מודיע צו זיין דעם צ. ק. פון בונד וועגן דעם שטאַנדפּונקט, וואָס אונזער אָרגאַניזאַציע האָט פאַרנומען בענוגייע צו זיין פאָרלאַגע פון צוזאַמענבינדן זיך, און אויך וועגן דעם, צי האַלטן מיר פאַר נויטיק צונויפ-רופן צוליב דעם אַן אינטערפּאַרטייאישע קאָנפערענץ.

וואָס איז שאַיעך צו בייליסעס פּראָצעס, רעכענען מיר אין איצטיקן מאָ-מענט פאַר אומעגלעך פאָרצונעמען צוליב דעם א קאַמפּאַניע („אַקציע”).

מיט ס. ד. גרוס

די הויפּט-פאַרוואַלטונג פון דער ס. ד.
פון פוילן און ליטע.

10 יון. 1912.

95. דער וואַל־בלאָק פון בונד און פּ. פּ. ס.

(פונם אויפרוף פון צ. ק. פון בונד און צ. ק. פון פּ. פּ. ס.)

כאַווײרים אַרבעטער! די פּוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי (פּ. פּ. ס.) און דער אַלגעמיינער אידישער ארבעטער-בונד אין ליטע, פּוילן און רוסלאַנד האָבן געשלאָסן א וואַל-בלאָק, אום פאַראייניקט צו פירן די וואַל-קאַמפּאַניע אין פּוילן. מיט פאַראייניקטע קרעפטן וועלן מיר קעמפן מיט אונזערע געמיינזאַמע פיינט, פאַראייניקט וועלן מיר שטרייטן פאַר געמיינזאַמע פאָדערונגען, געמיינזאַמע קאַנדידאטן פאַר באַפולמעכטיקטע, וואַל-מענער און דומע-דעפּוטאַטן וועלן מיר ארויסשטעלן.

...די שליסונג פון דעמדאָזיקן וואַל-פאַרבאַנד פון די אָרגאַניזאַציעס, וואָס רעפּרעזענטירן דעם פּראָלעטאַריאַט פון די צוויי נאַציאָנען, וועלכע מע רייצט אומויפהערלעך צו א ברודער-קאַמף, איז אַ פאַקט פון א היסטאָרישער באַדייטונג. ס'איז אויסגעבויט געוואָרן א וואַנט, אָן וועלכער ס'וועלן צעשמעטערט ווערן די כוואַליעס פון פּוילישן און אידישן נאַציאָנאַליזם; ס'איז אויפגעהויבן די פאָן, אונטער וועלכער ס'וועלן זיך זאַמלען די אלע, וואָס האָבן פאַרשטאַנען, ווי העסלעך ס'איז דער ברודער-קאַמף, ווי אומפּרוכטבאַר ער איז, ווי מערדעריש ער איז.

...די בילדונג פון אונזער בלאָק האָט אָבער נאָך א באַדייטונג. די צעטיילונג פון די סאָציאַליסטישע רייען איז פאַרן פּראָלעטאַריאַט אַ נידערלאַגע, איז א שטערעניש און אַן אָפּהאַלט אין זיין קאַמף. די צעטיילונג עקזיסטירט ביז איצט אין פּוילן. ביז איצט אַרבעטן דאָ און קעגנשטעלן זיך צוויי סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס פון פּוילישן פּראָלעטאַריאַט. ביז איצט האָט זיך נאָך ניט איינגעגעבן צו באַשאַפן אַן ענגע פאַרבינדונג צווישן די אָרגאַניזאַציעס פון פּוילישן און אידישן פּראָלעטאַריאַט.

אונזער בלאָק באַשאַפט דידאָזיקע פאַרבינדונג, ניט קוקנדיק אַף וויכטיקע אונטערשיידן פון ביידע פּאַרטייען בענוגייע צו איינצלנע פראַגן און אויפגאַבן. [ער] דינט דורך דעם אלס בעסטער באַווייז, ... אַז טראָץ אלע מיינונגס-אונטערשיידן, איז מעגלעך און אומבאַדינגט נויטיק א געמיינזאַמער קאַמף מיט אונזערע פיינט. און אין דעם באַשטייט זיין גרויסע באַדייטונג פאַר דעם סאָציאַליסטישן פאַראייניקונגס-פּראָגרעס אין פּוילן.

כאַווײרים! מיר פילן טיף די רעזולטאַטן פון דער פּראָלעטאַרישער צעטיילונג אין איצטיקן מאָמענט. ביז איצט האָט זיך ניט איינגעגעבן צוזאַמענבינדן אין איין בלאָק אַלע סאָציאַליסטישע קרעפטן פון פּוילן. ביז איצט וויל אין אים ניט נעמען קיין אנטייל די צווייטע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציע פון פּוילישן פּראָלעטאַריאַט, די סאָציאַל-דעמאָקראַטיע פון פּוילן און ליטע (ס. ד. פּ.).

...דער כויוו פון באַוואוסטזיניקע ארבעטער איז ניט צו דערלאָזן צו דיזער צעטיילונג; דער כויוו פון באַוואוסטזיניקע ארבעטער איז צו ווירקן,

אלע סאָציאַליסטישע קרעפטן, טעטיקע אין אונזער לאַנד, זאָלן זיך קאָנצענטרירן, זאָלן מוזן זיך קאָנצענטרירן אין איין וואַל־בלאָק.

דער צענטראַלער אַרבעטער־קאָמיטעט פון פ. פּ. ס.

דער צענטראַלער קאָמיטעט פון בונד.

96. א בריוו פונם בונדיש־פּ. פּ. ס.־ישן בלאָק צו די וואַרשעווער וואַל־מענער.

(„דער קאַמף אַרום דעם וואַרשעווער מאַנדאַט“, „דער פריינד“, 1912, נ. 236).

דורך דער קאָמפּליצירטער וואַל־סיטואַציע, דורך די פאַרשיידענע קלאַנגען, וועלכע ווערן פאַרשפּרייט פון אַלע זייטן, דורך דעם, וואָס דאָס פּילגאָרנדיק וואַל־סיסטעם מאַכט מעגלעך אָפּצוטאָן אַזאַ וויכטיקן איניען, ווי אויסוויילן א דעפּוטאַט, הינטער די קוליסן פון פּאָליטישן לעבן און הינטער די פּלייצעס פון די פאָלקס־און אַרבעטער־מאַסן, געפינען מיר פאַר נויטיק אָנצואווייזן פאָלגנדעס: אַלע פּאָליטישע פאַרטייען פאַרופן זיך אויף דער מערהייט פון דער וואַרשעווער באַפעלקערונג. מיר פאַרזיכערן קאַטעגאָריש מיט דער גאַנצער קראַפט, אַז דער איינציקער קאַנדידאַט, וועלכער וועט ווערן געשטיצט דורך דער עמעסער און ניט געפעלשטער מערהייט, איז דער קאַנדידאַט פון לינקן בלאָק יעווגעניוש יאַגעלאַ. יאַגעלאָ האָט באַקומען אַן אַבסאָלוטע מערהייט (59 שטימען) אויף דער פאַרזאַמלונג פון די אַרבעטער־באַפולמעכטיקטע; יאַגעלאָ איז דער קאַנדידאַט פון בלאָק, וועלכער האָט באַקומען מער ווי א העלפט וואַל־מענער בעאייס די וואַלן פון דער אַרבעטער־קוריע אין גאַנץ פּוילן (16 וואַל־מענער פון בלאָק, 8 פון דער ס. ד., 2 פון דער „וואַרשעווער אָפּאָזיציע“ פון פּ. פּ. ס. ד.[148]), 6 פון דער נ. ד.*) און 2 קריסטלעכע דעמאָקראַטן). דער ווילן פונם אַרבעטער־קלאַס ווי פון פּוילישן, אַזוי פון אידישן איז קלאָר און ניט צווייַדייטיק. אויסער דער פאָרמעלער זייט, וואָס אַמבאַטורעפט דער מערהייט, דערקלערן מיר, אַז די אַלגעמיינע וועלטאַנשויאונג פון אונזער קאַנדידאַט גאַראַנטירט אַן אומויפהערלעכן קאַמף פאַר פרייהייט און דעמאָקראַטישע פּרינציפּן, טרייע דינסט די אינטערעסן פון די אַרבעטער־מאַסן, ענערגיש פאַרטיידיקן אַלע פאַרפאָלגטע פעלקער, לויטן פּרינציפּ פון גלייכבארעכטיקונג, און קאַטעגאָריש קעגנשטעלן זיך דער נאַציאָנאַליסטישער העצע, וועלכע ווילדעוועט איצט אין פּוילן. דאָס אַלץ מאַכט אים אַלס דעם איינציקן פאָרשטייער פון די פאָדערונגען, באַדערפענישן און אינטערעסן פון די ברייטע פאָלקס־מאַסן. די בירגערלעכע קאַנדידאַטן, אַזוי די פּוילישע, ווי די אידישע, האָט דער אַרבעטער־קלאַס אָפּגעזאָגט זיך צו שטיצן און וועט זיי אויך ניט שטיצן אין דער צוקונפט. אויף דידאָזיקע דעפּוטאַטן וועלן די אַרבעטער קוקן, אַלס אויף אָנגעהאַנגענע...

די וואַל־מענער פון לינקן בלאָק.

*) נאַראָדאָווע דעמאָקראַטן.

97. די אידישע קאַדעטן אגיטירן פאַר יאגעלאָן.

(ספעציעלע טעלעגראַמע צום „פריינד", פון מ. מ. ווינאַווער 149), „דער פריינד", 1912, נ. 238).

„פון פאַרשיידענע אידישע געזעלשאַפטלעכע גרופּן אין װאַרשע האָב איך באַקומען אָנפראַגן מיט דער ביטע אַרויסצוזאָגן מיין מיינונג וועגן דעם געוואונשענעם קאַנדידאַט אין ווארשע. מיין מיינונג האָב איך שוין אַרויסגע־זאָגט, און בא דער מיינונג בלייב איך ווייטער. איך אַנערקען אלס נויטיק אויסצואוויילן דעם קאַנדידאַט פון די אַרבעטער יאגעלאָ. אויסצואוויילן אַ אידן דאַן, ווען ס׳געפינט זיך א פּוילישער װאַל-מאַן, וועלכער שטייט אָפן באַדן פון אידישער גלייכבאַרעכטיקונג, וואָלט געהייסן אָפּטרעטן פונם שטאַנדפּונקט, אף וועלכן די אידישע וויילער האָבן זיך שוין געשטעלט און וועלכע איז אין פּאָליטישן זין דער איינציקער ריכטיקער בא דער איצטיקער סיטואַציע.

מ. מ. ווינאַווער".

98. די פּ. ס. ד. און די באָלשעוויקעס וועגן דער װאַל=קאמפּאַניע און אירע רעזולטאַטן אין פּוילן.

(די וואַלן אין פּוילן (אַ בריוו פון װאַרשע). „סאָציאַל-דעמאָקראַט", 1913, נ. 30).

...די װאַל-קאַמפּאַניע האָבן מיר דאָסמאָל געפירט אין באַזונדערס שווערע באַדינגונגען. די אָרגאַניזאַציע איז געווען אָװעקגעשטעלט אין אַ שווערער לאַגע, אַדאַנק דער צעשפּאַלטונגס=פּאָליטיק פון דער הויפּט-פאַרוואַלטונג, וועלכע האָט זיך באַמיט אויסצובויען אין װאַרשע אַ פּאַראַלעלע ס. ד. אָרגאַניזאַציע.

...דער פּאַרטיי איז אויסגעקומען גויוער זיין נאָך איין מעניע: דעם קאַמף מיט דעם אַזוי גערופענעם „סאָציאַליסטישן בלאָק" פון דער ליקווידאַ-טאָרישער פּ. פּ. ס.-לעוויצע מיט דעם ניט ווייניקער ליקווידאַטאָרישן בונד, וועלכער האָט זיך ניט פאַרטראַכט אַריינצוטרעטן אין אַן ענגן בלאָק קעגן אונז מיט אַ פּאַרטיי, וואָס געהערט ניט צו דער ר. ס. ד. א. פּ... דער „בלאָק" האָט אונז פונדעסטוועגן פּאָרגעלייגט אַן אָפּמאַך, נאָר ער האָט זיך באַזאָרגט אַרומ-צושטעלן אים מיט ניט אָנעמבאַרע באַדינגונגען. ער איז גרייט געווען צו „געבן" אונז אַ ד ר י ט ל װאַל-מענער אין דער אַרבעטער-קוריע, אין דער װאַרשעווער און אין דער גובערניאַלער, אויך אין דער שטאָטישער קוריע, מיט דער היסכּאַיוועס צו שטימען פאַר דעם פּ. פּ. ס.-ישן דעפּוטאַטן-קאַנדידאַט. מיר, פון אונזער זייט, האָבן פאָרגעלייגט: 1. „פרייע קאָנקורענץ" אין דער װאַרשעווער אַרבעטער-קוריע... 2. אַ טעכנישן אָפּמאַך אין דער גובערניאַלער אַרבעטער-קוריע (וואו ס׳איז פאראן אַ „נאַראָדאָווע" געפאַר) און אין דער אַל-געמיין-שטאָטישער קוריע. די „בלאָקיסטן" האָבן זיך דערפון אָפּגעזאָגט... די אונטערהאַנדלונגען האָבן אף אַזאַ אויפן צו קיין זאַך ניט געבראַכט.

דער אויסגאַנג פון די װאָלן איז ווי אַ דונער-קלאַפּ אראָפּגעפאַלן אף דעם שטאָלצן בלאָק. אין דער גובערניאַלער אַרבעטער-קוריע איז דער בלאָק אָפן גלענצנדיקסטן אויפן דורכגעפאַלן און עס זיינען דורכגעגאַנגען אלע פיר

„גאַראַדאָווצעס“. נאָר אין דער וואַרשעווער קוריע איז פון די 66 געקומענע באַפולמעכטיקטע 35 (אַן אַבסאָלוטע מערהייט) ס. ד., 18 בלאָקיסטן (פון דעם 17 פּ. פּ. ס. און 1 בונדיסט), 8 נאַציאָנאַליסטן און קריסטלעכע דעמאָקראַטן, 6 אויסערפּאַרטייאישע.

...[באַ די וואַלן פון וואַל-מענער אין דער אַרבעטער-קוריע האָט, אדאַנק דער דעזאָרגאַניזאַטאָרישער טעטיקייט פון די אָנהענגער פון דער הויפּט-פּאַרוואַלטונג] אונזער ערשטער קאַנדידאַט באַקומען, אַנשטאָט 34, בלויז 31 שטימען, און איז ניט דורכגעגאַנגען. די פאָלגנדיקע 2 כאַווייריִם האָבן שוין באַקומען אַ מערהייט. אינם סאָף פונם צעטל זיינען געשטאַנען בלאָקיסטישע קאַנדידאַטן, אונזערע אַרבעטער האָבן אַרויסגעוויזן גרויסמוטיקייט נאָך מער וויפל מע דאַרף,—און דער דריטער מאַנדאַט איז אַריינגעפאַלן אין די הענט פון פּ. פּ. ס.

...אין דער שטאָטישער קוריע האָבן מענאַצייעך געווען אין וואַרשע די אידישע נאַציאָנאַליסטן... צווישן די פּאָליאַקן האָבן געקעמפט צוויי וואַל-צעטלען—דער נאַציאָנאַל-דעמאָקראַטישער מיט דמאָווסקין[160] און דער „קאָנצענטראַציאָנס-פּראָגרעסיווער“ מיט קוכאַרזשעווסקין, און דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז מע האָט פאַרלאָרן ראַיאָנען מיט פּוילישע מערהייטן: דעם 7-טן און 15-טן. אַלס פּויעל-יויצע האָבן די אידישע נאַציאָנאַליסטן דורכגעפירט 46 וואַל-מענער, די פּאָליאַקן 34 (23 פון דער „קאָנצענטראַציע“ און 11 נאַצ. דעמ.). דער באַרימטער פּוילישער שוואַרצמייעניק און סאָציאַליסטן-פרעסער, דער געוועזענער דעפּוטאַט דמאָווסקי, איז דורכגעפאַלן שוין אין דער ערשטער סטאַדיע פון די וואַלן.

דער צעטל פון פּ. פּ. ס.-ישן-בונדישן בלאָק האָט צוזאַמענגעקליבן סאַכאַקל 724 שטימען. כאַראַקטעריסטיש, אַז אין די פּוילישע ראַיאָנען (וואו אַף אים איז אַגעוו געפאַלן אַ היפּשער טייל ס. ד. שטימען), האָט ער געהאַט מער ערפאָלג, איידער אין די אידישע. דאָס איז—אַ פאַקט זייער ניט קיין אָנגענעמער פאַרן בונד, נאָר וואָס זאָל מען, נעבעך, טאָן, ציפערן זיינען אומבעראַכמאָנעסדיק. אָט האָט איר זיי, אויב איר ווילט: אין 6 פּוילישע ראַיאָנען האָט דער בלאָק באַקומען 431 שטימען (מיר כאַזערן איבער, אַ טייל ס. ד.) אין פיר אידישע—בלויז 121, אין 5 געמישטע—172. מיט וואָס וועט דאָס דערקלערן דער בונד?

באַמערקונג פון דער רעדאַקציע פונם „סאָציאַל-דעמאָקראַט“.

ווי דער לייענער זעט, איז דידאָזיקע קאָרעספּאָנדענץ אָנגעשריבן... נאָך איידער ס׳איז קלאָר געוואָרן דער ענדגילטיקער רעזולטאַט פון די וואַלן. ווי ס׳איז באַוואוסט, האָבן זיך די וואַלן אין וואַרשע געענדיקט דערמיט, וואָס אַדאַנק די שטימען פון אָט די אידישע נאַציאָנאַליסטן, וועלכע האָבן מוירע געהאַט אויסצוקלייבן אַ אידן און האָבן ניט געוואָלט אויסקלייבן אַן אַנטיסע-

מיט פון דער „קאָנצענטראַציע“, איז אַלס דעפּוטאַט אויסגעקליבן געוואָרן אַן אַרבעטער־וואלמאַן, אַ מיטגליד פון פּ. פּ. ס., יאגעלאָ. דאָס איז דערזעלביקער דריטער וואלמאַן פון דער אַרבעטער־קוריע, וועגן וועלכן די... קאָרעספּאָנדענץ טיילט מיט, אַז ער איז דורכגעגאַנגען צופעליק, בלויז אין רעזולטאַט פון אַ געוויסער צערודערונג צווישן דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער מערהייט פון די באַפולמעכטיקטע. דעם מאַנדאַט פון וואַרשע האָט ער באַקומען, ניט קוקנדיק אַפן אַנטשיידענעם פּראָטעסט פון די צוויי איבעריקע וואלמענער סאָציאַל־דעמאָקראַטן, וועלכע האָבן אַפילע פאַרלאָזן די וואל־פאַרזאַמלונג. אַף אַזאַ אויפן איז דער פּ. פּ. ס.־אָוועץ יאגעלאָ דורכגעגאַנגען אין דומע ניט נאָר אין רעזולטאַט פון דער אַנטיפּאַרטייאישער פּאָליטיק פון בונד, וועלכער האָט געשלאָסן אַ בלאָק מיט אַ ניט סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, נאָר אויך אין אַ בעפּייִרעשן קאַמף מיט דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע קעגן דעם ווילן פון דער מערהייט פון די וואַל־מענער, וועלכע זיינען בייגעווען אַף דער פאַרזאַמלונג, וואָס האָט אויסגעקליבן דעם דעפּוטאַט.

99. די האָמלער באָלשעוויקעס אין דער וואַל־קאַמפּאַניע.

(קאָרעספּאָנדענץ פון פּאָלעסיע. „סאָציאַל־דעמאָקראַט“, 1912, נ. 28-29).

מיר גיבן איבער די „לעצטע נייס“. די וואַל־פּלאטפאָרם פונם צענטראַל־קאָמיטעט איז באהאנדלט געוואָרן אַף דריי פאַרזאַמלונגען מיט 53 אנטיילנעמער און איז אָנגענומען געוואָרן איינשטימיק סאי פון די באָלשעוויקעס, סאי פון די מענשעוויקעס. דער בונד איז פאַרהאוועט און „אינפאָרמירט זיך“ מיט די „ס.ס.“ און מיטן „קאָמיטעט פון די אומפּאַרטייאישע פּראָגרעסיווע ווייִלער“, נאָר מיט אונז, מיט די „לעניִנצעס“, ווי ער האָט אַ נאָמען געגעבן אונזער אָרגאַניזאַציע, געפינט ער ניט פאַר נויטיק ניט נאָר אריינצוגיין אין אָפּמאַכן, נאָר אַפילע פּאָשעט אינפאָרמירן זיך. אָט דאָס זיינען זיי דאָס די קעמפער פאַר „אייניקייט“! מיט אונזער פּלאטפאָרם איז דער בונד „לאכלוטן ניט מאַסקים“, ער וואַרט אַף אַן אייגענער, פונם צ. ק. פון בונד. פריער (מיט אַ כוידעש צוויי צוריק) האָט ער „פריוואט“ אונז געגעבן צו וויסן, אז אים איז „גאַנץ געפעלן“ דאָס, וואָס מיר גרייטן זיך ארויסצושטעלן אַן אייגענעם קאנדידאַט, נאָר ער דאַרף זיין ניט אנדערש ווי אַ רוסישער און אַ „פּאָפּולערע“ פּערזאָן. אונטער דעם דאַרף מען פאַרשטיין אַן אדוואקאַט, אַ דאָקטאָר א. ד. ג. און אַזוי ווי קיין אדוואָקאַטן האָבן מיר ניט, איז ניטאָ מיט אונז וואָס צו ריידן. און איצט אוואדע ניט, וויבאַלד די פּלאַטפאָרם איז באַ אונז אַ שעדלעכע. ער האלט אין איין אָפּלאַכן פון אונז: „מיר וועלן אקאָרשט זעען, וויפל שטימען איר וועט צונויפקלייבן“. אין דעם פּראַט גיבן מיר גערן אָפּ דעם ערשטן פּלאַץ דעם בונד, די „ס. ס.“, די פּראָגרעסיסטן: זיי וועלן האָבן מער*).

*) ווי ס׳האָבן באַוויזן די רעזולטאַטן פון די וואַלן, האָט דער קאָרעספּאָנדענט פון „סאָציאַל־דעמאָקראַט“ איבערגעשאצט די קרעפטן פון בונד: דער קאנדידאט פון די באָלשעוויקעס האָט באקומען קימאט 3 מאָל מער שטימען, ווי דער קאנדידאט פון בונד. זע אויבן, נומ. 65.

און מיר וועלן אָפּגעבן אונזער הויפּט־אויפמערקזאַמקייט דער אַגיטאַציע פאַר אונזערע רעוואָלוציאָנערע לאָזונגען.

100. דער גאַנג און אויסגאַנג פון די וואלן אין דער אידישער סוויווע.

(צוזאמענגעשטעלט לויט דער טעלעגראפישער אינפאָרמאציע פון דער צייטונג „לוטש", 1912, נומ. 8, 13, 15, 16, 19, 21, 25, 26, 33, 34, 35 און 36).

ווילנע.

נעכטן איז פאָרגעקומען אַ פאַרזאַמלונג פון די אידישע וויילער, אַף וועלכער ס'זיינען בייגעווען העכער 500 מענטשן. די שטימונג איז געווען אַ געהויבענע. דער קאַנדידאַט פון די אידישע אַרבעטער און דעמאָקראַטישער אינטעליגענץ, מ. ג. ראַפּעס, איז אַרויסגעטראָטן מיט אַ פאָרטראַג וועגן דער ס. ד. וואַל-פּלאַטפאָרם. אויסגעהערט דעם פארטראַג, האָט די פאַרזאַמלונג איינשטימיק באַשלאָסן דורכפירן ראַפּעסן אין דער צווייטער שטאָטישער אידישער קוריע.

* * *

באַנאַכט האָבן די זשאַנדאַרמען געמאַכט אַסאַך הויז־זוכונגען. ס'זיינען אַרעסטירט געוואָרן די אַרבעטער-באַפולמעכטיקטע. אין דער צווייטער קוריע איז באַ די אידן דורכגעגאַנגען דר. וויגאָדסקי; דער קאַנדידאַט פון די אַרבעטער האָט באַקומען 40 פּראָצ. פון אלע אָפּגעגעבענע שטימען.

* * *

...דאָס מיניסטעריום פון אינערן האָט אָפיציעל אָנגעפרעגט דעם ווילנער גובערנאַטאָר וועגן די סיבעס, וועלכע האָבן געבראַכט צו דעם, אַז באַ די וואַלן אין דומע האָט דער קאנדידאַט פון די אידישע סאָצ. דעמ. באַקומען 40 פּראָצ. שטימען, בעאייס אין 1907-טן יאָר האָבן פאַר אים געשטימט בלויז 18 פּראָצ. וויילער.

קאָוונע.

...די בונדיסטן שטעלן דאָ ארויס די קאַנדידאַטור פון געשווארענעם אַדוואָקאַט אוריסאָן.

* * *

אין דער צווייטער אידישער קוריע קומט פאָר אַ העפטיקער קאַמף פון אלע בורזשואזע פאַרטייען קעגן דעם קאנדידאַט פון די אַרבעטער. די גווירים פון שטאָט, די פאַבריקאַנטן, האָבן געמאַכט אַ דרוק אף די אָפּהענגיקע פון זיי

אָרימעלייט. אין טאָג פון די וואַלן האָט די אדמיניסטראַציע דערקלערט, אַ דער קאַנדידאַט פון די אַרבעטער האָט ניט קיין וואַל-רעכט. ניט קוקנדיק אַף דעם, האָט ער באַקומען 524 שטימען קעגן די 1042 קאַדעטישע[151] שטימען.

קאַטערינאָסלאַוו.

אין דער צווייטער אידישער קוריע האָט דער קאַנדידאַט פון די סאָצ. דעמ., דער געהילף פונם געשוואוירענעם אדוואָקאַט י. ב. פּאָלאָנסקי, אָפּגע-האַלטן אַ גלענצנדיקן ניצחון. ניט קוקנדיק אַף דעם, וואָס קעגן אים האָבן העפטיק געקעמפט די אידישע קאָנסערוואַטאָרן און „דערגרייכער", האָט ער באַקומען 93 פּראָצ. פון אַלע אָפּגעגעבענע שטימען (1717 פון 1873). דער וואַלמאַן פון אַלע דריי דומעס משארני האָט באַקומען אינגאַנצן 72 שטימען. די סימפּאַטיעס פון די ווילער האָבן זיך אַרויסגעוויזן נאָך אַף דער איינציקער פאָרוואַל-פאַרזאַמלונג, אַף וועלכער די קאַנדידאַטור פון פּאָלאָנסקי איז אָנגע-נומען געוואָרן מיט אַ מערהייט פון 229 שטימען קעגן 51.

אָדעס.

אין דער צווייטער קוריע שטעלן אַרויס די פאַראייניקטע שוואַרצמייעדיקע אָרגאַניזאַציעס די קאַנדידאַטור פון יעפיסקאָפּ אנאַטאָלי, די קאַדעטן—די קאַנ-דידאַטור פון ניקאָלסקי און די פאַראייניקטע אַרבעטער-אָרגאַניזאַציעס—אַן איי-געגעם קאַנדידאַט, אַ פּאַבריק-אַרבעטער, אַ סאָציאַל-דעמאָקראַט, נ. ראָמאַ-נאָווסקי, וועלכן ס'שטיצן אויך די לינקע פּאָלקיסטישע גרופּן, אוקראַינער און אומפּאַרטייאישע דעמאָקראַטן.

* * *

...די רעכטע שרעקן די אידישע ווילער, אַז אויב ס'וועלן דורכגיין אין דער ערשטער קוריע סליאָזבערג, און אין דער צווייטער—ניקאָלסקי, וועט פאַרמאַכט ווערן די קעהילע און דער אידישער שפּיטאָל וועט איבערגעגעבן ווערן דער שטאָט-אופּראַווע.

* * *

...ס'זיינען פאָרגעקומען צוויי פאָרוואַל-פאַרזאַמלונגען פון די ווילער פון דער צווייטער קוריע. די רעדעס פון די אָנהענגער פונם קאַנדידאַט ראָמאַ-נאָווסקי זיינען אויפגענומען געוואָרן מיט גרויס מיטגעפיל. ביידע פאַרזאַמלונ-גען האָט די מאַכט געשלאָסן פאַר די רעדעס פון ראָמאַנאָווסקיס אָנהענגער.

* * *

דער קאַנדידאַט פון די אַרבעטער, דער ס. ד. ראָמאַנאָווסקי, איז אַרויס-געפאָרן פון שטאָט, ווייל מע האָט אים געוואָלט אַרעסטירן.

* * *

...די וואַלן קומען דאָ פֿאָר בײַ די שווערסטע באַדינגונגען. איבער די אידישע וויילער ווערן באַגאַנגען פֿאַרשיידענע גוואַלטאַטן. בײַ 70-יאָריקע זקיינים פֿאָדערט מען, זיי זאָלן צושטעלן מעטריקעס. ביולעטענס מיט עטוואָס צעקנייטשטע קאָנווערטן ווערן ניט אָנגענומען. די שוואַרצמייעניקעס דראָען אָפֿן מיט אַ פּאָגראָם.

* * *

...צו די וואַלן אין דער צווייטער קוריע זײַנען געקומען 15.230 וויילער; אַנאַטאָלי האָט באַקומען 9.201 שטימען, דער קאַדעט ניקאָלסקי 4.913 און ראָמאַנאָווסקי—1.116.

101. פּראָטעסט פֿון דער פּעוראַל (1913)־באַראַטונג בײַם צ. ק. פֿון דער ר. ס. ד. א. פּ. קעגן באַשלוס פֿון דער ס. ד. פֿראַקציע וועגן יאַגעלאָ.

(וו. אי. לענין: געזאַמלטע ווערק, ב. 12, 1-טער טייל. מאָסקווע, 1924, ז. 332—333).

...4. די באַראַטונג קאָן ניט ניט אײַנזעען אין דער רעוואָלוציע בענוגייע יאַגעלאָ, אַז די ס. ד. פֿראַקציע האָט איוועער געווען אַף איר כיווו. דידאָזיקע רעזאָלוציע שטיצט אונטער דעם צעשפּאַלטערישן טריט פֿון בונד, וועלכער איז אַרײַן אין אַן אָפּמאַך מיט דער נאַציאָנאַליסטישער פּאַרטיי (פּ. פּ. ס.) קעגן די פּוילישע סאָציאַל-דעמאָקראַטן און וועלכער האָט דורכגעפֿירט דעם ניט סאָציאַל-דעמאָקראַט יאַגעלאָ קעגן אַלע סאָציאַל-דעמאָקראַטישע וואַלמענער, וועלכע האָבן געבילדעט אַ מערהייט אין דער קאָלעגיע פֿון די אַרבעטער וואַלמענער. די פֿראַקציע האָט אויף אַזאַ אופֿן פֿאַרטיפֿט די צעשפּאַלטונג צווישן די אַרבעטער אין פּוילן און האָט פֿאַרשווערט די זאַך פֿון אײנהייט אין דער פּאַרטיי.

102. די צעשפּאַלטונג פֿון דער סאָצ. דעמאָקראַטישער דומע־פֿראַקציע.

(„צו די 7 דעפּוטאַטן", „זאַ פּראַוודו", 1913. לויט דער „צייט", נ. 34).

גערטע כאַווערים!

אין אונזער מעלדונג, וואָס מיר האָבן אײַך אָנגעגעבן אַף דער זיצונג פֿון דער פֿראַקציע דעם 16-טן אָקטיאַבער, האָבן מיר אָפֿן און קאַטעגאָריש פֿאָרמולירט די אייגציק מעגלעכע פֿאַר אונז טנאים[152], לויט וועלכע מיר קאָנען פֿאָרזעצן די געמיינזאַמע אַרבעט.

אין אייער ענטפער פון 25 אָקטיאבר האָט איר אונז אויך אזוי קאטעגאָריש אנטזאגט אין אלע אונזערע פאָדערונגען.

מיר האלטן פאַר נויטיק מודיע צו זיין אייך, אז פון היינטיקן טאָג קאָנסטרואירן מיר זיך, אַלס זעלבשטענדיקע סאָצ. דעמ. פראַקציע פון דער גאָסודארסטווענער דומע, און לייגן אייך פאָר יעדן מאָל אריינטרעטן מיט אונז אין אונטערהאנדלונגען וועגן דער אָרגאַניזירונג פון געמיינזאַמע ארויסטרעטונגען פון דער דומע-טריבונע אין נאָמען פון דער סאָצ.-דעמאָקראַטיע.

א. יע. באַדאיעוו[153], ר. וו. מאלינאָווסקי[154],
מ. ק. מוראנאָוו, ג. אי. פעטראָווסקי[155],
פ. אי. סאמאילאָוו, נ. ר. שאַגאָוו.

103. דער צ. ק. פון בונד אפן צאַד פונם ליקווידאַטאָרישן זיבעטל.

(„א רעזאָלוציע וועגן דער שפּאלטונג אין דער סאָצ.-דעמ. פראַקציע", „די צייט" 1913, נומ. 33).

I.

1) די „גלייכבאַרעכטיקונג", צו וועלכער ס'שטרעבן די 6 דעפּוטאַטן, באַדייט פאַקטיש פאַרניכטן אינגאַנצן די פראַקציע, אלס אן איינהייטלעכע קאָלעגיע, אלס אן איינהייטלעכע פאָרשטייערין פון רוסלענדער פּראָלעטאַריאט אין דומע. די נויטווענדיקייט צו באַשטימען יעדע פראגע דורך אן אויסגלייכעניש צווישן ביידע צדאָדים, וואו יעדער צאַד טרעט ארויס באַזונדער, ווי א זעלבשטענדיקע גאַנצע, נעמט אָפּ יעדן זין געמיינזאַם צו באַטראַכטן די פראַגן אין דער גאַנצער פראַקציע, געמיינזאַם אויסאַרבעטן איין פּאָליטישע ליניע. באַזעלכע באַדינגונגען מוז די פראַקציע זיך צעפאַלן אף צוויי זעלבשטענדיקע פראַקציעס, יעדער „גלייכבאַרעכטיקטער" טייל פון וועלכע ס'וועט פּאַראליזירן די ארבעט פון דער צווייטער. אזאַ מין קאָנסטיטוציע אין דער פראַקציע וואָלט באַדייטן ניט נאָר אָרגאַניזאַציאָנעלע צעשפּאַלטונג, נאָר וואָלט אומבאַדינגט פּאַראַליזירן איר גאַנצע טעטיקייט. די ארבעט פון דער סאָצ.-דעמאָקראַטישער פראַקציע ביז אהער האָט דערווייל ניט געגעבן קיין שום גרונט צו מאַכן אויספירונגען איבער דער אומעגלעכקייט פון געמיינזאַמער ארבעט פון אן איינהייטלעכער סאָצ.-דעמאָקראַטישער פראַקציע אף געוויינלעכע קאָלעגיאַלע יעסוידעס. צוליב דעם אלעם געפינען מיר, אז די פאַרלאַגע פון די 6 דעפּוטאַטן קאָן אבסאלוט ניט אנגענומען ווערן.

2) צוזאַמען מיט דעם אלעם דריקן מיר אויס אונזער זיכערקייט, אז אויב די 6 דעפּוטאַטן וואָלטן זיך אנטזאַגט פון זייער גרונט-פאָדערונג, וואָלט די פראַקציע אלס א גאַנצע געקאָנט געפינען מיטלען, אום איינצואָרדענען די וויניקער באַדייטנדע פראַגן, וועלכע די 6 דעפּוטאַטן האָבן אויפגעהויבן אין זייער מעלדונג, און איינשטעלן שאָלעם אין דער פראַקציע.

3) אין פֿאַל, ווען די 6 דעפּוטאטן וועלן זיך ניט אָנטזאגן פֿון זייערע פֿאָדערונגען, רעכענען מיר, אז די גאנצע פֿאראנטוואָרטלעכקייט פֿאַר דער צעשפּאַלטונג אין דער פֿראקציע פֿאַלט איינגאַנצן אף זיי און אף יענער אָרגאַניזירטער שטרעמונג, וועלכע האלט דעמדאָזיקן שריט זייערן אונטער*). די פֿאראנטוואָרטלעכקייט ווערט נאָך באדייטנד פֿארשטארקט מיט דעם, וואָס די צעשפּאַלטונג קומט פֿאָר אין אזא מאָמענט, ווען די פּאָליטישע לאַגע אין לאַנד ביכלאל און דער צושטאַנד פֿון דער ארבעטער-באַוועגונג ביפֿראט שטעלן ארויס פֿאר דער סאָציאל-דעמאקראטיע באזונדערס גרויסע און קאָמפּליצירטע אויפֿגאַבן, ווען ס'פֿאָדערט זיך די אָנשטרענגונג פֿון אלע אירע קויכעס און ווען די ראָלע פֿון דער סאָצ.-דעמאָקראטישער פֿראַקציע, אלס איינציקע פֿאָרשטייערין פֿון פּראָלעטאריאט אין דומע, ווערט באַזונדערס וויכטיק און פֿאראנטוואָרטלעך.

.II

מיר קאָנען אויך ניט פֿאַרשווייגן די מעלדונג פֿון די 6 דעפּוטאטן, מיטגלידער פֿון דער סאָצ.-דעמאָקראַטישער פֿראקציע, בענוגייע דעם כאווער יאַגעלאָ, און אויך דעם פּונקט וועגן דער נאציאָנאלער פֿראגע אין דער דעקלאַראַציע פֿון דער פֿראקציע, בעאייס דעם אָנפֿאַנג פֿון איר טעטיקייט אין דער פֿערטער דומע. די 6 דעפּוטאטן פֿון דער סאָצ.-דעמאָקראַטישער פֿראקציע, וועלכע האָט צווישן די פּילע נאַקאַזן און באגריסונגען באקומען א גאַנצע ריי מאַסן-רעזאָלוציעס פֿון אידישע ארבעטער, האָבן זיך ניט אָפּגעהאַלטן אָנצורופֿן „נאציאָנאַליסטיש” יענע פּאַרטיי, וועלכע איז אויסגעוואַקסן פֿון דעם עקאָנאָמישן און פּאָליטישן קאַמף פֿון די אידישע ארבעטער אין רוסלאַנד, יענע פּארטיי, צו וועמעס רוף ס'הערן זיך אויפֿמערקזאם צו די מאַסן פֿון אידישן פּראָלעטאריאַט, יענע פּאַרטיי, וועלכע גייט אריין אלס טייל אין דער רוסלענדער סאָצ.-דעמאָקראַטיע. 6 דעפּוטאטן פֿון דער סאָציאל-דעמאָקראַטישער פֿראקציע, איגנאָרירנדיק איר באשטימונג וועגן כאווער יאַגעלאָ, האָבן זיך ניט אָפּגעהאלטן צו מעלדן אין אַן אָפּיציעלן דאקומענט, אַז זיי רעכענען נאָך איצט אויך בענויגייע צו זיך פֿאר א געוואלט דאָס אריינטרעטן פֿון ערשטן ארבעטער-דעפּוטאט פֿון פּוילן, וועמען ס'האָבן דורכגעפֿירט אין דומע די סאָצ.-דעמאָקראטישע פּאַרטייען פֿון אידישן און פּוילישן פּראָלעטאַריאַט, וועמען צענדליק טויזנטער אָרגאַניזירטע פּוילישע און אידישע ארבעטער האלטן פֿאר זייער פֿאָרשטייער און וועמעס פֿערזאָן ס'שטעלט פֿאָר מיט זיך די ערשטע לעבעדיקע פֿארבינדונג צווישן די ארבעטער אין פּוילן און די דומע-פֿאָרשטייערין פֿון רוסלענדער פּראָלעטאריאט.

דאָס איז נאָך ווייניק. די 6 דעפּוטאטן האָבן זיך ניט אָפּגעשטעלט אין זייער פֿראקציאָנעלער פֿארבלענדעניש פֿאר דעם, אום נאָך א מאָל צו ברענגען פֿאר דער וועלט די באשולדיקונג פֿון דער פּוילישער און רוסישער שוואַרצמייעדיקער פּרעסע קעגן כאווער יאַגעלאָ אין דעם, אז ער האָט אף זיך גענו-

*) ס'ווערט געמיינט די באָלשעוויסטישע פּארטיי.

מען א כויוו פאר די אידישע ווארשעווער שאָוויניסטן „צו פּאַרטיידיקן נאַציאָ־נאַליסטישע פאָדערונגען", זיי האָבן זיך פּאַר דעם ניט אָפּגעשטעלט, אבוואל זיי אליין איז באוואוסט, אז די באשולדיקונג איז דורכויס ליגן.

אין נאָמען פון די אָרגאַניזירטע אידישע אַרבעטער דריקן מיר אויס אונזער פּראָטעסט קעגן דער אומווירדיקער און דעזאָרגאַניזאַטאָרישער האנד־לונג פון די 6 סאָציאַל־דעמאָקראַטישע דעפּוטאַטן.

מיר דריקן אויס אונזער פּאַרוואונדערונג און פּראָטעסט בענוגייע דער דרייסטקייט, וועלכע די 6 דעפּוטאַטן האָבן אף זיך גענומען מיט דעם, וואָס זיי רופן אָן די פאָדערונג פון אָרגאַניזירטן אידישן פּראָלעטאריאט — קולטור־נאַציאָנאַלע אַווטאָנאָמיע — נאַציאָנאַליסטיש, — די פאָדערונג, וועלכע האָט ביר־גער־רעכט אין די רייען פון דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, וועלכע ווערט אין רוסלאַנד אונטערגעהאַלטן ניט נאָר פון די אָרגאַניזירטע אידישע ארבעטער אליין, און דאָס רעכט אף וועלכע די פּאַרטיי פון אידישן פּראָלעטאריאט האָט פאר זיך גענאָזן בא איר אריינטרעטן אין דער רוסלענ־דער סאָצ.־דעמאָקראַטיע.

104. פּראָטעסט פון די פּויאַלי־ציאָן קעגן דער שפּאַלטונג פון דער ס.־ד. פראַקציע.

(„די באראטונג פון די טוער אין דער אידישער ארבעטער־באוועגונג אין ליטע", „דאָס ווארט", פּעטערבורג, 1914, נומ. 3).

...2) זייענדיק דער מיינונג, אז די פּרינציפּיעלע כלוקע־דייעס אינער־האַלב דער רוסלענדישער ארבעטער־דעמאָקראַטיע זיינען ניט אזוי טיף און גרויס, קעדיי צו בארעכטיקן די שפּאַלטונג אין דער דומע־פראַקציע; אז די־דאָזיקע שפּאַלטונג שעדיקט און דעמאָראליזירט די רוסלענדישע ארבעטער־באוועגונג און פארשטארקט דערמיט די פּאָזיציעס פון דער רעאַקציע אין לאַנד; אז דידאָזיקע רייסענישן זיינען באזונדערס געפערלעך אין דעם איצטיקן פּאָליטישן מאָמענט, ווען ס'פאָדערט זיך א גענייניקטע אָנשטרענגונג פון אַלע רוסלענדישע סאָציאַליסטישע קויכעס, — דריקט אויס די באַראטונג איר שאַרפסטן פּראָטעסט קעגן דערדאָזיקער שפּאַלטונג, ווי אויך קעגן דער אומ־פּאראַנטוואָרטלעכער אויפירונג פון יענער פּרעסע *), וועלכע פאַרשאַרפט קינסטלעך דעם קאָנפליקט, און שלאָגט פאר דער העכסטער אָנפירנדיקער איינריכטונג **) מיטהעלפן דורכפירן די פאַראייניקונג פון די זיך באקעמפנדע פראַקציעס און אָנעמען שריט, וואָס זאָלן מעגלעך מאכן א קאָאָרדינירונג פון אונזער טעטיקייט מיט די ארויסטרעטונגען פון דעם גאַנצן רוסלענדישן פּראָלעטאריאַט.

*) באָלשעוויסטישער.

**) צ. ק. פון דער א. ס. ד. א. פּ. („פּויאַלי־ציאָן").

105. אידישע ארבעטער שטיצן די דעפוטאטן־באָלשעוויקעס קעגן בונד.

(„די ארבעטער פאַר זייערע ארבעטער-דעפוטאטן", „זא פראוודו" 1913, נומ. 33).

I.

מיר, א גרופע אָרגאניזירטע אידישע ארבעטער פון ריגע, צוזאַמענקלייבנ-דיק זיך און באהאנדלענדיק די פראגע וועגן דער צעשפאלטונג אין דער ס.-ד. פראקציע פון דער גאָס. דומע, זיינען געקומען צום פאָלגנדיקן באשלוס:

1. די שולדיקע אין דער צעשפאַלטונג זיינען די 7 דעפוטאטן פון דער פראקציע, ווייל זיי האָבן די גאנצע צייט... איגנאָרירט די גערעכטיקע פאָדע-רונגען פון די 6 דעפוטאטן.

2. די פראקציע דאַרף אָפּהיטן די איינהייט. אין נאָמען פון דער איינ-הייט פאָדערן מיר פאר די 6 דעפוטאַטן גלייכבארעכטיקונג בא אלע באשלוסן און אין דער גאַנצער ארבעט פון דער פראקציע.

3. די 7 דעפוטאטן דארפן... אונטערוואַרפן זיך דער ארבעטער-אָרגאניזאַ-ציע אינגאַנצן *).

66 אונטערשריפטן.

II.

מיר, א גרופע אָרגאניזירטע אידישע ארבעטער, צוזאַמענקלייבנדיק זיך און באהאַנדלענדיק די רעזאָלוציע פון דעם אָרגאן פון די אידישע ארבעטער, וועלכע איז געווען אָפּגעדרוקט אין נומער 65 פון „נ. ר. ג." **) און אין נו-מער 33 פון „צייט", זיינען מיר געקומען צום פאָלגנדיקן באשלוס:

1. אז „די אָנפירנדיקע איינריכטונג" פון די אָרגאַניזירטע אידישע אַר-בעטער ***) האט ניט געהאט קיין רעכט ארויסצוטרעטן אין נאָמען פונם גאַנצן אידישן אָרגאניזירטן פראָלעטאריאט, ווייל זי איז ניט קיין אָנפירנדיקער צענטער פון די אידישע אַרבעטער, מאַכמעס זי טרעט אָפּ פון דער מאַרקסיסטישער פראָגראם.

2. דער לאָזונג פון די „גענעראלן" פון דער אָנפירנדיקער איינריכטונג וועגן דער קולטור-נאציאָנאלער אויטאָנאָמיע איז אין איצטיקן מאָמענט ניט דער לאָזונג פון די באוואוסטזיניקע ארבעטער. די אָרגאַניזירטע אידישע אַר-בעטער קאָנען ניט אָפּטרעטן פון זייער אלטן, בארימטן לאָזונג ****), צערייסנדיק אים אף קליינע טיילן, ווי די פאָדערונג פון קאָאַליציע-פרייהייט א. א. וו.

3. זייענדיק אין אלץ סאָלידאריש מיט דער האנדלונג פון די 6 דעפו-טאַטן, פראָטעסטירן מיר ענערגיש קעגן דער „אָנפירנדיקער איינריכטונג",

*) דעם צ. ק. פון דער פארטיי.

**) „נאָוואיא ראבאָטשאיא גאַזעטאַ", צענטראל-אָרגאן פון די ליקווידאטאָרן.

***) צ. ק. פון בונד.

****) וועגן א דעמאָקראטישער רעפובליק.

וואָס זי שטעלט ארויס אירע ליקווידאַטאָרישע פאָדערונגען אינם נאָמען פונם גאנצן אידישן ארבעטער-קלאַס.

92 אונטערשריפטן.

.III

ד ו י נ ס ק.

(„פראָלעטארסקאיא פראַוודא״, 1914, נומ. (27) 9).

מיר, א גרופע אָרגאַניזירטע מאַרקסיסטן, באגריסן די רוסלענדישע ס.-ד. ארבעטער-פראקציע, ווי די איינציקע פארטייִדיקערין פון די ניט פאַרשמע-לערטע לאָזונגען [156] און די מארקסיסטישע אָרגאַניזאציאָנעלע פאָרמען, ארום וועלכע ס'האָט זיך באַהעפט דער רוסלענדישער פראָלעטאריאט.

מיר פּראָטעסטירן קעגן דער אויפירונג פון די 7 דעפוטאטן, וועלכע ברעכן זיך פאנאנדער מיט די דירעקטיוון פון מארקסיסטישן קלאל*) און מיטן ווילן פון דער מערהייט פון די אָרגאַניזירטע ארבעטער.

א גרופע אָרגאַניזירטע מארקסיסטן.

106. ווענדונגען פון אידישע אַרבעטער צו דער באָלשע-וויסטישער דומע-פראקציע.

(„טרודאָוואיא פראוודא״, 1914. נומ. 22 און 24).

מ אָ ל ע ו (ווייסרוסלאַנד).

די שטרייקנדיקע לעדער-אַרבעטער פונם וואלקער-צעך אין מאָלעוו האָבן מיטגעטיילט באדאיעוון וועגן דעם אַרייננמישן זיך פון דער פּאָליציי אין א פרידלעכן שטרייק. נעכטן איז באדאיעוו געוועזן מיקויעך דעם באַם דירעקטאָר פון פּאָליציי-דעפארטאמענט, וועלכער האָט אים צוגעזאָגט אָנצונעמען מיטלען צו באַזייטיקן דאָס אַרייננמישן זיך...

ו י ט ע ב ס ק.

דעם 11 אַפּרעל אַרעסטירט אָן קיין שום סיבעס. באַ דער אונטערזו-כונג גארנישט געפונען. קענטיק, א מעסירע פון די באַלעבאַטים. מע באַשול-דיקט אין אָנגעהעריקייט צו אן אומלעגאַלן פראָפאריין. מיר בעטן מיטהילף:

אַרעסטירטע שניידער: זעליק בעזפראָזוואני, אווראָם מאיסטראָוו, שלוימע שאווער, מייער אבעלסקי.

*) די ר. ס. ד. א. פּ. — אַפּן קאָנספּיראטיוון לאשן.

XII. באַרג אַרויף. ערעוו דעם אימפּעריאַליסטישן קריג.

107. די אָביעקטיווע באַדינגונגען פאַר דער אַרבעטער־פאַרזיכערונג אינם געוועזענעם טכום.

(מ. ר.: „די אַרבעטער־פאַרזיכערונג אין טכום", די „צייט", 1913, נ. 10).

די אינדוסטריע אין צאָפן־מאַירעוו־קאַנט פון רוסלאַנד איז שוואַך אַנטוויקלט. די צאָל אונטערנעמונגען איז בּיכלאַל ניט גרויס: זייער זעלטן טרעפן מיר דאָ גרויסע אונטערנעמונגען מיט איבער 1000 אַרבעטער. ס'איז דעריבער גאַנץ פאַרשטענדלעך, אַז די קראַנקן־קאַסעס וועלן בּאַ אונז באַקומען אַן אַנדער פּאָנים, איידער אין די גרויסע אינדוסטריעלע צענטרען, ווי פּעטערבורג, מאָסקווע, וואַרשע, לאָדז. לויט די אָפיציעלע יעדיעס פון פינאַנץ־מיניסטעריום וועלן אין צאָפן־מאַירעוו־קאַנט אונטערן נייעם געזעץ וועגן אַרבעטער־פאַרזיכערונג אַרונטערגיין ביז 50.000 אַרבעטער. ווי די אונטערנעמונגען ווערן איצט פאַנאַנדערגעטיילט איבער די פאַרשיידענע גובערניעס, זיינען קיין ציפערן ניטאָ. די לעצטע ציפערן פאַרמאָגן מיר פאַרן יאָר 1909. דעמאָלט איז געווען פאָלגנדע צאָל אונטערנעמונגען מיט 20—30 אַרבעטער.

אין ווילנער	גוב.	73	אונטערנעמונגען	מיט	6.200	אַרבעטער
„ קאָוונער	„	22	„	„	3.892	„
„ גראָדנער	„	102	„	„	8.600	„
„ מינסקער	„	76	„	„	6.688	„
„ וויטעבסק	„	38	„	„	5.866	„
„ מאָלעווער	„	46	„	„	5.055	„
צוזאַמען . .		357	„	„	36.301	„

ס'איז ניט קיין סאָפעק, אַז אויך אין יאָר 1909 איז געווען אַסאַך מער אונטערנעמונגען. אַזוי פעלן אין דעם אָפיציעלן בוך פיל אונטערנעמונגען פון סמאָרגאָן, קרעסלאַוול א. ד. ג., וועגן וועלכע מיר ווייסן פּערזענלעך.

לויט דעם געזעץ וועגן קראַנקן־קאַסעס קאָנען זעלבשטענדיקע קאַסעס געבילדעט ווערן נאָר אַף אונטערנעמונגען מיט העכער 200 אַרבעטער; קלע-

נערע אונטערנעמונגען ווערן פּאַרייניקט אין אַלגעמיינע קאַסעס; די גובערנסקע פּריסוטסטוויע האָט רעכט בּיכלאַל צו באַפרייען פון פאַרזיכערונג קליינע אונ-טערנעמונגען, ווען זיי שטייען אָפּגעזונדערט פון אנדערע. גראַדע אין אונזער צאָפן-מאַירעוו-קאַנט זיינען פאַראַן זייער פיל אזעלכע אונטערנעמונגען...

...פאַר דער איינפירונג פון דער אַרבעטער-פאַרזיכערונג אין אונזער קאַנט האָט אַ גרויסע באַדייטונג דאָס, וואָס די צאָל אונטערנעמונגען מיט העכער 200 אַרבעטער אין יעדערער איז זייער קליין. אין 1909 יאָר זיינען געווען אזעלכע אונטערנעמונגען: אין ווילנער גובערניע 6, קאָוונער 4, גראָדנער 12, מינסקער 10, וויטעבסקער 9 און מאָלעווער 7.

מיר זעען אלזאָ, אַז אין צאָפן-מאַירעוו-קאַנט האָבן מיר מערסטנטיילס צו טאָן מיט קליינע אונטערנעמונגען, אף וועלכע ס'אַרבעטן פון 20 ביז 100 אַרבעטער.

אין דער גרעסטער שטאָט פון קאַנט, אין ווילנע, האָבן מיר נאָר איין גרויסע פאַבריק מיט 400 אַרבעטער. די איבעריקע 44 אונטערנעמונגען מיט 3.000 אַרבעטער באַשעפטיקן יעדערע ווייניקער ווי 200.

...פון דעם איז קלאָר, אַז זעלבשטענדיקע קאַסעס פון איינצלנע פאַבריקן וועלן קאָנען געבילדעט ווערן זייער ווייניק, אז דער הערשנדער טיפּ פון קראַנקן-קאַסעס וועט זיין אלגעמיינע, פאַרייניקטע קאַסעס.

די רעגירונג און די דומע, ווען זיי האָבן באַשאפן דעם נייעם געזעץ וועגן אַרבעטער-פאַרזיכערונג, האָבן געשטרעבט וואָס מער צו צעברעקלען דעם אַרבעטער-קלאַס. דערום האָבן זיי אָפּגעוואָרפן די פאָרלאַגע פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער פראַקציע צו בילדן איין אלגעמיינע קאסע פאַר אלע אַרבעטער פון יעדער שטאָט. לויטן געזעץ דארפן די קראַנקן-קאַסעס זיין קליינע, אָפּגעזונדערטע, אין יעדער פאַבריק באַזונדער.

אין די גרויסע אינדוסטריעלע צענטרען, ווי פעטערבורג, מאָסקווע, וואַרשע, לאָדז, וואו ס'זיינען פאַראַן גרויסע פאַבריקן, אָפט מיט טויזנטער אַרבעטער אף יעדערער, וועלן זיך דאָך בילדן גרויסע, שטאַרקע און רייכע קאַסעס.

אנדערש איז אין אונזער קאַנט. ווען אויך דאָ זאָל די אדמיניסטראַציע קאָנען דורכפירן ביזן סאָף איר שטרעבונג, וועלן זיך בא אונז בילדן קליינע, שוואכע און בלוטלאָזע קראַנקן-קאַסעס, וואָס וועלן גאָרניט געבן דעם אַרבעטער.

דאָס רוקט ארויס בא די אַרבעטער אפן ערשטן פלאַן די אויפגאבע,— שאַפן וואָס גרעסערע קאַסעס, אריינציען אין די פאַרייניקטע קאסעס וואָס מער אונטערנעמונגען.

אין אזעלכע פונקטן, ווי סמארגאָן, שאוול, האראָדאָק, רוזשאני, סלאָנים, בריסק, קרעסלאווקע, וואו די צאָל אַרבעטער איז ניט גרויס, קאָנען באַשאַפן ווערן אלגעמיינע קאַסעס, אין וועלכע ס'זאָלן אריינטרעטן אלע ארבעטער פון דער גאנצער שטאָט.

און אפילע אין די 2 גרעסטע שטעט, אין ווילנע און ביאליסטאָק, איז אויך ניט אויסגעשלאָסן די מעגלעכקייט צו שאַפן איין אַלגעמיינע שטאָטישע קאַסע פאר אלע קלענערע אונטערנעמונגען.

וואָלט זיך דאָס אין די ביידע שטעט ניט איינגעגעבן, דאן דאַרפן די אַרבעטער זיך גרופירן נאָכן פאך, און זעען צו בילדן איין קאסע פאר אלע גארבער, איין קאסע פאַר די דרוקער א. ד. ג.

דער געזעץ פארווערט ניט צו בילדן אלגעמיין-שטאָטישע אָדער אַלגעמיין-פּראָפעסיאָנעלע קאַסעס. לויטן געזעץ קאָן מען פאַרייניקן סאַי קליינע, סאַי גרויסע אונטערנעמונגען. ארום דעם דאַרף זיך פירן דער קאַמף.

צופיל מאָלעס האָט אין זיך אַן אלגעמיין-שטאָטישע קאסע, אז די אַרבעטער זאָלן זיך פון דעם אנטזאגן אַן קאמף.

108. די טאקטישע ליניע פון בונד אין דער פאַרזיכערונגס-קאמפאניע.

(רעזאָלוציע פון דער בּאַראַטונג באַם צ. ק. פון בונד. „די צייט", 1913, נומ. 13 און 21).

1. די באַראַטונג שטעלט פעסט, אַז ביז איצט האָט נאָך די נאָענטע איינפירונג פון די פאַרזיכערונגס-געזעצן ניט צוגעצויגן צו זיך דעם אַקטיוון אינטערעס פון די ברייטע אידישע אַרבעטער-מאַסן. די אורזאַכע פון דעם זעט די באַראַטונג אין פאָלגנדעס: א) דאָס געזעץ שליסט אויס פון דער פאַרזיכערונג דעם גרעסטן טייל פון די אידישע האַנטווערקער און אלע האַנדלס-אָנגעשטעלטע, דאָס געזעץ פאַרערגערט טיילווייז די לאַגע פון די אַרבעטער אין די גרויסע אונטערנעמונגען. ב) די אדמיניסטראציע האָט אין טכום צעשטערט קימאט אלע לעגאַלע ארבעטער-אָרגאניזאציעס און לאָזט בכלל ניט די אַרבעטער אַפן לעגאַלן אויפן באַפרידיקן זייערע געמיינזאַמע אינטערעסן. ג) די ברייטע אידישע ארבעטער-מאַסן זיינען ווייניק באַקאַנט מיט די פאַרזיכערונגס-געזעצן און מיט די אויפגאבן, אף וועלכע ס'ווערן איינגעפירט די קראַנקן-קאסעס.

2. די באַראַטונג אנערקענט, אז ניט קוקנדיק אף די אלע גרויסע און שעדלעכע כעסרוינעס פונם געזעץ, קאָנען די קראַנקן-קאסעס, אף וויפל די אַרבעטער וועלן אין זיי אַריין אָרגאניזירטערהייט, ברענגען די ארבעטער באַדייטנדע נוצן און דינען אלס אַן אויסגאַנגס-פונקט אין דעם ווייטערדיקן קאַמף פון ארבעטער-קלאס פאַר אַן עמעסער ארבעטער-פאַרזיכערונג. דעריבער געפינט די באַראטונג, אַז די ארבעט ארום די קראנקן-קאַסעס, וואָס ווערן איצט געבילדעט, דאַרף אין דער נאָענטסטער צייט זיין איינע פון אונזערע וויכטיקע אויפגאַבן. די פּאָליטישע און פראָפעסיאָנעלע אָרגאניזאַציעס דאַרפן אָנשטרענגען אַלע קרעפטן, קעדיי צו צעברעכן די גלייכגילטיקייט אין דער ארבעטער-מאַסע און וועקן אין איר די זעלבסטעטיקייט. די ארבעט אַרום די קראַנקן-

קאַסעס גיט די מעגלעכקייט אריינצוציען אין פּאָליטישן און עקאָנאָמישן קאַמף די מער אָפּגעשטאַנענע אידישע ארבעטער און אַרבעטעדינס פון די פאַבריקן.

3. אין דער ארבעט ארום דער ארבעטער-פאַרזיכערונג מערקט די באַראטונג אָן פאָלגנדע אויפגאַבן: א) די ערשטע צייט דאַרף די אויפמערקזאַמקייט אָנגעווענדעט ווערן מער פון אַלץ אַף די אונטערנעמונגען, פון וועלכע די אדמיניסטראציע הויבט אָן די איינפירונג פון די קראַנקן-קאַסעס. ב) ס'איז נויטיק מיט דער גרעסטער ענערגיע צו קעמפן קעגן יעדער פראָבע אויסצוטייטשן דאָס געזעץ אַף אַזאַ אויפן, אז אונטער אים פאַלן ניט ארונטער די גרויסע האַנטווערקערייען (מיט 30 ארבעטער און מער). ג) די אַרבעטער פון די קלענערע האַנטווערקערייען (מיט 10 ארבעטער) דאַרפן, שטיצנדיק זיך אַפן 14 פונקט פונם געזעץ, שטרעבן צו דעם, מע זאָל זיי איינשליסן אין די קראַנקן-קאסעס. ד) מע דאַרף קעמפן קעגן דער שטרעבונג פון די באלעבאַטים אָנצוגעבן דער אדמיניסטראציע א קלענערע צאָל ארבעטער, און אַף אַזאַ אויפן זיך באַפרייען פון יעדע פליכטן בענויגייע צו זייער ארבעט. ה) קאָנסטאטירנדיק, אז ס'האָט זיך שוין אָנגעמערקט א געוויסע איינהייטלעכקייט אין דער טעטיקייט פון אלע ס. ד. אָרגאַניזאציעס בענויגייע צו דער ארבעטער-פאַרזיכערונג, שטרייכט די באַראטונג אונטער די באַזונדערע נויטיקייט צו גרינדן אומעטום, און באַזונדערס אין פוילן, אלגעמיינע אָנפירנדע איינריכטונגען און פאבריק-גרופּן, וועלכע זאָלן פאַרייניקן די אַרבעט פון אלע ס. ד. אָרגאַניזאציעס. אין די ערטער פון צאָפּן-מאירעווו-קאַנט, וואו קיין אָרגאַניזאציעס פון ניט-אידישע ארבעטער איז ניטאָ, דאַרפן די אידישע ארבעטער-אָרגאַניזאציעס מיטהעלפן איינצושטעלן דידאַזיקע ארבעט אויך צווישן די ניט-אידישע ארבעטער. ו) די באַזונדערע לאגע אין צאָפּן-מאירעווו-קאַנט באַשאַפט א גינסטיקן באָדן פאַר די ארבעטער צו בויען אזוינע קראַנקן-קאסעס, וואָס זאָלן זיין וואָס נעענטער צום טיפּ פון אַלגעמיין-שטאָטישע, — דעם פּאַסנדסטן טיפּ פון קראַנקן-קאָסעס, ווייל אין צאָפּן-מאירעוו-קאַנט איז קליין די צאָל פון גרויסע אונטערנעמונגען, די צאָל ארבעטער איז ניט זייער באַדייטנד, ס'איז זייער הויך דער פּראָצענט פון פאַבריק-ארבעטערינען (קאָנווערטן-טאבאַק-שוועבל-פאַבריקן און ד. ג.), וועלכע האָבן א קליינעם פאַרדינסט און וועלן דעריבער ניט זיין בעקויעך זעלבשטענדיק באשאפן שטאַרקע און רייכע קאָסעס. דעריבער איז דאָרט באַזונדערס נויטיק פון אָנהויב אָן שטרעבן ענערגיש צו דעם, ס'זאָלן אין יעדער קאסע פאַרייניקט ווערן וואָס מער אונטערנעמונגען. אַף וויפל ס'איז מעגלעך — אלע אונטערנעמונגען פון שטאָט. ז) קעדיי צו שאַפן א נאָענטע פאַרבינדונג צווישן די קראַנקן-קאסעס און דער ברייטער ארבעטער-מאסע איז נויטיק, ס'זאָלן אין אלע איינריכטונגען, וואָס ווערן געבילדעט דורך דאָס פאַרזיכערונגס-געזעץ (די אלגעמיינע פאַרזאמלונגען און פאַרוואַלטונגען, די גוברענסקע פּריסוטסטוויע), אויסגעקליבן ווערן סאַי אידישע, סאַי ניט-אידישע ארבעטער. אַפן ענערגישסטן אויפן דאַרפן די ארבעטער פּראָטעסטירן קעגן יעדער פּראָבע פון דער אדמיניסטראציע צו

באזייטיקן די אידישע ארבעטער פון די פאַרזיכערונגס-איינריכטונגען. ח) די ארבעטער דאַרפן אין די איינריכטונגען פון די קראַנקן-קאַסעס קעמפן פאַר דעם, ס'זאָל זיי געגעבן ווערן דאָס רעכט צו באַנוצן זיך מיט זייער אייגענער שפּראַך. ט) פּראָטעסטירנדיק קעגן דעם, וואָס די אַדמיניסטראַציע באַשטימט איצט זעלבסט די פאָרטרעטער פון די ארבעטער אין די גובערנסקע פּריסוטסטוויעס, און פאָדערנדיק פון די באַשטימטע ארבעטער, זיי זאָלן צו דעם פּראָטעסט צושטיין, דאַרפן די ארבעטער שטרעבן די באַשטימטע פאָרטרעטער אונטערצוואַרפן אונטערן קאָנטראָל פון דער ברייטער ארבעטער-מאַסע, נויטן זיי אונטערצוהאַלטן אין די פּריסוטסטוויעס די פאָדערונגען פון די אַרבעטער, אויסנוצן זייער אנטייל אין פּריסוטסטוויע, כדי צו אָרגאַניזירן אָפענע אַרבעטער-פאַרזאַמלונגען א.ד.ג. י) וועגן יעדער אומגעזעצלעכקייט פון דער אַדמיניסטראַציע אין פאַרבינדונג מיט דער פאַרזיכערונגס-קאַמפּאַניע (פאַרבאָט פון פאַרזאַמלונגען, אַרעסטן פון באַפולמעכטיקטע, פאַרפאָלגונגען פון דער מוטער-שפּראַך א.ד.ג.), איז נויטיק גלייך מודיע צו זיין דער ס. ד. פראַקציע אין דומע.

4. אלס די נאָענטסטע פּראַקטישע טריט מערקט די באַראַטונג אָן: א) שאַפן פּאָפּולערע ליטעראַטור אף אידיש וועגן די קראַנקן-קאַסעס. ב) אָרגאַניזירן ברייטע אנקעטן וועגן דער צאָל אונטערנעמונגען און אַרבעטער, וואָס גייען ארונטער אונטערן געזעץ, וועגן די אלע ארבעטס-באַדינגונגען, וואָס האָבן אַ שײַכות צו דער פאַרזיכערונג (די גרויס פון די סכירעס, מעדיצינישע הילף, ספּעציעלע קראַנקהייטן א.ד.ג.). ג) וועגן גאַנצן גאַנג פון דער פאַרזיכערונגס-קאַמפּאַניע פאַרעפנטלעכן גענויע ידיעות אין דער ארבעטער-פּרעסע. ד) אָננעמען מיטלען, ס'זאָל פאַרייניקט ווערן די פאַרזיכערונגס-אַרבעט אין דער גאַנצער גובערניע, און צוליב דעם אָרגאַניזירן באַראַטונגען אין אלע פּונקטן פון דער גובערניע. ה) ס'איז נויטיק שוין אָנצומערקן די פּאַסנדע קאַנדידאַטן אין אלע פאַרזיכערונגס-איינריכטונגען.

...די באַראַטונג רופט אלע אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס אין באַציאונג צו דער שפּראַך-פראַגע אין די קראַנקן-קאַסעס צו האַלטן זיך אָן די פאָלגנדע קלאָלים: 1) די שפּראַך פון דער קאַסע איז די שפּראַך פון דער מערהייט מיטגלידער. אַף דערדאָזיקער שפּראַך ווערן געפירט (פּאַראַלעל מיט דער רוסישער שפּראַך) די ביכער, די פּראָטאָקאָלן און די געשעפטס-פּאַפּירן פון דער פאַרוואַלטונג. 2) אף די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונגען און אין דער פאַרוואַלטונג ווערט געברויכט, צוזאַמען מיט דער שפּראַך פון דער מערהייט, אויך די שפּראַך פון דער מינדערהייט. יעדער מיטגליד קאָן זיך ווענדן צו דער פאַרזאַמלונג אף זיין מוטער-שפּראַך, די רעדעס ווערן איבערזעצט אף דער צווייטער שפּראַך. 3) אלע געשריבענע אָדער געדרוקטע מודעות, מיט וועלכע די איינריכטונגען ווענדן זיך צו די קאַסע-מיטגלידער, דאַרפן ארויסגעגעבן ווערן ווי אף דער שפּראַך פון דער מערהייט, אזוי אויך אף דער שפּראַך פון דער מינדערהייט. 4) יעדער מיטגליד פון קאַסע האָט רעכט זיך צו ווענדן שריפטלעך צו די איינריכטונגען אף זיין אייגענער שפּראַך. 5) די רעכט פון א

מינדערהייט באקומט די גרופּע מיטגלידער, וואָס בילדעט ניט ווייניקער פון 5—10 פּראָצ. פון דער גאנצער צאָל קאַסע-מיטגלידער.

די באראטונג זאָגט ארויס איר טיפע איבערצייגונג, אז נאָר אזא לייזונג פון דער שפּראַך-פראגע אין די קאַסעס אנטשפּרעכט די פּרינציפּן פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער טאקטיק און די פּאַקטישע באַדערפענישן פון די קראַנקן-קאַסעס, אז דער פּאַרלאַנג פון אייניקע קרייזן צו לייזן די פראגע לויט דעם פּרינציפּ פון אונטערדריקן די שפּראַך פון דער מינדערהייט דורך דער הערשנדער אין לאַנד שפּראַך וועט באַגעגענען מיצאד די באוואוסטזיניקע ארבעטער דעם שטארקסטן ווידערשטאנד, ווי יעדע אנדערע פּראָבע צו רעגולירן דאָס לעבן פון די ארבעטער-מאַסן לויט די פּרינציפּן פון קריגערישן בורזשואזן נאַציאָנאַליזם.

109. די פארזיכערונגס־קאמפאניע אף די ערטער.

(צ. ב.: „די פארזיכערונגס-קאמפאניע אין ווילנע״, „די צייט״, 1913, נ. 28).

וועגן פארזיכערן האָט מען באַ אונז אָנגעהויבן צו ריידן נאָך אין יאַנוואר. דאַן זיינען באשטימט געוואָרן עטלעכע פּאַרזאמלונגען, הויפּטזאַכלעך אין דרוקערייען, נאָר צוליב דער אינערטקייט פון די ווילנער דרוקער האָבן זיך די פארזאמלונגען ניט איינגעגעבן. דער פּאָרטראג וועגן פּאַרזיכערונג איז געהאלטן געוואָרן ערשט אין מאַי אַף אַן אלגעמיינער פּאַרזאמלונג פון דעם דרוקער-פּאַריין.

דער ערשטער האָט זיך פּאַרינטערעסירט מיט דער קראַנקן-קאַסע דער פּארוואלטער פון ראָמס דרוקעריי, וואו ס׳ארבעטן אינגאַנצן 80 מאַן. די ארבעטער פון דער דרוקעריי זיינען נאָך פריער ארויסגעטראָטן פון פּראָפעסיאָנעלן פּאַריין, די פריערדיקע סאָלידאַריטעט איז באַ זיי געווען אינגאנצן צעשטערט און אום זיי זאָלן ניט ווייטער אונטערפּאַלן אונטער דער ווירקונג פון די אָרגאניזירטע ארבעטער, האָט דער פּארוואלטער געוואָלט שאַפן א אייגענע קאַסע, אגעוו. פלעגט ער ביז אהער צאָלן אין צייט פון קראַנקהייט, און די קאסע וואָלט פארקלענערט זיינע הויצאָעס.

די ארבעטער האָבן אויך איינגעשטימט אַף אַן אייגענער קאַסע, און דער אינספּעקטאָר האָט איר דערלויבט. ס׳זיינען אויסגעקליבן געוואָרן 3 באַפולמעכטיקטע, צווישן זיי נאָר איין דרוקער. עס איז אויסגעארבעט געוואָרן א אוסטאוו נאָך די אָנווייזונגען פון נאָרמאַלן „ארבעטער אוסטאוו״, נאָר דער פּאַרוואלטער האָט אים ניט געוואָלט אָנעמען. די באַפולמעכטיקטע האָבן דאָס אָנגעקלאָגט צום פּאַבריטשנעם אינספּעקטאָר.

נאָר אויך ער האָט אים ניט געוואָלט באַשטעטיקן, צוליב די אויסבעסערונגען און אויך צוליב דעם, וואָס אין אוסטאוו איז פּאָרויסגעזען שטיצע פּאַר דער פּאמיליע, וועלכע ס׳איז ניט אימשטאנד אָרויסצוגעבן א קאַסע מיט א צאָל מיטגלידער ווייניקער פּאַר 200.

דער לעצטער מאָטיוו האָט געגעבן די מעגלעכקייט אָנצוהויבן צווישן ראָמס ארבעטער אן אַגיטאַציע פאר אן אלגעמיינע קאסע מיט אנדערע דרוקערייען, מע האָט זיי ווי עס איז איבערצייגט.

אין די איבעריקע דרוקערייען איז דער אינטערעס די גאנצע צייט גאָר ניט געווען. נאָר דאַן, ווען דער אינספעקטאָר האָט באַפוילן קלייבן באַפולמעכטיקטע, האָבן זיך די דרוקער גענומען רירן.

און דאָס, וואָס די דרוקער האָבן ביז די וואַלן פון באַפולמעכטיקטע גאָרניט געטאָן, האָט געהאט באַשטימטע פאָלגן. אז דער אינספעקטאָר האָט געוואָלט פאַרייניקן די אידישע סירקינס דרוק מיט דער קריסטלעכער זאַוואדסקיס, האָט פריער זאַוואדסקי ניט איינגעשטימט, און נאָך אים אויך די אַרבעטער. די איבעריקע קריסטלעכע דרוקערייען האָבן זיך אויך אָפגעזאָגט פאַרייניקן זיך מיט די אידישע. און דאָס אלץ, ניט קוקנדיק, וואָס אין די אידישע דרוקערייען ארבעטן בא א דריטל קריסטן. נאָר די לעצטע צייט, ווען ס'האָט אָנגעהויבן צו ארבעטן די קאָמיסיע פון באַפולמעכטיקטע בא די דרוקער, האָבן אלע איבעריקע קריסטלעכע דרוקערייען איינגעשטימט אריינצוגיין אין דער אלגעמיינער קאסע. נאָר זאוואדסקיס איז געבליבן באזונדער. מיט דערזעלבער אורזאך קאָן מען דערקלערן דאָס, וואָס בא מאַצן אין ליטאָגראפיע ווילן די ארבעטער דורכויס אַן אייגענע קאסע. ביז אהער פלעגט דער באלעבאָס צאָלן די ארבעטער אין פאַל פון קראַנקהייט. נאָר באקומען פלעגן נאָר די אלטע און קוואליפיצירטע ארבעטער, און דאָס אויך, ווער ס'פלעגט דעם באלעבאָס געפעלן. ווען מע האָט גענומען ריידן וועגן דער קאַסע, האָט מאַץ דורכויס געוואָלט האָבן אַן אייגענע. נאָר דער אינספעקטאָר איז געווען קעגן. די ארבעטער, הויפּטזאַכלעך די עלטערע, האָט זיך געדוכט, אז מאַץ וויל זיי טאָן א טויווע, אז ער וועט זיי צאָלן ווי פריער די גאנצע געהאלט, אז ער וועט איינצאָלן אויך זייער טייל אין קאסע א.א.וו.... דערווייל אינטערעסירן זיי זיך ניט מיט דער פאַרזיכערונגס-ארבעט און טראָגן אריין א דעזאָרגאניזאציע אין דער ארבעט.

דערווייל האָט זיך אויך דער אינספעקטאָר ארומגעזעען, אז מיט באזונדערע קאסעס וועט אים זיין צו פיל ארבעט און האָט גענומען ריידן וועגן אַלגעמיינע קאַסעס. פון אָנהויב האָט ער פּראָיעקטירט פאַרייניקן אזעלכע אונטערנעמונגען, ווי א זאָקן-פאבריק מיט א האָלץ-פאַבריק אָדער אַן אייזן-פאַבריק, נאָר אינגיכן האָבן שוין אים די ארבעטער אָנגעוויזן, וואָס מע דאַרף און וואָס מע דאַרף ניט פאַרייניקן.

מיט דער עפענונג פון מעטאליסטן-פאַריין איז געשאַפן געוואָרן א נייער צענטער פאַר דער ארבעט וועגן פאַרזיכערונג. דאָס, וואָס ס'האָט זיך ניט איינגעגעבן בא די דרוקער, האָט זיך גרינג דורכגעפירט בא די מעטאליסטן. ס'זיינען דורכגעפירט געוואָרן פאַרזאמלונגען בא ראקאָוויצקען, „געפּצסט". ס'איז פאַרשפּרייט געוואָרן ליטעראטור אין אלע איבעריקע פאַבריקן, צו וועמען די טויער האָבן ניט געהאט קיין צוטריט, און אריינגעצויגן זיי אין דער ארבעט. אף די אלגעמיינע פאַרזאמלונגען פון די מעטאליסטן זיינען אויך אנער-

קענט און פּאָפּולאַריזירט געוואָרן די לאָזונגען פון דער פאַרזיכערונגס-קאַמפּאַניע—קאַסעס לויט די פּראָפעסיעס נאָך. א מער ברייטערן לאָזונג—אַן אַלגעמיין שטאָטישע קאַסע—האָט מען דאָ ביז אהער ניט געקאָנט ארויסשטעלן, ווייל די ארבעט האָט דערוויייל געטראָגן א צופעליקן כאַראַקטער און מע האָט זיך געשטעלט דעם ציל דערשלאָגן זיך בא די געגעבענע אינערטע באַציאונגען פון דער ברייטער ארבעטער-מאַסע דאָס, וואָס איז מעגלעך.

בא די מעטאַליסטן האָבן זיך געבילדעט קרייזלעך צו דערלערנען די פאַרזיכערונגס-געזעצן, וואו ס'פלעגן אַריינגיין פאָרשטייער פון אלע ווילנער מעטאַל-פאַבריקן. אין די קרייזלעך זיינען אָנגעמערקט געוואָרן קאַנדידאַטן פאַר באַפולמעכטיקטע. די אנטיילנעמער פון די קרייזלעך האָבן דאָס געפירט די גאַנצע אַגיטאַציע ארום די פאַרזיכערונגס-געזעצן.

די באַפולמעכטיקטע, ווי נאָר מע האָט זיי אויסגעקליבן, האָבן גלייך געבילדעט א קאָמיסיע אויסצוארבעטן דעם אוסטאַוו, צונויפריידן זיך מיט די איבעריקע באַפולמעכטיקטע פון שטאָט און צונויפרופן א לעגאַלע פאַרזאַמלונג פון אלע שטאָטישע באַפולמעכטיקטע. דיזעלבע קאָמיסיע האָט אויך דורכגעפירט אין עטלעכע פאַבריקן פאַרזאַמלונגען, וואו ס'זיינען צונויפגעשטעלט געוואָרן מעלדונגען דעם פאַבריק-אינספּעקטאָר, אז די ארבעטער פאָדערן א פאַכאָווע קאַסע. דיזעלבע קאָמיסיע האָט איבערגעגעבן די מעלדונגען צום אינספּעקטאָר.

מיט איין וואָרט, די מעטאַליסטן, האגאם זייער פאַריין איז נאָך יונג, האָבן, קאָן מען זאָגן, אָנגעפירט מיט דער גאנצער ארבעט פון דער פאַרזיכערונג אין שטאָט. זיי מיט זייערע פאַרזאַמלונגען, אלגעמיינע און גרופּאָווע, האָבן געשאַפן די פאָרשטעלונג, אז די ארבעטער פאָדערן דורכויס ניט קיין פאַבריק-קאַסעס, נאָר אלגעמיינע.

די קאָמיסיע בא די דרוקער האָט שוין אויסגעארבעט דעם אוסטאַוו לויט מ. ווילנערס „נאָרמאַלער אוסטאַוו". אן ענלעכער אוסטאַוו ווערט אויסגעארבעט אויך בא די מעטאַליסטן.

אינגיכן וועט פאָרקומען די פאַרזאַמלונג פון אלע באַפולמעכטיקטע.

ס'איז שוין אויסגעארבעט געוואָרן און אריינגעטראָגן אין פּריסוטסטוויע דער אוסטאַוו פון די זאָקן-פאַבריקן „אימפּעריאַל", ברון און פּאַק. נאָר די פּריסוטסטוויע האָט זיי אָפּגעוואָרפן, צוליב די באַוואוסטע אויסבעסערונגען, ווי קולטורעלע טעטיקייט, קאָמיסיעס, אווטאָנאָמיע פון די ארבעטער אין פאַרוואלטונג.

פּ. ס. שאַבעס איז פאָרגעקומען א פאַרזאַמלונג פון באַלעבאַטים-דרוקער צו באַטראַכטן דעם אוסטאַוו, וואָס ס'האָט אויסגעארבעט די ארבעטער-קאָמיסיע. מע האָט דערווידערט נאָר קעגן דער שפּראַך. אייניקע פון זיי האָבן געפאָדערט נאָר דעם געברויך פון רוסיש אף די פאַרזאַמלונגען און אין דער קאָרעספּאָנדענץ. אין אלגעמיין האָבן זיי אלע אונזערע פאַרבעסערונגען אָנגענומען. די וויכטיקסטע פּונקטן זיינען נאָך ניט באַטראַכט.

110. די באַציאונג פונם בונד צו דער באָלשעוויסטישער אַר־בעטער־גרופּע אין פאַרזיכערונגס־ראַט.

(„די צײַט", 1914, נומ. (56) 17).

א באַראַטונג פון אקטיווע טוער אין דער אידישער אַרבעטער-באַוועגונג האָט אָנגענומען פאָלגנדע רעזאָלוציע:

1. געפינענדיק, אַז דאָס פּראָגראַם, וועלכעס די אַרבעטער-גרופּע אין פאַרזיכערונגס-ראַט האָט פאַרעפנטלעכט אין איר דעקלאַראַציע און אויפרוף צו די ארבעטער, קאָן — ביכלאַל גענומען — ווערן אַ באַזיס פאַר דער געמיינזאמער פאַרזיכערונגס-אַרבעט פון דער סאָצ. דעמ., רופט די באַראַטונג אַלע אידישע ארבעטער אין די קראַנקן-קאַסעס שטיצן דידאָזיקע גרופּע אין איר קאַמף, וועלכן זי וועט פירן אין פאַרזיכערונגס-ראַט, פאַרבינדן איר מיט אַלע אַרבעטער ביכלאַל און די קראַנקן-קאַסעס ביפראַט, מיטהעלפן איר אין דער שטרעבונג וואָס גיכער צונויפצורופן אַן אַלרוסלענדן פאַרזיכערונגס-צוזאַמענפאָר פון ארבעטער; ביכלאַל טאָן אַלץ דאָס, וואָס קאָן נאָר מיטהעלפן דער פאַראייניקונג פון דער גאַנצער פאַרזיכערונגס-ארבעט פון לאַנד.

2. אין דער זעלבער צייט פּראָטעסטירט די באַראַטונג אַפן שטרענגסטן אויפן קעגן דער פראַקציאָנערער פּאָליטיק בעאייס די וואַלן און די ערשטע טריט פון דער ארבעטער-גרופּע אין פאַרזיכערונגס-ראַט.

די באַראַטונג באַטאָנט נאָך אַ מאָל, אַז די מיינונגס-פאַרשיידנהייטן צווישן די באַזונדערע ס. ד. ריכטונגען, וועלכע האָבן זיך אַרויסגעוויזן אינם גאַנג פון דער פאַרזיכערונגס-אַרבעט אין גאַנצן לאַנד, זיינען אין קיין פאַל ניט אַזוי טיף און שאַרף, דאָס זיי זאָלן באַרעכטיקן די שפּאַלטונג אין דער פאַרזיכערונגס-אַרבעט אין פעטערבורג, בעאייס אין אַלע ערטער פון רוסלאַנד האָט זיך דידאָזיקע אַרבעט געפירט פאַראייניקט.

3. די באַראַטונג קאָנסטאַטירט, אַז דאָס, וואָס די אַרבעטער-גרופּע אין פאַרזיכערונגס-ראַט האָט זיך דערלויבט שוין אין איר ערשטער אַרויסטרעטונג אָנצופאַלן אַף דער סאָצ. דעמ. פראַקציע פון דומע, אין וועלכער ס'געפינט זיך צווישן אנדערע אויך אַ דירעקטער פאַרטרעטער פון די קלאַסן-באַוואוסטע אידישע און פּוילישע ארבעטער (יאַגעלאָ), און אַפן צווייטן פאַרזיכערונגס-זשורנאַל*), באַשאַפט אַן ערנסטע געפאַר, דאָס, אנשטאָט צו פאַראייניקן די פאַרזיכערונגס-ארבעט, וועט די אַרבעטער-גרופּע אָפּשטופן פון זיך אַ פולע באַוואוסטזיניקע אַרבעטער, וועט אָפּהאַלטן דעם פּראָצעס פון פאַראייניקונג צווישן די רוסישע ארבעטער, פון איין זייט, און די אידישע, פּוילישע, לעטישע אַרבעטער, פון צווייטן זייט, און קאָן ענדלעך אַריינטראָגן די שעדלעכע צעשפּאַלטונג אין דער ארטיקער פאַרזיכערונגס-אַרבעט.

4. די באַראַטונג רופט דערום אַלע אידישע אַרבעטער אויפמערקזאַם צוקוקן זיך צו יעדער טריט פון דער אַרבעטער-גרופּע, אין פאַרזיכערונגס-

*) ארגאַן פון די ליקווידאַטאָרן „סטראַכאַוואַניע ראַבאַטשיך".

ראט, רופן איר צו אָרדענונג יעדעס מאָל, ווען אין איר אַרבעט לאָזט זיך פילן די פּראקציאָנעלע פּאָליטיק, און אױף אַזא אופן אונטערוואַרפן דידאָזיקע צענטראלע פארזיכערונגס־פארטרעטונג אונטערן אַקטיוון און שטענדיקן קאָנטראָל פון אַלע באוואוסטזיניקע אַרבעטער.

111. די באָלשעוויקעס דעמאסקירן די ליקווידאַטאָרישקייט פונם בונד אין דער פארזיכערונגס־קאמפּאניע.

(„די „ניט פראקציאָנעלע" ליקווידאטאָרן און די „וואָפּראָסי סטראכאָוואַניא", „זאַ פּראַוודו", 1913, נ. 21).

ס'עקזיסטירט אין פּעטערבורג א וועכנטלעכע אידישע „אַרבעטער" (??)-צייטונג „צייט". די הערן, וועלכע ס'שרייבן אין איר, רופן זיך אָן אויך—מארקסיסטן און דערביי „ניט פראקציאָנעלע". וואָרום דער ערשטער בעסטער בונדיסט איז דאָך גרייט צען מאָל צו שווערן זיך, אַז ער איז—כאָלילע!—ניט קיין ליקווידאַטאָר, אַז ער שטייט נאָר פאַר „איינקייט" און קעגן צע-שפּאלטונג.

איז אָט האָט דידאָזיקע „ניט־פראקציאָנעלע" צייטונג אויך געפונען פאַר נויטיק א בריקע צו טאָן דעם נייעם רוסישן זשורנאַל פון די רוסישע אַר-בעטער „וואָפּראָסי סטראכאָוואַניא". די בונדישע „כאָלילע ניט קיין ליקווי-דאטאָרן" שרייבן אַף אזא אופן געשיכטע:

—„נאָכדעם, ווי די „פּראַוודאַ" און די, וואָס גרופּירן זיך אַרום איר, האָבן זיך ניט אָפּגעשטעלט פאר אריינטראָגן א צעשפּאלטונג אין דער פּראָ-פעסיאָנעלער באוועגונג... איז געוואָרן קלאָר, אַז די צעשפּאלטונג פון דער פאַרזיכערונגס־קאמפּאַניע איז בלויז א פראַגע פון צייט... איצט באשאפט מען א ריין פראקציאָנעלן פארזיכערונגס־זשורנאל... ביז איצט האָבן מיט דער גאנצער פאַרזיכערונגס־קאמפּאַניע אָנגעפירט די מענשעווי-קעס (די אָוטאָרן ווילן זאָגן: די ליקווידאַטאָרן), די טאַקטיק, די אויסבעסע-רונגען צום נאָרמאַלן סטאַטוט זיינען אויסגעארבעט געוואָרן דורך די „לוט-שיסטן"*)... דער זשורנאל „סטראַכאָוואַניע ראַבאָטשיך" איז אין קיין פּאַל ניט קיין פראקציאָנעלער זשורנאל" („צייט", נום. 32).

אָט אַזוי נאַרט אָפּ די אידישע אַרבעטער דער „ניט פראַקציאָנעלער" אָרגאַן פון די אידישע ליקווידאַטאָרן. די שרייבער פון „צייט" ווייסן, פאַר-שטייט זיך, אַז אין זייער גאַנצן איבערגעבן די זאך איז ניטאָ קיין איין וואָרט עמעס.

דער קאַמף פון די בונדישע און אַנדערע ליקווידאַטאָרן קעגן די „וואָפּראָסי סטראַכאָוואַניאַ" האָט ניט געשטערט, אַז פאר דעמדאָזיקן אָרגאַן זאָלן זיך אַרויסזאָגן אלע פּראָפעסיאָנעלע פאריינען און ביכלאל אַלע אָרגא-

---

*) אנהעגער פון דער ליקווידאטאָרישער צייטונג „לוטש".

ניזירטע אַרבעטער פון פעטערבורג. די רעכילעספולע אַרויסטרעטונגען פון „צייט" ווערלן ניט שטערן דעם נייעם אָרגאַן פון די רוסישע אַרבעטער צו דערפילן זיין אויפגאַבע, נאָר זאָלן די רוסישע אַרבעטער וויסן, וואָס פאַר א ווערט ס'האָט די „ניט-פּראַקציאָנעלקייט" פון די אידישע נאַציאָנאַל-ליקווידאַטאָרן.

112. דער בונד וועגן אנטייל אין פריקאַזטשיקעס-צוזאַמענפאָר.

(רעזאָלוציע פון דער בעראַטונג באַם צ. ק. פון בונד, „די צייט", 1913, נום. 21).

די בעראַטונג רעקאָמענדירט אלע אָרגאַניזירטע גרופּן פון אידישע אָנגעשטעלטע זיך טיקעף ענערגיש נעמען פאַר דער צוגרייטונגס-ארבעט צום צוזאמענפאָר פון די האַנדלס-אָנגעשטעלטע.

1. אין די עקזיסטירנדיקע פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען פון די האַנדלס-אָנגעשטעלטע שוין אוועקשטעלן די פראגע וועגן אנטיילנעמען אין דעם צוזאמענפאָר; אף פאַרזאַמלונגען באַטראַכטן די פראגן פון טאָג-אָרדענונג א. ד. ג.

2. זיך פאַרבינדן פעסטער מיט די כעוורעס פון קעגנזייטיקער הילף, קעדיי צו פאַרינטערעסירן זיי מיטן צוזאמענפאָר, אַוועקשטעלן דאָרט ווי געהעריק די צוגרייטונגס-ארבעט.

3. שטרעבן צו דעם, ס'זאָלן לעגאַליזירט ווערן פאַריינען פון האַנדלס-אָנגעשטעלטע דאָרט, וואו אַזוינע זיינען נאָך ניטאָ.

4. אויפהויבן אין אַלע לעגאַלע כעוורעס און איינריכטונגען פון האַנדלס-אָנגעשטעלטע די פראגע וועגן געבן די אידישע דעלעגאַטן ווארין-רעכט אין מאָסקווע אף דער צייט פון צוזאַמענפאָר, ווירקן אַפן אָרגאַניזאַציאָנס-קאָמיטעט, ער זאָל ארויסשטעלן די פאָדערונג.

113—114. די פאָרבארייטונגען צום פריקאַזטשיקעס-צוזאַמענפאָר אַף די ערטער.

א. באכמוט.

(„די פּראָפעסיאָנעלע געזעלשאַפט פון האַנדלס-אָנגעשטעלטע". „די צייט", 1913, נום. 17).

אַף דער פאַרזאמלונג פון 6-טן יוני זיינען אָנגענומען געוואָרן פאָלגנדע רעזאָלוציעס: די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג דריקט אויס איר ווונש 1) אז די דעלעגאַטן זאָלן פאַרטיידיקן די אינטערעסן און באַדערפענישן פון דעם גאַנצן האַנדלס-פּראָלעטאַריאַט. 2) אז באַם אויסוויילן די דעלעגאַטן זאָל גענומען

ווערן אין אַכט די באַזונדערע באַדינגונגען פון די פאַכן, וואָס גייען אריין אין דער געזעלשאַפט, און אויך פון אידישן האַנדלס-פראָלעטאריאט און פון די פרויען.

ס'זיינען אויסגעקליבן געוואָרן דער פאָרזיצער פון דער געזעלשאפט גובאריאָוו און ש. ליפשיץ, דער קאנדידאט בעאייס די וואַלן צו דער 4-טער דומע.

דעם 22-טן יוני איז פארגעקומען נאָך אַ פאַרזאמלונג אָף אויסצואַרבעטן אַ אינסטרוקציע פאַר די דעלעגאַטן. ס'האָבן אָנטייל גענומען 115 מאַן.

וועגן יאָנטעוו-רו ווערט אָנגענומען די ווילנער רעזאָלוציע[157] מיט פאָלגנדע אויסבעסערונגען:

1. לויטן פרינציפּ פון געוויסנס-פרייהייט, ווערט די האַנדלס-אָנגע-שטעלטע פון יעדער אונטערנעמונג, אומאָפּהענגיק פון זייער אָנגעהעריקייט צו דער אָדער יענער נאַציאָנאַלער אָדער רעליגיעזער גרופּע, געגעבן דאָס רעכט אויסצוקלייבן אלס רו-טאָג איינעם פון די דריי טעג, וועלכע זיינען איינגעשטעלט דורכן געזעץ.

2. אין די אונטערנעמונגען, אין וועלכע ס'ארבעטן פריקאזטשיקעס פון אייניקע נאַציאָנען און רעליגיאָנען, ווערט די פראַגע וועגן רו-טאָג באַשטימט מיט אַ מערהייט שטימען פון די האַנדלס-אָנגעשטעלטע.

ס'ווערן אויך אָנגענומען אַנדערע רעזאָלוציעס:

1. וועגן פייערן דעם 1-טן מאַי, 2. וועגן דער אינטערנאציאָנאלער פאַרייניקונג פון אלע פראָפעסיאָנעלע פאַריינען, 3. וועגן מינימאַלן ארבעטס-לוין, 4. וועגן די האנדלס-אָנגעשטעלטע פון די אונטערדריקטע נאַציאָנען, באַ-זונדערס וועגן אידן.

דער דעלעגאַט דאַרף: 1) אויסדריקן אַ אומצופרידנהייט דעם אָרגאַני-זאַציאָנס-קאָמיטעט, וועלכער איז ניט געווען אָף דער נויטיקער הויך אין זיין צוגרייטונגס-אַרבעט צום צוזאַמענפאָר. 2) אנערקענען דעם איצטיקן צוזאמענ-פאָר פאַר אַ קאָנפערענץ און פאָרלייגן אויסצוקלייבן אַן אָרגאַניזאציאָנס-קאָ-מיסיע, וועלכע זאָל צונויפרופן דעם 4-טן אַלרוסלענדער צוזאַמענפאָר אַף אַזעל-כע באַדינגונגען, באַ וועלכע דער גאַנצער האַנדלס-פּראָלעטאַריאט אָן אויסנאַם זאָל האָבן גלייכע רעכט. 3) ניט באַשטימענדיק פאָרויס, צי זאָל דער דעלעגאט נעמען אַ דירעקטן אָנטייל אין דער ארבעט פונם צוזאַמענפאָר, דאַרף דער דע-לעגאַט דאָרט האַנדלען אזוי, ווי ס'וועלן פאָדערן די אינטערעסן, ערע און ווירדע פון אלע טיילן פון האַנדלס-פראָלעטאריאט.

צום שלוס פון דער פארזאמלונג מעלדעט ש. ליפשיץ, אז צוליב דער „דערקלערונג" פון מאָסקווער גראדאנאטשאלניק, אז פון געמישטע געזעל-שאַפטן*) קאָן קיין אידישער דעלעגאט ניט געשיקט ווערן, מוז ער זיך אָפּ-זאָגן פון צו פאָרן אָפן צוזאַמענפאָר.

*) פון אידן און ניט אידן.

ב. ליבוי.

(אַ ליבויער פּריקאַזטשיק: קאָרעספּאָנדענץ פון ליבוי. „די צייט“, 1913, נ. 19).

...מיט אייניקע צייט פאַר דער עפענונג פונם מאָסקווער פּריקאַזטשיקעס־צוזאַמענפאָר האָט אַ גרופּע ליבויער באוואוסטזיניקע פּריקאזטשיקעס און קאָנטאָרשטשיקעס באשלאָסן צו שיקן פון ליבוי אַ דעלעגאט און צו דעם צוועק צוזאמענגערופן אַ פּאָר פּארזאמלונגען, אין וועלכע ס'האָבן אָנטייל גענומען ביז 40 פּריקאַזטשיקעס און קאָנטאָרשטשיקעס. דער אָנגעמערקטער דעלעגאַט האָט געלייענט אַ ראָפּאָרט איבער דער טאגעס־אָרדענונג פונם צוזאמענפאָר. דער רעפערענט האָט מיט ציפערן און פאַקטן באוויזן, אז די פּריקאַזטשיקעס זיינען אויך אַ טייל פון דעם אלגעמיינעם רוסלענדן פּראָלעטאריאט, וועלכע וועלן פאַרבעסערן זייער עקאָנאָמישע און פּאָליטישע לאגע נאָר דורך פלאַנמעסיקער אָרגאניזאציע און טעטיקן קאַמף. קריטיקירנדיק די מאַטאָנע פון גאָס. סאָוועט (אַ 15-שאָעדיקן אַרבעטס־טאָג), האָט ער אויפגעוויזן, אז נאָר דורך אַן אָרגאניזירטן קאַמף וועלן זיי זיך קאָנען קעגן דעם, אז דער פּראָיעקט פונם גאָס. סאָוועט זאָל ניט ווערן קיין געזעץ, און וועלן זיך דערשלאָגן צו בעסערע מענטשלעכע לעבנס־באַדינגונגען. די פארזאמלונגען האָבן אָנגענומען אַ רעזאָלוציע, וועלכע באַפולמעכטיקט דעם דעלעגאט צו פאַרטיידיקן די פאָדערונגען פון די פּריקאזטשיקעס אין דעם גייסט און ריכטונג פון פּראָפעסיאָנעלן אָרגאַן „וועסטניק פּריקאַזטשיקאַ“ *), אין דעם גייסט פון אויסגעהאלטענעם קאַמף פון דער ארבעטער-דעמאָקראטיע.

115. די באָלשעוויקעס רופן צו קעמפן פאַר צולאָזן די אידישע האַנדלס־אָנגעשטעלטע אַפן פּריקאַזטשיקעס־צוזאַמענפאָר.

(י. בוראוו: „די ארויסגעטריבענע פון דעם צוזאמענפאָר“, „פּראוודא“, 1913, נום. 116).

די באוועגונג פונם האַנדלס-אינדוסטריעלן פּראָלעטאַריאט אין צוזאַמענהאַנג מיטן פאָרשטייענדיקן 4-טן אלרוסלענדישן צוזאַמענפאָר פון די האַנדלס־אָנגעשטעלטע ווערט אַלץ ברייטער און טיפער.

אַזוי, לעמאָשל, האָט דער פאַרבאָט פון דער רעגירונג די אידישע אָנגעשטעלטע, וואָס האָבן ניט קיין וואוינרעכט אין מאָסקווע, צו באטייליקן זיך אינם צוזאמענפאָר שוין אַרויסגערופן אַ גאַנצע ריי פּראָטעסטן פון פאַרשיידענע גרופן אָנגעשטעלטע אין דער הויפּט-שטאָט און אין דער פּראָווינץ.

*) באָלשעוויסטישער פּריקאַזטשיקעס-זשורנאל; אין די רוסישע אַרבעטער-צייטונגען, אין דעם אויך אין ליקווידאַטאָרישן „לוטש“, איז געווען מיטגעטיילט פון ליבוי, אז דער דעלעגאַט איז געווען באַפולמעכטיקט צו פאַרטיידיקן די פאָדערונגען פון די פּריקאַזטשיקעס אין גייסט פון „וועסטניק פּריקאַזטשיקאַ“ און „פּראוודא“.

...דער ציל פונם פאַרבאָט—אַרויסרופן אַ צעשפּאַלטונג צווישן דעם האַנדלס-אינדוסטריעלן פּראָלעטאַריאַט, אָפּטיילן די גוטע שאָף פון די „שלעכטע", שפּילן אַפן „נאַציאָנאַלן" פייפל און פאַרטושן די קלאַסן-אינטערעסן פון די אָנגעשטעלטע פון פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן—האָט זיך ניט איינגעגעבן.

צווישן די האַנדלס-אָנגעשטעלטע איז שוין דאָ אַסאַך, וואָס פאַרשטייען, אַז די בורזשואַזיע און די קאַפּיטאַליסטן פון אַלע נאַציעס דריקן אַלע גלייך זייערע שקלאַפן סאַי פון וואַרשטאַט, סאַי פון קראָם-טיש. די פאַקטן פון לעבן באַווייזן אונז טאָג-טעגלעך, אַז דער רוסישער באַלעבאָס-עקספּלואַטאַטאָר דער-קלערט אַן אַכזאָריעסדיקן לאָקאַוט טויזנטער רוסישע פּראָלעטאַריער און ס'וועט זיך לאַנג ניט פאַרטראַכטן צו טאָן דאָסזעלביקע מיטן אידן—דער אידישער קאַפּיטאַליסט.

דער 4-טער אַלרוסלענדישער צוזאַמענפאָר פון די האַנדלס-אָנגעשטעלטע, וואָס עפנט זיך אין מאָסקווע אין יוני, איז אַ גרויסע געשעעניש פאַר דער גאַנצער מאַסע האַנדלס-פּראָלעטאַריער אין רוסלאַנד. אַפן צוזאַמענפאָר, ניט קוקנדיק אף די פון פריער אָוועקגעשטעלטע צוימען, וועלן ווערן באַרירט פיל אָנגעווייטיקטע פראַגן פונם לעבן פון די האַנדלס-אָנגעשטעלטע.

דערפאַר טאַקע איז נויטיק אַן אַ ל ז ײ ט י ק ע באַלייכטונג פון אַלע פראַגן אַפן צוזאַמענפאָר. און דאָס קאָן דערגרייכט ווערן נאָר אין דעם פאַל, אויב אינם צוזאַמענפאָר וועלן זיך באַטייליקן די פאָרשטייער פון פאַרשיידענע גרופּן פון דער צווייִמיליאָניקער אַרמיי פון די האַנדלס-אָנגעשטעלטע.

די פּראָטעסט-רעזאָלוציע קעגן דעם ניט דערלאָזן אַפן צוזאַמענפאָר די אידישע האַנדלס-אָנגעשטעלטע, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן פון די פּעטער-בורגער האַנדלס-אָנגעשטעלטע—מאַנופאַקטוריסטן, זאָגט, אַגעוו, פאָלגנדיקס:

„דער האַנדלס-אינדוסטריעלער פּראָלעטאַריאַט פאַרורטיילט מיט צאָרן די שעדלעכע נאַציאָנאַליסטישע פּאָליטיק און פאָדערט, אַז מע זאָל דערלאָזן אַפן צוזאַמענפאָר אַלע האַנדלס-אָנגעשטעלטע אָן אונטערשייד פון נאַציאָנאַליטעטן".

און די האַנדלס-אָנגעשטעלטע פון גאַנץ רוסלאַנד קאָנען ניט מאָס-קים זיין מיט אָט דער רעזאָלוציע. וואָרום אויב די אַרבעטס-באַדינגונגען און די רעכטלעכע לאַגע פון די רוסישע האַנדלס-אָנגעשטעלטע זיינען אומדער-טרעגלעך, זיינען זיי דאָך נאָך אומדערטרעגלעכער פאַר די אידישע האַנדלס-אָנגעשטעלטע, וועלכע זיינען פאַרשפּאַרט אין „טכום" און האָבן אַפילע ניט קיין איבערוואַנדערונגס-רעכט, קעדיי צו זוכן אַרבעט.

דער אָרגאַניזיר-קאָמיטעט פונם צוזאַמענפאָר האָט אָנגעהויבן מישטאדל זיין זיך פאַר דער רעגירונג וועגן אָפּשאַפן דעם פאַרבאָט-פּונקט וועגן די אידן.

און דידאָזיקע הישטאַדלעס וועט נאָר דאַן האָבן אַן ערפאָלג, ווען זי וועט געשטיצט ווערן מיט אַן אַלגעמיינער פאָדערונג פון דעם גאַנצן האַנדלס-אינ-דוסטריעלן פּראָלעטאַריאַט צו דערלאָזן אַפן צוזאַמענפאָר די כאַווירים האַנדלס-אָנגעשטעלטע אָן אונטערשייד פון נאַציאָנאַליטעטן.

די קאָמיסיע פונם מעלוכע-ראַט, וועלכע האָט געוויאָלט פאַרשקלאַפן די האַנדלס-אָנגעשטעלטע מיט אַ 15-שאָעדיקן אַרבעטס-טאָג, איז דאָך געווען געצוואונגען נאָכצוגעבן דעם פאַרייניקטן דראַנג פונם האַנדלס-אינדוסטריעלן פּראָלעטאַריאַט.

...פון אונזער פאַראייניקטן אָרגאַניזירטן קאַמף הענגט אָפּ אַזאַ אויפן אָפּ דער ערפאָלג פון דער זאַך פונם האַנדלס-פּראָלעטאַריאַט.

„די פעלקער האָבן אױעלכע געזעצן, וועלכע זיי זיינען ווערט", זאָגט אַ שפּריכוואָרט.

לאָמיר דעריבער וויזן די בורזשואזע קלאַסן מיט אונזער קאַמף, אַז מיר זיינען „ווערט" בעסערע געזעצן!

און אינם קאַמף פאַרגעסט ניט, כאַוויירים, אַז די קלאַסן-אינטערעסן פון די פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער: פון די רוסן, דייטשן, אידן, כינעזער און טערקן—זיינען אייגע און דיזעלביקע.

אַלזאָ, קיינעם פון די האַנדלס-פּראָלעטאַריער טאָר ניט אָפּגעזאָגט ווערן אין אַן אָרט אָפּן 4-טן אַלרוסלענדישן צוזאַמענפאָר.

מיר מוזן זיך דאָס דערשלאָגן, כאַוויירים! [158].

116. די באָלשעוויקעס וועגן בייליסעס פּראָצעס.

(יו. קאַמענעוו [159]: „דער פּראָצעס פון העטלעכער אויסרעכענונג", „פּראַוודאַ טרודאַ", 1913, נומ. 13).

...די רעאַקציע שפּייזט זיך פון דער איזאָלירטקייט פון די פאָלקסמאַסן, פון זייער פינסטערניש און אָפּגעשטאָנענקייט. בלויז דערויף האַלט זי זיך. מיט שרעק קוקט זי זיך צו, ווי אַלץ נעענטער און נעענטער גייען זיך צונויף די רייען פון די געדריקטע און די דערנידעריקטע. מיט ציטערניש זעט זי צו, ווי ס'פאַלן מיט יעדן טאָג אין די ברייטע מאַסן די פינסטערע פאַרורטיילן, וועלכע האָבן פאַנאַנדערגעטיילט די מענטשן; ווי דאָס אַרבעטנדיקע פאָלק הערט אויף צו אונטערשיידן אין זיין שאָכן דעם פּאָליאַק, דעם רוס, דעם אידן אָדער דעם גרוזינער, נאָר ער זוכט אין אים פריער ווי אַלץ דעם מענטשן, דעם כאַווער אינם לעבנס-גוירל און אין דער אַלגעמיינער זאַך; ווי ס'טרעט אָפּ אפן הינטערגרונט און הערט אויף צו שפּילן אַ ראָליע אינם לעבן פון די מאַסן דאָס, וואָס ס'האָט איזאָלירט די מענטשן, און אפן פאָדערגרונט טרעט ארויס דאָס, וואָס פאַרייניקט זיי: די שווערע קעגנוואַרט און דער קאַמף פאַר אַ בעסערער צוקונפט. ...די פאַבריק, דער זאַוואָד, די פאַריינען, די צייטונגען, די בילדונג פאַרייניקן די מאַסן. די רעאַקציע זעט אין דעם איין פאַר זיך אַ טויט-אורטייל. זי ווייס, אַז אירע טעג וועלן אויסגיין אין דעם מאָמענט, ווען דער פאָלקס-באַוואוסטזיין וועט אוועקוואַרפן די נאַציאָנאַלע, רעליגיעזע און אַלע אַנדערע פאַרורטיילן און וועט פאַרייניקן די מענטשן פון אַלע גלויבנס

און פון אלערליי נאַציאָנאַליטעטן אין איין איינהייטלעכן ברידערלעכן פאַרבאַנד פון אַרבעטנדיקע.

קעדיי אָפּצושטעלן אָט די באַוועגונג, ...כאַפּט זיך אָן די רעאקציע פאַר יעטווידער מיטל. פאַנאַנדערטיילן די פאָלקסמאַסן, זייען צווישן זיי אומצוטרוי און קעגנזייטיקן האס, פארסאמען דעם באַוואוסטזיין... מיט ווילדע רעכילעס—אָט דאָס ווערט איר הויפּט-אויפגאַבע.

...אין ביילים-פּראָצעס האָט די זאַך פונם אידישן פאָלק זיך צוזאַמענגעגאָסן מיט דער זאַך פון דער גאַנצער רוסישער דעמאָקראַטיע: ...די רוסישע דעמאָקראַטיע דאַרף באַווייזן איין מאָל פאַר אלע מאָל, ...אז זי וועט ניט דערלויבן מאַכן כויזעק פון איר געפיל און פאַרשטאַנד, אז זי וועט ניט דערלאָזן, אז אין 20=טן יאָרהונדערט זאָל מען ווידער אויפשטעלן די מיטלאלטערלעכע פּראָצעסן, אז זי וועט ניט דערלאָזן, אז אינם נאָמען פונם רוסישן פאָלק זאָל מען ווידער ארויסרופן צום לעבן די מעטאָדן, וואָס כאַראַקטעריזירן די פינסטערסטע עפּאָכע פון דער מענטשלעכער געשיכטע, ווען... ס'האָט געהערשט דער פאַנאטישער אומוויסנדיקער מאָנאַכן-שטאַנד.

די הערן שוואַרצמייעניקעס האָבן שוין אַ צו נידעריקע מיינונג וועגן רוסישן פאָלק, אויב זיי האָפן, אז עס וועט זיך ניט פאַנאַנדערקלייבן... אינם דאָזיקן פּראָצעס, אז עס וועט ניט פאַרשטיין זייער שפּיל, אז עס וועט זיי געבן די מעגלעכקייט צו דערפירן די שפּיל ביזן סאָף...

...דער אייראָפּעאישער אַרבעטער האָט רעכט צו פרעגן זיין רוסישן כאַווער: אין דיין לאַנד האָבן די אויסוואורפן פון פינסטערניש ווידער אויפגעשטעלט די נידערטרעכטיקסטע רעכילעס אף אַ גאַנצן פאָלק, זיי האָבן זיך באַנוצט מיט דער נידערטרעכטיקער באָבע-מאַיסע, קעדיי צו פאַרזייען סינע און האַס צווישן די מאַסן פונם אידישן און רוסישן פאָלק. וואָס האָסטו געטאָן, קעדיי צו צערייסן דאָסדאָזיקע שפּינוועבס פון ליגן, קעדיי צו פאַרטיידיקן די אידייע פון אייניקייט און ברידערלעכקייט צווישן די אַרבעטנדיקע פון אַלע נאַציעס?

און קעדיי צו זיין גרייט צו ענטפערן—דאַרף די רוסישע אַרבעטער-דעמאָקראַטיע פאַרשטיין, אז דער ביילים-פּראָצעס—איז איר פּראָצעס, אז זי קאָן דאָ ניט שווייגן...

בעראָש פון אלעמען, אין ווען ס'איז ניט פאַרלאָשן געוואָרן דער יוישער און ערע, דאַרף דער רוסישער פּראָלעטאַריאַט זיין גרייט צו געבן אַ ווידערשטאַנד דער רעאקציע אין ביילים-פּראָצעס.

117. אַ רוף צו אן איינטאָגיקן פּראָטעסט-שטרייק.

(„צו אלע אידישע ארבעטער“, אויפרוף פון צ. ק. פון בונד).

...דער שענדלעכער מישפּעט פאַנגט זיך אָן! צי קאָנען מיר אין אַזאַ מאָמענט שווייגן? צי מעגן מיר דעם פּראָצעס אָן ענטפער לאָזן? ניט מיט קיין

שוואוּעס און פייערלעכע דערקלערונגען קאָנען מיר אונזערע טאַליאָנים די הער-
צער ווייכער מאַכן, ניט מיט קיין געבראָכן געמיט און געבויגטן קאָפּ קאָנען
מיר אונזער לאַגע פאַרגרינגערן; מיט צאָרן און פּראָטעסט באַדאַרפן מיר דעם-
דאָזיקן קאַמף באַגעגענען, נאָר מיט קאַמף קאָנען מיר זיך קעגן אונזער רעכט-
לאָזיקייט ווערן!

כאַווײריפ אַרבעטער!

מיר, וועלכע פירן שוין יאָרנלאַנג אונזער בלוטיקן קאַמף קעגן דער
הערשנדער רעאַקציע, מיר, וועלכע האָבן שוין אַזוי פיל אָפּפער געבראַכט און
בלוט פאַרגאָסן פאַר אונזער באַפרייאונג, וועלן אויך דאָסמאָל ניט לאָזן אָן אַ
געהעריקן ענטפער דעם ווילדן אָנפאַל פון דער הערשנדער באַנדע.

דעם 25-טן סעפּטעמבער (אַלטן סטיל) פאַנגט זיך אָן אין קיעוו בייליס-
סעס פּראָצעס און גלייך צום אָנפאַנג פון פּראָצעס, אין זיינע ערשטע טעג,
וועלן מיר אָנווענדן אונזער אַלטן אויסגעפּרואווטן פּראָלעטאַרישן קאַמפסמיטל:
א איינטאָגיקער אַלגעמיינער פּראָטעסט-שטרייק—דאָס וועט
זיין דער ענטפער פון אידישן אַרבעטער-קלאַס. אָפּשטעלן
זאָל זיך די פאַבריק, פאַרמאַכן זאָל זיך דער וואַרשטאַט, פּוסט זאָלן ווערן די
קלייטן און קאָנטאָרן—אַלע אידישע אַרבעטער דאַרפן וואַרפן די אַרבעט! אונ-
זער איינטאָגיקער שטרייק וועט פאַנאַנדערטראָגן איבער דער גאַנצער וועלט
אונזער פּראָטעסט, אונזער גרייטקייט צום קאַמף, אונזער מעכטיקן אויסרוף:

פאַראַכטונג דעם מיטלאַלטערישן בלוט-בילבל!
נידער מיט דער אידישער רעכטלאָזיקייט!
נידער מיט די נאַציאָנאַלע העצערייען!
עס לעבט די אידישע גלייכבאַרעכטיקונג!
עס לעבט די גלייכבאַרעכטיקונג פון אַלע פעלקער אין רוסלאַנד!
עס לעבט די אינטערנאַציאָנאַלע סאָלידאַריטעט פון די אַרבעטער!
עס לעבט דער סאָציאַליזם!

דער צענטראַלער קאָמיטעט פון „בונד“.

סעפּטעמבער 1913.

118. דער פּראָטעסט-שטרייק אין וואַרשע.

(יאַנקעלזאָן: „קאָרעספּאָנדענץ פון וואַרשע“, „צייט“, 1913, נומ. 30).

...דינסטיק *) 6 אַזייגער איז מען שוין געווען אויף די פיס. מע האָט
זיך פאַרשפּרייט איבער גאַנץ שטאָט. ספּעציעלע אַגיטאַטאָרן זיינען געגאַנגען
אין די פאַבריקן, אין ווערקשטאַטן און מע האָט דורכגעפירט פאַרזאַמלונגען.
באַטאָג האָט זיך אָנגעהויבן פּילן אין שטאָט, אַז מאָרגן וועט זיין אַ
שטרייק. קימאַט אין אַלע הייזער האָט מען גערעדט: מע דאַרף אויף מאָרגן

*) דעם 24-טן סעפּטיאַבר.

אַנגרייטן געבעק; ס'קאָן נאָך זיין, אַז מע זאָל צומאַכן די קראָמען, און ס'וועלן זיין דעמאָנסטראַציעס. אַזעלכע שמועסן האָט מען געהערט צווישן דער באַפעלקערונג. די פּאָליציי האָט זיך גלייך דערוואוסט, און אין אַלע גאַסן איז געוואָרן פול פּאָליציי מיט „נאָכקוקער", מע האָט צום אָוונט גענומען פאַרהאַלטן אין די גאַסן, רעווידירן און אַרעסטירן.

איין פאַל איז געווען זייער אַ טרויעריקער. מע איז געגאַנגען אין די דרוקערייען, וואו ס'דרוקן זיך אידישע צייטונגען, רופן די אַרבעטער צו־שטיין צום שטרייק, און אומעטום האָט מען צוגעזאָגט צו שטרייקן, אויב דער „מאָמענט"[160] וועט אויך צושטיין. נאָר די רעדאַקציע פון „מאָמענט" האָט געהאט צוגעגרייט געהיימע אַגענטן, וועלכע האָבן אַרעסטירט 4 פּערזאָן. די אַרבעטער און די באַפעלקערונג זיינען זייער אויפגערעגט... ווען מע איז נאָך דעם אַרעסט אַריין אין רעדאַקציע, האָבן זיך די מיטאַרבעטער אויסגע־דריקט מיט אַזעלכע ווערטער אף די אַרבעטער, וואָס ס'דערלויבט זיך גאָר ניט צו פאַרעפנטלעכן.

מיטוואָך פרי זיינען שוין געווען באַלאַגערט אַלע פאַבריקן פון קאַזאַקן און זשאַנדאַרמען. קאַזאַקן און זשאַנדאַרמען זיינען אויך אַרומגעפאָרן איבער די גאַסן. אין איינצעלנע פּונקטן זיינען געשטאַנען צוגעגרייט מיליטערישע און פּאָליצייאישע פּאַטרולן. קראַשינסקיס גאָרטן איז געווען פאַרמאַכט. דאָרט האָבן זיך די שטרייקנדע געקליבן גרופּנווייז אין פאַרשיידענע גאַסן. פּאָליציי פלעגט צעטרייבן פון איין גאַס, פלעגט מען זיך אַריבערקלייבן אף אַ צווייטער.

אַדום 3 אַזייגער האָבן זיך עטלעכע הונדערט שטרייקנדע צוזאַמענגע־קליבן אף עק דזיקע און נאָוואָליפּקי און מע האָט אָנגעהויבן דעמאָנסטרירן. איינצעלנע רעדנער האָבן געהאַלטן קורצע רעדעס. אַזוי איז מען געגאַנגען איבער 10 מינוט. פון די וואוינונגען, קראָמען און רעסטאָראַנען איז מען אַרויס אף דער גאַס. מע האָט אָנגעהויבן פאַכן מיט די היטלען, טיכלעך, און די מאַסע איז געוואָרן גרעסער. גלייך איז אָנגעקומען פּאָליציי און האָט גענומען צעטרייבן די דעמאָנסטראַנטן. מע האָט זיך צעשפּרייט איבער פאַר־שיידענע גאַסן מיט געזאַנג. פּאָליציי האָט פיל אַרעסטירט... 7 אָוונט זיינען נאָך געווען אין פאַרשיידענע גאַסן גרופּן שטרייקנדע, נאָר צוליב די פאַר־שטאַרקטע פּאַטרולן אף יעדן ווינקל איז געווען אוממעגלעך צו דעמאָנסטרירן... ס'איז אָפּגעגעבן געוואָרן אַ באַפעל, אַז 8 אַזייגער זאָלן אַלע טירן זיין געשלאָסן, ווייל זיי האָבן זיך געריכט אף דעמאָנסטראַציעס, זאָלן די דעמאָנ־סטראַנטן ניט האָבן וואוהין צו לויפן... פאַר דער גאַנצער צייט האָט מען אַרעסטירט ביז 110 מאַן.

געשטרייקט האָבן ...בא 20.275 אַרבעטער...

119. סאכאקלען און אויספירן.

(י. יף: „צום סאכאַקל״, „צייט״, 1913, נומ. 32).

אומדערוואַרטעט איז געווען פאר די זייטיקע צושויער דער אלגעמיינער פראָטעסט־שטרייק פון די אידישע ארבעטער. בא דעם יאוש, וועלכער האָט אזוי ברייט אַרומגענומען אלע קרייזן פון דער אידישער געזעלשאפט, האָט מען פארזעען די וואקסנדע אויפלעבונג אין דער ארבעטער-מאַסע, וועלכע האָט געבראכט צו דער ארויסטרעטונג.

אָבער ניט פון הימל איז זי אַראָפּגעפאלן. יאָרנלאנג האָבן די באַוואוסטזיניקע אידישע ארבעטער געוועקט און גערופן. די „קליינלעכע״ ארבעט האָט ביסלעכווייז אָנגעהויבן צו ברענגען אירע פרוכט. די אומפאַרמיידלעכקייט פון קאמף צווישן אַרבעט און קאַפּיטאל האָט געבראַכט מיט זיך די וואַקסנדע שטרייק-באוועגונג. דאס אַרומיקע פּאָליטישע לעבן האָט געשטעלט פאר די דערוואכטע אידישע ארבעטער-מאסן אלץ נייע און נייע פראַגן. דאָס אַלץ האָט פאַרשטארקט די ברייטע ארבעטער-אָרגאניזאציע, וועלכע האָט גענומען אף זיך די איניציאטיוו און האָט זיך געשטעלט בעראָש פון דער אלגעמיינער ארויסטרעטונג.

...פיל געדאנקען דערוועקט באם אידישן ארבעטער זיין ערשטע אלגעמיינע אַרויסטרעטונג נאָך די יאָרן פון רעאַקציע. זי איז ווייניק צוגעגרייט געווען. פאר דער ברייטסטער אַרבעטער-מאסע איז קלאָר געווען, אַז מע מוז זיך אָפּרופן, אז מע קאָן ניט שווייגן. זי האָט געוואוסט דעם נאָענטסטן ציל פון דער ארויסטרעטונג. ניט פאַר אלעמען איז אָבער קלאָר געווען דער צוזאַמענבונד פון דער אַרויסטרעטונג מיט די אַלגעמיינע צילן פון דער גאנצער באוועגונג.

די ארויסטרעטונג איז אין טכום געווען א אידישע אַרויסטרעטונג. עמעס, אין אייניקע שטעט זיינען צוגעשטאַנען אייניקע הונדערטער פוילישע און רוסישע אַרבעטער, — דאָס ענדערט אָבער ניט דעם אַלגעמיינעם בילד. דאָס האָבן אידישע ארבעטער געזאָגט זייער שארף וואָרט קעגן די אידישע פארפאלגונגען. צי האָבן זיי אָבער געוואָלט דערמיט זאָגן, אז נאָר זיי איז נויגייע ביילִיסעס פראָצעס און נאָר ביילִיסעס פראָצעס איז זיי נויגייע?

ניין, אין קיין פאל ניט. זיי האָבן פיל געטאָן, קעדיי ארייננצוציען אויך זייערע פוילישע און רוסישע כאַווייריִם. די פעטערבורגער ארבעטער האָבן פאַרשטאנען די באַדייטונג פון אַזאַ אַרויסטרעטונג און האָבן זיך אָפּגערופן אף ביילִיסעס פראָצעס. די ברייטע פוילישע אַרבעטער-מאַסע איז ניט געווען באַקאנט מיטן גאנצן איניען און איז ניט אימשטאַנד געווען צוזאַמען אַרויסצוטרעטן. זייער באַציאונג צום פראָצעס האָבן די פוילישע אַרבעטער אויסגעדריקט אין אַ געמיינזאַמען מיט די אידישע אַרבעטער אויפרוף אין וואַרשע.

די אידישע ארבעטער האָבן געזעען די שלעכטע זייטן פון זייער איינזאמער אַרויסטרעטונג, נאָר ווען די פראגע איז געשטאַנען: אָדער אליין,

אָדער גאָרניט, האָט דער אידישער אַרבעטער, געדענקענדיק אָן זיינע ספּעציעלע אויפגאַבן, געטאָן דאָס זייניקע, און מיט דעם באַשטימט דערנעענ־טערט דעם מאָמענט פון געמיינזאַמע אַרויסטרעטונגען.

די נאַציאָנאַליסטישע העצע, די אומאויפהערלעכע פאַרפאָלגונגען האָבן דערוועקט דעם געפיל פון פּראָטעסט באַם אידישן אַרבעטער. די באַוואוסט־זיניקע אידישע אַרבעטער האָבן געמאַכט פון דעם די נויטיקע אויספירונגען און געוואונדערט דעם צאָרן און האַס אַהין, וואו ס'געפינט זיך דער עמעסער שולדיקער. נאָר האָט שוין דער אידישער אַרבעטער דערוואַכט פון זיין שלאָף, האָט זיך אומגעקוקט צו אים די פּסיכאָלאָגיע, מיט וועלכער ער האָט זיך שטענדיק אויסגעצייכנט פון דער גאַנצער אידישער געזעלשאַפט. וועט ער שוין מיט דערזעלבער ענערגיע און מוט רעאַגירן אף די פראַגן פון אַלגע־מיינעם לעבן, פאַרטיידיקן אַלע זיינע קלאַסן־אינטערעסן, ווי ער האָט דאָס געטאָן אין זיין לעצטער אַרויסטרעטונג.

פאַר קיינעם איז שוין איצט קיין סאָד ניט, אַז די אַרויסטרעטונג איז אָנגעפירט געוואָרן פון איין צענטער. אין אַ מעשעך פון עטלעכע טעג זיינען צום פּראָטעסט צוגעשטאַנען ביז 50 טויזנט אידישע אַרבעטער פון 70 שטעט. קימאַט אַ העלפט פון דער אַלגעמיינער צאָל פאַלט אף דער גרויסער וואַרשע מיט אירע צענדליקער טויזנטער אידישע אַרבעטער. נאָך איר גייען ווילנע, ביאַליסטאָק, מינסק, ריגע, האָמעל, באָברויסק, פּינסק, גראָדנע, בריסק, ווי־טעבסק, בערדיטשעוו, דווינסק, סמאַרגאָן, סלאָנים, באָריסאָוו. די גרויסע לאָדז האָט זיך קימאַט ניט אָפּגערופן אף דעם לעצטן שטרייק.

אַ שוואַכן אָפּקלאַנג האָט דער שטרייק אויך געפונען צווישן די האַנדלס־אָנגעשטעלטע און די פאַבריק־אַרבעטער (אויסער וואַרשע). דער פריקאַזשטשיקעס־צוזאַמענפאָר—באַ די האַנדלס־אָנגעשטעלטע, די פאַרזיכערונגס־קאַמפּאַניע—באַ די פאַבריק־אַרבעטער האָבן נאָר אויפגעוועקט פון שלאָף דיביידע גרופּן. ס'פעלט נאָך באַ זיי דער מוט און ענערגיע, ס'פעלט דערום אויך די נויטיקע אָרגאַניזירטקייט.

דאָס אַרומיקע לעבן, און אין דעם פּראַט אויך די לעצטע אַרויסטרע־טונג, וועט אויך זיי אַריינציען אין שטראָם.

120. דער געזעצפּראָיעקט פון דער באָלשעוויסטישער דומע־פראַקציע וועגן אָפּשאַפן אַלע אידישע באַגרעניצונגען.

(„פּוט פּראַוודי", 1914, נומ. 48).

כאַווערים!

די רוסלענדישע סאָצ. דעמ. אַרבעטער־פראַקציע*) האָט באַשטימט אַריינ־טראָגן אין דער פערטער גאָס. דומע דעם געזעצפּראָיעקט וועגן אָפּשאַפן

*) אַזוי האָט געהייסן די באָלשעוויסטישע דומע־פראַקציע.

די רעכט-באַגרעניצונגען פון די אידן און אַנדערע „פרעמדגעבירטיקע”, וואָס איר וועט געפינען אונטן.

דער געזעצפּראָיעקט איז געווידמעט דערן אָפּשאַפונג פון אַלע נאַציאָנאַלע באַגרעניצונגען בענויגייע אַלע פעלקער: אידן, פּאָליאַקן, א. א. וו. נאָר באַזונדערס אויספירלעך שטעלט ער זיך אָפּ אַף די באַגרעניצונגען בענויגייע צו די אידן. די סיבע דערפון איז קלאָר: קיין נאַציע אין רוסלאַנד איז ניט אַזוי אונטערדריקט און פארפאלגט, ווי די אידישע; דער אַנטיסעמיטיזם לאָזט אַלץ מער טיפע וואָרצלען צווישן די פאַרמעגלעכע קלאַסן. די אידישע אַרבעטער קרעכצן אונטער אַ צווייאיקן יאָך: אַלס אַרבעטער און אַלס אידן. די פארפאלגונגען פון די אידן זיינען פאַר די לעצטע יאָרן געוואָרן אויסערגעווינלעך. ס'איז גענוג צו דערמאנען די אידישע פּאָגראָמען און דעם פּראָצעס קעגן ביילִיסן.

בא אַזעלכע באדינגונגען מוז דער אידן-פראַגע אָפּגעגעבן ווערן די געהעריקע אויפמערקזאַמקייט מיצאַד די אָרגאניזירטע מאַרקסיסטן.

זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז די אידן-פראגע קאָן ערנסט געלייזט ווערן צוזאַמען מיט די גרונט-פראַגן, וואָס שטייען אַף דער טאָג-אָרדענונג אין רוסלאַנד. פאַרשטייט זיך, אַז מיר דערוואַרטן ניט פון דער פורישקעוויטש-נאַציאָנאַליסטישער פערטער דומע, אַז זי זאָל אָפּשאַפן די באַגרעניצונגען פון די אידן און אַנדערע „פרעמדגעבירטיקע”. נאָר דער אַרבעטער-קלאַס איז מחויבֿ אויפצוהייבן זיין קאָל און באזונדערס הויך קעגן נאציאָנאַלער אונטערדריקונג דאַרף קלינגען דער קאָל פון **רוסישן** אַרבעטער.

פארעפנטלעכנדיק אונזער געזעצפראָיעקט, האָפן מיר, אַז די אידישע, פוילישע אַרבעטער און די אַרבעטער פון די אַנדערע אונטערדריקטע פעלקער וועלן אַרויסזאָגן זייער מיינונג וועגן אים און וועלן אַרויסרוקן זייערע אויסבעסערונגען, אויב זיי וועלן געפינען פאַר נויטיק.

צוזאמען מיט דעם האָפן מיר, אַז די רוסישע אַרבעטער וועלן באזונדערס ענערגיש אונטערשטיצן אונזער געזעצפּראָיעקט מיט זייערע מעלדונגען א.א.וו.

צום געזעצפּראָיעקט, לויטן אַרטיקל 4 *), לייגן מיר צו אַ באזונדער רעשימע פון די קלאָלים און געזעצן, וואָס דאַרפן אָפּגעשאַפט ווערן. די דאָזיקע ביילאַגע וועט אַרומנעמען בא הונדערט אַזעלכע געזעצן, וואָס זיינען נויגייע בלויז די אידן.

פּראָיעקט פון אַ געזעץ מיקויעך אָפּשאַפן אַלע באַגרעניצונגען קעגן אידן און אַלע ביכלאַל באַגרעניצונגען, וועלכע זיינען פאַרבונדן מיט דער אָפּשטאַמונג אָדער אָנגעהעריקייט צו וועלכער ניט איז נאַציאָנאַליטעט.

1) די בירגער פון אַלע פעלקער, וועלכע וואוינען אין רוסלאַנד, זיינען גלייך פארן געזעץ.

2) קיין איין בירגער פון רוסלאַנד, אָן אונטערשייד פון געשלעכט און גלויבן, קאָן ניט ווערן באגרעניצט אין פּאָליטישע און ביכלאַל אין וועלכע

*) פון די געזעצן וועגן דער גאסוד. דומע.

ס'איז רעכט אַפן סמאַך פון זיין אָפשטאמונג אָדער זיין אָנגעהעריקייט צו אַ וועלכער ניט איז נאציע.

3) ס'ווערן אָפגעשאפן אַלע געזעצן, צייטווייליקע טאקאַנעס, באַמער-קונגען און ענלעכעס, וועלכע באַגרעניצן די אידן אין וועלכער ס'איז ספערע פון געזעלשאַפטלעכן און מעלוכע-לעבן. ס'ווערט באַטל דער ארטיקל 767 פון 9-טן טייל, לויט וועלכן: „די אידן זיינען אונטערגעוואָרפן די אַלגעמיינע געזעצן אין יענע פאלן, ווען וועגן זיי זיינען ניטאָ קיין באַזונדערע טאקאַנעס". ס'ווערן אָפגעשאפט אלע און אַלערליי באַגרעניצונגען פון די אידן אין געביט פון וואוינרעכט און פריי אַרומפאָרן, בילדונגס-רעכט, רעכט אַף מעלוכישע און געזעלשאַפטלעכע שטעלעס, וואלרעכט, מיליטער-פליכט, רעכט צו דער-ווערבן און אַרענדירן אומבאַוועגלעכע גיטער אין שטעט, דערפער א. א. וו. ס'ווערן באַטל אַלע באַגרעניצונגען קעגן אידן באַם באַשעפטיקן זיך מיט ליבעראלע פראָפעסיעס און ענלעכעס.

4) צו דעם געזעץ ווערט צוגעלייגט אַ צעטל פון אַלע טאַקאָנעס, קלאָלים און געזעצן בענוגייע אידישער רעכט-באַגרעניצונג, וועלכע באַדאַרפן אָפגעשאפט ווערן.

121. לענין וועגן געזעצפּראָיעקט.

(„נאציאָנאַלע גלייכבארעכטיקונג", „פּוט פּראוודי", 1914, נומ. 62; געזאַמלטע ווערק, ב. 19, ז.ז. 95—96).

אין נומער 48 (פון 28-טן מארס) „פּוט פּראוודי" האָט די רוסלענדישע סאָציאַל-דעמאָקראַטישע אַרבעטער-פּראקציע פארעפנטלעכט אַ געזעצפּראָיעקט וועגן נאציאָנאַלער גלייכבארעכטיקונג, אָדער, ווי ס'לויטעט זיין אָפיציעלער נאָמען—„אַ פּראָיעקט פון געזעץ וועגן אָפּשאפן אַלע רעכט-באַגרעניצונגען, וועלכע זיינען פארבונדן מיט דער אָפשטאמונג אָדער אָנגעהעריקייט צו אַ וועלכער ניט איז נאציאָנאַליטעט".

צווישן די זאָרגן און האוועגישן אין קאמף פאַרן לעבן, פאַרן שטיקל ברויט קאָנען און טאָרן די רוסישע אַרבעטער ניט פארגעסן וועגן יענער נא-ציאָנאַלער אונטערדריקונג, אונטערן יאָך פון וועלכער ס'געפינען זיך צענדלי-קער און צענדליקער מיליאָנען „פּרעמדגעבירטיקע", וועלכע באוואוינען רוס-לאַנד. די הערשנדיקע נאציאָנאַליטעט, די גרויסרוסן, באטרעפן בערערך 45 פּראָצ. פון דער גאַנצער באפעלקערונג פון לאַנד. פון יעדערע 100 איינוואוי-נער געהערן העכער 50 צו די „פּרעמדגעבירטיקע".

און אָט דידאָזיקע געוואַלדיק גרויסע באפעלקערונג איז אַוועקגעשטעלט אין לעבנס-באַדינגונגען, נאָך מער אומענטשלעכע, איידער די לעבנס-באַדינגונ-גען פון די רוסן.

די פּאָליטיק פון אונטערדריקן די נאציאָנאַליטעטן איז אַ פּאָליטיק פון צעטיילן די פעלקער. זי איז גלייכצייטיק אַ פּאָליטיק פון אַ סיסטעמאטישן

דעמאָראַליזירן דעם פאָלקס-באַוואוסטזיין. אַפּן אַנטקעגנשטעלן די אינטערעסן פון פארשיידענע נאַציעס, אַפּן פארסאַמען דעם באַוואוסטזיין פון די פינסטערע און דערשלאָגענע מאַסן זיינען געבויט אַלע כעשבוינעס פון די שוואַרצמייעניקעס. נעמט אַ וועלכע ניט איז שוואַרצמייעדיקע צייטונג, און איר וועט זיך איבערצייגן, אַז דאָס פאַרפאַלגן די „פרעמדגעבירטיקע", דאָס אונטערהיצן דעם קעגנזייטיקן אומצוטרוי צווישן רוסישן פויער, רוסישן קליינבירגער, רוסישן באַלמעלאָכע און דעם פוילישן, אידישן, אוקראַינישן און גרוזינישן פויער, קליינבירגער און באַלמעלאָכע—אָט דאָס איז די שפּייז, מיט וועלכער ס'דערנערט זיך די גאַנצע שוואַרצמייעדיקע באַנדע.

אָבער דער אַרבעטער-קלאַס דאַרף האָבן ניט קיין צעטיילונג, נאָר פאַראייניקונג. ס'איז ניטאָ פאַר אים קיין מער ביטערער סוינע, ווי די ווילדע פאָרורטיילן און די אָבערגלויבענישן, וועלכע זיינע סאָנים פלאַנצן איין אין די פינסטערע מאַסן. דאָס אונטערדריקן די „פרעמדגעבירטיקע" איז אַ שטעקן מיט צוויי עקן. מיט איינעם שלאָגט ער דעם „פרעמדגעבירטיקן", מיטן אַנדערן—דאָס רוסישע פאָלק.

און דעריבער—מוז דער אַרבעטער-קלאַס אַפּן אַנטשיידנסטן אויפן זיך אַרויסזאָגן קעגן וועלכער ניט איז נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג.

קעגן דער אַגיטאַציע פון די שוואַרצמייעניקעס, וועלכע פּרוּוון אָפּצוּווענדן זיין אויפמערקזאַמקייט אַף דער העצע פון די „פרעמדגעבירטיקע", דאַרף ער אַרויסשטעלן זיין איבערצייגונג אין דער נויטיקייט פון פולשטענדיקער גלייכבארעכטיקונג, אַ פולשטענדיקן און ענדגילטיקן אָפּזאָגן זיך פון וועלכע ניט איז פּריווילעגיעס פאַר וועלכער ניט איז נאַציע.

אַ באַזונדערס פיינטלעכע אַגיטאַציע פירן די שוואַרצמייעניקעס קעגן די אידן. דעם שאַער לאַזאַל פאַר זייערע אַלע כאַטאָים ווילן די פורישקעוויטשעס מאַכן דאָס אידישע פאָלק.

און דעריבער גיט אָפּ גאַנץ ריכטיק די רוסלענדישע סאָצ. דעמ. אַרב. פראַקציע דעם הויפּט-אָרט אינם געזעצפּראָיעקט דער אידישער רעכטלאָזיקייט.

אי די שול, אי די פּרעסע, אי די פאַרלאַמענטס-טריבונע,—אַלץ, אַלץ ווערט אויסגענוצט אַף צו פאַרפלאַנצן אַ פינסטערן, ווילדן, בייזן האַס צו די אידן.

פאַר דערדאָזיקער שוואַרצער, נעוואַלעדיקער זאַך נעמען זיך ניט דאַווקע די אויסוואורפן פון דער שוואַרצער מייע, פאַר איר נעמען זיך אויך רעאַקציאָנערע פּראָפעסאָרן, געלערנטע, זשורנאַליסטן, דעפּוטאַטן. מיליאָנען און מיליאַרדן רובל ווערן אויסגעגעבן אַף דעם, קעדיי צו פאַרסאַמען דאָס באַוואוסטזיין פון פאָלק.

ס'איז אַן ערע-זאַך פאַר די רוסישע אַרבעטער, אַז דער געזעצפּראָיעקט פון דער ר.ס.ד.א. פראַקציע קעגן דער נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג זאָל זיין אונטערגעשטיצט מיט צענדליקער טויזנטער פּראָלעטאַרישע אונטערשריפטן און מעלדונגען... דאָס וועט בעסער פון אַלץ פאַרפעסטיקן די פולשטענדיקע

איינהייט, דאָס צוזאמענשליסן צווישן אַלע אַרבעטער פון רוסלאַנד אָן אונטער־שייד פון נאַציאָנאַליטעט.

122. צוליב פראקציאָנעלער קאָנקורענץ איז דער בונד קעגן דעם געזעצפּראָיעקט.

(ב. מיכאַלעוויטש: „דער געזעצפּראָיעקט איבער גלייכבארעכטיקונג", „די צייט", 1914, נומ. (54) 15).

...אָנגענומען אַ ריכטיקן באשלוס, האָבן די זעקס דעפּוטאַטן מיט זייער געזעצפּראָיעקט, וועלכן זיי האָבן פּובליקירט, באוויזן באשיינפּערלעך, דאָס זייענדיק אָרגאַניזאַציאָנעל אָפּגעריסן פון די אידישע אַרבעטער-מאַסן, זיינען זיי לאכלוטן ניט פעאיק צו פאנאנדערקלייבן זיך אין דער פראגע, וועלכער „זיי גיבן אָפּ זייער אויפמערקזאַמקייט".

...ביכלאל טראָגט דער געזעצפּראָיעקט דעם שטעמפּל פון אומפארשטענד־לעכער איילעניש, און פון איילעניש, ווי ס'איז באוואוסט, קומט קיינמאָל קיין גוטס ניט אַרויס...

אין עמעסן, וואָס פאר אַ זינען האָבן די געזעצפּראָיעקטן, אַריינגעטראָגן דורך די ס. ד. אין דומע? קיינער ווארט דאָך ניט פון זיי, דאָס זיי זאָלן האָבן שאנסן דורכצוגיין אין דער איצטיקער שווארצמייעדיקער דומע. און זיי ווערן גע-שריבן, אַריינגעטראָגן און פארטיידיקט נאָר אלס פּאָליטישער מוסטער-לימעד: זיי זאָגן דעם אַרבעטער און די בּרייטע מאסן: אָט דאָס באדארפט איר האָבן, אַזוי וואָלטן געדארפט געזעצן געשריבן ווערן, ווען די דומע וואָלט זיך מיט אייערע אינטערעסן גערעכנט; קעדיי דער אָדער יענער געזעצפּראָיעקט זאָל טרעפן אין פינטל, איז נויטיק ער זאָל זיין געשריבן ביפראטעס, פאנאנדער-גענומען אַף שטיקלעך, אז אַלע זאָלן אים קאָנען אָנטאַפּן. אַ גרויסע אַגיטאַ־ציאָנס-באדייטונג האָט אויך דער פּיירעש, וועלכער ווערט צוגעגעבן צום גע־זעצפּראָיעקט און וועלכער פּארטייטשט אים.

דער געזעצפּראָיעקט אָבער, וועלכן די 6 דעפּוטאַטן האבן פּובליקירט, הויבט זיך אָן מיט צוויי דעקלאַראַטיווע פּונקטן מיקויאך אָפּשאפן אלע באגרע-ניצונגען, אַרויסגערופן דורך אָפּשטאמונג אָדער נאציאָנאַלער אָנגעהעריקייט, און שטוקעוועט זיך קינסטלעך צונויף מיט איין פּונקט, וועלכער אנטהאלט אין זיך ניט קיין געגויען צעטל פון די אידישע באגרעניצונגען. מיר געפינען ניט פאר אים קיין דערקלערונגס־זאפּיסקע*), מיר האָבן ניט קיין אַנדער צוגריי-טונגס-מאטעריאל. דערדאָזיקער געזעצפּראָיעקט טראָגט גיכער אַ כאראקטער פון אַ מוידאָע איבער פארפארטיקן אַ געזעץ, ווי דער געזעצפּראָיעקט גופע.

ווי אונז איז באוואוסט, איז די סאָצ. דעם. פראקציע**) שוין לאַנג.

---

*) מעמאָראַנדום.

**) דאָס ליקווידאַטאָריש זיבעטל.

מיטן אנטייל פון די פֿאַרשטייער פון די אידישע אַרבעטער, באַשעפֿטיקט מיט דער דאָזיקער פראַגע, און צו איר און נאָר צו איר באַדאַרפֿן זיך די אידישע אַרבעטער ווענדן מיט זייערע מעלדונגען און רעזאָלוציעס.

123. די אידישע אַרבעטער באַגריסן דעם געזעצפּראָיעקט.

(„די צייט“, 1914, נומ. 15, „דאס ווארט“, 1914, נומ. 4).

די ווילנער אָנפֿירנדע איינריכטונג *) האָט אַוועקגעשיקט אַפֿן נאָמען פֿון דעם סאָציאַל-דעמאָקראַטישן דעפּוטאַט מאַלינאָווסקי אַ באַגריסונג די סאָציאַל-דעמאָקראַטן פֿאַר זייער באַשלוס אַריינצוטראָגן אין גאָס. דומע אַ געזעצפּראָיעקט וועגן אָפּשאַפֿן די באַגרעניצונגען פֿאַר די אידן [161].

* *
*

...מיר, אָרגאַניזירטע סלאָנימער אידישע אַרבעטער **), געפֿינען פֿאַר אונזער הייליקסטן כויוו צו אונטערשטיצן דעם געזעצפּראָיעקט וועגן פולער אידישער גלייכבאַרעכטיקונג, וואָס איז אַריינגעטראָגן געוואָרן אין גאָס. דומע דורך דער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער פראַקציע, און זאָגן אַרויס אונזער טיפֿע איבערצייגונג, אַז איר דער ווילן איז דער ווילן פֿון די צענדליקער טויזנטער אידישע שמאַכטנדע מאַסן, וועלכע זיינען גרייט זיי צו שטיצן מיט אַלע זייערע קרעפֿטן.

* *
*

...באַ אונז ***) אין פֿאַרגעקומען אַ פֿאַרזאַמלונג פֿון 71 אַרבעטער, וואו ס'איז אָנגענומען געוואָרן אַ באַשלוס אונטערצושטיצן דעם געזעצפּראָיעקט פֿון אידישער גלייכבאַרעכטיקונג, וועלכער איז אַריינגעטראָגן געוואָרן אין גאָס. דומע דורך דער ס. ד. פראַקציע...

124—127. די דיסקוסיע אין בונד פֿאַרן VIII צוזאַמענפֿאָר.

א. א פֿאָרשלאַג ארויסצוטרעטן פֿון ליקווידאַטאָרישן אווגוסט-בלאָק.

(סארע ברענער: „צו דער אָרגאַניזאַציאָנס-פראַגע“, „די צייט“, 1914, נומ. 18).

איינע פֿון די וויכטיקסטע פֿראַגן, וואָס די אידישע אַרבעטער-דעמאָקראַטיע וועט דאַרפֿן אינגיכן פֿאַרענטפֿערן, איז די פֿראַגע וועגן דער באַציאונג צו דער רוסלענדישער פּאַרטיי.

*) דער בונדישער קאָלעקטיוו.

**) די לעצטע צוויי רעזאָלוציעס זיינען פֿון פּויאַליי-ציאָניסטישע אַרבעטער-גרופּן.

***) אין פּינסק.

...די לאגע אין דער רוסלענדער פּאַרטיי איז איצט, ווי באוואוסט, אַזאַ: פון איין זייט, שטייט לענינס פראקציע (די „באַלשעוויקעס״), וואָס האַלט זיך שטאַל און אייזן פאר יעדן פינטעלע פון אירע רעזאָלוציעס; אין מיטן געפינט זיך א ריי גרופּעס און גרופּעלעך, וואָס האָבן קימאַט קיין שום איינפלוס ניט, און אָפּן אַנדערן פליגל שטייט דער בלאָק פון די אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן זיך פאַראייניקט אין אַווגוסט 1912. אַט אין דעמדאָזיקן בלאָק זיינען אריינגע-טראָטן אויך די אָרגאַניזירטע אידישע אַרבעטער. זיי האָבן זיך פאַראייניקט מיט יענער שטרעמונג פון די רוסישע אַרבעטער, וואָס ווערט אַנגערופן פון די קעגנער „ליקווידאַטאָרישע״; אויך די לעטן זיינען צוגעשטאַנען צום בלאָק.

ניט די לעטישע און ניט די אידישע אַרבעטער זיינען זיך צונויפגעגאַנ-גען אין אלע פראַטים מיט די אזוי גערופענע „ליקווידאַטאָרן״; זיי האָבן אָבער דערויף ניט געקוקט, ווייל פאר זיי איז געשטאַנען א וויכטיקערע פראגע: די פאראייניקונג פון אלע צעברעקלטע מאַרקסיסטישע קוי-כעס.

איצט זיינען פאַרביי שוין קימאַט צוויי יאָר, זינט דער אווגוסט-קאָנפע-רענץ, און ס׳איז שוין צייט אונטערצופירן א געוויסן סאכאקל. צי האָט די ארבעט פון אווגוסט-בלאק געהאט א פאולע? ווער ס׳וויל ניט באוואוסטזיניק פארמאכן די אויגן, מוז ענטפערן אף דער פראגע מיט א „ניין!״

לענינס פראקציע האלט זיך ווייטער אף איר „אויסגעהאלטענער״ פּאָ-זיציע. טראצקי גיט ארויס אן אייגענעם זשורנאל. די לעטן האבן אפּגערופן זייער פארשטייער פונם צענטער פון בלאק. בעכיין, ווער איז דארט געבליבן? די אידישע ארבעטער און דער טייל מענשעוויקעס, וואָס ווערט גערופן „ליקווידאטארן״!

בא אַזא לאגע געווינט ניט קיינער פון ביידע צדדים: ניט די אידישע און ניט די אלגעמיין רוסלענדער ארבעטער-באוועגונג.

געשלאסן האט מען דעם בלאק ניט צוליב דעם, וואָס מע איז אידיי-איש צוזאמענגעוואקסן מיט די „ליקווידאטארן״. אָט מיט די „לענינצעס״ גייט מען זיך פאנאנדער אין אסאַך וויכטיקע פראַגן, פונדעסטוועגן איז מען גרייט זיך מיט זיי צו פאראייניקן, אויב זיי וועלן נאָר אנערקענען די גלייכבא-רעכטיקונג פון אלע פראקציעס אין רוסישן מארקסיזם. מיט די „ליקווידאַטאָרן״ איז מען זיך צונויפגעגאנגען צוליב דעם, וואָס מע האָט גערעכנט, אז דאָס וועט מיטהעלפן דער אלגעמיינער פאראייניקונג, אז דאָס וועט פאַרזיכן פאר די „באַלשעוויקעס״ דעם ביטערן טראָפּן פון מענשעוויזם. איצט איז שוין צייט אָפּן צו זאָגן, אז מיר האָבן א טאָעס געהאט.

פון דער פאַראייניקונג איז גאָר ניט געוואָרן: די אידישע אַרבעטער-דע-מאָקראַטיע איז די איינציקע, מיט וועלכע די מענשעוויקעס זיינען פאַראייניקט; אויב אזוי, דארף מען קאָנען ציען די קאָנסעקווענצן.

די פאָרשטייערשאַפט פון די אידישע אַרבעטער דאַרף שטארק א קלער טאָן וועגן דעם, צי איז ניט קעדאַי נאָכצוטאָן די לעטן. זיי זיינען אויך ניט אָפּגעטראָטן פון זייער פריערדיקער ריכטונג, און זייערע אלגעמיינע רעזאָלו-

ציעס זייגען מענשעוויסטישע (זע דעם כאַוועט יאַנאָווס[162]) אַרטיקלען אין „צייט", נום. 13 און נום. 14) ; פונדעסטוועגן זייגען זיי געקומען צום אויספיר, אַז פאַר אַ פאַרייניקונג פון אַלע ס.-ד. קרייזן האָט דער אווגוסט-בלאָק קיין זאַך ניט אויפגעטאָן.

דער אינטערנאַציאָנאַל פלאַנעוועט, ווי באַוואוסט, אַ קאָנפערענץ פון אַלע רוסלענדער מאַרקסיסטישע גרופּן וועגן דער פאַרייניקונגס-פראַגע *); אַהין וועט יעדער צאַד קומען מיט זיינע טאַינעס, און דאָרט וועט קלאָר ווערן, צי איז די פראַקציאָנערע היץ שוין אַף אַזוי פיל אָפּגעקילט געוואָרן, אַז אַ פשאָרע איז מעגלעך. אַף דערדאָזיקער קאָנפערענץ וועלן די אידישע אַרבעטער, זעלבסטפאַרשטענדלעך, איינשטעלן זייער גאַנצע ווירקונג, קעדיי צו אויפצוווייזן די שעדלעכקייט פון יעדער שפּאַלטונג: אָבער ביז דעמאָלט וועט עפּשער זיין נוצלעכער פולקאָמע זעלבשטענדיקייט בענויגיע צו אָרגאַניזאַציע און קאָאָרדינירונג מיט אַלע אָרגאַניזאַציעס פון די רוסישע אַרבעטער.

ב. קעגן שאַבעס-רו.

(מ. ו.: „וועגן שאַבעס-רו", „די צייט", 1914, נומ. 13).

...באַ דער צוגרייטונגס-אַרבעט צום פריקאַזטשיקעס-צוזאַמענפאָר האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אַף וויפל ס'האַנדלט זיך וועגן דער פּאָליטישער פאָדערונג, איז די גאַנצע אידישע אַרבעטער-דעמאָקראַטיע געבליבן שטיין אַפן שטאַנדפּונקט פון שאַבעס-רו. ס'איז אָבער אויך געוואָרן קלאָר, אַז אַפילע אין באַציאונג צו דער פּאָליטישער פאָדערונג זייגען אַרויסגעטראָטן דיזעלבע מייגונגס-פאַרשיידנהייטן, ווי אין אָקטיאַבר 1910 *)...

...אַזוי קאָן דאָס באַשטימט ניט פאַרבלייבן. די פראַגע מוז דעם מאָל אַנטשיידן באַשלאָסן ווערן. מע קאָן דערוואַרטן, אַז די אַלגעמיינע מיינונג וועט זיך קלאָרער אַרויסווייזן, און ס'וועט ניט אויסקומען אויסצואַרבעטן קיין קאָמפּראָמיסן, ווי דאָס איז געווען אין אָקטיאַבר 1910.

נאָר ניט נאָר אין דעם וועט זיך האַנדלען באַ דער נייער באַטראַכטונג פון דער פראַגע פון שאַבעס-רו. פאַר די לעצטע יאָרן איז די פראַגע געוואָרן פיל ברייטער. זי האָט זיך געשטעלט פאַרן אַרבעטער-קלאַס ניט נאָר באַם באַשטימען זיינע פּאָליטישע פאָדערונגען. ער טרעפט זיך מיט איר אין עקאָנאָמישן, אין קולטורעלן לעבן. די רעזאָלוציע פון 1910 ענטפערט שוין ניט אַף די אַלע נייע פראַגן. זי מוז ברייטער און קלאָרער פאָרמולירט ווערן, קעדיי ניט איבערצולאָזן קיין מעגלעכקייט פון צווייטייטיקע פיירושים.

די שאַבעס-רו איז פאַרווּרצלט דורך דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג. די שאַבעס-רו מוז אונטערגיין. דאָס איז קלאָר פאַר יעדן מאַרקסיסט.

---

*) זע ווייטער, נומ. 129.

*) אַף דער VIII קאָנפערענץ פון בונד.

די אָפּזונדערונג פון די אידן און ניט-אידן אין זייער עקאָנאָמישער אר-בעט איז א רעזולטאט פון דער שוואַכער קאַפּיטאַליסטישער אנטוויקלונג. זי איז מעגלעך נאָר ביז אין לעבן הערשן דער קליין-באַטריב, דער קליין-האנדל. וואָס מער ס׳ווערט צונויפגעבונדן די שטאָט מיטן דאָרף, וואָס מער דער גרויס-קאַפּיטאַל פארכאַפּט דעם האנדל און אינדוסטריע, אלץ ענגער פאַרבינדן זיך די אידן מיט די ניט-אידן; ס׳ווערט אונטערגעבראָכן יעדער סימען פון דער זאגענאנטער נאציאָנאַלער ווירטשאַפט, וועגן וועלכער ס׳טרוימען נאָך אונזערע היימישע נאציאָנאלע סאָציאַליסטן **)...

די אידן בילדן א קליינע מינדערהייט צווישן דער באַפעלקערונג פון דעם גאַנצן געגנט. בעאייס די פּראָדוקציאָן גייט איבער צום אויסאַרבעטן סכוירע אין א גרויסער מאָס, בעאייס ס׳אָנטשטייען גרויסע אונטערנעמונגען, ציען זיי צו צו זיך אַרבעטסלאָזע פון שטאָט און פון דאָרף; פון אידן און פון ניט-אידן. די אידן זעלבסט קאָנען ניט צושטעלן די נויטיקע צאָל ארבע-טער פאר דער גאנצער אינדוסטריע. ס׳איז דערום אוטאָפּיסטיש צו האָפן, אז ס׳וועלן זיך בילדן גרויסע אונטערנעמונגען מיט דורכויס אידישע ארבעטער... די גרויסע אונטערנעמונגען פּאַסן זיך צו צום אלגעמיינעם עקאָנאָמישן לעבן און רוען אין די טעג, ווען ס׳רוט געוויינלעך די באַפעלקערונג פונם גאַנצן געגנט. איינהאלטן די שאַבעס-רו איז א פּאָשעטע רעאַקציאָנערע אוטאָפּיע. די שאבעס-רו מוז אומפאַרמיידלעך אונטערגיין...

די אידישע ארבעטער-מאַסע האלט זיך אויך פעסט אָן דער שאַבעס-רו. די ברייטע מאַסן צוליב דער טראדיציע, דער באוואוסטזיניקער טייל צוליב דעם, וואָס ער וויל געמיינזאַם מיט דער גאַנצער מאסע באַפרידיקן זיינע קולטורעלע באַדערפענישן.

די לעצטע צייט האָט מען בא אונז אָנגעהויבן אַרויסרוקן אַפן אויבן-אָן דעמדאָזיקן מאָטיוו. צי קאָן דאָס אָבער זיין דער הויפּט-מאָטיוו, דורך וועלכן מע דארף אָנטשיידן די פראַגע וועגן רו-טאָג? צי איז ניט געקומען דער לאָדזער טעקסטיל-פאַריין צו דעם, אז ער האָט געמוזט איינשטעלן די זיצונגען אום זונטיק אָוונט, ווייל א טייל מיטגלידער האָט געאַרבעט שאַבעס (אלע זיינען געווען אידן)?...

אין אונזער קולטורעלער אַרבעט, אין אונזער עקאָנאָמישער ארבעט דארפן מיר שטענדיק ארויסגיין דערפון, אז די שאַבעס-רו מוז אונטערגיין. דעם געדאנק דארף מען ברייט און טיף איינפלאַנצן אין דער ברייטער אידי-שער מאַסע, דאן וועט דער פּראָצעס פאָרקומען לייכטער, און די אידישע אַרבעטער וועלן וויניקער ארויסגעשטופּט ווערן פון דער פּראָדוקציאָן. און ווען דער פּראָצעס פון איבערגיין צו העכערע פּראָדוקציאָנס-צווייגן האָט זיך טיף ארייגעכאַפּט אין א וועלכער ניט איז צווייג פון דער פּראָדוקציאָן, דארף די אויפגאַבע פון די פּראָפעסיאָנעלע פאריינען, פון דער אידישער ארבעטער-פּרעסע זיין צו פאַרשטאַרקן דאָרטן די ארבעט אין דער אָנגעוויזענער ריכטונג.

„ס. ס.״, פּויאַלייציאָן.

רופן אלע אַרבעטער, זיי זאָלן פאָדערן ארבעט אף די גרויסע אונטערנעמונגען, דעמאָנסטרירן זייער גרייטקייט צו ארבעטן אום שאַבעס...

ס'זיינען פאַראַן צוויי ריכטונגען אין דער פראגע, און זיי קעמפן צווישן זיך אין אונזערע רייען. אזוי ווי דער שאַבעס דינט פאַר די אידישע ארבע-טער אלס טאָג, ווען זיי באפרידיקן זייערע קולטורעלע באַדערפעניש, און אַזוי ווי ס'איז וויכטיק, אז אַלע אידישע אַרבעטער זאָלן די קולטורעלע באדערפע-נישן באפרידיקן צוזאַמען, פאָדערן מיר, דאָס געזעץ זאָל איינשטעלן פאר אידן די שאַבעס-רו. די מאָטיווירונג פון דער רעזאָלוציע ווידערשפרעכט שוין איצט דער פאַקטישער לאַגע, ווייל א גרויסער טייל אידישע האַנדלס-אָנגעשטעלטע ארבעט שוין איצט אום שאַבעס. די באַשטימונג פון דער פראגע, וועלכע זאָגט: דו ביסט א איד — ארבעט זונטיק און רו שאַבעס, — די אגיטאַציע צווישן דער אידישער מאַסע פאַר אזא פאָדערונג וועט באשטימט נאָך פאַרשטאַרקן די טראַדיציאָנעלע צוגעבונדנקייט צו דער שאַבעס-רו. אזא לייזונג פון דער פראגע שטייט אין ווידערשפרוך מיט די אויפגאַבן, וועלכע מיר דארפן פאַר-פאָלגן אין אונזער קולטורעלער און עקאָנאָמישער ארבעט אין באַציאונג צו דער שאַבעס-רו. אזא לייזונג פון דער פאָליטישער פראַגע דאַרף באַשטימט אָפּגעוואָרפן ווערן...

אונזער פאָזיציע אין דער פראגע דארף זיין פאָלגנדע. מיט אונזער גאנצער ארבעט מיטהעלפן, די ארבעטער זאָל וואָס לייכטער זיין צו וואַרפן דעם שאַבעס, ווי נאָר דאָס ווערט נויטיק צוליב דער עקאָנאָמישער אנטוויקלונג. אין אונזער קולטורעלער טעטיקייט, אין דער שול, צוגרייטן דערצו אויך די גאנצע באפעלקערונג. פאר דעם גאַנצן איבערגאַנגס-פעריאָד, קאָלומאַן ס'זיינען פאַראַן גרויסע מאַסן, וועלכע רוען שאַבעס, דארפן מיר פאָדערן די געזעצלעכע גאַראַנטיע פונם רעכט צו פייערן א צווייטן טאָג *).

ג. באָברויסקער ארבעטער רופן ארויסצוטרעטן פון די בורזשואזע קולטור-געזעלשאַפטן.

(קאָרעספּאָנדענץ פון באָברויסק. „די צייט״, 1914, נומ. 17).

אַף א פאַרזאַמלונג פון באוואוסטזיניקע אָרגאַניזירטע ארבעטער, וואו ס'איז באהאַנדלט געוואָרן די פראגע וועגן אונזער אנטייל אין די קולטורעלע בעוורעס, ספּעציעל אין דער „מעפיצײ האַסקאָלע״, איז אָנגענומען פאָלגנדע רעזאָלוציע:

„נעמענדיק אין באַטראַכט: 1) אז די בעוורע „מעפיצײ האַסקאָלע״ האָט זיך די לעצטע צייט געשטעלט אף אן אויסגעשפּראָכן ר'עאַקציאָנערן וועג ווי אין איר אלגעמיינער פּאָליטיק, אזוי אויך אין איר פּראַקטישער טעטיקייט. 2) אז די אינטערעסן פון די קולטורעלע באדערפענישן פון די אידישע פאָלקס-

*) ניט זונטיק.

מאסן ווערן פון איר פולשטענדיק איגנאָרירט, 3) אז די טענדענץ צו באַגרעניצן דעם צוטריט פון די דעמאָקראטישע עלעמענטן אין אירע רייען ווערט אלץ שטארקער און פיבערער, 4) אז דער אקטיווער אנטייל פון דער ארבעטער-דעמאָקראטיע אין דער כעוורע רופט זיך שעדלעך אָפּ אף אונזער אלטעגלעכער ארבעט, 5) אז די ארבעט אין דערדאָזיקער כעוורע באַשאַפט באַ די ברייטע ארבעטער-מאסן א אילוזיע, אז אונזערע קולטורעלע באַדערפענישן קאָנען באַפרידיקט ווערן דורך פריוואטע צדאָקע-כעוורעס, און צוליב דעם ווערט אָפּגעשוואַכט אונזער פּאָליטישער קאַמף פאר דער שול און בילדונג ביכלאַל, 6) אַז מיט אונזער זיין אין דערדאָזיקער אויסגעשפּראָכן רעאקציאָנערער כעוורע פארדעקן מיר אלע אירע מאַיסים און גיבן איר דעם כאראַקטער פון א פּאָלקס-כעוורע, אין וועלכער ס'זיינען פארטראָטן אלע קלאסן פון פּאָלק און 7) אז די קולטורעלע באדערפענישן פון די אידישע אַרבעטער-מאַסן קאָנען באפרידיקן נאָר ארבעטער-געזעלשאַפטן,—געפינען מיר, אז די אידישע ארבעטער דארפן אין דער כעוורע „מעפיצי האַסקאָלע“ ניט ארייַנטרעטן, און איינע פון די דרינגנדסטע טאָג-אויפגאַבן איז צו גרינדן אייגענע קולטורעלע ארבעטער-געזעלשאַפטן. נאָר זיי קאָנען באפרידיקן די קולטורעלע באדערפענישן פון די ארבעטער-מאַסן.

ד. קעגן פארברייטערן די קאָמפעטענץ פון דער נאַציאָנאל-קולטורעלער אווטאָנאָמיע.

(פ. ליבמאן 163): „די ארבעטער-פּאָליטיק אין דער עמיגראַציאָנס-פראגע“. „צייטפראגן“, 1914, נומ. 2, ביילאגע צו „אונזער צייט“, ג. 7).

ווי לאַנג די רעדע איז וועגן דעם, וואָס מע דאַרף טאָן אפן געביט פון דער עמיגראַציאָנס-פראַגע, זיינען באַ אונז אייגנטלעך קיין כילוקע-דייעס ניטאָ. כילוקע-דייעס הויבן זיך אָבער אָן, ווי נאָר מיר שטעלן זיך די פראַגע, ווער דאַרף עס טאָן. אנדערש געזאָגט, די שטרייט-פראַגן דרייען זיך ניט אַרום דעם אינהאַלט פון אונזער פּאָליטיק אין דער עמיגראַציאָנס-פראַגע, נאָר אַרום דעם, וועלכע איינריכטונגען דארפן זיך מיט דיזער פּאָליטיק פאַרנעמען.

...פרינציפּיעל שטייט די פראַגע אזוי: צי דאַרף די רעגולירונג פון דער עמיגראַציע געהערן צו די פונקציעס פון די אלגעמיינע מעלוכע-איינריכטונגען (און אָרטיקע זעלבסטפאַרוואַלטונגען), אָדער מע דאַרף פאָדערן, זי זאָל פון זיי אויסגעטיילט ווערן און איבערגעגעבן ווערן אינם אווטאָנאָמען רעשוס פון יעדער נאַציאָן, וואָס וואוינט אין דער רוסלענדער מעלוכע? מיט אַנדערע ווערטער, צי דאַרף די נאַציאָנאַלע אווטאָנאָמיע ספּעציעל באַ אידן ארומנעמען, צוגלייך מיט קולטור-איניאָנים, אויך די רעגולירונג פון דער עמיגראַציע, אָדער ניט?

ליטוואק (אינם זאמלבוך „צייטפראגן", ב. 3) האָט זיך ארויסגעזאָגט, אז די עמיגראַציאָנס־אָנגעלעגנהייטן דארפן איבערגעגעבן ווערן דער נאציאָנאַלער אווטאָנאָמיע. איך האלט אַזאַ מיינונג פאַר דורכויס פאַלש.

אזא פאָדערונג וואָלט געווען קעגן אונזער אלגעמיינעם שטאנדפונקט אין דער נאציאָנאַלער פראגע. קיין טעריטאָריאַליסטישע באלוימעס זעען מיר דאָך אין דער רעגולירונג פון דער עמיגראציע ניט, קיין ספעציפיש־נאציאָנאַלע פערספעקטיוון שטעלט זי אלזאָ פאר אונז ניט פאָר; די עמיגראציאָנס־פראַגע איז פאר אונז אַ סאָציאל־עקאָנאָמישע פראגע און, ווי מיר האָבן עס שוין אויבן געזען, קוידעמקאָל טאַקע אַן ארבעטער־פראַגע אין ענגן זין פון וואָרט. עמעס, בא אידן האָט די רעגולירונג פון דער עמיגראציע און געוויסע אנדערע פראגן (ווי, צ. ב., די רעגולירונג פונם האנטווערק) אַ פיל שארפערע באדייטונג, ווי בא אַנדערע נאציאָנען אין רוסלאנד; זיי הערן אָבער דורך דעם ניט אויף צו זיין סאָציאל־עקאָנאָמישע פראַגן. און סאָציאל־עקאָנאָמישע פראגן, האלטן מיר, מוזן בלייבן אינם רעשוס פון די אלגעמיינע מעלוכע־אָרגאַנען, פון די אָרטיקע זעלבסטפאַרוואלטונגען און דארפן בעשום אויפן ניט איבערגעגעבן ווערן אינם רעשוס פון דער נאציאָנאלער אווטאָנאָמיע.

איך רייד שוין ניט וועגן דעם, וואָס די נאציאנאַלע רעגולירונג פון דער עמיגראציע וואָלט די זאַך אזוי פארפלאָנטערט, אז זי וואָלט פראקטיש געוואָרן קימאַט אומעגלעך דורכצופירן. דער לעזער וועט זיך עס אליין גאנץ גלייך קלאָר מאַכן, ווען ער וועט זיך נאָר פאָרשטעלן פאָלגנדעס: וואָס פאַר אַ מיש־מאַש וואָלט זיך באקומען, ווען, צ. ב., די שיפן, וועלכע פירן עמיגראנטן פון רוסלאַנד, וואָלטן געהאט צו טאָן מיט אַ פאָר צענדליק פאַרשיידנארטיקע נאציאָנאלע עמיגראנטן־שוץ־געזעצגעבונגען (אידישע, פוילישע, ליטווישע, רוסישע א. א. וו.). וואָס דאָס וואָלט געדארפט אָפּקאָסטן, ווען, צ. ב., אנשטאָט איין עמיגראציאָנס־אינספעקטאָר צו פארטיידיקן די עמיגראנטן וואָלט אויף יעדן שיף געדארפט אויסגעהאלטן ווערן אזוי פיל אינספעקטאָרן, וויפיל נאציאָנען ס'זיינען פאָרגעשטעלט צווישן די וואנדערער, אָדער ווען אין יעדער שטאָט, וואו איין אינפאָרמאציאָנס־ביוראָ פאר עמיגראנטן וואָלט גענוג געווען, וואָלטן געמוזט געשאפן ווערן עטלעכע, פאר די עמיגראנטן פון יעדער נאציאָן באזונדער א. א. וו. דערצו נאָך, ווען יעדע נאַציאָן וואָלט באַזונדער געדארפט אויסהאלטן קאָרעספאָנדענטן אין די איינוואנדערונגס־לענדער פאַר אירע וואנדערער, ווי פארהעלטניסמעסיק קליין וואָלט דאן געמוזט זיין די צאָל קאָרעספאָנדענטן פאר יעדן פאָלק, ווי ווייניק ספעציאליזירט וואָלטן זיי געווען אין זייער אַרבעט און ווי אויבערפלעכלעך וואָלטן געווען די ידיעס, וואָס זיי וואָלטן שאפן איבער די פארהעלטענישן אין די פארשיידענע איינוואנדערונגס־פונקטן!

פראקטיש קימאט אומעגלעך און פרינציפיעל ניט אויסגעהאלטן זעט בא מיר אויס די פאָדערונג וועגן נאציאָנאלער רעגולירונג פון דער עמיגראציע, ווי אַ רעשט פון יענעם נאַציאָנאַל־אוטאָפּיסטישן נעבל, מיט וועלכן די עמי־

גראַציאָנס-פראַגע איז בײַ אידן לאַנג געווען פאַרהילעט און וועלכער האָט ניט געלאָזט זעען דעם איינפאַכן עמעס, אַז די עמיגראַציאָנס-פראַגע איז ניט קיין ספּעציפיש-נאַציאָנאַלע, נאָר אַ סאָציאַל-עקאָנאָמישע פראַגע.

די מיינונגס-פאַרשיידנהייט אין דיזער פראַגע רירט אָן, ווי מע זעט, אונזער אַלגעמיינעם נאַציאָנאַלן פּראָגראַם און האָט דעריבער פאַר אונז אַ וויכטיקן פּרינציפּיעלן ווערט.

128. די פּירער פון בונד אַף די אַלטע ליקווידאַטאָרישע פּאָזיציעס.

(לייט-אַרטיקל „דער בלאָק", „די צייט", 1914, נומ. 20).

אין אַרטיקל „צו דער אָרגאַניזאַציאָנס-פּראַגע" („צייט", נ. 18) הויבט באַווערטע סאָרע בּרענער אויף די פראַגע וועגן דעם אַנטייל פון די אידישע אָרגאַניזירטע אַרבעטער אין דעם אויגוסט-בלאָק.

...פריער פאַר אַלץ מוז מען אָנווייזן, אַז מיט דעם וואָרט „ליקווידאַטאָר" איז בײַ סאָרע בּרענער ניט פאַרבּונדן קיין קלאָר, איין מאָל פאַר אַלע מאָל באַשטימטער, באַגריף. דאָסזעלבע וואָרט האָט אינם אַרטיקל איין מאָל איין באַדייטונג, אַ צווייטן מאָל דורכויס אַן אַנדער באַדייטונג.

...אויב מע זאָל פרעגן די קעגנער, די לעונינצעס הייסט עס, וועלן זיי אייך זאָגן, אַז דער גאַנצער אויגוסט-בלאָק באַשטייט דורכויס פון ליקווידאַטאָרן. לויט לעונינען זיינען די אידישע אָרגאַניזירטע אַרבעטער אויך ליקווידאַטאָרן, האַגאַם זיי האָבן זיך קיין מאָל ניט אָפּגעזאָגט פון זייערע אונטערערדישע אָרגאַניזאַציעס. לויט לעונינען זיינען די לעטן ביז זייער לעצטן צוזאַמענפאָר אויך געווען ליקווידאַטאָרן. דאָס איז אַ מין פּאָלעמישע סטראַשידלע, וועלכע קומט שטאַרק צו נוצן אין דער צאַנקערײַ, בעאייס מע האַלט פאַר נויטיק פריער פאַר אַלץ צו פאַרטומלען די מויכעס פון די ניט באַוואוסטזיניקע אַרבעטער און אויסמאָלן דעם קעגנער, ווי אַ שעד מיט הערנער, אָבער בעאייס מע וויל רואיק און גרינדלעך זיך פאַנאַנדערקלייבן אין די באַציאונגען, וואָס אין דער פּאַרטיי אינעווייניק, מוז מען אַזעלכע סטראַשידלעס אַוועקוואַרפן.

און ווען מע זאָל נעמען דאָס וואָרט „ליקווידאַטאָר" אין זיין עמעסן, ניט אין פּאָלעמישן זין, וועט מען באַלד קלאָר אַרויסזען, אַז אין אויגוסט 1912 האָבן זיך די אידישע אָרגאַניזירטע אַרבעטער פאַריניקט ניט בלויז מיט די ליקווידאַטאָרן אַליין. די פאָרשטייער פון די אידישע אָרגאַניזירטע אַרבעטער—און ניט זיי אַליין—זיינען דעמאָלט פעסט געשטאַנען דערפאַר, אַז אַלע ריכטונגען אין דער רוסלענדער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע אָן אויסנאַם מוזן אָנערקענט ווערן פאַר גלייכבאַרעכטיקט. זיי האָבן געפאָדערט, אַז אַף דער אויגוסט-קאָנפערענץ זאָל מען צולאָזן פאָרשטייער פון אַלע ריכטונגען, און דידאָזיקע פאָדערונג איז ניט געבליבן הענגען אין דער לופטן. אויסער די אידישע און

לעטישע אָרגאַניזירטע אַרבעטער האָבן אין דער אַווגוסט-קאָנפערענץ אָנטייל גענומען: ליקווידאַטאָרן, טראָצקי מיט זיינע אָנהענגער, מענשעוויסטישע ניט ליקווידאַטאָרישע גרופּעס, ווי די קאַווקאַזער, אייניקע גרופּן פּלעכאַנאָווצעס און אפילע אייניקע גרופּן באָלשעוויקעס, ניט לענינצעס, פון די אַזוי גערופענע „פּרימירענצעס”. די קאָנפערענץ האָט באַוויזן, אַז גלייך, ווי ס'האָט זיך אויפגעהויבן אַ נייע געזעלשאַפטלעכע כוואַליע, זיינען די עקסטרעמע ליקווידאַטאָרישע אָנזיכטן פאַרשוואונדן; ניטאָ זיי מער, און דעריבער איז געווען מעגלעך צו פאַראייניקן אַלע טיילן פון דער פּאַרטיי, וואָס האָבן אָנטייל גענומען אין דער קאָנפערענץ, ניט בלויז אפן באָדן פון אָרגאַניזאַציע. ס'איז געווען מעגלעך אויסצואַרבעטן אַזאַ טאַקטישע ליניע, וואָס האָט זיי אַלעמען פאַראייניקט פּאָליטיש.

אין דעם שטעקט דער הויפּט-טאָעס, וואָס כ. סאָרע ברענער האָט געמאַכט. דאָס, וואָס איז געשלאָסן געוואָרן אין אווגוסט, איז ניט בלויז אַן אָרגאַניזאַציאָנעלער בלאָק, נאָר אויך אַ פּאָליטישער. די אידישע אָרגאַניזירטע אַרבעטער האָבן אין אַווגוסט 1912 זיך פאַרבונדן מיט די לעטישע און מיט אַ טייל פון די רוסישע אָרגאַניזירטע אַרבעטער ניט בלויז צוליב דעם, קעדיי צו פירן מיט געשלאָסענע קויכעס די זאַך פון פאַראייניקונג ווייטער און דערשלאָגן זיך, אַז אַלע צעבראָקלטע מאַרקסיסטישע קרעפטן אין רוסלאַנד זאָלן זיך אײַנגאַנצן פאַראייניקן. זיי האָבן זיך פאַרבונדן אויך צוליב דעם, קעדיי צו פירן צוזאַמען די סאָציאַל-דעמאָקראַטישע אַרבעט אפן באָדן פון איין געמיינזאַמער פּאָליטישער און טאַקטישער פּלאַטפאָרם. די פּאָליטישע און טאַקטישע פּלאַטפאָרם פון דעם אַווגוסט-בלאָק איז לויט איר אינהאַלט דאָס זעלבע, ווי די פּאָליטישע און טאַקטישע פּלאַטפאָרם, וועלכע די אידישע אָרגאַניזירטע אַרבעטער האָבן אָנגענומען אין דעם זעלביקן 1912 יאָר *). און די אָרגאַניזאַציאָנעלע אָנזיכטן פון דעם אווגוסט-בלאָק גייען זיך אויך דורכויס ניט פאַנאַנדער מיט די אָרגאַניזאַציאָנעלע אָנזיכטן פון דער אידישער אַרבעטער-דעמאָקראַטיע. די גאַנצע ווייטערדיקע פּאָליטישע אַרבעט פונעם בלאָק און פון זיינע אָנפירנדע איינריכטונגען איז דורכגעפירט געוואָרן מיט דעם אָנטייל פון די פאָרשטייער פון דער אידישער אַרבעטער-דעמאָקראַטיע, מיט זייער פולער איינשטימונג. און דעריבער מוזן די אידישע אָרגאַניזירטע אַרבעטער נעמען אָנטייל אין דעם אַווגוסט-בלאָק אפילע איצטער, ווען ס'האָט זיך ארויסגעוויזן, אַז די קרעפטן פון בלאָק זיינען ניט אימשטאַנד צו ברענגען די רוסלענדער ס. ד. צו אַ פולשטענדיקער פאַראייניקונג. דאָס איז פאַר די אידישע אָרגאַניזירטע אַרבעטער אַ פּאָליטישע נויטווענדיקייט. די ראַיע, וואָס סאָרע ברענער ברענגט פון די לעטן, רעדט קעגן איר און ניט פאַר איר. די לעטן זיינען דאָך ארויס פונעם בלאָק נאָר דעמאָלט, ווען אף זייער צוזאַמענפאָר האָט באַקומען אַ מערהייט (ניט קיין באַדייטנדע) די ריכטונג, וועלכע גייט זיך פאַנאַנדער מיט די פּאָליטישע און טאַקטישע אָנזיכטן פון דער אווגוסט-קאָנפערענץ...

*) אף דער X|-טער קאָנפערענץ פון בונד.

...אויב די אידישע אָרגאַניזירטע ארבעטער וועלן אויך קומען צו אזא באשלוס, וועט שוין דורך דעם מעמיילע געלייזט ווערן די פראגע וועגן זייער אנטייל אין דעם אווגוסט-בלאָק. קאָלזמאַן דאָס איז ניט געשעען, קאָלזמאַן די אידישע אָרגאַניזירטע אַרבעטער האָבן זייער פּאָליטישע און טאַקטישע ליניע ניט געביטן, מוזן זיי בלייבן אין בלאָק, טאָרן זיי זיך ניט לאָזן פירן פון אַזאַ באַלעבאַטישער אויסרעכענונג, ווי: צו וואָס זאָל מען צערייצן דעם אנדער צאַד?

און ס'איז ניט עמעס, אז אין בלאָק זיינען געבליבן נאָר די אידישע אָרגאַניזירטע אַרבעטער מיט די ליקווידאטאָרן. און וואו זיינען די אָרגאַניזירטע אַרבעטער פון קאווקאז? זיי זיינען דאָך געבליבן טריי דעם בלאָק ביז היינטיקן טאָג. און וואו איז דער טייל פון די פּוילישע אָרגאַניזירטע ארבעטער, וועלכע גייען אין זייער פּאָליטישער און טאַקטישער ליניע צוזאמען מיט דעם בלאָק*)? פון טראָצקין איז קיין ראיע ניט, אף וויפיל מיר ווייסן, איז טראָצקי פון דעם בלאָק ניט ארויס. און דאָס, וואָס ער גיט ארויס אַ באזונדערן אָרגאַן,— האָט דאָך יעדער מיטגליד אין יעדער פּאַרטיי דאָס רעכט פּארטיידיקן זיינע באזונדערע מיינונגען אין אַ באזונדער זשורנאַל.

און איצט נאָך איינס. ארויסגיין פון בלאָק, בלייבן שטיין אין מיטן, ניט מיט די, ניט מיט יענע—הייסט דאָך זיך אָפּרייסן פון דער רוסישער אַרבעטער-באַוועגונג, אָפּטיילן זיך פון דעם אלגעמיינעם שטראָם, גיין באזונדער, דאָס הייסט דאָך ניט האָבן קיין שום איינפלוס אף דער ארבעט פון די ס. ד. דעפּוטאַטן אין דומע. ווארום זיי זיינען דאָך אויך אָדער די, אָדער יענע. און קאָלזמאַן ס'איז ניט מעגלעך קיין פּאַרייניקונג, מוז מען דאָך גיין מיט דעם צאַד, וואָס איז אונז נאָענט. ווען ניט, וועלן מיר זיין אָפּגעריסן פון ביידע צדאָדים. וויל דאָס כ. סאָרע ברענער? די אידישע אַרבעטער-דעמאָקראַטיע קאָן דאָס ניט וועלן.

129. דער בונד און די אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע קאָנפּערענץ אף צו פאַרייניקן די ר. ס. ד. א. פּ.[164].

(„צייט", 1914, נומ. (44) 5).

אף אַ באראטונג פון אַקטיווע טוער אין דער אידישער אַרבעטער-באַוועגונג זיינען צווישן אנדערע אָנגענומען געוואָרן אויך די פאָלגנדע רעזאָלוציעס:

1.

מיר באגריסן דעם באַשלוס צונויפצורופן אַ באראטונג פון אלע טיילן פון דער רוסלענדער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע, אף וועלכער ס'וועט ערנסט אַוועקגע-

*) פּ. פּ. ס. „לעוויצע".

שטעלט ווערן די פאַרייניקונגס-פראַגע. מיר רעקאָמענדירן די פאָרשטייער פון די אידישע אָרגאַניזירטע ארבעטער אַף יענער באַראַטונג צו פאַרטיידיקן דאָרט דעם פאָלגנדן בליק אַף דער פאַרייניקונגס-פראַגע:

1) די מיינונגס-פאַרשיידנהייטן, וועלכע עקזיסטירן איצט אין דער רוסלענדישער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע, קאָנען אַף קיין פאַל ניט דינען פאַר אַ גרונט איינצוהאַלטן אַף ווייטער אין דער פאַרטיי די שפּאַלטונג, וועלכע שוואַכט אָפּ אירע קרעפטן אין לאַנד.

2) אום אַוועקצושטעלן די פאָלקאָמענע איינהייט באַדאַרף אין אַ געוויסער צייט אַרום צונויפגערופן ווערן אַן אַוטאָריטעטער פאַר אַלע טיילן דעמאָקראַטיש אויסגעווײלטער צוזאַמענפאָר פון דער גאַנצער פאַרטיי.

3) אום די פאַרבאַרייטונג צו דעמדאָזיקן צוזאַמענפאָר זאָל פאַרקומען אין אַן אַטמאָספער פון איינהייט און אום זיינע באַשלוסן זאָלן ווערן גלייך אנערקענט בא אַלע טיילן און ריכטונגען פון דער ס. ד., זיינען נויטיק די פאָלגנדע פאָרבאַדינגונגען:

א) אַלע ריכטונגען און שאַטירונגען, וועלכע עקזיסטירן איצט אין דער רוסל. סאָציאַל-דעמאָקראַטיע, דאַרפן אנערקענט ווערן פאַר גלייכגעזעצלעך.

ב) דער אינטערנאַציאָנאַל באַדאַרף צווינגען די פראַקציעס, אַז זיי — ניט אָפּזאָגנדיק זיך פון פאַרטיידיקן זייערע באַזונדערע מיינונגען אַפן אידייאישן באָדן — זאָלן דאָך גלייך אַוועקלייגן דאָס געווער פון פראַקציאָנערן קאַמף איינע קעגן די אַנדערע. ס'מוז געמאַכט ווערן אַ סאָף צו זייער שטרעבונג איינע די אַנדערע צו פאַרניכטן.

ג) ס'דאַרפן גלייך געמאַכט ווערן פרואוון צו פאַרייניקן אַלע ס. ד. גרופן אין אַלע פאָרמען פון ס. ד. ארבעט אַפן יעסאָד פון אויסגלייכונגען.

ד) צו דעם פראָצעס פון פאַרייניקונג באַדאַרף צוגעצויגן ווערן אויך יענע ריכטונג אין דער פוילישער סאָצ. דעמאָקראַטיע, בא וועלכער ס'האַלט זיך דער דעפּוטאַט יאַגעלאָ *).

אַפן ענערגישן אויפן דאַרפן אונזערע פאָרשטייער באַקעמפן די אָנפאַלן, וועלכע ווערן געמאַכט צוליב פראַקציאָנערע כעשבוינעס דורך אַ געוויסער ריכטונג אין דער רוסלענדישער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע **) אַף דאָס נאַציאָנאַלע פראָגראַם פון דער אידישער ס. ד. און אַף אירע אָרגאַניזאַציאָנס-פּרינציפּן.

די באַראַטונג האָפט, אַז אַלע באַוואוסטזיניקע אידישע ארבעטער וועלן זיך אָפרופן אַף דער פראַגע וועגן פאַרייניקונג פון דער רוסלענדישער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע און מיט זייערע רעזאָלוציעס און דירעקטיוון וועלן זיי אונטערהאַלטן די אידישע פאַרטרעטער אַף דער קומענדיקער פאַרייניקונגס-באַראַטונג.

*) פּ. פּ. ס. „לעוויצע".

**) באָלשעוויקעס.

דריטער טייל

אין די יארן פונם אימפעריאליסטישן קריג

אַרײַנפֿיר.

דעם 1-טן אױגוסט 1914 (דעם 19-טן יולי לױטן אַלטן סטיל) איז אױסגעבראָכן די ערשטע אימפּעריאַליסטישע װעלט-מילכאָמע, װאָס האָט אָנגעהױבן מיט זיך אַ נײַע טקופֿע פֿון דער װעלט-געשיכטע, אַ טקופֿע פֿון אימפּעריאַליסטישע און רעװאָלוציאָנערע מילכאָמעס און פּראָלעטאַרישע רעװאָלוציעס. צײַט דעם אױסברוך פֿון דער מילכאָמע, איז זי געװאָרן יענע װיכטיקסטע און אַלץ באַהערשנדיקע דערשײַנונג, װאָס האָט באַשטימט די האַנדלונגען פֿון אַלע קלאַסן פֿון גאָר דער װעלט.

דעם קריג האָבן געפֿירט צװײ גרױסע אימפּעריאַליסטישע מעלוכעס, דײַטשלאַנד און ענגלאַנד, װאָס האָבן געקעמפֿט פֿאַר דער װעלט-הערשאַפֿט, פֿאַר אַ נײַער אײַנטײלונג פֿון דער מאַכט איבער די קאָלאָניאַלע און האַלב-קאָלאָניאַלע פֿעלקער. אין קריג זײַנען אַרײַנגעצױגן געװאָרן אַלע איבעריקע קאַפּיטאַליסטישע לענדער, װײַל אַרום דער גרעסטער און װיכטיקסטער סטירע (צװישן ענגלישן און דײַטשישן אימפּעריאַליזם) האָבן זיך גרופּירט קלענערע אימפּעריאַליסטישע סטירעס: צװישן פֿראַנקרײַך און דײַטשלאַנד, צװישן רוסלאַנד און דײַטשלאַנד-עסטרײַך (צוליב די באַלקאַנען און קלײן-אַזיע). צום סאָף פֿון קריג האָבן זיך אַרײַנגעמישט אין אים אױך די פֿאַרײניקטע שטאַטן פֿון אַמעריקע, קעדײ צו דערשלאָגן דײַטשלאַנד, װאָס האָט זיך געראַנגלט גאַנצע דרײַ יאָר. דער ענגלישער אימפּעריאַליזם האָט מאָביליזירט אַנטקעגן דײַטשלאַנד-עסטרײַך אַ גרױסע און מעכטיקע קאָאַליציע פֿון צאַרישן רוסלאַנד, פֿראַנקרײַך, איטאַליע, סערביע, גריכנלאַנד... דײַטשלאַנד האָט געהאַט אָף איר זײַט נאָר עסטרײַך, בולגאַריע און טערקײַ, װעמעס דאַמאָלסדיקע רעגירונג איז געװען פֿאַרבונדן מיטן דײַטשישן אימפּעריאַליזם, רעכענענדיק אָף אַזאַ אױפֿן צו ראַטעװען זיך פֿון אַ נײַער צעברעקלונג, װאָס עס האָט אומפֿאַרמײדלעך געטראָגן מיט זיך דער ניצאָכן פֿון ענגלאַנד און רוסלאַנד.

דער גרױזאַמער, פֿיר-יאָריקער קריג האָט זיך געפֿירט אָף קאָנזײַטיקע פֿאַרניכטונג, אױסמאַטערונג, אָף אױסשעפּונג פֿון אַלע קרעפֿטן. דאָס איז געװען אַ קריג אָף לעבן און טױט, װײַל נאָך דעם װי דער קריג איז שױן אױסגעבראָכן, איז אין קאָן געשטאַנען די לעבנס-עקזיסטענץ פֿון יעדער אײַנצי-

קער אימפעריאַליסטישער מעלוכע. בא דעם דאַמאָלסדיקן צושטאַנד פון דער מילכאָמע-טעכניק און אינדוסטריע האָט יעדע איינציקע בורזשואַזיע געקאָנט געווינען איר קריג נאָר דורך דער מאָבילעזירונג פון דעם גאַנצן פאָלק.

ס'איז ניט נאָר שווער געווען ארויסצושטעלן אָפן פראָנט מיליאָנען און מיליאָנען סאָלדאַטן—קאַנאָנען-פלייש, מע האָט נאָך געדאַרפט גוט אָרגאַניזירן דעם „טיל", די אינדוסטריע, וואָס ארבעט אויס אַלע קריגס-מאַטעריאַלן, די גאַנצע ווירטשאַפט, די קאָמוניקאַציע. דערצו איז געווען נויטיק פריער פאַר אַלץ „אָרגאַניזירן די מויכעס און די נערוון" פון די פאָלקס-מאַסן. ס'איז געווען נויטיק הייליק מאַכן אין די אויגן פון די מאַסן דעם בלוטדורשטיקן קריג, אין וועלכן מיליאָנען פראָלעטאַריער און פויערים האָבן טראָגן זייערע קלאַסן-אינטערעסן געשאָכטן און געמאָרדעט איינע די אַנדערע, קעדיי צו ברענגען א ניצאָכן דער אָדער יענער גרופע פון וועלט-אימפעריאַליזם. און דערפאַר האָט יעדע בורזשואַזיע געשאַפן איר אייגענע נאַציאָנאַלע מילכאָמע-אידעאָלאָגיע אָף צו באַרעכטיקן דעם קריג אין די אויגן פון די פראָלעטאַריער און ביכלאַל פון די פאָלקס-מאַסן.

די דעמאָקראַטישע און רעפּובליקאַנישע אַנטאַנטע האָט קלוימערשט געקעמפט קעגן דעם „אָנגרייפנדיקן", „בלוטדורשטיקן" דייטשישן אימפעריאַליזם קעדיי א סאָף צו מאַכן איינמאָל פאַר אלעמאָל („דאָס איז דער לעצטער קריג") מיט יעדער מילכאָמע-געפאַר, וואָס שטעקט, ווי מע האָט געזאָגט, אויסשליסלעך אינם דייטשישן אימפעריאַליזם בעראָש מיטן קייסער ווילהעלם. דעם צווייטן, די אַנטאַנטע האָט געקעמפט קלוימערשט פאַר „פרייהייט און דעמאָקראַטיע" און „פאַר דער באַפרייאונג פון קליינע פעלקער".

דייטשלאַנד און עסטרייך האָבן געקעמפט קעגן ז'עם צאַריזם, קעגן „בלוטדורשטיקן ענגלישן אימפעריאַליזם", פאַר א „קליינעם פלאַץ אף דער וועלט", וואָס איז פאַרכאַפּט דורך ענגלאַנד, פאַר דער עקזיסטענץ פון דער גרויסער דייטשישער נאַציע. און דער בורזשואַזיע האָט זיך איינגעגעבן אין מעשעך פון פיר לאַנגע קריגס-יאָר צו פירן נאָך זיך די פראָלעטאַריער און פויערים, ניט קוקנדיק דערויף, וואָס אף איין זייט איז צווישן די קעמפער פאַר די „רעכט פון קליינע נאַציעס" געווען דאָס צארישע רוסלאַנד און ענגלאַנד—די גרויסע אימפעריע, וואָס אונטערדריקט הונדערטער מיליאָנען פויערים און אַרבעטער פון די קאָלאָניאַלע לענדער, און אף דער אַנדערער זייט איז צווישן די קעמפער קעגן צאַריזם און אימפעריאַליזם געווען דייטשלאַנד, וואָס אַלע האָבן געוואוסט, אַז ווילהעלם און די דייטשישע בורזשואַזיע האָבן זיך געוואָרפן אין קריג נאָר מיטן צוועק צו ווערן א גרויסע קאָלאָניאַלע אימפעריע און פאַרנעמען ענגלאַנדס פלאַץ אין דער וועלט, אַז ווילהעלם האָט שוין איינמאָל געשלאָסן אַ בונד מיטן רוסישן קייסער און געהאָלפן אים דערשטיקן די ערשטע רוסישע רעוואָלוציע.

* * *

קיינמאָל וואָלטן אימפּעריאַליסטישע רעגירונגען ניט געקאָנט אין מעשעך פון פיר יאָר פירן נאָך זיך די מיליאָניקע מאַסן צום קריג און פאַרניכטונג, ווען ניט די סאָציאַל-דעמאָקראַטיע, דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל. אין מעשעך פון אַן ערעך 40 יאָר האָבן די אייראָפּעאישע סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פּאַרטייען און פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען אויפן יעסאָד פון דער מאַרקסיסטישער טעאָריע פון קלאַסן-קאַמף אָנגעפירט מיטן עקאָנאָמישן און פּאָליטישן קאַמף פון פּראָלעטאַריאַט קעגן דער בורזשואַזיע פאַר דער פאַרניכטונג פון דער קאַפּיטאַליסטישער הערשאַפט און עקספּלואַטאַציע, פאַר דער דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט, פאַרן סאָציאַליזם, און דערוואָרבן זיך אַ גוואַלדיקן אויטאָריטעט אין די פּראָלעטאַרישע מאַסן.

אָבער מיטן אויסבראָך פונם אימפּעריאַליסטישן וועלט-קריג האָבן אָט די אַלע סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פּאַרטייען און די מעכטיקע פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען זייער גאַנצן רעוואָלוציאָנערן אויטאָריטעט געוואָרפן אויפן וואָגשאָל פון מילכאָמע, שטעלנדיק זיך צום דינסט זייער נאַציאָנאַלער בורזשואַזיע.

דער קריג, — האָט מען געפּריידיקט, — איז באַרעכטיקט. פּראָלעטאַריער דאַרפן שעכטן איינע די אַנדערע, כדי צו „פאַרטיידיקן דאָס פאָטערלאַנד". דער ניצאָכן פון דער אייגענער אַרמיי טראָגט מיט זיך פרייהייט פאַרן אייגענעם לאַנד און באַפרייאונג פון אַלע אונטערדריקטע פעלקער אין דער וועלט. די מאַפּלאָע פון דער אייגענער אַרמיי טראָגט מיט זיך „אונטערגאַנג" און „פאַרקנעכטונג", און דערפאַר דאַרף מען לאָזן אָן אַ זייט דעם קלאַסן-קאַמף קעגן דער אייגענער בורזשואַזיע און פאַראייניקן זיך מיט איר, כדי צו קעמפן קעגן דעם „אויסערלעכן סוינע", ד. ה. קעגן דער קעגנערישער בורזשואַזיע צוזאַמען מיטן פּראָלעטאַריאַט, וואָס ווערט דורך איר אונטערדריקט. דאָס איז געווען יענע קריגס-אידעאָלאָגיע, וואָס האָט אין אַ גרעסערן אָדער קלענערן גראַד פאַרכאַפּט די גאַנצע סאָציאַל-דעמאָקראַטיע און געבראַכט מיט זיך דעם שענדלעכן באַנקראָט פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל.

די הערשנדיקע טאַקטישע ליניע פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל, פון אַלע סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פּאַרטייען איז געווען דער אַקטיווער אָנטייל אין קריג אויף דער זייט פון דער אייגענער אימפּעריאַליסטישער בורזשואַזיע. די דאָזיקע ליניע האָט לאָגישערווייז געבראַכט מיט זיך די אונטערשטיצונג פון דער גאַנצער פּאָליטיק פון דער אייגענער רעגירונג. אין די אַלטע פּאַרלאַמענטאַרישע לענדער—ענגלאַנד און פראַנקרייך—זיינען די פאַרטרעטער פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע אַריינגעטראָטן אין די רעגירונגען... אויף אַזאַ אויפן איז געשלאָסן געוואָרן אַן ענגער בונד צווישן דער אימפּעריאַליסטישער בורזשואַזיע און דער קליינבירגערלעכער אַרבעטער-אַריסטאָקראַטיע, וואָס איז געווען אונטערגעקויפט דורכן אימפּעריאַליזם. אַזאַ אָפענער פאַראַט האָט געמוזט פריער אָדער שפּעטער ברענגען מיט זיך פּראָטעסט און אַנטוישונג מיצאַד די פּראָלעטאַריער, וועלכע האָבן גאָרניט געקאָנט געווינען אין אָט דעם אימפּעריאַליסטישן קריג, וואָס האָט געטראָגן מיט זיך נייע פאַראָרימונג און פאַרקנעכטונג.

גלײַך מיטן פּאַראַט פון 2-טן אינטערנאַציאָנאַל קומט אויך די שפּאַלטונג אין זײַנע רײען. דער צענטראַל-קאָמיטעט פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטײ אין רוסלאַנד מיט לענינען בעראָש, די גרופּע ספּאַרטאַקיסטן בעראָש מיט ליבקנעכטן, די „סאָציאַל-דעמאָקראַטיע פון פּױלן און ליטע״ און אַ רײ קלײנע רעוואָלוציאָנערע גרופּן אין אַנדערע לענדער, — זײ אַלע הײבן אויף פון אָנהײב אָן אַ שאַרפן פּראָטעסט קעגן דעם אימפּעריאַליסטישן קריג און קעגן דער פּאַרעטערישער האַנדלונג פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע.

ליבקנעכט שטימט קעגן די קרעדיטן אין דײַטשישן רײַכסטאַג. די באָלשעוויקעס אין דער רוסישער מעלוכע-דומע פּראָטעסטירן קעגן קריג. אין פּױלן דערשײַנט אַן אויפרוף אונטערגעשריבן דורך די דרײַ סאָציאַליסטישע פּאַרטײען—פּ. ס. ד., פּ. פּ. ס. („לעוויצע״) און אויך פון „בונד״—קעגן קריג און פאַר סאָציאַלער רעוואָלוציע. דער צענטראַל-קאָמיטעט פון דער ר. ס. ד. א. פּ. פּאַרעפנטלעכט אַן אויפרוף, געפּאַסט דורך לענינען, אין וועלכן די פּראָלעטאַריער ווערן גערופן צום רעוואָלוציאָנערן קאַמף קעגן קריג און צו דער פּאַרוואַנדלונג פון דער אימפּעריאַליסטישער מילכאָמע אין אַ בירגער-קריג קעגן דער בורזשואַזיע. אין דעמאָזיקן אויפרוף ווערט דערקלערט דער באַנקראָט פון 2-טן אינטערנאַציאַנאַל, און די רעוואָלוציאָנערע סאָציאַליסטן ווערן גערופן צו דער אָרגאַניזירונג פון אַ נײַעם, דריטן אינטערנאַציאָנאַל. דער באָלשעוויסטישער צ. ק. אין דער שווײַץ ווערט דער מיטל-פּונקט, וואָס אַרום אים זאַמלען זיך אַלע רעוואָלוציאָנערע גרופּן פון אינטערנאַציאָנאַל.

אין אַרטיקלען, אויפרופן, רעפעראַטן און בראָשורן האָט לענין אויפגעדעקט די גאַנצע פּאַלשקײט פון דער אימפּעריאַליסטישער קריגס-אידעאָלאָגיע פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע און ברײט אָפּגעשטעלט זיך אָף די אורזאַכן פון באַנקראָט פון צווײטן אינטערנאַציאָנאַל. זײַן פּאַראַט—דאָס איז דער פּאַראַט פון דער בעסער באַצאָלטער אַרבעטער-אַריסטאָקראַטיע, וועלכע איז אונטערגעקויפט דורכן אימפּעריאַליזם און איז געוואָרן אַ געצײג פון דער אימפּעריאַליסטישער בורזשואַזיע.

נאָר דורך דער שפּאַלטונג אין 2-טן אינטערנאַציאָנאַל, ד. ה. נאָר דערמיט, וואָס מע וועט אַרויסוואַרפן פון זײַנע רײען די אַלע פירער און גרופּן, וואָס זײַנען פּאַרבונדן אָף לעבן און טויט מיט דער אימפּעריאַליסטישער בורזשואַזיע, קאָן מען ווידער אויפשטעלן די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטײען פון פּראָלעטאַריאַט. דאָס איז געווען דער טאַמצעס פון דער באָלשעוויסטישער פּלאַטפאָרם. אָבער אַחוץ די עקסטרעמע און קעגנערישע צוויי ריכטונגען—די אימפּעריאַליסטישע און באָלשעוויסטישע — באַווײַזט זיך נאָך אַ ריכטונג, אַ קלײנבירגערלעכע, וואָס טרעט אַרויס אונטער דער פּאָן פון פּאַציפיזם. זי ברויכט אויך די אַלטע ווערטער פון קלאַסן-קאַמף און רופט אויפצוהערן די מילכאָמע. זי וויל אָבער ניט וויסן פון רעוואָלוציאָנערן קאַמף און טרעט אַרויס אַנטשײדן קעגן דער שפּאַלטונג פון אינטערנאַציאָנאַל.

דאָס זײַנען געווען גרופּן, וואָס זײער אויפגאַבע איז געווען, צופּאַסנדיק זיך צו די אַנטימילכאָמע-שטימונגען פון די מאַסן, מיט פּאַציפיסטישע דראָשעס

איינצוהאַלטן זיי פון רעוואָלוציאָנערן קאַמף קעגן קריג. די דאָזיקע גרופּן זייַנען צוגעשטאַנען צו דער צימערוואַלדער פאַרייניקונג און האָבן אויך דאָרט ניט געלאָזן דערפירן דעם קאַמף קעגן דעם קריג און דעם 2-טן אינטערנאַציאָנאַל ביזן לאָגישן סאָף.

דערפאַר האָבן די באָלשעוויקעס אונטערגעהאַלטן אַ לענגערע צייט די צימערוואַלדער פאַרייניקונג, טראָץ דער פאַרשיידנאַרטיקייט פון איר צוזאַמענשטעלונג, בילדנדיק אינעווייניק אין איר אַ זעלבשטענדיקע גרופּירונג, וואָס האָט אָפן און קלאָר פאָרמולירט די שטעלונג פון דער אויסגעהאַלטענער רעוואָלוציאָנערער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע, דער צוקונפטיקער גרינדערין פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל.

* * *

וויאַזוי איז געווען די פּאָליטישע לאַגע אין צאַרישן רוסלאַנד?

מיר האָבן שוין אין דעם אַריינפיר צו דעם צווייטן טייל פון אָט דעם באַנד אָנגעוויזן דערויף, אַז די אימפּעריאַליסטישע אידעאָלאָגיע איז געוואָרן דער אידייאישער יעסאָד, אויף וועלכן ס'האָט זיך געשטעלט דער בלאָק פון די בורזשואַזע און פּריצישע הערשנדיקע גרופּן נאָך דער מאַפּאָלע פון דער 1905-ער רעוואָלוציע. אויף דעמדאָזיקן באָדן האָט די ליבעראַלע בורזשואַזיע שאָלעם געמאַכט מיטן צאַריזם. מיליוקאָוו איז אין דער מעלוכע-דומע געוואָרן נאָך מער העפטיקער פאַרטיידיקער פון אימפּעריאַליסטישער אָנגרייפס-פּאָליטיק אויף די באַלקאַנען און אין קליין-אַזיע איידער די צאַרישע דיפּלאָמאַטיע. די דומע האָט באַגריסט די פעסטע פאַרייניקונג צווישן דעם צאַרישן רוסלאַנד, ענגלאַנד און פראַנקרייך, יענע פאַרייניקונג, וועלכע האָט אומפאַרמיידלעך געפירט צום קריג, ווייל זי האָט געגעבן דעם ענגלישן אימפּעריאַליזם אַ מעכטיקע אונטערשטיצונג אין זיין קאַמף קעגן דעם אויפשטייגנדיקן דייטשישן אימפּעריאַליזם. און ווען דער קריג איז אויסגעבראָכן, איז די גאַנצע רוסישע געזעלשאַפט, אָנהויבנדיק פון די פּריצים און ביז דער קליינבירגערלעכער אינטעליגענץ, אריבער אויף דער זייט פון דער רעגירונג. דער רעאַקציאָנערער טייל פון דער געזעלשאַפט האָט דערמיט געמיינט אינגאַנצן אַ סאָף צו מאַכן צו אַלע רעוואָלוציאָנערע און אָפּאָזיציאָנעלע שטימונגען אין לאַנד. די ליבעראַלע בורזשואַזיע האָט אויפריכטיק געשטיצט דעם אימפּעריאַליסטישן קריג מיט זיינע פאַרכאַפּונגס-צילן. די מילכאָמע האָט געזאָלט אויפהאַלטן און פאַרשטאַרקן די באַזע פון דער רוסישער קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט. דערצו איז נאָך צוגעקומען די האָפענונג, אַז די ביוראָקראַטיע, ניט זייענדיק פעאיק צו אָרגאַניזירן דעם קריג, וועט מוזן אומפאַרמיידלעך רופן צו הילף די רוסישע בורזשואַזיע און אויף אַזאַ אופן וועט די געווינטשטע קאָנסטיטוציאָנעלע אָרדענונג, אַדאַנק דעם קריג, נאָך מער פאַרשטאַרקט ווערן. דערצו איז נאָך דער קריג געווען געפירט אין בונד מיט די קאָנסטיטוציאָנעלע און פּאַרלאַמענטאַרישע לענדער, ווי ענגלאַנד און פראַנקרייך, און דאָס האָט ווידער אַמאָל געשטאַרקט די ליבעראַלע האָפענונגען.

שטיצן דעם קריג, וואָס איז אַ פֿאָלקס-קריג, אָפּזאָגן זיך פֿון יעדן קאַמף קעגן דעם צאַריזם, אין פּראַצעס פֿון קריג שטרעבן דערצו, אַז די מעלוכע-דומע זאָל באַקומען אַלץ אַ גרעסערע דייע, ווייל נאָר זי וועט אים-שטאַנד זיין צו אָרגאַניזירן דעם קריג — דאָס איז געווען די טאַקטישע ליניע פֿון רוסישן ליבעראַליזם.

דער רוסישער מענשעוויזם האָט נאָך אין די יאָרן 1908—14 זיך אָפּ-געזאָגט פֿון דער אידייע אפן רעוואָלוציאָנערן אויפן צו פֿאַרניכטן די צאַרישע אָרדענונג. די רוסישע ליקווידאַטאָרן האָבן זיך שוין דאַן געשטעלט אפן שטאַנדפונקט, אַז די שטרעבונג פֿון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע דאַרף זיין נאָר פֿאַרברייטערן די באַזע פֿון סטאָליפּינס אָרדענונג, אַריינוואַקסן אין רעזשים פֿון דריטן יוני. דעם שווערפּונקט האָבן זיי געלייגט אף דער מעלוכע-דומע און געהאָפט שטאַרק אפן קאַמף פֿון דער ליבעראַלער בורזשואַזיע קעגן צאַריזם.

דער אָפּזאָג פֿון רעוואָלוציע האָט שוין פֿאַר די רוסישע מענשעוויקעס אומעגלעך געמאַכט נאָכצופֿאָלגן אין אימפּעריאַליסטישן קריג יענע טאַקטיק פֿון „מאַפּאָליזם", וואָס איז געווען די אַלגעמיינע טאַקטיק פֿון אלע אָן אויסנאַם רעוואָלוציאָנערע גרופּן בעאייס דער מילכאָמע צווישן רוסלאַנד און יאַפּאַניע אין 1904—05. די אַלגעמיינע קריגס-אידעאָלאָגיע פֿון די סאָציאַליסטן פֿון די אַנטאַנט-לענדער האָט באַהערשט די רוסישע ליקווי-דאַטאָרן, און אף אַזאַ אויפן האָט זיך באַשאַפֿן אַ באָדן פֿאַר אַ נייעם בלאָק צווישן די רוסישע ליקווידאַטאָרן און דער גרויסער בורזשואַזיע.

אין 1915 האָט דער צאַריזם באַקומען זיינע ערשטע גרויסע קלעפּ אפן פֿראָנט. עס איז ווירקלעך אַנטשטאַנען אַ סאַקאָנע פֿאַרן צאַריזם. און דאָ האָבן די ליקווידאַטאָרן זיך געשטעלט אפן וועג פֿון די רוסישע ליבעראַלן. עס זיינען געבילדעט געוואָרן די קריגס-אינדוסטריעלע קאָמיטעטן אף צו מאָביליזירן די אינדוסטריע אין די אינטערעסן פֿונם קריג. אינעווייניק אין די קריגס-אינדוסטריעלע קאָמיטעטן זיינען געוואָרן אָרגאַניזירט אַרבעטער-גרופּן מיטן צוועק צו העלפֿן פּאָליטיש דער מאָביליזירונג פֿון די אַרבעטער-מאַסן פֿאַרן קריג. עס זיינען געווען צווישן די טוער פֿון די אַרבעטער-גרופּן אויך אַזעלכע, וועלכע האָבן געמיינט דורך די אַרבעטער-גרופּן אָפּנאַרן די צאַ-רישע רעגירונג און אויסנוצן אַט די נייע אַנשטאַלטן ניט פֿאַר דער מילכאָמע, נאָר צוליב אָרגאַניזירן די קרעפֿטן פֿון די אַרבעטער אין קאַמף קעגן צאַריזם. די אָנפֿירונג אָבער אין די אַרבעטער-גרופּן איז געווען אין די הענט פֿון יענע, ווי גוואָזדיאָוו, וועלכע האָבן געשטיצט דעם קריג צוזאַמען מיט דער בורזשואַזיע.

אין דער אַרבעטער-מאַסע האָט די „באַשיצלער"-אידעאָלאָגיע קיין שום איינפֿלוס ניט געהאַט. די שטימונג פֿון די אַרבעטער אין גאַנצן לאַנד איז געווען קעגן קריג און קעגן צאַריזם. דער אַרויסטריט פֿון די סאָצ.-דעמאָ-קראַטן אין דומע האָט געפֿונען אַן אָפּקלאַנג אין גאַנצן לאַנד. די רעגירונג האָט

בעענטפערט דערויף מיט אַרעסטן און פאַרמישפּעטן די באָלשעוויסטישע דומע-פראַקציע און מיט אַן אַלגעמיינער פאַרשטאַרקונג פון די רעפּרעסיעס אין לאַנד. נאָר אומעטום, וואו ס'פלעגן זיך צונויפשטויסן אין די מאַסן די אנהענגער פון די „באַשיצלער" און באָלשעוויקעס, פלעגן זיך די אַרבעטער אַרויסזאָגן קעגן די „באַשיצלער". אָבער אויך דאָ האָבן זיך געפונען פאַציפיסטן, די אַזוי גערופענע סאָציאַל-דעמאָקראַטן-אינטערנאַציאָנאַליסטן, וואָס האָבן אָפן וואָרט פאַרטיידיקט די ליניע קעגן קריג, אָבער אין דערווירקלעכקייט געגאַנגען מיט די „באַשיצלער", פאַרבליבן מיט זיי אין איין פאַרטיי (מענשעוויסטישע) און אין די קריגס-אינדוסטריעלע קאָמיטעטן און באַקעמפט דעם לאָזונג פון רעוואָלוציאָנערן קאַמף קעגן קריג און צאַריזם. נאָר די באָלשעוויקעס זיינען געווען אויסגעהאַלטענע קעמפער קעגן מילכאָמע און פאַר רעוואָלוציע, און זייער קאַמף האָט צוגעגרייט די רעוואָלוציע פון 1917.

* * *

ווי אַזוי האָט די מילכאָמע געווירקט אויף דער אידישער באַפעלקערונג?

דער מיזרעך-פראָנט פון דער וועלט-מילכאָמע איז דורכגעגאַנגען דורך דער טעריטאָריע פונעם געוועזענעם אידישן „טכום". ווילנע, וואַרשע, לאָדז, ביאַליסטאָק, מינסק, זשיטאָמיר, בערדיטשעוו, קיעוו, אָדעס—אַט די אַלע צענטרען פון דער אידישער אַרבעטער-באַוועגונג זיינען פון ערשטן טאָג פונעם וועלט-קריג אָדער געלעגן אויף דער זעלבער ליניע פון פראָנט, אָדער געווען צו אים גאַנץ נאָענט. און דערפאַר האָט אַט די גאַנצע געגנט פריער פאַר אַלץ געהאַט אויסצושטיין דעם ערשטן רעזולטאַט פון דער מילכאָמע— דעם ווירטשאַפטלעכן חורבן, די צעשטערונג פון דער נאָרמאַלער ווירטשאַפטלעכער אַנטוויקלונג. עוואַקואַציעס פון אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען, און צוזאַמען מיט דעם די ספּעציפישע דערשיינונג פון קריג—די „היימלאָזע", וואָס זיינען נאָך נעכטן געווען נאָרמאַלע אָנטיילנעמער פון ווירטשאַפטלעכן פּראָצעס, דערנאָך די גרויסע אַרבעטסלאָזיקייט—דאָס זיינען די אָביעקטיווע אומשטענדן פון 3 יאָר מילכאָמע.

אַנשטאָט נאָרמאַלער ווירטשאַפטלעכער אַרבעט, קומט די ספּעציפישע קריגס-דערשיינונג — ספּעקולאַציע, וואָס פאַרכאַפּט ניט נאָר די האַנדלס-וועלט, נאָר אויך די האַנטווערקער און אַפילע די קליינבירגערלעכע אינטעליגענץ.

פון פרילינג 1915 צעשניידט די פראָנט-ליניע אויף העלפט די אַלטע איינהייטלעכע טעריטאָריע פון דער 30-יאָריקער אידישער אַרבעטער-באַוועגונג אין ליטע, פּוילן און רוסלאַנד. די צאַרישע אַרמיי טרעט אָפּ פון ווייקסל צום נעמאַן און דערנאָך אַלץ ווייטער צום מיזרעך ביז דאָס אַלטע צאַרישע פּוילן און ליטע מיט די גרויסע אידישע אַרבעטער-צענטרען—וואַרשע, לאָדז, ווילנע, ביאַליסטאָק ווערן שוין אויף שטענדיק אָפּגעשניטן פון רוסלאַנד. פון האַרבסט 1915 בלייבט אויף דעם זייט מיליטערישן פראָנט די ווייניקער קרעפטיקע אידישע אַרבעטער-באַוועגונג פון צאַרישן רוסלאַנד אָן אַ פאַרבינדונג מיט די

אידישע ארבעטער פון יענע גרויסע צענטרען אין ליטע און פוילן מיט זייערע אלטע רעוואָלוציאָנערע טראַדיציעס און מער-פּראָלעטאַרישער סוויווע.

די קליינבירגערלעכע שטימונגען מוזן דעריבער אומפאַרמיידלעך באַקומען א גרעסערע שליטע אף דער אידישער אַרבעטער-באַוועגונג, ווי דאָס איז געווען אין נאָרמאַלערע צייטן.

צום ווירטשאַפטלעכן כורבן, פון וועלכן עס ליידן די ברייטע שיכטן פון דער אידישער ארבעטנדיקער באפעלקערונג, קומט צו די אויסגעשפּראָכן אַנטי-סעמיטישע אויסראָטונג-פּאָליטיק פון דער רעגירונג. פון די ערשטע טעג פון דער מילכאָמע האָט זיך אפן פראָנט געפירט א העצע קעגן די אידן. ווען אָבער עס זיינען געקומען אין 1915 די גרויזאַמע מאַפּאָלעס פון דער צאַ-רישער ארמיי, האָט זיך די צארישע אדמיניסטראציע גענומען צום אלטן מיטל פון טייטלען אפן אידן, וואָס איז דער „דייטשישער שפּיאָן", דער „פארעטער פון פאָטערלאַנד", דער „אייגציקער שולדיקער" אין די מאַפּאָלעס. און עס האָט זיך אָנגעהויבן א סעדרע פון מיליטערישע פראָצעסן פאַר שפּיאָ-נאַזש, פון מאַסן-גיירושים פון דער אידישער באַפעלקערונג, פון אָפענער אַנטי-סעמיטישער העצע דורך דער פרעסע. דאָס אלץ האָט געשטארקט די נאַציאָ-נאַליסטישע שטימונגען אין דער אידישער באַפעלקערונג און געשאַפן פאַר דער אידישער בורזשואַזיע אַ נייע מעגלעכקייט צו פריידיקן איר אלטע פּאָליטיק פון „אידישער אכדעס". דער נאַציאָנאַלער מאָמענט איז ווידער ארויסגערוקט געוואָרן אפן אויבנאָן. דער אלגעמיינער געדאַנק פון דער ליבעראלער בורזשו-אַזיע אין רוסלאנד, אַז די מילכאָמע וועט ברענגען צו דער פארשטארקונג פון דער קאָנסטיטוציע, די אלגעמיינע קריגס-אידעאָלאָגיע פון דער גאנצער בורזשואַזער וועלט איז דורך דער אידישער נאַציאָנאַליסטישער בורזשואַזיע געוואָרן פאָרמולירט אין א לאָזונג: „אלץ מוז געטאָן ווערן, קעדיי די מילכאָמע זאָל ברענגען מיט זיך די באפרייאונג פון די אידן פון זייערע נאציאָנאלע פארפאָלגונגען".

די מילכאָמע האָט זיך געפירט פאר א נייער איינטיילונג פון דער וועלט צווישן די אימפעריאליסטישע מעלוכעס. דער קאמף האָט זיך צווישן אנדערע געפירט אויך ארום דער צוקונפט פון טערקיי, וואו עס האָבן זיך צו-נויפגעשטויסן דייטשלאנד און ענגלאנד. דאָ האָט דער ציאָניזם געפונען שטאָף פאר זיין פראָפּאגאנדע. באפארבן די אייגענע אימפעריאליסטישע שטרעבונגען מיט דער נאציאָנאלער באפרייאונגס-אידעאָלאָגיע פון די אונטערדריקטע פעלקער,— דאָס האָבן געטאָן אלע קריגפירנדיקע מעלוכעס (ענגלאנד האָט געקעמפט „פאר באפרייען בעלגיע און אלע קליינע פעלקער", דייטשלאנד האָט געשטרעבט צו „באפרייען דאָס רוסיש פוילן"), די ציאָניסטן האָבן זיך איינגעשפּאנט סאי אין דייטשישן, סאי אין ענגלישן אימפעריאליסטישן וואָגן, און געפריידיקט און באאיינפלוסט די אימפעריאליסטישע קרייזן פארן לאָזונג, אז „ערעץ-יסראָעל" זאָל אומגעקערט ווערן די אידן, קעדיי צו שאַפן דאָרט אן אייגענע מעלוכע אונטער דער האַשגאָכע פון די „גרויסע נאַציעס". מע האָט געפריידיקט די אידייע פון צונויפרופן אן אלוועלטלעכן אידישן קאָנגרעס, וועלכער זאָל מאָבי-

ליזירן „דאָס גאַנצע אידנטום" פאַר „ערעץ-יסראָעל", פאַר פולער נאַציאָנאַלער גלייכבאַרעכטיקונג פון די אידן אין די לענדער, וואו זיי וואוינען. נאָר אויך אין די ניט-ציאָניסטישע קרייזן זיינען געווען פיל אָנהענגער פאַר צונויפרופן א אידישן וועלט-קאָנגרעס קעדיי צו דערשלאָגן זיך גלייכבארעכטיקונג אין פוילן, רוסלאַנד, רומעניע. דיראָזיקע פּראָפּאַגאַנדע האָט זיך געפירט אלס א מין פאָרבארייטונג צום קאַמף אַפן אַלוועלטלעכן פרידנס-קאָנגרעס, אף וועלכן מע האָט געלייגט פיל האָפענונגען אין דער גאַנצער בורזשואַזער וועלט. די אידן דאַרפן קומען צו אָט דעם שאָלעם-קאָנגרעס אָרגאַניזירט און מיט א נאַציאָנאַלער פאַרטרעטונג. די דיפלאָמאַטיע פון דער אַנטאַנט האָט געשטיצט אָט די באַוועגונג, ווייל דאָס ראָוו האָבן די ציאָניסטן, ווי אויך די איניציאַטאָרן פונם וועלט-קאָנגרעס, פאַרבונדן די צוקונפט פון די אלע האָפענונגען מיטן ניצחון פון דער אַנטאַנט.

* * *

אין די ווייטערדיקע דאָקומענטן וועט דער לעזער געפינען גענוג מאַטעריאַלן וועגן דער שטעלונג פון די אידישע קליינבירגערלעכע סאָציאַליסטישע פאַרטייען צו דער אלוועלטלעכער מילכאָמע. דער פאַקט, וואָס אין נאָמען פון צענטראַל-קאָמיטעט פון „בונד" איז אף מאָרגן נאָכן אויסבראָך פון קריג געווען אין ווארשע אונטערגעשריבן צוזאַמען מיטביידע פוילישע סאָציאַליסטישע פאַרטייען אן אויפרוף קעגן אימפעריאַליסטישן קריג און פאַר דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, אן אויפרוף, וואָס איז לויט זיין אלגעמיינער אָפשאַצונג נאָענט צו דער באָלשעוויסטישער שטעלונג,—אָט דער פאַקט פאַרנעמט גאָר אן איינזאַמען פלאַץ אין דער גאַנצער אויפירונג פון די בונדישע אָנפירנדיקע קרייזן בעאייס דער מילכאָמע. צווישן די בונדיסטן, וואָס האָבן זיך געפונען ארום דעם אויסלענדישן קאָמיטעט פון „בונד", זיינען געווען אויסגעשפּראָכענע מענשעוויקעס-אינטערנאַציאָנאַליסטן, אָנהענגער פון מאַרטאָווס שטעלונג (דער לינקסטער פון זיי איז געווען פישל קאָיגען) און זיי האָבן געצוואונגען דעם אויסלענדישן קאָמיטעט אנטייל צו נעמען אין דער צווייטער צימערוואַלדער קאָנפערענץ (אין קינטאַל). עס זיינען געווען אָנהענגער פון קאַוטסקיס שטעלונג מיט זיין פאַציפיזם און צורוף צו „אַלגעמיינער אמניסטיע" פון די פאַרברעכנס פון די סאָציאַליסטישע פארטייען. די אָנפירנדיקע גרופּע אין רוסלאנד, וואָס האָט זיך גרופּירט ארום דעם צ. ק. פון „בונד", האָט אויך געהאַט אין אירע רייען איינצלנע מענשעוויקעס-אינטערנאציאָנאליסטן. וואָס מער אָבער מאפּאָלעס עס האָט געליטן דער צאריזם אפן פראָנט, אלץ מער איז אין די אָנפירנדיקע קרייזן געוואַקסן די צאָל אָנהענגער פון „רעוואָלוציאָנערער באַשיצלעריי". און דאָס איז אייגנטלעך געווען גאַנץ פאַרשטענדלעך.

מיר ווייסן שוין, אז דער „בונד" האָט אין 1912 אינגאַנצן אָפּגעזאָגט זיך פון דער אלטער פּאָליטיק פון „פשאָרע מאַכן" צווישן די באָלשעוויקעס און מענשעוויקעס און האָט געפירט זיין גאַנצע פּאָליטישע ארבעט אין ענגן פּאָליטישן און אָרגאניזאציאָנעלן קאָנטאַקט

מיט די מענשעוויקעס-ליקווידאַטאָרן. די מילכאָמע האָט שוין ניט געקאַנט ענ-דערן די פּאָליטישע שטעלונג פון „בונד" אלס פּאַרטיי. עס האָבן געקאָנט זיין געוויסע וואַקלונגען צוליב דער אומדערוואַרטעט אָנגעקומענער סיטואַציע. אָבער סאַפּקאָלסאָף האָט שוין דער „בונד" געמוזט אין באַציאונג צום קריג קומען צו דער שטעלונג פון די מענשעוויקעס-ליקווידאַטאָרן. און אזוי איז ווירקלעך פאָרגעקומען.

אָנהויב מילכאָמע פאַרייניקן זיך די פאָרשטייער פון „בונד" צו דעם באַוואוסטן בריוו פונם מענשעוויסטישן צ. ק. צו וואַנדער-וועלדען, בעאַיס ער האָט באזוכט רוסלאַנד. זומער 1915 באַשליסט די באַ-ראַטונג אין קיעוו מיטן אנטייל פון 5 ארגאַניזאַציעס (עמעס מיט א קלײנער מערהייט) אנטייל צו נעמען אין די וואַלן צו די ארבעטער-גרופּן פון די קריגס-אינדוסטריעלע קאָמיטעטן. אין מאי 1916 ווערט צונויפגערופן א ברייטערע פּאַרטייאישע קאָנפערענץ אין כארקאָוו, אף וועלכער עס ווערט פאָרמו-לירט אין אלגעמיין גענומען די קאַוטסקיאַנישע ליניע (זע די רעזאָלוציעס), אָבער מיט א צוגאָב פון אייניקע שטעלן פאר פאַרטיידיקונג פון רוסלאנד און פארן אויפשטעלן דעם אלטן אינטערנאציאָנאל.

די ארבעטער-באַוועגונג איז צוליבן קריג אָפּגעשוואַכט. די אויפמערק-זאמקייט פון די אידישע סאָציאליסטישע גרופּירונגען איז געווענדעט ארום דער הילף פאר די „היימלאָזע", דידאָזיקע ארבעט ציט צו זיך די ברייטע דע-מאָקראַטישע קרייזן. אָבער די אָנפירונג אף די ערטער ליגט אין די הענט פון די אלטע אידישע פּניי און באלעטויוועס, און אין פּעטערבורג—באַם הייפל קלאל-טוער און פּאָליטיקער, וואָס גרופּירן זיך ארום דעם אידישן דעפּוטאַט פרידמאַנען, ד. ה. בא די אידישע קאַדעטן און ציאָניסטן.

אקוראַט אזוי, ווי אין די יאָרן 1908—11, נאָך דער ערשטער רעוואָלו-ציע, טרעפן מיר אויך איצט דרייערליי פאָרמען פון אידישע געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס. עס זיינען דאָ פאַראַן אלגעמיינע אָרגאַניזאַציעס פון העלפן די „היימלאָזע", וואָס ליגן קימאַט אינגאַנצן אין די הענט פון דער אידישער גרויס-בורזשואַזיע. דאַן קומען דעמאָקראַטישע געזעלשאַפטן, וואו עס טרעפן זיך צוזאמען קלײנבירגערלעכע דעמאָקראַטן און סאָציאַליסטן. אהער געהערט פריער פאר אלץ די געזעלשאַפט „אָרט", וועלכע האָט אָרגאַניזירט ארבעטס-הילף פאַר די „היימלאָזע". ענדלעך האָבן מיר ריין ארבעטערשע אַנשטאַלטן, ווי ביליקע ארבעטער-קיכן אין מינסק, ווילנע, ווארשע, וואָס זיינען געווען אָנגעפירט דורך די ארבעטער זעלבסט, האגאם די שטיצע האָבן זיי באַקומען פון אלגעמיין אידישע פילאַנטראָפּישע אנשטאַלטן. די געגרינדעטע דורכן „אָרט" אידישע „אַרבעטס-ביוראָען" און אויך די ארבעטער-קיכן האָבן געהאַט אַ געוויסע באַדייטונג אין אויפשטעלן די רואינירטע ארבעטער-געזעלשאַפט-לעכקייט. אין די אלע אינסטיטוציעס האָט זיך געפירט א העפטיקער קאַמף פאַר דער אָנפירונג פון דער ארבעט צווישן די בורזשואַזע קלײנבירגערלעך-דעמאָקראַטישע און קלײנבירגערלעך-סאָציאליסטישע פּאָליטישע גרופּירונגען. וואָס נעענטער צום 1917 יאָר, איז אָט דער קאַמף געוואָרן אלץ שאַרפער, ווייל

די ארבעט אין די אידישע פילאנטראָפישע געזעלשאַפטן האָט זיך פאַרבונדן מיט ברייטערע פאָליטישע פלאַטפאָרמען אַרום דער פראַגע וועגן דערשלאָגן זיך אין קריג די נאציאָנאלע גלייכבאַרעכטיקונג.

די ציאָניסטיש-סאָציאַליסטישע גרופירונגען האָבן ארויסגעוויזן א קליינע רירעוודיקייט. זיי זיינען אינגאנצן אָן א זייט געשטאנען פון די אלבעמיינע פאָליטישע פראַגן. זייערע גרופן זיינען גאָר געווען אָפּגעשוואכט. דאָך האָבן מיר אייניקע קאָנפערענצן און בארואטונגען, אין וועלכע עס ווערן אויך פאָרמולירט די שטעלונג און באַציאונג צום קריג.

מיר מוזן דאָ באַטאָנען, אז אלע גרופירונגען (די ס. ס. און די פּויאַלייציאָן) זיינען אין באַציאונג צו דער אימפעריאליסטישער מילכאָמע געשטאנען אף דער מענשעוויסטישער פּאָזיציע.

אין פאַרבינדונג מיט דער ארבעט פון די אידישע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס פאַר די „היימלאָזע" לעבן אָט די אלע סאָציאַליסטישע גרופן ווידער אויף. און דאַן אנטשטייט ווידער דער אלטער קאַמף צווישן „בונד" מיט די ס. ס. ארום די אַלטע פראַגן פון אידישער געזעלשאַפטלעכקייט, די קאָמפּעטענץ פון דער אידישער קעהילע א.ד.גל., אין וועלכן די ס. ס. און פּ. צ. פאַרנעמען זייערע אלטע מער נאציאָנאליסטישע פּאָזיציעס. אין דעם פּראט איז גאנץ כאראקטעריסטיש די בּאראטונג פון די אידישע ארבעטס-ביוראָען אין 1916. דידאָזיקע באַראטונג (זע וועגן דעם ווייטער) האָט ביכלאל געהאט א פאַרהעלטנישמעסיק גרויסע געזעלשאַפטלעכע באדייטונג, ווידער אוועקשטעלנדיק א ריי ברייטערע פּאָליטישע פראגן און אויפמונטערנדיק די געזעלשאַפטלעכע טוער פון לאגער פון קליינבירגערלעכן סאָציאליזם אין די ארבעטער-שיכטן, וועלכע האָבן זיך גרופירט ארום דעם „בונד".

ערעוו דער רעוואָלוציע זיינען די אָנפירנדיקע קרייזן פון „בונד" געווען אַזוי פעסט, ווי ערעוו דער מילכאָמע, פאַרבונדן מיט די אָנפירנדיקע קרייזן פון די מענשעוויקעס, גרופירנדיק זיך ארום דער מענשעוויסטישער סאָצ. דעמ. פראַקציע און ארום דער צענטראלער ארבעטער-גרופּע פון די קריגס-אינדוסטריעלע קאָמיטעטן.

* * *

אָפן רעוואָלוציאָנערן אינטערנאציאָנאליסטישן שטאנדפונקט זיינען צווישן די אידישע ארבעטער געשטאנען אויסשליסלעך די גרופן, וואָס זיינען געווען דירעקט פארבונדן מיט דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי. די גרופן זיינען געווען דורך דער מילכאָמע אָפּגעשוואכט—זיי האָבן אָבער ניט אויפגעהערט זייער ארבעט און קאמף און האָבן געהאט אַן איינפלוס אין דער אידישער ארבעטער-מאסע.

יעדע גרויסע ווענדונג אין דער אידישער ארבעטער-באוועגונג האָט געבראַכט מיט זיך די פאַרשטארקונג פונם באָלשעוויסטישן איינפלוס צווישן די אידישע ארבעטער. דער ארויסטריט פון „בונד" פון דער ר. ס. ד. א. פּ. אין 1903 האָט געבראכט מיט זיך אַן אָפּשפּאַלטונג פון גרעסערע גרופן און די בילדונג פון צאָפן-מאַירעוודיקן און פּאָלעסיער קאָמיטעטן פון דער פּאַרטיי.

די אָפענע פאַרבינדונג פון „בונד" מיט דער ליקווידאַטאָרישער גרופע אין 1912 ברענגט א שטאַרקן אינעווייניקסטן קאַמף אין „בונד" און אַן אויסקריסטאַליזירונג פון באָלשעוויסטיש-געשטימטע גרופן. איצט, ווען דער „בונד" האָט אין דער אנטוויקלונג פון דער מילכאָמע אלץ מער דערנעענטערט זיך צו די „באַשיצלער" און אנטייל גענומען אין די קריגס-אינדוסטריעלע קאָמיטעטן, האָבן מיר אינעווייניק אין „בונד", אין די ארבעטער-קרייזן, ווידער אמאָל א שטאַרקן קאַמף קעגן דער אָפיציעלער שטעלונג פון „בונד". די אָפּאָזיציע באַשטייט פון ארבעטער-גרופן, וועלכע טרעטן אַרויס אַף די ערטער און אַף די צענטראַלע פאַרטיי-באַראַטונגען אונטערן איינפלוס פון דער באָלשעוויסטישער קאַמפּאַניע קעגן קריג.

אין דאָרעם-רוסלאַנד גייט דער פּראָצעס פון דער באָלשעוויזירונג פון די אידישע אַרבעטער פיל געשווינדער. דאָ איז דער „בונד" שוואַכער, די נאַציאָנאַלע אידעאָלאָגיע שאַפט אויך ניט קיין באַזונדערע שטערונגען, די אידישע אַרבעטער טרעפן זיך אָפטער אין די אַלגעמיינע אנשטאַלטן מיט די רוסישע אַרבעטער. בעאַיים דער ערשטער רעוואָלוציע זיינען די אַרבעטער פון דאָרעם-רוסלאַנד געווען אונטערן איינפלוס פון די מענשעוויקעס, אָבער אָט דער איינפלוס פאַרשווינדט אַלץ מער צוזאַמען מיט דער אַלגעמיינער אָפּשוואַכונג פון די מענשעוויסטישע פּאָזיציעס אין דער אַרבעטער-מאַסע. בעאַיים דער מילכאָמע פאַלן אַרונטער ברייטע שיכטן פון די אידישע אַרבעטער אין קיעוו, אָדעס, קאַטערינאָסלאַוו אונטערן דירעקטן איינפלוס פון די באָלשעוויקעס. דאָס ווייזט זיך שוין אַרויס, בעאַיים דעם צוזאַמענפאָר פון דער קאָאָפּעראַציע אין 1915, אַף וועלכן מיר טרעפן אין דער אַרבעטער-דעלעגאַציע אַ גאַנצע גרופּע אידישע אַרבעטער-באָלשעוויקעס.

אזוי איז נאָך פאַר דער רעוואָלוציע צוגעגרייט געוואָרן יענע גרופּירונג פון קרעפטן, וועלכע האָט זיך אזוי האַסטיק אנטוויקלט אין מאַרט—אָקטיאַבר 1917. דער קליינבירגערלעכער אידישער סאָציאַליזם האָט זיך אָדער דירעקט פּאָליטיש פאַרבונדן מיטן קריגפירנדיקן אימפּעריאַליזם אָדער געשטעלט זיך אַף אַ קלוימערשט אינטערנאַציאָנאַליסטישער, אין דער עמעסן פּאַציפיסטישער פּאָזיציע. די לעצטע האָבן אָבער אונטערגעהאַלטן אַ פעסטע אָרגאַניזאַציאָנעלע פאַרבינדונג מיט די „באַשיצלער" און ניט געוואָלט הערן פון פאַרוואַנדלען דעם אימפּעריאַליסטישן קריג אין אַ בירגער-קריג קעגן דער אימפּעריאַליסטישער הערשאַפט. דערפאַר זיינען זיי געווען אַ שטערונג אפן וועג צו דער רעוואָלוציע.

אין דערזעלבער צייט וואַקסט אָבער אויך אין דער אידישער אַרבעטער-מאַסע פון אונטן דער איינפלוס פון דער באָלשעוויסטישער אידעאָלאָגיע און באָלשעוויסטישער פאַרטיי, וואָס האָט שפּעטער געבראַכט צו דער פולער צעפאַלונג פון אלע קליינבירגערלעכע סאָציאַליסטישע אידישע פאַרטייען און צום פולן ניצחון פונעם באָלשעוויזם אין דער אידישער אַרבעטער-באַוועגונג.

מ. ראַפעס

XIII. דער עקאָנאָמישער חורבן און די מילכאָמע-רעדיפעס אַף די אידן.

130. דער עקאָנאָמישער חורבן אין געוועזענעם טחום.

(באַריכט פון צענטראַלן אידישן קאָמיטעט צו העלפן די מילכאָמע-קאָרבאַנעס (רוסיש). פּעטראָגראַד, 1918, ז. 15—16)

...די מילכאָמע, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבן סאָף יולי 1914, האָט באַלד אָרונטערגעריסן דאָס גאַנצע אינדוסטריעלע און האנדלס-לעבן ניט נאָר אין די ערטער, וואו ס׳זיינען אומיטלבאר פאָרגעקומען די קריגס-אָפּעראַציעס, נאָר אויך אין די וויטערערע ראַיאָנען, אין „רוקן" פון דער ארמיי. די קרעדיט-אַנשטאלטן—די געזעלשאפטן פאַר קעגנזייטיקן קרעדיט און די ליי-און שפּאָרקאַסעס—האָבן באַלד אָפּגעשטעלט דאָס ארויסגעבן די אָפּשפּאָרונגען און אלע אַקטיווע אָפּעראַציעס. ס׳זיינען געבליבן אָן אַרבעט די האַנטווערקער, האַנדלס-אָנגעשטעלטע און ניט-קוואַליפיצירטע אַרבעטער.

...אין דער לאַגע פון אַ שטילשטאנד בלייבט פוילן מיט דער אנדערהאלבן מיליאָניקער אידישער באפעלקערונג און מיט אזעלכע גרויסע צענטרען פון אינדוסטריע און האַנדל, ווי ווארשע און לאָדז. די אידישע באפעלקערונג האָט זיך געפונען אין אַ שרעקלעכער לאגע. אין וואַרשע זיינען צענדליקער טויזנטער מישפּאָכעס פון די קליינע הענדלער, קוסטארן, ארבעטער און אָנגעשטעלטע געבליבן אָן קיין שום מיטלען צום לעבן. אַן ענלעכע לאגע איז געווען אויך אין לאָדז, און טיילווייז אין צענטר פון ליטע—אין ווילנע.

אַ מאַסאָווע פאַראָרימונג פון דער אידישער באפעלקערונג איז אויך געווען צו מערקן אין אַלע גרעניץ-פונקטן פון פוילן, ליטע, וואָלין און פּאָדאָליע, וואו די אידן האָבן באטראָפן 40—80 פּראָצענט פון דער אלגעמיינער שטאָטישער באַפעלקערונג. די אלע שטעט און שטעטלעך, בא 300 אין צאָל, האָבן געלעבט אין א באדייטנדיקער מאָס פון האַנדלס-עקספּאָרט. אין אייניקע פונקטן איז געווען באדייטנדיק אַנטוויקלט די באַאַרבעטונגס-פּראָדוקציע, אין וועלכער די אידן האָבן זיך באטייליקט אי אלס ארבעטער, אי אלס אונטערנעמער, אי אלס פאַרמיטלער. די מילכאָמע האָט גלייך אָפּגעשטעלט דעם גאַנצן

האַנדלס-עקספּאָרט. אַסאַך פֿאַרגרייטע פּאַרן עקספּאָרט סכוירע איז פֿאַרהאַלטן געוואָרן אין די טאַמאָזשנעס, סקלאַדן, האַפֿנס און אייזנבאַן-סטאַנציעס, וואו זיי זיינען שפּעטער צעריבּט אָדער פֿאַרניכטעט געוואָרן בעאייס די טריפֿעס. און אלס פֿויעליויצע איז ארום 25—30 פּראָצ. פֿון דער אידישער באַפֿעלקערונג פֿון די דאָזיקע פּונקטן געבליבן אָן מיטלען צום לעבן און זיינען געווען געצוואונגען אָנצוקומען צו געזעלשאַפֿטלעכער הילף.

די פֿאַראָרימונג פֿון דער אידישער באַפֿעלקערונג איז פֿאַרשטאַרקט געוואָרן דורך די צענדליקער טויזנטער מישפּאָכעס פֿון די מאָביליזירטע רע-זערוויסטן, וואָס זיינען געבליבן אָן שפּייזער; אַסאַך טויזנטער מישפּאָכעס, וואָס האָבן געלעבט פֿונם געלט, וואָס זיי פֿלעגן באַקומען פֿון זייערע קרויווים אין אַמעריקע, אַרגענטינע און אויסטראַליע, זיינען אויך געבליבן אָן מיטלען צום לעבן.

מיט דער אַנטוויקלונג פֿון די קריגס-אָפּעראַציעס און מיטן אָפּטרעטן פֿון אונזער מיליטער טיפֿער אין לאַנד, האָט די רואינירונג פֿון די אידישע מאַסן פֿאַנאַנדערגעוואַקסן זיך אין דער ברייט און אין דער טיף. די קריגס-אָפּעראַ-ציעס, וועלכע האָבן ארומגעכאַפּט קימאַט די גאַנצע טעריטאָריע פֿונם תּחום, די בילבולים, דער האַס צו די אידן אין אַסאַך ערטער מיצאַד דער פּוילישער באַפֿעלקערונג און דאָס פֿולשטענדיקע אַרויסשיקן פֿון דער אידישער באַפֿעל-קערונג פֿריער פֿון אַ גאַנצער ריי פּונקטן אין פּוילן און אין מאַי 1915 — פֿון קאָוונער און קורלענדער גובערניעס האָבן ענדגילטיק צערואינירט דעם עקאָ-נאָמישן וואוילשטאַנד פֿון די אידן. אַ טייל פּונקטן זיינען אומגעקומען בעאייס די באָמבאַרדירונגען, אנדערע זיינען אוועק מיטן פֿייער...

131. סטאַטיסטיק פֿון די היימלאָזע.

(באַריכט פֿון צענטראַלן אידישן קאָמיטעט צו העלפֿן די מילכאָמע-קאָרבאָנעס (רוסיש). פּעטראָגראַד, 1918, ז. 58—59).

אַ. די צאָל היימלאָזע לויט די גובערניעס, פֿון וועלכע זיי זיינען ארויסגעשיקט געוואָרן.

גובערניעס	די צאָל ארויסשיקונגס-פּונקטן	די צאָל היימלאָזע
קאָוונער	329	69·313
גראָדנער	106	20.356
ווילנער	122	20.149
קורלענדער	98	18.782
וויטעבסקער	34	15.173

גובערניעס	די צאָל ארויסשיקונגס-פונקטן	די צאָל היימלאָזע
מינסקער	123	10.944
כעלמער	92	6.560
סואוואלקער	98	6.037
וואָלינער	98	5.737
ווארשעווער	59	5.016
לאָמזשער	70	4.761
פּאָדאָליער	44	4.572
ליפלאנדער	10	3.460
לובלינער	63	2.115
אנדערע גוב.	215	6.047
אומבאוואוסט	346	12.669
סאכאקל	1.899	211.691

ב. וואו האָבן זיך די היימלאָזע באַזעצט.

געגנטן	צאָל פונקטן	צאָל היימלאָזע
ווייסרוסלאנד	63	54.297
ליטע	10	2.169
אוקראינע	105	61.821
קרים	14	8.169
צענטראל-רוסלאנד	65	36.947
וואָלגער געגנט	33	32.922
צאָפן-קאנט	5	5.046
סיביר	10	1.728
אנדערע געגנטן	4	8.592
סאכאקל	309	211.691

132. די ארבעטסלאָזיקייט און דער קאַמף קעגן איר אין די ערשטע כאדאָשים פונם קריג.

(א. קירזשניץ: „די אידישע ארבעטער-באַוועגונג אין די מילכאָמע-יאָרן". „גאָר-בער-שטימע", 1924, נומ. 2—3).

...שוין אין די ערשטע וואָכן פון דער מילכאָמע האָט די ארבעטסלאָזיקייט צווישן די אידישע ארבעטער אָנגענומען אַ מאַסן-כאראקטער, און דער קאַמף מיט איר איז געוואָרן איינע פון די ברענענדסטע אַקטועלסטע פראגן פון דער פּראָלעטארישער געזעלשאפטלעכקייט.

דעם קאמף קעגן דער ארבעטסלאָזיקייט האָבן אָנגעהויבן די ווילנער אַר-בעטער. אף א ריי זיצונגען, און שפּעטער פאַכן-פארזאמלונגען איז די פראגע אויספירלעך און אַלזייטיק באַהאַנדלט געוואָרן און ס'איז באַשלאָסן געוואָרן אויפהויבן אַ פּלאַנמעסיקע קאַמפּאַניע, ארייִנציען אין איר די ברייטסטע אַר-בעטער-מאַסן.

דער פּלאַן פון דער קאַמפּאַניע איז געווען בעערעך אזא:

די פאַרבליבענע לעגאַלע פּראָפאַריינען רופן צונויף ברייטע ארבעטער-פארזאמלונגען, געווידמעט דער פראגע וועגן קאמף מיט דער ארבעטסלאָזיקייט. אף דידאָזיקע פארזאמלונגען ווערט באשטימט, אז די פּאַריינען זאָלן פאָדערן פון דער שטאָט-פארוואלטונג, זי זאָל טייקעף אַסיגנירן געלט-מיטלען אף קעמפן מיט דער ארבעטסלאָזיקייט דורך רעגולירן דעם אָנבאָט און נאָכפראגע אף אַר-בעט (גרינדן אַרבעטס-בירזשעס און ארבעטס-ביוראָען), עפענען ביליקע אַר-בעטער-קיכן און סובסידירן די קיכן, וועלכע די ארבעטער זעלבסט וועלן עפע-נען, שאַפן געזעלשאפטלעכע ווארשטאטן א. ד. ג. מיט דערדאָזיקער ארבעט דאַרף אָנפירן א ספּעציעלע שטאָט-קאָמיסיע, אין וועלכער די ארבעטסלאָזע דאַרפן זיין אָנטשפּראָכן פארטראָטן דורך זייערע פאריינען, אָדער דורך ספּע-ציעלע אויסגעוויילטע באפולמעכטיקטע, אויב אין געגעבענעם פאַך איז קיין לעגאַלער פאריין ניטאָ.

די קאַמפּאַניע האָט זיך אָנגעהויבן. די פיר לעגאַלע פּראָפאריינען, וואָס האָבן עקזיסטירט אין שטאָט,—פון האַנדלס-אָנגעשטעלטע, שניידער, מעטאַליסטן און דרוקער—האָבן צונויפגערופן אלגעמיינע פארזאמלונגען פון אלע ארבעטער פון זייערע פאַכן, אף וועלכע ס'איז באַשטעטיקט געוואָרן דער דערמאָנטער פּלאַן און אויסער דעם איז באַשטימט געוואָרן גלייך דורכפירן אַן אנקעטע, קעדיי אויסצופאָרשן די גרויס פון דער ארבעטסלאָזיקייט, און טייקעף צוטרעטן צו אָרגאניזירן א קאָאָפּעראטיווע ארבעטער-קיך.

די אנקעטע איז אָן שוועריקייטן דורכגעפירט געוואָרן, און אירע רעזול-טאטן האָבן באוויזן, אז די ארבעטסלאָזיקייט אין ווילנע האָט ווירקלעך אָנגע-נומען אַן אלגעמיינעם און מאסן-כאראקטער. די אלגעמיינע צאָל ארבעטסלאָזע האָט דערגרייכט קימאט 9.000. די גרעסטע צאָל ארבעטסלאָזיקע האָבן געגעבן: שוסטער — 2.600 פון 5.000 ארבעטער אין פאַך, שניידער — 1.600 פון 2.500,

שטעפער—225 פון 300, זאָקנמאכער—500 פון 1000, איינבינדער—200 פון 300, מעטאַליסטן—400 פון 800, דרוקער—350 פון 800, גארבער—300 פון 900 א. ד. ג.

די קאַמפּאַניע ארום דער שטאָט-דומע איז געווען א דויערהאַפטע און אָנגעשטרענגטע. די פּריציש-פאַבריקאַנטישע מערהייט פון דומע האָט, נאַטיר-לעך, ניט געוואָלט הערן פון ארבעטסלאָזיקע און ארבעטער-אָרגאַניזאַציעס. נאָך דער אָנגריף פון די לעצטע איז געווען אזוי ענערגיש, די פאָדערונגען פון די מאַסן-פאַרזאַמלונגען אזוי אַנטשיידן, אז סאָפּקאָלסאָף האָט אפילו די רעאַקציאָ-נער-בורזשואַזע דומע געמוזט אונטערגעבן זיך און באַפרידיקן א טייל פון די פאָדערונגען פון די ארבעטער-אָרגאַניזאַציעס. צווישן אַנדערע האָט די דומע זאָגאַר אָנגענומען א באַשלוס מישטאַדל זיין זיך פאַר דער רעגירונג, אז ס׳זאָלן אָפּגעשאַפט ווערן די וואוינונגס-באַגרעניצונגען פאַר אידן, קעדיי די אידישע ארבעטער זאָלן זיך קאָנען באַזעצן אין די צענטראַלע גובערניעס.

שנעלער איז צוגעגאַנגען די ארבעט מיט אָרגאַניזירן די קאָאָפּעראַטיווע אַרבעטער-קיך, וועלכע האָט אינגיכן אָנגעהויבן פונקציאָנירן, באַזאָרגנדיק טעגלעך ביז 500 ארבעטער, אָן אונטערשייד פון נאַציע, מיט ביליקע מיטאָגן.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דער גרינדונג פון דער קיך, איז די אידישע אר-בעטער אויסגעקומען אויסצושטיין אַ פאַרביסענעם קאַמף מיט די אידישע „פּניי״, מיט די ווילנער גאַבאָים, צו וועלכע ס׳איז אריינגעפאַלן אַ טייל געלט-מיטלען, וואָס די פּעטערבורגער געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס האָבן אַסיגנירט פאַר דער קיך. דערדאָזיקער קאַמף האָט בוילעט אויפגעדעקט דעם בורזשואַזן טאָך פון דער אזוי געררופענער אידישער „געזעלשאַפטלעכקייט״ און דער „דעמאָ-קראַטישער״ אינטעליגענץ, וואָס האָט זיך ארום איר גרופּירט.

אין ווילנע איז די ארבעט אָנגעגאַנגען גאַנץ לעבהאַפטיק ביז זומער 1915, ווען ס׳איז פאָרגעקומען אַ גרויסער דורכפאַל. מיט דער הילף פון פּראָוואָקאַ-טאָר בערכיפאַנד איז אַנטדעקט געוואָרן די אומלעגאַלע אָרגאַניזאַציע. איי-ניקע כאַווירים זיינען אדמיניסטראַטיוו פאַרשיקט געוואָרן קיין סיביר, ארום 25 פּערזאָן זיינען איבערגעגעבן געוואָרן צום געריכט און פאַרמישפּעט צו קאַ-טאָרגע און פאַרשיידענע טערמינען טורמע.

אַן ענלעכע אַרבעט, נאָר מיט ווייניקער ערפאָלג, האָט זיך אין די ער-שטע כאַדאָשים פון דער מילכאָמע געפירט אויך אין ווארשע, לאָדז, מינסק, ויטעבסק, באָברויסק.

אין ווארשע האָט זיך אויך איינגעגעבן צו שאַפן אייניקע ארבעטער-קיכן, פּראָלעטארישע שפּייז-קאָאָפּעראַטיוון א. ד. ג. אין די איבעריקע שטעט אָבער איז די ארבעט ווייטער פון פאַרזאַמלונגען און רעזאָלוציעס ניט געגאַנ-גען. בלויז אין מינסק האָט זיך מיט אַ צייט שפּעטער איינגעגעבן צו שאַפן אַ קאָאָפּעראַטיווע אַרבעטער-קיך, וועלכע איז אין מעשעך פון גאַנצן מילכאָמע-פּעריאָד געווען דער לעגאַלער צענטר פון דער גאַנצער אָרטיקער פּראָלעטאַ-רישער געזעלשאַפטלעכקייט...

133. די עקאָנאָמישע לאגע און די פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונג צווישן די בערשטער אף די נייע ערטער.

(א. גאסט: „צווישן די בערשטער", „יעווריעיסקיא וועסטי", 1916, נ. 2).

די מילכאָמע האָט געגעבן א גרויסן קלאַפּ דער בערשטער-פּראָדוקציע. ווי באַוואוסט, איז זי געווען קאָנצענטרירט אין די קלײנע שטעט און שטעטלעך פון ליטע און פוילן. די מערהייט פון אָט די פּונקטן איז איצט אָקופּירט פונם סוינע (סואוואלק, וולאָדיסלאַוואָוו, טרעסטיאַן, מעזיריעטש, ווילנע), פון די אנדערע פּונקטן האָט זיך די פּראָדוקציע עוואקואירט מאַכמעס דער נאָענטקייט צום פראָנט (קרעסלאוו, דווינסק). אַפן אָרט זײנען געבליבן נאָר קלײנע אונטערנעמונגען אין מינסק, אָרשע. עטוואָס אָן א זײט שטײט וויטעבסק מיט סאָבאָלעוויטשעס פאַבריק.

די עוואקואירטע וואַרשטאַטן האבן זיך אריבערגעטראָגן ווייטער פון פראָנט קיין האָמעל, סטאַראָדוב און אַפילע צאריצין. אָבער דער הויפּט-צענטער פון דער בערשטער-פּראָדוקציע איז געוואָרן ניזשני-נאָווגאָראָד, וואוהין ס'זיינען אריבערגעפאָרן די גרעסטע סאָכרים.

מע זאָגט, אז ניט די ארבעטער, ניט די אונטערנעמער האָבן זיך לעכאטכילע ניט אָריענטירט אין דער נײער סיטואַציע. אייגנגעוואוינט אין דער פרידנס-צייט צו פירן די גאַנצע סכוירע קיין לײפּציג, האָבן די אונטערנעמער געמײנט, אז ווי דײטשלאַנד האָט דערקלערט קריג, איז געקומען א סאָף צו זײער פּראָדוקציע. מיט דעם דערקלערט זיך אויך דאָס, וואָס די ארבעטער האָבן ניט געוואָלט פאַרלאָזן זײערע אײנגעזעסענע ערטער, וואו מע האָט פאַרויסגעזען בלויז ארבעטסלאָזיקײט.

אָבער נאָכדעם האָט זיך ארויסגעוויזן, אז די מילכאָמע האָט געשאַפן א נײעם מאַרק. כאזער-האָר געברויכט אין א גרויסן סכום די ארמײ. די פּראָדוקציע האָט זיך באַנײט אַפן נײעם אָרט, ס'זײנען קלענער געוואָרן די בײהויצאָעס באַם אריבערפירן די אומבאַארבעטע כאַזער-האָר. די פרייזן אף דער באַארבעטער סכוירע זײנען אויך אויסער יעדער קאָנקורענץ, אבי ס'זאָלן נאָר זײן ארבעטס-הענט.

און אָט האָבן זיך געביטן די ראָלן: דער אונטערנעמער איז געוואָרן אָפּהענגיק פונם קוואַליפיצירטן אַרבעטער. ער מײדט אויס יעדער אָפּהאַלטן די פּראָדוקציע און איז גרײט בעסער נאָכגעבן פון ערשטן וואָרט די פאָדערונגען פון די ארבעטער. די נאָרמע פון ארבעטסלוין וואַקסט קימאַט אָן שום אָנשטרענגונג מיצאַד די ארבעטער.

...די נײע סיטואַציע האָט באַ דער מאַסע ארבעטער-בערשטער ארויסגערופן שטימונגען, וואָס אײניקע פון זײ זײנען אויסגעשפּראָכן שעדלעך פאַר דער אנטוויקלונג פון זײער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג.

...ערנסט איז געווען דער שטרײט וועגן די מעטאָדן פון דערגרייכן עקאָנאָמישע פאַרבעסערונגען. ניט געקוקט אפן וואוקס פון ארבעטסלוין, זיי-

נען דאָך די לעבנס-באַדינגונגען ווייט ניט קיין פויגלדיקע. אנשטאָט די פריער־דיקע 12 רובל באַקומען איצט די בערשטער 35, און מע האָט אַפילע גאָר ערנסט געשמועסט וועגן אויפהויבן דעם לוין ביז 50 רובל א וואָך. אָבער מע מוז נעמען אין אכט די רואינירונג, מיט וועלכער ס'איז געווען פאַרבונדן דאָס עוואקואירן זיך קיין ניזשני־נאָווגאָראָד. אכוץ דעם, זיינען די ארבעטער אלע מענטשן באיאָרנטע, מיט פאַמיליעס. דאָס לעבן אין נ.-נאָווגאָראָד איז אויך, אפילע אכוץ דעם וואוקס פון די פרייזן, היפש טייערער, איידער אין די פאַר־וואָרפּענע שטעטלעך, וואו ס'ראָוו האָט געלעבט פריער מיט אן אייגן הויז און ווירטשאַפט. דאָס יאָגן זיך נאָך פאַרדינסט האָט געבראכט צו א קלענערער שטרענגקייט אינם אָפּהיטן די אלטע פּראָפעסיאָנעלע דערגרייכונגען — דעם 8-שאָעדיקן ארבעטס-טאָג, איבערשטונדן זיינען איינגעפירט קימאַט אין אלע אונטערנעמונגען.

...ס'זיינען ארויסגעזאָגט געוואָרן צוויי מיינונגען. איינע האָבן גערעכנט, אז מע דארף שווימען מיטן שטראָם, מיענדיק זיך נאָר אויסנוצן די גוטע קאָניונקטור. די אָנהענגער פון דער מיינונג זיינען געווען קעגן דער פּראָפע־סיאָנעלער קאַסע, זיי האָבן איגנאָרירט אלע פאָדערונגען פון דער רייכער פּראָפעסיאָנעלער דערפארונג. די אנדערע ווידער האָבן געשטעלט העכער פון אלץ די פאַרשטארקונג פון דער פּראָפעסיאָנעלער אָרגאַניזאַציע. זיי זיינען ארויסגעטראָטן קעגן דעם פּרואוו צו בויען דעם גאַנצן וואוילשטאנד אף דער קאָנקורענץ פון די אונטערנעמער און האָבן איינגעפונען, אז מע מוז שטרעבן צו א ו י ס ג ל ײ כ ן דעם ארבעטסלוין, נאטירלעך, דורך העכערן אים אין די אָפּגעשטאַנענע אונטערנעמונגען.

...אָט די כלוקעדייעס האָבן באקומען נאָך א טיפערע באַדייטונג אַדאַנק דעם, וואָס די אונטערנעמער האָבן ארויסגערוקט די אידייע פון א קאָלעקטיוון אָפּמאַך מיט אן אויסגלייך־קאַמער צו אנטשיידן קאָנפליקטן, אָבער מיט א היסכאיוועס אָפּצוזאָגן זיך אף א באשטימטן טערמין (כאָטש אף דריי כאדאָ־שים) פון העכערן די פרייזן.

און ס'האָט באנג געטאָן, הערנדיק, ווי אייניקע אלטע דערפארענע בערשטער זיינען ארויסגעטראָטן קעגן דעם פאַרווירקלעכן די פאַרלאַנגען און פאָדערונגען, וועלכע האָבן אזוי נאטירלעך ארויסגעדרונגען פון דער גאַנצער פריערדיקער דערפאַרונג אין אָט דער פּראָדוקציע.

איצט איז אָבער געקומען א סאָף צו די כלוקעדייעס. די פאָרמול פון העכערן דעם ארבעטסלוין איז איצט אומעטום אָנגענומען מיט דער טענדענץ צום אויסגלייכן אים. די אידייע פון קאָלעקטיווע אָפּמאַכן איז אנערקענט פון אלעמען. די פראגע וועגן אויסגלייך־קאַמערן איז געלייזט געוואָרן אין דעם זין, אז פאַר איטלעכער שטאָט ווערט פיקסירט א באשטימטער באשטאַנד פאָר־שטייער פון די ארבעטער און די אונטערנעמער, אָבער אָ ן א ש אָ ל י ש. אָט די אויסגלייך-קאַמערן לייזן נאָר די קאָנפליקטן, וואָס די אַרבעטער זיינען

מאַסקים איבערצוגעבן זיי, און דאָס אויך — איטלעך מאָל אין באַשטימטע ראַמען.

...דאָס לעבן האָט אזוי ארום געבראכט צום ניצאָכן פון די געזונטע פרינציפן.

134. א באַפעל צו נעמען אָרוועס־געפאנגענע פון דער אידישער באַפעלקערונג.

(א באַפעל דעם כאַיל פונם באַפעסטיקטן ראיאָן, פעסטונג נאָוואָ-געאָרגיעווסק, 27 נאָיאַבר 1914, „יעווריעיסקאַיאַ סטארינא“, 1918, ב. 10, דאָקומענט נומ. 2, ז. 251).

אין די דייטשישע צייטונגען טרעפן זיך ארטיקלען, וואָס אין זיי ווערט געזאָגט, אז אין דער פּערזאָן פון די רוסישע אידן האָבן די דייטשן געפונען זיכערע פאַרבינדעטע, אכוץ באַזאָרגן מיט עסנוואַרג, זיינען זיי גרייט צו טאָן, אָפּטמאָל אָן באַלוינונג, אלערליי טויוועס, אויב נאָר דאָס קאָן ברענגען שאָדן די רוסישע אינטערעסן. אין דעם דייטשישן ניצאָכן זעען די אידן פאַר זיך אליין א רעטונג פון די צאַרישע פאַרפאָלגונגען און פון דער פוילישער אונטערדריקונג.

ענלעכע יעדיעס קומען אָן אויך פון דעם כאַיל.

קעדיי צו פאַרזיכערן דעם כאַיל פון דער שענדלעכער טעטיקייט פון דער אידישער באַפעלקערונג, האָט דער הויפּט-קאָמאַנדיר באַפוילן, אז באַם פאַרנעמען באַפעלקערטע פונקטן, זאָל מען נעמען פון דער אידישער באַפעלקערונג א ר וו ע ס - ג ע פ א נ ג ע נ ע. דערביי זאָל מען וואָרענען די איינוואוינער, אז אינם פאַל, ווען איינער פון די אָרטיקע איינוואוינער וועט ארויסווייזן א פאַרעטערישע טעטיקייט, ניט נאָר אין דער צייט, ווען דער באַפעלקערטער פונקט איז פאַרנומען פון אונז, נאָר אויך דאַן, ווען ער איז פאַרלאָזן געוואָרן, וועלן די אָרוועס-געפאַנגענע געטויט ווערן. און ווען דאָס וועט נויטיק זיין, זאָל דאָס ווערן אויסגעפירט.

באַם פאַרנעמען באַפעלקערטע פונקטן דאַרף מען זיך איבערצייגן דורך א זאָרגזאַמער אונטערזוכונג, צי זיינען דאָרט ניטאָ וועלכע ניט איז צופּאַסונגען פאַרן דראָטלאָזן טעלעגראַפירן, פאַר דער סיגנאַליזירונג פון טויבן-סטאַנציעס, פאַר אן אונטערערדישן טעלעגראַף און א. וו. דערביי דאַרף מען זיך באַגיין מיט די פּערזאָנען, וואָס האָבן א שאַיכעס דערצו, לויט דער גאַנצער שטרענגקייט פונם געזעץ.

135. אָפיציעלע מיטיילונג וועגן „אידישן פאַראַט“ אין קוזשי.

(„מיטיילונג וועגן קוזשי“. „יעווריעיסקאיא סטארינא“, 1918, ב. 10, דאָקומענט נ. 3, ז. 252).

דעם 30-טן אַפּרעל 12 אזייגער באַטאָג. דער קאָרפּוס-קאָמאַנדיר האָט באַפוילן מיטצוטיילן אלעמען, ביזן לעצטן סאָלדאַט, וועגן דעם, וואָס ס'האָט זיך געטראָפן אין דער נאַכט פון 27-טן אפן 28-טן אַפּרעל*).

*) 1915.

אויספירנדיק די אויפגאַבע, וואָס איז אים געשטעלט געוואָרן, האָט דער 151 פּיאַטיגאָרסקער פּאָלק פאַרנומען דאָס דאָרף קוזשי. פון די באַווייזן פון די אָנטיילנעמער איז קלאָר געוואָרן, אַז ביזן אָנקומען פון אונזערע מיליטער-טיילן אין אָט דאָס דאָרף זיינען דורך די אידן באַהאַלטן געוואָרן אין זייערע קעלערס דייטשישע סאָלדאַטן, און לויט דעם סיגנאַל-שאָס האָט קוזשי אָנגעהויבן צו ברענען אין פאַרשיידענע ערטער, און די דייטשישע סאָלדאַטן האָבן זיך א וואָרף געטאָן צום הויז, וואָס איז געווען פאַרנומען פונם קאָמאַנדיר פון פּיאַטיגאָרסקער פּאָלק. גלייכצייטיק האָט זיך אָנגעהויבן דער אַנגריף פונם סוינע (2 באַטאַליאָנען מיט קאַוואַלעריע), וועלכער האָט, פאַרניכטנדיק צוויי אונזערע שוץ-אָטריאַדן, ארויפגעוואָרפן זיך אַף דאָסדאָזיקע דאָרף.

ווען דאָס הויז, וואָס איז געווען ארומגענומען פונם פלאַם, האָט אָנגעהויבן איינצופאַלן, האָט דער קאָמאַנדיר פונם פּאָלק, פּאָלקאָווניק דאַווילעוו, באַפוילן צו פאַרברענען די פאָן, איבערלאָזנדיק דעם קלאַמער. נאָך דעם, ווי דער באַפעל איז אויסגעפירט געוואָרן, איז דער פּאָלקאָווניק דאַווילעוו ארויסגעשפּרונגען פונם פענסטער און איז דערהאַרגעט געוואָרן.

די אָנגעקומענע טיילן פון פּיאַטיגאָרסקן פּאָלק האָט זיך איינגעגעבן אָפּצושטויסן דעם קעגנער און ארויסצושלעפּן די רעשטן פון דער ארומגעברענטער פאָן פון דעם צעפאַלענעם אויוון...

דעם אָריגינאַל האָט אונטערגעשריבן: פּאָלקאָווניק פּ ע ד אָ ט אָ וו.

מיטן אָריגינאַל שטימט: שטעלפאַרטרעטער פונם שטאַב-שעף פּאָדפּאָלקאָווניק ק א ר פּ ע נ ק אָ.

136. דער גיירעש פון דער גאַנצער אידישער באַפעלקערונג פון קאָווענער גובערניע.

(טעלעגראַפישער באַפעל, אדרעסירט דעם פּאָנעוועזשער איספּראַווניק. „יעווריעיסקאַיאַ סטאַרינאַ“, 1918, ב. 10, דאָקומענט נומ. 4, ז. 252).

לויט דער פאַראָרדענונג פונם קאָמאַנדיר פון דער ארמיי דאַרפן ארויסגעשיקט ווערן אלע אידן, וואָס וואוינען צו מאַירעוו-זייט פון דער ליניע קאָוונע, יאַנאָוו, ווילקאָמיר, ראָגאָוו, פּאָנעוועזש, פּאָסוואָל, סאלאטי, בויסק. די אויסגערעכנטע פּונקטן גייען אויך אריין אין דער צאָל פון די ערטער, וואָס פון זיי דאַרפן ארויסגעשיקט ווערן די אידן. בענויגייע צו די אידן, וואָס וואוינען אין די ערטער, וועלכע זיינען איצט פאַרנומען פונם דייטשישן כאַיל, דאַרף מען אויספירן דעמדאָזיקן באַפעל טייקעף, ווי אָט די ערטער וועלן אָפּגערייניקט ווערן פון דעם סוינע און זיי וועלן פאַרנומען ווערן דורך אונזער כאַיל.

די ארויסגעשיקטע אידן דאַרפן באַזעצט ווערן אין איינעם פון די פּאָלגנדיקע אויעזדן: באַכמוטער, מאַריופּאָלער, סלאַוויאַנאָסערבסקער פון קאַטערינאָסלאַווער גובערניע און פּאָלטאַווער, גאַדיאטשער, זענקאָווער, קאָבעליאקער,

קאָנסטאַנטינאָגראַדער, לאָכוויצער, ליובענער, מירגאָראָדער, קומענער און כאָראָלער פון פּאָלטאַווער גובערניע. דער לעצטער טערמין אַף אַרויסצושיקן איז באַשטימט דער 5-טער פון היינטיקן מײַ *). נאָך דעמדאָזיקן טערמין וועט דאָס פאַרבלייבן פון די אידן צו מאיירעוו-זייט פון דער אָנגעוויזענער ליניע באַשטראָפט ווערן לויט די געזעצן פון דער מילכאָמע-צייט, און די פּאָליציי-באַאַמטע, וואָס האָבן ניט אָנגענומען קיין ווירקזאַמע מיטלען אַף אויסצופירן די אָנגעוויזענע פאַראָרדענונג, וועלן באַזייטיקט ווערן פון די פּאָסטנס און איבערגעגעבן ווערן צום געריכט.

מודיע זייענדיק אייך וועגן דעם צום אויסצופירן, לייג איך פאָר נאָכן פאַרענדיקן די אַלגעמיינע אַרויסשיקונג פון די אידן הינטער דער גרעניץ פונם ראַיאָן, וואָס איז אייך פאַרטרויט, מיטצוטיילן מיר טעלעגראַפיש צו 12 אַזייגער באַנאַכט דעם 5-טן מײַ. וועגן גאַנג פונם אַרויסשיקן די אידן פון די ערטער, וואָס זיינען איצט פאַרנומען דורכן סוינע, מיטיילן לויטן אויספירן.

אונטערשריפטן.

*) 1915.

XIV. די אידישע אַרבעטער און דער אימפּע-ריאַליסטישער קריג.

137. די אַרבעטער־פּאַרטייען פון פוילן רופן צום קאמף קעגן דער מילכאָמע.

(„צום פוילישן פּראָלעטאַריאַט“. „דער אינטערנאַציאָנאַל און די וועלט-מילכאמע“, (רוסיש). מאסקווע, 1919, ז.ז. 238—241).

כאווײרים אַרבעטער! דער בלוטיקער פלאַם פון דער מילכאָמע דראָט צו פאַרשפּרייטן זיך איבער דער גאַנצער וועלט. ניט לאַנג האָט אויסגעבראָכן די עסטרייך-סערבישע מילכאָמע, און איצט זעען מיר, ווי ס׳הויבט זיך אָן א מילכאָמע צווישן דייטשלאַנד און רוסלאַנד. מיט א שרעקלעכער אומפאַרמיידלעכקייט ווערן מיר אלץ נעענטער צו אן אלגעמיינער אייראָפּעאישער בלוטבאָד.

אַפן מיזבייעך פון דער מילכאָמע מוזן די פאָלקס-מאַסן ברענגען אָן א שיר קאָרבאָנעס, מיליאָנען אַרבעטער וועלן פאַרמישפּעט ווערן אף הונגער און נויט, אלע דערגרייכונגען פון דער ציוויליזאַציע האַלטן בא פאַרניכטעט צו ווערן.

די פאַרברעכערישע פּאָליטיק פון די איצטיקע רעגירונגען רייניקט אָפּ מיט בלוט און אייזן דעם וועג פאַרן קאַפּיטאַל, וועלכער זוכט נייע געגנטן אף צו עקספּלואַטירן זיי. די עגאָיסטישע אינטערעסן פון די הערשנדיקע קלאַסן און די רויבערישע שטרעבונגען צו פאַרשפּרייטן די מאַכט פונם קאַפּיטאַל אף נייע לענדער ברענגען צו א שרעקלעכן קאַמף פאַר רויב. דאָס בלוט פון הונדערטער טויזנטער זין פון פאָלק מוז פאַרוואַנדלט ווערן אין גאָלד פאַר די אונטערדריקער.

...נידער מיט דער מילכאָמע! — אָט דאָס איז דאָס געשריי, וואָס ס׳האָט זיך ארויסגעריסן בא די מיליאָנען דעמאָנסטרירנדיקע אַרבעטער פון אַלע לענדער און פעלקער. דער פּאָליטיק פון א מילכאָמע פון אַלעמען קעגן אלעמען שטעלט דער פּראָלעטאַריאַט אַקעגן אינטערנאַציאָנאַלע סאָלידאַריטעט, די ברידערלעכקייט פונם רעוואָלוציאָנערן גייסט, די אַלגעמיינע שטרעבונג צו באַזיי-

טיקן די עקזיסטירנדיקע סיסטעם פון עקספּלואַטאַציע און אונטערדריקונג און איינצופירן די סאָציאַליסטישע אָרדענונג. דער פּראָלעטאַריאַט דערקלערט אַ מילכאָמע זיינע רעגירונגען, זיינע אונטערדריקער. די אַרבעטער-רעוואָלוציע גייט פאָרויס: ס'הערט זיך דער דראָענדיקער גערויש פון די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער-באַטאַליאָנען, וועלכע אַטאַקירן די טראַנשייען פון דער איצטיקער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג.

אַרבעטער! איר זייט מיטגלידער פון דער גרויסער פּראָלעטאַרישער מישפּאָכע. אין דעם איצטיקן היסטאָרישן מאָמענט דאַרפט איר קלאָר פאַרשטיין אייערע רעוואָלוציאָנערע פליכטן, קעדיי ארויסצוטרעטן מיט דער גאַנצער קראַפט אַלס אַ טייל פון דער אינטערנאַציאָנאַלער רעוואָלוציאָנערער אַרמיי.

די מילכאָמע, וואָס הויבט זיך איצט אָן צווישן דעם צאַריזם מיט דייטש-לאַנד און עסטרייך, ציט אַריין קוידעמקאָל אונזער פאָטערלאַנד אינם שטראָם פון די קריגס-אָפּעראַציעס. שוין אַסאַך הונדערטער טויזנטער אַרבעטער זיינען אָפּגעריסן פון זייערע וואַרשטאַטן, און פיל זאַוואָדן האָבן פאַרקלענערט זייער טעטיקייט. די אָרימע קלאַסן פילן שוין די מאַכט פונם הונגער; די הונגער-נויט קלאַפּט שוין אין טיר.

דער פּראָלעטאַריאַט איז ניט געווען אימשטאַנד אָפּצושטעלן דעם אָנהויב פון דער מילכאָמע. אין די איצטיקע מעלוכעס הענגט אָפּ מילכאָמע און שאָ-לעם, אַזוי ווי דער גוירל פון מיליאָנען מענטשן, פון אַ הייפל רעגירנדיקע שיכטן. די גרויסע מיליטערישע מעלוכעס שטויסן זיך צוזאַמען איינס מיט אַנ-אַנדער, און דער פּראָלעטאַריאַט איז ניט אימשטאַנד אָפּצושטעלן מיט זיין מעכטיקער האַנט דעם אָנהויב פון די פיינטלעכע אָפּעראַציעס. נאָר דער פּראָ-לעטאַריאַט ווייס, אַז זיין רעוואָלוציאָנערער שטאַנדפּונקט וועט בלייבן אומ-פאַרענדערט, אַז זיינע רעוואָלוציאָנערע אַקטן וועלן באַקומען אַ ווייטערדיקע אַנטוויקלונג און פאַרשטאַרקט ווערן. די פּאָליטישע פאָדערונגען פונם פּראָלע-טאַריאַט הענגען ניט אָפּ פון די ענדערנדיקע מילכאָמע-געשעענישן און פון דעם ניצאָכן פון דעם אָדער יענעם צאַד. דער פּראָלעטאַריאַט פון אונזער לאַנד וועט אין הסכּם מיט דעם פּראָלעטאַריאַט פון רוסלאַנד און אייראָפּע ווייטער פירן זיין רעוואָלוציאָנערן קאַמף, וואָס דרינגט ארויס פון דער שטרע-בונג צו פאַרניכטן די עקזיסטירנדיקע פּאָליטישע אָרדענונג און איינצושטעלן די פאָלקס-הערשאַפט.

אין זיין קאַמף פאַר נאַציאָנאַלע רעכט וועט דער פּוילישער פּראָלעטאַ-ריאַט ארויספירן זיינע פאָדערונגען פון די אַלגעמיינע גרונטלאַגן פון דער פּראָלעטאַרישער קלאַסן-פּאָליטיק. פריי פון יעטווידער נאַציאָנאַליזם, וועט ער אונטערשטיצן דידאָזיקע פאָדערונגען מיט רעוואָלוציאָנערן קאַמף קעגן אַלערליי אינטריגעס און הינטערקוליסן-אָפּמאַכן פון די דיפּלאָמאַטן.

אינם קאַמף פון די סאָציאַלע קויכעס, וואָס וועט זיך פאַנאַנדערברענען אינם רעזולטאַט פון דער מילכאָמע און דער אנטשטאנענער עקאָנאָמישער לאַגע פון לאַנד, דאַרף דער פּראָלעטאַריאַט קעגנשטעלן דער בורזשואַזיע און די גרויסע ערד-באַזיצער זיין קלאַסן-באַוואוסטזיין. אַלס אַן אָרגאַניזירנדיקע

קראפט, אלס דער איינציקער קעמפער פאר פרייהייט, דארף ער שטיין אף דער וואך פון דער צוקונפט און אין די אָנקומענדיקע היסטאָרישע געשעענישן ארויסווייזן זיין ווילן און מאיסים.

כאוויירים ארבעטער! די רעוואָלוציאָנערע פּאָליטיק און די רעוואָלוציאָנערע טעטיקייט פונם פראָלעטאריאט דארפן זיך ארויסווייזן מיט דער גאנצער קראפט און קלאָרקייט. דער פראָלעטאריאט דארף אויך אין דער צוקונפט זיין א זעלבשטענדיקע קראפט אין קאמף קעגן די רעגירונגען, קעגן דעם קאפּיטאל, קעגן דעם נאציאָנאליזם. ער דארף שטרעבן צו פארטיידיקן זיינע קלאסן-אינטערעסן קעגן אלע פיינטלעכע קויכעס. קעדיי צו פארווירקלעכן די־דאָזיקע פאָדערונגען, דארף ער דערקעמפן די פּאָליטישע קראפט און האלטן זי אין זיינע הענט.

כאוויירים ארבעטער! שליסט צוזאמען די רייען! קיין איין פראָלעטאריער טאָר ניט בלייבן אויסערן רינג פון די קעמפער! דער אינטערנאציאָנאלער סאָציאליזם דארף אונז פירן אין שלאכט צום ניצאָכן!

נידער מיט דער מילכאָמע! זאָל לעבן די ברידערלעכקייט פון די פעלקער!

נידער מיט דער אונטערדריקונג און עקספּלואטאציע! זאָל לעבן דער סאָציאליזם!

נידער מיטן צאריזם! זאָל לעבן די רעוואָלוציע!

דער גענגט-ראַט פון דער סאָציאַל-דעמאָקראטיע פון פוילן און ליטע.
דער הויפּט-ראַט פון דער סאָציאל-דעמאָקראַטיע פון פוילן און ליטע.
דער צענטראַלער אַרבעטער-קאָמיטעט פון דער פוילישער סאָציאליסטישער פּארטיי.
דער צענטראַלער קאָמיטעט פון „בונד".

ווארשע, 2/8 *) 1914.

138. אנטימילכאָמע־שטימונגען צווישן די אידישע ארבעטער.

(גדאַליע ליבאָ 165) : „אין יענע יארן", „גאַרבער-שטימע", 1924, נ. 2—3).

...ערעוו דער מילכאָמע האָט זיך די ארבעטער-באוועגונג אין רוסלאנד זייער פארשטארקט. די אידישע ארבעטער-באוועגונג האָט אויך שטארק אויפגעלעבט. דער „בונד" האָט זיך געגרייט צום VIII-טן צוזאמענפאָר. אף דער מינסקער גובערניאלער קאָנפערענץ פון בונד אין יולי 1914 בין איך מיטן כא-

*) לויטן נייעם סטיל.

ווער אלטער רומאנאָוו) אויסגעקליבן געוואָרן אלס דעלעגאטן אפן VIII צוזאמענפאָר. דער צוזאמענפאָר האָט געדארפט פאָרקומען אין אויסלאנד. דעם 17-טן יולי*), בעשאס אף די גרעניצן האָבן שוין געקלאפט די הארמאטן, זיינען מיר ארויסגעפאָרן קיין ווארשע, קעדיי פון דאָרטן צו פאָרן קיין אויסלאנד. פארשטייט זיך, ווייטער פון ווארשע האָבן מיר ניט געקאָנט פאָרן, נאָר צוריק פאָרן קיין מינסק האָבן מיר אויך ניט געקאָנט, ווייל דער וועג איז געווען פארנומען מיט מיליטער. מאכמעס דעם איז אונז אויסגעקומען 8 טעג זיצן אין ווארשע. אין ווארשע איז געווען א גרויסע אויפלעבונג. מאסן ארבעטער זיינען ארויסגעטראָטן מיט דעמאָנסטראציעס קעגן קריג. די שטימונג פון די ארבעטער איז געווען דורכויס קעגן קריג. אין די פאָליטישע סאָציאליסטישע קרייזן האָט מען גערעדט, אז די מילכאָמע וועט געדויערן 4 אָדער 6 וואָכן. „מע וועט זי ניט אויסהאלטן"...

אומקערנדיק זיך אין מינסק, האָבן מיר געפונען א כורבן פון דער מינסקער אָרגאַניזאַציע. אָפּהענטיקייט און מוטלאָזיקייט האָבן דאַן געהערשט צווישן די מינסקער ארבעטער. דער גרעסטער טייל ארבעטער זיינען מאָביליזירט געוואָרן. די פאַבריקן האָבן זיך גענומען פארמאכן, און די אַרבעטסלאָזיקייט איז געוואָרן גרויס. דאָך האָבן מיר גלייך צונויפגערופן דעם קאָלעקטיוו פון אונזער אָרגאַניזאַציע, [פעסטגעשטעלט אונזער באַציאונג צו דער מילכאָמע און צו די נאָענטסטע פאָליטישע געשעענישן. די מיינונג פון אונזער אָרגאַניזאַציע איז געווען, אַז די מילכאָמע מוז זיך פארענדיקן מיט א רעוואָלוציע און אז די רוסישע רעגירונג מוז אין דער מילכאָמע קריגן איר מאַפּאָלע. דעריבער האָבן מיר באַשלאָסן רופן די ארבעטער קעגן דער מילכאָמע און קעגן דער רעגירונג. אף דער אלגעמיינער פאַרזאַמלונג פון אונזער אָרגאַניזאַציע האָט דער קאָלעקטיוו דורכגעפירט דידאָזיקע מיינונג, און אַזוי האָט זיך די מינסקער אָרגאַניזאַציע פון בונד געשטעלט אַפן מאפּאָלע-שטאַנדפּונקט און דער פאַרווירקלעכונג פון דער רעוואָלוציע. נאָך דער באַשטימונג פון מינסקער קאָלעקטיוו איז מיר איבערגעגעבן געוואָרן צונויפשטעלן אן אויפרוף צו די מינסקער ארבעטער וועגן דער מילכאָמע, וואו ס'איז געווען ארויסגעזאָגט די מיינונג פון דער מינסקער אָרגאַניזאַציע וועגן דער מילכאָמע און די ווייטערדיקע פאָליטישע געשעענישן. דאָס בלעטל איז אָפּהעקטאָגראַפירט געוואָרן און פאַרשפּרייט געוואָרן צווישן די מינסקער ארבעטער מיט גרויס ערפאָלג. די פּאָזיציע פון דער מינסקער אָרגאַניזאַציע און דער לעצטער אויפרוף צו די מינסקער ארבעטער איז זייער ניט געפעלן געוואָרן אייניקע פירער פון צ. ק. פון בונד, באַזונדערס ליבערן, וועלכער איז אַפילע ניט געווען קעגן פאַנאַנדערצולאָזן די מינסקער אָרגאַניזאַציע.

*) די קריגס-אפּעראציעס אַף די רוסישע גרעניצן האבן זיך אנגעהויבן עו'שט דעם 19-טן יולי.

139. דער אויסלענדישער קאָמיטעט פון בונד וועגן דער קאָנפערענץ פון די „פאַרבינדעטע"*) סאָציאַליסטישע פאַרטייען.

(מעלדונג וועגן דער לאָנדאָנער קאָנפערענץ. „אינפאָרמיר-בלעטל פונם אויסלענדישן קאָמיטעט פון בונד" (רוסיש). 1915, נומ. 8).

אַזוי ווי ס'צירקולירן ניט ריכטיקע קלאַנגען וועגן אנטייל פון די רוסישע סאָציאַליסטן אין דער סאָציאַליסטישער קאָנפערענץ, וועלכע איז פאָרגעקומען אין לאָנדאָן דעם 14-טן פעוורואַל הייַנטיקס יאָר, האַלטן מיר פאַר נויטיק צו מעלדן פאָלגנדיקעס:

דער בונד האָט אין דער לאָנדאָנער קאָנפערענץ זיך ניט באַטייליקט, וועגן וואָס מע האָט איר מודיע געווען.

שווערלעך צו געפינען אין דער געשיכטע פונם אינטערנאַציאָנאַל נאָך אַזאַ קאָנפערענץ, וועלכע זאָל זיין אָרגאַניזירט בא אזא פולשטענדיקער אָפוועזנהייט פון עפנטלעכקייט. וועגן דעם אויפן פונם אָרגאַניזירן די קאָנפערענץ, אירע צילן און די פראַגן, וועלכע מע האָט גערעכנט צו באַהאַנדלען, איז גאָרנישט ניט געווען באוואוסט, אויסער אומבאַשטימטע קלאַנגען, וועלכע מע האָט איבערגעגעבן פון פאַריזער פריוואַטע קוועלן מיט עטלעכע טעג פארן צונויפרופן די קאָנפערענץ. נאָך מער, אף דער קאָנפערענץ פון די סאָציאַליסטן פון די „פאַרבינדעטע" לענדער האָבן די אָרגאַניזאַציעס פון דער רוסלענדישער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע, וועלכע גייען אריין אינם אינטערנאַציאָנאַל, ניט באַקומען קיין איינלאַדונג.

...„מיר רעכענען, אַז די באַראַטונג פון די סאָציאַליסטן לויט די מילכאָמע-קאָאַליציעס אנטהאַלט אין זיך א מאָמענט, וועלכער איז זייער געפערלעך פאַר דער זאך פונם דערנעענטערן די פראָלעטאַריער פון די מילכאָמע-פירנדיקע לענדער. און דידאָזיקע געפאַר איז, צום באַדויערן, ניט געווען פאראליזירט אף דער לאָנדאָנער קאָנפערענץ. פארקערט, זי האָט זיך אף איר ארויסגעוויזן מיט דער פולער קראפט. דער לאָזונג: „מילכאָמע ביזן סאָף, ביזן פולן ניצאָכן", האגאם ער איז אף איר אָנגענומען געוואָרן אין א ווייכערער פאָרמולירונג, פונדעסטוועגן פאלט ער צוזאמען מיט די אויפגאבן פון די אנטאנטערעגירונגען און קאָן ארויסרופן א ווידערשטאנד, צוליבן געפיל פון זעלבסטדערהאַלטונג, מיצאד דעם פראָלעטאריאט פון דער קעגנשטייענדיקער קאָאליציע, פארשארפן נאָך מער די באציאונגען אין אינטערנאציאָנאל און אָפהאלטן די אגיטאציע פון דער סאָציאל-דעמאָקראטיע פאר שאָלעם.

פאר א גרויסן טאָעס דארף מען אויך אנערקענען דאָס, וואָס די קאָנפערענץ האָט אָפגעלייגט דעם מאָמענט פונם ווידעראויפשטעלן דעם אינטערנאציאָנאל ביז נאָך דער מילכאָמע, כאָטש בא דער אָפוועזנהייט פונם אינטערנאציאָנאל איז אומעלעך דאָס אָרגאניזירטע און געמיינזאמע אריינמישן זיך פונם גאנצן אינטערנאציאָנאלן פראָלעטאריאט אינם גאנג פון די געשעענישן, וועלכע

*) פון ענגלאַנד, פראנקרייך און רוסלאַנד.

איז אזוי נויטיק אָף צו פארגיכערן דעם סאָף פון דער מילכאָמע, און צו זיכערן... באַם שאָלעם שליסן די מעגלעכסט בעסערע באַדינגונגען פאַר זיין באפרייאונגס-קאַמף.

דאָס סאנקציאָנירן דורך דער קאָנפערענץ די באַפרייאונגס-אילוזיעס, וועלכע זיינען פארבונדן מיט דער מילכאָמע, וועט אפן שטארקסטן אויפן מיטהעלפן צו פארטונקלען דעם קלאסן-באוואוסטזיין פונם פראָלעטאריאט און אפילע פארשטארקן די אימפעריאליסטישע טענדענצן.

דער פראָטעסט קעגן אייניקע דערשיינונגען פון דער צאריסטישער רעאקציע, האגאם ער שוואכט אָפּ ביז א געוויסן גראד די פעלערהאפטע פּאָזיציע פון דער קאָנפערענץ, ענדערט דאָך ניט דעם פאקט, אז אירע באשלוסן אין אלגעמיין און אין גאנצן אנטשפרעכן ניט די פאָדערונגען פון דער אינטערנאציאָנאלער פראָלעטארישער סאָלידאריטעט. די רוסלענדישע סאָציאל-דעמאָקראטיע איז ניט פאראנטווארטלעך פאר די רעזאָלוציעס פון דער קאָנפערענץ. די פאָרשטייער פונם „אָרגאניזיר-קאָמיטעט" פון דער ר. ס. ד. א. פּ. און פונם צענטראל-קאָמיטעט פון דער לעטישער פראקציע זיינען אוועקגעגאנגען פון דער קאָנפערענץ נאָך איידער זי האָט געענדיקט איר ארבעט. די נאציאָנאלע סאָציאליסטישע פארטייען: דער בונד, די פּ. פּ. ס. „לעוויצע", און די לעטישע סאָציאל-דעמאָקראטיע האָבן אין איר זיך גאָר ניט באטייליקט.

דער אויסלענדישער קאָמיטעט פון בונד.

פעווראל, 1915.

140. דער מאַי־אויפרוף פונם בונד.

איבערזעצט פון דער רוסישער איבערזעצונג אין „אינפאָרמיר-בלעטל פונם אויסלענדישן קאָמיטעט פון בונד", 1915, נ. 8).

דער ערשטער מאַי טרעפט האַיאָר דעם אינטערנאציאָנאַלן פראָלעטאריאט אין אַן אומגעווײנלעך טראגישער, שרעקלעך שווערער לאַגע.

א פאַרוויסטנדיקער שטורעם-ווינט האָט זיך אָנגעהויבן און שוין באַלד 9 כאַדאָשים, ווי ער פאַרשפרייט איבער אייראָפּע טויט און כורבן... גאַנץ אייראָפּע איז פאַרשיקערט פונם בלוטדורשטיקן פאַטריאָטיזם; אומעטום ווערט געפרײדיקט דער נאציאָנאלער האַס, ס'ווערן אויפגעוועקט די געפילן פון נעקאָמע, ס'פליסט דער סאַם פון שאָוויניזם און ווילדן נאַציאָנאליזם.

דער וועלט-אומגליק האָט ניט אויסגעבראָכן אומדערוואַרטעט.

די קאפּיטאליסטישע אָרדענונג מיט איר אומזיניקער קאָנקורענץ האָט שוין לאַנג געטראָגן אין זיך א וועלט-קאטאסטראָפע. די מעשוגענע נאָכיאָגעניש פון די גרויסע מעלוכעס נאָך מערק... זייער אומדערזעטלעכע דורשטיקייט נאָך פרעמדע לענדער האָט זיי שוין לאַנג צעטיילט אָף פיינטלעכע לאַגערן. די אומגעהויער גרויסע שטענדיקע ארמייען, די קאָלאָסאלע באַוואָפענונגען...

— די גאַנצע סיסטעם פונם „באַוואָפנטן" שאָלעם—זיינען שוין אליין געווען אַ דראָונג פאַרן שאָלעם. דערצו האָבן נאָך די רעגירונגען מיט זייערע קעניגן, קייסאָרים און דיפּלאָמאַטן ניט אויפגעהערט אונטערצולייגן ברען-מאַטעריאַל אונטער דער זיך לייכט אָנצינדנדיקער געביידע פון קאַפּיטאַליזם און האָבן געטאָן אַלץ, וואָס איז מעגלעך, קעדיי צו דערנענטערן דעם וועלט-קאַ-טאַקליזם.

...אַ שטאַרקן קלאַפּ אין דעמדאָזיקן וועלט-קאַטאַקליזם האָט באַקומען אויך די פּראָלעטאַרישע פעסטונג—דער אינטערנאַציאָנאַל. צוליבן אָנפאַל פון אויסערלעכן סוינע, האָבן די ארבעטער-מאַסן און זייערע פירער אין דער ער-שטער מינוט פאַרלאָרן דעם קאָפּ און האָבן זיך געלאָזט טראָגן, צוזאַמען מיט די בורזשואזע קלאַסן, פונם שטראָם פון שאָוויניזם. אנשטאָט אָן איינהייטלע-כער פּאָזיציע און געמיינזאַמען ענטפער פונם אינטערנאַציאָנאַל, זיינען אַרויס-געשוואומען פאַרשיידענע אויסגעטראַכטע טעאָריעס וועגן די אויפגאַבן פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע, וואָס אונטערשיידן זיך לויט די קריגספירנדיקע לענדער.

צום ערשטן מאָל פאַר די 50 יאָר, וואָס דער אינטערנאַציאָנאַל עקזיס-טירט, האָט דער פּראָלעטאַריאַט פאַרלאָרן די געמיינזאַמע שפּראַך און האָט זיך צעשפּאַלטן אַף פאַרשיידענע טיילן. די גאַנצע בורזשואזע פּרעסע אין אַלע לענדער הערט ניט אויף אויסצודריקן איר פרייד איבער דערדאָזיקער צע-שפּאַלטונג. מיט וואָס די מילכאָמע זאָל זיך ניט ענדיקן פאַר דער בורזשואזיע פון דעם אָדער יענעם לאַנד, זעט זי שוין פאַר זיך אַ גרויסן ניצאָכן אין דעם, וואָס דער פּראָלעטאַריאַט האָט געשלאָסן מיט איר שאָלעם.

צום גליק פונם פּראָלעטאַריאַט און פון דער גאַנצער מענטשהייט, שטייט פאַר די בורזשואזע אָנהענגער פונם בלוטדורשטיקן פּאַטריאָטיזם אַ גיכע אַנ-טוישונג. ניט לאַנג קאָן דויערן די אומנאַטירלעכע אייניקונג פון צוויי עקאָנאָ-מיש פיינטלעכע קלאַסן; צו קלאָר זיינען די פאַרכאַפּונגס-פּלענער פון די רע-גירנדיקע באַנדעס.

צו פיל האָבן זיך פאַנאַנדערגעברענט די אַפּעטיטן פון די בורזשואזע קלאַסן אין אַלע לענדער, אַז דער פּראָלעטאַריאַט זאָל בלייבן לאַנג באַהערשט פונם שרעק-געפיל, און אַן אָפּגעשוואַכטער, צעשפּאַלטענער און צעבראָקלטער, זאָל ער זיך שלעפּן נאָכן רייטוואָגן פון די קאַפּיטאַליסטישע רעגירונגען. די ערשטע היץ גייט שוין דורך. אין ענגלאַנד, דייטשלאַנד און פראַנקרייך ווערן אַלץ העכער די שטימען פון די ארבעטער-גרופּן, וואָס זיינען געבליבן טריי דעם אינטערנאַציאָנאַלן שטאַנדפּונקט. מע קאָן האָפן, אַז באַ דעם גאַנצן אינ-טערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט וועט דער געזונטער קלאַסן-אינסטינקט אינגיכן בייקומען דעם אויפגעבלאָזענעם פּאַטריאָטיזם און ער וועט קעגנשטעלן דער גאַנצער בורזשואזער וועלט זיין איינהייטלעכע מיינונג און זיינע געמיינזאַמע פאָדערונגען.

...דער ערשטער מאַי, וואָס קומט אָן היינטיקס יאָר אין ברען פון דער ברודער-מערדערישער מילכאָמע, דאַרף פון דאָס ניי פאַרייניקן דעם גאַנצן

אינטערנאציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט, העלפן אים אינגאַנצן אָראָפּטרייסלען פון זיך דעם נאַציאָנאַליסטישן פּסיכאָז און באַוועגן אים, אַזוי ווי אין די פריערדיקע יאָרן, אַרויסצושטעלן געמיינזאַמע פאָדערונגען פאַר דער גאַנצער וועלט.

די גרונט-פאָדערונג, וואָס דאַרף זיך... אַרויסרייסן בײַ יעדן באַוואוסט-זיניקן אַרבעטער, באַשטייט אין דעם, אַז מע זאָל מאַכן אַ סאָף צו דער מיל-כאָמע: ...זאָל געשלאָסן ווערן אַ שאָלעם!

...די איצטיקע מילכאָמע האָט קלאָר באַוויזן דעם שרעקלעכן זינען פונם מיליטאַריזם. דערפאַר וועט דער פּראָטעסט קעגן די שטענדיקע מיליטאַריס-טישע אָרגאַניזאַציעס מיט זייערע אומזיניקע באַוואָפענונגען באַגעגענען אַ הייסן מיטגעפיל בײַם פּראָלעטאַריאַט.

די פאָדערונג פון אַ פאָלקס-מיליציע וועט געפינען נאָך אַ גרעסערן אָפּקלאַנג אין די ברייטע מאַסן. קעדיי צו אָפּנעמען בײַ דעם הייפל רעדלפירער און דיפּלאָמאַטן די מעגלעכקייט אין דער צוקונפט צו שפּילן מיטן בלוט און פאַרמעגן פון די פאָלקסמאַסן, דאַרף דער פּראָלעטאַריאַט אומעטום אָנהויבן צו פירן אַן אַנטשיידענעם קאַמף פאַר דער פולשטענדיקער דעמאָקראַטיזירונג פון די רעגירונגס-פאָרמען, באַזונדערס פאַר דאָס אויסשליסלעכע רעכט פון די פּאַרלאַמענטן צו לייזן מיט דער אייגענער מאַכט די פראַגן פון מילכאָמע און שאָלעם. די געהיימע דיפּלאָמאַטיע דאַרף אינגאַנצן ליקווידירט ווערן.

דער קאַמף פאַר דעמאָקראַטיזירן די פּאָליטישע אָרדענונג, וואָס מוז געפירט ווערן אין אַלע לענדער, שטייט באַזונדערס שאַרף אין רוסלאַנד, וואו ער באַטייט אַן אומויפהערלעכן אָנגעשאָרעסדיקן קאַמף פונם רוסלענדישן פּראָלעטאַריאַט קעגן דעם צאַריזם.

...קלוימערשט צוליב פּאַטריאָטיזם פאַרשוויגן פאַרברעכעריש די בור-זשואַזע פּאַרטייען אַלע שענדלעכע מאַסים פונם לייבאייגנטימערישן און קאַ-זאַקן-רעזשים, און פאַר דעם פּראָלעטאַריאַט שטייט איצט אויף מיט נאָך אַ גרעסערער שאַרפקייט די היסטאָרישע אויפגאַבע—אַוועקשטעלן אויף דער טאָג-אָרדענונג דעם קאַמף קעגן צאַריזם, אַלס אַ פּאָליטישע טאָג-אויפגאַבע.

מער ווי אַלע האָבן דערפילט דעם טאַם פון דער מילכאָמע די אידישע אַרבעטער אין רוסלאַנד. באַזונדערס אַכזאָריעסדיקע קלעפּ... האָבן זיך געגאָסן שיטן אויף דער אידישער באַפעלקערונג אין דעם ראַיאָן פון די מילכאָמע-אָפּע-ראַציעס. קלוימערשט דערפאַר, וואָס די אידן זיינען ניט לאַיאַל, ווילדעוועט דאָרט די מיליטערישע מאַכט מיט אַן אומויפהערלעכער אַכזאָריעס און טוט אָפּ אַזעלכע גרויזאַמקייטן, וואָס ענלעכע ביישפּילן קאָן מען געפינען עפּשער אין דער געשיכטע פון די פינסטערע צייטן פונם מיטלאַלטער...

...די איצטיקע מוישלים, צווישן וועלכע ס'האָבן זיך ביז דער לעצטער צייט געפונען די הויכגעשטעלטע לייט, וואָס האָבן געמאַכט געשעפט מיט מי-ליטערישע געהיימניסן, פאַרקויפנדיק זיי דעם סוינע, — אָט דיזאָזיקע הערן פאַרשפּרייטן אָפּיציעל וועגן די אידן דעם שפּיאָנאַזש-בילבל, קעדיי אָפּצו-ציען פון זיך דעם פאָלקס-צאָרן און מאַכן די אידן פאַרן שאָיר לאַזאָזל.

* * *

די אַרבעטער-אָרגאַניזאַציעס זײַנען איצט צעקלאַפּט: די פּראָפעסיאָנעלע פאַרײַנען זײַנען אָפּגעשוואַכט; זײערע בעסטע און פּעאיקסטע טוער ליגן איצט אין די טראַנשייען, שלאָגן זיך אױף די שלאַכט-פעלדער... נאָר וואו דער ער-שטער מאַי זאָל ניט טרעפן דעם אַרבעטער, ...אומעטום דאַרף דער טאָג ווערן א טאָג פון פּראָפּאַגאַנדע און אויפקלערונג, א רינג, וואָס פאַראײניקט יעדן אײנצלנעם אַרבעטער, וועלכער פילט זיך אָפּגעריסן און אונטערדריקט, מיט דעם גאַנצן אינטערנאַציאָנאַל, באַגײַסטערן אים מיט גלויבן, צוגעבן מוט פאַר א נײַעם, אײנהײַטלעכן קאַמף קעגן דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט פאַרן סאָציאַליזם.

נידער מיט דער מילכאָמע! זאָל לעבן די פאָלקס-מיליציע!

נידער מיט דער נאַציאָנאַלער סינע! זאָל לעבן די אינטערנאַציאָנאַלע ברידערלעכקײט!

נידער מיטן צאַריזם! זאָל לעבן די דעמאָקראַטישע רעפּובליק!

נידער מיטן קאַפּיטאַליזם! זאָל לעבן דער סאָציאַליזם!

דער צענטראַלער קאָמיטעט פון בונד.

אַפּרעל, 1915.

141. די באָלשעוויקעס וועגן אַנטײל פונם בונד אין דער צימערוואַלדער קאָנפערענץ[166].

(„דער „בונד“ האָט קײן צײַט ניט“. „סאָציאַל-דעמאָקראַט“, 1915, נ. 45—46).

דער דעלעגאַט פון בונד האָט פאַרעפנטלעכט אויף דער אינטערנאַציאָ-נאַלער קאָנפערענץ א דאָקומענט—אַן אײנציקן אין זײַן אַרט. אונטער הער קאָסאָווסקיס[167] אונטערשריפט טײלט מיט דער אויסלענדישער קאָמיטעט פון בונד, אַז דער „מאַנגל אין צײַט“ האָט אים ניט דערלויבט צוצוגרײטן זיך אין דער געגעבנדיקער מאָס צו דער קאָנפערענץ, אַז מאַכמעס דעם שיקט ער א דעלעגאַט נאָר מיט אינפאָרמיר-צוועקן, אַז די באַשלוסן פון דער קאָנפע-רענץ וועלן מיטגעטײלט ווערן דעם צ. ק. פון בונד אין דעמאָלט וועט ערשט קלאָר ווערן, צי דער בונד פאַראײניקט זיך צו זײ אָדער ניט.

דער בונד האָט קײן צײַט ניט. פאַר א יאָר מיט א פערטל קאָן ער בעשום אופן ניט לײזן די פראַגע: מיט די אינטערנאַציאָנאַליסטן, אָדער מיט די נאַציאָנאַליסטן.

דער זין פון דעם בונדס פאַרדאָנעסדיקער און לעכערלעכער דעקלאַרא-ציע איז קלאָר: קעגן שײדעמאַן[168], זיודעקום[169], פּלעכאַנאָוו, קאַוטסקי[170], ווילן מיר ניט גײן. „מיר אינפאָרמירן“ זיך בלויז. אויב קאַוטסקי מיט פּלעכאַ-נאָוו וועלן זיגן, וועלן מיר זאָגן: מיר זײַנען דאָך געווען קעגן דער „שפּאַל-טערישער“ קאָנפערענץ, מיר זײַנען אַהין געגאַנגען בלויז צוליב אינפאָרמאַציע.

אָבער אויב ס'וועלן, כּאַסוועכאָלילע, זיגן די לינקע, וועלן מיר זאָגן: מיר זיינען דאָך דאָרטן אויך געווען, מיר זיינען דאָך אויך אינטערנאַציאָנאַליסטן...

פּרינציפּיעלע מענטשן! ווירדיקע מיטקעמפער פון אָרגאַניזיר-קאָמיטעט *).

142. די פּאָליטישע שטימונגען אין בונד אָנהייב 1916**)

(„אַ בריוו פון רוסלאַנד", „ביולעטען פונם אויסלענדישן קאָמיטעט פון בונד" (רוסיש) נומ. 1, סענטיאַבר, 1916).

...וועגן דער אידישער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע מוז מען זאָגן, אַז די לאַגע, אין וועלכער די פּאָרשטייער פון אידישן פּראָלעטאַריאַט געפינען זיך אין איצטיקן מאָמענט, ווען זיי זיינען פאַנאַנדערגעריסן דורך דער פראָנט-ליניע, גיט ניט קיין מעגלעכקייט צו פאָרמולירן מיט דער נויטיקער פעסטקייט די באַציאונג צו דער פאַרטיידיקונגס-פּאָזיציע, וואָס פאַרכאַפּט אַלץ שטאַרקער אייניקע אָנפירנדיקע רוסישע קרייזן.

די לאַגע איז אַזאַ, אַז זי לאָזט קוים צו די פאָרמולירונג פון דער פאַר-טיידיקונגס-פּאָזיציע אַפילו אינם נאָמען פון די אידישע אַרבעטער, וועלכע געפינען זיך דאָ, אַף דער זייט פראָנט. אַגעוו, דיזעלביקע שטימונג לאָזט זיך אויך פילן בעניגייע דעם פאָרמולירן די פּאָזיציע ניט נאָר פאַר אונז, נאָר אויך פאַר די רוסישע כאַווײרים.

די שוועריקייט פון אָנעמען די פאַרטיידיקונגס-פאָרמול ווערט פאַר אונז נאָך שטאַרקער מאַכמעס דעם, וואָס מיר קאָנען דאָך שוין בעשום אויפן ניט פאַרשוויגן די פּוילישע פראַגע, ווי דאָס טוען דערווייל אונזערע רוסישע כאַווײרים. און דער אומשטאַנד, וואָס אַפילו די „אָבאָראָנצעס" צווישן אונז ווילן בעניגייע רוסלאַנד ניט אָנווענדן די פאָרמול „אָן אַנעקסיעס", איז אין די אויגן פון די, וועלכע נעמען איצט פּסיכאָלאָגיש ניט אָן די פאַרטיידיקונג, אַ שטאַרקער אַרגומענט קעגן דער פאַרטיידיקונג, ווייל זיי פרעגן איראָניש: וואָס זשע פאַרטיידיקט איר? און די אידייע וועגן דער אומאָפּהענגיקייט פון פּוילן ווערט דאָך אַנערקענט מיצאַד די „פּנייז".

כ'וועל באַמערקן, אַז אין טעאָרעטישן זין, אַף וויפל ס'האַנדלט זיך וועגן אונזער אינטעליגענץ, האָלט עס אַזוי, אַז נאָר יעכידים שטייען אַף מאַרטאָוו-פּאָזיציע***) (בעערעך), און אָנהענגער פון פּאַטרעסאָווס פּאָזיציע****) איז באַ אונז היינט צו טאָג גאָר ניטאָ. אָבער אויב מע זאָל ריידן וועגן אונזערע אַר-בעטער, ווייס איך דאָך איצט קיין באַשטימטע זאַך ניט. איך מיין, אַז די גרונט-שטימונג וועט זיין „קעגן דער מילכאָמע" און אָן עק.

*) דער אָנפירנדיקער צענטער פון די ליקווידאַטאָרן, וועלכער איז אויסגעקליבן געוואָרן אַף דער אַזוי גערופענער אווגוסט-קאָנפערענץ אין 1912.

**) דערדאָזיקער בריוו איז אַרויסגעשיקט געוואָרן פון פּעטראָגראַד אין פרילינג 1916.

***) פּאַציפיסטישער אינטערנאַציאָנאַליזם.

****) עקסטער סאָציאַל-פּאַטריאָטיזם.

אין דעם פראט וועט מיסטאמע ניט זיין קיין גרויסע נאפקעמינע צווישן דער שטימונג, לאָמיר זאָגן, פון די ברייטע קרייזן פעטראָגראַדער אַרבעטער, וועלכע זיינען באַרירט פון דער באוועגונג, אָבער פונדעסטוועגן מוז מען אויך אהער אַריינטראָגן אַ קאָרעקטיוו.

לאָמיר נעמען דעם ביישפיל פון קיעוו. אַרום די וואַלן אין מיליטער-אינדוסטריעלן קאָמיטעט 171) איז דאָרט דער קאמף געגאַנגען אָפן אונטערן לאָזונג: „פאר אָדער קעגן פארטיידיקונג (אין פיטער, ווי איר ווייסט, איז געוועזן אַ פרואוו צו שטעלן אין צענטער די פראַגע וועגן מאָביליזירן די קוי-כעס פונם פראָלעטאריאַט). און אָט האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אונזער אָנפירנ-דיקע גרופע אַרבעטער האָט זיך ארויסגעזאָגט אין איר מערהייט פאר פארטיידיקונג און אנטיילנעמען; דערביי איז זי שוין 3 כאדאָשים אָפּגעריסן פון די אָנפירנדיקע עלעמענטן און האָט געהאנדלט אַף איר אייגענער אכראַיעס. אָבער די מינדערהייט האָט אַ סטראשע געטאָן מיט עמעסער שפּאלטונג, און אונטער דער ווירקונג פון אָט דער דראָונג האָט זיך די מערהייט אָפּגעזאָגט פון אנטיילנעמען. דער רעזולטאט פונם אָפּזאָגן זיך איז אַזאַ: דער באַיקאָט מיצאַד די אידישע אַרבעטער בא דער באטייליקונג פון די ניט אידישע, די אָפּוועזנהייט פון אייגענע פאָרשטייער אין מיליטער-אינדוסטריעלן קאָמיטעט. אָבער דאָס אלץ איז געבראכט געוואָרן צוליב אילוסטראציע. מער באַשטימטע ידיעס וועל איך קאָנען געבן, ווען איך וועל זיך אומקערן פון דער פאָרשטייענדיקער רייזע...

...איצט ווערט אין אונזער קרייז באהאנדלט אַ פאָרטראַג וועגן אונזערע פּאָליטישע אויפגאבן. זיינע גרונט-געדאנקען וועל איך זיך דאָ באמיען צו פאָרמולירן:

1. ניט גערעכט זיינען יענע, וואָס מיינען, אַז די מילכאָמע רוקט אָפּ אָפן צווייטן פּלאַן די רעאַליזירונג פון דער ס.ד. פּראָגראם-מינימום, ווייל מיר זיינען קלוימערשט אריינגעטראָטן אין אַזאַ פעריאָד, ווען די דירעקטע אויפגאַבע ווערט דער קאמף פאר דער סאָציאַליסטישער אָרדענונג. אַדעראבע: דער פעריאָד נאָך דער מילכאָמע וועט זיין אַ פעריאָד פון סאמע לײַדנשאפט-לעכן קאמף פארן פארווירקלעכן יענע פאָדערונגען פון דער פּראָגראם-מינימום, וועלכע זיינען ביז דער מילכאָמע נאָר געוועזן פאָרמולירט. גלייכהייט פון רעכט, ווי אַ נאטירלעכער פועליוויצע פונם קאמף פארן פאָטערלאַנד קעגן דעם אויסערלעכן סוינע, קאמף פארן פאָטערלאנד קעגן זיינע מאָנאָפּאָליסטן,—אָט דאָס איז דער לאָזונג פאר דער גאנצער נאָענטסטער עפּאָכע. די אומפארמיידלעכע פארשארפונג פון די קלאסן-סטירעס אפן באָדן פון הונגער, שטייערן א. א. וו. וועט ניט אָפּשוואכן, נאָר פארשטארקן אָט דעם קאמף פאר פּאָליטישער גלייכבארעכטיקונג, צוגעבנדיק אים אַ בוילעטן כאראקטער פון אַ קלאסן-קאמף...

2. ווי די מילכאָמע זאָל זיך ניט אויסלאָזן, וועט זיך אַף מאָרגן נאָך איר נאָך מער פארשטאַרקן דער קאמף פאַר דעמאָקראַטיזירן רוסלאנד. דערביי מערקן זיך שוין איצט אָן אייניקע טענדענצן, וועלכע צווינגען צו מיינען,

אַז אָט דער פּראָצעס וועט גיין ווייט ניט אַזוי, ווי דאָס איז געווען אינם יאָר 1905. דער עלעמענט פון סטיכיי־אישקייט טרעט שוין איצט אַרויס פאַר אָט דער עפּאָכע אין זיינע דורכויס־נעגאַטיווע רעזולטאַטן; ס׳פילט זיך, אַז פאַר די פאָרגעשריטענע עלעמענטן איז דאָס אַ דורכגעגאַנגענע סטאַדיע, אַז זי איז אַ סימען פון געוואַלטיקער אירונג, אָבער אויך אַ סימען פון דער אייגענער שוואכקייט... אונזער אויפגאַבע איז אַריינטראָגן דעם אָרגאַניזירנדיקן עלעמענט, די פאַרייניקנדיקע פּאָליטישע אידייע. דערביי מוז מען דיסקאַנטירן די קלאָר געוואָרענע שוואַכקייט פון דער צעמענטירונג פון די דעמאָקראַטישע קויכעס און דעם קויעך פון דער רעאַקציע, וואָס ס׳פאָדערט פון דער ס. ד. די פאַרזיכטיקסטע טאַקטיק, וועלכע זאָל קאָנען אין יעדן געגעבענעם מאָמענט נעמען דעם—אינם באַוואוסטזיין פון די מאַסן שוין דערגרייכטן—ערפאָלג פון דער פּאָליטישער דערציאונג. דערביי פאַרלאַנגט קאַטעגאָריש די שוואַכקייט [אין] קויכעס די מאַקסימאַל מעגלעכע קאָאָפּעראַציע פון קויכעס—דאָס באַשטימט, פאַרשטייט זיך, אַסאַך די טאַקטיק.

פאַרן געגעבענעם טאָג זיינען די לאָזונגען פון אַ מיניסטעריום, אַ פאַראַנטוואָרטלעכן פאַר אַ פולמעכטיקער דומע, פון אַלגעמיינעם וואַלרעכט אין אַלע אָרגאַנען, פרייהייט פון קאָלערליי אָרגאַניזאַציעס און גלייכבאַרעכטיקונג פון נאַציאָנאַליטעטן—די סאַמע פּאַסיקע פּאָליטישע אידייען, וועלכע דאַרפן דערגאַנצט ווערן מיט די פאָדערונגען פון אַ סאָציאַלער געזעצגעבונג און אַן ענטפער אַף דער אַגראַר־פראַגע.

די באַזונדערהייט פון דער סיטואַציע פון דער איבערגאַנגס־עפּאָכע איז דער—אינם פּראָצעס פון דער מילכאָמע זיך פאַרמירנדיקער—וואוקס פון די געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע אַנטשטייען צוליבן באַפרידיקן די פאָלקס־היצטאַרכעסן נעבן די ביוראָקראַטישע און אומדעמאָקראַטישע מוניציפּאַליטעטן. דער אַנטייל אין אָט די אָרגאַנען איז אַ נויטווענדיקע זאַך; דאָס אָפּזאָגן זיך פון באַטייליקן זיך אין זיי באַם עפנטלעך־רעכטלעכן כאַראַקטער, וואָס זיי דערגרייכן, איז דאָסזעלבע, וואָס באַיקאָטירן די געזעצגעבערישע אַנשטאַלטן.

...צום שלוס וועל איך צוגעבן, אַז אָט די אידייען באַגעגענען לעסאַטע באַ קיינעם ניט קיין מיטגעפיל...

143. די כאַרקאָווער באַראַטונג פון בונד [172]) וועגן דער באַציאונג צו דער מילכאָמע און די פּאָליטישע אויפגאַבן פונם פּראָלעטאַריאַט.

(„מיטיילונג וועגן דער באַראַטונג באַם צענטראַל-קאָמיטעט פון בונד אין מאַי 1916", איבער-זעצט פון דער רוסישער איבערזעצונג. „ביולעטן פונם אויסלענדישן קאָמיטעט פון בונד", 1916, נ. 1).

1. די באַציאונג צו דער מילכאָמע.

די גאַנצע טאַקטיק פון דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע דאַרף באַם איצטיקן צושטאַנד פון דער מילכאָמע זיין אָנגעווענדעט אף וואָס גיכער אָפּצושטעלן די האַריגע, אָף טייקעף אויפצושטעלן די אינטערנאַציאָנאַלע פאַרבינדונגען צווישן אַלע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען.

דער פּראָלעטאַריאַט קאָן זיך אין איצטיקער מילכאָמע ניט שטעלן קיינע פּאָזיטיווע צילן. ער האָט קיין מילכאָמע ניט געוואָלט און ער האָט זיך באַמיט מיט אַלע קויכעס אויסצומיידן זי. דעריבער וואַרפט ער פון זיך אָפּ יעטווידע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער מילכאָמע. די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר איר פאַלט אָף אַלע רעגירונגען און בורזשואַזע פּאַרטייען, וועלכע האָבן געשטיצט די אימפּעריאַליסטישע פּאָליטיק און דעם מיליטאַריזם.

אָבער ווען די מילכאָמע האָט אויסגעבראָכן און ס'האָט זיך געשאַפן א גרויסע סאַקאָנע פאַר אַלע לענדער, וועלכע זיינען אַריינגעצויגן געוואָרן אין בלוטיקן געראַנגל, איז דער אַרבעטער-קלאַס, ניט זייענדיק בעקויעך אָפּצושטעלן די מילכאָמע, בעאייס זי איז אַנטשטאַנען, געצוואונגען געווען אין אַלע לענדער צו נעמען אָן אַנטייל אין באַשיצן דאָס לאַנד, אין וועלכן ער האָט געפירט זיין רעוואָלוציאָנערן קאַמף פאַר פּאָליטישער באַפרייאונג און פּאָליטישער מאַכט.

ערשט ווען די מילכאָמע וועט זיך ענדיקן, וועט אָנקומען דער מאָמענט צו באַשליסן די פראַגע וועגן דעם, אין וועלכער מאָס זיינען געווען ריכטיק די טאַקטישע שריט פון די באַזונדערע סעקציעס פון אַרבעטער-אינטערנאַציאָנאַל. דידאָזיקע טאַקטיק אָבער דאַרף ניט זיין קיין שטער אף טייקעף אויפצושטעלן די באַציאונגען צווישן אַלע סעקציעס פונם אינטערנאַציאָנאַל.

צוואַנציק כאַדאָשים פון מילכאָמע האָבן באַוויזן די אומעגלעכקייט צו לייזן מיט מיליטערישע מיטלען די פראַגן, וועלכע די מילכאָמע האָט אַרויסגערוקט. קיין איינער פון די מילכאָמע-פירנדיקע קאָאַליציעס האָט זיך ניט איינגעגעבן צו צווינגען דעם קעגנערישן צאַד אָנערקענען זיך פאַר א באַזיגטן. די מילכאָמע ווערט אָף אַזאַ אויפן פאַרוואַנדלט אין אַן אויסראָטונגס-קאַמף, וועלכער מוז ברענגען צו א פולשטענדיקן עלנט און כורבן די אַלע מעלוכעס, וועלכע האָבן זיך צוזאַמענגעשטויסן.

די אומדערטרעגלעכע לאַגע רופט אַרויס באַ די ברייטע פאָלקס-שיכטן אין אַלע לענדער א שטרעבונג צו שאָלעם. פאַר די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען

פון אלע לענדער שטעלט זיך דעריבער די פראַגע וועגן שטעלן זיך בעראָש פון דער באַוועגונג פאַרן שאָלעם און שטויסן די רעגירונג פון יעדן לאַנד אָפּן וועג פון שאָלעם-אונטערהאַנדלונגען.

אָבער קעדיי די פאַרווירקלעכונג פון דערדאָזיקער אויפגאַבע זאָל זיין מעגלעך, איז נויטיק צו באַנייען דעם קלאַסנקאַמף, וואָס גיכער אויפשטעלן די אינטערנאַציאָנאַלע באַציאונגען צווישן די אַרבעטער אין אַלע מילכאָמע-פירנדיקע מעלוכעס, ווייל בלויז אָפּן וועג פונם אַלגעמיינעם קאַמף אין אַלע לענדער וועט דער פּראָלעטאַריאַט קאָנען אָנווענדן זיין ווירקונג אויף צו ליקווידירן די מילכאָמע אויף אַזעלכע שאָלעם-באַדינגונגען, ביי וועלכע ס'זאָלן ניט זיין קיין זיגער און באַזיגטע, וועלכע זאָלן מיט זיך פאַרשטעלן די מאַקסימאַלע גאַראַנטיעס קעגן נייע מילכאָמעס און זאָלן פאַרזיכערן אַלע פעלקער דאָס רעכט אויף זעלבסטבאַשטימונג.

די באַראַטונג באַגריסט דעריבער די טעטיקייט פון אויספיר-קאָמיטעט פון דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער ביוראָ און ביפראַט זיין סעקרעטאַר כאַווער גיואיסמאַנס[173]), וועלכער האָט די גאַנצע צייט פון דער מילכאָמע ניט אויפגעהערט צו אַרבעטן אין דער אָנגעוויזענער ריכטונג. צוזאַמען מיטן אויספיר-קאָמיטעט, רעכנט די באַראַטונג, אַז דער אינטערנאַציאָנאַל דאַרף באַנייען זיין טעטיקייט דאַפקע אין דער אַלטער אָרגאַניזיר-פאָרם, וועלכע האָט פאַרייניקט די אָרגאַניזירטע אַרבעטער פון אַלע ציוויליזירטע לענדער; די באַראַטונג באַדויערט טיף, וואָס ניט אַלע סעקציעס פון אינטערנאַציאָנאַל שטיצן אונטער דעם אויספיר-קאָמיטעט אין זיין שטרעבונג צונויפצורופן אַ זיצונג פון דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער ביוראָ, וועלכע וואָלט שוין איצט געהאַט אַ קאָלאָסאַלע ווירקונג אויף דער באַוועגונג פאַר אָפּשטעלן די מילכאָמע.

גלייכצייטיק אָנערקענט די באַראַטונג, אַז די צימערוואַלדער פאַרייניקונג האָט אַסאַך מיטגעווירקט און קאָן אויך ווייטער מיטווירקן דער פאַרווירקלעכונג פון די אויבנאָנגעוויזענע אויפגאַבן, צונויפבינדנדיק די אַלע יענע טיילן פון אינטערנאַציאָנאַל, וועלכע שטייען שוין איצט אויפן שטאַנדפּונקט פון קאַמף פאַרן שאָלעם און שטרעבן אויפצושטעלן די אינטערנאַציאָנאַלע באַציאונגען. די באַראַטונג וועט דעריבער אונטערשטיצן דידאָזיקע באַוועגונג און פאַרייניקונג. זי האַלט אָבער פונדעסטוועגן פאַר נויטיק צו באַטאָנען, אַז זי פּראָטעסטירט קעגן דער שטרעבונג פון אייניקע עלעמענטן פון צימערוואַלדער פאַרייניקונג *) צו פאַרוואַנדלען דידאָזיקע צייטווייליקע פאַרייניקונג אין אַ שטענדיקע אינסטיטוציע, אַוועקשטעלנדיק זי אָפּן אָרט פון דעם דורכן גאַנצן פּראָלעטאַריאַט אָנערקענטן סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל מיטן אויספיר-קאָמיטעט אין האַאַג.

---

*) ס'ווערט געמיינט דער לינקער טייל, בעראָש פון וועלכן ס'איז געשטאַנען כ' לענין.

2. אונזערע פּאָליטישע אויפגאַבן.

1. די באַראַטונג רעכנט, אַז אויך אין רוסלאַנד דאַרף די גאַנצע טאַקטיק פון אַרבעטער-קלאַס זיין אין איצטיקן מאָמענט דורכגעדרונגען מיט די אידייען פון שאַלעם און ניט מילכאָמע. פאַרפעסטיקן דעם ווילן צו שאָלעם, פאַרייניקן די באַוועגונג פון שאָלעם אין רוסלאַנד מיט דער אַנטשפּרעכנדיקער באַוועגונג פון אַרבעטער-קלאַס אין דער גאַנצער וועלט — אָט דאָס איז איצט די דרינגענדסטע אויפגאַבע פון דער רוסלענדישער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע.

דער רוסלענדישער אַרבעטער-קלאַס, בעסויכאָם אויך די אידישע אַרבעטער, וועלכע האָבן אין פּראָצעס פון זייער רעוואָלוציאָנערן קלאַסנקאַמף צוגויפגעבונדן זייער צוקונפט מיט דער צוקונפט פונם גאַנצן אַרבעטער-קלאַס פון לאַנד,—קאָן ניט זיין גלייכגילטיק צו דעם, צי ס׳וועט זיך איינגעבן אויסצומיידן די אַלע שרעקלעכע פאָלגן, וועלכע ס׳דאַרף ברענגען מיט זיך פאַרן לאַנד א מאַפּאָלע אין דער הייניקער מילכאָמע.

דער אַרבעטער-קלאַס פון רוסלאַנד קאָן אָבער בא די איצטיקע פאַרהעלטענישן ניט נעמען אף זיך קיין שום פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר שיצן דאָס לאַנד. די רעאַקציאָנערע פּאָליטיק פון דער רעגירונג, וועלכע האָט זיך אַף קיין איין מינוט ניט אָפּגעשטעלט אפילע אין דער צייט פון מילכאָמע, וועלכע פאַרשטאַרקט זיך מיט יעדן טאָג און געפינט איר בוילעטסטן אויסדרוק אין די פאַרפאָלגונגען פונם אַרבעטער-קלאַס און פון די אונטערדריקטע נאַציאָנאַליטעטן, דער אָפענער קאַמף, וועלכער פירט זיך איצט קעגן אַלע געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס, ניט אויסשליסנדיק אפילע אַזוינע, וועלכע זייען אַנטשטאַנען אף צו העלפן דער אַרמיי,—דאָס אַלץ דערווייזט א איבעריקן מאָל, אַז דער איינציקער מיטל צו ראַטעווען דאָס לאַנד פון כורבן, וואָס קומט פון דרויסן, און אויך צו ברענגען אים א דעמאָקראַטישן שאָלעם, איז דער אַלטער אויסגעפּרואווטער וועג פון זעלבשטענדיקן אָרגאַניזירן די קויכעס פון אַרבעטער-קלאַס פאַרן קאַמף פאַר דער פולשטענדיקער פאַרניכטונג פונם איצטיקן רעזשים.

2. די באַראַטונג האַלט, אַז דער אַזוי גערופענער „פּראָגרעסיווער בלאָק" 174) איז געוועזן געבילדעט אין דער דומע פון 3-טן יוני דורך די פּראָגרעסיווע און אָפן רעאַקציאָנערע עלעמענטן, דעריקער פאַר מיליטערישע צוועקן און אף דורכצופירן אין דער אויסערלעכער פּאָליטיק אָפענע פאַרכאַפּונגס-פּלענער. דער „פּראָגרעסיווער בלאָק" האָט אַנטפּלעקט זיין פולשטענדיקע הילפסלאָזיקייט און אומפעאיקייט צו פאַרווירקלעכן אין דער צייט פון דער מילכאָמע אפילע יענע מישטיינס געזאָגט פּראָגראַם פון איינצלנע רעפאָרמען, אַף וועלכער ס׳זיינען זיך קלוימערשט צונויפגעגאַנגען די פאַרשיידנאַרטיקע עלעמענטן פון בלאָק.

ניט אָפּזאָגנדיק זיך פון אונטערצושטיצן דעם בלאָק אין יענע זעלטענע פאַלן, ווען ער טרעט אַרויס אָפן קעגן דער רעגירונג, דאַרף דער אַרבעטער-

קלאס גלייכצייטיק מיטהעלפן צו קאָאָרדינירן אלע יענע געזעלשאַפטלעכע קויכעס, וועלכע ס'זיינען פרעמד די פאַרכאַפּערשע פלענער פון די הערשנדיקע קלאַסן און וועלכע זיינען פעאיק אונטערצושטיצן דעם קאַמף פונם ארבעטער-קלאַס פאַר פרייהייט און דעמאָקראַטיע.

די באַראַטונג רעכנט דעריבער, אז ס'איז נויטיק: צו פאַרפעסטיקן די ווירקונג פון אָרגאַניזירטן ארבעטער-קלאַס אַפן גאנצן געזעלשאַפטלעכן און פּאָליטישן לעבן פון לאַנד; צו באַטייליקן זיך אין די געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס און פאַרשיידענע געזעלשאַפטלעכע צוזאמענפאָרן, אָרגאַניזירנדיק דאָרט זעלבשטענדיקע ארויסטרעטונגען און שטויסנדיק זיי אַפן וועג פון פּאָליטישער זעלבסטבאשטימונג.

ארויסגייענדיק פון אָט דעמדאָזיקן שטאַנדפּונקט, האַלט די באַראַטונג פאַר אומבאַדינגט וויכטיק דאָס באַטייליקן זיך פון די אַרבעטער אין די מיליטעריש-אינדוסטריעלע קאָמיטעטן. די באַראַטונג געפינט, אַז די ארבעטער-גרופּן דאַרפן זיך ענג צוזאמענבינדן מיט דער גאַנצער ארבעטער-מאַסע, און אַז די לעצטע דאַרף זיי פאַרטיידיקן קעגן אָנגריף, וועלכער איז אָרגאַניזירט קעגן זיי דורך דער רעגירונג און רעאַקציאָנערן טייל פון דער גרויס-בורזשואַזיע.

3. די באַראַטונג האַלט פאַר אומבאַדינגט וויכטיק פאַרן ארבעטער-קלאַס דאָס אַקטיווע באַטייליקן זיך אין דער ארבעט פון די געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן דעם צוועק צו באַקעמפן דאָס צעשטערן דאָס ווירטשאַפטלעכע לעבן, וואָס ברענגט אַזוי פיל ליידן דער ארבעטער-מאַסע און דער גאַנצער אומפאַרמעגלעכער באַפעלקערונג. שאַפנדיק אייגענע ארבעטער-קאָאָפּעראַטיוון, דאַרפן די אָרגאַניזירטע ארבעטער אויך זיך באַטייליקן אין די אַלגעמיינע דערנערונגס-קאָמיטעטן, וועלכע אַנטשטייען איצט אין פאַרשיידענע שטעט.

קאָנסטאַטירנדיק, אַז די ברייטע שיכטן פון דער אידישער ארבעטער-מאַסע און פון דער אידישער באַפעלקערונג ביכלאַל ווייזן ארויס ווייניק אינטערעס צו דערדאָזיקער אויפגאַבע, געפינט די באַראַטונג, אַז אונזערע אָרגאַניזאַציעס דאַרפן זיך באַמיען אַריינצוציען וואָס ברייטערע אידישע קרייזן אין קאַמף מיטן יאָקרעס און מיט דער גאַנצער ווירטשאַפטלעכער דעזאָרגאַניזאַציע.

144. דער אויסלענדישער קאָמיטעט פון בונד וועגן דער טאַקטישער ליניע פון דער כאַרקאָווער באַראַטונג.

(אנמערקונג צו דער „מיטיילונג". „ביולעטען פונם אויסלענדישן קאָמיטעט פון בונד", 1916, נומ. 1).

דרוקנדיק די רעזאָלוציעס פון דער באַראַטונג פון אונזערע כאַווייריםאין רוסלאַנד, האַלטן מיר פאַר אונזער כויוו צו באַמערקן, אַז מיר זיינען ווייט ניט אין אַלץ מאַסקים מיט די מיינונגען, וואָס זיינען אין זיי אויסגעדריקט.

מיר האַלטן ניט מיט דער מיינונג וועגן דעם, אַז די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען זיינען טאַקע בעעמעס אומעטום געצוואונגען געווען צו נעמען אַן אנטייל אין שטיצן דאָס לאַנד אין יענעם זינען, אין וועלכן דאָס איז פּאַקטיש פאַרגעקומען, ד. ה. ארויפלייגנדיק אַף זיך די פאראנטוואָרטלעכקייט פאַר דער מיליטערישער פּאָליטיק פון די רעגירונגען מיט אלע פאָלגן פונם דאָזיקן שריט: אָפּשטעלן דעם קלאסנקאמף, סאנקציאָנירן די „איינהייט" פון די קלאסן, צו־דעקן די פאַרכאַפּערישע און אימפּעריאַליסטישע פּלענער פון דער בורזשואזיע, אָדער, ווייניקסטנס, פאַרמאכן די אויגן אַף די דאָזיקע פּלענער; מיר מיינען, אַז די סאָציאַליסטישע פאַרטייען זיינען קלאל גאָר ניט געווען פאטאל פארורטיילט דורך די אומשטענדן אַף אזא ראָלע.

מיר קאָנען אויך ניט מאסקים זיין מיט דעם, אַז דאָס ענדגילטיקע באַ־טראַכטן די טאַקטיק פון די סעקציעס פון אינטערנאציאָנאַל דאַרף אָפּגעלייגט ווערן אַף נאָך דער מילכאָמע; מיר רעכענען פאַרקערט, אַז שוין איצט קאָן און דאַרף דידאָזיקע טאַקטיק אלזייטיק קריטיקירט ווערן, און אַז דידאָזיקע קריטיק דאַרף זיין איינע פון די נויטיקסטע פאָרבאַדינגונגען אַף געזונט צו מאכן און אויפצולעבן דעם אינטערנאציאָנאַל.

מיר באציען זיך נעגאטיוו צום באטייליקן זיך פון די ארבעטער אין די מיליטער־אינדוסטריעלע קאָמיטעטן און האלטן, אַז די ברייטע אָרגאניזיר־אויפ־גאַבן, וועלכע זיינען צוזאמענגעבונדן מיט די ארבעטער־גרופּן פון די קאָמי־טעטן זיינען אילוזאָרישע; יעדנפאלס, דער גרויסער שאָדן, וועלכן מע ברענגט דעם באוואוסטזיין פון די ארבעטער־מאַסן מיטן פאַקט פון מיטארבעט פון די אָרבעטער־פאָרשטייער מיט די קלאַסן־סאָנים פונם פּראָלעטאריאט, בעסויכאָם מיט די גרויסע אונטערנעמער פון אימפעריאליסטן און אָרגאניזאציעס, וועלכע זיינען בעפיירעש באשאפן געוואָרן צוליב דער מילכאָמע און ארבעטן פאַר דער מילכאָמע, קאָן מיט קיין זאך ניט געדעקט ווערן.

...ניט געקוקט אַף דעם, וואָס, לויט אונזער מיינונג, זיינען דאָ פאַראַן אייניקע פאַלשע אנזיכטן, איז פונדעסטוועגן די טאַקטיק פון אונזערע כאַוויי־רים אין רוסלאנד, וועלכע איז פאָרמולירט אין די באַשלוסן פון דער באראטונג, אין אלגעמיין און אין גאנצן גענומען, אַ ריכטיקע און איז אָנגעשטעלט אַף דער ליניע פון אינטערנאציאָנאַליזם. און דאָס איז דאָך דער איקער.

ס'איז גענוג אָנצוּוואַוויזן אַף דעם, אַז אונזערע כאַוויירים אין רוסלאנד האלטן דאָס אָפּזאָגן זיך פון „בירגער־פרידן", דאָס באנייען דעם קלאסנקאמף און דאָס אויפשטעלן די אינטערנאציאָנאלע פאַרבינדונגען אין זייער אַ ברייטן מאָסשטאַב פאַר נויטיקע באדינגונגען, קעדיי די קאָמפאָניע פונם פּראָלעטאריאט קעגן דער מילכאָמע זאָל האָבן אַן ערפאָלג; אַז זיי רופן צו אַ פאַרביסענעם קאַמף מיטן אלטן רעזשים און אַגיטירן קעגן מילכאָמע פאַר אַ שאָלעם אָפּן יעסאָד פון אינטערנאציאָנאַלער סאָלידאריטעט, לאַכלוטן ניט רעכענענדיק זיך מיטן מיליטער־צושטאנד פון לאנד.

...מיר וועלן אויך באמערקן, אַז אונזערע אָרגאניזאציעס אין רוסלאנד, ווי ס'איז קלאָר צו זען פון די רעזאָלוציעס פון דער באראטונג, פאַרורטיילן

אַנטשיידן די פּרואוון קינסטלעך צו קאָנסטרואירן די טיפּע סטירע צווישן האאַג און צימערוואלד און אַף פאַרשיידענע אויפאַנים צו דיסקרעדיטירן דעם אלטן אינטערנאַציאָנאלן אָרגאַניזיר-צענטר, פאַרשטעלנדיק אים אלס אַ לאַכלוטן שוין אומפעאיקן ווען ניט איז צו נעמען אין זיינע הענט די זאַך פון אויפלעבן דעם אינטערנאַציאָנאַל; אונזערע אָרגאַניזאַציעס טרעטן ארויס קעגן צעשפּאַלטונג און סעקטאַנטישער אַגיטאַציע פאַרן „דריטן אינטערנאַציאָנאַל" און האלטן פאַר מעגלעך אויפצושטעלן דעם אינטערנאַציאָנאַל בלויז באַם איינהאַלטן דאָס אי-בערנעמען די פריערדיקע אָרגאַניזיר-פאָרמען.

וואָס איז שאַיעך דער באַגריסונג, גאָר ניט קיין פאַרדינטע, דער טעטי-קייט פון אויספיר-קאָמיטעט פון דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער ביוראָ און ביפראַט דעם כאוועדר גיואיסמאַנס, איז קלאָר, אַז זי דערקלערט זיך מיט דעם, וואָס אונזערע כאווירים זיינען ניט אינפאָרמירט, וואָס זיי זיינען געצוואונגען צו שפּייזן זיך מיט אומבאַשטימטע קלאַנגען, אָדער צו שעפּן ידיעס וועגן דער ארבעט פון אינטערנאַציאָנאַלן סעקרעטאַריאַט פון דער רו-סישער בורזשואַזער פּרעסע, וועלכע שטעלט פאָר, ווי ס'איז באַקאַנט, דאָס, וואָס קומט פאָר אין אינטערנאַציאָנאַל, אין אַן אויסערסט פאַרקריפּלטער באַ-לייכטונג.

145. דער אָפּאָרטוניזם און סאָציאַל־שאָוויניזם פון בונד.

(ג. זינאָוויעוו: 175) „דער „אינטערנאַציאָנאַליזם" פון בונד". „קעגן שטראָם", פּע-טערבורג, 1916, ז.ז. 373—375).

...אַלעמאָל מיט מיין רעגירונג, אַלעמאָל מיט מיין בורזשואַזיע,—דאָס איז דער דעוויז פונם סאָציאַל-שאָוויניזם, סאַי פון ענגליש-פראַנצויזיש-רוסישן, סאַי פון דייטשיש-עסטרייכיש-באָלגארישן, סאַי פון שוועדישן, סאַי, לאָמיר זאָגן, פון האָלענדישן.

אַלעמאָל מיט מיין רעגירונג! אָבער ווי טוט מען, אויב אין דער צייט פון דער מילכאָמע וועט זיך ארויסווייזן, אַז באַ מיר איז ניט איינע, נאָר גאַנצע צוויי רעגירונגען, און דערביי קאָן מען ניט וויסן אין אַ מעשעך פון אַ יאָר אָדער צוויי, וועלכע פון דיביידע רעגירונגען וועט בלייבן דער באַלעבאָס איבער דער לאַגע? ווי טוט מען, אַז די מילכאָמע האָט צעריסן מיין טערי-טאָריע אַף צוויי טיילן, און די בורזשואַזיע פון ביידע טיילן רופט מיר מיט דערזעלביקער היץ אין די זיסע ארעמס פון „בירגער-שאָלעם"?

פונקט אין אַזאַ לאַגע געפינען זיך טאַקע די אָפּאָרטוניסטן פון בונד, און דער ענטפער, וועלכן זיי האָבן אַף דער אויבנגעשטעלטער פראַגע געגעבן, וואַרפט אַ קלאָרן שיין אַפן כאַראַקטער פון אָפּאָרטוניזם ביכלאַל און פון סאָ-ציאַל-שאָוויניזם ביפראַט.

די מילכאָמע-טאַקטיק פון בונד וועט בליסאָפעק בלייבן פאַר אַן אייביקן און אומפאַרגעסלעכן מוסטער פון אָפּאָרטוניסטישן „סינטעז".

האָגאָם באַ מיר זיינען איצט פאַראַן צוויי רעגירונגען און צוויי בורזשואַזיעס, פונדעסטוועגן וועל איך ניט אויוועך זיין דעם גרונט-געבאָט פון סאָציאַל-שאָוויניזם: אַלעמאָל מיט מיין רעגירונג און מיט מיין בורזשואַזיע.

די לאַגע איז שווער, אָבער אַן אויסוועג איז מעגלעך: איך וועל צעטיילן מיין אָרגאַניזאַציע אויף צוויי „ווירקונגס-ספערן". איין טייל פון בונד וועט אונטערשטיצן דעם עסטרייך-דייטשישן בלאָק און יענעם טייל פון „מיין" בורזשואַזיע, וועלכע „אָריענטירט" זיך אויפן דייטשישן אימפעריאַליזם; דער צווייטער טייל פון בונד וועט אונטערשטיצן דעם רוסיש-פראַנצויזישן בלאָק און יענעם טייל פון „מיינע" הערשנדיקע קלאַסן, וועלכע „אָריענטירן" זיך אויפן צוויייקעפּיקן צאַרישן אָדלער.

אָט אַזוי האָבן זיך געזאָגט די שאַרפזיניקע אָפּאָרטוניסטישע פירער פון בונד...

באַ אַ גוטן ווילן קאָן מען אַלעמאָל געפינען אַן אויסוועג פון דער סאַמע שווערסטער לאַגע און פונדעסטוועגן בלייבן טריי די פּרינציפּן פון סאָציאַל-שאָוויניזם.

נעמט יענעם טייל פון בונד, וועלכער אַרבעט אין וואַרשע, וואָס די דייטשן האָבן פאַרכאַפּט. די פּאָליטיק פונעם דאָזיקן טייל איז אַ סאָציאַל-שאָוויניסטישע. אָבער איר סאָציאַל-שאָוויניזם איז באַפאַרבט מערסטנטיילס גערמאַנאָפיליש. די צייטונג „לעבנס-פראַגן", וועלכע דער וואַרשעווער בונד גיט אַרויס, פאַרטיידיקט אומצווייידייטיק די פּאָליטיק פון דייטשישן סאָציאַל-שאָוויניזם.

...„אין אַזאַ לאַנד, ווי דייטשלאַנד, — לייענען מיר דאָרט, —וואו די ס. ד. מיט איר מיליאָן מיטגלידער און פיר מיליאָן וויילער שטעלט מיט זיך פאָר אַ קאָלאָסאַלע קראַפט, וואָלט אַ נייטראַלע באַציאונג און אָפּזאָג פון מיטצוהעלפן אין קאַמף מיטן אויסערלעכן סוינע דערפירט דאָס אייגענע לאַנד צו אַ באַדייטנדיקער אָפּשוואַכונג, וואָלט שטאַרק פאַרקלענערט די שאַנסן פון ניצחון, וואָלט פאַרגרעסערט די סאַקאַנע פון אַ מאַפּאָלע. אַנדערש גערעדט, אָפּזאָגן זיך צו העלפן דאָס אייגענע לאַנד, וואָלט געהייסן מיטהעלפן אַן אַנדער לאַנד, אַ פיינטלעכן. אין דער איצטיקער מילכאָמע וואָלט דאָס געהייסן העלפן דעם רוסישן צאַריזם, און פאַר אַזאַ הילף וואָלטן די רוסישע אַרבעטער קיין דאַנק ניט געגעבן די דייטשישע כאַוויירים".

איז דאָס דען ניט די שפּראַך פון דאַוויד[176] און זיודעקום ?..

דער ווירקזאַמסטער פירער פון בונד וו. מעדעם דרוקט זיינע אַרטיקלען אונטער איין הילע מיטן... גראַף רעווענטלאַוו, איינעם פון די אויסדריקלעכסטע פאָרשטייער פון דייטשישן אימפעריאַליזם.

נעמט אָבער יענעם טייל פון בונד, וועלכער אַרבעט אויף דער טעריטאָריע, וועלכע איז פאַרבליבן אין די הענט פון צאַר... גאָר ניט לאַנג („ביולעטען פון אויסלענדישן קאָמיטעט פון בונד", סענטיאַבער, 1916) זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן די רעזאָלוציעס פון דער „באַראַטונג באַם צ. ק. פון בונד", וועלכע איז פאָרגעקומען אין רוסלאַנד אין פרילינג 1916. ...דידאָזיקע באַראַטונג האָט זיך

פאַרייביקט מיט אזעלכע באשלוסן: „בעאייס ס'האָט אויסגעבראָכן די מילכאָמע, איז דער אַרבעטער-קלאַס... געווען געצוואונגען אין אלע לענדער צו נעמען אָן אנטייל אין דער לאנד-פאַרטיידיקונג... ערשט נאָכדעם, ווען די מילכאָמע וועט זיך ענדיקן (!), וועט קומען די צייט צו לייזן די פראגע, אין וואָס פאר א מאָס זיינען די טריט פון איינציקע סעקציעס פונם ארבעטער-אינטערנאציאָנאל געווען ריכטיק".

...און דערווייל, און אינם נאָמען פון „ארבעטער-אינטערנאציאָנאל" זאָלן די ארבעטער פון אלע לענדער שניידן איינער דעם אנדערן.

ווייטער גייט אַ סימפאָניע פון פאַטרעסאָוון און פלעכאנאָוון.

...„די באראטונג באגריסט דעריבער די טעטיקייט פון אויספיר-קאָמיטעט פון דער אינטערנאציאָנאלער סאָציאליסטישער ביוראָ און באזונדערס (!) זיין סעקרעטאר, כאווער גיואיסמאנס, וועלכער האָט די גאַנצע צייט פון דער מילכאָמע ניט אויפגעהערט צו ארבעטן אין דער אָנגעוויזענער ריכטונג"...

מיטן אלטן אינטערנאציאָנאל איז פאָרגעקומען אַ קליינע אומאנגענעמלעכקייט, נאָר ס'מאכט ניט אויס,—זאָל לעבן דערדאָזיקער אלטער אינטערנאציאָנאל מיט גיואיסמאנסן און וואנדערוועלדען[177] בעראָש!..

קעדיי באם לייענער זאָלן ניט בלייבן קיין שום ספייקעס מיקויעך דעם, וואוהין ס'האלט דעם קורס דער רוסישער טייל פון בונד, זאָגט די באראטונג ווייטער:

„דער רוסלענדישער ארבעטער-קלאַס און אויך די אידישע ארבעטער בעסויכאָם...—קאָן ניט זיין גלייכגילטיק צו דעם, צי דעם לאנד וועט זיך איינגעבן אויסצומיידן די אלע שרעקלעכע פאָלגן, וועלכע מוזן קומען אין פאַל פון אַ מאַפּאָלע אין דער איצטיקער מילכאָמע".

עמעס, אין אונזער לאנד הערן נאָך אלץ ניט אויף און פאַרשטארקן זיך אַפילע די נעגישעס „אפן ארבעטער-קלאַס און אונטערדריקטע פעלקער" (ס'איז נאָך ווייניק געווען אידישע פאָגראָמען!). נאָר פונדעסטוועגן ווערט זי פאַרברענט פון כיישעק „צו ראַטעווען דאָס לאנד (טשכעאידזע[178]), דאָס ביסטו! פון כורבן, וואָס קאָן קומען פון דרויסן" און אף דעם עקזיסטירט, קעיאָדוע, אַ ריכטיקער מיטל: אַריינגיין אין די צאַרישע מיליטער-אינדוסטריעלע קאָמיטעטן, וועלכע ווערן אָנגעפירט פון גוטשקאָוון.

„*אַרויסגייענדיק פונם דאָזיקן שטאנדפונקט, אנערקענט די באראטונג פאַר אומבאדינגט וויכטיק דאָס אָנטייל נעמען פון די ארבעטער אין די מיליטער-אינדוסטריעלע קאָמיטעטן*"*).

ווי אַזוי זשע אָבער לעבן בעשאָלעם דער רוסישער טייל פון בונד מיטן דייטשישן? אָדער די ליבערס טרייבן סינע מיט די מעדעמס פונקט אזוי, ווי די שיידעמאנס מיט די רענאָדעלס[179]?

ס'הויבט זיך גאָר ניט אָן! די סאָציאל-שאָוויניסטן פון בונד זיינען פראַקטישער. זיי פאַרשווייגן פאָשעט איינער דעם אנדערן, האַלטנדיק, אז אן ענד-

* קורסיוו פון אוטאָר.

בילטיקע „אָריענטאציע" וועט באקוועמער זיין אויסצוקלייבן נאָכן שאָלעם-קאָנגרעס.

דעם בלויז אין וועלט-מאסשטאב פאַרפילן די פאַרפולקומטע קאוטסקיסטן פון בונד, אַשטייגער, ווי יאנאוו, וועלכער איז גרייט שאָלעם צו מאכן צווישן אלץ, וואָס מע וויל, מיט אלץ, וואָס מע וויל. אַזוי, אַשטייגער, ברענגענדיק די ציטירטע רעוואָלוציעס פון דער בארاטונג, פאַרענדיקט דער אויסלענדישער קאָמיטעט גוטמוטיק:

„ניט געקוקט אף דעם, וואָס ס'זיינען דאָ אייניקע, לויט אונזער מיינונג, טאָעסדיקע אנזיכטן, איז די טאקטיק פון אונזערע כאַווירים אין רוסלאנד (און די טאקטיק פון אייערע כאווירים אין וואַרשע, ראַבויסאי?), וועלכע איז פאָרמולירט אין די באשלוסן פון דער בארاטונג, ביכלאל און אין גאַנצן גע-נומען אַ ריכטיקע (!!) און גייט אין דער ריכטונג פון אינטערנאציאָנאליזם (הם! הם!), און דאָס איז דאָך די הויפטזאך".

דאָס אָנטייל נעמען אין די מיליטער-אינדוסטריעלע קאָמיטעטן און דאָס אונטערשטיצן דעם צאַריזם אין זיין „פאַרטיידיקן זיך" קעגן גאליציע, טערקיי א. א. וו. גייט „אף דער ליניע פון אינטערנאציאָנאליזם"! ווילט איר גלויבט, ווילט איר—ניט.

ווייטער גייט באַם אויסלענדישן קאָמיטעט פון בונד א צושטימונג דער בארاטונג אין דעם, וואָס זי פאַרורטיילט די „פרואוון קינסטלעך צו פאַרגלעטן די רייסנדיקע סטירע צווישן האַאַג (וואנדערוועלדע — פלעכאנאָוו) און צימער-וואלד.

ס'בלייבט בלויז צו שיקן אַ באַגריסונגס-דעפעש קאוטסקין, און דער בונ-דישער אינטערנאציאָנאליזם וועט מיט דעם פאַרענדיקן דעם ציקל פון זיינע העלדישע מאיסים.

דער לייענער זעט: דער בונד איז די איינציקע אָרגאניזאציע אין „אלטן" אינטערנאציאָנאל, וועלכע האָט שוין איצט געגעבן אַ געוויסן סינטעז פון סאָ-ציאַל-שאָוויניזם פוןביידע שאטירונגען. אין ווארשע און אין לאָדז ריידן מיר אף שיידעמאנס דיאלעקט, אין מינסק און האָמעל ריידן מיר אף גוואָזדיאָוווס[180] דיאַלעקט. און פונדעסטוועגן זיינען מיר „איינהייטלעך".

לאָמיר זיי, דידאָזיקע פרינציפיעלע לייט, ווינשן ערפאָלג.

איצטער ווילן נאָך רענאָדעל און פלעכאנאָוו ניט דריקן די האַנט זיו-דעקומען און לעגינען[181]. אָבער ווען דער שידעך זייערער וועט געשלאָסן ווערן, וועט מעדעמען און ליבערן — און פאר איין גאַנג שוין אויך דעם מיט-אַרבעטער פון בונדישן „ביולעטען" ל. מארטאָוון — אַלפי יוישער דארפן אָפּ-געטיילט ווערן אַ רויטער ווינקל אין „אויפגעשטעלטן" אינטערנאציאָנאַל. קאָוועד און פלאַץ די פּיאָנערן!...

6 נאָיאבר, 1916.

146. די מילכאָמע־פּאָזיציע פון די רוסלענדישע פּויאַליי-ציאָן.

(רעזאָלוציעס פון דער באַראַטונג פון דער אידישער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער ארבעטער-פּאַרטײ (פּויאַליי-ציאָן) אין אפּרעל 1916 (רוסיש).

1.

פּאַרייניקנדיק זיך צו די אַלגעמײנע פּרינציפּן, וואָס זײנען פּראָקלאַמירט געוואָרן דורך דער צימערוואַלדער קאָנפערענץ, געפינט די באַראַטונג פאַר נויטיק צו פירן אַן אַקטיוון קאַמף מיטן מיליטאַריזם און פאַר דער אָפּשטעלונג פון דער מילכאָמע.

2.

1) די באַראַטונג פאָדערט, אַז דער אידישער פּראָלעטאַריאַט פון אַלע לענדער זאָל זײן פאָרגעשטעלט אין דעם אויפגעלעבטן און רעאָרגאַניזירטן אינטערנאַציאָנאַל דורך אַ באַזונדער נאַציאָנאַלער סעקציע, אין וועלכער ס'דאַרפן זיך באַטײליקן אַלע אידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטײען...

2...) די באַראַטונג אַנערקענט פאַר נויטיק, אַז דער אינטערנאַציאָנאַל זאָל איצט קאָנקרעטיזירן דעם באַגריף „נאַציאָנאַלע זעלבסטבאַשטימונג”, אײנשליסנדיק אין זײן פּראָגראַם דאָס רעכט פון די נאַציאָנאַלע מינדערהײטן אַף נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע.

3) די באַראַטונג געפינט פאַר נויטיק, אַז דער אינטערנאַציאָנאַל זאָל פון ס'ניי פּראָקלאַמירן דאָס רעכט פון פרײער עמיגראַציע אין אַלע לענדער, אָן אונטערשייד פון ראַסע און נאַציאָנאַליטעט, און זאָל פאָדערן פון אַלע סאָציאַליסטישע פּאַרטײען די אַנערקענונג פונם דאָזיקן פּרינציפּ.

4) באַם ליקווידירן דעם איצטיקן וועלט-קריג, דאַרף דער אינטערנאַציאָנאַל מיט אַלע קויכעס דערשלאָגן זיך, אַז אין שאָלעם-אָפּמאַך זאָלן אײנגעשלאָסן ווערן באַשטימונגען וועגן בירגערלעכער גלײכבאַרעכטיקונג פאַר די אידן אין יענע לענדער, וואו ס'עקזיסטירן בענויגײע צו זײ באַגרענעצונגס-געזעצן, וועגן אידישער נאַציאָנאַל-פּאָליטישער אויטאָנאָמיע ספּעציעל אין רוסלאַנד, פּוילן, גאַליציע, פּאַלעסטינע און רומעניע, און וועגן פרײהײט פון עמיגראַציע און קאָלאָניזאַציע פון די אידן אין פּאַלעסטינע.

5) באַטראַכטנדיק די צימערוואַלדער אָרגאַניזאַציע ניט אַלס יורעש פונם אינטערנאַציאָנאַל, נאָר בלויז אַלס צײטווײליקע פאַרײניקונג מיט אַ באַשטימטער אויפגאַבע—אַקטיוון קאַמף—און נעמענדיק אין אַכט די וויכטיקײט פון דער דאָזיקער אויפגאַבע—פאַרן פּראָלעטאַריאַט און די שאַרפקײט פון פּאָליטישן מאָמענט, לײגט פאַר די באַראַטונג דעם וועלט-פאַרבאַנד (פּ. צ.) צושטײן צו דער צימערוואַלדער אָרגאַניזאַציע און גלײכצײטיק מיטווירקן דער ווידער-אויפשטעלונג פונם אינטערנאַציאָנאַל. (די רוסלענדישע פּאַרטײ (פּ. צ.) אַלנפאַלס שטײט צו צו דער צימערוואַלדער אָרגאַניזאַציע).

XV. די פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע אַרבעט און דער קאַמף אַרום דער מילכאָמע־געזעלשאַפט־לעכקייט.

147. דער בונד אַף דער באַראַטונג פונם „אָרט“[182].

(אַ דעלעגאַט: „די באַראַטונג“. דער באַריכט פון דער באַראַטונג וועגן „הילף דורך אַרבעט“. פאַרלאַג „צייט-פראַגן“. פּעטראָגראַד, 1916, ז. ז. 2—3, 5—6, 9—12).

אַ קורצער סאַכאַקל.

...די באַראַטונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין אָנהויב פעברואַר*) אין פּעטראָגראַד, וועט פאַרנעמען אַ גאַנץ באַזונדערן אָרט אין אידישן געזעל-שאַפטלעכן לעבן. פאָרקומענדיק אַף דעם 19-טן מאָנאַט פונם וועלט-קריג, האָט דידאָזיקע באַראַטונג אַם בעסטן באַוויזן, וועלכע גרויסע ענדערונגען די מיל-כאָמע האָט אַריינגעטראָגן אין די געזעלשאַפטלעכע באַציאונגען בּאַ אידן.

אַף דער באַראַטונג האָט זיך ניט געפילט קיין אָטעם פון רעאַקציע, קיין אָפּהענטיקייט. דער פאָדים פון שאַפנדער דעמאָקראַטישער אַרבעט איז ניט איבערגעריסן געוואָרן דורך די שרעקלעכע פּאַסירונגען, וואָס די מילכאָמע האָט געבראַכט אין אידישן לעבן, דאָס לעבן איז געוואָרן נאָר רייכער, קאָמפּלי-צירטער. דער איינפלוס פון דער דעמאָקראַטיע האָט זיך געפילט שטאַרקער. אַף דער באַראַטונג איז נאָך ניט געווען פאַרטראָטן דאָס פאָלק גופע. די דעלע-גאַטן זיינען געווען געשיקט דורך קליינינקע קאָמיסיעס, ביוראָען אָדער אַמאָל גאָר דורך די „פּניי“ פון די אַלטע קאָמיטעטן. נאָר געהאַנדלט האָט זיך וועגן די אינטערעסן פון די ברייטע פאָלקס-מאַסן.

אַ גרויסע פּולע האָט געהאַט אין דעם זין דער שטראָם פון „אָנהיימיקע“, וועלכע מע האָט אָן זייער ווילן אויפגעהויבן פון זייערע איינגעזעסענע ערטער. די אידישע קלאַל-טוער זיינען געקומען אין באַרירונג מיט די ברייטע פאָלקס-מאַסן. ס'האָט זיך גלייך אַרויסגעוויזן, אַז דידאָזיקע פאָלקס-מאַסע איז ניט קיין איינהייטלעכע, נאָר אַ דיפערענצירטע. ווילנדיק, ניט ווילנדיק האָט

*) 1916 יאָר.

מען זיך געמוזט פֿאַרנעמען מיט דער אַרבעטער-פראַגע. דערמיט צייכנט זיך טאַקע אויס די באַראַטונג פון אַלע אַנדערע אידישע צוזאַמענפאָרן, וואָס אין צענטער פון איר אַרבעט זיינען געשטאַנען די עקאָנאָמישע אינטערעסן פון די אידישע אַרבעטער.

ביז אַהער האָבן די אידישע קלאַל-טוער ניט אַנערקענט די סאָציאַלע זייט פון דער אַרבעטער-באַוועגונג. זיי האָבן זיך געהאַלטן בא זייער אַלטער מיינונג, אַז די אַרבעטער-פראַגע האָט ניט קיין זעלבשטענדיקן ווערט.

און גראַד איצט, ווען די אַרבעטער-באַוועגונג אויף דער אידישער גאַס איז אַזוי צעשטויבט, באַקומט דער אידישער אַרבעטער-קלאַס דעם ערשטן מאָל אַ געזעלשאַפטלעכע אַנערקענונג. דאָס איז דער בעסטער באַווייז, ווי טיף ס'איז שוין איינגעדרונגען די סאָציאַלע דיפערענצירונג אין אידישן לעבן. [אַרויס-געוואָרפן פון דער צענזור].

דער גרויסער איינפלוס, וואָס די אידישע מאַרקסיסטן *) האָבן געהאַט אויף דער דאָזיקער באַראַטונג—דאָס איז נאָר איינער (און דער ערשטער) פון די רעזולטאַטן, צו וועלכע ס'האָט אומפאַרמיידלעך געמוזט ברענגען די אַנערקע-נונג פון דער אַרבעטער-פראַגע אין אידישן לעבן. [אַרויסגעוואָרפן פון דער צענזור].

די אומצופרידנקייט מיט דער באַראַטונג, וואָס ס'ווייזן אַרויס די אידישע קלאַל-טוער, איז נאָר אַ סימן פון זייער קורצזיכטיקייט.

זייער אומצופרידנקייט ברענגט זיי דערצו, אַז זיי ווילן לאַכלוטן אָפּלייקענען דעם גאַנצן פּראַקטישן רעזולטאַט פון דער באַראַטונג. מע זאָגט, אַז די באַראַטונג האָט, קלוימערשט, ניט געקאָנט גאָרניט אויפטאָן צוליב די „לינקע" מיט זייערע „אידייען". דאָס איז אין גרונט פאַלש.

דער הויפּט-ציל פון דער באַראַטונג איז געווען צו באַפעסטיקן די אַרבעטס-ביוראָען, וועלכע זיינען געווען אויפגעבויט אין איילעניש אין משך פון לעצטן יאָר. די דאָזיקע אַרבעט איז געווען אויסגעפירט אין דער סעקציע וועגן די אַרבעטס-ביוראָען און דורכגעפירט דאַפקע דורך די „לינקע", וואָס האָבן געבילדעט די מערהייט אין דער סעקציע.

אַ גרויסן ווערט פאַר דער אַנטוויקלונג פון די אידישע אַרבעטס-ביוראָען וועט אויך האָבן דער העפטיקער אידייען-קאַמף, וואָס האָט זיך געפירט אַרום דער פראַגע: צי דאַרפן אויף שטענדיק פאַרבלייבן די אידישע ביוראָען, אָדער זיי דאַרפן זיך צונויפגיסן מיט די אַלגעמיין-שטאַטישע בירזשעס.

די „לינקע" האָבן דאָ אָפּגעהאַלטן אַ גרויסן ניצאָכן דערמיט, וואָס ס'איז דורכגעפאַלן לעשטשינסקיס נאַציאָנאַליסטישע רעזאָלוציע, וועלכע האָט געשטרעבט צו פאַרייביקן די אידישע ביוראָען. די „לינקע" האָבן אָבער אויך ניט פאַר-שפּילט זייער אייגענע זאַך, ווייל די גרויסע מינדערהייט, וואָס האָט זיך גרו-פּירט אַרום זייער רעזאָלוציע, וועט זיי געבן אַ מעגלעכקייט פאָרצוזעצן זייער אַרבעט אויך ווייטער, קעדיי צו דערגרייכן די אויסבילדונג פון אַלגעמיין-

*) בונדיסטן.

שטאַטישע בירזשעס מיט נאַציאָנאַלע סעקציעס, אזעלכע בירזשעס, וועלכע דאַרפן באַדינען אויך די אידישע אַרבעטער.

די אַרבעט אַף דער באַראַטונג איז געווען נאָר דער ערשטער טריט. די אויסבילדונג פון איינריכטונגען, אין וועלכע די אידישע אַרבעטער וועלן האָבן אַ זעלבשטענדיקע פאַרטרעטונג, באַשאַפט פאַר די אידישע אַרבעטער אַ מעג-לעכקייט צונויפקלייבן זייערע צעשאָטענע קרעפטן.

נאָר די אַרבעטס-ביוראָען, האָבן אויך אַ גרויסע זעלבשטענדיקע באַ-דייטונג פאַר די אידישע אַרבעטער, ווייל זיי האָבן צו טאָן מיט די פראַגן וועגן אַרבעטסלאָזיקייט און דאַרפן צו הילף קומען די אַרבעטער. אזא וויכטיקע אַרבעט דאַרפן די אידישע אַרבעטער זעלבסטפאַרשטענדלעך ניט איבערלאָזן אין די הענט פון דער דעמאָקראַטישער און אפילע פּראָלעטאַרישער אינטעלי-גענץ אליין.

אַן אַקטיווער אָרגאַניזירטער אַנטייל אין די אַרבעטס-ביוראָען,—דאָס איז די וויכטיקסטע אויפגאַבע, דאָס איז די נויטיקע פאָרזעצונג פון דער אַרבעט, וואָס איז אויפגעטאָן געוואָרן אַף דער באַראַטונג...

...3. די גרופּע פון 25*).

[אַרויסגעוואָרפן פון דער צענזור] ...די מילכאָמע האָט אָבער אַריינגע-טראָגן אזא מין צערודערונג אין אַלע מויכעס, די טויער פון די אַרבעטס-ביו-ראָען זיינען געווען אזוי אָפּגעריסן פון די אָרגאַניזירטע אַרבעטער-קרייזן, אַז ס'האָט זיך געפילט אַ באַוואוסטע אומרואיקייט: צי וועט זיך איינגעבן צו פאַ-רייניקן די אַלע... [אַרויסגעוואָרפן פון צענזור] אַף אַן איינהייטלעכער אַרבעטס-פּלאַטפאָרם. דיווירקלעכקייט האָט אָבער באַוויזן, אַז גערעכט זיינען געווען די אָפּטימיסטן.

די ווירקונג פון די צוויי יאָר האָט זיך געלאָזט פילן אַף יעדן טריט און שריט. אָפּגעריסן איינער פונים אַנדערן, אָן אַן אייגענער פּרעסע, האָט זיך יעדערער געפירט פאַר זיך זיין אַרבעט אין די בעזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַ-ציעס, אָפּט אַרויסלאָזנדיק פון זין די אַלגעמיינע אויפגאַבן און צילן. פאַר אייניקע פון די דעלעגאַטן איז ניט געווען גענוג, וואָס זיי געהערן צו אַ גע-וויסער וועלטאַנשויאונג, זיי האָבן ניט געוואָלט מיט „פאַרמאַכטע אויגן" אונ-טערוואַרפן זיך דער מערהייט, וועלכע וועט זיך אויסבילדן אין דער גרופּע גופע וועגן יעדער פראַגע פון טאָג-אָרדענונג. נאָך אַ קורצן שמועס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז אַן אַלגעמיינער פּרינציפּיעלער באָדן איז פאַראַן און די גרופּע האָט זיך געבילדעט. צו איר האָבן זיך אויך אָנגעשלאָסן אייניקע [צענזור], וועלכע האָבן ביז די לעצטע יאָרן געשעפּט זייער דערפאַרונג קימאַט דורכויס אין דער רוסישער אַרבעטער-באַוועגונג.

ביסלעכווייז, אין דער אַרבעט גופע, זיינען פאַרשוואונדן געוואָרן די אינדיווידואַליסטישע שטרעבונגען; די דעלעגאַטן זיינען געפאָרן צוריק מיט אַ

*) די בונדישע דעלעגאַציע אַף דער באַראַטונג.

מער איינהייטלעכער שטימונג, איידער זיי זיינען געקומען... דערצו האָט אַ פולע גוירעם געווען די באראטונג.

די באראטונג האָט געאַרבעט זייער ענערגיש און אינטענסיוו. פון אין דער פרי ביז שפעט אין אָוונט זיינען אין מעשעך פון דריי טעג פאָרגעקומען אלגעמיינע זיצונגען און זיצונגען פון די סעקציעס. ס'איז פארבליבן ווייניק צייט פאַר דער איינעוויייניקסטער אַרבעט פון דער גרופע גופע. זי האָט ניט געהאט דעריבער קיין מעגלעכקייט צוצוגרייטן זיך צו די אלע פראגן פון טאָג-אָרדענונג. לעכאטכילע האָט מען געהאַט באַשלאָסן, אז די גרופע זאָל נעמען אן אָרגאַניזירטן אנטייל אין אלע סעקציעס און אויסאַרבעטן אייגענע רעזאָלוציעס וועגן אלע פראַגן (אויסער דער פראגע וועגן קרעדיט-הילף). דערדאָזיקער באשלוס איז אָבער פאקטיש ניט פארווירקלעכט געוואָרן. די גרופע, אלס אזעלכע, האָט אנטייל גענומען נאָר אין איין סעקציע: וועגן אַרבעטס-ביוראָען; אין די איבעריקע האָבן געארבעט איינציקע פערזאָנען אף זייער אייגענער אכראיעס...

...די רעזאָלוציע פון די 26*).

1) אז די נאָכפראגע און אָנבאָט אפן ארבעטס-מארק קאָן ניט איינגע-טיילט ווערן לויט נאַציאָנאַליטעטן;

2) אז די עקזיסטענץ פון אָפגעזונדערטע נאציאָנאַלע ביוראָען אין איין און דעמזעלביקן ראיאָן פירט צו אַ קאָנקורענץ צווישן זיי, אז דאָס דעזאָר-גאַניזירט אף אַזאַ אויפן, פון איין זייט, דעם ארבעטס-מארק, און קאָן, פון דער אנדערער זייט, ארויסרופן סיכסוכים צווישן ארבעטער פון פאַרשיידענע נאציאָנאַליטעטן;

3) אז נאָר אין אן איינהייטלעכן ארבעטס-ביוראָ קאָן באוואָרנט ווערן אַ גענוגע האשפּאָע פאר די פאָרשטייער פון לוין-אַרבעט, וואָס איז אזוי נויטיק פאר דער גינסטיקער אנטוויקלונג פון ביוראָ;

4) אז ספעציעל די קאָנצענטרירונג פונם גאנצן נאָכפרעג און אָנבאָט אין די אלגעמיינע אַרבעטס-ביוראָען העלפט פארברייטערן דעם ווירקונגס-קרייז פון דער אידישער אַרבעט,

געפינט די באַראַטונג, אז די אידישע אַרבעטס-ביוראָען דארפן אקטיוו מיטהעלפן אָרגאַניזירן אלגעמיינע מוניציפאלע אַרבעטס-בירזשעס, וואָס בא-וואָרענען בעסער פון אלץ אַ גענוגע פעסטקייט און דעם גרעסטן פארנעם פון דער טעטיקייט.

צוליב דעם פארשיידענעם שטייגער-לעבן און די קולטורעלע באזונ-דערקייטן פון פארשיידענע נאציאָנאַליטעטן, דארף די אלגעמיינע מוניציפאלע אַרבעטס-בירזשע:

I. אָרגאַניזירן בא זיך נאציאָנאַלע סעקציעס. פארמאָגן אָנגעשטעלטע,

*) פאר אונזער רעזאָלוציע האָבן אף דער באַראַטונג געשטימט נאָר די מארקסיסטן און דער פאָרזיצער ל. בראמסאן 183).—באמערקונג פון אווטאר.

וואָס זיינען באקאנט מיט דער שפּראַך און מיטן לעבן פון די ארבעטער פון פארשיידענע נאציאָנאליטעטן.

II. אין די ערטער, וואו קיין אלגעמיינע איינריכטונגען זיינען ניטאָ, דארפן די אידישע ארבעטס-ביוראָען איינשטעלן וואָס אַ פעסטערן קאָנטאקט מיט די ארבעטס-ביוראָען, וואָס עקזיסטירן אפן אָרט, צו פאַרייניקן דעם אָנ-באָט און נאָכפרעג. בעראָש דאַרף שטיין אַ פאַרייניקטע פארוואלטונג, וואָס פארענטפערט אלע איקער-פראגן. די קאָנקרעטע פאָרמען פון אָט דער פאַריי-ניקונג דארפן אויסארבעטן די אָרטיקע אַרבעטס-קאמיסיעס, צופּאסנדיק זיך צו די אָרטיקע באדינגונגען.

III. די בּאראטונג געפינט, אז קעדיי די פארמיטלונגס-ביוראָען זאָלן קאָנען ווי דער סיידער איז און מיט ערפאָלג ארבעטן, איז אומבאדינגט נויטיק אפּצושאפן אלע נאציאָנאלע באגרעניצונגען און שאפן גינסטיקע באדינגונגען פאר דער פרייער אנטוויקלונג פון פּראָפעסיאָנעלע פאריינען און פולשטענדי-קער דעמאָקראטיזירונג פון די שטאָט-פארוואלטונגען...

148. די צ. ס. א. פ. („ס. ס.") בעאייס דער וועלט-מילכאָמע (1916—1914).

(ב. גוטמאן: „ערינערונגען". ספּעציעל געשריבן פארן „אידישן ארבעטער").

די ערשטע פאָר כאדאָשים פון דער אימפּעריאליסטישער מילכאָמע איז „ס. ס.", פּונקט ווי ס'ראָוו סאָציאַליסטישע פאַרטייען, געווען מאָראליש דער-שלאָגן, דעזאָרגאניזירט און צעטומלט פון די אומגעריכטע געשעענישן און פון דער אומדערהערטער סאָציאל-פּאטריאָטישער האלטונג מיצאַד די גרעסטע און איינפלוסרייכסטע סאָציאליסטישע פאַרטייען אינם 2-טן אינטערנאַציאָנאל.

אָבער די פּאניק האָט לאַנג ניט אָנגעהאלטן. אין אָקטיאבר (1914) האָט זיך דער צ. ק. רעאָרגאניזירט און צוגעטראָטן צו דער אַרבעט. זיין ערשטע ארבעט איז געווען נעמען א שטעלונג צו דער מילכאָמע און געבן באשטימטע דירעקטיוון די אָרגאַניזאציעס. עס זיינען אויסגעארבעט געוואָרן טעזיסן (אָנגעשריבן האָט זיי מ. ליטוואקאָוו), אין וועלכע ס'זיינען גענטאדלט געוואָרן די סאָציאליסטן פון די מילכאָמע-פירנדיקע לענדער, וואָס סטארען זיך צו דערווייזן, אז זייער לאנד איז ניט אָנגעפאלן, נאָר פאַרטיידיקט זיך; ס'איז דורכגעפירט געוואָרן דער געדאַנק, אז שולדיק אין דער מילכאָמע זיינען די אימפּעריאליסטן פון ביידע קאָאַליציעס, וואָס האָבן אַרויסגערופן די מיל-כאָמע צוליב קאפּיטאַליסטישע אינטערעסן. די טעזיסן האָבן באקעמפט דעם „בורג-פרידן"-געדאנק און האָבן אונטערגעשטראָכן, אז דער בעסטער מיטל צו פאַרטיידיקן דאָס לאנד איז אראָפּצוואַרפן די צאַרישע אליינהערשונג. זיי האָבן אויך גערופן צו א פאַרייניקונג פון די פּראָלעטאריער פון אלע לענדער אַף צוריק אויפצושטעלן אַ אינטערנאציאָנאלע אָרגאַניזאציע, וואָס זאָל מאכן א סאָף צו דער מילכאָמע.

דידאָזיקע טעזיסן זיינען געווען אַ מין קער-פּונקט אין דער ס. ס.-ישער געשיכטע בעאייס דער מילכאָמע. די קאמפּאניע, וואָס דער צ. ק. האָט געפירט פאר דורכפירן זיי אין די אָרגאַניזאַציעס, האָט געשאפן אַ געוויסע אויפלעבונג אין זיי און האָט ביז א געוויסן גראד קאָנסאָלידירט דאָס ביסל קויכעס פון דער פּאַרטיי.

אין די דיסקוסיעס האָבן זיך אַרויסגעוויזן מיינונגס-פאַרשיידנהייטן. פון איין זייט, זיינען געווען אנטשיידענע „באשיצלער", פון דער אנדערער זייט, זיינען געווען אַנטשיידענע „מאפּאליסטן", אָבער כאָפּקאלסאָף האָט דער צ. ק. זיינע טעזיסן דורכגעפירט.

גלייכצייטיק מיט די טעזיסן איז אויסגעאַרבעט געוואָרן אַ טעקסט פון אַ ווענדונג צו דער סאָציאַל-דעמאָקראטישער דומע-פראַקציע (אָנגעשריבן האָט אים מ. גוטמאַן), אַז זי זאָל אף זיך נעמען די ראָלע פון אַ צענטר צו זאַמלען די רעוואָלוציאָנערע קויכעס פון רוסלענדישן פּראָלעטאַריאַט אָן אונטערשייד פון נאַציע צום קאמף פּאַר די — אין די טעזיסן אויסגערעכנטע — צילן. אף דערדאָזיקער ווענדונג האָט מען גענומען זאַמלען ארבעטער-כסימעס.

די קאמפּאניע אַרום די טעזיסן און כסימעס-זאַמלונג איז פריער דורכגעפירט געוואָרן דורכן צ. ק. אין קיעוו גופע. דאָס האָט געהאָלפן צוריק אויפצושטעלן די קיעווער פּאַרטיי-אָרגאַניזאַציע.

אין דעקאַבר 1914 איז מ. גוטמאַן, לויט דער שליכעס פון צ. ק., ארויסגעפאָרן איבערן לאַנד, קעדיי דורכצופירן די אַנטימילכאָמע-קאמפּאַניע. ער האָט באזוכט האָמעל, פּינסק, וואַרשע (לאָדז און טשענסטאָכאָוו זיינען שוין געווען אָקופּירט), ביאליסטאָק, ווילנע, סלאָנים, קאָוונע, מאָסקווע, כארקאָוו און פעטערבורג. ער האָט צוריק אָנגעקניפּט די טיילוויז פאַרלאָרענע קאָנטאַקטן, דורכגעפירט אף קליינע אומלעגאַלע פאַרזאמלונגען די דיסקוסיע וועגן די טעזיסן; אויפגעזאַמלט כסימעס און זיי אוועקגעפירט קיין פעטערבורג, וואו ער האָט זיי איבערגעגעבן די דעפּוטאַטן טשכעאידזע און סקאָבעלעוו.

אדאַנק דער אויפשטעלונג פון אַ ריי ס. ס.-ישע אָרגאַניזאַציעס, האָט נאָך גוטמאנס אומקערן זיך קיין קיעוו דער צ. ק. באַשלאָסן צונויפצורופן די V פּאַרטיי-קאָנפערענץ.

די קאָנפערענץ איז פאָרגעקומען (נאטירלעך, אומלעגאַל) דעם 31-טן מאַרט און 1-טן אפּרעל 1915. באַטייליקט אין איר האָבן זיך פון צ. ק.: ליטוואַקאוו, גוטמאַן און כערסאָנסקי, פון קיעוו—מ. טאָמאשאָוו, פון פּינסק—י. קאנטאָר, פון האָמעל — נ. אופּריכטיק, פון וואַרשע — אַן ארבעטער מייער; צום סאָף פון דער קאָנפערענץ איז אָנגעקומען אויך מ. שאַך-אנ"ן; די דעלעגאַטן פון פעטערבורג און כאַרקאוו האָבן פאַרשפּעטיקט.

די טאָג-אָרדענונג פון דער קאָנפערענץ איז געווען: באַציאונג צו דער מילכאָמע; אווטאָנאָמיזם; אידן-באָיקאָט אין פּוילן; וואַלן צו דער וואַרשעווער אידישער גמינע (קעהילע); ווייטער—אָרגאַניזאַציע, פּרעסע, פינאַנסן א. א. וו.

בעניגייע דער מילכאָמע זיינען נאָך א לאַנגער דיסקוסיע אָנגענומען געוואָרן מיט קליינע ענדערונגען די טעזיסן פון צ. ק.; צום אווטאָנאָמיזם איז נאָך א לאַנגן קאַמף צום ערשטן מאָל אין דער ס. ס.-ישער געשיכטע אָנגענומען געוואָרן א בעפיירעש פּאָזיטיווע שטעלונג.

צום 1-טן מאַי 1915 האָט דער ס. ס.-ישער צ. ק. ארויסגעלאָזט א פּראָקלאַמאַציע (געדרוקט אומלעגאל אין וואַרשע), וואָס איז געווען געווידמעט דעריקער דער קעגן-מילכאָמע-אַגיטאַציע.

ס. ס. האָט גענומען זייער אַן אַקטיוון אַנטייל אין דער אַרבעט צו העלפן די אידישע מילכאָמע-געליטענע, דעריקער די אָנהיימיקע. דעם גרעסטן אנטייל האָבן די ס. ס. גענומען אין דער ארבעט פון „אָרט", וועלכער האָט דאַן אַנטוויקלט א גרויסע ארבעט, אָרגאַניזירנדיק אַרבעטס-פאַרמיטלונגס-ביוראָען, אַרבעטער-קיכן, פּראָדוציר-און לערן-וואַרשטאַטן א. א. וו. די לעגאַלע פּאָזיציעס פונם „אָרט" האָבן פאר ס. ס. (פּונקט ווי פאַרן בונד) געדינט פאַר אַ באַזע אף אויפצושטעלן די פּאַרטיי-אָרגאַניזאַציעס. אף דער אלרוסלענדישער „אָרט"-קאָנפערענץ (פעווראַל 1916), וואו ס'איז ביכלאַל געווען א סאָציאַליסטישע מערהייט, איז די ס. ס.-ישע פראַקציע געווען נים קיין סאַך קלענער פון דער בונדישער.

אַן אומבאַדינגט פּאָזיטיווע באַציאונג האָט ס. ס. אויך געהאַט צו דער באַטייליקונג אין דער אידישער בילדונגס-געזעלשאַפט („מעפיצי האַסקאָלע") און געזונט-געזעלשאַפט („אָזע").

צו די מיליטער-אינדוסטריעלע קאָמיטעטן האָט ס. ס. די גאַנצע צייט פארנומען א נעגאַטיווע שטעלונג: זי האָט געהאלטן, אז באַטייליקן זיך אין זיי—הייסט שטיצן די אימפּעריאַליסטישע מילכאָמע.

א בוילעטן אויסדרוק האָט געפונען דידאָזיקע שטעלונג בא די וואלן אין קיעווער מיליטער-אינדוסטריעלן קאָמיטעט, וואו די פארשטאָרבענע שניידער-ארבעטערין דווירע סאפאָזשניקאָווא האָט אין נאָמען פון דער ס. ס.-ישער דעלעגאציע פארעפנטלעכט א שארפע דעקלאראציע קעגן די מיליטער-אינדוסטריעלע קאָמיטעטן און האָט צוזאמען מיט דער באָלשעוויסטישער פראקציע פארלאָזן די פארזאמלונג.

אפּרעל, 1927.

149. די פּויאלי-ציאָן וועגן אנטייל אין די אידישע הילפס-אָרגאַניזאַציעס.

(רעזאָלוציע פון דער באַראַטונג פון דער א. ס. ד. א. פּ. (פּויאלי-ציאָן) אין אפּרעל 1916 *).

אנערקענענדיק,

1. אז די זעלבסטאָרגאַניזירונג און זעלבסטעטיקייט פון די ברייטע אידישע פּאָלקס-מאַסן איז א פּאָזיטיווע און פּראָגרעסיווע דערשיינונג אין דער אידישער ווירקלעכקייט,

*) די רעזאָלוציע געפינט זיך אין ארכיוו פון צ. ק. פון דער אידישער קאָמוניסטישער ארבעטער-פּארטיי „פּויאלי-ציאָן".

2. אז דער אידישער פראָלעטאַריאַט איז פאַרינטערעסירט אין די פראגן פון דער אידישער פאָלקס-שול, ארבעטס-הילף, פאָלקס-געזונט א. א. וו. וועלכע שטייען פאר דער אידישער געזעלשאפטלעכקייט באזונדערס שארף איצט, און דאַרפן אין איצטיקן מאָמענט געלייזט ווערן מיט אירע אייגענע קויכעס.

3. אז דער פרינציפ פון זעלבסטבאַשטייערונג איז בא די הערשנדיקע באַדינגונגען א דעמאָקראַטישער און אָרגאַניזירנדיקער פאַקטאָר אין דער אידישערווירקלעכקייט, אַז ער אַנטהאַלט אין זיך קערנער פון די אידישע נאַציאָנאַל-אַוטאָנאָמע איינריכטונגען,

געפינט די באַראַטונג פאַר נויטיק צו באַטייליקן זיך אין די געזעלשאַפטן, וועלכע שטעלן זיך די אָנגעוויזענע אויפגאַבן, צוגעבן זיי אן אלרוסלענדישן כאַראַקטער און אויסנוצן זיי פאר די קלאַסן-אינטערעסן פונם אידישן פראָלעטאַריאַט.

(די רעזאָלוציע פון דער מינדערהייט):

די באַראַטונג געפינט, אַז די אידישע סאָציאַל-דעמאָקראַטן דאַרפן אַנטיילנעמען אין די לעגאַלע אידישע געזעלשאַפטן אַף אַזוי פיל, אַף וויפל מיר קאָנען זיי אויסנוצן פאַר דער פראָפּאַגאַנדע פון אונזער פראָגראַם צווישן די ארבעטער און דער דעמאָקראַטישער אינטעליגענץ און פאַר דער אָרגאַניזירונג פונם פראָלעטאַריאַט; ספּעציעל קאָן מען זיך פאַרנעמען מיט די אַרבעטס-ביוראָען און די שולן, אויסנוצנדיק זיי אינם אָנגעוויזענעם גייסט.

* * *

באשטעטיקנדיק די באַשטימונגען פון דער ווינער קאָנפערענץ פון 1909, געפינט די באַראַטונג פאַר נויטיק צו אנטיילנעמען אין די בילדונגס-געזעלשאַפטן און קעמפן דאָרט פאַר דער דעמאָקראַטיזירונג און וועלטלעכקייט פון דער אידישער פאָלקס-שול, פאַר דער אידישער שפּראַך אלס אונטעריכטשפּראַך אין איר און העברעאיש און אידיש אלס לימודים...

150. דער קאַמף ארום די אידישע הילפס־אָרגאַניזאַציעס אף די ערטער.

(בען-נאָעמי: „וועגן א וואַל-קאמפּאַניע” (א בריוו פון כאַרקאָוו). „יעווריייסקיא וועסטי”, פּעטראָגראַד, 1916, נ. 1).

איצט, ווען די וואַלן אין אידישן קאָמיטעט זיינען שוין דורכגעגאַנגען, קאָן מען אונטערפירן אייניקע סאַכאַקלען דער 5-כאַדאַשימדיקער וואַל-קאמפּאַניע.

געפירט האָט זי זיך אונטערן לאָזונג: די געהעריקע פאַרשטייערשאַפט פון דער אַרבעטער-מאַסע אין קאָמיטעט, וועלכע דאַרף דערגרייכט ווערן דורכן באַוואוסטזיניקן אנטייל פון די ברייטע אַרבעטער-שיכטן אין די וואַלן. ס'זיינען דורכגעפירט געוואָרן העכער 20 וואַל-פאַרזאַמלונגען, אף וועלכע די פראַגע

וועגן אנטייל אין די אידישע הילפס-אָרגאַניזאַציעס איז געווען אַלזייטיק באַ-לויכטן און באַגרינדעט.

...דער אינטערעס צו די וואַלן איז געוואַקסן פון טאָג צו טאָג. גלייכ-צייטיק מיטן צאָליקן וואוקס איז אויך געוואַקסן די באַוואוסטזיניקע באַציאונג צו די פאָרשטייענדיקע וואַלן. ס'איז אונטערגעשטרייכט געוואָרן די מעגלעכקייט צו אנטוויקלען די הילפס-אָרגאַניזאַציעס אין דער ריכטונג פון דעמאָקראַטישע קעהילעס מיט די פונקציעס פון נאַציאָנאַל-קולטורעלער אווטאָנאָמיע.

ווי נאָר דער אינטערעס צו די וואַלן איז געוואָרן קענטיק, האָט זיך אָנגעהויבן באַוועגן די קנופּיע פון אונזערע גווירים. איבערהויפּט האָבן זיך פאַרעקאָמענדירט די ציאָניסטן. ווען אף דער זיצונג פון דער קאָמיסיע, וועלכע גרייט צו די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג, איז געווען געשטעלט די פראַגע וועגן דעם, וועמען צו געבן וואַלרעכט, האָבן צוויי מיטגלידער פון דער קאָמיסיע— ציאָניסטן — פאָרגעלייגט, אַז צו דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג זאָלן צוגעלאָזן ווערן נאָר די, וואָס האָבן אַריינגעטראָגן די מיטגלידס-אָפּצאָלונגען ביזן 31-טן דעקאַבער 1915. די קאָמיסיע האָט אָבער מיט א מערהייט פון דריי שטימען באַשלאָסן האַלטן זיך אָן די באַשטימונגען פון קאָמיטעט, לויט וועלכע צו דער פאַרזאַמלונג דאַרפן צוגעלאָזן ווערן אַלע מיטגלידער, וואָס האָבן אָפּגעצאָלט דעם מיטגלידס-אָפּצאָל, אָן קיין שום באַגרעניצונגען. די ציאָניסטן האָבן גע-פּרוווט דערשלאָגן זיך, אַז דידאָזיקע פראַגע זאָל איבערגעקוקט ווערן אין קאָמיטעט, נאָר דערווייל אָן ערפאָלג.

אָט דער ערשטער אָנפאַל אף די רעכט פון דער ברייטער מאַסע האָט באַוויזן, אַז זי האָט צו טאָן מיט א קעגנער, וואָס אין קאַמף זיינען פאַר אים אַלע מיטלען גוט.

...אין צווייטן פּעריאָד האָבן זיך ארום די אַרבעטער-שיכטן אָנגעהויבן צוביסלעך קאָנצענטרירן פאַרשיידענע דעמאָקראַטישע עלעמענטן.

...מע האָט געשלאָסן אן אָפּמאַך מיט די אַזוי גערופענע „לינקע טערי-טאָריאַליסטן"*) און זייערע שכיינים—די סימפּאָטיקער. ס'איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן א געמיינזאַמער קאַנדידאַטן-צעטל, אין וועלכן זיי אַלע האָבן געהאַט 9 ערטער פון 17. ס'איז אויסגעאַרבעט געוואָרן א געמיינזאַמע וואַל-פּלאַטפאָרם, האַגאַם יעדע ריכטונג האָט איינגעהאַלטן פאַר זיך דאָס רעכט אויך פון זעלבשטענדיקע ארויסטרעטונגען.

...ענדלעך איז פאָרגעקומען די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג. די אַרבעטער, צוזאַמען מיט די מיטפילנדיקע, זיינען געקומען אין דער צאָל פון א 400 מענטשן. דאָס האָט שטאַרק אויפגערייצט די קעגנער; גלייך האָבן זיך דער-הערט באַמערקונגען, פון וועלכע ס'איז געווען קענטיק, אַז זיי האָבן באַשטימט די פאַרזאַמלונג אראָפּרייסן.

אָנגעהויבן האָט דער פאַקטישער פאָרזיצער פון קאָמיטעט, וועלכער האָט געעפנט די פאַרזאַמלונג מיט א רעדע, וואָס איז געווען פול מיט זילזולים אף די לינקע, וועלכע זיינען ביז איצט קלוימערשט געווען טויב צו די אומגליקן

*) „ס. ס.".

פונם פאָלק און איצט, מיט געקויפטע שטימען, זיינען זיי געקומען צעשטערן דאָס, וואָס ס'איז מיט אזא מי באַשאַפן געוואָרן. דערנאָך זיינען געקומען די וואַלן פון פרעזידיום. דער פאָרשלאַג קלייבן א געמישטן פרעזידיום האָט ניט געהאַט קיין ערפאָלג. און ווען די קאָמפּאַקטע מערהייט האָט דורכגעפירט א פרעזידיום, וועלכער האָט ניט נויטעכיין געווען באַ די פניי פונם קאָמיטעט, האָט זיך אויפגעהויבן אַן עמעסער סקאַנדאַל און צו 1 באַנאַכט האָט זיך זיי איינגעגעבן צו אַראָפּרייסן די פאַרזאַמלונג בעאייס פון דער טריבונע איז גע-לייענט געוואָרן אַזאַ דערקלערונג:

„די כאַרקאָווער אידישע אַרבעטער, פאַרייניקטע אין דער שטרעבונג צו קעמפן פאַר דאָס רעכט אף א פאָרשטייערשאַפט אין דער אידישער הילפס-אָרגאַניזאַציע, האָט זיך אָנגעשטויסן אַן שטערונגען, וועלכע מע האָט געקאָנט פאַרויסזעען. די אידישע פלוטאָקראַטיע מיט אירע מעשאָרסים, די ראָלע פון וועלכע ס'האָבן איצט מיט אזא כוצפע געשפילט די ציאָניסטן, האָט מיט אַלע קרעפטן באַמיט זיך ארויסצורופן א סקאַנדאַל, קעדיי צו פאַרשטעלן דעם וועג דעם אידישן אַרבעטער. מיר דערקלערן, אז מירן זיך ניט אָפּשטעלן פאַר קיין שום שטערונג, קעדיי צו פאַרווירקלעכן אונזער שטרעבונג".

151. די ארבעטער־קיך אין מינסק.

(י. ל. און ל. וו.: „פונם לעבן פון דער מינסקער קיך" „יעווריייסקיא וועסטי", 1916, נומ. 2).
(איבערזעצט פון א רוסישער איבערזעצונג).

די מינסקער אַרבעטער-קיך האָט זיך ארגאניזירט ערשט אָפן צווייטן יאָר פון דער מילכאָמע. אין אָנהויב פון דער מילכאָמע, ווען די אידישע אר-בעטער פון די גרויסע צענטרען, ווי ווילנע, לאָדז, וואַרשע, האָבן געבויט איי-גענע אנשטאַלטן אף צו העלפן די אַרבעטער, וואָס האָבן געליטן פון דער ווירטשאַפטלעכער דעזאָרגאַניזאַציע, האָט דידאָזיקע באַוועגונג דעמאָלט נאָך ניט פאַרכאַפּט מינסק. דאָ האָבן זיך דעמאָלט נאָך שוואַך געלאָזט פילן די עקאָנאָמישע פאָלגן פון דער מילכאָמע—דער יאָקרעס און די ארבעטסלאָ-זיקייט.

...אין אָנהויב פון צווייטן מילכאָמע-יאָר ענדערט זיך דער כאַראַקטער פון מינסקער לעבן. אַהער גייען אַריבער אונטערנעמונגען פון וואַרשע מיט זייערע אַרבעטער. ס'וואַקסט פון טאָג צו טאָג דער שטראָם היימלאָזע, וועלכע קומען אהער פון די ארומיקע שטעט און שטעטלעך... די אַרבעטער-מאַסע וואַקסט אין צאָל; ס'ענדערט זיך איר באַשטאַנד. ביסלעכווייז ווערט ארויסגע-רוקט א וויכטיקע אויפגאַבע: באַשאַפן א ספּעציעלע אינסטיטוציע, וואָס זאָל קאָנצענטרירן ארום זיך די אידישע אַרבעטער און קומען זיי צו הילף אין אַ שווערער צייט. ס'ווערט געשאַפן א באַדן פאַר אַן ארבעטער-קיך.

אין ווילנע, ווי באַוואוסט, האָט זיך די קיך אָרגאַניזירט באַ די פּראָפע-סיאָנעלע פאַריינען. אין מינסק אָבער איז ניט געווען קיין אנדער וועג אף צו

שאפן א קיך, ווי נאָר אונטערן פליגל פונם אידישן הילפס-קאָמיטעט. ס׳איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן א צייטווייליקע פארוואלטונג פון ארבעטער-עלע-מענטן, וועלכע האָט אף זיך גענומען אָרגאניזירן א קיך.

לעכאָטכילע האָט דאָס געלט אף צו פירן די ווירטשאפט געגעבן דער אָרטיקער אידישער קאָמיטעט. דערנאָך האָט דערדאָזיקער קאָמיטעט אָנגעהויבן ארויסגעבן א כוידעשלעכע סובסידיע. די קיך האָט אויך באקומען 1500 רובל דורכן „אָרט" פון די מיטלען פונם לאָנדאָנער „אידישן אַרבעטער-פאָנד אף צו העלפן די מילכאָמע-קאָרבאָנעס".

די ארבעטער-קיך האָט פון אָנהויב אָן באמיט זיך ווי ווייט מעגלעך דערנעענטערן זיך צום טיפ קאָאָפּעראַטיווע אַרבעטער-אנשטאלטן, וועל-כע ווערן אויסגעהאלטן און אָנגעפירט דורך די ארבעטער זעלבסט. דער פּרייז פון יעדן מיטאָג איז געווען באשטימט, ארויסגייענדיק פון אזא כעשבן, אז ער זאָל דעקן אַלע הויצאָעס פון דער קיך. אין אָנהויב האָט א מיטאָג געקאָסט 25 קאָפּיקעס, שפּעטער, מיט דער פאַרשטאַרקונג פונם יאָקרעס, האָט זיך דער פרייז פארגרעסערט ביז 30, און פון 1 יולי—ביז 35 קאָפּ. פאַר אָט דעם פרייז האָט יעדערער באקומען צוויי מאַיכאָלים מיט אַ פערטל פונט פלייש... דער אַרבעטער האָט זיך דאָ געפילט, ווי באַ זיך אין דער היים. די צאָל באזוכער פון דער קיך איז געוואקסן און שוין אין מאַי האָט זי דערגרייכט 500 א טאָג.

...אין שטאָט זיינען געווען אסאך ארבעטסלאָזע (אָרטיקע און היימלאָזע), פאר וועלכע 25—30 קאָפּ. איז געווען צו טייער. קעדיי צו קומען זיי, ווי ווייט ס׳איז מעגלעך, צו הילף און דערנעענטערן זיי צו דער קיך, איז באשטימט געוואָרן ארויסצוגעבן אומזיסטע און ביליקערע מיטאָגן, און דער דעפיציט זאָל געדעקט ווערן מיט דער סובסידיע פונם אידישן קאָמיטעט (900 רובל א כוי-דעש). פונם באריכט פון דער קיך פאר די ערשטע 7 כאדאשים (פון 8 נאָ-יאַבר 1915 ביזן 1 יוני 1916) איז צו זעען, אז פון די 73.652 מיטאָגן, וואָס די קיך האט ארויסגעגעבן פאר דער גאנצער צייט, זיינען געווען אומזיסטע 6.343 אָדער 8 פּראָצ., ביליקערע—17.517 אָדער 24 פּראָצ.

...פיל שווערער איז געווען איינפירן באַ די איצטיקע באדינגונגען די זעלבסטפארוואלטונג אין אינערלעכן לעבן פון דער קיך. אין מינסק איז קריגס-צושטאַנד. די קיך האָט נים קיין זעלבשטענדיקן סטאטוס. דער אָרטי-קער אידישער קאמיטעט איז אן אַנטידעמאָקראטישער לויט זיין באשטאַנד און כאראקטער פון זיין טעטיקייט. צוליב דעם האָט מען נאָך ביז איצט נית געקאָנט דורכפירן, אז די פארוואלטונג זאָל אויסגעקליבן ווערן דורך די שטענדיקע באזוכער פון דער קיך. די טוער אירע האָבן זיך באמיט ביסלעכ-ווייז צו פאַרוואַנדלען די קיך אין אַ קאָאָפּעראטיווער פּראָלעטארישער אינ-סטיטוציע, שטרענג אכטונג געבן, אז מיט איר זאלן זיך באנוצן נאָר ארבע-טער-עלעמענטן (איינגעשלאָסן לערער און פּערזאָנען פון אנדערע אינטעלי-גענטע פּראָפעסיעס). אלע באזוכער ווערן רעגיסטרירט און באקומען אַן אריינגאנגס-בילעט. באם פארשרייבן זיך דארף יעדערער אויספילן אַן אנקע-

טע מיט יעדיעס וועגן זיין פּראָפעסיע, עלטער, פאַרדינסט א. א. וו. דערקלע־רונגען וועגן ארבעטסלאָזיקייט ווערן קאָנטראָלירט דורך דעלעגאַטן פון די פאַך־גרופּן, וואָס זיינען געווען בא דער קיך. אַף דער אינערלעכער אָרדענונג אין דער קיך האָט אכטונג געגעבן א גרופּע פון 80 אַרבעטער.

...קימאַט אַלע שטענדיקע באזוכער פון דער קיך טראָגן אַריין א מיט־גלידס־אָפּצאָל: 1 רובל א יאָר; דער אָפּצאָל קאָן אריינגעטראָגן ווערן אין 4 טערמינען... ביז 400 מענטשן האָבן שוין אַריינגעטראָגן דעם אָפּצאָל.

...אכוץ די פּראַקטישע נוצן, וואָס די קיך ברענגט די אַרבעטער און ארבעטסלאָזע אין דער איצטיקער שווערער צייט פונם יאָקרעס, איז אויסערסט וויכטיק אויך איר געזעלשאפטלעכע באדייטונג: ס'ווערט געשאפן א נייע פּראָלעטארישע אינסטיטוציע.

152. א רוף אויפצולעבן די אידישע ארבעטער־פּרעסע.

(בען־דאָוויד: „וועגן דער אויפלעבונג פון דער אידישער ארבעטער־פּרעסע", „גאָלאָס" 184), סא־מאַרא, 1916, נומ. 3).

אין נומ. 13 פון „נאַש גאָלאָס", וועלכער איז געווען געווידמעט דעם טאָג פון דער ארבעטער־פּרעסע, איז צווישן אנדערע געווען פארעפנטלעכט „אַן אָפענער בריוו צו די אידישע אַרבעטער", אין וועלכן זיינע אווטאָרן—א גרו־פּע אירקוטסקער אידישע ארבעטער — האָבן אָנגעוויזן אַף דער אויסערסטער נויטיקייט צו שאַפן א אידישן פּרעסע־אָרגאַן, געווידמעט די אינטערעסן פון דער אידישער אַרבעטער־דעמאָקראַטיע.

וואָס פאר אן אָפּקלאנג דידאָזיקע ארויסטרעטונג פון די פּאַרוואָרפענע אין וויטן סיביר אידישע ארבעטער האָט באַגעגנט בא די ברייטע מאַסן פונם אידישן פּראָלעטאריאַט אין רוסלאַנד — איז מיר שווער פעסטצושטעלן, ווייל אפן 14 נומער איז דער „נאַש גאָלאָס" פארמאַכט געוואָרן. נאָר אף וויפל מיר איז באוואוסט פון פּריוואַטע, אָבער פולשטענדיק זיכערע קוועלן, איז אין סי־ביר, צווישן די פאַרשיקטע אידישע אַרבעטער, האט די ארויסטרעטונג פון די אירקוטסקער כאַווערים באַגעגנט זייער א וואַרימען אָפּקלאנג און איז אויפגע־נומען געוואָרן מיט גרויס פרייד. די ערשטע האבן זיך אף אָט דעם בריוו אָפּגערופן די כאַווערים פונם דאָרף זנאַמענקע, וועלכע האָבן אוועקגעשיקט אין דער רעדאַקציע פון „נ. ג." אן אנטשפּרעכנדיקע מעלדונג און די צונויפ־געקליבענע צווישן זיך 3 רובל; באלד נאָכדעם האָבן זיך אָפּגערופן די פאַר־שיקטע אידישע ארבעטער פון די דערפער מאַלישאַווקע און אָסאַ, און דער־נאָך האבן ארגאַניזירט א געלט־זאמלונג פארן פאָנד פון דער אידישער ארבע־טער־פּרעסע די כאַווערים פון באַדאַיבאָ.

דידאָזיקע פאקטן, וועלכע ווייזן קלאָר און בוילעט, ווי שאַרף ס'איז רייף געוואָרן די באדערפעניש אין א פּרעסע־ארגאַן, וואָס זאָל פולשטענדיק און אַלזייטיק באַלויכטן דאָס לעבן און שטימונגען פונם אידישן פּראָלעטא־

ריאט און זאָל צוזאמענקלייבן ארום דער „אַלטער פאָן" די צעזייטע און צעשפרייטע אידישע ארבעטער, דערלויבן צו האָפן, אז אויך אין אייראָפּעאיש רוסלאנד האָט דער רוף פון די אירקוטסקער אַרבעטער באגעגנט ניט קיין ווייניקער לעבהאַפטן אָפּקלאנג אין אַלע קרייזן פונם באוואוסטזיניקן אידישן פראָלעטאריאַט, וואָרום ס'קאָן דאָך ניט זיין, אז די באוואוסטזיניקע ארבעטער פונם אַלטן און נייעם „טכום" זאָלן פילן די באדערפעניש אין אַן אייגענעם פרעסע-אָרגאַן ווייניקער שארף, איידער זייערע פארשיקטע כאווירים.

נאָר ניט קוקנדיק אף דעם, האָבן די פאראנטוואָרטלעכע טוער פון דער אידישער ארבעטער-באוועגונג ביז איצט קיין זאך ניט געטאָן, קעדיי צו באפרידיקן דידאָזיקע באדערפעניש, אויב מע זאָל ניט רעכענען איין קליינעם זאַמלבוך, וועלכער אַנטהאַלט אין זיך א קורצן באריכט וועגן דער טעטיקייט פון דער אַרבעטער-דעלעגאציע אַף איינעם פון די צוזאמענפאָרן וועגן אָרגאַניזירן „הילף דורך ארבעט".

עמעס, די באדינגונגען פונם מאָמענט, וואָס מיר לעבן איבער, וועלכע זיינען אויסערסט ניט גינסטיק פאר דער שאפונג און עקזיסטענץ פון דער אַרבעטער-פרעסע ביכלאל, איז באזונדערס ניט גינסטיק פאר דער אַרבעטער-פרעסע אין אידיש. אין אידיש, ווי באַוואוסט, זיינען דאָך פארבאָטן פעריאָדישע אויסגאבן ביכלאל, אומאָפּהענגיק פון דער ריכטונג (אין דער סאַמע לעצטער צייט איז אין אָדעס ארויסגעגעבן געוואָרן א דערלויבעניש אַף א אידישער בורזשואזער צייטונג „אונזער לעבן". די רעדאקציע). פונדעסטוועגן פיל ווייניק וואָלט מען אָן סאָפעק געקאָנט אויפטאָן אפילע איצט, בא די אויסערסט אומגינסטיקע און שווערע באדינגונגען. גלייך נאָכן ערשטן וואָלט מען געקאָנט ארויסלאָזן א צווייטן און אַ דריטן זאַמלבוך, פון וועלכע די צעשפרייטע איבער גאנץ רוסלאנד אידישע פראָלעטאריער וואָלטן געקאָנט שעפן יעדיעס וועגן לעבן און שטימונגען פון די כאַווירים, וועגן זייער באציאונג צו פאַרשיידענע פראגן, וועלכע ס'האָבן ארויסגערוקט און פארשארפט די געשעענישן, וואָס מיר לעבן איבער, און אין דער ערשטער ריי — וועגן דער באציאונג צו דער גרונט-פראַגע פונם מאָמענט, וועלכע האָט צעשפאלטן די אינטערנאציאָנאַלע אַרבעטער-דעמאָקראטיע... איצט אָבער, ווען אַפילע אזא סוראגאַט פון אַן אַרבעטער-אָרגאַן אין אידיש איז ניטאָ, ווען גלייכצייטיק ווערן ניט אויסגענוצט די פאַראַנענע אַלגעמיינע פראָלעטארישע פרעסע-אָרגאַנען, איז וועגן דער באציאונג פון די אידישע אַרבעטער צו די גרונט-פראגן פונם מאָמענט הערשן די סאַמע פארשיידנארטיקע מיינונגען, וועגן דער אויפירונג פון זייערע פאָרשטייער אף פארשיידענע אינטערנאַציאָנאלע קאָנפערענצן און באַראַטונגען צירקולירן די פאַנטאַסטישע קלאַנגען, וועלכע רופן אַרויס אַ שטאַרקע אומרואיקייט און טראָגן אריין אַ טיפע דעזאָרגאניזאַציע אין... די רייען פונם אַמאָל שטאַרקן מיט זיין צוזאַמענגעשלאָסנקייט און דיסציפלינירטקייט אידישן פראָלעטאַריאַט.

...דערמאָנענדיק מיטן דאָזיקן בריוו וועגן דער אויפגאַבע, וועלכע ס'האָבן ארויסגערוקט די אירקוטסקער ארבעטער, ווענד איך זיך צו אלע אידישע אר-

בעטער, צו די אַלע, ווען ס'איז נאָענט און טייער די אידישע ארבעטער-זאַך, און רוף זיי פאַרייניקן זיך צו דערדאָזיקער שטימע, אָפרופן זיך אף דערדאָזיקער ווענדונג, אָרגאַניזירן א זאמלונג אַף צו שאַפן א פאָנד פאַר דער אידישער ארבעטער-פרעסע, באטראכטן דידאָזיקע פראגע אַף פארזאַמלונגען, אין די אָרגאַניזאציעס א. א. וו.

די פאראנטוואָרטלעכע טוער פון דער אידישער אַרבעטער-באוועגונג דארפן אָנווענדן אַלע קרעפטן אַף צו פארגיכערן די פארווירקלעכונג פון אָט דער לאנג און שאַרף רייף געוואָרענער באדערפעניש. און ביז דאָס וועט גע-לינגען, אָדער אויב שאַפן אן אייגענעם פרעסע-אָרגאן וועט זיך לאַכלוטן ניט איינגעבן, ברייט אויסנוצן די אַלגעמיינע ארבעטער-פרעסע...

153. די אידישע אָנפראגע אין דומע.

(„דאָס לעבן”, זאמלבוך, פארלאג „טאָג”, פעטראָגראד, ז. ז. 41—50).

דער וויצע-פּאָרזיצער פראָטאָפּאָפּאָוו פארעפנטלעכט די אָנפראַגע וועגן די באוואוסטע צירקולירן[185] פון פּאָליציי-דעפּאַרטאמענט בענוגייע צו אידן.

דער ערשטער, וואָס האָט זיך אונטערגעשריבן אונטער דער אָנפראגע, דעפוטאַט פרידמאן, איז פארשריבן צום וואָרט וועגן דרינגלעכקייט. ס'הערן זיך שטימען: „מיר בעטן אָפשטימען וועגן דרינגלעכקייט אָן רעדעס”. פרידמאַן זאָגט זיך דאן אָפּ פון וואָרט, און די דומע גייט איבער צו שטימען וועגן דרינגלעכקייט פון דער אָנפראגע.

דער ערשטער רעדט וועגן דעם דער ס. ד. דעפוטאַט טוליאַקאָוו:

דאָס רוסישע פאָלק ביכלאַל און דער אַרבעטער-קלאַס ביפראַט,—זאָגט ער,—קאָן ניט פאַרטראָגן די אַלע בילבולים און שקאָרים, וואָס ווערן אויסגע-טראכט אף אידן.

דער טרודאָוויק ווערשינין באַמערקט, אז די אָנפראַגע האָט געדאַרפט דרינגענד אָנגענומען ווערן גלייך, ווי מע האָט זי ארייַנגעטראָגן. „דער גיפט,—זאָגט ער,—וואָס איז פול אין די דערמאָנטע דאָקומענטן, גיסט זיך פאנאנדער די גאַנצע צייט איבערן גאַנצן רוסישן לאַנד און דער רעזולטאַט דערפון דריקט זיך אויס אין די שעדלעכסטע פאָרמען: אין די פּאָגראָמען פון דער לעצטער צייט”.

נאָך ווערשינינס רעדע ווערט מיט א ראָוו פון 91 דעפוטאַטן קעגן א מינדערהייט פון 49 אנערקענט די פראַגע פאַר דרינגענד.

זאמיסלאָווסקיס רעדע.

דער ערשטער טרעט אַרויס זאמיסלאָווסקי. מע לייגט אייך פאָר,—הויבט אָן זאמיסלאָווסקי זיין רעדע,—אָננעמען אן אָנפראגע, וואָס וועט בליסאָפעק אויסגעטייטשט ווערן פאַר א גינסטיקן אקט בענוגייע צום אידנטום. איך מיין, אז דער איצטיקער מאָמענט איז ניט פּאַסיק דערצו, און אויך די פירונג פונם

אידנטום פארדינט ניט, אז די דומע זאָל ארויסטרעטן מיט גינסטיקע דערקלע-רונגען בענויגייע צו אידן.

...דאָס שרעקלעכסטע דערביי איז, וואָס מיר טרעטן ארויס מיט אַ גינס-טיקן אקט פארן אידנטום, בעאייס ער פאראט אונז אף דער מילכאָמע (אין זאָל ווערט אַ גרויסער טומל. פון לינקס שרייט מען: שעקער וועקעזעוו! פון רעכטס—אפלאָדירט מען. דער אָקטיאבריסט-זעמעץ סטעמפקאָווסקי באמערקט פון אָרט: „ריכטיק״).

איך וועל ניט לייקענען,—רעדט זאמיסלאָווסקי ווייטער,—אז ס'קאָן זיין, איינצלנע אידן האָבן זיך אף דער מילכאָמע אויסגעצייכנט. מעגלעך, אז זיי האָבן ארויסגעוויזן העלדנטום. נאָר דאָס אידנטום, אלס מאַסע, האָט זיך גע-פירט אף דער מילכאָמע שענדלעך, האָט פאראטן די רוסישע אַרמיי. צווישן דער העלדישער רוסישער אַרמיי רעדט מען מיט שוים אף די ליפּן וועגן „זשידעס״, און אין דעמדאָזיקן מאָמענט טראָגט איר אריין די „זשידאָווסקע״ אָנפראגע. איר דינט ניט רוסלאנד, נאָר דעם אידישן קאָהאַל. קומט די ארמיי אין אַ ישעוו, זאָרגט זי קוידעם, ווי פּאָטער ווערן פון „זשידעס״, און זאָגאָר די סאָלדאטן ווארפן זיך צו העגגען אָט די „זשידעס״, אפילע די אומשולדיקע צווישן זיי. און איר שטעלט זיך אפּן וועג פון פארברייטערן נאָך ווייטער די אידישע רעכט. אף דעם וועג שטעלן זיך די, וואָס האָבן מיט צוויי יאָר צוריק אונטערגעשריבן די ביילים-אָנפראגע. און ווען מע זאָגט זיי: איר פארלאנגט פולע גלייכבארעכטיקונג פאַר אידן, שטאמלען זיי און ענטפערן: מיר פאר-לאנגען ניט קיין פולע, מיר „טרעטן נאָר אפּן וועג״. אַ פיין „טרעטן אפּן וועג״!

אין וואָס, אייגנטלעך, באשטייט אייער אָנפראגע (אַ שטים פון לינקס: אייך איז שווער צו ריידן). יאָ, איך קאָן ניט רואיק ריידן וועגן „זשידעס״, ווייל זיי זיינען די פארעטער פון אונזער פאָטערלאנד, און זיי זיינען אף אזוי פיל מעכטיק, אז די דומע-מערהייט טאנצט לויט זייער פייפל...

(פּאָרזיצער בעט זאמיסלאָווסקין ניט צו געברויכן קיין שטעכעדיקע פראזן בענויגייע צו די דומע-דעפּוטאָטן).

זאמיסלאָווסקי רעדט ווייטער: די אָנפראגע באשטייט פון צוויי פונקטן: וועגן יאקרעס און וועגן פארשווינדן פון קליין-געלט. ס'פארשטייט זיך, אז יאקרעס איז אַ פארוויקלטע דערשיינונג. זי שטאמט פון פארשיידענע סיבעס. די הויפּט-סיבע איז די מילכאָמע. נאָר צי קאָן מען זיין אויפריכטיק און ניט זאָגן, אז איינער פון די הויפּט-פאקטאָרן פון יאקרעס זיינען אידן. די „זשי-דאָווסקע״ ספּעקוליאציע, די זשידאָווסקע געשעפטמאכעריי, זשידאָווסקער שווינדל איז...

טשכענקעלי שרייט אויס פון אָרט: איך בעט אזוי ניט ריידן. דאָס איז ניט קיין פארלאמענטארישער לאָשן, ס'איז אַ שאנד פאַר דער דומע. מע טאָר דאָס ניט דערלויבן. ס'איז שענדלעך.

זאמיסלאָווסקי ענטפערט: אריינטראָגן די אָנפראגע איז אַ כארפּע פאַר דער דומע.

טשכענקעלי: מיר ווילן אייך ניט לאָזן ריידן.

דער פאָרזיצער רופט טשכענקעלין צו אָרדענונג.

זאמיסלאָווסקי: אין דער רוסישער דומע לאָזט מען ניט ריידן וועגן „זשידעס"—סארא שענדלעכע צייטן!

שינגארעוו [186]) פון אָרט: פאַרשטייט זיך, איר רעדט העסלעך שמוציקע דיבורים.

טשכענקעלי שרייט פון אָרט.

דער פאָרזיצער רופט אים דעם צווייטן מאָל צו אָרדענונג.

...זאמיסלאָווסקי: אלזאָ, איך בין מאסקים, אז דער יאקרעס איז אַ פאַר־וויקלטע דערשיינונג, נאָר דער הויפט־פאַקטאָר איז בליסאָפּעק—דער „זשיד".

— כוליגאן!—שרייט אויס טשכענקעלי.

— הערט אויף ריידן,—שרייט אויס פון זיין אָרט שינגארעוו.

דער פאָרזיצער רופט ווייטער טשכענקעלין צו אָרדענונג.

— רופט אים צו אָרדענונג,—באמערקט שינגאַרעוו, אָנווייזנדיק אף זאמיסלאָווסקין.

— לאָז ער זיך ניט דערוועגן צו געבוריכן דאָסדאָזיקע וואָרט,—שרייט טשכענקעלי.

— טרייבט אים ארויס, דעם מענוואָול,—שרייט מארקאָוו דער צווייטער אף טשכענקעלין.

דער פאָרזיצער פּראָטאָפּאָפּאָוו בעט זאמיסלאָווסקין איבעררייסן אף אַ ווײַלע זיין רעדע און ווענדעט זיך צו די דעפּוטאַטן:

— העיויס ווי דער דומע-דעפּוטאַט טשכענקעלי האָט זיך דערלויבט אָנצורופן זאמיסלאווסקין מיט אזא באליידיקנדן נאָמען, ווי כוליגאן, בין איך געצוואונגען פאָרצולייגן, מע זאָל אים אויסצושליסן אף איין זיצונג.

טשכענקעלי גייט ארויף אף דער דומע-טריבונע און ענטפערט:—מיט גרויס פארגעניגן נעם איך אף זיך אייער שטראָף, דערהויפּט, וואָס אין אַזאַ העכסט וויכטיקן און פאראנטוואָרטלעכן מאָמענט איז די מערהייט פון דומע ניט ביכולת צו ווירקן, אז דאָסדאָזיקע גאסן-וואָרט זאָל ניט געבריכט ווערן. איך מיין, אז ס'איז שוין צייט צו מאכן אַ סאָף צו די אלע דערנידע־רונגען, וואָס פאַלן אפן געוויסן פון רוסישן פאָלק.

דער פאָרזיצער שטימט אָפּ זיין פאָרשלאג וועגן אויסשליסן טשכענקעלין.

די דומע נעמט אָן דעם פאָרשלאג מיט 93 שטימען קעגן 40 (10 דעפּוטאַטן האלטן זיך אָפּ פון שטימען, צווישן זיי מייענדאָרף, אדזשעמאָוו און מאקלא־קאָוו שטימען פאר אויסשליסן).

— מיר ווילן ניט הערן, וואָס כוליגאנעס ריידן,—שרייט אויס סקאָבע־לעוו [187]) פון זיין אָרט און גייט ארויס פון זאַל.

דער פאָרזיצער רופט סקאָבעלעוון צו אָרדענונג. פון רעכטס פאָדערט מען, אז מע זאָל סקאָבעלעוון אויך אויסשליסן.

דער פאָרזיצער באַפרידיקט די פאָדערונג פון רעכטס, און די דומע שליסט אויס אויך סקאָבעלעוון אף איין זיצונג.

די ס. ד. דעפּוטאַטן פאַרלאָזן דעם זאַל.

זאַמיסלאָווסקי גייט ווידער ארויף אף דער טריבונע און רעדט ווייטער:

...די גאַנצע אָנפּראַגע איז אומבאַגרינדעט,—ענדיקט זאַמיסלאָווסקי זיין רעדע. איך האָב בא זיך אַ בריוו פון אַ באַרמהערציקער שוועסטער, וואָס שרייבט, אַז אין דער צייט, וואָס זי האָט איבערגעבונדן די וואונדן בא די פּאַרוואונדעטע, האָבן די „זשידעס" פון די פענסטער געשאָסן אף די רוסישע סאָלדאַטן. און איר האַלט, אַז איצט איז די צייט אָנצונעמען זיך פאַר דידאָזיקע מענואוואָלים און זאָגט דערביי, אַז איר אָרגאַניזירט דעם ניצאַכן. איר אַנטמוטיקט דערמיט די אַרמיי און דינט אַ שעדלעך דינסט דעם „זשידאָווסקן קאַהאַל".

רעגירונגס-דערקלערונג.

קאַפּאַוואָוו, דער וויצע-דירעקטאָר פון פּאָליציי-דעפּאַרטאַמענט, דערקלערט, אַז: דער צירקוליאַר פון 9-טן יאַנוואַר איז געשריבן אפן גרונט פון יעדיעס פון אַ הויך אויטאָריטעטן קוואַל, וואָס מע קאָן ניט פוירעש בישמוי זיין צוליב געוויסע טאַימים. דער צירקוליאַר איז געשריבן אין אַ רואיקן טאָן, אָביעקטיוו, אַלס מעלדונג פון פּאָליציי-דעפּאַרטאַמענט אָן שום פאַראָרדענונגען, דערצו נאָך געהיים. אַף אַזאַ אויפן קאָן מען ניט כוישעד זיין, אַז דער מיין איז געווען ארויסרופן פּאָגראָמען; אדעראַבע, ווען איר מאַכט דערפון אַ פּיירעש פון טרי-בונע, און די צייטונגען פאַרשפּרייטן עס בליץ-שנעל, זעט איר, דאָס קאָן יאָ ווירקן אף די מאַסן.

די אָבלאַווע אַף אידן אין מאָסקווע האָט קיין שום שייכעס ניט מיטן צירקוליאַר, ווייל געשריבן איז ער דעם 9-טן יאַנוואַר, פאַנאַנדערגעשיקט—דעם 18-טן, און די אָבלאַווע איז געווען דעם 8-טן יאַנוואַר.

אַזאַ געהיימען צירקוליאַר האָט איר באַקומען און פאַרעפנטלעכט—ווייסט איר דאָך מיסטאַמע פון אַנדערע געהיימע צירקוליאַרן אויך, פאַרוואָס זשע פאַרשוויגט איר זיי? איך וועל אייך יאָ לייענען, וועט איר זעען, אַז אי פריער, אי שפּעטער האָט דער פּאָליציי-דעפּאַרטאַמענט געשיקט צירקוליאַרן מיט פאַראָרדענונגען צו וואָרענען קעגן פּאָגראָמען.

קאַפּאַוואָוו ציטירט צוויי אַזעלכע צירקוליאַרן. איינער פון זיי צום נאַטשאַלניק פון פּאָלטאַווער זשאַנדאַרם-פאַרוואַלטונג אַלס ענטפער אף זיין מעלדונג פון 7-טן יאַנוואַר, אַז דער האַמוין איז דאָרט געררייצט קעגן אידן. די מעלדונג אין פּאָליציי-דעפּאַרטאַמענט איז אָנגעקומען דעם 9-טן יאַנוואַר און דער ענטפער איז אָפּגעשיקט געוואָרן דעם 5-טן פעוראַל „אָנעמען מיטלען צו פאַרשטאַרקן די געהיים-אַגענטור... קעדיי צו האָבן די מעגלעכקייט באַצייטנס צו פאַרוואָרענען קעגן דעם פּרואוו פון אידישע פּאָגראָמען".

דער געהילף פינאַנץ-מיניסטער קוזמינסקי דערקלערט:

פון דעם צירקוליאַר פון 23-טן יולי איז דער פינאַנץ-מיניסטער געוואָר געוואָרן ענדע אויגוסט, און, לויט זיין באַפעל, איז ער דעם 7-טן סעפּטיאַבר אָפּגעשאַפט. נימצע, אַז דער צירקוליאַר עקזיסטירט איצט גאָר ניט.

...די אָנפּראַגע אַראָפּגענומען.

(באַמאַשעס דערקלערונג).

אויסהערנדיק די דערקלערונג פון דער רעגירונג, אז יענע צירקוליארן זייַנען טיילווייז אָפּגעשאפט געוואָרן אין זייער ווירקונג דורך אנדערע צירקוליארן פון אומגעקערטן כאַראַקטער, און אייַנזעענדיק פון דידאָזיקע רעגירונגס-דערקלערונגען, אז זי אנערקענט, אז מע קאָן ניט דערלאָזן אזעלכע גענג, וואָס האָבן זיך ביז איצט פּראַקטיקירט בענויגייַע צו אידן, און ביפראט ווערן אָנגענומען מיטלען, קעדיי צו פאַרמיידן עקסצעסן קעגן אידן, האלטן מיר דעריבער די אָנפּראגע אלס דערליידיקט און נעמען זי אַראָפּ.

טשכענקעליס פּראָטעסט.

דאָ האָט מען היינט עטלעכע מאָל אויווער געווען אפן „נאקאזי". קאַפּ-ציסט*) האָט גערעדט מיקויעך אָפּשטים-מאָטיוון און ארויסגעזאָגט קימאַט אַ גאנצע פּראָגראַם. איך האָב מיקויעך אָפּשטים-מאָטיוון קיין וואָרט ניט באַקומען.

דערויף, וואָס די אָנפּרעגער האָבן די אָנפּראגע אראָפּגענומען, זייַנען מיר ניט מאסקים, ווייל די פּראַקציע ס. ד. האלט זיך פאַרן פאַרטרעטער פון די ארבעטנדיקע מאסן פון אלע נאציאָנאַליטעטן אין רוסלאַנד. און דאָס, וואָס פאַר-טרעטער—עפּשער פון דער אידישער בורזשואזיע—רייד'ן אנדערש, איז פאַר אונז קיין כויוו ניט.

דער אומשטאַנד גופע, וואָס אף דער טריבונע איז ארויסגעטראָטן דער מעכאבער פון בארימטן צירקוליאר, און ער זיצט ניט אף דער באשולדיקונגס-באַנק,—דאָס גיט אונז דאָס רעכט צו זאָגן: שאנדע! שאנדע! (גערודער רעכטס, אפּלאָדיסמענטן ליגקס. טשכענקעלי גייט אראָפּ פון טריבונע. ראָדזיאנקאָ שרייט אים נאָך: „איך נעם באַ אייך צו דאָס וואָרט און רוף אייך צו אָרדענונג. סקאָבעלעוו איראָניש: „פּראָגרעסיווער בלאָק"! פּאָרזיצער רופט אים צו אָרדענונג).

154. אידישע אַרבעטער פּראָטעסטירן קעגן דער אויפירונג פון די אידישע דעפּוטאַטן.

(„נאש גאָלאָס", סאמארע. 1916, נומ. 13 און 14).

סאַמאַרע.

טיף אויפגערעגט פון דער העסלעכער אויפירונג פונם „פּראָגרעסיוון בלאָק" און די אידישע דעפּוטאַטן, זיינע מיטגלידער, בענויגייַע דער „אידישער אָנפּראגע", באגריסן מיר הייס די סאָצ. דעמ. פּראַקציע און דריקן אויס אונזער

*) אייגער פון די פירער פון די אקטיאבריסטן.

פולשטענדיקע סאָלידאַריטעט מיט דער פּאָזיציע, וואָס זי האָט פאַרנומען אין דערדאָזיקער פראַגע. אַרויסטרעטנדיק צו פאַרטיידיקן דאָס אידישע פאָלק, האָט זי אויך דאָס מאָל די איינציקע אויפגעהויבן אַ פּראָטעסט-שטים קעגן די באַליידיקונגען פון דער ווירדע פון דער אידישער נאַציע.

דערדאָזיקער פאַקט וועט געבן די מעגלעכקייט די ברייטע אידישע מאסן אַ איבעריק מאָל איבערצייגן זיך, אַז די אויסדריקער און פאַרטיידיקער פון זייערע אינטערעסן און רעכט אין דער גאָס. דומע זיינען ניט די פאָרשטייער פון דער בורזשואַזיע, העין די אידישע, העין די רוסישע, נאָר בלויז די פאָרשטייער פונם אַרבעטער-קלאַס, די סאָצ. דעמ. פראַקציע, און אַז אין קאַמף פאַר זייערע רעכט קאָנען זיי שטענדיק שטיצן זיך נאָר אַפן אַרבעטער-קלאַס און אַף זיינע פאָרשטייער.

זאָל די סאָצ. דעמ. פראַקציע זיין זיכער, אַז אין די רייען פונם אידישן פּראָלעטאַריאַט וועט זי שטענדיק געפינען אַ הייסן מיטגעפיל און שטיצע און זאָל זי אין דעם שעפן קרעפטן און מוט אין איר שווערן, געזעכטיקן קאמף.

אַ גרופּע אידישע אַר-
בעטער פון סאַמאַרע.

קאַטערינאָסלאַוו.

אַ גרופּע אָרגאַניזירטע אידישע אַרבעטער פון קאַטערינאָסלאַוו, באַקענענדיק זיך מיט דער טרויעריקער געשיכטע פון דער באַרימטער אידישער אָנפראַגע, וועלכע איז באהאנדלט געוואָרן אין דער גאָס. דומע, דריקט אויס איר טיפע אויפרעגונג קעגן דער שענדלעכער אויפירונג פון די אידישע דעפּוטאַטן, וועלכע, אין אַזאַ פאַראַנטוואָרטלעכן פארן אידישן פאָלק מאָמענט, זעצן פאַר זייער אַלטע פּאַכדאָנישע פּאָליטיק, נאָכשלעפנדיק זיך נאָך די קאַדעטן, אָט די קלוימערשטע פריינט פונם אידישן פאָלק.

מיר פּראָטעסטירן אנטשיידן קעגן יענעם הייפל אידישע פּאָליטיקאַנער, וועלכע פירן אומפאראנטוואָרטלעך די אידישע איניאַנים, פירן אָן מיט דער טעטיקייט פון די אידישע דעפּוטאַטן, און וועלכע זיינען די הויפּט-שולדיקע אין די שענדלעכע געשעענישן.

אויסדריקנדיק אונזער צאָרן די קאַדעטן, וועלכע האָבן מאקריוו געווען די אידישע אָנפראגע, קעדיי איינצוהיטן די איינהייט אין „פּראָגרעסיוון בלאָק״, און אָפּגענאַרט דעם צוטרוי פון די אידישע ווילער, וואָס האָבן פאַר זיי געשטימט, באַגריסן מיר הייס, אין פּערזאָן פון כ. טשכענקעלי, די סאָצ. דעמ. פראַקציע, וועלכע איז די איינציקע פארטיידיקערין פון די אונטערדריקטע פעלקער און אַן אויפריכטיקע קעמפערין פאַר די רעכט, ווירדע און קאָוועד פונם אידישן פאָלק.

155. די טאַקטיק פונם בונד אין קאַמף פאַר דער אידישער גלייכבאַרעכטיקונג.

(רעזאָלוציע פון דער כאַרקאָווער באראטונג אין מאי 1916).

(איבערזעצט פון אַ רוסישער איבערזעצונג).

1. די קריטישע לאַגע, אין וועלכער ס'געפינט זיך דאָס אידישע פאָלק אין רוסלאנד, אַדאַנק דער אָפענער אַנטיסעמיטישער אויסראָטונגס-פּאָליטיק פון דער רעאַקציע, די סאַקאָנע, אין וועלכער דידאָזיקע פּאָליטיק שטעלט די אַנטוויקלונג פון דער באפרייאונגס-באוועגונג אינם לאנד; די אומאנטשלאָסענע און אָפּטמאָל פאַרעטערישע פּאָליטיק פון די פּראָגרעסיוו-בורזשואַזע שטרעמונגען אין דער אידן-פראַגע,—דאָס אַלץ לייגט אַרויף אַ כויוו אַפן רוסלענדישן אַרבעטער-קלאַס צו נעמען אין זיינע הענט דעם קאַמף קעגן אנטיסעמיטיזם אין אַלע זיינע פאָרמען און אונטערשטיצן מיט דער גאנצער ענערגיע די פּאָדערונגען פון פולשטענדיקער בירגערלעכער און נאַציאָנאַלער גלייכבאַרעכטיקונג פון די אידן אין רוסלאַנד.

די באראטונג באגריסט די איניציאטיוו און ענערגיע, מיט וועלכער די סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פראקציע פון דער גאָסודארסטווענער דומע האט רעאגירט אף די פארפאלגונגען פון די אידן אין דער צייט פון דער מילכאָמע, וואס ס'האט נאך ענגער צוזאמענגעבונדן די אידישע אַרבעטער-מאסן מיט דער דומע-פראקציע, וועלכע האט זיך מיט דעם דערוואָרבן אנערקענונג אויך בא די ברייטע מאסן פון דער אידישער באפעלקערונג.

די באראטונג דערווארט, אז די ארבעטער-ארגאניזאַציעס פונם לאנד, און באזונדערס די ארבעטער-גרופּן פון די מיליטער-אינדוסטריעלע קאָמיטעטן, אויסער דער דומע, וועלן אויספילן יענע ארבעט, וועלכע ס'פירט דורך מיט אזא ענערגיע אין דומע די סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פראקציע. די באראַטונג באגריסט, אלס ערנסטן שריט, דעם פּראטעסט פון דער ארבעטער-גרופּע פון צענטראלן מיליטער-אינדוסטריעלן קאָמיטעט קעגן דער אויפירונג פון דער דומע-מערהייט באַם באטראכטן די אידישע אָנפראגע.

2. די באַראַטונג האלט פאַר נויטיק אונטערצושטרייכן דעם אַלטן פּרינציפּ פון דער בונדישער טאַקטיק אין דער אידן-פראַגע, דעם פּרינציפּ, וועלכער האָט שטענדיק געפּאָדערט, אַז דער קאַמף פאַר דער בירגערלעכער און נאַציאָנאַלער באַפרייאונג זאָל דער אידישער פּראָלעטאַריאַט באטראַכטן קוידעמקאָל ווי זיין אויפגאַבע, וועלכע פּאָדערט די מאַקסימאַלע אָנשטרענגונג פון זיינע קויכעס און די אנטשלאָסענע איניציאַטיוו מיצאַד די אידישע אַרבעטער-מאסן.

קאָנסטאַטירנדיק, אַז די אַכזאָריעסדיקע פארפאלגונגען רייסן אַרונטער די בירגערלעכע געפילן פון דער אידישער אַרבעטער-מאַסע, וועלכע זיינען אויסגעוואַקסן אַדאַנק דעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף פונם אידישן פּראָלעטאַריאַט, אַז אַפן דאָזיקן באָדן אַנטוויקלען זיך פּאָליטישע פּאַסיווקייט און פּאָליטישער אינדיפערענטיזם, וועלכע זיינען אַזוי געפערלעך פאַר דער באַפרייאונגס-בא-

וועגונג פונם אַרבעטער-קלאַס, און וועלכע ווערן שוין איצט עקספּלואַטירט דורך דער ציאָניסטישער און נאַציאָנאַליסטישער אַגיטאַציע,—געפינט די באַראַטונג, אַז ס'איז נויטיק מיט אַלע מיטלען וועקן די פּאָליטישע אַקטיווקייט פון דער אידישער אַרבעטער-מאַסע, אַז דער לאָזונג פון פולשטענדיקער אידישער גלייכבאַרעכטיקונג דאַרף פאַרנעמען דעם וויכטיקסטן אָרט אין אונזער פּאָליטישער אַגיטאַציע, אַז דער אידישער פּראָלעטאַריאַט דאַרף זיך שטעלן בּראָש פון אַ ברייטער פאָלקס-באַוועגונג, וועלכע מוז קומען אַלס ענטפער פון דער אידישער באַפעלקערונג אַף די שרעקלעכע רעדיפעס, דערביי דאַרף מען שטרעבן צוזאַמענבינדן דידאָזיקע באַוועגונג מיטן אַלגעמיינעם קאַמף פאַר פרייהייט און דעמאָקראַטיזירונג פון דער מעלוכע.

ס'איז נויטיק צו באַקאַנען די אידישע אַרבעטער-מאַסן און די סאַמע ברייטסטע קרייזן פון דער אידישער באַפעלקערונג מיט דער געשיכטע פון דער לעצטער אידישער אָנפראַגע אין דער גאַס. דומע, אַלס גלענצנדיקן באַווייז, פון איין זייט, פון דער גאַנצער פּאָליטישער הילפלאָזיקייט פון די אידישע דעפּוטאַטן און די בורזשואַזע אידישע פּאָליטישע גרופּן, וועלכע שטייען הינטער זיי, און, פון דער צווייטער זייט, פון דער אויסגעהאַלטענער טאַקטיק פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער פראַקציע, וועלכע האָט זיך ענערגיש איינגעשטעלט פאַר די רעכט און קאַוועד פונם אידישן פאָלק.

4. נעמענדיק אין אַכט, אַז באַ די איצטיקע באַדינגונגען פון דער מילכאָמע באַקומט די אידישע פראַגע אין אַ געוויסער מאָס אַ אינטערנאַציאָנאַלע באַדייטונג, אַז די שטיצע, וועלכע דער אינטערנאַציאָנאַלער פּראָלעטאַריאַט האָט שטענדיק אַרויסגעוויזן דעם אידישן אַרבעטער-קלאַס אין זיין קאַמף מיטן רעגירונגס-אַנטיסעמיטיזם, דאַרף זיך נאָך שטאַרקער אַרויסווייזן באַם באַשטימען די נייע אינטערנאַציאָנאַלע לאַגע פונם מאָמענט, ווען די מילכאָמע וועט זיך ענדיקן, האַלט די באַראַטונג פאַר נויטיק צוזוציען צו דעם די אויפמערקזאַמקייט פון די אַרבעטער אין דער גאַנצער וועלט, קעדיי די פאָדערונג פון בירגערלעכער, פּאָליטישער און נאַציאָנאַלער גלייכבאַרעכטיקונג פון די אידן זאָל איינגעשלאָסן ווערן אין דער שאַלעם-פּראָגראַם פונם אינטערנאַציאָנאַל.

* *
*

...באַם באַטראַכטן דעם לעצטן פונקט פונם טאָג-סיידער זיינען אַנטשטאַנען צוויי פראַגן 1) אונזער באַציאונג צו דער אידייע פונם אַלוועלטלעכן אידישן קאָנגרעס*), 2) דאָס אָרגאַניזירן ברייטע אומפּאַרטייאישע אַרבעטער-קאָמיטעטן אַף צו קעמפן פאַר גלייכבאַרעכטיקונג. ס'איז באַשלאָסן געוואָרן דידאָזיקע פראַגן איבערגעבן צום באַהאַנדלען אין די אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס.

---

*) זע דעם פאָלגנדיקן נומער.

156. דער בונד און „ס. ס.‟ וועגן אלוועלטלעכן אידישן קאָנגרעס.

(ה. ערליך188): „צום אלוועלטלעכן אידישן קאָנגרעס‟. „יעווריייסקיא וועסטי‟, 1917, נ. 6 (15).

דער ניט לאנג פאָרגעקומענער שמועס וועגן דער באציאונג צום אמעריקאַנער קאָנגרעס האָט צוגעצויגן א גרויסן אויפֿלאָם. מיר ברענגען די רעדעס פון אייניקע רעדנער.

ה. ערליך קאָנסטאטירט די קאָלאָסאַלע ענערגיע, וואָס די אידישע ארבעטער פון אמעריקע האָבן אנטוויקלט אין דער באוועגונג פאַר די רעכט פון די רוסישע אידן, און לייגט פאָר באַגריסן די אידישע ארבעטער-דעמאָקראַטיע פון די פאריייניקטע שטאַטן. די פאַרזאמלונג נעמט עס אויף מיט אפלאָדיסמענטן.

די אכטונג צו אָט דער ארמיי פון דער דעמאָקראַטיע,—זעצט ה. ערליך פאָר,—נעמט בא אונז דאָך ניט אָפּ ניט דאָס רעכט, ניט די פליכט צו באציען זיך קריטיש צו דעם, וואָס זיי האָבן געטאָן. און ניט נאָר מיר האָבן רעכט,—מיר זיינען מחויב אָנצואווייזן אף די פעלערן, וואָס זיי זיינען באגאנגען.

פון די צוויי אונז באוואוסטע נוסחאָס וועגן דער פּלאַטפאָרם פון דער דערגרייכטער פּשרה — „גרופּן‟-רעכט דאָרטן, וואו אנדערע פאַרמאָגן עס, אָן אויסטיילן פאַלעסטינע, און א ברייטערע פאָרמולירונג פון די נאַציאָנאַלע רעכט מיט דער אויסטיילונג פון דער פאָדערונג וועגן פאַלעסטינע—האָבן מיר לעסאטע מער זיכערע ידיעות וועגן דער ערשטער. די דרייסטקייט און די נעבלדיקייט פון אָט דער פאָרמולירונג — ווער ווייס, צי זי וועט פאַרשטאַרקן אונזערע נאַציאָנאלע פאָדערונגען. זי האָט באזונדערס קיין באדייטונג ניט פאַר אונז, רוסישע אידן, ווייל אין רוסלאַנד פאַרמאָגט קיין איין פאָלק ניט קיינע „גרופּן‟-רעכט. די קאָמפּראָמיס-פאָרמול, אף וועלכער די אמעריקאַנישע אידן זיינען זיך צונויפגעגאנגען, קאָן אזוי ארום אין א געוויסער מאָס שאָדן אונז. האָט מען דען צוליב „איינהייט‟ געדאַרפט גיין אף אָט דעם קאָמפּראָמיס?

אָבער אויב דער צווייטער נוסח איז ריכטיק, מוז מען דערקלערן מיט דער גאנצער קאַטעגאָרישקייט, אז מיט זייער צווייטער פּשרה זיינען אונזערע פריינט אין אמעריקע באגאנגען נאָך א ווייניקער דערלאָזבאַרן פעלער. דאָס אויסטיילן פאַלעסטינע איז אן אומצווייפלהאפטער ערפאָלג פון ציאָניזם, און אין דעם פראַט איז דאָס א קלאפּ אונזער קאַמף דאָ. ווייל דער קאַמף מיטן ציאָניזם איז די וויכטיקסטע פון אונזערע „אינערלעכע‟ אויפגאַבן. איך ווייס ניט קיין גרעסערן סוינע אף דער אידישער גאַס, ווי דער ציאָניזם. ער איז אונזער אינערלעכער סוינע. פון דעם שטאנדפונקט איז אזא „איינהייט‟ ניט קיין פּלוס, נאָר בעליסאָפעק א מינוס.

מיר וואָלטן בעסער געוואָלט האָבן צוויי, דריי קאָנגרעסן פון די איינצלנע שטרעמונגען. די פריינטלעכע גרופּן וואָלטן דעמאָלט אין איינשטימונג מיט זיך אליין אונטערגעהאַלטן אונזערע פאָדערונגען, ניט פארשמעלערנדיק זיי און ניט פארשטאַרקנדיק אונזערע אינערלעכע סאָנים.

דער וועג, אף וועלכן די אידישע ארבעטער אין אמעריקע זיינען אוועק, בינדט די פּאָליטישע ענערגיע פון אונזערע פריינט און וועט זיי שטערן אונטערצושטיצן אונזער פּלאַטפאָרם מיט דער גאנצער ענערגיע.

ה. עפּרויקין האלט פאר נויטיק, אז מיר זאָלן דאָ אויסארבעטן אן אַלגעמיינע פאָרמולירונג. אָבער באַרעכטיקנדיק די טאקטיק פונם נאַציאָנאלן ארבעטער-קאָמיטעט אין אַמעריקע, פּאָלגט ער אים ניט נאָך אינם סאַמע אי-קער. אָט דער קאָמיטעט האָט, ווי באוואוסט, אויסגעשלאָסן פון דער פּראָגראַם פון קאָנגרעס די פראַגן פון אינערלעכן לעבן פון די אמעריקאַנער אידן. די קאָנגרעס-באוועגונג איז א באוועגונג פון מיטגעפיל. אָבער די רעאַלע פּאָליטיק, די פאַרטיידיקונג פון רעאַלע אינטערעסן קאָן זיין נאָר א גרופּן,- א קלאַסן [פּאָליטיק] און ניט קיין אלגעמיינע. אייך וועט זיך אויך ניט איינגעבן אויסצוארבעטן א פּלאַטפאָרם, וואָס זאָל זיין אָנעמבאר פאר אלעמען; נאָך וויניקער קאָן מען דערגרייכן אן אויסגלייך אפן געביט פון טאקטישע אויפגאבן. די טאַקטיק פון אמעריקאַנישן נאציאָנאַלן ארבעטער-קאָמיטעט אנערקענט ניט קיין פשאָרעס אין פראגן פון רעאַלער פּאָליטיק, און די פעלערן, וואָס ער איז באגאנגען, דארפן אונז לערנען באציען זיך צו קאָמפּראָמיסן מיט א נאָך גרעסערן אומצוטרוי.

אָנמערקנדיק אונזערע נאָענטסטע אויפגאַבן, איז ה. עפּרויקין ארויסגעגאַנגען נאָר פון דער אָנוועזנהייט פון א באַוועגונג אין אמעריקע. איז עס דען די איינציקע געלעגנהייט צו פאָרמולירן אונזערע פאָדערונגען דאָ? דאָס גאַנצע לאנד לעבט אין אן אָנגעשטרענגטער אַטמאָספער, און ה. עפּרויקין, וועלכער באדויערט די אָפּשוואכונג פון דעם בירגערלעכקייט-געפיל אין די אידישע מאַסן, פאָדערט פונדעסטוועגן אויף צו פאָרמולירן אונזערע פאָדערונגען צוגעפּאַסט צום קאָנגרעס. די באדייטונג פונם אמעריקאַנער קאָנגרעס קאָן מען ניט אָפּלייקענען. דער אָביעקט פון זיין אויפווירקונג איז די אייראָפּעאישע געזעלשאַפטלעכע מיינונג. אָבער די לעצטע איז דאָך ניט איינהייטלעך. צו וועמען אַפּעלירן מיר?

זינט מענטשן האָבן אָנגעהויבן צו ריידן ארטיקולירט, איז נאָך דאָס מענטשלעכע וואָרט ניט פראָסטיטואירט געוואָרן אזוי ווי די לעצטע 3 יאָר. דעריבער מוז מען וויסן, צו וועלכער פון די צוויי „וועלט-נאַציעס" לייגט איר פאָר צו אַפּעלירן: צו דער נאַציע פון די אינטערנאציאָנאלע אימפּעריאַליסטן אָדער צו דער דעמאָקראטיע? די דעמאָקראטיע מעג נאָך זיין צעטיילט, אָבער די קויכעס אירע שטאַרקן זיך שוין, און זי הויבט אָן ריידן מיט אן איינהייטלעכער שפּראך. גראד פון איר ארסענאַל זיינען גענומען געוואָרן די פאָרמולירונגען פון די נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען, וועלכע מיר געפינען בא באלפּורן[189] און ווילסאָנען[190], און דאָס זאָגט איידעס וועגן דער קראפט פון איר אידעאָלאָגיע. אָבער בלויז די דעמאָקראטיע וועט ניט מעאירע, נאָר מעאַהאַווע פאַרטיידיקן אָט די רעכט. א ווענדונג צו דער דעמאָקראטיע — דאָס איז די איינציקע אַפּעלאַציע צו פאַרטיידיקן אונזערע רעכט. די באוועגונג פון דער דעמאָקראטיע איז די איינציקע פאָרם פון אינטערוועניץ לעטויוועס אונז. אָבער אונזער הויפּט-

אויפגאַבע איז — דאָס שטרעבן צו גלייכבארעכטיקונג — בירגערלעכער, פּאָליטישער און נאַציאָנאַלער — אין איינהייט מיט די דעמאָקראַטישע קויכעס פון לאַנד.

ה. אנין: די קאָנגרעס-באַוועגונג איז ניט צופעליק געבוירן געוואָרן און האָט זיך אנטוויקלט גראָדע אין אמעריקע, אינם לאַנד פון אונזער אימיגראַציע. די פראַגן פון עמיגראַציע קאָנען ווערן א יעסאָד פאַרן פאַרייניקן די אידן פון דער גאַנצער וועלט מיטן צוועק צו שאַפן א שטענדיקן אינסטיטוט, וועלכער וועט פירן די וואַנדערנדיקע מאַסן צום לייזן די היסטאָרישע פּראָבלעמען. דער אמעריקאַנער קאָנגרעס איז מאָר אונז וויכטיק, ווי א טריבונע, פון וועלכער ס'לאָזט זיך הערן אן ענערגישער פּראָטעסט קעגן אונזער רעכטלאָזיקייט. אָבער די פאָדערונגען אונזערע אדרעסירן מיר ניט צום צוקונפטיקן וועלט-קאָנגרעס, הגאם מיר איגנאָרירן אים ניט, ווי א פאַקטאָר אין אונזער קאַמף. ער (דער קאַמף) דאַרף געפירט ווערן דאָ באַזונדער דורך אָרטלעכע גרופּירונגען.

מאַסקים זייענדיק מיט די פריערדיקע רעדנער, אז דער ציאָניזם איז אונזער „אינערלעכער" סוינע, האַלט דער רעדנער דאָך, „אז מען מוז ראַטעווען ציאָן פון די ציאָניסטן" און איינשליסן אין די אויפגאַבן פון אלוועלטלעכן אידנטום די פאָדערונגען, וועלכע פאַרגרינגערן די קאָלאָניזירונג פון פּאַלעסטינע.

בײלאַגעס

באַמערקונגען און דערקלערונגען.

1. „אידישע צייטונג"—בורזשואז-נאַציאָנאַליסטישע טעגלעכע צייטונג, דערשינען אין ווילנע אין יאַנוואַר—אַווגוסט 1909.

2. בערשטער-פאַרבאַנד—צענטראַליזירטע פּראָפּאַרייניקונג, אָרגאַניזירט אַפן אום-לעגאַלן בערשטער-צוזאַמענפאָר אין אָקטיאַבר 1906 (זע באַנד 2, העפט 2, דאָקומענט נום. 238); אַ העמשעך פונם אַלטן בערשטער-בונד (זע ב. 2, ה. 2, באַמערקונג נום. 30).

3. דובנאָוו, ש.—זע ב. 2, ה. 2. באַמערקונג נום. 19.

4. „פאַריין פון רוסישן פאָלק"—זע ב. 2, ה. 2. באַמערקונג נום. 14.

5. די איבערקערעניש פון 3-טן יוני (1907)—די קאָנטער-רעוואָלוציאָנערע איבערקערעניש, וואָס ס'האָט דורכגעפירט דער פּרעמיער-מיניסטער סטאָליפּין, וועלכער האָט אַרעס-טירט די סאָצ.-דעמ. דומע-פראַקציע, פאַנאַנדערגעטריבן די צווייטע דומע און אַרויסגעגעבן אַ נייעם וואַל-געזעץ, וואָס האָט אינגאַנצן איבערגעגעבן די דומע אין די הענט פונם קאָנטער-רעוואָלו-ציאָנערן אַדל און פון דער רעאַקציאָנערער בורזשואַזיע.

6. רעפּטיליען-פאָנד—דער געהיימער געלט-פאָנד, וועלכער האָט זיך געפונען אין רעשוט פונם אינערן-מיניסטער און איז געווען באַשטימט אַף סובסידירן און אונטערצוקויפן די רעאַקציאָנערע פּרעסע.

7. סטאָליפּין, פּ. א.—זע ב. 2, ה. 2, באַמערק. נום. 12.

8—9. פּורישקעוויטש, וו. און מאַרקאָוו דער צווייטער.—באַרימטע פירער פון די רוסישע שוואַרצמייעניקעס (פאַשיסטן); פּורישקעוויטש האָט זיך קויגעשעם געווען מיט זיינע כוליגאַניש-סקאַנדאַליסטישע אַרויסטרעטונגען אין דער דומע; קעדיי צו ראַטעווען די מאָ-נאַרכיע, האָט ער סאָף 1916 אָרגאַניזירט די דערמאָרדונג פון ראַספּוטינען; נאָך דער אָקטיאַבער-רעוואָלוציע מיטגעאַרבעט מיט דעניקינען, געשטאָרבן אין 1919; מאַרקאָוו דער צווייטער איז ביז איצט פירער פון דער מאָנאַרכיסטישער קאָנטער-רעוואָלוציאָנערער עמיגראַציע.

10. שוואַרץ, א.—שוואַרצמייעדיקער בילדונגס-מיניסטער אין די יאָרן פון רעאַקציע, וועלכער האָט פאַרטיפט די מאָנאַרכיסטיש-אַנטיסעמיטישע פּאָליטיק פונם צאַריזם אַפן געביט פון פאָלקס-בילדונג.

11. פּלעווע—זע ב. 2, ה. 1, באַמערק. נום. 36.

12. שטשעגלאָוויטאָוו—זע ב. 2, ה. 2, באַמערק. נום. 103.

13. נעמאָיעווסקי, א.—באַקאַנטער פּוילישער שרייבער און בורזשואַז-ראַדיקאַלער געזעלשאַפטלעכער טוער; נאָך דער נידערלאַגע פון דער ערשטער רעוואָלוציע געוואָרן איינער פון די הויפּט-פירער פונם אַזוי גערופענעם „פּראָגרעסיוון אַנטיסעמיטיזם" און פון דער באָיקאָט-העצע קעגן די אידן.

14. „הײַנט"—בורזשואַז-נאַציאָנאַליסטישע טעגלעכע צייטונג, דערשיינט אין וואַרשע פון 1908; דער „הײַנט" האָט דער ערשטער אַריינגעפירט דעם געל-בולוואַרישן טאָן און איינ-האַלט אין דער בורזשואַזער אידישער פּרעסע אין רוסלאַנד און, אַדאַנק זיין ברייטער פאַרשפּריי-טונג, האָט ער ניט ווייניק מיטגעווירקט דער פאַרשטאַרקונג פון דער אינערלעכער רעאַקציע אין דער קליינבירגערלעכער אידישער סוויווע; איצט אָפּיציאָז פון די ציאָניסטן אין פּוילן.

15. זשעראָמסקי, סטעפאַן—באַקאַנטער פוילישער שרייבער; צוזאַמען מיט נע־מאָיעווסקין געפּריידיקט דעם באָיקאָט פון די אידן.

16. „דער פריינד“—זע ב. 2, ה. 1, באַמערק. נומ. 82.

17. „נאַראָדאָווצעס“—אנהענגער פון דער רעאַקציאָנער־שאָוויניסטישער פוילישער פּאַרטיי „נאַראָדאָווע דעמאָקראַטיע“, זע ב. 2, ה. 1, באַמערק. נומ. 62.

18. „קיעווסקאַיאַ מיסל“ („קיעווער געדאַנק“)—ראַדיקאַל־דעמאָקראַטישע צייטונג, אין וועלכער ס׳האָבן מיטגעאַרבעט א ריי ס. ד. מענשעוויקעס; נאָך דער פעברואַר־רעוואָלוציע—ניט אָפיציעלער אָרגאַן פון די סאָציאַל־פּאַטריאָטן אין אוקראַינע.

19. מאַרגאָלין, ד.—קיעווער אַדוואָקאַט און טוער פון דער קאַדעטישער אָרגאַניזאַציע, אַקטיוו באַטייליקט זיך אין באַקעמפן די ביילים־אַוואַנטיור; נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע צוגעשטאַנען צו פּעטליורען; עמיגרירט קיין אויסלאַנד.

20. זאַמיסלאָווסקי—איינער פון די אָנפירער פון די רוסישע שוואַרצמייעניקעס, מיטקעמפער פון פורישקעוויטשן און מאַרקאָוו דעם צווייטן.

21. אָקטיאַבריסטן—אנהענגער פונם „פאַרבאַנד פון 17־טן אָקטיאַבער“, זע ב. 2, ה. 2, באַמערק. נומ. 101.

22. „הנותן תשועה“—זע ב. 2, ה. 1, באַמערק. נומ. 67.

23. די ראַבאָנים־קאָמיסיע—אַזאַ קאָמיסיע האָט עקזיסטירט באַם אינערן־מיניסטעריום (באַם דעפּאַרטאַמענט פאַר „פרעמדע עמונעס“), זי פלעגט צונויפגערופן ווערן פּעריאָדיש פאַרצובאַרייטן געזעצגעבערישע און אַדמיניסטראַטיווע טאַקאָנעס איבער פאַרשיידענע רעליגיעזע און רעליגיעז־שטייגערישע פראַגן; אינם געגעבענעם פּעריאָד איז פאָרזיצער פון דער קאָמיסיע געווען דער קישענעווער ראָוו צירלסאָן.

24. באַראָן ד. גינזבורג—פּאָפּולערער אידישער גוויר און שטאַדלען פאַר די צאַרישע „הויכע ספערן“; געשטאָרבן אין 1910.

25. מאַזע, י.—מאָסקווער ראַבינער; געווען פּאָפּולער צווישן די גוויריש־אָרטאָדאָקסישע שיכטן פון דער אידישער באַפעלקערונג; געשטאָרבן אין 1925.

26. דער בונד—זע ב. 2, ה. 1, באַמערק. נומ. 1.

27. טאַבעל־טעג—אַזוי האָבן געהייסן אַלע יאָרטעג פון געבורט, קאַסענע און קרוינונג פון קייסער און זיין מישפּאָכע, וועלכע די גאַנצע באַפעלקערונג האָט געמוזט פייערן; אין אַלע באַטיימעדראָשים פלעגן אין די טאַבעל־טעג מוזן אָפּגעהאַלטן ווערן ספּעציעלע פּאַטריאָטישע טפילעס.

28. טאָלמאַטשאָוו—שוואַרצמייעדיקער צאַרישער סאַטראַפּ, שטאָט־שעף פון אָדעס, וועלכער האָט יאָרנלאַנג געפירט אַן אַכזאָריעסדיקן קאַמף קעגן די אַרבעטער און סטודענטן, אָפּגעגעבן די גאַנצע מאַכט איבער דער שטאָט די אָרטיקע שוואַרצמייעניקעס און טעראָריזירט די אידישע באַפעלקערונג.

29. סליאָזבערג, ג.—זע ב. 2, ה. 1, באַמערק. נומ. 155.

30. קאָוונער צוזאַמענפאָר—באַראַטונג פון די אידישע פניי און קלייקוידעש, וועלכע איז פאָרגעקומען דעם 10—22 נאָיאַבער 1909; די באַראַטונג איז אָפיציעל צונויפגערופן געוואָרן, קעדיי צו באַהאַנדלען די קעהילע־איניאָנים און צוצוגרייטן מאַטעריאַל וועגן אָט דער פראַגע פאַר די אידישע דומע־דעפּוטאַטן, פאַקטיש אָבער איז דער הויפּט־ציל, וואָס די איניציאַטאָרן פון דער באַראַטונג האָבן פאַרפאָלגט, געווען—צוזינגען די אידישע דעפּוטאַטן אונטערוואַרפן זיך דער פּאָליטישער אָנפירונג פון הייפל פעטערבורגער אידישע שטאַדלאָנים פון סליאָזבערג־ווינאַווערס כיידער; אין דער קאָוונער באַראַטונג האָבן זיך באַטייליקט אויך אייניקע בונדיסטן, אַלס פאָרשטייער פון קולטורעלע אָרגאַניזאַציעס, קיין פיל ניט איז קענטיקע ראָלע האָבן זיי דאָרט אָבער ניט געשפּילט.

31. קאָראָבקע—א ספּעציעלער שטייער אַף קאָשער פלייש, וועלכער האָט זיך מיט זיין גאַנצער לאַסט געלייגט אַף די אַרבעטנדיקע און אָרימע שיכטן; די האַכנאָסע פון דער קאָראָבקע, וועלכע ס׳פלעגן אין יעדער גובערניע פאַנאַנדערטיילן „די אַלטגעזעסענע און פאַרמעגלעכע

אידן", איז געגאַנגען דעריקער אַף אויסהאַלטן די פּאָליציי, פֿאַרשיידענע קאָנצעלאַריעס, באַאַמטע און טאַלמוד-טוירעס (רעליגיעזע שולן פֿאַר אָרימע קינדער), „קאַזיאָנע" ראַבאָנים א. אַ. וו.

32. מ. גאָלדמאַן-ליבער—זע ב. 2, ה. 1, באַמערק. נום. 131.

33. „וועסטניק פון מעפּיציי האַסקאָלע" — פּעדאַגאָגישער זשורנאַל, דערשינען פון 1910 ביז 1917; וועגן דער כעוורע „מעפּיציי האַסקאָלע" זע ב. 2, ה. 1, באַמערק. נום. 46.

34. גינזבורג, ש. מ.—ליטעראַטור-היסטאָריקער, גרינדער פון דער ערשטער טעגלעכער אידישער צייטונג אין רוסלאַנד („דער פריינד", זע באַמ. נום. 16); אין זיין פּיליאָריקער אַרבעט אינם פּעטערבורגער (צענטראַלן) קאָמיטעט פון דער כעוורע „מעפּיציי האַסקאָלע" האָט ג. געשטיצט איר נאַציאָנאַליסטיש-קלעריקאַלע שול-פּאָליטיק.

35. „ליטעראַרישע מאָנאַטשריפטן"—זשורנאַל פֿאַר ליטעראַטור און קונסט, דערשינען אין ווילנע אין 1908, אונטער דער רעדאַקציע פונם געוועזענעם בונדיסט א. ווייטער (א. דעווענישסקי), געוועזענעם „ס. ס." ש. ניגער (ש. טשאַרני) און געוועזענעם ציאָניסט ש. גאָרעליק; די „ל. מ." האָבן געפּריידיקט דעם אַזוי גערופענעם „ליטעראַטור-רענעסאַנס", געזוכט צו באַפעסטיקן דעם אַפּאָליטיזם בא דער ראַדיקאַלער און געוועזענער פּאַרטייאישער אינטעליגענץ און מיט זייער רעדאַקציע-באַשטאַנד דעמאָנסטרירט דעם סאָף פון דער שאַרפער פּאַרטייאישער דיפערענצירונג אין דער אידישער קליינבירגערלעכער סוויווע.

36. מאַיאָפּיס—קנעכטישע כניפע-ליד, וועלכע די פּוילישע פּריצים פלעגן צווינגען זינגען זייערע אידישע אַרענדאַטאָרן און קאָמיסיאָנערן.

37. די אידישע ליטעראַרישע געזעלשאַפט—געגרינדעט אין פּעטערבורג אין אָקטיאַבער 1908; פון 1909 האָט די געזעלשאַפט אָנגעהויבן עפענען אָפּטיילונגען אין דער פּראָווינץ, פֿאַר קנאַפּע 2 יאָר האָבן זיך אָרגאַניזירט ביז 125 אָפּטיילונגען אין פֿאַרשיידענע געגנטן פון געוועזענעם „טכום"; די פּראָווינציעלע אָפּטיילונגען זיינען אָפט אויסגענוצט געוואָרן אַלס לעגאַלע באַזעס פון די אידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען; אין יולי 1911 איז די געזעלשאַפט מיט אַלע אירע אָפּטיילונגען, לויט אַ באַפעל פון דער רעגירונג, פֿאַרמאַכט געוואָרן.

38. אנ-סקי, ש.—זע ב. 2, ה. 1, באַמערק. נום. 92.

39. „יעווריעיסקאַיע אָבאָזרעניע" („אידישע איבערזיכט")—נאַציאָנאַל-דעמאָקראַטישע וואָכנשריפט, דערשינען אין פּעטערבורג (לענינגראַד) אין 1910.

40. עסטער—זע באַנד 2, ה 1, באַמערק. נום. 77.

41. די אַלרוסלענדישע פּאַרטיי-קאָנפערענץ—אַף דער קאָנפערענץ, וועלכע איז פֿאָרגעקומען אין דעקאַבער 1908 אין פּאַריז, זיינען געווען פאַרטראָטן קימאַט אַלע גרעסטע רוסישע אָרגאַניזאַציעס, און אויך די נאַציאָנאַלע ס. ד. פּאַרטייען (פּ. ס. ד., בונד און די סאָצ. דעמ. פון לעטישן קאַנט); די קאָנפערענץ האָט אויסגעהערט באַריכטן פון די ערטער, באַהאַנדלט און אָנגענומען רעזאָלוציעס וועגן די פּאָלגנדיקע פראַגן: 1. דער פּאָליטישער מאָמענט און די אויפגאַבן פון דער פּאַרטיי 2) וועגן דער ס-ד. דומע-פראַקציע, 3) וועגן דער אָרגאַניזיר-פראַגע, 4) וועגן דער פֿאַרייניקונג מיט פּ. פּ. ס. „לעוויצע", 5) וועגן צונויפרופן אַ פּאַרטיי-צוזאַמענפאָר, 6) וועגן דער פֿאַרייניקונג פון די נאַציאָנאַלע ס.-ד. אָרגאַניזאַציעס אַף די ערטער א. א.; אַף דער קאָנפערענץ איז פֿאָרגעקומען אַ העפטיקער קאַמף צווישן די באָלשעוויקעס, אונטער לענינס אָנפירונג, מיט די מענשעוויקעס; וועגן ס׳ראָוו פראַגן זיינען אָנגענומען געוואָרן, מיט אייניקע אויסבעסערונגען, די רעזאָלוציעס פון די באָלשעוויקעס; די מענשעוויקעס זיינען אַף דער קאָנפערענץ געווען קימאַט איינגאַנצן איזאָלירט; פון די נאַצ. ס.-ד. אָרגאַניזאַציעס זיינען די פּ. ס. ד. אין אַלע פראַגן און די לעטישע ס.-ד. קימאַט אין אַלע געגאַנגען צוזאַמען מיט די באָלשעוויקעס; פון די דריי בונדישע דעלעגאַטן האָבן 2 אין ס׳ראָוו פראַגן געשטימט מיט די באָלשעוויקעס, און איינער—מיט די מענשעוויקעס.

42. ר. ס. ד. א. פּ.—רוסלענדישע סאָציאַל-דעמאָקראַטישע אַרבעטער-פּאַרטיי. זע ב. 2, ה. 1, באַמערק. 11.

43. „פּראָלעטאַרי"—אומלעגאַלער אָרגאַן פון צ. ק. ר. ס. ד. א. פּ. (ב), דערשינען אין 1906—1910 (ביז אָנהויב 1908 אין פינלאַנד, און דערנאָך אין פּאַריז).

44. ליקווידאַטאָרסטווע—זע דעם אריינפיר-ארטיקל צום ערשטן טייל.

45. פ. ס. ד.—סאָצ.-דעמ. פּאַרטיי פון ליטע און פוילן; זע ב׳ 2, ה. 1, באַמערק. נומער 16.

46. סטאָקהאָלמער צוזאַמענפאָר—דער 4-טער אָדער „פאַראייניקונגס״-צוזאַמענפאָר פון ר. ס.-ד. א. פּ.; זע ב. 2. ה. 2, באמערק. נומ. 71.

47. פּרינציפּ פון פעדעראַליזם—אָן דעם פּרינציפּ בעטייליגע צום פּאַרטיי-געבוי האָט זיך פעסט געהאַלטן דער בונד, וועלכער האָט, אָנהויבנדיק פונם צווייטן פּאַרטיי-צוזאַמענפאָר (1903), געפאָדערט, אז די ר. ס.-ד. א. פּ. זאָל זיין געבויט אויף נאַציאָנאַל-פעדעראַטיווע יעסודעס; די באָלשעוויקעס, וועלכע זיינען געשטאַנען פאַר אַן איינהייטלעכער צענטראַליזירטער אינטערנאַציאָנאַלער ס.-ד. פּאַרטיי, האָבן די גאַנצע צייט שאַרף באַקעמפט דעם פעדעראַטיוון פּרינציפּ (זע ב. 2, ה. 1, דאָקומענט נומ. 4).

48. „סאָציאַל-דעמאָקראַט״—צענטראַלער פּאַרטיי-אָרגאַן (אומלעגאַלער) פון די באָלשעוויקעס, דערשינען פון אָנהויב 1910 ביז דער פעברואַר-רעוואָלוציע—ביזן אימפּעריאַליסטישן קריג אין פּאַריז, און דערנאָך אין גענף (שווייצאַריע).

49. „רוידעפּשאָלעמניקעס״—אַזוי האָט מען גערופן יענע סאָצ.-דעמ. באָלשעוויקעס, וועלכע זיינען געווען קעגן פאַרשאַרפן דעם פראַקציאָנעלן קאַמף און זיינען געשטאַנען פאַר אַ פאַראייניקונג פון די באָלשעוויקעס מיט די מענשעוויקעס.

50. „אָטזאָוויזם״—אַן עקסט „לינקער״ אָפּנויג אין באָלשעוויסטישן לאַגער, וועלכער האָט געפּריידיקט אָפּצוזאָגן זיך פון אויסצונוצן די לעגאַלע מעגלעכקייטן צוליבן אָרגאַניזירן די רעוואָלוציאָנערע קרעפטן (באָיקאָטירן די דומע, ניט אָרגאַניזירן קיין לעגאַלע פאַראיינען א. א. וו.); דער ראָדיקער אָפּנויג, בעראָש פון וועלכן ס׳זיינען געשטאַנען א. באָגדאַנאָוו, ג. אַלעקסינסקי א. א., איז שאַרף באַקעמפט געוואָרן דורכן כ׳ לענין און איז אַנטשיידן פאַרורטיילט געוואָרן דורך דער באָלשעוויסטישער באַראַטונג, וועלכע איז פאָרגעקומען זומער 1909 בא דער רעדאַקציע פון „פּראָלעטאַרי״.

51. ליטוואַק, א.—זע ב׳ 2, ה. 1, באַמערק. נומ. 85.

52. „סאַנין״—איינער פון די פּאָפּולערסטע אין די יאָרן פון רעאַקציע און צעפאַלונג ראָמאַנען פון מ. ארציבאַשעוו, וועלכער האָט געוועקט די געשלעכטס-אינסטינקטן און געפּריידיקט, אַז העכער פון אַלץ דאַרף געשטעלט ווערן די פּערזענלעכע באַפרידיקונג.

53. די VIII-טע קאָנפערענץ פון בונד—פאָרגעקומען אין אָקטיאַבער 1910 אין לעמבערג. אין דער קאָנפערענץ האָבן זיך באַטייליקט 22 דעלעגאַטן מיט שטימרעכט (פון באָברויסק, ביאַליסטאָק, גראָדנע, דווינסק, האָמעל, וואַרשע, ווילנע, לאָדז, מינסק, ריגע, מיטגלידער פון צ. ק. א. א.); די קאָנפערענץ האָט אויסגעהערט באַריכטן פון די ערטער, פון צ. ק. און אויסלענדישן קאָמיטעט און באַהאַנדלט די פאָלגנדיקע פראַגן: 1. אונזער אַרבעט (די אָרגאַניזיר-פראַגע און פּאַרטיי-טאַקטיק). 2. די טעטיקייט פון דער ס. ד. פראַקציע ביכלאַל און אין דער אידישער פראַגע ביפראַט. 3. שאַבעס-און זונטיק-רו. 4. די אידישע קעהילע. 5. דער קאַמף פאַר דער גלייכבאַרעכטיקונג פון דער אידישער שפּראַך. 6. דער אָנטייל פון ס.-ד. אין דער בורזשואזער פּרעסע און 7. פאַרשיידענעס.

54. דער 9 (22)-טער יאַנוואַר (1905)—דער אָנהויב פון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע; אין דעם טאָג איז אין פּעטערבורג, לויטן צאַרס באַפעל, צעשאָסן געוואָרן אַן אַרבעטער-מאַניפעסטאַציע, וועלכע האָט פרידלעך מאַרשירט צום קייזערלעכן פּאַלאַץ; אַלס ענטפער אויף דער צעשיסונג פון 9-טן יאַנוואַר האָבן זיך טייקעף אין גאַנצן לאַנד אָנגעהויבן אַלגעמיינע פּראָטעסט-שטרייקן, דעמאָנסטראַציעס און צוזאַמענשטויסן מיט דער פּאָליציי און מיליטער, אין וועלכע ס׳זיינען אריינגעצויגן געוואָרן די ברייטסטע אַרבעטער-מאַסן.

55. דער 17-טער אָקטיאַבער (1905)—זע ב. 2, ה. 1, באַמערק. נומ. 69.

56. בעבעל, אויגוסט—איינער פון די גרינדער און פּאָפּולערסטער פירער פון דער דייטשישער סאָצ. דעמ. פּאַרטיי, אַ טאָקער-אַרבעטער לויט דער פראָפעסיע; פּרינציפּיעל באַקעמפט דעם אָפּאָרטוניסטישן פליגל פון דער דייטשישער ס.-ד. פּאַרטיי, אָבער אין דער פּראַקטישער

פּאָליטיק ניט געלאָזט דער פּאַרטיי שטעלן זיך אַפן רעוואָלוציאָנערן וועג. צו וואָס ס'האָבן געראָפן ר. לוקסעמבורג און ק. ליבקנעכט; געשטאָרבן אין 1913, אין עלטער פון 73 יאָר.

57. סטאָליפּינס וואוינרעכט-צירקוליאר—ס'רעדט זיך וועגן צירקוליאר, וועלכער האָט דערלויבט די אידן, וואָס האָבן זיך „אומגעזעצלעך" באַזעצט אויסערן טכום, צייטווייליק בלייבן אף די ערטער; די שוואַרצמייעניקעס האָבן ניט געקאָנט מוחל זיין סטאָליפּינען דעמדאָזיקן „ליבעראַלן" צירקוליאר און שטאַרק אים דערפאַר באַפאַלן אין דער פּרעסע און אין דער דומע.

58. דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער קאָנגרעס אין קאָפּענהאַגען—פאַרגעקומען אין אויגוסט 1910 באַם אנטייל פון 887 דעלעגאַטן פון 22 לענדער, וועלכע האָבן פאַרטראַטן $1\frac{1}{2}$ מיליאָן פּאַרטיי-מיטגלידער און העכער 8 מיליאָן פּראָפעסיאָנעל אָרגאַניזירטע אַרבעטער; דער קאָנגרעס האָט פאַרורטיילט דעם מיליטאַריזם און אָנגענומען רעזאָלוציעס וועגן דער קאָאָפּעראַטיווער באַוועגונג, קאַמף קעגן דער אַרבעטסלאָזיקייט א. א. וו.

59. דער אַלגעמיינער שטרייק אין שוועדן—דערדאָזיקער שטרייק, אין וועלכן ס'האָבן זיך באַטייליקט ביז 300 טויזנט אַרבעטער, איז געוועזן אַן ענטפער אפן לאָקאַוט, וואָס דער שוועדישער אַרבעטסגעבער-פאַרבאַנד האָט אין יולי 1909 געמעלדעט 83 טויזנט אַרבעטער; דער שוועדישער שטרייק האָט צו זיך צוגעצויגן די אלגעמיינע אויפמערקזאַמקייט פונם אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט, וועלכער האָט געשטיצט די שטרייקער מאָראַל און מאַטעריעל.

60. יודין, א. י.—זע ב. 2, ה. 2, באַמערק. נומ. 23.

61. „נאָוואָיע ווערעמיא" („די נייע צייט") — זע ב. 2, ה. 2, באַמערק. נומ. 57.

62. „רעטש" („די רעדע") – זע ב. 2, ה. 2, באַמערק. 56.

63. כיירעם—רעליגיעזער באַיקאָט, וועלכן די קלייקוידעש פלעגן אַרויפלייגן אף „אפּיקאָרסים" און אף די אלע, וואָס האָבן זיך ביכלאַל „ערנסט פאַרזינדיקט" קעגן קאהאַל.

64. קאַפּלינסקי, איסראָעל-מיכל—בונדישער פּראָוואָקאַטאָר, זע ב. 2, ה. 1, באַמערק. 154.

65. א. ס. ד. אַ. פּ. (פּועלי-ציאָן)—זע ב. 2, ה. 1, באַמערק. 143.

66. אלוועלטלעכער פּאַרבאַנד פון פּועלי-ציאָן — אָרגאַניזירט אין אויגוסט 1907 אף דער ערשטער אלוועלטלעכער פּ"צ קאָנפערענץ אין האַאַג; נאָך דער אָקטיאַבער-רעוואָלוציע, מיט דער שפּאַלטונג פון די פּ"צ פּאַרטייען קימאַט אין אלע לענדער, האָט זיך אויך געשפּאָלטן דער וועלט-פאַרבאַנד.

67. צ. ס. א. פּ. („ס. ס.") — זע ב. 2, ה. 1, באַמערק. 138.

68. ד-ר סירקין, נ. — פּיאָנער פון די סאָציאַליסטישע גרופּירונגען אין ציאָניזם; אין 1903 אָרגאַניזירט די גרופּע „חרות" („פרייהייט"), וועלכע האָט ארויסגעגעבן א זשורנאַל „דער המוין"; סאָף 1904 אקטיוו באַטייליקט זיך אין גרינדן די צ. ס. א. פּ. („ס. ס."); אין 1912 אריבערגעגאַנגען צו די אמעריקאַנער פּועלי-ציאָן; אין דער צייט פונם קריג פאַרנומען א סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פּאָזיציע; געשטאָרבן אין 1924 אין ניו-יאָרק.

69. לעשטשינסקי, יאַנקעוו — איינער פון די גרינדער און טעאָרעטיקער פון „ס. ס.", עקאָנאָמיסט און סטאַטיסטיקער; אין די יאָרן פון רעאַקציע אינגאַנצן אָפּגעגאַנגען פון דער באַוועגונג; אין 1917—1918 מיטגליד פון צ. ק. פון דער „פאַרייניקטער אידישער סאָציאַל. אַרב. פּאַרטיי" (ס. ס. און י. ס.); אין 1921 עמיגרירט קיין אויסלאַנד; קאָרעספּאָנדענט פון ניו-יאָרקער „פאָרווערטס", וואו ער באַקעמפט די ראַטנמאַכט און די אידסעקציע.

70. ניגער, ש. — פּסעוודאָנים פונם באַקאַנטן ליטעראַטור-קריטיקער ש. טשאַרני; ביז 1907 געווען טעטיק אלס ס. ס.-ישער פּאַרטיי-ליטעראַט; נאָך דער פעוורואַל-רעוואָלוציע אריינגעטראָטן אין דער „פאָלקס-פּאַרטיי"; פון 1921 אין אמעריקע.

71. „אונזער וועג“ — לעגאַלער פּאַרטיי-אָרגאַן פון דער צ. ס. א. פּ. („ס. ס.“); דערשינען אין ווילנע מיט א ביילאגע „פון דער פּראָפעסיאָנעלער באוועגונג“ פון אוויגוסט ביז נאיאַבר 1907.

72. בערטאָלדי — פּסעוודאָנים פון ס. ס.-ישן טוער און פּאַרטיי-ליטעראַט וו. ליאצקי; אין די יאָרן פון דער רעאַקציע אָפּגעגאַנגען פון דער באוועגונג; אין 1917 אריינגעטראָטן אין דער „פאלקס-פּאַרטיי“; אין 1918 מיניסטער פאר אידישע איניאַנים אין אוקראינע; אין 1921 עמיגרירט קיין אויסלאַנד.

73. יט״א — אידישע טעריטאָריאַליסטישע געזעלשאַפט; זע ב. 2, ה. 1, באמערק. 102 און 140.

74. די IV-טע ס. ס.-ישע פּאַרטיי-קאָנפערענץ — פאָרגעקומען דעם 1—8 פעווראַל 1911 אין ווין; די קאָנפערענץ האט פאָרמולירט די באציאונג פון דער פּאַרטיי צו די אלגעמיין-פּאָליטישע, אידישע און טעריטאָריאַליסטישע פראַגן.

75. ראַטנער, מ. — אָנגעזעענער טוער און טעאָרעטיקער פון דער פּאַרטיי סאָצ.-רעוו. און פירער פון דער א. ס. א. פּ. („סערפּ“); נאך דער ערשטער רעוואָלוציע געמוזט עמיגרירן קיין אויסלאַנד; געשטאָרבן אין 1917 אין יאַסי, רומעניע.

76. זילבערפאַרב, מ. — פּאַרטייאישער און ליטעראַרישער פּסעוודאָנים — באזין. זע ב. 2, ה. 2, באמערק. 82.

77. באָראָכאָוו, ב. — גרינדער, אידעאָלאָג און פירער פון דער א. ס. ד. א. פּ. (פּועלי-ציון); נאך דער ערשטער רעוואָלוציע געמוזט עמיגרירן קיין אויסלאַנד, וואו ער האָט אין 1907 אָרגאַניזירט דעם פּ״צ וועלט-פאַרבאַנד (זע באמערק. 66); שפּעטער זיך אָפּגעגעבן דער פאָרשונג פון דער אידישער שפּראַך; נאך דער פעווראַל-רעוואָלוציע אומגעקערט זיך קיין רוסלאַנד און בעראָש פון די פּ״צ דורכגעמאַכט די תקופה ביז נאך דער אָקטיאַבער-רעוואָלוציע; דעם 17-טן דעקאַבר 1917 געשטאָרבן אין קיעוו.

78. ליטוואַקאָוו, מ. — איינער פון די גרינדער און טעאָרעטיקער פון דער צ. ס. א. פּ. („ס. ס.“) און שפּעטער פון די פאַריייניקטע; רעדאַקטאָר פון ס״אָוו לעגאַלע און אומלעגאַלע פּאַרטיי-אָרגאַנען; אין 1920 מיטגליד פון צ. ק. פון קאָמבונד, אין 1921 — צוזאַמען מיטן לעצטן — אריבערגעגאַנגען אין ר. ק. פּ.; פון 1921 פאַראַנטוואָרטלעכער רעדאַקטאָר פון „עמעס“, מיטגליד פון צ. ב. פון די אידסעקציעס באם צ. ק. אל. ק. פּ. (ב); פּאַקטישער לייטער פון דער מאָדערנער אידישער קינסטלערישער ליטעראַטור אין פּ. ס. ס. ר.

79. כורגין, א. — מיטגליד פון צ. ק. פון „ס. ס.“ און שפּעטער פון די „פאַריייניקטע“; וויצע-מיניסטער פאר אידישע איניאַנים אין אוקראינע; אין 1919 דורכן קאָמפאַרבאַנד אריינגעטראָטן אין ר. ק. פּ.; פאַרנומען א ריי פאַראַנטוואָרטלעכע ווירטשאַפטלעכע פּאָסטנס: האַנדלס-פאָרשטייער אין פּוילן, פאָרזיצער פון אַמעריקע-האַנדל („אַמטאָרג“); אין 1926 אומגעקומען אף א טראַגישן אופן צוזאַמען מיטן געוועזענעם שטעלפאָרטרעטער פון פאָלקס-קאָמיסאַר פאר מיליטער-איניאַנים כ׳ סקליאַנסקי.

80. קאַץ, מ. — אָנגעזעענער טוער און פּאַרטיי-ליטעראַט פון דער צ. ס. א. פּ. („ס.ס.“); נאך דער פעווראַל-רעוואָלוציע מיטגליד פון צ. ק. פון די „פאַריייניקטע“; פון 1919 ביז 1926 געווען טעטיק אין דער אַמעריקאַנער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, רעדאַקציע-מיטגליד פון דער ניו-יאָרקער „פריהייט“; איצט רעדאַקטאָר פונם פאַרלאַג „שול און בוך“.

81. א. ס. א. פּ. („סערפּ“) — זע ב. 2, ה. 2, באמערק. 145.

82. באַוער, אָטאָ — פירער און טעאָרעטיקער פון דער עסטרייכישער סאָצ.-דעמאָקראַטיע; זיין קאַפּיטאַלע אַרבעט „די נאַציאָנאַלע פראַגע און די ס.-ד.“, אין וועלכער ער פאַרטיידיקט די נאַציאָנאַל-קולטורעלע אויטאָנאָמיע, האט געהאַט א שטאַרקע ווירקונג אף די אידישע נאַציאָנאַל-סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אין רוסלאַנד, איבערהויפּט אַפן בונד; נאך דער רעוואָלוציע פון 1918 מיטגליד פון דער רעגירונג; איצט איינער פון די אָנגעזעענע פירער פונם אזוי גערופענעם „לינקן פליגל“ אינם 2-טן אינטערנאַציאָנאַל.

83. צוזאַמענפאָר פון די נאַצ. סאָצ. פּאַרטייען — ס׳וועט געמיינט די קאָנפערענץ פון די נאַצ. סאָצ. פּאַרטייען, וועלכע איז פאָרגעקומען דעם 16—20 אַפּריל 1907

דידאזיקע קאנפערענץ איז צונויפגערופן געווארן דורך דער פארטיי ס. ר. און אין איר האבן זיך באטייליקט אלע נאָענטע צו איר נאציאנאליסטיש-רעוואלוציאנערע פארטייען: פ. פ. ס., די צַרמע-נער פארטיי „דאשנאקצוטיון“, ווייסרוסישע סאָצ. „הראמאדע“, די א. ס. א. פ. („סערפ“) א. א. די צווייטע קאָנפערענץ איז פאָרגעקומען אין 10 יאר ארום, זומער 1917.

84. קאראוואיעוו — דעפוטאט פון דער 2-טער דומע פון קאטערינאסלאווער גוב., איינער פון די פירער פון דער „ארבעטס-גרופע“, אין 1909 דערשאסן געווארן דורך די קאטע-רינאסלאווער שווארצמייעניקעס.

85. סאָציאליסטן-רעוואלוציאנערן — זע ב. 2, ה. 1, באמערק. 58.

86. דער האנטווערקער-צוזאמענפאָר — פארגעקומען סאָף 1910 אין פעטערבורג; צונויפגערופן געווארן מיטן צוועק צו ארגאניזירן די האנטווערקער ארום דער רעאקציע; די מערהייט האט אפן צוזאמענפאר געהערט די האנטווערקער-באלעבאטים, נאר די קליינע אין צאל ארבעטער-דעלעגאַציע האט, אדאנק איר ארגאַניזירטקייט, געשפילט אן אנגעזעענע ראלע אפן צוזא-מענפאר און מיטגעווירקט דער ארגאניזירונג פון די האנטווערקער-ארבעטער אין די יארן פון רעאקציע.

87. „פארטייער“ — אזוי האט מען אין די יארן 1909—1912 אין די פארטיי-אישע קרייזן באצייכנט יענע סאצ.-דעמאקראטן—מענשעוויקעס, וועלכע זיינען ביז א געוויסער מאס געשטאנען פאר רעוואלוציאנערן קאמף און פאר איינהייטן די אומלעגאלע פארטיי-ארגאַניזאַציע, אין קעגנטייל צו די „ליקווידאטארן“, וועלכע האבן געפריידיקט אָפּזאָגן זיך פון דער רעוואָלוציע און אָפּגעבן זיך אויסשליסלעך דער לעגאלער ארבעט.

88. די בונדישע באראטונג — פארגעקומען זומער 1908 אין גראָדנע; אויסער דער פראגע וועגן כאראקטער פון דער ארבעט, האט דידאזיקע באראטונג אנגענומען א ריי באשלוסן וועגן פארשיידענע אדמיניסטראטיוו-טעכנישע און פינאנציעלע פראגן און באשטימט, צו-ליב דער שווערער לאגע אין דער פארטיי, פארקירצן דעם אנפירנדיקן אפאראט, אויסטיילנדיק פון צ. ק. אן ענגע קאלעגיע.

89. יאפאנישער קריג — זע ב. 2, ה. 1, באמערק. 32.

90. דער געזעץ פון 4-טן מארט (1906) — זע ב. 2, ה. 2, בא-מערק. 91.

91. „דערגרייכער“ — אנהענגער פונם „פארבאנד צו דערגרייכן פולבארעכטיקונג פאר די אידן אין רוסלאנד“, זע ב. 2, ה. 1, באמערק. 150.

92. „וואָלני גלאָס“ („די פרייע שטים“) — לעגאלער וועכנטלעכער אָרגאן (אין פויליש) פון פ. ס. ד., דערשינען אין ווארשע אין 1910—1911.

93. ווארסקי, א. — פסעוודאנים פון א. ווארשאַווסקי, איינער פון די גרינדער און פירער פון דער ס.-ד. פון פוילן און ליטע; איצט אנגעזעענער טוער פון דער קאָמפּאַרטיי פון פוילן און דעפוטאט פונם סיים.

94. צייטלין, הילעל — נאציאנאליסטיש-קלעריקאלער פובליציסט, געפירט א פארביסענעם קאמף קעגן אנטייל פון דער אידישער יוגנט אין דער רעוואלוציאנערער באוועגונג.

95. קיין פראקטישע רעזולטאטן האט דערדאזיקער אויסגלייך צווישן די ארגאניזירטע פוי-לישע אידישע ארבעטער ניט געגעבן, צוליב דער שפאלטונג אין דער פ. ס. ד. (די אויסטיילונג פון דער אזוי גערופענער „ווארשעווער אָפּאָזיציע“), וועלכע איז פארגעקומען באלד נאָכן אויסגלייך.

96. נאציאָנאל-שוץ — אלס ענטפער אפן ארויסשטויסן די אידישע ארבעטער פון אייניקע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען, האט די נאציאָנאליסטישע אידישע פרעסע ארויסגע-וואָרפן דעם לאזונג „נאציאָנאל-שוץ“; די פארווירקלעכונג פונם דאזיקן לאזונג האט זיך אויסגע-דריקט אין אייניקע פרואוון צו ארגאניזירן מיט דער הילף פון דער אידישער פילאנטראפיע „קאָ-אָפּעראטיווע“ פאבריקן פאר די ארויסגעשטויסענע אידישע ארבעטער; אינם בונד האט דעמדאָזיקן לאָזונג טיילווייז געשטיצט וו. מעדעם, נאר דער צ. ק. האט דאס קאטעגאריש אָפּגעוואָרפן.

97. „קוזניא“ — לעגאלער פארטיי-ארגאן פון דער פ. פ. ס. („לעוויצע“), דערשי-נען אין 1913—1914.

98. די IV קאָנפערענץ פון דער א. ס. ד. א. פּ. (פּויאַליי-ציאָן)— פאָרגעקומען זומער 1913 אין ווין.

99. רעוויזיאָניזם — אָפּאָרטוניסטישע שטרעמונג אין דער אייראָפּעאישער ס. ד., וואָס איז אנטשטאַנען אין 1898 יאר אונטער דער אָנפירונג פון ע. בערנשטיין, און וועלכע האָט געררופן אָפּצוזאָגן זיך פון רעוואָלוציאָנערן מאַרקסיזם און קלאַסנקאַמף; אַפן רעוויזיאָניסטישן שטאַנדפונקט שטייט איצט די גאַנצע אלוועלטלעכע מענשעוויסטישע באַוועגונג — דער 2-טער און אמסטערדאַמער אינטערנאַציאָנאַלן.

100. צערעטעלי — אָנגעזעענער קאַווקאַזער ס. ד., פּאָרזיצער פון דער סאָצ. דעמ. פראַקציע פון דער 2-טער דומע; נאָך איר פאַנאַנדערטרייבן פאַרמישפּט געוואָרן אף 4 יאָר קאַ-טאָרגע; נאָך דער פעווראַל-רעוואָלוציע פירער פון די רעכטע מענשעוויקעס, אָנהענגער פון א קאָאַ-ליציע מיט דער בורזשואזיע און פון פאָרזעצן דעם אימפּעריאַליסטישן קריג, מיניסטער אין קערענסקיס קאַבינעט; אין 1921 עמיגרירט קיין אויסלאַנד, וואו ער פאַרטרעט די גרוזינישע מענשעוויקעס און פירט א העפטיקן קאַמף קעגן דער ראַטנמאַכט.

101. פּוילישע קאָלאָ — די פראַקציע פון די פּוילישע רעאַקציאָנער-שאָוויניסטישע דעפּוטאַטן אין די רוסישע מעלוכע-דומעס.

102. ניסעלאָוויטש, ל. — אידישער דעפּוטאַט פון קאָוונער גוב. אין דער 3-טער דומע, מיטגליד פון דער קאַדעטישער פראַקציע; אין די אידישע פראַגן געווען באַקאַנט צו די ציאָניסטן, וועלכע האבן פאַרטיידיקט זיין קאַנדידאַטור בא די וואלן אין דער 4-טער דומע; גע-שטאָרבן אין 1924.

103. מיליוקאָוו, פּ. — רוסישער היסטאָריקער און פירער פון דער בורזשואַז-ליבעראַ-לער קאַדעטישער פאַרטיי, אין די יאָרן פונם קריג אידעאָלאָג פון די רוסישע אימפּעריאַליסטן, אָנ-העגגער פון אַנעקסירן די דאַרדאַנעלן, גאַליציע, מיזרעך-פרייסן און אַרמעניע; נאָך דער פעווראַל-רעוואָלוציע אויסערן-מיניסטער פון דער ערשטער צייטווייליקער רעגירונג, געמוזט דעמיסיאָנירן צוליב דער פאָדערונג פונם פעטראָגראַדער פראָלעטאַריאַט און רעוואָלוציאָנערן מיליטער פאַר זיין נאָטע פון 18 אפּרעל 1917, אין וועלכער ער האָט פאַרשפּראָכן בלייבן טריי די „פאַרבינדעטע“ און פאָרזעצן דעם קריג; נאָך דער אָקטיאַבער-רעוואָלוציע די גאַנצע יאָ״ן פאַרביסן געקעמפט קעגן דער ראַטנמאַכט, געשטיצט דעניקינען, קאָלטשאַקן, ווראַנגעלן און אויך די אויסלענדישע אינטער-ווענץ.

104. די גרויזאַמע געשעענישן אין די קאַטאָרגע-טורמעס. ס'רעדט זיך וועגן דער אויסערגעוויינלעכער פאַרשטאַרקונג פון די רעדיפעס אף די פּאָליטישע ארעסטירטע אין אַקאַטוער און אויך אין אנדערע סיבירער קאַטאָרגע-טורמעס; דידאָזיקע רעדיפעס, וועלכע זיי-נען דערגאַנגען ביז אָנווענדן לייב-שטראָף אפילע בענויגייע צו פּאָליטיש-אַרעסטירטע פרויען, האָט געצוואונגען די פאַרמישפּעטע אנווענדן אזאַ עקסטן פּראָטעסט-מיטל, ווי מאַסאָווע זעלבסטמאָרדן (צווישן אנדערע איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד דער ס.-ר. יעגאָר סאַזאָנאָוו, וועלכער האָט אין 1904 דערהאַרגעט פּלעווען); די געשעענישן אין די קאַטאָרגע-טורמעס האָט ארויסגערופן א שרעק-לעכע אויפרעגונג אין די רעוואָלוציאָנערע קרייזן.

105. „גאָלאָס סאָציאַל-דעמאָקראַטאַ“ („די שטים פון אַ סאָציאַל-דעמאָקראַט“)— אומלעגאַלער אָרגאַן פון די רוסישע מענשעוויקעס, דערשינען אין אויסלאַנד אין 1908—1912.

106. רובאַנאָוויטש, א. — איינער פון די אָנגעזעענסטע פירער פון דער פאַרטיי סאָצ.-רעוו., פאַרטרעטער פון דער פאַרטיי אין דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָצ. ביוראָ פונם 2-טן אינטערנאַציאָנאַל; אין די מילכאָמע-יאָרן אן עקסטער סאָציאַל-פּאַטריאָט.

107. ד-ר זשיטלאָווסקי, כ.—נאַציאָנאַל-סאָציאַליסטישער פּובליציסט, טעאָרעטיקער און קעמפער פאַר אידיש; אוטאָר פון דער בונדישער בראָשור „ציאָניזם אדער סאָציאַליזם“ (אונ-טערן פּסעוודאָנים פון אָהוד, דערשינען אין 1899); פון 1903 ביז 1907 איינער פון די פירער פון די רוסישע סאָצ.-רעוו., אנטיילגעמער פון אלע זייערע צוזאַמענפאָרן, דעלעגאַט אף די אינטער-נאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע קאָנגרעסן אין אַמסטערדאַם (1904) און שטוטגאַרט (1907); פון 1906 איינצייטיק פירער פון דער א. ס. א. פּ. („סערפּ“); אין די יאָרן פון ריאַקציע געזוכט צו פאַריי-

ניקן אלע אידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען; אין 1915 צוגעשטאַנען צו אַמעריקאַנער פּויאַליי-ציאָן; קעגנער פון דער אָקטיאַבער-רעוואָלוציע און דער ראַטנמאַכט.

108. אדלער, וויקטאָר — גרינדער און פירער פון דער עסטרייכישער סאָצ. דעמ., געשפּילט אַן אָנגעזעענע ראָלע אין 2-טן אינטערנאַציאָנאַל; אָנגעהויבן אַלס אָרטאָדאָקסאַלער מאַרקסיסט, נאָר ביסלעכווייז דערנעענטערט זיך צו די רעוויזיאָניסטן; אין די יאָרן פונם קריג — אַ סאָציאַל-פּאַטריאָט; געשטאָרבן אין 1918.

109. שטוטגאַרטער רעזאָלוציע — אָנגענומען אויפן אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס, וועלכער איז פאָרגעקומען אין אויגוסט 1907; דער שטוטגאַרטער קאָנגרעס האָט, צווישן אַנדערע, אָנגענומען רעזאָלוציעס וועגן די באַציאונגען צווישן די סאָצ. דעמ. פּאַרטייען און די פּראָפֿאַריינען, וועגן דער עמיגראַציע-פראַגע און האָט אויך באַשטימט צולאָזן די ס. ס. מיט באַראַטונגס-רעכט.

110. בראַנטינג — פירער פון דער שוועדישער ס. ד. און אָנגעזעענער טוער פונם 2-טן אינטערנאַציאָנאַל; אין דער צייט פונם קריג אָנהענגער פון דער אַנטאַנטע קעגן דייטשלאַנד; נאָך דער מילכאָמע פּרעמיער-מיניסטער; געשטאָרבן אין 1924.

111. וואַליאַן — אָנגעזעענער פירער פון דער פראַנצויזישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי; מיטגליד פון דער פּאַריזער קאָמונע, געווען פאַרמישפּעט צום טויט, געלאָפן קיין ענגלאַנד, וואו ער האָט זיך באַפריינדעט מיט מאַרקסן און ענגעלסן, אומגעקערט זיך אין פראַנקרייך נאָך דער אַלגעמיינער אַמניסטיע אין 1884.

112. די לענער בלוט-באָד — דעם 17-טן אַפּרעל 1912 האָבן צאַרישע סאָלדאַטן, לויטן באַפעל פונם זשאַנדאַרמען-ראָטמיסטער טרעשטשענקאָוו, געשאָסן אין אַ פרידלעכער פּראָצעסיע פון די שטרייקנדיקע אַרבעטער פון די לענער גאָלד-שאַכטן און דערהאַרגעט און פאַרוואונדעט ביז 500 אַרבעטער. די לענער האַריגע האָט אויפגערודערט די אַרבעטערשאַפט פון גאַנצן לאַנד, וועלכע האָט אויף דעם געענטפערט מיט פּראָטעסט-שטרייקן און דעמאָנסטראַציעס; די לענער געשעענישן האָבן פאַרשטאַרקט דעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף פון די אַרבעטער-מאַסן און זיינען געוואָרן אַ וויכטיקער ווענדפּונקט אין דער געשיכטע פון פּראָלעטאַרישן קלאַסן-קאַמף אין רוסלאַנד.

113. „דען" („דער טאָג") — בורזשואַז-דעמאָקראַטישע צייטונג, דערשינען אין פּעטערבורג אין 1913—1917.

114. „זוועזדא" („דער שטערן") — די ערשטע לעגאַלע ס. ד., שפּעטער באָלשעוויסטישע צייטונג נאָך די רעאַקציע-יאָרן; דערשינען אין פּעטערבורג פון סאָף 1910 ביז זומער 1912; די „זוועזדא" האָט געשפּילט אַן אויסערגעוויינלעכע ראָלע אין דער אויפלעבונג פון דער אַרבעטער-באַוועגונג נאָך דער דערשטיקונג פון דער ערשטער רעוואָלוציע.

115. „פּראַוודא" („דער אמת") — לעגאַלע טעגלעכע צייטונג, אָרגאַן פון צ. ק. פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי, דערשינען אין פּעטערבורג פון 22-טן אַפּרעל (5-טן מאַי) 1912 ביז אָנהויב יולי 1914 בא דער נאָענסטער מיטאַרבעטערשאַפט פון לענינען; אַנטשטאַנען לויט דער איניציאַטיוו און בא דער אַקטיווסטער מיטווירקונג פון די רעוואָלוציאָנערע פּראָלעטאַרישע מאַסן, איז די „פּראַוודא" די גאַנצע צייט געווען ענג פאַרבונדן מיט די ברייטסטע שיכטן פונם אַרבעטער-קלאַס, אָנגעפירט מיט זייער רעוואָלוציאָנערן קלאַסן-קאַמף, העפטיק באַקעמפט אַלע אָפּאָרטוניסטישע שטרעמונגען און דערצויגן אַ פעסטן און אויסגעהאַלטענעם באָלשעוויסטישן אַקטיוו; די צאַרישע רעגירונג האָט אומויפהערלעך פאַרפאָלגט די „פּראַוודא", שטראַפירט זי, קאָנפיסקירט, אַרעסטירט די פאַראַנטוואָרטלעכע רעדאַקטאָרן און אָפט זי אינגאַנצן אָפּגעשטעלט; אַנשטאָט דער פאַרמאַכטער צייטונג, פלעגט אָבער באַלד דערשיינען אַ נייע: „פּוט פּראַוודי", „סעווערנאַיאַ פּראַוודאַ", „פּראָלעטאַרסקאַיאַ פּראַוודאַ", „זאַ פּראַוודו", טרודאָוואַיאַ פּראַוודאַ", „פּראַוודאַ טרודאַ" א. א.

116. דער באַקוער שטרייק — ס'רעדט זיך וועגן שטרייק פון די באַקוער נאַפט-אַרבעטער, וועלכער האָט זיך געצויגן פון סאָף מאַי 1914 ביזן אָנהויב פון דער מילכאָמע. קעדיי אויסצודריקן זייער סאָלידאַריטעט מיט די באַקוער שטרייקער, האָבן די פּעטערבורגער אַרבעטער אָנהויב יולי אָרגאַניזירט אַ ריי מיטינגען און פאַרזאַמלונגען; דער מיטינג אויפן פּוטילאָווער זאַוואָד

איז באַשאָסן געוואָרן דורך דער פּאָליציי און דערביי זיינען געפאַלן 2 דערהאַרגעטע און ביז 50 פאַרוואונדעטע. די צעשיסונג פון די פּוטילאָווער אַרבעטער האָט אויפגערודערט די גאַנצע אַרבעטערשאַפט, ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן שטרייקן, דעמאָנסטראַציעס און צוזאַמענשטויסן מיט דער פּאָליציי. אין פּעטערבורג איז שוין אַפילע דערגאַנגען צו גאַסן-באַריקאַדן; אויף די באַקוער און פּעטערבורגער געשעענישן האָט זיך לעבעדיק אָפּגערופן אויך מאָסקווע און אַ ריי אַנדערע אינדוסטריעלע צענטרען; די באַוועגונג האָט זיך אָפּגעשטעלט צוליב אָנהייב פונם קריג.

117. באַסטיליע — די טפיסע פאַר פּאָליטישע אין פּאַריז; בעת דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע (1789) איז די דאָזיקע פאַרהאַסטע טפיסע צעבראָכן געוואָרן דורך די רעוואָלוציאָנערע פאָלקס-מאַסן.

118. „באָרבאַ” („דער קאַמף”) — לעגאַלער האַלבמאָנאַטלעכער ס. ד. זשורנאַל, וועלכער איז אין 1914 דערשינען אין פּעטערבורג, אונטער דער רעדאַקציע פון ל. טראָצקי.

119. די שניידער-קאָנפערענץ — די קאָנפערענץ איז פאָרגעקומען זומער אָנהייב 1914, אין איר האָבן אָנטייל גענומען 17 דעלעגאַטן פון 8 גרעסערע שטעט פון פּוילן און ליטע, וועלכע האָבן פאָרגעשטעלט די אָרטיקע אידישע און פּוילישע שניידער-פאַריינען; די קאָנפערענץ האָט באַהאַנדלט די פראַגע וועגן שניידער-צוזאַמענפאָר, וועגן אינטערנאַציאָנאַלע פאַריינען, וועגן שאַפן אַ צענטראַלן אָרגאַן פונם שניידער-פאַך א. א.

120. יאַגעלאָ — דעפּוטאַט פון דער 4-טער דומע, מיטגליד פון דער ס.-ד. פראַקציע, מעטאַל-אַרבעטער, מיטגליד פון פּ. פּ. ס. לעוויצע; אויסגעקליבן געוואָרן אין דומע אַלס קאַנדידאַט פונם בונדיש-פּ. פּ. ס.-ישן בלאָק, וועלכן ס׳האָט באַקעמפט די ס. ד. פון פּוילן און ליטע, און וועלכן ס׳האָבן אונטערגעשטיצט אַ טייל אידישע און פּוילישע אַרבעטער; פאַר יאַגעלאָ האָבן געשטימט אַלע וואַל-מענער פון דער קליינער און מיטעלער אידישער בורזשואַזיע, אַלס פּראָטעסט קעגן דער אָפן אַנטיסעמיטישער קאַנדידאַטור פון קוכאַרזשעווסקי; יאַגעלאָ איז אויסגעוויילט געוואָרן קעגן די שטימען פון די אַרבעטער וואַל-מענער, וועלכע האָבן געהערט צו דער ס. ד.

121. ווייטער, א. — פּסעוודאָנים פונם באַקאַנטן אידישן שרייבער א. דעוועניששקי; ביז 1907 אָנגעזעענער טוער פון בונד, שפּעטער צוליב דער פאַראייניקונג פונם בונד מיט דער ר.ס.ד.א.פּ. אינגאַנצן אָפּגעגאַנגען פון דער באַוועגונג און אָפּגעגעבן זיך דער ליטעראַטור און נאַצ.-דעמאָקראַטישער פּובליציסטיק; אין 1912 געווען פאַרשיקט קיין סיביר; אין 1919, בעת די פּאָליאַקן האָבן פאַרנומען ווילנע, איז וו. דערשאָסן געוואָרן דורך פּוילישע לעגיאָנערן.

122. גאָרעליק, ש. — ציאָניסטישער פּובליציסט און ליטעראַרישער קריטיקער.

123. ראָזענפעלד, מאָריס — געבוירן דעם 28-טן דעקאַבר 1862, געשטאָרבן דעם 22-טן יוני 1923 אין ניו-יאָרק; דער ערשטער מאָדערנער אידישער דיכטער; די ערשטע 10—15 יאָר האָבן אין זיין שאַפן געהערשט סאָציאַלע מאָטיוון, און זיינע אַרבעטער-און קאַמפס-לידער זיינען געווען זייער פּאָפּולער צווישן די אידישע פּראָלעטאַרישע מאַסן; שפּעטער האָבן אין זיין דיכטונג אָנגעהויבן אַלץ מער און מער דאָמינירן נאַציאָנאַליסטישע מאָטיוון.

124. פּ. פּ. ס. — זע ב. 2, ה. 1, באַמערק. 15.

125. זעלצער — זע ב. 2, ה. 2, באַמערק. 72.

126. די פּראַגער באָלשעוויסטישע קאָנפערענץ — פאָרגעקומען אין דעקאַבר 1911 (צוליב קאָנספּיראַטיווע טעמים איז אין באַריכט וועגן איר געווען אָנגעגעבן, אַז זי איז פאָרגעקומען אין יאַנוואַר 1912); אין דער קאָנפערענץ האָבן זיך באַטייליקט 15 דעלעגאַטן מיט שטים-רעכט, וועלכע האָבן פאָרטראָטן אַלע גרעסערע אָרגאַניזאַציעס: פּעטערבורגער, מאָסקווער, פון צענטראַלן אינדוסטריעלן ראַיאָן, קיעווער, קאַטערינאָסלאַווער, באַקוער, טיפליסער, סאַראַטאָווער, קאַזאַנער, א. א.; די קאָנפערענץ, מיט וועלכער ס׳האָט אָנגעפירט כ׳ לענין, האָט זיך קאָנסטרואירט אַלס אַלפּאַרטייאישע קאָנפערענץ, ענדגילטיק אויסגעשלאָסן פון דער פּאַרטיי אַלע מענשעוויסטישע עלעמענטן, אויסגעוויילט אַ צ. ק. און באַשטימט די פּאַרטיי-טאַקטיק אויפן פּעריאָד פונם נייעם אויפשטייג פון דער אַרבעטער-באַוועגונג.

127. די IX-טע קאָנפערענץ פון בונד — פאָרגעקומען אין יוני 1912; אין דער קאָנפערענץ האָבן אָנטייל גענומען 17 דעלעגאַטן מיט שטים-רעכט, וועלכע האָבן פאָרטראָטן 27

אָרטיקע ארגאַניזאַציעס; די קאָנפערענץ האָט באַהאַנדלט אַלע פראַגן, וואָס זיינען געווען פאַרבונדן מיט די וואַלן אין דער IV-טער דומע, באַשטימט די באַציאונג פון בונד צו דער פאָרשטייענדיקער ליקווידאַטאָרישער קאָנפערענץ, אויסגעוויילט א נייעם צ. ק. א. א. דידאָזיקע קאָנפערענץ האָט געמאַכט א סאָך צו דער וואַקלדיקער ליניע פונם בונד און ענדגילטיק פאַרבונדן אים מיט די מענשעוויקעס.

128. די ליקווידאַטאָרישע אויגוסט-קאָנפערענץ—פאָרגעקומען אין אויגוסט 1912 אין ווין; אין דער קאָנפערענץ האָבן אַנטייל גענומען אַלע קעגנער פון די באָלשעוויקעס, א טייל פון די נאַציאָנאַלע סאָצ. דעמ. אָרגאַניזאַציעס (בונד, די לעטישע ס. ד. און די קאַווקאַזער געגנט-אָרגאַניזאַציע), די טראָצקיסטן און די גרופע „וופּעריאָד"; אף דער קאָנפערענץ איז געשאַפן געוואָרן דער אַזוי גערופענער „אויגוסט-בלאָק"—פאַקטיש די מענשעוויסטישע פאַרטיי—מיטן אָרגאַניזיר-קאָמיטעט, אַלס זיין אָנפירנדיקן אָרגאַן; אינגיכן איז דער בלאָק פאַקטיש פאַנאַנדערגעפאַלן: זיינען די לעטישע ס. ד. און די טראָצקיסטן פונם בלאָק אַרויסגעטראָטן, געבליבן אין אים זיינען בלויז די רוסישע ליקווידאַטאָרן, די קאַווקאַזער און דער בונד.

129. די אַלטע „איסקראַ"—זע ב. 2, ה. 1, באַמערק. 37.

130. מאַרטאָוו, ל.—פּסעוודאָנים פון יו. צעדערבוים, איינער פון די גרינדער פון ר. ס. ד. א. פּ., טעאָרעטיקער און פירער פון די רוסישע מענשעוויקעס; נאָך פאַר דער גרינדונג פון בונד האָט מ. אַף אַן אַרבעטער-פאַרזאַמלונג אין ווילנע באַגרינדעט די נויטיקייט פון א באַזונדערער אידישער ס. ד. אָרגאַניזאַציע, שפּעטער אָבער האָט ער זיין מיינונג געביטן און אויפן 2-טן פאַרטיי-צוזאַמענפאָר (1903) שאַרף געקעמפט קעגן אָרגאַניזיר-פּרינציפּ פון בונד; ביזן II פאַרטיי-צוזאַמענפאָר צוזאַמען מיט לענינען רעדאַקטירט די „איסקראַ"; אין די מילכאָמע-יאָרן האָט מאַרטאָוו פאַרנומען א פּאַציפיסטיש-אינטערנאַציאָנאַליסטישע פּאָזיציע און באַטייליקט זיך אין דער צימערוואַלדער קאָנפערענץ; אין פעברואַל—אָקטיאַבער 1917 פירער פון די מענשעוויקעס-אינטערנאַציאָנאַליסטן; נאָך דער אָקטיאַבער-רעוואָלוציע אַפּגעגאַנגען רעכטס און געקעמפט קעגן דער ראַטנמאַכט; אין 1922 עמיגרירט קיין אויסלאַנד, וואו ער האָט פאָרגעזעצט זיין קאַמף קעגן דער קאָמוניסטישער פאַרטיי און דער ראַטנמאַכט; געשטאָרבן אין 1924.

131. קאָסטראָוו—פּסעוודאָנים פונם באַקאַנטן פירער פון די גרוזינער מענשעוויקעס נ. זשאָרדאַניאַ; איינער פון די עלטסטע גרוזינער ס. ד., אַנטיילנעמער פון אַלע פאַרטייאישע צוזאַמענפאָרן און קאָנפערענצן, דעפּוטאַט פון דער 1-טער דומע; פּרעמיער-מיניסטער אין דער גרוזינישער מענשעוויסטישער רעגירונג; נאָך דער אויפשטעלונג פון דער ראַטנמאַכט אין גרוזיע עמיגרירט קיין אויסלאַנד, וואו ער זעצט פאָר זיין קאַמף קעגן ראַטנפאַרבאַנד.

132. דער II-טער צוזאַמענפאָר פון די רוסישע מאַרקסיסטן—ס'מיינט דער צווייטער צוזאַמענפאָר פון ר. ס. ד. א. פּ.; זע ב. 2, ה. 1, באַמערק. 42.

133. פּלעכאַנאָוו, ג.—זע ב. 2, ה. 2, באַמערק. 96.

134. קאָקאָווצעוו—פינאַנץ-מיניסטער אין סטאָליפּינס קאַבינעט; נאָך סטאָליפּינס דערמאָרדונג—פּרעמיער-מיניסטער; איצט אין עמיגראַציע.

135. גוטשקאָוו, א.—גרינדער פונם „אָקטיאַבריסטן-פאַרבאַנד", פאָרזיצער פון דער III-טער דומע; אין די מילכאָמע-יאָרן פאָרזיצער פון צענטראַלן מיליטער-אינדוסטריעלן קאָמיטעט; נאָך דער פעברואַל-רעוואָלוציע קריגס-מיניסטער אין דער ערשטער צייטווייליקער רעגירונג; אַקטיווער פירער פון דער קאָנטר-רעוואָלוציע; אין 1921 עמיגרירט קיין אויסלאַנד.

136. פּאָטרעסאָוו—מיטגליד פונם „פאַרבאַנד צו קעמפן פאַר דער באַפרייאונג פונם אַרבעטער-קלאַס"; רעדאַקציע-מיטגליד פון „איסקראַ"; פונם II-טן פאַרטיי-צוזאַמענפאָר איינער פון די פירער פון די מענשעוויקעס; אין די רעאַקציע-יאָרן עקסטער ליקווידאַטאָר; אין דער צייט פונם קריג סאָציאַל-פּאַטריאָט; פאַרביסענער קעגנער פון דער ראַטנמאַכט.

137. די פּאָראָנער באַראַטונג (1913)—אַזוי האָט מען צוליב קאָנספּיראַטיווע טאַמים אָנגערופן די באַראַטונג באַם צ. ק. פון דער ר. ס. ד. א. פּ., וועלכע איז פאָרגעקומען סאָף דעקאַבער 1912 אין קראָקע (גאַליציע); אין דער באַראַטונג האָבן אַנטייל גענומען: לענין, סטאַלין, קאַמענעוו, זינאָוויעוו, קרופּסקאַיאַ, די באָלשעוויסטישע דומע-דעפּוטאַטן פּעטראָווסקי (פאָרזיצער פון וואָרציק), באַדאַיעוו און מוראַנאָוו א. א.

138. די זומערדיקע באראטונג (1913)—אזוי האט צוליב קאָנספּיראַטיווע טאַימים געהייסן די באראטונג באם צ. ק. פון ר. ס. ד. א. פּ., וועלכע איז פּאָרגעקומען דעם 25—30 סענטיאבר 1913 אין גאליציע; אין דער באראטונג האבן אנטייל גענומען: וו. אי. לענין, נ. קרופּסקאיא, זינאָוויעוו, קאמענעוו, טראָיאנאווסקי, ראזמיראָוויטש, פּאָרשטייער פון פּ. ס. ד. פון דער באָלשעוויסטישער דומע-פראקציע א.א.

139. טשכענקעלי—מענשעוויסטישער דעפּוטאט פון דער IV דומע, איינער פון די פירער פון די גרוזינישע סאָצ. דעמ.

140. קערענסקי, א.—דעפּוטאט פון דער IV-טער דומע, פירער פון די „טרודאָוויקעס"; אין די מילכאָמע-יאָרן—סאָציאל-פּאַטריאָט; נאָך דער פעווראל-רעוואָלוציע צוערשט יוסטיץ-מיניסטער און נאָך דער באלשעוויסטישער יולי-ארויסטרעטונג פּרעמיער און הויפּט-קאָמאנדיר; אויפגעשטעלט די טויט-שטראָף אַפן פראָנט, לויט דער פּאָדערונג פון די אויסלענדישע און היימישע אימפּעריאליסטן אָרגאניזירט דעם יוני-אָנגריף; אָנגעווענדעט פאַרשיידענע רעפּרעסיווע מיטלען קעגן די באָלשעוויקעס; פּאַקטיש צוגעגרייט די קאָנטער-רעוואָלוציאָנערע ארויסטרעטונג פונם גענעראל קאָרנילאָוו; אין די אָקטיאבער-טעג געפּרואווט אָרגאניזירן א באַוואָפנטן ווידערשטאנד, נאָך דער מאפּאָלע אנטלאָפן; איצט אין עמיגראציע.

141. סטאלין, י.—פּסעוודאָנים פון א. דזשוגאשווילי, פּאַרטיי-מיטגליד פון 1898, איינער פון די אָנגעזעענסטע פּאַרטיי-טוער, אנטיילנעמער פון א ריי פּאַרטיי-צוזאַמענפאָרן און קאָנפערענצן; פון 1912 מיטגליד פון צ. ק.; אלס מיטגליד פון דער רוסלענדישער ביוראָ פון צ. ק., אָנגעפירט מיט דער אומלעגאלער אַרבעט אין רוסלאנד, געווען ארעסטירט און פאַרשיקט קיין סיביר; צוזאַמען מיט לענינען צוגעגרייט און דורכגעפירט די אקטיאבער-רעוואָלוציע; אין 1917 רעדאקטירט די „פּראוודא"; נאָך דער אָקטיאבער-רעוואָלוציע פּאָלקאָמנאָץ, אין 1921—1923 פּאָלקס-קאָמיסאר פון דער ארבעטער-און פויערים-אינספּעקציע; נאָך לענינס טויט איינער פון די פּראַנטוואָרטלעכסטע פירער און אָרגאניזאטאָר פון דער פּאַרטיי און פּאַרטיידיקער פון דער לעניניסטישער ליניע; אוועקאָר פון א ריי ווערק, וואס באַקעמפן דעם טראָצקיזם און די „נייע אָפּאָזיציע" (זינאָוויעוו—קאַמענעוו).

142. שפּרינגער, רודאָלף—זע ב. 2, ה. 2, באמערק. 88.

143. פרידמאן, נ.—אידישער דעפּוטאט אין דער III און IV דומעס פון קאָוונער גוב.; ק. ד.

144. „נאָווי וואָסכאָד" („דער נייער אויפגאַנג") — אָרגאן פון דער אידישער „פּאָלקס-גרופּע"; פּאָרזעצונג פונם זשורנאל „וואסכאד" (זע ב. 2, ה. 1, באַמערק. 46), דערשינען אין פּעטערבורג און אין מאָסקווע אין 1910—1918.

145. די „העלסינגפאָרסער פּראָגראם"—זע ב. 2, ה. 1, באמערק. 8.

146. „האַמבורג"—ס'ווערט געמיינט דער V-טער צוזאַמענפאָר פון די רוסלענדישע ציאָניסטן, וועלכער איז פּאָרגעקומען סאָף 1909 אין האמבורג (ערעוו דעם IX-טן אלוועלטלעכן ציאָניסטישן קאָנגרעס); אַפן דאָזיקן צוזאַמענפאָר האָבן די רוסלענדישע ציאָניסטן, אונטערן דרוק פון דער רעאקציע, פּאַקטיש זיך אינגאַנצן אָפּגעזאָגט פון דער קעגנווארט-ארבעט („העלסינגפאָרסער פּראָגראם").

147. זשאבאָטינסקי, וול.—זע ב. 2, ה. 2, באמערק. 60.

148. די וואַרשעווער אָפּאָזיציע פון פּ. ס. ד.—די אָפּאָזיציע פון דער ווארשעווער ארגאניזאציע קעגן דער הויפּט-פּארוואלטונג (צ. ק.) האט זיך בוילעט אַרויסגעוויזן נאָך אַף דער שטאָטישער קאָנפערענץ אין דעקאבר 1911, וועלכע האט אָנגענומען א ריי רעזאָלוציעס קעגן דער הויפּט-פּארוואלטונג און געפּאָדערט מער זעלבשטענדיקייט פאַר די אָרטיקע אָרגאניזאציעס; די „ווארשעווער אָפּאָזיציע" האט פּאַרטיידיקט א ריי לענינס אנשויאונגען קעגן ראָזע לוקסעמבורג; די ה. פּ. האט פאנאנדערגעלאזן די ווארשעווער אָרגאניזאציע, מאָטיווירנדיק דאָס דערמיט, וואס זי איז קלוימערשט א „געווער אין די הענט פון דער אָכראנקע"; די באָלשעוויסטישע פעווראל-באראטונג (1913) האט שארף פאַרורטיילט די מיטלען, מיט וועלכע די ה. פּ. באקעמפט די ווארשעווער אָפּאָזיציע.

149. ווינאווער, מ.—זע ב. 2, ה. 1, באמערק. 157.

150. דמאווסקי, ר.—דומע-דעפוטאט פון ווארשע. פירער פון די גאראָדאווע דעמאָקראטן; אידעאלאָג פון דער פוילישער אינדוסטריעלער בורזשואזיע, פריידיקער פון דער באָיקאָט-באוועגונג קעגן די אידן; אויסערן-מיניסטער אין וויטאסעס קאבינעט (1923).

151. קאַדעטן—זע ב. 2, ה. 2, באַמערק. 42.

152. דעם 16-טן אָקטיאבר 1913 האָבן די 6 דעפוטאטן-באָלשעוויקעס דערלאנגט א מעלדונג די 7 דעפוטאטן-מענשעוויקעס, אין וועלכער ס'זיינען געווען פאָרמולירט די אולטימאטיווע באַדינגונגען, באַ וועלכע זיי האָלטן געקאָנט בלייבן אין א געמיינזאַמער סאצ. דעמ. פראַקציע. די וויכטיקסטע פון דידאָזיקע באַדינגונגען איז געווען, אַז די 7 מענשעוויסטישע דעפוטאטן זאָלן ניט מאיאָריזירן די 6 באָלשעוויסטישע, די לעצטע זאָלן אין אַלע פראַגן פון דער דומע-ארבעט האָבן דיזעלביקע רעכט, ווי די 7.

153. באַדאיעוו, א.—באָלשעוויסטישער דעפוטאט פון דער IV-טער דומע, אויסגעקליבן פון דער פעטערבורגער אַרבעטער-קוריע; איינער פון די גרינדער און אָפיציעלער ארויסגעבער פון „פראוודא”; סאָף 1914 געווען ארעסטירט אַף אַן אומלעגאַלער פאַרטיי-קאָנפערענץ און פאַרשיקט געוואָרן קיין סיביר.

154. פעטראָווסקי, ג.—א מעטאליסט-ארבעטער, באָלשעוויסטישער דעפוטאט פון דער 4-טער דומע (פון קאטערינאסלאווער גוב.), צוזאַמען מיט די איבעריקע באָלשעוויסטישע דעפוטאַטן געווען אַרעסטירט און פאַרשיקט קיין סיביר; אין 1917—1919 פאָלקאָמיגערן; זינט דעמאָלט פאָרזיצער פון צ. א. ק. פון אוֹ. ס. ס. ר. און איינער פון די פאָרזיצער פונם צ. א. ק. פון פ. ס. ס. ר.

155. מאלינאווסקי—באָלשעוויסטישער דעפוטאט פון דער IV-טער דומע, אויסגעקליבן פון דער מאָסקווער אַרבעטער-קוריע; ווי ס'האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, איינצייטיק געדינט אין דער מאָסקווער „אָכראנקע”; אין 1913 אנטלאָפן קיין אויסלאנד; אין 1918 אומגעקערט זיך קיין פעטערבורג, וואו מע האָט אים לויטן אורטייל פונם העכסטן רעוואָלוציאָנערן טריבונאַל צעשאָסן.

156. ניט פאַרשמעלערטע לאָזונגען—אזוי האט מען גערופן די דריי הויפּט-לאָזונגען, וועלכע ס'האָבן די גאַנצע צייט נאָך דער נידערלאַגע פון דער ערשטער רעוואָלוציע אַרויסגעשטעלט די באָלשעוויקעס: א רעפּובליק, 8-שאָעדיקער ארבעטס-טאָג און די קאָנפיסקירונג פון דער גאַנצער ערד; די ליקווידאַטאָרן האָבן דידאָזיקע לאָזונגען פאַרשמעלערט און פאַרביטן זיי מיט דער פאָדערונג פון א פולמעכטיקער דומע, קאָאליציע-פרייהייט א.ד.גל.

157. די ווילנער רעזאָלוציע—ס'רעדט זיך פון דער רעזאָלוציע פון ווילנער פריקאזטשיקעס-פאַריין וועגן רו-טאָג, וועלכע איז אָנגענומען געוואָרן אַף איינער פון די אלגעמיינע פאַרזאַמלונגען פאַרן פריקאַזטשיקעס-צוזאַמענפאָר; אין דערדאָזיקער רעזאָלוציע הא͏ָט די פאַרזאמלונג „פאָרפליכטעט אירע דעלעגאַטן צו פאָדערן, אז דער געזעץ זאָל קלאָר און דייטלעך גאראַנטירן יעדער נאַציאָנאַלער גרופּע האנדלס-אָנגעשטעלטע די פאַקטישע מעגלעכקייט צו רוען אין די טעג, וועלכע רעכענען זיך פאַר יאָנטויוים אין זייער ארומיקער סוויווע, דערביי דאַרף אין געזעץ קלאָר געזאָגט ווערן, אַז אלס רו-טעג רעכענען זיך: זונטיק—פאַר קריסטן, שאַבעס—פאַר אידן און פרייטיק—פאַר מוסולמענער; אין דעמזעלבן גייסט דאַרף אויך גאַראַנטירט ווערן די יאָנטעוו-רו”. („די צייט”, 1913, נומ. 17).

158. דער IV אַלרוסלענדישער פריקאזטשיקעס-צוזאַמענפאָר איז פאָרגעקומען אין סענטיאבר 1913 אין מאָסקווע. דאָס האָט געזאָלט זיין אַ צוזאַמענפאָר דעריקער פון די אַלטע האלבפילאַנטראפישע קאנסערוואטיווע פריקאַזטשיקעס-געזעלשאפטן פאר קעגנזייטיקער הילף, נאר פאַקטיש איז אַף אים אויך געווען פארטראָטן א גרויסער טייל פון די פראפעסיאנעלע פריקאזטשיקעס-פאריינען. פון די אידישע האַנדלס-אָנגעשטעלטע זיינען געווען אויסגעקליבן ביז 50 דעלעגאַטן, נאָר צוליב דעם פריערדיקן פאַרבאָט צו דערלויבן די אידישע דעלעגאַטן צו קומען קיין מאָסקווע, האבן זיך אין צוזאמענפאָר באַטייליקט בלויז באַ 20 אידישע דעלעגאטן. די פאָליציי האָט די גאנצע צייט געשטעלט דעם צוזאַמענפאָר אויסערגעוויינלעכע שוועריקייטן אין דער ארבעט: אַ ריי פראַגן אַראָפּגענומען פון טאָג-אָרדענונג, אָפּגעשטעלט די רעדנער־

צוגעמאַכט די זיצונגען א.א.וו. אַפן דריטן טאָג איז דער צוזאַמענפאָר, לויטן באַפעל פונם אינערן-מיניסטער, אינגאַנצן פאַרבאָטן געוואָרן.

159. קאַמענעוו, י.—זע ב. 2, ה. 2, באמערק. 99.

160. „דער מאָמענט"—קלעריקאַל-ציאָניסטישע טעגלעכע צייטונג, דערשינען אין ווארשע זינט 1909.

161. די באַגריסונג, וואָס דער ווילנער בונדישער קאָלעקטיוו האָט געשיקט דער באָלשעוויסטישער פראַקציע, האָט שטאַרק צערודערט דעם צ. ק. פון בונד, וועלכער האָט די גאַנצע צייט געפירט אַ העפטיקן קאַמף קעגן די באָלשעוויסטישע דעפוטאַטן; קיין ווילנע איז ספּעציעל אראָפּגעקומען דער צ. ק.-מיטגליד ב. מיכאַלעוויטש, וועלכער האָט אין מעשעך פון עטלעכע שאָ איינגעטאַינעט מיטן קאָלעקטיוו, ער זאָל די באַגריסונג, וועלכע דיסקרעדיטירט דעם צ. ק., אָפּרופן אָדער, לעפּאַכעס, אף אַ דיפּלאָמאַטישן אויפן אזוי „דערקלערן", אז זי זאָל פאַקטיש אנולירט ווערן; דער קאָלעקטיוו איז אָבער געבליבן בא זיינס. ביכלאל האָט זיך צו יענער צייט (ערעוו דעם קריג) אָנגעהויבן גאַנץ בוילעט ארויסווייזן, אז דער צ. ק. פון בונד שפּיגלט ווייט ניט אָפּ די שטימונגען פון די פּראָלעטאַרישע טיילן פון זיינע אָרגאַניזאַציעס; אזוי, לעמאָשל, האָט די בונדישע קאָנפערענץ פון ווילנער—קאַוונער גוב., וועלכע איז פאָרגעקומען אָנהויב יולי 1914, וועגן פּאָליטישן מאָמענט אָנגענומען קימאַט אַן אויסגעהאַלטענע באָלשעוויסטישע רעזאָלוציע און אלס דעלעגאַט אַפן VIII צוזאמענפאָר, וועלכער האָט געזאָלט פאָרקומען אין אווגוסט 1914, אויסגעוויילט דעם קאַנדידאַט פון די לינקע, ניט קוקנדיק אף אלע מיטלען, וואָס דער מיטגליד פון צ. ק. מיכאַלעוויטש, האָט קעגן דעם אָנגענומען: אין מינסק איז פאַרבאַלאָטירט געוואָרן דער אַגענט פון צ. ק., ש. באַרכאַן (ליקווידאַטאָר) און ס'זיינען אלס דעלעגאַטן אויסגעוויילט געוואָרן די באָלשעוויסטיש געשטימטע אַרבעטער גדאליע ליבא און אַלטער רומאַנאָוו; אין פּינסק איז פאַרבאַלאָטירט געוואָרן די קאַנדידאַטין פון צ. ק. און ס'איז אויסגעוויילט געוואָרן דער באָלשעוויסטיש געשטימטער האַנדלס-אָנגעשטעלטער ליאָלע האַלפּערין.

162. יאַנקאָוו—פּסעוודאָנים פון פּ. קאָיגען; איינער פון די עלטסטע און אָנגעזעענסטע פירער פון בונד: אָנגעהויבן זיין רעוואָלוציאָנערע טעטיקייט אין די „גראָדנאָ-וואָלטשעסקע" קרייזלעך, איז ער אין 1892 אריבערגעגאַנגען אין די ס. ד. קרייזן פון דאָרעם-רוסלאַנד, אינגיכן געוועזן ארעסטירט און נאָך 2 יאָר טפּיסע פאַרשיקט געוואָרן אף 4 יאָר קיין סיביר; פון 1902 אָנגעהויבן אַקטיוו אַרבעטן אין בונד; פון 1903 מיטגליד פון צ. ק.; דעלעגאַט אַפן סטאָקהאָלמער (1906) און לאָנדאָנער (1907) פּאַרטיי-צוזאַמענפאָרן; אין די מילכאָמע-יאָרן פאַרנומען אַ אינטערנאַציאָנאַליסטישע פּאָזיציע; אין 1921 צוזאַמען מיטן בונד אריינגעטראָטן אין ר. ק. פּ., געוועזן פּאַרוואַלטער פון אגיטפּראָפּ באַם וואָטישן געגנט-קאָמיטעט פון ר. ק. פּ.; געשטאָרבן דעם 22-טן אָקטיאַבר 1923 אין מעראַן, איטאַליע.

163. ליבמאַן, פּ.—זע ב. 2, ה. 2, באַמערק. 105.

164. די אינטערנאַציאָנאַלע קאָנפערענץ אף צו פאַרייניקן די ר. ס. ד. א. פּ.—לויט דער איניציאַטיוו פון דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָצ. ביוראָ איז ערעוו דער מילכאָמע אין בריוסעל (בעלגיע) פאָרגעקומען אַ באַראַטונג פון פאַרטרעטער פון אלע ריכטונגען אין דער ר. ס. ד. א. פּ., וועלכע האָט געדאַרפט אויסגעפינען מיטלען, ווי אזוי צו פאַרייניקן די פּאַרטיי; פאַקטיש אָבער האָבן זיך אף דער באַראַטונג אלע ריכטונגען פאַרייניקט קעגן די באָלשעוויקעס; לויט די דירעקטיוון פון צ. ק. האָבן די באָלשעוויסטישע פאַרשטייער אף דער באַראַטונג ארויסגעזאָגט זיך קעגן דער פאַרייניקונג מיט די ליקווידאַטאָרן און מיט דער גרופּע „וופּעריאָד"; אזוי ארום האָט די באַראַטונג קיין שום רעזולטאַטן ניט געגעבן.

165. ליבא, גדאַליע—אַ בערשטער-אַרבעטער, מיטגליד פון צ. ב. פונם בערשטער-פאַרבאַנד זינט 1909; אַ באָלשעוויסטיש געשטימטער בונדיסט, אין 1921 צוזאַמען מיטן בונד אריינגעטראָטן אין ר. ק. פּ. איצט אַ פאַראַנטוואָרטלעכער ווירטשאַפטלער.

166. די צימערוואַלדער קאָנפערענץ—דער ערשטער פּרוּוו צו שאַפן אַפן אָרט פון באַנקראָטירטן II אינטערנאַציאָנאַל אַ אינטערנאַציאָנאַלע פאַרייניקונג פון די רעוואָלוציאָנערע פּראָלעטאַרישע פּאַרטייען; פאָרגעקומען דעם 5—8 סעפּטיאַבר 1915 אין צימערוואַלד (שווייצאַריע); צו דער קאָנפערענץ זיינען געקומען פאַרטרעטער פון דייטשלאַנד, פראַנקרייך, איטאַליע, באַלקא-

נישע מעלוכעס, שוועדן, נאָרוועגיע, פוילן, רוסלאַנד, האלאנד און שווייצאריע; די קאָנפערענץ האָט אָנגענומען אַ מאניפעסט, וועלכער דעקט אויף דעם אימפעריאליסטישן כאַראַקטער פון דער מילכאָמע און רופט צו וועקן דעם רעוואָלוציאָנערן גייסט באַם אינטערנאַציאָנאַלן פראָלעטאַריאַט; די לינקע גרופּע פון צימערוואלד, וועלכע איז באַשטאַנען פון פארשטייער פונם באַלשעוויסטישן צ. ק. פ. ס. ד. און די דייטשישע „ספארטאקיסטן" (לענין, קארל ליבקנעכט, ראָזע לוקסעמבורג א. א.) איז אף דער קאנפערענץ די גאנצע צייט ארויסגעטראָטן זעלבשטענדיק און האָט אפן גערופן צו בילדן א נייעם פראָלעטארישן אינטערנאַציאנאַל און פאַרוואַנדלען דעם אימפעריאליסטישן קריג אין אַ בירגער-קריג.

167. קאסאָווסקי, וו. ל.—זע ב. 2, ה. 2, באמערק. 68.

168. שיידעמאן, פ.—אַ דייטשישער דרוקער-אַרבעטער; אין דער ס. ד. פאַרטיי פון 1883; יונגערהייט געהערט צום לינקן אָרטאָדאָקסישן פליגל פון דער פאַרטיי; פון 1903 דעפּוטאַט פון פארלאַמענט, פון 1912—מיטגליד פון צ. ק., פרעזידיום-מיטגליד פון דער ס. ד. פאַרלאַמענט-פראַקציע; פון אָנהויב פונם קריג פירער פון די עקסטע סאָציאַל-פאַטריאָטן; אין דער צייט פון דער רעוואָלוציע (1918) פרעמיער-מיניסטער פון דער סאָציאַל-אָפּאָרטוניסטישער רעגירונג; צוזאַמען מיט נאסקע געהאָלפן דערשטיקן די פּראָלעטאַרישע ריכטונג אין דער רעוואָלוציע און אף אַזאַ אויפן געראַטעוועט די דייטשישע בורזשואַזיע.

169. זיודעקום—דייטשישער סאָציאַל-שאָוויניסט, מיניסטער אין שיידעמאַנס קאַבינעט; גלייך נאָכן אויסברוך פונם קריג באזוכט א ריי נייטראַלע מעלוכעס, וואו ער האָט אַגיטירט פארן דייטשישן אימפעריאליזם.

170. קאוטסקי, ק.—זע ב. 2, ה. 1, באמערק. 13.

171. מיליטער-אינדוסטריעלע קאָמיטעטן—פאַטריאָטיש-געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן געדאַרפט מיטווירקן דער באַזאָרגונג פון דער צארישער אַרמיי מיט קריגס-מאַטעריאַלן; קעדיי צו פארזיכערן די קאפּיטאַליסטן פון שטרייקן און אנדערע ארויסטרעטונגען פון די אַרבעטער און קעדיי אריבערצוציען די לעצטע אף דער זייט פון דער מילכאָמע, האָט די אימפעריאליסטישע בורזשואַזיע, וואָס האָט אָנגעפירט מיט די קאָמיטעטן, געשאַפן בא זיי אַרבעטער-גרופּן, וועלכע האָבן זיך קלוימערשט געדאַרפט זאָרגן פאַר די אינטערעסן פון די אַרבעטער און אף אַ פרידלעכן אויפן אנטשיידן אַלע אנטשטייענדיקע קאָנפליקטן; די באָלשעוויקעס זיינען געווען קעגן באַטייליקן זיך אין די מ.-א. קאָמיטעטן, נאָר זיי האָבן ברייט אויסגענוצט די לעגאַלע פארזאַמלונגען, וואָס זיינען געווען צונויפגערופן אף צו וויילן דעלעגאַטן אין די אַרבעטער-גרופּן, אף צו אַגיטירן קעגן דער מילכאָמע. די ליקווידאַטאָרן, פאַרקערט, האָבן גענומען אַן אַקטיוון אנטייל אין די מ.-א. קאָמיטעטן און האָבן אומעטום אָנגעפירט מיט די אַרבעטער-גרופּן.

172. די כאַרקאָווער באראַטונג פון בונד—פאָרגעקומען אין מאַי 1916; אין דער באַראַטונג האָבן זיך באַטייליקט 7 דעלעגאַטן פון די אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס (מינסק, האָמעל, כאַרקאָוו, קרעמענטשוג, קאַטערינאָסלאַוו און פעטערבורג) און 2 מיטגלידער פון צ. ק.

173. גויסמאַנס, פ.—סעקרעטאַר פון דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָצ. ביוראָ פונם II אינטערנאַציאָנאַל פאַר און בעת דעם אימפעריאליסטישן קריג, אָנגעזעענער פירער פון דער בעלגישער סאָציאַליסטישער פאַרטיי; אויסגעשפּראָכענער סאָציאַל-פאַטריאָט.

174. „פּראָגרעסיווער בלאָק"—אַזוי האָט געהייסן דער בלאָק פון דער ליבעראַל-בורזשואַזער אָפּאָזיציע מיט די מעסיק רעכטע פראַקציעס פון דער IV דומע, וועלכער האָט זיך אָרגאַניזירט אין האַרבסט 1915; דער הויפּט-לאָזונג פון בלאָק איז געווען „אַלץ פאַר דער מילכאָמע!" אף וויפל די צאַרישע ביוראָקראַטיע האָט בווילעט אַרויסגעוויזן איר אומפעאיקייט צו פירן די מילכאָמע, איז דער בלאָק דערפאַר פון צייט צו צייט שאַרף ארויסגעטראָטן קעגן די צאַרישע מיניסטאָרן.

175. זינאָוויעוו, ג.—זע ב. 2, ה. 2, באמערק. 100.

176. דאוויד—אָנגעזעענער פירער פון רעוויזיאָניסטישן פליגל פון דער דייטשישער ס. ד.; סאָציאַל-פאַטריאָט, מיניסטער אין שיידעמאַנס קאַבינעט.

177. ו א נ ד ע ר ו ע ל ד ע—פירער פון דער בעלגישער סאָצ. פּאַרטיי, פּאָרזיצער פון דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָצ. ביוראָ פונם II אינטערנאַציאָנאַל; אין דער צייט פונם קריג מיניסטער אין קאָבינעט פון „נאַציאָנאַלער שוץ"; קעגנער פון דער אָקטיאבער-רעוואָלוציע; אין 1922 געקומען קיין ראַטנרוסלאַנד פאַרטיידיקן די ס. ר.; אדהאיאם פירער פון II אינטערנאַציאנאל.

178. ט ש כ ע א י ד ז ע—דעפּוטאַט פון דער III און IV דומע; פירער פון דער מענשעוויסטישער דומע-פראַקציע; בענויגייע צום קריג פאַרנומען א וואקלדיקע, אבער נעענטער צו די סאָציאַל-פּאַטריאָטן, פּאָזיציע; נאָך דער פעווראַל-רעוואָלוציע פּאָרזיצער פונם פּעטערבורגער אַרבעטער-ראַט; אָנהענגער פון קאָאַליציע מיט דער בורזשואזיע; נאָך דער אָקטיאבער-רעוואָלוציע אָפּגעגאנגען פון פּאָליטישן לעבן; שפּעטער עמיגרירט קיין אויסלאַנד; אין 1926 באַגאַנגען זעלבסטמאָרד.

179. ר ע נ א ד ע ל—פירער פונם רעכטן פליגל פון דער פראַנצויזישער סאָצ. פּאַרטיי אויסגעשפּראָכענער סאָציאַל-פּאַטריאָט.

180. ג וו אָ ז ד ע וו—אַ פּעטראָגראַדער אַרבעטער, עקסטער ליקווידאַטאָר; פּאָרזיצער פון דער אַרבעטער-גרופּע באַם צענטראַלן מיליטער-אינדוסטריעלן קאָמיטעט; נאָך דער פעווראַל-רעוואָלוציע געהילף פון אַרבעטס-מיניסטער אין קערענסקיס רעגירונג.

181. ל ע ג י ן, ק.—פירער פון דייטשישע סאָצ. דעמאָקראַטישע פראַפאַריינען, איינער פון די עלטסטע רעפאָרמיסטן אין דער דייטשישער ס. ד. פּאָרזיצער פון דער אינטערנאַציאָנאַלער ביוראָ פון די פראַפאַריינען; סאָציאַל-פּאַטריאָט; געשטאָרבן אין 1920.

182. „אָ ר ט"—„געזעלשאַפט צו פאַרשפּרייטן מלאָכע און ערד-אַרבעט צווישן די אידן אין רוסלאַנד"; בורזשואַז-פילאַנטראָפּישע געזעלשאַפט, וועלכע איז אנטשטאַנען אין 1889 („האַנט-ווערקער-פאָנד"); ביז נאָך דער ערשטער רעוואָלוציע האָט דער „פאָנד" קימאַט ניט ארויכגעוויזן קיין שום סימאָנים פון לעבן; פון 1909—1910 האָט די געזעלשאַפט אָנגעהויבן מיטווירקן דער געווערב-קאָאָפּעראַציע און פּראָפעסיאָנעלער בילדונג, אויספאָרשן דעם מאַצעוו פון דער אידישער קוסטאַרישער אינדוסטריע א. א. וו. א ברייטע ארבעט האָט „אָרט" אַנטוויקלט אין די מילכאָמע-יאָרן; אין אָט דעם פּעריאָד האָבן אין די ארטיקע אָפּטיילונגען פון דער געזעלשאַפט געהאַט א גרויסע האַשפּאָע די אידישע נאַציאָנאַל-סאָציאַליסטישע פּאַרטייען (ס. ס. און בונד).

183. ב ר א מ ס א ן, ל.—דעפּוטאַט פון דער 1-טער דומע פון קאָוונער גוב., „טרו-דאָוויק", ליבעראַל-דעמאָקראַטישער אידישער קלאַל-טוער.

184. „ג אָ ל אָ ס" („די שטימע")—לעגאַלער אָרגאַן פון די מענשעוויקעס-אינטערנאַ-ציאָנאַליסטן, דערשינען אין סאַמאַרע אין 1916, אַנשטאָט דער אָפּגעשטעלטער צייטונג פון דערזעל-ביקער ריכטונג „נאַש גאָלאָס" („אונזער שטימע").

185. ד י ב א וו א ו ס ט ע צ י ר ק ו ל י א ר ן—ס'רעדט זיך וועגן די צירקוליארן פון פּאָ-ליציי-דעפּאַרטאַמענט און פינאַנץ-מיניסטער, אין וועלכע די אידן זיינען באַשולדיקט געוואָרן אין וואוקס פונם יאַקרעס, אין פארשווינדן פון קליינגעלט, אין אונטערציגנדן די טוואַרע אף די פּעל-דער א. ד. ג.

186. ש י נ ג א ר ע וו, א.—איינער פון די פירער פון דער קאַדעטישער דומע-פראַקציע, פינאַנץ-מיניסטער אין דער צייטווייליקער רעגירונג (ביזן 2-טן יולי); נאָך דער אָקטיאבער-רעוואָלוציע דערהאַרגעט געוואָרן צוזאַמען מיטן קאַדעט קאָקאָשקין דורך א גרופּע סאָלדאַטן און מאַטראָסן, וועלכע האָבן זיך אריינגעריסן אין שפּיטאָל, וואו זיי זיינען געלעגן קראַנק.

187. ס ק א ב ע ל ע וו, מ.—אין 1911—1912 צוזאַמען מיט טראָצקין ארויסגעגעבן אין ווין די צייטשריפט „פּראַוודאַ". מענשעוויסטישער דעפּוטאַט פון דער 4-טער דומע, וויצע-פּאָר-זיצער פון פּעטראָגראַדער אַרבעטער-ראַט; אַרבעטס-מיניסטער אין קערענסקיס קאָבינעט, שפּעטער אריינגעטראָטן אין ר. ק. פּ. איצט מיטגליד פון הויפּטקאָנצעסקאָם.

188. ע ר ל י ך, ה.—מיטגליד פון צ. ק. פון בונד, נאָך דער פעווראַל-רעוואָלוציע מיט-גליד פונם אויספירקאָם פון פּעטראָגראַדער ראַט; דעלעגאַט פון מענשעוויסטיש-עסערישן צ. א. ק.

קיין סטאָקהאָלם אף צו אָרגאניזירן אַ אינטערנאציאָנאלע סאָציאליסטישע קאָנפערענץ; איצט אין פוילן, פירער פונם רעכטן בונד.

189. באלפור—ענגלישער רעאקציאָנער-בורזשואזער פּאָליטישער טוער; אין די מיל-כאָמע-יאָרן יאם-און אויסערן-מיניסטער; אווטאָר פון דער באַרימטער דעקלאראציע וועגן פּא-לעסטינע.

190. ווילסאָן, וואודרא—פּרעזידענט פון די פאריייניקטע שטאטן פון צאָפן-אמע-ריקע; ניט געקוקט אף אלע פּאציפיסטישע דראָשעס און פּראָיעקטן, האָט ער ארייגעצויגן דאָס לאנד אין אימפּעריאליסטישן וועלט-קריג און אַקטיוו באטייליקט זיך אין אויסארבעטן די רויבע-רישע באדינגונגען פונם ווערסאלער שאָלעם; געשטאָרבן אין 1924.

וויכטיקערע דרוק-פעלערן:

זייט 9 שורע 17 פון אויבן אנשטאט „1108“ דארף זיין „1908“.
„ 115 „ 25 „ „ „ „באוואוסטזיניקע“ „ „ „אומבאוואוסטזיניקע“
„ 148 „ 11 פון אונטן „ „פּעטערבורג“ „ „ „אין די גרעסערע אינ-דוסטריעלע צענטרען“
„ 174 „ 1 פון אויבן „ „באפרייאונג“ „ „ „פּראָפּבאוועגונג“.
„ 232 „ 16 „ „ נאָך די ווערטער „אידישע ארבעטער“ „ „ „פון ריגע“.
„ 275 „ 5 „ „ אנשטאָט „דערפאר האָבן“... „ „ די באָלשעוויקעס האָבן“...
„ 288 „ 2 פון אונטן באכן ווארט „שטרייט“ איז צופעליק ארויסגעפאלן די אונטערשו-רע-באמערקונג, אז ס'האנדלט זיך וועגן דער אומלעגאלער בערשטער-בארא-טונג, וועלכע איז פארגעקומען הארבסט 1916 אין ניזשני.
„ 304 די לעצטע 2 שורעס דארפן אינגאנצן אנולירט ווערן, ווייל זיי באציען זיך צו יענעם טייל פונם בריוו, וועלכער איז אין לעצטן מאָמענט אויסגעשלאסן געוואָרן פון טעקסט.
„ 344 באמערקונג נום. 47, שורע 2, נאָך די ווערטער „אנהויבנדיק פונם“ דארף זיין „זיין IV צוזאמענפאָר אין 1901 און אפן“.
„ 345 באם. 68, שורע 5, אנשטאט „סאציאלדעמאקראטישע“, דארף זיין „סאציאל-פּאַט-ריאטישע“.
„ 350 „ 121, שורע 2, נאָך די ווערטער „רסדאפּ“ דארף זיין „אפיציעל ארויס-געטראָטן פון בונד“.

ביבליאָגראַפיע.

(פאַרטיי-פרעסע און ליטעראַטור פון דער אידישער אַרבעטער-באַוועגונג פאַר די יאָרן 1908—1916).

בונד.

1. „די גארבער-שטימע“, האלבמאָנאטלעכער זשורנאַל, ווילנע. נומ. 1, מאַרט 1908. (דערשינען אויך אין רוסיש).

2. „פון פאַרטיי-לעבן“, ארויסגעגעבן פון צענטראַל-קאָמיטעט פון בונד. נומ. 1, 6 ז., מאַרט 1908 (דערשינען אומלעגאַל).

3. „די נייע צייט“, אומפעריאָדישע זאמלביכער, פארלאג „די וועלט“, ווילנע. העפט 1—4 דערשינען אין 1908, 5—7 אין 1909.

4. „די שטימע פון בונד“, אָרגאַן פון צ. ק. פון אלגעמיינעם אידישן אר-בעטער-בונד אין ליטע, פוילן און רוסלאַנד. דערשינען (אומלעגאַל) 4 נומ. אין 1909—1911.

5. „צייט-פראגן“, אומפעריאָדישע זאמלביכער, פארלאג „די וועלט“, ווילנע. העפט 1 דערשינען אין סענטיאבר 1909, העפט 5—סענטיאבר 1910.

6. „פלוג-בלאט פון ווארשעווער קאָמיטעט פון בונד“, נומ. 1, יאנוואַר 1910 (דערשינען אומלעגאַל).

7. „פראגן פון לעבן“, אומפעריאָדישע זאמלביכער, פארלאג „די וועלט“, ווילנע. העפט 1, יולי 1910, העפט 2—3 (1911).

8. „זאנגען“, זאמלבוך. פארלאג „די וועלט“, ווילנע. 1910.

9. „די אידישע פאָלקס-שטימע“, אומפעריאָדישע זאמלביכער. פארלאג „די וועלט“, ווילנע. העפט 1, 1910, העפט 2 (1911).

10. „די נייע שטימע“, אומפעריאָדישע זאמלביכער. פארלאג „די וועלט“. ווילנע. העפט 1, יוני 1911, העפט 3, דעקאבר 1911.

11. „טאָג-פראַגן“, זאמלבוך. פארלאג „די וועלט“, ווילנע. 1912. (דערשינען אין צוויי אויפלאגעס).

12. „דער אָנפאנג“, זאמלבוך. פארלאג „די וועלט“, ווילנע. 1912.

13. „דער שניידער, 1-טער און 2-טער זאמלבוך. ווילנע. 1912.

14. „לעבנס-פראגן“, וואָכנבלאט. ווארשע. נומ. 1 און 2, מאי 1912.ביידע נומערן קאָנפיסקירט, אפן 2-טן נומער די אויסגאבע אפגעשטעלט; קעגן די מיטגלידער פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע פארפירט אַ פראָצעס, און זיי זיינען פארמישפעט געוואָרן צו קאטאָרגע און פארשיקט צו ווערן קיין סיביר).

15. „דאָס לעבן“, זאמלבוך. פארלאג „די וועלט“ ווילנע. יוני 1912. (געדרוקט זיך אין פעטערבורג).

16. „אינפאָרמאציאָנס-בלעטל“, ארויסגעגעבן פון צ. ק. פון בונד. נומער 1, סענטיאבר 1912.

17. „דאָס אידישע פאָלק“, וואָכנבלאַט. (דערשינען אין סענטיאַבר - אָקטיאַבר 1912 אין אדעס צו די וואלן אין דער IV-טער דומע. אפן 4-טן נומער איז די אויסגאַבע אָפּגע-שטעלט געוואָרן; די רעדאקציע אין באשטאנד פון מ. פרומקינא-עסטער, מ. ראפעס און י. אייזנ-שטאט-יודין איז ארעסטירט און פארשיקט געוואָרן).

18. „די צייט“, וואָכנבלאַט, פעטערבורג. (פון דעקאבר 1912 ביז יוני 1914 דער-שינען 60 נומערן).

19. „דער שניידער“, אַ מאָנאטלעכער זשורנאַל, געווידמעט די אינטערעסן פון די שניידער-אַרבעטער, ווילנע. (פון מאי 1913 ביז פעיוראל 1914 דערשינען 7 נומערן).

20. „די נאָדל“, זאמלבוך. ווילנע 1913, 23 ז.

21. „אונזער צייט“, האלביועכנטלעכע צייטונג, פעטערבורג (פון 21 יוני ביז 17 יולי 1914 דערשינען 7 נומערן; אָפּגעשטעלט געוואָרן ערעוו דעם אימפעריאליסטישן קריג, צוזאמען מיט אלע אנדערע אַרבעטער-צייטונגען; געגעבן אלס אומזיסטע ביילאגעס: איין נומער „דאָס פראָפעסיאָנעלע לעבן“ און 2 נומערן „צייט-פראגן“, געווידמעט דער דיסקוסיע צום VIII-טן צוזאמענפאָר פון בונד).

22. „אינפאָרמאציאָנס-בלעטל פון אויסלענדישן קאָמיטעט פון בונד“, (דערשינען 11 נומערן אין 1914—1916).

23. „די קאָנפערענץ פון דער רוסל. סאָצ. דעמ. ארבעטער-פארטיי“ (רעזאָלוציעס און רעזאָלוציאָנס-פראָיעקטן). ארויסגעגעבן פון אלגעמיינעם אידישן אַרבעטער-בונד אין ליטע, פוילן און רוסלאנד (בונד). יאנואר 1909, 24 ז. פרייז 5 ק.

24. אסתר: „צו דער פראַגע וועגן דער אידישער פאָלקס-שול“. פאַרלאַג „די וועלט“ ווילנע. פרייז 50 ק.

25. „באריכט פון דער VIII-טער קאָנפערענץ פון בונד“ (אָפּגעהאלטן אין הארבסט 1910) גענף. 80 ז.

26. פ. ליבמאן: „צו דער קאָאָפעראטיווער באוועגונג“. פארלאג „די וועלט“, ווילנע, 1911. 72 ז. פרייז 40 ק.

27. „די שטאָטישע זעלבסטפארוואלטונג אין פוילן און די אידן“,ווארשע. 1911. פרייז 10 ק.

28. ד. ק.: „די נייע טויווע“. ווילנע. 1911. 15 ז. פרייז 3 ק. (וועגן דער אַרבעטער-פארזיכערונג).

29. י. ניימאן: „דער איינציקער וועג“. (וועגן דער אידישער לאגע). ווילנע. 1912. 16 ז. פרייז 2 ק.

30. „די וואלן אין גאָסודארסטווענער דומע“, ווארשע. 1912, 31 ז. (דער וואל-געזעץ).

31. א. בלאנק: „אַ מאטאָנע פאַר די פריקאזשטיקעס“. ווילנע, 1912. 16 ז. פרייז 5 ק. (דער מעלוכע-ראַט וועגן רעגולירן די אַרבעטס-צייט פון די האנדלס-אָנגעשטעלטע).

32. מעלדונג וועגן דער 9-טער קאָנפערענץ פון בונד“. רעזאָלוציעס.

33. „די נייגטע קאָנפערענץ פון בונד“. (באריכט). 1912. איסגאבע פון צ. ק. פון בונד, 62 ז. (געדרוקט אין אויסלאנד).

34. משה העלער: „די ארבעטער-פארזיכערונג“. וואָס זיינען אזוינס די רוסישע פארזיכערונגס-געזעצן, וואָס גיבן זיי די ארבעטער, און ווי קאָנען די ארבעטער זיי אויסנוצן צו-ליב זייערע אינטערעסן. מיט אַ גענויעם טעקסט פונם געזעץ פון 23 יוני 1912 וועגן פארזיכערן די ארבעטער אף אַ קראנקהייטס-פאל. ווארשע. 1913, 96 ז. פרייז 25 ק.

35. מ. ווילנער: „דער אוסטאוו און די ערשטע טריט פון דער קראנקען-קאסע“. דער נארמאלער אוסטאוו, ווי דארף מען אויסבעסערן דעם אוסטאוו, די אויפגאַבן פון דער ערשטער אלגעמיינער פארזאמלונג. ווארשע. 1913. 120 ז.

36. ל. הערש, ד-ר: „די אידישע עמיגראציע, איר גרויס, אייגנארטיקייט, סיבעס, באדייטונג און רעגולירונג. מיט 37 סטאטיסטישע טאבעלן און 7 דיאגראמען. פארלאג „די וועלט“. ווילנע. 1914. 230 ז.

37. וו. קאסאווסקי: „דער אידישער חורבן אין רוסלאַנד". ארויסגעגעבן פון צענטראל-פאַרבאַנד פון בונד אין אמעריקע. ניו-יאָרק. 1915. 63 ז.
38. דער באריכט פון דער באראטונג וועגן „הילף דורך ארבעט". פארלאג „צייט-פראגן". פעטראָגראַד. 1916. 16 ז. פרייז 10 ק.
39. „Летучий листок Одесского комитета Бунда". 1908. (דערשינען אומלעגאל 1 נומער).
40. „Отклики Бунда" ארויסגאַבע פונם אויסלענדישן קאָמיטעט פון בונד. (פון מארט 1909 ביז פעווראל 1911 דערשינען 5 נ.).
41. „Информ. листок заграничной организации Бунда" געגף. (פון 1911 ביז 1915 דערשינען 11 נ.).
42. „На еврейские темы" זאמלבוך. קיעוו. 1911 (נומ. 1 און 2).
43. „Наш путь" זאמלבוך. געווידמעט די אינטערעסן פון דער אידישער סטודענטנשאַפט. פעטראָגראַד. 1916. 70 ז.
44. „Бюллетень заграничного ком-та Бунда" געגף. 1916. נומ. 1 און 2.
45. „Еврейские вести" וואָכנבלאט. פעטראָגראַד. (פון אָקטיאבר 1916 ביז פעווראל 1917 דערשינען 16 נומ.).
46. „Bericht über die tätigkeit des Allgem. Jüdicshen Arbeiterbundes in Litauen, Polen ùnd Russland («Bund») an den Internationalen Social. Kongress in Kopenhagen". געגף. 1910. זעלבסטפארלאג. 44 ז.
47. „Восьмая конференция Бунда". געגף. 1910. 8 ז. (רעזאָלוציעס).
48. „Отчет о VIII конференции Бунда" געגף. 1911. ז. 88.
49. „Отчет о IX конференции Бунда" געגף. 1912. 48 ז.
50. וו. קאסאָווסקי: „Разгром евреев в России" ארויסגאבע פונם אויסלענדישן קאָמיטעט פון בונד. ערשטער טייל. די ארויסשיקונגען. 1915. 48 ז.
51. וו. קאסאָווסקי: „Разгром евреев в России" צווייטער טייל. 1916. 63 ז.

צ. ס. א. פ. („ס. ס.").

1. „דער שטראל". צווייטער זאמלביך. פארלאג „די שטראלן". ווילנע. 1908. 34 ז.
2. „יודישעס פריילאנד", אָרגאן פון דער מאירעוו-אייראָפּעאישער ליגע פון דער צ. ס. א. פּ. ווין. נומ. 1—2, יאנוואר 1910.
3. „דער מאָרגן", ווין. 1910 (דערשינען איין נומער).
4. „צוקונפט", ערשטער זאמלבוך. פארלאג „צוקונפט". 1913. ווארשע. 47 ז. (געדרוקט זיך אין פעטערבורג).
5. „רעזאָלוציעס און באשלוסן פון דער IV-טער קאָנפערענץ פון דער ציאָנ. סאָצ. ארבעטער-פארטיי", אָקטיאבר, 1911. 2-טע אויפלאגע. (אומלעגאל).

י. ס. ד. א. פ. (פּויאלײ-ציאָן).

1. „יוגנד-שפּימע“, ליטעראריש-געזעלשאפטלעכער זאמלבוך, רעדאקטירט פון רובבל. ווילנע, 1908.

2. „אינפאָרמאציאָנס-בלעטל“, העקטאָגראפירטע אויסגאבע פון ליטווישן ר. ק. פון דער י. ס. ד. א. פ. (פּויאלײ-ציאָן). דערשינען אומפּעריאָדיש (אין 1909—1911).

3. „דאָס פרייע וואָרט“, ארגאן פון דעם צענטראל-קאָמיטעט פון דער אידישער סאָצ. דעמ. ארבעטער-פּארטײ (פּויאלײ-ציאָן) אין רוסלאנד. ווין. נום. 1 און 2 אפּרעל—יוני 1910.

4. „די ארבעט“, זאמלבוך, ווארשע, 1912.

5. „איצט“, זאמלבוך, ווילנע, 1912.

6. „די צייט“, ווילנע, 1912. 16 ז. פּרייז 10 ק.

7. „אונזער. צייט“, זאמלבוך, ווילנע, (1912). 13 ז. פּרייז 7 ק.

8. „דער געדאנק“, זאמלבוך, ווילנע, 1913.

9. „דער האנדלס-אָנגעשטעלטער“, וועכנטלעכער זשורנאל. ווארשע. נום. 1—2 דערשינען 7 מארט, נום. 3—31 מארט 1914 (ביידע נומערן קאָנפיסקירט, אפן לעצטן די אויסגאבע אָפּגעשטעלט).

10. „דאָס וואָרט“, וועכנטלעכער זשורנאל. פּעטערבורג. (פון 16 מאי ביז 11 יולי 1914 דערשינען 5 נום.; אָפּגעשטעלט באם אָנהויב פונם אימפּעריאליסטישן קריג צוזאמען מיט אלע ארבעטער-צייטשריפטן).

11. ב. באָראָכאָוו: „די אידישע עמיגראציאָנס-פּאָליטיק“. פארלאג „בילדונג“. סטאַניסלוי. 1911, 76 ז. פּרייז 25 ק.

12. ב. דאנין: (ב. באָראָכאָוו): „הינטער די קוליסן פונם ביילים-פּראָצעס“. לעמבערג, 1913.

י. ס. א. פ. (סערפּ).

1. „די אלטע שטימע“, זאמלבוך, ווילנע, 1911, 103 ז.

2. „Bericht über die tätigkeit der Judischen Sozial. Arbeiterpartei „Serp“ (Russland) seit dem Stûtgarter Kongress, erstattet an den Jnternation· Sozial Kongress zu Kopenhagen (September 1910)‘, פארלאג פון ד-ר קארל האן „פאָרווערטס“, ווין, 7 ז.

אינהאלט

זייט

פאָרוואָרט — א. ק. 3

ערשטער טייל.

אונטערן פרעס פון דער רעאַקציע.

אריינפיר — מ. ראפעס 7

I. דער אָנגריף פון קאַפּיטאַל און דער ווידערשטאנד פון די ארבעטער:

1. דער לאָקאוט פון די לעדער-ארבעטער אין צאָפּן-מאַירעוו-קאנט. („אידישע צייטונג“, ווילנע, 1909, נומ. 13) 17
2. סמארגאנער לעדער-ארבעטער-פאַריין רופט צו אָרגאניזירן א ווידערשטאנד די פאַבריקאנטן (פונם אויפרוף פון דער פאַרוואלטונג) 18
3. דער לאָקאוט בא די בערשטער („די שטימע פון בונד“. 1909, נומ. 2) . 20
4. דער שטרייק פון 1500 זאָקנמאכער אין ווילנע. (אויפרוף פונם שטרייק-קאָמיטעט. „פון פאַרטיי-לעבן“, 1908, נומ. 1) 22
5. דער בעקער-שטרייק אין ווארשע. („אָטקליקי בונדא“, 1911, נומ. 5) . . 23
6. די עקאָנאָמישע אָרגאניזאציעס און זייער ארבעט. („די שטימע פון בונד“, 1909, נומ. 2. קאָרעספּאנדענציעס פון לאָדז, דווינסק, ווילנע און האָמעל) 25
7. א רוף צו פארשטארקן די עקאָנאמישע ארגאניזאציעס. („די שטימע פון בונד“, 1909, נומ. 2) 28

II. דער פּאָליטישער און געזעלשאפטלעכער אנטיסעמיטיזם:

8. דער אנטיסעמיטישער קורס פון דער צארישער רעגירונג. (ש. דובנאָוו: „די אידן אין רוסלאנד פאר ניקאָלאַי דעם II“, ז.ז. 75—84) 31
9. דער „פּראָגרעסיווער“ אנטיסעמיטיזם אין פוילן. (אינטערוויו מיט אנדרזשיי נעמאָיעווסקי. „היינט“. 1909, נומ. 237—239) 36
10. דער באָיקאָט פון די אידן אין פוילן. („דער פריינד“, 1912, נומ. 250, 251, 252, 254, 256, 259, 262 און 268) 40
11. דער קיעווער בלוט-בילבל (פ. י. ליפין: „די געשיכטע פון בייליס-פּראָצעס“. „די צייט“, 1913, נומ. 28 און 29) 42

III. די אידישע קלעריקאל-נאציאָנאליסטישע רעאקציע און די נאציאָנאל-דעמאָקראטישע באוועגונג:

זייט

12. דער צוזאַמענפאָר פון די ראַבאָנים אין פוילן. („דער פריינד״, 1909, נומ. 2 און 3) . . . 46
13. די ראַבאָנים-דעפּוטאַציע בא סטאָליפּינען. („היינט״, 1910, נומ. 65) . . . 48
14. אידישע שוואַרצמייעניקעס אין אדעס. („דער פריינד״, 1909, נומ. 225) . . . 50
15. די אידישע בורזשואַזיע זוכט זיך איינצוקויפן בא די קלייקווידעש (פון ג. ב. סליאָזבערגס פאָרטראג און שלוס-וואָרט אַפן קאָוונער צוזאַמענפאָר) . . . 51
16. די בונדיסטן אַפן קאָוונער צוזאַמענפאָר. (רעדע פון ווילנער דעלעגאט מ. גאָלד-מאַן-ליבער) . . . 53
17. די בונדיסטן וועגן דער פאָלקס-שול (רעדע פון מ. ג. ראַפּעס אף דער באַ-ראַטונג פון „מעפיצי השכּלה״) . . . 54
18. א אידישער „דעמאָקראט״ אין קאַמף פאַר קלעריקאליזם. (רעדע פון ש. מ. גינזבורג אַף דער בּאראטונג פון „מעפיצי השכּלה״) . . . 56
19. ליטעראַרישער „רענעסאַנס״ אנשטאט רעוואָלוציאנער-דעמאקראַטישן קאַמף. (ליטעראַרישע מאָנאטשריפטן״, 1906, נומ. 1) . . . 57
20. די אידישע ליטעראַרישע געזעלשאַפט. (יעווריעסקאָיע אָבאָזרעניע״, 1910, נומ. 5) . . . 59
21. קעגן קליינבירגערלעכן נאַציאָנאַליזם און אידישיזם. (עסטער: „צו דער כאַראַק-טעריסטיק פון א נייער שטרעמונג״. „צייט-פראַגן״, ב. II, ז.ז. 93—96) . . . 61

IV. די באָלשעוויקעס און די אידישע ארבעטער-באַוועגונג:

22. די באָלשעוויקעס וועגן דער פּאָזיציע פונם בונד אַף דער אלרוסלענדישער פּאַרטיי-קאָנפערענץ „די אָלרוסלענדישע קאָנפערענץ פון ר.ס.ד.א.פּ. אין דעקאבר 1908״, פּאַריז, 1909) . . . 63
23. וועגן דער פּאַרייניקונג פון די נאציאָנאלע ס. ד. אָרגאניזאציעס אף די ער-טער (פונם באריכט וועגן דער אלרוסלענדישער פּאַרטיי-קאָנפערענץ, פּאַ-ריז, 1909) . . . 65
24. די באָלשעוויסטישע אָרגאניזאַציע אין ווילנע („סאָציאל-דעמאקראַט״, נומ. 3, מארט, 1909 . . . 65
25. די באָלשעוויסטישע גרופּע אין מינסק. („פּראָלעטארי״, נומ. 26, אפּרעל, 1908) . . . 68
26. דער „סאָציאל-דעמאָקראט״ וועגן דער דיסקוסיע צווישן די פּארטייער און ליקווידאַטאָרן אין בונד. („סאָציאל-דעמאָקראט״, 1909, נומ. 9) . . . 68

V. די פּאָליטישע אָרגאניזאציעס אין די יאָרן פון רעאַקציע:

27. אין די פינסטערע רעאקציע-יאָרן. (א. ליטוואק: „אין די פינסטערע יאָרן״. „ארבעטער שטימע״, 1917, נומ. 45 . . . 70
28. די בונדישע אָרגאַניזאציעס אין 1908—1910. (פון די באריכטן אף דער 8-טער קאָנפערענץ) . . . 73
29. א לינקער בונדיסט וועגן דער בורזשואַזיע אין דער דריטער דומע. (אי. יודין „דער ביורזשעט און די גאָס. דומע״. „די נייע צייט״. ב. 3, 1908) . . . 80
30. דער בונד און דער קאַמף פאַר אָפּשאַפן דעם „טכום״. (א—ר: „דאָס גע-זעצפּראָיעקט וועגן אָפּשאַפן דעם „טכום״. „צייטפראַגן״, ב. 3, 1910) . . . 82
31. די אויפדעקונג פון בונדישן פּראָוואָקאַטאר איסראעל מיכל קאפּלינסקי. (מעל-דונג פון צ. ק. פון בונד) . . . 84

32. די פּויאַלײ-ציאָניסטישע פּאַרטײ-אָרגאַניזאַציע אין 1908—1909 (פונם באַריכט אױף דער 4-טער קאָנפערענץ פון דער א.ס.ד.א.פּ. "פּויאַלײ-ציאָן") . 85

33. די צ.ס.א.פּ. ("ס. ס.") אין די רעאַקציע-יאָרן (ב. גוטמאַן: "ערינערונגען") . 86

34. די א.ס.א.פּ. ("סערפּ") אין דער צײט פון דער רעאַקציע (פונם באַריכט פון צ. ק. פון דער. א.ס.א.פּ. צום אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס אין קאָפּענהאַגען, 1910) 89

35. א פּרואוו צו פאַרייניקן די אידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטײען (פון א צירקולאַר פון צ. ק. פון בונד) 91

36. די אידישע אַרבעטער אפן האַנטװערקער-צוזאַמענפאָר (א. דײטש: "די אַרבעטער-דעלעגאַציע אפן האַנטװערקער-צוזאַמענפאָר". "די אידישע פאָלקס-שטימע", העפט 2) 92

37. באַגריסונג פון די אידישע אַרבעטער אװגוסט בעבעלן צו זײן 70-יאָריקן יובילײ ("די שטימע פון בונד". 1910, נומ. 3) 95

VI. דער קאַמף צװישן פּאַרטײער און ליקװידאַטאָרן אין דער אידישער אַרבעטער-באַװעגונג:

38. אױף דער בונדישער באַראַטונג אין 1908-טן יאָר ("פון פּאַרטײ-לעבן", 1908, נומ. 1) 98

39. די פּאָזיציע פון די בונדיסטן-ליקװידאַטאָרן (מ. אבר.: "צו דער פראַגע װעגן דער אַרבעט". "פּטקליקי בונדא". 1909, נומ. 1) 100

40. די פּאָזיציע פון די בונדיסטן-אַנטילעגאַליסטן (י. דין: "צו דער פראַגע װעגן אונזער אַרבעט". "די שטימע פון בונד") 103

41. פראַגן פון טאַקטיק און אָרגאַניזאַציע אױף דער VIII קאָנפערענץ פון בונד (רעזאָלוציעס) 107

42. די טאַקטישע פּאָזיציע פון די פּויאַלײ-ציאָן (ר. יעשאַיאָהו: "בריװ װעגן אַרבעט", "דאָס פרײע װאָרט". 1910, נומ. 1) 110

VII. סיכסוכים צװישן די אידישע און פּוילישע אַרבעטער אױף די פאַבריקן:

43. װענדונג פון די װאַרשעװער אידישע מעכאַנישע שוסטער צו די פּוילישע. ("די נײע שטימע", זאַמ. 2, 1911) 112

44. דער ענטפער פון פּ. ס. ד. אױף דער װענדונג פון די אידישע אַרבעטער. (א. װאַרסקי: "דער אידישער סעפּאַראַטיזם", "װאָלני גלאָס", 1911, נ. 20) 113

45. דער בונד װעגן דער פּאָזיציע פון פּ. ס. ד. (ד. ק.: "גוטע אײצעס". "די נײע שטימע", זאַמ. 2, 1911) 116

46. די אָרגאַניזירטע אַרבעטערשאַפט װעגן די קאָנפליקטן (רעזאָלוציע פון א געמײנזאַמער קאָמיסיע פון פּוילישע און אידישע מעכאַנישע שוסטער . . 119

47. דער בונד װעגן אַרױסשטופן די אידישע אַרבעטער (באַשטימונג פון דער יולי-באַראַטונג (1911) באַם צ. ק. פון בונד) 121

48. אידישע אַרבעטער אין דער ראָלע פון שטרײקברעכער (ב-סקי: "דער פאַביאַניצער שטרײק". "קוזניא", 1913, נ. 2) 122

49. די פּויאַלײ-ציאָן װעגן אַרױסשטופן די אידישע אַרבעטער (רעזאָלוציע פון דער 6-טער קאָנפערענץ. "דער אידישער אַרבעטער", 1913, נומ. 5) . . . 125

VIII. דער קליינבירגערלעכער סאָציאַליזם אף נאַציאָנאַלי־סטישע פּאָזיציעס:

זייט

50. די דעבאַטן וועגן דער קעהילע און דער נאַציאָנאַל־פראַגע אף דער 8־טער קאָנפערענץ פון בונד. (פון באַריכט) 127

51. די פּויאַליי־ציאָן וועגן דער קעהילע־ארבעט (רעזאָלוציע פון דער 4־טער קאָנ־פערענץ). 133

52. דער קאַמף פאר שאַבעס־רו: (רעזאָלוציעס פון דער 8־טער קאָנפערענץ פונם בונד. 134

53. די 8־טע קאָנפערענץ פון בונד וועגן דער גלייכבארעכטיקונג פון דער אידי־שער שפּראַך (רעזאָלוציעס פון דער קאָנפעערענץ, „באַריכט“, ז. ז. 77—78). 135

54. די ווילנער בונדיסטן וועגן דער ארויסטרעטונג פון דער ס. ד. דומע־פראקציע אין דער שול־פראַגע. („אָטקליקי בינדא“, 1911, נומ. 5). 136

55-56. די ציאָניסטיש־סאָציאַליסטישע גרופּירונגען און דער אינטערנאציאנאל: א. די צ. ס. א. פּ. אויסערן אינטערנאציאָנאל („גאַלאָס סאָציאַל דעמאָקראטא“. 1908. נומ. 10—11. ב. דער קאמף פון די צ. ס. גרופירונגען פאר א אי־דישער סעקציע אין אינטערנאציאנאל (ש. סאמועלי: „די אידישע סעקציע אין סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל“. „דאָס פרייע וואָרט“. 1910, נומ. 1). 138

57. די צ. ס. א. פּ. („ס. ס.“) וועגן עמיגראַציע און דער טעריטאָריאַליסטישער באוועגונג (פון די רעזאָלוציעס פון דער IV־טער קאָנפערענץ). 142

צווייטער טייל

די נייע אויפלעבונג.

IX. די ארבעטער־באוועגונג אין די יאָרן 1912—1914.

אריינפיר — מ. ראפעס 147

58—61. די עקאָנאָמישע לאגע און די ארבעטס־באדינגונגען: א. בא די מעזשע־ריטשער בערשטער; ב. די ארבעטער־פרוי אין דער פאַבריק; ג. די לאגע פון די שטעטלדיקע פאַבריק־ארבעטער; ד. קינדער־עקספּלואַטאציע אין גראדנע („די צייט“, 1913, נומ. 18, 1914, נומ. 14; „אונזער צייט“, 1914, נומ. 2 און 4) 153

62. דער אויפרוף פון צ. ק. פון בונד וועגן לענער בלוט־באַד. 156

63. פּראָטעסט פון די האָמלער באָלשעוויקעס קעגן דער לענער צעשיסונג (א. כאנקין: „די האָמלער באָלשעוויסטישע ארגאַניזאציע און די לענער טעג“. „נאכריכטן פון האָמלער גוב. קאָמיטעט פון ר. ק. פּ.“ 1922, נומ. 23). 158

64. די מאַי־פייערונג און דער לענער פּראָטעסט אין ווארשע („אינפאָרמאציאָנס־בלעטל פון דער אויסלענדישער אָרגאניזאַציע פון בונד“. 1912, נומ. 4). 150

65. דער פּאָלעסיער קאָמיטעט פון ר. ס. ד. א. פּ. אין 1910—1914 (א. כאנקין; מ. כאווקין: „די ווידעראויפשטעלונג פונם פּאָלעסיער קאָמיטעט“. „נאַכ־ריכטן פון האָמלער גיבערניאַלן קאָמ. פין ר. ק. פּ.“. 1922, נומ. 68—69). 161

66. דער וואוקס פון דער באָלשעוויסטישער ווירקונג אין דער אידישער ארבע־טער־סוויווע (א. כאנקין: „די האָמלער באלשעוויסטישע ארגאניזאציע אין די לענער טעג“. „נאַכריכטן פון האָמלער גוב. קאָמ. פון ר. ק. פּ.“ 1922 נומ. 23) 166

67. די „פּראַוודא“ און די מאָלעווער אידישע ארבעטער (טשערנאָגלאז: „די פּראוודא אין דער פּראָווינץ“, „נאכריכטן פון האָמלער גוב. קאָמ. פון ר. ק. פּ.“ 1922, נומ. 30) 167

68. די דווינסקער באָלשעוויסטישע ארגאניזאציע („סאָציאל-דעמאָקראַט", 1913, נומ. 31) 169
69. די וואסילקאָווער אידישע ארבעטער און די „פּראוודא" („אונזער צייט". 1914, נומ. 3) 170
70. דער בונד וועגן די אויסגאַבן פון די פּראָפּאַריינען (א—ר: אונזערע אויני-גאַבן". „פּראָפעסיאנעלער לעבן". 1914 נומ. 1) 170
71. די א. ס. ד. א. פּ. (פּיאַליי-ציאָן) וועגן דער פּראָפּבאַוועגונג (רעזאָלוציע פון דער 6-טער קאָנפערענץ) 174
72. די באַשטימונגען פון דער שניידער-קאָנפערענץ („א שניידער קאָנפערענץ", „צייט", 1914, נומ. 4) 174
73. די פאַרשטארקונג פון דער שטרייק-באַוועגונג און קאַמף („די שטרייקן ריידן". „אונזער צייט". 1914, נומ. 3) 175
74—75. דער פרויען-טאָג בא די אידישע ארבעטערינס: א. באַברויסק; ב. אדעס; („די צייט", 1913, נומ. 10; 1914, נומ. (49)10) 177
76—77. לעגאַלע פּראָלעטאַרישע קולטור-ארבעט: א. די אידישע מוזיקאַל-דראַ-מאטישע געזעלשאַפט אין ווילנע („צייט", 1914, נומ. (59)20); ב. דער בילדונגס-פאַריין „אבראזאוואניע" אין ריגע („צייט", 1914, נומ. 4) . 178
78. דער אָנהויב פון אַן אָרגאניזירטער באַוועגונג צווישן דער אידישער ארבע-טער-יוגנט (י. פּאַטערניקאָוו; „צו דער געשיכטע פון דער יוגנט-באַוועגונג אין פּוילן". 1925, ז. ז. 31—62) 181

X. די צעשפּאַלטונג פון דער ר. ס. ד. א. פּ. און די אי-דישע ארבעטער:

79. די ווילנער פּאַרטיי-גרופּע פאַר צונויפרופן די קאָנפערענץ פון די באָלשע-וויקעס („סאָציאל-דעמאָקראַט", 1911, נומ. 25) 185
80. די פּראַגער באָלשעוויסטישע קאָנפערענץ וועגן די נאַציאָנאַלע ס. ד. ארגאַ-ניזאַציעס („די אויסלענדישע קאָנפערענץ פון ר. ס. ד. א. פּ." ז. 15—16) 185
81. פּראָטעסט פונם בונד קעגן דער פּראַגער פּאַרטיי-קאָנפערענץ („אינפאָרמיר-בלעטל פון דער אויסלענדישער אָרגאניזאציע פון בונד". 1912, נ. 4) . 187
82. די IX-טע קאָנפערענץ פון בונד וועגן דער פאָרשטייענדיקער ליקווידאַטאָרן-קאָנפערענץ („די 9-טע קאָנפערענץ פון „בונד" ז. 54) 187
83. די אווגוסט-קאָנפערענץ און די נאַציאָנאַל-קולטורעלע אווטאָנאָמיע. („מוידאָע וועגן דער קאָנפערענץ פון די ארגאניזאַציעס פון ר. ס. ד. א. פּ." סענטיאַבר, 1912, ז. 42) 188
84. דער „סאָציאל-דעמאָקראַט" וועגן דער נאַציאָנאַלער פראַגע אף דער קאָנפע-רענץ פון די ליקווידאַטאָרן. („נאַציאָנאַליסטישע דעמאָראַליזאַציע". „סאָ-ציאל-דעמאָקראַט". 1912, נומ. 28—29) 188
85. די „ס. ס." באַגריסן די רעזאָלוציע פון דער ליקווידאַטאָרישער קאָנפערענץ (י. רעגער: „די נאַציאָנאַלע פראַגע און דער רוסישער מאַרקסיזם". 1913) 190
86. דער קאַמף פון די באָלשעוויקעס קעגן בונד (אָן א פּייגנבלעטל". „סאָציאל-דעמאָקראַט", 1913, נומ. 30) 191
87. די פעבראַל-באַראַטונג באַם צ. ק. פון ר. ס. ד. א. פּ. וועגן בונד (רעזאָלו-ציע וועגן די נאַציאָנאַלע ס. ד. ארגאניזאַציעס) 197

88. די נאַציאָנאַלע פראַגע אַף דער „זומערדיקער (1913) באַראַטונג“ פון די באָלשעוויקעס (וו. אי. לענין: געזאַמלטע ווערק ב. 12, 2-טער טייל ז. ז. 254—257) 198
89. לענין וועגן דער נאַציאָנאַל-קולטורעלער אויטאָנאָמיע („וועגן קולטור נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע“. געזאַמלטע ווערק ב. 19. ז. ז. 58—72). . . . 201
90. דער בונד, זיין נאַציאָנאַליזם, זיין סעפּאַראַטיזם (י. סטאַלין: „דער מאַרקסיזם און די נאַציאָנאַלע פראַגע“. „די נאַציאָנאַלע פראַגע אין דער ר. ק. פּ. מאָסקווע, 1922, ז. ז. 56—69). 204

XI. די וואַל-קאַמפּאַניע צו דער פערטער דומע און די צעשפּאַלטונג פון דער ס. ד. דומע-פראַקציע.

91. די יעסוידעס פון דער וואַל-פּלאַטפאָרם און טאַקטיק פון בונד („די 9-טע קאָנפערענץ פון בונד“, 1912, ז. ז. 54—58). 211
92. פון דער בונדישער וואַל-פּלאַטפאָרם צו די וואַלן אין דער 4-טער דומע (ד. קאַצענעלבויגען: „וואָס לערנט אונז די נאָענטע פאַרגאַנגענהייט“. „פראַגן פון לעבן“. העפט 2—3 ז. ז. 137—144, 145—146) 214
93. די באָלשעוויקעס וועגן דער פּלאַטפאָרם און וואַל-טאַקטיק פון בונד („נאַציאָנאַליסטישע דעמאָראַליזאַציע“. „סאָציאַל-דעמאָקראַט“. 1912, נומ. 28-29). 217
94. פּ. ס. ד. זאָגט זיך אָפּ פון אַ געמיינזאַמער אויסטרעטונג מיטן בונד און פּ. פּ. ס. („די IX-טע קאָנפערענץ פון בונד“, ז. ז. 12—13). . . . 219
95. דער וואַל-בלאָק פון בונד און פּ. פּ. ס. (פונם אויפרוף פון צ. ק. פון בונד און צ. ק. פון פּ. פּ. ס.). 221
96. אַ בריוו פונם בונדיש—פּ. פּ. ס׳ישן בלאָק צו די וואַרשעווער וואַל-מענער („דער פריינד“, 1912, נומ. 236). 222
97. די אידישע קאַדעטן אַגיטירן פאַר יאַגעלאָן („דער פריינד“, 1912, נ. 238). 223
98. די פּ. ס. ד. און די באָלשעוויקעס וועגן דער וואַל-קאַמפּאַניע און אירע רעזולטאַטן אין פּוילן („די וואַלן אין פּוילן“. „סאָציאַל-דעמאָקראַט“. 1913, נ. 30). 223
99. די האַמלער באָלשעוויקעס אין דער וואַל-קאַמפּאַניע („סאָציאַל-דעמאָקראַט“. 1912, נומ. 28—29). 225
100. דער גאַנג און אויסגאַנג פון די וואַלן אין דער אידישער סוויווע („לוטש“ 1912, נומ. 8, 13, 15, 16, 19, 21, 25, 26, 33, 34, 35 און 36). 226
101. פּראָטעסט פון דער „פּעוואַל-באַראַטונג“ באַם צ. ק. פון דער ר.ס.ד.א.פּ. קעגן באַשלוס פון דער ס. ד. פראַקציע וועגן יאַגעלאָ (וו. אי. לענין: געזאַמלטע ווערק. ב. 12, ט. 1. ז. ז. 232—233). 228
102. די צעשפּאַלטונג פון דער סאָצ. דעמ. דומע-פראַקציע („צו די 7 דעפּוטאַטן“ „די צייט“, 1913, נומ. 34). 228
103. דער צ. ק. פון בונד אַפן צאַד פונם ליקווידאַטאָרישן זיבעטל (אַ רעזאָלוציע וועגן דער צעשפּאַלטונג אין דער ס. ד. פראַקציע „די צייט“. 1913, נומ. 33). 229
104. פּראָטעסט פון די פּויאַליי-ציאָן קעגן דער שפּאַלטונג פון דער ס. ד. פראַקציע („דאָס וואָרט“, 1914, נום 3). 231
105. אידישע אַרבעטער שטיצן די דעפּוטאַטן-באָלשעוויקעס („זאַ פּראַוודו“. 1913, נומ. 32). 232
106. ווענדונגען פון אידישע אַרבעטער צו דער באָלשעוויסטישער דומע-פראַקציע. („טרודאָוואַיאַ פּראַוודאַ“ 1914, נומ. 22 און 24). 233

XII. באַרג אַרויף.—ערעוו דעם אימפּעריאַליסטישן קריג:

107. די אָביעקטיווע באַדינגונגען פאַר דער אַרבעטער-פאַרזיכערונג אינם געוועזענעם טכום (מ. ר.: „די אַרבעטער-פאַרזיכערונג אין טכום". „די צייט". 1913, נומ. 10). 234
108. די טאַקטישע ליניע פון בונד אין דער פאַרזיכערונגס-קאַמפּאַניע (רעזאָלוציע פון דער באַראַטונג באַם צ. ק. פון בונד. „די צייט". 1913, נומ. 13 און 21). 236
109. די פאַרזיכערונגס-קאַמפּאַניע אויף די ערטער (צ. ב.: „די פאַרזיכערונגס-קאַמפּאַניע אין ווילנע". „די צייט", 1913, נומ. 38). 239
110. די באַציאונג פונם בונד צו דער באָלשעוויסטישער אַרבעטער-גרופּע אין פאַרזיכערונגס-ראַט („די צייט", 1914, נומ. 17). 242
111. די באָלשעוויקעס דעמאַסקירן די ליקווידאַטאָרישקייט פון בונד אין דער פאַרזיכערונגס-קאַמפּאַניע (די „ניט פראַקציאָנעלע" ליקווידאַטאָרן און די „וואָפּראָסי סטראַכאָוואַניע". „זאַ פּראַוודו" 1913, נומ. 21). 243
112. דער בונד קעגן אַנטייל אינם פּריקאַזטשיקעס-צוזאַמענפאָר (רעזאָלוציע פון דער באַראַטונג באַם צ. ק. פונם בונד. „די צייט", 1913, נ. 21). . . 244
113—114. די פאַרבאַרייטונגען צום פּריקאַזטשיקעס-צוזאַמענפאָר אויף די ערטער: א. באַכמוט („די צייט". 1913, נומ. 17; ב. ליבוי („די צייט", 1913, נומ. 19). 244
115. די באָלשעוויקעס רופן צו קעמפן פאַר צולאָזן די אידישע האַנדלס-אָנגעשטעלטע אויפן פּריקאַזטשיקעס-צוזאַמענפאָר (י. בוראָוו: „די אַרויסגעטריבענע פונם צוזאַמענפאָר". „פּראַוודאַ", 1913, נומ 116). 246
116. די באָלשעוויקעס וועגן בייליס-פּראָצעס (יו. קאַמענעוו: „דער פּראָצעס פון העסלעכער אויסרעכענונג". „פּראַוודאַ טרודאַ". 1913, נומ. 13). 248
117. אַ רוף צו אַן איינטאָגיקן פּראָטעסט-שטרייק (אויפרוף פון צ. ק. פון בונד). 249
118. דער פּראָטעסט-שטרייק אין וואַרשע (יאַנקעליזאָן: קאָרעספּאָנדענץ פון וואַרשע „צייט", 1913, נומ. 30). 250
119. סאַכאַקלען און אויספירן (י—ף: „צום סאַכאַקל", „צייט". 1913, נומ. 32). 252
120. דער געזעצפּראָיעקט פון דער באָלשעוויסטישער דומע-פראַקציע וועגן צעשאַפן אַלע אידישע באַגרעניצונגען („פּוט פּראַוודי" 1914, נומ. 48). . 253
121. לענין וועגן געזעצפּראָיעקט („נאַציאָנאַלע גלייכבאַרעכטיקונג". „פּוט פּראַוודי". 1914, נומ. 62). 255
122. צוליב פראַקציאָנעלער קאָנקורענץ איז דער בונד קעגן דעם געזעצפּראָיעקט (ב. מיכאַלעוויטש: „דער געזעצפּראָיעקט איבער גלייכבאַרעכטיקונג". „די צייט". 1914, נומ. (54) 15). 257
123. די אידישע אַרבעטער באַגריסן דעם געזעצפּראָיעקט („די צייט" 1914. נומ. 15, „דאָס וואָרט", 1914, נומ. 4). 258
124—127. די דיסקוסיע אינם בונד פאַרן VIII-טן צוזאַמענפאָר: א. אַ פאָרשלאַג אַרויסצוטרעטן פונם ליקווידאַטאָרישן אווגוסט-בלאָק (ס. ברענער: „צו דער אָרגאַניזאַציאָנס-פראַגע". „צייט", 1914, נומ. 18); ב. קעגן שאַבעס-רו (מ. ר.: „וועגן שאַבעס-רו", „די צייט", 1914, נומ. 13); ג. באָברויסקער אַרבעטער רופן אַרויסצוטרעטן פון די בורזשואזע קולטור-געזעלשאַפטן. (קאָרעספּאָנדענץ. „די צייט", 1914, נומ. 17); ד. קעגן פאַרברייטערן די קאָמפּעטענץ פון דער נאַציאָנאַל-קולטורעלער אויטאָנאָמיע (פ. ליבמאַן: „די אַרבעטער-פּאָליטיק אין דער עמיגראַציאָנס-פראַגע", „צייט-פראַגן", 1914, נומ. 2) 258

128. די פירער פונם בונד אף די אלטע ליקווידאַטאָרישע פּאָזיציעס (לייט-אַרטיקל „דער בלאָק“, „די צייט“, 1914, נום. 20). 265
129. דער בונד און די אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע קאָנפערענץ אף צו פּאַ-רייניקן די ר. ס. ד. א. פּ. („צייט“, 1914, נום. (44) 5). 267

דריטער טייל.

אין די יאָרן פונם אימפעריאַליסטישן קריג.

XIII. דער עקאָנאָמישער כורבן און די מילכאָמע-רעדיפעס אף די אידן:

אריינפיר — מ. ראַפעס 271
130. דער עקאָנאָמישער כורבן אין געווענעם סכום („באַריכט פון צענטראַלן אידישן קאָמיטעט צו העלפן די מילכאָמע-קאָרבאָנעס“ ז. ז. 15—16) . . 283
131. סטאַטיסטיק פון די היימלאָזע (באַריכט פון צענטראַלן איד. קאָמ. צו העלפן די מילכאָמע-קאָרבאָנעס. ז. ז. 58—59). 284
132. די אַרבעטסלאָזיקייט און דער קאַמף קעגן איר אין די ערשטע כאָדאָשים פונם קריג (אַ קירזשניץ: „די אידישע אַרבעטער-באַוועגונג אין די מיל-כאָמע-יאָרן“, „גאַרבער-שטימע“, 1924, נום. 2—3). 286
133. די עקאָנאָמישע לאַגע און די פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונג צווישן די בער-שטער אף די נייע ערטער (אַ. גאַסט: „צווישן די בערשטער“, „יעווריי-סקיא וועסטי“, 1916, נום. 2). 288
134. באַפעל צו נעמען אַרויס-געפאַנגענע פון דער אידישער באַפעלקערונג („יעווריעיסקאַיא סטאַרינאַ“, 1918, ב. 10, ז. 251). 290
135. אָפיציעלע מיטיילונג וועגן „אידישן פאַראַט“ אין קושי („יעווריעיסקאַיא סטאַרינאַ“, 1918, ב. 10, ז. 252). 290
136. דער גייערעש פון דער גאַנצער אידישער באַפעלקערונג פון קאָוונער גוב. („יעווריעיסקאַיא סטאַרינאַ“, 1918, ב. 10, ז. 252) 291

XIV. די אידישע אַרבעטער און דער אימפעריאַליסטישער קריג:

137. די אַרבעטער-פּאַרטייען פון פוילן רופן צום קאַמף קעגן דער מילכאָמע („צום פוילישן פּראָלעטאַריאַט“. „דער אינטערנאַציאָנאַל און די וועלט-מילכאָמע“. 1919, ז.ז. 238—241) 293
138. אַנטימילכאָמע-שטימונגען צווישן די אידישע אַרבעטער (גדאַליע ליבאַ: „אין יענע יאָרן“ „גאַרבער-שטימע“, 1924, נום. 2—3) 295
139. דער אויסלענדישער קאָמיטעט פון בונד וועגן דער קאָנפערענץ פון די „פּאַר-בינדעטע“ סאָציאַליסטישע פּאַרטייען („אינפאָרמיר-בלעטל פונם אויסלענ-דישן קאָמיטעט פון בונד“. 1915, נום. 8) 297
140. דער מאַי-אויפרוף פון בונד („אינפאָרמיר-בלעטל פון א. ק. פונם בונד“). 1915, נום. 8) 298
141. די באָלשעוויקעס וועגן אַנטייל פונם בונד אין דער צימערוואַלדער קאָנפע-רענץ („סאָציאַל-דעמאָקראַט“. 1915, נום. 45—46) 301
142. די פּאָליטישע שטימונגען אין בונד אָנהויב 1916 („אַ בריוו פון רוסלאַנד“. ביולעטען פון אויסלענדישן קאָמיטעט פון בונד. 1916. נום. 1) . . . 302

143. די כאַרקאָווער באַראַטונג פון בונד וועגן דער באַציאונג צו דער מילכאָמע און די פּאָליטישע אויפגאַבן פונם פּראָלעטאַריאַט („ביולעטען פונם א. ק. פונם בונד“. 1916, נומ. 1) 305

144. דער אויסלענדישער קאָמיטעט פון בונד וועגן דער טאַקטישער ליניע פון דער כאַרקאָווער באַראַטונג („ביולעטען“. 1916. נומ. 1) 308

145. דער אָפּאָרטוניזם און סאָציאַל־שאָוויניזם פונם בונד (ג. זינאָוויעוו: „דער „אינטערנאַציאָנאַליזם“ פון בונד“. „קעגן שטראָם“. 1916. ז. 373—375) 310

146. די מילכאָמע־פּאָזיציע פון די רוסלענדישע פּועלי־ציאָן (רעזאָלוציע פון דער באַראַטונג אין אַפּרעל 1916 314

XV. די פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע אַרבעט און דער קאַמף אַרום דער מילכאָמע־געזעלשאַפטלעכקייט.

147. דער בונד אף דער באַראַטונג פונם „אָרט“ (א דעלעגאַט: „די באַראַטונג“. באַריכט פון דער באַראַטונג וועגן „הילף דורך אַרבעט“. פּעטראָגראַד. 1916, ז. ז. 2—3, 5—6 און 9—12. 315

148. די צ. ס. א. פּ. („ס. ס.“) בעאייס דער וועלט־מילכאָמע (ב. גוטמאַן: „ערינערונגען“) 319

149. די פּועלי־ציאָן וועגן אַנטייל אין די אידישע הילפס־אָרגאַניזאַציעס (רעזאָלוציע פון דער באַראַטונג אין אַפּרעל 1916) 321

150. דער קאַמף אַרום די אידישע הילפס־אָרגאַניזאַציעס אַף די ערטער (בען־נאָעמי: „וועגן א וואַל־קאַמפּאַניע“. „יעווריעיסקיא וועסטי“, 1916, נומ. 1). 322

151. די אַרבעטער־קיך אין מינסק (י—ל און ל—וו: „פונם לעבן פון דער מינסקער קיך“. „יעווריעיסקיא וועסטי“. 1916, נומ. 2) 324

152. א רוף אויפצולעבן די אידישע אַרבעטער־פּרעסע (בען־דאַוויד: „וועגן דער אויפלעבונג פון דער אידישער אַרבעטער־פּרעסע“. „גאָלאָס“. 1916, נומ. 3) 326

153. די אידישע אָנפראַגע אין דומע („דאָס לעבן“. זאַמלבוך. 1916, ז. ז. 41—50). 328

154. אידישע אַרבעטער פּראָטעסטירן קעגן דער אויפירונג פון די אידישע דעפּוטאַטן („נאַש גאָלאָס“, 1916, נומ. 13 און 14) 332

155. די טאַקטיק פונם בונד אינם קאַמף פאַר דער אידישער גלייכבאַרעכטיקונג. רעזאָלוציע פון דער כאַרקאָווער באַראַטונג אין מאַי 1916 334

156. דער בונד און „ס. ס.“ וועגן אַלוועלטלעכן אידישן קאָנגרעס (ה. ערליך: „צום אַלוועלטלעכן אידישן קאָנגרעס“. „יעווריעיסקיא וועסטי“, 1917, נומ. 6 (15) 336

ב יי ל א ג ע ס.

1. באַמערקונגען און דערקלערונגען 341

2. ביבליאָגראַפיע. 358

А. Киржниц

פרייז 2 ר. 75 ק.

Еврейский рабочий

(Третий том)

(Между двумя революциями)

1908—1916 гг.

Под редакцией, со вступ. статьями

М. Рафеса

Изд-во Акц. Об-ва

„ШКОЛА и КНИГА"

Москва, Никольская, 10.

דער אידישער ארבעטער

פערטער באַנד

די יאָרן 1917—1918

פאַרלאַג „שול און בוך“, מאָסקווע, 1928

א. קירזשניץ

דער אידישער ארבעטער

כרעסטאמאטיע
צו דער געשיכטע פון דער אידישער
ארבעטער, רעוואלוציאנערער און סאָ-
ציאליסטישער באוועגונג אין רוסלאנד

פערטער באַנד

די יאָרן 1917 — 1918

אונטער דער רעדאקציע
און מיט אריינפיר פון
מ. ראַפעס

פארלאג „שול און בוך". מאָסקווע, 1928

Тип. «Эмес»,
Москва, Покровка 9.
Тир. 3000 экз.
Главлит № А. 2632

פאָרוואָרט

דער פערטער באַנד פונם „אידישן אַרבעטער“, וועלכער נעמט אַרום די יאָרן 1917 — 1921 (פון דער פעברואַל-רעוואָלוציע ביזן סאָף פונם בירגער-קריג), איז איינגעטיילט אין צוויי העפטן: דאָס ערשטע העפט שליסט איין די יאָרן 1917 — 1918 — ביזן אויסברוך פון דער נאָיאַבער-רעוואָלוציע אין דייטשלאַנד; דאָס צווייטע וועט אַרומנעמען די יאָרן 1919 — 1921, וועלכע ווערן כאַראַקטעריזירט מיטן פולשטענדיקן ניצאָכן פונם קאָמוניזם אין דער אידישער אַרבעטער-באַוועגונג.

אין אַלגעמיין איז דער פערטער באַנד געבויט אויף די זעלביקע יסודות, וואָס די שוין דערשינענע דריי בענדער. ס'דאַרף בלויז נאָכאַמאָל אונטערגעשטראָכן ווערן דער באַזונדערער כאַראַקטער פון אונזער כרעסטאָמאַטיע, וועלכע נעמט זיך ניט, ווי באַוווּסט, באַקאַנט צו מאַכן דעם לייענער מיטן גאַנג און אַנטוויקלונג פונם אַלגעמיינעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף. „דער אידישער אַרבעטער“ איז נאָר אַ דערגאַנצונג צו די אַלגעמיינע היסטאָריש-רעוואָלוציאָנערע כרעסטאָמאַטיעס. אינם „אידישן אַרבעטער“ ברענגען מיר נאָר אַזעלכע מאַטעריאַלן, וועלכע ווייזן, ווי אַזוי די אַלגעמיינע רעוואָלוציאָנערע פּאַסירונגען האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט אין דער אידישער סוויווע. ווער אָבער ס'זוכט די אַלגעמיינע היסטאָרישע דאָקומענטן און די שילדערונג פון די אַלגעמיינע רעוואָלוציאָנערע פּאַסירונגען, דער וועט זיך מוזן ווענדן צו די אַנטשפּרעכנדיקע זאַמלונגען פון די היסטפּאַרטן און פּאַרטייאישע פאַרלאַגן. אַגעוו אַזעלכע זאַמלונגען האָבן מיר שוין איצט ניט נאָר אין רוסיש, נאָר אויך אין אידיש.

מיט דעם דערקלערט זיך אויך דאָס, וואָס אין געגעבענעם העפט ווערט זייער שוואַך אָפּגעשפּיגלט דער גראַנדיעזער רעוואָלוציאָנערער קאַמף, מיט וועלכן ס'זיינען אַזוי רייך די יאָרן 1917 — 1918. די אידישע אַרבעטער-באַוועגונג איז אין אָט די יאָרן אין איר גרעסטן טייל נאָך געווען באַאיינפלוסט דורך די אידישע קליינבירגערלעך-סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, וועלכע האָבן זיך, ווי באַוווּסט, גע-פונען אויף יענער זייט פון דער רעוואָלוציאָנערער באַריקאַדע, אין מאַטערי-

אַלן וועגן אָנטייל פון די אידישע אַרבעטער אין דער צוגרייטונג און דורכפירונג פון דער אָקטיאַבער-איבערקערעניש זיינען דערווייל פאַרעפנטלעכט נאָך זייער ווייניק.

מיר גלויבן, אַז אין צוזאַמענהאַנג מיט דער פאַרשטייענדיקער פייערונג פון 10-טן יאָרטאָג פון דער אָקטיאַבער-רעוואָלוציע וועלן אַזעלכע מאַטעריאַלן פאַר-עפנטלעכט ווערן, און דענסטמאָל וועט מען קאָנען מעמאָלע זיין דעמאַזיקן וויכטיקן בלויז פון אונזער אַרבעט.

א. ק.

מאָסקווע 7 אָקטיאַבער 1927.

אַ ר ײַ נ פֿ י ר

דעם 27-טן פעברואר — 12-טן מאַרץ 1917 — איז געפאַלן די צאַרישע דעספּאָטיע.

פּלוצלונג אויסגעבראָכן, איז אָבער די פעברואַל־רעוואָלוציע געווען צוגעגרייט דורך דער לאַנגער רעוואָלוציאָנערער אַרבעט פון עטלעכע דורות. די ערשטע רוסישע רעוואָלוציע איז געווען די רעפּעטיציע פון 1917. דער רעוואָלוציאָנערער קאַמף פון פּראָלעטאַריאַט אין די יאָרן 1907—1916, אונטער דער אָנפירונג פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי, קעגן דער רעגירונג, פּריצים און בורזשואזיע, דער קאַמף פאַר די ניט־געקירצטע לאָזונגען (רעפּובליק, קאָנפיסקאַציע פון דער גאַנצער ערד און 8-שאָעדיקער אַרבעטס־טאָג), קעגן אַלע רעפאָרמיסטישע פּרואוון פון די מענשעוויקעס־ליקווידאַטאָרן און זייערע אונטערשטיצער — אָט דער קאַמף האָט דאָס צוגעגרייט די מעגלעכקייט פון דער רעוואָלוציע פון 1917, און אויך איר לייכטן ניצחון איבער די קוילעס פון דער רעאַקציע. די רעוואָלוציע פון פעברואַל 1917 איז געווען אַ סימען, אַז ס'האָבן באַנקראָטירט אַלע פּרואוון צו לייזן דורך אַ פשאָרע יענע פּראָבלעמען, וועלכע זיינען נאָך געשטעלט געווען אין 1905. עס האָבן באַנקראָטירט די שטרעבונגען פון די ליקווידאַטאָרן צוצופּאַסן די אַרבעטער־באַוועגונג צו דער עטוואָס רעפאָרמירטער זעלבסטהערשונג. די רעוואָלוציע איז געווען אַ באַרעכטיקונג פון דער באָלשעוויסטישער פּאָזיציע פון פאַר דעם קריג. אָבער גלייכצייטיק האָט זיך מיט דער פעברואַל־רעוואָלוציע אָנגעהויבן צו פאַרווירקלעכן דער אָנזאָג פון לענינען, אַז די וועלט־מילכאָמע וועט ווערן אַן אָנהויב פון דער וועלט־רעוואָלוציע. לענינס צורוף צו די אַרבעטער און סאָלדאַטן, אַז זיי זאָלן אַ קער טאָן זייערע ביקסן קעגן די אייגענע רעגירונגען, איז דאָ געוואָרן פאַרקערפּערט אין אַ געוואַלדיק־גרויסן אַרויסטריט פון אַרבעטער און סאָלדאַטן.

אין דעם ניצחון פון דער פעברואַל־רעוואָלוציע האָבן אַ כיילעק אויך די אידישע אַרבעטער־מאַסן, וועלכע האָבן ניט אויפגעהערט דעם קאַמף קעגן צאַריזם אין די אַלע פאַר־רעוואָלוציאָנערע יאָרן און האָבן פאַרשפּרייט די רעוואָלוציאָנערע מיקראָבן אין די פאַרוואָרפנסטע ווינקעלעך פונם פאַרפלוכטן אידישן „טכום“. דער צאַריזם איז געפאַלן ניט נאָר אַראָנק די קלעפּ, וואָס ער האָט

באקומען אין פעטראגראד און מאסקווע, נאר אויך אדאנק דעם, וואס שוין אין די ערשטע שאען פון דער רעוואלוציע האט זיך ארויסגעוויזן, אז סאי די ארמיי אפן פראנט, סאי די פרידלעכע באפעלקערונג אין גאנצן לאנד שטיצט און פארברייטערט די רעוואלוציע, ניט לאזנדיק קומען צו זיך די אנהענגער פון צאריזם. אט די באציאונג פון גאנצן לאנד, וואס איז געווען צוגעגרייט דורך דער רעוואלוציאנערער ארבעט פון א פאר צענדליק יארן, האט באשטימט דעם גורל פון צאריזם.

אין די גובערניעס פון אידישן „טכום“ איז דאס אלץ דורכגעפירט געווארן מיטן גרויסן אנטייל פון דער ארגאניזירטער אידישער ארבעטערשאפט. איר ענערגיע און ענטוזיאזם זיינען געווען נאך גרעסער צוליב דעם, וואס העלפנדיק צו ליקווידירן אלע רעשטלעך פון דער צארישער דעספאטיע, האבן זיי אויך צעווארפן די גאנצע געביידע פון דער אידישער רעכטלאזיקייט.

אט די אידישע רעכטלאזיקייט איז געפאלן בוכשטעבלעך צוזאמען מיטן צאריזם נאך אין די ערשטע טעג פון דער פעווראל-רעוואלוציע. עס זיינען ניט נויטיק געווען קיין שום ספעציעלע אנשטרענגונגען. געפירט דורך נאציאנאליסטישן אומצוטרוי צו די רעוואלוציאנערע קרעפטן פון לאנד, האבן די אידישע קאדעטן און ציאניסטן מיט ווינאווערן און פרידמאנען בעראש דעם 3-טן מארט פארופן אף א באראטונג די אידישע סאציאליסטן, וואס האבן געהאט אן איינפלוס אין פעטראגראדער אויספיר-קאמיטעט פון די ראטן, קעדיי צו ווירקן אף זיי פאר דער אפשאפונג פון דער אידישער רעכטלאזיקייט. דאס איז געווען לעכערלעך. מע האט זיי דערקלערט, אז ס'איז ניטא קיין שום גרונט פאר אומרואיקייט, אז די אפשאפונג פון דער אידישער רעכטלאזיקייט איז שוין באשלאסן דורכן אויספיר-קאמיטעט פון ארבעטער ראט אין דער נאכט פון 28-טן פעווראל און אף מארגן נאך דעם, ווי ס'וועט ארויסגעגעבן ווערן דער דעקרעט וועגן אפשאפן די שטאנד-באגרעניצונגען, וואס דריקן די 130-מיליאניקע פויערשע מאסע, וועט אויך דערשיינען דער דעקרעט וועגן אפשאפן די אידישע רעכטלאזיקייט.

אזוי האט עס פאסירט. און דאס איז געווען זעלבסטפארשטענדלעך, ווייל שוין אין די ערשטע שאען פון דער פעווראל-רעוואלוציע האט די רעוואלוציאנערע געזעלשאפטלעכקייט באטל געמאכט יעדן אונטערשייד צווישן אידן און ניט אידן. מיר האבן ניט, צום באדויערן, קיין מעגלעכקייט אין ציפער פארשטעלן דעם אנטייל פון דער אידישער ארגאניזירטער ארבעטערשאפט אין אלע ראטן, שטאטדומעס, זעמסטוועס א.א.וו. פון די ערשטע טעג פון דער רעוואלוציע. וויכטיק איז נאר צו באמערקן, אז דער אנטייל איז געווען געוואלדיק גרויס און האט אפילע ארייגעבראכט א מעהומע אין די שרעקענדיקע און קנעכטישע נעשאמעס פון די אידישע בורזשואזע פארטייען, וועלכע האבן גערופן די אידן „ניט ארויסרוקן זיך“ (זע דאקומענט נומ. 12).

און מע מוז באטאנען, אז דא האט זיך ארויסגעוויזן פאר באנקראט ניט נאר דער ציאניזם מיט זיינע שאוויניסטישע טעאריעס, נאר אויך די נאציאנאליס-

טישע פּאָזיציע פון „בונד“ און פון אַלע אידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען. זי איז נאָך אין 1895 געווען פאָרמולירט דורך מאַרטאָוון:

„ווען דעם רוסישן פּראָלעטאַריאַט וועט אויסקומען צו אָפּפערן וועלכע עס איז פון זיינע פאָדערונגען אום צו דערגרייכן כאָטש וועלכע עס איז פאַרבעסערונגען, וועט ער אין אַזאַ פאַל געוויינלעך בעסער אָפּפערן די פאָדערונגען, וועלכע זיינען נויטיגע ספּעציעל דעם אידן, ווי, צום ביישפּיל, פרייהייט פון רעליגיאָן אָדער גלייכע רעכט פאַר אידן“ *).

דערמיט איז געווען באַגרינדעט די גאַנצע טעאָריע פון אַן אייגענער און זעלבשטענדיקער אידישער פּאַרטיי-אָרגאַניזאַציע, וואָס איר אויפגאַבע וועט זיין צו מאָביליזירן אַלע קרעפטן, קעדיי ניט דערלאָזן מאַקריוו זיין די אידישע פאָדערונגען. דערויף האָבן באַוויזן ניט נאָר די בונדיסטן, נאָר אַלע אידישע קליינבירגערלעכע סאָציאַליסטן. די ערשטע טעג פון דער רוסישער רעוואָלוציע האָבן באַוויזן, אַז דאָס אַלץ איז געווען אין גרונט פאַלש.

* *
*

די פעוראַל־איבערקערעניש האָט געמאַכט אַ סאָף צו דער צאַרישער דעספּאָטיע. די מאַכט איז אַריבער אין די הענט פון די ליבעראַלע פּריצים און פאַבריקאַנטן, וואָס האָבן זיך אָנגעשפּאַרט אַף דער קליינבירגערלעכער סאָציאַליסטישער דעמאָקראַטיע. אָבער גלייך אַף מאָרגן נאָך דער פעוראַל־איבערקערעניש צעפלאַקערט זיך אַ העפטיקער קלאַסן-קאַמף צווישן פּראָלעטאַריאַט און דער בורזשואַזיע, אַ קאַמף פאַר מאַכט. דער קאַמף פאַרענדיקט זיך דעם 25 אָקטיאַבר 1917 מיטן ניצאָכן פון רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט, וועלכער פאַרייניקט אַרום זיך דאָס פּויערטום און פּראָקלאַמירט זיין דיקטאַטור אין דער פאָרם פון אַ ראַטן־רעפּובליק.

ס'איז פון אָנהייב אָן געווען קלאָר, אַז אין אָט דעם אומבאַראַכמאָנעסדיקן קאַמף צווישן די ביידע קעגנזעצלעכע קלאַסן וועט זיגן נאָר יענער קלאַס, וועלכער וועט אַריבערציען אַף זיין זייט די גרויסע קליינבירגערלעכע מאַסע פון לאַנד, פריער פאַר אַלץ דאָס פּויערטום. נאָר אין פעסטן בונד מיטן פּויערטום האָט געקאָנט זיגן דער אַרבעטער־קלאַס.

די פּאַרטייען פון קליינבירגערלעכן סאָציאַליזם — די מענשעוויקעס און עסערן — וועלכע האָבן פון אָנהייב געהאַט דעם גרעסטן איינפלוס אין דער אַרבעטער-און פּויערים-מאַסע, זיינען נאָך פאַר דער רעוואָלוציע אינגאַנצן אַרונטערגעפאַלן אונטערן איינפלוס פון דער אימפּעריאַליסטישער אידעאָלאָגיע. זיי האָבן פּאַקטיש אָנגענומען די פּאָזיציע פון דער רוסישער בורזשואַזיע: די רעוואָלוציע דאַרף זיך אונטערוואַרפן די אינטערעסן פון דער מילכאָמע, די מאַכט אין לאַנד דאַרף געהערן דער בורזשואַזיע. דערפאַר האָבן זיי גערופן אָפּלייגן די באַפרידיקונג פון אַלע רעוואָלוציאָנערע פאָדערונגען פון די מאַסן ביז דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג, וואָס דער טאָג פון איר צונויפרופונג איז אַלץ ווייטער אָפּגעלייגט געוואָרן. דערפאַר האָבן זיי געהאַלטן פאַר דער גרעסטער סאַקאָנע,

*) „די נייע עפּאָכע אין דער אידישער אַרבעטער-באַוועגונג“ 1901.

אַז דאָס רעוואָלוציאָנערע פֿאָלק זאָל זיך אַליין נעמען פֿאַרן דורכפֿירן די רעוואָלוציע, ווייל דאַן וועלן שוין די מאַסן אומבאַדינגט איבערשטייגן די גרעניצן פֿון דער בורזשואַזער רעוואָלוציע. דער קליינבירגערלעכער סאָציאַליזם האָט גענומען אַף זיך צו פֿאַרטיידיקן די מילכאָמע און די בורזשואַזע רעוואָלוציע קעגן דעם אָנגריף פֿונם פּראָלעטאַריאַט, וועלכער האָט געשטויסן די רעוואָלוציע אַפֿן וועג פֿון פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור. די קליינבירגערלעכע פּאַרטייען זיינען אַלץ אָפֿענער געגאַנגען אַפֿן וועג פֿון בורזשואַזער קאָנטר-רעוואָלוציע.

פֿון ערשטן טאָג אָן פֿון דער רעוואָלוציע האָט זיך אַף דער וואַקסנדיקער אַרויסגערוקט יענער אָרגאַן פֿון מאַסן-אָרגאַניזאַציע — די ראַטן פֿון אַרבעטער-פּויערים-און סאָלדאַטן-דעפּוטאַטן — וועלכע זיינען באַרופֿן געוועזן צו ווערן דער אַפּאַראַט פֿון פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור. צוויי פּרעטענדענטן אַף דער מאַכט האָבן געפֿירט צווישן זיך אַ קאַמף די גאַנצע 8 מאָנאַטן: די ראַטן און די צייטווייליקע רעגירונג.

אין אַפּריל 1917 האָט לענין אין זיינע באַוואוסטע אַפּריל-טעזיסן געוואָרפֿן דעם לאָזונג „די גאַנצע מאַכט די ראַטן". דאָס איז געוואָרן די רעוואָלוציאָנערע פּראָגראַם פֿון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי. געווינען די מערהייט אין די ראַטן — דאָס איז געווען, לויט לענינס טעזיס, דער ערשטער טייל פֿון דער פּראָגראַם. באַוואָפֿנטער אויפֿשטאַנד פֿון די אַרבעטער, פּויערים און סאָלדאַטן אונטער דער אָנפֿירונג פֿון די ראַטן און פֿאַר דער מאַכט פֿון די ראַטן, ווען די באָלשעוויקעס וועלן שוין האָבן נאָך זיך אַ מערהייט אין די ראַטן — דאָס האָט געזאָלט זיין דער צווייטער טייל פֿון דער פּראָגראַם.

די באָלשעוויסטישע פּאַרטיי האָט אונטער לענינס אָנפֿירונג דורכגעפֿירט ביידע טיילן פֿון אָט דער פּראָגראַם, אויסנוצנדיק די גינסטיקע סיטואַציע, וואָס האָט זיך געשאַפֿן אַדאַנק די אומאויפֿהערלעכע קריזיסן, דורך וועלכע ס'איז דורכגעגאַנגען די רעוואָלוציע אין די מאָנאַטן מאַרט-סעפּטיאַבר 1917.

אין דער צייט פֿון דעם אַפּרעל-קריזיס זאָגט זיך די בורזשואַזיע אָפֿיציעל אָפּ פֿון מיליוקאָוון און גוטשקאָוון און געווינט דערמיט די עפֿנטלעכע און אָפֿיציעלע קאָאַליציע מיט די סאָציאַליסטן, וועלכע נעמען איבער אַף זייערע פּלייצעס די דורכפֿירונג פֿון מיליוקאָווס פּראָגראַם.

דאַן קומט דער יולי-קריזיס, ווען די אומגעדולדיקע אַרבעטער-און סאָלדאַטן-מאַסן מאַכן זייער ערשטן אָנגריף אַף דער צייטווייליקער בורזשואַזער רעגירונג און ווען גלייכצייטיק פֿאַרשאַרפֿט זיך דער צוזאַמענשטויס מיט פֿינלאַנד און אוקראַינע. די בורזשואַזיע נוצט עס אויס קעדיי צו שטויסן דעם קליינבירגערלעכן סאָציאַליזם אַף אַן אָפֿענעם אָנגריף קעגן פּראָלעטאַריאַט און זיין פּאַרטיי.

אין אויגוסט-קריזיס, ווען קאָרנילאָוו מאַכט זיין אָפֿענעם אַרויסטריט אונטער דער פֿאָן פֿון אַ מיליטעריש-בורזשואַזער דיקטאַטור ביי דער אונטערשטיצונג פֿון קערענסקיס קליקע, גיט זיך דער אויפֿשטאַנד ניט איין נאָר אַדאַנק דעם, וואָס ער האָט פֿאַרשפּעטיקט, ווייל די באָלשעוויקעס האָבן שוין אַ גרויסן איינפֿלוס אין די ראַטן און אָרגאַניזירן אַ מעכטיקן ווידערשטאַנד.

דער ס ע נ ט י א ב ר ־ ק ר י ז י ס דערנעענטערט דעם ניצחון פון דער ראטנ־מאכט, ווייל ער דעמאַנסטרירט דעם פולשטענדיקן באנקראָט פון דער קליינבירגערלעכער דעמאָקראטיע. דער פאָרפּאַרלאמענט, אָרגאַניזירט דורך די מענשעוויקעס און עסערן, זאָגט זיך אָפּ צו נעמען די מאכט און זיינע הענט אין גיט זיך איבער דער בורזשואזיע בעראַש מיט די קאדעטן וועלכע זיינען שוין געווען קאָמפּראָמעטירט אין די אויגן פון די ארבעטנדע מאסן דורכן אָנטייל אין קאָרנילאָווס אויפשטאַנד.

יעדער פון אָט די קריזיסן האָט אונטערגעגראָבן אין די ארבעטנדיקע מאסן דעם צוטרוי צום קליינבירגערלעכן סאָציאַליזם און צוגעגרייט אלץ מער דעם באָדן פאר דער דורכפירונג פון דעם צווייטן טייל פון לענינס פּראָגראַם. אין סענטיאבר שרייבט לענין זיין באוואוסטן בריוו צום צענטראַל־קאָמיטעט, אין וועלכן ער רופט צוצוגרייטן דעם באוואָפנטן אויפשטאַנד און איבערצונעמען די מאכט.

* * *

ווי אזוי זשע האָט זיך אָט דער גראנדיעזער קלאסנקאַמף אָפּגעשפּיגלט אין דער אידישער סוויווע?

צוזאמען מיט דער צארישער דעספּאָטיע איז געפאלן די גאנצע געביידע פון דער אידישער רעכטלאָזיקייט. די אידן האָבן זיך דערפילט ווי פולבארעכטיקטע בירגער פון א רעוואָלוציאָנערן לאנד. די גרויסע פּאָליטישע אומצופרידנקייט, וועלכע האָט געהערשט צענדליקער יארן אין דער גאנצער אידישער באפעלקערונג בעאיים דער צארישער דעספּאָטיע און וועלכע האָט געשטויסן אין רעוואָלוציאָנערן לאגער די אידישע אינטעליגענץ, האָט פארלאָרן איר שארפקייט. די אידישע בורזשואזיע איז געוואָרן אויפריכטיק־פּאַטריאָטיש. בורזשואזיע און קליינבירגערלעכע אינטעליגענטן האָבן צוגעשטימט צום „באפרייאונגס־קריג" פון דער גאנצער אנטאנטע און באוויזן, אז דער ניצחון פון רעוואָלוציאָנערן רוסלאנד באריימיקט אלע אידן אונטער איין מאכט, דאָס איז געווען א אידיש־נאציאנאליסטישער העבער אויף אימפעריאליסטישע רעאקציאנערע צילן.

די רעכטלאָזיקייט האָט אין א געוויסער מאָס געשטערט דער פרייער אנטוויקלונג פון קלאסנקאַמף צווישן די אידן. איצט אָבער באקומט שוין יעדע קלאסן־גרופּע בא אידן א פרייע מעגלעכקייט צו פארבינדן זיך מיט אירע קלאסן־באוויירים אין גאנצן לאנד. די אידישע בורזשואזיע נוצט די ערשטע אוים אָט די פרייהייט, וואָס זי האָט באקומען אדאנק דער רעוואָלוציע, וועלכע איז געווען דורכגעפירט דורך די ארבעטער און סאָלדאטן. אין מארט איז די אידישע בורזשואזיע נאָך ניט זיכער מיטן ניצחון פון דער רעוואָלוציע און קאָקעטירט נאָך מיט די ארבעטערראטן. די דעלעגאציע פון דער אידישער בורזשואזיע, וואָס קומט דאנקען די רעוואָלוציע פאר דער אָפּשאפונג פון דער רעכטלאָזיקייט, געפינט פאר נויטיק צו באזוכן אויך דעם פּעטערבורגער אויספירקאָמיטעט פון די ראטן: מע דארף ניט איינרייסן אויך מיט אָט דעם אנשטאלט, וואָס קאָן נאָך צונוץ קומען אין קאמף פאר גלייכבארעכטיקונג, ווייל ווער ווייסט, וואָס

עס וועט זיין מאָרגן? נאָר מיט א כויעש שפּעטער וועט שוין די בורזשואַזיע באַ זיך טאַקיפּער. זי האָט שוין גאָר פאַרגעסן, אַז זי האָט אמאָל געהערט צו אַן אונטערדריקטן פאָלק. זי פאַרנעמט שוין אַ קלאָרע קלאַסנשטעלונג: פאַר דער בורזשואַזער צייטווייליקער רעגירונג און קעגן די ראַטן. אירע קינדער טרעטן אַריין אין די מיליטערישע שולן, וואָס ווערן צוטריטלעך אויך פאַר אידן.

די נייע אידישע „קערענסקים פּראָפּאָרשטשיקעס" ווערן ענטוזיאַזיסטישע פאַריידיקער פון אָנגריף אויפן פראָנט, קעדיי צו פאַרטיידיקן „אונזער פאָטערלאַנד", אין וועלכע די מאַכט געהערט צו דער בורזשואַזיע און פריצים. זיי זינגען פאַר מיליוקאָוון מיט זיינע שטרעבונגען צו קאָנסטאַנטינאָפּאָל. דורכגעדרונגען מיט בלוטיקער סינע צו די באָלשעוויקעס, נעמט די אידישע בורזשואַזיע דורך איר פּרעסע אָן אַנטייל אין דער העצע קעגן די באָלשעוויקעס. עס ווערט דערקלערט, אַז די אידן־באָלשעוויקעס זיינען אויסוואורפן פון אידישן פאָלק, אַז די אידישע נאַציע איז ניט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אָט די „אויסוואורפן".

גלייכצייטיק אַנטשטייט שוין פאַר דער אידישער גרויסער און מיטעלער בורזשואַזיע די פראַגע, ווי אַזוי איינצוהאַלטן און נאָך פאַרברייטערן יענעם איינפלוס אירן אויף די אידישע אַרבעטנדיקע מאַסן, וואָס די צאַרישע רעגירונג האָט איר גאַראַנטירט דורך דער רעכטלאָזיקייט פון די אידישע מאַסן און אַדאַנק די רעשטלעך פון אַלטן געטאָ. די אַלטע קעהילע און אַנדערע רעליגיעזע און געזעלשאַפטלעכע אַנשטאַלטן זיינען דורך דער צאַרישער רעגירונג געווען אָפּגעגעבן אין די הענט פון דער בורזשואַזיע. אַזוי פאַשעט ווי פריער קאָן דאָס ווייטער ניט פאַרבלייבן, דאָס מוז רעפאָרמירט ווערן. אויפהאַלטן די נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע אין אַ נייער פאָרם — דאָס ווערט די פּראָגראַם פון דער אידישער גאַנצער בורזשואַזיע.

פאַר דער גרויסער אידישער בורזשואַזיע איז אָט די נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע נאָר אַ מיטל צו פאַרשטאַרקן איר פּאָליטישן איינפלוס און באַקעמפן די רעוואָלוציאָנערע טענדענצן אין די אַרבעטנדע מאַסן. פאַר דער מיטעלער און קליינער אידישער בורזשואַזיע איז נאָך אָט די נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע דער ווירקזאַמסטער מיטל אין דעם קאָנקורענץ־קאַמף מיט דער ניט אידישער מיטעלער און קליינער בורזשואַזיע. ווען מע לעבט ניט אויף קיין אָפּגעזונדערטער נאַציאָנאַלער טעריטאָריע און מע איז צעוואָרפן צווישן אַנדערע, פאַרבלייבט די נאַציאָנאַל־פּערסאָנאַלע אווטאָנאָמיע דער איינציקער מיטל פאַר עקאָנאָמישער און פּאָליטישער זעלבסטשוץ. ביפראַט נאָך, אַז מע קאָן דערמיט איינשפּאַנען אין נאַציאָנאַל־בורזשואַזן וואָגן די אַרבעטער און אַרבעטנדיקע שיכטן פון דער באַפעלקערונג.

צווישן דער רייכער גרויסער בורזשואַזיע, און אויך אין די רייען פון דער מיטעלער און קליינער בורזשואַזיע, זיינען געווען גענוג אויך אַזעלכע שיכטן, וואָס זייערע דירעקטע קלאַסן־אינטערעסן האָבן זיי געשטויסן אויפן וועג פון קאַמף קעגן דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון דער רעוואָלוציע. דאָס זיינען געווען יענע אַלע, וואָס זייער פאַרבינדונג מיט דער צוקער־אינדוסטריע אָדער דער האַנדל מיט ברויט א. א. וו. האָט זיי ענג פאַרבונדן מיטן פּאַריץ און אוועק־

געשטעלט קעגן דעם פויער. אָט די שיכטן האָבן מורא געהאַט, אַז די ליקווידאַציע פון דעם פּריצישן ערד־אייגנטום און די פרייע אַנטוויקלונג פון דער פויערשער ווירטשאַפט זאָל ניט אונטערגראָבן זייער עקאָנאָמישע עקזיסטענץ. דאָס איז געווען גאַנץ גענוג אַף צו שטויסן אָט די שיכטן אין לאַגער פון דער קאָנטר־רעוואָלוציע.

אין אוקראַינע, וואו אָט די סאָציאַלע שיכטן בא די אידן זיינען אַמשטאַרקסטן געווען פאַרטראָטן, טרעפן מיר שוין אין מאַי כוידעש צוויי געזעלשאַפטלעכע אידישע צוזאַמענפאָרן — אין קיעוו און אין קאַטערינאָסלאַוו, — וואָס גייען דורך אין אַן אַטמאָספער פון גליענדער סינע און האַס ניט נאָר צום באָלשעוויזם, נאָר אַפילע צום קליינבירגערלעכן סאָציאַליזם. זיי ווילן ניט הערן פון קיין שום פרייהייטן און דעמאָקראַטיע. דער שוואַרץ־בלאָער בלאָק פון ציאָניסטן און קלעריקאַלן טרעט דאָ אָפן אַרויס ווי אַ קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע קראַפט.

וואָס אַ כוידעש ווייטער שטאַרקט זיך אַלץ מער די נאַציאָנאַליסטישע קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע שטימונג אין אידישן קליינבירגערטום. די פאָן פון דער אידישער בורזשואַזער רעאַקציע ווערט דער ציאָניזם. די אידייע פון נאַציאָנאַלער אָרגאַניזאַציע דינט צו מאָביליזירן די מאַסן אונטער דער פאָן פון קלעריקאַל־ציאָניסטישן בלאָק. דער אידישער צוזאַמענפאָר, די אידישע קעהילעס, די אידישע גרינדונגס־פאַרזאַמלונג, די אידישע אַווטאָנאָמיע — דאָס פילט אָן דאָס אידישע פּאָליטישע לעבן. באַלפורס דעקלאַראַציע וועגן פּאַלעסטינע קומט גראָד צו דער צייט און ווערט אויסגענוצט אַלס אַ מיטל אָפּצוציען די קליינבירגערלעכע מאַסן פון דער רעוואָלוציע.

צום מאָמענט פון דער אָקטיאַבר־רעוואָלוציע, ווען די באָלשעוויקעס און לינקע עסערן האָבן שוין צוזאַמען געהאַט אַף זייער זייט מער ווי אַ העלפט פון דער פויערשער מערהייט פון רוסלאַנד, איז, פאַרקערט, די גרעסטע מערהייט פון אידישן פאָלק געשטאַנען אין לאַגער פון דער קלעריקאַל־ציאָניסטישער רעאַקציע. דאָס זעען מיר פון די רעזולטאַטן פון די וואַלן אין די אידישע קעהילעס, — די ווייט גרעסטע מערהייט פון די קעהילעס פאַלן אַריין אין די הענט פון קלעריקאַל־ציאָניסטישן בלאָק. דאָס זעען מיר אויך פון דער צוזאַמענשטעלונג פון אוקראַינישן אידישן נאַציאָנאַלן פאָרפּאַרלאַמענט, וואָס איז אויסגעווילט געוואָרן דורך די קעהילעס, וועלכע האָבן זיך אָרגאַניזירט סאָף 1917. אין דער אַלרוסלענדישער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג האָט די אידישע בורזשואַזיע געהאַט בא אַנדערהאַלבן צענדליק דעפּוטאַטן, פון די אידישע סאָציאַליסטן (פון אַלע צוזאַמען) איז, פאַרקערט, אויסגעווילט נאָר איין דעפּוטאַט (דער „פאַריניקטער” לוואָוויטש), און דאָס אויך אַפן צעטל פון די רוסישע עסערן. דאָס איז אַ פּועל־יוצא פון דער ספּעציפישער קרעפטן־פאַרהעלטעניש אין דער אידישער באַפעלקערונג מיט איר ווייט גרעסטער מערהייט שטאָטישן קליינבירגערטום, אַנשטאָט וואָס בא די רוסן איז די מערהייט באַשטאַנען פון פויערשע מאַסן,

וועלכע זיינען געווען דירעקט פאַרגעטערעסירט אין דעם ניצאָכן פון די באָל־שעוויקעס *).

דער אידישער קליינבירגערלעכער סאָציאַליזם מיט זיין לאָזונג פון אידישער אווטאָנאָמיע האָט געהאָלפן אָרגאַניזירן די קלעריקאַל־ציאָניסטישע רעאַקציע.

* * *

די אידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען זיינען אין דער רעוואָלוציע פון 1917 אַרויסגעטראָטן ווי אויסגעשפּראָכן קליינבירגערלעכע פּאַרטייען. זייער פּאָליטי־שע פיזיאָנאָמיע האָט זיך אויסגעקריסטאַליזירט נאָך פאַר דער רעוואָלוציע (זע דעם 3־טן באַנד „אידישער אַרבעטער"). אין קלאַסנקאַמף פון מאַרט־אָקטיאַבר 1917 זיינען זיי נאָך מער באַפעסטיקט געוואָרן אין זייער קליינבירגערלעכער פּאָזיציע.

אין סאָציאַלן באַשטאַנד פון אַלע אידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען האָט אַלע מאָל געשפּילט אַ גרויסע ראָלע די קליינבירגערלעכע אינטעליגענץ. דער בונד איז אויסגעוואַקסן פון דער אַרבעטער־באַוועגונג און פון די אידישע אַרבע־טער־אָרגאַניזאַציעס, אָבער אויך אין אים האָבן זיך די קליינבירגערלעכע אינטעלי־גענטן געשפּילט אַן אָנגעזעענע ראָלע. די רעוואָלוציע פאַרשטאַרקט אין אַלע פּאַרטייען דעם איינפלוס פון די באַלעבאַטישע עלעמענטן. דער בונד פאַרייניקט אַרום זיך ווי פריער די מערהייט אידישע אַרבעטער. ער איז דער טאָנגעבער אין דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג פון די אידישע אַרבעטער פון ווייסרוסלאַנד און מאַירעוו-אוקראַינע, אָבער אויך אין די בונדישע אָרגאַניזאַציעס איז גרויס דער צופלוס פון באַלעבאַטישע עלעמענטן.

עס קערן זיך אים אין די פּאַרטייען יענע אַלע אַמאָליקע „געוועזענע", וואָס זיינען אָפּגעפאַלן אין די צייטן פון רעאַקציע און זיינען שוין געווען צונויפגע־וואַקסן מיטן קליינבירגערטום און אַפילע מיט דער בורזשואַזיע. און אַט די עלע־מענטן פאַרנעמען אָפט אַ גאַנץ אָנגעזעענעם פּלאַץ אין די אָרטיקע אָרגאַניזאַ־ציעס. זיי אַלע זיינען די הייסעסטע פריידיקער פון קאָאַליציע מיט דער בורזשו־אַזיע און פון אָנגריף אַפן פראָנט. זייער סינע צום באָלשעוויזם איז שוין אַ קלאָרע קלאַסן־סינע צום רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט. באַזונדערס פיל אַזעל־כע עלעמענטן געפינען זיך אין די אָרגאַניזאַציעס פון די גרעסערע שטעט. אין די קליינע שטעטלעך איז גרויס דער צופלוס פון דער באַלעבאַטישער יוגנט.

דער אַרבעטער־טייל פון דער מיטגלידערשאַפט איז דורכגעדרונגען מיטן נאַיוון גלויבן אין דער איינקייט פון דער רעוואָלוציע, אין איר קאַמף פאַרן שאָ־לעם. ער איז פול מיט צוטרוי צו די אַלטע „רעוואָלוציאָנערע פירער". ער איז מאַסקים מיט דער נויטיקייט צו באַשיצן די רעוואָלוציע אַפן פראָנט. מיט גרויסע ספייקעס שטיצט ער אַפילע אונטער דעם יונג־אָנגריף, ווייל ער גלויבט אויפריכ־

*) מיר מוזן אָבער דאָ אויך נעמען אין אכט, אַז אַ גרויסער טייל אידישע באַפעלקערונג האָט בעייס די וואַלן צו דער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג געשטימט פאַר די אַלגעמיינע צעטלען און גאָר קיין אנטייל ניט גענומען אין די וואַלן צו די אידישע קעהילעס, באַזונדערס אין די גרויסע שטעט פון דאר״ם.

טיק, אַז דאָ פּאַרטייִדיקט מען ניט דאָס בורזשואַזע פֿאָטערלאַנד, נאָר יענע רעוואָלוציע, וואָס די באַלדייִעס אין איר זײַנען די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען. אַף דער קאָאַליציע מיט דער בורזשואַזיע קוקן די אַרבעטער, ווי אַף אַ בייז, ווי אַף אַ צײַטווײַליקער נויטווענדיקייט, וואָס רופֿט בײַ זיי אַרויס גרויסע ספּייקעס. אינעווייניק אין דער אָרגאַניזאַציע טרעטן זיי אַרויס קעגן דער קאָאַליציע. נאָר נאָך ווייניקער פֿאַרשטייען זיי די באָלשעוויסטישע פּראָגראַם און דעם באָלשעוויסטישן אימפּעט, וועלכער „פֿירט צום בירגער־קריג” צו דער „צעשפּאַלטונג פֿון דער רעוואָלוציע”. אין דער מעגלעכקייט פֿון אַ סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע גלויבן זיי ניט, ווײַל זיי זײַנען אַזוי דערצויגן אין זייערע פּאַרטייען. עס טרײַבט זיי ניט צום ברענענדיקן פּראָלעטאַרישן קלאַסנקאַמף דער שאַרפֿער קלאַסן־אינסטינקט און די שאַרפֿע קלאַסן־סינע צו דער בורזשואַזיע, וועלכע ס'איז פֿאַראַן נאָר בײַ דעם אינדוסטריעלן פּראָלעטאַריאַט. דאָ ווירקט די שטאַרקע פֿאַרבינדונג מיט דער קליינבירגערלעכער סוויווע און די אָרגאַניזאַציאָנעלע אָפּגעזונדערטקייט, וועלכע ס'האָבן געשאַפֿן די אידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען: אַפֿילע דער אַוואַנגאַרד פֿון די אידישע אַרבעטער טרעפֿט זיך דאָ ניט מיט די מאַסן אינדוסטריעלע אַרבעטער.

ביז דעם יולי־קריזיס זײַנען די מיינונגס־פֿאַרשיידנהייטן אינעווייניק אין בונד און בײַ אַנדערע שוואַך. ס'הערשט אַ געוויסע זיכערקייט און רואיקייט. ס'זײַנען פֿאַראַן אומצופֿרידענע, אָבער זייער שטים איז קנאַפּ קענטיק. די פֿירער קאָנען דעריבער אין נאָמען פֿון די אָרגאַניזאַציעס פֿריי פֿאַרטיידיקן די אָפֿיציעלע מענשעוויסטישע ליניע.

אין דער אַלגעמיינער רעוואָלוציאָנערער אַרבעט און אין דער פּראָפֿעסיאָנעלער באַוועגונג נעמט דעם גרעסטן אָנטייל דער בונד. ער איז זייער שטאַרק פֿאַרטראָטן אין די אַרבעטער־ראַטן; אין ווײַסרוסלאַנד בילדן די בונדיסטן אין איינקע שטעט די מערהייט פֿון די אַרבעטער־סעקציעס. די אַלגעמיינע פּאָליטישע ראָלע פֿון בונד איז אָבער פֿיל קלענער, ווײַל די גאַנצע געגנט געפֿינט זיך אַף דער פֿראָנט־ליניע, און די סאָלדאַטן־אָרגאַניזאַציעס זײַנען דאָ די שטאַרקסטע רעוואָלוציאָנערע קראַפֿט און פֿאַרנעמען דעם אויבנאָן פֿון פּאָליטישן לעבן. דער בונד טרעט אַרויס אין אַ בלאָק מיט די מענשעוויקעס און עסערן. גלײַכצײַטיק איז ער אָרגאַניזאַציאָנעל פֿאַרבונדן מיט די מענשעוויקעס אין איין פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע פֿון ר.ס.ד.א.פּ. (פֿאַראייניקטע), נעמט אָנטייל אין געמיינזאַמע מענשעוויסטישע פּאַרטיי־קאָנפֿערענצן, ווירקט אַף דער אַלגעמיינער פּאָליטיק. די צוויי פֿירער פֿון בונד — ליבער און אַבראַמאָוויטש — געהערן צו די אָנפֿירנדיקע קרײַזן פֿון ביידע ריכטונגען אין מענשעוויסטישן לאַגער — פֿון די „באַשיצלער” און „אינטערנאַציאָנאַליסטן”. די אַלגעמיינע ליניע פֿון דער בונדישער אָרגאַניזאַציע איז ביזן יולי־קריזיס קאָנסעקווענט פֿאַר אונטערשטיצן די קאָאַליציע־רעגירונג.

אין באַציאונג צו די אַנדערע סאָציאַליסטישע גרופּירונגען פֿירט דער בונד דורך די טאַקטיק פֿון שאַרפֿסטן באָיקאָט, וועלנדיק פֿאַרבלײַבן דער „איינציקער פֿאַרשטייער” פֿון אידישן אַרבעטער־קלאַס. אויסנוצנדיק זײַן פּאָליטישע און אָר־

גאַניזאַציאָנעלע נאָענטקייט מיט די מענשעוויקעס, שטעלט דער בונד אולטימאַ־
טיוו די פאָדערונג ניט צוצולאָזן די אַנדערע אידישע פּאַרטייען אין די אייס־
פיר־אָרגאַנען פון די ראַטן, אין געמיינזאַמע אַרויסטרעטונגען, „באַרופנדיק זיך
דערויף, וואָס זיי געהערן ניט צום אינטערנאַציאָנאַל. אָט די בונדישע באָיקאָט־
טאַקטיק גיט זיך ניט אומעטום איין. זי באַגעגנט זיך מיט אַ ווידערשטאַנד
מיצאַד די אַנדערע פּאַרטייען.

די געוועזענע פּאַרטייען פון ס.ס. און „סיימאָוצעס" פאַראייניקן זיך אין
אַפּריל 1917 אין איין פּאַרטיי „פאַראייניקטע איד. סאָצ. אַרב. פּאַרטיי". דער איינ־
פלוס פון אָט דער פּאַרטיי פילט זיך שטאַרקער אין אוקראַינע, וואו אין דער
פּאַרטיי זיינען פאַראַן אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס (קיעוו, טשערקאַס, קרעמענטשוג,
קטערינאָסלאַוו). אָפיציעל איז די פּאַרטיי פאַרבונדן מיט די עסערן צוליב דער
אַמאָליקער נאָענטקייט צווישן די „סיימאָוצעס" און די עסערן; אין דער פּראַקטי־
סיאָנעלער באַוועגונג גייען זיי מיט די מענשעוויקעס. צו די וואַלן טרעטן זיי
אַרויס מיט די עסערן — אַ גאַנץ כאַראַקטעריסטישע אָפּאָרטוניסטישע אומבאַ־
שטימטקייט. קלאָר און שאַרף איז אָבער די שטעלונג פון אָט דער פּאַרטיי אין
אידישע פראַגן. דאָ שטעקט דער גאַנצער טעמפּעראַמענט פון דער פּאַרטיי. דער
לאָזונג פון נאַציאָנאַלער אַווטאָנאָמיע פאַרנעמט דעם אויבנאָן אין איר גאַנצער
אַגיטאַציע. אין אַלגעמיין־פּאָליטישע פראַגן ווייס ניט די פּאַרטיי אין 1917
קיין וואַקלונגען און פאַרנעמט קאָנסעקווענט דעם רעכטן פלאַנג.

אַנדערש איז די שטעלונג פון די „פּויאַלי־ציאָן". זיי האָבן ניט קיין אַל־
געמיינע פּאָליטישע פיזיאָנאָמיע. אין אוקראַינע זיינען זיי די הייסעסטע אָנ־
הענגער פון דער צענטראַלער ראַדע. דאָ האַלטן זיי אָן די אינטימסטע פאַרבינ־
דונגען מיט די „אוקראַינישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן", מיט יענער פּאַרטיי, וועל־
כע האָט פון זיך אַרויסגערוקט ווינטשענקאָ, פּעטליורען, טקאַטשענקאָן און איז
געווען די פירערין פון דער צענטראַלער ראַדע. די פּאַרטייזריקן זיי די צענטראַ־
לע ראַדע פון אַלע אירע סאָנים. אַף די ווייטערדיקע עטאַפּן (אין 1919) ווערט
דער פירער פון די אוקראַינישע פּ. צ. רעוואָוצקי קעמפן ביזן סאָף קעגן דער
ראַטנמאַכט און אָפּטרעטן צוזאַמען מיט פּעטליורען אין קאַמענעץ־פּאָדאָלסק.
אַנדערש איז די שטעלונג פון די פּ"צ אין ווייסרוסלאַנד, וואו זיי אַנטוויקלען אַ
צווייטן עקסטרעם און ווערן ביסלעכווייז די אויסדריקער פון אידישן נאַציאָנאַל־
באָלשעוויזם. זיי זיינען אויסגעשפּראָכענע נאַציאָנאַליסטן־ציאָניסטן און גלייכ־
צייטיק די ערשטע אידישע גרופּע, וועלכע זאָגט זיך אָפּ צו שטיצן דעם אָנגריף
אַפן פראָנט און טרעט אַרויס אַלץ אָפטער מיט סימפּאַטיעס און אונטערשטי־
צונג פאַרן באָלשעוויזם. אויך דאָ איז ניטאָ קיין שום אויסגעהאַלטנקייט: „אַ
טריט פאָרויס און צוויי צוריק". איינצלנע פירער פון דער פּאַרטיי גייען נאָך
ווייטער און פאַרבלייבנדיק אין די רייען פון די פּ"צ פירן זיי אויס פּאָליטישע
אַרבעט לויטן אויפטראַג פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי*).

---

*) מיר מוזן דאָ אונטערשטרייכן, אַז אומעטום, וואו מיר ריידן וועגן דעם לינקן פליגל פון
„פּויאַלי־ציאָן", האָבן מיר בעדייט יענע גרופּן, וואָס האָבן זיך שפּעטער, נאָך דער צעשפּאַלטונג
בא די פּ"צ, אָרגאַניזירט אין דער „אידישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פּויאַלי־ציאָן". אין 1922 האָט

אָט די וואַקלונגען אין די רייען פון איין און דערזעלבער פּאַרטיי דריקן אויס מיט זיך די וואַקלונגען פון דער אידישער קלייןבירגערלעכער סוויווע. צווישן דעם אידישן קלייןבירגערטום זיינען פאַראַן עלעמענטן אין סאָציאַלן זין „פעסטערע" און דערום נאָענטע צו די דאָרפישע באַלעגופים פון פעטליורעס שניט. עס זיינען אָבער אויך פאַראַן שיכטן רואינירטע, באָדנלאָזע, וואָס ווערן געשטויסן צום נאַציאָנאַל־באָלשעוויזם. די ציאָניסטישע אידעאָלאָגיע פאַריייניקט זיי. אין דער רעוואָלוציע פאַרנעמען זיי אָבער פאַרשיידענע פּאָזיציעס.

* * *

אָט אַזאַ איז דער אַלגעמיין־פּאָליטישער פּאָנים פון אידישן קלייןבירגערלעכן סאָציאַליזם. נאָר נאָך בולעטער טרעט אַרויס דער קלייןבירגערלעכער מעהוס פון די אידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, ווען מיר נעמען זייער שטעלונג אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע.

די פעברואַל־רעוואָלוציע און די אָפּשאַפונג פון דער אידישער רעכטלאָזיקייט האָט ניט אַריינגעטראָגן קיין שום פּרינציפּיעלע ענדערונג אין דער נאַציאָנאַלער פּאָזיציע פון די פּאַרטייען פון קלייןבירגערלעכן אידישן סאָציאַליזם. אַלע האָבן זיי געהאַט פּאָזיטיווע נאַציאָנאַלע פּראָגראַמען, וואָס דער קאַמף פאַר זיי האָט זיך ערשט געדאַרפט אָנהויבן. דאָ איז געווען אַן איינהייטלעכער פראָנט פון אַלע אַן אויסנאַם אידישע פּאַרטייען. ניט נאָר די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, נאָר אויך די קלעריקאַלן, ציאָניסטן, ליבעראַלן האָבן געפאָדערט פון רעפּובליקאַנישן רוסלאַנד די אויפריכטונג פון דער אידישער נאַציאָנאַל־פּערסאָנאַלער אויטאָנאָמיע.

עס זיינען צווישן די פּאַרטייען געווען געוויסע מיינונגס־פאַרשיידנהייטן וועגן דעם כאַראַקטער און קאָמפּעטענץ פון אָט די צוקונפטיקע צענטראַלע און אָרטיקע אָרגאַנען פון דער אידישער אויטאָנאָמיע. פאַר די קלעריקאַלן און טיילווייז ציאָניסטן איז דאָס געווען אַן עטוואָס רעפאָרמירטע אידישע רעליגיעזע קהילה. פאַר די „פאַריייניקטע" און „פּועלי־ציאָן" — אַ פּאָליטישער סיים מיט אַ ברייטער קאָמפּעטענץ פון אַן אָרגאַן, וואָס פאַרטיידיקט אין דער גאַנצער מעלוכע די רעכט פון די אידן און זאָרגט אויך וועגן זייער סאָציאַלן מאַצעוו. פאַר די ציאָניסטן פון אַלע מינים — אַ וועג צום קאַמף פאַר פּאַלעסטינע. פאַרן בונד — אַ באַגרעניצטע ק ו ל ט ו ר ע ל־נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע, וואָס דאַרף איר באַגרעניצטע קאָמפּעטענץ באַקומען פון די הענט פון די אַלגעמיינע מעלוכע־אינסטאַנצן און ניט מישן זיך מער אין קיין אַנדערע אָנגעלעגנהייטן, ווי פּאָליטישע רעכטסשוץ, סאָציאַלע הילף א. ד. גל.

נאָר בא די אַלע מיינונגס־פאַרשיידנהייטן זיינען אַלע אידישע פּאַרטייען געווען אייניק ניט נאָר אין דער גרונט־פאָדערונג פון נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע,

---

זיך אָט די פּאַרטיי ליקווידירט, און איר פּראָלעטאַרישער טייל האָט זיך אַריינגעגאָסן אין ר. ק.
די איצט עקזיסטירנדיקע אַזוי גערופענע „אידישע קאָמוניסטישע אַרבעטער־פּאַרטיי פּ.־צ."—
דאָס זיינען יענע רעכטע פּועלי־ציאָן"—מענשעוויקעס, באַרוס און רעוואָוצקיס אַנהענגער, וואָס האָבן באַקעמפט (און באַקעמפן אויך איצט) די ראַטן־רעוואָליוציע און דעם באָלשעוויזם.

נאָר אויך אין די וועגן, ווי צו דערגרייכן אָט די אויטאָנאָמיע. אַלע אידישע פּאַרטייען האָבן זיך געשטעלט אויפן וועג פון „זעלבסטבאַשטימונג", וואָס ס'האָט באַטייט ניט וואַרטן ביז די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג וועט באַשטימען דעם אינהאַלט און גרעניצן פון דער אויטאָנאָמיע פון אַלע פעלקער אין לאַנד, נאָר זעלבשטענדיק אָנהויבן בויען אָט די אָרגאַנען פון דער אידישער אויטאָנאָמיע; צונויפרופן א אידישן צוזאַמענפאָר אויפן יעסאָד פון אַלגעמיינע א. א. ו. וואַל־רעכט, וועלכער וועט אַרויסטרעטן פאַר דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג מיט זיינע פאָדערונגען אין נאָמען פון אידישן פאָלק. דאָס איז געווען די אַלגעמיינע ליניע און דער אַלגעמיינער באַשלוס פון אַלע אידישע פּאַרטייען. ס'איז געווען קלאָר, אַז די ציאָניסטן האָבן בעדייע אויסצונוצן דעמדאָזיקן געפּלאַנטן אידישן צוזאַמענפאָר צוליב אָפן־ציאָניסטישע צוועקן, דער בונד האָט געמאַכט קעגן דעם א פייערלעכע דערקלערונג, אָבער ער האָט זיך ניט אָפּגעזאָגט פון אָנטיילנעמען אינם צוזאַמענפאָר.

אָט די נאַציאָנאַלע פּראָגראַם און די נאַציאָנאַלע טאַקטיק, וואָס ס'האָבן דורכויס אָפּגעשפּיגלט די אינטערעסן פון אידישן מיטעלן און קליינעם בורזשוי, זיינען געווען די שטאַרקסטע פעדים, וואָס האָבן צוגעבונדן באַדייטנדע שיכטן פון אידישן אַרבעטער צום קליינבירגערטום, איינגעהאַלטן די נאַציאָנאַלע אַכדעס אינעווייניק אין יעדער פון די אידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען און געשטערט די רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן אָפּצורייסן זיך פון קליינבירגערטום און פּאַרטיניקן זיך מיט דער פּאַרטיי פון פּראָלעטאַריאַט. ווען מיר נעמען דעם בונד אפילע, וועלכער איז מער פון אַנדערע געווען פאַרבונדן מיט דער אַלגעמיינער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, זעען מיר, ווי די נאַציאָנאַלע „פּאַרטיי־איינייקייט" האַלט אין צוואַנגען די מער רעוואָלוציאָנערע פּראָלעטאַרישע עלעמענטן. די אינטערנאַציאָנאַליסטן אין בונד גייען אויף פשאָרעס, קעדיי צו ראַטעווען דעם בונד פון שפּאַלטונג (זע אַבראַמאָוויטשעס אַרטיקל, דאָקומענט נומ. 61). און דאָסזעלבע זעען מיר אויך אין די אַפּאָליטישע רעדעס אויפן בונדישן יובילעי, וואָס ס'דערקלערט זיך נאָר מיט דער שטרעבונג צו ראַטעווען די איינהייט פון בונד. עס זיינען געווען אַרבעטער־בונדיסטן, וועלכע זיינען שוין געוואָרן באָלשעוויקעס — רויטע־גוואַרדייצעס, און זיי האָבן דאָך ניט צעריסן מיטן בונד. די גאַנצקייט פון בונד איז אָבער געווען א רעזולטאַט אויסשליסלעך פון דער איבערגעבליבענער נאַציאָנאַלער אידעאָלאָגיע און האָט געדינט דער אויפגאַבע צו דערשלאָגן זיך די פאַרווירקלעכונג פון דער נאַציאָנאַלער פּראָגראַם*).

בא אזא שטעלונג אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע איז ניט צו וואונדערן זיך, וואָס אַלע אידישע פּאַרטייען אין אוקראַינע נעמען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער אוקראַינישער צענטראַלער ראַדע, וועלכע האָט פון מאַרט אָן געשטעלט זיך אין דער שפּיץ פון דער אוקראַינישער נאַציאָנאַל־דעמאָקראַטישער באַוועגונג.

*) די אָפּשאַצונג פון דער נאַציאָנאַלער פּראָגראַם און טאַקטיק פון „בונד" (און צוזאַמען מיט דעם פון אַלע אידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען) וועט דער לעזער געפינען אין די אַרטיקלען פון די כ"כ לענין און סטאַלין (3-טער באַנד פון אונזער כרעסטאָמאַטיע, ז. 197—211) און אין אונזער אַרטיקל „די סאַכאַקלען פון דער אוקראַיניש-אידישער דערפאַרונג" (זע דאָקומענט נומער 138).

דער בונד מישט זיך אַריין אין קאָנפֿליקטן צווישן דער אוקראַינישער ראַדע און דער צייטווייליקער רעגירונג מיטן צוועק אויסצומיידן די פֿאַרשאַרפֿונג פֿון בירגער־קריג. דאָס שטאַמט פֿון זיין אַלגעמיינער פּאָליטישער פּאָזיציע, פֿון זיין אונטערשטיצן די קאָאַליציע־רעגירונג. די באָלשעוויקעס זעען פֿאָרויס, אַז די בורזשואַזע צייטווייליקע רעגירונג וועט ניט באַפֿרידיקן די נאַציאָנאַלע פֿאָדערונגען פֿון די אונטערדריקטע פֿעלקער און רופֿן די רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן פֿון דער אוקראַינישער ראַדע צו שטיצן דעם קאַמף פֿון פּראָלעטאַריאַט פֿאַר דער מאַכט, וועלכע וועט אָנערקענען די זעלבסטבאַשטימונג פֿון אַלע אונטערדריקטע פֿעלקער. דער בונד נעמט אָנטייל אין די אונטערהאַנדלונגען מיט דער צייטווייליקער רעגירונג און שטיצט די פֿאָדערונגען פֿון דער ראַדע וועגן אויטאָנאָמיע; ווען אָבער די בורזשואַזע צייטווייליקע רעגירונג דערפֿילט ניט די פֿאָדערונגען, רופֿט ניט דער בונד צום קאַמף קעגן דער צייטווייליקער רעגירונג, ער רופֿט אונטערצוגעבן זיך דער צייטווייליקער רעגירונג.

די איבעריקע אידישע פּאַרטייען אין אוקראַינע באַשטימען זייער באַציאונג צו דער ראַדע אויסשליסלעך פֿון שטאַנדפּונקט פֿון דער אידישער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע. צוליב דעם טרעטן זיי אַריין אין דער ראַדע און שפּעטער אין איר רעגירונג און צוזאַמען מיטן בונד העלפֿן זיי מיט דער פּראָקלאַמירונג פֿון דער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע פֿאַר די אידן. פֿון דער אַנדער זייט, פֿאַרשטאַרקט אָט די דורכפֿירונג פֿון דער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע נאָך מער די פֿאַרבינדונג צווישן די אידישע און אוקראַינישע קלייןבירגערלעכע סאָציאַליסטן קעגן דער רעוואָלוציע און דעם פּראָלעטאַריאַט.

* * *

די אָביעקטיווע אומשטענדן פֿון דער אידישער סוויווע זיינען פֿאַר דער פּאַרטיי פֿון סאָציאַלער רעוואָלוציע געווען ניט קיין גינסטיקע. דאָ פֿעלט פֿריער פֿאַר אַלץ יענער אינדוסטריעלער פּראָלעטאַריאַט פֿון דער קאָנצענטרירטער גרויס־אינדוסטריע מיט זיינע קלאָרע און שאַרפֿע קלאַסן־פֿאָדערונגען, מיט זיין פּאָטענציעלער גרייטקייט אויפֿצונעמען די אידייען פֿון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע. דער אידישער אַרבעטער איז אין רוסלאַנד פֿון 1917 יאָר נאָך פֿיל מער געווען אַן אַרבעטער פֿון קליינעם האַנטווערק, אײדער אין 1905 יאָר. גאַנץ פּוילן און דער אינדוסטריעלער טייל פֿון ליטע (ביאַליסטאָקער ראַיאָן) מיט דער טעקסטיל־און גאַרבעריי אינדוסטריע מיט דער ברייט־אַנטוויקלטער הויז־אינדוסטריע, וואָס פֿלעגט אַרבעטן אויפֿן ווייטן מאַרק, — דאָס אַלץ איז געבליבן אויף יענער זייט פֿון פֿראָנט.

די גובערניעס: מינסקער, מאָלעווער, וויטעבסקער, קיעווער, וואָלינער און פּאָדאָליער צייכענען זיך אויס מיט זייער ווירטשאַפֿטלעכער אָפּגעשטאַנענקייט. די אידישע אַרבעטער־מאַסע איז דאָ מיט גאָר קליינע אויסנאַמען — אַרבעטער פֿון קליינעם האַנטווערק און האַנדלס־אָנגעשטעלטע. דערצו איז נאָך אָט די גאַנצע געגנט געלעגן נאָענט צו דער פֿראָנט־ליניע און האָט געלעבט אונטערן איינדרוק

פון דער אנטיסעמיטישער העצע, וועלכע האָט זיך אין מעשעך פון 4 יאָר גע־טראָגן פון אינעווייניק, פון דער צאַרישער אַרמיי.

מער גינסטיקע אומשטענדן האָבן זיך געשאַפן אין די גרויסע שטעט פון דאָרעם, ווי אָדעס, קאַטערינאָסלאַוו, כאַרקאָוו און קיעוו. דאָ זיינען די אידישע אַרבעטער אויך ניט געווען פאַרנומען אין דער גרויסער אינדוסטריע, אָבער דער שאַרפער קלאַסן־קאַמף אין אַט די גרויסע צענטרען האָט געמוזט ווירקן אויך אויף די אידישע אַרבעטער. דערפאַר טרעפן מיר טאַקע אין אוקראַינע אַ העפטיקן קאַמף פון ריכטונגען אין דער אידישער אַרבעטער־מאַסע. דאָ האָט די באָלשעוויסטישע פּאַרטיי געמאַכט די ערשטע דעראָבערונגען אין דער אידישער אַרבעטער־סוויווע. דאָ האָט זיך די גאַנצע בונדישע אָרגאַניזאַציע און די אָרגאַ־ניזאַציע פון די „פאַריייניקטע" אין זייער ווייט גרעסטער מערהייט שוין אין אָנהויב 1919 געשטעלט אונטער דער קאָמוניסטישער פאָן. אין אוקראַינע טרעפן מיר אויך אַ ריי קליינע אינדוסטריעלע שטעטלעך, ווי וואַסילקאָוו, קאָראָסטי־שעוו, באַהוסלאַוו, קאַמעניבראָד, וואו די אידישע אַרבעטער פון טעקסטיל, גאַר־בעריי־און פּאַפּיראָס־אונטערנעמונגען זיינען גיך אַריבער אויף דער פּאָזיציע פון באָלשעוויזם.

אָפּהאַלטנדיק און נאַציאָנאַליסטיש האָט אָבער אין דערזשעלביקער אוקראַינע געווירקט אויף די מאַסן פון דער אידישער באַפעלקערונג דער נאַציאָנאַלער קאַמף, דער קאַמף פון דער צענטראַלער ראַדע, ער האָט פאַרהאַלטן דעם אָפּזאָג פון די אַלטע אידישע נאַציאָנאַליסטישע אידעאָלאָגיעס און געפּלאַנצט קליינבירגער־לעכע אילוזיעס. און ווען אָנשטאָט נאַציאָנאַלער אווטאָנאָמיע זיינען גאָר גיך גע־קומען אידישע פּאָגראָמען, האָבן זיך נאָך מער אויפגעהויבן די נאַציאָנאַליסטי־שע און קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע שטימונגען.

די ווירקונג פון אַט די שווערע אָביעקטיווע אומשטענדן וואָלט געקאָנט אָפּגעשוואַכט ווערן אין גאַנג פון דער רעוואָלוציע, ווען ניט די שטערונג מיצאַר די פּאַרטייען פון אידישן קליינבירגערלעכן סאָציאַליזם, וועלכע האָבן נאָך פאַר־שטאַרקט די שעדלעכע טענדענצן.

* * *

ביזן יולי־קריזיס 1917 האָט ניט די באָלשעוויסטישע פּאַרטיי צו פּאַרציי־בעגען וועלכע ניט איז קענטיקע ערפאָלגן צווישן דער אידישער אַרבעטערשאַפט. די אורזאַכן דערפון זיינען שוין אויפגעקלערט געוואָרן אין די פריערדיקע קאַפּיטלען. צוזאַמענפאַסנדיק אַט די אורזאַכן, האָבן מיר:

1) די שוואַכקייט פון די סאָציאַלע קלאַסן־היפּוכים אין דער אידישער סוויווע;

2) די אַלגעמיינע באַפרידיקונג פון דער גאַנצער אידישער באַפעלקערונג מיטן גרויסן ניצחון, וואָס די רעוואָלוציע האָט אָפּגעהאַלטן, פאַרניכטנדיק דעם צאַריזם און די אידישע רעכטלאָזיקייט;

3) די העגעמאָניע פון אידישן קליינבירגערטום, וועלכער האָט זיך אין זיינע קלאַסן־אינטערעסן מיט אימפּעט גענומען צו בויען די אַלגעמיינע אידישע נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע;

4) דער טראַדיציאָנעלער איינפלוס פון די דיסציפּלין פון די אידישע קליינבירגערלעך־סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס צווישן די אידישע ארבעטער.

אָבער באַ די אַלע אומגינסטיקע אָביעקטיווע באַדינגונגען זיינען שוין אַפילע ביזן יולי־קריזיס געווען סימאָנים דערפון, אַז אויך די אידישע ארבעטער און די אָרימע מאַסן וועלן ניט שטענדיק פאַרבלייבן אויסערן איינפלוס פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע. עס זיינען געווען ניי־אויפגעקומענע ארבעטער־שיכטן, וואָס האָבן ניט געהאַט קיין טראַדיציעס פון קליינבירגערלעכן סאָציאַליזם. אַלס ביישפּיל קאָנען מיר נעמען די גרויסע שניידעריי־וואַרשטאַטן אין די גרויסע שטעט פון אידישן „תחום“, וואָס האָבן געאַרבעט פאַרן פראָנט. דאָ האָבן דאָס ראָוו געאַרבעט נייע פּראָלעטאַריער, וואָס האָבן זיך רעקרוטירט פון די מאַסן אידישע קאַפּצאָנים פון די שטעט און שטעטלעך. ווייטער גייען די מילכאָמע־היימלאָזע, וואָס דער שטורם־ווינט פון דער מילכאָמע האָט זיי אויפגעהויבן פון זייער אַלטער היים און אריינגעוואָרפן אין די גרעסערע צענטרען פון „תחום“ אָדער גאָר ווייט פון „תחום“. צווישן אָט די סאָציאַלע שיכטן האָט שוין אוואַדע ניט געקאָנט האָבן קיין איינפלוס די מילכאָמע־פּאָליטיק פון די מענשעוויקעס און עסערן און די אידייע פון א רעגירונגס־קאָאַליציע מיט די פאַבריקאַנטן און באַנקירן. די רעוואָלוציע האָט געוועקט זייער אַקטיוויטעט און אנטוויקלט זייער פּאָליטישן באַוואוסטזיין. אָט די ארבעטער האָבן געמוזט זיין די ערשטע, וואָס זיינען געקומען צו די באָלשעוויקעס. נאָר א טייל פון אָט די פאַראָרימטע מאַסן איז געווען אָפּגעצויגן צו זיך דורך די לינקע פ״צ, וועלכע האָבן קונציק פאַראייניקט עלעמענטן פון באָלשעוויזם מיט דער קליינבירגערלעכער אוטאָפּיע פון ציאָניזם, וועלכער דאַרף לייזן אַלע פּאָליטישע, נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע פראַגן דורך א נייער אידישער געזעלשאַפט אין ...פּאַלעסטינע. דאָ האָט זיך דער קליינבירגערלעכער סאָציאַליזם פּאָשעט צוגעפּאַסט צו די סאָציאַלע שטימונגען פון די פאַראָרימטע מאַסן, קעדיי אויך זיי צו געווינען פאַרן אידישן קליינבירגערלעכן נאַציאָנאַליזם.

אַ גרויסער טייל פון אָט די נייע ערשט־אויפגעקומענע פּראָלעטאַריער האָט זיך גרופּירט ארום דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי.

צו דעם אַלעמען קומט נאָך צו די ווירקונג פון דער דירעקטער אַלגעמיינער באָלשעוויסטישער פּראָפּאַגאַנדע, און אויך די פּראָפּאַגאַנדע פון יענע גרופּן אידישע ארבעטער־באָלשעוויקעס, וואָס האָבן זיך אויסגעקריסטאַליזירט נאָך פאַר דער וועלט־מילכאָמע און בעאַיים דער לעצטער — אין די איבערברוך־יאָרן פון 1903 (דער ארויסטריט פון „בונד“ פון די רייען פון ר.ס.ד.א.פּ.), פון 1912 (דער בלאָק פון בונד מיט די ליקווידאַטאָרן) און 1915 (די בונדישע שטעלונג צום קריג) *).

*) זע וועגן דעם 3־טן באַנד.

שטאַרקער ווי אומעטום איז אָט דער דירעקטער באָלשעוויסטישער איינפלוס געווען אין די גרויסע צענטערן פון דאָרעם־רוסלאַנד (קיעוו, אדעס, קאַטערינאָס־לאַוו, קרעמענטשוג), און אויך אויסערן „טכום“ מיט דער נייער באַפעלקערונג פון אידישע מילכאָמע־היימלאָזע. צום באַדויערן, איז נאָך ביז איצט דער מאַטע־ריאַל וועגן דעם איינפלוס פון די באָלשעוויסטישע אידייען אף אָט די קאַטע־גאָריעס אידישע ארבעטער ניט צונויפגעזאַמלט און ניט אויסגעטיילט פון די אַלגעמיינע מאַטעריאַלן פון דער באָלשעוויסטישער ארבעט, און מיר קאָנען זיך באַרופן נאָר אף אייניקע דערקלערונגען פון אידישע ארבעטער־שניידער (אין קיעוו א.א.). נאָר ביכלאַל איז פעסטגעשטעלט, אז אין די שניידער־פאַריינען פון אָדעס און קיעוו איז דער איינפלוס פון די באָלשעוויקעס געווען גרויס פון די ערשטע טעג אָן פון דער פעוראַל־רעוואָלוציע.

* * *

דער יולי־קריזיס, דער ערשטער ערנסטער אויסדריק פון בירגער־קריג, דער־נאָך די פאַרפאָלגונגען קעגן דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי מיצאַד דער קאָא־ליציע־רעגירונג האָט אַריינגעטראָגן א גרויסע ענדערונג. עס זיינען אויפגעוועקט געוואָרן די סאָציאַלע אינסטינקטן בא יענער אידישער ארבעטערשאַפט, וואָס האָט זיך געפונען אין די רייען פון אידישן קליינבירגערלעכן סאָציאַליזם; דער קאַמף צווישן באָלשעוויזם און מענשעוויזם איז אַריינגעבראַכט געוואָרן אינע־ווייניק אין אָט די פאַרטייען. באַזונדערס בולעט איז די ענדערונג געווען אין דער בונדישער אָרגאַניזאַציע. דער אינעווייניקסטער קאָנפליקט וואָלט געקאָנט שנעל ברענגען צו א שפּאַלטונג אין דער בונדישער פאַרטיי און צום אריבער־גאַנג פון דעם ארבעטער־טייל צו דער באָלשעוויסטישער פאַרטיי. נאָר פונקט אזוי, ווי דער נאַציאָנאַל־באָלשעוויזם האָט אָפגעהאַלטן דעם פּראָצעס פון שפּאַל־טונג בא די „פּויאַליי־ציאָן“, האָט דיזעלבע ראָלע אין בונד געשפּילט די פאַ־ציפיסטישע גרופּע פון אינטערנאַציאָנאַליסטן.

די דאָזיקע אינטערנאַציאָנאַליסטישע גרופּע איז געקומען קיין רוסלאַנד צו־זאַמען מיט אַנדערע שווייצאַרישע עמיגראַנטן און האָט געהערט צום רעכטן פליגל פון צימערוואַלד, מיט וועלכן עס האָט אָנגעפירט מאַרטאָוו. זיי זיינען אַלע געווען קעגנער פון דער מילכאָמע־פּאָליטיק פון 2 אינטערנאַציאָנאַל, אָבער אויך קעגנער פון דער קלאָרער רעוואָלוציאָנערער באָלשעוויסטישער ליניע. אין די פראַגן פון דער רוסישער רעוואָלוציע זיינען זיי געווען אפיציעל קעגנער פון דער קאָאַליציע מיט דער בורזשואַזיע, נאָר אויך קעגנער פון בירגער־קריג קעגן דער בורזשואַזיע. זיי זיינען געווען קעגן דער אָפיציעלער פּאָליטיק פון די מענ־שעוויקעס און עסערן און גלייכצייטיק געפּרידיקט א קאָאַליציע פון באָלשעווי־קעס מיט די עסערן און מענשעוויקעס, ווען יעדע וועלן זיך אָפזאָגן פון זייער טאָך, פון דער קאָאַליציע מיט דער בורזשואַזיע, וואָס איז געווען היסטאָריש אוממעגלעך. ס'איז געווען א גרופּע פון אויסגעשפּראָכענע קליינבירגערלעכע דע־מאָקראַטן, וואָס האָט אָפגעוואָרפן יעדן געדאַנק וועגן סאָציאַלער רעוואָלוציע און ראַטנמאַכט אין רוסלאַנד.

אָביעקטיוו האָט די גרופּע געשפּילט א דאָפּלטע ראָלע: 1) מיט זייער אגיטאציע קעגן דער פּאָליטיק פון די „באָשיצלער" האָבן זיי אונטערגעגראָבן די באַזע פון דער באָשיצלעריי" און אָפּגעשוואַכט די פּאָזיציעס פון דער צייטווייליקער בורזשואזער רעגירונג; 2) גלייכצייטיק האָבן זיי מיט זייערע לינקע פראַזן אָפּגעהאַלטן דעם פּראָצעס פון דער באָלשעוויזירונג פון גאַנצע שיכטן אַרבעטער־מאַסן, וועלכע האָבן אַדאַנק זיי נאָך געקאָנט האָבן א האָפענונג, אַז דער מענשעוויזם וועט קומען צו „רעוואָלוציאָנערע אויספירן".

דאָס אָנקומען פון די בונדיסטן־אינטערנאַציאָנאַליסטן, וועלכע האָבן זיך אין בונד אָרגאַניזירט ווי א פראַקציע, האָט מיטגעהאָלפן דער קריסטאַליזירונג פון די גרופּן אומצופרידענע.

די אידישע אַרבעטער, וואָס האָבן, ווי מיר האָבן שוין אויפגעוויזן, אין בונד שווער פאַרטראָגן די אידייען פון מילכאָמע־אַנגריף און קאָאַליציע מיט דער בורזשואזיע, האָבן דאָ געפונען אַף א געוויסער צייט א באַפרידיקונג און געבליבן שטיין אַף אָן אָרט; אַנשטאָט צו גיין ווייטער צום באָלשעוויזם, זיינען זיי, אַדאַנק אָט דער גרופּע, פאַרבליבן אין מענשעוויסטישן לאַגער, און אויך ניט געריסן מיטן בונד. אין פראַגע פון נאַציאָנאַלער פּאָליטיק און פּאַרטיי־גאַנצקייט האָבן די אינטערנאַציאָנאַליסטן ניט געהאַט מיטן גאַנצן בונד קיין שום מיינונגס־פאַרשיידנהייטן, ווי מע קאָן דאָס זען פון א ריי אבראַמאָוויטשעס אַרטיקלען, וועלכע מיר ברענגען אין דער כרעסטאָמאַטיע.

דער יולי־קריזיס, קאָרנילאָוו אויפשטאַנד, די ווייטערדיקע פאַרשאַרפונג פון קלאַסן־קאַמף, און באַזונדערס דאָס לינק־ווערן פון די אידישע אַרבעטער־מאַסן, מאַכן אומוועגלעך פאַרן בונד צו שטיצן ווייטער די אָפיציעלע פּאָליטיק פון די מענשעוויקעס און עסערן. דער קאָנסעקווענטער לידער פון די רעכטע — ליבער — פאַרלירט זיין איינפלוס אין בונד. דער „צענטר" צווישן די אָנפירנדיקע בונדישע טוער, וועלכער פלעגט שטענדיק באַשטימען די פּאָליטיק פון בונד, גייט אַריבער פון רעכטס אַף לינקס. זיי פאַרבלייבן טיילווייזע „באָשיצלער", אָבער באַטאָנען שטאַרקער דעם לאָזונג פון „שאָלעם", זיי זוכן „אָרנטלעכע עלעמענטן" פאַר א קאָאַליציע און וואַרפן שוין אָפּ די קאָמפּראָמעטירטע קאַדעטן. ענדלעך, זיינען זיי שוין אפילע גרייט איינגאַנצן אָפּצוזאָגן זיך פון דער גרויס־בורזשואזיע און פּרייידיקן א „ריין סאָציאַליסטישע" רעגירונג פון באָלשעוויקעס ביז די „פאָלקס־סאָציאַליסטן". זיי זיינען קעגנער פון שאַרפן קאַמף קעגן באָלשעוויזם מיט זייערע רעפּרעסיווע מיטלען, וועלכע זיינען אָנגענומען געוועזן דורך קערענסקיס רעגירונג, אָבער גלייכצייטיק זיינען זיי פיינט פון ראַטנמאַכט, פון דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט. דאָס איז דער פּנים פון דער דאָרעם־קאָנפערענץ פון בונד אין אויגוסט 1917, וועלכע איז כאַראַקטעריסטיש פאַרן גאַנצן בונד.

אַזוי איז געוועזן די לאַגע אין דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג ערעוו דער אָקטיאַבער־איבערקערעניש: אָפּגעוועלקטע אילוזיעס פון קאָאַליציע מיט דער בורזשואזיע, לינקע שטימונגען אין דער אַרבעטער־מאַסע, ס'איז נאָך ניט צעשטערט די גאַנצקייט און די דיסציפּלין אין די אידישע קליינבירגערלעכע סאָציאַליסטישע

פארטייען. זיי נעמען אן א ליניקערע שטעלונג, קעדיי אפצוהאלטן דעם פראצעס פון באלשעוויזירונג אין די אידישע ארבעטער־מאסן.

אבער עס זיינען שוין פאראן אין דער אידישער ארבעטער־מאסע דירעקטע סימפאטיעס צו דער ראטנמאכט און צו דער בעפארשטייענדיקער איבערקערעניש. עס זיינען שוין פאראן אוואנגארד־גרופן, וואס זיינען פארבונדן מיט דער באלשעוויסטישער פארטיי, דעם ארגאניזאטאר פון דער סאציאליסטישער רעוואלוציע.

* * *

אין אקטיאבער־אויפשטאנד זיינען די סימפאטיעס פון דער אידישער ארבעטערשאפט אפן געווען מיט די באלשעוויקעס, מיטן אויפשטאנד. די מענשעוויסטישע טעאריעס פון די פירער האבן אבער געזייט אומטרוי אינם ניצאכן פון דער רעוואלוציע און האבן פיל אידישע ארבעטער אפגעהאלטן פון אפענעם איבערגאנג אפן זייט פון באלשעוויזם. אין אלע ארטיקע ארגאניזאציעס פון אלע אידישע פארטייען האבן מיר א אינעווייניקסטן קאמף. די שטימונגען פון די ארבעטער־מאסן האבן געווירקט אפילע אף די פירער. און דערפאר האט בעאייסן אקטיאבער־אויפשטאנד קיינע פון די בונדישע ארגאניזאציעס ניט געשטיצט קערענסקים רעגירונג, ניט געלאזן שיקן קיין מיליטער קעגן די פעטערבורגער ארבעטער א. ד. גל. די ארבעטער זיינען געגאנגען נאך ווייטער. אין קיעוו האבן זיך די אידישע ארבעטער — בונדיסטן געשלאגן צוזאמען מיט די ארבעטער־באלשעוויקעס פאר ראטנמאכט, בעאיים די בונדישע פירער האבן געהאלפן זיגן דער צענטראלער ראדע. גלייך נאכן אויפשטאנד האבן מיר די ערשטע אפענע שפאלטונג אין דער באברויסקער בונדישער ארגאניזאציע, ווען א גרופע בונדיסטן באלשעוויקעס לאזט ארויס אן אויפרוף צו שטיצן די באלשעוויקעס אין די וואלן צו דער גרינדונגס־פארזאמלונג. ווייטער איז דער פראצעס געגאנגען נאך געשווינדער. די אידישע ארבעטער־מאסן קערן זיך אלץ מער אפ פון די אידישע קליינבירגערלעכע פארטייען.

די וואקסנדע שוועריקייטן פון דער אקטיאבער־רעוואלוציע שאפן נייע וואקלונגען, דערצו קומען נאך צו די רעשטלעך פון נאציאנאלער אידעאלאגיע, וואס טרייבן צום אנטייל אין די וואלן צו די אידישע קעהילעס און נאציאנאלן אידישן צוזאמענפאר. דאס אלץ צוזאמען העלפט מיט דער קאנסערווירונג פון די אידישע קליינבירגערלעכע סאציאליסטישע פארטייען. די בעציאונג פון אידישן קליינבירגערלעכן סאציאליזם צו דער ארבעט פון דער ראטנמאכט איז זעלבסטפארשטענדלעך א נעגאטיווע (זע די דאקומענטן).

* * *

די אקטיאבער־איבערקערעניש איז אן אנהויב פון א ברייטער פארטייאישער און סאוועטישער קאמוניסטישער ארבעט אין די אידישע ארבעטנדע מאסן, דירעקט אנגעפירט דורך דער באלשעוויסטישער פארטיי. די ראטנמאכט און די באלשעוויסטישע פארטיי בויען אויף דעם צענטער אפ צו זאמלען די רעוואלו־

ציאָנערטע עלעמענטן צווישן די אידישע מאסן — דעם אידישן קאָמיסאַריאַט און די אידישע סעקציעס פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי קעגן די אידישע בורזשואזע קעהילעס און די קליינבירגערלעכע אידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, קעגן דער בורזשואזער דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט. די ראַטנמאַכט און די אַלגעמיינע פּראָלעטאַרישע פּאַרטיי רופן די אידישע אַרבעטער אויסראָטן פון אידישן לעבן אַלע רעשטלעך פון בורזשואזן און קלייןבירגערלעכן איינפלוס. דאָס איז אַן אָנזאָג, אַז די סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע איז געקומען אויך צו די אידישע מאסן.

מיר שיקן אָפּ דעם לעזער צום לעצטן העפט פון אונזער בוך, וואו ער וועט געפינען אַ רייכן מאַטעריאַל וועגן אָט די ערשטע טריט פון אידישן קאָמיסאַריאַט און פון די קאָמוניסטישע סעקציעס. זיי טרעפן מיטהילף נאָר מיצאַד דער מינדערהייט פון דער אָרגאַניזירטער אידישער אַרבעטער-באַוועגונג און אָרגאַניזירן אָט די מינדערהייט ארום זיך. עס זיינען נאָך אָבער ניט צעבראָכן די אַלטע אידישע פּאַרטייען. אין אידישע פראַגן איז אַפילו בא די באָלשעוויזירטע אידישע אַרבעטער נאָך שטאַרק די אַלטע נאַציאָנאַליסטישע און דעמאָקראַטישע טראַדיציע. די אידישע קאָמיסאַריאַטן העלפן שטאַרק מיט דער קריסטאַליזירונג פון באָלשעוויסטישן פליגל אין די אידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, העלפן זיי אָפּשפּאַלטן זיך און גרופּירן זיי ארום זיך. זיי שאַפן די ערשטע אָרגאַנען פון דער אידישער קאָמוניסטישער פּרעסע. זיי פּרוּוון אויפלייזן די אידישע קעהילעס. זיי פירן אַ ברייטע אַלגעמיין-פּאָליטישע קאָמוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע.

די אידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אַלס אַזעלכע באַציען זיך צו די אידישע קאָמיסאַריאַטן שטרענג נעגאַטיוו. דער „בונד“ און די „פאַריניקטע“ באַציען זיך צו די אידישע קאָמיסאַריאַטן מיט נאָך אַ גרעסערן קאָנטר-רעוואָלוציאָנערן באַיקאָטיסטישן ברען, איידער צו די אַלגעמיינע ראַטן-אינסטיטוציעס. זיי שטעלן ארויס אַנטקעגן די קאָמיסאַריאַטן די גאַנצע קלאַפּער-געצייג פון דעמאָקראַטיע, דעם לאָזונג פון אַלגעמיינע וואַל-רעכט, וואָס האָט אַזוי מיטגעהאָלפן דער קלעריקאַל-ציאָניסטישער דיקטאַטור אין אידישן לעבן. איינצלנע פּועלי-ציאָניסטן“ נעמען אָנטייל אין שאַפן די קאָמיסאַריאַטן. די פּ. צ. אָבער אַלס פּאַרטיי, וועלכע האָט קלוימערשט אָנערקענט די דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט, הייבט אָן קעגן די קאָמיסאַריאַטן אַ קאַמף אונטער נייע לאָזונגען. זיי זיינען ניט צופרידן מיטן קאָמיסאַריאַט, ווייל ער טראָגט אין די אידישע מאסן „פון דרויסן“ די אידייען פון פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור. זיי זיינען געווען און געבליבן נאַציאָנאַליסטן — ווילן זיי ניט אַנדערש ווי פּאַרזעצן זייער אָפּזונדערונגס-אַרבעט אונטער אַ נייעם מאַנטל. זייער צוועק איז ניט לאָזן די אידישע אַרבעטער, וואָס שטעלן די ערשטע טריט צו דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע, צו פאַראייניקן זיך אין רעוואָלוציאָנערער שאַפונגס-אַרבעט מיט די רוסישע אַרבעטער-מאסן; זייער צוועק איז ניט אַנדערש שאַפן מעכיצעס צווישן די אידישע און ניט אידישע אַרבעטנדע מאסן. און דערפאַר רוקן זיי ארויס אַ קאָמבינירטן לאָזונג: באָיקאָטירן דעם אידישן קאָמיסאַריאַט און שאַפן אידישע אַרבעטער-ראַטן. אָט די פּלאַטפאָרם פון די פּועלי-ציאָניסטן פון אָט די אַלטע אידישע קלייןביר-

נערלעכע נאציאנאליסטן איז ניט קיין צופאל. זי שטאמט פון זייער ציאניסטי־שער פראגראם. די פראלעטארישע רעוואלוציע ענדערט גאר ניט אין זייער אלגע־מיינער אנשויאונג. זיי טרויערן ניט דער ראטנמאכט, וואס די „גאאים" האבן איינ־געשטעלט, אזוי ווי זיי טרויערן ניט דער „גאישער" בורזשואזיע. בא זיי איז ניטא קיין אונטערשייד צווישן בורזשואזיע און פראלעטאריאט, זיי ווילן ניט צוזאמען מיט דער ראטנמאכט אנשטרענגען אלע קרעפטן, קעדיי דא אפן ארט צו לייזן אלע אנגעווייטיקטע סאציאלע און נאציאנאלע פראבלעמען, וואס זיינען בייערושע געבליבן פון דער בורזשואזער צייט, קעדיי דא אפן ארט צו לייזן די רעשטלעך פון דער אזוי גערופענער „אידישער פראגע", זייער פראגראם איז גע־בליבן „ציאן". זיי האבן נאר איבערגעפארבט זיך אין קליינערשט־באלשעוויס־טישע פארבן.

די נאציאנאלע ציאניסטישע אידייע דארף האבן איהרע אגענטן אין אלע סאציאלע גרופן און קלאסן. פאראן ציאניסטן—דעמאקראטן, פאראן ציאניסטן—סאציאליסטן פון 2-טן אינטערנאציאנאל, מוזן אויך זיין ציאניסטישע אגענטן אונטער דער מאסקע פון קאמוניזם. און אלס אזעלכע האבן זיי, אט די קלוי־מערשטע „באלשעוויסטישע" „פויאלי-ציאן", געפירט א קאמף קעגן דעם אי־דישן קאמיסאריאט, דעם ערשטן ארגאן פון דער פראלעטארישער רעוואלוציע צווישן די אידישע ארבעטער. נאר באזונדריק די אלע אידישע קליינבירגערלעכע־סאציאליסטישע פארטייען, האט די פראלעטארישע דיקטאטור געקאנט זיך בא־פעסטיקן אין דער אידישער ארבעטער-מאסע. אין די יארן 1917—18 זיינען געמאכט געווארן די ערשטע טריט פון אונטערגראבן די דיקטאטור פון קליינ־בירגערלעכן סאציאליזם צווישן די אידישע ארבעטער. די פולע פארניכטונג פון די אידישע קליינבירגערלעכע סאציאליסטישע פארטייען איז פארווירקלעכט גע־ווארן אין די ווייטערדיקע יארן.

* * *

מיר מוזן זיך אבער נאך עטוואס לענגער אפשטעלן אף די אייגנארטיקע אומשטענדן פון אוקראינע (און טיילווייז ווייסרוסלאנד), וואס זיינען אונטערגע־פאלן אונטער דער דייטשישער אקופאציע.

אף אוקראינע זיינען די אנפירנדיקע קרייזן פון אלע אידישע פאר־טייען („בונד", „פאריניקטע", „פויאלי-ציאן") פארבונדן מיט דער צענטראלער ראדע, מיט אט דעם ארגאן פון קליינבירגערלעכער קאנטר-רעוואלוציע, און שטיצן זי אין קאמף קעגן דער ראטנמאכט. דידאזיקע פאליטיק רופט ארויס אן אומצו־פרידנקייט אונטן אין די ארגאניזאציעס. די מאנאטן נאיאבר—דעקאבר כאראק־טעריזירן זיך אף אוקראינע מיט שארפסטע אינעווייניקסטע רייבונגען אין די ארגאניזאציעס פון אלע אידישע פארטייען, ביז עס קומט צו אפענע קאנפליקטן, וואס רייסן זיך שוין ארויס אין דרויסן. אין קיעוו, צום ביישפיל, זאגן זיך אפ די ארבעטער-בונדיסטן צו פארשפרייטן די יאנוואר-אויפרופן פון גענגט-קאמי־טעט פון „בונד", וואס זיינען געווען געווענדעט קעגן דעם פראלעטארישן אויפ־שטאנד און האבן גערופן צו שטיצן די ראדע, וואס איז דאן געווען ארויסגעשפראכן

קאָנטר־רעוואָלוציאָנער. דיזעלבע ערנסטע רייבונגען טרעפֿן מיר אויך בײַ די „פֿאַראייניקטע". (בײַ די „פּועלי־ציון" זײַנען אויף אוקראַינע קיין רייבונגען ניטאָ). אין דערזעלבער צײַט זײַנען אַלע אידישע פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס — פֿון אויבן ביז אונטן — טיף פּאַרינטערעסירט אין דער שאַפֿונג פֿון דער נאַציאָנאַלער אידישער אויטאָנאָמיע.

דער אוקראַינישער רייכער דאָרפֿישער באַלעגוף, אָרגאַניזירט דורך דער אוקראַינישער קלײנבירגערלעכער שטאָטישער און דאָרפֿישער אינטעליגענץ, האָט דאָ געמאַכט אַ פּרואוו צו בילדן אַן אייגענע מעלוכע. זײַן סינע ווענדעט ער סײַ קעגן די רוסישע פֿאַבריקאַנטן און פּריצים, בײַ וועלכע ער האָט אָפּגענומען דאָס ערד, סײַ קעגן אַרבעטער־קלאַס. דער באַלעגוף האָט געוואָלט אַליין ווערן דער באַלעבאָס איבער דעם קאָנפֿיסקירטן פּריצישן ערד און האָט מוירע געהאַט, אַז די ווײַטערדיקע אַנטוויקלונג פֿון דער רעוואָלוציע וועט אויפֿהייבן אַנטקעגן אים די דאָרפֿישע אָרימקייט. זײַן נאַציאָנאַליסטישע אידעאָלאָגיע האָט געשטאַמט דערפֿון, וואָס ביז דער רעוואָלוציע איז אוקראַינע געווען עקספּלואַטירט דורכן רוסישן אַדל און פֿאַבריקאַנט און איז געווען פֿאַרוואַלטעט דורך רוסישע טשינאָווניקעס, קינדער פֿון רוסישן פּאָריץ און פֿאַבריקאַנט.

ווען אין פּעטראָגראַד און מאָסקווע האָט געזיגט דער פּראָלעטאַריאַט, איז פֿאַרן באַלעגוף פֿון אוקראַינע געוואָרן דרינגענד נייטיק, אָפּצוגרענעצן זיך פֿון דעם ראַטן־רוסלאַנד, ווײַל אַנדערש וואָלט ער ניט געקאָנט דערשטיקן די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע בײַ זיך אויף אוקראַינע. דער קאַמף קעגן דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע האָט געטריבן דעם „דעמאָקראַטישן" אוקראַינישן באַלעגוף אין די אָרעמס פֿון דײַטשישן אימפּעריאַליזם, ווײַל דער דײַטשישער אימפּעריאַליזם איז געווען דער איינציקער, וואָס האָט אין 1918 געקאָנט געבן די נייטיקע סאָלדאַטן קעגן די שטאָטישע פּראָלעטאַריער און די דאָרפֿישע אָרימקייט קעגן דער ראַטנמאַכט אין רוסלאַנד. נאָר דאַנקענדיק צו הילף די דײַטשישע מיליטאַריסטן, האָט דער אוקראַינישער באַלעגוף געגעבן אַן אונטערשטיצונג יענע סאָציאַלע קרעפֿטן, קעגן וועלכע ער אַליין האָט טיילווײַז געפֿירט אַ קאַמף: די פּריצים און פֿאַבריקאַנטן. דער סוף איז דעריבער געווען — די פֿולע רעסטאַווראַציע פֿון די צאַרישע סאָציאַלע און פּאָליטישע „פּאָראַנדקעס".

אַט דאָס איז אין טאָך גענומען דער סאָציאַלער אינהאַלט פֿון יענעם קאַמף, וועלכער האָט זיך געפֿירט אַרום דער אוקראַינישער צענטראַלער ראַדע. איר נאַציאָנאַליסטישע פּראָגראַם און טאַקטיק האָט נאָר מאַסקירט די אייגנטום־אינטערעסן פֿון קאָנטר־רעוואָלוציאָנערן באַלעגוף. די מעלוכע, וואָס איז געווען אָרגאַניזירט דורך דער צענטראַלער ראַדע אויף מאָרגן נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע (און שפּעטער אין 1919, דורך דער דירעקטאָריע), איז געווען די דיקטאַטור פֿון אוקראַינישן באַלעגוף, וועלכער האָט געוואָלט אַליין רעגירן, ניט צולאָזנדיק צו דער מאַכט ניט דעם פּראָלעטאַריאַט און ניט די רוסישע און פּוילישע פּריצים און בורזשואַזיע. ווייניקער געפֿערלעך איז פֿאַר אים געווען די אידישע בורזשואַזיע, וועלכע האָט ניט געקאָנט האָבן קיין שטרעבונגען צו

זעלבסטהערשונג און וועמעס קאפּיטאלן האָבן געקאָנט העלפן דעם אוקראַאינישן באלעגולה אין אָרגאַניזירן זיין מעלוכע־לעבן. און דערפאר האָבן די אוקראַאינישע נאַציאָנאַליסטן אַפּט גערעדט וועגן דער „אוקראַאינער־יהודיה", א מין מעלוכע, אין וועלכער די מאַכט האָט באַדאַרפט געהערן דעם אוקראַאינישן באלעגולה און דעם אידישן קאַפּיטאַליסט. דערמיט דערקלערט זיך דער „ליבע־ראָמאַן" צווישן דער אוקראַאינישער און אידישער „דעמאָקראַטיע" און דער געזעץ וועגן נאַציאָנאַלער אווטאָנאָמיע פאַר די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, וואָס האָט געזאָלט איבערגעבן די מאַכט בא די אידן — די אידישע קלעריקאַלן און ציאָניסטן, די אָפענע פאַרטרעטער פון דער אידישער בורזשואַזיע.

אין יאַנוואַר 1918 האָט די ראַדע הינטער די פּלייצעס פון דער ראַטנמאַכט געשלאָסן סעפּעראַט דעם שאָלעם אין בריסק. אַנדערש ווי מיט דער הילף פון די דייטשיש־עסטרייכישע באַיאָנעטן האָט זי שוין ניט געקאָנט אומקערן אונטער איר מאַכט דעם גרעסטן טייל פון אוקראַאינע, וואו עס האָבן שוין געהערשט די ראַטן. פאַר דער דייטשיש־עסטרייכישער אַרמיי איז דער שאָלעם מיט דער צענטראַלער ראַדע און איר איינלאַדונג „איינצושטעלן אָרדענונג אין לאַנד" געווען א מיטל ווי צו פאַרווירקלעכן די פּאַשעטע ערגאָבערונגס־צילן פון דער עקספּעדיציע נאָך אוקראַאינע. דעם 1־טן מאַרט 1918 טרעטן אריין די דייטשישע און עסטרייכישע אַרמייען אין אוקראַאינע.

זיי העלפן דער צענטראַלער ראַדע פאַרניכטן די ראַטן און דערשטיקן די פּויערים־באַוועגונג. דערנאָך אָבער מאַכט דער דייטשישער מיליטאַריזם א סאָף צו דער צענטראַלער ראַדע זעלבסט, פּיקט דורך (דעם 2־טן מאַי 1918) די פולשטענדיקע רעסטאַווראַציע אין גאַנץ אוקראַאינע. דער צאַרישער גענעראַל סקאָראָפּאַדסקי ווערט פּראָקלאַמירט פאַרן העטמאַן פון אוקראַאינע.

די רעוואָלוציע אויף אוקראַאינע איז דערשטיקט. דער רעוואָלוציאָנערער קאַמף הערט אָבער ניט אויף. פּויערים־אויפשטאַנדן, פּאַרטיזאַנישע אָנפאַלן אויף די דייטש־עסטרייכישע מיליטער־טיילן, אויפשטאַנדן אין גאַנצע ראַיאָנען, דער אַלגעמיינער אייזנבאַן־שטרייק (יוני 1918) — דאָס זיינען אלץ סימאָנים דערפון, אז דער ניצחון איבער דער ראַטנמאַכט אויף אוקראַאינע איז א צייטווייליקער. אין די קלייןבירגערלעכע אוקראַאינישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען קומט פאָר א טיפער פּראָצעס פון איבערשאַצן אלע ווערטן. צווישן צוויי דיקטאַטורן — פון פּראָלעטאַריאַט און בורזשואַזיע — זינגט אין ראַטן־רוסלאַנד די דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט, אין די „באַפרייטע פון באָלשעוויזם" געגנטן פון רוסלאַנד זיגט די דיקטאַטור פון פּריצים און בורזשואַזיע (דער דייטשישער אימפּעריאַליזם, סקאָראָפּאַדסקי, קאָלטשאַק). די פּרואוון פון קלייןבירגערלעכן סאָציאַליזם צו געפינען עפּעס א דריטן וועג — ניט רויט און ניט שוואַרץ — האָבן געהאַט נאָר איין רעזולטאַט: עס זיינען געשאַפן געוואָרן צענטערן פון קלייןבירגערלעכער קאָנטר־רעוואָלוציע (קיעוו, סאַמאַרע), וועלכע האָבן אליין געעפנט די טיר פאַר דער בורזשואַזער רעסטאַווראַציע, פאַר דער דירעקטער מיליטערישער איינמישונג פון דייטשישן און אַנטאַנטישן אימפּעריאַליזם, וועלכע האָבן געזוכט צו פאַרוואַנדלען רוסלאַנד אין זייערע א קאָלאָניע. קיין „דעמאָקראַטיע" איז פון די אלע

„פּראָװון״ פון קלײנבירגערלעכן סאָציאַליזם ניט אַרױס. דער באַנקראָט איז געװאָרן אַלץ קענטיקער. די נאַציאָנאַליסטישע אידישע אױטאָפּיעס און אילוזיעס װערן ביסלעכװײז צעשטערט. די „קעהילע״ און דער נאַציאָנאַלער סײם, אָט די יעסױדעס פון דער נאַציאָנאַלער אױטאָנאָמיע פון אַלע אידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטײען — זײ זײנען ניט געװאָרן קײן װערקצײג פון דעמאָקראַטיע, זײ געפינען זיך אין די הענט פון דער זאַטער בורזשואַזער אידישער קלעריקאַל-ציאָניסטישער רעאַקציע, װעלכע איז דורכגעדרונגען מיט אַ בלוטיקער סינע צו דער רעװאָלוציע און איז צופרידן מיט דער אָקופּאַציע, װאָס האָט געשאַפן „אָרדענונג״.

די 8 מאָנאַטן פון אָקופּאַציע, װאָס זײנען גלײכצײטיק געװען מאָנאַטן פון אָנאױפהערלעכן בירגערקריג, האָבן בא די אידישע אַרבעטער פון אוקראַינע אױסגעמעקט אַלע רעשטלעך פון קלײנבירגערלעכע אילוזיעס, דער באָדן פאַרן באָלשעװיזם איז געװען צוגעגרײט. אין אַ רײ שטעטלעך פון רעכטבערעגיקער אוקראַינע נעמען די אידישע אַרבעטער אַ דירעקטן אָנטײל אין די פּאַרטיזאַניש-פּױערשע אַרױסטרעטונגען. אין די קלײנבירגערלעכע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס װערט צוגעגרײט אַ באָדן פאַר אַ צעשפּאַלטונג.

די פירער פון די אָרגאַניזאַציעס זײנען אױך עטװאָס לינקער געװאָרן, זײ פאַרטײדיקן אָבער די אַלטע מענשעװיסטישע שטעלונג און טרײבן די אָפיציעלע פּאַרטײען אױף אַ רײ נײע פּאָליטישע פעלערן און פאַרברעכנס. דער אונטן פון דער אָרגאַניזאַציע גרופּירט זיך אַרום קאָמוניסטישע לאָזונגען.

אין װײסרוסלאַנד אַנטשטײט אױך לױטן מוסטער פון אוקראַינע די װײסרוסישע ראַדע. זי האָט אָבער שױן קײן צײט ניט געהאַט צו באַפעסטיקן זיך און אַרומקלײבן אַרום זיך די קלײנבירגערלעכע עלעמענטן. די קולאַקישע שיכטן זײנען אין װײסרוסישן דאָרף פיל שװאַכער, דער באָלשעװיזם האָט געהאַט אַ גרױסן אײנפלוס אַפן װײסרוסישן דאָרף. די אידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטײען פאַרבינדן זיך אָבער אױך מיט אָט דער באָדנלאָזער װײסרוסישער ראַדע. די „פאַראײניקטע״ נעמען אָפילע אָנטײל אין איר רעגירונגס-אָרגאַן. דער „בונד״ טרעט פון איר אַרױס פריער.

* * *

אַזױ זעען מיר, װי דער בריסקער שאָלעם האָט צעטײלט די אידישע אַרבעטער-מאַסע. דעם 1918 יאָר האָבן די אידישע אַרבעטער פון צענטראַל-רוסלאַנד און אַ קלײנער טײל פון װײסרוסלאַנד געלעבט אונטער דער ראַטנמאַכט, די װײטערסטע מערהײט (װײסרוסלאַנד און אוקראַינע) געפינט זיך אונטער דער דײטשישער אָקופּאַציע. װען סאָף 1918 קומט די מאַפּאָלע פון דײטשישן אימפּעריאַליזם און דערנאָך די דײטשישע רעװאָלוציע, װערט די אידישע אַרבעטער-מאַסע דורך אַ נײעם שטורעמװינט אַרײנגעצױגן אין סאַמע ברען פון סאָציאַלן קאַמף. די באָלשעװיזירונג פון די אידישע אַרבעטער הױבט אָן צו גײן מיט געװאַלדיק שנעלע טריט און ברענגט אין די יאָרן 1919 — 1920 צום פולשטענדיקן ניצחון פון דער באָלשעװיסטישער פּאַרטײ צװישן די אידישע אַרבעטער-מאַסן.

נאָר װעגן דעם אין צװײטן העפט פון אָט דעם באַנד.

מ. ראַפעס.

ערשטער טייל

פון פעווראל ביז אקטיאבער

I. די ערשטע כאדאָשים פון דער רעוואָלוציע.

מאַניפעסט פון צענטראל־קאָמיטעט פון די באָלשעוויקעס.

(„פראָלעטארסקאיא רעוואלוציא״, 1923, נומ. 13, ז. ז. 286—287).

צו אלע בירגער פון רוסלאנד.

די פעסטונגען פונם רוסישן צאריזם זיינען געפאלן. דאָס גוט לעבן פון דער צארישער באנדע, וואָס איז געווען געבויט אף די ביינער פון פאָלק, איז צעשמעטערט. די הויפּט־שטאָט איז אין די הענט פון אויפגעשטאנענעם פאָלק. טיילן פון דער רעוואָלוציאָנערער ארמיי זיינען אריבערגעגאנגען אף דער זייט פון די אויפשטענדלער. דער רעוואָלוציאָנערער פראָלעטאריאט און די רעוואָלוציאָנערע ארמיי דארפן ראטעווען דאָס לאנד פון ענדגילטיקן אומקומען און באנקראָט, צו וועלכע ס'האָט געבראכט די צארישע רעגירונג. מיט קאָלאָסאלע אָנשטרענגונגען, מיט בלוט און לעבנס האָט דאָס רוסישע פאָלק אראָפּגעוואָרפן פון זיך די דוירעמלאנגע קנעכטשאפט. די אויפגאבע פונם ארבעטער־קלאס און פון דער רעוואָלוציאָנערער ארמיי איז — שאפן א צייטווייליקע רעוואָלוציאָנערע רעגירונג, וועלכע דארף זיך שטעלן בעראָש פון דער נייער אנטשטייענדיקער רעפּובליקאנישער אָרדענונג. די צייטווייליקע רעוואָלוציאָנערע רעגירונג דארף נעמען אף זיך דאָס שאפן צייטווייליקע געזעצן, וואָס זאָלן פארטיידיקן אלע רעכט און פרייהייטן פון פאָלק, קאָנפיסקירן די קלויסטערשע, פריצישע, קאבינעטישע און הויפישע ערדן און איבערגעבן זיי דעם פאָלק, איינפירן דעם 8־שאָאיקן ארבעטסטאָג און צונויפרופן די גרינדונגספארזאמלונג אפן סמאך פונם אלגעמיינעם, דירעקטן און גלייכן וואל־רעכט מיט א געהיימער אפשטימונג.

די צייטווייליקע רעוואָלוציאָנערע רעגירונג דארף שטעלן פאר זיך די אויפגאבן פון באלד באזאָרגן די באפעלקערונג און די ארמיי מיט שפייז, און צוליב דעם קאָנפיסקירן אלע שפייז־רעזערוון, וועלכע ס'האָט פארגרייט די פריערדיקע רעגירונג און די שטאָט־פארוואלטונג.

די הידרע פון דער רעאקציע קאָן נאָך אויפהויבן דעם קאָפּ. די אויפגאבע פון פאָלק און פון זיין רעוואָלוציאָנערער רעגירונג איז — דערשטיקן אלע קעגנפאָלקישע און קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע פרואוון. א באלדיקע און ניט אָפּלייגבארע

אויפגאבע פון דער ציטווייליקער רעוואָלוציאָנערער רעגירונג איז — אריינגיין אין באציאונגען מיטן פראָלעטאריאט פון די קריגפירנדיקע לענדער, קעדיי אויפצוהויבן א רעוואָלוציאָנערן קאמף פון די פעלקער פון אלע לענדער קעגן זייערע אונטערדריקער און פארשקלאפער, קעגן די צארישע רעגירונגען און די קאפיטאַליסטישע קנופיעס און פאר דעם באלדיקן אָפּשטעלן די בלוטיקע מענטשן־שכיטע, וועלכע איז אָנגעבונדן די פארשקלאפטע פעלקער.

די ארבעטער פון די פאבריקן און זאוואָדן, און אויך דאָס אויפגעשטאנענע מיליטער, דארפן באלד אויסקלייבן זייערע פאָרשטייער אין דער ציטווייליקער רעוואָלוציאָנערער רעגירונג, וועלכע דארף צונויפגערופן ווערן אונטער דער שוץ פון אויפגעשטאנענעם פאָלק און ארמיי.

בירגער, סאָלדאטן, פרויען און מוטערס! אלע צום קאמף! צום אָפענעם קאמף מיט דער צארישער מאכט און אירע מיטהעלפער.

אין גאנץ רוסלאנד הויבט זיך אויף די רויטע פאָן פון אויפשטאנד.

אין גאנץ רוסלאנד נעמט אין אייערע הענט די זאך פון דער פרייהייט, ווארפט אראָפּ די צארישע מעשאָרסים, רופט די סאָלדאטן צום קאמף.

אין גאנץ רוסלאנד, אין די שטעט און דערפער שאפט די רעגירונג פון רעוואָלוציאָנערן פאָלק.

בירגער! מיט די אייננמוטיקע, ברידערלעכע אָנשטרענגונגען פון די אויפגעשטאנענע וועלן מיר פארפעסטיקן די אויפקומענדיקע נייע אָרדענונג פון פרייהייט אף די כורוועס פון דער זעלבסטהערשונג.

פאָרויס! קיין צוריקער איז ניטאָ! אן אומבעראכמאָנעסדיקער קאמף!

אונטער דער רויטער פאָן פון דער רעוואָלוציע!

זאָל לעבן די דעמאָקראטישע רעפובליק!

זאָל לעבן דער רעוואָלוציאָנערער ארבעטער־קלאס!

זאָלן לעבן דאָס רעוואָלוציאָנערע פאָלק און די אויפגעשטאנענע ארמיי!

צ. ק. פון דער רוסלענדישער סאָציאַל־
דעמאָקראטישער ארבעטער פארטיי.

26-טן פעוורואל 1917.

2. דער בונד וועגן גאנג פון דער פעווראל־איבערקערעניש.

(„דער גאנג פון דער רעוואָלוציע". „ארבעטער־שטימע". נום. 1 פון 8-טן מארט 1917).

... צוויי אזייגער האָט די רעוואָלוציאָנערע ארמיי ארומגערינגלט די גאָסודומע. צו די סאָלדאטן זיינען ארויס די דעפוטאטן טשכעאידזע (ס. ד.), קערענסקי (ארבעטס־גרופע) און סקאָבעלעוו (ס. ד.) און געהאַלטן פייערדיקע רעדעס. די רעוואָלוציאָנערע סאָלדאטן האָבן גענומען אף זיך אָפּהיטן דעם טאווּרישן פאלאץ. פאר דער צייט האָבן דאָרט אָנגעהויבן צונויפקומען זיך געקליבענע פאָרשטייער פון די ארבעטער און אָנגעזעענע סאָציאַליסטישע טוער.

דאָרט בא דער דומע, אף ליטווינס פּראָספּעקט, איז דערווייל געגאַנגען אַ שאַרפע שיסעריי. נאָר דער רעוואָלוציאָנערער כאַיל האָט געהאַלטן אין איין וואַקסן, און איין פאָלק נאָכן אַנדערן איז אַריבער אפן צאַד פון פאָלק.

די רעוואָלוציאָנערע אַרמיי האָט געצוואונגען די דומע ווערן שטייפער בא זיך. האַלב דריי אַזייגער האָט די דומע באַשלאָסן איבערגעבן דעם ראַט פון די פאַרשטייער פון אַלע פּאַרטייען (סעניאָרן־קאָנווענט) אויסקלייבן א דערהווייליקן קאָמיטעט פון 12 מאַן אף אָפּצוהאַלטן די אָרדענונג. אין קאָמיטעט זיינען אַריין: ראָדזיאַנקאָ (פאָרזיצער), טשכעאידזע, קערענסקי, מיליוקאָוו, נעקראַסאָוו, קאָנאָוואַלאָוו, רזשעווסקי, קאַראַולאָוו, שידלאָווסקי, דמיטריוקאָוו, שולגין, לוואָוו און פאָלקאָווניק ענגעלגאַרדט.

... אין ראַט פון די אַרבעטער־און סאָלדאַטן־דעפּוטאַטן באַטראַכט מען די פראַגע, צי האָרף דער פּראָלעטאַריאַט באַטייליקן זיך אין נייעם קאַבינעט. אף דער זיצונג באַווייזט זיך דער נייער יוסטיץ־מיניסטער קערענסקי. מע באַגעגנט אים מיט א לאַנג־דויערנדיקער אָוואַציע. קערענסקי ווענדעט זיך צום ראַט מיט אַזאַ מין רעדע: „כאַווײרים, צי טרויט איר מיר? (אויסגעשרייען פון אַלע זייטן: מיר טרויען, מיר טרויען!) איך רייד, כאַוויירים, פון פולן האַרצן. איך בין גרייט צו שטאַרבן, אויב דאָס איז נויטיק (אין זאַל איז אַן אויפרעגונג, הויכע אַפּלאָדיסמענטן). כאַוויירים, העיווים עס האָט זיך אָרגאַניזירט די דערווייליקע רעגירונג, האָב איך טייקעף, ניט וואַרטנדיק אף אייער פאָרמעלן העסקעם, געמוזט געבן אַן ענטפער אפן פאָרשלאָג איך זאָל פאַרנעמען דעם פּאָסטן פון א יוסטיץ־מיניסטער (שטורמדיקע אָוואַציעס, באַגייסטערונג). כאַוויירים, אין מיינע הענט האָבן זיך געפונען די פאָרשטייער פון דער אַלטער מאַכט, און איך האָב ניט גע־קאָנט פויעלן בא זיך אַרויסלאָזן זיי פון מיינע הענט (הילכיקע אַפּלאָדיסמענטן, אויסגעשרייען: ריכטיק!). מיין ערשטער טריט איז געווען די פאָראָדענונג, מע זאָל טייקעף באַפרייען אַלע פּאָליטישע אַרעסטירטע אָן שום אויסנאַם און מע זאָל אומקערן אָהער פון סיביר מיט א באַזונדער קאָוועד אונזערע כאַוויירים, די דעפּוטאַטן פון דער סאָציאַלדעמאָקראַטישער פראַקציע (דונערדיקע אַפּלאָדיסמענטן, באַגייסטערונג). העיווים איך האָב גענומען אף זיך די פליכטן פון א יוסטיץ־מיניסטער, איידער איך האָב באַקומען פון אייך א פולמאַכט דערויף, זאָג איך זיך אָפּ פון די רעכט פון געהילף־פאָרזיצער אין ראַט פון די אַרבעטער־דעפּוטאַטן. נאָר איך בין גרייט פון דאָס ניי צונעמען דעמדאָזיקן פּאָסטן, אויב איר וועט דאָס האַלטן פאַר נויטיק (שטורעמדיקע אַפּלאָדיסמענטן, אויסרופן: ביטע, ביטע!). כאַוויירים, אַריינגייענדיק אין דער דערהווייליקער רעגירונג, בין איך געבליבן דאָס, וואָס איך בין געווען. איך בין געבליבן א רעפּובליקאַנער (הילכיקע אַפּלאָדיסמענטן), און איך האָב דערקלערט דער הערווייליקער רעגירונג, אַז איך בין דער פאַרשטייער פון דער דעמאָקראַטיע און אַז זי מוז זיך באַזונדערס רעכענען מיט די מיינונגען, וואָס איך וועל פאַרטיידיקן, ווי א פאַרשטייער פון דער דעמאָקראַטיע, וואָס דורך אירע אָנשטרענגונגען איז די אַלטע מאַכט אַראָפּגעוואָרפן געוואָרן. כאַוויירים, די צייט שטייט ניט אף אַן אָרט, יעדע מינוט איז טייער, און איך רוף אייך צו דיסציפּלין, צו אָרגאַניזאַציע, צו

שטיצן אונז, אייערע פארשטייער, וואס זיינען גרייט צו שטארבן פאר׳ן פאלק און האבן פאר׳ן פאלק אוועקגעגעבן זייער גאנצן לעבן".

קערענסקים באגייסטערטע רעדע ווערט אויפגענומען מיט א זעלטענעם ענטוזיאזם. עמעס, עס הערן זיך איינציקע קולעס, אז קער׳ענסקי האט ניט געהאט קיין רעכט אריינטרעטן אין דער רעגירונג אן דער דערלויבעניש פון די ארבעטער־דעפוטאטן; אבער די גרעסטע מערהייט מאכט קערענסקין אזא מין אוואציע, וואס די ווענט פונם טאורישן פאלאץ האבן נאך אזוינס ניט געזעען. די מערקווירדיקע רעדע רופט ארויס בא אלעמען אן אומגעווייניקלעכע היספאילעס און רירונג.

3. דער בונד וועגן דער פעווראל־רעוואלוציע.

(„די צווייטע רוסישע רעוואלוציע". „ארבעטער־שטימע" נומ. 1 פון 8־טן מארט 1917).

גלייך ווי א בונטער גיפטיקער שוואם ווערט פארוואנדלט אין שטויב, ווען מע טוט אים א טרייסל,—אזוי איז פארוואנדלט געווארן אין שטויב דער רוסישער צאריזם פונם ערשטן אנטשיידענעם קלאפ פון דער רעוואלוציע.

אן טאיגעס, אן קאמף, האט די אנמעכטיקע, אינערלעך־פוסטע רעאקציע איינגעבויגן איר קאפ פאר׳ן אייגהייטלעכן שטייפן ווילן פון דער רעוואלוציע.

דער ערשטער שטורעם האט צעשפאלטן דעם פראנט פון דער זעלבסטהערשונג, די רעוואלוציע האט פארנומען אלע פאזיציעס און איז צוגעטראטן הארט צו איר ציל — צו דער רעפובליק.

יא, דאס, וואס מע האט געהאלטן פאר א פוסטן כאלעם פון די „לינקע", איז געווארן א רעאלע, א לעבעדיקע טאג־פראגע. און אויב די רעוואלוציע וועט דערפירט ווערן ביז אן ענדגילטיקן ניצאכן, וועט דערוואכן ווי א פרייע רעפובליקאנישע דעמאקראטיע דאס לאנד, וואס מע האט דורעס און דורעס פארשלעפערט אין קנעכטשאפט און שקלאפעריי.

מיט איין אנטשיידענעם קלאפ האט מען אראפגעווארפן די ארדענונג פון ארגאניזירטע הוואלדטאטן, די ארדענונג פון שטענדיקע פאגראמען, די שענדלעכע שמוציקע ארדענונג, וואס האט געצויגן איר יעניקע פון שעקער און פעלשונג.

די רוסישע גרויסע רעוואלוציע האט צו זיך קיין גלייכן ניט אין דער וועלט־געשיכטע. און אין דער וועלט־געשיכטע עפנט זי איף א ניי בלאט. דאס איז א רעוואלוציע פון דער דעמאקראטיע, א רעוואלוציע, וואס דער פירער אירער איז דער פראלעטאריאט, און איר הויפט־העלד — דאס באוואפנטע פאלק, די ארמיי פון פויערים און ארבעטער.

...די רוסישע גרויסע רעוואלוציע איז א פראלעטארישע און א פאלקס־רעוואלוציע. זי האט זיך ערשט אנגעהויבן. און דער ערשטער פעריאד אירער האט זיך פארענדיקט מיט אזא גיכן ניצאכן נאר דערפאר, וואס בעראש פון דער באוועגונג איז געשטאנען דער פראלעטאריאט. דאס האט ער געגעבן דער רעווא־

לוציע איר אנטשיידנקייט און שטייפקייט, איר קראַפט און איר באַגייסטערונג. אונטערן שטורעם און דראַנג פונם אויפגעשטאַנענעם פאָלק, לויטן רוף פון סאָציאַליסטישן פּראָלעטאַריאַט, זיינען איינע נאָך דער אַנדערער געפאַלן די פּאָזיציעס פון דער זעלבסטהערשונג, פון דער רעגענטור, פון דער קאָנטער־רעוואָלוציאָנערער מאָנאַרכיע.

...נאָר אונזער רעוואָלוציע מיט אירע פּראָלעטאַרישע פאָרמען איז נישט קיין פּראָלעטאַרישע נאָך איר אינהאַלט, דאָס איז א פּאָליטישע רעוואָלוציע און נישט קיין סאָציאַלע. דאָס איז א רעוואָלוציע, וואָס וויל אָראָפּוואַרפן די פּאָליטישע אָרדענונג, די אָרדענונג פון פּריציש אַדל, און נישט די בורזשואַזע אָרדענונג.

דער פּראָלעטאַריאַט אָרגאַניזירט זיך זעלבשטענדיק, ער שטרעבט צו א מאַקסימאַלן ניצאָכן; נאָר אַף היינט באַגרעניצט ער זיינע אויפגאַבן לעבאַטכילע, באַוואוסטזיניק און מיטן גוטן ווילן. דערפאַר טאַקע האָט דער ראַט פון די אַרבעטער־און סאָלדאַטן־דעפּוטאַטן, — די רעוואָלוציאָנערע פאָרשטייערשאַפט פון פּראָלעטאַריאַט און פון דער אויפגעשטאַנענער אַרמיי — אָנערקענט די רעגירונג פון דער ליבעראַלער בורזשואַזיע, — פאַרשטייט זיך, בּיטנאַי, אַז עס זאָלן טייקעף דורכגעפירט ווערן אין לעבן די גאַראַנטיעס פון פּאָליטישער פרייהייט.

אין זיין איצטיקן רעוואָלוציאָנערן קאַמף האָט דער פּראָלעטאַריאַט פאַרשטאַנען אויסצונוצן אַלץ, וואָס ער האָט פריער אַרויסגעריסן בא דער זעלבסטהערשנדיקער רעגירונג. מיט 11 יאָר צוריק האָט דער אַרבעטער אויסגעקעמפט די גאָסוד. דומע — א נייבעכדיקער פּאַרלאַמענט, וואָס איז שפּעטער געוואָרן א געצייג אין די הענט פון דער רעאַקציע. און אָט די פאָלקס־פאַרטרעטונג, מישטיינס געזאָגט, האָט געבראַכט א מוירעדיקן נוצן דער רעוואָלוציע — איבערגעוואַלט, קעגן איר אייגענעם ווילן. די באַשעפער פונם 3־טן יוני האָבן געמעגט קומען א קוק טאָן, ווי אַזוי האָט דער פּראָלעטאַריאַט צוגעפּאַסט צו זיינע צוועקן אַפילו די דראַזיקע האַלב־פּריצישע דומע, וואָס איז אַרומגעצוימט מיט צענזן און שטאַנדן־מעכיצעס. די קאָנטער־רעוואָלוציע האָט זיך נישט געהאַט אַף וואָס אָנצושפּאַרן אין די ערשטע טעג פון דער רעוואָלוציע. אַלע קלאַסן און גרופּן פון דער באַפעלקערונג האָבן אָנערקענט די מאַכט פון דער רעמאָקראַטיע — און זיינען אַוועק נאָך איר.

דאָס הייסט נאָך אָבער נישט, אַז די קאָנטער־רעוואָלוציע איז דערשטיקט געוואָרן איינציינעם מיטן אַלטן רעזשים. זי לאָקערט נאָך אין די פינסטערע ווינקלען און וואַרט אַף א מאָמענט, ווען זי וועט קאָנען אַרויסשטעקן איר קאָפּ. די קלאַנגען, וואָס צעררודערן דעם אוילאָם, די פּרוּוון פון דער אַנטיסעמיטישער אַגיטאַציע — דאָס אַלץ זאָגט אייִדעס, אַז זי לעבט נאָך. די קאָנטער־רעוואָלוציע ליגט אין איר באַהעלטעניש, קאַלזמאַן עס איז שטאַרק דער פּראָלעטאַריאַט, קאַלזמאַן בעראָש פון דער באַוועגונג שטייט דער ראַט פון די אַרבעטער־דעפּוטאַטן, קאַלזמאַן אין דער אַרמיי האָט א דייע דאָס פאָלק, אָבער די רעוואָלוציע איז נאָך ווייט נישט פאַרענדיקט.

זאָל נאָר שוואַכער ווערן דער קאָנטראָל פון דער דעמאָקראַטיע, זאָלן נאָר צעשפּליטערט ווערן אירע קויכעס, זאָל נאָר די אַרמיי ווייטער אַריינפאַלן צו דער רעאַקציע אין די הענט, — און די קאָנטער-רעוואָלוציע וועט באַלד אויפהויבן איר קאָפּ.

די ליבעראַלע רעגירונג גופא פאַרמאָגט ניט גענוג קראַפט, ניט גענוג אַנטשלאָסנקייט. די דעמאָקראַטישע רעפּובליק וואַרפט אַף איר אָן אַ פאַכער מיט אירע סאָציאַלע געשפּענסטער.

... דעם גאַנצן פּראָלעטאַריאַט, די גאַנצע אַרמיי פאַרוואַנדלען אין אַ פּרייער רעוואָלוציאָנערער אָרגאַניזירטער קראַפט — אָט דאָס הייסט בעמעמס אוועקשטעלן די רעוואָלוציע אַף אַ פעסטן יעסאָד. ערשט דעמאָלט וועט די רעפּובליק פון פּאַפּיר אין לעבן אַריין און פאַרשוואונדן וועט ווערן יעדער זייכער פון אַלטן רעזשים.

איינציקן מיט אַלע גרופּן פון דער באַפעלקערונג טרעט אַריין אין אַ נייעם לעבן דער אידישער אַרבעטער-קלאַס. דער קויעך פון דער רעוואָלוציע, דער קויעך פון דער אַלרוסלענדער פּראָלעטאַרישער באַוועגונג האָט אויסגעקעמפט פרייהייט אויך פאַרן אידישן פאָלק. דער ערפאָלג פון דער רעוואָלוציע און נאָר די קראַפט פון פּראָלעטאַריאַט, און נאָר דאָס, וועלן ברענגען דערצו, אַז דער גיצאָכן זאָל ניט באַטל ווערן, און אין דעם נייעם פרייען רוסלאַנד זאָל דער אידישער פּראָלעטאַריאַט קאָנען געניסן אַלע זיינע פּאָליטישע, בירגערלעכע רעכט.

אין דעם פרייען רוסלאַנד וועט דער פּראָלעטאַריאַט ברייט און ווייט פאַנאַנדערוויקלען די סאָציאַליסטישע פּראָגראַם זיינע. אָרגאַניזירנדיק זיך און אַרויסרייסנדיק בא דער בורזשואַזיע נייע האַנאָכעס, וועט דער פּראָלעטאַריאַט פון רוסלאַנד, צוזאַמען מיטן פּראָלעטאַריאַט פון גאָר דער וועלט, צוטרעטן צו זיין ווייטערדיקן גרויסן צוועק — צו דער סאָציאַלער רעוואָלוציע.

4. די פעווראַל-איבערקערעניש אין וויטעבסק.

(ב. פינעס: „פון פעווראַל ביז אָקטיאַבער". זאַמלביך „קראַסנאַיאַ ביל". וויטעבסק, 1923 ז.ז. 21—25).

... אַזוי זיינען דורכגעגאַנגען עטלעכע טעג. די אַרבעטער האָבן זיך צונויפגעקליבן, שטילערהייט איבערגעגעבן איינער דעם צווייטן די אונטערגעהערטע אומבאַשטימטע קלאַנגען וועגן די געשעענישן אין פּעטראָגראַד, וועגן די שלאַכטן צווישן די אַרבעטער און דער צאַרישער פּאָליציי, וועגן אַריבערגאַנג פון מיליטער אַף דער זייט פון די אויפשטענדלער.

די פּאַסיווקייט, פאַכדאָנעס און מאַכטלאָזיקייט פון די אַלטע מאַכט-אָרגאַנען. די אָפּוועזנקייט פון צייטונגען און טעלעגראַמעס פון פּעטראָגראַד און מאָסקווע האָבן פאַרשטאַרקט דיראָזיקע קלאַנגען און פאַרוואַנדלט זיי אין אַ לעבעדיקער רעאַלער ווירקלעכקייט.

וואו ניט וואו האָבן זיך באַוויזן רויטע פאַנען, און די זשאַנדאַרמען און פּאָליציי האָבן זיי שוין ניט אַראָפּגעריסן; מע האָט אָנגעהויבן אַרויסגיין אין

גאַס מיט רויטע בענדלעך, קלייבן זיך און הויך און הרייסט ריידן וועגן די געשעענישן אין פּעטראָגראַד ...

ענדלעך, דעם 1־טן מאַרט האָט זיך באַוויזן דער ערשטער נומער פון די „יעדיעס פון פּעטראָגראַדער ראַט פון די אַרבעטער־און סאָלדאַטן־דעפּוטאַטן". און ערשט איצט האָט די וויטעבסקער רעוואָלוציאָנערע דעמאָקראַטיע גענוי דערוואוסט זיך וועגן דער איבערקערעניש.

... ס'האָבן זיך אָנגעהויבן מיטינגען, רעדעס ... דער פרילינג פון דער רוסישער רעוואָלוציע איז אַריינגעטראָטן אין זיינע רעכט...

צום מאָמענט פון דער פעוראַל־איבערקערעניש זיינען קיין אָרגאַניזאַציעס פון די לינקע רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן קימאַט ווי ניט געווען ... וואו ניט וואו זיינען פאַרבליבן אומעטיקע ליקווידאַטאָרישע גרופּן און איינצלנע מענשעוויקעס, בונדיסטן און סאָציאַליסטן־רעוו. קיין פראָפאַריינען זיינען לאַבלוטן ניט געווען; די אומלעגאַלע פאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס זיינען שוין פון לאַנג געווען ליקווידירט דורך דער זשאַנדאַרמעריע. עפּעס ווי דורך א נעס איז גאַנץ געבליבן בלויז די עלשטאָטישע קראַנקן־קאַסע „הילף". אָט דאָ האָט זיך דאָס דעם 2־טן מאַרט אָנגעהויבן א שטיקל באַוועגונג. דאָ איז פאָרגעקומען א באַראַטונג פון די פאַרבליבענע מענשעוויקעס, בונדיסטן און סאָצ.־רעוו. דאָ האָט זיך דאָס געשאַפן די איניציאַטיוו־גרופּע, וועלכע איז שפּעטער אַרויסגעטראָטן אַלס „סאָציאַליסטישער בלאָק".

דעם 3־טן מאַרט איז פאָרגעקומען א פאַרברייטערטע זיצונג פון אָט דער גרופּע, אַף וועלכער... ס'איז באַשטימט געוואָרן צו אָרגאַניזירן א ראַט פון אַרבעטער־דעפּוטאַטן.

דעמזעלביקן טאָג איז פאָרגעקומען א באַראַטונג פון די בורזשואַזע גרופּן און ס'איז אָנגעמערקט געוואָרן א פּלאַן, ווי צו אָרגאַניזירן די נייע מאַכט.

אַף דער נאָענטסטער זיצונג פון דער אַלטער שטאָט־דומע איז אַרויסגעטראָטן א פאַרשטייער פון „סאָציאַליסטישן בלאָק" און פאָרגעלייגט אָרגאַניזירן א „קאָמיטעט פאַר געזעלשאַפטלעכער זיכערקייט", אין וועלכן ס'זאָלן זיין פאַרטראָטן די אַרבעטער, סאָלדאַטן, אָפיצערן, די געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס און די נאַציאָנאַלע גרופּן.

דער פאָרשלאָג איז אָנגענומען געוואָרן. אין קאָמיטעט זיינען אַריין 9 פאַרטרעטער פון די אַרבעטער און 17 פון די סאָלדאַטן. די איבערוועגנדיקע מערהייט ערטער האָט דער „סאָציאַליסטישער בלאָק" בוכשטעבלעך אָפּגעגעבן דער בורזשואַזיע, אָפיצערן, קלעריקאַלן און די נאַציאָנאַליסטיש־שוואַרצמייעדיקע עלעמענטן. דעם 6־טן מאַרט האָט דער קאָמיטעט איבערגענומען די מאַכט איבער דער שטאָט.

...גלייכצייטיק איז אין די אַרבעטער־און סאָלדאַטן־מאַסן אָנגעגאַנגען א טיפער פּראָצעס פון אָרגאַניזירן די קויכעס. ס'זיינען פאָרגעקומען פאַכאַווע אַרבעטער־פאַרזאַמלונגען, אַף וועלכע מע האָט געקליבן פאַרשטייער אין אַרבעטער־ראַט און אויסגעטיילט קאָמיסיעס אַף צו אָרגאַניזירן פּראָפעסיאָנעלע פאַ־

ריינען. אלס א פויעל־יויצע זיינען ביז העלפט מארט געווען אויסגעקליבן 250 דעפוטאטן, און דער ראט האט פאראייניקט ביז 12 טויזנט ארבעטער.

...אויך אין די מיליטער־טיילן האט מען אויסגעקליבן 300 דעלעגאטן אין ראט פון די סאָלדאטן־דעפוטאטן, וועלכער האט זיין ארבעט קאָנטאקטירט מיטן ארבעטער־ראט און שפעטער אינגאנצן מיט אים זיך פאראייניקט...

5. די אידישע ארבעטער פון ווייסרוסלאנד אין דער פעווראל־רעוואָלוציע.

(וו. קנאָרין 1): פאָרעדע צו דער אידישער אויסגאַבע „1917 יאָר אין ווייסרוסלאנד און אפן מאירעוו-פראָנט" מינסק, 1927, ז. ז. 21—23).

...אין פעריאָד פון פעווראל ביז אָקטיאבר 1917־טן יאָר האָבן די אידישע ארבעטער און האנטווערקער־מאסן געשפילט צוליב א ריי סיבעס פארהעלטניס־מעסיק זייער א קליינע ראָלע אין אקטיוון רעוואָלוציאָנערן קאמף.

די סיבעס פון דער מעשונעדיקער אפן ערשטן קוק דערשיינונג זיינען פאלגנדיקע:

ערשטנס, זיינען אלע אידישע ארבעטער־און האנטווערקער־פארטייען (בונד, „פּאָלי־ציאָן" און ס. ס.) געוואָרן נאָך דער פעווראל־רעוואָלוציע קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע אָרגאניזאציעס, וואָס האָבן אָפּגעהאלטן דעם וואוקס פון דער פּאָליטישער אקטיוויקייט און רעוואָלוציאָנערקייט פון די מאסן.

שטעלנדיק זיך, פון איין זייט, באוואוסטזיניק אפן וועג פון אונטערשטיצן די צייטווייליקע רעגירונג אין קאמף קעגן די רעוואָלוציאָנערע לאָזונגען פון פּראָלעטאריאט און געפינענדיק זיך, פון דער צווייטער זייט, אונטער א שטענדיקן דרוק פון די מאסן, וועלכע זיינען אין פּראָצעס פון ווירטשאפטלעכן חורבן געוואָרן אלץ לינקער און לינקער, זיינען די דאָזיקע פארטייען געוואָרן פארורטיילט צו פּאָליטישער ניט־טעטיקייט, צו שטענדיקע וואקלונגען, קאָמפּראָמיסן, לאווירונגען א.א.וו., וואָס ס'האָט געפירט צו בעהאדראַגעדיקער אויסשטארבונג.

צווייטנס, האָט די באָלשעוויסטישע פארטיי פון ווייסרוסלאנד צו יענער צייט נאָך ניט באוויזן אויסצוטיילן דעם נויטיקן קאדר אף צו פירן די ארבעט צווישן די אידישע מאסן, און זי האָט קעגן דער פּאָליטישער טעטיקייט פון די קליינבירגערלעכע פארטייען פון די אידישע האנטווערקער און ארבעטער (קעגן „בונד", „פּ. צ." און ס.ס.) נאָך ניט קעגנגעשטעלט איר באָלשעוויסטישע פּראָפּאגאנדיסטישע ארבעט. דאָס איז געווען א פויעל־יויצע דערפון, וואָס די אידישע טוער, וועלכע האָבן זיך געפונען אין די באָלשעוויסטישע רייען, זיינען אין א גרויסער מאָס געווען רוסיפיצירט, זיי האָבן קיינמאָל ניט געארבעט און ניט געקאָנט ארבעטן צווישן די אידישע מאסן אף אידיש. זיי האָבן ניט דערשאצט די פּאָליטישע באדייטונג פון דערדאָזיקער ארבעט. דער נייער צופלוס ווידער פון טוער אין דער באָלשעוויסטישער פארטיי, וואָס קענען די אידישע שפּראך, איז געווען אומבאדייטנדיק. א גרויסער טייל פון די ארבעטער זיינען געגאנגען נאָך „בונד" און אנדערע קליינבירגערלעכע אָרגאניזאציעס.

אויסער דעם האָט די באָלשעוויסטישע פּאַרטיי ניט געקאָנט אין דעמדאָזיקן פּעריאָד שענקען קיין געהעריקע אויפמערקזאַמקייט דער אַרבעט צווישן די אידישע מאַסן, ווייל אַלע אירע קויכעס האָבן געדאַרפט אויסגענוצט ווערן אויף צו שאַפן די רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס צווישן די סאָלדאַטן און פּויערים אין נעבן־פראָנט־ליניע, וועלכע זיינען דאָ אין פּראַקטיק פאַרויסבאַשטימט פּעריאָד געווען דער וויכטיקסטער רעוואָלוציאָנערער קויעך.

און דריטנס, האָבן די באָלשעוויסטישע לאָזונגען ניט געפונען צווישן די אידישע מאַסן דעם באָדן, וועלכן זיי האָבן געהאַט צווישן די אַרבעטער פון די אינדוסטריע־צענטרען, צווישן די פּויערים און דער אַרמיי. אין דער קליין־אינדוסטריע און אויף די האַנטווערקערישע אונטערנעמונגען פון ווייסרוסלאַנד האָבן נאָך אין דער צייט די לאָזונגען וועגן קאָנטראָל און נאַציאָנאַליזירן די גרויס־אינדוסטריע ניט געהאַט קיין אַקטועלע באַדייטונג. דער קאַמף פאַר דער ערד, פאַר דער פאַרניכטונג פון פּריוואַטן ערד־באַזיץ, האָבן אויף א האָר ניט אָנגערירט די אידישע אַרבעטנדיקע, וועלכע זיינען ניט פאַרבונדן מיטן דאָרף. בלויז דער לאָזונג פון קאַמף פאַרן שלום האָט געהאַט אן אַקטועלע באַדייטונג פאַר די אידישע מאַסן.

אין דיזאָזיקע באַדינגונגען איז דער אָפּגאַנג פון די אידישע אַרבעטער פון די קליינבירגערלעכע פּאַרטייען פאָרגעקומען פאַרהעלטנישמעסיק לאַנגזאַם. שוין אין מאַי און יוני האָט א באַוויסער טייל פון זיי אויפגענומען די באָלשעוויסטישע פּלאַטפאָרם אין דער פראַגע פון מילכאָמע און האָט זיך דערנעענטערט צום אָנערקענען דעם לאָזונג פון איבערגעגעבן די גאַנצע מאַכט די סאָוועטן, בלייבנדיק אין דער פראַגע פון נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע און דער נויטיקייט פון א זעלבשטענדיקער אידישער אַרבעטער־פּאַרטיי אויפן אַלטן בונדישן שטאַנדפּונקט.

אויף דעם באָדן זיינען אין יוני כוידעש פאָרגעקומען די ערשטע אונטערהאַנדלונגען צווישן א גרופּע לינקע בונדאָווצעס (מעלאַכאָוויצקי *) און אַנד.) און די באָלשעוויקעס וועגן א געמיינזאַמער אַרבעט. דיזאָזיקע אונטערהאַנדלונגען האָבן אָבער ניט געגעבן די געהעריקע רעזולטאַטן.

אין האַרבסט, דערהויפּט נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע, האָט זיך צווישן די אידישע אַרבעטער־מאַסן אָנגעהויבן צו באַמערקן א מער ברייטער קער צו די באָלשעוויקעס.

6. די ערשטע רעוואָלוציע־טעג אין קאַטערינאָסלאַוו.

(מ. ראַוויטש־טשערקאַסקי: „פעוראַל—דעקאַבר 1917 אין קאַטערינאָסלאַוו", „ליעטאָפּיס רעוואָלוציי", 1922, נום. 1, ז.ז. 74—75).

די פעוראַל־מאַרטאָווישע רעוואָלוציע האָט זיך אין קאַטערינאָסלאַוו אויסגעצייכנט בלויז מיט דעם, וואָס די שטאָט, וועלכע ליגט אָן א זייט פונם גרויסן שליאַך, האָט אָנגעהויבן נערווירן זיך און וואַרטן אויף ידיעס.

*) אַן אַרבעטער (א שוסטער), אַן אַלטער אַקטיווער טוער פון בונד, שפּעטער אַריינגעטראָטן אין ר. ק. פּ., אין 1919 אומגעקומען אינעם קאַמף קעגן די פּוילישע באַנדעס.

דער נאָענטסטער גרויסער צענטער פון קאַטערינאָסלאַוו איז געווען כאַרקאָוו, און פון דאָרט האָט מען געוואַרט אויף אינפאָרמאַציע אַפן וואָקזאַל, אויף דער פּאָסט, בא די צייטונגס-קיאָסקן פונם כאַרקאָווער „יוזשני קראַי". נאָר ס'איז ניט מעגלעך געווען דערשלאָגן זיך עפּעס פון די צייטונגס-ידיעס, ווייל די טעלעגראַמעס פון פּעטראָגראַד זיינען געווען קורצע, אָפּגעריסענע, ערטערווייז האָט געווימלט מיט ווייסע „פּליכן", וועלכע האָבן פאַרנומען אַ גרויסן טייל אָרט אין די טעלעגראַמעס.

אין שטאָט האָבן זיך גלייך, ווי לויט עמיצנס אַ באַפעל, אָנגעהויבן מיטינגען. ערגעץ־וואו האָבן זיך באַוויזן אויפרופן. און לעסאָף איין אויפרוף, אונטערגעשריבן פונם קאַטערינאָסלאַווער גובערנאַטאָר. אַט דער־אָזיקער אויפרוף, ניט זאָגנדיק קיין וואָרט וועגן דער רעוואָלוציע אין פּעטראָגראַד, וועגן דער איבערקערעניש אין דער הויפּט-שטאָט, האָט פּאַשעט געמעלדעט דער באַפעלקערונג, אַז „אַראָנק די באַמיאַנגען פון די מיטגלידער פון דער גאָסודאַרסטווענער דומע מיט ראָדזיאַנקאָ *) בעראָש, איז געלונגען אָפּצושטעלן די אַרבעטער־אומרוען, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן אין פּעטראָגראַד".

מאָרגנע זיינען געווען די מיטינגען, מאָרגנע די אויפרופן. אלע, בוכשטעבלעך אלע, אָנהויבנדיק פונם גובערנאַטאָר און ענדיקנדיק מיט ד.ס.ד.א.פּ. (מענש.) און ס״ר, אלע האָבן גערופן צו רו. שווער געווען צו פאַרשטיין, וואָס איז דאָס פאַר אַ רעוואָלוציע אַזאַ, וועלכע פאָדערט אַבסאָלוטע רו פאַר איר פולן ניצחון.

איך געדענק דעם ערשטן, דורכט זיך, מיטינג אין שטאָט. פאָרגעקומען איז ער אין טעאַטער „פּאַלאַס" אין צענטער שטאָט. פאַרזאַמלט האָט זיך געהאַט אַ גרויסער עולם. אלע וואַרטן. ווייזט זיך אַרויס, ס'האָבן געדאַרפט קומען פאָרשטייער פונם אַרבעטער־ראַט עפענען דעם מיטינג. געקומען זיינען די ס״רן: פּאַסטערנאַק און שאַליאַכין און דער מענשעוויק לעיקאַנד (די לעצטע צוויי זיינען איצטער קאָמוניסטן). ס'האָט זיך אַ גאָס געטאָן וואַסער. אלע האָבן געזידלט ניקאָלאַיען, געזידלט די זעלבסטהערשונג, גערעדט וועגן די קעמפער פאַר פרייהייט א.א.וו. ס'האָט אָבער נאָר געדאַרפט איינער פון די רעדנערס אַפן סאַמע אומשולדיקסטן אויפן אָנרירן ראָדזיאַנקאָס קאָווער, דערמאָנען וועגן דעם, אַז ער פאַרמאָגט אין קאַטערינאָסלאַווער גובערניע אַ 15 — 20 טויזנט דעסיאַטין ערד, ווי דער פאָרזיצער האָט אים באַלד אָפּגעשטעלט און צוגענומען דאָס וואָרט.

דאָס האָט געפאָדערט די נויטווענדיקע רו!...

אַ צווייטער ביישפּיל. אלע בלעטלעך האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ סטערעאָטיפּ, וואָס האָט זיך געווייניעך געענדיקט מיטן אויסרוף „אַראָפּ די זעלבסטהערשונג! זאָל לעבן די דעמאָקראַטישע רעפּובליק!"

דורך דער באַקאַנטשאַפט מיט איינעם אַ פּאַרוואַלטער פון אַ דרוקעריי האָבן מיר, אַ גרופּע פון עטלעכע מענטשן, באַנאַכט אָפּגעדרוקט אַן אויפרוף מיט די

---

*) פאָרזיצער פון דער 4-טער מעלוכש-דומע, מיטגליד פון דער פראַקציע „אָקטיאַבריסטן" רייכער ערד-באַזיצער פון קאַטערינאַסלאַווער גוב.

לאזונגען: „אראפ די אימפעריאליסטישע מילכאמע!“ „זאל לעבן דער בירגער־קריג!“

...דער ארבעטער־ראט האט זיך ארגאניזירט אינם ארבעטער־קווארטאל, אין פארשטאט „טשעטשעלעווקע“, אין שכיינעם פון בריאנסקער און טרובנע זא־ווארן. דארט האט דער סאוועט פארנומען דעם לאקאל פון דער „וויסנשאפטלע־כער געזעלשאפט“, וואו ס'איז שטענדיק געווען דאס פאלקסהויז און מע האט געלייענט לעקציעס.

אין ערשטן ראט זיינען אין דער מערהייט געווען די מענשעוויקעס. פאר־זיצער איז געווען אן אלטער פארטייער, אן ארבעטער ארלאוו. שטענדיקער פאר־טרעטער איבער די פרינציפיעלע שטרייט־פראגן איז געווען ווייגנער. די גרופע ס־ר איז געווען א בלייבע אין אלע היגזיכטן...

באלשעוויקעס זיינען געווען א קליין הייפעלע. כ'געדענק סעראפימע איליר בישנע האפנער — זי איז געווען איינער פון די סעקרעטארן פונם ראט און די נעשאמע פון דער פראקציע; מיראן טרובני (זשוקאווסקי) און מיראן בריאנס־קי. ניט קוקנדיק אף דער קליינער צאל באלשעוויקעס אין ראט, האט זיך א זייטיקן מענטשן שטענדיק אויסגעדוכט, אז דא פארנעמט מען זיך מער מיט באלשעוויקעס, איידער מיט עפעס אנדערש...

7. די ערשטע לעגאלע מאי־פייערונג.

(א. ק.: קארעספאנדענץ פון מינסק, „ארבעטער־שטימע“. נומ. 10 פון 20-טן מאי 1917).

צום ערשטן־מאי־יאנטעוו האט מען זיך בא אונז אנגעהויבן גרייטן בא־צייטנס. ס'זיינען פארגעקומען אייניקע זיצונגען פון קאמיטעט, אן אלגעמיינע פארזאמלונג און צוויי געמיינזאמע זיצונגען מיט די איבעריקע סאציאליסטישע פארטייען און ראט פון די ארבעטער־און סאלדאטן־דעפוטאטן, אף וועלכע ס'איז גענוי אויסגעארבעט געווארן דער פלאן פונם יאנטעוו.

לויטן פלאן האט זיך יעדע פארטיי (ר.ס.ד.א.פ. ס.־ר., בונד לעטישע ס.־ד. און ראט פון די ארב. און סאלד.־דעפוטאטן) און יעדער פראפעסיאנעלער פא־ריין געהאט צוזאמענקלייבן אף א באזונדער ארט און פון דארט גיין אפן פלאץ נעבן הויבן מארק.

דער דאזיקער פלאן איז דורכגעפירט געווארן אין דער בעסטער ארדענונג. פון 8 פרי האבן זיך אנגעהויבן קלייבן די באזונדערע פראצעסיעס, יעדערע מיט אירע פאנען. פון די פראפעסיאנעלע פאריינען זיינען געקומען די שניידער (ביז 2000), פריקאזטשיקעס (1500), פאפיראס־ארבעטערינס (500), סטאליא־רעס (500), פורמאנעס (500), קאמיטעט־ווארשטאטן (500) מאליארעס, דרוקער, בעקער, שוסטער, שפאליר־פאבריקן, איינבינדער, א.א. צוזאמען ביז 9000 מענטשן. די אויבנדערמאנטע פאליטישע פארטייען האבן זיך צוזאמענגעקליבן באזונדער נעבן דער וואוינונג פון ראט. די באגעגעניש פון די פארטייען האט געטראגן זייער א ווארעמען כאראקטער, באזונדערס ווארים האבן זיך באגריסט דער בונד מיט דער לעטישער ס.־ד.־פארטיי. אלע פראפעסיאנעלע פאריינען זיי־

נען געגאנגען נאָך די אָנען פון "בונד". אין דער דעמאָנסטראַציע האָבן אָנטייל גענומען דריי אָרקעסטערן מיליטער־מוזיק און עטלעכע צענדליק דעלעגאַציעס פון פאַרשיידענע מיליטער־טיילן.

נאָך צוויי שאַ מאַרשירן איבערן שטאָט האָט זיך די פּראָצעסיע צעטיילט און לויטן אויסגעאַרבעטן פּלאַן זיך קאָנצענטרירט אין 3 ערטער, וואו ס'זיינען געווען איינגעאָרדנט טריבונעס. יעדער מיטינג פלעגט זיך עפענען מיט א רעדע פון א פאָרשטייער פון ראַט פון די אַרבעטער־דעפּוטאַטן, דערנאָך פלעגן רייזן די פאָרשטייער פון פאַרייניקטן קאָמיטעט פון דער ר.ס.ד.א.פּ. בונד, ס.־ר. און דער לעטישער ס. ד. די פאָרשטייער פון „בונד" די כאַווערים טיומין [2]) הערציק און לעווין [3]) האָבן גערעדט אידיש.

נאָך די מיטינגען איז די פּראָצעסיע פון די אידישע אַרבעטער אוועקגעגאַנגען אפן בייסוילאָם, צו דעם ברודער־קייווער פון די קאָרבאָנעס פון 1905 יאָר. דאָרט איז ווידער פאָרגעקומען א מיטינג, אף וועלכן ס'זיינען אַרויסגעטראָטן די כאַווײרים שאַיעוויטש און שולדינער.

דעם גאַנצן טאָג האָבן איבער די מאַניפעסטירנדיקע מאַסן געשוועבט אַעראָפּלאַנען, באַפּוצט מיט רויטע בענדער.

דער קאָמיטעט פון „בונד" האָט דעם טאָג פאַרשפּרייט דעם אויפרוף פון צ. ק. „צום ערשטן מאַי" אין 14 טויזנט עקזעמפּליאַרן; אויסער דעם האָט ער איבערגעשיקט 2000 עקז. אין באָברויסק, 1000 — אין באָריסאָוו, 2000 — אין האָמעל, 1000 — אין איהומען, 1000 — אין סלוצק און 1000 אין אָרשע.

8. טאַמבאָווער אידישע אַרבעטער באַגריסן דעם פּעטראָגראַדער פּראָלעטאַריאַט און רעוואָלוציאָנערן מיליטער.

(„יעדיעס פון פּעטראָגראַדער ראַט פון די אַרבעטער-און סאָלדאַטן-דעפּוטאַטן". 1917, נומ. 13).

די ערשטע לעגאַלע פאַרזאַמלונג פון די טאַמבאָווער אידישע אַרבעטער, באַערט דעם אָנדענק פון די קעמפער, וואָס זיינען געפאַלן פאַר דער פרייהייט, באַגריסט די פּעטראָגראַדער אַרבעטער און סאָלדאַטן, וועלכע האָבן מוטיק אויפגעהויבן די פאָן פון פּראָלעטאַרישן קאַמף און געגעבן די פעלקער דאָס נייע רוסלאַנד. צוזאַמען מיטן גאַנצן פּראָלעטאַריאַט זיינען די אידישע אַרבעטער גרייט אף נייע קאָרבאָנעס פאַר דער ענדגילטיקער באַפעסטיקונג פון דער דעמאָקראַטישער אָרדענונג און פולשטענדיקן ניצאָכן פון דער אידייע פון פרייהייט, גלייכהייט און ברידערלעכקייט.

קאַסע פאַר קעגנזייטיקער הילף פון
די טאַמבאָווער אידישע אַרבעטער.

9. די אַרבעטער-מיליציע אין אָדעס.

(„די רויטע גיואַרדיע". „אונזער לעבן". 1917. נומ. 76).

קעדיי אָפּצוהיטן די אָרדענונג אף די גאַסן פון שטאָט, האָט דער אויספירונגס-קאָמיטעט פון דעם אַרבעטער־ראַט מאָביליזירט אַלע אַרבעטער־מיליציאַ־

נערן, אדער ווי מע רופט זיי „די רויטע גוואַרדיע". שאַבעס פאַרנאַכט האָבן זיך אַלע מיליציאָנערן — אַרבעטער פאַרזאַמלט אין וואָראָנצאָווער פּאַלאַץ, וואו מע האָט יעדערן אַרויסגעגעבן אַ ביקס און אַ רויטע לענטע אפן אַרבל. כוץ דעם האָט מען זיי אַלעמען געגעבן די נויטיקע אינסטרוקציעס, ווי אַזוי זיך צו פירן און וואָס זיי האָבן צו טאָן, קעדיי די אָרדענונג זאָל ניט געשטערט ווערן.

יעדער מיליציאָנער האָט אַ באַזונדערן בילעט מיט אַ פאָטאָגראַפיש בילד, אַף וועלכן עס זיינען געכאַסמעט די אָנפירער פון אַרבעטער־ראַט און די קאָמיסאַרן.

שאַבעס אין אָוונט איז די „רויטע גוואַרדיע", בערעך 1500 מענטשן, אַרויס באַוואָפנט אפן גאַס, קעדיי זיך פאַנאַנדערצוטיילן איבער אַלע טיילן פון שטאָט.

אַף דער ריעווּבאַסאָווקע, וואו די „רויטע גוואַרדיע" האָט זיך אויסגעשטעלט, האָט דאָס פּובליקום זי באַגייסטערט אויפגענומען און געמאַכט שטורמישע אָוואַציעס. פון דאָרט איז אַ טייל פון די מיליציאָנערן אַוועקגעגאַנגען צום קאַטעדראַל־כאָבאַר און די איבעריקע זיינען קאָמאַנדירט געוואָרן אַף די פאָרשטעט: מאַלדאָוואַנקע, סלאָבאָדקע, ראָמאַנאָווקע און פערעסיפּ.

10. די כאַרקאָווער אידישע בורזשואַזיע אין די ערשטע רעוואָלוציע־טעג.

(מ. מ.: קאָרעספּאָנדענץ פון כאַרקאָוו. „יעווריייסקאַיאַ נעדיעליאַ". 1917, נומ. 12—13).

רויטע פאָנען... מאַניפעסטאַציעס... מיטינגען... אַזוי לאַנג דערויף געוואַרט און אַזוי אומגעריכט איז עס געקומען! קיין וואונדער דעריבער, וואָס דער בירגערלעכער אוילאָם האָט זיך טכילעס באַצויגן מיט אַ גענוגער מאָס אומצוטרוי צו דער געשעענער איבערקערעניש. נאָר באַזונדערס בוילעט האָט זיך אָט דער אומצוטרוי אַרויסגעוויזן צווישן דעם אידישן בירגערטום: „שטילער, וואַרט אויס, מירן צוּוואַרטן, מירן זען ... מיר דאַרפן ניט שטופּן זיך צווישן די ערשטע"...

פונדעסטוועגן האָבן אונזערע „פּניי" גלייך אין די ערשטע טעג צונויפגערופן די פאַרשטייער פון די אידישע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס און אָרגאַניזאַציעס, וועלכע עקזיסטירן אין כאַרקאָוו, קעדיי צו וויילן אַ ציטווייליקן אַלגעמיין אידישן קאָמיטעט. ס'זיינען געקומען פאַרשטייער פון 14 אינסטיטוציעס, דערהאַינע: הילפס־קאָמיטעט, באַטיימעדראָשים, ציאָניסטן א.אַ.וו. און אויסגעוויילט אַן אַלגעמיינעם קאָמיטעט, אין וועלכן ס'זיינען אַריין צו צוויי פאַרשטייער פון די 14 אינסטיטוציעס, וואָס זיינען געווען פאַרטראַטן אַף דער פאַרזאַמלונג. די פאַרשטייער פון די לינקע פאַרטייען זיינען ניט געקומען. ס'איז באַשלאָסן געוואָרן אַריינגיין מיט זיי אין אונטערהאַנדלונגען מיקויעך דעלעגירן פאַרשטייער אינעם ציטווייליקן אַלגעמיין־אידישן קאָמיטעט.

די ערשטע זאַך פונעם ניי־געוויילטן קאָמיטעט איז געווען „צוימען". ס'איז געוויילט געוואָרן אַ קאָמיסיע פון דריי פערזאָן אַף צונויפשטעלן אַן אויפרוף צו דער באַפעלקערונג וועגן אָפּהיטן די רו. דעם אויפרוף האָט מען לאַנג דעבאַטירט און צום סאָף אָנגענומען אין אַזאַ בלייכער רעדאַקציע, אַז ער וואָלט דרייסט

געקאָנט דורכגיין די סאַמע שטרענגע קריגס־צענזור. גענוג צו זאָגן, אַז בעת איינער פון די אָנוועזנדיקע האָט פאָרגעשלאָגן דעם אויפרוף אָנצוהייבן מיט די ווערטער: „די אַלטע אָרדענונג איז אומגעקומען", האָט איינער אַ דאָקטאָר גע־מעלדעט, אַז אַזאַ טאָן איז פאַר אונדז גיט אָנגעמבאַר, און די פאָרגעשלאָגענע רע־דאַקציע האָט מען אַפילו ניט באַטראַכט. דער אויפרוף ענדיקט זיך מיט אַ ווענדונג צו דער יוגנט און די אַרבעטער וועגן קאָאָרדינירן זייערע טאַטן מיטן אַלגעמיין-אידישע קאָמיטעט!

11. דער בונד וועגן דער אָפּשאַפונג פון די נאַציאָנאַלע באַגרעניצונגען.

(„די נאַציאַנאַלע באַגרעניצונגען אָפּגעשאַפט". „אַרבעטער-שטימע", 1917, נומ. 1).

אינם טאָג, ווען עס האָט געזיגט די צווייטע רוסישע רעוואָלוציע, איז גע־פאַלן דער גאַנצער בנין פון די אַלע נאַציאָנאַלע, רעליגיעזע און שטאַנדן-באַ־גרעניצונגען, וועלכע עס האָט אַזוי קונציק אויסגעבויט די אַלטע צאַרישע מאַכט.

די דערווייליקע רעגירונג האָט זיך עפנטלעך פאַרפליכטעט, אַז אין איר טע־טיקייט וועט זי דורכפירן דעם פּרינציפּ פון נאַציאָנאַלער גלייכבאַרעכטיקונג, אַז עס וועט ניט זיין קיין אונטערשייד צווישן איין בירגער און דעם צווייטן, אַז אַלע וועלן זיין גלייך פאַרן געזעץ.

דאָס הייסט, אַז שוין היינט איז געפאַלן די העכסטע באַגרעניצונג און אויס־קלייבן זיך אַן אָרט, וואוהין צו פאָרן און וואוינען, זאָל דאָס זיין אין שטאָט צי אין דאָרף, אין סיביר צי אין קאַווקאַז.

שוין היינט שטייען אָפן פאַר אַלע אידישע קינדער אַלע עקזיסטירנדע שולן, און די שענדלעכע פּראָצענט-נאָרמע וועט מער ניט דערמאָנען דעם אידן, אַז ער איז געווען דער געדריקטער, דער געיאָגטער.

שוין היינט עפנט זיך פאַר אַלע אידישע בירגער אַ ברייט פעלד פון אַרבעט און טעטיקייט אינם געזעלשאַפטלעכן און מלוכה-לעבן. אין די רעוואָלוציאָנערע מוניציפּאַליטעטן, אין דער נייער פאָלקס־מיליציע, אין די נייע סודן, וואָס דאַרפן אַלע אויסוואַקסן אויפן פלאַץ פון דער אַלטער אַנטיסעמיטישער אופּראַווע, אויפן פלאַץ פון פּריסטאַוו און גאָראָדאָוואָי — אין די אַלע אַנשטאַלטן באַקומען די אידן אַ גלייכן צוטריט, גלייך מיט די רוסן, פּאָליאַקן, אוקראַאינער.

רעוואָלוציאָנערע דעמאָקראַטישע זעלבסטפאַרוואַלטונג — דאָס איז אַ מוי־רעדיקע דערציאונגס־קראַפט סיי פאַר די אונטערדריקטע, אַזוי אויך פאַר די יעניקע פאָלקס־מאַסן, וואָס האָבן זיך צוגעוואוינט גלייכגילטיק צו זיין צו דער פרעמדער אונטערדריקונג. אינם פלאַם פון דער רעוואָלוציע וועט פאַרברענט ווערן די פּסיכאָלאָגיע פון געטאָ, עס וועט אויסוואַקסן די מענטשנווירדע בא די אידישע מאַסן און די אַכטונג צו זיי פון די אַרומיקע.

די רעוואָלוציע האָט געזיגט — די גלייכבאַרעכטיקונג איז געקומען. די קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע קרעפטן, וועלכע זיינען נאָך זיכער ניט אינגאַנצן דער־שטיקט, וועלן ניט איינמאָל נאָך פּרוּוון אויסצונוצן דעם גיפט פונם אַנטיסעמי־

טיזם. דאָס וועט אָבער זיכער ניט העלפן. די גלייכבארעכטיקונג איז דערוואָרבן.

נאָך מער, דער גאַנג פון רעוואָלוציאָנערן לעבן וועט שטופן די דערהווייליקע רעגירונג אריינצולייגן א ברייטערן פשאַט אין די ווערטער: „די אָפשאַפונג פון די נאַציאָנאַלע באַגרענעצונגען" — איידער זי האָט אַליין געהאַט אין זינען. די רעוואָלוציאָנערע זעלבסטפאַרוואַלטונג, די ברייטע אויפקלערונגס־אַרבעט וועט אַריינציִען אין דער רעוואָלוציע די ברייטע פאָלקס־מאַסן, וואָס קענען ניט קיין שפראַך, אַחוץ זייער מוטער־שפראַך. אין די אַלע געגנטן, וואו עס וואוינען צוזאַמען פאַרשיידענע נאַציאָנען, וועט זיך די נייע אָרטיקע מאַכט מוזן מיט דעם רעכענען פון אָנהויב אָן. זי וועט מוזן דערלויבן צו פירן אַלע פאָלקס־פאַרזאַמלונגען אַף אידיש און פויליש, אַף אַרמעניש און טאָטעריש, אַף אוקראַיניש און לעטיש, זי וועט מוזן אויסהערן יעדע איינציקע שריפטלעכע און מונדלעכע ביטע, וואָס וועט אָנקומען צו איר, זאָל דאָס זיין אַף וועלכער ניט איז שפראַך. נאָך מער, זי וועט מוזן זעלבסט ווענדן זיך צום פאָלק אין אַלע זיינע שפראַכן, אויב זי וויל ניט עס זאָל זיך באַשאַפן א וואַנט צווישן איר און פאָלק, ווי דאָס איז געווען צוויי וואָכן צוריק בא דער אַלטער אָרדענונג.

די פולשטענדיקע גלייכבאַרעכטיקונג פון אַלע נאַציאָנען — דאָס איז אַן אומפאַרמיידלעכער עטאַפּ אַפן וועג צו דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג. ווי גלייכע, פולשטענדיק גלייכע, בירגער וועלן די אידן קומען צו דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג. קעדיי דאָרט צו פאַרפעסטיקן, צו באַשטעטיקן דאָס רעוואָלוציאָנערע נייע רעכט פון היינטיקן טאָג.

דאָך וועט נאָך דערמיט ניט פאַרענטפערט ווערן אינגאַנצן די נאַציאָנאַלע פראַגע. גלייכבאַרעכטיקט אָנערקענט אין איר נאַציאָנאַלער אייגנאַרטיקייט, פאַרלאַנגט און האָט רעכט צו פאַרלאַנגען יעדע נאַציאָנאַלע גרופּע, אַז די פרייע אַנטוויקלונג פון דער קולטור פון פאָלק זאָל ניט באַגעגענען קיינע שטערונגען, זי זאָל זיין געזיכערט פון דער אויסערלעכער איבערגוואַלדיקער אַסימילאַציע, מיט וועלכער עס באַנוצן זיך אָפט די הערשנדע קלאַסן פון די הערשנדע נאַציאָנען. פאַר דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג וועט אַוואַדע אויפשטיין די דאָזיקע פראַגע, און זי וועט מוזן אָנערקענען די פאָדערונגען: א פאָלקס־שול אַף דער מוטער־שפראַך אויסגעהאַלטן אַפן כעשבן פון דער מעלוכע, די זעלבסטפאַרוואַלטונג פון דער נאַציאָן אין אַלע פראַגן פון איר קולטור, — די נאַציאָנאַל־קולטורעלע אווטאָנאָמיע פאַר אַלע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן — אין דעם פראַט אויך פאַר דער אידישער נאַציאָן — דערמיט וועלן קומען צו דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג די פאַרטרעטער פון דער אידישער אַרבעטער־מאַסע, די פאַרטרעטער פון „בונד". דאָס וועלן אויך פאָדערן אַלע דעמאָקראַטישע רעוואָלוציאָנערע שיכטן פון לאַנד.

דער ערשטער עטאַפּ איז פאַרענדיקט, די נאַציאָנאַלע באַגרענעצונגען זיינען אָפגעשאַפט, באַפעסטיקן דעם ערשטן געווינס, פאַרברייטערן די נאַציאָנאַלע גלייכבאַרעכטיקונג אין דער רעוואָלוציאָנערער פראַקטיק, צוגרייטן א ברייטן באָדן פאַר דער קולטורעל־נאַציאָנאַלער אווטאָנאָמיע צו דעם מאָמענט פון דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג — דאָס איז אונזער אויפגאַבע אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע אין די טעג פון דער רעוואָלוציע.

12. די אידישע קאַדעטן רופן צו זעלבסטבאַגרעניצונג און געדולד.

(רעדע פון מ. מ. ווינאַווער אין פּעטראָגראַדער אידישן קלוב דעם 11־טן מאַרט 1917. „יעווריייסקאַיאַ נעדיעליאַ", 1917, נומ. 12—13).

...מיר לעבן איצט איבער א פרײדיקן, אָבער צו גלײכער צייט א שווערן מאָמענט. ווי אזוי באַשיצט מען דאָס אידישע פאָלק, ווי אזוי זאָל מען באַווייזן, אז עס איז ווערט פרייהייט און אז עס וועט זי פאַרהיטן אויך אין דיזאָזיקע מעג?

יאָרטויזנטער האָבן מיר אין אונזערע נעשאָמעס געטראָגן די געבאָטן פון פרייהייט. אונזערע קינדער זיינען אומגעקומען פאר פרייהייט. אין די טורמעס און קאַזעמאַטן האָט געשמאַכט אויך די אידישע יוגנט. אויך אף זייערע ביינער איז געבויט געוואָרן דאָס טעמפּל פון פרייהייט און רעכט. מיר קאָנען דרייסט אריינגיין אין אָט דעם טעמפּל. מיר זיינען שטאָלץ, וואָס אויך מיר האָבן אָנטייל גענומען אין דער רעוואָלוציע (בראַוואָ!). ניט ווי שקלאַפן האָבן מיר זיך דערשלאָגן פרייהייט, נאָר ווי פרייע בירגער. דער שוירעש פון אונזער פרייד שטעקט ניט אין דעם, וואָס מיר זיינען איצט גלייכע, נאָר דערין, וואָס מיר זיינען קיינמאָל ניט אוועק פונם שלאַכטפעלד (בראַוואָ!). איצט אָבער דאַרף מען ניט בלויז ליבע צו פרייהייט. מע דאַרף אויך זעלבסטבאַהערשונג. אין דיזאָזיקע פרייהייטס־טעג מוז מען וואַכזאַם שטיין אפן פּאָסטן. מע דאַרף נאָך אַרבעטן. דאָס גאַנצע פאָלק דאַרף אָנטייל נעמען אינם באַשאַפן דאָס פרייהייטס־טעמפּל.

... דער רעוואָלוציאָנערער פראָנט פילט איצט א דרוק פון צוויי זייטן. דער עקסטרע־לינקער פראָנט פאַרורטיילט די צייטווייליקע רעגירונג. צו אן אָנגריף גרייט זיך אויך דער אויסערלעכער סוינע. לאָמיר אף א צייט אָפּלייגן צו רייד מיקויעך נאַציאָנאַלער זעלבסטבאַשטימונג. איצט דאַרף מען דעם באָדן פאַרפעסטיקן, כדי די פרוכט זאָל זיך ניט ארויסגליטשן פון אונזערע הענט. גאַנץ רוסלאַנד דאַרף איצט ווערן, אזוי צו זאָגן, קאָנסערוואַטיוו, כדי איינצוהאַלטן ס'דערוואָרבענע. מע דאַרף זיך אָפּשטעלן, כדי די פּאָזיציע צו פאַרפעסטיקן. דער סוינע דרעמלט ניט. ער גרייט זיך צו א קאָנטר־רעוואָלוציע. די סאַמע גרינגע שפּייז פאר דער קאָנטר־רעוואָלוציע זיינען די אידן. מע דאַרף פאַרהיטן די פרייהייט, כדי מיר זאָלן ניט ווערן קיין ציל־ברעט פאר דער קאָנטר־רעוואָלוציע (בראַוואָ!).

דאָס באַוואוסטזיין פון די אָנקומענדיקע טעג לייגט אף אונז ארויף פליכטן. אויב די רעוואָלוציע וועט זיגן און זיך פאַרפעסטיקן, וועט מען ניט דאַרפן רייד אפילו וועגן אונזערע רעכט. מע דאַרף ניט כאַפּן א ניט רייפע פרוכט. ביז אהער האָבן מיר אויסגעפילט אונזער בירגערלעכן כויוו ווי שטיפקינדער, אויס באַוואוסטזיין פון אונזערע פליכטן. איצט אָבער וועלן מיר אים אויספילן אויס ליבע צו דער היים. נאָר א פאָלקס־דראַנג וועט באַזיגן דעם סוינע.

מע דאַרף זיך ווענדן מיט א רוף: זאָלן אלע טראָגן זייערע קאָרבאָנעס אפן מיזבייעך פונם פאָטערלאַנד! שטאַרק איז דער סוינע. לאָמיר זשע זיין געדולדיק לאָמיר זשע אונזערע קעגנער ניט געבן קיין איבעריקן מאָטיוו קעגן אונז. מיר דאַרפן ניט קריכן אף בעקאָוועדיקע און אָנגעזעענע פּאָסטנס (דויערנדיקע

אפלאדיסמענטן). מע הארף דעמאנסטרירן, אז די אידן קאנען דינען דעם פאטערלאנד אויך אף ניט אנגעזעענע פאסטנס. שטעלט אייך אין די רייען. איילט אייך ניט צו פארווירקלעכן אונזערע רעכט. מע באדארף גערולד און מוט (שטורמישע אפלאדיסמענטן).

13. די אידישע קליקוידעש פארפאסן א נייע טפילע פאר דער צייטווייליקער רעגירונג.

(„א נייע טפילע" *). „אונזער לעבן". 1917, נום. 68).

ווער עס האט געבענטשט אונזערע אוויס, אווראם, איצכאק און יאנקעוו, ער זאל בענטשן אלע שריט פון דער נייער רוסישער רעגירונג. אלע הויפט־קאמאנדירן, וואס געפינען זיך אף די שלאכט־פעלדער, און אלע אונזערע העלדן, וואס האבן מאקריוו געווען זייער בלוט און לעבן פארן וואוילשטאנד פון אונזער לאנד, און אלע ערלעכע בירגער, וואס קעמפן פאר רעכט און גערעכטיקייט, פארן יוישער און דעם קאוועד פון אלע פעלקער, וואס געפינען זיך אין רוסלאנד. זאל זיי גאט געבן מוט און קראפט זיי זאלן מענאציייאך זיין די פיינט פון אונזער לאנד און אויסראטן די הערשאפט פון די טיראני און מעהדערייי פון לאנד.

מיר בעטן דיר גאט! שיק אריין אין זינען פון אלע סארים און יוויאצים פון דער נייער רעגירונג צו טאן גוטס און לייטזעליקייט, זיך באציען מיט גערעכטיקייט צו אלע מענטשן, און זיי זאלן ניט אונטערשיידן פון פאלק צו פאלק, פון נאציע צו נאציע, פון רעליגיע צו רעליגיע. און דאס גאנצע לאנד זאל ווערן באוואוסטזיניק, ובא לציון גואל ונאמר אמן".

14. אפן קלעריקאל־בורזשואזן אידישן צוזאמענפאר אין קיעוו.

(פון ניט פארעפנטלעכטע זיכרוינעס פון אן אנטיילנעמער).

דעם אידישן צוזאמענפאר האבן ארגאניזירט די אידישע קלאל־טוער און זייער געזעלשאפטלעכער קאמיטעט. די היגע בונדיסטן און „פאריייניקטע" האבן צווישן זיך צונויפגערעדט זיך ניט אנטייל צו נעמען אין דעם צוזאמענפאר: דאס איז געווען קלוימערשט א לאגישער און קאנסעקווענטער אויספיר פון זייער נעגאטיווער באציאונג צום אידישן געזעלשאפטלעכן קאמיטעט. מיר **) זיינען געקומען מיט אן אנדער לאזונג: אויסנוצן דעם צוזאמענפאר, קעדיי פ ו ן א י נ ע־וו י י נ י ק צו באקעמפן די רעאקציע, קעגנשטעלן זיך, דערקלערן אונזער פאזיציע — מיט איין ווארט, אלע יענע צוועקן, וואס מע שטרעבט געוויינלעך צו דערגרייכן, גייענדיק אף פרעמדע געזעלשאפטלעכע צוזאמענפארן. פאר די „פא־

*) צונויפגעשטעלט דורכן אדעסער כאזן פ. מינקאווסקי. דער פעטראגראדער ראבינער מ. אייזנשטאט און דער מאסקווער י. מאזא האבן אויך צונויפגעשטעלט ענלעכע טפילעס, וועלכע ס'פלעגן געלייענט ווערן אלע שאבעס, אנשטאט דעם „הנותן תשועה" פארן קייסער און זיין פאמיליע.

**) מיטגלידער פון צ. ק. פון בונד.

רייניקטע" איז אַט דער אונזער באַשלוס געווען אומדערוואַרטעט, זיי האָבן פאַרגעזעצט זייער באָיקאָטיסטישע ליניע און אפילו געהייסן פאַרלאָזן פון ערשטן מאָמענט דעם צוזאַמענפאַר יענע איינציקע פאַרטיי־מיטגלידער, וואָס זיינען צופעליקערווייז דורכגעגאַנגען אפן צוזאַמענפאַר. דאָס האָט אונזער פאַרטיי־גרופע פאַרוואַנדלט אין דער איינציקער אָפּאָזיציע פון צוזאַמענפאַר.

צונויפגעקומען זיינען זיך פון אַלע שטעט און שטעטלעך פון פינף גובערניעס אידן פון א גאַנץ יאָר, וואָס די רעוואָלוציע האָט זיי באַפרייט פון דער רעכטלאָזיקייט, און געבראַכט האָבן זיי מיט זיך א טיפע סינע צו אָט דער רעוואָלוציע, צו די רעוואָלוציאָנערן... אַזוי ווי עס וואָלט גאָרנישט געווען, אַזוי ווי עס וואָלט גאָרנישט פּאַסירט... ניט פאָרגעקומען קיין איבערבראָך אין דער געשיכטע... אפילו אָן אויסערלעכער צוויעס...

מע האָט געקאָנט דערוואַרטן, אז אף אזא ערשטן צוזאַמענפאַר וועט זיך באַ וועמען פון די פירער אַרויסרייסן באַם אָנהויב א וועלכער ניט איז לויבוואָרט פאַר דער גרויסער רעוואָלוציע, אז ווער עס איז וועט פאָרלייגן צו באַערן דעם אָנדענק פון די געפאַלענע, צו שיקן א באַגריסונג די רעוואָלוציאָנערע צענטראַלע אנשטאַלטן ... עס הויבט זיך גאָר ניט אָן... ניט לויבן די רעוואָלוציע, נאָר איר פאַרשוואַרצן — דאָס איז געווען דער צוועק פון אָט דעם צוזאַמענפאַר... דאָס האָט זיך די אידישע רעאַקציע, די ראַבאָנים און ציאָניסטן, אַרויסגעריסן פון אונטערן דרוק פון דער צאַרישער רעאַקציע און וויל איינהאַלטן איר רעאַקציאָנערע שליטע אפן לעבן ...

א קליינבירגערלעכער רעאַקציאָנערער צוזאַמענפאַר ... און ניט איינער, נאָר גאַנצע צוויי אין איינער און דערזעלבער צייט: אין קיעוו און אין יעקאַטערינאָסלאַוו ...

מיר זיינען געווען 30 מאַן. א קליינע דרייסטע גרופע אין סאַמע געהענים פון דער אידישער רעאַקציע. וואו איז דאָ געווען צו ריידן וועגן פאַרלאַמענטאַריזם?.. דער פאָרזיצער מאַכאָווער האָט געפּראַוועט דעם צוזאַמענפאַר ווי א סודע באַם רעבן... ער האָט געטיילט אַליעס וועמען עס האָט געלוינט, און די פינסטערע באַהעלפער זיינע האָבן נאָכן וואונק פון די מאַשגיכים געהעצט קעגן אונז די קליינשטעטלדיקע רעאַקציאָנערע טשערעדע...

זיי האָבן אָבער געהאַט פון אונז צו זינגען און צו זאָגן: מיר האָבן זיך ניט געלאָזן אויפעסן און האָבן זיך דערשלאָגן א טאָלעראַנץ צו זיך. אפילו דער פאָרזיצער מאַכאָווער האָט סאָפּקאָלסאָף געמוזט דערפילן אונזערע פאָדערונגען און ניט געוואַגט צו ווידערשפּרעכן.

וועגן וואָס האָט מען דאָרט גערעדט? — וועגן אַלץ, וואָס טראָגט דעם נאָמען „אידישע פּאָליטיק". אין דריי־פיר ציאָניסטישע רעפעראַטן איז געווען אַרויסגערוקט די גאַנצע ציאָניסטישע פילאָזאָפיע, דער קאַמף פאַרן גאָלעס און פאַר ציאָן און וואַל־קולאָם די נאַציאָנאַלע פּאָליטיק, ואלם דער גליקלעכער וועג צו רעאַקציע.

וועגן וואָס האָבן מיר גערעדט? — אויך וועגן אַלץ. דאָס איז געווען א צוזאַמענשטויס פון רעוואָלוציע און רעאַקציע, א גליענדער קאַמף, וועלכער האָט

זיך געקאנט דורכרייסן נאר אף מארגן נאך דער רעוואלוציע, ווייל קאלומאן רעצאריזם איז געווען, האבן די אלע „הינט און כאזיירים“ פון אידישן קליינבירגערטום נאך געפילט רעספעקט צו די אידישע רעוואלוציאנערן.

עס לוינט ניט צו דערציילן ביפראטיעס דעם גאנג פון צוזאמענפאר. ווען מע לייענט איצט דעם „הינט“ און „מאמענט“ וועגן דער ארבעט פון די קאמוניסטן אין רוסלאנד, קאן מען זיך פארשטעלן דעם קאמף, וועלכער איז האן געווען צווישן די ביידע לאגערן. איך וועל נאר איבערגעבן דעם וויכטיקסטן דראמאטישן אינצידענט — פון אים וועט דער לייענער אליין פארשטיין.

אפן בימע שטייט האראוו בערמאן, דער בעהדיטשעווער קאזיאנער ראבינער, וועלכער האט א פאר צענדליק יארן פאחרינט זיין שטיקל ברויט דערמיט, וואס ער האט אין שול געזונגען „הנותן תשועה“ פאר די רוסישע קייסארים... א גוטער רעדנער און פעאיקער דעמאגאג...

אויפגערעגט דורך א רעדע, וואס איז ניט לאנג פאר אים געהאלטן געווען דורך אונזערן א רעדנער, איז האראוו בערמאן צעהיצט און העצט קעגן אונזער גאנצן צוזאמענפאר. די אויגן פאחגלאצט, מיט א געמאכטן עקסטאז, מיט ליבע צו גאט און רעליגיע אף די ליפן און מיט א גליענדער סינע צו אונז אין זיין קאזיאנער הארץ, הויבט ער זיך אליין אף העכערע און העכערע טענער... מיר זיצן רואיק און שמייכלען נאר... ער רעדט וועגן אונז... מיר זיינען סאנים פון אידישן פאלק, וואס נהאבן אונטער די עמונע און פארדארבן די יוגנט...מיט א פייערלעכער שטים און אויפגעשרויפטן עקסטאז שרייט ער אויס די פראוואקאטארישע ווערטער:

— און ווען איך וועל איצט אויסרופן: „אכטונג פאר אונזער הייליקער טוירע! — ווער וועט די האזע האבן צו בלייבן זיצן אף די ערטער?

מיר האבן זיך ניט פארלארן...

ס'איז שווער צו באשרייבן, וואס דא איז ווייטער פארגעקומען. 400 מענטשן האבן זיך מיט א ליארם און געפילדער, מיט א געשריי און קוויטשעריי אויפגעהויבן פון די ערטער. אלע האבן זיך אומגעקערט צו אונז, קעדיי צו זען דעם רעזולטאט פון בערמאנס פראוואקאציע...

מיר, 30 מענטשן, זיינען געבליבן זיצן. איך האב זיך אומגעקערט צו דער גרופע, וואס איז געזעסן אין דריי רייען: אלע זיינען געווען בלייך, נאר אלע זיינען געזעסן...

ארום אונז האט געקאכט ווי אין א קעסל, מיט פויסטן און שטעקנס האבן זיך א ווארף געטאן אף אונז די איינגערע און מיטעלע ציאניסטן, נאך איין מינוט — און עס וואלט זיך אנהויבן אן עמעסער געשלעג.

דער פרעזידיום האט זיך דערשראקן... ס'איז געגאנגען ווייטער, אייהער ער האט געוואלט... ער האט געשיקט צו אונזערע רייען אלע אהדנערס. זיי האבן אונז ארומגערינגלט, ווי מיט א לעבעדיקער קייט און האבן קיינעם צו אונז ניט צוגעלאזן... א האלבע שאַ האט דער זאל געהוישט... און לאנג האט נאך דער פרעזידיום ניט געקאנט באַרואיקן די געמיטער.

מיר זיינען געלאָפן צום פּרעזידיום, געפאָדערט געבן אונז ווערטער צו פּראָטעסטירן — מע האָט אונז אָפּגעזאָגט...

... מיר זיינען פארבליבן אַף אָט דעם צוזאמענפאָר נאָך א טאָג... אוועק זיינען מיר פון אים דאַן, ווען זיי האָבן אָנגענומען זייער ריין פּארטייאישן באשלוס וועגן כאראקטער פון אלרוסלענדישן צוזאמענפאָר, וואָס דאַרף ווערן א ציאָניסטישע דעמאָנסטראציע...

די רעאקציע איז פארבליבן אליין.

... אין דערזעלביקער צייט האָט כ׳ טשעמעריסקי אין יעקאטערינאָסלאַוו דורכגעמאכט דעמזעלביקן קאַמף און אויך באצייטנס פארלאָזן דעם פינסטערן צוזאמענפאָר...

15. די מאָליעווער ראבאָנים און די פייערונג פונם ערשטן מאַי.

(„דער ערשטער מאי און די ראבאנים". „ארבעטער-שטימ", 1917 נומ. 6).

פון די מאליעווער ראבאָנים איז אָנגעקומען אין פּעטראָגראדער ארבעטער און סאָלדאטן-ראט אזא טעלעגראמע:

„צוליב דער פייערונג פונם 1-טן מאי האָט דער אָרטיקער ראט פון ארבעטער-און סאָלדאטן-דעפּוטאטן באשלאָסן, אז די אידישע ארבעטער זאָלן אָפּארבעטן שאבעס, אָנשטאָט דינסטיק. מיר, ראבאָנים פון אידישן פאראייניקטן קאָמיטעט, רעכענען, אז די פאראָרדענונג רירט אָן די פרייהייט פון געווויסן און רעליגיע און בעטן דעריבער אַף גיך אָפּשאפן די אויבנדערמאָנטע פאראָרדענונג. מיר האָפן, אז איר וועט איינשטימען מיט אונזער מיינונג.

די ראבאָנים סאָלאָווייטשיק, ראבינאָוויטש, האָלצבער"*).

16. די נאציאָנאליסטיש-מאָנארכיסטישע מאניפעסטאציע אין קיעוו.

(פון ניט פארעפנטלעכטע זיכרוינעס).

... קומענדיק אין קיעוו, בין איך גלייך אריינגעפאלן אין אן אטמאָספער פון נאציאָנאלער דיפערענציאציע און נאציאָנאלן קאמף. די שטימונג איז דאָ געווען גאָר ניט יענע פייערלעכע פעטערבורגער שטימונג. דאָ איז געווען א שטארקער צענטער פון רעאקציע, וועלכע האָט זיך נאָר איבערגעפּירט, געוויסערמאסן איבערגעפארבט זיך, נאָר זי האָט גאָרנישט געוואָלט אָפּטרעטן אירע פּאָזיציעס. די נאציאָנאלע פראגע איז דאָ געווען יענער פּרובירשטיין, וועלכער האָט צעטיילט

*) דער עקזעקוטיוו-קאמיטעט פון פּעטראָגראָדער ראָט האָט וועגן דער־דאָזיקער טעלעגראמע אנגעפרעגט די מיינונג פון צ. ק. פון בונד, און דער לעצטער האָט דערקלערט, אז „בא די באדינגונגען פון הײנטיקן מאָמענט איז די פאראָרדענונג פון מאליעווער אָרבעטער-ראָט א ריכטיקע".

צווישן זיך די בירגערלעכע געזעלשאפט און האט אלע אירע טיילן געגעבן א נאציאנאלן פאן.

שוין אינם ערשטן טאג פון מיין אנקומען קיין קיעוו בין איך אריינגעפאלן אין סאמע ברען פון קאמף. עס איז צווישן דעם פראגרעסיוון טייל לערערטום אויפגעשוואומען א אידייע צו ארגאניזירן א קינדער-יאנטעוו לעקאווער דעם ניצאכן פון דער רעוואלוציע. מע האט געפלאנעוועט א קינדער-צוג איבער דער גאנצער שטאט. אומגעריכטערהייט האבן זיך צעפלאקערט די נאציאנאלע, ריכטיקער די נאציאנאל-פאליטישע, שאוויניסטישע געפילן. די עלטערן-קאמיטעטן, וועלכע זיינען איצט געווארן די פירער פון יעדער בילדונגס-אונטערנעמונג, האבן זיך אנגעהויבן צו שלאגן ארום דער פראגע, מיט וועלכע פאנען צו גיין.

די רויטע פאן פון דער רעוואלוציע האט ניט באפרידיקט און ניט פאראייניקט די קיעווער קליינבירגערלעכע געזעלשאפט. מע האט געזוכט אנדערע פאנען. די רוסישע פאן — האבן ארויסגערוקט די רוסישע, פאשעטע גערעדט, די אלטע צאריסטישע עלעמענטן, וועלכע האבן ניט געוואלט פארלירן זייער מאכט אין אוקראינע. זיי האבן געטאינעט, אז דאס איז די נאציאנאלע רוסישע פאן, און ניט די פאן פון צאריזם. די צייטווייליקע רעגירונג האט זיך געאיילט פון איר זייט צו קומען צו הילף דער רעאקציע און האט דערקלערט, אז די דרייפארביקע פאן קאן ניט גערעכנט ווערן פאר א סימבאל פון אלטן צאריזם. די אוקראינער האבן אויפגעהויבן זייער נייע פאן די געל-בלאע... די ציאניסטן, פון זייער זייט, האבן ארויסגעוויזן, אז זיי פארשטייען אויך דעם נאציאנאליסטישן געשעפט און האבן באשלאסן צו גיין מיט דער „אידישער נאציאנאלער פאן“, מיט דער וויס-בלאער פאן פון ציאניזם.

עס האט געקאכט און געזודערט. פון רעוואלוציאנערע געפילן איז ניט געווען צו זען קיין סימען. און נאר איין געזעלשאפטלעכע גרופע האט דאן באשלאסן צו בלייבן טריי דעם רעוואלוציאנערן געדאנק — דאס איז געווען די גרופע אידישע דעמאקראטישע לערער. די דאזיקע גרופע האט זיך ערשט געהאלטן אין ארגאניזירן. בעראש פון איר זיינען געשטאנען די לערער: לעוויטאן [4]), שימען דאבין [5]), אבראם סלוציקי, יעלענע ציפקין (געשטארבן אין 1921). די לערער האבן זיך מאביליזירט, האבן געצויגן די שילער פון די עלטערע קלאסן און האבן דורכויס געפאדערט, אז די שולן זאלן גיין מיט דער רויטער פאן. אין די אידישע שולן האט זיך געפירט א שארפער קאמף — די שולן האבן זיך געשפאלטן. א גרויסער טייל האט געזאלט גיין מיט דער רויטער פאן, א טייל — מיט דער ציאניסטישער.

די איניציאטארן פון דער קינדער-דעמאנסטראציע האבן זיך דערשראקן: „פארן אריינציען די קינדער אין דעם פאליטישן קאמף אנטקעגן איינאנדער“ און ערעוו דער געפלאנטער דעמאנסטראציע דערקלערט, אז זי ווערט אפגערופן. ס'איז שוין אבער געווען שפעט. די מאנארכיסטישע עלעמענטן האבן ניט געוואלט אזוי לייכט אפטרעטן פון פלאץ. ניט קוקנדיק אפן באשלוס, איז די אזוי-גערופענע „שילער-ארגאניזאציע“ פון צוויי גימנאזיעס דאך ארויס אין גאס אינם בא-

געזאנג מיטן פאנען צארישע רוסישע די מיט טאג שטימען
פון אלטע צארישע לידער, מיט אנטשפרעכנדע צארישע אויסגעשרייען. איין גרופע אפילע מיטן קייסערס פארטרעט. ס'איז געווארן א עכט פאטריאטישע דעמאנסטראציע, עס האט נאר געפעלט א אידישער פאגראם ...

... פון ארבעטער־ראט זיינען געשיקט געווארן אפטיילן פון מיליטער, וועלכע האבן אן געוואלט־מיטלען צעטריבן די דעמאנסטראנטן...

II. דער קאַמף צווישן דער פּראָלעטאַרישער און בורזשואַזער רעוואָלוציע.

17. לעניִנס אַפּרעל־טעזיסן [6].

(לענין: „טעזיסן וועגן אַ פּראָלעטאַרישער פּראָגראַם", „פּראַוודאַ", 1917, נומ. 26).

„1. אין אונזער באציאונג צו דער מילכאָמע, וועלכע בלייבט מיצאַד רוסלאַנד אַפילע באַ דער נייער רעגירונג פון לוואָוו און קאָמפּ. אומבאַדינגט א רויבערישע אימפּעריאַליסטישע מילכאָמע, צוליב דעם קאַפּיטאַליסטישן כאַראַקטער פון אָט דער רעגירונג, זיינען ניט דערלאָזט די מינדעסטע האַנאָכעס דער „רעוואָלוציאָנערער אָבאָראָנטשעסטווע".

„צו א רעוואָלוציאָנערער מילכאָמע, וועלכע באַרעכטיקט בעעמעס א רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייִדיקונג, קאָן דער באַוואוסטזיניקער פּראָלעטאַריאַט געבן זיין האַסקאָמע בלויז מיטן טנאַי: א) אַז די מאַכט וועט אַריבערגיין אין די הענט פונם פּראָלעטאַריאַט מיט די אָרימסטע טיילן פּויערטום, וואָס שטייען צו אים צו; ב) באַם אָפּזאָגן זיך אין דער טאַט און ניט בלויז מיט ווערטער פון יעטווידערע אַנעקסיעס; ג) באַם פולשטענדיקן איבעררייס אין דער טאַט מיט אַלע אינטערעסן פון קאַפּיטאַל.

„צוליב דער אומבאַדינגטער געוויסנהאַפטיקייט פון דער „רעוואָלוציאָנערער אָבאָראָנטשעסטווע" מיצאַד די ברייטע שיכטן פאָרשטייער פון די מאַסן, וועלכע אַנערקענען אַ מילכאָמע נאָר אויס נויטווענדיקייט, און ניט צוליב פאַרכאַפּונגען, צוליבן באַשווינדלען זיי דורך דער בורזשואַזיע, דאַרף מען באַזונדערס רעטאַל, אַקשאָנעסדיק, געדולדיק אויפקלערן זיי דעם טאָעס, אויפקלערן דעם אומצעררייסלעכן צוזאַמענבונד פונם קאַפּיטאַל מיט דער אימפּעריאַליסטישער מילכאָמע, דערווייזן, אַז ענדיקן די מילכאָמע מיט אַן עמעסדיק דעמאָקראַטישן און ניט געוואַלטיקטן שאָלעם איז אוממעגלעך אָן אַראָפּוואַרפן דעם קאַפּיטאַל.

„אָרגאַניזירן א וואָס ברייטערע פּראָפּאַגאַנדע פון דעם שטאַנדפּונקט אין דער אַקטיווער אַרמיי.

„ברידערונג.

„2. די אייגנאַרטיקייט פונם איצטיקן מאָמענט אין רוסלאַנד באַשטייט אינם איבערגאַנג פונם ערשטן עטאַפּ פון דער רעוואָלוציע, וועלכער האָט געגעבן די מאַכט דער בורזשואַזיע, צוליב דער ניט גענוגנדיקער באַוואוסטזיניקייט און אָרגאַניזירטקייט פונם פּראָלעטאַריאַט — צו איר צווייטן עטאַפּ, וועלכער האָט איבערגעבן די מאַכט אין די הענט פונם פּראָלעטאַריאַט מיט די אָרימסטע שיכטן פּויערטום.

„דערדאָזיקער איבערגאַנג כאַראַקטעריזירט זיך, פון איין זייט, מיטן מאַקסימום לעגאַלקייט (רוסלאַנד איז א י צ ט ע ר די סאַמע פרייע מעדינע אין דער וועלט פון אַלע קריגפירנדיקע מעדינעס), פון דער צווייטער זייט, מיט דער אָפּוועזנהייט פון געוואַלט איבער די מאַסן און, לעסאָף, מיט זייער צוטרוייִלעך־אומבאַוואוסטזיניקן באַציִען זיך צו א רעגירונג פון קאַפּיטאַליסטן, — די ערגסטע סאָנים פון שאָלעם און סאָציאַליזם.

„די אייגנאַרטיקייט פאָדערט פון אונדז קענען צופּאַסן זיך צו די באַזונדערע באַדינגונגען פון פּאַרטיי־אַרבעט צווישן די אומדערהערט ברייטע מאַסן פון פּראָלעטאַריאַט, נאָר וואָס אויפגעוואַכטע צום פּאָליטישן לעבן.

„3. קיין שום שטיצע דער צייטווייליקער רעגירונג. אויפקלערן דעם פולשטענדיקן שעקער פון אַלע אירע האַפטאָכעס, איבערהויפּט בענויגייע דעם אָפּזאָגן זיך פון אַנעקסיעס. אויפדעקן, אַנשטאָט דער ניט דערלאָזבאַרער „פאָדערונג", וועלכע זייט אילוזיעס, אַז ד י ד אָ ז י ק ע רעגירונג, א רעגירונג פון קאַפּיטאַליסטן, זאָל א ו י פ ה ע ר ן זיין א קאַפּיטאַליסטישע.

„4. אָנערקענען דעם פאַקט, אַז אין דער מערהייט ראַטן פון די אַרבעטער־דעפּוטאַטן איז אונדזער פּאַרטיי אין דער מינדערהייט, און דערווייל אין א שוואַכער מינדערהייט, אַנטקעגן א ב ל אָ ק פ ו ן אַ ל ע קליינבירגערלעך־אָפּאָרטוניסטישע עלעמענטן, פון נ.־ס., ס.־ר. ביזן אָ. ק. *) (טשכעאידזע, צערעטעלי א. א.), סטעקלאָוו א.א.וו. א.ד.גל., וועלכע האָבן זיך אונטערגעוואָרפן דעם איינפלוס פון דער בורזשואַזיע און פירן דורך איר איינפלוס אויפן פּראָלעטאַריאַט.

„אויפקלערן די מאַסן, אַז די ראַטן פון די אַרבעטער־דעפּוטאַטן איז די איינציקע מ ע ג ל ע כ ע פאָרם פון א רעוואָלוציאָנערער רעגירונג, און דעריבער ווי לאַנג די דאָזיקע רעגירונג וואַרפט זיך אונטער דעם איינפלוס פון דער בורזשואַזיע, קאָן אונדזער אויפגאַבע זיין נאָר א געדולדיקער, סיסטעמאַטישער, אַקשאָנעסדיקער אויפקלערער די פעלערן און טאַקטיק, אַן אויפקלערן, וואָס פּאַסט זיך באַזונדערס צו צו די פּראַקטישע באַדערפענישן פון די מאַסן.

„ווי לאַנג מיר זיינען אין דער מינדערהייט, פירן מיר אַן אַרבעט פון קריטיק און אויפקלערן די פעלערן, אין דערזעלביקער צייט פּריידיקנדיק די באַדערפעניש פון איבערגיין פון דער גאַנצער מעלוכע־מאַכט צו די ראַטן פון די אַרבעטער־דעפּוטאַטן, קעדיי די מאַסן זאָלן זיך אַף דער דערפאַרונג באַפרייען פון זייערע פעלערן.

„5. ניט קיין פּאַרלאַמענטאַרישע רעפּובליק. — אומקערן זיך צו איר פון די ראַטן פון די אַרבעטער־דעפּוטאַטן וואָלט געווען א שריט צוריק, — נאָר א רע-

*) „אָרגאַניזיר־קאָמיטעט". דער אָנפירנדיקער צענטער פון די רוסלענדישע מענשעוויקעס.

פובליק פון ארבעטער, באטראקעס און פויערים-דעפוטאטן אינם גאנצן לאנד, פון אונטן ביז אויבן.

„באזייטיקן די פאליציי, ארמיי, באאמטנטום *).

„סכירעס די באאמטע, בא געוויילטקייט און אראפזעצונג פון יעטווידן פון זיי צו יעדער צייט, ניט העכער פון א דורכשניטלעכער סכירעס פון א גוטן ארבעטער.

„6. אין דער אגראר-פראגראם אריבערטראגן דעם שווערפונקט אף די ראטן פון די באטראקעס-דעפוטאטן.

„קאנפיסקאציע פון אלע פריוואטע ערדן.

„נאציאנאליזאציע פון אלע ערדן אינם לאנד, פארוואלטן מיט דער ערד זאלן די ארטיקע ראטן פון באטראקעס און פויערים-דעפוטאטן. אויסטיילן דעפוטאטן-ראטן פון די ארימסטע פויערים. באשאפן פון איטלעכן גרויסן פאלווארק (אן ערעך 100 דעס. ביז 300 לויט די ארטיקע און אנדערע באדינגונגען און לויט דער באשטימונג פון די ארטיקע אינסטיטוציעס) א מוסטער-ווירטשאפט אונטערן קאנטראל פון די באטראקעס-דעפוטאטן און אפן געזעלשאפטלעכן כעשבן.

„7. א טייקעפדיקן צונויפגיסן פון אלע בענק אינם לאנד אין איין אלגעמיין-נאציאנאלן באנק און איינפירן א קאנטראל איבער אים מיצאד די ראטן פון די ארבעטער-דעפוטאטן.

„8. ניט „איינפירן" דעם סאציאליזם, אלס אונזער דירעקטע אויפגאבע, נאר א טייקעפדיקן אריבערגיין צו א קאנטראל מיצאד די ראטן פון די ארבעטער-דעפוטאטן איבער דער געזעלשאפטלעכער פראדוקציע און איבערן פאנאנדערטיילן די פראדוקטן.

„9. פארטיי-אויפגאבן:

א) א טייקעפדיקער פארטיי-צונויפפאר.

ב) בייטן די פארטיי-פראגראם, דעריקער:

1) וועגן אימפעריאליזם און אימפעריאליסטישער מילכאמע;

2) וועגן דער באציאונג צו דער מעלוכע און אונזער פאדערונג „א מעלוכע-קאמונע" **).

3) אויסבעסערן די אפגעשטאנענע פראגראם-מינימום;

ג) בייטן דעם נאמען פון דער פארטיי ***)

„10) באנייען דעם אינטערנאציאנאל.

די איניציאטיוו פון באשאפן א רעוואלוציאנערן אינטערנאציאנאל, אן אינטערנאציאנאל קעגן די סאציאל-שאוויניסטן און קעגן „צענטער" ****).

* ד. ה. פארבייטן די שטענדיקע ארמיי דורך א אלגעמיינע פאלקס-באוואפנונג.

** ד. ה. אזא מעלוכע, וואס א פארבילד פון איר איז געווען די פאריזער קאמונע.

***) אנשטאט „סאציאלדעמאקראט", פון וועלכע די אפיציעלע לידערס האבן אף דער גאנצער וועלט פארראטן דעם סאציאליזם, איבערגייענדיק צו דער בורזשואזיע („אבאראנצעס" און וואקלדיקע „קאוטסקיאנער") דארף מען זיך אנרופן „קאמוניסטישע פארטיי".

**** „צענטער" ווערט אין דער אינטערנאציאנאלער סאציאל-דעמאקראטיע אנגערופן די ריכטונג וועלכע וואקלט זיך צווישן די שאוויניסטן („אבאראנצעס") און אינטערנאציאנאליסטן, דהיינו: קאוטסקי און קאמפ. אין דייטשלאנד, לאנגע און קאמפ. אין פראנקרייך, טשכעידזע און קאמפ. אין רוסלאנד, טוראטי און קאמפ. אין איטאליע, מאקדאנאלד און קאמפ. אין ענגלאנד, א.ז.וו. (די אלע 4 באמערקונגען געהערן דעם כ' לענין).

18. פון די רעזאָלוציעס פון דער 10-טער קאָנפערענץ פון בונד [7].

(„די אַרבעטער-שטימע". פעטראָגראַד. נומ. 3—4 פון 18-טן אַפּריל 1917).

1. די באַציאונג צו דער מילכאָמע און די ווידעראויפשטעלונג פון אינטערנאַציאָנאַל.

5... די קאָנפערענץ רופט די גאַנצע רעוואָלוציאָנערע דעמאָקראַטיע פון לאַנד אין געשטאַלט פון אירע אָנפירנדיקע איינריכטונגען מיטן פעטראָגראַדער אַרבעטער-און סאָלדאַטן-ראַט בעראָש צו ווירקן אַף דער דערוויילִיקער רעגירונג, אַז זי זאָל מאַכן ווייטערדיקע טריט אַף דעם וועג, אַף וועלכן זי האָט זיך שוין געשטעלט, און אַז בעהעסקעם מיט דער נייער לאַגע, וואָס איז געשאַפן געוואָרן דורך דער רוסישער רעוואָלוציע און דורכן אָפזאָג פון דער דערוויילִיקער רעגירונג פון יעטווידערע אַנעקסיעס לעטוועגס רוסלאַנד, זאָל זי זיך ווענדן צו די רעגירונגען פון די פאַרבינדעטע מעלוכעס מיט אַ פאָרשלאָג איינצוגיין צו מעלדן דרינגען זייער גרייטקייט צו שליסן צוזאַמען מיט אַלע קריגפירנדיקע לענדער אַ שאָלעם, געבויט אַפן אָפזאָג פון אַנעקסיעס און קאָנטריבוציעס און אַפן רעכט פון פעלקער אַף זעלבסטבאַשטימונג.

...7. די קאָנפערענץ רופט די סאָציאַליסטישע פאַרטייען פון רוסלאַנד צו נעמען אַף זיך די איניציאַטיוו פון צונויפרופן אין דער נאָענטסטער צייט אַ אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס, וואָס זאָל פון דאָס-ניי אויפשטעלן די אינטערנאַציאָנאַלע סאָלידאַריטעט פון פראָלעטאַריאַט, אויסאַרבעטן די שאָלעם-באַדינגונגען און די מיטלען, ווי אַזוי זיי דורכצופירן אין לעבן, און אויך אויסאַרבעטן די יעסוידעס פון דער קינפטיקער אינטערנאַציאָנאַלער פאָליטיק פון פראָלעטאַריאַט.

8. אין די אויבנדערמאָנטע מיטלען פון קאַמף קעגן די פאַרכאַפונגס-שטרעבונגען פון די הערשנדיקע קלאַסן זעט די קאָנפערענץ דעם בעסטן וועג צו פאַרטיידיקן דאָס פרייע רוסלאַנד און די דערגרייכונגען פון דער רעוואָלוציע. קאָל-זמאַן אָבער די רוסלענדער רעוואָלוציע געפינט זיך אין דער סאַקאָנע פון אַן אויסווייניקסטער מיליטערישער מאַפּאָלע, רופט די קאָנפערענץ דעם אַרבעטער-קלאַס און אַלע אַנדערע שיכטן פון דער רוסלענדער באַפעלקערונג וואָס גיכער צו אָרגאַניזירן די קרעפטן אין לאַנד און אַפן פראָנט אַף צו פאַרטיידיקן דאָס רעוואָלוציאָנערע רוסלאַנד פון אַן אַריינדרינגען פון דרויסן.

2. די ראַטן פון אַרבעטער-און סאָלדאַטן-דעפּוטאַטן און די דערוויילִיקע רעגירונג אין זייערע קעגנזייטיקע באַציאונגען (איינשטימיק).

1. די קאָנפערענץ געפינט, אַז די דעקלאַראַציע, וואָס איז אויסגעאַרבעט און פובליקירט געוואָרן דורך דער דערוויילִיקער רעגירונג בעהעסקעם מיטן עקזעקוטיוו-קאָמיטעט פון ראַט פון די אַרבעטער-און סאָלדאַטן-דעפּוטאַטן [8].

האלט אין זיך די פּאָליטישע גרונט־פּאָדערונגען פון דער רוסלענדער דעמאָקראַטיע פאר דער איבערגאַנגס־צייט, ביז וואַנען עס וועט צונויפגערופן ווערן די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג.

2. די קאָנפערענץ געפינט, אַז, אין קלאל גענומען, גייט די דערוויילִיקע רעגירונג ביז איצטער אפן וועג פון דערפילן די פּאָליטישע היסכאַיוועסן, וואָס זי האָט אָפּ זיך גענומען.

3. בכדיי צו ווירקן אָפּ דער דערוויילִיקער רעגירונג, אויך אָפּ אירע אָרטיקע אָרגאַנען, אַז זי זאָל אָפּן ענערגישסטן אויפן קעמפן מיט די קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע קויכעס און אָנעמען ווייטערדיקע מיטלען פּולקום צו דעמאָקראַטיזירן דאָס לאַנד — און קוידעמקאָל, אַז ס'זאָל וואָס גיכער צונויפגערופן ווערן די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג און ס'זאָלן דעמאָקראַטיזירט ווערן די אָרגאַנען פון זעלבסטפאַרוואַלטונג — און אויך בכדיי צוצוגרייטן אַן אַלגעמיינעם שאָלעם אָן אַנעקסיעס און קאָנטריבוציעס אָפּן יעסאָד פון זעלבסטבאַשטימונג פון די פעלקער, — געפינט די קאָנפערענץ פאַר נויטיק אַ שטענדיקן פּאָליטישן קאָנטראָל און אַ שטענדיקע פּאָליטישע ווירקונג פון דער אָרגאַניזירטער רעוואָלוציאָנערער דעמאָקראַטיע אָפּ דער דערוויילִיקער רעגירונג און אָפּ אירע אָרטיקע אָרגאַנען.

4. די קאָנפערענץ רופט דעם אידישן אַרבעטער־קלאַס און די אידישע דעמאָקראַטיע, וואָס שליסט זיך אָן אין אָן, מעטיק צו שטיצן די דערוויילִיקע רעגירונג, אָפּ וויפל זי וועט גיין מיטן גלייכן וועג פון פאַרפעסטיקן די דערגרייכונגען פון דער רעוואָלוציע, און אָפּ וויפל זי איז גרייט צו בויען איר פּאָליטיק אָפּ אַן אָפּזאָג פון פאַרכאַפּונגס־פּלענער. אָבער וויפל די רעגירונג וועט פּרואוון אויוועק זיין אָפּ די פּאָליטישע היסכאַיוועסן, וועלכע זי האָט אָפּ זיך גענומען, דאַרף די פאַראייניקטע רעוואָלוציאָנערע דעמאָקראַטיע קעגן דיזאָזיקע פּרואוון קעמפן אָפּן אַנטשיידנסטן אויפן.

5. די קאָנפערענץ גיט צו אַ גוואַלדיקע באַדייטונג די אַרבעטער־און סאָלדאַטן־ראַטן, וואָס דינען פאַר אָרגאַניזירנדע צענטערן פון דער רוסלענדער רעוואָלוציע, און זעט אין זייער עקזיסטענץ די הויפּט־אָרוועס קעגן וועלכע ס'איז אָנפאַלן אָפּ די דערגרייכונגען פון דער רעוואָלוציע. דעריבער באַגריסט די קאָנפערענץ די טריט, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן דורך דער אַלרוסלענדער באַראַטונג פון די ראַטן [9] בענוגייע צו אָרגאַניזירן אַזאַ מין פאַראייניקטן אַלרוסלענדער צענטער פון אַרבעטער־און סאָלדאַטן־ראַטן, וואָס זאָל אויסדריקן דעם ווילן פון דער רעוואָלוציאָנערער דעמאָקראַטיע פון גאַנצן לאַנד. די קאָנפערענץ רופט דעם אידישן פּראָלעטאַריאַט צום ענערגישסטן אָנטייל אין די אָרטיקע און ראַיאָנע ראַטן און אין צענטראַלן ראַט.

באַם באַהאַנדלען דעמדאָזיקן פּונקט האָט זיך די קאָנפערענץ פאַרנומען מיט דער פראַגע, צי דאַרף די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע נעמען אַן אָנטייל אין דער דערוויילִיקער רעגירונג. מיט 29 שטימען קעגן 19 באַ 3 אָפּגעהאַלטענע האָט זיך די קאָנפערענץ אַרויסגעזאָגט קעגן אָנטייל.

19. דער בונד וועגן די אויפגאַבן פון דער קאָאַליציע־רעגירונג.

(רעזאָלוציע פון צ. ק. פון בונד „אַרבעטער־שטימע“, נומ. 19 פון 8־טן יוני 1917).

1. דער פּאָליטישער קריזיס, וואָס האָט אַוועקגעשטעלט דעם אַרבעטער־און סאָלדאַטן־ראַט פאַר דער נויטווענדיקייט אָנטיילצונעמען אין דער פּערזאָן פון 4 פאַרטרעטער זיינע אין דער דערווייליקער רעגירונג, ציט זיך ווייטער. דורך צוויי סיבעס ווערט אַרויסגערופן דערדאָזיקער קריזיס. פון איין זייט איז אויסערסט שווער צו פאַרפעסטיקן די נייע אָרדענונג, בעת עס גייט ווייטער די אינטערנאַציאָנאַלע מילכאָמע, וואָס איר ליקווידאַציע, אַוועקגעשטעלט אַפן סידער פון דער רוסישער רעוואָלוציע, לאָזט זיך ניט דערגרייכן דורך די אָנשטרענגונגען פון רעוואָלוציאָנערן רוסלאַנד אַליין אָן דער באַלדיקער אַקטיווער שטיצע פון אַרבעטער־קלאַס פון אַלע קעמפנדיקע לענדער. פון דער אַנדערער זייט, ווערט דער קריזיס אַרויסגערופן דורך די טיפע קלאַסן־סטירעס, וואָס אַנטפּלעקן זיך אין זייער גאַנצער שאַרפקייט אין דעם אַנטוויקלונגס־גאַנג פון אונזער רעוואָלוציע.

2. דער אָנטייל פון פאָרשטייער פון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אין דער דערווייליקער רעגירונג קאָן נאָר אויף אַזוי פיל מיטהעלפן צו פאַרענטפערן דעם פּאָליטישן קריזיס און די אינטערעסן פון דער דעמאָקראַטיע, אויף וויפל די סאָציאַליסטישע מיניסטאָרן וועלן זיין באַוואָרנט, אַז אין זייער טעטיקייט וועלן זיי באַגעגענען די ענערגישסטע און אַקטיווסטע שטיצע מיצאַד דער גאַנצער רעוואָלוציאָנערער דעמאָקראַטיע פון לאַנד און קוידעמקאָל פון איר אַנטשלאָסענעם און פעסטן אַוואַנגאַרד — דעם אַרבעטער־קלאַס. נאָך מער מאַמאָשעסדיק דאַרף זיין די שטיצע צוליב דעם, וואָס די פּאָליטיק פון דער דערווייליקער רעגירונג באַגעגנט אַ באַהאַלטענעם ווידערשטאַנד מיצאַד די רעאַקציאָנערע עלעמענטן אין אַ פאַקטישן באָיקאָט מיצאַד דער אינדוסטריעלער און פינאַנציעלער בורזשואַזיע.

3. די שטיצע דער דערווייליקער רעגירונג מיצאַד דעם אַרבעטער־קלאַס דאַרף זיך שטעלן צוויי הויפּט־אויפגאַבן: א) אויפן געביט פון אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק — אַנטשיידן קעמפן מיט אַלע אימפּעריאַליסטישע טענדענצן אין לאַנד און ענערגיש ווירקן אויפן אַרבעטער־קלאַס פון אַלע קעמפנדיקע לענדער, ביכדיי מאַשפּיע צו זיין אויף דידאָזיקע לענדער, זיי זאָלן טייקעף אַרויסטרעטן אויפן וועג פון פרידנס־פאַרהאַנדלונגען אויף די יעסוידעס, וואָס זיינען פּראָקלאַמירט געוואָרן דורך דער רעוואָלוציאָנערער דעמאָקראַטיע; ב) אויפן געביט פון אינעווייניקסטער פּאָליטיק דאַרף דער אַרבעטער־קלאַס אָנווענדן דעם גאַנצן כויעך פון זיין איינפלוס און זיין גאַנצע אָרגאַניזאַציאָנעלע געניטשאַפט, ביכדיי אומעטום צו פאַרפעסטיקן די נייע דעמאָקראַטישע אָרדענונג און צו פאַרטיידיקן זי סאַי פון אַלע קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע פּרוּוון, סאַי פון דעזאָרגאַניזאַטאָרישע און אַנאַרכישע אָנפאַלן.

4. ביכדיי צו באַוואָרענען די דויערהאַפטיקייט פון די דערגרייכונגען פון דער רעוואָלוציע, באַדאַרף די דערווייליקע רעגירונג: א) פירן אַן אַקטיווע אויסווייניקסטע פּאָליטיק, וואָס זאָל זיין געווענדעט דערויף, צו נויטן די מיט־רוס־

לאַנד פֿאַרבינדערטע רעגירונגען אָפּצוזאָגן זיך פֿון דער פּאָליטיק פֿון אַנעקסיעס און קאָנטריבוציעס און וואָס גיכער צו ליקווידירן די מילכאָמע; ב) אָנווענדן אַלע אָנשטרענגונגען, ביכדיי צו פֿאַרגיכערן דאָס צונויפֿרופֿן די גרינדונגס־פֿאַרזאַמלונג, דעם איינציקן אווטאָריטעטן אָרגאַן, וואָס איז מעסוגל אויסצודריקן דעם ווילן פֿון גאַנצן פֿאָלק; ג) טייקעף אָנעמען אַלע מיטלען, ביכדיי צו באַשאַפֿן אויף די ערטער דעמאָקראַטישע אָרגאַנען פֿון פֿאַרוואַלטונג און זעלבסטפֿאַרוואַלטונג, וואָס זאָלן פֿאַרמאָגן דעם צוטרוי פֿון דער אָרטיקער באַפֿעלקערונג; ד) בעיאַד־כאַזאָקע נעמען זיך פֿאַר רעגולירן די פּראָדוקציע, דעם טראַנספּאָרט, די שפּייז־פֿאַרזאָרגונג, די פֿינאַנציעלע לאַגע פֿון לאַנד און די באַציאונגען צווישן אַרבעט און קאַפּיטאַל, ניט אָפּשטעלנדיק זיך פֿאַר די אַנטשיידנסטע מיטלען אין קאַמף מיט די עגאָאיסטישע שטרעבונגען פֿון די פֿאַרמעגלעכע קלאַסן און מיט דער גלייכגילטיקייט, וואָס זיי ווייזן אַרויס צום גויירל פֿון לאַנד.

20. דער בונד פֿאַר שטיצן די „פֿרייהייט־האַלוואָע"[10].

(רעזאָלוציע פֿון דער פּלענאַרער זיצונג פֿון צ. ק. *) „אַרבעטער שטימע", נומ. 7 פֿון 27-טן אַפּ על 1917).

אויסגעהערט דעם באַריכט פֿונם פֿאַרשטייער פֿון בונד און עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פֿון ראַט פֿון אַרבעטער־און סאָלדאַטן־דעפּוטאַטן וועגן דער פּאָזיציע בענוגייע צו דער „פֿרייהייט־האַלוואָע", האָט דער צ. ק. איינגעזען, אַז די האַלוואָע דאַרף געשטיצט ווערן. אין דערזעלבער צייט דאַרף אַרויסגעשטעלט ווערן אַ פֿאָדערונג, אַז די דערווייליקע רעגירונג זאָל אָנערקענען דעם קאָנטראָל פֿון אַרבעטער־און סאָלדאַטן־ראַט איבער דעם מעלוכע־ביודזשעט און אַז די שטייערןסיסטעם זאָל ראַדיקאַל אומגעביטן ווערן לעטויווע דער דעמאָקראַטיע.

21. פֿאַר סטאָקהאָלם, קעגן צימערוואַלד.

(רעזאָלוציע פֿון צ. ק. פֿון בונד. „אַרבעטער־שטימע". נום 19 פֿון 8-טן יוני 1917).

...באַשטעטיקנדיק דעם באַשלוס פֿון דער ביוראָ פֿון צ.ק. צו נעמען אָן אָנטייל אין דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער קאָנפֿערענץ אין סטאָקהאָלם[11]) וועלכע ווערט צונויפֿגערופֿן פֿון אַרבעטער־און סאָלדאַטן־ראַט, און אין דער צימערוואַלדער קאָנפֿערענץ, וועלכע ווערט צונויפֿגערופֿן פֿון דער בערנער אינטערנאַציאָנאַלער קאָמיסיע[12]) באַטראַכטנדיק די לעצטע, ווי אַ צוגרייטונגס־קאָנפֿערענץ צו דער סטאָקהאָלמער, — האַלט דער צענטראַל־קאָמיטעט פֿון „בונד", אַז זיינע פֿאַרטרעטער דאַרפֿן אויף דער צימערוואַלדער קאָנפֿערענץ שטרעבן צו דערגרייכן אַ פּשאָרע צווישן די פֿאַרשיידענע טיילן פֿון צימערוואַלד, קעדיי אויסצואַרבעטן אַ געמיינזאַמע טאַקטיק אויף דער סטאָקהאָלמער קאָנפֿערענץ.

*) פֿאָרגעקומען דעם 8—16-טן אַפּרעל אין פּעטראָגראַד.

דער צענטראַל-קאָמיטעט פון „בונד" האַלט, אַז די באַשלוסן, וועלכע וועלן אָנגענומען ווערן אויף דער צימערוואַלדער קאָנפערענץ קעגן די שטימען פון זיינע פאַרטרעטער, זיינען פאַר אים ניט אָבליגאַטאָריש.

22. די ערשטע אַרויסטרעטונג פון די בונדיסטן-אינטערנאַציאָנאַליסטן.

(ר. אבראמאָוויטש: „ראָבערט גרים". 13). „ארבעטער-שטימע", נומ. 21 פון 15-טן יוני 1917).

„ראָבערט גרים — דער דייטשישער אַגענט! ראָבערט גרים, דער אַנטפּלעקטער שפּיאָן! ראָבערט גרים — דער פּראָוואָקאַטאָר!" אַזוי שרייען אין אַלע לעשוינעס די קאַפּיטאַליסטישע צייטונגען פון דער גאַנצער „אַנטאַנטע"! אַנדערע לעזער ווייסן שוין, אַז דאָס איז אַ שענדלעכער ליגן, אַ מיעסער בילבל, אַז די דאָזיקע צייטונגען האָבן קיין שום גרונט ניט צו באַשולדיקן גרימען אין אומערלעכקייט. אָבער צו וואָס דאַרפן די קאַפּיטאַליסטישע קריגס-העצער האָבן באַווייזן און ראַיעס? גרים איז אַן אינטערנאַציאָנאַליסט, אַ רעוואָלוציאָנער, אַ סאָציאַליסט, וואָס רופט מאַכן אַ סאָף צו דער מענטשן-שלאַכטעריי — דאָס איז גענוג!

אָבער די רוסישע רעגירונג האָט גרימען אַרויסגעשיקט פון רוסלאַנד! און די סאָציאַליסטישע מיניסטאָרן האָבן דערצו זייער הסכּם געגעבן. מיסטאָמע איז דאָך די מאַיסע מיט גרימען דאָך ניט גאָר גלאַט? — וועט פרעגן אַ לעזער.

אָט דאָ הויבט זיך אָן די גרעסטע מיספאַרשטענדעניש, דער גרעסטער טראַגישער פלאָנטער פון דער גאַנצער מאַיסע גרים!

... צערעטעלי און סקאָבעלעוו זיינען ניט געווען באַפרידיקט מיט גרימען, אַלס אַ סאָציאַליסט. זיי האָט זיך געדוכט, אַז אַ „צימערוואַלדיסט" דאַרף ריידן אין אַן אַנדער טאָן, מיט שאַרפערע ווערטער, אָבער זיי האָבן פאַרגעסן, אַז זיי זיצן ניט אויף אַ פּאַרטיי-דיסקוסיע, אַז זיי ריידן ניט אַלס פּאַרטיי-מיטגלידער, אַז די וועלט פאַרלאַנגט פון זיי אַן ענטפער ניט... וועגן גרימס סאָציאַליסטישע מאַילעס, נאָר: צי גרים איז אַ דייטשישער אַגענט; דעריבער איז זייער ענטפער סויסער זייער מיין: געמיינט האָבן זיי (אַלס סאָציאַליסטן), אַז גרים איז אַ ניט-לאָגישער סאָציאַליסט, און געזאָגט האָבן זיי (אַלס מיניסטאָרן), אַז גרים איז אַ „פאַראַזריטעלנער" מענטש! און דעריבער האָט זיך באַשאַפן אַ פלאָנטער: איז גרים אַן ערלעכער מענטש, נאָר אַ שלעכטער סאָציאַליסט, איז פאַרוואָס קומט אים אַרויסשיקונג? ווערן דען אַלע שלעכטע סאָציאַליסטן אַרויסגעשיקט פון רוסלאַנד?

איז ער אָבער אַן אומערלעכער מענטש, איז דאָ אַ כשאַד, אַז ער איז אַ נערונגענער אַגענט פון דייטשלאַנד, פאַרוואָס אַרעסטירט מען אים ניט און מע מישפּעט אים ניט?

ניט שוין זשע וועט אויך דאָס פרייע רוסלאַנד צולאָזן, אַז מע זאָל מענטשן אַרעסטירן און אַרויסשיקן אָן מישפּעט און אָן אונטערזוכונג, גאָר ווי אין ניקאָלאַיס צייטן?

דאָס איז די פאָרמעלע, די ריין געזעצלעכע זייט פון מאיסע־גרים. אָבער די־דאָזיקע פראַגע האָט אויך א פאָליטישע זייט.

ס'זיינען געווען אין רוסלאַנד, זינט דער רעוואָלוציע, גענוג אויסלענדישע סאָציאַליסטן, שעלוכים פון אונזערע קאַפּיטאַליסטישע רעגירונגען! זיי האָבן גערופן אונזער ארבעטער־קלאַס צו פירן ווייטער די מילכאָמע, צו פאַרייניקן זיך מיט אונזער בורזשואַזיע, צוליב דער הייליקער מילכאָמע קעגן דעם „דייטשישן מיליטאַריזם“ (אָבער נאָר דעם דייטשישן, אַלע אַנדערע זאָלן דאָפקע בלייבן!). ס'איז גאָר קיין סאָפעק ניט, אז די־דאָזיקע סאָציאַליסטן זיינען געווען שלעכטע סאָציאַליסטן, געהאָרכזאַמע דינער פון זייערע קאַפּיטאַליסטישע קלאַסן. זיי האָבן אָבער געאַרבעט פראַנק און פריי! ווי באַלד ס'איז אָבער געקומען דער ערשטער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסט, וואָס האָט גערופן צו קעמפן קעגן אַלע אימפּעריאַליסטן, קעגן אַלע מילכאָמע־העצער, האָט זיך אָנגעהויבן א שרעקלעכער טומל אין אַלע צייטונגען פון רוסלאַנד, ענגלאַנד, פראַנקרייך און איטאַליע. אַלע מעגלעכע ליגנס און רעכילעס האָבן זיך געשאָטן אף גרימען און זיינע פריינט, נאָך איידער ס'איז באַקאַנט געוואָרן האָפמאַנס טעלעגראַמע *). דאָס איז אַן אַלטער מיטל פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּרעסע אין אַלע לענדער. ווען אונזערע איטאַליענישע כאַווירים, וואָס האָבן געקעמפט דערפאַר, אז איטאַליע זאָל בלייבן נייטראַל, האָט מען געשריען, אז זיי זיינען געקויפטע אַגענטן פון עסטרייך. אונזערע רומענישע פריינט, וואָס האָבן געוואָלט האַטעווען רומעניע פונם שרעקלעכן אומגליק, אין וועלכן ס'האָבן זי אריינגעצויגן די מילכאָמע־העצער, זיינען דערקלערט געוואָרן אַלס דייטשישע פּראָוואָקאַטאָרן, און ארעסטירט געוואָרן (ראַקאָווסקי). בעשאַס ליבקנעכט האָט דערהויבן זיין מוטיקן פּראָטעסט קעגן דעם דייטשישן אימפּעריאַליזם, האָבן די דייטשישע צייטונגען געשריבן, אז ליבקנעכט איז א „פאַרעטער“ און א פראַנצויזישער „אַגענט“!

הערט זיך איצט צו צו דעם „יובל־געשריי“, צו דער „סימכע“ פון אונזערע קאַפּיטאַליסטישע צייטונגען, און איר וועט פאַרשטיין, וועמען אונזערע כאַווירים־מיניסטאָרן האָבן געטאָן א טויווע, ארויסשיקנדיק גרימען! דאָס איז געווען א יאַנטעוו פאַר די מילכאָמע־וועלף פון אַלע לענדער און א שווערער קלאַפּ פאַר די אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַל־דעמאָקראַטן פון אַלע פעלקער!

23. דער בונד און די באָלשעוויקעס וועגן און אף דער יוני־דעמאָנסטראַציע

(פון ניט פאַרעפנטלעכטע זכרוינות).

דער 18־טער יוני ...

אף אָט דעם טאָג האָט דער פּעטערבורגער ראַט באַשטימט אין גאַנץ רוסלאַנד דעמאָנסטראַציעס צו באַווייזן די איינהייט פון דער רעוואָלוציאָנערער דעמאָקראַטיע. דער קיִעווער ראַט האָט מיט צוויי טעג פריער באַטראַכט די פראַגע וועגן אָט דער דעמאָנסטראַציע. די זיצונג איז געווען א שטורמישע און האָט זיך

*) זע באַמערקונג 13.

פארצויגן ביז שפעט אין דער נאכט. דער קיעווער ראט איז געווען א פארייניק־טער פון ארבעטער און סאָלדאטן. די ארבעטער־קוריע איז שוין דאן געווען קי־מאט אינגאנצן באָלשעוויסטיש. די סאָלדאטן, פאריקערט, מענשעוויסטיש (מענ־שעוויקעס און עסערן).

די דעבאטן זיינען געשטעלט געוואָרן אין דער גאנצער ברייט: וועגן די צילן פון דער רעוואָלוציע, וועגן איר פארנעם. פאָרטרעגער פון דער מערהייט פון ראט איז געווען דער פירער פון די בונדיסטן. פ י א ט א ק אָ ו, דער קינפּטיקער פאָרזיצער פון דער צווייטער אוקראינישער ראטן־רעגירונג, — דער פאָרטרעגער פון די באָלשעוויקעס. דער בונדיסט האָט אנטוויקלט די גאנצע מענ־שעוויסטישע קאָנצעפּציע פון דער בורזשואזדעמאָקראטישער רעוואָלוציע, פון וועלכער „מיר טאָרן ניט, מיר קאָנען ניט ארויסשפּרינגען". די בורזשואזיע איז א „לעבעדיקע קראפט" — מוז מען גיין מיט איר, קאָלזומאן עם לאָזט זיך. מע מוז פירן די מילכאָמע, קעדיי צו באקומען דעם שאָלעם, וואָס ס'איז דער ציל פון דער רעוואָלוציע.

פ י א ט א ק אָ ו האָט ארויסגעמידן די טעאָרעטישע זייט פון דער פראגע, ער האָט אבער גאנץ צוטרעפלעך געשלאָגן אין די פּאָליטישע קאָנסעקווענצן פון דער מענשעוויסטישער טאקטיק — זיין פּאָזיציע איז געווען איינפאכער און רעוואָ־לוציאָנערער.

בעאיים די דעבאטן זיינען פאָרגעקומען אונטערהאנדלונגען. די בונדיסטן און מענשעוויקעס האָבן פאָרגעלייגט צו געפינען א פּשאָרע, נ אָ ר ג י י ן צ ו ז א־מ ע ן א י ן ד ע ר ד ע מ אָ נ ס ט ר א צ י ע. די בונדיסטן זיינען געווען מאס־קים אראָפּצונעמען דעם לאָזונג: „עס לעבט די צייטווייליקע רעגירונג", אויב זיי וועלן ניט ארויסטרעטן מיטן לאָזונג „די גאנצע מאכט די ראטן". די בונדיסטן האָבן פאָרגעלייגט א געמיינזאמען לאָזונג: „לעבן זאָלן די ארבעטער, לעבן זאָל די איינהייט פון דער רעוואָלוציאָנערער דעמאָקראטיע און דער סאָלדאטן־מאסע". די באָלשעוויקעס האָבן דערויף ניט איינגעשטימט. זיי האָבן פאָרגעשלאָגן דעם ראט זייערע לאָזונגען, וועלכע זיינען געווען דורך אים אָפּגעוואָרפן. די בונ־דיסטן און מענשעוויקעס האָבן דאן באשלאָסן זיין קאָנסעקווענט און אויסגע־האלטן. „ניט אראָפּלאָזן אונזער פאָן". זיי האָבן באשלאָסן צו דעמאָנסטרירן אונטערן לאָזונג: „עס לעבט די צייטווייליקע רעגירונג". ס'איז שוין דאן געווען קלאָר, אז מאָרגן אין גאס וועט דעמאָנסטרירט ווערן דער בירגער־קריג צווישן די הערשנדע פארטייען און די באָלשעוויקעס...

און אזוי איז געווען...

די באָלשעוויקעס האָבן באשטימט איינציקע זאמלפּונקטן, וואו ס'האָבן זיך קאָנצענטרירט פיל־פיל ארבעטער. זיי האָבן שוין דאן געהאט אף זייער זייט איינציקע טעכנישע מיליטער־טיילן און האָבן באקומען אין זייער רעשוס מאסע־אווטאָמאָבילן. זייער דעמאָנסטראציע איז געווען עפּשער א דריטל פון דער אלגעמיינער. ארויס איז זי שפּעטער, בעאיים די אלגעמיינע האָט שוין געהאלטן באם ענדיקן זיך. דער מארשרוט זייערער איז געווען צום פּעטשערסק, צ ו ם א ר ס ע נ א ל, וועלכער איז געווען זייער פעסטונג און וועלכער האָט זיך שפּע־

טער, אין די אָקטיאַבער-טעג, אַזוי העלדנמוטיק געשלאָגן פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון די באָלשעוויסטישע לאָזונגען ...

דער בונדישער צוג האָט זיך געטראָפן מיטן באָלשעוויסטישן... די בונדיסטן זיינען געשטאַנען פאַרן פאַנאַנדערגיין זיך אויפן פּלאַץ נעבן „קייסערלעכן גאָרטן", וואו עס האָט זיך געפונען דער בונדישער קלוב, און האָבן אָפּגעהאַלטן אַ מיטינג. פון קרעשטשאַטשיק האָט זיך געלאָזן גיין דער באָלשעוויסטישער צוג:

מיט וואָס פאַר אַן אימפּעט!..

אַרומגערינגלט מיט אַן אייגענער „לעבעדיקער קייט" — די אייגענע מיליציע, זיינען זיי געגאַנגען מיט זייערע אויסגעשרייען. און אין גאַס זיינען געשטאַנען, נאָך זיי נאָכגעלאָפן פאַרשיידענע עלעמענטן, וואָס האָבן געשריען: „דייטשישע אַגענטן" א. א. וו. די באָלשעוויקעס האָבן רעאַגירט און ס'האָט זיך געדוכט, אַז באַלד קומט צו אַ צוזאַמענשטויס...

די בונדיסטן זיינען געשטאַנען אין אַ געפערלעכן פּונקט. אַוועקגיין האָט מען שוין ניט געטאָרט... די בונדיסטן האָבן פון פאָרנט אַוועקגעשטעלט זייער פאָן און האָבן געוואַרט.

דער פירער פון די בונדיסטן איז געגאַנגען אַנטקעגן צו דער דעמאָנסטראַציע און זיך געווענדעט צו פּיאַטאַקאָוון:

— באַרואיקט אייערע כאַווירים! זאָל ניט קומען צו קיין צוזאַמענשטויס!

— באַרואיקט איר פריער אייערע, האָט ער געוויזן אויף דער גאַס — און ער איז געווען גערעכט.

צו קיין צוזאַמענשטויס איז ניט געקומען. די באָלשעוויקעס האָבן זיך פאַרביי־געטראָגן ווי אַ שטורעם און נאָר באַגריסט זיך מיט איין... אויסגעשריי:

— נידער מיטן קליינבירגערלעכן „בונד!"

אין דעם טאָג איז דער „בונד" אין פּעטערבורג געגאַנגען אין דער אַלגעמיינער דעמאָנסטראַציע — ער און די קאַזאַקן — מיטן לאָזונג „פאַר דער צייטווייליקער רעגירונג" — און די בונדישע פאָן איז צעריסן געוואָרן דורך די אויפגערעגטע אַרבעטער.

24. דער בונד וועגן באָלשעוויזם.

(וו. קאַנטאָראָוויטש: „לעניניזם", „אַרבעטער-שטימע," נומ. 15 פון 25-טן מאַי 1917).

די רוסישע רעוואָלוציע האָט פון אָנהויב געקרענקט אויף אַ מיעסער קרענק. דער נאָמען פון דערהאַזיקער קרענק איז — לעניניזם. אָפיציעל האַלט מען דעם לעניניזם פאַר אַ ריכטונג אין דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע. דער אָרגאַן פון לענינען, „פּראַוודאַ", רופט זיך אַפילו אַן אָרגאַן פון דעם צענטראַלן קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי.

אין דער עמעסן ווערט דער טהאָם צווישן דעם לעניניזם און דער עמעסער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע מיט יעדן טאָג אַלץ טיפער און טיפער. ניט אומזיסט האָט לענין, קומענדיק צו פאָרן אין רוסלאַנד, פאָרגעלייגט „פאַנאַנדערלאָזן" די סאָ

ציאַל-דעמאָקראַטישע פּאַרטיי און שאַפֿן אַ נײַע קאָמוניסטישע פּאַרטיי, וועלכע דאַרף אַוועקוואַרפֿן די אַלטע פּאַרטיי פֿון קלאַסנקאַמף און די אָנשויאונגען פֿון מאַרקסיזם. אַזאַ פּאַרטיי האָט זיך ניט געגרינדעט. די לענינצעס אָבער זײַנען פֿון דעמאָלט אָן אַריין אין דער געשיכטע פֿון דער רעוואָלוציע ניט ווי סאָציאַליסטן, נאָר ווי קאָמוניסטן.

וואָס טיילט אונז אָפּ פֿון די לענינצעס? ניט נאָר דער אונטערשייד אין דער טאַקטיק. אַסאַך וויכטיקער פֿון דעם איז דער אונטערשייד אין דעם קוק אויף דער רעוואָלוציע און אויף די אויפֿגאַבן פֿון דעם אַרבעטער-קלאַס. די לענינצעס פֿאַרזיכערן אונז, אַז די רעוואָלוציע דאַרף זיך ענדיקן מיט דעם טריאומף פֿונעם פּראָלעטאַריאַט; זיי רופֿן דעם אַרבעטער־קלאַס פֿאַרכאַפּן די מאַכט; זיי רייִדן וועגן סאָציאַליזם, ווי וועגן דער פּראָגראַם פֿון דעם הײַנטיקן טאָג.

אומזיניקע, בלינדע פּאָליטיקער, זעען זיי ניט, אַז רוסלאַנד טרעט נאָך ערשט אַרויף אויפֿן וועג פֿון ברייטער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג, אַז דער קאַפּיטאַליזם דאַרף נאָך איבערמאָלן די אָפּגעשטאַנענע, צעשטויבטע פֿאָרמען פֿון דער קליין־פּראָדוקציע; אַז ווען דער פּראָלעטאַריאַט וועט איצט פֿאַרכאַפּן די מאַכט, וועט ער פֿון זיך אָפּשטויסן אַלע איבעריקע געזעלשאַפֿטלעכע קלאַסן, ער וועט זיי קענען זיך באַוואָפֿענען און וועט אונטערגיין אין דעם ניט גלײַכן קאַמף.

אפֿילע די פֿאַרייניקונג מיטן פּויערטום, וועלכע איז איצט זייער פֿעסט, וועט ניט לאַנג דויערן, ווייל די וועגן פֿון דער אַרבעטער־דעמאָקראַטיע און דער פּויערשער דעמאָקראַטיע וועלן זיך אײַניקן פֿאַנאַנדערגיין.

אָט פֿאַרוואָס די „לענינצעס“ זײַנען סאָנים פֿון דער רעוואָלוציע. די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע דאַרף אָנשטרענגען אַלע אירע קוחעס, איר גאַנצע אידייִשע און אָרגאַניזאַציאָנס־ווירקונג, קעדיי אויפֿצודעקן די פֿאַלשע און געפֿערלעכע פּאָליטיק פֿון דעם לענינייזם און וואָרענען דעם פּראָלעטאַריאַט, ער זאָל זיך ניט לאָזן פֿאַרפֿירן פֿון דער רעוואָלוציאָנערער פֿראַזע, אין וועלכער עס שטעקט אַ רעאַקציאָנערער אינהאַלט.

די לענינצעס זײַנען סאָנים פֿון דער רעוואָלוציע!...

דאָס מוז איינמאָל פֿאַר אַלעמאָל פֿעסטגעשטעלט ווערן. זייער גאַנצע טאַקטיק איז געווענדעט דערויף, די רעוואָלוציע צו צושטערן. דער ערפֿאָלג פֿון דעם לענינייזם דערנענטערט דעם ערפֿאָלג פֿון דער קאָנטר־רעוואָלוציע.

... אין דעם מאָמענט פֿון גרעסטער סאַקאָנע, ווען די עקזיסטענץ פֿון דער רעוואָלוציע שטייט אין קאָן, ווען פֿון אַלע עקן רוסלאַנד קריכן שוין עקלהאַפֿטע שאָטנס פֿון דער רעאַקציע, ווען בלוטיקע פּאָגראָמען הויבן אָן באַפֿלעקן אונזער רעוואָלוציע, — דערלאַנגען די לענינצעס אַ קלאַפּ נאָך אַ קלאַפּ דער פֿרייהייט, דער דעמאָקראַטיע און דער רעוואָלוציע.

25. די „ארבעטער-שטימע“ וועגן דער יולי-ארויסטרעטונג [14].

(ד. זאַסלאַווסקי: „די קאָנטר-רעוואָלוציע“. „ארבעטער-שטימע“ 1917, נומ. 28).

א פּאַניק האָט דאָס געהאַט, ווי אין די ערשטע טעג פון דער רעוואָלוציע. אויטאָמאָבילן, וואָס טראָגן זיך מיט א ווילדן אימפּעט איבער די גאַסן; אינע־ווייניק זיצן סאָלדאַטן מיט ביקסן; מע שיסט אין דער וועלט־אריין; אויף די גאַסן איז א פּאַניק; ס'פּלאַצן שויבן; מענטשן ליגן טויטע... פון אויסווייניק — פונקט ווי יעמאָלט; און פונדעסטוועגן — וואָס פאַר א מוירעדיקער אונטער־שייד! יעמאָלט זיינען סאָלדאַטן געגאַנגען איינעמען דעם אלטן רעזשים, און געשאָסן האָבן אויף זיי גאָראָדאָוויעס, און קאָרבאָנעס זיינען געפאַלן דורך דער האַנט פון דעם מיליטער, וואָס איז געבליבן געטריי דעם צאַר. דאָס זיינען געווען קאָרבאָנעס פאַר פרייהייט, פאַר דער רעוואָלוציע.

...און איצטער... מע האָט ניט געוואוסט, צוליב וואָס און צוליב וועמען עס פליען די אויטאָמאָבילן. מע האָט געקוקט אויף זיי מיט שרעק און מיט סינע. גע־שאָסן האָט מען אויף אומבאוואָפנטע מענטשן. דער אויפשטאַנד האָט ניט געהאַט ניט קיין ציל און ניט קיין זינען. „דאָס איז געווען א מאַניפעסטאַציע, און זי האָט דערהגרייכט איר ציל“, אזוי האָט דערנאָך געשריבן די „פּראַוודאַ“. נאָר א מאַניפעסטאַציע, וואָס ברענגט צו טייכן בלוט, וואָס טוט זיך א לאָז צו די מי־ניסטעריומס, קעדיי צו ארעסטירן די מיניסטאָרן *) — דאָס איז שוין ניט קיין מאַניפעסטאַציע, נאָר אן אויפשטאַנד. און בעאייס מע גייט מיט אזא אויפשטאַנד קעגן קערענסקין, קעגן צערעטעלין, קעגן טשערנאָוון, בעשאַס דער האַמוין סטראַ־שעט זיי מיט קלעפּ און מיט טורמע — יעמאָלט איז דאָס אן אויפשטאַנד קעגן דער דעמאָקראַטיע, אן אויפשטאַנד קעגן די ארבעטער־ראַטן. מיר האָבן זיך געריכט אויף א קאָנטער־רעוואָלוציע פון רעכטס, געקומען איז זי פון לינקס. אויף די פאַנען זיינען געווען די ווערטער: „די גאַנצע מאַכט מוז אריבער צו די ארבעטער־און סאָלדאַטן־ראַטן“. נאָר דער גאַנצער מיין איז געווען, אז די ראַטן זאָלן זיך אונטערהוואַרפן דער באוואָפנטער מאַכט פון די באָלשעוויקעס און אנאַרכיסטן. מיט קוילנוואַרפער האָט מען זיך געוואָלט דערשלאָגן אזוינס, וואָס מע האָט ניט געקאָנט דערהגרייכן דורך אן אָפּשטימונג אויפן צוזאַמענפאָר.

...דערהאָזיקער יולי־אויפשטאַנד איז א טראַגעדיע פון דעם טייל ארבעטער־קלאַס, וואָס לעבט מיט פאַרבלענדענישן, וואָס לעבט מיטן גלויבן, אז דער סאָ־ציאַליזם קאָן די מינוט פאַרווירקלעכט ווערן. נאָר אין דערזעלביקער צייט איז דאָס אויך געווען א פאַרברעך פון די פירער, פון די גדוילים פון לעניניזם און אנאַרכיזם, וואָס האָבן זיך פאַרייניקט אין זייער פאַרשווערונג קעגן דער רע־וואָלוציע...

*) ס'ווערט געמיינט דער פּרואוו צו ארעסטירן דעם ערד-מיניסטער טשערנאָוון (ס.-ר.), וואָס ס'האָבן אומבאוואוסטע פּערזאָנען, גיכער ווי אלץ פּראָוואָקאַטאָרן, געמאַכט בעאייס דער יולי-ארויסטרעטונג; טשערנאָוו איז באַלד באַפרייט געוואָרן, ל׳ויט דער פאָדערונג פון די באָלשעוויקעס.

26. לינקע בונדיסטן פראָטעסטירן קעגן די רעדיפעס אַף די באָלשעוויקעס.

(רעזאָלוציע פון דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג *) פון כארקאָווער אָרגאַניזאַציע פון בונד, „פראָלעטארי" (רוס׳ש), 1917, נומ. 19).

היים פראָטעסטירנדיק קעגן דעם סיסטעמאטישן פארפאָלגן די באָלשעוויקעס, ווי פאָרשטייער פון א באשטימטער פאָליטישער ריכטונג, שיקן מיר אונזער ברידער־גרוס און מיטגעפיל די פארשפארטע אין די טפיסעס און קאזעמאטן פון פעטראגראד, וועלכע האָבן געמוזט אַנקומען צו א הונגער־שטרייק, כדיי צו פועל זיין בא דער יוסטיץ־מאכט פאָרוויין א באשולדיקונג אדער באַפרייען.

מיר פאָדערן, אז דער צענטראלער אויספיר־קאָמיטעט זאָל זיך ענערגיש אריינמישן אין דער זאך. אין דער רעגירונגס־קאמפאניע קעגן די באָלשעוויקעס זעען מיר איין א געפאר פאר דער גאנצער רעוואָלוציאָנערער דעמאָקראטיע, און דעריבער פאָדערן מיר אויף די דעמאָקראטיע פון גאנץ רוסלאנד צו פּראָטעסטירן אפן סאמע קאטעגאָרישן אויפן קעגן דעם שעדלעכן קורס פון יוסטיץ־מיניסטעריום, וואָס ארעסטירט פאָליטישע טוער, ניט פארווייזנדיק קיין באשולדיקונג, און באפרייט פראָוואָקאטאָרן און אנדערע מעשאָרסים פון אלטן רעזשים. מיר פאָדערן אויף די פולמעכטיקע אָרגאנען פון דער רעוואָלוציאָנערער דעמאָקראטיע, די סאָוועטן פון די ארבעטער, סאָלדאטן־און פויערים־דעפוטאטן, צום אנטשיידענעם קאמף קעגן דער קאָנטר־רעוואָלוציע, וואָס הויבט אויף דעם קאָפּ.

27. דער דאָרעם־קאָמיטעט פון בונד וועגן דער אוקראַינער פראגע.

(רעזאָלוציע פון דער ביוראָ פון געגנט־קאָמיטעט פון בונד פאר דאָרעם־רוסלאנד. מ. ראפעס: „צוויי יאָר רעוואלוציע אין אוקראינע". (רוסיש). מאסקווע. 1920 ז. 38).

באטראכט די פראגע וועגן דער אוקראַינער באוועגונג, אין צוזאמענהאנג מיטן פארעפנטלעכן פון „אוניווערסאל" [15], אנערקענט די ביוראָ פון געגנט־קאָמיטעט פון בונד פאר דאָרעם־רוסלאנד:

1) אז בא דער קראפט פון דער אוקראינער באוועגונג און בא די אנטפלעקטע אין איר אויטאָנאָמישע טענדענצן, וועלכע זיינען א נאטירלעכער רעזולטאט פון דעם, וואָס אין דער רעוואָלוציע זיינען ארייננעצויגן געוואָרן ברייטע פאָלקס־מאסן, איז דאָס איינפלאנצן אן אומצוטרוי צו דער רוסלענדישער רעוואָלוציאָנערער דעמאָקראטיע און צו איר העכסטן אָרגאן — דער אלרוסלענדישער ציייטווייליקער רעגירונג — וואָס ס׳אנטהאלט אין זיך דער „אוניווערסאל", שטעלט די אוקראינישע נאציאָנאלע באוועגונג אפן וועג פון צערייסן מיט דער רעוואָלוציאָנערער דעמאָקראטיע און שאפט באדינגונגען פאר דער פארשארפונג פון די אינערלעכע רייבונגען צווישן דער באפעלקערונג פון אוקראינע.

2) אז בא דער עקזיסטענץ אין אוקראינע פון אָרגאנען פון דער רעוואָלוציאָנערער דעמאָקראטיע אין געשטאלט פונם ראט פון די ארבעטער, סאָלדאטן

*) פאָרגעקומען דעם 11־טן אווגוסט 1917.

און פויערים־דעפוטאטן, קאָן די צענטראַלע אוקראַאינישע ראַדע[16]. וועלכע שטיצט זיך בלויז אַף דער אוקראַאינישער נאַציע, ניט זיין קיין אויטאָריטעטער אָרגאַן פון דער געגנט־מאַכט, און זי קאָן ווערן אַ מקור פון נאַציאָנאַלן צווישנקאַמף.

קעדיי אויסצוהיטן פון דערהאַזיקער סאַקאָנע און באַפרידיקן די געזעצלעכע וואונטשן סאַי פון דער אוקראַאינישער נאַציע, סאַי פון די איבעריקע נאַציעס, וועלכע לעבן אַף דער טעריטאָריע פון אוקראַאינע, דאַרף די ציטווייליקע רעגירונג שאַפן אַ געזעלשאַפטלעכן טעריטאָריאַלן אָרגאַן, וועלכער דאַרף זיין צונויפגעשטעלט אַף די יעסוידעס פון פאַרטרעטונג פון די אָרגאַניזירטע דעמאָקראַטישע מאַסן פון דער גאַנצער נאַציאָנאַל־פאַרשיידענער באַפעלקערונג פון קאַנט, אין דעם אויך פון דער אוקראַאינישער ראַדע. דערהאַזיקער אָרגאַן, ווי אַ פאַרטרעטער פון דער אַלרוסלענדישער ציטווייליקער רעגירונג, וועט האָבן אַלס זיין גרונט־אויפגאַבע דאָס דורכפירן אין לעבן אַף דער טעריטאָריע פון אוקראַאינע אַלע אויפגאַבן פון דער רעוואָלוציאָנערער בויאונג, וועלכע זיינען אָנגעמערקט אין דער פּראָגראַם פון דער רוסלענדישער דעמאָקראַטיע, און דאָס איינשטעלן די פאָרמען און מעטאָדן פונם אַריינפירן די אויטאָנאָמע אָרדענונג אין אוקראַאינע.

אין דידאָזיקע אינטערעסן האָט די ביוראָ פון געגנט־קאָמיטעט פון בונד פאַר דאָרעם־רוסלאַנד, באַטראַכטנדיק די מיטלען און וועגן פון דער גערעכטער באַפרידיקונג פון די נאַציאָנאַלע שטרעבונגען פון דער אוקראַאינישער און אַלע אַנדערע נאַציעס פון אוקראַאינע, אָפּגעשטעלט זיך אַף דער אידייע פון אַ טעריטאָריאַלן צוזאַמענפאָר, וועלכע ס'האָט אַרויסגערוקט די צענטראַלע אוקראַאינישע ראַדע.

אין דער פולער איבערצייגונג, אַז:

א) דערהאַזיקער צוזאַמענפאָר וועט אַנטשפּרעכן די אינטערעסן פון דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון דער רעוואָלוציע און דאָס דעמאָקראַטיזירן די מעלוכע־אָרדענונג פון רוסלאַנד;

ב) אַז דער אָנטייל אינעם דאָזיקן צוזאַמענפאָר פון דער דעמאָקראַטיע ביכלאַל און פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע בפרט וועט מיטווירקן דער מאָביליזאַציע פון דער רעוואָלוציאָנערער דעמאָקראַטיע פון אַלע נאַציעס פון אוקראַאינע אַף צו באַקעמפן די שאָוויניסטישע שטרעבונגען פון די בורזשואַזע קלאַסן.

אָנערקענט די ביוראָ פון געגנט־קאָמיטעט פון בונד פאַר דאָרעם־רוסלאַנד, אַז דאָס צונויפרופן אַ טעריטאָריאַלן צוזאַמענפאָר פון פאַרטרעטער פון דער גאַנצער באַפעלקערונג, אָן אונטערשייד פון נאַציע, וועט קאָנען ניט נאָר דורכפירן די אויסגעהאַלטענע דעמאָקראַטיזירונג פון אַלע זייטן פון לעבן פון אוקראַאינע, נאָר אויך פאַרזיכערן די טעריטאָריאַלע אויטאָנאָמיע פון אוקראַאינע מיט דער אויטאָנאָמיע פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, פאַרזיכערנדיק יעדערער פון זיי דאָס רעכט אַף נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע און די גלייכהייט מיט די איבעריקע נאַציעס אין אַלע פראַגן פון נאַציאָנאַלן און מעלוכע־לעבן.

די גאַראַנטיע פון דעם זעט די ביוראָ פון געגנט־קאָמיטעט פון בונד פאַר דאָרעם־רוסלאַנד אין די פאָלגנדיקע באַדינגונגען:

1) דער טעריטאָריאַלער צוזאַמענפאָר דאַרף צונויפגערופן ווערן אַפן יעסאָד פון אַלגעמיינעם, גלייכן, דירעקטן און געהיימען וואַלרעכט מיט פּראָפּאָרציאָנעלער פאָרשטייערשאַפט.

דער פּראָיעקט פון סטאַטוט פון דער טעריטאָריאַלער אויטאָנאָמיע פון דער געגנט מיט דער באַצייכענונג פון די נאַציאָנאַלע רעכט פון די מינדערהייטן, וואָס דער צוזאַמענפאָר וועט אויסאַרבעטן, דאַרף באַשטעטיקט ווערן דורך דער אַלרוסלענדישער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג*).

28. די 10-טע קאָנפערענץ פון בונד וועגן דער נאַציאָנאַל-קולטורעלער אויטאָנאָמיע.

(רעזאָלוציע פון דער 10-טער קאָנפ ר״נץ פון בונד. „אַרבעטער-שטימע“ 1917, נום. 3—4).

1. אין פולן הסכּם מיט דער פּראָגראַם פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע, וואָס איז אָנגענומען אַפן 6-טן צוזאַמענפאָר פון „בונד“*), רוקט די 10-טע קאָנפערענץ פון „בונד“ אַרויס, ווי אַן אַקטועלן טאָג-לאָזונג, די פאָדערונג, אַז ס׳זאָל טייקעף פאַרווירקלעכט ווערן די נאַציאָנאַל-קולטורעלע אויטאָנאָמיע פאַרן אידישן פאָלק.

2. דורך אַ ספּעציעלן געזעץ פון דער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג דאַרפן באַשאַפן ווערן עפנטלעך-רעכטלעכע איינריכטונגען — פאַר יעדן אָרט, פאַר יעדער געגנט און פאַר דער גאַנצער מעלוכע — אויסגעקליבן אַפן יעסאָד פון אַלגעמיינע, גלייכע, געהיימע און דירעקטע וואַלרעכט, אָן כילעק פון געשלעכט, וואָס דאַרפן אָרגאַניזירן און אָנפירן דאָס גאַנצע קולטור-לעבן פון דער אידישער נאַציאָן אין רוסלאַנד אַף פאָלגנדיקע יעסוידעס:

א) אַ מיטגליד פון דערדאָזיקער עפנטלעך-רעכטלעכער אָרגאַניזאַציע איז יעדער, וואָס דערקלערט זיך פאַר אַ איד לויט זיין נאַציאָנאַליטעט;

ב) אין דער קאָמפּעטענץ פון דערדאָזיקער נאַציאָנאַל-קולטורעלער אָרגאַניזאַציע גייט אַריין דאָס גאַנצע קולטור-לעבן פון דער נאַציאָן: דאָס שול-און

---

*) שפּעטער האָט ד״ר צ. ק. פון בונד אָנגענומען אַ רעזאָלוציע, וועלכע האָט פולשטענדיק באַוויליקט די פּאָזיציע פון דאָרעם-קאָמיטעט.

„זייענדיק איינ״שטימיק, — ווערט געזאָגט אין דערדאָזיקער רעזאָלוציע, — מיט דער פּאָזיציע, וואָס די ביוראָ פון דאָ״ם-קאָמיטעט פון בונד האָט פאַרנומען אין דער אוקראַיינישער פראַגע, און מיט דער אידייע וואָס די ביו״א האָט אַרויסגעשטעלט אין איר רעזאָלוציע צו בילדן געגנט-אָרגאַנען אַף די יעסוידעס פון פ״רשטייערשאַפט פון די אָרגאַניזירטע דעמאָקראַטישע מאַסן פון דער גאַנצער באַפעלקערונג פון אוקראַינע, וואָס באַשטייט פון פאַרשיידענע נאַציעס.... זאָגט זיך דער צ. ק. פון „בונד“ אַרויס פאַר ד ם. אַז די סאָציאַל-דעמאָקראַטיע זאָל זיך באַטייליקן אין דער צענטראַלער ראַדע, אין איר עקזעקוטיוו-קאָמיטעט און גענעראַל-סעקרעטאַריאַט. דאָס אַריינגיין פון דער ס.-ד. אין גענעראַל-סעקרעטאַריאַט דאַרף זיין פאַרבונדן מיט אַן אָפּמאַך וועגן דער פּלאַטפאָרם פון דער טעטיקייט און דער קאָמפּעטענץ פון גענעראַל-סעקרעטאַריאַט און וועגן דער פאָרם, אין וועלכער ס׳דאַרף באַוואָרנט ווערן די רעכט פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן. („אַרבעטער-שטימע“ נום. 30 פון 16-טן יולי 1917).

**) פאָרגעקומען אין אָקט אבר 1905.

בילדונגס־וועזן, די אנטוויקלונג פון דער ליטעראטור, פון דער קונסט, פון וויסנ־שאפטלעכע און טעכנישע קענטעניש.

ג) אלע איינריכטונגען פון דער נאציאָנאַל־קולטורעלער אָרגאַניזאַציע, צווישן זיי אויך די שולן, וואָס זי באַשאַפט, דאַרפן טראָגן דורכויס א וועלט־לעכן כאַראַקטער.

אָנמערקונג:

דער גאַנצער סכום איניאָנים, וואָס האָבן א שייכות צו אמונה און רעליגיעזע מינהאָגים, גייט ניט אריין אין רעשוס פון דער נאַציאָנאַל־קולטורעלער אווטאָנאָ־מיע. יענער טייל פון דער אידישער נאַציאָן, וואָס האָט רעליגיעזע באַדערפע־נישן, קאָן אויסבויען זיין רעליגיעזע קעהילע, ווי א פריוואַט־רעכטלעכן אינסטי־טוט, וואָס געפינט זיך אונטערן שוץ פון די אַלגעמיינע געזעצן פון דער רוסלענ־דער דעמאָקראַטישער רעפּובליק.

ד) די שפּראַך פון דער נאַציאָנאַל־קולטורעלער אָרגאַניזאַציע איז אידיש.

ה) די נאַציאָנאַל־קולטורעלע אָרגאַניזאַציע האָט רעכט צו באַקומען פון אַלגעמיינע מעלוכע־מיטלען און פון אָרטיקע מיטלען אַן אַנטשפּרעכנדיקן טייל פון ביודזשעט. זי פאַרמאָגט אין די גרענעצן פון איר קאָמפּעטענץ דאָס רעכט פון צוואַנגס־מאַכט בענוגייע צו אירע מיטגלידער און ספּעציעל דאָס רעכט אַרויפצולייגן דערגאַנצונגס־שטייערן.

אָנמערקונג: די נאַציאָנאַל־קולטורעלע אָרגאַניזאַציע באַוואָרנט מיט איר ביודזשעט דאָס רעכט פון דער מינדערהייט פון דער אָרגאַניזאַציע צו האָבן א וועלטלעכע שול אַף אַן אַנדער שפּראַך, אויסער אידיש.

29. דער בונד און דער אַלרוסלענדישער אידישער צוזאַמענפאָר.

(ר. אבראַמאָוויטש: „דער אידישער צוזאַמענפאָר". „אַרבעטער־שטימע". נומ. 34—35 פון 16-טן אווגוסט 1917).

מיר האָבן אַלעמאָל באַטראַכט די אידישע נאַציאָנאַלע אווטאָנאָמיע אַלס א מעלוכע־איינריכטונג און ניט אַלס א פרייוויליקן פריוואַטן פאַריין. מיר האָבן זיך אַלעמאָל פאָרגעשטעלט, אַז די מעלוכע וועט אַרויסגעבן א געזעץ, לויט וועלכן יעדע נאַציע מוז בילדן א פאַרבאַנד, קעדיי צו פאַרוואַלטן מיט אַלע אירע קולטורעלע איניאָנים. און די מעלוכע וועט איבערגעבן דעמדאָזיקן פאַרבאַנד אַלע רעכט, וואָס א מעלוכע האָט, די גאַנצע רעגירונגס־מאַכט, אַף דעם געביט פון פאָלקס-בילדונג, זאַמלען אָפּצאָלונגען אובעדוימע.

אָבער מיר האָבן טאָמיד אויך גאַנץ גוט פאַרשטאַנען, אַז אַזאַ מין איינ־ריכטונג קאָן ניט באַשאַפן ווערן אין איין טאָג דורך אַן אוקאַז פון דער רע־גירונג. עס מוז בשאַפן ווערן צוערשט א פאַקטישע אָרגאַניזאַציע, און די מע־לוכע וועט געבן דערנאָך איר העסקעם.

אַזאַ צייט, ווען מע האָט שוין געקאָנט צוטרעטן צום בויען אַזאַ מין פאַק־טישע אָרגאַניזאַציע אַף עמעס דעמאָקראַטישע יעסוידעס, איז געקומען נאָך דער־רעוואָלוציע. דעריבער האָט טאַקע אונזער 10-טע קאָנפערענץ גאַנץ ריכטיק באַ־

שלאָסן, אַז מיר מוזן אָנהויבן פאַרווירקלעכן אין לעבן די קולטורעל־נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע נאָך פאַר דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג.

עס פאַרשטייט זיך, אַז אַזאַ מין אַרבעט קאָן געמאַכט ווערן דערהויילע נאָר פּריוואַט, ד. ה. דורך אַ פרייוויליקן אָפּמאַך צווישן אַלע באַדייטנדע פּאַרטייען און קרעפטן פונעם אידישן פאָלק, וואָס שטייען אויפן באָדן פון אויטאָנאָמיע.

אַזאַ פרייוויליקער אָפּמאַך קאָן געשלאָסן ווערן נאָר אויף אַ דעמאָקראַטיש אויסגעקליבענעם צוזאַמענפאָר פון אַלע אידן אין רוסלאַנד.

...צוליב דיזאַזיקע טאַימים איז אויך באַשלאָסן געוואָרן צו נעמען אָנטייל אין דעם אידישן צוזאַמענפאָר, וואָס האָט געזאָלט צוזאַמענגערופן ווערן נאָך פאַר דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג.

אָבער פאַרן בונד האָט דער צוזאַמענפאָר טאָמיד געהאַט נאָר איין זין: באַשאַפן אויף אים אַ פּ אַ ק ט י ש ע אָ ר ג אַ נ י ז אַ צ י ע צו פאַרווירקלעכן די אַ י ד י ש ע ק ו ל ט ו ר ע ל־נ אַ צ י אָ נ אַ ל ע אַ ו ט אָ נ אָ מ י ע.

דעריבער האָט טאַקע דער צ. ק. פונם בונד, פאַרשטייענדיק, אַז אונזערע ציאָניסטישע און נאַציאָנאַליסטישע אָטאָפּיסטן און פאַנטאַזיאָרן וועלן דורכויס וועלן אויסנוצן דעם צוזאַמענפאָר פאַר זייערע פּאַרטייאישע צוועקן, באַשלאָסן, אַז דער צוזאַמענפאָר זאָל זיין שטרענג באַגרענעצט אויסשליסלעך מיט דער אויבנדערמאָנטער פּראַקטישער פראַגע. וועלן די אַנדערע פּאַרטייען און גרופּעס מיט דעם ניט איינשטימען, וועט דאָס הייסן, אַז פון דעם צוזאַמענפאָר וועט סאַי ווי סאַי גאָרנישט ניט אַרויסקומען" און דעריבער לוינט גאָר ביכלאַל ניט נעמען אין אים קיין אָנטייל און פאַרלירן צייט און אַרבעט.

ס'איז געקומען די אידישע קאָנפערענץ [17], וואָס האָט געדאַרפט באַטראַכטן די פראַגע וועגן צוזאַמענפאָר, און דאָ האָט זיך פאַר די דעלעגאַטן פון בונד אַרויסגעוויזן, אַז די אַלטע קרייזלעשע מינהאָגים פון די אידישע „פּאַרטייען" זיינען נאָך צו שטאַרק, קעדיי זיי זאָלן זיך אָפּזאָגן פון „פּאַרטיי־דיפּלאָמאַטיע" צוליב רעאַלע פּראַקטישע אַרבעט. און עס איז קלאָר געוואָרן, אַז זיי זיינען נאָך ניט פעאיק צו באַשרענקען זיך אויף דער ניכטערער, זאַכלעכער פּראָגראַם, וואָס דער בונד שלאָגט פאָר פאַרן צוזאַמענפאָר.

...פון דער אַנדערער זייט, איז פאַר אונז אויף דער קאָנפערענץ קלאָר געוואָרן, אַז די „פּלענער" פון די ציאָניסטן געפינען ניט קיין מיטגעפיל באַ דער גרעסטער מערהייט פון אַלע שטרעמונגען, אַפילע באַ די שטאַרק נאַציאָנאַליסטישע. דער „פינפטער" פּונקט *) איז דורכגעפאַלן מיט גרויס פאַראַד.

... מיר האָבן איינגעזעען, אַז מיר האָבן ניט וואָס מוירע צו האָבן, אַז דער אידישער צוזאַמענפאָר זאָל זיך פאַרוואַנדלען אין אַ „קאָנגרעס".

... סאָפּקאָלסאָף וועט זיגן דער געזונטער פאַרשטאַנד פון דער דעמאָקראַטישער מאַסע און די הויפּט־אַרבעט וועט זיך קאָנצענטרירן אַרום דער וויכטיקסטער און איינציקער פראַגע, ווי אַזוי צו פאַרווירקלעכן די אידישע קולטורעלע אויטאָנאָמיע אין רוסלאַנד.

---

*) וועגן פּאַלעסטינע.

אָט צוליב דעם האָט די בונדישע דעלעגאַציע, קעמפנדיק קעגן אַלע פּרוּוון צו פאַרדרייען דעם עמעסן צוועק פונם צוזאַמענפאָר, סאַפּאָלסאָף דאָך באַשלאָסן, ניט קוקנדיק אַפן פּונקט 4) *) צו נעמען אַן אָנטייל אין דעם אידישן צוזאַמענפאָר.

מיר צווייפלען ניט, אַז די אָנפירנדיקע איינריכטונג פונם בונד, דער צ.ק. אָדער דער צוזאַמענפאָר, וועלן באַשטעטיקן די טאַקטיק פון די בונדישע דעלעגאַטן. זי איז געווען אויסגעהאַלטן און צו גלייכער צייט רעאַליסטיש. און מיר צווייפלען ניט, אַז אונזער וואַל־אַרבעט צום צוזאַמענפאָר און אונזער איינפלוס אַף אים גופא וועלן ברענגען דערצו, אַז ער וועט דערפילן זיין הויפּט־צוועק, וועלכן מיר האָבן פאַר אים באַשטימט אַף דער 10־טער קאָנפערענץ.

30 — 31. די וואַקלענישן פון בונד אין דער פראַגע וועגן שאַבעס־רו.

א. דער צ. ק. פון בונד פאַר אַן ענערגישן קאַמף קעגן שאַבעס־רו.

(רעזאָלוציע פון צ. ק. פון בונד, „די ארבעטער-שטימע”. נומ. 20 פון 11-טן יוני 1917).

אָנערקענענדיק, אַז אין רוסלאַנד, אַלס אין אַ נאַציאָנאַליטעטן־מעלוכע, האָפן די געזעצן, סײַ די אַלגעמיינע, סײַ די אָרטיקע, פולקום באַוואָרענען די געוויסנס־פרייהייט אין דער פראַגע וועגן יאָנטעוו־רו, און באַזונדערס באַוואָרענען דעם אידישן פּראָלעטאַריאַט דאָס רעכט צו רוען שאַבעס, אָנערקענענדיק ווייטער, אַז דער פּראָצעס פון דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג אין לאַנד פירט מיט אַן אָביעקטיווער נויטווענדיקייט צו דעם, אַז עס זאָל איינגעפירט ווערן אַן איינהייטלעכער רו־טאָג; אַז דאָס רוען שאַבעס פאַרשווערט שטאַרק דאָס אָנטייל־נעמען פון אידישן פּראָלעטאַריאַט איןווירטשאַפטלעכן לעבן פון לאַנד און שוואַכט דורך דעם אָפּ זיין קלאַסן־פּאָזיציע, —

פירט דער צ. ק. פון בונד, בלייבנדיק אַפן באָדן פון דער רעזאָלוציע פון דער אַכטער קאָנפערענץ **), צווישן דעם אידישן פּראָלעטאַריאַט אַן ענערגישן קאַמף קעגן שאַבעס־רו אין די אַלע פאַלן, ווען דאָס פאַרשווערט דעם אָנטייל פון די אידישע אַרבעטער אין פּראָדוקציאָנס-און אומבייטס-פּראָצעס ***).

---

*) וועגן דער רעכטלעכער לאַגע פון די אידן אין אנדערע לענדער.

**) פאָרגעקומען אין 1910.

***) ווי נאָר דידאָזיקע רעזאָלוציע איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן, האָבן אַלע קעגנער פון בונד, סײַ פון בורזשואַז-קלעריקאַלן לאַגער, סײַ פון די ציאָניסטיש-סאָציאַליסטישע גרופּירונגען, ברייט זי אויסגענוצט אַף צו באַקעמפן דעם בונד. אַ ריי אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס פון בונד האָבן זיך פאַרלוירן, ניט קאָנענדיק בײַשטיין די אָנפאַלן פון די קעגנער, און גענומען פאָדערן, דער צ. ק. זאָל זיין באַשטימונג „דערקלערן”. אַלס ענטפער אַף דידאָזיקע פאָדערונגען און פּראָטעסטן פון די ערטער קעגן דער רעזאָלוציע, האָט דער בונדישער צענטראַל אָרגאַן פאַרעפנטלעכט אַ „דערקלערונג”, וועלכע אַנולירט פאַקטיש די באַשטימונג פון צ. ק. (זע דעם פאָלגנדיקן דאָקומענט).

ב. די „אַרבעטער-שטימע" פאַרענטפערט זיך אַ „דערקלערט".

(„אַן ערקלערונג". „די אַרבעטער-שטימע" נומ. 29 פון 13-טן יולי 1917).

אין אונזער רעדאַקציע קומען אָן יעדיעס, אַז אונזערע קעגנער נוצן אויס אַפּן שענדלעכסטן אויפן די לעצטע רעזאָלוציע פון אונזער צ. ק. וועגן שאַבעס־רו. מע טייטשט זי אויס, אַז דער בונד זאָגט זיך אָפּ צו קעמפן פאַר דאָס רעכט אַף שאַבעס. מע טאַנעט, אַז דער „בונד" וויל פאַרניכטן שאַבעס, צווינגען אַלע אידן פייערן זונטיק א.א.וו. און מע פאַרהילכט די וועלט מיט צוויעסדיקע אויסגעשרייען וועגן דער גרויסער סאַקאָנע מיצאַד דעם בונד.

מיר געפינען פאַר נויטיק צו דערקלערן, אַז די אַלע פּיירושים צו דער רעזאָלוציע פון צ. ק. האָבן אין זיך ניט קיין סימען פון עמעס. די געוויסנלאָזע רעכילעס־טרייבער באַנוצן נאָר איין זאַך — וואָס מיר האָבן דאָרט נאָר דערמאָנט די רעזאָלוציע פון דער 8־טער קאָנפערענץ, אָבער ניט איבערגעדרוקט זי.

אין דער רעזאָלוציע פון דער קאָנפערענץ זאָגט זיך קלאָר:

„איינגאַנצן אונטערשטיצנדיק די אַלגעמיינע פאָדערונגען אין דער פראַגע וועגן נאָרמאַלער רו, וואָס די סאָצ. דעמ. פראַקציע האָט אַרויסגעשטעלט, האַלט די קאָנפערענץ פאַר אומבאַדינגט נויטיק אַזאַ לייזונג פון דער פראַגע וועגן רו־טאָג, וועלכע זאָל באַפרידיקן די פּראַקטישע באַדערפעניש פון דעם... פּראָלעטאַריאַט, און זעט אַזאַ לייזונג אין איינשטעלן דורכן געזעץ דריי טעג פון וועכנטלעכער רו: זונטיק, פרייטיק, שאַבעס, און אָפּן געזעצלעכן אויפן גאַראַנטירן דעם אידישן פּראָלעטאַריאַט צו פייערן שאַבעס, באַזייטיקנדיק דעם צוואַנג צו פייערן אויך אַן אַנדער טאָג".

און דער צ. ק. באַשטעטיקט, אַז ער שטייט ווי פריער איינגאַנצן אַף דעם באָדן פון דערדאָזיקער רעזאָלוציע.

האַנדלט זיך וועגן געזעץ, שטייט די פראַגע אין פּאַרלאַמענט, אין די אָרגאַנען פון דער אָרטיקער זעלבסטפאַרוואַלטונג, פאַרטיידיקט דער בונד דאָס רעכט פון די אידישע אַרבעטער און האַנדלס־אָנגעשטעלטע צו פייערן שאַבעס. דאָסדאָזיקע רעכט פאַרטיידיקט ער און וועט פאַרטיידיקן מיט דער גאַנצער ענערגיע. פון דער פאָדערונג וועט ער זיך בעשום אויפן ניט אָפּזאָגן, און קעגן אַ געזעץ, וואָס וועט צווינגען די מאַסן פון דער אידישער באַפעלקערונג צו אַרבעטן שאַבעס און צו רוען זונטיק, אָדער אַפילע צו רוען צוויי טעג אין וואָך, וועט דער בונד פירן דעם שאַרפסטן קאַמף.

צי געפינט זיך דאָס אין אַ ווידערשפּרוך מיט דעם צווייטן טייל פון דעם צ.ק.־ס רעזאָלוציע, וואו ס'רעדט זיך וועגן קאַמף אָדער, ריכטיקער געזאָגט, וועגן אַגיטאַציע, וועלכע מע דאַרף אין געוויסע פאַלן פירן צווישן אידישע אַרבעטער?

אַף אַ האָר אויך ניט. פאַרן געזעץ פאַרטיידיקן מיר דאָס רעכט אַף שאַבעס. אָבער אין יענע פאַלן, וואו דער אידישער אַרבעטער קאָן בעשום אופן ניט פייערן שאַבעס, וואו ס'האַנדלט זיך ניט וועגן צוואַנג מיצאַד דער מעלוכע, נאָר וועגן צוואַנג פונם לעבן אַליין, דעמאָלט איז דער כוויו פון דער פּאַרטיי, וואָס פירט אָן מיטן אַרבעטער־קלאַס, וואָס ווייזט אים דעם ריכטיקן וועג, דעמאָלט איז איר כוויו צו זאָגן די אַרבעטער, אַז זיי דאַרפן זעען צופּאַסן זיך צו די פאָדערונגען פון לעבן און ניט אָפּזאָגן זיך פון אַרבעטן אַף פאַבריקן און אַוואָרן, אויב עס ווייזט זיך אַרויס, אַז מע קאָן דאָרט קיין שאַבעס־רו ניט איינפירן.

אויב דאָ איז פאַראַן אַ ווידערשפרוך, איז דאָס אַ ווידערשפרוך ניט אין אונזער פּאָזיציע, נאָר אין לעבן אַליין. פּאַקטיש פאַרמאַכט ניט קיין איינציקער פון אונזערע קעגנער די אויגן אַף דעמהאָזיקן ווידערשפרוך און אַלע זייערע קוילעס וועגן דער רעוואָלוציע פון צ. ק. זיינען לויטער צוויַעס און אומפאַרשעמטע דעכילעס.

32. די פאַראייניקונג פון „ס. ס." מיט „י. ס."

(אָפיציעלע מיטײלונג. „דער אידישער פּראָלעטאַריער", קיעוו. 1917, נומ. 1—2).

דער פּראָצעס פון רעוואָלוציאָנערן איבערבויען דאָס אַלגעמיינע רוסלענדישע און אידישע לעבן האָט באַזונדער שאַרף אַוועקגעשטעלט פאַרן רוסלענדישן פּראָלעטאַריאַט בכלל און אידישן בפּראַט די אויפגאַבע צו פאַראייניקן יענע זיינע פּאָליטישע פּאַרטייען, וואָס, שטעלנדיק זיך איינעם און דעמזעלביקן ענדציל, שטייען זיי אויך נאָענט אין זייער פּראָגראַם און טאַקטיק. פון די אידיש־פּראָלעטאַרישע פּאַרטייען האָבן זיך די אידישע סאָציאַליסטיש־טעריטאָריאַליסטישע אַרבעטער־פּאַרטיי און די אידישע סאָציאַליסטישע אַרבעטער־פּאַרטיי אַמערסטן דערנעענטערט איינע צו דער אַנדערער. אָנערקענענדיק די איינהייטלעכקייט פונם אידישן אַרבעטער־קלאַס, ווי אַן אָרגאַנישן טייל פון דער עקסטעריטאָריאַלער אידישער נאַציע און פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט, האָבן ביידע פּאַרטייען אין זייער סאָציאַליסטישן קאַמף געשטרעבט צו איינעם און דעמזעלביקן נאַציאָנאַלן ציל, אָבער מיט פאַרשיידענע וועגן. די ס. ס. האָבן געווענדעט זייער אויפמערקזאַמקייט אַף דעם אָביעקטיוון סינטעז צווישן די אידישע וואַנדערונגס־פּראָבלעמען און דעם טעריטאָריאַליזם, אַלס דעם ענדציל פון דער אידישער נאַציאָנאַלער באַוועגונג... די י. ס. האָבן פאַרטיידיקט אַן אַנדער שיטע, אַז דער וועג צום טעריטאָריאַליזם ליגט דורך דער אידישער נאַציאָנאַלער אווטאָנאָמיע, צו וועלכער דער אידישער פּראָלעטאַריאַט דאַרף קודעמקאָל שטרעבן אין די לענדער, וואו דאָס אידישע פאָלק בילדעט באַדייטנדיקע מינדערהייטן.

אין דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג זיינען די ביידע פּאַרטייען אַזוי נאָענט צוגעגאַנגען איינע צו דער אַנדערער אין זייער אויפפאַסונג פון דער אידישער ווירקלעכקייט און זייערע פּראָגראַם־פאָדערונגען, אַז שוין אין 1910 יאָר האָבן זיך אָנגעהויבן פירן צווישן זיי אונטערהאַנדלונגען וועגן פאַראייניקונג. אָבער

די שווערע פּאָליטישע באַדינגונגען פון יענער פינסטערער צייט, און באַזונדערס די אָפּגעשוואַכטקייט פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, האָבן אוממעגלעך געמאַכט, אַז די אונטערהאַנדלונגען זאָלן זיך דעמאָלט פאַרענדיקן מיט רעאַלע פּאָליטישע רעזולטאַטן.

די רעוואָלוציע האָט געוואַלדיק פאַרגיכערט דעם פּראָצעס, וועלכער איז צוגעגאַנגען פּאַמעלעך און בעהאַדראַגע. די קאָנפערענצן פון ביידע פּאַרטייען, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין די ערשטע וואָכן פון דער רעוואָלוציע, האָבן באַוויזן, אַז אין אַלע גרונט־פראַגן פון דער פּאָליטישער ווירקלעכקייט פון דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג גייען זיך ביידע פּאַרטייען ניט פאַנאַנדער. כעלוקע־דייעס צווישן די פּאַרטייען זיינען פאַרבליבן אין דער פראַגע מיקוייעך די מעגלעכקייטן און וועגן, וואָס פירן צו דער פאַרווירקלעכונג פונם טעריטאָריאַליזם. זיי טראָגן אָבער אַ צו טעאָרעטישן כאַראַקטער, אַז ס'זאָלן צוליב זיי דאַרפן עקזיסטירן צוויי זעלבשטענדיקע פּאָליטישע פּאַרטייען. גערעכנט זיך מיט דער־דאָזיקער לאַגע, האָבן די קאָנפערענצן פון ביידע פּאַרטייען אין אַ רעזאָלוציע פאָרמולירט די נויטיקייט פון דער פאַראייניקונג.

אין הע'סקעם מיט די קאָנפערענץ־באַשלוסן זיינען זיך דעם 17—20 יוני צונויפגעקומען אויף אַ קאָנפערענץ דער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער אידישער סאָציאַליסטיש טעריטאָריאַליסטישער אַרבעטער־פּאַרטיי און דער צענטראַל־ראַט פון דער אידישער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־פּאַרטיי און באַשלאָסן צו פאַראייניקן ביידע פּאַרטייען אין איין פּאַרטיי מיט דעם נאָמען „פאַראייניקטע אידישע סאָציאַליסטישע אַרבעטער־פּאַרטיי (ס. ס. און י. ס.)*).

33. די „פאַראייניקטע" פאַרן אָנגריף אויפן פראָנט.

(„דער אָנגריף". „דער אידישער פּראָלעטאַריער". 1917, נומ. 4).

די רעוואָלוציע איז אַריינגעטראָטן אין אַ נייער סטאַדיע — די רעוואָלוציאָנערע אַרמיי איז אַריבערגעגאַנגען אין אָנגריף. די גאַנץ אויסטערלישע באַדינגונגען קומט אויס דער רוסלענדישער רעוואָלוציע צו פאַרפעסטיקן איר היסטאָרישן ניצאָכן: זי געפינט זיך איצט אין אַזאַ לאַגע, אַז זי איז געצוואונגען אַקטיוו זיך צו באַטייליקן אין דער אומבערעכמאָנעסדיקער וועלט־שכיטע, וואָס איר אימפּעריאַליסטישן און פעלקספיינטלעכן כאַראַקטער האָט זי אַליין אַזוי קלאָר אויפגעדעקט.

דאָס אויפדריקן פאַר די ברייטסטע פעלקס־מאַסן דעם אימפּעריאַליסטישן כאַראַקטער פון דער מילכאָמע, די יאַנטעוודיקע שטימונג פון די ערשטע רעוואָלוציאָנערע כאָדאָשים, די קריטישע אינעווייניקסטע לאַגע פונם לאַנד, דאָס „באַריידערן זיך" אויפן פראָנט, דער לאַנגער וואַפנשטילשטאַנד, און די באָלשעוויסטישאַנאַרכיסטישע אַגיטאַציע — דאָס אַלץ האָט געבראַכט דערצו, אַז די פעסטקייט

*) אַלע באַדינגונגען פון דער טעכניש־אָרגאַניזאַציאָנעלער דורכפירונג פון דער פאַראייניקונג זיינען אויספירלעך אָרומגערעדט געוואָרן אין אַ באַזונדערן „אָפּמאַך", וועלכער איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן צוזאַמען מיט דערדאָזיקער „מיטיילונג".

און צוזאמענגעבונדנקייט פון דער רעוואָלוציאָנערער ארמיי איז וואָס ווייטער געוואָרן אלץ שוואכער. סאי באם סוינע, סאי בא די פארבינדעטע האָט מען אלץ מער אויפגעהערט זיך צו רעכענען מיט רוסלאנד, אלס מיט א מאכט, וואָס קאָן האָבן א באדייטנדיקן איינפלוס אפן אויסגאנג פון דער מילכאָמע.. דאָס האָט די רעוואָלוציאָנערע דעמאָקראטיע, פארשטייט זיך, ניט געקאָנט דערלאָזן.

דער אָנגריף, וואָס קומט פאָר, ניט קוקנדיק אף אלע שווערע מעניעס, האָט באוויזן, אז די רעוואָלוציע האָט בעשום אויפן ניט אָפגעשוואכט די אָרגאניזירטקייט און מאכט פון דער ארמיי. די רעוואָלוציאָנערע רעגירונג קאָן איצט רייד|ן סאי מיט דעם סוינע, סאי מיט די פארבינדעטע מעלוכעס מיט אַן אנדערער שפראך, ווי א קויעך, מיט וועלכן מע מוז זיך רעכענען. נאָר ניט זי קאָן, זי מוז דאָס טייקעף טאָן — די רעגירונג מוז גלייכצייטיק און מיט דער גאנצער ענערגיע ווירקן אף די רעגירונגען פון די פארבינדעטע מעלוכעס, קעדיי זיי זאָלן אָננעמען די שאָלעם-באדינגונגען פון דער רוסלענדישער דעמאָקראטיע.

די רעוואָלוציאָנערע דעמאָקראטיע וועט אָנווענדן איר גאנצע ענערגיע, קעדיי דער אָנגריף זאָל דערנעענטערן דעם סאָף פון דער וועלט-שכיטע און פארפעסטיקן דעם ניצאָכן פון דער רעוואָלוציע.

34. פון דער דעקלאראציע פון די „פאריניקטע“ אין דער אוקראינישער צענטראלער ראדע*).

(„דער אידישער פראָלעטאַריער“, קיעוו, 1917, נום. 9, ז. ז. 23—25).

„אריינטרעטנדיק צום ערשטן מאָל אין דער צענטראלער ראדע, אלס א טייל פון דער פארטרעטונג פון דער רעוואָלוציאָנערער דעמאָקראטיע פון די נאציאָנאלע מינדערהייטן פון אוקראינע, באגריסן מיר אין נאָמען פון די אידישע ארבעטערמאסן, וואָס זיינען אָרגאניזירט אונטער דער פאָן פון דער „פאריניקטער אידישער סאָציאליסטישער ארבעטער-פארטיי“, די רעוואָלוציאָנערע דעמאָקראטיע פון דעם ברידערלעכן אוקראינישן פאָלק אין איר פעסטן און אָפּפערוויליקן קאמף פאר רוסלאנדס פרייהייט, פאר דער אויטאָנאָמער אוקראינע, פאר דאָס גליק פון די אונטערדריקטע קלאסן.

שטייענדיק אליין אפן שטאנדפונקט פון דער טעריטאָריאלער לייזונג פון דער אידישער נאציאָנאלער פראבלעם און ארויסגייענדיק פון אונזער פאָליטישער פאָדערונג פון איבערבויען רוסלאנד אין א פעדעראטיווע און דעמאָקראטישע רעפובליק, געטיילט לויטן נאציאָנאלן פרינציפ, האלטן מיר פון גאנצן הארצן אונטער און באגריסן היינט די אידייע פון א ברייטער נאציאָנאל-טעריטאָריאלער אויטאָנאָמיע פאר דער עטנאָגראפישער אוקראינע. אָט די אידייע איז אויך אונזער אידייע, וואָרום אלס בירגער פון אוקראינע זיינען מיר בלוטיק פאראינטערעסירט אין איר פרייער אנטוויקלונג און אויפבליען.

אין דערזעלבער צייט שטרעבן מיר אלס א נאציאָנאלע מינדערהייט צו א נאציאָנאל-פערזאָנאלער אויטאָנאָמיע פאר דעם אידישן פאָלק (ווי אויך פאר-

*) פאָרגעלייענט אף דער זיצונג פון 5 אווגוסט 1917 דורך מ. גוטמאַן.

די אַנדערע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן), וואָס זאָל זיך פאַרשפּרייטן איבער אַלע מיטגלידער פון דער געגעבענער נאַציע איבער דעם גאַנצן שטאַט פון דער רוסלענדישער מעלוכע און זאָל האָבן אַ געזעץ־פאַרבאַנד אין יעדן אויטאָנאָמען קאַנט, און בעסוויכאָם אויך אין אוקראַינע.

באַגריסנדיק דעם העסקעם פון 3־טן יולי[18]) צווישן דער צײַטווײַליקער רעגירונג, דער אוקראַאינישער צענטראַלער ראַדע און דער רעוואָלוציאָנערער דעמאָקראַטיע פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, אַלס אַ האַסכאָלע פון פּאַקטישן פאַרווירקלעכן די אויטאָנאָמיע פון אוקראַינע, האָבן מיר מיט ניט ווינציקער צופרידנקייט באַגעגנט דעם העסקעם פון די פאַרטרעטער פון דער אוקראַינישער דעמאָקראַטיע אַף דעם פאַרשלאַג פון אונזער פּאַרטיי צו בילדן פּאָסטנס פון סעקרעטאַרן וועגן די אינייאָנים פון יעדער נאַציע־מינדערהייט מיט אַ ברייטער קאָמפּעטענץ, ווייל מיר זעען אין דעם אַ האַסכאָלע פון פאַרווירקלעכן די נאַציאָנאַל־פּערסאָנאַלע אויטאָנאָמיע. מיר וועלן שטרעבן אַז אין דער קאָמפּעטענץ פון דער אידישער אויטאָנאָמיע זאָלן אַרייַנגיין אַלע אינייאָנים, וואָס די נאַציאָנאַלע פאַרוואַלטונג מיט זיי ווערט אַרויסגערופן דורך די אייגנאַרטיקע לעבנס־באַדינגונגען פונם אידישן פאָלק און וואָס זייער אויסטײַלונג וועט ניט ברענגען קיין שאָדן דער איינהייט פון קלאַסנקאַמף פון דעם אידישן און ניט־אידישן פּראָלעטאַריאַט. צו די אינייאָנים געהערן: די אויפגאַבן פון אידישער קולטור און בילדונג, דאָס רעגולירן פון עמיגראַציע און קאָלאָניזאַציע, אידישע סטאַטיסטיק, אייניקע אָרטן פון סאָציאַלער הילף א.א.וו.; מיר וועלן אויך קעמפן פאַר דער פאָדערונג, אַז יעדע נאַציאָנאַלע גרופּע, וואָס פאַרמאָגט אַ געוויסן פּראָצענט צווישן דער אָרטיקער באַפעלקערונג, זאָל האָבן דאָס רעכט זיך ווענדן צו אַלע מעלוכע־און געזעלשאַפטלעכע אָרגאַנען און באַקומען פון זיי אַן ענטפער אַף דער מוטערשפּראַך...

35 — 36. די פּאָליטישע פּאָזיציע פון די „פּויאַלײ־ציאָן“.

I

(א. שאַיוסקי: „קאַיוען קאָנסולעז“*). „יעווריייסקאַיאַ ראַבאָטשאַיאַ כראָניקאַ“. 1917, נום. 8(14)

...אין אַט דעם טראַגישן מאָמענט פון דער רוסישער רעוואָלוציע, ווען ס'גרייט זיך אַ דריטער אַנטשיידענער צוזאַמענשטויס מיט די קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע קרעפטן, הויבן אָן אָנקומען פון פראָנט שוידערהאַפטע ידיעות: די רעפּובליקאַנישע אַרמייען לויפן פאַר ווילהעלמס אַרמייען.

בלויז דער צאַריזם און דער פּאָליצײַ־דעפּאַרטאַמענט האָבן געקאָנט דערקלערן פאָלקס־באַוועגונגען מיט שעדלעכער טעטיקייט פון איינצלנע פּערזאָנען, אַגיטאַטאָרן, און אויב אין דעם איז קיין שום ספק ניטאָ, אַז דער באָלשעוויזם מיט זיין מאַקסימאַליסטישער פּראָפּאַגאַנדע, מיט דער אַגיטאַציע קעגן דעם אָנגריף, ווען דער לעצטער האָט זיך שוין אָנגעהויבן, האָט פאַרטיפט די דע־

*) זאָלן די פירער זײַן פאָרזיכטיק.

מאַראַליזאַציע, איז פֿונדעסטוועגן ניט בלויז מיטן „באָלשעוויזם" קאָן דערקלערט ווערן די ניטשטאַנדהאַפֿטיקייט פֿון דער אַרמיי. די לעצטע ווערט אַרויסגערופֿן דורך מער קאָמפּליצירטע סיבעס: מאַכמעס דער אָפּוועזנהייט פֿון קאָנקרעטע צילן פֿאַר דער ווייטערדיקער מילכאָמע־פֿירונג.

... און איצט, ווען אַף דער רעוואָלוציע רוקן זיך אָן פֿון אינעווייניק די פֿינסטערע קויכעס פֿון דער קאָנטר־רעוואָלוציע, און מיצאַד דעם פֿראָנט דראָט אונדז אַ מיליטערישע קאַטאַסטראָפֿע, איז די איינציקע רעטונג פֿון דער רעוואָלוציע אין צוזאַמענשליסן זיך אַרום די אָרגאַנען פֿון דער רעוואָלוציאָנערער דעמאָקראַטיע, אַרום די ראַטן פֿון די אַרבעטער, סאָלדאַטן- און פּויערים-דעפּוטאַטן.

זאָלן יענע שיכטן פֿון דער בורזשואַזיע, וועלכע קאָנען נאָך גיין צוזאַמען מיט דער רעוואָלוציאָנערער דעמאָקראַטיע, גיין צוזאַמען מיט אונדז: די דעמאָקראַטיע טאָר פֿאַר קיין פֿאַל זיי ניט אָפּשטויסן, ווייל אין איצטיקן שאַרפֿן מאָמענט איז ניט נאָר וואָס מע דאַרף ניט שאַפֿן קיין סאָנים, נאָר פֿאַרקערט, מע דאַרף זיך באַמיען צו האָבן וואָס מער פֿאַרבינדעטע. און אויב אַזעלכע זיינען איינציקע שיכטן פֿון דער בורזשואַזיע, וועלכע האָבן זיך ניט דערשראָקן פֿאַר דער ערד־רעפֿאָרם, דאַרפֿן זיי אַריינגיין אין דער רעגירונג און באַטייליקן זיך אין דער פֿאַרוואַלטונג מיטן לאַנד.

אויב אָבער אויך די שיכטן פֿון דער בורזשואַזיע וואָלטן זיך אָפּגעזאָגט פֿון דער מאַכט, דאַרף די דעמאָקראַטיע, אין דער פּערזאָן פֿון די ראַטן, זיין גרייט צו נעמען אַף זיך די גאַנצע מאַסע פֿון דער מאַכט און פֿעסט שטיין אַף דער וואַך פֿון דער רעוואָלוציע. די דעמאָקראַטיע וועט ניט דערלאָזן קיין סאַבאָטאַזש ניט אַפֿן עקאָנאָמישן געביט, ניט אַפֿן געביט פֿון דער מעלוכע־פֿאַרוואַלטונג.

קאָלזמאַן אָבער די ראַדיקאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי זאָגט זיך ניט אָפּ פֿון דער מאַכט, און נאָך איר אויך אַ טייל פֿון דער ניט אָרגאַניזירטער פֿאָרגעשריטענער בורזשואַזיע, דאַרף די דעמאָקראַטיע אונטערשטיצן די „רעגירונג פֿאַר ראַטעווען די רעוואָלוציע"*), ענג שליסן די רייען אַרום איר, שאַפֿן איין געשלאָסענעם פֿראָנט מיט אַ קער אַף לינקס, צוטרעטן באַלד צום עקאָנאָמישן אָרגאַניזירן דאָס לאַנד, אומבאַדינגט, אום וואָס פֿאַר אַ פּרייז ס'זאָל ניט זיין, אָפּשטעלן דאָס אָפּטרעטן פֿון דער אַרמיי, און דענסטמאָל, מעגלעכסט גיכער צוטרעטן צו איבעריקן די אָפּמאַכן מיט די פֿאַרבינדעטע...

II

רעזאָלוציע פֿון דער צאָפֿן-מאַירעוודיקער געגנט-קאָנפֿערענץ פֿון דער א. ס. ד. א. פּ. („פּויאַלייציאָן") **). „יעווריייסקאַיאַ ראַבאָטשאַיאַ כראָניקאַ", פּעטראָגראַד, 1917 נומ. 9, (15).

אויסהערנדיק דעם באַריכט וועגן די פּעטראָגראַדער געשעענישן ***), אַנערקענט די קאָנפֿערענץ, אַז דאָס אָנווענדן שאַרפֿע רעפּרעסיווע מיטלען קעגן באַ־

*) אַזוי האָט געהייסן די קאָאַליציע-רעגירונג, וועלכע איז געשאַפֿן געוואָרן נאָך דעם 3-טן יולי.

**) פֿאָרגעקומען דעם 6—8 יולי 1917 אין מינסק.

***) די אַרויסטרעטונג פֿון 3—5 יולי.

שטימטע פּאַטריאָטישע ריכטונגען*), ווי ארעסטן און פאַרמאַכן צייטונגען, קאָן אָפּשטויסן פון דער רעוואָלוציע די מער אקטיווע טיילן פון די פויערים, ארבעטער און סאָלדאַטן און, פון דער צווייטער זייט, ציִשפּאַלנדיק די קויכעס פון דער רעוואָלוציע, ווערט געשאַפן א באָדן פאַר דער פאַרשטאַרקונג פון דער קאָנטער-רעוואָלוציע.

אָנערקענענדיק, אַז דער איינציקער ארויסגאַנג פון דער געשאַפענער לאַגע איז אָרגאַניזירן א מאַכט, וואָס זאָל זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די ראַטן פון ארבעטער, סאָלדאַטן און פויערים-ראַטן, זאָגט זיך די קאָנפערענץ ארויס קעגן אויזאָלירן די מאַכט פונם רעוואָלוציאָנערן טייל פון דער פּראָגרעסיווער בורזשואַזיע.

III

פון די רעזאָלוציעס פון דער פּ. צ.-קאָנפערענץ אין אפּרעל 1917.

(„די רעזאָלוציעס“. פאַרלאַג „דער האַמער“, מאָסקווע, 1917, 16 ז.)

...2. די באַציאונג צו דער מילכאָמע.

באַשטעטיקנדיק די פּאָזיציע, וואָס ס'איז פאַרנומען געוואָרן פון דער פּאַרטיי בענויגייע צו דער פראַגע וועגן דער וועלט-מילכאָמע אף די קאָנפערענציעס אין פינסק (מאַרט 1915) און מאָסקווע **) (מאַי 1916), געפינט איין די קאָנפערענץ, אַז אין די אינטערעסן פון אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט, אום צו פאַרפעסטיקן און אַנטוויקלען די דערגרייכונגען פון דער רוסלענדער רעוואָלוציע, איז נויטיק וואָס גיכער צו שליסן א שאָלעם אָן אַנעקסיעס און קאָנטריבוציעס אף דעם יעסאָד פון זעלבסטבאַשטימונג פון די פעלקער, וואָס באַוווינען די טעריטאָריעס, וועגן וועלכע עס אַמפּערן זיך די אימפּעריאַליסטישע רעגירונגען.

ארויסזאָגנדיק זיך קעגן דעם לאָזונג „אבי א שאָלעם“, געפינט די קאָנפערענץ פאַר נויטיק, דאָס דער רוסל. פּראָלעטאַריאַט זאָל אַנטשלאָסן ווירקן אַפן פּראָלעטאַריאַט פון די קעמפנדיקע מעלוכעס, דאָס עס זאָל ווידער אויפגעבויט ווערן דער סאָציאַליסטישער אינטערנאַציאָנאַל און געמיינזאַם און אקטיוו ארויסטרעטן פאַר א שאָלעם אף די אויבנאָנגעצייכנטע יעסוידים.

דערביי דאַרף דעם אידישן פאָלק געזיכערט זיין אי בירגערלעכע, אי נאַציאָנאַלע רעכט אין אַלע לענדער, אי פרייהייט פון איינוואַנדערונג און קאָלאָניזאַציע אין פּאַלעסטינע.

*) באָלשעוויקעס און אנארכיסטן.

**) זע „דער אידישער ארבעטער“, ב. III.

37. ב. באָראָכאָוו וועגן ציאָניזם, דער מילכאָמע און ענגלישן אימפּעריאַליזם.

(ב. באָראָכאָוו: „מיטן פּנים צו דערווירקלעכקייט", פאַרלאַג „דער האַמער", מאָסקווע. ז. 11).

...וואָס מיר האָבן פאַרויסגעזאָגט מיט 15 און מיט 12 און מיט 10 יאָר צוריק, און באַזונדערס באַם אָנהויב פון דער וועלט־מילכאָמע, איז איצטער געוואָרן אַ פאַקט: אַ געזיכערטע אייגענע היים פאַרן אידישן פאָלק אין ערעץ־איסראָעל איז אַ וועקגעשטעלט געוואָרן אַף דער טאָג־אָרדענונג פון דער וועלט־פּאָליטיק. דאָס איז דערווייל אַלעס, ניט מער, נאָר אויך ניט ווייניקער.

דאָס איז אונזער זיג, אַן אומצווייפלהאַפטער זיג; אונזערער און פון אַלע ציאָניסטן, ווייל ווען ניט די צוואַנציק־יאָריקע אינטענסיווע פּראָפּאַגאַנדע פון ציאָניזם און ווען ניט די צענ־יאָריקע פּראַקטישע רעוואָלוציאָנס־אַרבעט פון ציאָניזם אין ערעץ־איסראָעל, וואָלט די פראַגע קיינמאָל ניט באַטראַכט געוואָרן ערנסט און וואָלט ניט אויפגעקומען אַף דעם גרינעם טיש פון די דיפּלאָמאַטן. בלויז מענטשן מיט אַ קינדישן בליק אַף וועלט־געשעענישן און אַף פּאָליטישע פראַגן קאָנען זיך מאָלן, אַז די פראַגע וואָלט אַרויפגעבראַכט געוואָרן, ווען עס וואָלט ניט געווען קיין ברייטע ציאָניסטישע באַוועגונג. פאַרקערט, די ציאָניסטישע באַוועגונג האָט אין דער פראַגע ניט קיין קלענערן בײַלעק, איידער אַפילע דער בריטישער מאַרש אין ערעץ־איסראָעל. עס וועט זיין זייער גוט, ווען אונזערע פריינט וועלן דאָס ניט פאַרגעסן, און עס וואָלט זיכער ניט געשאַדט, אַז אונזערע ניט־פאַרגינער זאָלן דאָס אויך פאַרשטיין.

... לאָמיר האָפן, אַז די געשעענישן וועלן זיך אַנטוויקלען, אַזוי ווי עס פאָדערן די העכסטע אינטערעסן פון דער מענטשהייט און פונם אידישן פאָלק און די לאָגיק פון דער מילכאָמע. די וועלט־מילכאָמע גייט איצט אַריבער פון איר אימפּעריאַליסטישער סטאַדיע אין איר לעצטער, רעוואָלוציאָנערער סטאַדיע. און בעבין, לאָמיר האָפן, אַז זי וועט זיך אויסלאָזן ניט מיט קיין ווייטערער אונטערדריקונג, נאָר מיט דער באַפרייאונג פון אַלע פעלקער... עס איז קימאַט ווי זיכער, אַז אַ רעוואָלוציע וועט אַראָפּשלײַדערן די האָהענצאָלערנס, די האַבסבורגס און די צענטראַליסטישע יונגטערקן. עס איז קימאַט ווי זיכער, אַז די ענגלענדער וועלן נאָך האָבן געגוג צייט איינצונעמען ערעץ־איסראָעל, מעסאָפּאָטאַמיע און סיריע. און אויב אַזוי, וועט שוין מיט דער מאַטעמאַטישער זיכערקייט קומען אויך די אידישע רעפּובליק אין ערעץ־איסראָעל.

...דער ציאָניזם איז אַ היסטאָרישע נויטווענדיקייט אין אידישן לעבן: ער וועט קומען — דורך דער ציאָניסטישער באַוועגונג, דורך דער ציאָניסטישער אָרגאַניזאַציע, דורך דעם פּועלי־ציאָניזם, דורך אונזערע אינסטיטוטן, אונזער אַרבעט און אונזער קאַמף.

38. די נאַציאָנאַלע פאָדערונגען פון די פּועלי־ציון.

(רעזאָלוציעס פון דער קאָנפערענץ פון דער א. ס. ד. א. פּ. („פּועלי־ציון״) *).

נאַציאָנאַל־פּאָליטישע אויטאָנאָמיע.

העיויס די קלאסן־אינטערעסן פונם אידישן פּראָלעטאריאט שטעלן פאַר אים פּאָזיטיווע אויפגאַבן אויפצובויען דאָס נאַציאָנאַלע לעבן אַף אויטאָנאָמיש־דעמאָקראטישע יעסודעס און פאָדערן דאָס אַפּשוואַכן גון נאַציאָנאַלע קאָנפליקטן, געפינט די קאָנפערענץ, דאָס קעדיי צו שטיצן די אינטערעסן פונם אידישן פאָלק, אלס נאַציאָנאַלע מינדערהייט, איז נויטיק א נאַציאָנאַל־פּאָליטישע אויטאָנאָמיע, געבויט לויט דעם פערזענלעכן פּרינציפּ מיט א ברייטער קאָמפּעטענץ אין פאָלגנדע ספערן: 1) סאָציאַל־עקאָנאָמישער, (טעכנישער און פּראָפעסיאָנעלער בילדונג, ארבעטס־און עמיגראַציאָנס־אינסטיטוציעס), 2) געזעלשאַפטלעכער באַוואָרגונג (שפּיטאָלן, אַמבולאַטאָריעס, מעשוויי־זקיינים א.ד.גל.) 3) קולטורעלער (פאָלקס־בילדונג און דערציאונג, מיטל־און הויך־שולן, אויסערשול־בילדונג, ביבליאָטעקן, מוזייאָומס, טעאַטערן א.ד.גל.), מיט פאַרשטייער־שאַפטס־רעכט פון אידישן פאָלק פאַר אלגעמיין מעלוכישע אייגריכטונגען און אינסטיטוציעס פון לענדישער און אָרטיקער זעלבסטפאַרוואַלטונג.

דער ביקרושעט פון די נאַציאָנאַל־אויטאָנאָמישע אייגריכטונגען ווערט צוגעשטעלט אי פון האכנאָסעס, וואָס ווערן פּראָפּאָרציאָנעל אויסגעטיילט פון די מעלוכישע, לענדישע און מוניציפּאַלע מיטלען, אי פון דעם פּראָגרעסיוון איינקונפטס־אָפּצאָל, וואָס ווערט ארויפגעליגט אַף די אלע פערזאָנען, וואָס געהערן צו דער געגעבענער נאַציאָנאַליטעט.

פעסטשטעלן געזעצגעבעריש דעם פּרינציפּ פון נאַצ.־פּאָליטישער אויטאָנאָמיע אין דער קאָנסטיטוציע פון דער רוסלענדישער דעמאָקראטישער רעפּובליק געהערט דער אלרוסלענדישער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג, ווענען די־האַזיקע פאָדערונג דאַרף פאָרגעשלאָגן ווערן דורך דעם אָרגאַניזירטן פּראָלעטאריאַט פון אלע נאַציאָנאַליטעטן אין רוסלאַנד.

די אידישע גרינדונגס־פאַרזאַמלונג.

טייקעף ווי די רוסלענדישע גרינדונגס־פאַרזאַמלונג וועט אָנערקענען דאָס רעכט פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן אַף נאַציאָנאַל־פּאָליטישע אויטאָנאָמיע, דאַרף צונויפגערופן ווערן די אידישע גרינדונגס־פאַרזאַמלונג, וועלכע זאָל פעסטשטעלן אי די אָרגאַניזאַציאָנס־פאָרמען, אי דעם אינהאַלט פון דער אידישער נאַציאָנאַל־פּאָליטישער אויטאָנאָמיע.

---

*) פאַרגעקומען דעם 4—10 אפּרעל 1917 אין מאָסקווע בא דער אָנוועזנהייט פון 51 דעלעגאַטן מיט שטימרעכט און 15 מיט בעראַטונגס־רעכט.

...5. וועגן דעם אלרוסלענדישן אידישן קאָנגרעס.

נעמענדיק אין באַטראַכט, דאָס דער רוסלענדישער אידישער קאָנגרעס, וואָס זאָל איצט צונויפגערופן ווערן, וועט האָבן א גרויסע באַדייטונג סאַי בענוגייע דער אָרגאַניזאַציע פון דער אידישער דעמאָקראַטישער און פּאָליטישער זעלבסט-באַשטימונג פון רוסישן אידנטום בכלל, סאַי בענוגייע דער אויפבויאונג פון די אידיש-נאַציאָנאַלע איינריכטונגען אין קאַמף פאַר די נאַציאָנאַלע רעכט פונם אידישן פאָלק, — האַלט די קאָנפערענץ פאַר נויטיק, דאָס די פּאַרטיי זאָל זיך באַטייליקן ווי אין קאָנגרעס גופא, אזוי אויך אין דער וואַל-קאַמפּאַניע צום קאָנגרעס.

39. די אַרבעטער- און סאָלדאַטן-ראַטן פאַר אן ענערגישן קאַמף קעגן דער אַנטיסעמיטישער העצע.

(רעזאָלוציע פונם ערשטן אלרוסלענדישן צוזאַמענפאָר פון די ראַטן[19]). „אַרבעטער-שטימע“. 1917, נומ. 25).

1. די הונדערטיאָריקע רעכטלאָזיקייט פון די אידן אין רוסלאַנד און די אַנטיסעמיטישע העצע קעגן זיי, וואָס איז געווען איינער פון די הויפּט-מיטלען פון צאַריזם אין קאַמף פאַר זיין מעמשאָלע, וואָס האָט אָנגענומען באַזונדערס ווילדע פאָרמען אין דער צייט פון דער מילכאָמע — דאָס אַלץ האָט באַוויזן אַריינצוגיסן אין די ברייטע פאָלקס-מאַסן מענטשן-סינע, פיינטשאַפט און אומצוטרוי צו די אידן.

2. ניט האָבנדיק גענוג קויעך פאַר אן אָפענעם קאַמף מיט דער רעוואָלוציע, שטרעבט די קאָנטר-רעוואָלוציע אויסצונוצן דיהאָזיקע פינסטערע פאָרורטיילן פון די מאַסן, אָפּציען זייער אויפמערקזאַמקייט פון די עמעסע סיבעס פונם קריזיס, וועלכן דאָס לאַנד לעבט איצטער איבער, און געבן אן אויסגאַנג דער סטיכישער אומצופרידנהייט און באַהאַלטענער אויפרעגונג פון די פאָלקס-מאַסן אין א באַוועגונג, וואָס איז געווענדעט קעגן די אידן.

3. אַט די אַנטיאידישע אַגיטאַציע, וועלכע פאַרשטעלט זיך אָפּט אונטער ראַדיקאַלע פראַזן, איז א גרויסע סאַקאָנע העין פאַרן אידישן פאָלק, העין פאַר דער גאַנצער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין לאַנד, ווייל דאָס דראָט צו דערטרינקען אין ברודער-בלוט די באַפרייאונג פון פאָלק און באַדעקן די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג מיט אן אייביקן פלעק.

4. די דירעקטע אינטערעסן פון די ברייטע פאָלקס-מאַסן און דער קאָוועד פון דער רעוואָלוציע פאָדערן דעריבער פון דער גאַנצער רעוואָלוציאָנערער דעמאָקראַטיע צו פירן אן ענערגישן קאַמף מיט יעדן פרואוו פון אן אַנטי-אידישער העצע און צו אונטערדריקן לעכאַטכילע יעטווידע אַנטי-אידישע אַרויסטרעטונג.

5. דער אלרוסלענדישער צוזאַמענפאָר פון די אַרבעטער- און סאָלדאַטן-ראַטן רופט אַלע אָרטיקע ראַטן אַכטונג צו געבן אַף דער אַרבעט פון די אַנטיסעמי-

טישע גרופעס און אגיטאטאָרן, פירן אן אָנאויפהערלעכע אגיטאציאָנס־און אויפ־קלערונגס־ארבעט צווישן די סאמע ברייטע פאָלקס־מאסן מיטן ציל צו קעמפן קעגן דער אנטי־אידישער העצע. ער באפולמעכטיקט אויך דעם צענטראלן קאָמיטעט ארויסצוגעבן פאסיקע ליטעראטור וועגן דער אידן־פראגע.

6. שיקנדיק זיין ברודערלעכן גרוס דעם אידישן ארבעטער־קלאס, וועלכער קעמפט אין די אלגעמיינע רעוואָלוציאָנערע רייען, רופט איב... צוזאמענפאָר איינצופלאנצן אין די אידישע פאָלקס־מאסן די פעסטע זיכערקי... אז די גאנצע אָרגאניזירטע רעוואָלוציאָנערע דעמאָקראטיע פון לאנד וועט שטיין פאר זיי שטאָל און אייזן און וועט זיי פארטיידיקן קעגן יעטווידן פרוואו אנצוואווענדן גוואלט קעגן אידן*).

40. אידישע יונקערס אין די „שלאָג־באטאליאָנען"[20].

(אַ סטודענטישער „שלאָג-אָפּטייל". „גאָווי פוט". 1917, נומ. 24—25).

דעם 4־טן יולי איז ארויסגעטראָטן אפן פראָנט דער יונקערישער „שלאָג־אָפטייל" פון דער צווייטער מאָסקווער אָפיצערן־שול... אינגאנצן זיינען ארויסגעטראָטן 47 יונקערס, און צווישן זיי... 22 אידן.

צווישן די יונקערס פון אלעקסאנדראָווער און אלעקסייעווער מיליטער־שולן, וואָס זיינען פריער אוועק אפן פראָנט, איז דער פראָצענט פון די אידן אויך לעפיערעך א הויכער.

...די אידן־יונקערס פון עלטערן קורס פון דער טאשקענטער מיליטער־שול טרעטן ארויס אפן פראָנט אין „שלאָג־באטאליאָנען".

41. אידישע קאַדעטן און בורזשואזע אינטעליגענץ רופן צום קאמף קעגן דער רעוואָלוציע.

(„אַ אידישער מיטינג". „פעטראָגראַדער טאָגבלאט". 1917, נומ. 27 (36).

דער מיטינג האָט זיך געעפנט דאָנערשטיק, דעם 8־טן יוני, האלב ניין אזייגער אין אָוונט, אין לאָקאל פון דער פאָנדן־בערזע בא א פולגעפאקטן זאל מענטשן. פאר א פארזיצנדער איז ארויסגעוויילט געוואָרן ה' שעפטעל, דער עדשטער איז ארויסגעטראָטן ה' ווינאווער.

ווינאווער שטעלט זיך אָפּ אף דער וויכטיקער באדייטונג פון דער רוסישער פרייהייט, איבערהויפט פאר אונז אידן.

...מיר ווייסן, אז פון די שווערע ניסיונעס, וואָס מיר לעבן איצט איבער, וועלן מיר ארויסגיין זיגער. און מיר שעצן זייער דעם פארבאנד מיט די העלדישע דעמאָקראטישע מעלוכעס פון מאירעוו־אייראָפּע, וואָס וועט אונז פירן צום זיג. ענגלאנד... אמעריקע... פראנקרייך... בלייבן אויך אף ווייטער אונ-

*) דיזאָזיקע רעזאָלוציע האָט אריינגעטראָגן דער באָלשעוויסטישער דעלעגאַט, כ' פּרעאָבּראַזשענסקי, אָנגענומען געוואָרן אף דער זיצונג פון 22-טן יוני.

זערע בעסטע פריינט: מיר וועלן קעגן זיי ניט זיין קיין פארעטער... און מיר פראטעסטירן שארף קעגן די, וואס רופן פאנאנדערצורייסן מיט די פארבינדעטע מעלוכעס.

אין לאנד — רעדט ווייטער ווינאווער — וואקסט די אנארכיע, און מע מוז אננעמען קעגן איר די סאמע שטרענגסטע מיטלען. דאס וועט הייסן ניט קיין קאנטער־רעוואלוציע, נאר א קאנטער־אנארכיע. מיר קאנען מיט צופרידנקייט דער־קלערן, אז עס איז ניטא קיין איין איינציקע אידישע פארטיי, וועלכע זאל ניט זיין איבערצייגט, אז מיר דארפן זיך פאריניקן צוליב צוויי צילן: צוליב דעם קאמף אפן פראנט און צוליב דעם בירגערלעכן שאלעם אין לאנד.

צום באדויערן, געפינען זיך צווישן די עקסטרעמע עלעמענטן *) אויך אידן, וואס פירן אן א שעדלעכע ארבעט. מיר, אידן, אנערקענען זיי ניט, און נעמען אף זיך ניט די פאראנטווארטלעכקייט פאר זייער שעדלעכער טעטיקייט. מיט א געפיל פון עקל ווענדן מיר זיך אפ פון די מעשומאדים און פארדעכטיקע לייט ...

...נאך ווינאווערן נעמט דאס ווארט הילערסאן. ער שטרייכט אונטער, אז ס׳איז בא אונז ניטא קיין פעסטע מאכט, אז אפן קאפיטאן־בריקל שטייט ניט דער עמעסער קאפיטאן. אויב דער ארבעטער־און סאלדאטן־ראט האט געהאט אייניקע פארדינסטן, איז ער איצט אבער ענלעך צו דעם סאטורן (א גריכישער אפגאט), וואס פרעסט אויף זיינע אייגענע קינדער (ס׳ווערט אין זאל א טומל, און עס דויערט א ווײַלע ביז הילערסאן באקומט די מעגלעכקייט צו רײדן ווייטער). ענגלאנד האט זייער ריכטיק געטאן, ווען זי האט ניט געוואלט דורכ־לאזן די שעדלעכע עלעמענטן*), וואס גראבן אונטער דעם פונדאמענט פון אונ־זער לאנד. אבער די באלשעוויקעס זיינען צוזאמען מיט די דייטשישע אגענטן געקומען דורך דייטשלאנד און פירן דא צו אנארכיע. שטרענגע רעפרעסיעס דארף מען אנווענדן קעגן זיי. אזוי ווי דייטשלאנד האט כארעוו געמאכט בעל־גיע, אזוי מאכן „ווילהעלמס אגענטן" כארעוו פרעמדע הייזער, דאטשעס א.ד.גל.**). אבער די אידישע דעמאקראטיע גייט ניט נאך זיי. די אידישע דע־מאקראטיע האט אזעלכע עמעסע פארשטייער, ווי ליבער...

ד ו ב נ א ו איז גאנץ פעסימיסטיש געשטימט בענוגע צום מאמענט, וואס מיר לעבן איבער. ער זאגט זיך ארויס גאנץ שארף קעגן דעם קלאסן־דעס־פאטיזם.

מיר זיינען לויט אונזער נאטור א רעפובליקאנישע פאלק, אבער מיר זיינען געוואוינט צו אן אייזערנער דיסציפלין. אנארכיע איז א קראנקייט פון אומקול־טורעלע פעלקער. ניט צוליב דעם האבן מיר זיך באפרייט פונם יאך פונם צאר און די הערשנדע קלאסן, מיר זאלן זיך אונטערווארפן אונטער דעם יאך פון א וועלכן עס איז געזעלשאפטלעכן קלאס. עס וועט קומען א צייט, און די וועלט

---

*) די באלשעוויקעס און אינטערנאציאנאליסטן.

**) ס׳ווערן ווידער געמיינט די באלשעוויקעס, וועלכע די קאנטער־רעוואלוציאנערע בורזשוא־זיע האט קוואליפיצירט אלס „ווילהעלמס אגענטן" און וועלכע האבן פאר זייערע פארטיי־איינריכ־טונגען פארנומען קשעסינסקעס פאלאץ.

 6*

וועט פאַרשטיין, אַז דער היסטאָרישער מאַטעריאַליזם*) האָט ניט קיין באָדן. אַזוי ווי דער רעליגיאָנס־מאַניזם (דער וואונש, אַז דער וועלט זאָל הערשן איין גלויבן — דער קאַטוילישער) פונם מיטלאַלטער איז פאַרמישפּעט צום טויט, אַזוי וועט אויך ניט האָבן קיין אָרט אין לעבן דער עקאָנאָמישער מאָניזם. די אידן, אַלס אַ נאַציע, קאָנען זיך בעשום אויפן ניט שטעלן אַפן שטאַנדפּונקט פון קלאַסן־הערשאַפט.

... מיט אַ באַגריסונגס־דעדע טרעט אַרויס דער פאָרזיצנדער פונם צוזאַמענפאָר פון די גענעראַל־קאַוואַלערן, סקאַרזשינסקי.

... קליינמאַן זעט אין די באָלשעוויקעס — אַנטיסעמיטן, פּאָגראָמשטשיקעס.

... קליינמאַן ווייסט נאָר איין אינטערנאַציאָנאַל: דאָס איז דער גרויסרוסלענדישער אינטערנאַציאָנאַל.

עס טרעטן אַרויס דער דעפּוטאַט פרידמאַן און נאָך פיל אַנדערע רעדנער.

דער מיטינג נעמט אָן פאָלגנדע רעזאָלוציע:

„דאָס אידישע פאָלק, וואָס גייט אַריין ווי אַ גלייכבארעכטיקטער מיטגליד צווישן אַלע רוסלענדישע פעלקער, איז טיף באַאומרואיקט, זעענדיק, אַז די אַנאַרכיע טראָגט אַריין אַ כאַאָס אין אונזער אַרמיי און שוואַכט אָפּ די פאָלקס־מאַכט.

די ברייטע מאַסן פון דער אידישער באַפעלקערונג פּראָטעסטירן שאַרף קעגן דער שענדלעכער אַגיטאַציע פון אַ הייפעלע מענטשן, וואָס רופן צו ניטדערפילן אונזער הייליקן כויוו קעגן דעם לאַנד און די פאַרבינדעטע מעלוכעס.

די פּעטראָגראַדער בירגערלעכע אידישע באַפעלקערונג, וואָס באַשטייט פון פאַרשיידענע פּאָליטישע שטרעמונגען, באַגריסט די פאַרשטייער פון די פאַרבינדעטע מעלוכעס און זאָגט אַרויס איר פעסטן גלויבן, אַז די אייניקייט פון אַלע פעלקער און קלאַסן אין רוסלאַנד וועט ברענגען צום ניצחון איבער דעם דייטשישן מיליטאַריזם.

די פאַרזאַמלונג רופט אַלע אידישע בירגער צו שטיצן מיט אַלע קרעפטן די צייטווייליקע רעגירונג, צו קעמפן קעגן דער אַנאַרכיע, און צו פאַרטיידיקן די דערוואָרבענע פאָלקס־פרייהייט“.

42. די ציאָניסטן ווילן אָרגאַניזירן אַ אידישן לעגיאָן.

(„אידישער לעגיאָן אין רוסלאַנד“. „טאָגבלאַט“. 1917, נומ. 87).

די טעג איז צונעשטעלט געוואָרן דעם פאַרוואַלטער פון קריגס־מיניסטעריום סאָקאָלאָוו אַ פּראָיעקט צו גרינדן אַ אידישן לעגיאָן. דער גורל פונם פּראָיעקט איז אָפּהענגיק פון דער באַציאונג פון דער צייטווייליקער רעגירונג צו נאַציאָנאַלע פעלקן ביכלאַל.

לויטן פּראָיעקט דאַרף דער לעגיאָן צונויפגעשטעלט ווערן: 1) פון פרייוויליקע, 2) פון אידישע סאָלדאַטן, וועלכע געפינען זיך אין „טיל“, 3) פון די

---

*) דער יעטאָד פון דער מאַרקסיסטישער וועלטאַנשויאונג.

סאָלדאַטן, וועלכע טרעטן ערשט אריין אין מיליטער־דינסט. די אַלע דערמאָנטע סאָלדאַטן טרעטן אריין אין לעגיאָן פרייוויליק.

די לאָזונגען פון לעגיאָן זיינען: „פאַרן פרייען רוסלאַנד!“; „פאַר דער פאַר־ביינדעטער דעמאָקראַטיע!“ „פאַר דער אידישער אומאָפּהענגיקער פאַלעסטינע!“

די יונגערע אָפיצערן זאָלן זיין פון די אידישע יונקערס. די עלטערע קאָ־מאַנדירן — פון ארמיי־אָפיצערן אָן אונטערשייד פון נאַציאָנאַליטעט.

אויסער די רעוואָלוציאָנס־פאָנען זאָל דער פאָלק באַקומען די אידישע ווייס־בלאָע פאָן.

דער פּראָיעקט ווייזט אָן אַף דער ערפאָלגרייכער באַטייליקונג פונם אידישן באַטאַליאָן[21] אין דער עקספּעדיציע אפן האַלב־אינזל גאַליפּאָלי.

עס וואָלט געווען ווינשנסווערט, זאָגט זיך אין פּראָיעקט, אַז דער לעגיאָן זאָל טעטיק זיין אפן פאַלעסטינער פראָנט. אָבער אַזוי ווי דער פראָנט פון די פאַרבינדעטע איז אומעטום איינער, גיט זיך דער לעגיאָן איבער אין רעשוס פון דער העכערער קאָמאַנדירונג.

43. די טאַקטיק פון בונד באַ די וואַלן אין די שטאָט־דומעס.

(באַשטימונג פון צ. ק. פון בונד. „אַרבעטער-שטימע“ נומ. 18 פון 17-טן יוני 1917).

1. באַ די וואַלן אין די אָרגאַנען פון די אָרטיקע שטאָט־פאַרוואַלטונגען טרעט די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע ארויס זעלבשטענדיק.

2. ארויסטרעטנדיק אין די וואַלן פאַרייניקט מיט די אָרגאַניזאַציעס פון דער ר.ס.ד.א.פּ., לאָזט איבער דער „בונד“ פאַר זיך דאָס רעכט פון זעלבשטענ־דיקער אַגיטאַציע פאַר זיין פראָגראַם פון דער נאַציאָנאַל־קולטורעלער אווטאָ־נאָמיע, הען אין דער צייט פון די וואַלן, הען אין דער דומע גופע.

3. ווען אַן אָפּמאַך מיט אַלע גרופּעס פון דער ר.ס.ד.א.פּ. איז אומעגלעך, ווערט רעקאָמענדירט אריינצוגיין אין אַן אָפּמאַך מיט די מענשעוויקעס.

... 5. אָפּמאַכן אַף די ערטער מיט די ס.־ר. ווערן דערלויבט נאָר מיט דעם הסכּם פון צ. ק. פון „בונד“, אדער פון די געגנט-און ראַיאָן-קאָמיטעטן.

6. אַלס אָפּמאַך־באַדינגונג צווישן „בונד“ און דער ר.ס.ד.א.פּ., פון איין זייט, און מיט די סאָצ.־רעוו., פון דער אנדערער זייט, דינט דער אָפּזאָג פון די לעצטע אריינצוגיין אין אַן אָפּמאַך מיט אנדערע פאַרטייען.

7. עס ווערן ניט דערלאָזט געמיינזאַמע ארויסטרעטונגען אין דער צייט פון די וואַלן מיט די אָרגאַניזאַציעס פון „ס.ס.“, „פּ.צ.“, „סיימאָוועצעס“ און פון דער דעמאָקראַטישער פאַריייניקונג *).

*) די שפּעטערדיקע „אידישע פאָלקס-פּאַרטיי“.

44. די פארייניקטע אין דער שטאטישער וואל-קאמפאניע.

(מאקס ברענער: „שטאטישע וואל-קאמפאניע". „נייע צייט". קיעוו, נומ. 7 פון 24-טן סענטיאבר 1917).

... בא באזונדער שווערע באדינגונגען פון אינעווייניקסטן און אויסווייניקסטן פארטיי-לעבן זיינען די „פארייניקטע" ארייננעטראטן אין דער וואל-קאמפאניע. דער פארייניקונגס-פראצעס פון ביידע פארטייען*) האט זיך ערשט קוים פארענדיקט. די באציאונגען פון דער פארייניקטער פארטיי מיט די אנדערע סאציאליסטישע פארטייען פון לאנד זיינען נאך ניט איינגעשטעלט און באפעסטיקט געווארן און, פון דער צווייטער זייט, דער „בונד", וואס האט זיך געשטעלט אלס אויפגאבע אפצוזונדערן די „פארייניקטע" פון דער אלגעמיינער סאציאליסטישער וועלט און האט דערפון געמאכט אן אולטימאטיווע פאדערונג בא זיין אריינטרעטן אין סאציאליסטישע בלאקן.

בא אזעלכע באדינגונגען איז די לאגע פאר די „פארייניקטע" געווען א באזונדערס ערנסטע און שארפע. קיין אלגעמיינע בלאקפאליטיק האט מען שוין ניט געקאנט פירן, און די בלאק-פראגע איז בעמיילע ארויבערגעטראגן געווארן אף די ערטער, זיך צופאסנדיק צו די באדינגונגען און באציאונגען אף יעדן איינצלנעם ארט. אבער סאי באם זעלבשטענדיקן אנטייל אין די וואלן, סאי אין אלגעמיין סאציאליסטישן בלאק, סאי אין בלאק מיט די אדער יענע פארטייען — האבן די „פארייניקטע" פארנומען א פאסנדן און א קאוושער פארדינטן ארט. ברייטע אידישע ארבעטער-מאסן האבן ארויסגעוויזן די „פארייניקטע" אזוי פיל סימפאטיע און צוטרוי, אז מע קאן דרייסט באהויפטן, אז די צאל ראטמענער, וואס איז אויסגעבאלן אפן ביילעק פון דער פארטיי, איז א נאטירלעכער רעזולטאט פון איר וואוקס און ווירקונג.

מיר וועלן דא ברענגען בלויז א טרוקענע רעשימע פון דער צאל ראטמענער פון דער „פארייניקטער" פארטיי אין די ערטער, פון וואנען ס'זיינען שוין וועגן דעם אנגעקומען ידיעות. דער צעטל איז ווייט ניט קיין פולער. און מעגלעך אפילע, אז אין דעם אדער יענעם איינצלנעם פאל איז ער ניט גאנץ גענוי, ווייל ניט פון אומעטום שטאמען די ידיעות פון אפיציעלע קוועלן.

זעלבשטענדיק זיינען די „פארייניקטע" געגאנגען אין די וואלן און האבן דורכגעפירט ראטמענער: אין וויטעבסק — 5, פאלאצק — 4, מאלעוו — 2, ארשע — 2, ריגע — 1, נאוואזיבקאוו — 1, סטאראדוב — 1, סוראזש — 1, פאסניצע — 2, וויניצע, פאד. גוב. — 3, באר, פאד. גוב. — 6, בעלאצערקאוו — 5**).

די אלגעמיינע צאל ראטמענער איז שוין מער פון 150.

...די בלויזע ציפערן רעדן אליין פאר זיך — זיי זיינען דער ריכטיקסטער איידעס פון דער ווירקונג פון די „פארייניקטע", פון דעם ארט, וואס זיי האבן פארנומען אין פאליטישן לעבן פון לאנד און פון די ברייטע אידישע פאלקס-מאסן.

---

*) „ס. ס." און „י. ס."

**) אכוץ דעם, זיינען אין בלאקן מיט פארשיידענע סאציאליסטישע און נאציאנאל-סאציאליסטישע פארטייען דורכגעגאנגען 136 ראטמענער פון די „פארייניקטע".

45. די שטאָטישע וואַלן אין קיעוו.

(מ. ב.: „די קיעווער וואַלן“. „אַרבעטער-שטימע“. נומ. 34—35 פון 16-טן אויגוסט 1917).

נאָך די פעטראָגראַדער פאַסירונגען *), נאָכן דורכבראָך אויפן פראָנט — אַ ניצאָכן בעאַיים די וואַלן אין קיעוו. דערהמיט קאָנען די סאָציאַליסטן שטאָלצירן. דאָס קאָן זיכער צוגעבן מוט אַלע רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן פון לאַנד.

פון 300 טויזנט וויילער זיינען צו די וואַלן געקומען 55 פראָצ. דאָס איז פיל ווייניקער, איידער בעאַיים די פעטראָגראַדער וואַלן, וואָס זיינען פאָרגעקומען מיט 2 כאַדאָשים פריער. נאָר קיעוו איז ניט פעטראָגראַד. דאָ זיינען ווייניקער פאַראַן אַרבעטער, ווייניקער סאָלדאַטן, די צוויי אַקטיווסטע גרופּן פון דער רעוואָלוציע. דאָס מאַכט נאָך אָבער מער באַדייטנד דעם ניצאָכן פון די סאָציאַליסטן, וועלכע האָבן דאָ באַקומען אַ וואָקסום פון צוטרוי מיצאַד די קליינבירגערלעכע עלעמענטן.

געזיגט האָט פריער פאַר אַלץ דער סאָציאַליסטישער בלאָק (דער צעטל נומ. 1). פון 120 גלאָסנע האָט ער דורכגעפירט 44: 19 ס. ר. מענשעוויקעס, 17 סאָצ. רעוו., 7 בונדיסטן, 1 פ.פ.ס. דער ניצאָכן איז נאָך באַדייטנדער דערהמיט, וואָס דער קאַמף האָט זיך געפירט טיילווייז אויך אויפן נאַציאָנאַלן באָדן. קעגן דעם אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן צעטל האָבן געקעמפט נאַציאָנאַלע צעטלען: אידישע, פוילישע, רוסישע, אוקראַינישע.

אומדערוואַרטעט איז ווייטער דער ניצאָכן פון אוקראַינישן סאָציאַליסטישן צעטל: דורכגעגאַנגען 24 מאַן (16 סאָצ.-דעמ. און 9 סאָצ.-רעוו.). דאָ איז אויך אינטערעסאַנט צו באַמערקן, אַז דער צווייטער אוקראַינישער צעטל, אַ דעמאָקראַטישער, האָט דורכגעפירט נאָר איין גלאָסנעם. אין די אוקראַינישע קרייזן איז אויך גרויס דער איינפלוס פון די רעוואָלוציאָנערע סאָציאַליסטישע אידייען. ניט די אוקראַינער זעלבסט, ניט אַנדערע האָבן ניט געקאָנט דערוואַרטן אַזאַ גרויסן ניצאָכן פון אַן אוקראַינישן צעטל. 26 גלאָסנע אוקראַינער וועלן זיכער שפּילן אַ גרויסע ראָלע אין דומע, באַזונדערס צוליב דעם, וואָס אָן זיי בילדן די סאָציאַליסטן ניט קיין מערהייט אין דומע**).

אויך אין קיעוו זיינען די קאַדעטן מיעס דורכגעפאַלן: נאָר 10 גלאָסנע אין אַזאַ גרויסן צענטער באַ אַזאַ גרויסער צאָל אינטעליגענץ און קליינע אייגנטימער. נאָר דאָ איז די פריידע אַ קליינע, ווייל גלייכצייטיק מיטן דורכפאַל פון די קאַדעטן מוזן מיר באַצייכענען דעם ניצאָכן פון די רעכטע, פון דער קאָנטר-רעוואָלוציע.

קיעוו דאָס איז, דוכט זיך, די ערשטע שטאָט, וואו די קאָנטר-רעוואָלוציע האָט זיך דערוואַגט צו גיין מיט אַ זעלבשטענדיקן צעטל. זיי זיינען אַרויסגעטראָטן אונטער דער פירמע „אומפּאַרטייאישע רוסישע וויילער“. נאָר זייער אָרגאַן איז געווען דער „קיעוולאַנין“, זייערע פירער — שולגין, סאַווענקאָ[22] דעמ-

*) די באַיאָפנטע דעמאָנסטראַציעס דעם 3—5 (16—18) יולי.

**) צוזאַמען מיט די 7 באָלשעוויקעס און אוקראַינער סאָצ.-דעמ. האָבן די סאָציאַליסטן אַ זיכערע מערהייט. באַמערקונג פון אַרויסגעבער.

טשענקאָ. זייערע אידעאַלן — דער אויפשריפט אַף סטאָליפינס דענקמאָל אין קיעוו — „די רוסישע נאַציאָנאַלע טראַדיציע". זייערע שלאָג־ווערטער — „קעגן די אידן, קעגן די אוקראַינער, קעגן די אַרבעטער־ראַטן".

אין אַפענע קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע אַרויסטרעטונג — און דורכגעפירט 18 גלאָסגע. צונויפגעקליבן ביז 26 טויזנט שטימען. דאָ קאָן מען שוין ניט באַשולדיקן די אַנדערע טריט פון דער רעגירונג. דאָס איז די שטימונג פון דער פּאָלקס־מאַסע. די גאַנצע אומצופרידנהייט צווישן די דעמאָקראַטישע שיכטן מיטן הונגער, מיט דער מילכאָמע האָט זיך געזאַמלט אַרום שולגינס פאָן. די ציפער פון 26 טויזנט דאַרף צווינגען אַלעמען צו פאַרטראַכטן זיך, דאָס איז די ערשטע אַזהאָרע דער רעוואָלוציע.

צום שלום אייניקע ווערטער וועגן די אידישע צעטלען. זיי האָבן ביידע באַקומען ווייניקער, איידער מע האָט דערוואַרטעט: דער „דעמאָקראַטישער בלאָק" האָט דורכגעפירט 5 מאַן. דער אידישער „סאָציאַליסטישער בלאָק" 3 מאַן (פּועלי־ציאָניסטן און די „פּאַריינ־יקטע"). צוזאַמען האָבן פאַר ביידע צעטלען געשטימט אַרום 13 טויזנט ווילער. מיר האָבן ניט קיין גענויע ציפער ניט וועגן דער צאָל אידישע ווילער, ניט וועגן דעם, וויפל אידישע ווילער זיינען געקומען צו די וואַלן. אַלנפאַלס איז קלאָר, אַז 13 טויזנט בילדעט ווייניקער ווי א העלפט פון אַלע אידישע ווילער. עס האָט, הייסט דאָס, ניט געהאָלפן די גאַנצע דעמאַגאָגיע פון די ציאָניסטן און ציאָניסטישע „סאָציאַליסטן", עס האָט ניט געהאָלפן אפילע דער לאָזונג פון די נייע „שוימריי־שאַבעסניקעס", ווי „ס.ס." און פּועלי־ציאָן — די גרעסטע צאָל אידישע ווילער האָבן אָפּגעגעבן זייער שטים פאַרן אַלגעמיינעם סאָציאַליסטישן און רעוואָלוציאָנערן צעטל. דאָס איז זיכער א ניצאָכן פון סאָציאַליזם און רעוואָלוציע אַף דער אידישער גאַס.

46. דער ניצאָכן פון די וויטעבסקער באָלשעוויקעס בא די שטאָטישע וואַלן.

(ב. פינסאָן: „די דורכגעגאַנגענע עטאַפּן". זאַמלבוך „קראַסנאַיאַ ביל" (רוסיש). וויטעבסק, 1923).

די ערשטע גרויסע קאַמפּאַניע, וואָס ס'איז אויסגעקומען דורכצופירן אונזער יונגער אָרגאַניזאַציע, זיינען געווען די וואַלן אין דער שטאָט־דומע.

צום דאָזיקן גרויסן קאַמף האָבן מיר זיך פאַרויס גרינטלעך אָרגאַניזירט. די קאַמפּאַניע האָבן מיר אָנגעהויבן אין דער צווייטער העלפט יולי... קעגן דעם באָלשעוויסטישן צעטל זיינען געשטאַנען גוט באַוואָפנטע 20 בורזשואַזע, קלערעקאַלע, קליינבירגערלעך־סאָציאַליסטישע און אַנדערע צעטלען.

...נאָך מיט א צייט פאַרן אָנהויב פון דער אַגיטאַציע־קאַמפּאַניע זיינען פאָרגעקומען עטלעכע פּאַרטיי־פאַרזאַמלונגען, אַף וועלכע די פראַגן וועגן די וואַלן זיינען ברייט באַהאַנדלט געוואָרן; מיר האָבן אונטערגעפירט א בעערעכדיקן דיסקאָנט פון די קוויטעס, פאַרשריבן אַגיטאַטאָרן, אָנגעמערקט פּאַרטרעגער און כאַווייריִם פאַר טעכנישער אַרבעט, אויסגעטיילט שלאָג־גרופּעס, געגעבן דירעקטיוון די קאָמערלעך און די מיליטער־טיילן, פאַבריקן, זאַוואָדן, אַפן טראַנספּאָרט, אין די פּראָפֿאַריינען א.א.וו.

אַף אַ זיצונג פון אַלשטאַטישן קאָמיטעט צוזאַמען מיטן לעטישן ראַיאָן־קאָמיטעט, אין דער אָנוועזנקייט און באַם אָנטייל פון די פאָרשטייער פון די מיליטער־טיילן און דער פראַקציע אין ראַט, איז געווען אָנגעמערקט און באַשטעטיקט דער... קאַנדידאַטן צעטל...

דאָ דאַרף באַמערקט ווערן, אַז אונזער אָרגאַניזאַציע האָט לאַכלוטן ניט אויסגערעכנט אָפּצושלאָגן אַסאַך ערטער באַם „סאָציאַליסטישן בלאָק“, פונדעסטוועגן האָבן מיר „אַף יעדער פאַל“ אָנגעמערקט אַ גרויסן צעטל קאַנדידאַטן.

... סאַף יולי האָבן זיך אָנגעהויבן מיטינגען און פאַרזאַמלונגען, ס׳האָט זיך פאַנאַנדערגעוויקלט דער אַגיטאַציע־קאַמף... ניט האָבנדיק קיין לאָקאַלן, האָבן מיר צונויפגערופן די בירגער אונטערן פרייען הימל און דאָ האָבן מיר זיי דערקלערט די אויפגאַבן פון די שטאָטישע זעלבסטפאַרוואַלטונגען און גערופן זיי שטימען פאַר אונזער צעטל... אַזעלכע גאַס־מיטינגען האָבן מיר צונויפגערופן עטלעכע מאָל אין טאָג, און קימאַט אין אַלע שטאָט־טיילן. די גרעסטע אויפמערקזאַמקייט אָבער האָבן מיר אָפּגעגעבן די אַרבעטער אין די עקן שטאָט, וואָס ס׳האָט אונז סאָפּקאָלסאָף געבראַכט גרויסע נוצן. די סימפּאַטיעס פון דער אָרימקייט איז געווען אַף אונזער צאַד און אין די טעג פון די וואַלן האָט זי אַסאַך שטימען אָפּגעגעבן אונזער פּאַרטיי.

די פּלאַנמעסיקע פאַנאַנדערטיילונג פון די אַגיטאַטאָרן איבער די מיליטער־טיילן און אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס האָט אונז באַדייטנדיק פאַרגרינגערט דעם קאַמף קעגן „סאָציאַליסטישן בלאָק“. ס׳איז ניט געווען בוכשטעבלעך קיין איין מיטינג, קיין איין אַרבעטער־פאַרזאַמלונג, אַף וועלכער די באָלשעוויקעס זאָלן ניט אַרויסטרעטן, ווי אָפּאָנענטן.

... ענדלעך איז די וואַל־קאַמפּאַניע דורכגעגאַנגען ... די רעזולטאַטן זיינען געווען אומדערוואַרטעטע, און אין דער ערשטער ריי — פאַרן „סאָציאַליסטישן בלאָק“. די פּשאָרעס־פּאַרטייען האָבן באַקומען עטוואָס מער פון 30 ערטער, די איבעריקע 18 צעטלען האָבן באַקומען צו עטלעכע ערטער, און אונזער פאַרפאָלגטע און פאַריאָגטע, אָקאָרשט אַנטשטאַנענע, אָרגאַניזאַציע האָט באַקומען 16 ערטער.

נאָך דעם ניצאָכן האָבן מיר דערפילט אַ צופלוס פון נייע קרעפטן. אַף אונז האָבן געקוקט מיט האָפענונג די אַרבעטער־און סאָלדאַטן־מאַסן.

III. די פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונג.

47. די פראָפבאַוועגונג אין ווייסרוסלאַנד.

(מ כ. „די פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונג אין צאָפּן-מאַירעוו-געגנט”. „דאָס פּראָפעסיאָנעלע לעבן”. נומ. 4 פון 27-טן יוני 1917).

אוף דער בונדישער קאָנפערענץ פון צאָפּן-מאַירעוו-געגנט [23] זיינען געווען פאַרטרעטער פון 23 שטעט און שטעטלעך פון דעם ראַיאָן. לויט די באַריכטן פון די דעלעגאַטן געפינען זיך אין די אַלע ערטער 126 פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען, אין וועלכע עס זיינען אָרגאַניזירט איבער 35.000 אַרבעטער, אויסער די אייזנבאַן-אַרבעטער אין האָמעל, וואָס האָבן זיך ניט פאַראייניקט מיט די מעטאַליסטן און האָבן געגרינדעט אַן אייגענעם פאַריין, וואָס ציילט בערך 8000 מיטגלידער.

דאָס ערשטע אָרט פאַרנעמט וויטעבסק מיט איבער 10.000 אָרגאַניזירטע אַרבעטער, דאַן קומט מינסק, האָמעל, סמאָלענסק מיט 5000, מאָלעוו 3000 און באָברויסק 2000 אָרגאַניזירטע אַרבעטער. די איבעריקע זיינען קליינע שטעטלעך מיט אייניקע קליינע פאַריינען, וואָס ציילן אינגאַנצן 100—500 אָרגאַניזירטע אַרבעטער. אין א פּאָר שטעטלעך איז געגרינדעט געוואָרן 1 פאַריין פון אַלע פאַכן צוזאַמען.

... דער כאַראַקטער פון דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג אין דער גאַנצער געגנט איז ביכלאַל אַן איינהייטלעכער — מיט דיזעלבע מאַילעס און כעסרוינעס. אויסגענומען סמאָלענסק, וואו דער כאַראַקטער פון די האָרטיקע פאַריינען איז מער ענלעך צו די פאַריינען פון צענטראַל-רוסלאַנד.

די פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונג שפּילט איצטיקן מאָמענט א באַדייטנדע ראָלע אינם אַרבעטער-לעבן פון דער געגנט. די פאַריינען וואַקסן אומעטום ווי שוועמלעך נאָך א רעגן און ברענגען אַריין אַן אויסבעסערונג אין דער עקאָנאָמישער לאַגע פון די אַרבעטער. דער 8-שעהיקער אַרבעטס-טאָג איז איינגעפירט כמעט אין אַלע קליינע שטעטלעך, וואו עס איז נאָר פאַראַן א פּאָר צענדליק אַרבעטער.

מע קאָן אָבער אַף קיין פאַל ניט זאָגן, אז די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען זיינען פעסט און זיכער אוועקגעשטעלט געוואָרן. עס הערשט א פיבערהאַפטע אַר-

בעט, און די גאנצע ענערגיע פון די פראפעסיאנעלע טוער נעמען אפ איינצלנע גרעסערע אדער קלענערע קאנפליקטן. די דיסציפלין אין די פאריינען איז זייער שוואך, אפט ברעכן אויס שטרייקן אן דער האסקאמע און אפילע אן דעם וויסן פון דער פארוואלטונג. מע מוז מודה זיין, אז די ברייטע מאסע איז נאך ניט אויסגעוואקסן צו א באוואוסטזיניקער פרייער דיסציפלין. זיי מוזן ערשט דערצו דערצויגן ווערן, און דאס איז איינע פון די נאענטסטע אויפגאבן פון די פראפעסיאנעלע ארגאניזאציעס. די בעסטע דערפארונג אינם פראפעסיאנעלן לעבן האבן די דרוקער, און זייערע פאריינען זיינען פיל פארגעשריטענער לעגאבע די איבעריקע פאכן. די גרעסטע פאריינען אין דער געגנט זיינען פון נאדל-פאך, לעדער-פאך און האנדלס-אנגעשטעלטע. די דריי צווייגן קאנען שוין אנהויבן טראכטן וועגן שאפן צענטראלע געגנט-פארבאנדן פון די פאכן. אין אייניקע פאריינען פונם נאדל-פאך איז שוין דעריבער גערעדט געווארן און עס האט געפונען אן אפקלאנג. דאן וועט אויך מעגלעך ווערן אויפצולעבן זייער צענטראל-ארגאן „דער שניידער“, נאך וועלכן זיי בענקען זייער.

שטאטישע צענטראל-ביוראען זיינען פאראן אין 5 שטעט פון דער געגנט און אין נאך אייניקע ווערט ארגאניזירט. ביכלאל זיינען נאך די צענטראל-ביוראען אין פראצעס פון געשאפן ווערן, זיי האבן זיך נאך ניט אינגאנצן קלאר געמאכט זייערע פונקציעס און זייער קאמפעטענץ.

דער גרעסטער טייל פון די פאריינען זיינען קימאט אויסשליסלעך פון אידישע מיטגלידער, כאטש אפילע זיי שטייען אפן אינטערנאציאנאלן שטאנדפונקט. די סיבע איז פאשעט, וואס אין אייניקע פאכן זיינען באשעפטיקט נאר אידישע ארבעטער. די גרעסטע צאל רוסישע ארבעטער, פון 20 ביז 30 פראצ., געפינען זיך אין בוי-ארבעטער-און מעטאליסטן-פאריינען. אין אלע פאריינען, וואו עס זיינען פאראן מיטגלידער רוסן, ווען אפילע אין א קליינער צאל, ווערן די פארזאמלונגען געפירט אף ביידע לעשונעס. די זיצונגען פון פארוואלטונג, וואו עס קומט אריין א רוס, ווערן געפירט אף רוסיש, אויב ער פארשטייט ניט קיין אידיש (דאס, וואס קריסטלעכע ארבעטער פארשטייען אידיש, איז דארטן ניט קיין זעלטנהייט).

גאנץ אנדערש איז עס אין די פאריינען פון די האנדלס-אנגעשטעלטע. זייערע פאריינען זיינען דורכויס קימאט א ריין אידישע, און די פארזאמלונגען און זיצונגען ווערן געפירט אף רוסיש...

48. די וויטעבסקער פראפפאריינען און די באלשעוויקעס.

(ב. פינסאן: „דורכגעגאנגענע עטאפן“. זאמלבוך „קראסנאיא ביל“. ז. ז. 70—77).

...דער פראפפאריין פון די מעטאליסטן, וועלכער האט אין 1917 יאר געציילט ביז 400 מיטגלידער, איז אין זיין צייט ארגאניזאציאנעל צונויפגעגאסן געווארן פון צוויי פאריינען — טראמוואי-ארבעטער און מעטאליסטן.

די מאסאווע מיטגלידער פון פאריין און די ערשטע פארוואלטונג, אחוץ בלויז איין מיטגליד,... זיינען צוגעשטאנען צום באלשעוויזם גלייך ווי דער לעצ-

טער האָט זיך אָרגאַניזירט אין שטאָט, אָבער אין אָרגאַניזאַציע איז אַריינגעטראָטן נאָר זיין פּאָרזיצער, און דערנאָך אויך עטלעכע מיטגלידער פון דער פאַרוואַלטונג.

...דער פּראָפעסיאָנעלער פאַריין פון די מעטאַליסטן האָט אויפגעהאַלטן אין זיין פאַרהעלטנישמעסיק קליינעם אייניציקן צימער דעם פאַרפאַלגטן און געפּלאָגטן באָלשעוויסטישן קאָמיטעט. די מאַסאָווע אומפּאַרטייאישע מיטגלידער פון פאַריין האָבן גערן גענומען די באָלשעוויסטישע ליטעראַטור און געווייסנהאַפט זי פאַרשפּרייט ניט נאָר צווישן זייערע כאַווייירים פון פאַריין און פאַך, נאָר אויך צווישן אַרבעטער פון אַנדערע פאַריינען און פאַכן. דער מעטאַליסטן־פאַריין האָט אָנגענומען אַ באַשלוס אין מיטן סעפּטיאַבר: „45 פּראָצ. פון דער ברוטאָ־האַכנאָסע פונם אָוונט, וואָס דער פאַריין האָט איינגעאָרדנט, אָפּגעבן דער באָלשעוויסטישער אָרגאַניזאַציע“, — און לעסאָף האָט דערזועלביקער פאַריין אין די נאָיאַבער־טעג 99 פּראָצ. פון זיינע אַרבעטער־שטימען בּאַ די וואַלן אין גרינדונגס־פאַרזאַמלונג אָפּגעגעבן דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי.

...די מעטאַליסטן האָבן גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל דירעקט אינם סאַמע רעוואָלוציאָנערן קאַמף פון די אָקטיאַבער־טעג.

דער צווייטער פאַריין, וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזן, ווי ס'האָט זיך געדוכט, גאַנץ אומדערוואַרטעט, אַף דער זייט פון אונזער פּאַרטיי — איז געווען דער פאַריין פון די אַרבעטער פון דער פאַבריק „דווינאַ“.

אין אים האָבן געאַרבעט די סאַמע פאַרביסענע מענשעוויקעס, און באָלשעוויזם איז דאָרט געווען אַן אויסערגעוויינלעך זעלטענע דערשיינונג. אָבער איבער דעם אַרבעטערס געדאַנק האָבן אַסאַך און ענערגיש געאַרבעט די פּאָליטיש דערצויגענע סאָלדאַטן פון די אַרבעטער־דרוזשינעס און פון דער טעכנישער קאָמאַנדע, וואָס האָבן זיך געפונען אינם ראַיאָן „מאַרקאָווטשינאַ“...

אין רעזולטאַט, ניט געקוקט אַף אַ ריי אַרויסטרעטונגען פונם מענשעוויסטישן לידער אַבראַמאָוויטש און אַנדערע באַ די אַרבעטער און אַרבעטערינס פון דער פאַבריק „דווינאַ“, האָבן זיי אין צאָל פון 1500 אָפּגעגעבן זייערע שטימען די באָלשעוויקעס, און אַזוי כאַווערש, באַוואוסטזיניק־רעוואָלוציאָנער און דעמאָנסטראַטיוו האָבן זיי עס דורכגעפירט, אַז זיי האָבן געבראַכט אין אַ ווילדן קאַעס די מענשעוויקעס און עסערן.

דאָס דריטע אָרט דאַרף מען אָפּגעבן דעם פּראָפעסיאָנעלן פאַריין פון די לעדער־אַרבעטער. עמעס, די מענשעוויסטישע פאַרוואַלטונג האָט זיך געהאַלטן אין אים אַזש ביז דער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע און אַפילע אַביסל דערנאָך. פונדעסטוועגן אַליין פאַר זיך איז דער פאַריין געווען אַ רעוואָלוציאָנערער, זיינע מאַסאָווע מיטגלידער האָבן אין אונזערע רייען פאַרנומען ניט דאָס לעצטע אָרט...

דאָ קאָן מען אָנווייזן פון די יונגע כאַווייירים: לוריע, ליטווינאָוו, ראַבין, און אַנדערע. און פון די עלטערע: איסיאָנאָוו, צעמאַך, אייזנבערג, דערנאָך — יאַן אַלקאָווסקי א.א.וו....

...ערעוו דער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע איז דער פאַריין, וועלכער האָט דעמאָלט געציילט טויזנט מיטגלידער, ווייט אַוועק אַף ליינקס פון זיין פשאַרע־

מאכערישער פארוואלטונג. ס'האט זיך געבילדעט א פאליטישער שפאלט, דורך וועלכן ס'זיינען גלייך אריינגעדרונגען די באלשעוויקעס, קעדיי שוין ענדגילטיק באפרייען דעם פאריין פון זיין אפארטוניסטישער אנפירונג...

...אינם בוי־ארבעטער־פאריין, וואס האט געציילט ביז 350 מיטגלידער פון פארשיידענע צווייגן פונם בויפאך, זיינען מיטן באלשעוויזם געווען דורכגעדרונגען בלויז די יונגע מיטגלידער פונם פאריין. לעערעך אין סעפטעמבער 1917 האט א באריכט, וועלכן ס'האט אפגעגעבן א בוי־ארבעטער, א פארטיי־מיטגליד, כ' כאשין, אף א זיצונג פון פארטיי־קאמיטעט געשילדערט דעם צושטאנד פון פאריין אזוי: „די פארוואלטונג, האבנדיק א פשארעמאכערישע מערהייט, האט אינגאנצן פארלארן דעם אויטאריטעט בא דער מיטגלידערשאפט פונם פאריין; די לעצטע שטייען צו אין זייער סאמע אקטיוון פליגל צו די באלשעוויקעס; אף דער נאענטסטער פארזאמלונג וועט זיך, מעגלעך, איינגעבן אראפצווארפן די אפארטוניסטישע מערהייט פון דער פארוואלטונג און אויסוויילן באלשעוויקעס"...

...פאליטיש אפגעשטאנען האט זיך ארויסגעוויזן דער נאדל־ארבעטער־פאריין. עמעס, צווישן די פארוואלטונגס-מיטגלידער האט זיך געפונען א יונגער ארבעטער, א פארטיי־מיטגליד גורעוויטש, וועלכער האט פונם סאמע אנהויב גענוג ענערגיש געארבעט, אנטשלאסן און אומאויפהערלעך קעמפנדיק פאר די באלשעוויקעס, נאר זייענדיק הארט איינזאם, האט ער, פארשטענדלעך, ניט געקאנט דערשלאגן זיך ערנסטע רעאלע רעזולטאטן.

שפעטער זיינען אין פאריין צוגעקומען צוויי שטארקע טוער, אלטע פארטיי־באוויירים, באסמאן און טשערנוכין, נאר ביז סאמע אקטיאבער איז ניט געלונגען צו צעוויגן, אויפצוואועקן די מאסע און ווי געהעריק אוועקשטעלן דעם פאריין אף באלשעוויסטישע פים ...

...מע קאן ניט פארביגיין דעם גרויסן פאריין פון די האנדלס־אינדוסטריעלע אנגעשטעלטע, וועלכער האט געציילט העכער 700 מיטגלידער. די גאנצע צייט פון דער רעוואלוציע האט ער זיך געפונען אונטערן אידייאישן איינפלוס פון די מענשעוויקעס און בונדאוצעס...

...לויט זיינע שטימונגען און פאליטישע סימפאטיעס איז דער פראפאריין פון די הרוקער אינם 1917 יאר ניט וווייט אוועק אף ליניקס פון די האנדלס־אינדוסטריעלע אנגעשטעלטע.

...אונטער דער אנפירונג פון די מענשעוויקעס און עסערן האט זיך געפונען דער פאריין פון די בערשטער. מע קאן ניט זאגן, אז אונזער פארטיי איז לעגאמרע ניט געווען פארגעשטעלט אין דער פארוואלטונג פונם פאריין. איין פארטיי־באוועער איז געווען אין דער פארוואלטונג. אין דער סאמע ארבעטער־מאסע זיינען געווען באלשעוויקעס און מיטפילנדיקע ביז און נאך דער אקטיאבער־איבערקערעניש, נאר קיין גרויסן איינפלוס האבן זיי ניט געהאט, געפינענדיק זיך הארט אין א גישטיקער מינדערהייט.

דער פאריין האט געציילט העכער 200 מיטגלידער און אינם 1917 יאר האט ער מיט ערפאלג דורכגעפירט דריי עקאנאמישע שטרייקן.

...אינם פאריין פון קונסט־טוער האט דער באלשעוויזם געהאט אביסל מער איינפלוס, ווי אינם דרוקער־פאריין.

ס'איז שווער צו דערקלערן די אורזאך פון אט דער פאליטישער דערשיינונג, גאר אזוי איז עס געווען. צווישן די פארוואלטונג־מיטגלידער געפינען מיר אינם 1917 יאר א גאנץ איינפלוסרייכע באלשעוויסטישע גרופע, וועלכע האט געשאפן די פאליטישע ליניע פונם פאריין. אין ארבעטער־ראט האט די אלגעמיינע פארזאמלונג פונם פאריין געשיקט א באלשעוויק; די שטרייקן, וואס זיינען דורכגעפירט געווארן, האבן אף זיך געטראגן דעם שטעמפל פון דער רעוואלוציאנערער פארטיי פונם פראלעטאריאט.

דער פאריין האט ארומגעכאפט ביז 350 ארבעטער און אנגעשטעלטע פון קינא־טעאטער, פאטאגראפיעס, סצענע, ארקעסטער א. ד. גל.

...דער פאריין פון אנגעשטעלטע־פארמאצעווטן, וואס איז ארגאניזירט געווארן דעם 1-טן אפרעל 1917 דורך קאדעטישע עלעמענטן, האט זיך שטארק געשטעלט קעגן דעם, אז אין דער פארוואלטונג פונם פאריין זאל אריינגיין א פארשטייער פון די רעוואלוציאנער־געשטימטע אפטייק־שילער כ' ל. קאגאן.

... אין פארוואלטונג פונם פאריין ביזן סאמע אקטיאבער איז דער איינציקער באלשעוויק געווען דער כאווער פיסמאניק...

49. דער קאמף פון די לעטישע באלשעוויקעס קעגן בונד אין דער פראפבאוועגונג.

(מ. דאגסקאי: קארעספאנדענץ פון ריגע. „דאס פראפעסיאנעלע לעבן" 1917, נומ. 10).

...די ערשטע טעג פון דער רעוואלוציע האבן מיר צוזאמען מיט די לעטן ארגאניזירט דעם פראפעסיאנעלן פאריין פון נאדל־פאך. עס האבן זיך פארשריבן ביז 1200 מיטגלידער. אונטער דער צאל זיינען ביז 350 אידישע מיטגלידער. א טייל פון זיי, די מער אקטיווערע, זיינען אויך געווארן מיטגלידער פון „בונד".

דעם 16-טן אפרעל איז פארגעקומען אן אלגעמיינע פארזאמלונג. עס איז אויסגעקליבן געווארן א פארוואלטונג, אין וועלכער עס זיינען אריין צוויי אידישע כאווירים.

דעם 21-טן אפרעל האבן מיר ארגאניזירט א שטרייק פון דאמענשניידער, וועלכער עס האט זיך נאך א שווערן 9-וואכיקן קאמף ביסלעכווייז געענדיקט מיט אן ערפאלג פאר די ארבעטער. נאך דעם שטרייק פון די דאמענשניידער האבן געשטרייקט מענער־שניידער, וועש־ניטערקעס, זאקן־מאכערקעס און מיצנמאכער. די שטרייקן האבן זיך געענדיקט מיטן זיג פון די ארבעטער. די הויפט־פארדערונג איז געווען: דער 8-שאאיקער ארבעטס־טאג.

אין דער צייט פון די שטרייקן האבן מיר ניט געהאט די מעגלעכקייט צוצוטרעטן צו דער קולטורעלער ארבעט. איצט אבער שטייט פאר אונז זייער ערנסט די פראגע: בלייבן אדער ארויסגיין פון פאריין.

...דעם 26־טן יוני האָט מען אויף א זיצונג פון דער פאַרוואַלטונג באַשטימט אויסצושרייבן 3 לעטישע טעגלעכע צייטונגען. מיר האָבן פאָרגעלייגט, אז מע זאָל פאַר די אידישע מיטגלידער אויסשרייבן „דאָס פּראָפּעסיאָנעלע לעבן".

און מיר האָבן דערקלערט נאָך דער אָנפראַגע, וואָס דאָס איז פאַר א זשור־נאַל, אז „דאָס פּראָפעסיאָנעלע לעבן" איז אן אָרגאַן פון דער פּראָפּעסיאָנע־לער קאָמיסיע באַם צ. ק. פון „בונד", זייענע אַרויסגעטראָטן די לעצטן און האָבן דערקלערט, אז דער „בונד" איז א בורזשואַזע פּאַרטיי, אז ער גייט צוזא־מען מיט די קאַדעטן און מיט סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן. אונזערער א באַוועד־האָט דערקלערט, וואָס איז דער „בונד" פאַר דעם אידישן אַרבעטער און ווי וויכטיק עס איז פאַרן אידישן אַרבעטער דער אָרגאַן. האָט מען אים געענטפערט, אז אַמאָל איז דער „בונד" געווען אן אַרבעטער־פּאַרטיי, איצטער איז ער א פאַרקויפטער די בורזשואַזע אינטערעסן. אונזער פאָרשלאַג אויסצושרייבן די צייטונג האָט מען געשטעלט צום אָפּשטימען, און ער איז אָפּגעוואָרפן געוואָרן.

דעם 15־טן יולי האָבן מיר צוזאַמענגערופן א פאַרזאַמלונג פון אידישע מיטגלידער. עס זייַנען געווען 115 מענטשן. מיר האָבן אָנגענומען א רעזאָלוציע, אין וועלכער עס זאָגט זיך, אז די איינציקע פּאַרטייַדיקונג און דערפאַרונג אין אונזער קלאַסן־קאַמף קאָנען מיר געפינען אין דעם אידישן אָרגאַן „דאָס פּראָ־פעסיאָנעלע לעבן", און דעריבער בעטן מיר די פאַרוואַלטונג צו באַטראַכטן נאָך א מאָל די פראַגע וועגן אויסשרייבן דעם זשורנאַל.

די פראַגע איז אויף דער פאַרוואַלטונג נאָך א מאָל באַטראַכט געוואָרן דעם 16־טן יולי און מע האָט פאָרגעלייגט אַנשטאָט „דאָס פּראָפעסיאָנעלע לעבן" אויסצושרייבן „פּראַווּדאַ". מיר האָבן אויף דעם ניט איינגעשטימט און אונזער פאָרשלאַג איז צום צווייטן מאָל אָפּגעוואָרפן געוואָרן. מיר האָבן מיט פּראָטעסט פאַרלאָזן די זיצונג.

50. קיעווער שניידער שטיצן די באָלשעוויקעס.

(„א בײַשפּיל, וואָס פאַרדינט, מע זאָל אים נאָכטאָן". „גאָלאָס סאָציאַל־דעמאָקראַטא", 1917, נומ. 60).

די אַרבעטער פון מיליטער־מונדירן־רעמאָנטוואַרשטאַט פון שולמאַן און האַזענמאַן (קירילאָווסקע נומ. 35) האָבן איינגעאָרדנט א קאָלעקטיוון אָבאָנע־מענט אויפן „גאָלאָס סאָציאַל־דעמאָקראַטא"*) אין דער צאָל פון 150 עקז. (סאַכאַקל אַרבעט אין וואַרשטאַט 230 מאַן).

אויף דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג פון די אַרבעטער פון וואַרשטאַט דעם 21־טן יוני איז באַשלאָסן געוואָרן, אז אַלע, וואָס פילן מיט דער צייטונג „גאָלאָס סאָציאַל־דעמאָקראַטא", זאָלן אַראָפּרעכענען לעטוועס דער צייטונג יעדן חודש 1 פּראָצענט פון די שכירות, ווייל די אַרבעטער־צייטונג קאָן ניט עקזיסטירן אָן דער אונטערשטיצונג פון די אַרבעטער.

*) טעגלעכע צייטונג פון קיעווער קאָמיטעט ר. ס. ד. א. פּ. (באָלשעוויקעס).

51. דער בונד קעגן דער אַנאַרכיסטישער ראָלע פון די פאַבריק־קאָמיטעטן

(לאָנו: „די פאַבריק־קאָמיטעטן“[24]). „דאָס פּראָפעסיאָנעלע לעבן“. נומ. 4 פון 27־טן יוני 1917.)

...די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען און די פּאָליטישע פּאַרטייען האָבן אַרויסגעשטעלט די פאָדערונג — קאָנטראָלירן און רעגולירן די פּראָדוקציע. דאָס דאַרף פאַרווירקלעכן די מלוכה. נאָר דערווייל האָט זי נאָך אַזוינע אָרגאַנען ניט באַשאַפן. אין איינציקע פאַבריקן אין פּעטראָגראַד און אין דער פּראָווינץ פאַרווירקלעכן דעם קאָנטראָל די פאַבריק־קאָמיטעטן. עס פאַרשטייט זיך, אַז די פאַבריק־קאָמיטעטן קאָנען ניט פאַרבייטן די מלוכה־אָרגאַנען, וועלכע דאַרפן צו דעם ציל באַשאַפן ווערן.

די פּעטראָגראַדער פאַבריק־קאָמיטעטן האָבן זיך צונויפגעקליבן אויף אַ קאָנפערענץ און האָבן אויסגעקליבן אַ צענטער. זיי שטרעבן צו פאַראייניקן זיך מיט די פאַבריק־קאָמיטעטן פון גאַנץ רוסלאַנד.

בײַ דעם ענגן צוזאַמענבונד, וועלכער עס עקזיסטירט צווישן די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, פּאָליטישע פּאַרטייען און די פאַבריק־קאָמיטעטן, בײַ זייער שטרעבונג צו אָרגאַניזאַציע און צענטראַליזאַציע, איז זייער וויכטיק די קאָמפּעטענץ־פאַנאַנדערטיילונג צווישן די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, פּאָליטישע פּאַרטייען און די פאַבריק־קאָמיטעטן.

בײַ אַ געוויסער קאָמפּעטענץ־פאַנאַנדערטיילונג צווישן די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, פּאָליטישע פּאַרטייען און פאַבריק־קאָמיטעטן קאָנען די פאַבריק־קאָמיטעטן שפּילן אַ גרויסע ראָלע אין קלאַסן־קאַמף, אין פאַרגרעסערן די אַרבעט פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען און פּאָליטישע פּאַרטייען. זיינען זייערע קאָמפּעטענצן ניט פאַנאַנדערגעטיילט, ווייס יעדע אָרגאַניזאַציע ניט, וואָס זי דאַרף טאָן און וואָס ניט, וואָס זי קאָן באַשטימען און וואָס ניט, טראָגן דאָן די פאַבריק־קאָמיטעטן אין זיך אַ גרויסע געפאַר פאַר דער איינהייט פון קלאַסן־קאַמף.

די פאַבריק־קאָמיטעטן פירן איצט אָן דעם עקאָנאָמישן און פּאָליטישן קאַמף, זיי זיינען פאַראייניקט אין איין צענטער. דאָסזעלביקע אויך די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען. ניט אַלע אַרבעטער פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען גייען אַריין אין דער אָרגאַניזאַציע פון פאַבריק־קאָמיטעטן, ווען אין די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען זיינען אָרגאַניזירט אויך די אַרבעטער פון האַנטווערקעריי און קליין אינדוסטריע, וועלכע האָבן קיין פאַבריק־קאָמיטעטן ניט.

די פאַבריק־קאָמיטעטן זיינען געקליבן פון אַלע אַרבעטער פון פאַבריק, אָבער ניט אַלע אַרבעטער זיינען פאַרשריבן אין פּראָפ. פאַראיינען. דערום קאָן אין די עקאָנאָמישע, סײַ אין די פּאָליטישע אַרויסטרעטונגען קאָנען אָפט ניט שטימען די באַשלוסן פון איין צענטער און פון דעם צווייטן. דאָס ברענגט צו סטירעס און דעזאָרגאַניזאַציע.

מע דאַרף ניט פאַרגעסן דעם וויכטיקן אונטערשייד צווישן די פאַבריק־קאָמיטעטן און די איבעריקע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס. קעדיי דער אַרבעטער זאָל זיך פאַרשרייבן אין פּראָפעסיאָנעלן פאַריין, דאַרף ער לעבאַלאַפּאַכעס עפּעס וואָס פאַרשטיין וועגן די צילן פון אַ פּראָפעסיאָנעלן פאַריין, די מיטגלידער־

שאַפט אין אַ פּאָליטישער פּאַרטיי פאָדערט נאָך אַ גרעסערע באַוואוסטזיניקייט. דער פאַבריק־קאָמיטעט, ווי מיר האָבן געזאָגט, איז געקליבן פון אַלע אַרבעטער, קיינע באַוואוסטזיניקייט פאָדערט זיך ניט פון אַן אַרבעטער, קעדיי ער זאָל קלייבן דעם פאַבריק־קאָמיטעט, קיינע שטענדיקע היסכאַיוועס ליגט אויף אים האָט קלייבן ניט אַרויף. הייגט איז ער דאָ, קלייבט ער איין קאָמיטעט, מאָרגן גייט ער אַרבעטן אין אַן אַנדער פאַבריק, קלייבט ער אַן אַנדער קאָמיטעט.

... דערום געפינט אין די זאַוואָדסקע קאָמיטעטן אַזאַ גינסטיקן באָדן דער אַנאַרכיזם, דער לעניניזם, דער גרופּן־רעוואָלוציאָניזם (אַנאַרכאָ־סינדיקאַליזם), וועלכער גייט קעגן דעם קלאַסן־קאַמף.

די פאַבריק־קאָמיטעטן האָבן געשפּילט אַזאַ גרויסע ראָלע אין דער רעוואָלוציע, ווייל בײַ אונדז זײַנען קיין אַנדערע אָרגאַניזאַציעס ניט געווען. איצט האָבן די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען און די פּאָליטישע פּאַרטייען די פולע מעגלעכקייט זיך צו אַנטוויקלען און פאַרפעסטיקן. דער פּראָפעסיאָנעלער פאַריין דאַרף פירן די ברייטסטע אַגיטאַציע אין דער אַרבעטער־מאַסע און זען צוציען זי אײַנגאַנצן אין פאַריין. אין פּראָפעסיאָנעלן פאַריין דאַרפן אָנגענומען ווערן די באַשטימונגען וועגן עקאָנאָמישן קאַמף. נאָר דער פּראָפעסיאָנעלער פאַריין קאָן אָנפירן דעם עקאָנאָמישן קאַמף פון שטאַנדפּונקט פון קלאַסן־קאַמף.

נאָר קאָליזמאַן ער איז נאָך ניט גענוג שטאַרק... מוז דער פּראָפעסיאָנעלער פאַריין זוכן שטיצע אין פאַבריק־קאָמיטעט, ער דאַרף זען דורכפירן זײַנע באַשטימונגען דורכן פאַבריק־קאָמיטעט... עס דאַרף אָבער אַרײַנדרינגען אין באַוואוסטזיין פון די אַרבעטער, אַז נאָר דער פּראָפעסיאָנעלער פאַריין פירט אָן דעם עקאָנאָמישן קאַמף, אַז נאָר דאָרטן קאָנען אָנגענומען ווערן געוויסע אַבליגאַטאָרישע באַשטימונגען. דער פּראָפעסיאָנעלער פאַריין דאַרף שטרייטן מיט די פאַבריק־קאָמיטעטן, אויף וויפל יעדער קאָמיטעט וויל באַזונדער פירן דעם עקאָנאָמישן קאַמף אָן דער הסכּמה פון פאַריין.

וואָס אָנבאַלאַנגט דעם קאָנטראָל, רעגולירונג און אָרגאַניזאַציע פון דער פּראָדוקציאָן, אויף דערויף דאַרפן באַשאַפן ווערן מעלוכע־אָרגאַנען; סאַי אין די צענטראַלע, סאַי אין די אָרטיקע דאַרפן נעמען אַ געהעריקן אָנטייל די פאַבריק־קאָמיטעטן, אַלס אָרגאַניזאַציעס, וועלכע שטייען נעענטער צו דער פאַבריק, ווי אַלע איבעריקע, און ווייסן גענוי די פּראָדוקציאָנס־באַדינגונגען.

52. פאַר פאַרשטאַרקן די פּראָפפאַריינען אויפן כעשבן פון די אַרבעטער־ראַטן.

(י. זשעלעזניאַקאָוו: „די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען און די אַרבעטער־ראַטן”. „דאָס פּראָפעסיאָנעלע לעבן”. נומ. 3 פון 20־טן יוני 1917).

אין אַלע שטעט און שטעטלעך האָבן זיך געגרינדעט און גרינדן זיך פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען. פאַראַן אַזעלכע ערטער, וואו קיין פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס איז נאָך ניטאָ, און פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען זײַנען שוין דאָ. נאָר זייער

ווירקונג אף די אַרבעטער איז אַזוי קליין, אַז פאַר די טוער שטעלט זיך די פראַגע: „וואָס ווייטער?“ זיי פאַלן אַריין אין פּעסימיסטישע שטימונגען. די סיבע, וואָס די פאַריינען זיינען שוואַך און האָבן ניט קיין ווירקונג, ליגט אין אַ געוויסער מאָס אין די ראַטן פון די אַרבעטער־דעפּוטאַטן. די ראַטן, אַלס רעוואָלוציאָנערע אומפּאַרטייאישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, האָבן זיך אָנגעהויבן פאַרנעמען ניט נאָר מיט אַלגעמיינער רעוואָלוציאָנערער אַרבעט, ניט נאָר מיט אָרגאַניזירן די רעוואָלוציע, נאָר אויך מיט רעגולירן די פראַגע פון אַרבעט און קאַפּיטאַל. זיי האָבן באַשאַפן „אַרבעטס־אָפּטיילונגען“ אָדער „עקאָנאָמישע אָפּטיילונגען“, וועלכע פאַרנעמען זיך אויסשליסלעך מיט רעגולירן קאָנפליקטן, וואָס ברעכן אויס אין ווערקשטאַטן אָדער פאַבריקן. האָבנדיק דעם גרויסן אויטאָריטעט און די רעוואָלוציאָנערע קראַפט, זיינען זיי אימשטאַנד צו ווירקן אף די באַלעבאַטים און באַפרידיקן די אַרבעטער. דאָס באַשאַפט אין די אויגן פון אַרבעטער און באַלעבאָס די פאָרשטעלונג, אַז די ראַטן זיינען אַלמעכטיק און וואָס זיי ווילן זיינען זיי אימשטאַנד צו דערגרייכן. דערפאַר באַזוכן די אַרבעטער ניט די פאַריינען, פאַרשרייבן זיך ניט אַהין, און די באַלעבאַטים רעכענען זיך ניט מיט זיי.

מע דאַרף ניט פאַרגעסן, אַז די ראַטן זיינען צייטווייליקע אָרגאַניזאַציעס, אַז פריער־שפּעטער וועלן זיי אויפהערן צו עקזיסטירן. דאָס דאַרפן גוט געדענקען אַלע טוער פון דער פראָפעסיאָנעלער באַוועגונג, און אויך די, וואָס שטייען אין שפּיץ פון די ראַטן. דערפאַר דאַרפן שוין היינט די פראָפעסיאָנעלע פאַריינען איבערנעמען די גאַנצע ספּעציעלע פראָפעסיאָנעלע אַרבעט פון די ראַטן. די ראַטן דאַרפן אָפּשיקן יעדן, ווער עס קומט מיט טאַינעס און ביטעס, אין פאַריין. אַזוי וועלן זיך די פאַריינען פאַרשטאַרקן און באַקומען די געהעריקע ווירקונג און וועלן זיין אימשטאַנד איינהאַלטן די דערקעמפּטע פאַרבעסערונגען אין דער צייט פון דער רעוואָלוציע און אויך דאַן, ווען די רעוואָלוציאָנערע בוראַליע וועט אַריבער.

53. דער ערשטער לעגאַלער צוזאַמענפאָר פון בערשטער־בונד.

(מ. כ.: „דער בערשטער־צוזאַמענפאָר“. „דאָס פראָפעסיאָנעלע לעבן“. 1917 נום. 2).

שאַבעס, דעם 13־טן מאַי, האָט זיך געעפנט דער ערשטער לעגאַלער צוזאַמענפאָר פון די בערשטער אין ניזשני־נאָווגאָראָד. אפן צוזאַמענפאָר זיינען געווען 11 דעלעגאַטן פון ניזשני גופע און 8 דעלעגאַטן פון וויטעבסק, האָמעל, נעוועל, שקלאָוו, ליסקאָוואַ, צאַריצין, סטאַראָדוב און גאַדיאַטש — צו 1 דעלעגאַט פון יעדער שטאָט. די 19 פאָרשטייער זיינען דעלעגירט געוואָרן פון 744 מיטגלידער, פון זיי 580 דערוואַקסענע און 164 מינדעריאָריקע, יינגער ווי 16 יאָר; פון דער צענטראַל־ביוראָ פון בערשטער־בונד 3 פאָרטרעטער און איין פאָרטרעטער פון דער פראָפעסיאָנעלער קאָמיסיע באַם צ. ק. פון „בונד“. אינגאַנצן 23 פערזאָן.

צו דער עפענונג זיינען געקומען פארטרעטער פון אלע סאציאליסטישע פארטייען און ארבעטער־ארגאניזאציעס אין כיזשני (צו באגריסן דעם צוזאמענפאר.

...דעם באריכט פון צענטראל־ביורא לייענט דער כאווער בעליאיעוו. דער גרעסטער טייל פונם באריכט איז געווידמעט דעם שטרייק אין ניזשני, וואס האט געדויערט קימאט 9 וואכן, און כאטש אפילע ער האט זיך געענדיקט מיט א טיילווייזן ערפאלג, האט ער דאך אריינגעבראכט, אחוץ דער איינגעמאטערטקייט און נאך אנדערע צופעליקע סיבעס, א צערודערונג אין די רייען פון די בערשטער. נאך לאנגע דעבאטן וועגן דעם באריכט, אויסהערנדיק די דערקלערונגען פון צ. ב., בא וועלכע שווערע אומלעגאלע באדינגונגען איר איז אויסגעקומען צו ארבעטן, האט דער צוזאמענפאר אנגענומען אן איבערהאנגס־פארמול, אין וועלכער ער דריקט אויס דער צ. ב. זיין צוטרוי און אנערקענט איר ארבעט.

אין די באריכטן פון די ערטער ברענגען אריין א נייס די דעלעגאטן פון האמעל, וויטעבסק און סטאראדוב — אין די ערשטע צוויי שטעט זיינען מיט דער הילף פון די בערשטער ארגאניזירט געווארן די בערשטל־מאכער, אין דער לעצטער — די קריסטלעכע ארבעטער.

דער צווייטער פונקט פון טאג־ארדענונג: דער סטאטוט פונם פארבאנד נעמט אפ באם צוזאמענפאר קימאט א גאנצן טאג. איינזיקע פונקטן רופן ארויס לעבהאפטע דעבאטן. דער סטאטוט ווערט אנגענומען מיט איניקע שינויים. די גרונט־פרינציפן פונם סטאטוט זיינען פאלגנדע: דער פארבאנד איז א צענטראלער און שטרעבט צו פאראייניקן אלע בערשטער און בערשטל־מאכער אן אונטערשייד פון נאציע, געשלעכט און פאליטישער איבערצייגונג. די העכסטע אינסטאנץ פונם פארבאנד איז דער צוזאמענפאר; דער אויספירונגס־ארגאן — די צענטראל־ביורא, ווערט געוויילט פונם צוזאמענפאר. די ארטיקע פאראיינען, דורך זייערע אלגעמיינע פארזאמלונגען און פארוואלטונגען, זיינען אויטאנאם בא דער דורכפירונג פון דער ארטיקער ארבעט אין די ראמען פון די צוזאמענפאר־באשלוסן. קיין שטרייק טאר ניט דערקלערט ווערן אן דער האסקאמע פון צ. ב. לאקאלע שטרייקן פירן אן די ארטיקע פארוואלטונגען אונטערן קאנטראל פון צ. ב., אלגעמיינע — די צ. ב. אליין. דער שטרייק־פאנד געפינט זיך אינגאנצן אין רעשוס פון צ. ב. מיטגלידס־אפצאלן: איינטריטס־געלט א טאג־סכירעס לעטוווערס דעם שטרייק־פאנד, וועכנטלעכער אפצאל $^1/_2\%$ פון די סכירעס; דערפון 70% אף ארטיקע אויסגאבן און 30% פאר דער צ. ב. דער צוזאמענפאר באשטעטיקט די אינסטרוקציעס וועגן שטרייק־פאנד און שטרייק־אונטערשטיצונג און וועגן ארבעטסלאזע־אונטערשטיצונגען.

... וועגן 4־טן און 5־טן פונקט פון טאג־ארדענונג האט דער צוזאמענפאר אנגענומען פאלגנדע רעזאלוציע: אין אזע שטעט „וואו עס איז פארהאן בערשטער־פאראייגען, דארפן די פארוואלטונגען צוציען צום פאריין די קריסטלעכע בערשטער און בערשטל־מאכער. אין די איבעריקע שטעט ווענדט זיך די צ. ב. צו די שטאטישע צענטראלע פראפעסיאנעלע קאמיסיעס און די פראפעסיאנעלע אר־

גאַניזאַציאָנס־קאָמיסיעס באַ די ראַטן פון די אַרבעטער־דעפּוטאַטן צו אָרגאַניזירן די בערשטער און בערשטל־מאַכער און אָנשליסן זיי צום פאַרבאַנד. אויסערדעם, מאַכט די צ. ב. באַקאַנט אין אַלע ס.־ד. צייטונגען און פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַנען וועגן דער גרינדונג פונם פאַרבאַנד.

וועגן 6־טן פונקט: אַלע פאַריינען אַף די ערטער זיינען מחויב צו זאָרגן, אַז אַלע בערשטער־פאַבריקן און וואַרשטאַטן זאָלן זיך גלייך צושרייבן צו די קראַנקען־קאַסעס.

וועגן 7־טן פונקט: דער בערשטער־פאַרבאַנד שטרעבט דערצו, אַז דער 1־טער מאַי זאָל אָנערקענט ווערן פון די באַלעבאַטים פאַר א יאָנטעוו, פאַר וועלכן עס דאַרף געצאָלט ווערן סכירעס.

דער צוזאַמענפאָר הערט אויס די געלט־רעכענונג פון צ. ב. פאַר $1/_2$ יאָר. האַכנאָסע: 17.754 ר. 81 ק. אין קאַסע: 369.28. הוצאָע: 17,385 רובל. דערפון 12.867 אַף שטרייק־אונטערשטיצונג און 5.417,33 אָרגאַניזאַציאָנס־הוצאָעס — אַף איין קאָנפערענץ און 2 צוזאַמענפאָרן אין רייזע־הוצאָעס פון צ. ב. אַף צו באַזוכן דעם ראַיאָן. די געלט־רעכענונג איז נאָך הייסע דעבאַטן וועגן א פּאָר פונקטן איינגאַנצן אָנגענומען געוואָרן.

צום שלוס וויילט דער צוזאַמענפאָר א צ. ב. פון 7 פּערזאָן — 5 פון צענטער און 2 פון ראַיאָן — און א צענטראַלע רעוויזיאָנס־קאָמיסיע פון 3 פּערזאָן.

נאָך 3 טעג און איין נאַכט אָנגעשטרענגטער אַרבעט ווערט דער צוזאַמענפאָר געשלאָסן.

45. די דריטע אַלרוסלענדישע קאָנפערענץ פון די פּראָפאַריינען וועגן דער אַרבעט פון די נאַצמינדערהייט.

(רעזאָלוציע פון דער פּלענאַרער זיצונג דעם 27־טן יוני 1917. „דאָס פּראָפעסיאָנעלע לעבן“. 1917, נומ. 5—6).

1) די אַרבעטער פון אַלע נאַציאָנען אָרגאַניזירן זיך אין פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען פעסט צוזאַמען. די פינאַנסן, אַדמיניסטראַציע און דער עקאָנאָמישער קאַמף פון די פאַריינען טאָרן ניט זיין צעטיילט.

2) קעדיי אָנצופירן די קולטורעלע אויפקלערונגס־אַרבעט צווישן די אַרבעטער פון פאַרשיידענע נאַציאָנען קאָנען געבילדעט ווערן אינם פאַריין נאַציאָנאַל־קולטורעלע קאָמיסיעס, אונטער דער אָנפירונג פון דער אַלגעמיינער קולטורעלער אויפקלערונגס־קאָמיסיע, אַף די מיטלען פון דער אַלגעמיינער קאַסע פון פאַריין.

3) אַף די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונגען האָבן די אַרבעטער דאָס רעכט צו רעדן אַף זייער אייגענער שפּראַך.

לויט דער פאָדערונג פון די אָנוועזנדיקע אַרבעטער אַף דער פאַרזאַמלונג, ווערט איבערגעגעבן דער אינהאַלט פון די רעדעס, וואָס ווערן דאָרט געהאַלטן, אַף דער שפּראַך, וואָס זיי פאַרשטייען.

55. די „פאריניקטע“ און דער בונד אף דער דריטער אלרוסלענדישער קאָנפערענץ פון די פראָפאַריינען.

(מגן: „ארום דער פראָפעסיאָנעלער קאָנפערענץ“, „דער אידישער פראָלעטאַריער“, 1917, נומ. 6—7, ז. ז. 23—26).

די דריטע קאָנפערענץ פון די רוסלענדישע פראָפ. פאַריינען (20 — 27 יוני) איז באַשטאַנען העכער פון 200 מאַן, די גרעסטע און אמשטאַרקסטן אָרגאַניזירטע פראַקציע איז געווען די באָלשעוויסטישע. זי האָט געציילט צוזאַמען מיט די אינטערנאַציאָנאַליסטן און א טייל ס. ר.־ן העכער 80 מיטגלידער, און איבער דער קאָנפערענץ איז די גאַנצע צייט געהאַנגען די באָלשעוויסטישע געפאַר.

...די רעכטע געפאַר האָט געצוואונגען אַלע איבעריקע פראַקציעס צו שליסן א בלאָק אף דער פלאַטפאָרם פון „איינהייט“ פון דער פראָפעסיאָנעלער באַוועגונג. אין בלאָק זיינען אריין 4 פראַקציעס (אפן פלענום פלעגט ער צונויפקלייבן העכער הונדערט שטימען).

...עס איז נאָך געבליבן איינצוטיילן 8 ערטער (אין ראַט) צווישן די פראַקציעס, וואָס גייען אריין אין בלאָק, נאָר דאָ האָבן די מענשעוויקעס מיט די בונדיסטן געפרואווט דורכפירן א דאָפלטע בוכהאַלטעריע;... אונזערע מיט די ס.-ר. זיינען אַלע פאַרבאַלאָטירט געוואָרן. מיט דעמדאָזיקן צעטל איז מען געקומען אפן פלענום און מע האָט שוין געוואָלט אף גיך אים דורכפירן. דאַן איז אַרויסגעטראָטן אונזערער א כאַווער, וואָס האָט אויפגעדעקט די צוויעס פון דער בלאָק־מערהייט, האָט געפאָדערט פראָפאָרציאָנעלע וואַלן און געבעטן אָפלייגן די וואַלן אף מאָרגן, קעדיי מע זאָל קאָנען די וואַלן אָרגאַניזירן ווי געהעריק איז. די ס.ר.־ן האָבן געשטיצט אונזער פאָרשלאַג און די וואַלן זיינען אָפגעלייגט געוואָרן.

... אין ראַט גייען איצט אריין: 17 באָלשעוויקעס, 14 מענשעוויקעס, 2 עס־ערן, 1 פון די „פאַר. איד. סאָציאַליסטן“ און איין בונדיסט.

אף דער נאַציאָנאַלער פראַגע האָט די קאָנפערענץ געקוקט קרום. רעדן וועגן א נאַציאָנאַלן איניען האָט געהייסן געפינען אן אומכיין בא דער פאַרזאַמלונג. דער פרעזידיום האָט זיך געסטאַרעט, ווי ווייט מעגלעך, צו פאַרהיטן די קאָנפערענץ פון דער „נאַציאָנאַליסטישער“ געפאַר... בא דערדאָזיקער אלגעמיינער שטימונג וואָס האָט — גאָטס ניסים — פאַריניקט די באָלשעוויקעס מיט די מענשעוויקעס, איז דער מאָזל פון די נאַציאָנאַלע פאָדערונגען געווען שוין פאָרויס באַשטימט.

די פראַגע וועגן נאַציאָנאַלע סעקציעס אין די פראָפאַריינען איז אפן פלענום באַהאַנדלט געוואָרן אין א מעשעך פון... עטלעכע מינוט, געננוי באַטראַכט איז זי געוואָרן נאָר אין דער אָרגאַניזאַציאָנס־סעקציע.

די פאַרטיידיקער פון דעם פאָרשלאַג (מיר און די בונדיסטן) האָבן געטאַינעט: דער פראָפעסיאָנעלער פאַריין מוז שטרעבן אַרומנעמען אַלע אַרבעטער פון אַלע נאַציעס, אפילע די פינסטערע עלעמענטן. צוקומען צו זיי קאָן מען אָבער נאָר דאַן, ווען מע פאָרשט אויס זייער לאַגע, זייער באַזונ־

דערן ארט לעבן; די באזונדערע קלאסן־איינטיילונג בא יעדער נאציאנאלער גרופע; ווען מע רעדט אף זייער שפראך; מע פאסט זיך צו צו זייער פסיכאלאגיע; מע ווייס, ווי צו קעמפן קעגן די ארבעטער־פיינטלעכע שטרעמונגען בא יעדער נאציע א.א.וו. דאס אליץ קאן אבער טאן נאר אזא אנשטאלט, וואס באשטייט פון די מיטגלידער פון דערזעלביקער נאציע, צווישן וועלכער מע קלייבט זיך צו ארבעטן. אנערקענט מען די נויטיקייט פון אזא נאציאנאלן אנשטאלט ביכלאל, מוז מען שוין מודע זיין, אז אסאך דעמאקראטישער איז, אז ער זאל געקליבן ווערן דורך די פאריין־מיטגלידער, וואס געהערן צו דער געגעבענער נאציע, איידער ער זאל באשטימט ווערן פון אויבן אראפ דורך דער פארוואלטונג.

וואס זאלן זיין די פונקציעס פון די נאציאנאלע סעקציעס?

די פארשטייער פון אונזער פארטיי האבן זיי אנגעמערקט אין דער רעזאלוציע אזוי: „1) צוציען נייע מיטגלידער צום פאריין; 2) פירן די בילדונגס־ארבעט צווישן די פאריין־מיטגלידער; 3) ארגאניזירן ספעציעלע אויספארשונגען צווישן דער באטרעפנדיקער נאציאנאלער ארבעטער־גרופע; 4) ארויסגעבן די פראפעסיאנעלע פרעסע אף דער שפראך פון דער געהעריקער נאציע; 5) איבערזעצן און פארשפרייטן אלע מעלדונגען, ווענדונגען און אויפרופן פון דער פארוואלטונג און ביכלאל דערגענטערן דעם פאריין צו דער ברייטער ארבעטער־מאסע פון דער געגעבענער נאציע.

די פארשטייער פון „בונד" האבן גערעדט נאר וועגן בילדונג, אגיטאציע און פראפאגאנדע.

מיר האבן פארגעלייגט עס רופן פשעט „נאציאנאלע סעקציעס", די בונדיסטן — „נאציאנאל־קולטורעלע סעקציעס".

די קעגנער — סאי באלשעוויקעס, סאי מענשעוויקעס — האבן געטאינעט, אז די פארוואלטונג אליין קאן באדינען אלע נאציאנאלע גרופעס, אז די פאדערונג פון נאציאנאלע סעקציעס איז א נאציאנאליסטישע, זי טראגט אריין א סעפאראטיזם א. א. וו., א. א. וו. אלץ לויטן אלטן, באקאנטן רוסיפיקאטארישן נוסעך.

סאפקאלסאף האבן זיך אין דער ארגאניזאציאנס־סעקציע די שטימען צעשפאלטן אף צוויי קימאט גלייכע טיילן און עס איז באשלאסן געווארן פארצושטעלן דעם פלענום רעפעראטן, פאר און קעגן סעקציעס. נאר דער פרעזידיום — וואס בא אים איז די פראגע געווען ווי א 5־טע ראד צום וואגן — האט פארוקט די פראגע ביז צו סאמע נעאילע, ווען זי האט שוין ניט געקאנט ווי געהעריק באהאנדלט ווערן.

די פארזאמלונג האט באשלאסן אויסצוהערן נאר 2 רעדנער: 1 פאר און 1 קעגן און האט זיי געגעבן נאר צו 5 מינוט (אונזער רעדנער האט באקומען א ווארט נאר צו מאטיווירן די פראקציע־אפשטימונג).

צי די נאציאנאלע סעקציעס וואלטן אנגענומען געווארן, צי ניט—קאן מען ניט וויסן, נאר דער פארטיידיקער (א בונדיסט) האט יעדנפאלס ניט ארויסגעוויזן קיין גענוגע אויסגעהאלטנקייט. מוירע האבנדיק, אז די סעקציעס־רעזאלוציע וועט ניט דורכגיין, האט ער זי אליין אראפגענומען און

האָט איינגעשטימט מיט דער רעזאָלוציע פונם פרעזידיום, אַז מע מעג גרינדן „קאָמיסיעס" אף צו אַרבעטן צווישן באַזונדערע נאַציאָנאַלע גרופּעס.

דער פאָרשלאָג וועגן פאַקולטאַטיווע „קאָמיסיעס" איז אָנגענומען געוואָרן. די אויסבעסערונג פונם רעפערענט, אַז „די קאָמיסיעס דאַרפן גע-קליבן ווערן דורך דער געהעריקער נאַציאָנאַלער גרופּע", איז אָפּגעוואָרפן געוואָרן.

IV. ערעוו דער אָקטיאבר-רעוואָלוציע.

56. די באָלשעוויקעס רופן צו פּראָטעסטירן קעגן דער מאָסקווער באַראַטונג [25].

(אויפרוף פון צ. ק. פון ר. ס. ד. א. פּ. (ב) וועגן דער מאָסקיוער באַראַטונג. ווערא וולאַדימיראָווא: „די רעוואָלוציע פון 1917“. לענינגראַד. ב. 4, ז. ז. 305—306).

די אנטוויקלונג פון דער קאָנטר-רעוואָלוציע טרעט אריין אין א נייער פאַזע. פון צעראַבעווען און צעשטערן גייט זי איבער צו פאַרפעסטיקן די פאַרנומענע פּאָזיציעס. פון ווילדעווען און בושעווען — צו א געזעצלעכן שטייגער פון קאָנסטיטוציאָנעלער בויאונג.

...אָבער ווי אַרום מאַכט מען דאָס?

מע וואָלט געקאָנט פאַרגיכערן דאָס צונויפרופן די גרינדונגס-פאַרזאַמלונג, דעם איינציקן פאָרשטייער פונם גאַנצן רוסישן פאָלק, און בא איר אויסווירקן א באַוויליקונג פון דער פּאָליטיק פון דער מילכאָמע און די כורבונעס, פון די צעשטערונגען און אַרעסטן, פון די שלעגערייען און צעשיסונגען.

אָף דעם אָבער וועט די בורזשואַזיע ניט איינגיין. זי ווייסט, אַז פון א גרינדונגס-פאַרזאַמלונג, וואו די מערהייט וועלן זיין פויערים, וועט זי זיך ניט דערשלאָגן: ניט קיין אָנערקענונג, ניט קיין באַוויליקונג פון דער פּאָליטיק פון דער קאָנטר-רעוואָלוציע.

דעריבער דערשלאָגט זי זיך (זי האָט זיך שוין דערשלאָגן) דאָס אָפּלייגן פון דער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג. זי וועט מיסטאָמע אויך ווייטער אָפּלייגן, קעדיי ענדלעך צו דערשלאָגן זיך איר פולשטענדיקן אַראָפּרייס.

וואו זשע איז פאָרט דער „אויסוועג“?

דער „אויסוועג“ — איז אין פאַרבייטן די גרינדונגס-פאַרזאַמלונג אָף דער „מאָסקווער באַראַטונג“. צונויפזאַמלען א באַראַטונג פון סאָכרים און פאַבריקאַנטן, פּריצים און באַנקירן, מיטגלידער פון דער צאַרישער דומע און דרעסירטע מענשעוויקעס, און עסערן, קעדיי, דערקלערנדיק די דאָזיקע באַראַטונג פאַר „אַן אַלנאַציאָנאַלן סאָבאָר“, דערשלאָגן זיך פון איר די באַשטעטיקונג פון דער פּאָליטיק פון אימפּעריאַליזם און קאָנטר-רעוואָלוציע, דאָס אַריבערוואַרפן די

לאַסט פון דער מילכאָמע אף די פּלייצעס פון די אַרבעטער און פּויערים — אַט וואו ס׳איז דער „אויסוועג“ פאַר דער קאָנטער-רעוואָלוציע. די קאָנטער-רעוואָלוציע דאַרף האָבן איר פּאַרלאַמענט, איר צענטער, און זי ווערט אים באַשאַפן. די קאָנטער-רעוואָלוציע דאַרף האָבן דעם צוטרוי פון דער „געזעלשאַפטלעכער מיינונג“, און אויך דאָס ווערט זי באַשאַפן.

אין דעם איז אַלץ.

אין דער הינזיכט גייט די קאָנטער-רעוואָלוציע מיט דעמזעלביקן וועג, וואָס די רעוואָלוציע. זי לערנט זיך בא דער רעוואָלוציע.

די רעוואָלוציע האָט געהאַט איר פּאַרלאַמענט, איר ווירקלעכן צענטער, און זי האָט זיך געפילט אָרגאַניזירט.

איצט באַמיט זיך די קאָנטער-רעוואָלוציע צו באַשאַפן אַזאַ איינם סאַמע האַרץ פון רוסלאַנד, אין מאָסקווע, מיט די הענט — אַ איראָניע פון שיקזאַל! — פון די עסערן און מענשעוויקעס. און דאָס איז אין דער צייט, ווען דער פּאַרלאַמענט פון דער רעוואָלוציע איז דערנידעריקט געוואָרן צו דער לאַגע פון אַ פּאַשעטן צונאָב צו דער בורזשואַז-אימפּעריאַליסטישער קאָנטער-רעוואָלוציע, בעאַיים די סאָוועטן און קאָמיטעטן פון די אַרבעטער, פּויערים און סאָלדאַטן האָט מען דערקלערט אַ בלוטיקן קריג.

ס׳איז גרינג צו פאַרשטיין, אַז בא אַזעלכע באַדינגונגען ווערט די באַראַטונג, וואָס איז אף היינט צונויפגערופן אין מאָסקווע, אומפאַרמיידלעך פאַרוואַנדלען זיך אין אַן אָרגאַן פאַר אַ קאָמפּלאָט פון דער קאָנטער-רעוואָלוציע קעגן די אַרבעטער, וועמען מע דראָט מיט לאָקאַוטן און אַרבעטסלאָזיקייט, קעגן די פּויערים, וועמען „מע גיט ניט“ קיין ערד, קעגן די סאָלדאַטן, בא וועמען מע רויבט די פרייהייט, וועלכע זיי האָבן זיך דערשלאָגן בעאַיים דער רעוואָלוציע, אַ קאָמפּלאָט, וועלכן מע פאַרדעקט מיט „סאָציאַליסטישע פראַזן“ פון די עסערן און מענשעוויקעס, וועלכע האַלטן אונטער דידאָזיקע באַראַטונג.

דעריבער איז די אויפגאַבע פון די פאָרגעשריטענע אַרבעטער:

1) אַראָפּרייסן פון דער באַראַטונג די מאַסקע פון פאָלקס-פאַרשטייערשאַפט, אַרויסשטעלנדיק אף דער שיין איר קאָנטער-רעוואָלוציאָנערן קעגנפאָלקישן מעהוס;

2) דעמאַסקירן די מענשעוויקעס און עסערן, וועלכע פאַרדעקן די באַראַטונג מיט דער פאָן פון „ראַטעווען די רעוואָלוציע“ און נאַרן אָפּ דאָס פאָלק.

3) אָרגאַניזירן מאַסן-מיטינגען צו פּראָטעסטירן קעגן דערדאָזיקער קאָנטער-רעוואָלוציאָנערער מאַכינאַציע פון די „רעטער“... פון די פּריצימס און פאַבריקאַנטס רעוואָכים.

כאַווייריס! רופט צונויף מיטינגען און טראָגט אַרויס פּראָטעסט-רעזאָלוציעס קעגן דער „מאָסקווער באַראַטונג“.

שטייט צו צו די פּוטילאָווער אַרבעטער. אָרגאַניזירט היינט אַלס פּראָטעסט קעגן דער „באַראַטונג“ זאַמלונגען לעטויוועס דער געיאָגטער און פאַרפאָלגטער פּאַרטייפרעסע.

לאָזט זיך ניט פאַרפירן דורך דער פּראָוואָקאַציע און מאַכט ניט קיין שום גאַסן-אַרויסטרעטונגען.

57. די דעקלאַראַציע פון די אידישע קליינבירגערלעכע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אף דער מאָסקווער באַראַטונג [26].

(פאַרעפנטלעכט דורך ר. אבראמאָוויטש—ריין. „די ארבעטער-שטימע“. 1917. נומ. 40—41).

אין נאָמען פון אלע אידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, אין נאָמען פונם אידישן פּראָלעטאַריאַט און פון דער אידישער רעוואָלוציאָנערער דעמאָקראַטיע מאַך איך די פאָלגנדע דערקלערונג:

דער אידישער פּראָלעטאַריאַט און די גאַנצע אידישע ארבעטנדע מאַסן האָבן שטענדיק געקוקט אף זיך, ווי אף א טייל פון דער גאַנצער רוסלענדישער ארבעטער-דעמאָקראַטיע. אינאיינעם מיטן פּראָלעטאַריאַט פון דער גאַנצער וועלט האָבן זיי געקעמפּט פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון די אידעאַלן פון דער דעמאָקראַטיע און פון סאָציאַליזם.

דערהאַזיקער קאַמף איז אונז אָנגעקומען ניט גרינג.

מיר זיינען געווען דער אָרימסטער, דערשלאָגנסטער טייל פון דער סאַמע געדריקטער און רעכטלאָזער נאַציע אין רוסלאַנד. אף אונז האָבן זיך געשאָטן די גרויזאַמסטע, די שרעקלעכסטע קלעפּ פון צאַריזם און פון דער רעאַקציע, וועמעס שטאַרקסטע געצייג איז שטענדיק געווען העצן איין פאָלק אפן צווייטן און פריידיקן סינע צו אידן. די אלטע אָרדענונג האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט פאַר די שענדלעכסטע און אומגעלומפּערטסטע באַשולדיקונגען אף דעם אידישן פאָלק, ס׳איז ניט געווען קיין גרעניץ צו דעם ווילקיר בענוגייע צו אידן, ס׳איז ניט געווען קיין גוואַלדטאַט, וואָס דער אלטער רעזשים זאָל ניט האָבן אָפּגעטאָן מיט די אידן. און אונטער די אלע רעדיפעס האָט דעריקער געליטן די אידישע אָרימע מאַסע, זי האָט אף אירע פּלייצעס געטראָגן די גאַנצע שווערע לאַסט פון רעכטלאָזיקייט און איז אף אזא אויפן געווען פאַרורטיילט צום פיזישן און מאָראַלישן אונטערגאַנג.

דער אידישער ארבעטער-קלאַס האָט זיך אָבער דערהאַזיקער געוואַלט ניט אונטערגעגעבן. ער האָט דעם קאַמף אויפגענומען און אף די רעציכעס פון צאַריזם געענטפערט מיט א מוטיקן רעוואָלוציאָנערן קאַמף אין די רייען פון דעם רוסלענדישן ארבעטער-קלאַס. דער אידישער פּראָלעטאַריאַט האָט זיך ניט געבויגן אונטער דער לאַסט פון די קלעפּ, וואָס האָבן זיך אף אים געשאָטן, ער האָט זיך ניט אָפּגעשראָקן פאַר די רעדיפעס, רעפּרעסיעס און פּאָגראָמען און מיט פאַראַכטונג זיך אָפּגעקערט פון די מוטלאָזיקע, ער איז שטאָלץ געגאַנגען אפן וועג פון רעוואָלוציאָנערן קאַמף, וועלכן ער האָט אויסגעקליבן, מיט דער טיפסטער איבערצייגונג, אז נאָר דער ניצחון פון דער רוסישער רעוואָלוציע וועט ברענגען אלע אונטערדריקטע פעלקער פרייהייט, אז באַוואָרענען דעמדאָזיקן זיג וועט די איינהייט פון דער גאַנצער רעוואָלוציאָנערער און ארבעטער-דעמאָקראַטיע אין רוסלאַנד.

דער מיטגעפיל צו אונזערע באַדערפענישן און ליידן, וואָס איז קיינמאָל ניט אָפּגעשוואַכט געוואָרן, די שטענדיקע ברידערלעכע שטיצע, וועלכע עס האָבן אונז אַרויסגעוויזן דער רוסישער-ארבעטער-קלאַס און דאָס רעוואָלוצי-

אַנדערע פּויערטום, האָבן פאַרשטאַרקט בײַ אונדז די דאָזיקע איבערצײַגונג און דעם דאָזיקן גלויבן.

אונדזער וועג, דער וועג פון רעוואָלוציאָנערן קאַמף, איז זייער שווער, ער איז געווען רײַך אין קאָרבאָנעס און אין בלוט, וואָס מיר האָבן פאַרגאָסן, דער אידישער אַרבעטער־קלאַס איז אָבער מוטיק און אויסגעהאַלטן געגאַנגען אַף דעם דאָזיקן וועג האַנט בײַ האַנט מיט די אַרבעטנדע מאַסן פון גאַנץ רוסלאַנד.

אונדזערע האָפענונגען זײַנען מקוים געוואָרן. די רעוואָלוציע איז געקומען און האָט געבראַכט אַלע פעלקער, גאַנץ רוסלאַנד, די לאַנגדערוואַרטעטע פרייהייט און האָט געגעבן אויך דעם אידישן פאָלק די מעגלעכקייט צו פאַרנעמען זײַן אָרט, ווי אַ גלײַכער צווישן אַלע פעלקער אין פרײַען רוסלאַנד.

אַ סאָף איז געקומען צו דער הונדערטיאָריקער טראַגעדיע פון אַ פילמיליאָניקן פאָלק, אָפּגעווישט איז געוואָרן די שאַנד פון אַ גרויסער מעלוכע.

דאָס פרײַע רוסלאַנד שטייט נאָך אָבער פאַר שרעקלעכע און גרויסע ניסיוינעס.

דער זיג פון דער רעוואָלוציע איז נאָך ניט פאַרפעסטיקט; דאָס לאַנד שטייט פאַר דער סאַקאָנע פון אַ מיליטערישן כורבן אויפן פראָנט און פון דער קאָנטר־רעוואָלוציע אינעווייניק. אונדזער היימאַט לעבט איבער אַ גרויסן קריזיס, אַ צייט פון אַ מוירעדיקער קאַטאַסטראָפע. און אין דעם דאָזיקן מאָמענט שטרעבן אייניקע קלאַסן פון דער געזעלשאַפט, צוליב זייערע עגאָאיסטישע פּריוואַטע אינטערעסן, פאַר וועלכע די רעוואָלוציע איז אַ סאַקאָנע, צו פירן די רעוואָלוציע אַף דעם וועג, אַף וועלכן זי וועט זיכער אונטערגיין, זייענדיק איזאָלירט און אָפּגעריסן פון דעם לעבעדיקן קוואַל פון איר קויכעס — פון דער רעוואָלוציאָנערער דעמאָקראַטיע — די דערגרייכונגען פון דער רעוואָלוציע שטייען אין געפאַר. די רעאַקציע הייבט אויף דעם קאָפּ, און צוזאַמען מיט איר — מיר פילן עס קלאָר און מיר זעען עס — הייבן אָן איבערן לאַנד אַרומצוקריכן פינסטערע שאָטנס פון דער פאַרגאַנגענהייט, אַנטיסעמיטישע און פּאָגראָם־אַגיטאַציע. און דעריבער באַגרייפן מיר באַזונדערס שאַרף, אַז יעדע אָפּשוואַכונג פון רעוואָלוציאָנערער אָנשטרענגונג בײַ די פעלקער פון רוסלאַנד, יעדער קער אַף רעכטס וועלן אומפאַרמײַדלעך און קוידעמקאָל זיך אָפּרופן אַפן סאַמע שרעקלעכסטן אופן אַף דער לאַגע פון די אַרבעטנדע אידישע מאַסן, און אַז נאָר די פולקאָמע פאַרפעסטיקונג פון די ניצחוינעס פון דער רעוואָלוציע, נאָר די פולע און אַנטשלאָסענע דעמאָקראַטיזירונג פון דעם גאַנצן לעבן אין לאַנד קאָן אַף שטענדיק מאַכן אַ סאָף צו דער אונטערדריקונג פון דעם אידישן פאָלק אין רוסלאַנד און באַוואָרענען אים אַלע פּאָליטישע און בירגערלעכע רעכט און די נאַציאָנאַלע זעלבסטפאַרוואַלטונג, אין וועלכע ער נויטיקט זיך.

אָט פאַרוואָס די אידישע אַרבעטער און די אידישע אַרבעטנדיקע מאַסן זײַנען שטאַרק פאַראינטערעסירט אין דער ווײַטערדיקער פאַרפעסטיקונג פון דער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד, ניט נאָר ווי מיטגלידער פון דער גרויסער אַרבעטער־פאַמיליע פון דער גאַנצער וועלט, ניט נאָר ווי בירגער פון פרײַען רוסלאַנד, נאָר

אויך ווי אידן. די אינטערעסן פֿון דער גאַנצער אידישער רעוואָלוציאָנערער דעמאָקראַטיע זיינען ענג צונויפֿגעבונדן מיט די אינטערעסן פֿון דער רעוואָלוציאָנערער דעמאָקראַטיע פֿון גאַנץ רוסלאַנד. און מיט דער גאַנצער ענערגיע, מיט דער גאַנצער אָפּפֿערוויליקייט וועט זי דעם דאָזיקן קאַמף ווייטער פֿירן אין די אַלגעמיינע צוזאַמענגעשמידטע רייען פֿון רעוואָלוציאָנערן רוסלאַנד.

דאָס פּראָגראַם פֿון די אָרגאַנען פֿון דער רוסלענדישער רעוואָלוציאָנערער דעמאָקראַטיע, וועלכע כאָטש טשכעאידזע האָט פֿאָרגעלייגט אויף דער אַלרוסלענדישער מעלוכע־באַראַטונג, איז אויך אונזער נאָענטסטע פּראָגראַם. דער פּרינציפּ פֿון דאָס רעכט אויף זעלבסטבאַשטימונג, וועלכער גאַראַנטירט פֿאַר אַלע פֿעלקער פֿון רוסלאַנד דעם גאַנצן סכום פֿון זייערע נאַציאָנאַלע רעכט, — דער דאָזיקער פּרינציפּ אַנטשפּרעכט די נאַציאָנאַלע באַדערפֿענישן פֿון אַלע אַרבעטנדיקע נאַציעס, און אין דעם אויך די אידן.

מיט דער גאַנצער ענערגיע, אויף וועלכער מיר זיינען נאָר פֿעאיק, וועלן מיר שטיצן די אָרגאַנען פֿון דער רעוואָלוציאָנערער דעמאָקראַטיע און די צייטווייליקע רעגירונג, וועלכע שפּאַרט זיך אָן אויף זיי, אין זייערע באַמיאונגען צו פֿאַרטיידיקן דאָס לאַנד און די רעוואָלוציע און צו דערגרייכן אַן אַלגעמיינעם שאָלעם אויף די פּרינציפּן, וועלכע די רוסלענדישע רעוואָלוציע האָט אַרויסגעשטעלט.

58. קאַמף פֿון ריכטונגען אויף דער דאָרעם־קאָנפֿערענץ פֿון בונד.

(„אונזער ערשטע געגנט־קאָנפֿערענץ אין דאָרעם־רוסלאַנד". „די אַרבעטער־שטימע". 1917, נומ. 40—41).

דעם 3—5־טן אויגוסט איז אין קיעוו פֿאָרגעקומען די ערשטע פֿרייע געגנט־קאָנפֿערענץ פֿון בונד אין דאָרעם־רוסלאַנד. אויסער די פֿאַרשטייער פֿון געגנט־קאָמיטעט און פֿון צ. ק., זיינען אויף דער קאָנפֿערענץ געווען 82 דעלעגאַטן פֿון 62 ערטער מיט עלף טויזנט מיטגלידער. אַסאַך אָרגאַניזאַציעס זיינען גאָר ניט געווען פֿאַרטראַטן, צי ווייל זיי געפֿינען זיך צו ווייט פֿון קיעוו, אָדער ווייל זיי זיינען נאָך געווען פֿאַרנומען מיט די וואַלן צו די שטאָטדומעס. בכלל קאָן קיין ספֿק ניט זיין, אַז מיר האָבן איצט אין דאָרעם ווייניקסטנס 16 טויזנט מיטגלידער. און דער בונד איז דאָך נאָך אַ גאַסט אין דאָרעם. פֿאַר דער רעוואָלוציע האָבן מיר דאָרט געהאַט בלויז 3—4 אָרגאַניזאַציעס, און די האָבן זיך אויך גיכער געמאַטערט, ווי געלעבט. און איצט פֿאַר פֿינף מאָנאַט אַרבעט — 16 טויזנט מיטגלידער.

...אויף דער קאָנפֿערענץ איז פֿאָרגעקומען אַ שאַרפֿער קאַמף צווישן די אַזוי גערופֿענע אינטערנאַציאָנאַליסטן מיט די אַזוי גערופֿענע „אָבאָראָנצעס". איך זאָג: די אַזוי גערופֿענע, ווייל אין דער עמעסן גערעדט זיינען מיר אַלע אינטערנאַציאָנאַליסטן. די פֿראַגע איז נאָר, וואָס פֿאַר אַן אָרט ביידע עלעמענטן, דער אינטערנאַציאָנאַליזם און די רעוואָלוציאָנערע פֿאַרטיידיקונג פֿון לאַנד, דאַרפֿן פֿאַרנעמען אין דער פּאָליטיק פֿון איצטיקן מאָמענט; די פֿראַגע איז נאָר, ווי מע קאָן אין איצטיקן מאָמענט בעסער פֿאַרווירקלעכן דעם אינטערנאַציאָנאַליזם.

עס האָט זיך ארויסגעוויזן, אז עקסטרעמע אינטערנאציאָנאליסטן און עקסטרעמע „אָבאָראָנצעס" זיינען צווישן די דעלעגאטן פאראנען וועניק, מער ניט ווי 3—4 פון ביידע זייטן. די גרעסטע מערהייט דעלעגאטן פארנעמען א ליניע צווישן ביידע עקסטרעמען, נעענטער צו איין זייט אדער צו דער אנדערער. מע מוז אָבער זאָגן, אז די מערהייט צווישן אונזערע טוער אין דאָרעם האָט זיך די לעצטע צייט איבערגערוקט נעענטער צו די אינטערנאציאָנאליסטן. ריכטיקער וועט זיין צו זאָגן אזוי: לויט איר שטימונג איז די דאָזיקע מערהייט נעענטער צו די אינטערנאציאָנאליסטן, לויט דער פראקטישער פאָליטיק — נעענטער צו די „אָבאָראָנצעס".

דאָס האָט זיך בולט אָפגעשפיגלט אף אונזער קאָנפערענץ. נאָך דער דיסקוסיע איבער דעם פאָליטישן מאָמענט, ווען מע האָט געדארפט אויסקלייבן, וועלכע טעזיסן מע זאָל נעמען פאר א באזיס, די טעזיסן פון כאווער אבראמאָוויטש (אינטערנאציאָנאליסט) אדער פון כאווער ראפעס („אָבאָראָנצעס"), האָט זיך די קאָנפערענץ מיט 34 קעגן 27 שטימען ארויסגעזאָגט פאר די טעזיסן פון כאווער אבראמאָוויטש. עטעס, 16 דעלעגאטן האָבן זיך אָפגעהאלטן פון שטימען, ווייל ביידע מינים טעזיסן האָבן זיי ניט צופרידן געשטעלט. דאָך האָט זיך באקומען אן איינדרוק, אז די אינטערנאציאָנאליסטן האָבן געזיגט. אבער אף מאָרגן, בעאייס די קאָמיסיע האָט ארייננעטראָגן א רעזאָלוציע, אויסגעארבעט אפן גרונט פון די טעזיסן, וואָס זיינען נעכטן אָנגענומען געוואָרן, האָט די קאָנפערענץ ארייננעטראָגן אין איר אזוי פיל אויסבעסערונגען, אז זי איז געוואָרן אסאך נעענטער צו די „אָבאָראָנצעס", ווי צו די אינטערנאציאָנאליסטן; און בעאייס מע האָט געשטימט די רעזאָלוציע אלס א גאנצע, האָבן א היפשע ביסל אינטערנאציאָנאליסטן פאר איר ניט געשטימט. עס האָט זיך באקומען אזוי: פון איין זייט, איז די רעזאָלוציע דורכגעדרונגען מיט א שטארקער אינטערנאציאָנאליסטישער שטימונג, פון דער אנדער זייט, שטייט זי פאר א דיסציפלינירטער ארמיי, פאר רעוואָלוציאָנערע קאָלאָנען אפן פראָנט, וואָס זאָלן זיין פעאיק צו פארטיידיקן דאָס לאנד און די רעוואָלוציע. די רעזאָלוציע זאָגט, אז מע דארף זיך ניט אָפשטעלן אפילע פאר בילדן א רעגירונג פון דער רעוואָלוציאָנערער דעמאָקראטיע, דאָס הייסט פון די ראטן אליין, אָבער כאווער ראפעס האָט אין זיינע טעזיסן אויך צוגעגעבן, אז עס קאָן זיין א מאָמענט, ווען מע וועט מוזן בילדן א רעגירונג פון די ראטן, און די אָנגענומענע רעזאָלוציע פאָדערט אויך ניט, מע זאָל גלייך אראָפווארפן די איצטיקע רעגירונג, די סאָציאל-דעמאָקראטן זאָלן גלייך ארויס פון מיניסטעריום. פארקערט, זי רעדט וועגן קלאָסן און טייל ן, וואָס זיינען פעאיק דורכצופירן די פראָגראם פונם 8-טן יולי [27]. קלאָסן און טייל ן דאָס הייסט שוין ניט בלויז דער פראָלעטאריאט און די רעוואָלוציאָנערע דעמאָקראטיע, דאָס הייסט, אז אין דער בורזשואזיע קאָנען אויך זיין אזעלכע עלעמענטן, מיט וועלכע מע קאָן אין איצטיקן מאָמענט אריין אין איין רעגירונג.

ווען מע האָט געשטעלט צו אָפשטימונג, צי דארפן די סאָציאל-דעמאָקראטן אנטייל נעמען אין גענעראל-סעקרעטאריאט פאר אוקראינע, האָבן נאָר 2—3

עקסטרעמע אינטערנאַציאָנאַליסטן געשטימט קעגן; אַלע איבעריקע זיינען געווען פאַר; און בעיס מע האָט אויסגעוויילט דעם גענט-קאָמיטעט, האָבן די אינטערנאַציאָנאַליסטן באַקומען נאָר דריי ערטער פון עלף.

די קאָנפערענץ באַווייזט: באַ די כאַווייריים אין דאָרעם פילט זיך אַ פאַרשטאַרקטע אינטערנאַציאָנאַליסטישע שטימונג, אַ פאַרשטאַרקטע שטימונג פאַר שאַלעם; אָבער בעאַיים עס קומט צו פּראַקטישע שריט, זיינען דיזעלביקע אינטערנאַציאָנאַליסטיש געשטימטע כאַווייריים פּאָרזיכטיק, רעכענען זיי זיך מיט די מעגלעכקייטן, מיט דער קאָנקרעטער ווירקלעכקייט.

די פראַגע וועגן אוקראַינע האָט זיך געשטעלט אפן טאָג-אָרדענונג פון דער קאָנפערענץ גלייך אין ערשטן טאָג פון איר אַרבעט. אונזער קאָנפערענץ האָט זיך געעפנט אינם זעלביקן טאָג, וואָס די צענטראַלע ראַדע פון אוקראַינע. דאָרטן איז שאַרף געשטאַנען די פראַגע, צי זאָל מען אָננעמען דעם אָפּמאַך פון דער אוקראַאינער דעלעגאַציע מיט דער רעגירונג, צי מע זאָל אים אָפּוואַרפן. אין דער צענטראַלער ראַדע איז געווען אַ שטאַרקע שטימונג פאַר אָפּוואַרפן דעם פּראָיעקט. עס האָט געהאַלטן באַ אַ שאַרפן קאָנפליקט, וואָס האָט געקאָנט ברענגען צו אַ בירגער-קריג. די קאָנפערענץ האָט געדאַרפט ריכטן די טאַקטיק פון אונזערע פאַרשטייער אין דער גרויסער און קליינער ראַדע און אין סעקרעטאַריאַט. די קאָנפערענץ האָט געפונען, אַז מע דאַרף דעם אָפּמאַך אָננעמען, קעדיי אויסצומיידן אַ געפאַר פון בירגער-קריג, וואָס וואָלט געווען דער גרעסטער שאָדן פאַר דער רעוואָלוציע און פאַר דער אויטאָנאָמיע פון אוקראַינע, און ווייל דער אָפּמאַך קאָן דינען אַלס באַזיס פאַר דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון דער אויטאָנאָמיע. דאָס איז געווען אַ דירעקטיוו פאַר אונזערע פאַרשטייער אין ראַדע, ווי זיי זאָלן זיך האַלטן און ווי זיי זאָלן באַאיינפלוסן אַנדערע עלעמענטן, וועלכע שטייען נאָענט צו אונז אין דער פראַגע וועגן אויטאָנאָמיע פאַר אוקראַינע. די קאָנפערענץ האָט שפּעטער גוט געהייסן די גאַנצע טאַקטישע ליניע פון אונזערע פאַרשטייער אין דער גרויסער און קליינער ראַדע און אין גענעראַל-סעקרעטאַריאַט און האָט אויסגעדריקט צוטרויען צום כאַווער ראַפעס.

איבער דעם אידישן צוזאַמענפאָר זיינען געווען צוויי כאַריקאַלע מיינונגען. אַ פאָר דעלעגאַטן האָבן געהאַלטן, אַז אַזאַ מין צוזאַמענפאָר קאָן נאָר שאַדן, און מיר דאַרפן אין אים בעשום אויפן קיין אָנטייל ניט נעמען. פון דער אַנדער זייט, האָבן אַ פאָר דעלעגאַטן זיך אַרויסגעזאָגט דערפאַר, אַז מיר זאָלן אין צוזאַמענפאָר אָנטייל נעמען אונטער אַלע באַדינגונגען. „וואָס פאַר אַ פונקטן מע זאָל ניט אַריינשטעלן אין טאָג-אָרדענונג, וואָס פאַר אַ כאַראַקטער דער גאַנצער צוזאַמענפאָר זאָל ניט אָננעמען, טאָרן מיר ניט אַוועקגיין, מיר מוזן בלייבן און קעמפן פון אינעווייניק“. די קאָנפערענץ האָט באַשטימט: אָנטייל נעמען אין צוזאַמענפאָר, ווייל ער קאָן ווערן אַ וויכטיקער מיטל צו פאַרווירקלעכן די נאַציאָנאַל-קולטורעלע אויטאָנאָמיע. אָבער אין פאַל, ווען דער צוזאַמענפאָר, וועט אָננעמען אַ כאַראַקטער פון ציאָניזם און קלאַל-איסראָעל-פּאָליטיק, דאַרפן די בונדיסטן פון אים אַוועק.

די קאָנפערענץ האָט אָנגעצייכנט אַ נייעם וועג, ווי איינצופירן די אָרגאַ-

גען פון נאַציאָנאַל-קולטורעלער אויטאָנאָמיע אַף די ערטער: דורך די שטאָט-דומעס און זעמסטוועס. אונזערע גלאַסנע דאַרפן פאָדערן פון די שטאָט-דומעס און זעמסטוועס, יענע זאָלן אויסטיילן אַלע איניאַנים, וואָס האָבן אַ שאַייכעס צו נאַציאָנאַלער קולטור, און איבערגעבן זיי אין רעשוס פון דעמאָקראַטישע נאַציאָנאַל-קולטורעלע אָרגאַנען, וואָס וועלן געבילדעט ווערן אַף דער אידישער גאַס. איצט בעאַיים מע דאַרף צופרידן שטעלן די נויט פון דער אידישער באַפעלקערונג אין שולן, בעאַיים די אָרטיקע זעלבסטפאַרוואַלטונג איז אַ דעמאָקראַטישע, און די סאָציאַליסטן שפּילן אין איר אַזאַ גרויסע ראָלע, קאָן מען אַף דעם וועג אַסאַך דערגרייכן. די קאָנפערענץ האָט ניט אָנגענומען די מיינונג פון איניקע דעלעגאַטן, אַז מיר דאַרפן האָבן מער ניט, ווי שול-ראַטן. די רעזאָלוציע זאָגט בעפירעש: אָרטיקע אָרגאַנען פון דער נאַציאָנאַל-קולטורעלער אויטאָנאָמיע, דאָס איז פיל ברייטער, ווי שול-ראַטן. די קאָנפערענץ האָט זיך אויך ניט געשטעלט אַף דעם שטאַנדפונקט פון די, וואָס מיינען, אַז מע קאָן אַריינגיסן נייעם וויין אין אַן אַלטן קרוג, און ווילן מאַכן פּראָבעס איבערצובויען די אַלטע רעליגיעזע קעהילעס לויט אונזער גייסט.

די קאָנפערענץ האָט אָנגענומען אַסאַך רעזאָלוציעס וועגן אָרגאַניזאַציע, פינאַנצן, פּרעסע א. ד. גל.

59. די דאָרעם-קאָנפערענץ פון בונד וועגן פּאָליטישן מאָמענט.

(„די אַרבעטער-שטימע". נומ. 39 פון 20-טן אויגוסט 1917).

1) די קאָנפערענץ געפינט, אַז דער קריזיס, אין וועלכן עס געפינט זיך איצט די רוסישע רעוואָלוציע, און וועלכער איז באַשאַפן געוואָרן דורך דער מאַפּאָלע אַפן פראָנט, דורך די געשעענישן פון 3—5 יולי און דורך דער עקאָנאָמישער צערודערונג, קאָן געלייזט ווערן נאָר דורך אַנטשלאָסענער רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט פון דער רעגירונג און דער גאַנצער דעמאָקראַטיע אַף דעם געביט סאַי פון אינערער, סאַי פון אויסערער פּאָליטיק.

2) אַזאַ מין קאָנסעקווענטע רעוואָלוציאָנערע פּאָליטיק קאָן פירן נאָר אַזאַ רעגירונג, וואָס וועט זיך שטיצן אַף יענע קלאַסן פון דער רוסלענדער באַפעלקערונג, וועלכע זיינען פאַראינטערעסירט אין דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג און באַפעסטיקונג פון דער רעוואָלוציע און וואָס וועט זיין ענג פאַרבונדן מיט די אָנפירנדע אָרגאַנען פון דער רעוואָלוציאָנערער דעמאָקראַטיע.

3) די קאָנפערענץ רעכנט, אַז האָטש די היינטיקע רעגירונג איז געבילדעט געוואָרן אַפן סמך פון דער רעוואָלוציאָנערער פּראָגראַם פונם 8-טן יולי, פירט זי אָבער ניט קיין קאָנסעקווענטע פּאָליטיק צו פאַרווירקלעכן אין לעבן די דאָזיקע פּראָגראַם, און באַווייזט אין איר טעטיקייט געפערלעכע שוואַנקונגען אַף רעכטס.

4) די קאָנפערענץ געפינט דעריבער, אַז די רעוואָלוציאָנערע דעמאָקראַטיע און באַזונדערס דער אַרבעטער-קלאַס מוזן אָרגאַניזירן זייערע קויכעס, כדי צו דריקן אַף דער רעגירונג, קעמפנדיק קעגן די וואַקסנדע אַפּעטיטן פון דער קאָנטר-

רעוואָלוציע און אָפּוועדנדיק יעדן קלענסטן פּרוּוו אָפּצושוואַכן די אָרגאַניזאַציעס פון דער רעוואָלוציאָנערער דעמאָקראַטיע אינם לאַנד און אפן פראָנט, און זי זאָל זיך שטרענג האַלטן אָן דעם פּראָגראַם פונם 8-טן יולי. וואָס איז דאָס איינציקע מינימאַלע פּראָגראַם, אָן וועלכן עס קאָן ניט באַפעסטיקט ווערן דער זיג פון דער רעוואָלוציע, גאַראַנטעוועט ווערן דאָס לאַנד; דערביי דאַרף מען זיך ניט אָפּשטעלן אויך פאַר דעם, צו בילדן א נייע רעגירונג אפן גרונט פון א קאָאַליציע פון רעוואָלוציאָנער־דעמאָקראַטישע קרייזן.

5) קעמפנדיק קעגן יעדער פּאָליטישער און עקאָנאָמישער דעזאָרגאַניזאַציע, שטרעבנדיק אריינצוטראָגן אָרגאַניזאַציע און באַוואוסטזיין אין די ברייטסטע מאַסן און פאַרשטייענדיק די געפאַר, וואָס ווערט באַשאַפן פאַר דער רעוואָלוציע און דעם לאַנד דורך דער פאָרם פון דעמאָראַליזאַציע אין דער רוסישער אַרמיי אפן פראָנט, מוז די רעוואָלוציאָנערע דעמאָקראַטיע, אַנטוויקלענדיק און פאַרשטאַרקנדיק די דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציע פון דער אַרמיי, אָנווענדן אַלע קרעפטן, כדי צו פאַרוואַנדלען די מיליאָנען רוסישע סאָלדאַטן אפן פראָנט אין דיסציפּלינירטע, באַוואוסטזיניקע, אָרגאַניזירטע, רעוואָלוציאָנערע קאָלאָנעס, פעאיקע צו פאַרטיידיקן דאָס לאַנד און די רעוואָלוציע...

6) כדי אָבער די אַרבעט אף אויפשטעלן די אַרמיי און די גאַנצע טעטיקייט אף ראַטעווען דאָס לאַנד און די רעוואָלוציע זאָל קאָנען האָבן ערפאָלג, מוז אונזער רעגירונג פירן א זעלבשטענדיקע ענערגישע אויסערע פּאָליטיק, כדי צו צווינגען די „פאַרבינדעטע“ פון רוסלאַנד צו פאָלגן דעם שאָלעם־פּראָגראַם פון דער רוסישער רעוואָלוציע, אונטערשטיצט פון די ברייטע מאַסן פון אינטערנאַציאָנאַלן באַוואוסטזיניקן פּראָלעטאַריאַט, און צו אונטערהאַלטן יעדן ערנסטן פאָרשלאָג פון א געמיינזאַמען שאָלעם, פון וועלכן זייט דער פאָרשלאָג זאָל ניט געמאַכט ווערן.

7) די קאָנפערענץ האַלט פאַר נויטיק, אז גלייכצייטיק מיט דער טעטיקייט פון דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער רעגירונג בענוגייע צו אירע פאַרבינדעטע, דאַרף דער רוסישער אַרבעטער־קלאַס נאָך ענערגישער אַנטוויקלען זיין אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע טעטיקייט, קעמפנדיק אומעטום קעגן דער טאַקטיק פון נאַציאָנאַלע אַכדעס און רופנדיק דעם פּראָלעטאַריאַט פון אַלע לענדער צו פאַריייניקן זייערע קרייזן צום קאַמף קעגן דעם אַלוועלטלעכן אימפּעריאַליזם און צו דערשלאָגן זיך א באַלדיקן שאָלעם אף דעמאָקראַטישע יעסוידעס.

60. בונדיסטן־אינטערנאַציאָנאַליסטן ווערן גע־ון צו פאַרשטאַרקן זייער אַקטיווקייט.

(וו. אַלטער[28]: „איז דער בונד אין געפאַר?“. „די אַרבעטער־שטימע“. נומ. 34—35 פון 16־טן אויגוסט 1917).

לאָמיר זאָגן אָפן: די אָפיציעלע פּאָליטיק פון „בונד“ רופט אַרויס א טיפע אומצופרידנהייט צווישן א טייל פּאַרטיי־מיטגלידער. און די אומצופרידנהייט

האלט אין איין וואקסן. און אויב די איצטיקע לאגע וועט אויך ווייטער דויערן, וועט עס קאנען ברענגען צו די שווערסטע פאלגן פאר דער אידישער ארבעטער־באוועגונג. קעדיי דאס צו פארמיידן, מוזן אלע שטרייט־פראגן גענוי אויסגעפארשט ווערן, און די אידישע ארבעטער מוזן באשטימען זייער באציאונג צו די דאזיקע פראגן מיט דער גרעסטער אויפמערקזאמקייט און ערנסטקייט.

די הויפט־פראגע איז די באציאונג צו דער מילכאמע. אז דער ציעל פון דעם קריג איז א ריין אימפעריאליסטישער מיצאד די ביידע קאאליציעס, דאס ווערט אנערקענט דורך אלע בונדיסטן. דער איינציקער וועג צו ענדיקן דעם קריג באשטייט אין אן אנטשלאסענעם קאמף פון די ארבעטער אין אלע לענדער קעגן זייער אייגענער בורזשואזיע. דאס איז נאך ניט לאנג געווען קלאר פאר אונז אלעמען. דער בונד האט געבאסמעט די דעקלאראציע פון די אינטערנאציאנאליסטן אין צימערוואלד, אין דעמזעלביקן צימערוואלד, וועלכער ווערט איצט באווארפן מיט שמוץ און שפאט דורך איניקע פון זייערע אייגענע פירער. נאך גאר ניט לאנג האט דער „בונד" פארנומען א פלאץ אין די רייען פון יענער אינטערנאציאנאלער באוועגונג, וועלכע האט פארורטיילט אלס א פארברעכן קעגן דעם ארבעטער־קלאס יעדע אונטערשטיצונג פון דער איצטיקער מילכאמע.

און היינט? היינט איז, צום באדויערן, פונם אינטערנאציאנאליזם געבליבן אין דער אפיציעלער פאליטיק פון „בונד" נאר פוסטע ווערטער, און די פראקטישע טאטן זיינען ענלעך, ווי צוויי טראפן וואסער, צו די טאטן פון די, קעגן וועלכע מיר האבן פריער אליין געקעמפט אין דייטשלאנד, ענגלאנד, פראנקרייך און אנדערע לענדער. מע אנערקענט שוין די געזעצלעכקייט פון די אפמאכן, וועלכע די צארישע רעגירונג האט געשלאסן מיט די אימפעריאליסטן פון ענגלאנד און פראנקרייך, מע פירט א פארביסענע קאמפאניע קעגן די לינקע עלעמענטן פון דער רוסלענדישער ארבעטער־באוועגונג. מע אנערקענט, אז דער וויכטיקסטער געווער פאר שאלעם איז ניט דער קלאסן־קאמף, נאר א קאמפפעאיקע ארמיי און א מיליטערישע טעטיקייט. מע רעדט וועגן דער ארבעטער־סאלידאריטעט און מע גרייט צו דעם אנגריף צוזאמען מיט די פאראייניקטע אימפעריאליסטן. האט דען דער „בונד" שוין ענדגילטיק פארלארן זיין אינטערנאציאנאליסטישן פאנים?

דער ענטפער מוז געגעבן ווערן דורך די אידישע ארבעטער־מאסן. עס איז אוממעגלעך, אז די אידישע ארבעטער, דערצויגן אין דער טראדיציע פון אומקאמפראמיסלעכן קלאסן־קאמף, זאלן ניט דערזען, אף וואס פאר א פאלשן און שעדלעכן וועג עס גייט זייער פארטיי. דער געזונטער קלאסן־אינסטינקט, וועלכער האט שטענדיק דורכגעדרונגען דעם „בונד", קאן און מוז נאך איצט אויסגלייכן אונזער פאליטישע ליניע, און צו דעם פאדערט זיך, אז יעדער ארבעטער זאל זיך וועגן דער פראגע פארטראכטן, אז יעדער אינטערנאציאנאליסט אין „בונד" (און זיי זיינען א היפשע צאל) זאל אנשטרענגען אלע זיינע קויכעס, קעדיי די נעשאמע פון „בונד" זאל ווידער זיך צעפלאקערן מיט דעם הייסן עמעס רעוואלוציאנערן סאציאליזם.

און וואָס וועט זיין מיט דער איינציקייט פון דער פּאַרטיי? דער „בונד" האָט שטענדיק שטאָלצירט, אַז ער איז ניט אַ סעקטע, נאָר אַ פּ אַ ר ט יי פון דעם גאַנצן אידישן באַוואוסטזיניקן אַרבעטער־קלאַס. אין אַזאַ פּאַרטיי זיינען מיינונגס־פאַרשידנהייטן אומפאַרמיידלעך. און מע דאַרף זיי ניט דערשטיקן אָדער פאַרהאַלטן, נאָר פונקט פאַרקערט, מע דאַרף געבן יעדן מיטגליד די מעגלעכקייט זיך מיט זיי צו באַקאַנען. וואָס שאַרפער און קלאָרער עס איז דער אידייען־קאַמף, אַלץ רייכער און אינהאַלטספולער איז דאָס לעבן פון דער פּאַרטיי. אַ מעכאַנישע איינציקייט, געשטיצט אויף דער אונטערדריקונג פון דער מינדערהייט, קאָן ניט דויערן לאַנג. און דער גרעסטער פאַרדינסט, וועלכן די בונדיסטן־אינטערנאַציאָנאַליסטן האָבן פאַר דער פּאַרטיי, איז צו פּראָפּאַגאַנדירן שאַרף און אָפן זייערע אינטערנאַציאָנאַליסטישע איבערצייגונגען. וואָרום דער אינטערנאַציאָנאַליזם איז היינט דער איקער פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, און וואָס ענערגישער מיר וועלן אַרויסטרעטן, אַלץ גיכער וועט דער „בונד" זיך צוריקקערן צו זיין אַלטער פאָן.

61. די פשרות־טאַקטיק פון די בונדיסטן־אינטערנאַציאָנאַליסטן.

(ר. אַבראַמאָוויטש: „צום אַלרוסלענדישן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר" *). „די אַרבעטער־שטימע". נום. 39 פון 20־טן אויגוסט 1917).

דעם ערשטן מאָל נאָך 10 יאָר קלייבט זיך דעם 19־טן **) ווידער צונויף אַן אַלרוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער צוזאַמענפאָר.

דעם מאָל וועט זיין פאַרטראָטן ניט די גאַנצע פּאַרטיי. אַ גרויסער טייל פון איר, די באָלשעוויקעס, וועלן אויף דעם צוזאַמענפאָר ניט קומען. אָבער די, וואָס וועלן יאָ קומען, וועלן אויך ניט זיין אָנהענגער פון איין ריכטונג. צווישן די מענשעוויקעס איז די לעצטע צייט אויך פאָרגעקומען אַ שטאַרקע צעטיילונג אין „אָבאָראָנצעס"***) און „אינטערנאַציאָנאַליסטן".

...די לעצטע צייט האָבן זיך די באַציאונגען צווישן ביידע צדדים אין פעטראָגראַד זייער שטאַרק פאַרשאַרפט. און אין פעטראָגראַד רעדט מען פאַקטיש וועגן אַ שפּאַלטונג, דעריבער וועט אויך אויפן צוזאַמענפאָר זייער שאַרף שטיין די פראַגע וועגן אַ צעשפּאַלטונג פון דער מענשעוויסטישער פּאַרטיי.

מע דאַרף זיך ניט נאַרן: די כילוקי־דיעות זיינען טאַקע זייער טיף. אי אין דער באַציאונג צו דער רעגירונג, אי אין דער פראַגע וועגן דער קאָאַליציע מיט בורזשואַזע פּאַרטייען, אי אין דער פראַגע וועגן מילכאָמע און שאָלעם זיינען דאָ שאַרפע צוזאַמענשטויסן צווישן ביידע מיינונגען. ס'ווערט אַלץ שווערער און שווערער צו אַרבעטן צוזאַמען. אָבער לאָמיר זיך אויך פון דער אַנדערער זייט ניט נאַרן: צי האָבן מיר, מענשעוויקעס־אינטערנאַציאָנאַליסטן, אַזאַ

---

*) פון די מענשעוויקעס.

**) סעפּטיאַבר.

***) „באַשיצלער".

מין קאָנקרעטן פּלאַן פון טעטיקייט, וואָס מיר וואָלטן קאָנען גלייך דורכפירן אין לעבן קעגן דעם ווילן פון די, וואָס מיר רופן „אָבאָראָנצעס“, קעגן דעם האַרצן פון דער מערהייט פון די אַרבעטער-ראַטן אונעדרוימע? ניין, מיר זיינען דאָך ניט קיין באָלשעוויקעס. אונזער טאַקטיק איז דעריבער טאָמיד געווען די, אַז מיר מוזן אַלץ מער און מער אומענדערן די שטימונג אין דער פּאַרטיי גופא, אין די אַרבעטער-ראַטן גופא אונעדרוימע. מיר האָבן שטענדיק געשטרעבט צו זיין דער לינקער פליגל פון די מענשעוויקעס, דער געוויסן, דער רעוואָלוציאָנערער „סאָוועסט“ פונם מענשעוויזם. מיר האָבן געוואָוסט, אַז אַרויסטרעטן פונם מענשעוויזם וואָלט הייסן פאַרייניקן זיך מיט די באָלשעוויקעס. זיינען מיר גרייט דערצו? ניין, געוויס ניט, ווייל דאָ טיילט אונז אָפּ א גאַנצער תהום! דעריבער וואָלט די שפּאַלטונג אין דער מענשעוויסטישער פּאַרטיי באַדייטן נאָר אַן אָפּשוואַכונג פונם אַרבעטער-קלאַס, ווייל מיר וואָלטן מוזן בילדן א דריטע פּאַרטיי.

...א צעשפּאַלטונג איצט הייסט: אָפּשטופּן די „אָבאָראָנצעס“ צו פּאָטרעסאָוון און פּלעכאַנאָוון *) און אַליין בלייבן א שוואַכע און שוואַנקענדע גרופּע, וואָס וועט זיין געצוואונגען עפּעשער קעגן איר ווילן נאָכשלעפּן זיך נאָך די „באָלשעוויקעס“. איז דאָס א פּלאַן?

און פאַר אונז, בונדאָווצעס, איז די לאַגע נאָך שווערער. אויב מיר וועלן זיך ניט וועלן אויך צעשפּאַלטן, וועלן מיר מוזן ביכלאַל אַרויסטרעטן פון דער פּאַרטיי, קעדיי צו זיין פריי פון ביידע צדאָדים. ווייל אַז ניט, און דער „בונד“ זאָל בלייבן מיט די „אָבאָראָנצעס“, וועלן אונזערע אינטערנאַציאָנאַליסטן דאָס ניט קאָנען פאַרטראָגן. וועט דער בונד וועלן גיין מיט די אינטערנאַציאָנאַליסטן, טאָ וואָס וועלן זאָגן די „אָבאָראָנצעס“? בלייבט איין וועג: אַרויסטרעטן! אָבער דאָס וועט זיין א שווערער קלאַפּ פאַרן אידישן פּראָלעטאַריאַט, אויב ער וועט מוזן בלייבן אָפּגעטיילט פון די רוסישע אַרבעטער — און ניט צוליב נאַציאָנאַלע טאַיומים, ווי אין 1903 יאָר **), נאָר טאַקע צוליב דעם שטרייט פון פראַקציעס.

דעריבער מוזן מיר, בונדאָווצעס, וואָס האַלטן ביכלאַל, אַז דער העכסטער געזעץ פאַר א סאָציאַל-דעמאָקראַט איז די איינקייט פון דער אַרבעטער-באַוועגונג, באַזונדערס שאַרף אַרויסטרעטן קעגן יעדער צעשפּאַלטונגס-אַגיטאַציע, וואָס פירט זיך אי פון רעכטס, אי פון לינקס.

אונזער אויפגאַבע אַפן צוזאַמענפאָר דאַרף זיין: אָפּהיטן פון א צעשפּאַלטונג...

*) פירער פון די עקסטע סאָציאַל-פּאַטריאָטן.

**) ווען דער בונד איז אַרויסגעטראָטן פון ר. ס. ד. א. פּ.

62. ליבער וועגן מילכאָמע און שאָלעם.

(פונם פּאָרטראַג אויפן פאַרייניקונגס-צוזאַמענפאָר פון ר. ס. ד. אַ. פּ. (מענשעוויקעס) [29] „יעדיעס פונם ראַט פון די אַרבעטער- און סאָלדאַטן-דעפּוטאַטן". פּעטראָגראַד. נומ. 152 פון 24-טן אויגוסט 1917).

...מיר האָבן גערעכנט, אַז דער איינציקער מיטל צו ליקווידירן די מילכאָמע באַשטייט אין דעם, וואָס די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג פונם רוסישן אַרבעטער-קלאַס וועט אַרויסרופן אַן ענלעכן יקער אין דער שטימונג פון די מאַירעוור-אייראָפּעאיִשע אַרבעטער-מאַסן, און דאָס וועט דערנענטערן די מעגלעכקייט פון ליקווידירן די מילכאָמע אין אַן אינטערנאַציאָנאַלן מאַסשטאַב. אָבער אין דער צייט, ווען בא אונז האָט זיך העררלאָזיקער פּראָצעס אַנטוויקלט מיט אַ קאַטאַס-טראָפישער שנעלקייט, איז אין מאַירעוור-אייראָפּע אַנטוויקלט ער זיך זייער לאַנגזאַם. אונזערע קאַמפּס-מיטלען זייַנען ניט אָנגעמבאַר פאַר די אויסלענדישע אַרבעטער. און אין דעם שטעקט אַ גרויסע סאַקאָנע.

ווייטער קלערט אויף ליבער אויספירלעך די פּאַקטישע אומעגלעכקייט אַז די פּאָליטישע גיטצוועקמעסיקייט פון אַ סעפּאַראַטן שאָלעם, אַלס מיטל אַף צו ליקווידירן די מילכאָמע. ניט בעסער באַשטייט די זאַך, לויט ליבערס מיינונג, אויך מיטן לאָזונג פון אַ סעפּאַראַטער מילכאָמע, ווייל ס'איז פּאַר אַלעמען קלאָר, אַז רוסלאַנד איז ניט בעקויעך אַליין צו קעמפן קעגן אַלעמען.

נאָר אויב אַזוי, זאָגט דער רעדנער, איז דאָך קלאָר, אַז ס'איז פאַראַן נאָר איין איינציקער מיטל — דאָס איז דער קאַמף פון דער דעמאָקראַטיע זעלבסט פאַר אַ שאָלעם אין אַן אינטערנאַציאָנאַלן מאַסשטאַב.

„איך וועל דערמאָנען די אָנהענגער פון אַ סעפּאַראַטן וואַפנשטילשטאַנד, אַז די אינטערנאַציאָנאַלע לאַגע פון רוסלאַנד איז געווען אַ נישטיקע אין די טעג פון אונזער שטיין אַפן פראָנט. מיט וואָס זשע קאָנען מיר דראָען? מיט ווערטער-קוילן, וועלכע וועלן ניט קאָטירט אַף דער אינטערנאַציאָנאַלער בירזשע און האָבן אַ ווערט בלויז אַף די פּעטראָגראַדער מיטינגען...

מע זאָגט אונז, אַז דער אָנגריף איז אַ פאַקטאָר, וועלכער שטערט די שאָ-לעם-אונטערהאַנדלונגען מיטן אויסלענדישן פּראָלעטאַריאַט. דאָס איז ניט ריכ-טיק, לויט דער אָנערקענונג פונם לינקן פליגל פון דער דייטשישער סאָציאַל-דע-מאָקראַטיע, וועלכע האָט האָפענדיק געקוקט אַף אונזער אָנגריף. דאַפקע דער לעצטער האָט געבראַכט צום אינערלעכן קריזיס אין דייטשלאַנד, און אונזער מאַפּאַלע האָט פאַרשטאַרקט אירע אימפּעריאַליסטישע טענדענצן.

פאַר אונז איז די פאַרטיידיקונג פון לאַנד אַן אומבאַדינגטע פאָדערונג אינם קאַמף פאַרן שאָלעם...

63. דער בונד וועגן די אויפגאבן און קאמפעטענץ פונם אידישן צוזאמענפאר.

(באשטימונג פון ביורא פון צ. ק. „דער וועקער". מינסק. נום. 104 פון 19-טן אקטיאבער 1917).

דער אידישער צוזאמענפאר, וואס דארף פארקומען אין דעקאבער דאס יאר, איז פאר אונז וויכטיק דערמיט, וואס ער וועט צום ערשטן מאל הויך און אפן אויסדריקן דעם ווילן פון אלע אידן אין רוסלאנד צו א נאציאנאלער זעלבסט-פארוואלטונג. אין דעם ליגט די גרויסע פאליטישע באדייטונג פונם צוזאמענפאר. אפן צוזאמענפאר וועט יעדער קלאס און יעדע גרופע קריסטאליזירן זייערע מיינונגען איבער די פונקטן פון טאג-ארדענונג. און ס'וועט פארקומען דער ערשטער שריט אינם אינערלעכן קלאסן-קאמף ארום די פראגן פון אונזער נאציאנאלער אויטאנאמיע. בעאיים די וואלן און אפן צוזאמענפאר גופא וועלן מיר האבן א גוטע געלעגנהייט קלאר צו מאכן פאר די אידישע מאסן זייערע אינטערעסן אין דער נאציאנאלער זעלבסטפארוואלטונג, פאנאנדערוויקלען פאר זיי אונזער נאציאנאלע פראגראם און דערציען זיי אין אונזער גייסט.

מיר זיינען איבערצייגט, אז די אלגעמיין-דעמאקראטישע פארויסזעצונג פון דער נאציאנאלער אויטאנאמיע און אירע גרעניצן און קאמפעטענץ קאן באשטימען נאר די אלגעמיינע רוסלענדער גרינדונגס-פארזאמלונג. דעריבער קאנען די באשלוסן פונם צוזאמענפאר ניט טראגן קיין אבליגאטארישן כאראקטער. דער צוזאמענפאר איז ניט קיין עפנטלעך-רעכטלעכע מעלוכע איינריכטונג, און זיינע באשלוסן זיינען פאר קיינעם ניט אבליגאטאריש. דעם קאמף איבער דער קאמפעטענץ און די גרעניצן פון דער נאציאנאלער אויטאנאמיע וועלן מיר אריבערטראגן אין גרינדונגס-פארזאמלונג, וואו זי וועט ענדגילטיק געלייזט ווערן אין צוזאמענהאנג מיט די אלגעמיינע אינטערעסן פון דער גאנצער מעלוכע, מיט די אינטערעסן פון די איינצלנע נאציאנען, וואס וואוינען נעבן-אנאנדער, מיט די אינטערעסן פון דער ארטיקער און טעריטאריעלער זעלבסטפארוואלטונג.

די ערשטע דריי פונקטן פון דער פראגראם, וואס די אידישע פארקאנפערענץ האט אויסגעארבעט פארן צוזאמענפאר, טייטשן מיר אויס אין דעם זין פון גאראנטיע פאר גלייכבארעכטיקונג פון דער אידישער שפראך און נאציאנאל-קולטורעלע אויטאנאמיע. מיר וועלן דאס אזוי אויסטייטשן בעאיים די וואלן, און מיר וועלן קעמפן דערפאר, אז דיזאזיקע פונקטן זאלן אזוי אויפגעשטעלט ווערן אין טאג-ארדענונג אפן צוזאמענפאר גופא.

מיר וועלן קעמפן דערפאר, אז דעם פערטן פונקט וועגן די רעכט פאר אידן אין אנדערע לענדער זאל מען בעשום אויפן ניט אויסנוצן פאר א דעמאנסטראציע פאר טעריטאריאליזם און ציאניזם און א דעמאנסטראציע פאר אן אלוועלטלעכער אידישער ארגאניזאציע מיט אלוועלטלעכע אידישע פאליטיק און דיפלאמאטיע.

די קלאל-איסראעל-פאליטיקער שטרעבן אויסצונוצן די וואלן צו דעם אידישן צוזאמענפאר אף צו פארשמעלערן די פערספעקטיוון פון דער וואל-

קאמפאניע צו דער גרינדונגס־פארזאמלונג. [illegible] זיי [illegible] אפציען די אויפמערקזאמקייט פון די אידישע מאסן פון די גרויסע אלגעמיין־פאליטישע אינטערעסן פון מאמענט און אריינשפארן זי אין די 4 אייגענע ווינקעלעך פון ענג־אידישע פראגן. אונזער אויפגאבע איז צו זעען, אז די וואל־קאמפאניע צו דער גרינדונגס־פארזאמלונג זאל זיך פירן אפן ברייטן וועג פון דער אלגעמיינער פאליטיק. די אידישע פראגע דארפן מיר אויך צוזאמענבינדן מיט די אלגעמיינע פאליטישע פערספעקטיוון.

64—66. אפקלאנגען פון דער קארנילאוו־אוואנטיורע [30] האמעל.

א. האמעל.

(עווענטאחו! „האמעל אין די קארנילאוו־טעג". „נייע צייט". קיעוו. 1917, נומ. 8).

די ערשטע ידיעות וועגן קארנילאווס אויפשטאנד האבן זיך באקומען אין האמעל זונטיק דעם 26־טן אווגוסט עלף אזייגער אוונט, בעת די שטאט־דומע האט אפגעהאלטן איר זיצונג. די פארשטייער פון די סאציאליסטישע פראקציעס האבן גלייך אפגעהאלטן א בעראטונג און האבן באשלאסן אויסקלייבן א צייטווייליקן רעוואלוציאנערן קאמיטעט. אף מארגן האט דער אויספיר־קאמיטעט פון ארבעטער־און סאלדאטן־ראט צוזאמען מיט דעם ראט פון די פויערים־דעפוטאטן באשלאסן גרינדן א רעוואלוציאנערן קאמיטעט, אין וועלכן עס זאלן אריין פארשטייער פון די דעמאקראטישע ארגאניזאציעס, פון גארניזאן און מיליציע. אף דער פלענארער זיצונג פון דעם סאלדאטן־און ארבעטער־ראט, פון די פאבריק־קאמיטעטן, פראפעסיאנעלע פאריינען א.א.וו. איז דאס דורכגעגאנגען בא זייער אן ערנסטער שטימונג, און אלע, אפילע די אפיצערן, האבן דערקלערט, אז זיי זיינען גרייט מיט אלע קויכעס פארטיידיקן די צייטווייליקע רעגירונג. דער קאמיטעט האט אויסגעטיילט פון זיך באזונדערע סעקציעס: מיליטערישע, אויספארשנדע, שפייז־סעקציע א.א.וו. אין סאלדאטן און ארבעטער־ראט איז געווען א שטענדיקע דעזשורסטווע, די הויפט־אויפגאבע פון דעם רעוואלוציאנערן קאמיטעט איז געווען איזאלירן די סטאווקע *). צוליב דעם האט ער פארנומען דעם טעלעגראף, די פאסט, די אייזנבאן, און דעריקער, די קאנצעליאריע פונם פארוואלטער פון איבערפירן מיליטער; דאס האט גלייך צוגענומען בא דער סטאווקע די מעגלעכקייט צו באקומען שפייז און פרישע מיליטער־אפטיילונגען. דא האט מען פארהאלטן אלע עשעלאנען, וואס וואלטן גיין צו הילף דער סטאווקע. עס איז פארהאלטן געווארן ביז 30 עשעלאנען. צווישן זיי עטלעכע עשעלאנען מיט פוילישע אולאנען, מיט וועלכע די סטאווקע האט זיך זייער אינטערעסירט. אלע אויפרופן און פארארדענונגען פון דער סטאווקע זיינען פארהאלטן געווארן. עס איז צעשטעלט געווארן זאסטאוועס, כדי קארנילאווס עמיסארן זאלן ניט קאנען דורכפארן אף אווטאמאבילן דורך האמעל. פון

*) קארנילאווס הויפט־קווארטיר, וועלכע האט זיך געפונען אין מאלעוו.

די 11 אווטאמאבילן, וואס זיינען ארויס פון מאלעוו, זיינען אין האמעל פארהאלטן געווארן 4, און איינער אין טשערניגאוו. עס איז ארעסטירט און איצט אפגעשיקט געווארן קיין פעטראגראד דער פראפארשטשיק זאוואיקא, וואס קארנילאוו האט אים אנגעמערקט פאר א פינאנץ־מיניסטער אין זיין קאבינעט.

שפעטער איז אנגעקומען א ידיעה, אז פון פראסקוראוו זיינען ארויסגעפארן 4 ענגלישע געפאנצערטע אווטאמאבילן און גייען אין דער סטאווקע. עס איז אנגענומען געווארן מיטלען זיי צו פארהאלטן. צוזאמען מיט דעם האט מען געמוזט אכטונג געבן אף דער ענגלישער מיליטערישער מיסיע, וואס איז ארומגעפארן אין סטאווקע און צוריק. מען האט איר געגעבן צו וויסן, אז דאס אריינפארן קיין מאלעוו איז פארווערט. כאטש זיי האבן פראטעסטירט, דאך האבן זיי געמוזט זיך אונטערגעבן. פון קיעוו איז פון הויפט־קאמאנדיר אבערוטשעוו אנגעקומען א ידיעה, אז קארנילאוו האט אראפגענומען מיליטער פון דארעם־מאירעוו־פראנט און זיי געשיקט אין דער סטאווקע. דער קאמיסאר פון מאירעוו־פראנט זשדאנאוו האט אונז אנגעוויזן אף דער וויכטיקייט פון די סטאנציעס זשלאבין און קאלינקאוויטשי, דורך וועלכע עס האט געקאנט דורכגיין קארנילאווס מיליטער. עס זיינען גלייך אהין געשיקט געווארן אונזערע מענטשן, וואס האבן אין פולער מאס דורכגעפירט די אויפגאבע, וואס איז זיי געגעבן געווארן. דער האמעלער קאמיטעט איז געקומען אין נאענטער פארבינדונג מיט קיעוו, מינסק און מיט די קאמיטעטן פון אנדערע שטעט, ווי נאווא־זיבקאוו, מאזיר א.א. אין אט די אלע פונקטן זיינען אנגענומען געווארן די זעלבע מיטלען, וואס אין האמעל. אן אויסנאם האט געמאכט נאר די שטאט ביכאוו, וועלכע די פוילישע אולאנען, אנהענגער פון קארנילאוו, האבן אריינגעכאפט אין זייערע הענט.

אין האמעל אליין איז געווען אויסערליך רואיק. דער גאנצער גארניזאן איז געווען אף די פיס. געקאמאנדעוועט מיט אים האט א געניטער קאמאנדיר.

ב. מינסק.

(א. ק.: „צו דער קאנטער־רעוואלוציאנערער פארשווערונג". „ארבעטער־שטימע". 1917. נומ. 42—43 פון 23־טן סענטיאבר 1917).

די ערשטע ידיעות וועגן קארנילאווס קאנטער־רעוואלוציאנערע ארויסטרעטונג האבן מיר באקומען דעם 28־טן אווגוסט אין דער פרי. טייקעף האט זיך די דאזיקע ידיע פארשפרייט איבערן שטאט און דער אומגעגנט, וואו עס שטייען פארשיידענע מיליטער־אפטיילונגען.

די שטימונג אין שטאט איז טייקעף געווארן אן אומרואיק־געהויבענע. מיט גרויס אומגעדולד האט מען געווארט אף ווייטערדיקע ידיעות. ס'האבן, פארשטייט זיך, ניט געפעלט אויך קיין ארטיקע „ידיעות", איינע משונה ווילדער פון דער צווייטער. איבערהויפט האט די בירגערלעכע פאנטאזיע שטארק געארבעט ארום די 20 טויזנט קאזאקן, וואס געפינען זיך ניט ווייט פון שטאט, און יאס דארפן פון שא צו שא ארויסטרעטן.

די ערשטע זיצונג פון די רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס איז פאָרגעקומען גלייך אין דער פרי. אין דער אָנוועזנהייט פון רעגירונגס־קאָמיסאַר אפן מאַירעוו־פראָנט, וו. זשראַנאָוו (ס.ד.*) איז פאָרגעקומען א געמיינזאַמע זיצונג פון אויספירונגס־קאָמיטעט פון אַרבעטער־ראַט, פון פראָנט־קאָמיטעט, פאָרשטייער פון דער שטאָט־דומע א. א. די זיצונג איז געווען א פאַרמאַכטע, נאָר ס'איז באַוואוסט, אַז אַף איר זיינען אָנגענומען זייער וויכטיקע און אַנטשיידענע באַשלוסן.

באַטאָג זיינען איבער די גאַסן און אין די מיליטער־אָפּטיילונגען געווען צעהאַנגען מויראָעס פון דעם דערמאָנטן קאָמיסאַר זשראַנאָוו און פון דער שטאָט־פאַרוואַלטונג, אין וועלכער ס'ווערט דערציילט וועגן קאָרנילאָווס אַרויסטרעטונג און וועגן די אַנטשיידענע מיטלען פון דער רעגירונג, און די באַפעלקערונג ווערט גערופן צו זיין רואיק.

מיט אַן אויספירלעכן אויפרוף צו דער אַרמיי איז אַרויסגעטראָטן דער דערמאָנטער פראָנט־קאָמיטעט, וועלכער איז געווען אויסגעקליבן אפן דעלעגאַטן־צוזאַמענפאָר פון אַלע אַרמייען און מיליטער־טיילן, וואָס געהערן צום מאַירעוו־פראָנט.

אין דעמדאָזיקן אויפרוף דערקלערט דער קאָמיטעט קאַטעגאָריש, אַז מיט געווער אין די הענט וועט די אַרמיי דערשטיקן יעדן קאָנטר־רעוואָלוציאָנערן פרוּוו, און די אַרמיי ווערט גערופן בלייבן רואיק, פאַרנעמען זיך מיט איר געוויינלעכע אַרבעטן. אַז ס'וועט זיין נייטיק, וועט דער קאָמיטעט זי אַרויסרופן.

דעמזעלבן אָוונט איז פאָרגעקומען א זיצונג פון דער נייער שטאָט־דומע. דער פאָרזיצנדער (א. ווייַנשטיין) האָט אין קורצן כאַראַקטעריזירט די געשאַפענע פּאָליטישע לאַגע, באַקאַנט געמאַכט די ראַטמענער מיט אַלע פאַקטישע מאַטעריאַלן און פאָרגעלייגט באַטראַכטן די אויפגאַבן פון דער שטאָט־דומע אין צוזאַמענהאַנג מיט די לעצטע געשעענישן.

אין נאָמען פון דער ס.ד. און ס.ר. פראַקציעס איז אַרייַנגעטראָגן געוואָרן א רעזאָלוציע, אין וועלכער די שטאָט־דומע זאָגט צו די פולסטע שטיצע דער רעוואָלוציע און דער רעוואָלוציאָנערער רעגירונג, וואָס דאָס פאָלק האָט אַרויסגערוקט. נאָך קורצע דעבאַטן וועגן דער רעדאַקציע פון דער רעזאָלוציע איז די לעצטע איינשטימיק אָנגענומען געוואָרן.

אין צוזאַמענהאַנג מיט די געשעענישן האָט אָפּגעהאַלטן א עקסטראַזיצונג אויך דער פרעזידיום פון צענטראַל־ביוראָ פון די פראָפעסיאָנעלע פאַריינען. ס'איז באַשטימט געוואָרן צונויפרופן אפן 24־טן אויגוסט א פאַרזאַמלונג פון די פאַרוואַלטונגען פון אַלע אָרטיקע פראָפעסיאָנעלע פאַריינען [31].

אין שטאָט איז דערווייל פולשטענדיק רואיק. ווי מע גיט איבער, איז דער גאַנצער היגער גאַרניזאָן, ניט אויסגעשלאָסן די קאָזאַקן, גרייט מיט אַלע מיטלען צו פאַרטיידיקן די רעוואָלוציע.

---

*) רעכטער מענשעוויק.

ג. וויטעבסק.

(יוסף כײקינד: קאָרעספּאָנדענץ פון וויטעבסק. „אַרבעטער־שטימע״. 1917, נומ. 44).

ווי נאָר עס איז אָנגעקומען קאָרנילאָווס דעפּעש, אַז ער דערקלערט זיך פאַר אַ דיקטאַטאָר, איז באַלד צונויפגערופן געוואָרן אַ באַראַטונג פון אַרבעטער־ראַט מיט פאָרשטייער פון פּאָליטישע פּאַרטייען. עס איז באַשלאָסן געוואָרן גרינדן אַ קריגס־ביוראָ. נעמענדיק אין אַכט, אַז וויטעבסק איז אַ מיטלפּונקט צווישן פּעטראָגראַד און מאָלעוו, האָט מען גלייך פאַרנומען די אײַזנבאַן, דעם טעלע־גראַף, דעם אַרסענאַל א.א.וו. מע האָט אויך אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן, ווי אָפּצוהיטן די אָרדענונג אין שטאָט.

די שטאָט האָט אויסגעזעען ווי אַ קריגס־פּלאַץ. אומעטום פּאַטרולן, אויטאָ־מאָבילן מיט קוילנוואַרפער פאָרן אַרום איבער דער שטאָט, דער אַרבעטער־ראַט איז אַרומגערינגלט מיט סאָלדאַטן און אַרטילעריע. אין ראַט זיצט מען אַ גאַנצן מעת־לעת. דער דעזשורנער טרעט ניט אָפּ פון טעלעפאָן. אָט האָט דער צענזאָר אויף פּאָסט פאַרהאַלטן אַ דעפּעש און פרעגט זיך נאָך, וואָס צו טאָן. אָט גיט מען איבער פון וואָקזאַל, אַז מע האָט צוגעשיקט צום פּאַסאַזשיר־צוג 2 וואַגאָנעס מיט אָפיצערן־קאָרנילאָווצעס, וואָס פירן מיט זיך אויפרייס־מאַטעריאַלן קיין פּעטראָגראַד. מע טשעפּעט באַלד אָפּ די וואַגאָנעס, און די אָפיצערן אַרעסטירט מען.

אַלע האָבן געפילט, אַז דער שיקזאַל פון שטאָט געפינט זיך אין זיכערע הענט. עס איז ניט איבעריק צו באַמערקן, אַז מיט עטלעכע טעג פריער זײַנען איבער דער שטאָט געווען פאַנאַנדערגעקלעפּט צעטלען, געשריבן אויף אַ שרייב־מאַשין, אַז דעם 1־טן סעפּטעמבער וועט זײַן אַ פּאָגראָם, נאָר דאַנק דער ענער־גיע פון ראַט זײַנען אַלע געווען רואיק.

די פּאָליטישע פּאַרטייען, מוז מען מודה זײַן, זײַנען ניט געווען אויף דער הויך. פאַר דער מאַסע האָט מען אין דעם אויסערגעוויינלעכן מאָמענט גאָרניט געטאָן. ניט נאָר קיין פאַרזאַמלונג האָט מען ניט צונויפגערופן, נאָר מע האָט אַפילו ניט אַרויסגעלאָזן קיין בלעטל וועגן די געשעענישן. מע האָט פאַרגעסן, אַז אַרויסטרעטן אין גאַס וועט דאַרפן די מאַסע, און קעדיי דאָס זאָל פאָרקומען אָרגאַניזירט, דאַרף מען אַרבעטן.

67. די פּאָזיציע פון בונד נאָך דער קאָרנילאָוו־אַוואַנטיור.

(„צום פּאָליטישן מאָמענט״. „דער וועקער״ נומ. 76 פון 8־טן סעפּטעמבער 1917).

אויף זײַן זיצונג דעם 4 — 6 סעפּטעמבער האָט דער געגנט־קאָמיטעט *) צווישן אַנדערע פראַגן באַהאַנדלט די פראַגע וועגן פּאָליטישן מאָמענט און אָנגענומען פאָלגנדע רעזאָלוציע:

*) קאָמיטעט פון בונד פאַר צאָפן־מאַירעוו־געגנט.

אונטערפירנדיק א סאכאקל צו די לעצטע געשעענישן, איז דער גענגט-קאמיטעט געקומען צו די פאלגנדע אויספירן:

אין די טעג פון קארנילאווס אויפשטאנד האבן די רעוואלוציאנערע ארגאניזאציעס באוויזן, אז זיי זיינען די איינציקע קראפט, וואס איז געווען בעקויעך צו באשיצן און איינהיטן די רעוואלוציאנערע ארדענונג און מאכן א גיכן סאף צו אלע קאנטער-רעוואלוציאנערע פרואוון.

די אויפירונג פון דער קאדעטישער פארטיי בעשאס די קארנילאוו-געשעענישן האט ענדגילטיק באוויזן, אז די דאזיקע פארטיי איז אנטשלאסן ארויסגעטראטן אפן וועג פון דער קאנטער-רעוואלוציע און האט זיך געשטעלט פאר א ציל, אנשטאט געמיינזאמער ארבעט מיט דער רעוואלוציאנערער דעמאקראטיע אף באפעסטיקן די רעוואלוציע, צו קעמפן קעגן איר, דערשטיקן אירע ארגאניזאציעס און קאנצענטרירן די גאנצע מאכט אין די הענט פון דער בורזשואזיע.

די דאזיקע טאקטיק פון די קאדעטן, אונטערשטיצט דורך די איינפלוסרייכע שיכטן פון דער גרויס-בורזשואזיע, מאכט אוממעגלעך, די קומענדיקע רעגירונג זאל אויסגעבויט ווערן אף דעם אלטן פרינציפ פון קאאליציע מיט דער קאדעטישער פארטיי און מיט יענער גרויס-בורזשואזיע, וואס מאכט מיט איר יאד-אכאס.

אבער פארווארפנדיק די דאזיקע פארם פון קאאליציע, האלטן מיר זיך ווי פריער פארן געדאנק, אז א מאמאשעס און א קיעם אין איצטיקן פאראנטווארטלעכן און אומדערהערט שווערן מאמענט קאן האבן נאר אזא רעגירונג, וואס שטיצט זיך אף די ברייטסטע פאלקסמאסן און געניסט דעם צוטרוי פון אלע לעבעדיקע קרעפטן אין לאנד.

די קינפטיקע רעגירונג דארף זיך שטיצן ניט נאר אף דער רעוואלוציאנערער דעמאקראטיע, וועלכע איז ארגאניזירט אין די ראטן, נאר אויך אף יענע מיליאנען מאסן, וואס זיינען פעאיק צו אונטערשטיצן די פלאטפארם פון דער רעוואלוציאנערער דעמאקראטיע: אף דעם שטאטישן קלייןבירגערטום און אינטעליגענץ; אף יענע טיילן פון פויערטום, וועלכע, הגאם זיי זיינען ניט געשטימט סאציאליסטיש, קאנען בעשום אויפן ניט נאכגיין נאך די קאדעטן און זיינען בלוטיק פאראינטערעסירט אין זיג פון דער רעוואלוציע; אף די גרויסע מאסן פון די אונטערדריקטע נאציאנען, וועלכע זיינען אינגאנצן פיינטלעך צו דער צענטראליסטישער הערשאפט-פאליטיק פון די קאדעטן און פון דער אימפעריאליסטישער גרויסרוסישער בורזשואזיע.

אף דער מאסקווער בארעטונג האבן די דאזיקע שיכטן פון פאלק, ארגאניזירט אין די קאאפעראציע, שטאט-דומעס, אינטעליגענטישע ארגאניזאציעס, נאציאנאלע גרופן א.א.וו., אפן ארויסגעזאגט זיך פאר דער פלאטפארם פון דער רעוואלוציאנערער דעמאקראטיע. די אויפגאבע פון דער קומענדיקער דעמאקראטישער בארעטונג[32] איז — צוגעבן די רעוואלוציאנערע שטימונגען פון די דאזיקע שיכטן א וואס ארגאניזירטערע פארם, פארבינדן זיי וואס ענגער מיט דער ארגאניזירטער רעוואלוציאנערער דעמאקראטיע; אף דער בארעטונג דארף די אלע שיכטן, צוזאמען מיט דער רעוואלוציאנערער דעמאקראטיע פון די ראטן,

אָרגאַניזירן די מאַכט, וועלכע דאַרף זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער גאַנצער רעוואָלוציאָנערער דעמאָקראַטיע, און זיי דאַרפן צוזאַמען טראָגן אױף זיך די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר אַלע שריט פון דער מאַכט.

די רעגירונג, וועלכע וועט געבויט ווערן אױף אַזאַ ברייטן דעמאָקראַטישן יעסאָד, וועט קאָנען געניסן דעם צוטרוי און באַזיצן דעם אויטאָריטעט בײַ די ברייטסטע פאָלקסמאַסן.

אָבער דאָס וועט מעגלעך זיין נאָר בײַטנאַי, ווען די רעגירונג וועט זיך אײַנגאַנצן שטעלן אױף דער פּאָליטישער און סאָציאַלער פּלאַטפאָרם פון דעם זומערדיקן צוזאַמענפאַר פון די ראַטן, ווען זי וועט מיט דער גאַנצער קראַפט אירער אָפּהיטן און אונטערשטיצן די רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס בײַכלאַל און די אַרמײ בפרט, וועט זיך אָפּזאָגן פון רעפּרעסיעס קעגן פרײַהייט פון וואָרט און אָרגאַניזאַציע און וועט אָפּשאַפן די טויט-שטראָף.

מיט אַ באַזונדער פעסטקייט דאַרף די קינפטיקע רעגירונג דורכפירן דאָס שאַלעם-פּראָגראַם פון דער רעוואָלוציאָנערער דעמאָקראַטיע. זי דאַרף קלאָר און דײַטלעך דערקלערן די פאַרבינדעטע מעלוכעס, אַז ס'זײַנען נויטיק באַלדיקע שריט אױף איבערקוקן די צילן פון דער מילכאָמע און אױף אָנהויבן אונטערהאַנדלונגען וועגן שאָלעם אױף די יעסוידעס, וואָס זײַנען פעסטגעשטעלט דורך דער רעוואָלוציאָנערער דעמאָקראַטיע.

ביז וואַנען דער שאָלעם וועט זיין [ניט] מעגלעך, דאַרף די באַשיצונג פון לאַנד געפירט ווערן מיט דער גרעסטער ענערגיע, און אַלץ דאַרף געטאָן ווערן, אַז אונזער אַרמײ זאָל זיין שלאַכטפעאיק און דיסציפּלינירט און זאָל קאָנען דערפילן איר פליכט בענוגייע צו באַשיצן דאָס רעוואָלוציאָנערע רוסלאַנד קעגן דער אויסערלעכער סאַקאָנע.

68. דער „בונד" וועגן זיך.

(„די יויול-טעג". „דער וועקער". נומ. 86 און 87 פון 28-טן און 29-טן סענטיאַבר 1917).

...די פייערלעכע זיצונג פון צענטראַל־קאָמיטעט.

דינסטיק דעם 26־טן *) איז אין שטאָטטעאַטער פאָרגעקומען די פייערלעכע יובילײ-זיצונג פון צענטראַל־קאָמיטעט.

צו דערדאָזיקער זיצונג האָט מען זיך לאַנג געגרייט הען אין מינסק, הען אין דער פּראָווינץ און מיט אומגעדולד דערוואַרט זי.

די זיצונג האָט זיך געעפנט מיט דער „שוואָוע", וועלכע ס'האָט געזונגען דער כאָר פון מינסקער קאָמיטעט, און מיטן מאַרסעליעזע-מאַרש פונם מיליטער־אָרקעסטער.

געעפנט האָט די זיצונג דער פאָרזיצער פון צענטראַל קאָמיטעט כ' ווײַנשטיין [33] (ראַכמיעל), וועלכער האָט אָנגעוויזן אױף דער אַלגעמײנער באַדיי-

*) סענטיאַבר.

טונג פון היינטיקן יאָנטעוו פאַר אַלע שיכטן פון אידישן אַרבעטער־קלאַס, קודעם־קאָל, פאַרשטייט זיך, פון רוסלאַנד דערנאָך אויך פון אייראָפּע און אַמעריקע. דער כ׳ ווײַנשטיין האָט אויך דערמאָנט און באַגריסט אַלע אַלטע טוער און גרינדער פון „בונד“, אַלע באַוויירים פון ליטע און פוילן, וואָס געפינען זיך היינטער די מילכאָמע־גריבער, אַלע אונזערע אָרגאַניזאַציעס און באַוויירים, וואָס געפינען זיך ניט היינט מיט אונז, נאָר וועמעס הערצער ס׳קלאַפּן צוזאַמען מיט אונזערע.

נאָכן כ׳ ווײַנשטיין איז מיט אַ גרויסער און שיינער רעדע אינם נאָמען פון צענטראַל־קאָמיטעט אַרויסגעטראָטן דער כ׳ ליבער, וועלכער האָט געזאָגט:

דער בונד איז טאָמיד, ניט קוקנדיק אויף די ניט גינסטיקע באַדינגונגען פון אַן אומלעגאַלער פּאַרטיי, געווען די דעמאָקראַטישסטע פּאַרטיי. צווישן די פירער מיט דער מאַסע איז קיינמאָל ניט געווען קיין טהאָם. די פירער האָבן שטענדיק געלעבט אין דער מאַסע. ניט געקוקט אויף דעם, וואָס אונזער אַרבעט איז געפירט געוואָרן „אונטער דער ערד“, איז בײַ אונז קיינמאָל ניט געווען קיין פראַקציאָנערע רייסעניש און אין אונזערע רייען האָט טאָמיד געהערשט אַכדעס און איינינקייט. אַ אידיאָלאָגישער קאַמף האָט זיך בײַ אונז שטענדיק געפירט, פריער אַרום דער „זובאַטאָווושטשינע“, דערנאָך אַרום דער באַציאונג צו דער רוסלענדער ס.־ד. פּאַרטיי צווישן „באָלשעוויקעס“ און מענשעוויקעס א.ד.גל. א.א.וו. דאָך צו קיין פראַקציאָנערקייט האָבן דיזאָזיקע בעלוקעדייעס קיינמאָל ניט געבראַכט. די איינהייט פון דער פּאַרטיי איז בײַ אַלעמען געווען העכער און טייערער פון אַליץ, און די פּאַרטיי איז געבליבן איינציק. מיט דעמאָזיקן איינהייטס־געפיל איז ענג פאַרבונדן דאָס, וואָס מע רופט „בונדישער פּאַטריאָטיזם“. ניט קיין שיינע פראַזע און פוסטער קלאַנג איז דער צורוף אין אונזער „שוואַוע“ „מיר שווערן אַ טרייהייט אָן גרענעצן צום בונד“.

דאָס פערזענלעכע לעבן — ענדיקט דער כ׳ ליבער — קאָן אונז אוועקשלעפּן אין פאַרשידענע זייטן, דאָס פּאָליטישע — קאָן פאַר אונז עפענען נייע און ברייטערע פּערספּעקטיוון — דאָס אָבער, וואָס מיר האָבן איבערגעלעבט אין „בונד“, קאָן ניט פאַרגעסן ווערן; דאָס איז דאָס שענסטע, גרעסטע און דערהויבנסטע, וואָס מיר האָבן פאַרמאָגט!

דעם כ׳ ליבערס צורוף: „לעבן זאָל דער בונד“ רופט אַרויס אַ שטאַרקע באַגייסטערונג און ווערט באַדעקט מיט אַ שטורם אַפּלאָדיסמענטן.

נאָכן כ׳ ליבער האָט באַקומען דאָס וואָרט דער כ׳ ריין (אַבראַמאָוויטש), וועלכער האָט זיין איינהאַלטסרייכע רעדע געווידמעט דער ווירקונג פון „בונד“ אויף דער עוואָלוציע פון נאַציאָנאַלן געדאַנק בײַ דער רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי.

שוין אין אָנהויב פון זייער טעטיקייט האָבן די אידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן זיך באַגעגנט מיט דער פּראָבלעם פון דער אידישער שפּראַך און פון אַ באַזונדערער אידישער אַרבעטער־פּאַרטיי, און ליידן דיזאָזיקע פראַגע איז אין יענער צייט געווען זייער שווער. ס׳זיינען ניט געווען קיין טראַדיציעס, קיין פאַרגענגער. מע האָט אַליץ געמוזט אָנהויבן פון אָנפאַנג. שוין אויף אונזער פערטן צוזאַמענ־

פאַר איז אַרויסגערוקט געוואָרן די טעאָריע פון נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע, וועל־כע האָט נאָך א לאַנגן און האַרטן קאַמף באַקומען די אַלגעמיינע אָנערקענונג.

דאָס איז אונזער ערשטער פאַרדינסט אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע פאַר דער רוסלענדער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע.

דאָס איז אָבער ניט אַלץ. דער „בונד" האָט געמוזט אויסשטיין א שאַרפן און פאַרביסענעם קאַמף פאַר דער עצם אָנערקענונג פון די אידן אַלס נאַציע. שווער איז געווען דער קאַמף. איצט איז שוין דאָס פאַר קיינעם קיין פראַגע ניט, ווי ס'איז פאַר קיינעם פון די רוסלענדער סאָצ.-דעמאָקראַטן *) קיין ספק ניט, אַז דעם איינציקן ריכטיקן ענטפער אויף דער פאָרמולירטער אין דער קאַפּי־טאַליסטישער אָרדענונג נאַציאָנאַלער פראַגע גיבן מיר, בונדיסטן, און אונזער ענטפער — די קולטורעל-נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע איז שוין איצט דער אָפי־ציעלער ענטפער אויך פון דער רוסלענדער ס. ד. א. פּ.

די כ' עסטער האַלט א רעדע וועגן דער ראָלע, וועלכע דער בונד האָט גע־שפּילט און שפּילט איצט אויף דער אידישער גאַס. ער האָט זיך דערוואָרבן בלו־טיקע סאַנים — די אידישע בורזשואַזיע — אָבער אויך געטרייע פריינט — די אידישע אָרימע מאַסן. מיט זיין עקאָנאָמישן און סאָציאַלן קאַמף האָט ער גע־הויבן דעם פּיזישן און גייסטיקן מאַצעוו פון די ברייטע מאַסן און געדעטעט זיי פון אונטערגאַנג. זיין אַרבעט האָט געהאַט די גרעסטע באַדייטונג פאַר דער גאַנ־צער אידישער קולטור־באַוועגונג. ער האָט אריינגעטראָגן קאַמף אויף דער אידי־שער גאַס, אָבער קאַמף איז די לעבנס־קראַפט, וואָס שטאַרקט און הויבט דאָס פאָלק. דער בונד האָט קיינמאָל ניט אָראָפּגעלאָזן זיין קלאַסן־פאָן, קיינמאָל ניט געשטעלט זיך קיין ציל צו ראַטן די נאַציאָן און האָט דאָך געטאָן פאַר דער נאַציאָן אומגעהויער מער, ווי אַלע געשוואוירענע קלאַל־איסראָעל־פאַרזאָרגער. ס'איז ניט קיין וואונדער, אַז דער בונד איז אַרומגערינגלט מיט ליבע און אַכטונג פון אַלע אונטערדריקטע און אָרימע.

69. די מינסקער באָלשעוויקעס האָבן ניט באַגריסט דעם בונד.

(אל. מאַרטוני: **) „די פייערונג פון בונד". „דער בונד". „מאַלאַט". מינסק. נומ. 12 און 14 פון 28-טן און 30-טן סענטיאבר 1917).

דעם 26־טן סענטיאבער האָט דער בונד געפייערט זיין 20־יאָריקן יובילײ. ...אונזער פאַרטיי האָט ניט באַגריסט דעם בונד. דער איצטיקער פּאָליטישער מאָמענט און די ראָלע פונם בונד דערלויבן אונז ניט באַציען זיך צו אים אַזוי, ווי ס'באַציען זיך צו אים די אַנדערע פּאַרטייען און גרופּן. מיר זיינען פאַר א שטרענגער און אָביעקטיווער אָפּשאַצונג פון דער ראָלע און טעטיקייט פון בונד.

*) ס'ווערן געמיינט די מענשעוויקעס.

**) א. מיאַסניקאָוו [34].

...דער בונד האַלט, אַז די אַרבעטער פון אַלע נאַציעס דאַרפן זיך אָרגאַניזירן אין זעלבשטענדיקע נאַציאָנאַלע סאָצ.־דעמאָקראַטישע פּאַרטייען ריכטיקער אָרגאַניזאַציעס.

...דער בונד איז פאַר נאַציאָנאַל־קולטורעלער אווטאָנאָמיע — אַ פאָדערונג, וועלכע איז אין איר טאַך נאַציאָנאַליסטיש, ווייל זי זונדערט אָפּ, טיילט אויס די נאַציאָנאַלע באַזונדערקייטן, קאָנצענטרירט אויף זיי די אויפמערקזאַמקייט פונם פּראָלעטאַריאַט און ווענדעט אים אָפּ פון די אַלגעמיינע קלאַסן־און מעלוכע־אויפגאַבן.

...ס'איז פאַראַן נאָך אַ דריטער געביט, וואו דער בונד אַנטשפּרעכט ניט דער פּאָזיציע פון מאַרקסיזם, פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. דאָס איז זיין טאַקטיק. די בונדיסטן זיינען אַלעמאָל געווען און זיינען אויך איצט זייער ווייט פון דער פּראָלעטאַרישער קלאַסן־פּאָליטיק. אין דעם פּראָט זיינען זיי אינגאַנצן מיט די מענשעוויקעס. דאָס צופּאַסן זיך צו דער בורזשואַזיע, דאָס נאָכגיין נאָך איר, די וואַקלעניש אין דער פּאָזיציע — אָט וואָס עס כאַראַקטעריזירט די גאַנצע טאַקטיק פון בונד אין מעשעך פון די צענדליקער יאָרן. די ליבערס, וואָס זיינען אַרויסגעקומען פון די רייען פון בונד, זיינע פירער, גיבן דעם בוילעטסטן ביישפּיל פון דער ניט פּראָלעטאַרישער, ניט רעוואָלוציאָנערער און אַפילע אויף אַ האָר ניט קיין קלאַסן־ליניע פון יענער דעמאָקראַטיע, וועלכע עס פאַרטרעטן די בונדיסטן...

70. די „פּאַרטייניקטע" וועגן די פּאָליטישע אויפגאַבן פון מאָמענט.

(רעזאָלוציע פון דער פּלענאַרער זיצונג פון צ. ק. דעם 9—13־טן סעפּטעמבער 1917. „דער אידישער פּראָלעטאַריער". 1917, נומ. 10).

דער נייער צייטווייליקער רעגירונג, וואָס וועט געבילדעט ווערן אויף דער דעמאָקראַטישער באַראַטונג אין פּעטראָגראַד, דאַרפן געשטעלט ווערן די פאָלגנדיקע פאָדערונגען:

א. אָננעמען ענערגישע מיטלען אויף צו שליסן שאָלעם, צוליב וואָס עס מוז פּאַרגעלייגט ווערן די פּאַרבינדעטע רעגירונגען צוטרעטן צו פרידנס־אונטערהאַנדלונגען.

ב. איינפירן מעלוכע־קאָנטראָל איבערן האַנדל און אינדוסטריע, ניט אָפּשטעלנדיק זיך פאַרן מאָנאָפּאָליזירן און סעקוועסטרירן אייניצלנע אונטערנעמונגען.

ג. אָננעמען מיטלען, אַז דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג זאָל זיין געזיכערט די פולע מעגלעכקייט פריי צו פאַרוואַלטן מיט דער ערד.

ד. דעקלאַרירן די פעדעראַטיווע אָרדענונג פון רוסלאַנד און די פּרינציפּן פון נאַציאָנאַל־טעריטאָריאַלער און נאַציאָנאַל־פּערסאָנאַלער אווטאָנאָמיע פון די פעלקער; באַלד אַרויסגעבן אַ דעקרעט וועגן דער גלייכבארעכטיקונג פון שפּראַך

גרינדן באַ דער צייטווייליקער רעגירונג א ראַט וועגן נאַציאָנאַלע איניאַנים מיט דער פאָרשטייערשאַפט פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן.

ה. צונויפרופן די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג צו דער באַשטימטער צייט.

ו. פאַנאַנדערלאָזן די מעלוכע־דומע און דעם מעלוכע־ראַט.

ז. אָפּרייניקן דעם קאָמאַנדיר־באַשטאַנד פון דער אַרמיי און פּערסאָנאַל פון אַלע איבעריקע מעלוכע־אַנשטאַלטן, ווי צענטראַלע, אַזוי אויך פּראָווינציעלע, פון קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן.

ח. פאַרשטאַרקן די דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס אין דער אַרמיי, איבערגעבנדיק זיי די פולע אָנפירונג מיטן פּאָליטישן לעבן פון דער אַרמיי און א ברייטע קאָנטראָל־רעכט איבער איר באַלעבאַטישקייט.

ט. אָפּשאַפן די טויט־שטראָף.

י. אָפּשטעלן די רעפּרעסיעס קעגן דער אַרבעטער־פּרעסע.

יא. באַפרייען די רעוואָלוציאָנערן, קעגן וועלכע מע האָט נאָך ניט אַרויסגעשטעלט קיין באַשולדיקונגען; פאַרגיכערן די פּראָצעסן פון די איבעריקע אַרעסטירטע רעוואָלוציאָנערן.

יב. באַשאַפן א באַוואָפנטע מיליציע אַפן כעשבן פון דער מעלוכע.

די רעגירונג דאַרף צונויפגעשטעלט ווערן פון די סאָציאַלע עלעמענטן, וועלכע זיינען פאַרגעשטעלט אַף דער דעמאָקראַטישער באַראַטונג און עס דאַרפן צו געצויגן ווערן צו איר די גרופּעס פון דער בורזשואַזיע (כויז קאַדעטן), וועלכע זיינען זיך מיסכאַייעוו דורכצופירן אין לעבן אָט די פּראָגראַם.

71. די באָלשעוויקעס דאַרפן נעמען די מאַכט.

(א בריוו פון כ׳ לענין צום צ. ק., פּעטראָגראַדער און מאָסקווער קאָמיטעטן פון ר. ס. ד. א. פּ. (ב). וו. אי. לענין: געזאַמלטע ווערק, ב. XIV, 2-טער טייל, ז. ז. 133—135).

באַקומענדיק א מערהייט אין ביידע הויפּטשטאָטישע ראַטן פון די אַרבעטער־און סאָלדאַטן־דעפּוטאַטן [35], קאָנען און מוזן די באָלשעוויקעס נעמען די מעלוכע־מאַכט אין זייערע הענט.

קאָנען, ווייל די אַקטיווע מערהייט פון די רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן פון פאָלק פון ביידע הויפּט־שטעט איז גענוג אַף נאָכצוציען די מאַסן, מענאַצייעך זיין דער ווידערשטאַנד פון סוינע, צעשלאָגן אים, דערקעמפן די מאַכט און איינהאַלטן זי. ווייל, פאָרלייגנדיק באַלד א דעמאָקראַטישן שאָלעם, אָפּגעבנדיק באַלד דיערד דעם פּויערטום, אויפשטעלנדיק די דעמאָקראַטישע אַנשטאַלטן און פרייהייטן, וועלכע קערענסקי האָט צעבראָכן און צעטראָטן, וועלן די באָלשעוויקעס שאַפן אַזאַ רעגירונג, וואָס קיינער וועט זי ניט אומוואַרפן.

די מערהייט פון פאָלק איז פאַר אונז. דאָס האָט באַוויזן דער לאַנגער און שווערער וועג פון 6 מאַי ביזן 31 אויגוסט און ביז דעם 12 סענטיאַבר *): די

*) דעם 6-טן מאַי האָבן די קלייִנבירגערלעכע סאָציאַליסטן באַשלאָסן אַריינטרעטן אין דער קאָאַליציע־רעגירונג. דעם 31-טן אויגוסט האָט דער פּעטראָגראַדער ראַט אָנגענומען א באָלשעוויסטישע רעזאָלוציע וועגן לויפנדיקן מאָמענט. דעם 12-טן סענטיאַבר איז אין טאַשקענט אויסגעקליבן געוואָרן א צייטווייליקער רעוואָלוציאָנערער קאָמיטעט, צו וועלכן ס׳איז אַריבערגעגאַנגען די גאַנצע מאַכט.

מערהייט אין די הויפּטשטעטישע ראַטן איז אַ רעזולטאַט פון דער אַנטוויקלונג פון פאָלק אין אונזער זייט. די וואַקלעניש פון די סאָצ. רעוו. און מענשעוויקעס, די פאַרשטאַרקונג פון די אינטערנאַציאָנאַליסטן צווישן זיי באַווייזט דאָסזעלביקע.

די דעמאָקראַטישע באַראַטונג שטעלט מיט זיך פאָר ניט די מערהייט פון רעוואָלוציאָנערן פאָלק, נאָר בלויז די פּשרה־מאַכערישע קליינבירגערלעכע אויבערשטע שיכטן. מע טאָרף זיך ניט לאָזן נאַרן מיט ציפער פון די וואַלן, ניט אין די וואַלן איז די זאַך: פאַרגלייכט די וואַלן אין די שטאָט־דומעס פון פיטער און מאָסקווע און די וואַלן אין די ראַטן. פאַרגלייכט די וואַלן אין מאָסקווע און דעם מאָסקווער שטרייק דעם 12־טן אויגוסט *): אָט דאָס זיינען אָביעקטיווע דאַטן וועגן דער מערהייט רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן, וועלכע פירן די מאַסן.

די דעמאָקראַטישע באַראַטונג נאַרט אָפּ דאָס פּויערטום, ניט געבנדיק אים ניט קיין שאָלעם, ניט קיין ערד.

בלויז אַ באָלשעוויסטישע רעגירונג וועט אים באַפרידיקן.

פאַרוואָס דאַרפן די באָלשעוויקעס נעמען די מאַכט גראָד איצט?

ווייל דאָס פאַרשטייענדיקע אָפּגעבן פון פּעטראָגראַד וועט מאַכן אונזערע שאַנסן אין הונדערט מאָל ערגער. און דאָס אָפּגעבן פון פּעטראָגראַד בײַ דער אַרמיי מיט קערענסקי און קאָמפּ. בעראָש זיינען מיר ניט בעקויעך שטערן. און אויף דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג איז אויך ניטאָ וואָס צו „וואַרטן", ווייל מיטן אָפּגעבן פּעטראָגראַד וועט קערענסקי און קאָמפּ. זי שטענדיק קאָנען אַרונטערייסן. נאָר אונזער פּאַרטיי, נעמענדיק די מאַכט, וועט קאָנען פאַרזיכערן דאָס צונויפרופן פון דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג און, נעמענדיק די מאַכט, וועט זי באַשולדיקן די אַנדערע פּאַרטייען אין פאַרשלעפּן דאָס און וועט דערווייזן די באַשולדיקונג.

דעם סעפּאַראַטן שאָלעם צווישן די ענגלישע און דייטשישע אימפּעריאַליסטן מוז מען און מע קאָן שטערן, אָבער נאָר האַנדלענדיק שנעל.

דאָס פאָלק איז מיד פון די וואַקלעניש פון די מענשעוויקעס און סאָצ. רעוו. בלויז אונזער ניצחון אין די הויפּט־שטעט וועט נאָכשלעפּן דאָס פּויערטום נאָך אונז.

די פראַגע איז ניט וועגן „טאָג" פון אויפשטאַנד, ניט וועגן „מאָמענט" פון אים אין ענגן זין. דאָס וועט באַשטימען נאָר די אַלגעמיינע שטים פון יענע, וועלכע פאַרקערן מיט די אַרבעטער און סאָלדאַטן, מיט די מאַסן.

די פראַגע איז אין דעם, וואָס אונזער פּאַרטיי האָט איצט פּראַקטיש אויף דער דעמאָקראַטישער באַראַטונג איר צוזאַמענפאָר, און דערדאָזיקער צוזאַמענפאָר מוז (צי ער וויל, צי ער וויל ניט, מוז ער) באַשטימען דעם גורל פון דער רעוואָלוציע.

די פראַגע איז אין דעם, אַז מע זאָל די אויפגאַבע מאַכן קלאָר פאַר דער פּאַרטיי: אויף דער טאָגאָרדענונג אַרויסשטעלן דעם באַוואָפנטן אויפשטאַנד אין פּיטער און אין מאָסקווע (מיט דער געגנט), די דערקעמפונג פון דער מאַכט,

*) אין טאָג, ווען ס'האָט זיך געעפנט די „מאָסקווער באַראַטונג" האָבן אין מאָסקווע, לויטן רוף פונם באָלשעוויסטישן קאָמיטעט, געשטרייקט ביז 400 טויזנט אַרבעטער.

דאָס אַראָפּוואַרפן פון דער רעגירונג. באַטראַכטן, ווי אַגיטירן פאַר דעם, ניט אויסדריקנדיק זיך אַזוי אין דער פרעסע.

דערמאָנען זיך און דורכטראַכטן מאַרקסעס ווערטער וועגן אויפשטאַנד: „אַן אויפשטאַנד איז קונסט“ א.אַ.וו.

וואַרטן אויף אַ „פאָרמעלער“ מערהייט בײַ די באָלשעוויקעס איז נאַיִוו: קיין שום רעוואָלוציע וואַרט ניט אויף דעם. אויך קערענסקי און קאָמפּ. וואַרטן ניט אויף דעם און גרייטן צו דאָס אָפּגעבן פּיטער. האַפקע די וואַקלענישן פון דער דעמאָקראַטישער באַראַטונג דאַרפן און וועלן אויפרייסן דאָס געדולד פון די פּעטראָגראַדער און מאָסקווער אַרבעטער. די געשיכטע וועט אונדז ניט מויכל זײַן, אויב מיר וועלן איצט ניט נעמען די מאַכט.

ניטאָ קיין אַפּאַראַט? אַן אַפּאַראַט איז פאַראַן: דער ראַט און די דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס. די צווישנפעלקערלעכע לאַגע איז גראָד איצט, ערעוו דעם סעפּאַראַטן שאָלעם צווישן די ענגלענדער מיט די דײַטשן, פאַר אונדז. גראָד איצט איז פאָרלייגן אַ שאָלעם די פעלקער — הייסט זיגן.

נעמענדיק די מאַכט גלײַכצײַטיק אי אין מאָסקווע, אי אין פּיטער (ס'איז ניט וויכטיק, ווער ס'וועט אָנהייבן, ס'קאָן זײַן, אַז אַפילע מאָסקווע קאָן אָנהייבן) וועלן מיר מענאַצייעד זײַן אומבאַדינגט און אָן שום צווייפל.

72. דער צ. ק. פון די באָלשעוויקעס רופט די פּאַרטיי-אָרגאַניזאַציעס גרייטן זיך צום אויפשטאַנד.

(רעזאָלוציע פון צ. ק. אָנגענומען דעם 10-טן אָקטיאַבר 1917 *). „פּראָלעטאַרסקאַיאַ רעוואָלוציאַ“, 1922, נומ. 10, ז. 463).

דער צ.ק. אָנערקענט, אַז ווי די צווישנפעלקערלעכע לאַגע פון דער רוסישער רעוואָלוציע (דער אויפשטאַנד אין דײַטשישן פלאָט, ווי אַן עקסטרער באַווײַז פון דער וואַקסנדיקער אין גאַנץ אייראָפּע וועלטלעכער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע, דערנאָך די סאַקאָנע פון אַ שאָלעם צווישן די אימפּעריאַליסטן, קעדיי צו דערשטיקן די רעוואָלוציע אין רוסלאַנד), אַזוי אויך די מיליטערישע לאַגע (די אָנסאָפּעקדיקע באַשטימונג פון דער רוסישער בורזשואַזיע מיט קערענסקין און קאָמפּ. אָפּגעבן פּעטראָגראַד די דײַטשן), — אַזוי אויך דאָס, וואָס די פּראָלעטאַרישע פּאַרטיי האָט באַקומען אַ מערהייט אין די ראַטן — דאָס אַלץ, אין צוזאַמענהאַנג מיטן פּויערישן אויפשטאַנד און מיטן קער פון פאָלקס-צוטרוי צו אונדזער פּאַרטיי (די וואַלן אין מאָסקווע), ענדלעך די אָפענע צוגרייטונג פון אַ צווייטער קאָרנילאָוו-אַוואַנטיור (דאָס אַרויספירן דאָס מיליטער פון פּעטראָגראַד, דאָס צופירן צו פּעטראָגראַד קאָזאַקן, דאָס אַרומרינגלען מיט קאָזאַקן מינסק א.אַ.וו.) — דאָס אַלץ שטעלט אויפן סידער האַיאָם דעם באַוואָפנטן אויפשטאַנד.

---

*) אין דער דראָזיקער זיצונג האָבן אָנטייל גענומען: לענין, זינאָוויעוו, קאַמענעוו, סטאַלין, טראָצקי, סווערדלאָוו, אוריצקי, דזערזשינסקי, קאָלאָנטאַי, בובנאָוו, סאָקאָלניקאָוו און לאָמאָוו. פאָרזיצער איז געווען סווערדלאָוו.

אָנגעקוקענדיק אף אזא אופן, אז א באוואפנטער אויפשטאנד איז אומפארמיידלעך און פולקום רייף, לייגט פאָר דער צ. ק. אלע פארטיי־אָרגאניזאציעס נעמען דאָס אין אכט און פון דעם שטאנדפונקט באהאנדלען און דערלייזן אלע פראקטישע פראגן (וועגן ראטן־צוזאמענפאָר פון צאָפן־קאנגרעס, וועגן ארויספירן דאָס מיליטער פון פעטראָגראד, וועגן די ארויסטרעטונגען פון די מאָסקווער, מינסקער און דאָס גלייכן).

73. די מינסקער באָלשעוויקעס גרייטן זיך פארכאפן די מאַכט.

(וו. קנאָרין: „1917 יאָר אין ווייסרוסלאנד און אפן מאירעוו־פראָנט”. מינסק, 1927 ז. ז. 57—59).

... די מאי־איבערוואלן האָבן די באָלשעוויקעס אוועקגעשטעלט בעראָש פון סאָוועט. דאָס איז אָבער ניט געווען גענוג פאר אָקטיאבער. מע האָט געדארפט, אז די באָלשעוויסטישע מערהייט זאָל פארגרעסערט און פארשטארקט ווערן. די מעגלעכקייט צו פארשטארקן די באָלשעוויסטישע מערהייט איז געווען אין דעם, וואָס אין די לעצטע פאר באראָשים זיינען די סאָלדאטישע מאסן געוואָרן לינקער, און די לינקע פארטייען האָבן זיך אויסגעפאָרמירט. און מע האָט דערפאר באשטימט צו איבערוויילן דעם סאָוועט. דער פועל יוצא פון די וואלן איז געווען, דאָס פון די 337 דעפוטאטן פון מינסקער סאָוועט האָבן די באָלשעוויקעס באקומען 184 ערטער, די עסערן 62, די מענשעוויקעס 26, דער בונד 21, עס־עס (ציאָניסטן־סאָציאליסטן) 5 און די אומפארטייאישע, די מערהייט פון וועלכע איז געגאנגען מיט די באָלשעוויקעס, האָבן באקומען 91 ערטער. אין אויספירקאָם פון סאָוועט זיינען אריין 23 באָלשעוויקעס, 7 עסערן, 4 בונדיסטן, 2 מענשעוויקעס, 1 פועלי־ציאָניסט און 1 פון דער פאריניקטער איד. סאָציאליסטישער פארטיי. באנוצנדיק זיך מיט דער גרויסער מערהייט, האָבן די באָלשעוויקעס אין פרעזידיום אויסגעקליבן נאָר זייערע אייגענע פארשטייער. פון דעם מאָמענט האָט דער סאָוועט באוואוסטזיניק זיך אָנגעהויבן גרייטן צו דער גרויסער ראָלע, וואָס אים איז פארגעשטאנען צו שפילן אין די נאָענטסטע טעג. דער סאָוועט האָט אָנגעמערקט א ברייטן פלאן פון דער קומענדיקער ארבעט. ער האָט זיך צעטיילט אין אָפטיילן און ארומגעכאפט אלע צווייגן פון מעלוכישער ארבעט און איז צוגעטראָטן צו שאפן א טעכנישן מעלוכע־אפאראט און אָנעמען מיטארביטער, וועלכע זיינען נויטיק צו פירן די ארבעט. ס'איז געלייגט געוואָרן דער פונדאמענט פון דעם קומענדיקן סאָוועטישן אדמיניסטראטיוון אפאראט.

אין דערזעלבער צייט איז די באָלשעוויסטישע מיליטערישע אָרגאניזאציע אינגאנצן געווען פארנומען מיט צוגרייטן באוואפנטע קויכעס, אויסרעכענען, וויפל ס'איז דאָ געווער, אָרגאניזירן סאניטארע הילף און אויסארבעטן די פלענער פון דער ארויסטרעטונג. ס'איז געווען קלאָר פאר אלעמען, אז דער אנטשיידענער מאָמענט איז ניט ווייט. דער באָלשעוויסטישער סאָוועט האָט געדארפט דיס־קאָנטירן יעדע ביקס און יעדן קוילנוואַרפער. די דאָזיקע ארבעט האָבן די כא־

ווירים געטאָן מיט ענטוזיאזם אף די אומלעגאלע און האלב־לעגאלע פארזאמלונגען, וועלכע פלעגן פאָרקומען אף פעטראָגראדער גאס, הויז נומער 6*).

האָבן די מאסן געזען די ראַזיקע ארבעט? האָבן זיי געפילט די אָנקומענדיקע געשעענישן?

די צייטונג „בורעוועסטניק“, וועלכע איז ארויס אף דעם אָרט פון דער פארמאכטער צייטונג „מאָלאָט“, האָט אָפן פאָרויסגעזאָגט דעם אָנקומענדיקן שטורם, וועלכער וועט אָפּראמען די אלטע וועלט און שאפן א נייע פאָרם פון לעבן.

דאָס איז געווען אין יענעם פעריאָד, ווען דער כ׳ לענין האָט פובליקירט זיין בארימטן ארטיקל: „צי וועלן די באָלשעוויקעס קאָנען איינהאלטן די מעלוכע־מאכט?“ און האָט אף דער פראגע געענטפערט קלאָר און באשטימט: — „יא, זיי וועלן איינהאלטן, ווען זיי וועלן די מאכט נעמען“. דאָס איז געווען אין יענער צייט, ווען די צייטונג „ראבאָטשי פוט“ איז דערשינען אף דעם אָרט פון דער „פראוודא“, וואָס קערענסקיס רעגירונג האָט פארמאכט נאָך די יולי־טעג. די צייטונג האָט געדרוקט לענינס בריוו, אין וועלכן ער האָט גערופן צו אן אויפשטאַנד, און דערקלערט, אז די צייט פון אויפשטאנד איז שוין געקומען. דער „בורעוועסטניק“ האָט פאנאנדערגעטראָגן דעם בריוו אפן פראָנט און האָט פראָפאגאנדירט צווישן די ברייטסטע מאסן די אידייע פון אויפשטאנד.

דאָס האָט, פארשטייט זיך, ניט געקאָנט דורכגיין אומבאמערקטערהייט פאר די מינסקער מענשעוויקעס: שטערן, באסיסט, קאלאטוכין און די עסערן — נעסטעראָוו, קאָזשעווניקאָוו, דרייזא, ניקאָלאַיעוו און אנדערע. פאר זיי איז געווען גאנץ קלאָר, צו וואָס דאָס אלץ פירט.

די פראגע וועגן דער מאכט פון סאָוועטן איז אוועקגעשטעלט געוואָרן גאנץ אָפן פאר דעם גאנצן לאנד.

דעם וועג צו דערגרייכן דיזאָזיקע מאכט האָט די באָלשעוויסטישע פארטיי אָנגעוויזן — דאָס איז געווען דער וועג פון א באוואפנטן אויפשטאַנד און פארכאפן די מאכט מיט גוואלד.

די אָרגאַניזאַציאָנעלע באדינגונגען צו פארכאפן די מאכט — דער איבערגאנג פון סאָוועט אין די הענט פון דער באָלשעוויסטישער פארטיי זיינען שוין פאראַן. די טעכנישע באדינגונגען — צוגעגרייט באוואפנטע קויכעס — זיינען אויך געווען: די מענשעוויקעס און עסערן האָבן אליין געקאָנט זען, ווי די באוואפנטע קויכעס האָבן זיך אָרגאַניזירט ארום מינסקער סאָוועט, ארום דעם אָרגאַניזיר־צענטער פון אויפשטאַנד אין ווייסרוסלאַנד.

די מענשעוויקעס און עסערן האָבן גאנץ גוט געזען, אז דער אויפשטאַנד איז ניט קיין פראגע פון דער ווייטער צוקונפט.

פאר אלעמען איז געווען קלאָר, אז דער צווייטער צוזאמענפאָר פון די סאָ־

*) די דירע פונם ראַט.

וועטן, וועלכער איז באשטימט געוואָרן אפן 15־טן אָקטיאַבר *) און איז אָפּגעלייגט געוואָרן אפן 25־טן, וועט האבן לייזן די פראגע.

דער האַטן־צוזאמענפאָר פון מאַיורעוו־געגנט, וועלכער האָט זיך צוזאמענגעקליבן פאר דעם צווייטן אלרוסלענדישן צוזאמענפאָר פון די סאָוועטן, האָט אָנגענומען א רעזאָלוציע מיט פאָדערונגען, אז די מאכט זאָל איבערגיין אין די הענט פון די סאָוועטן. דאָס אייגענע האָט געטאָן דער מינסקער סאָוועט.

קלאַנגען וועגן אן ארויסטרעטונג פון די באָלשעוויקעס האָבן זיך געטראָגן צווישן דער באפעלקערונג. מע האָט גערעדט, אז די ארויסטרעטונג דאַרף פאָרקומען דעם 20־טן אָקטיאַבר. דערין האָבן אפילו געגלויבט אייניקע וויניק־אינפאָרמירטע באָלשעוויקעס. דער מינסקער סאָוועט, וועלכער האָט אָפּגעהיט די אינטערעסן פון דער רעוואָלוציע, האָט וועגן דידאָזיקע קלאַנגען ארויסגעלאָזן אן אויפרוף, אין וועלכן ער האָט אָנגעוויזן, אז דעם 20-טן אָקטיאַבר וועט קיין ארויסטרעטונג ניט זיין און גערופן אלע בירגער זיין רואיק. די מינסקער באפעלקערונג האָט זיך צוגעוואוינט צו גלייבן און פאָלגן דעם סאָוועט. דערפאר האָט דער אויפרוף באַרואיקט דעם אוילאָם.

ס'זיינען אָנגעקומען די לעצטע טעג פון קערענסקיס רעגירונג. אלעמענס בליקן זיינען געווענדעט אף פעטראָגראַד, וואו ס'זיינען זיך צוזאמענגעפאָרן די באָלשעוויסטישע דעלעגאַטן פון גאנץ רוסלאַנד מיט דער פאָדערונג — „די גאנצע מאכט די סאָוועטן“.

די לופט שמעקט שוין מיט פולווער.

74. די באָלשעוויקעס אין פאָרפארלאַמענט.[36]

(מעלדונג פון דער באָלשעוויסטישער פראַקציע. וו. וולאַדימיראָוו: „די רעוואָלוציע פון 1917" ב. 4 ז. ז. 402—403).

אף דער ערשטער זיצונג פון דעם פאָרפארלאַמענט האָט טראָצקי אין נאָמען פון דער באָלשעוויסטישער פראַקציע פאַרעפנטלעכט פאָלגנדיקע מעלדונג:

„מיר, די פראַקציע ר.ס.ד.א.פ. (באָלשעוויקעס), קאָנסטאַטירן, אז די אָפיציעלע פאָרשטייער פון דער דעמאָקראַטישער באראַטונג, אין פולן ווידערשפרוך צו די אייגענע מעלדונגען אף דער באראַטונג און אירע באַשלוסן, לייגן פאָר דער דעמאָקראַטיע: 1) א פאַקטישן אָפּזאָג פון די רעוואָלוציאָנערע רעכט אף מאכט; 2) פרינציפיעלע אָנערקענונג פון קערענסקיס אומפאראַנטוואָרטלעכקייט און 3) א קאָאַליציע מיט די צענזאָווע־קאַדעטישע עלעמענטן. מיר מעלדן, אז אָננעמען דידאָזיקע פאָדערונגען וואָלט געהייסן אָפּן פארשווערן דעם ווילן פון דיזעלביקע פאָלקס־מאסן, אף וועלכע די דעמאָקראַטישע באראַטונג וויל זיך אָנשפארן און פון וועמעס נאָמען זי וויל ריידן. דער פעטראָגראַדער ראַט פון ארבעטער־און סאָלדאַטן־דעפוטאַטן, דער מאָסקווער ראַט פון ארב.־און סאָלדאַטן־דעפוטאַטן

***) ס'איז אדער א טאעס, אדער א דרוק-פעלער: דער צוזאַמענפאָר איז לעכאַטכילע געווען באשטימט אפן 20-טן און דערנאָך אפגעלייגט געוואָרן אפן 25-טן אקטיאַבר.**

דער קאווקאזער געגנט־ראט פון ארבעטער־סאָלדאטן־און פויערים־דעפוטאטן, דער פינלענדישער קרייז־ראט פון ארבעטער־און סאָלדאטן־דעפוטאטן, דער אוראַלער קרייז־ראט פון ארבעטער־און סאָלדאטן־דעפוטאטן, די ראטן פון קראָנשטאָט, אָדעס, יעקאטערינבורג, דאָניעצער באסיין, באקו, רעוועל, קיעוו קימאט גאנץ סיביר, פעטראָגראדער ראט פון פראָפעסיאָנעלע פאריינען, אַנצאָליקע ראטן פון פויערים־דעפוטאטן און אסאך אנדערע אָרגאַנען פון דער רעוואָלוציע האָבן מיט אַן איבערוועלטיקער מערהייט פון זייערע מיטגלידער געמעלדעט, אז זיי האלטן פאר ניט דערלאָזבאר אַ קאָאַליציע מיט דער קאָנטר־רעוואָלוציאָנערער בורזשואזיע, וועלכע שטייט איצט די גאנצע אונטער דער פאָן פון דער קאָדעטישער פארטיי. א קאָאַליציע־מיניסטעריום וואָלט באטייט אן אנטשיידענעם זיג פון דער קאָדעטישער פארטיי איבער דער רעוואָלוציע און דעם פאָלק. אָנעמען אין דירעקטע באדינגונגען א קאָאַליציע וואָלט געהייסן נעמען אף זיך די פאראנטוואָרטלעכקייט, וועלכע וועט אומפארמיידלעך שטויסן די אנטוישטע פאָלקס־מאסן צו א סטיכישער ארויסטרעטונג, הייסט פראָוואָצירן אף א בירגער־קריג. צוזאמען מיט אלע ראטן פון ארבעטער־און סאָלדאטן־דעפוטאטן, צוזאמען מיט די מיליאָנען ארבעטער, סאָלדאטן און פויערים, וועט אונזער פארטיי אָפזאָגן דער קאָאַליציע־רעגירונג אין א וועלכער עס איז שטיצע און וועט אין דער שפיץ פון די פאָלקס־מאסן פירן א קאמף פאר שאפן א פאָלקס־רעגירונג וועלכע שפארט זיך אָן אף די ראטן אינם צענטער און אף די ערטער. און דעריבער לייגן מיר פאר דעם דעמאָקראטישן ראט: 1) איבערייסן די אונטערהאנדלונגען, וואס פירן זיך אונטער קערענסקים אָנפירונג מיט דער צענזאווער בורזשואזיע, און 2) צוטרעטן צום שאפן אן עמעס רעוואָלוציאָנערע מאכט.

75. ליבער פאַרורטיילט די פאראקטיאבר־טאַקטיק פון די באָלשעוויקעס.

רעדע פון מ. ליבער אין פעטראָגראדער ראַט פון די אַרבעטער-און סאָלדאַטן-דעפוטאַטן *). „יע דיעס פונם ראַט פון די אַרבעטער-און סאָלדאַטן-דעפוטאַטן". פעטראָגראַד. נומ. 193, פון 10-טן אָקטיאבר 1917).

... די זאך איז ניט אזוי פּאַשעט, ווי מע וויל זי אייך פאָרשטעלן. מע דארף זיך דערמאָנען אן דעם, וואס ס'טוט זיך אין לאנד. דאָ האָט מען אייך געזאָגט,

*) אף דערדאָזיקער זיצונג האָט כ' טראָצקי אפגעגעבן א באַריכט וועגן דער ארויסטרעטונג פון דער באָלשעוויסטישער פראַקציע פון פאָרפארלאמענט. דאָס אוועקגיין האָט דער פארטרעגער מאָטיווירט מיט דעם, וואָס דער פאָרפארלאַמענט האָט אנשטאָט צו באגרעניצן קערענסקים אליינהערשאפט, וואס ס'איז געווען דער הויפט-ציל פון דער דעמאָקראַטישער באראַטונג, פאקטיש סאנקציאָנירט די אומפאראנטוואָרטלעכע מאַכט, אלס שירמע, וואָס פארדעקט דאָס איבערגעבן די מאַכט אין די הענט פון די אימפעריאליסטן, איז דער פאָרפארלאמענט שעדלעך און איבעריק. אין אזא פארפארלאמענט, וואו ס'זיצט די בורזשואזיע, וועלכע גרייט צו דאָס אפגעבן די דייטשן די וויבטיקסטע פעסטונג פון דער רעוואָלוציע—פעטראָגראַד, האָבן די באָלשעוויקעס ניט געקאָנט בלייבן. די באָלשעוויקעס זיינען אוועק פון פאָרפארלאַמענט, קעדיי צו זאָגן, אז נאָר די מאַכט פון די ראַטן קאָן אויפהויבן דעם לאָזונג פאר שאָלעם און איבער די קעפּ פון די אימפעריאליסטן אריבערוואַרפן אים צו דער אויסלענדישער דעמאָקראַטיע.

אז דער רעוואָלוציאָנערער גייסט פון דער דעמאָקראַטיע איז מונטער, נאָר ווען, אַרויסגייענדיק פון אָט דעם זאַל, זעט איר אַנטקעגן איר „רייען“, ווען איר ווייסט, אַז אף די זאַוואָדן קומט פאָר א קאַמף צווישן די אַרבעטער און אַרבעטגעבערס פאַר דער גרייס פון געהאַלט, ווען די צערודערונג פאַרברייטערט זיך אומאויפהערלעך איבער דאָס גאַנצע לאַנד, — קאָן מען זיך ניט באַפרידיקן מיט באַוואוסטזיין, אַז דער גייסט איז מונטער.

דאָ האָט מען אייך פאָרגעלייגט נעמען די מאַכט אין די הענט פון דער דעמאָקראַטיע. דערמאָנט זיך, ווי נאָך גאָר ניט לאַנג האָט איר באַגריסט קערענסקין (א דויערנדיקער טומל). לאָמיר זיך פאָרשטעלן אף א רגע, אַז בא דער מאַכט וועלן זיין טראָצקי, קאַמענעוו, זינאָוויעוו און לענין (רוישיקע אַפּלאָדיסמענטן).

איין זאַך איז נעמען די מאַכט, א צווייטע איז — איינהאַלטן זי. אונזער געוויסן און פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַרן לאַנד האָבן אונדז ניט דערלויבט נעמען די מאַכט. מיר זיינען קיינמאָל ניט געווען קיין דעמאַגאָגן. מיר האָבן געוואוסט, אַז יעדער צוזאָג דאַרף דערפילט ווערן. און ווען מיר האָבן זיך איבערצייגט, אַז אין א בורזשואַזן לאַנד קאָן מען ניט שאַפן קיין סאָציאַליסטישע מאַכט, האָבן מיר באַשלאָסן געבן דעם פאָלק כאָטש א טייל פון דעם, צו וואָס עס שטרעבט. און נאָר אין אָט אַזא זין האָבן מיר זיך פאָרגעשטעלט אונזער אָנטייל אינם צייטווייליקן ראַט פון דער רעפובליק.

דער רעדנער פאַרשטייט בכלל ניט דעם זינען פון פירן א קאַמף דאָ, אין סמאָלנער אינסטיטוט, וואו ס'זיינען ניטאָ יענע, קעגן וועמען דערהאַזיקער קאַמף ווערט געפירט, ווייל דאָס איז געגליכן צו שטעלן א פייג אין קעשענע...

טראָצקי האָט דאָ דערקלערט, אַז ער וויל זיך ניט באַטייליקן אין ראַט צוזאַמען מיט דער בורזשואַזיע, וועל איך אים פרעגן: און אין דער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג וועט ער אויך ניט גיין?

איך וואָלט פאַרשטאַנען די באָלשעוויקעס, ווען, אַוועקגייענדיק פון פאָר-פּאַרלאַמענט, וואָלטן זיי היינט, און ניט מאָרגן, פּראָקלאַמירט די נייע רעוואָלוציאָנערע מאַכט, — אַז ניט האָט דאָס אַוועקגיין קיין שום באַדייטונג ניט.

76. דער בונד רופט ענערגיש קעמפן קעגן דער געפּלאַנטער אָקטיאַבער-איבערקערעניש.

(„היט די רעוואָלוציאָנערע אָרדענונג“. „דער וועקער“ נומ. 103 פון 18-טן אָקטיאַבער 1917).

די באָלשעוויקעס גרייטן זיך צו אן אָפענער אַרויסטרעטונג. דער צוזאַמענפאָר פון די ראַטן, וואָס מע רופט צונויף אפן 20-טן *) אָקטיאַבער, דאַרף, לויט דעם באָלשעוויסטישן פּלאַן, באַשאַפן א נייע רעגירונג. און ווען די איצטיקע רעגירונג זיך ניט אונטערוואַרפן — דאַן דאַרפן די סאָלדאַטן און אַרבעטער אַרויסגיין אפן גאַס און מיט געוואַלט צווינגען די רעגירונג אונטערצוּוואַרפן זיך.

*) אף דעם טאָג איז לכתחילה געווען באַשטימט דער 2-טער צוזאַמענפאָר פון די ראַטן.

די גרויסע אומצופרידנקייט פון די מאסן, די ביטערניש, די מידקייט — אלץ איז גינסטיק פאר דער באלשעוויסטישער פראפאגאנדע. ארויסרופן א גאנצן ארויסטרעטונג פון די צערייצטע מאסן איז גרינג, איינהאלטן זי אין די נויטיקע גרענעצן, ניט דערלאזן, זי זאל פארוואנדלט ווערן אין א פאגראם און בלוט־פארגיסונג — אזוי ווייט פארגייט די ווירקונג פון די באלשעוויקעס ניט. דער רעזולטאט וועט זיין קלאר: נאכאמאל יולי־טעג, נאר בא א מוירעדיק פארערגערטער לאגע, בעשאס דער אויסערלעכער סוינע שטייט שוין באלד בא די טויערן פון פעטראגראד, בעשאס די מעהומע, דער דויכעק אין לעבנסמיטלען, דער עקאנאמישער און פאליטישער קריזיס זיינען פארשארפט ביז דער העכסטער מאד־רייגע.

„די גאנצע מאכט די ראטן!" ניט נאר די בורזשואזיע, ניט נאר די מעסיקע טיילן פון דער דעמאקראטיע קעמפן קעגן דעמדאזיקן לאזונג, קימאט אלע ריכטונגען פון דער רעוואלוציאנערער דעמאקראטיע זיינען קעגן אים אין איצטיקן מאמענט. די מענשעוויקעס־אינטערנאציאנאליסטן, די „פאריגיקטע אינטערנאציאנאליסטן" פון דער צייטונג „נאוואיא זשיזן" [37]) — אלע ווייזן אויף, אז יעדע פאליטישע ערשיטערונג איצט, אין די עטלעכע וואכן, וואס זיינען געבליבן ביז דער גרינדונגס־פארזאמלונג, איז א שרעקלעכע סאקאנע פאר דער גרינדונגס־פארזאמלונג. די געשעענישן, וואס די באלשעוויקעס גרייטן צו, קאנען אדער גאר איינגאנצן ארויפרייסן זי, אדער אלנפאלס א ווארף טאן דאס גאנצע לאנד אף רעכטס און געבן אזא גרינדונגס־פארזאמלונג, וואס וועט זיין א ווערקצייג אין די הענט פון דער בורזשואזיע.

מיר זעען, אז ניט קוקנדיק אף אלע באלשעוויסטישע ניצכוינעס, איז אין לאגער פון דער רעוואלוציאנערער דעמאקראטיע נאך פאראן גענוג עלעמענטן, וואס ווילן נאך זיי ניט נאכגיין. קימאט אלע פראנט־ארגאניזאציעס, א ריי ראטן, דער ראט פון פויערים־דעפוטאטן האבן זיך איינגאנצן ארויסגעזאגט קעגן דעם צוזאמענפאר. די „נאוואיא זשיזן" טרעט פון טאג צו טאג ארויס ענערגישער קעגן די באלשעוויקעס. און אף דער לעצטער זיצונג פון צענטראל־קאמיטעט *) האבן אלע פראקציעס, אכוץ די באלשעוויקעס, אנגענומען דאנס **) רעזאלוציע, וועלכע רופט די ארבעטער, סאלדאטן, פויערים און אלע איינוואוינער פון פעטראגראד „צו היטן פולקומענע רו, פעסט צו עהפילן זייער כויוו און אנשטרענגען אלע קויכעס צום באשיצן די רעוואלוציאנערע הויפטשטאט און אפהיטן די רעוואלוציאנערע ארדענונג". די רעזאלוציע פארורטיילט שארף אלערליי ארויסטרעטונגען, וואס „קאנען נאר ברענגען צום אונטערגאנג פונם פאטערלאנד".

דער כ' מארטאוו האט אין זיין רעדע צו דער פראגע זיך אויסגעדריקט, אז אין איצטיקן מאמענט איז די ארויסטרעטונג אן אוואנטיור.

אלע ריכטונגען, אכוץ די באלשעוויקעס, זיינען אייניק אין דער באציאונג צו זייערע פלענער.

*) צ. א. ק. פון די ראטן.

**) איינער פון די הויפט־פירער פון די מענשעוויקעס.

אַזוי איז אין פּעטראָגראַד, אַזוי דאַרף זיין אויך אין דער פּראָווינץ. אונזע־רע כאַווײרים האָבן אומעטום זעען אַרויסווייזן אַן ענערגישן ווידערשטאַנד די באָלשעוויסטישע פּלענער, מע מוז מיטהעלפֿן. אַלע איבעריקע פּראַקציעס אין די ראַטן זאָלן זיך פֿאַרייניקן, קעדיי צו קעמפֿן קעגן די שעדלעכע אויפֿטוען. גרויס וועט זיין אונדזער פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט, אויב מיר וועלן אָנשטרענגען אַלע קרעפֿטן, קעדיי אייַנצוהיטן די רעוואָלוציאָנערע אָרדענונג, קעדיי ניט צו דער־לאָזן, די גרינדונגס־פֿאַרזאַמלונג זאָל אַראָפּגעריסן ווערן.

אַרבעט פֿאַר דער גרינדונגס־פֿאַרזאַמלונג — דערין האָבן זיין איינציק אַלע די, וואָס באַהאַלטן נאָך אַ ברעקל געפֿיל פֿון פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט פֿאַרן גורל פֿון דער רעוואָלוציע.

צווייטער טייל

באם אנהויב פון דער פּראלעטאַרישער דיקטאַטור

V. די אָקטיאַבער-איבערקערעניש.

77. די ראַטן האָבן גענומען די מאַכט.

לענינס רעדע אויף דער זיצונג פון פּעטראָגראַדער ראַט דעם 25-טן אָקטיאַבער 1917. „יעדיעס פון פּעטראָגראַדער ראַט פון די אַרבעטער-און סאָלדאַטן-דעפּוטאַטן“ נום. 208 פון 27-טן אָקטיאַבער 1917).

כאַווייריִם! די אַרבעטער-און פּויערים-רעוואָלוציע, וועגן דער נויטיקייט פון וועלכער ס'האָבן די גאַנצע צייט גערעדט די באָלשעוויקעס, איז פאָרגעקומען.

אין וואָס ליגט די באַדייטונג פון אָט דער אַרבעטער-און פּויערשער רעוואָלוציע? קודעם-קאָל איז די באַדייטונג פון דער דאָזיקער איבערקערעניש אין דעם, וואָס בא אונדז וועט זיין אַ סאָוועטישע רעגירונג, אונדזער אַן אייגענער מאַכט-אָרגאַן, אָן קיין שום אָנטייל פון דער בורזשואַזיע. די אונטערדריקטע מאַסן שאַפן אַליין די מאַכט. ביזן וואָרצל וועט צעשמעטערט ווערן דער אַלטער מעלוכע-אַפּאַראַט און ס'וועט געשאַפן ווערן אַ נייער פאַרוואַלטונגס-אַפּאַראַט אין דער געשטאַלט פון די ראַטן-אָרגאַניזאַציעס.

פון הייַנט הייבט זיך אָן אַ נייע טקופע אין דער געשיכטע פון רוסלאַנד, און אָט די דריטע רוסישע רעוואָלוציע דאַרף אין איר לעצטן סאַכאַקל ברענגען צום ניצאָכן פונם סאָציאַליזם.

איינע פון אונדזערע אָרדנטלעכע אויפגאַבן איז דאָס באַלדיקע ליקווידירן די מילכאָמע. קעדיי אָבער צו פאַרענדיקן די דאָזיקע מילכאָמע, וועלכע איז ענג פאַרבונדן מיטן דער איצטיקער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג, איז פאַר אַלעמען קלאָר, אַז מע מוז צוליב דעם מענאַצייעך זיין דעם עצם-קאַפּיטאַל.

אין דעם וועט אונדז העלפן יענע אַלוועלטלעכע אַרבעטער-באַוועגונג, וועלכע ס'הייבט זיך שוין אָן צו אַנטוויקלען אין איטאַליע, ענגלאַנד און דייטשלאַנד.

אַ גערעכטער, באַלדיקער שאָלעם, וואָס מיר וועלן פאָרלייגן דער אַלוועלטלעכער דעמאָקראַטיע, וועט אומעטום באַגעגענען אַ הייסן אָפּקלאַנג בא די אינטערנאַציאָנאַלע פּראָלעטאַרישע מאַסן. קעדיי צו פאַרשטאַרקן דעם דאָזיקן צוטרוי פון די פּראָלעטאַרישע מאַסן, איז נויטיק טייקעף צו פאַרעפנטלעכן אַלע געהיימע אָפּמאַכן.

אין רוסלאַנד גופא האָט דער גרעסטער טייל פונם פויערטום געזאָגט: גענוג צו פירן זיך מיט די קאַפּיטאַליסטן, מירן גיין מיט די אַרבעטער. מירן דערוואַרבן דעם צוטרוי פון די פויערים מיט איין דעקרעט, וועלכער ליקווידירט דאָס פּריצישע אייגנטום. די פויערים וועלן פאַרשטיין, אַז נאָר אין פאַרבאַנד מיט די אַרבעטער איז די רעטונג פונם פויערטום. מיר וועלן שאַפן אַן עמעסן קאָנטראָל איבער דער פּראָדוקציע. איצט האָבן מיר זיך אויסגעלערנט אַרבעטן אייניק. וועגן דעם זאָגט אייערע די אָקאָרשט פאָרגעקומענע רעוואָלוציע. מיר באַווייזן יענע קראַפט פון אַ מאַסאָווער אָרגאַניזאַציע, וועלכע וועט אַלץ באַזיגן און וועט דערפירן דעם פּראָלעטאַריאַט ביז צו דער אַלוועלטלעכער רעוואָלוציע.

אין רוסלאַנד האָפן מיר זיך איצט פאַרנעמען מיטן בויען אַ פּראָלעטאַריש-סאָציאַליסטישע מעלוכע.

זאָל לעבן די אַלוועלטלעכע סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע!

78. דעקלאַראַציע פון רעכט פון די רוסלענדישע פעלקער.

(זאַמלונג פון געזעצן און פאַראָרדענונגען פון דער אַרבעטער-און פויערשער רעגירונג פון 4-טן דעקאַבר 1917, נומ. 2, אַרט. 4).

די אָקטיאַבער־רעוואָלוציע פון די אַרבעטער און פויערים האָט זיך אָנגעהויבן אונטערן אַלגעמיינעם צייכן פון באַפרייאונג.

ס'ווערן באַפרייט די פויערים פון דער פּריצישער מאַכט, ווייל ס'איז שוין מער ניטאָ קיין פּריציש אייגנטום אויף ערד — עס איז אָפּגעשאַפן געוואָרן. ס'ווערן באַפרייט די סאָלדאַטן און מאַטראָסן פון דער מאַכט פון די זעלבסטהערשנדיקע גענעראַלן, ווייל פון איצט אָן וועלן די גענעראַלן זיין אויסגעוויילטע און מע וועט זיי קאָנען אוועקנעמען. ס'ווערן באַפרייט די אַרבעטער פון די קאַפּריזן און ווילקיר פון די קאַפּיטאַליסטן, ווייל פון איצט אָן וועט איינגעשטעלט ווערן דער קאָנטראָל פון די אַרבעטער איבער די פאַבריקן און זאַוואָדן. אַלץ, וואָס לעבט און איז לעבנספעאיק, ווערט באַפרייט פון די פאַרהאַסטע קייטן.

ס'בלייבן נאָר די פעלקער פון רוסלאַנד, די, וואָס האָבן געליטן און ליידן פון אונטערדריקונג און ווילקיר, צו דער באַפרייאונג פון וועלכע מע דאַרף צוטרעטן באַלד, די באַפרייאונג פון וועלכע ס'מוז דורכגעפירט ווערן אַנטשיידן און ענדגילטיק.

אין דער עפּאָכע פון צאַריזם האָט מען די פעלקער פון רוסלאַנד אָנגערייצט איינע אויף די אַנדערע, די רעזולטאַטן פון אָט דער פּאָליטיק זיינען גוט באַקאַנט: האָס זיינען שכיטעס און פּאָגראָמען, פון איין זייט, די פאַרשקלאַפונג פון די פעלקער, — פון דער צווייטער.

אָט די דאָזיקע שענדלעכע פּאָליטיק טאָר בעשום אויפן ניט אומגעקערט ווערן, פון איצט אָן דאַרף זי פאַרביטן ווערן אויף אַ פּאָליטיק פון אַ פרייוויליקן און ערלעכן פאַרבאַנד פון די פעלקער פון רוסלאַנד.

אין פּעריאָד פון אימפּעריאַליזם, נאָך דער פעברואַל־רעוואָלוציע, ווען די מאַכט איז אריבערגעגאַנגען אין די הענט פון דער קאַדעטישער בורזשואַזיע, האָט

די אָפֿענע אָנרייצונגס־פּאָליטיק אָפּגעטראָטן איר אָרט דער פּאָליטיק פֿון פּאַכ־דאַנישן אומצוטרוי צו די פֿעלקער פֿון רוסלאַנד, דער פּאָליטיק פֿון ביינדן זיך און פּראָוואָקאַציע, מאַסקירט מיט דערקלערונגען וועגן „פֿרייהייט“, און „גלייכהייט“ פֿון די פֿעלקער. די רעזולטאַטן פֿון אָט דער פּאָליטיק זיינען גוט באַקאַנט. דאָס זיינען די פֿאַרשטאַרקונג פֿון דער נאַציאָנאַלער סינע, דאָס אַרונטעררייסן פֿונעם קעגנזייטיקן צוטרוי.

צו אָט דער אומווירדיקער פּאָליטיק פֿון שעקער און אומצוטרוי, פֿון ביינדן זיך און פּראָוואָקאַציע דאַרף קומען אַ סאָף. פֿון איצט אָן דאַרף זי פֿאַרביטן ווערן אַף אַן אָפֿענער און ערלעכער פּאָליטיק, וועלכע זאָל פֿירן צו אַ פֿולשטענדיקן קעגנזייטיקן צוטרוי צווישן די פֿעלקער פֿון רוסלאַנד.

נאָר אין רעזולטאַט פֿון אַזאַ צוטרוי קאָן זיך אויספֿאָרמירן אַן ערלעכער און פֿעסטער פֿאַרבאַנד פֿון די פֿעלקער פֿון רוסלאַנד.

נאָר אין רעזולטאַט פֿון אַזאַ פֿאַרבאַנד קאָנען פֿעסט צוזאַמענגעבונדן ווערן די אַרבעטער און פּויערים פֿון די פֿעלקער פֿון רוסלאַנד אין איין רעוואָלוציאָנערער קראַפֿט, וועלכע וועט קאָנען ביישטיין קעגן אַלע אָנפֿאַלן מיצאַד דער אימפּעריאַליסטיש־אַנעקסיאָניסטישער בורזשואַזיע.

דער צוזאַמענפֿאָר פֿון די ראַטן אין יולי האָט פּראָקלאַמירט די רעכט פֿון די פֿעלקער פֿון רוסלאַנד אַף פֿרייער זעלבסטבאַשטימונג.

דער צווייטער צוזאַמענפֿאָר פֿון די ראַטן אין אָקטיאַבר האָט נאָך מער אַנטשיידן און קאַטעגאָריש באַשטעטיקט דאָס דאָזיקע ניט אָפּנעמבאַרע רעכט פֿון די פֿעלקער פֿון רוסלאַנד.

אויספֿילנדיק דעם ווילן פֿון די דאָזיקע צוזאַמענפֿאָרן, האָט דער ראַט פֿון די פֿאָלקס־קאָמיסאַרן באַשטימט אוועקלייגן אין יסאָד פֿון זיין טעטיקייט אין דער פֿראַגע וועגן די נאַציאָנאַליטעטן פֿון רוסלאַנד די פֿאָלגנדיקע גרונטלאַגן:

1) די גלייכהייט און סאָוועריניטעט פֿון די פֿעלקער פֿון רוסלאַנד.

2) דאָס רעכט פֿון די פֿעלקער פֿון רוסלאַנד אַף פֿרייע זעלבסטבאַשטימונג ביז אָפּטיילן זיך און בילדן אַ זעלבשטענדיקע מעלוכע.

3) אָפּשאַפֿן אַלע און יעטווידערע נאַציאָנאַלע און נאַציאָנאַל־רעליגיעזע פּריווילעגיעס און באַגרענעצונגען.

4) די פֿרייע אַנטוויקלונג פֿון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן און עטנאָגראַפֿישע גרופּן, וועלכע לעבן אַף דער טעריטאָריע פֿון רוסלאַנד.

די קאָנקרעטע דעקרעטן, וואָס דריננען פֿון דאַנען אַרויס, וועלן אויסגעאַרבעט ווערן באַלד נאָך דעם, ווי ס'וועט קאָנסטרואירט ווערן די קאָמיסיע פֿאַר די נאַציאָנאַלע ענינים.

אינעם נאָמען פֿון דער רוסלענדישער רעפּובליק

פֿאָרזיצער פֿון ראַט פֿון די פֿאָלקס־קאָמיסאַרן, וו. א ו ל י א נ אָ וו (ל ע נ י ן).

פֿאָלקס־קאָמיסאַר פֿאַר נאַציאָנאַלע ענינים,

י אָ ס י ף ד ז ש ו ג א ש ווי ל י — ס ט א ל י ן.

2־טן נאָיאַבר 1917.

79 — 80. די קליינבירגערלעכע אידישע סאָציאליסטישע פארטייען פאר־לאָזן דעם 2-טן צוזאמענפאָר פון די ראטן.

I.

(„די לעצטע געשעעניש ן", „פאָלקס-צייטונג", נומ. 18 פון 3-טן נאיאבר 1917).

כ. אבראמאָוויטשעס פארשלאג.

לויט כאווער אבראמאָוויטשעס פארשלאג, האָט די מענשעוויסטישע פראק־ציע פון צוזאמענפאָר פון די ראטן פארגעלייגט די באָלשעוויקעס ניט ארעסטירן די צייטווייליקע רעגירונג, ווייל די מענשעוויקעס נעמען אף זיך די פארמיטלונג צו בילדן אן איינהייטלעכע דעמאָקראטישע רעגירונג.

כ. ערליכס רעדע.

כ. ערליך האָט אפן צוזאמענפאָר געמאכט די פאָלגנדע דערקלערונג:

אין נאָמען פון דער גרופע בונדיסטן געפין איך פאר מיין כויוו צו מעלדן, אז מיר האלטן פאר אן אומגליק אלץ, וואָס ס'קומט פאָר אין פעטראָגראד.

אונזער כויוו פארן אידישן פראָלעטאריאט פון גאנצן לאנד איז דאָס צו דער־קלערן.

איך האָב אויך דעם אויפטראג צו מאכן א מעלדונג פון די מענשעוויקעס און ס.ר., אז א טייל פון די גלאסנע פון דער שטאָטדומע האָט באשלאָסן צו גיין אומבאוואפנט אונטער דער שיסעריי אפן פלאץ פון ווינטער־פאלאץ. דער אויס־פיר־קאָמיטעט פונם ראט פון די פויערשע דעפוטאטן; די פראקציע מענשע־וויקעס און עסערן האָבן באשלאָסן מיט זיי צו גיין.

מר האָבן באשלאָסן אף אזא אויפן אויסצודריקן אונזער פראָטעסט קעגן דעם, וואָס ס'קומט פאָר, און מיר רופן אלע, ווער ס'וויל ניט קיין בלוטפארגי־סונג, צו גיין מיט אונז. פיליכט וועט דאָס אוועקגיין אונזערס צווינגען די משוגאים אדער פארברעכער, זיי זאָלן קומען צו זיך.

נאָך דער מעלדונג פארלאָזן די סאָצ.־רעוו., מענשעוויקעס און בונדיסטן דעם צוזאמענפאָר. *).

II.

(„יעווריייסקאיא ראבאָטשאיא כראָניקא". נומ. 14 (20) פון 4-טן נאיאבר **) 1917).

... צו די מאָטיוון פון דער אָפשטימונג האָט כ' בארו אין נאָמען פון אונ־זער פראקציע און די מענשעוויקעס־אינטערנאציאָנאליסטן דערקלערט, אז זיי נעמען אף זיך ניט קיין שום פאראנטוואָרטלעכקייט פאר דער דעקלאראציע***):

*) אויך די „פאריייניקטע" האָבן נאָך אן אנטשפרעכנדיקער דעקלאראציע פארלאָזן דעם צוזאמענפאָר. די „פויאלײ-ציאָן," ווי ס'איז צו זעען פונם פאלגנדיקן דאָקומענט, האָבן פארלאָזן דעם צוזאמענפאָר שפעטער, נאָכדעם, ווי ס'איז פראקלאמירט געוואָרן די מאַכט פון די ראַטן.

**) אין דער צייטונג איז אלפיטאָעס אָנגעוויזן, אז דער נומער איז פון 4-טן אָקטיאבר.

***) וועגן ארונטערוואַרפן די צייטווייליקע רעגירונג און איבערגאנג פון דער מאַכט צו די ראַטן.

ווייל דער צוזאמענפאר אין זיין איצטיקן באשטאנד איז ניט קיין פארשטייער פון דער גאנצער דעמאקראטיע.

ווייטער ווייזט דער רעדנער אן, אז העיווים אין דערהאזיקער דעקלאראציע ווערט פארויס באשטימט די פראגע וועגן דער מאכט נאך איידער דער צוזאמענפאר האט דיזאזיקע פראגע באהאנדלט און זי ווערט פארויס באשטימט אין א ריכטונג, וועלכע איז ניט אנעמבאר פאר קיין איינער פון די עקזיסטירנדיקע פראקציעס, אכוץ די באלשעוויקעס, איז קלאר, אז מיט דעם איזאלירן זיך די לעצטע אליין פון דער גאנצער רעוואלוציאנערער דעמאקראטיע, און זיי וועלן זי ניט קאנען איינהאלטן. צום סאף האט דער כ. בארו דערקלערט, אז ניט וועלנדיק נעמען אף זיך די פאראנטווארטלעכקייט פאר דער טעטיקייט פונם צוזאמענפאר, פארלאזן אים די מענשעוויקעס־אינטערנאציאנאליסטן און די פראקציע פון „פויאליי ציאן“.

נאך דער ארויסטרעטונג פון כ׳ בארו האט אונזער פראקציע פארלאזן דעם צוזאמענפאר. *).

81. די „פאריייניקטע“ רופן צו אנטשיידענעם קאמף קעגן די באלשעוויקעס.

(„אן אפענער קאמף“. „נ״ע צייט“ נומ. 38 פון 26-טן אקטיאבר 1917).

די לאגע אין פעטראגראד איז א שווערע. ביז הייגט האבן דארטן די אנאר־כא־באלשעוויסטישע קרעפטן און די, וואס שטרעבן אן אלע קרעפטן צו ארגא־ניזירן די רעוואלוציע **), געקעמפט איינער קעגן אנדערן מיט דעם געווער פון קריטיק. הייגט באנוצן זיי שוין די קריטיק פון געווער. דעם קאנפליקט, וועלכן מען האט אזוי לאנג, זינט דעם 3-טן יולי, געפרואווט הערטרינקען אין יאמים ווערטער און רעזאלוציעס, איז סאפקאלסאף ארויסגעשוואומען אויבן־אויף. דער צוזאמענשטויס איז איצט אן אפענער. די באלשעוויקעס באהאלטן מער ניט, וואס זיי ווילן. זיי זוכן ניט די אדער יענע רעפארם, ניט די אדער יענע אויס־בעסערונג — זיי ווילן די מאכט, די גאנצע רעגירונגס־מאכט, פארכאפן אין זייערע הענט. די נעפלדיקע פארמולע: „די גאנצע מאכט די ראטן“, מיט וועל־כער די באלשעוויקעס האבן זיך די גאנצע צייט ארומגעטראגן, איז ענדלעך פאר־ביטן געווארן אף א קלארער: „די גאנצע מאכט די באלשעוויקעס“.

צוליב וואס פאדערן זיי די מאכט, די גאנצע מאכט, און נאר פאר זיך אליין? קעדיי צו שליסן טייקעף שאלעם, קעדיי אנצוהאדערווען טייקעף די הונ־געריקע, קעדיי צו באפרידיקן באלד, די מינוט, אלע אומצופרידענע, דעם ארב־בעטער־קלאס, די פויערים און סאלדאטן, קעדיי צו פארוואנדלען דאס אומגליק־

*) אין דערזעלביקער נאטיץ ווערט דערציילט, אז אף איינער פון די פראקציע-זיצונגען האט זיך דער כ׳ צווי (פרידלאנד) קאטעגאריש ארויסגעזאגט קעגן אוועקגיין פונם צוזאמענפאר. באכדעם, ווי דאס לעצטע איז געשען, האבן די כ״כ צווי, שאלעם שאפירא און מייער הער פאר־עפנטלעכט קעגן דעם א שארפן פראטעסט אין דער פאלטאווער באלשעוויסטישער צייטונג „מאלאט“.

**) דאס ווערן געמיינט די סאצ.-רעוו. און מענשעוויקעס.

לעבע אויסגעמאַטערטע לאַנד אין איין אויגנבליק פון א ברענענדיקן גענעם אין א בליענדיקן גאָרטן.

דאָס זאָגן זיי צו, און אין נאָמען פון אָט די האַפּטזאַכעס רופן זיי און פאַרנאַרן נאָך זיך די פינסטערע, אומבאַוואוסטזיניקע, אויסגעמאַטערטע און צערייצטע מאַסן.

קאָנען זיי אָבער אויספירן דאָס, וואָס זיי זאָגן צו? האָבן זיי די מעגלעכקייט און די מיטלען דערצו? ניין, טויזנט מאָל ניין, און די פירער פון די באָלשעוויקעס אליין, די, וואָס האָבן נאָך ניט פאַרגעסן די ביכער, וואָס זיי אליין האָבן אַמאָל געשריבן, ווייסן דאָס אויסגעצייכנט.

פאַרוואָס זשע זאָגן זיי צו זאַכן, וואָס זיי קאָנען ניט דערפילן? ווייסן זיי דען ניט, אַז די ניט באַפרידיקטע צערייצטע אַפּעטיטן וועלן ברענגען דאָס פאָלק צו פאַרצווייפלונג? ווייסן זיי דען ניט, אַז די פאַרצווייפלטע צערייצטקייט מוז ברענגען צו א בירגער-קריג? ווייסן זיי דען ניט, אַז דער קאָרבן פון בירגער-קריג וועט זיין די רעוואָלוציע, יעדנפאַלס דער גרעסטער טייל פון אירע מעגלעכקייטן און דערגרייכונגען? ווייסן זיי דען ניט, אַז די ערשטע, וועלכע וועלן האָבן נוצן פון דעם דורכפאַל פון דער רעוואָלוציע, זיינען די ווילהעלמס און די ראָמאַנאָווס, און אַז די אַלוועלטלעכע רעאַקציע וועט זיין די איינציקע לעצטע געווינערין דערפון?

ס'קאָן ניט זיין, אַז זיי ווייסן דאָס ניט. און אויב זיי ווייסן עס יאָ, הייסט דאָס, אַז זיי זיינען באַוואוסטזיניק אַנטקעגן אָט די אַלע מעגלעכקייטן. דאָס הייסט, אַז זיי זוכן א בירגער-קריג, אַז זיי זיינען גרייט אַף א דורכפאַל פון דער רעוואָלוציע, אַז ס'זיינען דאָ צווישן זיי עלעמענטן, וואָס זיי ווייסן, אַז זיי העלפן ווילהעלמען און ראָמאַנאָוון, אַז ס'זיינען דאָ צווישן זיי מענטשן, וואָס זיינען גרייט צו פאַרשטאַרקן די וועלט-רעאַקציע אַפן כעשבן פון דער רוסישער רעוואָלוציע, און דעריבער האַרף די ליניע צווישן אונז און צווישן זיי, צווישן די רעוואָלוציאָנערן און אַוואַנטוריסטן, צווישן די סאָציאַליסטן און אַנאַרכאָ-באָלשעוויקעס, צווישן די באַוואוסטזיניקע קעמפער פאַר א פריי רוסלאַנד און די באַהאַלטענע אָדער אומבאַוואוסטזיניקע מיטהעלפער פון דער רוסישער, דייטשישער און אַלוועלטלעכער רעאַקציע, דעריבער מוז די ליניע צווישן אונז און זיי דורכגעפירט ווערן אַפן שאַרפסטן אויפן.

קיין שום קאָמפּראָמיסן מיט די וואָס האָבן געשטעלט די קני אַף דער ברוסט פון דער רעוואָלוציע און קוילען זי פאַר אונזערע אויגן! קיין שום אָפּמאַכן, קיין שום אויסגלייכן מיט די, וואָס מאַכן אַן אויפשטאַנד קעגן דער רעוואָלוציע און קעגן לאַנד! א קאַמף ביז סאָף, מיט די עקסטרעמסטע מיטלען, קעגן די, וואָס ווילן פאַרברעכעריש ארויסרופן א בירגער-קריג, — ווייל אויב שוין א בירגער-קריג, טאָ זאָל דער קאָרבן זיין ניט דאָס לאַנד און ניט די רעוואָלוציע, נאָר די, וועלכע האָבן אויפגעהויבן זייער האַנט קעגן דאָס הייליקסטע און דאָס איינציקע, וואָס מיר האָבן, קעגן די, וואָס האָבן פאַרלאָזן דאָס פאָלק און אַוועק אויפרייצן די פינסטערע אינסטינקטן פון האַמוין.

82. די אָקטיאַבר־איבערקערעניש אין מינסק.

(וו. קנאָרין: „1917 יאָר אין ווייסרוסלאַנד און אפן מאירעוו־פראָנט". מינסק, 1927 ז.ז. 59—65).

...דער פרעזידיום און די באָלשעוויסטישע פראקציע פון מינסקער סאָוועט זיינען געווען אף דער וואך. דער באָלשעוויסטישער קאָמיטעט איז געווען גרייט צום קאמף. ארום מיטאָג־צייט דעם 25־טן *) האָט מען פון פעטראָגראדער מיליטערישן רעוואָלוציאָנערן קאָמיטעט באקומען א קורצע ראדיאָ, נומער איינס, מיט דער פאָלגנדיקער יעדיע:

„דער פעטראָגראדער גארניזאָן און פראָלעטאריאַט האָט אראָפּגעוואָרפן קערענסקיס רעגירונג, וועלכע האָט זיך געשטעלט קעגן דער רעוואָלוציע און קעגן פאָלק. די איבערקערעניש, וועלכע האָט אָפּגעשאפט די צייטווייליקע רעגירונג, איז אריבער אָן בלוט־פארגיסונג. די רעוואָלוציאָנערע פאָלקס־ארמיי טאָר ניט דערלאָזן, אז מע זאָל פון פראָנט אָפּשיקן ניט קיין זיכערע מיליטערישע טיילן אף פעטראָגראד. מע דארף האנדלען מיט וואָרט און איבערציייגונגען. אָבער וואו דאָס וועט ניט העלפן, זאָל מען שטערן די אָפּשיקונג דורך אומבאַרמהאַרציקער אָנווענדונג פון באוואָפנטע קויכעס"...

דער פרעזידיום פון מינסקער סאָוועט, אין פולן איינקלאַנג מיט די אלגעמיינע דירעקטיוון פון דער פארזאמלונג פון סאָוועט פון 22־טן אָקטיאבר און מיט די באשלוסן פון צאָפּן־מאירעווודיקן און מינסקער קאָמיטעט פון ר.ס.ד.א.פ. (באָלשעוויקעס), האָט ארויסגעלאָזן זיין באפעל נומ. איינס צו דער באפעלקערונג פון מינסק און געגנט, אין וועלכן ס'איז געווען דערקלערט:

„אין מינסק איז די מאכט אריבער אין די הענט פון סאָוועט פון די ארבעטער־און סאָלדאטן־דעפוטאטן, וועלכע האָבן זיך געווענדעט צו אלע רעוואָלוציאָנערע ארגאניזאציעס און פאָליטישע פארטייען מיט א פאָרשלאָג גלייך צוטרעטן אָרגאניזירן א צייטווייליקע רעוואָלוציאָנערע מאכט אף די ערטער.

„דער מינסקער סאָוועט מעלדעט אלע ארבעטער און סאָלדאטן, און אויך אלע בירגער, אז ער האָט אָנגענומען די סאמע אנטשלאָסענע מיטלען צו אָפּהיטן די רעוואָלוציאָנערע אָרדענונג און איינצושטעלן אומעטום אן אייזערנע דיסציפלין. ס'איז אויך איינגעשטעלט געוואָרן א רעוואָלוציאָנערע צענזור אף אלע צייטונגען, וואָס דערשיינען אין מינסק, קעדיי ניט דערלאָזן די פארשפרייטונג פון פאלשע קלאנגען, וועלכע באאומרואיקן די באפעלקערונג".

דאָס איז געווען די פאָרמעלע מעלדונג וועגן דער איבערקערעניש, וועלכע איז נאָך ניט פאָרגעקומען.

ארום צוויי אזייגער איז איבערן שטאָט פארשפרייט געוואָרן דער באפעל, און אין דערזעלביקער צייט האָבן לויט דעם באפעל פון סאָוועט ארום דער געבידע פון סאָוועט (פעטראָגראדער גאס נומ. 6) זיך אָנגעהויבן אויסשטעלן די באפרייטע פאָליטישע ארעסטירטע פון פראָנט — באָלשעוויקעס. נאָך זייענדיק אין טפיסע, האָבן זיי אונטער דער אָנפירונג פון פראפארשטשיק רעמנעוו זיך

*) אָקטיאבר

אָרגאַניזירט אין א מיליטערישער איינהייט, זיך צעטיילט אין ראָטעס, ווזוואָדן און אָפּטיילן. זיי האָט נאָר געפעלט געווער.

צו יענער צייט האָבן שוין די מיטגלידער פון דער באָלשעוויסטישער פראַק־ציע פון אויספירקאָמיטעט באוויזן ארויסבאַקומען פון די ארטילערישע סקלאַדן די נויטיקע צאָל געווער און אויך אמוניציע, און מע האָט גיך צעטיילט דאָס גע־ווער צווישן די באַפרייטע באַווײרים.

דער פאָרזיצער פון סאָוועט, לאַנדער, דער פאָרזיצער פון געגנט־קאָמיטעט פון ר.ס.ד.א.פּ. (באָלשעוויקעס) דער כ' מיאַסניקאָוו און אַנדערע באַווײרים האָבן דערקלערט די באַפרייטע זייער אויפגאַבע, אלס פאַרטיידיקער פון דעם מינסקער סאָוועט און דער נייגעבאָרענער סאָוועטן־מאַכט.

די דאָזיקע באַפרייטע באַווײרים האָבן געשאַפן דעם ערשטן רעוואָלוציאָנערן פּאָלק, וועלכער האָט זיך א נאָמען געגעבן — „ערשטער רעוואָלוציאָנערער פּאָלק אפן נאָמען פון מינסקער סאָוועט".

...דאָס איז אָבער נאָר געווען דער ערשטער טריט. ס'איז נאָך נויטיק געווען אף אן עמעס איינפירן די סאָוועטן־מאַכט. ס'איז נויטיק געווען צו פאַר־נעמען די וויכטיקסטע מעלוכישע און געזעלשאַפטלעכע אנשטאַלטן, ווי די מי־ליטערישע שטאַבן, די פּאָסט און טעלעגראַף און אייזנבאַן. ס'איז נויטיק געווען איינצושטעלן א קאָנטראָל איבער זייער אַרבעט, און דאָס טאָן אזוי, אז מע זאָל ניט שטערן דער אַרבעט. צוליב דעמדאָזיקן ציל זיינען אלע פאַראַנטוואָרטלעכע באָלשעוויקעס דעם 26־טן אָקטיאַבר פאַרנאַכט פאַנאַנדערגעטיילט געוואָרן איבער אלע אנשטאַלטן און זיינען באַשטימט געוואָרן אלס קאָמיסאַרן, און אלע וואַרפּאָסטנס פון שטאָט זיינען פאַרנומען געוואָרן דורך די סאָלדאַטן פון ערשטן רעוואָלוציאָנערן פּאָלק.

די הויפּט־איפּמערקזאַמקייט פון מינסקער סאָוועט איז געווען געווענדעט אף דעם שטאַב פון מאַירעוו־פראָנט, הויפּט־קאָמאַנדיר גענעראַל באַליעוו און קאָ־מיסאַר זשדאַנאָוו. אין דער ערשטער מינוט האָט דער שטאַב צוגענומען די קאָמי־סאַרן (דעם כ' פאַלקאַראָוו און אַנדערע), וועלכע זיינען באַשטימט געוואָרן פון סאָוועט, און קלוימערשט אָנערקענט די סאָוועטן־מאַכט. די צווייטן קאַווקאַזער די־וויזיע, וועלכע איז געווען א געטריי געווער אין די הענט פון זשדאַנאָוו און באַ־ליעוו און איז געשטאַנען הינטערן שטאָט, האָט אפן צווייטן פרימאָרגן געשיקט צוויי אָפיצערן, וועלכע האָבן דערקלערט, אז די דיוויזיע גיט זיך איבער אין רעשות פון סאָוועט.

...אָבער שוין דעם 26־טן אָקטיאַבר אין אָוונט האָט זיך די פּאָזיציע פון גענעראַל באַליעוו און אויך פון דער צווייטער קאַווקאַזער דיוויזיע אָנגעהויבן בייטן. באַקומענדיק ידיעות וועגן דעם ווידערשטאַנד פון קערענסקין, האָבן אויפ־געלעבט די האָפענונגען פון שטאַב און ס'זיינען געמאַכט געוואָרן פרואוון צו ארויסרופן מיליטערישע טיילן פון פראָנט צו אָפּשיקן אין פּעטראָגראַד אף העלפן קערענסקין און קראַסנאָוו.

פיל שווערער איז געווען די לאַגע באַם איבערנעמען די פּאָסט און טעלע־גראַף, וועלכע האָבן שוין דעם 25־טן אָקטיאַבר באַקומען דירעקטיוון פון זייער

צענטער*) און מע האָט גלייך אָנגעהויבן סאַבאָטירן. די קאָמיסאַרן, וועלכע דער סאָוועט האָט אוועקגעשטעלט, האָבן בייגעקומען דעם סאַבאָטאַזש, זיי האָבן ניט דערלאָזט קיין איבעררייסונג אין דער אַרבעט און געצוואונגען אַלע אָנגעשטעלטע צו בלייבן אַף די ערטער.

דאָס איז געווען דער ערשטער גרויסער זיג פון דער סאָוועטן־מאַכט אין מאַירעווגעגנט.

דער מינסקער סאָוועט און געגנט־קאָמיטעט פון דער ר.ס.ד.א.פ. (באָלשעוויקעס) האָבן גאַנץ גוט פאַרשטאַנען, אַז ניט געקוקט אַפן ערשטן גרויסן זיג, וועט אָבער די פראַגע פון דעם ניצחון פון דער רעוואָלוציע געלייזט ווערן ניט אין מינסק, נאָר אין פעטראָגראַד און אין מאָסקווע. אָבער, אין דעם אויסגאַנג פון קאַמף קאָנען די באַוואַפנטע קויכעס פון פראָנט שפּילן אַ באַדייטנדיקע ראָלע.

דער מינסקער סאָוועט האָט געוואַקסט, ווי אַזוי ס'זיינען געוואַקסן די באָלשעוויסטישע שטימונגען אַפן פראָנט, ווי ס'איז געוואַקסן די צאָל לעזער פון „זוועזדא", „מאָלאָט", און „בורעוועסטניק" **), אָבער דער מינסקער סאָוועט האָט אויך געוואַקסט, אַז אַלע קאָרפּוס־קאָמיטעטן, מיטן אויסנאַם פון 50־טן, וואָס כ' בעריזין איז געשטאַנען בעראָש, און אויך דער פראָנט־קאָמיטעט, האָבן זיך געפונען אין די הענט פון די פשאָרעמאַכער — עסערן און מענשעוויקעס, און ס'איז שווער געווען צו זאָגן, צי ס'וועט זיך איינגעבן באַלד צו באַקומען די איבערהאַנט איבערן פראָנט.

דעם 25־טן אָקטיאַבער האָט דער פראָנט־קאָמיטעט זיך אַנטשלאָסן געשטעלט קעגן דער איבערקערעניש און דעם מינסקער סאָוועט איז אויסגעקומען זיך צו רעכענען מיט אים, ווי מיט דער סאַמע שטאַרקסטער פיינטלעכער קראַפט. אַ טייל באָלשעוויקעס האָבן אַריינגעטראָגן אַ פאָרשלאַג צו אַרעסטירן דעם גאַנצן פראָנט־קאָמיטעט און אַף אַזאַ אויפן מיט איינמאָל באַזייטיקן אים פון וועג. אָבער די טענדענץ צו פאַרייניקן אין די סאָוועטן אַלע סאָציאַליסטן איז אין דער באָלשעוויסטישער סוויווע געווען נאָך צו שטאַרק, אַז מע זאָל קאָנען מאַסקים זיין צו מאַכן אַזאַ שריט.

די באָלשעוויקעס פון פראָנט־קאָמיטעט האָבן דעם 25־טן אָקטיאַבער אים פאַקטיש פאַרלאָזן און זיינען אַריבער אַרבעטן אין מינסקער סאָוועט.

די ערשטע הויפּט־אויפגאַבע פון דער נאָר וואָס געבאָרענער סאָוועטן־מאַכט אין מינסק איז געווען ניט צו דערלאָזן אַרונטערנעמען פון פראָנט מיליטערישע טיילן און זיי שיקן אין די הויפּט־שטעט. ס'איז געווען נויטיק צו פאַרהאַלטן די צוגן מיט מיליטער, וועלכע זיינען שוין געווען אין וועג, דערקלערן זיי די לאַגע און ווירקן, אַז זיי זאָלן אַריבער אַף דער זייט פון די סאָוועטן. די דאָזיקע אויפגאַבע איז דערפאָלגרייך דורכגעפירט געוואָרן דורך די פאַרטייאישע אַגיטאַטאָרן פון אייזנבאַן־קנופּ, דורך די כ"כ סמירנאָוו, סאַוויצקי און טשעטירבאַק.

---

*) צענטראַלער פאַ־וואַלטונג פונם פאַריין פון די פאָסט־און טעלעגראַף־אָנגעשטעלטע.

**) באָלשעוויסטישע צייטונגען, וואָס זיינען דערשינען אין מינסק פון יולי ביז אָקטיאַבער 1917.

קעדיי צו פאַרשפּרייטן די סאָוועטנמאַכט איבער גאַנץ ווייסרוסלאַנד און פראָנט, איז דעם 26־טן אקטיאַבר אין אָווגט באַשלאָסן געוואָרן צו שאַפן א מי־ליטערישן רעוואָלוציאָנערן קאָמיטעט פון מאַירעוו־געגנט. דעם 27־טן אקטיאַבר, איז דער מיליטערישער רעוואָלוציאָנערער קאָמיטעט געשאַפן געוואָרן. אלס פאָר־זיצער איז באַשטימט געוואָרן דער כ' מיאַסניקאָוו. אין באַשטאַנד פון רעוואָלו־ציאָנערן קאָמיטעט זיינען אריין די כ"כ וו. פריימאַן, מ. קאַלמאַנאָוויטש, ק. לאַנ־דער, וו. קנאָרין און אנד.

אף אזא אופן איז געשאַפן געוואָרן א מאַכט־אָרגאַן פאַר דער גאַנצער געגנט אין פראָנט, וועלכער האָט געדאַרפט אנטוויקלען און פאַרשטאַרקן דידאָזיקע מאַכט, פאַרטיידיקן די נייע סאָוועטן־מאַכט פון דעם אָנגריף, וואָס די גענעראַלן, בורזשואזיע און פּשאָרעמאַכערישע סאָציאַליסטן האָבן אף איר געמאַכט*).

83. דער רויטער אָקטיאַבר אין וויטעבסק.

(ב. פינסאָן: „דורכגעגאַנגענע עטאַפּן". „קראַסנאַיאַ ביל". ז. ז. 87—104).

...נאָך ערעוו די פּעטראָגראַדער געשעענישן האָבן זיך אין שטאָט אָנגע־הויבן פאַרשפּרייטן פּראָוואָקאַטאָרישע קלאַנגען, אז ס'גרייטן זיך קלוימערשט פּאָגראָם־ארויסטרעטונגען.

קעדיי ניט צו דערלאָזן די מעגלעכע שוואַרצמייעדיקע עקסצעסן, האָט דער ראַט אָרגאַניזירט א מיליטער־ביוראָ, אין באַשטאַנד פון וועלכער ס'זיינען לע־כאַטבילע אריין די פאָרשטייער פון אלע פּאָליטישע פּאַרטייען, וואָס זיינען פאַרטראָטן אין ראַט.

נאָר אָט זיינען צו אונז דערגאַנגען די ידיעס וועגן דער איבערקערעניש אין פּעטראָגראַד, און די מיליטער־ביוראָ... וועלכע איז באַשאַפן געוואָרן אף צו־

*) ווייטער דערציילט כ' קנאָרין, אז דערדאָזיקער קאָמיטעט האָט אָבער דעם 27-טן אָק־טיאַבר געמוזט אף עטלעכע טעג איבעררייסן זיין טעטיקייט. דעם „קאָמיטעט צו ראַטעווען די רע־וואָלוציע", אין וועלכן ס'זיינען געווען פאַרטראָטן דער פראָנט-קאָמיטעט, די ס-ר, מענשעוויקעס, דער „בונד" און אלע איבעריקע קליינבירגערלעכע פּאַרטייען און גרופּן, האָט זיך איינגעגעבן אראָפּצוברענגען קיין מינסק אַ קאַוואַלערישע דיוויזיע און ארטילעריע, וועלכע האָבן אָנגעהויבן פאַרנעמען די שטאָט. קעדיי אויסצומיידן אן אומזיסטע בלוטפאַרגיסונג און געווינען צייט אף אראָפּ־צוברענגען פון פראָנט רעוואָלוציאָנערע מיליטער-טיילן, איז דער באָלשעוויסטישער געגנט-קאָמיטעט איינגעגאַנגען אפן פאָרשלאָג צו דעלעגירן פאָרשטייער פונם ראַט אין „קאָמיטעט צו ראַטעווען די רע־וואָלוציע", וועלכער האָט זיך דערפאַר מיסכאַיעוו געווען ניט שיקן און ניט דורכלאָזן קיין קאָנטער-רע־וואָלוציאָנערע מיליטער קיין פּעטראָגראַד און מאָסקווע. גלייכצייטיק האָבן די באָלשעוויקעס קאָ־מאַנדירט אַגיטאַטאָרן אפן פראָנט, וועלכע ס'האָט זיך איינגעגעבן צו אָרגאַניזירן א באַוואָפנטע שטיצע פארן מינסקער מיליטער-רעוואָלוציאָנערן קאָמיטעט. אין דער נאַכט פון 1-טן אפן 2-טן נאָיאַבר איז קיין מינסק געקומען אַ געפּאַנצערטער צוג, וועלכן ס'האָט געשיקט דער באָלשעוויסטי־שער רעוואָלוציאָנערער שטאַב פון דער צווייטער אַרמיי. דערדאָזיקער צוג האָט ראַדיקאַל געענ־דערט די קרעפטן-פאַרהעלטעניש לטובעס די באָלשעוויקעס. דעם 2-טן נאָיאַבר האָט דער מינס־קער סאָוועט אָפּגערופן זיינע פאַרשטייער פון „קאָמיטעט צו ראַטעווען די רעוואָלוציע". און דער מיליטער-רעוואָלוציאָנערער קאָמיטעט האָט באַקומען די מעגלעכקייט צו באַנייען זיין טעטיקייט אף צו באַפעסטיקן די דערקעמפטע מאַכט פון די ראַטן.

באַקעמפן די פּאָגראָם־עקסצעסן, האָט זיך אַפן אַנדערן טאָג פאַרוואַנדלט אין אַן אָרגאַן אַף צו באַקעמפן... די רעוואָלוציע.

דעם 26־טן אָקטיאַבער איז אין זאַל פון געוועזענעם קרייז־געריכט פאַרגעקומען אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון די מיטגלידער פון דער באָלשעוויסטישער אָרגאַניזאַציע... אַף וועלכער ס׳איז באַשטימט געוואָרן, אַז די פאַרטרעטער פון די באָלשעוויקעס פאַרבלייבן אין דער ביוראָ, ביז ס׳וועט זיך פולשטענדיק ניט אַרויסווייזן איר קעגנערשאַפט צום פּעטראָגראַדער ראַט.

דעם 27־טן אָקטיאַבער איז אין זאַל פונם ראַט פאָרגעקומען אַ פאַרזאַמלונג פון העכער 100 מיליטערישע דעלעגאַטן. ...דיהאָזיקע פאַרזאַמלונג האָט באַשטימט: פאָרלייגן דעם פאַרטיי־קאָמיטעט אָפּרופן זיינע פאָרשטייער פון ביוראָ און אויסשטעלן אַ מיליטער־רעוואָלוציאָנערן קאָמיטעט, וועלכער זאָל איבערנעמען די גאַנצע מאַכט אין שטאָט און אין דער גובערניע.

דער גובערניאַלער פאַרטיי־קאָמיטעט, וועלכער האָט גלייך געהאַט אַ זיצונג, האָט באַהאַנדלט דיהאָזיקע פראַגע און באַשלאָסן: „אָרגאַניזירן אַ מיליטער־רעוואָלוציאָנערן קאָמיטעט, וועלכער זאָל איינשטעלן זיינע קאַראַולן אַף דער פּאָסט, טעלעגראַף, אין שטאָט א.א.וו. און צונעמען אין זיין אויסשליסלעכן רעשות אַלע פאַרקער־מיטלען. די פאָרשטייער פון רעוואָלוציאָנערן גאַרניזאָן, וואָס זיינען אויסגעקליבן געוואָרן אַף די סאָלדאַטן־מיטינגען, זאָלן בילדן אַ רעוואָלוציאָנערן סאָלדאַטן ראַט“. ס׳איז אויך באַשטימט געוואָרן צו מודיע זיין טעלעגראַפיש דעם צ. ק. פון דער פאַרטיי וועגן דער לאַגע אין שטאָט.

...דער ערשטער רעוואָלוציאָנערער אַקט פונם מיליטער־רעוואָלוציאָנערן קאָמיטעט איז געווען די באַשטימונג פון אַ נייעם שטאָט־קאָמענדאַנט און שעף פון גאַרניזאָן ... גלייכצייטיק איז אָפּגעגעבן געוואָרן אַ פאַראָרדענונג צו פאַרנעמען די פּאָסט־טעלעגראַף, דעם שטאַב פון דווינסקער מיליטער־קרייז און דעם וואָקזאַל. ס׳זיינען אויך באַשטימט געוואָרן פּאָליטישע קאָמיסאַרן אין אַלע וויכטיקערע מעלוכע־אַנשטאַלטן, און... אויך אין די מיליטער־טיילן און ס׳איז איינגעשטעלט געוואָרן אַ צענזור איבער דער מענשעוויסטיש־עסערישער פּרעסע.

...די אַקטיווקייט פונם מיליטער־רעוואָלוציאָנערן קאָמיטעט האָט, ווי מע האָט דאָס געקאָנט דערוואַרטן, אַרויסגערופן שאַרפע פּראָטעסטן מיצד די פירער פון די פשאָרעמאַכערישע פאַרטייען. אין זייערע פּראָטעסטן האָבן זיי... אַפּעלירט צו די מאַסן, רופנדיק זיי פאַרטיידיקן די „דעמאָקראַטיע“, וועלכע ווערט פאַרשקלאַפט דורך די וואַנדאַלן־באָלשעוויקעס ...

...דער גובערניאַלער פאַרטיי־קאָמיטעט האָט באַשלאָסן דאָס לעצטע מאָל געבן אַ מעגלעכקייט דער שטאָטישער אָרימקייט און די אָפּגעשטאַנענע שיכטן איבערצייגן זיך אין דער קאָנטר־רעוואָלוציאָנערישקייט פון דער „ביוראָ“ און אין דער נויטיקייט צו ליקווידירן זי, און צוליב דעם צונויפרופן אַ פאַרברייטערטע זיצונג פון אַלע אָרגאַניזאַציעס.

דעם 28־טן אָקטיאַבער איז דיהאָזיקע זיצונג פאָרגעקומען. אין איר האָבן זיך באַטייליקט: דער רעוואָלוציאָנערער ראַט פון די סאָלדאַטן־דעפּוטאַטן, דער

מיליטער־רעוואָלוציאָנערער קאָמיטעט, די פּראָפֿאַריינען, דער אַלטער ראַט פֿון די אַרבעטער־דעפּוטאַטן, די פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס א.א.

...מיט אַ פֿאָרטראָג איז אַרויסגעטראָטן דער פֿאָרשטייער פֿון „בלאָק“ אָרגאַן *), וועלכער האָט באַוויזן בוכשטעבלעך אין מעשׂעך פֿון עטלעכע טעג אי־בערצואַוואַגדערן פֿון די אָנהענגער פֿון „גאָוואָיאַ זשיזן“ **) אין לאַגער פֿון דער אָפֿענער קאָנטר־רעוואָלוציע.

אין זיין פֿאָרטראָג האָט ער פּראָטעסטירט קעגן דאָס אויסרופֿן די רעבע פֿון אַלע פּאַרטייען און געשטעלט דעם מיליטער־רעוואָלוציאָנערן קאָמיטעט דריי פֿראַגן: 1) צי איז ער מסכּים צוריק אויפֿשטעלן די פֿריערדיקע לאַגע? 2) צי אָנערקענט ער פֿאַר נויטיק צו שאַפֿן אַן אייניקייטלעכן פֿראָנט מיט אַלע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען? און 3) צי האַלט ער פֿאַר מעגלעך דערלאָזן די צע־שפּאַלטונג פֿון דער רעוואָלוציאָנערער דעמאָקראַטיע?

דער פֿאָרשטייער פֿון אונזער אָרגאַניזאַציע האָט קורדעמקאָל באַלויכטן די פּאָליטישע געשעענישן, וואָס קומען פֿאָר אין פּעטראָגראַד, און דערנאָך געענט־פֿערט אויף די געשטעלטע פֿראַגן: די מאַכט איז שוין איבערגעגאַנגען צו די ראַטן און ס'קאָן קיין רייד ניט זיין וועגן אומקערן זיך צו דער פֿאַרגאַנגענהייט; דער אייניקייטלעכער פֿראָנט איז שוין געשאַפֿן געוואָרן אין געשטאַלט פֿון פּעטראָגראַ־דער ראַט פֿון די אַרבעטער־און סאָלדאַטן־דעפּוטאַטן; אונזער פּאַרטיי שפּאַלט ניט די רעוואָלוציאָנערע דעמאָקראַטיע, נאָר, פֿאַרקערט, פֿאַראייניקט די אַרבע־טער, סאָלדאַטן און פּויערים אונטערן איינהייטלעכן לאָזונג: „די גאַנצע מאַכט די ראַטן“. אויב די אָנוועזנדיקע פֿאָרטרעטער פֿון די פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס שטייען צו צו דער עמעסער רעוואָלוציאָנערער דעמאָקראַטיע און ווילן אוועק־שטעלן אין טאָג־אָרדענונג די דיקטאַטור פֿון פּראָלעטאַריאַט, וועט אונזער אָרגאַ־ניזאַציע ניט דערווידערן קעגן אייניקייטלעכע און געמיינזאַמע אַרויסטרעטונגען מיט זיי.

...שפּעט באַנאַכט איז פֿאָרגעקומען די לעצטע לעגאַלע זיצונג פֿון דער ביוראָ, אין וועלכער, אַחוץ די מענשעוויקעס, ס. ר. און בונדיסטן, האָבן זיך באַטייליקט די געקומענע פֿון פּעטראָגראַד פֿאָרשטייער פֿון „ווייקזשעל“ 68), וועלכע האָבן פֿאַרגעלייגט די באָלשעוויקעס, קאָלזמאַן ס'איז נאָך ניט שפּעט, ליקווידירן די מאַכט־אָרגאַנען, וואָס זיי האָבן געשאַפֿן...

... אויף מאָרגן האָט דער מיליטער־רעוואָלוציאָנערער קאָמיטעט פֿאַרעפֿנט־לעכט אַ באַפֿעל וועגן פֿאַנאַנדערלאָזן די ביוראָ, אָפּרופֿן פֿון אַלטן ראַט די דע־פּוטאַטן און אויסקלייבן דעפּוטאַטן אינם נייעם רעוואָלוציאָנערן ראַט.

די מענשעוויקעס און עסערן האָבן אויפֿגעהויבן אַ מיעסע העצע, רופֿנדיק די מאַסן באָיקאָטירן דעם מיליטער־רעוואָלוציאָנערן קאָמיטעט און זיינע פֿאַראָ־דענונגען.

...ניט געקוקט אָבער אויף דער אַגיטאַציע פֿון די פֿשאַרעמאַכער, זיינען די וואַלן אין רעוואָלוציאָנערן ראַט פֿון די סאָלדאַטן־דעפּוטאַטן געגאַנגען מיט ער־

*) פֿאַרשטייער פֿון בונד.

**) ביז דער אָקטיאַבער־איבערקערעניש קימאַט אַ לינק אינטערנאַציאָנאַליסטישע צייטונג.

פאַלג. ...אפילו די קאַזאַקן־אַפטיילן... האָבן אויסגעקליבן דעפוטאַטן און באַפולמעכטיקט זיי שטיין ביזן סאָף פאַר דער מאַכט פון די ראַטן.

...אין די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, אַף די אונטערנעמונגען, אין די פראָפפאַריינען איז פאָרגעקומען א טיפער פראָצעס פון איבערשאַצן די אַלטע ווערטן. אונטער דער ווירקונג פון אונזער פּאַרטייפטער אַגיטאַציע, האָבן זיי אָפגערופן זייערע פאָרשטייער פונם אַלטן ראַט, אויסגעקליבן נייע דעלעגאַטן און געשיקט זיי מיט אָנזאָגן אינם נייעם רעוואָלוציאָנערן ראַט.

אַזוי איז דער רעוואָלוציאָנערער ראַט פון די סאָלדאַטן־דעפוטאַטן צוביסלעך אַרומגעוואַקסן מיט אַרבעטער־דעלעגאַטן און האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ ראַט פון סאָלדאַטן־און אַרבעטער־דעפוטאַטן.

...א גאַנצע וואָך האָט דער מיליטער־רעוואָלוציאָנערער קאָמיטעט ניט געקאָנט אָפגעבן זיך מיט דער אינערלעכער בוי־אַרבעט, ווייל ער האָט געמוזט די גאַנצע ענערגיע אָפגעבן דאָס פאַרהאַלטן די עשעלאָנען, וועלכע זיינען געגאַנגען אַף פעטראָגראַד.

...אַז ס׳זיינען דורכגעגאַנגען די ערשטע שטורמדיקע אָקטיאַבער־טעג, האָט זיך אין דער גובערניע אָנגעהויבן דער פּראָצעס פון איינשטעלן די נייע מאַכט...

84. די מינסקער צ. ב. פון די פראַפפאַריינען אין די טעג פון דער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע.

(„דער וועקער“. מינסק. 1917, נומ. 113, 115, 120 און 122).

פרייטיק דעם 27־טן אָקטיאַבער איז אַף א זיצונג פון צ.ב. פון די פראָפעסיאָנעלע פאַריינען באַטראַכט געוואָרן די איצטיקע לאַגע אין שטאָט אין פאַרבינדונג מיט די לעצטע געשעענישן. ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן צו דעלעגירן דעם כ׳ פערל*) אין רעוואָלוציאָנערן קאָמיטעט **) נאָר אַף איין טאָג, מאַכמעס עס זיינען געווען אַף דער זיצונג צו ווייניק פאַרטרעטער.

...שאַבעס דעם 28־טן איז פאָרגעקומען א צווייטע זיצונג. דער כ׳ פערל האָט אָפגעגעבן א באַריכט וועגן דעם רעוואָלוציאָנערן קאָמיטעט. אין אים גייען אַריין פאַרטרעטער פון פראָנט־קאָמיטעט, פון דער שטאָטישער זעלבסטפאַרוואַלטונג, פון אַלע פּאָליטישע פאַרטייען, פון אַרבעטער־און סאָלדאַטן־ראַט, פון פויערים־ראַט און פון דער צענטראַלער ביוראָ.

די איניקייט איז דערגרייכט געוואָרן דורכן באַשלוס, אַז דער קאָמיטעט איז נייטראַל — ער לאָזט ניט צו קיין מיליטער־שטיצע פון פראָנט ניט פאַר איין צאַד און ניט פאַרן אַנדערן. אַף וויפל דער באַשלוס וועט אויסגעהאַלטן ווערן — איז א גרויסער ספק. ער לייגט פאָר, ווען מע וועט שיקן מיליטער אַף צו אונטערדריקן די באָלשעוויקעס, זאָל דער פאַרטרעטער פון צ. ב. גלייך אַרויסטרעטן פון קאָמיטעט. דער פאָרשלאַג ווערט קימאַט איינשטימיק אָנגענומען.

דער כ׳ פריד לייגט פאָר אַן אַלגעמיינע רעזאָלוציע וועגן מאָמענט און וועגן די נאָענטסטע אויפגאַבן. די רעזאָלוציע רופט אַלע אָרגאַניזירטע אַרבע־

*) בונדיסט.

**) ס׳ווערט געמיינט אין „קאָמיטעט צו ראַטעווען די רעוואָלוציע“.

טער זיך צו פאַרייניקן, בילדן אַן אייגנהייטלעכן רעוואָלוציאָנערן פראָנט אַף צו פאַרטיידיקן די ראַטן קעגן אַן אָנפאַל פון דער קאָנטר-רעוואָלוציע. שטאַרקע דעבאַטן רופט אַרויס נאָר דער ערשטער פונקט פון דער רעזאָלוציע, וואו די גאַנצע שולד פונם אויפשטאַנד ווערט אַרויפגעוואָרפן אַף דער צייטווייליקער רעגירונג. די רעזאָלוציע ווערט אָנגענומען אינגאַנצן.

... מאָנטיק דעם 30-טן אָקטיאַבר איז פאָרגעקומען אין שטאָט-דומע א פאַרזאַמלונג פון אַלע פאַרוואַלטונגען פון די מינסקער פראָפאַריינען און די פאַבריק-קאָמיטעטן צו באַטראַכטן דעם איצטיקן פּאָליטישן מאָמענט און די נאָענטסטע אויפגאַבן פון דעם אָרגאַניזירטן פראָלעטאַריאַט.

... כ' ווייגשטיין (יעראַכמיעל) מאַכט באַקאַנט די פאַרזאַמלונג מיט דער צוזאַמענשטעלונג פונם מינסקער „קאָמיטעט צו ראַטעווען די רעוואָלוציע" און מיט זיין טעטיקייט. ... דער רעדנער פירט אויס: קעדיי צו ראַטעווען די רעוואָלוציע פון דער גרויסער סאַקאַנע, אין וועלכער זי געפינט זיך, דאַרף דער אָרגאַניזירטער פראָלעטאַריאַט שטרעבן צו ליקווידירן דעם אויפשטאַנד אַף א פרידלעכן אופן.

...ס'טרעט אַרויס דער כאַווער לאַנדער (פאָרזיצער פון אַרבעטער-און סאָלדאַטן-ראַט). די איצטיקע געשעענישן, — זאָגט דער רעדנער, — איז ניט קיין פאַרשווערונג פון די באָלשעוויקעס, נאָר א פאָלקס-אויפשטאַנד. די צייטווייליקע רעגירונג, וואָס האָט זיך געפונען אינגאַנצן אונטערן איינפלוס פון דער בורזשואַזיע, האָט ניט געקאָנט פאַרווירקלעכן די אויפגאַבן פון דער רעוואָלוציע. זי האָט ניט געקאָנט געבן קיין שאָלעם, ערד און ברויט. דאָס אויסגעמאַטערטע פאָלק איז אויפגעשטאַנען, קעדיי אַרויסצורייסן די מאַכט פון די הענט פון דער בורזשואַזיע און איבערגעבן זי אין די הענט פון די ראַטן.

... נאָך לאַנגע און הייסע דעבאַטן, וואָס האָבן זיך פאַרצויגן קימאַט ביז 2 אַזייגער באַנאַכט, האָט די פאַרזאַמלונג אָנגענומען מיט א מערהייט פון 3 שטימען די זעלבע רעזאָלוציע, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן פון דער צענטראַל-ביוראָ.

* * *

שאַבעס דעם 4-טן נאָיאַבר איז פאָרגעקומען א זיצונג פון צ.ב. די קאָמיסיע, וואָס איז אויסגעקליבן געוואָרן אַף צו פאַרייניקן ביידע צדאָדים פון דער רעוואָלוציאָנערער דעמאָקראַטיע, קעדיי אויסצומיידן א ברודער-קריג דאָ אין מינסק, האָט פאָרגעלייגט צו ווענדן זיך צום אַרבעטער-און סאָלדאַטן-ראַט, צו דער שטאָטישער זעלבסטפאַרוואַלטונג, צום „קאָמיטעט צו ראַטעווען די רעוואָלוציע" און צו אַלע פּאָליטישע פאַרטייען מיט פאָלגנדער רעזאָלוציע:

די צענטראַל-ביוראָ געפינט:

1) אַז דער ברודער-קריג, וואָס קומט איצט פאָר אין די רייען פון דער דעמאָקראַטיע, פירט צום אונטערגאַנג פון דער רעוואָלוציע און אירע ניצכוינעס;

2) אַז די הויפט-אויפגאַבע פון דער דעמאָקראַטיע אין איצטיקן מאָמענט איז צו שאַפן אַן אייגנהייטלעכן רעוואָלוציאָנערן פראָנט, קעדיי צו קעמפן מיט די קויכעס פון דער קאָנטר-רעוואָלוציע.

3) אז נאָר דורך א קעגנזייטיקן אנטקעגנקומען פון ביידע צדאָדים קאָן געשאַפן ווערן אן אייגנהייטלעכע סאָציאַליסטישע רעגירונג, וואָס שטיצט זיך אף אַלע קוויכעס פון דער דעמאָקראַטיע, און אז דאָס איז דער איינציקער מיטל צו ראַטעווען די רעוואָלוציע און דאָס לאַנד.

ארויסגייענדיק פון דעם, פאָדערט אויף די צ. ב. אין נאָמען פון דער אָרגאַניזירטער אַרבעטערשאַפט פון מינסק. ביידע צדאָדים פון דער דעמאָקראַטיע, זיי זאָלן גלייך ליקווידירן די סיכסוכים, וואָס פירן בעלי סאָפעק צו א ברודערקריג אויך דאָ אין מינסק; זיי זאָלן פאַרייניקן אַלע קוויכעס פון דער דעמאָקראַטיע אין איין רעוואָלוציאָנערן אָרגאַן, וואָס זאָל שטיין אף דער וואַך פון דער רעוואָלוציע.

די צ. ב. וועט מיט דער הילף פון דער אָרגאַניזירטער אַרבעטערשאַפט אָנגעמען אַלע מיטלען, וואָס געפינען זיך אין איר מאַכט, ביז צו אָפּשטעלן די אַרבעט אין די וויכטיקסטע צווייגן פונם ווירטשאַפטלעכן לעבן, קעדיי צו ווירקן אף ביידע צדאָדים אָפּצושטעלן דעם קאַמף און שאַפן אן אייגנהייטלעכן רעוואָלוציאָנערן אָרגאַן.

א גרופע פון 7 פערזאָן, פאַרטרעטער פון די פאַריינען פון די בעקער, שוואַרץ־אַרבעטער, הויזן־פאַבריקן, קעכינס, וועשערינס, און קינעמאַטאָגראַף־אָנגעשטעלטע *), וואָס זיינען געווען דערפאַר, אז די צ. ב. זאָל שיקן א פאַרשטייער אינם רעוואָלוציאָנערן קאָמיטעט פון די באָלשעוויקעס, האָבן מודיע געווען, אז זיי וועלן זיך ניט באַטייליקן אין דער באַהאַנדלונג און דער אָפּשטימונג פון דער רעזאָלוציע און האָבן דעמאָנסטראַטיוו פאַרלאָזן די זיצונג. די צ. ב. האָט איינשטימיק אָנגענומען די רעזאָלוציע.

דינסטיק דעם 7־טן נאָיאַבר האָבן איינציקע פערזאָנען פון דער גרופע, וואָס האָבן פאַרלאָזן דעמאָנסטראַטיוו די זיצונג פון צענטראַל־ביוראָ פון די פראָפאַריינען, ווייל די צ. ב. האָט ניט אָנגענומען דעם פאָרשלאָג צו שיקן א פאַרשטייער אין רעוואָלוציאָנערן קאָמיטעט פון די באָלשעוויקעס, צונויפגערופן א פאַרזאַמלונג פון 9 פאַרוואַלטונגען פון פראָפאַריינען.

דער פרעזידיום פון צ. ב., דערוויסנדיק זיך צופעליק פון דער פאַרזאַמלונג, האָט געשיקט אף איר זיינע פאַרשטייער.

... בעאייס די פאַרשטייער פון צ. ב. זיינען געקומען, איז די פאַרזאַמלונג שוין געווען אָפן און א רעדנער האָט געשאָטן פעך און שוועבל אף דער צ. ב. מע האָט גערעדט וועגן ברויט און שאָלעם און די אַנדערע האַפטאַכעס פון די באָלשעוויקעס — ביז צו סאָציאַליזם. דער אויספיר איז געווען, אז מע דאַרף נאָר שיקן א פאַרטרעטער אין רעוואָלוציאָנערן קאָמיטעט.

דער כ' פערל ענטפערט צוערשט דעם רעדנער, דאָס אַלע זיינע באַשולדיקונגען קעגן דער צ.ב. אַנטשפּרעכן ניט דער ווירקלעכקייט. ער פּראָטעסטירט קעגן דעם פאַרזיצער, א מיטגליד פון צ. ב., וואָס האָט דעם רעדנער ניט אָפּגעשטעלט. דערנאָך האָט דער כ' פערל דערקלערט: די פאַרטרעטער פון צ. ב. זיי־

*) שפּעטער זיינען צו אָט דער גרופּע צוגעשטאַנען די פאַרטרעטער פון נאָך 3 פאַריינען: פון די מיל־אַרבעטער, האָלץ־אַרבעטער און לעדער־אַרבעטער.

גען ניט געקומען צו באטייליקן זיך אין די דעבאטן, נאָר צו זאָגן, אז די איניציאטאָרן פון דער פארזאמלונג באגייען א פארברעכן קעגן דער פראָפ. באוועגונג, ארייַנברענגענדיק א צעשפאלטונג אין די רייען פון דער ארבעטערשאפט. ער שלאָגט פאָר די פראגע דאָ ניט צו באהאנדלען און שליסן די פארזאמלונג.

...די פארזאמלונג האט דעם פאָרשלאָג ניט אָנגענומען און האָט באשטימט די פראגע ווייטער צו באהאנדלען. די פארטרעטער פון צ. ב. האָבן דאן די פארזאמלונג פארלאָזן*).

85. די בונדישע פרעסע טרעט שארף ארויס קעגן שטיצן די צייטווייליקע רעגירונג.

(מ. ראפעס: „וואָס ווייטער?" „פאָלקס־צייטונג", נומ. 15 פון 28־טן אָקטיאבער 1917. איבערזעצט פון אַ רוסישער איבערזעצונג).

...אָפגערעניצן זיך פון די באָלשעוויקעס — איז נאָך ניט די גאנצע פאָליטיק. ס'קומט פאָר אן אויפשטאנד, ער פארשארפט די קלאסן־היפוכים, ער שאפט דעם בירגער־קריג. דער ניצאָכן פון די באָלשעוויקעס קאָן ברענגען שעדליכע פאָלגן — אין דעם איז קיין ספק ניטאָ. נאָר מע דארף א טראכט טאָן אויך וועגן דעם, ווי אזוי וועט ווירקן דער ניצאָכן פון דער איצטיקער רעגירונג, וואָס קאָן ער ברענגען דעם רעוואָלוציאָנערן ארבעטער־קלאס?

מיר האָבן געקאָנט באאָבאכטן, וועלכע קרעפטן מאָביליזירן זיך קעגן דעם באָלשעוויסטישן אויפשטאנד... אלע געהיימע און אָפענע סאָנים פון דער רעוואָלוציע וועלן זיך איצט קאָנצענטרירן ארום דער צייטווייליקער רעגירונג, וועלכע קעמפט קעגן אויפשטאנד. דיזאָזיקע פינסטערע קרעפטן וועלן אף אזא אויפן פארבינדן די רעגירונג מיט זיך און וועלן דערנאָך, אלס באלוינונג, באקומען פארשיידענע פריווילעגיעס אפן כעשבן פונם ארבעטער־קלאס.

...מע דארף ניט פארגעסן, אז אף די פעטראָגראדער גאסן קעמפט א טייל פונם ארבעטער־קלאס, וואָס האָט זיך געלאָזט פארפירן דורך די באָלשעוויקעס; ענדגילטיק דערשטיקן היינט דעם אויפשטאנד הייסט צעשטערן אסאך ראטן פון ארבעטער־דעפוטאטן, אסאך פראָפעסיאָנעלע פאריינען, וואו די באָלשעוויקעס זיצן פעסט, ווי בא זיך אינדערהיים.

און וואָלט נאָך דער קאמף קעגן אויפשטאנד געפירט א דעמאָקראטישע רעגירונג, וועלכע איז ארויסגעוואקסן פון דער רעוואָלוציע און איז ענג פארבונדן מיט דער רעוואָלוציאָנערער דעמאָקראטיע! קאָן מען דאָס זאָגן וועגן דער איצטיקער צייטווייליקער רעגירונג? ניין, געוויס ניט... און אָט דער רעגירונג דארפן מיר דאָס היינט אויסדריקן אונזער פולן צוטרוי, ניט ארייַנטראכטנדיק זיך אפילע אין דעם, ווער וועט זיך באנוצן מיט די פרוכט פונם ניצאָכן! פארנעמען אזא

*) אף אָט די אפגעשפאַלטענע טון צ. ב. פאַריינען האָט זיך שפעטער אָנגעשפאַרט אין זיין טעטיקייט דער קאמיסאריאט פאַר ארבעט, קעגן וועלכן די בונדיסטישע צ. ב. האָט געפירט אַ פארביסענעם קאַמף.

פּאָזיציע וואָלט געהייסן לאָזן זיך פאַרשלעפּן מיטן קאַמף קעגן די באָלשעוויקעס און וואַרפן זיך אין די אָרעמס פון דער בורזשואַזיע. דאָס וואָלט אויך באַטייט פאַרלירן יעטווידן צוטרוי בײַ דער אַרבעטער-מאַסע און דורכדעם בלויז מיטווירקן, אַז דער אויפשטאַנד זאָל זיך פאַרשפּרייטן איבערן גאַנצן לאַנד ...

אַ נייע רעגירונג — אָט דאָס איז אונדזער פּאָזיטיווער לאָזונג אין דער צייט פונם אויפשטאַנד, אָבער ניט שטיצן יענע רעגירונג, וועלכע האָט ניט געקאָנט באַפרידיקן די גערעכטע פאָדערונגען פונם פאָלק.

די קאָאַליציע מיט די פאַרמעגלעכע קלאַסן האָט באַנקראָטירט. זאָל לעבן די דעמאָקראַטישע רעגירונג! *).

86. די אָדעסער און קאַטערינאָסלאַווער אָרגאַניזאַציעס פון בונד אין די אָקטיאַבער-טעג.

(די באַראַטונג באַם ביוראָ פון צ. ק. פון „בונד“, „פאָלקס-צייטונג“ נומ. 27 פון 14-טן נאָיאַבר 1917).

... מער פאַרוויקלט איז געווען די טאַקטיק פון אונדזערע אָרגאַניזאַציעס אין אָדעס און קאַטערינאָסלאַוו. אונדזערע פאָרשטייער אין די אַרבעטער-ראַטן האָבן געהאַלטן, אַז די סאָציאַל-דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציע טאָר זיך ניט אָפּגרעניצן פון אַזאַ ברייטער פאָלקס-באַוועגונג, ווי די באָלשעוויסטישע. די ברייטע אַרבעטער-מאַסע, וואָס גייט היינט נאָך די באָלשעוויקעס, וואָלט דאָס פאַרשטאַנען ווי אַ פיינטלעכן אַרויסטריט קעגן די אינטערעסן פון אַרבעטער-קלאַס. אַזאַ טאַקטיק וואָלט, לויט דער מיינונג פון אונדזערע אָרגאַניזאַציעס אין אָדעס און קאַטערינאָסלאַוו, נאָר איזאָלירט אונדזער אָרגאַניזאַציע פון דער אַרבעטער-מאַסע און אָפּגענומען בײַ איר יעדע מעגלעכקייט צו קעמפן קעגן דעם באָלשעוויזם. אויף דער באַראַטונג האָבן די פאַרטרעטער פון אָדעס און קאַטערינאָסלאַוו באַטאָנט דעם ערפאָלג פון זייער טאַקטיק. ווי זיי רעכענען, האָט נאָר די דאָזיקע טאַקטיק געקאָנט האַלטן אין גרעניצן די באָלשעוויקעס און אָפּהאַלטן פונם בירגער-קריג אין ביידע שטעט.

די מערסטע טייל רעדנער אויף דער באַראַטונג האָבן אָבער שאַרף קריטיקירט די דאָזיקע טאַקטיק, ווייל זי האָט ניט גענוג אָפּגעגרעניצט אונדזער אָרגאַניזאַציע פון די באָלשעוויקעס. ס'איז ניט גענוג געווען באַטאָנט, אַז אין די אויגן פון דער אַרבעטער-מאַסע דאַרפן די באָלשעוויקעס זיין די איינציקע פאַראַנטוואָרטלעכע פאַרן אויפשטאַנד.

*) אונטערגעשטראָכן אין אָריגינאַל.

87. דער אָנהויב פונם אינערלעכן קאַמף אין בונד.

(„רייבונגען אין אַדעסער אָרגאַניזאַציע פון „בונד". „פאָלקס-צייטונג" נומ. 24 פון 10-טן נאָיאַבר 1917).

די מיטגלידער פון אַדעסער אָרגאַניזאַציע פון בונד, די כ"כ ע. בערנשטיין, ז. דעמבאָ און וו. סאָלאָסטיאַנסקי, האָבן אָפּגעדרוקט אין נומער 163 פון „יוזשני ראַבאָטשי" אַן אָפענעם בריוו צו כ' א. כייפעץ (בניאַמין)[39]. זיי ווייזן אָן, אַז זיי האָבן קיינע פּאָלעמישע צילן, נאָר אין נאָמען פון דער קינפטיקער איינהייטלעכער פּאָזיציע פון בונד פאָדערן זיי פון כ' כייפעץ, ער זאָל דערקלערן די טאַקטיק, וועלכע ער פירט דורך אין מיליטער-רעוואָלוציאָנערן קאָמיטעט. זיי ווייזן אָן דעם כ' כייפעץ, אַז ניט קוקנדיק אַף זיין מעלדונג אַף דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג דעם 28-טן אָקטיאַבער, אַז ער רעכנט דעם באָלשעוויסטישן אויפשטאַנד פאַר אַן אַוואַנטיורע, האָט ער אין רעוואָלוציאָנערן קאָמיטעט פאַרגעלייגט צוצושטיין צו דער רעגירונג, וועלכע ס'פאַרמירן די באָלשעוויקעס, און שפּעטער האָט זיין גאַנצע טעטיקייט געטראָגן אַ כאַראַקטער פון אונטערשטיצן דעם אויפשטאַנד.

אַלס ענטפער אַף דעם דאָזיקן בריוו האָט דער כ. כייפעץ אין נומער 166 פון „יוזשני ראַבאָטשי" אָפּגעדרוקט זיינע דערקלערונגען, וועלכע מיר גיבן איבער בעקיצער.

„די טאַקטיק פון די באָלשעוויקעס, אַף וויפל זי איז געווענדעט אַף אַרויסרופן אַן אויפשטאַנד, האָט כייפעץ גערעכנט און רעכנט אויך איצט פאַר אַוואַנטיוריסטיש, ווייל די דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט קאָן אין דער איצטיקער צייט אין רוסלאַנד ניט געבן קיין פּאָזיטיווע רעזולטאַטן. נאָר ס'וואָלט לעכערלעך געווען צו מיינען, אַז דער אויפשטאַנד איז פאָרגעקומען צוליב דעם ווילן פון באַזונדערע אַגיטאַטאָרן. דער איינציקער אַגיטאַטאָר פאַר אַן אויפשטאַנד איז געווען די פרוכטלאָזע און שעדלעכע קאָאַליציע מיט דער בורזשואַזיע. דער כויוו פון דער דעמאָקראַטיע איז געווען פאַרוואַנדלען דעם קאַמף, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין פּעטראָגראַד, אין אַ קאַמף פאַר די אַלגעמיינע דעמאָקראַטישע לאָזונגען און דערמיט מאַכן אַן עק צום בירגער-קריג. אַ שווערע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער רעוואָלוציע און פאַר דער פּאַרטיי נעמען אַף זיך יענע, וועלכע האָבן אין די אָקטיאַבער-טעג גערופן צו שטיצן די צייטווייליקע רעגירונג אין איר קאַמף קעגן פּראָלעטאַריאַט. די ריכטיקייט פון זיין פּאָזיציע זעט דער כ' כייפעץ אין דעם, וואָס אַדאַנק דער דאָזיקער טאַקטיק איז אין אַדעס ניט געקומען צו קיין בירגער-קריג. ער איז צופרידן דערפון, וואָס די זעלביקע פּאָזיציע האָט פאַרנומען דער האָרעם-קאָמיטעט פון „בונד"*).

*) צו דער דאָזיקער נאָטיץ מאַכט די „פאָלקס-צייטונג", דער אָרגאַן פון געגנט-קאָמיטעט, אַזאַ באַמערקונג:

„כ' כייפעץ האָט אַ טעות, אויב ער מיינט, אַז דער געגנט-קאָמיטעט פאַרנעמט זיין פּאָזיציע. פאַרקערט, דער געגנט-קאָמיטעט האָט געפונען פאַר נייטיק אָפן דערקלערן, אַז די, וואָס שטיצן די באָלשעוויסטישע אַוואַנטיורע, באַגייען אַ פּאָליטישן פאַרברעכן. דער געגנט-קאָמיטעט האָט אין זיין פּאָזיציע זיך אינגאַנצן אָפּגעגרעניצט פון דער באָלשעוויסטישער טאַקטיק און געפאָדערט קעגן איר אַ העפטיקן קאַמף. אין איין הינזיכט, אין דער פראַגע וועגן דער צוקונפטיקער מאַכט, שטייט טאַקע דער געגנט-קאָמיטעט און כ' כייפעץ אַף איין און דערזעלבער פּאָזיציע".

88. די אָפּיציעלע פּאָזיציע פונם בונד.

(רעזאָלוציע פון דער מינסקער באַראַטונג בא דער ביוראָ פון צ. ק. פון בונד*), „פאָלקס-צייטונג“, נומ. 27 פון 14-טן נאיאָבר 1917).

.1

...דער באָוואָפנטער אויפשטאַנד אין פּעטראָגראַד, אָרגאַניזירט דורך די באָלשעוויקעס און איינציטיק אונטערשטיצט אין א ריי שטעט און געגנטן פון רוסלאַנד, איז א רעזולטאַט פון דער אָנגעזאַמלטער אומצופרידנהייט אין די ברייטע שיכטן פון אַרבעטער־קלאַס און פון דער אַרמיי. דיזאָזיקע אומצופרידנ־הייט איז אַנטשטאַנען אויפן באָדן פון דעם פאַרצויגענעם קריג, פון דעם וואַקסנדן דערנערונגס=קריזיס, פון דער שמאָל־עגאָיסטישער פּאָליטיק פון דער בורזשו־אַזיע, וואָס האָט זיך פאַרבונדן מיט די קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן. די אומצופרידנהייט איז אויך אויסגעוואַקסן אויפן באָדן פון דער וואַקלדיקער, אומ־אַנטשלאָסענער, אַנטידעמאָקראַטישער פּאָליטיק פון דער צייטווייליקער רעגי־רונג, באַזונדערס פון לעצטן צוזאַמענשטעל, וועלכע האָט ניט באַגעגנט קיין גע־נוגנדן ווידערשטאַנד מיצאַד א טייל פון דער רעוואָלוציאָנערער דעמאָקראַטיע.

דער ווידערשטאַנד פון דער בורזשואַזיע קעגן דער פאַרווירקלעכונג פון די סאָציאַלע און פּאָליטישע אויפגאַבן פון דער דעמאָקראַטישער רעוואָלוציע, וועל־כער פאַרשאַרפט ביזן העכסטן גראַד די קלאַסן=קעגנזאַצן; די אויסערסט וויכטיקע ראָלע, וועלכע דער פּראָלעטאַריאַט פאַרנעמט, אַלס אַוואַנגאַרד פון דער רעוואָלו=ציע, די ראָלע פון דער פּילמיליאָניקער אַרמיי, וואָס האָט זיך אין משך פון דער מילכאָמע אָפּגעריסן פון יעטווידער סאָציאַלן יעסאָד; די שוואַכע באַ=וואוסטזיניקייט און ניט=אָרגאַניזירטקייט פון די מאַסן — דאָס אַלין שטופּט די מאַסן אויפן וועג פון אַנאַרכיע און סטיכישן קאַמף פאַר דער אוטאָפּיסטישער אויפגאַבע טייקעף אַראָפּוואַרפן דעם עקאָנאָמישן דרוק פון דער בורזשואַזיע.

די אַלע אומשטענדן האָבן אָפּגענומען בא דער קאָאַליציאָנס=רעגירונג די שטיצע אין די רייען פון דער רעוואָלוציאָנערער דעמאָקראַטיע, האָבן אונטער־געריסן דעם אויטאָריטעט און די ווירקונג פונם צענטראַלן אויספירונגס־קאָמיטעט און האָבן מיטגעהאָלפן דעם ערפאָלג פון די באָלשעוויקעס, וועלכע האָבן גע=שטעלט דער רעוואָלוציע אויפגאַבן, וואָס גייען אַרויס פון די גרעניצן פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג, און האָבן געוואָרפן אין די מאַסן דעמאַגאָגישע לאָזונגען. די באָלשעוויקעס, וועלכע בילדן איינעם פון די אַמייסטן אָרגאַני-זירטע טיילן פון דער רעוואָלוציאָנערער דעמאָקראַטיע, טראָגן בעליסאָפּעק די פּאָליטישע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דעם איצטיקן אויפשטאַנד און בירגער־קריג, וואָס איז פון דעם אַרויסגעקומען. זיי טראָגן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דעם איצטיקן אויפשטאַנד, וואָס זיי האָבן אָנגעפאַנגען קעגן דעם ווילן פון דער מערהייט פון דער רעוואָלוציאָנערער דעמאָקראַטיע. צוויי וואָכן פאַר די

*) די באַראַטונג איז פאָרגעקומען דעם 7, 8 און 9 נאיאָבר. אין איר האָבן זיך באַטייליקט 5 מיטגלידער פון צ. ק.; די געגנט-קאָמיטעטן פון צאָפן-מאַירעוו און דאָרעם-רוסלאַנד, פאָרשטייער פון מינסקער, האָמלער, וויטעבסקער, באָברויסקער, סמאָליענסקער, אָדעסער און קאַטערינאָסלאַווער קאָמיטעטן, צוזאַמען 22 דעלעגאַטן.

וואלן אין דער גרינדונגספארזאמלונג, ווען די אויפגאבע פון רעאָרגאניזירן די מאכט וואָלט געקאָנט געלייזט ווערן אף א פרידלעכן וועג פון פארייניקן די קרעפטן פון דער גאנצער רעוואָלוציאָנערער דעמאָקראטיע.

בא די באדינגונגען, וואָס האָבן זיך אף אזא אופן געשאפן, איז די באָל־שעוויקעס געלונגען אף א געוויסער צייט צו שטעלן זיך באם רודער פון דער מאכט. ווי מע האָט געקאָנט העררווארטן, האָט זיך פון דער ערשטער רעגע ארויס־געוויזן די פולע מאכטלאָזיקייט פון דערהאָזיקער מאכט, וועלכע האָט מיט דעם פאקט גופא פון איר אנטשטייאונג איזאָלירט זיך פון דער איבעריקער רעוואָלו־ציאָנערער דעמאָקראטיע און איז געצוואונגען צו ווירקן, שטיצנדיק זיך אף דער אונטערדריקונג פון דער דעמאָקראטישער פרייהייט און אף אומבאגרעניצטן טעראָר, וואָס איז אלעמאָל כאראקטעריסטיש פאר דער הערשאפט פון א מינ־דערהייט.

דער טעראָר פון די באָלשעוויקעס, וואָס שטיצט זיך אף דער מיליטערי־שער דיקטאטור פון די באוואפנטע סאָלדאטן, שטעלט מיט זיך איצט פאר די גרעסטע סאקאָנע פאר דער רעוואָלוציע, עפענענדיק א וועג פאר דער הערשאפט פון דער מיליטערישער דיקטאטור ופון דער קאָנטר־רעוואָלוציע.

.2

...די באַציאונג צו דער באָלשעוויסטישער מאַכט.

אָפשטעלנדיק זיך אף די קאָנקרעטע פראגן, וואָס זיינען ארויסגערוקט דורכן מאָמענט וועגן ליקווידאציע פונם באָלשעוויסטישן אויפשטאנד און פונם מאכט־אָרגאן, וועלכן ער, דער אויפשטאנד, האָט באשאפן, אָנערקענט די באראטונג:

ביז וואנען די באָלשעוויקעס, וואָס שטייען בא דער מאכט, וועלן זיך אָפ־זאָגן פון אן אָפמאך מיט דעם איבעריקן טייל פון דער רעוואָלוציאָנערער דע־מאָקראטיע און וועלן זיך איינגעשפארט האלטן בא דער מאכט, איז אונזער אויפגאבע קאָנצענטרירן די גאנצע רעוואָלוציאָנערע דעמאָקראטיע ארום דער אי־דייע פון ניט אָנערקענען דיזאָזיקע מאכט און איזאָלירן זי, קעדיי פאָרצובריטן איר פאלן און דעם איבערגאנג פון דער מאכט צו דער גאנצער רעוואָלו־ציאָנערער דעמאָקראטיע.

89. די פויאלי־ציאָן פאר אן איינהייטלעכער סאציאליסטישער רעגירונג.

(„יזין פ יאליי־ציָן". „זוועזדא". מינסק. נומ. 30 (67) פון 15-טן נאָיאבר 1917).

די מינסקער אָרגאניזאציע פון דער א.ס.ד.א.פ. „פויאלייציאָן" האָט אף איר פארזאמלונג דעם 7־טן נאָיאבר באטראכט די פראגע וועגן פאָליטישן מאָמענט און אָנגענומען אזא רעזאָלוציע:

„אָנערקענענדיק, אז די טעטיקייט פון דער צייטווייליקער קאָאליציע־רע־גירונג האָט ארויסגערופן א נאטירלעכע אומצופרידנהייט און צאָרן מיצאד די

בריטע רעוואָלוציאָנערע מאסן, ווערט אָנערקענט צוזאמען מיט דעם, אז דער איינציקער אויסוועג פון דער געשאפענער קריטישער לאגע קאָן זיין נאָר אין באשאפן אן איינהייטלעכע סאָציאַליסטישע רעגירונג, וועלכע זאָל באזיצן דעם פולן צוטרוי פון דער גאנצער רעוואָלוציאָנערער דעמאָקראַטיע, די פאָלק־סאָציאַליסטן ניט אויסגעשלאָסן, וועלכע זאָל זיין פאראנטוואָרטלעך פארן אלרוסלענדישן אויספיר־קאָמיטעט פון די ראטן פון די ארבעטער־און סאָלדאטן־דעפוטאטן, דערפולט מיט פאָרשטייער פון די אוועקגעגאנגענע פארטייען *) און מיט פאָרשטייער פונם אויספירקאָם פון די פויערים־דעפוטאטן.

די רעגירונג דארף צונויפגעשטעלט ווערן פון פארטרעטער פון אלע סאָציאַליסטישע פארטייען פון די באָלשעוויקעס ביז די פאָלקס־סאָציאַליסטן בעטוי־באָם. די נייע מאכט ווערט געשאפן נאָר מיטן טנאי, אז די ערד זאָל באלד איבערגעגעבן ווערן די פויערים, ס'זאָל טייקעף פארגעלייגט ווערן א שאָלעם די פעלקער און די רעגירונגען פון אלע קריגפירנדיקע לענדער און ס'זאָל איינגעפירט ווערן א מעלוכישער, מיטן אָנטייל פון די ארבעטער, קאָנטראָל איבער דער אינדוסטריע אין אן אלמעלוכישן מאסשטאב.

צוזאמען מיט דעם אָנערקענט די פארזאמלונג פאר נויטיק טייקעף אָפצושטעלן דעם בירגערקריג, קעדיי צו שאפן א פעסטן און שטאנדהאפטיקן איינהייטלעכן רעוואָלוציאָנערן פראָנט אף צו קעמפן קעגן דער קאָנטררעוואָלוציע, וועלכע מאָביליזירט אירע קויכעס.

*) ס'ווערן געמיינט די מענשעוויקעס און ס־ר.

VI. אין די ערשטע כאדאשים פון דער ראָטנמאַכט.

90. קיעווער נאדל-ארבעטער רופן קלייבן אין דער גרינדונגס-פארזאמלונג נאר באלשעוויקעס.

(אויפרוף פון פראָפפאַריין פון די קליידער-ארבעטער, „פראָלעטארסקאיא מיסל“ 1917 יאָר, נום. 17).

צו אלע נאָדל-ארבעטער און ארבעטערינס!

דער 26-טער נאָיאבער איז דער אָנהויב פון די וואלן אין גרינדונגס-פארזאמלונג. אייך, כאווייריס, שטייט פאָר צו לייזן די פראגע וועגן דעם, ווי עס דארף פארוואלטעט ווערן די רוסלענדישע דעמאָקראטישע רעפובליק, וועמען עס דארף אין איר געהערן די מאכט און וואָס פאר א ראָלע עס דארפן שפילן אין דער פרייער מעלוכע די האָרעפאשנע קלאסן.

זעלבסטפארשטענדלעך, אז די ארבעטער און די פויערים אין די גרויע שינעלן, די אלע קינדער פון ארבעט און נויט, דארפן שיקן אין גרינדונגס-פארזאמלונג מענטשן געטרייע, שטאנדהאפטיקע, אנטשלאָסענע, וואָס זאָלן קאָנען שאפן אזעלכע פארמען פון מעלוכע-אָרדענונג, וועלכע באוואָרענען די האָרעפאשנע קלאסן די הערשאפט איבער דער מינדערהייט, איבער די פארמעגלעכע קלאסן, איבער דער בורזשואזיע. די גרויסע רוסישע רעוואָלוציע האָט אייך באוויזן, כאווייריס, אז די סאמע אויפריכטיקע, סאמע שטאנדהאפטיקע און אנטשלאָסענע פארטיידיקערין פון די אינטערעסן פון די ארבעטער, פויערים און סאָלדאטן איז די פארטיי פון ארבעטער-קלאס — די סאָציאל-דעמאָקראטן-באָלשעוויקעס.

די פארוואלטונג פון שניידער-פאריין לייגט אייך פאָר, כאווייריס, שטימען פארן צעטל נומער 12.

אויב איר ווילט, אז די ערד זאָל איבערגיין צו די פויערים, וואָס האָרעווען אף איר, אויב איר, כאווייריס, האָט פיינט די מילכאָמע און אויב איר ווילט נית פארגיסן אייער בלוט און די בלוט פון אייערע נאָענטע פארן גליק פון די פריצים, קאפיטאליסטן און דער גאנצער בורזשואזיע, אויב איר ווילט זיך

הערשלאָגן פריידן און מאכן א סאָף צום כורבן פון לאנד, אויב איר ווילט ראטעווען דאס לאנד פון הונגער און כאאָס, — גייט אין אייער וואל־באציירק, לייגט אריין אין קאָנווערט דעם קאנדידאט־צעטל, וועלכן עס שטעלן ארויס די סאָציאל־דעמאָקראטן־באָלשעוויקעס — דעם צעטל נומער 12.

— אויב איר ווילט צווינגען די קאפּיטאליסטן פּראָדוצירן נאָר די פּראדוקטן, וואָס זיינען נויטיק דעם גאנצן פאָלק, אויב איר ווילט פּאָטער ווערן פון דעם באהאלעם־שטעלנדיקן יאוקרעס און איינשטעלן אן ארבעטער־קאָנטראָל איבער דער פּראָדוקציע אף די פאבריקן און זאוואָדן, שטימט פאר'ן צעטל פון די באָלשעוויקעס, וועלכע האָבן זיך דערשלאָגן דאס אראפּוואַרפן פון קערענסקיס רעגירונג, וועלכע האט די גאנצע צייט גענארט די פּויערים, ארבעטער און סאָלדאטן, — פאר'ן צעטל נומער 12.

נאָר אט די פארטיי שטייט פארן גיכסטן ענדיקן די מילכאָמע, נאָר די פארטיי האט געצוואונגען אלעמען צו דערקלערן א וואפנשטילשטאנד אף אלע פראָנטן און האט צעריסן די געהיימע אָפּמאכן און האט איינגעשטעלט אן ארבעטער־קאָנטראָל איבער דער פּראָדוקציע. אלע אנדערע פארטייען זיינען קעגן דעם וואפנשטילשטאנד, קעגן קאָנטראָל און קעגן סטראכירן די ארבעטער פון ארבעטסלאָזיקייט, אלטקייט און אינוואלידקייט, — זיי זאָגן צו אפן ווארט, און בעעמעס זיינען זיי קעגן. אלע אנדערע פארטייען זיינען קעגן דער ראטנמאכט, קעגן דער מאכט פון די ארבעטער, פויערים און סאָלדאטן און פאר דער מאכט פון דער בורזשואזיע.

אויב איר זייט פאר דער מאכט פון די ארבעטער, סאָלדאטן און פויערים, באוויירים, אלע ווי איינער צו די אורנעס. און רופט אייערע טאטעס, מאמעס, ברידער, שוועסטער, זאָלן זיי אלע שטימען פאר די רעוואָלוציאָנערע סאָציאל־דעמאָקראטן־באָלשעוויקעס, פארן צעטל נומער 12.

די פארוואלטונג.

91. דער בונד וועגן די וואלן אין ראָוונע.

(קאָרעספּאָנדענץ פון ראָוונע, „פאָלקס-צייטונג“. נומ. 54 פון 18-טן דעקאבער 1917).

דעם 21-טן נאָיאבר זיינען בא אונז פארגעקומען די וואלן אין גרינדונגס־פארזאמלונג און איצט איז שוין מעגלעך מאכן א סאכאקל צו דער ארבעט, וואָס איז געמאָן געוואָרן בענוגייע צו די וואלן.

דער „בונד“ האט דאָ געהאט א גאנץ גרויסן ניצאָכן, באקומענדיק פון 7000 שטימען קימאט א דריטל (2182), נאָר דאָך מוז פארצייכנט ווערן דער גוואלדיקער אבסענטעאיזם, וואָס האט זיך באמערקט בעשאס די וואלן.

פון 40 טויזנט וויילער האָבן געשטימט סאכאקל 7028, און דאס אויך אדאנק דער גוואלדיקער וואל־אגיטאציע, וואס דער „בונד“ האט דאָ פארשפּרייט ערעוו די וואלן, און באזונדערס אין דער צייט פון די וואלן.

דעם 26־טן נאָיאַבר, אין דעם ערשטן טאָג פון די וואַלן, איז די גאַנצע שטאָט געווען פאַרקלעפּט מיט אַ מאַבל פון וואַל־פּלאַקאַטן און קאַנדידאַטן־צעטלען, צווישן וועלכע ס׳האָבן זיך באַזונדערס געוואָרפן אין די אויגן דער צעטל נומ. 1 (בונד און ס.ד.*) און דער צעטל נומ. 2 (אַלגעמיין אידישער). ס׳איז פאָרגעקומען אַן אַגיטאַציאָנס־שלאַכט פון ביידע צדדים — פון „בונד" און די ציאָניסטן — און די גרויסע גאַסן אַרום די וואַל־קרייזן זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אָרט פון לויפנדיקע מיטינגען. די ציאָניסטן האָבן אַרויסגעשיקט איבערן שטאָט גימנאַזיסטלעך און טאַלמוד־תּורה אינגלעך און זיי אויפגעהאַנגען אַף די היטלען און מעבילע אַף די... גרויסע נומערן 2.

...די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען פון נאָדל־פאַך, האָלץ־און בוי־פאַך, בער־שטער, פאַבריקמאַכער, גילון־קאָנפעקט־אַרבעטער, דרוקערס, איינבינדערס האָבן אַרויסגעלאָזן ספּעציעלע וואַל־אויפרופן צו זייערע כאַווירים, זיי זאָלן שטימען גאָר פאַרן צעטל נומער 1. די פאַראיינען פון נאָדל־פאַך, האָלץ־פאַך, בערשטער האָבן גיט געזשאַלעוועט קיין גרויסע הוצאָעס און האָבן אויסגעהאַנגען אין די הויפּט־גאַסן פון שטאָט, נעבן די וואַל־קרייזן, גרויסע לייוונטענע פּלאַקאַטן, וועל־כע האָבן צוגעצויגן גרויס אויפמערקזאַמקייט.

אויסער דעם, האָבן איניקע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען באַשטימט, אַז אַלע אַרבעטער זאָלן די דריי טעג פון די וואַלן ניט אַרבעטן, ביכדיי זיי זאָלן האָבן אַ מעגלעכקייט וואָס ברייטער פירן די וואַל־אַגיטאַציע...

...די אָרגאַניזאַציע פון „בונד" האָט אין די טעג פון די וואַלן אויסגענוצט אַלע אירע קרעפטן. טויזנטער פּלאַקאַטן, אויפרופן, וואַל־בלעטלעך א. א. וו. זיינען פאַרשפּרייט געוואָרן צווישן די וויילער; אין יעדער גאַס, נעבן די וואַל־באַצירקן זיינען געמאַכט געוואָרן קיאָסקן פון „בונד", וואו מע האָט געטיילט און פאַרשפּרייט וואַל־צעטלען און אויפרופן אַף אידיש און רוסיש. מיט אַ טאָג ערעוו די וואַלן איז איינגעאָרדנט געוואָרן אַ גרויסער מיטינג, אַף וועלכן ס׳איז אַרויסגעטראָטן דער כ׳ ליבער און וואו ס׳זיינען געווען 5000 מאַן.

...מע מוז באַמערקן, אַז די ציאָניסטן האָבן ניט געזשאַלעוועט קיין געלט און מי און האָבן געפירט די וואַל־אַגיטאַציע אַפן אַמעריקאַנער שטייגער, אין גאַס און אין די שולן.

אין רעזולטאַט האָבן באַקומען די אידישע צעטלען פאָלגנדע צאָל שטימען: נומ. 1 (בונדיסטן און ס.ד.) — 2182, נומ. 2 (נאַציאָנאַל־אידישער) — 3239, נומ. 3 (פאָלקס־פּאַרטיי) — 29, נומ. 8 (פאַרן אַדוואָקאַט גאָלדשטיין) — 462, נומ. 9 („פּויאַליי־ציאָן") — 32 און נומ. 10 („פאַריייניקטע") —230—

פון די רוסישע צעטלען האָבן די ס. ר. באַקומען 33 שטימען, די קאַ־דעטן — 267, די באָלשעוויקעס — 426...

---

*) מענשעוויקעס.

92. די ערשטע שפּאַלטונג אין בונד.

(„די צעשפּאַלטונג פון בונד אין באָברויסק”. „סאָוועטסקאַיאַ פּראַווּדאַ”. מינסק. נומ. 9 פון 12-טן דעקאַבר 1917).

לויט די ידיעות, וואָס די רעדאַקציע האָט באַקומען, האָט א טייל מיטגלידער פון דער באָברויסקער אָרגאַניזאַציע פונם בונד אָפּגעטיילט זיך און אָרגאַניזירט א באָלשעוויסטישע פראַקציע.

אף דער פאַרזאַמלונג דעם 23-טן נאָיאַבר האָבן זיך אין דער נייער אָרגאַניזאַציע פאַרשריבן 50 מיטגלידער. דאָס פאַרשרייבן זיך פון נייע מיטגלידער ווערט מיט ערפאָלג פאָרגעזעצט. אלס פּאָרזיצער פונם נייעם קאָמיטעט איז אויסגעקליבן געוואָרן כ׳ פּיאַנין.

דער נייער קאָמיטעט האָט ארויסגעלאָזן א בלעטל, וועלכעם רופט צו שטימען (בא די וואַלן אין דער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג א. ק.) פאַרן צעטל נומ. 9, פאַר די באָלשעוויקעס.

דער קאָמיטעט פון באָלשעוויסטישן בונד אַרבעט אין פולן קאָנטאַקט מיט באָברויסקער קאָמיטעט פון די באָלשעוויקעס *).

93. צו די סאַכאַקלען פון די וואַלן אין דער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג.

(„סאָוועטסקאַיאַ פּראַוודאַ”, מינסק, 1917, נומ. 3; „נייע צייט”, קיעוו, 1918 נומ. 2 (90).

אין מינסקער גוב.

די רעזולטאַטן זיינען אַזעלכע: „ס.ס. און י. ס.” (צעטל נומ. 1) — 4880 שטימען, דער „אידישער נאַציאָנאַלער בלאָק”**) (נומ. 2) — 65.406, די ערד-איינגנטימער (נומ. 3) — 3537, בונד און מענשעוויקעס (נומ. 5) — 16.277,

*) פון די מער אקטיווע כאַווערים, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין דערדאָזיקער ערשטער שפּאַלטונג אין בונד, קען מען אנרופן: אַרע גאָך, מוישע ריגער, נאָכעם קרייק און ריווין. אויפזוכן דעם אויפרוף פון דער גרופּע האָט זיך ליידער ניט איינגעגעבן. נאָר ווי ס׳גיט איבער איינער פון אירע אקטיווע טוער, דער דערמאָנטער כ׳ פּיאַנין, האָט זיך דער אויפרוף אָנגעהויבן מיט דער ווענדונג „אַרבעטער און סאָלדאַטקעס” און איז געווען אונטערגעשריבן „בונד—באָלשעוויקעס”. דעם אויפרוף האָט אָפּגע- דרוקט (אין אַ דרוקעריי) כ׳ ברעגמאַן, און אין די טעג פון די וואַלן זיינען עטלעכע הונדערט עקזעמפּלאַרן געווען פאַנאַנדערגעקלעפּט אין אַלע אַרבעטער-קוואַרטאַלן. די באַציאונג פונם באָלשעוויסטישן קאָמיטעט צו דער נייער גרופּע איז געווען אַ פריינטלעך-כאַווערישע. איר אַרבעט האָט די גרופּע געפירט אין באָלשעוויסטישן קלוב, וואו אַלע שאַבעס פלעגן פאָרקומען פאַרזאַמלונגען וועגן לויפנדיקן מאָמענט. די פאַרזאַמלונגען פלעגן צוציען אַ בריטן אַרבעטער-אויטאָם און דורכגיין גאַנץ לעבעדיק. די פאָרשטייער פון דער גרופּע אין ראַט זיינען גלייך אריינגעטראָטן אין דער באָלשעוויסטישער פראַקציע. אין די דעמאָנסטראַציעס פון יענער צייט איז די גרופּע געגאַנגען צוזאַמען מיט די באָלשעוויקעס, נאָר אונטער אַ אידישער פאָן מיטן לאָזונג „די גאַנצע מאַכט די ראַטן”. דער קאָמיטעט פון בונד האָט דערקלערט דער נייער גרופּע אן אנטשיידענעם קאַמף.-אויסגעשלאָסן אלעמען פון דער אָרגאַניזאַציע (צווישן די אָפּגעשפּאַלטענע איז אויך געווען אַ מיטגליד פונם בונדישן קאָמיטעט), פּראָטעסטירט אין דער פּרעסע קעגן דעם, וואָס די נייע גרופּע באַנוצט זיך מיטן נאָמען „בונד” א. א. וו.

**) מיט די ציאָניסטן בעראָש.

קאַדעטן (נומ. 6) — 10.724, דער „פּוילישער נאַציאָנאַלער בלאָק" (נומ. 8) — 36.882, די באָלשעװיקעס (נומ. 9) — 579.087, „פּועלי-ציאָן" (נומ. 10) — 6186, דער „רוסישער דעמאָקראַטישער בלאָק" (נומ. 11) — 10.040, די סאָצ. רעװ. (נומ. 12)—181.873 און די װײַסרוסישע באַצ. הראָמאַדע (נומ. 13) — 2988.

אין קיעװער גוב.

נומ. 1. (אוקראַינער) — 1.256.271; נומ. 2 (אידישער נאַצ. קאָמיטעט) —90.704; נומ. 3 (פּאַרײניקטע) 4.992; נומ. 4 (פּועלי ציאָן) — 4065; נומ. 5. (סאָצ. רעװ. מענשעװיקעס) — 21.582; נומ. 6 (קאַדעטן) — [illegible]; נומ. 7 (מיליטער פאַרײן) — 268; נומ. 8 („רוסישע װײלער") — 48.641; נומ. 9 („בונד"**) — 29.410; נומ. 10 ([illegible]רים-פאַרײן פון סקװירער או-יעזד) — 665; נומ. 11 (פּוילישער צעטל) — 33.525; נומ. 12 (באָלשעװיקעס) — 59.413. נומ. 13 (פּאָלקס. סאָצ. און אוקר. ס־ד.) — 3,500; נומער 14 (ס.ר.) — 19.201; נומ. 15 (אויסערפּאַרטײאישער פאַרײן)—210; נומ 16 (דאָרף-װירטש. גרופּע) — 3086; נומ. 17 („יעדינסטװאָ")***) — 925.

... צו דער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג זײַנען אויסגעקליבן: 20 דעפּוטאַטן פון צעטל נומער 1 (אוקראַינישער בלאָק); איין דעפּוטאַט פון צעטל נומ. 2 (אידישער נאַצ. קאָמיטעט) און איין דעפּוטאַט פון צעטל נומ. 12 (באָלשעװיקעס).

94. קיעװער אַרבעטער פּראָטעסטירן קעגן די מאַניפעסטאַציעס פאַר דער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג.

(„פּראָטעסטן". „דער טעלעגראַף". קיעװ. נומ. 28 פון 24-טן דעקאַבר 1917).

פּראָטעסטן.

די אַלגעמײנע פאַרזאַמלונג פון די היגע מעטאַליסטן האָט אָנגענומען אַ רעזאָלוציע, אין װעלכער ס'װערט אָנגעװיזן אַף דער „קאָנטר-רעװאָלוציאָנערער פּאָליטיק" פון דער בורזשואַזיע, װעלכע פּרוּװט זיך צו פאַרדעקן מיט דעם לאָזונג „די גאַנצע מאַכט דער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג". די רעזאָלוציע װאָרנט די אַרבעטער ניט צו נעמען קיין אָנטײל אין קײנע דעמאָנסטראַציעס לטובֿת דער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג. אַן ענלעכע רעזאָלוציע איז אויך אָנגענומען געװאָרן דורך דעם פּראָפעסיאָנעלן פאַרײן פון די דרוקער.

*) די שװאַרצמײעניקעס, װאָס האָבן זיך גרופּירט אַרום דעם אַנגעזעענעם אַרטיקן מאָנאַרכיסט שולגין.

**) בלויז אין קיעװער און קאַטערינאָסלאַװער גוב. איז דער בונד געגאַנגען זעלבשטענדיק צו די װאַלן, אין אַלע איבעריקע װאַל-קרײַזן פון גאַנץ רוסלאַנד איז דער בונד אַרויסגעטראָטן אין אַ בלאָק מיט די מענשעװיקעס.

***) אַן עקסט רעכטע סאָצ. דעמ. גרופּע, בעראָש פון װעלכער ס'איז געשטאַנען דער פאָרשטאַרבענער ג. װ. פּלעכאַנאָװ און דער איצטיקער מאָנאַרכיסט און אַקטיװער קאָנטר-רעװאָלוציאָנער ג. אַלעקסינסקי.

95. קעגן אנטיילנעמען צוזאמען מיט דער בורזשואזיע אין דער מאניפעסטאציע.

(רעזאלוציע פון קיעווער קאמיטעט פון בונד. „פאלקס-צייטונג“, נומ. 56 פון 20-טן דעקאבר 1917).

אנערקענענדיק, אז די שטרעבונג פון די באלשעוויקעס צו פארווירקלעכן אין איצטיקן מאמענט די דיקטאטור פון די פראלעטארישע און האלב־פראלעטארישע עלעמענטן אנטשפרעכט ניט די איצטיקע סאציאל־עקאנאמישע פארהעלטענישן, אז דאס צערייסן די אייניקייט פון דעם רעוואלוציאנערן פראנט פארטארמאזירט די עפענונג פון דער גרינדונגס־פארזאמלונג און דערמיט אליין פארשטארקט די עלעמענטן פון קאנטר־רעוואלוציע, העלפט מיט דעם צעוואקסן זיך פון בירגער־קריג און שאפט א רעאלע סאקאנע פאר דער זאך פון פארפעסטיקונג און פארטיפונג פון דער רעוואלוציע;

אז, פון דער צווייטער זייט, די בורזשואזע עלעמענטן אין זייער קאמף קעגן די באלשעוויקעס שטרעבן אן צווייפל אויסצונוצן די גרינדונגס־פארזאמלונג אלס צענטער פון מאביליזאציע פון די קרעפטן פון די פויערים און קלייןבירגערטום קעגן די ארבעטער, אלס א מיטל אפצושטעלן די רעוואלוציע,—

רעכנט דער קיעווער קאמיטעט פון „בונד“ פאר זיין אויפגאבע די זעלבשטענדיקע ארגאניזאציע פון די ארבעטער־מאסן ארום דעם לאזונג פון אומגעזאמטער עפענונג פון דער גרינדונגס־פארזאמלונג, אלס עמעס־דעמאקראטישן שאפנדיק־רעוואלוציאנערן ארגאן.

צוזאמען מיט דעם, ניט רעכענענדיק פאר מעגלעך אנטייל צו נעמען צוזאמען מיט די קאדעטן און אנדערע בורזשואזע גרופן אין דער מאניפעסטאציע, וועלכע איז באשטימט געווארן אפן 20־טן דעקאבער, רופט דער קיעווער קאמיטעט פון „בונד“ די אידישע ארבעטער אין דעם טאג אין די פארטייאישע ארבעטער־קלובן אף מיטינגען, אף וועלכע ס'וועלן אנטוויקלט ווערן אונזערע לאזונגען וועגן קאמף פאר דער גרינדונגס־פארזאמלונג.

דער קיעווער קאמיטעט פון „בונד“ רעכנט, אז די פארטיידיקונג פון די רעוואלוציאנערע לאזונגען דארף זיך פירן לויט דער איניציאטיוו און אונטער דער פאן און אנפירונג פון די קלאסן־און רעוואלוציאנערע ארגאניזאציעס פון פראלעטאריאט און פויערטום, וועלכע גרעניצן זיך אפ פון די עלעמענטן, פאר וועלכע די גרינדונגס־פארזאמלונג איז ניט קיין געווער פון רעוואלוציע, נאר א געווער קעגן דער רעוואלוציע *).

*) אף א קעגנזעצלעכן שטאנדפונקט זייגען אין אט דער פראגע געשטאנען די ווייסרוסלענדישע ארגאניזאציעס פון בונד. אין מינסק, באברויסק, וויטעבסק א. א. האבן די בונדיסטן געשפילט אן אנפירנדיקע ראלע אין די אלגעמיינע „קאמיטעטן צו פארטיידיקן די גרינדונגס־פארזאמלונג“, און אויך אין אלע עפנטלעכע ארויסטרעטונגען, וואס די לעצטע האבן ארגאניזירט.

96. די „פויאלי-ציאן" און די „קאמיטעטן צו פארטיידיקן די גרינדונגס-פארזאמלונג".

(צירקוליאר פון ביוראָ פון צ. ק. פון דער א. ס. ד. א. פ. „פויאלי-ציאָן". „יעווריסקאיא ראבאָטשאיא כראניקא". נומ. 1—2 פון 27-טן יאנואר 1918).

צוליב דער נויטיקייט פון אן ענגן צוזאמענבונד פון אלע אָרגאניזאציעס פונם ארבעטער-קלאס אף צו פארטיידיקן די גרינדונגס-פארזאמלונג מיצאד די קאמפלאטן אף איר אווטאָריטעט און מאכט, פון וואָס פאר א זייט די דאָזיקע קאמפלאטן זאָלן ניט קומען, רעקאָמענדירט די ביוראָ פון צ. ק. פון דער א.ס.ד.א.פ. „פויאלי-ציאָן" די אָרגאניזאציעס שטרעבן צו בילדן באזונדערע סאָציאליסטישע קאָמיטעטן אף צו פארטיידיקן די גרינדונגס-פארזאמלונג, וועלכע זאָלן באשטיין אויסשליסלעך פון רעוואָלוציאָנער-דעמאָקראטישע עלעמענטן.

דער געמיינזאמער אָנטייל אין די קאָמיטעטן צו פארטיידיקן די גרינדונגס-פארזאמלונג פון די פראָלעטארישע אָרגאניזאציעס מיט די פאָרשטייער פון די בורזשואזע גרופן באגרעניצט די מעגלעכקייט פון אָנווענדן רעוואָלוציאָנערע מעטאָדן פון קאמף פאר דער גרינדונגס-פארזאמלונג, וואָס ס'איז א דראָאונג פאר די דערגרייכונגען פון דער רעוואָלוציע און די קלאסן-אינטערעסן פונם פראָלעטאריאט.

דאָס עקזיסטירן פון באזונדערע סאָציאליסטישע קאָמיטעטן, באפרייענדיק די רעוואָלוציאָנערע דעמאָקראטיע פון פאראנטוואָרטלעכקייט פאר די ריזיקאלע שריט פון די געמישטע קאָמיטעטן, נעמט בא זיי ניט אָפּ די מעגלעכקייט פון זעלבשטענדיקע ארויסטרעטונגען אין קאָנטאקט מיט די אלגעמיינע קאָמיטעטן, נאָר אין דערזעלביקער צייט לאָזט דאָס איבער די סאָציאליסטישע קאָמיטעטן א ברייטע מעגלעכקייט אף צו קעמפן און אגיטירן פאר די לאָזונגען פונם פראָלעטאריאט.

ביוראָ פון צ. ק. פון דער א. ס. ד. א. פ. „פויאלי-ציאָן".

קיעוו, 8-טן יאנואר 1918.

97. א רעדע פון א אידישן קליינבירגערלעכן סאָציאליסט אין דער גרינדונגס-פארזאַמלונג.

(„ד. לוואָוויטש *) רעדע אין דער גרינדונגס-פארזאמלונג". „נייע צייט. נומ". 12 פון 16-טן יאנוואר 1918).

אין דער איצטיקער גרויסער היסטאָרישער שעה דארף פון דער הויכער טריבונע פון דער גרינדונגס-פארזאמלונג דערהערט ווערן אויך די שטים פון אידישן פראָלעטאריאט. אויך די גרויסע אידישע מאסע דורשט נאָך שאָלעם. דאָס אידישע פאָלק האָט געליטן פון דער מילכאָמע עפּשער מער, ווי אלע אנדערע פעל-

*) דאווידאוויטש, דורכגעגאנגען אין גרינדונגס-פארזאמלונג פון כערסאנער גוב., לויטן קאנדידאטן-צעטל פון די סאצ.-רעוו.

קער. די אידישע באַפעלקערונג האָט געליטן ניט נאָר פון דעם סוינע, נאָר אויך פון די גייזרושים און פאָגראָמען, וואָס די צאַרישע זעלבסטהערשונג האָט אָרגאַניזירט. פאַר דעם אידישן פאָלק איז די דאָזיקע מילכאָמע א ברודערמאָרד־מילכאָמע אין בוכשטעבלעכן זין פון וואָרט, ווייל דער אידישער סאָלדאַט פון רוסלאַנד, פוילן, רומעניע איז געצוואונגען צו באַנוצן זיין געווער קעגן זיין ברודער, דעם אידישן סאָלדאַט פון עסטרייך, דייטשלאַנד, טערקיי.

די אידישע באַפעלקערונג שטרעבט נאַטירלעך צו שאָלעם. אָבער ניט אזא שאָלעם, ווי ס׳שלאָגן אונז פאָר די באָלשעוויקעס. דער אידישער פּראָלעטאַריאַט שטרעבט צו דעם שאָלעם, וואָס די רוסלענדישע רעוואָלוציאָנערע דעמאָקראַטיע האָט אָנגעצייכנט אף איר פאָן, צו א שאָלעם א דעמאָקראַטישן אָן לאַנד־פאַרכאַפּונגען און אָן קאָנטריבוציעס, א שאָלעם, בא וועלכן יעדעס פאָלק וועט באַקומען די מעגלעכקייט אליין צו באַשטימען זיין גוירל. ווען מיר וואָלטן געגלויבט, אז דער שאָלעם, וועלכן ס׳שלאָגן אונז פאָר די באָלשעוויקעס און די ליגקע ס־ר., וועט אונז ברענגען צו די אָנגעוויזענע צילן, וואָלטן מיר אים, פאַרשטייט זיך, מיט פרייד אָנגענומען. אָבער איר אליין גלויבט דאָך ניט, אז איר וועט אונז געבן אזא דעמאָקראַטישן שאָלעם. איר אליין ווייסט דאָך, אז מיט אייער שאָלעם גיט איר איבער אין די לאַפּעס פון דעם דייטשישן מיליטאַריזם די באַפעלקערונג פון די אָקופּירטע געגנטן און צוזאַמען דערמיט א טייל פון אידישן פּראָלעטאַריאַט, וואָס האָט אזוי העלדיש געקעמפט אין די רייען פון דער רוסלענדישער רעוואָלוציאָנערער דעמאָקראַטיע פאַר די אידעאַלן פון סאָציאַליזם, און דערין אויך אָט פאַר דערזעלבער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג (אויסרוף: „אוהא!“).

איר אליין ווייסט, אז מיט אייער שאָלעם וועט איר ניט מאַכן קיין סאָף צו דער מילכאָמע, און אונזערע ברידער, די אידישע סאָלדאַטן פון עסטרייך און דייטשלאַנד און טערקיי, אמעריקע, פראַנקרייך, ענגלאַנד א.א.וו. וועלן נאָך אלץ פאַרגיסן זייער בלוט אין דער ברודער־מאָרד־מילכאָמע. קאָנט איר אונז דען גאַראַנטירן, אז אונזערע ברידער, די אידישע געפאַנגענע פון די צענטראַלע מעלוכעס אין רוסלאַנד, וועלן צוזאַמען מיט די איבעריקע געפאַנגענע ניט געשיקט ווערן אפן מאַירעוו־פראָנט דאָרט מילכאָמע צו האלטן? גיט איר דען מיט אייער שאָלעם די אידישע אָרימע מאַסן די גאַראַנטיעס, וואָס פאַרזיכערן זייערע נאַציאָנאַלע און בירגערלעכע רעכט?

און דעריבער דערלויב איך זיך אויסצודריקן די זיכערקייט, אז די אידישע באַפעלקערונג ניט נאָר פון רוסלאַנד, נאָר פון דער גאַנצער וועלט, וועט מיט גרויס סימכע באַגעגענען דעם פאָרשלאַג פון דער פראַקציע פון די ס. ר. זיך צו ווענדן צו אלע פעלקער פון די קעמפנדיקע מעלוכעס מיטן פאָרשלאַג צו שליסן אן אלגעמיינעם דעמאָקראַטישן שאָלעם. איך בין טיף איבערצייגט, אז דער גאַנצער אידישער פּראָלעטאַריאַט וועט באַגריסן די ווענדונג פון דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג צו די סאָציאַליסטן פון דער גאַנצער וועלט וועגן רופן אן אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע קאָנפערענץ (אויסגעשריי: „זי וועט זיך ניט צונויפקומען!). איך בין טיף איבערצייגט, אז זי וועט זיך יא צונויפקומען, אז אלע

סאָציאַליסטישע פּאַרטייען וואַרטן נאָר אויף אונזער רוף, ווייל נאָר די קאָנפערענץ וועט בעעמעס קאָנען שטיין אויף דער וואַך פון די אינטערעסן פון די אָרימע און אַרבעטנדיקע קלאַסן און דערפירן צו אַן עמעס דעמאָקראַטישן שאָלעם, וואָס זיינע לאָזונגען זיינען געבאָרן געוואָרן אין דער רוסלענדישער רעוואָלוציע און זיינען ווידער פאַר דער גאַנצער וועלט פּראָקלאַמירט געוואָרן דורך דער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג.

אין נאָמען פון דער אידישער סאָציאַליסטישער אַרבעטער-פּאַרטיי *) שטיי איך דעריבער צו צו דעם פאָרשלאַג פון דער פראַקציע פון די ס.ר.

98. וויטעבסקער בונדיסטן פּראָטעסטירן קעגן דעם פאַנאַנדערלאָזן די גרינדונגס-פאַרזאַמלונג.

(פון אַן אומלעגאַל בלעטל (אין רוסיש) פונם וויטעבסקער קאָמיטעט פון בונד).

דעם 9-טן יאַנוואַר *) איז פאָרגעקומען אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון די מיטגלידער פון דער וויטעבסקער אָרגאַניזאַציע פון בונד, אויף וועלכער ס'זיינען אָנגענומען געוואָרן די פאָלגנדיקע באַשטימונגען:

...וועגן דאָס פאַנאַנדערלאָזן די גרינדונגס-פאַרזאַמלונג.

אָנערקענענדיק, אַז די רוסישע רעוואָלוציע קאָן זיך ניט שטעלן פאַר אַ ציל די דירעקטע פאַרווירקלעכונג פונם סאָציאַליזם, אַז אירע אויפגאַבן באַגרעניצן זיך מיט אַזאַ דעמאָקראַטיזירונג פונם פּאָליטישן רעזשים, וועלכע זאָל גאַראַנטירן די אַרבעטנדיקע קלאַסן די דערגרייכונג פון די גרעסטע סאָציאַלע דערגרייכונגען, — וואַרפט די פאַרזאַמלונג פון בונד אָפּ מיט צאָרן די גאַנצע מאָטיווירונג פונם ראַט פון די פאָלקס-קאָמיסאַרן דאָס פאַנאַנדערלאָזן די גרינדונגס-פאַרזאַמלונג און באַטראַכט דאָס אַלס ניט דערלאָזבאַרן איינרעקעווען זיך און גוואַלדמאַך איבערן אָרגאַן פון דער אַלפאָלקישער פאַרטרעטונג, אין וועלכער די מערהייט געהערט די סאָציאַליסטן. רופנדיק אַלע אַרבעטער אָפּוואַרפן די אַנאַרכיסטישע אילוזיעס, וועלכע ס'טראָגן אין די אַרבעטער-מאַסן די באָלשעוויקעס, דערקלערט דער בונד, אַז אין ווייטערדיקן קאַמף פאַר דער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג, פאַר דער דעמאָקראַטישער מאַכט, וועט דער אידישער אַרבעטער-קלאַס גיין האַנט בא האַנט מיט דער גאַנצער רעוואָלוציאָנערער דעמאָקראַטיע***).

*) „פּאַ-ייניקטע".
**) 1918.
***) אויף דערזעלביקער פאַרזאַמלונג איז אָנגענומען געוואָרן אַ שאַרפע פּראָטעסט-רעזאָלוציע קעגן דאָס פאַנאַנדערלאָזן, לויטן באַפעל פונם מיליטער-רעוואָלוציאָנערן קאָמיטעט, דעם 4-טן יאַנוואַר אַ בונדישע פאַרזאַמלונג, דאָס קאָנפיסקירן פון אַ בונדיש בלעטל וועגן דער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג און אַרעסט פון די בונדיסטן כייקין, אָפין, גנעסין, אָנקרויט א. א.

„די פאַרזאַמלונג פון בונד—פאַרענדיקט זיך די רעזאָלוציע—פאָדערט, מע זאָל באַלד באַפרייען די אַרעסטירטע כאַווירים, און דערקלערט, אַז די מיטגלידער פון בונד, געטריי זייער רעוואָלוציאָנערער פאַרגאַנגענהייט, זיינען גרייט אונטערצוהאַלטן דידאָזיקע פאָדערונג מיט אַלע רעוואָלוציאָנערע קאַמפס-מיטלען, וועלכע ס'זיינען פאַראַן אין אונזער רעשוס".

די „וויטעבסקער געשעענישן" זיינען, אַדאַנק דעם מינסקער „וועקער", וועלכער האָט זיי אָפּגעגעבן זייער פיל אויפמערקזאַמקייט, געוואָרן אַן אויסגאַנגס-פונקט פאַר אַ שאַרפער אַנטיבאָלשעוויסטישער קאַמפּאַניע אין גאַנצן קאַנט.

99. די „פּויאַליי־ציאָן" וועגן דער ענגלישער פּאַלעסטינע־דעקלאַראַציע.

(דאָס „נייע לעבן". אָדעס. נומ. 4 פון 27־טן דעקאַבר 1917).

אף דער לעצטער זיצונג פון צענטראַל־קאָמיטעט פון די „פּויאַליי־ציאָן" איז אין צוזאַמענהאַנג מיט דער ענגלישער דעקלאַראַציע וועגן פּאַלעסטינע אָנגענומען געוואָרן פאָלגנדע רעזאָלוציע:

„נעמענדיק אין באַטראַכט, אַז די פאַרווירקלעכונג פון אַ אידישן צענטער אין פּאַלעסטינע איז מעגלעך נאָר בּאַ דעם וואוקס פון דער אידישער קאָלאָניזאַציע, וועלכע פאָדערט צוליב איר ערפאָלג אַזעלכע באַדינגונגען, וואָס זאָלן זיכערן אַ פרידלעכן עקאָנאָמישן און פּאָליטישן פּראָגרעס פון פּאַלעסטינע, אינטערנאַציאָנאַלע גאַראַנטיע פון אַן אומגעשטערטער אימיגראַציע, קאָלאָניזאַציע און נאַטוראַליזאַציע פון אידן אין פּאַלעסטינע, פולקומע פרייהייט פאַר די דעמאָקראַטישע קאָלאָניזאַציאָנס־אינסטיטוטן; אַז די אידישע דעמאָקראַטיע געפינט אַ מיטגעפיל אין קאַמף פאַר די דאָזיקע באַדינגונגען מיצאַד דער וועלט־דעמאָקראַטיע, וואָס עס ווערט באַשטעטיקט דורך אַ ריי רעזאָלוציעס פון די טשעכישע, ענגלישע און אַנדערע, דורכן מאַניפעסט פון סטאָקהאָלמער קאָמיטעט פון אינטערנאַציאָנאַל[40]; אַז די דעקלאַראַציע פון דער ענגלישער מעלוכע זאָגט איידעס דערויף, אַז אונזערע פּאַלעסטינישע פאָדערונגען זיינען שוין אַ געוויסע קראַפט, מיט וועלכער מע רעכנט זיך אין דער וועלט־פּאָליטיק, אַז זי פאַרגרינגערט דאָס אויסקשטעלן פון דער פראַגע וועגן דער קאָלאָניזאַציע פון פּאַלעסטינע אפן סיידער־האַיאָם בעאַייסן שליסן פון וועלט־שאָלעם, —

נעמענדיק דאָס אַלץ אין אַכט, רופן מיר אונזערע כאַווײרים צו אַ ברייטער טעטיקייט אין הינזיכט פון אַגיטירן פאַר דער אָנערקענונג פון אונזערע פּאַלעסטינישע פאָדערונגען דורך דער אידישער און ניט־אידישער דעמאָקראַטיע, קעדיי ניט צו דערלאָזן אַראָפּנעמען פונעם סיידער־האַיאָם פון דער וועלט־פּאָליטיק די פּראָבלעם פון אַ אידישער פּאַלעסטינע.

100. די פּאָליטישע און טאַקטישע פּאָזיציע פון 8־טן צוזאַמענפאָר פון בונד.[41]

(„דער אַכטער צוזאַמענפאָר פון בונד". „דער וועקער", נומ. 160 פון 25־טן דעקאַבר 1917).

1) די רעוואָלוציע, וועלכע מיר לעבן איצט איבער, קאָן ניט פאַרווירקלעכן די סאָציאַליסטישע איבערבויאונג פון רוסלאַנד, אף וויפל אַזאַ איבערבויאונג האָט זיך נאָך ניט אָנגעהויבן אין די מער אַנטוויקלטע קאַפּיטאַליסטישע לענדער און אף וויפל די פּראָדוקציאָנס־קרעפטן פון רוסלאַנד שטייען נאָך אף אַ צו נידעריקער מאַדרייגע; דעריבער קאָנען אַלע פּרוּוון צו פאַרוואַנדלען די איצטיקע רעוואָלוציע אין אַ סאָציאַלער ניט געפינען קיין שטיצע אין די אינטערעסן פון דער ניט־פּראָלעטאַרישער מערהייט פון דער באַפעלקערונג און מוזן אומפאַרמיידלעך ענדיקן זיך מיט אַ מאַפּאָלע, רואינירנדיק די עקאָנאָמישע לאַגע פון דעם פּראָלעטאַריאַט און דעם פּויערים־קלאַס...

2) די גרענעצן פון דער היינטיקער רעוואָלוציע ליגן דעריבער אין א ראדיקאלער דעמאָקראטישער רעאָרגאניזירונג פון דער געזעלשאפט, וואָס זאָל באפרייען די פארשמידטע פראָדוקציאָנס־קרעפטן און באשאפן דערמיט א באָדן פאר דער אַלזייטיקער אנטוויקלונג פונם קאפיטאליזם, וועלכער זאָל פארברייטערן די נויטיקע באדינגונגען פארן סאָציאליזם.

...10) די מעטאָדן, ווי אזוי דער באָלשעוויסטישער אויפשטאנד איז צוגעגרייט און פארווירקלעכט געוואָרן, און יענע אוטאָפּיסטישע צילן, וועלכע די באָלשעוויסטישע פארטיי שטעלט זיך, האָבן באשאפן א טיפן קעגנזאץ צווישן די ווירקלעכע באדערפעניש פון דער רעוואָלוציע און דער באָלשעוויסטישער אָרדענונג. אונטער דער מאסקע פון א קלאסנדיקטאטור פון ארבעטער און פויערים איז באשאפן געוואָרן אן אומאויפהערלעכע אנאַרכיע, א דיקטאטור פון א פארטיי, אן אומדערטרעגלעכע טיראניע פון אומפאראנטוואָרטלעכע קאָמיסארן און קאָמיטעטן.

...נעמענדיק דאָס אלץ אין אכט, געפינט דער אכטער צוזאמענפאָר פארנויטיק:

1) בא דער באשאפענער לאגע אָנווענדן אלע קויכעס, קעדיי צו ליקווידירן דעם פאָליטישן קריזיס אפן מעגלעכסט־פרידלעכן אויפן דורך באשאפן א רעוואָלוציאָנערע פארבינדונג צווישן דער פראָלעטארישער און קלייןבירגערלעכער דעמאָקראטיע, אלס די איינציקע קויכעס, וואָס זיינען פאראינטערעסירט צו לייזן ביזן סאָף די הויפט־אויפגאבן פון דער רעוואָלוציע.

...3) פירנדיק דעמאָגאָגיקן קאמף אין די רייען פונם ארבעטער־קלאס און שטרעבנדיק אים אומקערן צוריק אף דעם ריכטיקן וועג פון פראָלעטארישער קלאסן־פאָליטיק, מוז די ס.־ד. אין דערזעלביקער צייט קעמפן קעגן די אנטיפראָלעטארישע קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע שטימונגען, וואָס ווערן געוועקט אין די קלייןבירגערלעכע מאסן דורך דער באָלשעוויסטישער דיקטאטור און אומעטום דורכפירן און פארטיידיקן דעם געדאנק וועגן אן אָפּמאך צווישן אלע טיילן פון דער רעוואָלוציאָנערער דעמאָקראטיע, ארויסטרעטנדיק ענערגיש קעגן יעדער מאָביליזאציע פון געזעלשאפטלעכע קויכעס אנטקעגן דעם פראָלעטאריאט און אָפּוואַרפנדיק אלע שטרעבונגען צו אונטערדריקן מיט געוואלט די סאָציאלע שטרעבונג פונם פראָלעטאריאט צו סאָציאלער באפרייאונג.

4) קעמפנדיק מיט אלע קרעפטן קעגן דער באָלשעוויסטישער פאָליטיק, רופן די ברייטסטע פאָלקס־מאסן צו א קאמף דערפאר, אז די גרינדונגס־פארזאמלונג זאָל האָבן די גאנצע מאכט אין לאנד.

5) אין דער גרינדונגס־פארזאמלונג זעען צו ווירקן, אז ס'זאָל צושטאנד קומען אן אָפּמאך צווישן אלע סאָציאליסטישע און דעמאָקראטישע פארטייען (פון פאָלקס־סאָציאליסטן ביז באָלשעוויקעס) וועגן בילדן א רעוואָלוציאָנערע מאכט.

* * *

... שטרעבנדיק בא דער גאנצער אויבנדערמאָנטער ארבעט צו קאָאָרדינירן צוליב די אינטערעסן פון דער אלגעמיינער דעמאָקראטישער רעוואָלוציע, איר טע־

טיקייט מיט דער טעטיקייט פון אַנדערע רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען און קרייזן, מוז די ס.־ד. פּאַרטיי, געדענקענדיק דעם ציישווייליקן כאַראַקטער פון דערדאָזיקער קאָאָרדינאַציע, אָפּוואַרפן אַזעלכע געמיינזאַמע אַרבעט, וועלכע קאָן בינדן די פרייהייט פון איר אייגענעם קאַמף און פאַרטיפן דעם טהאָם צווישן פאַרשיידענע טיילן פון דעם רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט.

101. א מאַניפעסטאַציע לעקאָוועד דעם שאָלעם.

(פ. זארעצקי: „אַ שאָלעם־דעמאָנסטראַציע", „פאָלקס־צייטונג", נומ. 4 (66) פון 6־טן יאנוואר 1918).

דעם 26־טן דעקאַבר האָבן די קרעמענטשוגער סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, „בונד", באָלשעוויקעס, מענשעוויקעס, דער היגער גאַרניזאָן און אַלע פראָפ. פאַראיינען איינגעאָרדנט א דעמאָנסטראַציע לעקאָוועד דעם שאָלעם.

ס'איז געווען א קאָלאָסאַלע גראַנדיעזע פּראָצעסיע, גאָר אַן ענטוזיאַזם.

פון עלף אַזייגער פרי האָבן זיך שוין באַוויזן אפן גאַס די פאָנען פון יעדער פּאַרטיי, וועלכע האָבן זיך אַלע פאַרזאַמלט צו דער געביידע פון דער שטאָטפאַרוואַלטונג. דאָ איז פאָרגעקומען א גראַנדיעזער מיטינג, וואו ס'זיינען ארויסגעטראָטן פאַרשטייער פון יעדער פּאַרטיי, פון בונד דער כ' ראַבקין. דערנאָך האָט די פּראָצעסיע מאַרשירט איבער אַלע גאַסן פון שטאָט.

ס'זיינען געווען פיל פאָנען מיט פאַרשידענע לאָזונגען: „זאָל לעבן דער אייגהייטלעכער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פראָנט", „זאָל לעבן דער אַלוועלטלעכער דעמאָקראַטישער שאָלעם", „זאָל לעבן די מאַכט פון די ראַטן".

102. דער בונד און די באָלשעוויסטישע שאָלעם־פּאָליטיק.

(„דער באנקראָט פון באָלשעוויזם", „פאָלקס־צייטונג", נומ. 24 (86) פון 22־טן פעווראל 1918)

לענין און טראָצקי האָבן עפנטלעך אין א ראַדיאָ־טעלעגראַם, וואָס ווערט איבערגעכאַפּט ווערן פון דער גאַנצער וועלט, מאַסקים געווען אף אַלע תנאים וואָס די רעגירונגען פון די צענטראַלע מעלוכעס *) האָבן ארויסגעשטעלט, און זיינען גרייט אונטערצושרייבן דעם שענדלעכן שאָלעם.

...די באָלשעוויסטישע מאַכט איז ניט געווען בעקויעד צו פאַרווירקלעכן די פאָרמול פון שאָלעם, וואָס די רוסלענדישע רעוואָלוציע האָט פּראָקלאַמירט [43]) זי האָט ניט געפונען דעם ריכטיקן וועג צו דעם אַלוועלטלעכן פּראָלעטאַריאַט און איז דעריבער ניט אימשטאַנד געווען אונז צו ברענגען דעם שאָלעם, וואָס זאָל זיין געבויט אף אינטערנאַציאָנאַלע יעסוידעס, — און זי האָט באַנקראָטירט.

... און באַנקראָטירט האָט ניט בלויז די באָלשעוויסטישע רעגירונג, באַנקראָטירט האָט די אידייע גופע פונם באָלשעוויזם.

---

*) דייטשלאנד און אירע פארבינדעטע.

װאָרום װען די באָלשעװיקעס האָבן געװאָרפן דעם לאָזונג פון א סאָציאַליסטישער רעװאָלוציע אין רוסלאַנד, האָבן זײ אַלײן אױך געװאוסט און מוידע געװען, אַז ניט דער װירטשאַפטלעכער צושטאַנד פון לאַנד און ניט די קױכעס פון דעם רוסלענדישן פּראָלעטאַריאַט זײַנען ניט מעסוגל בא דער איצטיקער צײַט אײַנצופירן די סאָציאַליסטישע אָרדענונג. נאָר װאָס דען, זײ האָבן געהאָפט, אַז די רעװאָלוציע װעט געפינען אַן אָפּקלאַנג אין די אײראָפּעאישע מעלוכעס, װעלכע זײַנען לױט זײער עקאָנאָמישער אַנטװיקלונג פיל נעענטער צום סאָציאַליזם, און דאַן, מיט דער הילף פונם אײראָפּעאישן פּראָלעטאַריאַט, װעט שױן דער סאָציאַליזם קאָנען אײַנגעפירט װערן אױך אין דעם עקאָנאָמיש אָפּגעשטאַנענע רוסלאַנד.

אָט די אידײע, װעלכע איז דער פונדאַמענט פון דער באָלשעװיסטישער טאַקטיק, האָט איצט באַקומען דעם גרעסטן און פילײַכט אַנטשײדענעם קלאַפּ...

... ניט קוקנדיק אַף דעם, װאָס דער דײַטשישער פּראָלעטאַריאַט איז בלוטיק פאַרינטערעסירט אין א באַלדיקן שאָלעם, װאָס דאָס איז פאַר אים די ערשטע און ברענענדע אױפגאַבע, האָט ער דאָך אַפילע אין דעם פאַל ניט געקאָנט צװינגען די רעגירונג פון זײַן לאַנד צו גײן אַף האַנאַכעס. די קלײנע אױפרודערונג, די שטרײקן-באַװעגונג, װאָס האָט זיך געװיזט אָנגעפאַנגען אין דײַטשלאַנד און עסטרײַך, איז גיך דערשטיקט געװאָרן.

... דאָס װײַזט נאָר, אַז גערעכט זײַנען געװען די יעניקע, װאָס האָבן געהאַלטן, אַז די פראַגע פון שאָלעם קאָן געלײזט װערן נאָר אין אַן אינטערנאַציאָנאַלן מאַסשטאַב.

103. די בורזשואַזע און קלײנבירגערלעכע אידישע אינטעליגענץ װעגן בריסקער שאָלעם.

(„דער בריסקער שאָלעם און די אינטערעסן פון אידנטום“. „יעװרעיסקאיא נעדעליא“. נומ. 6 פון 19-טן אפּרעל 1918).

אין לאָקאַל פון פּעטראָגראַדער אידישן קלוב איז דעם 17־טן און 24־טן מאַרט פאָרגעקומען א שמועס װעגן בריסקער שאָלעם און, אין צוזאַמענהאַנג מיט אים, װעגן די אינטערעסן פונם אידנטום.

י. א. קלײנמאַן *) האָט גערעדט אַף דער טעמע: „די צעטײלונג פון רוסלאַנד און די אײנהײט פונם רוסלענדישן אידנטום“. דער בריסקער שאָלעם איז א שטאַרקער קלאַפּ פאַר דער אײנהײט פון רוסלענדישן אידנטום. דער בריסקער שאָלעם איז פון שטאַנדפּונקט פון די אינטערעסן פונם רוסלענדישן אידנטום — א נאַציאָנאַלער אומגליק; ער צעברעקלט דאָס אידישע פאָלק אַף א רײ קלײנע גרופּן, צעברעקלט די פאָלקס-קױכעס, שװאַכט אָפּ די קראַפט פון פאָלק. דאָס איז א נאַציאָנאַלע קאַטאַסטראָפע. דאָס אידנטום דאַרף פאַרשטײן די טױט-געפאַר,

*) ק. ד.

וואָס ס'האָט זיין צוקונפט, און האַרף אויסדריקן זיין באַציאונג צו דעם שרעקלעכן שאָלעם, וואָס איז געשלאָסן געוואָרן אין בריסק...

מיט א גרויסער רעדע טרעט ארויס ד״ר קרוק*). ער רעדט וועגן יענע מעגלעכקייטן אין דער לייזונג פון דער אידן־פראגע אין אלוועלטלעכן מאסשטאב (אף דער אלוועלטלעכער קאָנפערענץ), וועלכע ס'האָבן עקזיסטירט ביזן בריסקער שאָלעם, און וועגן דעם שווערן קלאַפּ, וואָס דיזאָזיקע מעגלעכקייטן האָבן באַקומען מיצאַד דעם שענדלעכן סעפּאַראַטן שאָלעם, וואָס רוסלאַנד האָט געשלאָסן. דאָס אידישע פאָלק האָט געהאַט אלע גרונטן צו דערוואַרטן, אַז די דעמאָקראַטישע וועלט וועט געבן אַן אינטערנאַציאָנאַלע גאַראַנטיע פון זיינע רעכט אלס נאַציע.

דער רעדנער שטעלט זיך אָפּ אויספירלעך אף דער באַציאונג פון ענגלאַנד צו דער פראגע וועגן א אינטערנאַציאָנאַלער גאַראַנטיע פון די רעכט פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, און באַזונדערס — פון אידישן פאָלק... אין דער פעלקער־ליגע האָט מען איינגעזען די בעסטע גאַראַנטיע פון די רעכט פון אלע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, און ביפראַט — פון אידישן פאָלק. דער בריסקער שאָלעם, אויב ער זאָל בלייבן אומגעענדערט, האָט געטויט די אידייע פון אַן איינהייטלעכער פעלקער־ליגע. דעריבער איז דאָס גאַנצע אידישע פאָלק, אָן אונטערשייד פון קלאַסן... מעכויעוו באַטייליקן זיך אינעם קאַמף פאַר דער אינטער־נאַציאָנאַלער לייזונג פון זיין נאַציאָנאַלער פראגע אף דער אלוועלטלעכער קאָנפערענץ, ד. ה. אָפּוואַרפן, ניט אָנערקענען... דעם שענדלעכן רויבערישן סעפּאַראַטן־שאָלעם, וואָס די פירער פון די באָלשעוויקעס האָבן געשלאָסן מיט דער קייזערלעכער רעגירונג פון דייטשלאַנד.

י. מ. ביקערמאַן **) האַלט, אַז אומפּאַראַנטוואָרטלעך זיינען אלע באַהויפּטונגען, אַז אין דער שאַנדע און אומגליק פון רוסלאַנד זיינען שולדיק בלויז די באָלשעוויקעס. ניין, די באָלשעוויקעס האָבן בלויז געטאָן דאָס, צו וואָס ס'האָבן גערופן זייערע פאָרגייער — די מענשעוויקעס און סאָצ. רעוו... די אומפּאַראַנטוואָרטלעכקייט פון די רייד, די אומערלעכקייט פון געדאַנק, די פאַנטאַסטיק פון די רוסישע פּאָליטישע טוער — אָט פון וואַנען ס'נעמען זיך די אומגליקן פון רוסלאַנד...

ב. ד. ברוצקוס***) האָט זיין רעדע געווידמעט דער ווירקונג פון בריסקער שאָלעם אף די עקאָנאָמישע אינטערעסן פון רוסלענדישן אידנטום. אין די לעצטע צענדליקער יאָרן האָבן די אידישע אינדוסטריע און האַנדל, וואָס האָבן זיך אַנטוויקלט אין מאַירעוו־רוסלאַנד, אָריענטירט זיך אף מיזרעך־רוסלאַנד. פאַרן אידנטום האָבן זיך געעפנט ברייטע עקאָנאָמישע פּערספּעקטיוון. די לאָדזער, וואַרשעווער און די איבעריקע אינדוסטריע פון פּוילן, און אויך פון ליטע, האָבן אלץ מער באַקומען זייער אָפּזאַץ אפן ברייטן מאַרק פון מיזרעך־רוסלאַנד. דער בריסקער שאָלעם האָט דאָס אלץ צעשטערט. די צעטיילונג פון רוסלאַנד און צו-

---

*) „פאַריניקטער“.

**) אומפּאַרטייאישער דעמאָקראַט, איצט אַ מאָנאַרכיסט.

***) דעמאָקראַט.

האמען מיט דעם פונם אידישן ארגאניזם, קערט אום די אידן פון מאירעוו־דרוס־לאנד צו יענער עקאנאמישער לאגע, אין וועלבער זיי האבן זיך געפונען מיט 50 — 60 יאר צוריק...

י. עפרויקין („פאלקס־פארטיי") שטעלט זיך אפ אוף די סיבעס, וועלכע האבן געבראכט צו בריסק — סיבעס, וועלכע ליגן ניט אין די באלשעוויסטישע עקספערימענטן, נאר אין דער גאנצער פארגאנגענהייט פון לאנד.

... אלין הענגט אפ פון רוסלאנד זעלבסט. וועט רוסלאנד ווערן א בעמעמס דעמאקראטיש לאנד מיט פרייע נאציאנאליטעטן, וועט עס צוציען צו זיך די אפ־געטיילטע פעלקער, און די אידן — נאך שטארקער, ווי וועמען ניט איז אנדערש. אויב אבער דאס לאנד וועט פון די באלשעוויסטישע עקספערימענטן אריינפאלן צו דער קאנטר־רעוואלוציע, וועט אט דיהאזיקע צוציאונג ניט זיין, און די אידן וועלן בלייבן צעבראכן צווישן די קליינע מעלוכעלעד, צווישן האמער און קא־וואדלע... א גרויסע סאקאנע דראט די אידן אין הינזיכט פון ארטיקער אסימי־ליאציע. די רוסישע אסימיליאציע איז געווען ניט געפערלעך. דורך איר זיינען מיר געקומען קיין איראפע און באהעפט זיך צו דער אייראפעאישער קולטור. אן אנדער זאך איז איצט, ווען די אידן וועלן זיך געפינען צווישן קליינע מעלוכעס און פעלקער, וועלכע הייבן ערשט אן פירן א זעלבשטענדיקן לעבן. די אידן אין אוקראינע, ליטע, לאטוויע וועלן זיך צופאסן צו דער אוקראינישער, ליטווישער א. א. וו. קולטור, וועלן האלטן דעם קורס לויטן ווינט — און אין דעם שטעקט א גרויסע סאקאנע. די אידן דארפן וויסן זייער נאציאנאלן וועג, זיי דארפן פירן זייער אייגענע נאציאנאלע פאליטיק.

104. די קאנדידאטן פון די מינסקער „פועלי־ציון" צום אידישן צוזא־מענפאר און די ראטנמאכט.

(„זוועזדא". מינסק. נומ. 22 און 24 פון 28־טן און 31־טן יאנואר 1918).

די וואלן צום אידישן צוזאמענפאר.

דעם 28, 29 און 30 יאנואר קומען פאר אין מינסק די וואלן צום אלרוס־לענדישן אידישן צוזאמענפאר. פון די ארויסגעשטעלטע קאנדידאטן־צעטלען איז נאר אין איין צעטל נומ. 7 פון דער איר. סאצ. דעמ. ארבעטער־פארטיי „פועלי־ציאן" באוויגענען מיר נעמען פון אינטערנאציאנאליסטן, וועלכע שטייען אויף דער פלאטפארם פון דער ראטנמאכט. דאס זיינען די באוויזים זרובאוול, אייזנ־שטאט, ראזנהויז א.א.

א בריוו אין רעדאקציע.

געערטער באוועד רעדאקטאר!

דערמיט בעטן מיר אייך אפדרוקן אין אייער צייטונג דעם פאלגנדיקן בריוו: העיוים אין דער צייטונג „זוועזדא" פון 28־טן יאנואר איז געווען מיטגע־טיילט, אז מיר, די ווייטער אונטערגעשריבענע, וואס זיינען ארויסגעשטעלט אלס

קאנדידאטן אין צעטל נומ. 7 צו די וואלן צום אלרוסלענדישן אידישן צוזאמענ־פאר, זיינען אינטערנאציאנאליסטן, וועלכע שטייען אויף דער פלאטפארם פון דער ראטנמאכט, האבן מיר דערמיט די ערע צו דערקלערן, אז מיר, ווי מיטגלידער פון דער א.ס.ד.א.פ. „פויאלי־ציאן", שטייענדיק אפן שטאנדפונקט פונם רעוואָ־לוציאָנערן אינטערנאציאָנאלן סאָציאליזם און אָנערקענענדיק די אומבאדינגטע נויטווענדיקייט צו ארבעטן אין די ראטן פון די ארבעטער, סאָלדאטן און פוי־ערים־דעפוטאטן, זיינען אין דערזעלביקער צייט ניט מאסכים מיט דער פלאט־פאָרם פון דער ראטנמאכט און האלטן פאר נויטיק, אז ס'זאָל געבילדעט ווערן אן אייגהייטלעכע סאָציאליסטישע מאכט, וועלכע איז די איינציקע אויסדריקע־רין פונם עמעסן ווילן פון דער גאנצער רעוואָלוציאָנערער דעמאָקראטיע.

זרובאוול (י. וויטקין),

ל. ראָזנהויז,

ב. אייזנשטאַט.

28-טן יאנואר 1918.

באמערקונג*): די מיטיילונג אין „וועזדא" איז געווען צו־נויפגעשטעלט אפן סמאך פון די ווערטער פון אַ פאַראַנטווארטלעכן פארטרעטער פון דער פארטיי „פויאלי-ציאָן", וועלכער האָט פאַרפירט די רעדאקציע אין א טאעס.

105. די סאָצ. רעוו. רעקאָמענדירן שטימען פאר די „פאריייניקטע".

(„צו די וואלן צום אידישן צוזאמענפאר". „אוטרעניאיאַ מינסקאיאַ גאזעטאַ" נומ. 7 (1948) פון 14-טן פעווראל 1918).

דער צענטער־קאָמיטעט פון דער פארטיי סאָציאליסטן־רעוואָלוציאָנערן האָט באשטימט רעקאָמענדירן אלע אידן פארטיי־מיטגלידער און מיטפילנדיקע בא די וואלן צום אידישן צוזאמענפאר שטימען פאר דער „פאראייניקטער אידישער סאָ־ציאליסטישער ארבעטער־פארטיי" (צעטל נומ. 2).

106. די אידן־באָלשעוויקעס וועגן אידישן צוזאמענפאָר.

(„וועזדא". מינסק. נומ. 23 (128) פון 30 יאנואר 1918).

דעם 6־טן יאנואר איז אין פעטראגראד פארגעקומען אן אלגעמיינע פאר־זאמלונג פון אידן־באָלשעוויקעס און לינקע ס. ר.

וועגן דער באציאונג צום אלרוסלענדישן צוזאמענפאר, וואס דארף זיך איינ־גיבן עפענען, איז ארויסגעטראָטן דער קאָמיסאר פאר אידישע איניאַנים די־

*) פון דער רעדאקציע „וועזדא".

מאַנשטיין[43]) וועלכער האָט דעמאַסקירט פאַר די פאַרזאַמלטע די עמעסע צילן און אויפגאַבן, וואָס ס'ווערן געשטעלט דעמדאָזיקן געפעלשטן צוזאַמענפאָר פון דער אידישער בורזשואַזיע. דערקלערט אויספירלעך דעם מעהוס פונם פאַרשטייענדיקן צוזאַמענפאָר, וואָס בא די איצטיקע קרעפטן־פאַרהעלטעניש איז ניט און קאָן ניט זיין קיין עמעסער אויסדריקער פון די מיינונגען און ווילן פונם אַרבעטנדיקן אידנטום, לייגט דער רעדנער פאַר דער פאַרזאַמלונג אָנעמען די רעזאָלוציע, וואָס ס'האָט אַרייַנגעטראָגן די גרופע באָלשעוויקעס און לינקע ס.ר.

נאָכדעם, ווי ס'זיינען אויסגעהערט געוואָרן א גאַנצע ריי רעדנער, ווערט איינשטימיק אָנגענומען די פאָלגנדיקע רעזאָלוציע:

„באַהאַנדלט די פראַגע וועגן דעם פאַרשטייענדיקן אידישן צוזאַמענפאָר און קאָנסטאַטירנדיק, ערשטנס, אז דערדאָזיקער צוזאַמענפאָר פאַרייניקט די פני־פון דער גרויסער און קליינער בורזשואַזיע, צווישן וועלכע די שטים פונם אידישן האָרעפאַשניק, פונם אידישן פראָלעטאַריער, וועט זיך ניט הערן; צווייטנס, אז דער צוזאַמענפאָר דאַרף דינען פאַר א שטיץ־פונקט פאַר די קאָנטר־רעוואָלוציאָנערן, וועלכע פאַרלירן דעם באָדן אונטער זייערע פיס,—אָנערקענט די פאַרזאַמלונג פאַר נויטיק צו דעמאַסקירן דעם מעהוס פונם דאָזיקן צוזאַמענפאָר. איינצייטיק דאַרף דער אידישער פראָלעטאַריאַט אָנשטרענגען אַלע זיינע קויכעס אף אַרייַנצוטראָגן דעם רעוואָלוציאָנערן באַוואוסטזיין אין די אידישע האָרעפאַשנע מאַסן און אָנעמען אַלע מיטלען, ס'זאָל צונויפגערופן ווערן א קאָנפערענץ פון די עמעסע פאָרשטייער פון די אידישע האָרעפאַשנע מאַסן. קעמפנדיק צוזאַמען מיטן גאַנצן אַרבעטנדיקן רוסלאַנד קעגן דער אַלגעמיינער וועלט־בורזשואַזיע, וועט דער אידישער פראָלעטאַריאַט אומבאַראַכמאָנעסדיק קעמפן אויך קעגן דעם אידישן טייל פון דער בורזשואַזיע און דערמיט דערנענטערן דעם ניצחון פונם סאָציאַליזם".

107. די פעטראָגראַדער אידישע אַרבעטער זיינען קעגן דעם אידישן צוזאַמענפאָר.

(„א רעזאָלוציע פון אידישע ארבעטער", „די ווארהייט"[44]). פעטראגראד, נום. 1 פון 8-טן מארט 1918).

באַטראַכטנדיק אף אונזער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג אונזער באַציאונג צום אידישן קאָמיסאַריאַט און וועגן דעם געפּלאַנטן אידישן צוזאַמענפאָר, באַשטימען מיר:

דאָס דער אידישער קאָמיסאַריאַט איז דער נויטיקער צענטר, וועגן וועלכן מיר, אידישע אַרבעטער, האָבן לאַנג געבענקט. מיר האָפן, אז דער קאָמיסאַריאַט וועט העלפן באַפרייען די אידישע אַרבעטער־מאַסן פון דער קולטורעלער פאַר־שקלאַפונג, אין וועלכער די אידישע בורזשואַזיע האַלט די אידישע אַרבעטער.

די אַלע קליינבירגערלעכע אידישע פאַרטייען, וועלכע ס'גיבן זיך אַרויס אַלס סאָציאַליסטישע און אַרבעטער־פאַרטייען, וועלן איצט אָנווערן דעם לעצטן באָדן.

אף וועלכן זיי האָבן זיך געהאַלטן, די קולטורעלע טעטיקייט פון אידישן קאָמי־סאַריאַט וועט עפֿענען די אויגן אונזערע פאַרבלענדעטע מאַסן.

מיר באַגריסן היים דעם קאָמיסאַריאַט און ווינשן אים ערפאָלג. מיר וועלן אים שטיצן אין אלע זיינע אונטערנעמונגען, און מיר זיינען זיכער, אז אונזער ביישפּיל וועלן פאָלגן אויך די אידישע אַרבעטער איבעראַל.

וואָס אַנבאַלאַנגט דעם פאָרשטייענדן אלגעמיינעם אידישן צוזאַמענפאָר, אַנערקענען מיר, אז ער איז שעדלעך פאַר די אַרבעטנדע מאַסן. ער שטעלט מיט זיך פאָר די אָפּגעשטאָרבענע קאָאַליציע מיט דער בורזשואַזיע, פון וועלכער מיר זיינען פּטור געוואָרן נאָך אַזאַ האַרטן קאַמף.

דער אידישער בורזשואַזיע האָט זיך פאַרגלוסט האָבן אַן אייגענע „גרינ־דונגס־פאַרזאַמלונג“, נאָכהער ווי דער רוסישער האָט דאָס ניט געגאָלטן.

מיר לייגן פאָר אלע אונזערע כאַווירים אָנווענדן אלע קרעפטן צוצוגרייטן אַ צוזאַמענפאָר פון אידישע סעקציעס בא די אַרבעטער, סאָלדאַטן־און פויערים־ראַטן אין קעגנזאַץ צו דער פאַרייניקונג מיט דער בורזשואַזיע.

נידער מיט דער אידישער „גרינדונגס־פאַרזאַמלונג!“

ס'לעבּט דער אידישער ראַטן־צוזאַמענפאָר!

פּ אָ ר ז י צ ע ר ע. וואפּס.

ס ע ק ר ע ט א ר מ. קאַלמאַנאָוויטש.

פון פאַבריק „אייוואַז“.

VII. דער אָנהויב פון בירגער-קריג אין אוקראינע.

108. דער באַוואפנטער קאַמף פון די קיעווער באָלשעוויקעס פאַר דער מאַכט.

(א. איוואַנאָוו:[45] „די צענטראַלע ראַדע און דער קיעווער ראַט". „לעטאָפּיס רעוואָלוציי", כאַרקאָוו, 1922, נומ. 1, ז. ז. 11—13)

...דעם 25-טן אָקטיאַבער האָט דער געשאַפענער מיליטער-רעוואָלוציאָנערער קאָמיטעט אָפּגעגעבן א באַפעל, מע זאָל זיך זעען גרייטן, און די פאַבריק-אַרבעטער האָבן זיך אָנגעהויבן באַוואָפנען, מיט וואָס ווער ס'האָט געקאָנט.

דעם 26-טן אָקטיאַבער איז דער גאַנצער קאָמיטעט מיטן כ' פּיאַטאַקאָוו[46] בעראָש אַרעסטירט געוואָרן. גאַנץ געבליבן בין נאָר איך, צופעליק, ווייל נאָכן מיטינג אין אַרסענאַל האָט בא מיר אָנגעהויבן גיין בלוט פון האַלז, און די אַרבעטער האָבן מיך אַוועקגעפירט אַהיים. באַנאַכט זיינען צו מיר געקומען צו לויפן די אַרסענאַל-אַרבעטער און געמאָלדן וועגן אַרעסט פונם קאָמיטעט. מיר האָבן טייקעף צונויפגערופן א באַראַטונג פון פאָרשטייער פון די זאַוואָדן און מיליטער-טיילן און אָנגעהויבן באַהאַנדלען די פראַגע, וואָס צו טאָן. אונזער צענטער איז געווען דער אַרסענאַל און יענע מיליטער-טיילן, וואָס זיינען געשטאַנען אין פּעטשערסק: דער אוויאַציע-פּאַרק, דער פּאָנטאָנער באַטאַליאָן און 152-טע דרוזשינע. אויף דער באַראַטונג זיינען געווען פאָרשטייער אויך פון די אוקראַינישע מיליטער-טיילן. מיר האָבן באַשלאָסן אַרויסטרעטן דעמזעלביקן טאָג 5 אַזייגער פאַרנאַכט, לויטן סיגנאַל פון אַן אַעראָפּלאַן, וועלכער וועט זיך אין אָט דער שעה באַווייזן.

מיר האָבן זיך אויך פאַרבונדן מיטן דיוויזיאָן שווערע אַרטילעריע, וועלבער איז געשטאַנען אויף יענער זייט דניעפּר.

5 אַזייגער איז דער סיגנאַל געגעבן געוואָרן, און די אַרויסטרעטונג האָט זיך אָנגעהויבן. אַרויסגעטראָטן איז אָבער בלויז פּעטשערסק און איינציקע זאַוואָדן, וועלכע האָבן אָנגעהויבן אַריבערפירן זייערע אָטריאַדן אין פּעטשערסק. א טייל פון אונזערע גאַנץ געבליבענע אָנפירנדיקע באַוויירים, מיטן באַוועך זאַטאָנסקי[47]

בעסויכאָם, האָבן אָרגאַניזירט אין שטאָט א שטאַב און צוגעשיקט אונז הילף און שפּייז.

פּעטשערסק איז געווען אָפּגעשניטן פון אַלע זייטן דורך די יונקערס און טשעכאָסלאָוואַקן. די אוקראַאינישע מיליטער־טיילן זיינען ניט אַרויסגעטראָטן. די ראַדע האָט געפירט א פּאַרעטערישע פּאָליטיק. אונזער רעוואָם האָט זיך געפונען אין א שווערער לאַגע. דער מענטשן־באַשטאַנד איז געוואַקסן. ס'זיינען צו אונז געקומען גרופּן אַרבעטער, די קראַנקע סאָלדאַטן פון די שפּיטאָלן, אַלע האָבן זיך געריסן אין קאַמף און געפאָדערט געווער. נאָר קיין געווער איז ניט געווען. קיין קוילן אויך ניט. מע האָט אַרויסגעגעבן צו 5 קוילן אַף א מענטשן מיט א באַפעל: ניט שיסן גלאַט אין דער וועלט אַריין.

איך בין ווי ס'איז דורכגעקראָכן אין שטאָט, געקומען אין גענעראַלסעקרעטאַריאַט פון דער צענטראַלער ראַדע און דאָרט שאַרף געשטעלט די פראַגע, פאַרוואָס זיי לאָזן ניט אַרויסטרעטן זייערע מיליטער־טיילן. פּאַרש *) האָט מיר דערקלערט, אַז זיי קאָנצענטרירן זייערע מיליטערישע קויכעס, ווייל מיט די פאַראַנענע קויכעס האָבן זיי מוירע אַרויסצוטרעטן, מאַכמעס צום מיליטער פון קיעווער שטאַב גייט הילף פון קערענסקין...

ס'איז געווען קלאָר, אַז מע נאַרט אונז. מיר האָבן דענסטמאָל געשיקט כאַוויירים דירעקט אין די אוקראַאינער מיליטער־טיילן. עפּעס וואָס האָבן מיר זיך דערשלאָגן. איינצלנע גרופּן אוקראַאינער סאָלדאַטן האָבן אָנגעהויבן זעלבשטענדיק קומען אין אַרסענאַל.

באַנאַכט בין איך געווען אין דער שטאָט־דומע. דאָרט האָבן די סאָצ. רעוו. פאַרעפנטלעכט העפּעשן, אַז קערענסקי האָט פאַרנומען פּעטראָגראַד און אַז דער אויפשטאַנד איז ליקווידירט. איך האָב גענומען א וואָרט, דערקלערט, אַז דאָס איז א ליגן און געפאָדערט, מע זאָל באַלד באַפרייען די אַרעסטירטע כאַווירים, אַז ניט, וועלן מיר מיט אַרטילעריע באַשיסן די שטאָט...

מע האָט געשאַפן א קאָמיסיע פון פאָרשטייער פון דער דומע, צענטראַלער ראַדע און שטאַב, אין וועלכער איך האָב געטראַכט פאַרמולירן אונזערע פאָדערונגען. דעם 29־טן גאַנץ פרי זיינען אין אַרסענאַל געקומען פאָרשטייער פון די יונקערס צו שליסן א וואַפנשטילשטאַנד ביז די קאָמיסיע וועט אַרויסטראָגן איר באַשטימונג. דער וואָפנשטילשטאַנד איז געשלאָסן געוואָרן, און מיר האָבן זיך באַנוצט מיט דעם און געבראַכט אין אַרסענאַל אַנדערהאַלבן מיליאָן קוילן און 750 שראַפּנעלן.

... די אַרעסטירטע האָט מען באַפרייט.

...אין אן אוסעראָרדנטלעכער מעלדונג **) האָב איך דערקלערט, אַז דער רעוואָלוציאָנערער קאָמיטעט גיט א האַלב שאָ אַף מעיאַשעוו צו זיין זיך. דערנאָך דאַרף דער שטאַב אונטערגעבן זיך, אָדער מע וועט אים באַשיסן פון אַלע האַרמאַטן. די דערקלערונג האָט געמאַכט א שטאַרקן רושעם. די קאָמיסיע־מיטגלידער זיינען אַרויפגעשפּרונגען פון זייערע ערטער, אָנגעהויבן שרייען, אַז ס'איז א פעראַט, אַז זיי וועלן זיך אַלע פאַרייניקן און מאַכן פון אונז א טעל.

*) איינער פון די אוקראַאינישע מיניסטערן.

**) אַף אַ זיצונג פון דער דערמאָנטער קאָמיסיע.

...אין 15 מינוט אַרום איז געוואָרן באַוואוסט, אַז דער שטאַב איז אַנטלאָפן פון קיעוו.

...פאָרמעל איז די מאַכט, הייסט עס, אַריבערגעגאַנגען צום ראַט, פאַקטיש אָבער איז ניט געווען קיין רעאַלע קויכעס אַף איינצוהאַלטן זי. ס'איז געשאַפן געוואָרן אַ מיליטער־רעוואָלוציאָנערער קאָמיטעט בעראָש מיטן כ' לעאָניד פּיאַטאַקאָוו, וועלכן ס'האָבן שפּעטער מערדעריש דערהאַרגעט די אָנהענגער פון דער ראַדע.

...די ראַדע האָט די ערשטע טעג געהאַלטן זיך צווייִדייטיק און ניט געגעבן קיין באַשטימטן ענטפער, דערקלערנדיק, אַז זי איז ניט קעגן די ראַטן, נאָר מע דאַרף אָבער באַשטימען די פראַגע וועגן דער צענטראַלער מאַכט אין אוקראַינע. מיר האָבן גלייך ניט געקאָנט אָנהויבן אַן אָנגריף אַף דער ראַדע, ווייל די אוקראַינישע טיילן זיינען געווען געשטימט נאַציאָנאַליסטיש און געשטיצט די ראַדע. מע האָט זיי געדאַרפט רעאָרגאַניזירן. דער רעווקאָם האָט דעריבער אַרויסגעגעבן אַ באַפעל וועגן שאַפן אַ קאָמיטעט פון סאָלדאַטן־דעפּוטאַטן און אַרויסוואַרפן די אָפיצערן. די ראַדע האָט דאָס שרעקלעך אויפגערעגט, און זי איז אַריבערגעגאַנגען אין אַן אָנגריף קעגן אונז.

אָנהויב נאָיאַבר זיינען לויטן באַפעל פון דער ראַדע אַנטוואָפנט און אַרויסגעשיקט געוואָרן פון קיעוו דער אַוויאַציע־פּאַרק, דער פּאָנטאָנער באַטאַליאָן און אַלע איבעריקע טיילן, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין קאַמף פאַר דער מאַכט פון די ראַטן.

די ראַדע האָט אויך געמאַכט אַן אָנפאַל אַפן אַרסענאַל, קעדיי צו אַנטוואָפענען אים, נאָר דאָס האָט זיך ניט אינגאַנצן איינגעגעבן.

...די לאַגע איז געוואָרן אַלץ שאַרפער און אָנגעשטרענגטער.

109. די לעוואַיע פון די קאָרבאָנעס פונם אָקטיאַבער־אויפשטאַנד אין קיעוו.

(„די קאָרבאָנעס פון בירגער־קריג". „פאָלקס־ציימונג" נום. 20 פון 6־טן נאָיאַבר 1917).

אין דער נעכטיקער לעוואַיע פון די 10 אַרבעטער און סאָלדאַטן, וואָס זיינען געהאַרגעט געוואָרן בעאייסן לעצטן אויפשטאַנד אין קיעוו, האָבן אָנטייל גענומען אַ מאַן 10 טויזנט. פאַרשיידענע טיילן פון היגן גאַרניזאָן, באַוואָפנט מיט ביקסן, האָבן מאַרשירט אין געשלאָסענע רייען אונטער שוואַרצע און רויטע פאָנען.

...דעלעגאַציעס פון פאַבריקן און פאַבריק־קאָמיטעטן האָבן געטראָגן אַסאַך קרענץ. אַף אַלע פאָנען זיינען געווען די לאָזונגען, וואָס דער ראַט פון די אַרבעטער־און סאָלדאַטן־דעפּוטאַטן האָט אָנגעמערקט. אויסגעצייכנט האָט זיך איין קליין פענדל: אָנגעטאָן אַף אַ באַגנעט, איז אַף אים געווען אויפגעשריבן: „דער וועג צום סאָציאַליזם". מע האָט אויך ווען ניט ווען געזען אוקראַינישע פאָנען און איין אידישע שוואַרצע פאָן. די לעוואַיע האָבן באַגלייט עטלעכע מיליטערישע אָרקעסטרן.

האלב צוויי באטאג האט זיך די לעוואיע אנגעהויבן רירן פון בעסאראב־קע צו דעם פּאלאץ.

... צוערשט זיינען געגאנגען פארשיידענע דעפּוטאציעס מיט גרויסע קרענץ, און אויך איינציקע בלומען־טעפּלעך. נאכהער א טייל מיליטער מיט מוזיק און פאנען. נאכדעם האט מען געפירט און געטראגן די קארבאנעס, איינגאנצן 10 מיטעס. נאך די קארבאנעס זיינען געגאנגען ווייטער טיילן פון מיליטער, גרופּן פייערלעשער, די רויטע גווארדיע און ארבעטער־גרופּן.

אף די טראטוארן איז געווען זייער אסאך עולם.

110. דער בונד און דער דריטער אוניווערסאל פון דער אוקראינישער ראדע.

(א. זאלאטאריאוו; „דער דריטער אוניווערסאל און אונזער פּאזיציע". „פאלקס־צייטונג" נומ. 24 פון 10 טן נאיאבר 1917).

פון היינט אן וועט אוקראינע זיין אן אוקראינער פאלקס־רעפּובליק. „ניט אפּטיילנדיק זיך פון דער רוסלענדער רעפּובליק און אייגהיטנדיק איר איינהייט, וועלן מיר זיך שטעלן פעסט אף אונזער ערד, קעדיי מיט אונזערע קויכעס צו העלפן גאנץ רוסלאנד, קעדיי די גאנצע רוסלענדער רעפּובליק זאל ווערן א פעדעראציע פון גלייכע און פרייע פעלקער".

דאס איז דאס צענטראלע ארט אין אוניווערסאל. מיט דידאזיקע ווערטער ווערט דערקלערט, אז אוקראינע וועט זיין אן אויטאנאמער טייל פון דער פעדעראטיווער מעלוכע־ארדענונג אין דער רוסלענדער רעפּובליק.

ביכלאל איז די סאציאל־דעמאקראטישע ארבעטער־פּארטיי ניט קיין פּאר־טיידיקערין פון פעדעראליסטישע שטרעבונגען, און דער „בונד" האט שטענדיק געקעמפט פאר דער אנערקענונג פון א ברייטער טעריטאריאלער אויטאנאמיע אין די ראמען פון אן איינהייטלעכער מעלוכע. דערפון איז, פארשטייט זיך, ניט געדרונגען, אז מיר וועלן קעמפן קעגן א פעדעראטיווער ארדענונג, אויב די אויטאנאמע ארגאנען פון נאציאנאלן ווילן און נאציאנאלער ווירקונג וועלן זיך ארויסזאגן דורך די פארטייען פון אלע וויכטיקע קלאסן פאר פעדעראציע.

אט פארוואס אין אונזער שטעלונג צום אוניווערסאל האבן מיר ניט גע־נומען אין אכט די אדער יענע באציאונג צו דער איינשטעלונג פון א פעדעראַ־טיווער ארדענונג. מיר האבן דא געוואלט וואס בולעטער אונטערשטרייכן די פעסטע איינקייט פון אלע טיילן פון רוסלאנד. אין דעם זין האבן מיר אין דעם פונקט ארייננגעטראגן א גאנצע ריי אנטשפּרעכנדע אויסבעסערונגען, וואס האבן דייטלעך געפאדערט, אז די פּראקלאמירונג פון דער רעפּובליק אף אוקראי־נע זאל ניט זיין קיין אקט פון אפּטיילן זי, אוקראינע, פון רוסלאנד, נאר פאר־קערט — אן אקט, וואס פאראייניקט זי מיט רוסלאנד אף נייע יעסוידעס.

ארויסגייענדיק פון דעמדאזיקן שטאנדפּונקט, האבן מיר באגריסט די שאַ־לעם־ווערטער פון אוניווערסאל, וואס רופן צו פרייינטלעכער ארבעט, קעדיי אויפ־

צובויען די נייע מעלוכע־פֿאָרמען, וואָס דאַרפֿן ווערן אויסגעאַרבעט אויף דער אַלרוסלענדער און אוקראַיִנער גרינדונגס־פֿאַרזאַמלונגען.

דאָ שטייט דער אוניווערסאַל אויף דער פּאָזיציע פֿון דער קליינער ראַדע, וואָס האָט זיך נאָך לאַנגע דעבאַטן און א הייסן קאַמף צווישן דער אוקראַיִנער און ניט־אוקראַיִנער דעמאָקראַטיע ארויסגעזאָגט פֿאַר דער נויטיקייט, אַז דער ווילן פֿון די פֿעלקער פֿון רוסלאַנד זאָל ווערן געמיינזאַם אויסגעדריקט דורך דער אַלרוסלענדער גרינדונגס־פֿאַרזאַמלונג.

אין דער פֿראַגע וועגן אָרגאַניזירן די פּראָדוקציע האָט דער אוניווערסאַל זיך גאַנץ באַשטימט געשטעלט אויף דער פּאָזיציע פֿון מעלוכע־קאָנטראָל מיט דעם אָנטייל פֿון די פֿאָרשטייער פֿון די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס. דאָס באַטייט, אַז דער אוניווערסאַל האָט אָפּגעוואָרפֿן דעם אומפֿאַראַנטוואָרטלעכן לאָזונג פֿון אַרבעטער־קאָנטראָל, וואָס פֿירט סאָפּקאָלסאָף צו א סאָציאַליסטישער פּראָדוקציע. דערצו איז נאָך רוסלאַנד ניט דערוואַקסן, ווי דאָס איז שוין ניט איין מאָל אָנגעוויזן געוואָרן.

וואָס אַנבאַלאַנגט דער פֿאַרטיידיקונג פֿון די רעכט פֿון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, האָבן מיר צוזאַמען מיט אַנדערע אידישע פּאַרטייען אַריינגעטראָגן צוויי ענדערונגען: ערשטנס, דעם פּונקט וועגן דאָס רעכט פֿון אַלע בירגער צו באַנוצן זיך מיט די אָרטיקע שפּראַכן אין דער באַציאונג מיט די מעלוכע־איינריכטונגען; צווייטנס, דעם פּונקט וועגן אָנערקענען פֿאַר די גרויסרוסן, פּאָליאַקן, אידן און אַנדערע פֿעלקער נאַציאָנאַל־פּערסאָנאַלע אויטאָנאָמיע, קעדיי צו פֿאַרזיכערן זיי דאָס רעכט און די פֿרייהייט פֿון זעלבסטפֿאַרוואַלטונג אין זייערע נאַציאָנאַלע ענינים.

דאָס איז א גרויסע דעראָבערונג. דער אידישער סעקרעטאַריאַט איז פֿאַרפֿליכטעט אין די נאָענטסטע טעג צונויפֿצושטעלן א געזעצפּראָיעקט וועגן דער אויטאָנאָמיע פֿון אידן, אין וועלכן דער „בונד“ דאַרף אַריינלייגן זיין אינהאַלט — דעם אינהאַלט פֿון נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע.

די פּראָקלאַמירונג פֿון דער רעפּובליק עפֿנט אויף ברייטע וועגן פֿאַר סאָציאַלער און פּאָליטישער שאַפֿונג פֿאַרן פּראָלעטאַריאַט פֿון אוקראַיִנע ביכלאַל און פֿאַרן אידישן פּראָלעטאַריאַט ביפֿראַט. דערווייל איז דאָס אָבער בלויז א פּאַפּירענע קאָנסטיטוציע. קעדיי צו פֿאַרוואַנדלען זי אין א ווירקלעכער קאָנסטיטוציע, אין דער אָרגאַניזאַציע פֿון דער נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע פֿון אידישן פֿאָלק אויף אוקראַיִנע, דאַרף דער אידישער פּראָלעטאַריאַט, אָנשפּאַרנדיק זיך אויף דער דעמאָקראַטיע פֿון דער נייער רעפּובליק, פֿירן אן ענערגישן קאַמף און אונטערהאַלטן זיינע פֿאָרשטייער סיי אין פּאַרלאַמענט — אין דער קליינער ראַדע, — סיי אין דער רעגירונג — אין גענעראַל־סעקרעטאַריאַט.

די אָרגאַניזירטע מאַסנטעטיקייט פֿון פּראָלעטאַריאַט קעדיי צו פֿאַרוואַנדלען די פּרינציפּן פֿון אוניווערסאַל אין קאָנקרעטע פֿאָרמען, — איז די וויכטיקסטע אויפֿגאַבע פֿון די אַרבעטער־מאַסן. איצט, בעפֿאָר דער גרינדונגס־פֿאַרזאַמלונג, סיי דער אַלרוסלענדער, סיי דער אוקראַיִנער, וועט דער אידישער פּראָלעטאַריאַט קריגן די מעגלעכקייט ארויסצוזאָגן זיין ווילן.

111. פאר שטיצן די ראדע קעגן די ראטן.

(„די פאזיציע פון „בונד“, „פאלקס-צייטונג“, נומ. 18 פון 3-טן נאיאבר 1917).

די ביוראָ פון דאָרעם-רוסלענדישן געגנט-קאָמיטעט פון „בונד“ האָט צעשיקט די פאָלגנדיע צירקולאר-דעפעש צו די גרעסערע אָרגאניזאציעס פון „בונד“ אין דאָרעם-רוסלאנד.

„נאָך א פיר-טאָגיקן בלוטיקן קאמף צווישן מיליטערישע אָפטיילונגען פונם מיליטער-שטאב, אוקראינער, קאזאקן און באָלשעוויקעס איז די גאנצע מאכט איבערגעגאנגען צום גענעראל-סעקרעטאריאט. דער גענעראל-סעקרעטאריאט איז דערגענצט דורך קאָמיסארן איבער אלע געביטן פון מעלוכע-לעבן און פארשפרייט זיין האשפאָע איבער דער גאנצער אוקראינע. די מאכט פון גענעראל-סעקרעטאריאט איז אָנערקענט דורכן מיליטערישן געהילף-קאָמיסאר און דורך דער קיִעווער שטאָט-דומע, צווישן אנדערע פאָרשטייער פון ניט-אוקראינער אָרגאניזאציעס איז אין גענעראל-סעקרעטאריאט אריינגעטראָטן אויך פון „בונד“ כ' זאָלאָטאריאָוו.

די באָלשעוויקעס האָבן אויפגעגעבן דעם אלגעמיינעם שטרייק. אין שטאָט איז רואיק.

ס'איז נויטיק אפן שארפסטן אויפן אָפצוגרעניצן זיך פון דער באָלשעוויסטישער דיקטאטור אין צענטער און אף די ערטער. די צענטראלע מעלוכע-מאכט דארף זיין א רעוואָלוציאָנער-דעמאָקראטישע פון פאָרשטייער פון אלע סאָציאליסטישע פארטייען — פון די באָלשעוויקעס ביז די טרודאָוויקעס — אָן שום קאָאליציע מיט די קאדעטן און דער גרויס-בורזשואזיע. אף אוקראינע דארף מען שטיצן די מאכט פונם גענעראל-סעקרעטאריאט פון דער צענטראלער אוקראינער ראדע, וואָס איז געבויט אף דעמזעלבן פרינציפ און וועט זוכן אָנערקענט צו ווערן דורך דער צענטראלער מעלוכע-מאכט, ווי נאָר די לעצטע וועט זיך אָרגאניזירן.

די מאכט אין יעדער שטאָט דארף איבערגיין צו דער שטאָטישער דומע, וועלכע דארף שאפן ספעציעלע רעוואָלוציאָנערע קאָמיטעטן און אן אויסגלייך מיט אלע רעוואָלוציאָנערע אָרגאניזאציעס. בא די שטאבן פון מיליטער-ראיאָן דארפן אָרגאניזירט ווערן קאָמיסאריאטן פון פאָרשטייער פון די רעוואָלוציאָנערע אָרגאניזאציעס.

ס'איז נויטיק אן אויפהער פאָרצוזעצן די צוגרייטונג צו די וואלן אין גרינדונגס-פארזאמלונג, וואָס זיינען באשטימט אפן 12-טן נאָיאבער.

די ביוראָ פון געגנט-קאָמיטעט פון „בונד“ פאר דאָרעם-רוסלאנד.

112. דער צ. ק. פון בונד שטיצט די פּאָזיציע פונם גענעראַל־סעקרעטאַריאַט.

(רעזאָלוציע פון דער פּלענאַרער זיצונג פון צ. ק. פון בונד. „פאָלקס־צייטונג“ נומ. 13 (75) פון 17־טן יאַנואַר 1918).

1. דער צענטראַלער קאָמיטעט פון בונד אָנערקענט:

א) אַז דאָס בעסטע מיטל צו ליקווידירן דעם בירגער־קריג, וואָס האָט זיך פאַנאַנדערגעבראַכט אויף דער טעריטאָריע פון אוקראַינע איז: ס'זאָל צום באַשטימטן טערמין צונויפגערופן ווערן די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג פון אוקראַינע, וועלכע וועט אָרגאַניזירן די אויטאָנאָמע רעגירונג פון אוקראַינע.

ב) אָנעמענדיק אַלע מיטלען צו דער פרידלעכער ליזונג פונם סיכסוך צווישן דעם טייל פון די ראַטן און דער אוקראַינער ראַדע אויפן באָדן פון אַן אויסגלייך צווישן די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען און דערשלאָגנדיק זיך פון ביידע צדדים אַקטיווע שריט אין דער ראַדיקאַלער ריכטונג, דאַרפן אַלע אונזערע פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס געבן דער אוקראַינישער ראַדע די ענערגישסטע אונטערשטיצונג אין איר קאַמף פאַר אָפּהיטן די יסודות פון דעמאָקראַטישער אויטאָנאָמיע קעגן דעם אָנפאַל פונם ראַט פון פאָלקס־קאָמיסאַרן.

2. באַטראַכטנדיק די פראַגע וועגן אָנטייל פון אונזערע פּאַרטייער אינעם גענעראַל־סעקרעטאַריאַט פון דער ראַדע, האַלט דער צ.ק. פון בונד, אַז נאָר אין דעם פאַל, אויב די מאַסמיטלען, וועלכע אונזערע פּאַרטייער וועלן פאָדערן צוליב דעם אויסגלייך צווישן די צדדים, וואָס קעמפן אויף אוקראַינע, וועלן ניט אָנגענומען ווערן דורכן גענעראַל־סעקרעטאַריאַט, און אויך אויב די פּאָליטישע פאַרשאַרפונג, וועלכע באַמערקט זיך איצט אויף אוקראַינע, וועט אַריבערגיין אין אַ באַוואָפנטן צוזאַמענשטויס צווישן דעם טייל פון פּראָלעטאַריאַט פון אוקראַינע, וואָס איז אָרגאַניזירט אין די ראַטן, און צווישן דער אוקראַינישער רעגירונג, — נאָר אין דעם פאַל גייט אונזער פּאַרטייער אַרויס פון גענעראַל־סעקרעטאַריאַט. דער צ. ק. האַלט, אַז אָפּרופן אונזער פּאַרטייער איז אין איצטיקן מאָמענט ניט צייטמעסיק.

113. דער בונד וועגן די דייטשיש־אוקראַינישע שאָלעם־אונטערהאַנדלונגען אין בריסק.

(אויסצוג פון מ. ראַפעסעס רעדע אין דער צענטראַלער ראַדע נאָכן באַריכט פון דער אוקראַינישער דעלעגאַציע וועגן די שאָלעם־אונטערהאַנדלונגען. מ. ראַפעס: „אויפן שוועל פון דער קאָנטררעוואָלוציע“. פאַרלאַג „די וועלט“. 1918. ז. ז. 8—12).

...אונזער צווייטער פאָרוואָרף איז — די פּולקומע פּרינציפּלאָזיקייט פון דער דעלעגאַציע.

דירעקטיוון האָט מען איר געגעבן וועגן אַ שאָלעם אָן אַנעקסיעס און קאָנטריבוציעס. די באָלשעוויקעס האָבן צוויי מאָל אַרויסגעשטעלט די דאָזיקע פאָדערונגען. וועגן די באָלשעוויקעס וועל איך ניט ריידן, נאָר אויף זיי אַרויפוואַרפן די גאַנצע שולד — דאָס איז ניט קיין מיטל.

...אויב די באָלשעוויקעס האָבן אַרויסגערוקט דעם לאָזונג פֿון אַלגעמיינעם שאָלעם און האָבן געפֿאָדערט, מע זאָל איבערטראָגן די אונטערהאַנדלונגען פֿון ברעסט קיין סטאָקהאָלם, האָט די אוקראַינישע דעלעגאַציע געדאַרפֿט זיי שטיצן. און ווען אַפֿילו די באָלשעוויקעס האָבן זיך אָפּגעזאָגט פֿון זייער פֿאָדערונג איבערצוטראָגן די אונטערהאַנדלונגען, האָט די אוקראַינישע דעלעגאַציע געדאַרפֿט אָנפֿרעגן די צענטראַלע ראָדע, ווי צו האַנדלען. די אוקראַינישע דעלעגאַציע האָט דאָך אַליין אָנגעוויזן, אַז ברעסט איז אַ קריגס־פֿעסטונג, אַז ברעסט איז אַ שלעכט אָרט צו פֿירן אונטערהאַנדלונגען, נאָר די באָלשעוויקעס האָבן נאָכגעגעבן און די אוקראַינישע דעלעגאַציע האָט אויך נאָכגעגעבן. און די געשיכטע וועט ניט וויסן, צי איז די דעלעגאַציע געווען פֿאַר ברעסט, צי קעגן ברעסט און פֿאַר סטאָקהאָלם.

קיין פּראָטאָקאָלן ווייסן מיר ניט. די באָלשעוויקעס האָבן געפֿאָדערט, אַז די אוקראַינישע דעלעגאַציע זאָל שטיצן זייערע פּרינציפּן. ווי מע זאָל זיך ניט באַציִען צו די באָלשעוויקעס, נאָר זייערע פּרינציפּן דאָרף יעדער דעמאָקראַט שטיצן ניט געווענדעט פֿון דעם, צי האַלט ער פֿון די באָלשעוויקעס צי ניט. דאָס זיינען דאָך די פּרינציפּן פֿון דער רוסישער רעוואָלוציע, פֿאַר זיי קעמפֿט שוין 10 כאַדאָשים די רוסישע רעוואָלוציע.

נאָר געשען איז אַזוי: אַזוי ווי די באָלשעוויקעס אָנערקענען ניט אונזער זעלבשטענדיקייט, איז דעריבער אָנערקענען מיר ניט די פּרינציפּן פֿון אַלגעמיינעם שאָלעם. די פּרינציפּיאַליקייט געהערט עפּעס נאָר דער דעלעגאַציע, די צענטראַלע ראָדע האָט דער דעלעגאַציע ניט געגעבן קיין רעכט אַף פּרינציפּיאַליקייט.

מיר זיינען מאַסקים, אַז מיט די באָלשעוויקעס קאָן מען ניט אַרבעטן צוזאַמען. וועגן דעם ריידן מיר אַבער ניט. נאָר אויב די אוקראַינישע דעלעגאַציע אַרבעט אַפֿילו זעלבשטענדיק, הייסט דאָס דען, אַז זי דאָרף זיך אינטערעסירן בלויז מיט זיך און ניט מיט דער גאַנצער דעמאָקראַטיע... אוקראַינע איז דאָך געווען אַ טייל פֿון רוסלאַנד. זאָל זיין, אַז רוסלאַנד איז זיך צעפֿאַלן, נאָר סטראַטעגיש און געאָגראַפֿיש איז דאָך אוקראַינע צונויפֿגעבונדן מיט רוסלאַנד מיט איין פֿראָנט. און אויב אוקראַינע וועט צערייסן די איינִיקייט פֿון מיליטערישן פֿראָנט, קאָנען זי די פֿעלקער אָנרופֿן פֿאַר אַ פֿאַרעטערין.

די מוירע, מע זאָל זיי ניט אָנרופֿן פֿאַרעטער, האַלט איין די באָלשעוויקעס פֿון שליסן אַ שענדלעכן שאָלעם. זיי האָבן מוירע, מע זאָל זיי ניט צושלאָגן צום שאַנד־סלופּ.

די אוקראַינישע דעלעגאַציע האָט ניט געפֿאָדערט, אַז די דייטשן זאָלן אַרויספֿירן זייער מיליטער פֿון די אָקופּירטע געגנטן, און דער געשיכטע וועט דאָך זיין פֿאַרשריבן, אַז אוקראַינע האָט מיטגעהאָלפֿן אונטערצודריקן די פֿרייהייט פֿון פּויליש, ליטוויש און ווייסרוסישן פֿאָלק.

די פראגע, וואוהין זאָל געהערן די כעלמער גוב., דארף באשלאָסן ווערן דורך א רעפערענדום פון דער באפעלקערונג און ניט דורך די אויסגלייכן פון די דיפּלאָמאטן.

דער נאציאָנאלער עגאאיזם — דאָס איז דער לייט־מאָטיוו אין דער ארבעט פון דער דעלעגאציע. זי האָט זיך אינגאנצן ניט אינטערעסירט מיט אנדערע פעלקער פון רוסלאנד.

ס'איז דאָך דאָ סאָפקאָלסאָף א פעלקער־ראט [18] אין רוסלאנד, וואוהין ס'גייען אריין אוקראאינער, פּאָליאקן, ליטווינער, ווייסרוסן, און אהין האָט מען זיך אויך ניט געווענדעט. דער פעלקער־ראט איז דאָך דורך דער ראדע זעלבסט־געבילדעט.

די אוקראאינישע דעלעגאציע איז געשטאנען אפן שטאנדפונקט פון ב ל ו י ז ן נ א צ י אָ נ א ל ן ע ג א א י ז ם. און דאָס איז ניט קיין רעוואָלוציאָנערער שטאנדפונקט, נאָר אן אנטירעוואָלוציאָנערער.

איך ווייס, ווען פון דער טריבונע הערן זיך ווערטער וועגן דער רוסלענדער רעוואָלוציע, וועגן דער רוסלענדער דעמאָקראטיע, הערן זיך — עמעס ניט אין זאל, נאָר פון די כאָרן — אויפגעבראכטע געשרייען. ס'דוכט זיך זיי אויס, אז זיי זיינען אויפגעבראכט אף רוסלאנד. אין דער עמעסן אָבער דריקט מען אויס דעם קאמף קעגן דער רעוואָלוציע. זיי זיינען פארטשאדעט און באמערקן עס ניט. יעצט זיינען זיי גרייט אויסצושליסן די רעוואָלוציאָנערע מאָטיוון פון זייער נאציאָנאליזם. אמאָל זיינען דידאָזיקע מאָטיוון געווען און היינט זיינען זיי ניטאָ. (געשרייען: „ניט עמעס! ליגן!“ א קלונג פון פּאָרזיצער).

... איך בין זייער צופרידן מיט די געשרייען „ניט עמעס!“ אויב אזוי, זאָל מען רופן צום ענטפער די דעלעגאציע דערפאר, וואָס זי האָט געהאנדלט ניט אין די אינטערעסן פון דער דעמאָקראטיע, ווייל א שאָלעם איינס אף איינס מיט דעם דייטשישן אימפעריאליזם וועט זיין א שאָלעם, וואָס וועט אומברענגען אוקראאינע גופע, ער וועט צושמידן אוקראאינע און מאכן זי פאר א שקלאף פון דייטשישן אימפעריאליזם...

114. פון דער דעקלאראציע פון „פּויאלײ ציאָן“ וועגן 4־טן אוניווערסאל *).

(„יעווריסקאיא ראבאָטשאיא כראָניקא“. נומ. 3—4. מארט 1918)

... מיר שטייען פאר א פאקט. די אומאָפהענגיקייט פון דער אוקראאינער רעפובליק איז פּראָקלאמירט, דער ווילן פון דער אוקראאינער צענטראלער ראדע איז קלאָר אויסגעדריקט. אינם נאָמען פון יענעם טייל פונם אידישן פּראָלעטאריאט און דעמאָקראטיע, וועלכן מיר פארטרעטן דאָ, דערקלערן מיר:

מיר זעען אין זיך ניט קיין קראפט און פילן ניט קיין רעכט צו שטעלן זיך אפן וועג דער אומאָפהענגיקייט פון דער אוקראאינער רעפובליק און דעם ווילן פון אוקראאינישן פאָלק, וועלכער איז אויסגעדריקט אין היינטיקן אקט פון דער צענטראלער ראדע.

*) פאָרגעלייגט דורך ש. גאָלדעמאן אף דער זיצונג פון דער קליינער ראדע דעם 11־טן יאנואר 1918.

מיר זעען אין זיך ניט קיין קראפט, ווייל די רייען פון די קעמפער פאר דער אידייע פון פעדעראציע זיינען געוואָרן שיטער. די אוקראאינער סאָציאליסטישע דעמאָקראטיע, אונזערע געוועזענע מיטקעמפער אף אָט דעם וועג, — האָבן פארלאָזן די דאָזיקע רייען.

מיר זאָגן זיך פונדעסטוועגן ניט אָפּ פון ווייטערדיקן קאמף פאר דער אידייע פון פעדעראטיוון פארבאנד פון גלייכע און פרייע פעלקער פון רוסלאנד, מיר זאָגן זיך ניט אָפּ פונם קאמף פאר דער אידייע פון אן אלגעמיינעם דעמאָקראטישן שאלעם, פונם קאמף פאר דער אויפלעבונג פונם ארבעטער־אינטערנאציאָנאל.

ניט אָפּזאָגנדיק זיך פונם קאמף פאר אָט די אידייען מיט אלע מיטלען, וואָס זיינען צוטריטלעך דער סאָציאל־דעמאָקראטיע אין א דעמאָקראטישער רעפובליק, וועלן מיר, די פארשטייער פון א נאציאָנאלער מינדערהייט, אויך ווייטער פארטרעטן און פארטיידיקן אין דער צענטראלער ראדע און אין דער אוקראאינישער גרינדונגס־פארזאמלונג אלע אינטערעסן פון די אידישע ארבעטנדיקע מאסן, די פולקייט פון די נאציאָנאלע רעכט פון אידישן פאָלק.

מיר פילן ניט קיין רעכט צו שטעלן זיך אייך, באוויירים אוקראאינישע סאָציאליסטן, אפן וועג, ווייל אוקראאינע, דאָס געמיינזאמע פאָטערלאנד פון אלע פעלקער, וואָס באוואוינען זי, איז אין געפאר. פון איין זייט, רוקט זיך אף איר דאָס פאנאטישע מיליטער פון די פעטראָגראדער באָלשעוויקעס, פון דער צווייטער זייט, ווערט זי אינערלעך רואינירט דורך די באנדעס ווילדע און שיקערע רויבער, וועלכע צעשטערן איר קולטור, גראָמירן אירע שטעט און שטעטלעך, הארגענען און רואינירן איר פרידלעכע באפעלקערונג, און באזונדערס די אידישע באפעלקערונג.

אין אָט דעם קריטישן מאָמענט איז ניט נאָר וואָס מיר ווילן ניט שטערן אייער ארבעט, נאָר מיר אנערקענען זיך ניט פאר בארעכטיקט אפילע באזייטיקן זיך פון דער ווייטערדיקער שאפונגס־ארבעט פון דער אוקראאינישער סאָציאליסטישער דעמאָקראטיע און דער בויאונג פון די יעסוידעס פון קומענדיקן מעלוכישן און ווירטשאפטלעכן לעבן פון דער פאָלקס־רעפובליק פון אוקראאינע. *).

*) אונטערגעשטראכן אין אריגינאל די פ. צ. פראקציע. ווי אויך די פראַקציע פון די „פאַרייניקטע" האָבן בא דער אָפּשטימונג פונם 4-טן אוניווערסאל אפגעהאלטן זיך. די בונדישע פראקציע האָט געשטימט קעגן דעם אוניווערסאַל.

115. מיינונגס־פארשיידנהייטן בא די „פארייניקטע" וועגן 4-טן אוניווערסאל.

(ב"יוו אין רעדאקציע. „נייע צייט". נומ. 11 (99) פון 15-טן יאנואר 1918).

כאווער רעדאקטאר!

איך בעט אפדרוקן אין דער „נייער צייט" פאלגנדע שורעס:

העיוים ווי איך בין לאכלוטן נית מאסקים מיט דער פאזיציע פון דער פאר. איד. סאצ. ארב. פארטיי אין דער פראגע וועגן דערקלערן די „סאמאסטינאסט" — אומאפהענגיקייט — פון אוקראינע, בין איך ארויס פון דער קליינער ראדע, וואו איך האב די גאנצע צייט פארטראטן די פארטיי.

לויט מיין טיפסטער איבערצייגונג, איז דער כויוו פון אונזער פארטיי געווען קלאר און שארף ארויסזאגן זיך קעגן דעם 4-טן אוניווערסאל — א שריט, וואס איז געפערלעך און שעדלעך אין אלע הינזיכטן. דער צ. ק. האט אבער באשלאסן, אז אונזער פראקציע זאל אין דער קליינער ראדע זיך בא דער אפשטימונג אפהאלטן און דערביי מיט א מאטיווירונג פון א מין „צעדעק־האדין". דעריבער האב איך זיך אפגעזאגט פון יעדן באטייליקן זיך אין באהאנדלען און שטימען דעם 4-טן אוניווערסאל און האב אפגעטראטן דאס ארט דעם פארטייאישן שטעלפארטרעטער, כ' שאץ־אנין.

מיט גרוס מ. ליטוואקאוו.

116. דער קאמף פאר דער מאכט פון די ראטן אין אדעס.

(י. שקאראווסקי: „די בלוטיקע טעג זין אדעס". „נייע צייט". נומ. 22 (110) פון 22-טן פעווראל 1918).

ס'איז געשען דאס, וואס מע האט לאנג פאראויסגעזעען. אויך אדעס האט דורכגעמאכט דעם שווערן און בלוטיקן קאמף פאר דער „מאכט". אבער אויב אין אנדערע שטעט האט דערדאזיקער קאמף עפעס געהאט א קאנקרעטן אינהאלט און איז געווען א פועל יוצא פון דער פארשטארקונג פון די ארבעטערראטן, איז אין אדעס די לאגע געווען א גאנץ אנדערע. דא איז די גאנצע צייט קיין פעסטע מאכט נית געווען. זי האט זיך נית געשטיצט אף קיין באשטימטער קראפט. נית די שטאטישע זעלבסטפארוואלטונג, נית די ראטן און נית די אוקראינער ראדע האבן נית פארגעשטעלט די פולע מאכט אין שטאט. די מאכט איז געווען צעברעקלט און נאר דאנק דער וואקסנדיקער אנארכיע זיינען די בירגערלעכע קרייזן, וועלכע האבן פריער באקעמפט די רעכט פון דער ראדע אף אדעס, די לעצטע צייט מיטאמאל געווארן הייסע כסידים אירע און געשיקט שעליכים קיין קיעוו, דארטן צו באקומען א מאנדאט אף דער זעלבסטבאשטימונג פון דער „פרייער" שטאט אדעס.

פון דער צווייטער זייט, איז צווישן די ארבעטערמאסן אלץ מער געוואקסן דער באלשעוויזם, הויפטזאכלעך אף דעם עקאנאמישן באדן. א פאליטישן אויס-

דרוק האָט די באָלשעוויסטישע באַוועגונג געפונען אין דעם פראָנט־צוזאַמענפאָר, וועלכער האָט אויסגעטיילט פון זיך א שטענדיקן אָרגאַן פאַרן געגנט, דעם „רומ־שטעראָר" [49]. שטרעבנדיק צו פאַרשפּרייטן זיין מאַכט אויף דער געגנט, האָט דער „רומטשעראָר" קורדעמקאָל געזוכט זיך צו באַפעסטיקן אין אדעם גופא. אין דערין האָבן אים לעבאַטכילע געשטערט די היגע אוקראַינישע פּאָלקן פון די „הײדאַמאַקעס"; נאָר די לעצטע צייט האָט מען שטאַרק געשמועסט, אז צווישן די האיידאַמאַקעס באַמערקט זיך א שפּאַלטונג און אז פיל פון זיי סימפּאַטיזירן מיט די באָלשעוויקעס, וועלכע האָבן זיך צוליב דעם דערפילט אסאַך שטאַרקער.

אין דער נאַכט פון דעם 14־טן יאַנואַר האָט זיך פון דער זייט פון יאַם דערהערט א האַרמאַטן־שאָס, וואָס האָט געדינט ווי א צייכן פאַר די מאַטראָסן און דער רויטער גוואַרדיע, וועלכע האָבן שטיל, אָן איבעריקן גערויש, אין דער צייט, ווען אַלע זיינען געשמאַק געשלאָפן, פאַרכאַפּט די וויכטיקסטע שטאָט־און רעגירונג־אנשטאַלטן, און אויך דעם וואָקזאַל און די פּאָסט.

דעם 15־טן אינדערפרי איז קימאַט ניט געווען צו באַמערקן, אז אין שטאָט איז פאָרגעקומען אן איבערקערעניש, נאָר די פּאַטרולן פון דער רויטער גוואַרדיע אויף די גאַסן און דאָס, וואָס די בורזשואַזע צייטונגען זיינען ניט דערשינען, האָבן אָנגעוויזן אויף דער פאָרגעקומענער איבערקערעניש. אָבער שוין אויפן צווייטן טאָג איז די לאַגע אין שטאָט געוואָרן ניט זיכער און פון דער זייט פונם וואָקזאַל האָט זיך דערהערט א שיסעריי. טייקעף זיינען פאַרמאַכט געוואָרן אַלע קלייטן. אין שטאָט איז געוואָרן א בהלה און א שרעק. מענטשן האָבן אָנגעהויבן לויפן, זיך באַהאַלטן. די שיסעריי איז דערווייל געוואָרן אַלץ שטאַרקער. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אז א טייל הײדאַמאַקעס האָבן באַשאָסן דעם וואָקזאַל און אין דעמזעלבן טאָג אים פאַרנומען. אויף די גאַסן פון אָדעם האָט זיך אָנגעהויבן אַן עמעסע מילכאָמע.

די רויטע גוואַרדיע און די מאַטראָסן האָבן זיך באַפעסטיקט אין די צענטראַלע גאַסן, אויסגעגראָבן טראַנשייען אין מיטן שטאָט, געמאַכט באַריקאַדן און אָנגעהויבן פּלאַנמעסיק צו אַטאַקירן דעם וואָקזאַל. די שיפן פון יאַם האָבן פון זייער זייט־מיטגעהאָלפן און דעם וואָקזאַל באַשאָסן מיט אַרטילעריע. די שטאָט האָט אויסגעזען ווי אויסגעשטאָרבן. פון אַלע זייטן האָט געהילכט און געדונערט. פון די גאַסן האָט מען געפירט צענדליקער פאַרוואונדעטע און געהאַרגעטע. נאָך א פאַרביטערטן קאַמף איז די באָלשעוויקעס געלונגען פאַרטרייבן די הײדאַמאַקעס.

מע גיט איבער, אז די הײדאַמאַקעס האָבן אין די טיילן, וואָס זיינען געווען אין זייערע הענט, זיך אכזאָריעסדיק באַגאַנגען ניט נאָר מיט זייערע קעגנער, נאָר אויך מיט דער פרידלעכער באַפעלקערונג, איבערהויפּט מיט אידן. זיי האָבן זיך אַריינגעריסן אין דער אידישער מיליטער־אָרגאַניזאַציע, געשלאָגן די, וואָס האָבן זיך דאָרט געפונען, און צעראַבירט.

די מאכט געפינט זיך איצט פאקטיש אין די הענט פונם ציטווייליקן רעוואלוציאנערן קאמיטעט פון „הרמטשעראר“, ביז עס וועט רעארגאניזירט ווערן דער ראט פון די ארבעטער־דעפוטאטן.

עס איז שוין פארגעקומען די לעוואיע פון די הארוגים, צווישן וועלכע עס געפינען זיך אסאך אומשולדיקע קארבאנעס. דער טאג פון דער לעוואיע איז געווען א טאג פון אלגעמיינעם טרויער. א וואלד פון רויטע און שווארצע פאנען, צענדליקער טויזנטער מענטשן מיט שטילע און טרויעריקע רעוואלוציאנערע רוסישע און אידישע געזאנגען, זיינען נאכגעגאנגען נאך די שורעס ווייסע און אפענע קאסטנס פון די קארבאנעס, וועלכע זיינען אלע באגראבן געווארן נעבן וואקזאל אין איין ברודער־קייווער.

117. דער „בונד“ און די „פאריניקטע“ אין די טעג פונם יאנואר־אויפשטאנד אין קיעוו.

(מ. ראפעס: „דאס 1918 יאר אינם לאגער פון קליינבירגערלעכן סאציאליזם אין אוקראינע“. „דער עמעס“. 1927, נום. 193).

... אין די גרופעס רוסישע מענשעוויקעס אין קיעוו, וועלכע האבן צו יענער צייט שוין קיינמאל קיין פארבינדונג ניט געהאט מיט די ארבעטער־מאסן, איז קיין וואקלונגען ניט געווען. פיל ערגער האט עס געהאלטן אין „בונד“, און אויך בא די „פאריניקטע“. די בונדישע ארבעטער־מאסע איז אינגאנצן געווען באלשעוויזירט. די בונדישע פראקציע אין ראט פון די ארבעטער־דעפוטאטן בעראָש מיטן ח' סטיאפע (איידלמאן) איז געגאנגען האנט בא האנט מיט די באלשעוויקעס. אינם אנטשיידנדעם מאמענט. ווען אין קיעוו איז שוין געגאנגען די צוגרייטונג צום באוואפנטן אויפשטאנד, האט דער קיעווער קאמיטעט פון „בונד“ זיך אנטשיידן געשטעלט אויף דער זייט פון די באלשעוויקעס און האט באשטימט רופן די ארבעטער אנטייל צו נעמען אין שטרייק, וואס די באלשעוויקעס האבן ארגאניזירט. בלויז די דראונג פונם קאמיטעט־פארזיצער ארויסצוטרעטן פונם קאמיטעט האט אפגעהאלטן פון דורכפירן דעמאלטיקן באשלוס. אבער דאס איז געווען ריין־פארמעל: פאקטיש האט די בונדישע אונטערשטע ארגאניזאציע זיך באטייליקט סאי אינם שטרייק, סאי אינם אויפשטאנד האנט בא האנט מיט דער גאנצער ארבעטער־מאסע. אזא שטימונג איז געווען אין די אונטערשיכטן. בערערך אזוי איז אויך געווען בא די „פאריניקטע“. אבער די אנפירער פונם „בונד“ און פון די „פאריניקטע“, געטרייע זייער אנטי־באלשעוויסטישער סכעמע, האבן ווייטער געפירט זייער ארבעט אין דער צענטראלער ראדע.

...אין יאנואר איז פראקלאמירט געווארן דער 4־טער אוניווערסאל פון דער צענטראלער ראדע, און אלע פראקציעס פונם קליינבירגערלעכן סאציאליזם איז אויסגעקומען זיך ארויסצוזאגן איבער דעמאלטיקער פראגע. די געמיינזאמע דעקלאראציע פון די מענשעוויקעס און פונם בונד האט אנטשיידן פראטעסטירט

קעגן פראָקלאַמירן די אומאָפּהענגיקייט פון אוקראַינע, און האָבן דאָס קוואַליפי־ צירט ווי אן אקט, וואָס גיט אָפּ אוקראַינע דעם דייטשישן און עסטרייכישן מי־ ליטער, עס זאָל זיך דאָרט אײַנפרעסן. זיי האָבן געשטימט קעגן דעם 4־טן אוני־ ווערסאַל, אָבער די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דעמאָקראַטישע אקט אַרויסגעליינט, פאַרשטייט זיך, ניט אויף דער באַלעגופישער קאָנטר־רעוואָלוציע, נאָר אַליין אויף די־ זעלבע באָלשעוויקעס און אויף דער אָקטיאַבר־רעוואָלוציע. די „פּאָריניקטע" און די „פּ. צ." האָבן געהאַלטן פאַר בעסער אָפּצוהאַלטן זיך פון אָפּשטימונג, קעדיי אזוי אַרום פאַרהיטן פאַר זיך א געוויסע מעגלעכקייט פאַר מיטאַרבעט מיט דער אוקראַינישער מערהייט. די רוסישע עסערן האָבן אויך געשטימט קעגן דעם 4־טן אוניווערסאַל, אַרויסגייענדיק פון זייער ליבע צום „איינהייטלעכן, אומצעטייל־ באַרן רוסלאַנד".

ווען מע גייט זיך פאַנאַנדער מיט דער מאַכט אין אזאַ ערנסטער און גרונטפראַגע, האָט מען אין פלוג שוין געקאָנט רייסן מיט דעראָזיקער צענטראַ־ לער ראַדע. דער „בונד" מאַכט אַן אומבאַדייטנדיקן שריט אין דעראָזיקער ריכ־ טונג און רופט אָפּ פונם גענעראַל־סעקרעטאַריאַט זיין פאָרשטייער, ער פאַר־ בלייבט אָבער אין דער צענטראַלער ראַדע, קעדיי מיט זיין אָפּאָזיציע אײַנערלעך איינשטעלן שאָלעם צווישן דער צענטראַלער ראַדע און די שיכטן, וואָס גייען נאָך אים. נאָך מער, אין ברען פונם אויפשטאַנד קעגן דער צענטראַלער ראַדע אין קיעוו, ווען די גאַנצע אונטערשטע בונדישע אָרגאַניזאַציע האָט צוזאַמען מיט די באָלשעוויקעס געקעמפט קעגן דער צענטראַלער ראַדע, לאָזט דער געזונט־קאָ־ מיטעט פון „בונד" אַרויס אַן אויפרוף, אין וועלכן ער רופט צו שטיצן אין דעמאָקראַטישן קאַמף די צענטראַלע ראַדע, ווייל זי „קעמפט פאַר דעמאָקראַטיע". גלייכצייטיק דערמיט איז לויט דער איניציאַטיוו און אונטערן דרוק פון די אַנפירנדיקע פראַקציעס פון דער צענטראַלער ראַדע מיטן אונטערשריפט פון אַלע פאַרטייען פונם קליינבירגערלעכן סאָציאַליזם: די אוקראַינישע, רוסישע און אי־ דישע אַרויסגעלאָזט געוואָרן אן אַלגעמיינער אויפרוף קעגן די באָלשעוויקעס, וואָס קאָן לויטן כאַראַקטער זיינעם צוגערעכנט ווערן צו די אויפרופן מיט א פּאָגראָם־כאַראַקטער. אָבער מע דאַרף דאָ טאַקע פאַרצייכענען, אז דיזאָזיקע אויפרופן האָבן אַרויסגערופן שטורמישע פּראָטעסטן ניט נאָר אין די אונטער־ שטע אָרגאַניזאַציעס, נאָר אויך צווישן דער אָנפירונג פונם „בונד" און פון די „פּאָריניקטע".

118. אין דער קיעווער אָרגאַניזאַציע פון בונד נאָכן אויפשטאַנד.

(„אלגעמיינע פארזאמלונג פון „בונד". „פאלקס-צייטונג". נום. 21 (83) פון 19-טן פעוראל 1918).

זונטיק דעם 17־טן פעוראַל איז אין זאַל פון שטאָט־דומע פאָרגעקומען אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון קיעווער אָרגאַניזאַציע פון „בונד", אויף וועלכער עס זיינען באַהאַנדלט געוואָרן די פראַגן פון פּאָליטישן מאָמענט און די טאַק־

טיק פון „בונד“. אַף דער פאַרזאַמלונג זײַנען געװען באַ 400 מאַן. מיט באַריכטן און רעדעס זײַנען אַרויסגעטראָטן די כ'כ אײדלמאַן, ראַפעס, בײַפּעץ און אַנד. די רעדנער האָבן זיך געפירט ספּעציעל אַרום די פראַגן װעגן טאַקטיק פון קאָמיטעט בעתן דעם אויפשטאַנד און װעגן אַרײַנטרעטן אין אויספיר־קאָמיטעט פון אַרבעטער־ראַט.

... װעגן דער ערשטער פראַגע איז אָנגענומען געװאָרן פאָלגנדיקע רעזאָלוציע:

„אויסהערנדיק דעם באַריכט פון קאָמיטעט פון דער קיעװער אָרגאַניזאַציע פון „בונד“, געפינט די אַלגעמײנע פאַרזאַמלונג, אַז די טאַקטיק פון קאָמיטעט אין די טעג פון באָלשעװיסטישן אויפשטאַנד אין קיעװ איז אין אַלגעמײנעם און אין גאַנצן און ביפּראַט אין דער פראַגע װעגן שטרײַק געװען ריכטיק און דריקט אויס איר צוטרוי דעם קאָמיטעט“.

די רעזאָלוציע איז אָנגענומען מיט 100 שטימען קעגן 50 באַ 30 אָפּגעהאַלטענע.

... פאַר אַרײַנטרעטן אין אויספירונג־קאָמיטעט האָבן געשטימט קימאַט אַלע, קעגן 13, אָפּגעהאַלטענע 19.

...ס'איז געשטעלט געװאָרן צו אָפּשטימונג אויך די רעזאָלוציע פון כ' קרײַצבערג װעגן אָנערקענען די מאַכט פון די ראַטן. די רעזאָלוציע האָט באַקומען 11 שטימען באַ 7 אָפּגעהאַלטענע און איז אָפּגעװאָרפן געװאָרן.

די רעזאָלוציע װעגן דער אַרבעט אין די ראַטן.

מיר בלײַבן אין די ראַטן, װעלכע זײַנען פאַר אונדז, װי פריער, אָרגאַנען, װאָס פאַרײניקן אַרום זיך די קרעפטן פון גאַנצן אַװאַנגאַרד פון דער רעװאָלוציאָנערער דעמאָקראַטיע, װאָס איז אַזױ נויטיק באַ דער װאַקסנדער געפאַר פון דער קאָנטר־רעװאָלוציע סײַ אינעװײניק אין לאַנד, סײַ פון דרויסן.

אַרײַנטרעטנדיק אין אויספירונג־קאָמיטעט פון ראַט און פירנדיק אויפן באָדן פון קאָנקרעטער אַרבעט אין אָנטשײדענעם קאַמף קעגן דער באָלשעװיסטישער פּאָליטיק, ניט נעמענדיק אַף זיך קײן שום פאַראַנטװאָרטלעכקײט פאַר דער רעגירונגס־פּאָליטיק פון די באָלשעװיקעס, װעלן מיר מיט אַלע מעגלעכקײטן אונטערהאַלטן די ראַטן אין זײער קאַמף מיט דער עמעסער קאָנטר־רעװאָלוציע און שטופּן זײ אַפן װעג פון רײנעם קלאַסן־קאַמף, װעלכער פאָדערט אין איצטיקן מאָמענט אַן אויסגלײַך צװישן אַלע סאָציאַליסטישע פּאַרטײען, קעדײ צו ראַטעװען די רעװאָלוציע און פאַרפעסטיקן אירע דעמאָקראַטישע דערגרײכונגען.

119. קאַמף פון ריכטונגען אין דער קיעװער אָרגאַניזאַציע פון די „פאַרײניקטע“.

(„אַ פאַרזאַמלונג פון די „פאַרײניקטע“. „נײַע צײַט“ נומ. 18 (103) פון 16-טן פעװראַל 1918)

דאָנערשטיק אין אָװנט איז אין אַרבעטער־קלוב אַף קוזנעצשנע 25, פאָרגעקומען אַן אַלגעמײנע פאַרזאַמלונג פון דער קיעװער אָרגאַניזאַציע פון דער

פּאַריינֿיקטער אידישער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־פּאַרטיי. מיט רעדעס וועגן דעם איצטיקן פּאָליטישן מאָמענט זיינען אַרויסגעטראָטן די כאַווייריס לעוויטאַן,[50] ליטוואַקאָוו, גנאָוואַקאָווסקי,[51] פּעטשעניק און מערקל. די ערשטע דריי האָבן געגעבן אַ איבערבליק איבער די לעצטע געשעענישן אין קיעוו, שאַרף קריטיקירט די טאַקטיק פון די באָלשעוויקעס און האָבן געשטיצט דעם באַשלוס פון קיעווער קאָמיטעט פון די „פּאַריינֿיקטע“ צו גיין אין די קאָנטראָליר־אָרגאַנען פון דער מאַכט, כּדי קלאָר צו מאַכן די אַרבעטער־מאַסן דעם עמעסן מעהוס פון באָלשעוויזם און צוגרייטן זיי צום מאָמענט, ווען די מאַכט פון די באָלשעוויקעס וועט פאַלן.

די לעצטע צוויי רעדנער האָבן פאַרטיידיקט די באָלשעוויקעס און גערופן, מע זאָל ניט נאָר נעמען אָן אָנטייל אין די קאָנטראָלירנדע אָרגאַנען, נאָר אויך אין די אויספירנדע.

120. קיעווער אידישע אַרבעטער אָרגאַניזירן אַן אָפּטייל פון דער רויטער גוואַרדיע.

(„פאלקס־צייטונג“, נומ. 19 (81) פון 15־טן פעוורואל 1918; „נייע צייט“. נומ. 22 (110) פון 22־טן פעווראל 1918).

I

די פאַרזאַמלונג פון די אידישע אַרבעטער־עמיגראַנטן און היימלאָזע, וועלכע איז צונויפגערופן געוואָרן דורך דעם פאַרשטייער פון פאָלקס־קאָמיסאַריאַט, אָפּגעהאַלטן דעם 29־טן יאַנוואַר 1918 אין לאָקאַל פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען, אויסהערנדיק דעם באַריכט... וועגן פּאָליטישן מאָמענט און נעמענדיק אין אַכט, אַז די פאַרטיידיקונג פון די רעוואָלוציאָנערע דערגרייכונגען און די פאַרזיכערונג פון דער רעוואָלוציע קעגן אַלע קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע אַרויסטרעטונגען פאָדערן אַז אַלגעמיינע באַוואָפענונג פון דער אַרבעטערשאַפט, באַשליסט די פאַרזאַמלונג צו באַטייליקן זיך אַקטיוו אין דער פאַרטיידיקונג פון דער רעוואָלוציע און פאָדערט פאַר דעם צוועק אָרגאַניזירט צו ווערן אין אַ אידישער אָפּטיילונג פון דער רויטער גוואַרדיע.

II

אין קיעוו האָט זיך געבילדעט אַ איניציאַטיוו־גרופּע, וועלכע שטעלט זיך פאַר אַן אויפגאַבע צו אָרגאַניזירן ... אַ אידישע רויטע גוואַרדיע.

צוליב דעמאָקראַטישן צוועק האָט די דאָזיקע גרופּע רעקווירירט אַ הויז אויף ביביקאָווער בולוואַר (נומער 10); פאַר מיטגלידער פון דער רויטער גוואַרדיע ווערן אָנגענומען יונגעלייט ניט אינגער פון 18 יאָר, מיטגלידער פון סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אָדער אַזעלכע, וועלכע האָבן רעקאָמענדאַציעס פון פאַבריק־זאַוואָדן קאָמיטעטן, אָדער פון באַוואוסטע אידישע רעוואָלוציאָנערן.

דיראַזיקע גוואַרדיע ווערט אָרגאַניזירט מיט דער דערלויבעניש און הילף פון דעם פאָלקס־סעקרעטאַריאַט פון דער אוקראַאינישער רעפּובליק, פּרעזידיום פון די ראַטן און מיליטער־רעוואָלוציאָנערן קאָמיטעט.

וועגן גענויע יעדיעס קאָן מען זיך ווענדן אַף ביביקאָווער בולוואַר נומער 10, פון 10 ביז 6 אַזייגער אוונט.

דיראַזיקע גרופּע האָט אויך בעדייע אַרויסצוגעבן אין קיעוו א אידישע טעגלעכע צייטונג מיט א באָלשעוויסטישער ריכטונג.

121. געזעץ וועגן דער נאַציאָנאַל־פּערסאָנעלער אווטאָנאָמיע*).

(ד־ר מ. זילבערפאַרב: „דאָס אידישע מיניסטעריום און די אידישע אווטאָנאַמיע אין אוקראַינע". קיעוו. (1919?) ז. ז. 79—82).

די אוקראַאינישע צענטראַלע ראַדע האָט דעם 9־טן יאַנוואַר פון יאָר 1918 אין העסקעם מיטן אוניווערסאַל פון 7 נאָיאַבר פון יאָר 1917 באַשלאָסן:

אַרט. 1. יעדע פון די נאַציעס, וואָס באַפעלקערן אוקראַאינע, האָט אין די גרעניצן פון דער אוקראַאינישער פאָלקס־רעפּובליק דאָס רעכט אַף נאַציאָנאַל־פּערסאָנאַלער אווטאָנאָמיע, דאָס רעכט זעלבשטענדיק איינאָרדענען איר נאַציאָנאַל לעבן דורך די אָרגאַנען פון נאַציאָנאַלן פאַרבאַנד, וואָס זיין מאַכט פאַרשפּרייט זיך אַף אַלע זיינע מיטגלידער, אומאָפּהענגיק פון זייער וואוינאָרט אין די גרעניצן פון דער אוקראַאינישער פאָלקס־רעפּובליק. דאָס איז אַן אייביק רעכט פון דער נאַציע און באַ קיין איינער פון זיי טאָר עס ניט ווערן אָפּגענומען אָדער באַגרעניצט.

אַרט. 2. דער גרויס־רוסישער, אידישער און דער פּוילישער נאַציעס וועלכע באַפעלקערן די טעריטאָריע פון אוקראַאינישער פאָלקס־רעפּובליק, ווערט געגעבן דאָס רעכט אַף נאַציאָנאַל־פּערסאָנאַלער אווטאָנאָמיע דורך דעמאָזיקן געזעץ. די ווייסרוסישע, טשעכישע, מאָלדאַווישע, דייטשישע, טאָטערישע, גריכישע און די באָלגאַרישע נאַציעס מעגן באַנוצן דאָס רעכט אַף נאַציאָנאַל־פּערסאָנאַלער אווטאָנאָמיע, אויב אין גענעראַל־געריכט וועט אָנקומען וועגן דעם א מעלדונג פון איטלעכער נאַציע באַזונדער, אונטערגעשריבן ניט ווייניקער ווי פון צען טויזנט בירגער פון דער אוקראַאינישער פאָלקס־רעפּובליק, אָן אונטערשייד פון געשלעכט און גלויבן, וועלכע זיינען פונם געריכט ניט באַגרעניצט אין זייערע פּאָליטישע רעכט און וועלכע דערקלערן וועגן זייער אָנגעהעריקייט צו דער אָנגעגעבענער נאַציע. דאָס גענעראַל־געריכט באַטראַכט די מעלדונג אַף אַן עפנטלעכער זיצונג ניט שפּעטער ווי אין 6 כאָדאָשים אַרום נאָכן דערלאַנגען די מעלדונג. איז עס מוידיע וועגן זיין באַשלוס דעם גענעראַל־סעקרעטאַריאַט און פאַרעפנטלעכט אים צו אַלגעמיינער באַ־

*) פּובליקירט אין „וועסטניק פונם ראַט פון פאָלקס־מיניסטאָרן פון אוקראַאינישער פאָלקס־רעפּובליק" דעם 2־טן אַפּריל 1918, נומער 14. באַמערקונג פון מ. זילבערפאַרב.

קאַנטשאַפֿט. ענלעכע מעלדונגען פֿון נאַציעס, וועלכע זײַנען ניט אויסגערעכנט אין דעם דאָזיקן אַרטיקל, ווערן צוגעשטעלט צום באַטראַכטן אין פֿאַרלאַמענט פֿון דער אוקראַאינישער פֿאָלקס־רעפּובליק.

אַרט. 3. קעדײַ צו פֿאַרווירקלעכן דעם רעכט, וואָס איז אָנגעוויזן אין אַרט. 1, בילדן די בירגער פֿון דער אוקראַאינישער פֿאָלקס־רעפּובליק, וואָס געהערן צו דער געגעבענער נאַציע, אַ נאַציאָנאַל־פֿאַרבאַנד אויף דער טעריטאָריע פֿון דער אוקר. פֿאָלקס־רעפּובליק. פֿון די מיטגלידער פֿון יעדן נאַציאָנאַלן פֿאַרבאַנד ווערן געפֿירט נאָמענטלעכע רעשימעס. די דאָזיקע רעשימעס בילדן אַלע צוזאַמען דעם נאַציאָנאַלן קאַדאַסטער, וועלכער ווערט נאָך זײַן צוזאַמענשטעלונג פֿאַרעפֿנטלעכט, און יעדער בירגער האָט דאָס רעכט צו פֿאָדערן, מע זאָל אים אײַנשליסן אין געגעבענעם קאַדאַסטער אָדער אויסשליסן פֿון אים, דורך זײַן מעלדונג, אַז ער געהערט ניט צו דער געגעבענער נאַציע.

אַרט. 4. דער נאַציאָנאַלער פֿאַרבאַנד האָט דאָס רעכט פֿון געזעצגעבונג און פֿאַרוואַלטונג אין די גרענעצן פֿון דער קאָמפּעטענץ, וואָס ווערט אײַנגעשטעלט לויטן סיידער, וואָס איז אָנגעוויזן אין אַרט. 7 פֿונעם דאָזיקן געזעץ. נאָר דער נאַציאָנאַלער פֿאַרבאַנד האָט דאָס רעכט צו פֿאַרטרעטן די געגעבענע נאַציע, וועלכע באַפֿעלקערט די טעריטאָריע פֿון דער אוקראַאינישער פֿאָלקס־רעפּובליק, פֿאַר די מעלוכישע און געזעלשאַפֿטלעכע אינסטיטוציעס.

די געזעצגעבערישע באַשלוסן, וועלכע ס'נעמט אָן די נאַציאָנאַלע פֿאַרזאַמלונג (אַרט. 9) אין די גרענעצן פֿון דער קאָמפּעטענץ פֿון נאַציאָנאַלן פֿאַרבאַנד, ווערן פּובליקירט לויטן אַלגעמײַן באַשטימטן סיידער.

אַרט. 5. פֿון די אַלגעמײַנע האַכנאָסעס פֿון דער אוקראַאינישער פֿאָלקס־רעפּובליק און פֿון די אָרגאַנען פֿון דער אָרטיקער זעלבסטפֿאַרוואַלטונג ווערט אָפּגעגעבן דעם נאַציאָנאַלן פֿאַרבאַנד אויף די אויסגאָבן, וואָס געפֿינען זיך אין זײַן רעשום, אַ טייל פֿון די סומעס, וואָס ווערן באַשטימט אויף די דאָזיקע אויסגאָבן, פּראָפּאָרציאָנעל דער צאָל מיטגלידער פֿון דעם געגעבענעם נאַציאָנאַל־פֿאַרבאַנד.

אַרט. 6. דער נאַציאָנאַלער פֿאַרבאַנד באַשטימט זײַן יערלעכן בודזשעט און האָט דאָס רעכט צו באַשטײַערן זײַנע מיטגלידער אויף די דאָזיקע יעסוידעס, וואָס זײַנען פֿעסטגעשטעלט פֿאַר דער אַלגעמײַן מעלוכישער באַשטײַערונג, מאַכן האַלוואָיעס אויף זײַן אייגענער אַכרײַעס און אָננעמען אַנדערע פֿינאַנץ־מיטלען, קעדײַ צו זיכערן די טעטיקייט פֿון נאַציאָנאַלן פֿאַרבאַנד.

אַרט. 7. דער קרײַז פֿון די ענינים, וועלכע געהערן צו דער קאָמפּעטענץ פֿון נאַציאָנאַלן פֿאַרבאַנד און פֿון אײַנצלנע זײַנע אָרגאַנען, ווי אויך די אײַנאָרדענונגען פֿון די לעצטע, ווערט באַשטימט דורך דער גרינדונגס־פֿאַרזאַמלונג פֿון דער געגעבענער נאַציע. די דערמאָנטע פֿאַרזאַמלונג באַשטימט דערבײַ אויך דעם סיידער, וואָס לויט אים ווערן געענדערט אירע באַשלוסן. די אָנגענומענע באַשלוסן, ווי ווײַט זיי זײַנען שײַך צו דער קאָמפּע-

טענץ פון נאציאנאלן פארבאנד, ווערן באטראכט און באשטעטיקט דורך דער אוקראינישער פאלקס-רעפובליק אדער דורך איר פארלאמענט.

אנמערקונג: די כלוקעדייעס, וועלכע קאנען הערביי ארויסקומען צווישן דער נאציאנאלער גרינדונגס-פארזאמלונג און דער גרינדונגס-פארזאמלונג פון דער אוקר. פאלקס-רעפובליק אדער איר פארלאמענט, ווערן אויסגעגליכט דורך א פשרה-קאמיסיע, וועלכע ווערט צוזאמענגעשטעלט פון א גלייכער צאל פארטרעטער פון ביידע אינסטיטוציעס. די באשטימונגען פון דער פשרה-קאמיסיע גייען איבער אף דער ענדגילטיקער באשטימונג פון דער גרינדונגס-פארזאמלונג פון דער אוקר. פאלקס-רעפובליק אדער פון איר פארלאמענט.

ארט. 8. די נאציאנאלע גרינדונגס-פארזאמלונג ווערט געבילדעט פון מיטגלידער, וועלכע זיינען אויסגעקליבן פון אלע בירגער פון דער אוקר. פאלקס-רעפובליק פון דער געגעבענער נאציע אין עלטער פון 20 יאר און מער אפן יסוד פון אלגעמיינעם וואלרעכט, אן אונטערשייד פון געשלעכט און גלויבן, דורך דירעקטע וואלן און געהיימער אפשטימונג, מיט דער אנווענדונג פון פראפארציאנעלער פארשטייערשאפט.

ארט. 9. די ארגאנען פון נאציאנאלן פארבאנד זיינען מעלוכע-ארגאנען. דער העכסטער פארטרעטונגס-ארגאן פון נאציאנאלן פארבאנד איז די נאציאנאלע פארזאמלונג, וועלכע ווערט אויסגעקליבן פון די מיטגלידער פון פארבאנד אף די יסודות, וואס זיינען אנגעוויזן אין ארט. 8. דער העכסטער אויספירונגס-ארגאן פון פארבאנד אין דער נאציאנאלער ראט, וועלכער ווערט אויסגעקליבן פון דער נאציאנאלער פארזאמלונג און איז פאר איר פאראנטווארטליך.

ארט. 10. אלע סיכסוכים וועגן דער קאמפעטענץ-פראגע, וואס וועלן אויפקומען צווישן די ארגאנען פונם נאציאנאלן פארבאנד, פון איין זייט, און צווישן די ארגאנען פון דער מעלוכע-פארוואלטונג, פון דער ארטיקער זעלבסט-פארוואלטונג אדער פון די אנדערע נאציאנאלע פארבאנדן, פון דער צווייטער זייט, ווערן געלייזט דורכן אדמיניסטראטיוון געריכט.

ארט. 11. די נאציאנאלע פארבאנדן פון דער אוקר. פאלקס-רעפובליק האבן דאס רעכט זיך צו פאראייניקן מיט די נאציאנאלע פארבאנדן פון געהעריקע נאציעס, וואס פונקציאנירן אין די גרענעצן פון דער רוסלענדישער פעדעראטיווער רעפובליק.

אונטערגעשריבן:

פארזיצער פון דער אוקראינישער צענטראלער ראדע מ. גרושעווסקי.
סעקרעטאר פון אוקראינישער צענטראלער ראדע יעווג. אנאצקי.
קאנטראסיגנירט: פארן גענעראל-שרייבער איוו. מירני.

VIII. אונטער דער דייטשישער אקופּאַציע.

122. די אַלגעמיינע לאַגע אין אוקראַינע.

(מ. ראַפעס: „דאָס 1918 יאָר אינם לאַגער פונם קלײנבירגערלעכן סאַציאַליזם אין אוקראַינע". „דער עמעס". 1927, נומ. 194 און 195).

...אין צוויי קאָלאָנעס, דורך וואָלין און פּאָדאָליע, זיינען אף דער טעריטאָריע פון אוקראַינע סאַף פעווראַל *) אריינגעטראָטן די דייטשישע און עסטרייכישע באַיאָלעס, וועלכע האָבן אף 8 כאַדאָשים באַשטימט די רעאַלע קרעפטן־פאַרהעלטעניש אין לאַנד. דער דייטשישער אימפּעריאַליזם האָט געהאַלטן אין אָנגרייפן, צווינגענדיק אָפּצוטרעטן דאָס מיליטער פון דער ראַטן־רעפּובליק. מיטן אָנגריף פונם אימפּעריאַליסטישן מיליטער אף אוקראַינע האָט אומפאַרמיידלעך זיך געמוזט אָנהויבן א פעריאָד פון רעסטאַווירן די פאַר־רעוואָלוציאָנערע פאַרהעלטענישן. צו דער מאַכט האָט זיך אומגעקערט די רוסישע בורזשואַזיע און די גוטבאַזיצער. אָבער דיזאָזיקע אָנגרייפנדיקע רעאַקציע האָט זיך אף דער ערשטער צייט געגריטיקט אין א צודעק, א פּייגנבלאַט, וואָס זאָל פאַרדעקן איר נאַקעטקייט. די ראָלע פון העטמאַנישן פייגנבלאַט האָט געשפּילט די זעלבע צענטראַלע ראַדע.

... די עמעסע מאַכט אין יעדן ראַיאָן האָט זיך געפונען אין די הענט פון די דייטשישע און עסטרייכישע קאָמענדאַנטן. אומקערנדיק זיך קיין קיעוו **), האָט די צענטראַלע ראַדע פאַנאַנדערגעוויקלט דעם צענטראַלן אַפּאַראַט פון מעלוכע־מאַכט. עס איז אוועק א גוואַליע ציוישעטע אוקראַיניזאַציע. דיזאָזיקע גאַנצע „מעלוכע"־אַרבעט איז געטאָן געוואָרן אין זייער אַן ערנסטן טאָן, גלייך מע וואָלט ווירקלעך געבויט די אוקראַינישע מעלוכע. עס האָט באַנייט זיין אַרבעט אויך דער „פּאַרלאַמענט" פון דער צענטראַלער ראַדע און צוזאַמען מיט די רעגירנדיקע פּאַרטייען פון דער אוקראַינישער מערהייט האָבן זיך אין דער ראַדע אומגעקערט צו זייער אַרבעט פון געשוואָרענער אָפּאָזיציע די רוסישע און אידישע קלײנבירגערלעכע גרופּירונגען.

*) 1918.

**) פון וויניצע, וואוהין זי איז אפּגעטראָטן נאָך דער מאַפּאַלע אין קיעוו אין די יאַנוואַר־טעג.

די „אָפּאָזיציע" איז געווען „באַשיידן" און האָט ניט דערמאָנט דער אוקראַינישער מערהייט וועגן דער „זעלבשטענדיקייט" און וועגן דעם פאַרטעטישן ברענגען קיין אוקראַינע דאָס מיליטער פון די אויסלענדישע אימפּעריאַליסטן.

...דאָס דייטשישע און עסטרייכישע מיליטער האָט צעשאָסן און געמאַכט צו אש גאַנצע דערפער, וואו מע האָט געפונען א וואָסער ניט איז געווער. און די צענטראַלע ראַדע האָט זיך פאַרנומען מיט געווינלעכע קליינקייטן, אויסהערנדיק פון צייט צו צייט אָנפראַגן און רעדעס פון דער געשוואוירענער אָפּאָזיציע.

* * *

... די אָנפירנדיקע ראָלע אין די פּראָפאַריינען איז ווידער אריבער צו די מענשעוויקעס, און אין אייניקע פון זיי — צו די בונדיסטן. דער קאַמף צווישן דעם בורזשואזן און פראָלעטאַרישן פליגלען אין דער אַרבעטער-באַוועגונג האָט זיך געפירט ווייטער, נאָר אין נייע באַדינגונגען. דער קליינבירגערלעכער סאָציאַליזם, וואָס האָט זיך האַגאַם דערשלאָגן די שטיצונג פון די באָלשעוויקעס, האָט זיך ניט געפילט פאַר קיין זיגער. ער האָט, פאַרשטייט זיך, אין אַלץ באַשולדיקט די אָקטיאַבער-רעוואָלוציע, וואָס האָט זיך „פאַרמאָסטן צו ווייט און האָט אוממפאַרמיידלעך געבראַכט צום זיג פון דער רעאַקציע". אָבער אין די באַדינגונגען, ווען עס האָט געהערשט דער דייטשישער אימפּעריאַליזם, האָט זיך אויך דער קליינבירגערלעכער סאָציאַליזם געפילט ניט גאָר גוט. קיין אָנגריף פון די מענשעוויקעס אויף די באָלשעוויקעס אין דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג איז ניט געווען. אָנגעגריפן האָבן אין טאָג די באָלשעוויקעס, וועלכע האָבן אויך נאָכן ניצאָכן פון דער רעאַקציע ווייטער אַנטוויקלט זייער ליניע פון ווייטערדיקן קאַמף, רופנדיק זיך גרייטן צו א באַוואָפנטן אויפשטאַנד פאַר אויפשטעלן די ראַטנמאַכט. דער מענשעוויזם האָט זיך ווי א שולדיקער פאַרטיידיקט, גערופן צו „אָרגאַנישער" אַרבעט, צום קאַמף אין איינהייטלעכן פראָנט פאַר אויפשטעלן די דעמאָקראַטישע אַנשטאַלטן, פאַר דער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג. דאָס זיינען געווען אָפּאָזיציעלע פאָרמולירונגען, אָבער אין די מאַסן זיינען די מענשעוויקעס אַלץ מער און מער אָפּגעווישט געוואָרן, די אַרבעטער פון אַלע ריכטונגען האָבן זיך אַלץ מער און מער דערנענטערט צווישן זיך אין אַלגעמיינעם האַס צו דער דייטשיש-אוקראַינישער מאַכט און אין דער שטרעבונג אויפצושטעלן די מאַכט פון די ראַטן.

...דעם 30-טן אַפּריל האָט זיך אָף באַגראַן כמעלניצקים פּלאַץ אָפּגעשפּילט דער 2-טער אַקט פון דער קאָמעדיע, וואָס די דייטשן האָבן צוגעגרייט. די „העכסטע מאַכט" איז אריבער פון די הענט פון דער צענטראַלער ראַדע צום העטמאַן סקאָראָפּאַדסקי, צו אָט דער נייער ליאַלקע אין די הענט פון דער דייטשישער קאָמאַנדע-מאַכט.

דאָס פייגנבלעטל איז אַראָפּגעוואָרפן געוואָרן. אוקראַינע איז אָפן אויפגעטראָטן אויפן וועג צו פריצישער און בורזשואזער רעסטאַוראַציע.

* * *

...דער קליינבירגערלעכער סאָציאַליזם איז געבליבן בא גאָרנישט. ניט די טאַקטיק פון די הערשנדיקע אוקראַינישע פאַרטיי, ניט די טאַקטיק פון דער „באַר-

אנטוואָרטלעכער אָפּאָזיציע", ניט די „וויקזשעל"-טאַקטיק האָבן ניט געקאָנט באַוואָרענען קעגן דעם ניצאָכן פון דער סאַמע צעווישעטער רעאַקציע, וואָס איז אָנגעקומען אין רעזולטאַט פון צעקלאַפּן די באָלשעוויקעס. אדער דיקטאַטור פון פּראָליעטאַריאַט, אדער דיקטאַטור פון די פּריצים און פון דער בורזשואַזיע. די העטמאַן-איבערקערעניש האָט געגעבן בלויז א נייעם באַווייז אַף דער ריכטיקייט פון דער באָלשעוויסטישער ליניע. אלס ענטפער אַף דער דערהאַזיקער איבערקערעניש איז מיצאַד די באָלשעוויקעס און פון אַלע סאָמעווישע פּאַרטייען, וואָס זיינען געווען מיט זיי פאַרבונדן, געקומען דער אַנשיידענער רוף צו צוגרייטן א באַוואָפנטן אויפשטאַנד. דאָס מאָל איז דאָס שוין געווען ניט נאָר א רוף, נאָר דער טאַט אליין. אַף דער ריזיקער טעריטאָריע פון אוקראַינע האָבן דאָ און דאָרטן אָנגעהויבן אויפלאַקערן פּויערשע פּאַרטיזאַנישע אַריסטרעטונגען, וועלכע האָבן אַלץ מער באַאומרואיקט די דייטשישע און עסטרייכישע קאָמאַנדיעס. די באָלשעוויקעס זיינען אוועק אין דער אונטערערד, און נאָך זיי די „באָראָטביסטן"[52] „באָרביסטן"[53] און „געזאָלעזשניקעס"[54]. אָבער אין דערזעלבער צייט האָבן די באָלשעוויקעס פאַרהיט זייערע פאַרבינדונגען אין די לעגאַלע אָרגאַניזאַציעס, דעריקער אין די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען.

דער קליינבירגערלעכער „סאָציאַליזם" האָט, פאַרשטייט זיך, ווייטער זיך אויך אָפּגעזאָגט פון רעוואָלוציאָנערן קאַמף.

... די מענשעוויקעס, עסערן און דער „בונד" האָבן זיך באַזעצט אין זייערע אַלטע „פּעסטונגען" — די שטאָטדומעס, קעדיי זיך פאַרנעמען מיט ליופּעדיקער „אָרגאַנישער" אַרבעט און „בודירן" קעגן דער רעאַקציע". אָבער דאָ איז נויטיק גלייך צו פאַרצייכענען, אַז דער ניצאָכן פון דער בורזשואַזפּריצישער רעסטאַוראַציע האָט מיטאַמאָל אויפגעדעקט דעם נעבעכדיקן און צומאָל אויך קאָנטררעוואָלוציאָנערן כאַראַקטער פון אַסאַך אַזעלכע דומע-„רעוואָלוציאָנערן". דער קאָנטינגענט האַטמענער פון די שטאָטדומעס און אופּראַוועס פונם „סאָציאַליסטישן בלאָק" האָט פאַרגעשטעלט מיט זיך דעם סאַמע באַלעבאַטישן טייל „סאָציאַליסטן". צופאַסונג — דאָס איז געוואָרן די נייע פּראָגראַם פון דידאָזיקע נייע „צענזאָוויקעס".

פונם מאָמענט אָן פון דער העטמאַנישער איבערקערעניש איז געוואָרן אַלץ קלאָרער, אַז קעמפן קעגן דעם העטמאַנטום דורך מעטאָדן פון אַפּעלירן צו די מאַסן הייסט צוגרייטן א באַוואָפנטן אויפשטאַנד. יעדער רוף צו מאַסן-פּראָטעסט האָט זיך אָנגעשטויסן אָן דער פראַגע וועגן א פּאָליטישן שטרייק, וועלכער האָט אומפאַרמיידלעך באַדאַרפט אַריבערגיין אין א פאָרם פון אַן אָפענעם אויפשטאַנד. ווער עס האָט מוירע געהאַט פאַר אַן אויפשטאַנד, יענער האָט קאַטעגאָריש באַדאַרפט אויסשליסן פון זיין טאַקטיק יעטווידן ליניע פון אָפענעם פּראָטעסט קעגן דער רעסטאַוראַטאָרישער באַוועגונג. דער רעכטער פליגל מענשעוויקעס און עסערן און די עקסטרעכטע גרופּע אין „בונד", ווי אויך פון די „פאַריניקטע", האָבן זיך פולשטענדיק אָפּגעגעבן א חשבון אין דערהאַזיקער פראַגע פון דער טאַקטיק. זיי האָבן מער פאַר אַלץ מוירע געהאַט פאַר נייע ניצחונות פון דער

ראטנמאכט אין אוקראינע, און דא איז פאר זיי אלעמען קלאר געווען, אז א נייער בירגערקריג באטייט דעם אומפארמיידלעכן ניצאכן פון דער ראטנמאכט. דעריבער האט זיך זייער פאליטישע ליניע אלץ מער דערנעענטערט צו צופאסונג און קריבעריי.

דער לינקער פליגל מענשעוויקעס האט אין צוזאמענהאנג דערמיט, וואס די באלשעוויקעס זיינען אוועק אין אונטערערד, און אדאנק זיין באנוצן די רעוואלוציאנערע פראזע פארפעסטיקט זיינע פאזיציעס אין דער פראפבאוועגונג. פ ר י נ צ י פ י ע ל האט דערהאזייקער לינקער פליגל אנערקענט די נויטיקייט פון מאסן־טאטן און קאמף מיטן העטמאנטום. פ ר י נ צ י פ י ע ל האבן זיי ניט אויסגעשלאסן די נויטיקייט צו פארהיטן און ארסענאל קאמפס־מיטלען אויך דעם פאליטישן שטרייק. אבער אין יעדן געגעבענעם מאמענט איז אויסגעקומען אזוי, אז די האזייקע „לינקע" מענשעוויקעס האבן ניט אנערקענט פאר מעגלעך צו פירן אן אפענעם מאסן־קאמף: דער אומגלויבן אין די קרעפטן פון דער רעוואלוציע און די נעגאטיווע באציאונג צו דער ראטנמאכט האט געשאפן א געמיינזאמען באדן פאר א געמיינזאמער פראקטישער ליניע מיטן אפן ליקווידאטארישן פליגל פונם מענשעוויזם, באזונדערס נאך דערפאר, וואס די פאליטישע פאזיציע פון די מענשעוויקעס, עסערן, בונדיסטן, „פאריייניקטע" פון אלע טיילן איז געווען א געמיינזאמע — קאמף פאר אויפשטעלן די אלרוסלענדישע גרינדונגס־פארזאמלונג.

123. אין ווייסרוסלאנד אונטערן פויסט פון די אקופאנטן.

(קארעספאנדענץ פון פאלאצק. „אונזער וועג". נומ. 4, מאסקווע. 1918).

ס'איז אפילע אריבער ניט קיין סאך צייט, זינט פאלאצק איז אקופירט געווארן, — איבגאנצן איבער פיר כאדאשים, און דאך קאנט איר מיינען, אז איר זאלט זיך צוקוקן צו דער שטאט, ווי זי זעט אויס אויסערלעך, און צו איר אינעווייניקסטן לעבן, וואס שטארבט אפ ביסלעכווייז, אז יארנלאנג ליגט אף איר די שווערע האנט פון דער דייטשישער מאכט. אזא טרויעריקע און שטארקע ווירקונג האט געמאכט די קוהצייטיקע מעמשאלע פון די דייטשן אף אלע זייטן פון לעבן.

דאס ווירטשאפטלעכע לעבן איז איצט איבגאנצן צעשטערט. איבערהויפט האט געליטן די מיסכער־וועלט, וואו ס'איז געווען די לעצטע יארן צו באמערקן א באזונדערע אויפלעבונג, און איצט איז דער האנדל איבגאנצן כארעוו און מעכורעוו געווארן. די שטאט האט קימאט קיין שום מאגע אומאסע ניט מיט דער אויסערלעכער וועלט, אדאנק דעם וואס דער אייזנבאן־פארקער איז ניט צוריקגעשטעלט.

... אזוי שטארבט אפ צוביסלעך דאס גאנצע עקאנאמישע לעבן, און די באפעלקערונג, איבערהויפט די אידישע, ווערט פון טאג צו טאג אלץ מער פאראָרימט. ס'באמערקט זיך שוין א גרויסע אויסוואנדערונג. טעגלעך פארלאזן צענדליקער מענטשן די שטאט און מע לאזט זיך אין רוסלאנד.

...דאָס זעלבע באַמערקט זיך אין די אַרבעטער־קרייזן. דאָ איז די אַרבעטסלאָזיקייט מוירעדיק גרויס. זי ציט נאָך איר יעניקע פון באָלשעוויזם אָן, אָבער דאָ לעבאַלאָפּאָכעס זייִנען געווען פּרואוון צו קעמפן קעגן איר. איצט אָבער פירט זיך קיין שום אַרבעט ניט צו העלפן די אַרבעטסלאָזיקע.

... די אַרבעט פון די סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס איז קימאַט אינגאַנצן פּאַראַליזירט, דער גרעסטער טייל פון די אַקטיווע טוער זייִנען געווען געצוואונגען צו פאַרלאָזן די שטאָט. די אָקופּאַציאָנס־מאַכט שטעלט אויך גרויסע שטערונגען. און אַזוי איז די אַרבעט אין די אָרגאַניזאַציעס און פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען אָפּגעשטעלט געוואָרן.

דאָס פּאָליטישע לעבן. דאָ איז קעדאַי צו באַמערקן, אַז איבערהויפּט האָט זיך אויסגעגאָסן דער צאָרן פון דער דייטשישער מאַכט בענוגייע צום פּאָליטישן לעבן פון דער שטאָט ... לעכאַטכילע, באַם פאַרנעמען די שטאָט, האָט דער דייטש, פאַרשטייט זיך, דערקלערט זיין פּאָליטישן „נייטראַליטעט". ער האָט ניט בעדייע צו מישן זיך אין די אינערלעכע איניאָנים פון שטאָט, אין פראַגן פון פּאָליטיק. און וועט לאָזן די פולע פרייהייט דער שטאָטישער זעלבסטפאַרוואַלטונג אינם אינעווייניקסטן לעבן פון שטאָט.

„מיר זייִנען געקומען צו אייך ניט אַלס פייִנט, — האָט געזאָגט דער ערשטער קאָמענדאַנט באַם אַריינגיין אין שטאָט, — נאָר לויט אַן איינלאַדונג אויסצולייזן די שטאָט פון באַנדעס ראָצכים און גאַזלאָנים און אַנדערע באָלשעוויסטישע פּוראָניעס, איינצושטעלן רו און אָרדענונג".

מע דאַרף באַמערקן, אַז דיזאָזיקע דערקלערונגען האָבן דעמאָלט שטאַרק גויסע כיין געווען בא אַסאַך פון דעם עוילאָם, וואָס האָט געשפּאַנט געוואַרט אַף „מאָשיאַך האָגויעל". באַלד אָבער האָט אַפילע אָט דער עוילאָם אויך דערזעען דעם עמעסן פּאַרצוף פונם דאָזיקן „גוטן פרייִנט", „וואָס איז ווייט פון אָנבינדן זיין ווילן דער באַפעלקערונג, מאַכן אַף איר אַ דרוק" א.א.וו., ווי דאָס איז געווען געזאָגט אין די ערשטע מינוטן.

ניט קוקנדיק אַף דער צוגעזאָגטער אוטאָנאָמיע אינם אינעווייניקסטן שטאָטישן לעבן, איז צעטריבן געוואָרן די דעמאָקראַטיש אויסגעוויילטע שטאָט־דומע, פון וועלכער ס'זייִנען צוביסלעך באַזייטיקט געוואָרן די אויסגעוויילטע ראַטמענער, וואָס זייִנען ניט געפעלן געוואָרן דער דייטשישער מאַכט, איבערהויפּט, פאַרשטייט זיך, די סאָציאַליסטן. אַף זייער אָרט זייִנען באַשטימט געוואָרן דורך דעם קאָמענדאַנט מענטשן, צו וועלכע די באַפעלקערונג האָט ניט קיין צוטרוי, הויפּטזאַכלעך „טוער" פון די אַלטע דומעס. בעראָש פון דער שטאָט־מיליציע (איצט שוין פּאָליציי) איז אוועקגעשטעלט געוואָרן דער פריערדיקער צאַרישער פּאָליציי־מייסטער, וואָס האָט אָרגאַניזירט אין 1905 דעם אידישן פּאָגראָם. ס'איז איינגעשטאַנען טכיאַס־האַמייסים דער גאַנצער צאַרישער קלאַפּער־געצייג — די זשאַנדאַרמעריע, אָכראַנקע א.אַ.וו.

פאַרשטייט זיך, אַז די פּאָליטישע האַלטונג פון דער דייטשישער מאַכט, און אויך די רעפּרעסיעס בענוגייע צו איינצלנע טוער, פאַרשטייער פון אַרבעטער־

אָרגאַניזאַציעס, האָבן געבראַכט דערצו, אַז יעדע פּאָליטישע אַרבעט, ווי ביכלאַל דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן, האָט זיך אינגאַנצן אָפּגעשטעלט.

פינף האַטמענער, סאָציאַליסטן... זיינען אָן אַ שום דערקלערונג און באַשולדיקונג אַרעסטירט געוואָרן און מע האָט זיי אַרויסגעשיקט אין טיף דייטשלאַנד, אין אַ קאָנצענטראַציאָנס־לאַגער פאַר געפאַנגענע.

... דער פּראַקטישער דייטש נוצט אויס אַלע פאָרמען פון עקספּלואַטאַציע. איניינעם מיט די קאָנטריבוציעס אין אַ באַהאַלטענער פאָרם שעמט ער זיך ניט אַרויפצולייגן אויך אָפענע קאָנטריבוציעס, ווי ס'פירט זיך אַף דער גאַנצער וועלט בא די זיגער. אַזוי איז גאָר פון די ערשטע צייטן אַרויפגעלייגט געוואָרן אַף דער שטאָט אַ קאָנטריבוציע פון הונדערט טויזנט רובל... ניט סתם אַלס אַ קאָנטריבוציע לעטויוועס דעם זיגער, נאָר אַלס אַ שטראָף אַף דער באַפעלקערונג פאַר עפּעס אַ באָמבע, וואָס איז געפאַלן נעבן שטאַב. דאָס איז אָבער... געווען... אַ פּראָוואָקאַציע מיצאַד די דייטשן גופע.

... די דייטשן קומען צו הילף איבערהויפּט די פּריצישע בורזשואַזיע, פאַרשטייער פון אַדל־שטאַנד, אויך אייניקע אויסגעשפּראָכענע שוואַרצמייעניקעס, צווישן וועלכע ס'שפּילט אַ גרויסע ראָלע דער געוועזענער פאָרזיצער פון „פאַרבאַנד פונעם רוסישן פאָלק“, רימסקי־קאָרסאָקאָוו, אַן אָרטיקער גוטסבאַזיצער. די־דאָזיקע קנופּיע צעראַבירטע פּריצים, וואָס האָבן, נעבעך, שטאַרק געליטן אין דער צייט פון באָלשעוויזם, זיינען איצטער, פאַרשטייט זיך, שטאַרק באַגייסטערט פון די פּערספּעקטיוון אין דער צוקונפט צו בלייבן אונטער דער שוץ פון דייטשישן לייטענאַנט, וועלכער האָט דאָך זיי אומגעקערט די ערד, און ס'איז גאַנץ נאַטירלעך, וואָס זיי זיינען געוואָרן ברענענדיקע כסידים פון דער „דייטשישער אָריענטאַציע“.

מע האַלט אָפּ באַראַטונגען, מע טראָגט אַרויס באַשלוסן מיט טרייע אונטערטעניקס־געפילן דער דייטשישער מאַכט און מע איילט אַפילע דעם דייטש צו פאַרנעמען דעם איבערגעבליבענעם טייל פון וויטעבסקער גובערניע און עם באַרייניקן צו ווייסרוסלאַנד, וואָס דאַרף אַריבערגיין צום דייטשישן קעניג...

... אַגעוו, דאַרף מען באַמערקן, אַז אין דער אַרבעט פון די שוואַרצמייעניקעס נעמט אויך אָנטייל אייניקער אַ אידישער קלאַל־טוער, וועלכער נעמט זיך דאָס רעכט אין נאָמען פון דער אידישער באַפעלקערונג אַלע מאָל אַרויסזאָגן די „אונטערטעניקסטע געפילן“ דער דייטשישער מאַכט. דאָס איז אַ באַוואוסטער אָרטיקער „טוער“, וואָס האָט אַלע מאָל אין די יאָרן פון רעאַקציע געשפּילט אַ געוויסע ראָלע אינעם אידישן לעבן.

דערדאָזיקער „פאַרשטייער“ האָט געמוזט, לויט דער פאָדערונג פון דער דייטשישער מאַכט, ברענגען אַ שריפטלעכן באַווייז וועגן דער אָריענטאַציע פון דער אידישער באַפעלקערונג. צוליב דעם האָט ער געוואָלט איינסצענירן אַ פאַרזאַמלונג פון גאַבאַים פון די באָטעמעדראָשים, וועלכע האָט אָבער קיין מאַמאָשעסדיקע רעזולטאַטן ניט געגעבן. האָט דער „קלאַל־טוער“ באַשטימט, מיט דער הילף פון דער דייטשישער מאַכט, נייע וואַלן פון גאַבאָים...

124. דער אָנגריף פונם קאַפּיטאַל.

(ד. שלאָסבערג: „דער קאַמף קעגן שטיק-אַרבעט“. „פאָלקס-צייטונג“. נומ. 100 (162) פון 20-טן אויגוסט 1918).

... מיט עטלעכע מאָנאַטן צוריק האָט דער לידער פון די פאַבריקאַנטן בוקאָווינסקי אַף א באַראַטונג מיט די פאָרשטייער פון די אַרבעטער געזאָגט: אין דעם איצטיקן מאָמענט לאָזן מיר אָפּן די פראַגע וועגן דעם 8־שאָעדיקן אַרבעטס־טאָג, מיר געפינען אָבער, אַז עס איז אומבאַדינגט נויטיק איינצופירן שטיק־אַרבעט, כדי צו באַזייטיקן דעם חורבן אין דער פּראָדוקציע.

דאָס איז געווען אין די ערשטע טעג נאָך דער פּאָליטישער איבערקערעניש אַף אוקראַינע. מע איז נאָך ניט צוגעטראָטן צו דער ליקווידאַציע פון דער רעוואָלוציע, און די קאַפּיטאַליסטן האָבן נאָך די האָזע ניט געהאַט אָפּן אַרויסצוטרעטן קעגן דעם 8־שאָעדיקן אַרבעטס־טאָג.

פון יענער באַראַטונג אָן האָט זיך די לאַגע שטאַרק געביטן; די ליקווידאַציע פון דער רעוואָלוציע גייט מיט שנעלע טריט, און די פאָרשטייער פון קאַפּיטאַל האָבן אָנגעהויבן צו ריידן מיט די אַרבעטער גאָר אַף אן אַנדער לאָשן. מיט עטלעכע מאָנאַטן צוריק האָבן זיי נאָר אַרויסגעזאָגט זייער וואונש ווידער איינצופירן שטיק־אַרבעט; איצט איז דאָס בא זיי געוואָרן אן אולטימאַטיווע פאָדערונג. זיי ווילן ניט אַריינגיין אין קיין שום אונטערהאַנדלונגען וועגן וועלכע ס'איז איניאָנים מיט די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען ביז וואַנען די לעצטע וועלן ניט געבן זייער פּרינציפּיעלע האַסקאָמע איינצופירן שטיק־אַרבעט.

אַף אזא לאָשן רעדט מען דאָן, ווען מע פילט זיך גענוג שטאַרק. און מע מוז מודע זיין, אַז די מאַגנאַטן פון קאַפּיטאַל האָבן טאַקע הינטער זיך א פעסטן באָדן. איצט איז זייער וועלטל, אַף זייער גאַס איז יאָמטעוו.

עס הערשט איצט א שרעקלעכע אַרבעטסלאָזיקייט, און די באַלעבאַטים ווילן אויסנוצן דעם קריזיס, כדי אַריינצוטראָגן א וואָס גרעסערע דעמאָראַליזאַציע אין די אַרבעטערמאַסן און אָפּנעמען בא זיי דאָס, צו וואָס זיי האָבן זיך דערשלאָגן אין דער צייט פון דער רעוואָלוציע. אַף אָט דעם באָדן זיינען פאָרגעקומען פיל קאָנפליקטן, וועלכע האָבן זיך מערסטנטיילס געענדיקט ניט גינסטיק פאַר די אַרבעטער.

אין די פאַכן, וואו די אַרבעטסלאָזיקייט איז שטאַרק, קאָן קיין פראַגע ניט זיין וועגן שטרייקן, און טאַקע אין אָט די טיילן פון דער פּראָדוקציע שטייט שאַרף די פראַגע וועגן שטיק־אַרבעט. אין קיעוו, צום ביישפּיל, עפענען זיך ניט אייניקע פאַבריקן נאָר דערפאַר, ווייל די אַרבעטער זיינען ניט מאַסקים צו אַרבעטן שטיק־אַרבעט. אַף פיל אַנדערע פאַבריקן ווילן די באַלעבאַטים צונעמען צוריק אַלע אַרבעטסלאָזע, ווי נאָר מע וועט איבערגיין צו שטיק־אַרבעט; דאָס זעלבע באַמערקט זיך ניט נאָר אין קיעוו, נאָר אויך אין אַנדערע שטעט. עס פרעגט זיך אַלזאָ: צי זיינען די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען גענוג שטאַרק, צי האָבן זיי גענוג מיטלען, כדי צו שטיצן די אַרבעטסלאָזע און אַף אזא אופן אויסמיידן די דעמאָראַליזאַציע, וואָס די באַלעבאַטים ווילן אַריינטראָגן אין די אַרבעטערמאַסן?

נעמענדיק אין אכט דעם שווערן פינאנציעלן קריזיס, וואס אלע פראפעסיאנעלע פאריינען לעבן איבער, די פאליטישע באדינגונגען, וואס שטערן דער נארמאלער ארבעט פון די פראפעסיאנעלע פאריינען, מוז מען האבן דעם מוט צו זאגן דעם עמעס, אז די צייט איז איצט ניט גינסטיק; דער ארבעטער־קלאס איז ניט גענוג צוזאמענגערייט, קעדיי צו פירן מיט אן איינהייטלעכן פראגראם א דווערנדן קאמף קעגן איינפירן שטיק־ארבעט.

דער ארבעטסלאזער, ניט באקומענדיק גענוג שטיצע פון דעם פאריין, וועט סאפקאלסאף זיין געצוואונגען איינצוגיין אף די טנאים, וואס דער באלעבאס וועט אים ארויסשטעלן, אויסמיידנדיק דעם פאריין. דאס באמערקט זיך שוין אין איניקע בראנזשעס. אט פארוואס פאר יעדן פאראנטווארטלעכן פראפעסיאנעלן טוער שטעלט זיך הארב די פראגע: עפשער איז גלייכער אפטרעטן ארגאניזירטערהייט, איידער לאזן דעם סטיכישן פראצעס פון דעמאראליזאציע גיין ווי עס גייט, אבי בלייבן הארט באם פרינציפ פון צייט־ארבעט? עפשער איז גלייכער צו געבן די האסקאמע איינצופירן שטיק־ארבעט דארט, וואו דאס איז אומפארמיידלעך, קעדיי צו קאנען פארקלענערן, אויב ניט אינגאנצן אויסצומיידן די געפאר, וואס שטיק־ארבעט טראגט מיט זיך?

אף דעמדאזיקן שטאנדפונקט האבן זיך געשטעלט איניקע פאריינען אין אדעס, וואו שטיק־ארבעט איז שוין איינגעפירט קימאט אין אלע פאבריקן. אף דעמזעלבן שטאנדפונקט איז אויך גענויגט צו שטעלן זיך די קיעווער צענטראלביורא פון די פראפעסיאנעלע פאריינען. און מיר דאכט זיך, אז דער שטאנדפונקט איז א ריכטיקער.

125. די פירער פון די אידישע קאדעטן באוויליקן די העטמאנישע איבערקערעניש.

(רעדע פונם העטמאנישן מיניסטער גוטניק אפן צוזאמענפאר פון די קאדעטן. „נייע לעבן". נומ. 83 פון 13-טן מאי 1918).

— פעפאר צו ריידן דא וועגן דעם אפשאפן פון די גרונט־געזעצן אלם איינעם פון די טנאים, אף וועלכע די ק.־ד. פארטיי וואלט מאסקים געווען צו באטייליקן זיך אינם מיניסטעריום — האט גוטניק דערקלערט — מוז מען קלאר מאכן די זאך, וואס ס'זיינען אזעלכעס די גרונט־געזעצן? מע מוז זיך איינמאל פאר אלעמאל אפזאגן זיך פון הויך־קלינגענדע פראזן. די איבערקערעניש, וואס האט געבראכט מיט זיך די גרונט־געזעצן, עמעס, ניט פון דער אוקראינישער רעפובליק, נאר פון דער אוקראינישער מעלוכע, איז פארגרייט און פארווירקלעכט געווארן ניט דורך די קרייזן, וועמעס פארשטייער ס'זייגען אריין אין מיניסטעריום, נאר דורך די קרייזן, וועלכע פארפאלגן גאר אנדערע צוועקן. דערביי דארף מען ניט פארגעסן, אז ווען דידאזיקע גרונט־געזעצן זיינען אפילע ניט קאנסטיטוציאנעל, זיינען זיי אבער צייטווייליקע און די פראגע וועגן די פארמען פאר דער אוקראינישער מעלוכע וועט און קאן געלייזט ווערן נאר דורך דעם באפולמעכטיקטן ארגאן — דער פארזאמלונג פון פאלקס־פארשטייער פון אוקראינע.

דערום דאַרף מען זיך ניט באַציִען צו שטרענג צו די דאָקומענטן, וועלכע זיינען געשאַפן געוואָרן אין די באַדינגונגען פון דער איבערקערעניש. אויב זיי וועלן אַפילו פאָרמעל פאַרבלייבן, איז דאָס נאָר אויף 3—4 כאָדאָשים צייט ביז ס'וועלן זיך צונויפקלייבן די פאָלקס־פאָרטרעטער פון אוקראַינע. און איך דער־קלער, אַז בײַ דער רעגירונג מיט איר איצטיקן קאָמפּלעקט קען ניט זיין קיין רע־אַקציע, קען ניט זיין קיין רעדע וועגן דעם, אַז מע זאָל זיך צוריקקערן צום אַב־סאָלוטיזם.

ס'דערהערט זיך אַ שטים, וואָס פרעגט: „און דאָס פאַרבאָטן פונם שטאָט־צוזאַמענפאָר הייסט ניט אַבסאָלוטיזם?“

מיניסטער: איך וועל דערויף ענטפערן. איך דענק, אַז די צייט פון שרעקנ־דיקע ווערטער איז פאַריבער. די מורירע האָט געבראַכט דאָס, וואָס די רוסישע אינטעליגענץ האָט זיך איצט אַרויסגעוויזן צו זיין אומפעיִיק פאַר מעלוכע־אַרבעט (באַוועגונג צווישן די פאַרזאַמלטע). מיר באַטראַכטן די העטמאַנשאַפט ניט אַלס אַ זעלבסטהערשער, נאָר אַלס ראָש פון דער צייטווייליקער רעגירונג, וועלכע האָט זיך געשטעלט די אויפגאַבע צו דערפירן דאָס לאַנד אין באַדינגונ־גען פון רו און אָרדענונג צו דער פאַרזאַמלונג פון די פאָלקס־פאָרטרעטער פון אוקראַינע. מע מוז איינמאָל פאַר אַלעמאָל אָפּוואַרפן יעדן כשאַד.

איך באַריר דאָ די פראַגע דערפאַר, ווייל איך רעכן, אַז די בעסטע פּאָלי־טיק איז — די פּאָליטיק פון עמעס און אָפנהערציקייט. דער צוזאַמענפאָר איז פאַרבאָטן געוואָרן, ווייל ס'האָט זיך צו קלאָר אַרויסגעוויזן זיין שעדלעכע ריכ־טונג. איינציקע האָבן זיך אַפילו געהאַט אַרויסגעזאָגט, אַז מע זאָל אָפּוואַרטן ביז ער וועט זיך עפענען און אים צומאַכן אַזוי גיך, ווי ער וועט אָננעמען די אויבנ־דערמאָנטע ריכטונג. אָבער מער פּראַקטישע מענטשן האָבן איבערגערעדט, אַז ס'איז נייטיק ניט צו דערלויבן די ערעפענונג פונם צוזאַמענפאָר, ווייל נאָכדעם וואָלטן אַרויסגעקומען אַסאַך ערגערע פאָלגן, ווי איצט.

אויף די גאַסן פון קיעוו און אַנדערש איז רואיק, אָבער די רו איז נאָר אַן אויסערע. געהיימע קרייזן זיינען טועטיק און זייער אַרבעט איז אַ שמוציקע — זיי שטעלן זיך ניט אָפּ אַפילו פאַר שיקן מערדערלעך אין די אויסלענדישע רעד־זידענצן. ס'האָבן זיך שוין באַקומען יעדיעס, אַז אין כאַרקאָווער גוב. צינדט מען אונטער גיטער א. א. וו. און אויבם מאָמענט, ווען ס'איז נייטיק רו און אָרדע־נונג, טאָרן מיר ניט דערלאָזן, מע זאָל אונטערגיסן בוימל אויפן פייער...

די רעגירונג האָט מיט אַ רייִנעם געוויסן פאַרבאָטן דעם צוזאַמענפאָר, כאָטש זי האָט געוואוסט, אַז זי ריזיקירט מיט איר פּאָפּולאַריטעט. צופיל שוין האָט זיך די פריערדיקע רעגירונג פּאָפּולאַריזירט. פּאָפּולער איז געווען קערענ־קיס רעגירונג און נאָך מער לעניִנס (אַפּלאָדיסמענטן).

צומאָל זיינען רעפּרעסיעס, אַפילו די שווערסטע און שטרענגסטע, נייטיק. מע באַשולדיקט די רעגירונג, אַז זי שטיצט זיך אויף די דייטשישע שטיקעס. וועל איך אָבער פרעגן: האָט איר אַן אַנדער אויסגאַנג? קאָנט איר די מאַכט אָפּ־וואַרפן און זי אויסבייטן מיט אַן אַנדערער? פאַר אונדז איז ניטאָ קיין דריי־

טער וועג, פאר אונז איז פאראן נאר: אדער — אדער... אדער ארבעטן, אום צו שאפן א מעגלעכע בא די איצטיקע באדינגונגען, אדער פארבלייבן שטום צו דעם אלעם, וואס דאס לאנד ווערט כארעוו און גייט אינגאנצן צו גרונט.

אין נאמען פון די העכסטע אינטערעסן פון לאנד וועל איך פארבלייבן צו ארבעטן אזוי לאנג, ביז מיינע נערוון וועלן אויסהאלטן. מעגלעך, אז מיר זאל אויסקומען צו פארבאהאלטן מיינע אידעאלן, — וועל איך דערויף אויך איינגיין. מיר דערווארטן פון אייך קריטיק, אבער ניט קיין צו שטרענגע קריטיק. מיר דערווארטן שטיצע, ווייל אויב אונזערע מיניסטארן וועלן זיך ארויסווייזן פאר מיוסים, וועלן אויך אפשטארבן די אידעאלן, פאר וועלכע איר זייט זיך מאקריוו און צו וועלכע איר דינט (אפלאדיסמענטן).

126. די ווידעראויפלעבונג פון דער „שווארצער מייע“.

(„די שווארצע מייע אין אדעס“. „נייע לעבן“. נומ. 82 פון 11-טן מאי 1918).

שוין א לענגערע צייט ווי אין אדעס האט די „שווארצע מייע“ אויפגעהויבן איר קאפ. פון די לעבער זייענע ארויסגעקראכן די אלטע „אסקאנים“ פון דעם „פאריין פון די עכטרוסישע לייט“ און האבן שוין אנגעהויבן גאנץ אפן זייער העסלעכע אגיטאציע און פאגראם־העצע.

מיט יעדן טאג ווערן דיהאזיקע לייט כוצפעדיקער און פירן אן זייער ארבעט אפיציעל, פראנק און פריי.

נעכטן איז אין דער הויפט־געביידע פון אדעסער אוניווערסיטעט פארגעקומען א פארזאמלונג, וואו עס האבן זיך צונויפגעקליבן די פינסטערסטע און רעאקציאנערסטע עלעמענטן פון אדעס: גאלאכים... פראפעסארן, אלטע אפיצערן, גענעראלן, סטודענטן, דאמען, גימנאזיסטן און פיל אנדערע „העלדן“ פון חאדזיעווישעס *) ביידער. דער גרויסער זאל פון אוניווערסיטעט איז געווען שווארץ פון די 1500 פארזאמלטע. אלע האבן גערעדט וועגן דער נויטווענדיקייט אויפצושטעלן דעם מאנארכיזם און ארויסראטעווען ניקאלאיען פון די זשידעס, וועלכע האבן אים פארשפארט אין טאבאלסק.

איינער פון די רעדנער האט אין זיין רעדע אנגעוויזן, אז איצט איז געקומען די צייט אנצופירן א „נאציאנאלן“ קאמף פארן קיעם פון רוסלאנד.

דערביי האבן פיל פון די דאמען היסטעריש געשריען, אז מע זאל זיך טייקעף באפרייען פון די זשידעס און בעטן, אז די דייטשן זאלן מיטהעלפן דעם רוסישן פאלק אויפצושטעלן דעם טראן פון ניקאלאי ראמאנאוו.

*) פירער פון די ארטיקע מאנארכיסטן.

127. די פּאָזיציע פון בונד ערעוו דער העטמאַנישער איבערקערעניש.

(פון דער רעזאָלוציע פון דער 2-טער אַלאוקראַינישער קאָנפערענץ פון בונד[55]). „צייט-פראַגן“. נום. 1 פון 15-טן אַפּרעל 1918).

... די צוקונפט פון אוקראַינער פאָלקס-רעפובליק און די צוקונפט פון אַלע רעוואָלוציאָנערע דעראָבערונגען זיינען ענג פאַרבונדן מיטן קאַמף פון דעם אַרבעטער-קלאַס פון דער גאַנצער וועלט אַנטקעגן דער אימפּעריאַליסטישער געוואַלט פאַר פרייהייט און ווירקלעכע דעמאָקראַטיע. נאָר אין אינטערנאַציאָנאַלן מאַסשטאַב און ניט אָפּגעזונדערט פון אַלע פראַגן, וואָס האָבן זיך געשטעלט דורך דער מילכאָמע, קאָנען געלייזט ווערן די אַלע נאַציאָנאַלע אויפגאַבן, וואָס שטייען פאַר דער דעמאָקראַטיע פון אוקראַינע. דער פּראָלעטאַריאַט, וואָס איז די איינציקע רעוואָלוציאָנערע קראַפט אויך אַף אוקראַינע, מוז קאָנצענטרירן אַלע זיינע קרעפטן, קעדיי צו היטן די דעמאָקראַטישע דעראָבערונגען פון דער רעוואָלוציע.

די קאָנפערענץ רופט אַרויס די פאָלגנדע הויפּט-אויפגאַבן, וואָס שטייען פאַרן פּראָלעטאַריאַט און פאַר דער גאַנצער דעמאָקראַטיע אַף אוקראַינע.

...5) די צענטראַלע ראַדע און די רעגירונג דאַרפן אָננעמען אַלע מיטלען, קעדיי עס זאָל וואָס גיכער פאַרענדיקט ווערן דער קריג מיט רוסלאַנד און עס זאָל געשלאָסן ווערן אַ דעמאָקראַטישער שאָלעם אָן אַנעקסיעס און קאָנטריבוציעס, וואָס זאָל מעגלעך מאַכן די פרייע פּאָליטישע און עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג פון ביידע מעלוכעס און צוגרייטן אַף אַזאַ אויפן אַ באָדן פאַרן פרידלעכן צוזאַמענלעבן פון אַלע פעלקער.

... 7) די אינטערעסן פון אַרבעטער-קלאַס סאַי פון אוקראַינע, אַזוי אויך פון רוסלאַנד, די אינטערעסן פון דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג און פּאָליטישער זעלבשטענדיקייט פון די ביידע לענדער פאָדערן דורכויס, אַז עס זאָל וואָס גיכער אויפגעשטעלט ווערן די איינהייטלעכקייט פון דעם געוועזענעם רעוואָלוציאָנערן רוסלאַנד.

די סאָציאַל-דעמאָקראַטיע מוז דערום פאָדערן, אַז אַלס רעזולטאַט פונם שאָלעם צווישן רוסלאַנד און אוקראַינע זאָל די אוקראַינער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג אויפשטעלן דעם פעדעראַטיוון פאַרבאַנד צווישן דער סאָווערענער אוקראַינער פאָלקס-רעפובליק מיט די אַלע פרייע רעפובליקן פון דעם רעוואָלוציאָנערן רוסלאַנד (פאַר — 14, קעגן — 11).

גלייכצייטיק האַלט אָבער די קאָנפערענץ, אַז בא די איצטיקע אומשטענדן איז די וויכטיקסטע אויפגאַבע פון דער גאַנצער דעמאָקראַטיע אַף אוקראַינע צו פירן אַן ענערגישן קאַמף פאַר דער ווירקלעכער סאָווערעניטעט פון דער אוקראַינער פאָלקס-רעפובליק קעגן יעדער אויסערלעכער געוואַלט...

...8) בא דער איצטיקער קרעפטן-פאַרהעלטעניש אַף אוקראַינע, ווען די מעלוכע-מאַכט מוז אומפאַרמיידלעך איבערגיין צו די באַזיצנדע קלאַסן, ווען די פּאָליטיק פון דער רעגירונג איז געריכטעט פריער פאַר אַלץ אַף איינשטעלן אום יעדן פרייז רו און אָרדענונג אין לאַנד, קאָן דער אָנטייל פון דער סאָציאַל-

דעמאָקראַטיע נאָר פֿאַרשלייערן די ווירקלעכע קרעפֿטן־פֿאַרהעלטעניש, וועקן אין פּראָלעטאַריאַט פֿאַלשע אילוזיעס און סאָפּקאָלסאָף נאָר קאָמפּראָמעטירן די סאָצ.־דעמ. פּאַרטיי און איר קלאַסן־פּאָזיציע. דערום דאַרפֿן די פֿאָרשטייער פֿון דער סאָצ.־דעמ. פֿון אַלע פֿעלקער אַף אוקראַינע ניט נעמען קיין אָנטייל אין דער רעגירונגס־מאַכט און פֿולשטענדיק ליקווידירן די פֿריערדיקע פּאָליטיק, וואָס האָט געשטאַמט פֿון גאָר אַנדערע אומשטענדן און אויפֿגאַבן פֿון דער רעוואָלוציאָנערער עפּאָכע...

...9) די קאָנפֿערענץ געפֿינט, אַז בײַ היינטיקן טאָג אַנטשפּרעכט ניט די צענטראַלע ראַדע דער ווירקלעכער קרעפֿטן־פֿאַרהעלטעניש אין לאַנד.

...דערום געפֿינט די קאָנפֿערענץ, אַז איצט, ווען עס זיינען שוין אויסגעקליבן די גרעסטע צאָל דעפּוטאַטן פֿון דער אוקראַינישער גרינדונגס־פֿאַרזאַמלונג, איז דורכויס נויטיק, אַז דער אַרבעטער־קלאַס און די גאַנצע דעמאָקראַטיע זאָלן פֿאָדערן, אַז די ראַדע זאָל אָפּוואַרפֿן אַלע אירע וואַקלונגען אין דער דאָזיקער פֿראַגע, גלייך באַשטימען צונויפֿרופֿן די אוקראַינישע גרינדונגס־פֿאַרזאַמלונג און אָרגאַניזירן דערגאַנצונגס־וואַלן אין די ערטער, וואו די וואַלן זיינען ניט פֿאָרגעקומען צוליב אויסערלעכע שטערונגען.

128. די „פֿאַרייניקטע" וועגן די אויפֿגאַבן פֿונם מאָמענט.

(רעזאָלוציע פֿון דער ערשטער אַלאוקראַינישער קאָנפֿערענץ[56] וועגן פּאָליטישן מאָמענט. „פֿאָלקס־צייטונג", נומ. 75 (163) פֿון 4-טן מאַי 1918).

1. די מילכאָמע דויערט נאָך, און די יונגע אוקראַינישע פֿאָלקס־רעפּובליק לעבט נאָך איבער די רעוואָלוציע. דעריבער איז אוקראַינעס אָביעקטיוו פֿאַראינטערעסירט אין דעם גיכסטן אָנקומען פֿונם אַלגעמיינעם דעמאָקראַטישן שאָלעם, וועלכער וועט ענדגילטיק באַשטימען די פֿאָרמען פֿון איר זעלבשטענדיקער מעלוכע־עקזיסטענץ. און איר אַרבעטער־דעמאָקראַטיע, נאָך באַגייסטערט פֿון דער רעוואָלוציע, איז נאָך פֿעאיק און גרייט צו נעמען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער גרויסער אַרבעט פֿון אויפֿשטעלן דעם אינטערנאַציאָנאַל.

2. דעריבער שטייט פֿאַרן פּראָלעטאַריאַט פֿון אַלע פֿעלקער פֿון אוקראַינע אין איצטיקן מאָמענט די אויפֿגאַבע, ערשטנס: צו פֿאַרטיידיקן די זעלבשטענדיקייט פֿון דער אוקראַינישער פֿאָלקס־רעפּובליק, אַף וויפֿל זי איז אַ רעזולטאַט פֿון דער רוסלענדישער רעוואָלוציע אָפּן געביט פֿון פֿעלקער־באַפֿרייאונג, און ניט דערלאָזן, אַז אָט די זעלבשטענדיקייט זאָל אויסגענוצט ווערן פֿונם אימפּעריאַליזם צוליב זיינע צילן; און צווייטנס: צו פֿאַרזעצן זיין אַרבעט אָפּן געביט פֿון שאַפֿן און פֿאַרפֿעסטיקן זיינע קלאַסן־אָרגאַניזאַציעס, קעדיי צו פֿאַרטיידיקן און פֿאַרטיפֿן די דערגרייכונגען פֿון דער רעוואָלוציע, באַזונדערס זיינע קלאַסן־דערגרייכונגען; דריטנס: באַזונדערס אָפּהיטן די ניי־געשאַפֿענע אַף אוקראַינע יעסוידעס פֿון נאַציאָנאַל־פּערסאָנאַלער אווטאָנאָמיע, וועלכע גיט אים די מעגלעכקייט אין ענג געשלאָסענע רייען ווייטער פֿירן זיין קאַמף פֿאַרן סאָציאַליזם;

און פערשנס: מיטהעלפן מיט אַלע מיטלען וואָס גיכער צוריק אײַנשטעלן דעם אינטערנאַציאָנאַל, וועלכער דאַרף ענדלעך פֿאַרזיכערן דאָס אָנקומען פון דעם דעמאָקראַטישן שאָלעם.

די ערשטע אַלאוקראַאינישע קאָנפֿערענץ פון דער פ.א.ס.א.פ. געפינט דער־פאַר:

1. אַז דער אוקראַאינישער טייל פון דער פאַראייניקטער אידישער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־פּאַרטיי, וועלכע איז די פאַרטיי פונם אידישן פּראָלעטאַריאַט אין אוקראַאינע, דאַרף פאַרטיידיקן די זעלבשטענדיקייט פון דער אוקראַאינישער פאָלקס־רעפּובליק; זי דאַרף אָבער אין דערזעלבער צײַט אַרויסטרעטן פאַרן לאָזונג פון א פעדעראַציע פון אוקראַאינע מיט די איבעריקע טיילן פונם געוועזענעם רוסלאַנד, און איר פראַקציע סײַ אין דער ראַדע, סײַ אין דער קאָמענדיקער אוקראַאינישער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג דאַרף אָט דעם לאָזונג אַרויסשטעלן און אים שטיצן.

2. פאַרטיידיקן קעגן ווען ס'זאָל ניט זײַן אַלע דעראָבערונגען פון דער רעוואָלוציע און די באַזונדערס וויכטיקע אין איצטיקן מאָמענט דעראָבערונגען — די פוליע רעכט און מאַכט אַף די ערטער פון די שטאָטישע און זעמסקע זעלבסטפאַרוואַלטונגען.

3. מיט א באַזונדער ענערגיע באַשיצן אַלע אָרגאַניזאַציעס פונם אַרבעטער־קלאַס און די גרונט־פרײַהייטן זײַנע: פון שטרייקן, קאָאַליציעס א.ד.גל.

4. פאַרפעסטיקן די רעכט פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, די נאַציאָנאַל־פערסאָנאַלע אווטאָנאָמיע, די גלײַכבארעכטיקונג פון די שפּראַכן א.א.וו.

5. צוליב די אַלע וויכטיקע אויפגאַבן מוזן די אָרגאַניזאַציעס פון דער פ. א. ס. א. פ., סײַ די צענטראַלע, סײַ אַף די ערטער, שטרעבן צו שאַפן אן איינהייטלעכן סאָציאַליסטישן פראָנט אין אוקראַאינע.

129. די ערשטמאַי־לאָזונגען פון בונד.

(פונם אויפרוף פונם צייטווייליקן אוקראַינער הויפּט־קאָמיטעט פון בונד. „צייטפראַגן”, נומ. 1).

...בעאײַסן יאַנטעוו פון 1־טן מאַי דאַרף דער אַרבעטער־קלאַס פון דער גאַנצער וועלט דעמאָנסטרירן די שטרעבונג צו אינטערנאַציאָנאַלער פאַראייניקונג, די שטרעבונג צו ליקווידירן דעם איצטיקן קריג.

קעגן אימפּעריאַליזם — פאַרן סאָציאַליזם! קעגן מילכאָמע — פאַר שאָלעם!

קעגן פעלקער־האַס — פאַר אינטערנאַציאָנאַלער סאָלידאַריטעט!

און קעדיי דאָס זאָל גיכער פאַרווירקלעכט ווערן, דאַרף וואָס גיכער צונויפגערופן ווערן דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער קאָנגרעס, עס דאַרף וואָס גיכער אײַנגעשטעלט ווערן דער צעבראָכענער און צעריסענער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־אינטערנאַציאָנאַל.

דערזעלבער לאָזונג אויך אינעווייניק אין לאַנד, וואו מע שטרעבט צו צעטיילן דעם אַרבעטער־קלאַס און אָנהעצן איין טייל אַפן צווייטן, איין נאַציע אַף דער צווייטער.

האנט בא האנט, מיט פאָנען אף אלע שפּראכן, וועלן אין דעם טאָג מארשירן איבער די גאסן פון אוקראינע די רוסישע, אוקראינישע, פּוילישע, אידישע ארבעטער, דעמאָנסטרירנדיק זייער איינקייט קעגן דער רעאקציע, קעגן שאָוויניזם, קעגן דער קאפּיטאליסטישער עקספּלואטאציע.

...פארטיידיקן די אלע דערגרייכונגען, וואָס די רעוואָלוציע האָט געבראכט דעם ארבעטער־קלאס, ניט לאָזן ווידער אָפּווארפן דעם פּראָלעטאריאט און די גאנצע דעמאָקראטיע אף צוריק, צו די צייטן פון דער צארישער אָרדענונג.

פולע פרייהייט פון שטרייקן, פארייניגן, פארזאמלונגען און פּרעסע, פולע פרייהייט פאר אלע סאָציאליסטישע פּארטייען צו אָרגאניזירן זיך און פירן זייער אויפקלערונגס־ארבעט און קאמף.

די אָפּהיטונג פון אלגעמיינעם וואל־רעכט און פון אלע זעלבסטפארוואלטונגס־אָרגאנען (דומעס, זעמסטוועס), וואָס זיינען געבויט אפן אלגעמיינעם וואל־רעכט.

קאמף קעגן יעדער נאַציאָנאַלער באשרענקונג און קעגן ספּעציעלע פּריווילעגיעס פאר וועלכע ניט איז נאציעס. פולע נאַציאָנאַלע גלייכבארעכטיקונג. די דורכפירונג פון קולטורעל־נאַציאָנאַלער אווטאָנאָמיע.

דער 8־שאָעדיקער ארבעטס־טאָג דארף אפן שטרענגסטן אויפן אָפּגעהיט ווערן.

קיין אומקערונג פון דער ערד צו די פּריצים און די גרויסע ערד־באזיצער — די גאנצע ערד דארף געהערן דעם פאָלק, וואָס באארבעט זי מיט זיינע הענט.

און איבער אלץ, קעדיי צו באפעסטיקן די אלע דערגרייכונגען, דארף דער ארבעטער־קלאס איצט טאָג פון 1־טן מאי לאָזן הערן זיין רוף און אונטערשטיצונג פאר דער אוקראינישער גרינדונגס־פארזאמלונג. נאָר זי קאָן איינשטעלן די יעסוידעס פון מעלוכע־אָרדענונג. נאָר זי קאָן אויפשטעלן אויך די פעדעראטיווע פארבינדונגען מיט די איבעריקע פרייע טיילן פון רוסלאנד, וואָס איז אזוי וויכטיק פארן ארבעטער־קלאס.

קיינער טאָר אין דעם טאָג ניט זיין בא דער טעגלעכער געוויינלעכער ארבעט און בא זיך אינדערהיים.

אלע אף די גאסן, אלע אין געשלאָסענע רייען אונטער די רויטע רעוואָלוציאָנערע פאָנען...

דער צייטווייליקער אוקראינער
הויפּט־קאמיטעט פון „בונד”.

קיעוו. 18 **אפרעל** 1918.

130. די באָלשעוויקעס אַף דער אַלאוקראַינישער קאָנפערענץ פון די פּראָפּאַריינען.

(פונם פּאַרטראַג פון כ׳ פּיראָגאָוו אַף דער 1-טער אַלאוקראַינישער קאָנפערענץ פון די פּראָפּאַריינען[57]. י. קרייזעל: „די פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונג און די עסטרייך-דייטשישע אָקופּאַציע“. (רוסיש) ז. ז. 45—46).

דער פּאַרטרעגער פון דער באָלשעוויסטישער פראַקציע, כ׳ פּיראָגאָוו (כאַרקאָוו), לייקנט אָפּ די באַהויפּטונג, אַז אוקראַינע לעבט איבער אַ טקופע פון רעאַקציע און אויסצערונג פון דער פּראָלעטאַרישער ענערגיע.

„די מעטאָדן, וואָס ס׳רעקאָמענדירט כ׳ נאַומאָוו — זאָגט ער — זיינען ברוכטלאָז בא די איצטיקע באַדינגונגען. בא דער עקזיסטענץ פון אַן אינדוסטריעלן קריזיס וועט די בורזשואַזיע קיינמאָל ניט איינגיין אַף אַ פּיל ניט איז גינסטיקן פאַרן אַרבעטער־קלאַס קאָלאָפּמאַך. שטרייקן איז אויך אוממעגלעך. מע דאַרף וואַרטן אַפן אויפשטייג פון דער רעוואָלוציאָנערער כוואַליע און אַף דער רעוואָלוציע אין מאַירעוו-אייראָפּע. נאָר בא דער ענדערונג פון דער פּאַרטייאישער סיטואַציע און ניצאָכן פון דער ראַטנמאַכט וועלן די פּראָפּאַריינען קאָנען באַפעסטיקן זיך און דערשלאָגן זיך פיל ניט איז רעאַלע רעזולטאַטן פונם קאַמף*).

פון אַריינטראָגן רעזאָלוציעס און באַטייליקן זיך אין דער אָפּשטימונג האָבן די באָלשעוויקעס זיך אָפּגעזאָגט. זיי האָבן דערקלערט:

„די סיבעס, וועלכע האָבן אַרויסגערופן די רוסישע רעוואָלוציע, ווירקן נאָך אויך איצט. די מילכאָמע מוז ברענגען צו אַ רעוואָלוציע אויך אַפן מאַירעוו. בא אַזעלכע באַדינגונגען איז איצט ניט מעגלעך צו אָנמערקן דעם פּלאַן פונם עקאָנאָמישן קאַמף. מירן ניט אַריינטראָגן קיין רעזאָלוציעס, נאָר מירן גיין אין די פּראָפּאַריינען, וועלכע וועלן דערווייזן, אַז זיי זיינען אין טאָך קעגן דער רעזאָלוציע פון כ׳ נאַומאָוו**).

*) דער פּאַרטראַג פון כ׳ פּיראַגאָוו איז דאָ איבערגעגעבן זייער ניט פול. דער כ׳ פּיראַגאָוו האָט ניט בלויז קריטיקירט נאַומאָווס שטעלונג, נאָר אויך בררייט אַנטוויקלט די שטעלונג פון די באָלשעוויקעס. ער האָט אונטערגעשטראָכן, אַז די באָלשעוויקעס בלייבן אַף זייער פּאָזיציע פון ראַטנמאַכט און האָט פאַרענדיקט זיין פּאַרטראַג מיט די ווערטער: „די ראַטנמאַכט איז אוועק, די ראַטנמאַכט וועט קומען“.

מ. ראַפּעס.

**) דער פּאַרטרעגער פון דער אָרגאַניזיר-קאָמיסיע, דער מענשעוויק נאַומאָוו—גינזבורג, האָט אין זיין רעזאָלוציע פאָרגעלייגט די פּראָפּאַריינען אָפּזאָגן זיך פון אַן אָנגריף-פּאָליטיק און פירן בלויז אַ פּאַרטיידיקונגס-קאַמף פאַר איינהאַלטן די גרונט-דעראָבערונגען (דעם 8-שאָעדיקן אַרבעטס-טאָג, פאַבריק-קאָמיטעטן און קאָלאָפּמאַך). בא דער אָפּשטימונג פון זיין רעזאָלוציע האָבן 72 דעלעגאַטן (די קאָמוניסטן, לינקע ס-ר און אייניקע אַנדערע) אײַנגאַנצן ניט באַטייליקט זיך, 5 האָבן געשטימט קעגן איר און 19 האָבן זיך אָפּגעהאַלטן.

131. די פּאָליטישע פּאָזיציע פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען.

(רעזאָלוציע פון דער I-טער אַלאוקראַיִנישער קאָנפערענץ פון די פּראָפפאַריינען. י. קרייזעל: „די פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונג און די עסטרייך-דייטשישע אָקופּאַציע". קיעוו, 1924. ז. ז. 52 - 53.)

די ערשטע אַלאוקראַיִנישע קאָנפערענץ פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען, וועלכע פאַרטרעטן העכער א האַלב מיליאָן אָרגאַניזירטע אַרבעטער האַלט פאַר איר כויוו צו פאָרמולירן פאַרן גאַנצן אַרבעטער-קלאַס און פאַרן גאַנצן לאַנד די באַציאונג פונעם פּראָפעסיאָנעל פאַראייניקטן פּראָלעטאַריאַט צו דער געשאַפענער אין אוקראַינע פּאָליטישער לאַגע, וועלכע דראָט צו אַנטוואָפענען דעם גאַנצן אַרבעטער-קלאַס, אַרונטעררייסן דעם רעכטלעכן יעסאָד פון דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג און דורכדעם אָנמעכטיק מאַכן די אַרבעטער באַם אָנגריף פונעם פאַראייניקטן קאַפּיטאַל, וועלכער פאַרמעסט זיך אַף אַלע עקאָנאָמישע דעראָבערונגען פונעם אַרבעטער-קלאַס.

די קאָנפערענץ דערקלערט, אַז דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג אין אוקראַינע דראָט איצט די גרעסטע געפאַר מיצאַד דער זיגרייכער, אַדאַנק די אויסלענדישע באַגנעטן, בורזשואַזפּריצישער רעאַקציע, וועלכע פאַרמעסט זיך אַף אַלע עקאָנאָמישע, פּאָליטישע און נאַציאָנאַלע דעראָבערונגען פון דער רעוואָלוציע און שטרעבט אויפצושטעלן די אַלטע אָרדענונג, באַ וועלכער ס'איז לאַכלוטן ניט מעגלעך די פרייע אַנטוויקלונג פון דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג און דער עקאָנאָמישער קאַמף פונעם אַרבעטער-קלאַס.

דער ברעסקער שאָלעם וואָס האָט געמאַכט דעם אָנהייב פונעם פאַרבאַנד פון דער אינערלעכער און צווישנפעלקערלעכער רעאַקציע אַף צו קעמפן קעגן די סאָציאַלע און דעמאָקראַטישע דעראָבערונגען פון דער רעוואָלוציע, האָט געבראַכט צו דער געצוואונגענער צעטיילונג פון רוסלאַנד, צו דער צעשטערונג פון דער פאָלקסווירטשאַפטלעכער איינהייט און צו דער צעברעקלונג פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראייניקונגען פונעם אַרבעטער-קלאַס. די קאָנפערענץ דערקלערט, אַז אין די אינטערעסן פון דער אויפלעבונג פון אוקראַינע און רוסלאַנד און קעדיי פאַררויסצומיידן די געפאַר פאַרוואַנדלט צו ווערן אין קאָלאָניעס פונעם צענטראַל-אייראָפּעאישן אימפּעריאַליזם, אין די אינטערעסן פון דער אויפשטעלונג פון דער איינהייט פון דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג און עקאָנאָמישן קאַמף פונעם פּראָלעטאַריאַט, — איז נייטיק שטרעבן אויפצושטעלן די פאַרבינדונג פון אוקראַינע מיט רוסלאַנד אַף די יעסוידעס פון א פעדעראַטיווער דעמאָקראַטישער רעפּובליק, וואָס ס'קאָן פאַרווירקלעכט ווערן, ווי א רעזולטאַט פון א פאַראייניקטן קאַמף פונעם אַלרוסלענדישן פּראָלעטאַריאַט פון אוקראַינע און רוסלאַנד פאַרן ניצאָכן פון די יעסוידעס פון דער פאָלקסווירטשאַפט.

אַנטשיידן פּראָטעסטירנדיק צוזאַמען מיט דער גאַנצער דעמאָקראַטיע קעגן דער איבערקערעניש פון 28-טן אַפּרעל, [58]) וועלכע איז געמאַכט געוואָרן קעדיי אַראָפּצורייסן די אוקראַיִנישע גרינדונגס-פאַרזאַמלונג און רעסטאַוורירן די מאָנאַרכיסטישע אָרדענונג, דערקלערט די קאָנפערענץ, אַז דעם גורל פון אוק-

ראַיגע דאַרף באַשטימען בלויז דער ווילן פון די פעלקער, וואָס באַוואוינען זי, וועלכן ס'דריקט אויס די אוקראַינער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג, וועלכע וועט איינשטעלן א דעמאָקראַטישע אָרדענונג, — די איינציקע, וואָס גאַראַנטירט די פרייע אנטוויקלונג פון דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג. יעדער פּרואוו פון דער רעאַקציע פאַרשמעלערן דאָס אַלגעמיינע וואַל־רעכט וועט דער פּראָפעסיאָנעל אָרגאַניזירטער פּראָלעטאַריאַט באַגעגענען, ווי אן אָנפאַל אַף איינע פון די גרונט־דעראָבערונגען פון דער רעוואָלוציע, וואָס האָט דעם ציל ארויסצושלאָגן פון די הענט פונם ארבעטער־קלאַס א מעכטיק געווער פונם פּאָליטישן קאַמף, און ביפראַט אָפּשוואַכן זיינע פּאָזיציעס אינם עקאָנאָמישן קאַמף.

בלייבנדיק טריי דעם לאָזונג פון א דעמאָקראַטישער רעפּובליק, וועלכן ס'רוקט ארויס און פאַרטיידיקט דער גאַנצער אַלוועלטלעכער פּראָלעטאַריאַט, וואַרפט די קאָנפערענץ אַנטשיידן אָפּ אַלע נייע ווענדונגען צום ארבעטער־קלאַס וועגן ווידער שטעלן זיך אַבן וועג פונם קאַמף פאַר דער מאַכט פון די ראַטן. דערהאָזיקער וועג האָט שוין געבראַכט צו דער פאַנאַנדערטרייבונג פון דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג און פון די דעמאָקראַטישע אָרגאַנען פון דער אָרטיקער זעלבסטפאַרוואַלטונג, צו דער אונטערדריקונג פון דער וואָרט־פרייהייט, קאָאַליציע־רעכט, אומבאַרירלעכקייט פון פּערזאָן. דערדאָזיקער וועג האָט געבראַכט צו קלוימערשט סאָציאַליסטישע עקספּערימענטן, וועלכע האָבן דערשלאָגן די פאָלקס־ווירטשאַפט, אָפּגעשטויסן אין לאַגער פון דער רעאַקציע אייניקע שיכטן פון דער שטאָטישער און דאָרפישער קליינבורזשואַזיע, פאַרוואַנדלט די פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס פונם פּראָלעטאַריאַט אין אַדמיניסטראַטיוו־ווירטשאַפטלעכע אָרגאַנען.

דיסקאָנטירנדיק די ניט גינסטיקע אינערלעכע און צווישנפעלקערלעכע לאַגע, דאַרפן די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען אָנווענדן די גאַנצע ענערגיע פונם ארבעטער־קלאַס אַף איינצוהאַלטן און פאַרפעסטיקן די קלאַסן־אָרגאַניזירטקייט, פעסטער פאַרטיידיקן די רעוואָלוציע, אָנזאַמלען קרעפטן און אונטערהאַלטן די מונטערקייט און סאָלידאַרישקייט. דער קאַמף קעגן דער רעסטאַוראַציע פון דער אַלטער אָרדענונג און פאַר דער אויפשטעלונג און פאַרפעסטיקונג פון דער קאָנסעקווענטער פאָלקס־הערשאַפט אין צענטער און אַף די ערטער דאַרף איצט זיין די פאַראייניקנדיקע אויפגאַבע פונם ארבעטער־קלאַס, וועלכע פאָדערט די גרעסטע אָרגאַניזירטקייט און אויסגעהאַלטנקייט מיצאַד אַלע פאַראַנטוואָרטלעכע אָרגאַניזאַציעס פונם ארבעטער־קלאַס. דעריבער, גייענדיק בעראָש פון די ארבעטער־מאַסן אין זייער אָרגאַניזירטן קאַמף קעגן די רעאַקציאָנערע פּרוּוון אָפּצושאַפן די דעראָבערונגען פון דער דעמאָקראַטיע, אָפּוואַרנדיק אין דער זעלביקער צייט דעם וועג פון די ריזיקאַלע און וואַנטוריסטישע עקספּערימענטן, דאַרפן די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען, ניט אונטערגעבנדיק זיך אַף די פּראָוואָקאַציעס מיצאַד דער רעאַקציע, ארויסווייזן די עקסטע פאָרזיכטיקייט אין דער פראַגע וועגן אַזעלכע מאַסאָווע ארויסטרעטונגען, וועלכע באַ א דורכפאַל אין דער לאַגע פון אָקופּאַציע־מיליטערישער און סאָציאַל־פּאָליטישער רעאַקציע קאָ־

נען ברענגען צו א צעגרייטונג פונם ארבעטער-קלאס אין זיינע פראפעסיאנעלע ארגאניזאציעס.

אנערקענענדיק, אז אינם אפשטעלן דעם וואוקס פון דער וועלט-רעאקציע און פון דער צעפאלונג פון דער רעוואלוציע איז פארינטערעסירט דער גאנצער אלוועלטלעכער פראלעטאריאט, און אז פארווירקלעכן דאס איז מעגלעך נאר דורך זיינע פאראייניקטע אנשטרענגונגען, דארפן די פראפעסיאנעלע פאראייניגונגען שטרעבן אויפצושטעלן דעם פראפעסיאנעלן און סאציאליסטישן אינטערנאציאנאל.

132. די בונדישע פרעסע וועגן אנפאל אפן ב׳ לענין.

(„וועגן טעראר“. „פאלקס-צייטונג“. נומ. 111 (173) פונם 2 טן סענטיאבער 1918 „דער מאסן-טעראר“. „פאלקס-צייטונג“. נומ. 116 (178) פון 10-טן סענטיאבער 1918).

דער טעלעגראף האט געבראכט מיטאמאל צוויי ידיעות וועגן טעראר, וואס איז געווענדעט קעגן די אנפירער פון דער באלשעוויסטישער מאכט: קעגן לענינען, וואס קאן מיט שטאלץ טראגן אף זיין קאפ די פאראנטווארטלעכקייט פארן גאנצן צווייטן פעריאד פון דער רוסישער רעוואלוציע מיט איר כורבן און שאנד, און קעגן דעם קליינינקן העלד א ו ר י צ ק י ן [59] וואס האט פאראייביקט זיין נאמען מיטן צעטרייבן פון דער רעוואלוציאנערער גרינדונגס-פארזאמלונג.

דער טעראר פון אויבן ברענגט אומפארמיידלעך דעם טעראר פון אונטן — דאס איז שוין די געזעלשאפטלעכע פסיכאלאגיע בעאיים דער שוואכער ארגאניזירונג פון די געזעלשאפטלעכע קרעפטן. און שוואך מוזן זיך פילן די, וואס האבן נאר איין מיטל אין קאמף קעגן דער באלשעוויסטישער מאכט, ווען זיי רעכענען מיטן בראונינג קעגן לענינען אפצוראמען דעם וועג פאר דער גרינדונגס-פארזאמלונג.

דער טעראר פון אונטן ברענגט נייעם טעראר פון אויבן. דער מאסקווער ארבעטער-ראט רופט צו ענטפערן מיט רעפרעסיעס קעגן אלע „קאנטער-רעוואלוציאנערן“. אף די נאענטסטע וואכן וועלן מיר זען די ווילדסטע אקטן פון דער באלשעוויסטישער מאכט. און פון די נייסטע רעפרעסיעס וועלן פריער פאר אלץ ליידן די טויזנטער, וואס זיצן אין די באלשעוויסטישע טורמעס.

א נוצלאזער אקט, וואס ברענגט אפילע ניט קיין מאראלישע באפרידיקונג. אקוראט ווי די בלוט-באד, וואס די באלשעוויקעס האבן ארגאניזירט קעגן די אנטיילנעמער פון מאסקווער אויפשטאנד [60], זייערע נעכטיקע כאוויירים די לינקע סאצ. רעוו., אזוי דערמאנט אויך דער אטענטאט קעגן לענינען נאר אן דעם טיפן אפגרונט, וואס דער בירגער-קריג האט אויסגעגראבן צווישן די אמאליקע ברידער פון איין רעוואלוציאנערער ארמיי.

אפן דעק פון דעם דאזיקן אפגרונט וועט דאס פאלק און דער ארבעטער-קלאס קיין פרייהייט ניט געפינען.

***

... די באָלשעוויסטישע מאַכט פאַלט. דער מאַסן־טעראָר וועט זי ניט ראַטעווען, נאָר בא דעם פאַלן גראָבט זי אויס א טיפן אָפּגרונט, וואָס צענדליקער יאָרן וועט אים דאָס לעבן ניט קאָנען פאַרשיטן. און בעת די רעסטאווראַציע וועט קומען, וועט זי ניט האָבן קעגן זיך קיין שום אָרגאַניזירטע קראַפט, ווייל אַלץ וועט פאַרטרונקען אין דעם בלוט פון מאַסן־טעראָר.

מיר ווייסן: א טיפער מיטגעפיל רופט ארויס אין דער אַרבעטער־מאַסע אף איקראַינע לעגין, וועלכן מע האַלט האָך פאַר דעם געוואַלדיק גרויסן פירער פון אַרבעטער־קלאַס. מיר ווייסן, ס׳ווערן געפירט געשפרעכן וועגן שיקן מיטליידס־דעפעשן דעם פאַרוואונדעטן לעגינען. אזוי האָט זיך געענדערט די שטימונג, אדאַנק דער רעסטאווראַציאָנס־אַרבעט פון אונזער מאַכט. מיר ווילן אָבער דערמאָנען, אז מער אַכטונג צו זיך איז נויטיק אין אזא טראַגישן מאָמענט. ווי גרויס ס׳זאָל ניט זיין דער מיטגעפיל צו לעגינען, האַרף בא יעדן איינציקן ארויסרופן דעם שטאַרקסטן פראָטעסט די שכיטע, וואָס ווערט פאָרגענומען דורך די באָלשעוויקעס אָפט קעגן אונזערע אייגענע ברידער און פריינט.

133. די „פאַריייניקטע“ אין דער ווייסרוסלענדישער נאַציאָנאַלער רעגירונג.

(מ. גוטמאַן: „אין ווייסרוסלאַנד“. „אונזער וועג“. מאָסקווע, נומ. 4 פון 26־טן יוני 1918).

... פאַר אונזער פאַרטיי איז גאָר קיינמאָל קיין פראַגע ניט געווען, צי דאַרפן מיר זיך באַטייליקן אין דער ווייסרוסלענדישער מעלוכע־בוי־אַרבעט. און דאָס איז גאַנץ נאַטירלעך. אַלס בירגער פון לאַנד, קאָנען אידן ניט בלייבן גלייכגילטיק צו זיין מאָרגן און צו זיין צוקונפט. דער אידישער פּראָלעטאַריאַט קאָן אפשיטע ניט שטיין אָן דער זייט, בעת ס׳קעמפט פאַר נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע פרייהייט דער עקספּלואַטירטער קלאַס פונם אונטערדריקטן ווייסרוסישן פאָלק. באַזונדערס האָט זיך אונזער פאַרטיי געמוזט וואַרים אָפּרופן אף דער ווייסרוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, וואָרום אירע לאָזונגען זיינען גלייכצייטיק געווען ניט נאָר סאָציאַלע, נאָר אויך נאַציאָנאַלע. מיר האָבן אַלעמאָל פראָפּאַגאַנדירט דעם געדאַנק, אז די איינציקע ראַדיקאַלע פאַרענטפערונג פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע פאַר די פיל רוסלענדישע פעלקער, וואָס וואוינען אין באַשטימטע קאַנטן און בילדן די מערהייט, איז דאָס איבערבויען רוסלאַנד אין א פעדעראַציע פון גלייכבארעכטיקטע רעפובליקן מיט נאַציאָנאַל־פּערסאָנאַלער אויטאָנאָמיע פאַר די מינדערהייטן. אויב לעבאַטבילע איז דאָס באַטראַכט געוואָרן אין די מענשעוויסטיש־בונדישע רייען, ווי א נאַציאָנאַליסטישע אפיקאָרסעס, איז דאָס היינט, בעת רוסלאַנד האָט שוין באַצאָלט גוטע רעכענעלט פאַר איר צענטראַליסטיש־רוסיפיקאַטאָרישער פּאָליטיק, שוין אַן אַלגעמיין אָנגענומענער רעוואָלוציאָנערער קלאַל.

און פאַרשטייט זיך, אז מיר האָבן ניט געקאָנט מאַכן קיין אויסנאַם פאַר ווייסרוסלאַנד. מיר האַלטן ניט פון דער רעאַקציאָנערער טוירע וועגן פעלקער „צייטיקע" און „אומצייטיקע".

נאָר אַכוץ דעם אַלגעמיין אינטערנאַציאָנאַל-רעוואָלוציאָנערן בויו, ווערט אונזער אַקטיווע פּאָזיציע געדיקטירט אויך דורכן נאַציאָנאַלן אינטערעס פון דער אידישער אַרבעטערשאַפט. די אידישע מינדערהייטן זיינען אין רוסלאַנד ביבלאַל און אין יעדן קאַנט זיינען באַזונדער ביפּראַט ניט בעקויעד אליין דערשלאָגן זיך צו א ברייטער נאַציאָנאַל-פּערסאָנאַלער אויטאָנאָמיע. ווילן מיר, אז די דעמאָקראַטיעס פון די אַרומיקע פעלקער זאָלן שטיצן אונזערע פאָדערונגען, דאַרפן מיר צוזאַמען מיט זיי קעמפן אויך פאַר זייערע נאַציאָנאַלע פאָדערונגען (נאַטירלעך, אַזוי לאַנג, ווי זיי זיינען רעוואָלוציאָנערע און דעמאָקראַטישע). אָט פאַרוואָס מיר זיינען גלייך נאָכן 1-טן אַלווייסרוסישן צוזאַמענפאָר [61]), וואָס האָט זיך געשטעלט אף אן עמעס דעמאָקראַטישער פּאָזיציע, גלייך צוגעשטאַנען צום קאַמף פאַרן ווידערגעבורט און זעלבסטבאַשטימונג פון ווייסרוסלאַנד.

און ווען מיר לייענען אין דער בונדישער ליטעראַטור, אז מיר זיינען געווען מעשאָרסים באַ די ווייסרוסן, דאַרפן מיר נאָר אָנווייזן, אז דערדאָזיקער פאָרוואורף איז אַנטליען געוואָרן אין אומריינעם אַרסענאַל פון דער ציאָניסטישער דעמאַגאָגיע, וועלכע האַלט אין איין שרייען, אז די אידישע סאָציאַליסטן זיינען מעשאָרסים באַ די גויאים. מיר קאָנען זיך דערקלערן די דאָזיקע מעשוגענעדיקע בונדישע באַשולדיקונג מיט דעם, וואָס דער „בונד" וויל געפינען לעאַבעד האַמאַיסע א טערעץ אף זיין וואַקלדיקער און שעמעוודיקער האַלטונג אין דער ווייסרוסישער פראַגע*).

מיר האָבן גענומען אן אַקטיוון אָנטייל הען אין אויספירקאָמיטעט און הען אין פאָלקס-סעקרעטאַריאַט. אַדאַנק אונזער איניציאַטיוו זיינען די דאָזיקע אַנשטאַלטן דערגאַנצט געוואָרן מיט פאָרשטייער פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן ניט אין קיין קלענערער פּראָפּאָרציע, ווי די לעצטע מאַכן אויס אין

*) די באַציאונג פון בונד צו דער ווייסרוסישער פראַגע האָט געפונען איר אויסדרוק אין דער רעזאָלוציע, וועלכע ס'האָט אויסגעאַרבעט די ביוראָ פון צ. ק. די גרונטלאַגן פון דערדאָזיקער רעזאָלוציע זיינען אַזעלכע:

דעם גוירל פון ווייסרוסלאַנד דאַרף באַשטימען ניט די דיפּלאָמאַטיע, נאָר דער ווילן פון דער באַפעלקערונג, אויסגעדריקט דורך אַ רעפערענדום; שטיצנדיק זיך אף דער באַשטימונג פון דער אַלרוסלענדישער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג, וועלכע האָט פּראָקלאַמירט רוסלאַנד פאַר אַ פעדעראַטיווער רעפּובליק, און גענעמענדיק אין באַטראַכט די רעזאָלוציע פונם 8-טן צוזאַמענפאָר פונם בונד וועגן דער נויטיקייט איינצוהיטן די עקאָנאָמישע איינהייט פון רוסלאַנד און די איינהייט פונם קלאַסן-קאַמף פון גאַנצן רוסלענדישן פּראָלעטאַריאַט, אַנערקענט די ביוראָ פון צ. ק., אז ווייסרוסלאַנד דאַרף בלייבן אַ טייל פון דער פעדעראַטיווער רוסלענדישער רעפּובליק. פאַרן ערשטן שריט אין וועג צו פאַרווירקלעכן דאָס אַנערקענט די ביורא פון צ. ק. דאָס צונויפרופן א צוזאַמענפאָר פון אַלע דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס פון געגנט (זעלבסטפאַרוואַלטונגען, ראַטן, סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, אַרבעטער-אָרגאַניזאַציעס א. א.), וועלכער דאַרף אָרגאַניזירן די געזעלשאַפטלעכע מיינונג אַרום אָט דער אידייע און שאַפן די נויטיקע פאָרבאַדינגונגען פאַר דעם („פאָלקס-צייטונג". נום. 24 (86) פון 22-טן פעברואַל 1918).

לאַנד (און ערעד 30 פּראָצ.). אדאַנק אונזער איניציאַטיוו זיינען אין אלע הדרוי אוסטאַוו־גראַמאַטעס (פון 21־טן פעווראַל און 25־טן מאַרט) אריינגעשטעלט געוואָרן די סאָציאַלע לאָזונגען פון דער רוסישער רעוואָלוציע, פון דער אַנדערער זייט, דער פּרינציפּ פון נאַציאָנאַל־פּערסאָנאַלער אווטאָנאָמיע. אדאַנק אונזער איניציאַטיוו זיינען צווישן אַנדערע פּאָסטנס אין פאָלק־סעקרעטאַריאַט אויך דעקלאַרירט געוואָרן די פּאָסטנס פון פאָלקססעקרעטאַרן וועגן אידישע, פּוילישע און גרויס־רוסישע איניאָנים. מיר האָבן אָרגאַניזירט עפנטלעכע ארויסטרעטונגען, וואו מיר האָבן דערקלערט דער אידישער מאַסע די באַדייטונג פון די רעוואָלוציאָנערע לאָזונגען, וואָס ווערן ארויסגעשטעלט אין צוזאַמענהאַנג מיט ווייסרוסלאַנדס זעלבסטבאַשטימונג.

מיר זיינען אָבער ניט נאָכגעגאַנגען בלינד נאָך די ווייסרוסן. מיר האָבן פון ערשטן טאָג אָן געקעמפט קעגן די נאַציאָנאַליסטיש־טענדענציעזישע עלעמענטן אין דער ווייסרוסישער באַוועגונג. בעת די רעפּובליק־ראַדע האָט, ניט געקוקט אף דער אָפּאָזיציע פון דער גאַנצער ניט ווייסרוסישער דעמאָקראַטיע, דאָך באַשלאָסן צו פּראָקלאַמירן ווייסרוסלאַנדס אומאָפּהענגיקייט („טענדענציעזש־נאָסיק") און אונזער ארויסבעטערונג וועגן באַלדיקן אָנהויבן אונטערהאַנדלונגען מיקויעך פעדערירן זיך מיט רוסלאַנד, אוקראַינע און ליטע איז אָפּגעוואָרפן געוואָרן, זיינען מיר ארויסגעטראָטן פון פאָלקס־סעקרעטאַריאַט (דאָס אייגענע האָבן דערנאָך געטאָן די ס. ר.) און בעת די ראַדע האָט אוועקגעשיקט דעם קייסער ווילהעלם די... טעלעגראַמע [62]) זיינען מיר לויטן באַשלוס פון קאַנט־קאָמיטעט און פון צ. ק. פון דער ראַדע גופא אויך ארויס.

134. פון די סאַכאַקלען פון די קעהילע־וואַלן.

(צוזאַמענגעשטעלט לויט דער כראָניק פון „נאָווי פוט", 1918, נום. 3 און 4 און „כראָניקא יעווריעיסקאי זשיזני", 1918, נום. 2).

אין באָברויסק זיינען פאָרגעקומען די וואַלן אין קעהילע־ראַט. פון 4840 שטימען, וואָס זיינען אָפּגעגעבן געוואָרן בא די וואַלן, האָט דער בונד באַקומען 1214, די היימלאָזע 608, „אכדות" 577, ציאָניסטן 379, „פאָלקס־פּאַרטיי" 179 א. א. וו.

***

אין מינסק זיינען פון 36 טויזנט פאַרעגיסטרירטע ווילער געקומען צו די וואַלן 9259, ד. ה. ארום 25 פּראָצ. צווישן די פאַרשיידענע צעטלען האָבן זיך די שטימען פאַנאַנדערגעטיילט אזוי: צעטל נום. 1 („פאָלקס־גרופּע") 146, נום. 2 („פאַריניקטע") 220, נום. 3 („אגודת איסראָעל) 2462, נום. 4 („פאָלקס־פּאַרטיי") 172, נום. 5 (בונד) 1883, נום. 6 (ציאָניסטן) 2338, נום. 7 (פּועלי־ציאָן) 900 און מער פון 1100 שטימען האָבן באַקומען פאַרשיידענע אומפּאַרטייאישע און אַנדערע גרופּן. דער פּאַרטייאישער באַשטאַנד פון דעם מינסקער קע־

הילע־ראט איז אזא: „פאלקס־גרופע“ 1, „פאריינינקטע“ 2, „אגודאס איסראעל“ 23, „פאלקס־פארטיי“ 2, בונד 17, ציאניסטן 21, „פועלי ציון“ 8 און 11 פון פארשיידענע אנדערע גרופן.

***

אין האט פון דער אדעסער אידישער קעהילע זיינען אויסגעוויילט 101 מיטגלידער, פון זיי: ציאניסטן 35, בונד 26, ארטאדאקסן 11, „פועלי־ציון“ 11, „פאלקס־פארטיי“ 9; די איבעריקע 19 ערטער זיינען פאנאנדערגעטיילט געווארן צווישן די „פאריינינקטע“, „פאלקס־גרופע“ און אנדערע גרופן.

***

אין טשערניגאוו האט דער סאציאליסטישער בלאק באקומען 15 ערטער פון 35 („פועלי־ציון“ 6, בונד 4, פאריינינקטע 3, אומפארטייאישע סאציאליסטן 2), ציאניסטן 11, ארטאדאקסן 5, „פאלקס־פארטיי“ 4.

***

אין לובען (פאלטאווער גוב.) זיינען אויסגעוויילט געווארן: 12 ציאניסטן, 5 ארטאדאקסן, 3 בונדיסטן, 3 „פאריינינקטע“ און 1 „פועלי־ציון“.

***

ביז סוף אווגוסט 1918 זיינען באשטעטיקט געווארן די וואלן פון 193 קעהילע־ראטן אין די 9 אוקראינער גובערניעס. אינגאנצן זיינען אין די דאזיקע גובערניעס פאראן ביז 500 פונקטן, נאר די קעהילע־ראטן זיינען אויסגעוויילט געווארן בלויז אין די גרעסערע פונקטן. בעסאכאקל זיינען בא די וואלן אפגעגעבן געווארן ארום א פערטל מיליאן שטימען, דערביי האבן אין 15 פונקטן געשטימט 20—30 פראצ. וויילער, אין 16 פונקטן 30—40 פראצ., אין 30 פונקטן 40 — 50 פראצ. און אין 41 פונקטן 50 — 80 פראצ. דעם גרעסטן אבסענטעאיזם האבן ארויסגעוויזן די וויילער פון די גרעסערע שטעט. די פארטיי־אנגעהעריקייט פון די אויסגעוויילטע מיטגלידער פון די קעהילע־ראטן שטעלט זיך פאר אזוי: ציאניסטן — 36 פראצ., „אבדים“ — 10 פראצ., פאלקס־פארטיי — 3 פראצ., פאלקס גרופע — 1 פראצ., „פאריינינקטע“ — 8,2 פראצ., בונד — 14,4 פראצ., „פועלי־ציון“ 6,3, און פארשייד. ארטיקע גרופן — 20. פראצ.

135. די וואלן אין דער אוקראינער ציטוויליקער אידישער נאציאנאלער פארזאמלונג (פארפארלאמענט) [63].

(„צוזאמענשטעל פון דער איד. ציטוויל. נאצ. פארזאמלונג“. „דאס אידישע פאלק“. קיעוו. נומ. 2 פון 3-טן נאיאבר 1918).

אף דער שלוס־זיצונג פון דער הויפט־וואל־ביורא איז אונטערגעפירט געווארן דער סאכאקל פון די וואלן און ס'איז פעסטגעשטעלט געווארן די צאל און

די נעמען פון די דעלעגאַטן, וואָס וועלן זיך באַטייליקן אין דער צייטווייליקער אידישער נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונג.

אינגאַנצן זיינען פאָרגעקומען וואַלן אין 168 קעהילעס. פון זיי זיינען אָנער־קענט געוואָרן פאַר ריכטיק די וואַלן אין 161 קעהילעס, אין וועלכע ס'האָבן זיך באַטייליקט 3663 האַסמענער, וואָס פאַרטרעטן 209.128 וויילער.

פון דער צאָל האָבן באַקומען: צעטל נומער 1 (צעאירי־ציאָן) — 14 דע־לעגאַטן פון 23851 וויילער; צעטל נומער 2 (פאַריי ניקטע) — 12 דעלעגאַטן פון 19689 וויילער; צעטל נומער 3 (אחדות) — 10 *) דעלעגאַטן פון 31565 וויילער; צעטל נומער 4 (פאָלקס־פּאַרטיי) — 4 דעלעגאַטן פון 7314 וויילער; צעטל 5 (בונד) — 23 דעלעגאַטן פון 37.704 וויילער; צעטל 6 (ציאָניסטן) — 42 דעלעגאַטן פון 70.589 וויילער; צעטל 7 („פּועלי־ציאָן") — 11 דעלעגאַטן פון 18416 וויילער.

136. די „פּועלי־ציאָן" און דער בונד אינם אוקראַינער אידישן „פאַר־פּאַרלאַמענט".

(„די דעקלאַראַציעס פון די פּאַרטייען", „דאָס אידישע פאָלק", נומ. 5, 1918).

דעקלאַראַציע פון „פּועלי־ציאָן".

...צעזייט און צעשפּרייט איבער פאַרשיידענע לענדער צווישן פאַרשיידענע פעלקער, צייט טויזנטער יאָרן אָפּגעריסן פון זיין אַמאָליקן טעריטאָריאַלן צענטער, שטעלט מיט זיך פאָר די אידישע נאַציע אַן איינהייטלעכע קערפּערשאַפט.

יאָרהונדערטער פון רעדיפעס און יעסורים, פון פּאָגראָמען און גיירושים, צענדליקער איבערקערענישן און סאָנים אין דער אָרומיקער סוויווע זיינען ניט געווען בעקויעך צו פאַרניכטן די דאָזיקע איינהייט און געשלאָסנקייט, נאָר זי נאָך מער פאַרפעסטיקט, אָבער לאַנג האָט געדויערט, ביז דער טאָך פון דער אידי־שער פּראָבלעם איז קלאָר אויפגעפאַסט געוואָרן פון דער געזעלשאַפט און פונם אידישן פאָלק גופע.

...אין איין שורע מיט אונזערע אַלגעמיינע לאָזונגען שטעלן זיך פאַר דער אידישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע באַזונדערע איגנאַרטיקע אויפגאַבן, דיקטירט דורך די איגנאַרטלעכע לעבנס־און קאַמפּס־באַדינגונגען פון אידישן אַרבעטער־קלאַס דורכן באַזונדערן היסטאָרישן גוירל פון דער אידישער נאַציע. דאָ אין די אויטאָנאָמע אָרגאַנען קעמפט די אידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע קעגן דער הערשנ־דער און דערנידעריקנדער אַפּעטראָפּסעס פון דער רעליגיע און דער מעמשאָלע פון דער ספּעציפיש־אידישער קלעריקאַלער קליקע מיט אירע קליי־קוידעש, די וואָכעדיקע שפּראַך פונם אַרבעטס־פאָלק — אידיש — ווערט דורך איר ניסאָלע צו דער שאַפנס־שפּראַך פון דער נאַציע.

---

*) ס'איז ווי עס זעט אויס א קאָרעקטור־גרייז. ס'דאַרף זיין 19.

די ערשטע קאָנסטיטוציאָנעלע אויפגאַבע פון הייַנטיקער איד. נאַצ. פאַרזאַמלונג מוז זיין די צוריקאויפשטעלונג פון דער נאַציאָנאַלער אווטאָנאָמיע און דער צונויפרוף פון דער אידישער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג.

מאַכמעס די אינערלעכע ווירטשאַפטלעכע געזעצן פון דער אידישער וואַנדערונג, צוליב די סאָציאַל־עקאָנאָמישע באַדינגונגען פון לאַנד און די איינצעלאַרטיקע אַנטוויקלונגס־באַדערפעניש פון דער אידישער אַרבעט קאָן דאָס טעריטאָריאַלע פּראָבלעם פונם אידישן פאָלק געליזט ווערן נאָר דורכן אויפבוי פון אַ אידישן טעריטאָריאַלן צענטער אין פּאַלעסטינע, און דעריבער מוז איצט דער פּאַלעסטינע־פּונקט געשטעלט ווערן אפן סיידער האַיאָם פון דער אידישער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג.

פון דאַנען שטאַמען די פאָדערונגען פון דער אידישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע: נאַציאָנאַלע אווטאָנאָמיע אין די לענדער פון דער אידישער קאָמפּאַקטער קאָנצענטרירונג און דעם טעריטאָריאַלן צענטער אין פּאַלעסטינע.

...די שאַפונג פונם טעריטאָריאַלן צענטער אין פּאַלעסטינע שטייט איצט אַלס די פּאָליטישע פראַגע פון דעם אידישן פאָלק, און די אידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָפט, אַז די גאַנצע אידישע אַרבעטערשאַפט וועט דערפילן איר אַבראַיעס פאַרן שאַרפסטן פּראָבלעם פון אונזער ווירקלעכקייט און וועט פאַרטיידיקן די אינטערעסן פון די אידישע פאָלקס־מאַסן אין דעמאָזיקן פּאָליטישן מאָמענט, ווי איך אָרגאַניזירן אירע קויכעס אין דעם סאָציאַל־ווירטשאַפטלעכן פּראָצעס פון דער רעגולירונג פונם טעריטאָריאַלן פּראָבלעם.

דעקלאַראַציע פון „בונד”.

...אוקראַינע איז דאָס ערשטע לאַנד, וואו אידן האָבן באַקומען אַ נאַציאָנאַל־פּערסאָנאַלע אווטאָנאָמיע. בעשאַס ס׳איז אָבער געקומען די רעאַקציע, די מאַכט, וועלכע די אידישע נאַציאָנאַליסטישע בורזשואַזיע האָט געשטיצט צוליב אירע קלאַסן־אינטערעסן, האָט זי די אידישע אווטאָנאָמיע אינגאַנצן אָפּגעשאַפט.

און אין דעם מאָמענט, ווען עס עפנט זיך אונזער צייטווייליקע נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג, מוז זיין אונזער ערשטער וואָרט:

מיר פּראָטעסטירן מיט אַלע קרעפטן קעגן דער רעאַקציע, וואָס האָט בא אונז אָפּגענומען די אידישע נאַציאָנאַלע אווטאָנאָמיע; אונזער אווטאָנאָמיע לעבט, מע קאָן זי ניט טויטן.

שוין אין דעם מאָמענט, ווען אונזער נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג עפנט זיך אויף, שטייען מיר אפן שוועל פון שאַלעם־קאָנגרעס. אף דעם לעצטן וועלן מישטעלן אונזערע פאָדערונגען... די אידן־פראַגע מוז געשטעלט ווערן, אַלס אינטערנאַציאָנאַלע פראַגע (פאַ די ווערטער לאָזן זיך הערן רוישנדע אַפּלאָדיסמענטן אף אַלע דעלעגאַטן־בענק, אין גאַנצן זאַל). ס׳מוז אינטערנאַציאָנאַל אָנערקענט ווערן אונזער פולע גלייכבאַרעכטיקונג און דאָס רעכט פון אידן אף נאַציאָנאַל־

פערסאָנאַלע אווטאָנאָמיע אין אַלע לענדער פון דער וועלט ביכלאַל און אין אַלע איצט צעטיילטע און אָפּגעריסענע געגנטן, וועלכע האָבן ווידער פאַרייניקט ווערן אין איין רוסלענדער פעדעראַטיווע דעמאָקראַטישע רעפּובליק.

און אין אונזערע פאָדערונגען צום שאַלעם-קאָנגרעס שטייען מיר אויפן רעאַלן באָדן פון דער ווירקלעכקייט. די אידן-פראַגע וועט געלייזט ווערן ניט אין איין לאַנד, נאָר אין אַלע לענדער, וואו אידן וואוינען. קיין לאַנד איז פאַר אונז ניט ביליכער און ניט קיין אויסגעווײלטע. אין אַלע לענדער, וואו אידן וואוינען, פאָדערן מיר פולע גלייכבאַרעכטיקונג פאַר דער אידישער נאַציע, פאַר דער אידישער שפּראַך, פאַר רעכט אויף נאַציאָנאַל-פערסאָנאַלע אווטאָנאָמיע, פרייהייט פון אימיגראַציע, פרייהייט פון אַלע באַשעפטיקונגען.

מיר האָבן ניט קיינע היסטאָרישע פּרעטענזיעס אויף קיין לאַנד, מיר קאָנען ניט פאָדערן און ווילן ניט פאָדערן קיין אויבערהערשאַפט אין אַ לאַנד, וואו אידן זיינען אַ מינדערהייט.

פאַר פּאַלעסטינע, ווי פאַר אַלע אַנדערע לענדער, פאָדערן מיר פולע רעכט פון זעלבסטבאַשטימונג. זאָל די באַפעלקערונג פון פּאַלעסטינע גופא, פון אַלע אירע נאַציאָנען, אויף זייער אַ פריי-אויסגעווײלטער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג אַליין באַשטימען דעם גורל פון לאַנד! קיינער, אויסער דער באַפעלקערונג פון דעם לאַנד גופא, האָט ניט קיין רעכט צו באַשטימען דעם גורל פון לאַנד, פּאַלעסטינע געהערט צו איר באַפעלקערונג. קיין רעכט אויף איין לאַנד, אַלע רעכט אין אַלע לענדער!

137. דער בונד און די אידישע קעהילע.

רעזאָלוציע פון דער בונדישער קאָנפערענץ פון ווייסרוסלאַנד *). „פאָלקס-צייטונג“ נומ. 28 (90) פון 28-טן מאַי 1918).

1. די קעהילעס אין אונזער געגנט קומען אויף אין שווערע באַדינגונגען פון אָקופּאַציע, בעשאַס די פרייהייטן זיינען באַגרענעצט, בעשאַס די אַרבעטער-מאַסן לעבן איבער אַ שרעקלעכן עקאָנאָמישן קריזיס, בעשאַס די רעאַקציע הויבט אויף דעם קאָפּ און די דעמאָקראַטיע ווערט אונטערדריקט. די קעהילעס ווערן באַשאַפן אָן אַן אַלגעמיינעם פּלאַן; אָן אַן אַלרוסלענדער געזעץ, וואָס זאָל רעגולירן זייערע רעכט און זייער קאָמפּעטענץ; אָן אַ צוזאַמענהאַנג מיט דער לייזונג פון די אַלגעמיינע נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען.

2. דאָס אַליץ מאַכט אויסערסט שווער די פּאָזיציע פון דער דעמאָקראַטיע און באַזונדערס פון אַרבעטער-קלאַס אינם קאַמף אַרום דער קעהילע און שאַפט פאַר די אַלטע רעזשימער אַ גרעסערע מעגלעכקייט אונטער דער מאָדערנער פאָרם פון דער קעהילע איינצוהאַלטן זייער אַלטע מעמשאָלע אויף דער אידישער גאַס.

3. נעמענדיק אַ וואָס ענערגישערן אָנטייל אין דער אָרגאַניזירונג פון די קעהילעס און שטרעבנדיק מיט אַלע קרעפטן, אַז זיי זאָלן אויך איצט בײַ די

*) פאָרגעקומען אָנהויב מאַי 1918 אין מינסק.

העכסט אומגינסטיקע באַדינגונגען פאַרוואַנדלט ווערן אין פעסטונגען פון דער דעמאָקראַטיע און דינען דער באַנײַאונג פונם אידישן לעבן אַף נײַע דעמאָקראַטישע יעסודעס, אַלס גרונט־שטיין צו דער צוקונפטיקער נאַציאָנאַל־קולטורעלער אווטאָנאָמיע, האַרפן אונדזערע כאַוויירים האַלטן זיך בײַ פאָלגנדיקער טאַקטיק:

א. קעמפן קעגן דעם, אַז די קעהילעס זאָלן טראָגן אַ רעליגיעזן כאַראַקטער, און אויב דאָס גיט זיך ניט איין, אַלנפאַלס דערשלאָגן זיך, אַז אַלע רעליגיעזע איניאָנים זאָלן אויסגעטײלט ווערן אין אַ באַזונדערער קאָמיסיע; מיטלען פאַר דער באַפרידיקונג פון די רעליגיעזע באַדערפענישן זאָלן געשאַפן ווערן דורך פרײַווילליקע אָפּצאָלונגען, די שולן זאָלן זײַן וועלטלעך און דער אונטעריכט פון רעליגיע זאָל בעשום אויפן ניט זײַן אָבליגאַטאָריש.

ב. סײַ פאַר דער אָרגאַניזירונג פון דער קעהילע, סײַ שפּעטער אָן אויפהער קעמפן דערפאַר, די אָרגאַנען פון סאָציאַלער הילף זאָלן איבערגיין ניט אין די קעהילעס, נאָר אין די הענט פון די דומעס און זעמסטוועס. זען, די מאַסן זאָלן וואָס טיפער דורכגעדרונגען ווערן מיטן באַוואוסטזײַן, אַז בײַ די איצטיקע שווערע באַדינגונגען איז נאָך מער ווי אַלעמאָל נייטיק ניט אַ צעברעקלונג פון דער סאָציאַלער הילף לויט נאַציאָנען, נאָר אַ ברייטע אינטערנאַציאָנאַלע אַרבעט פון דער גאַנצער דעמאָקראַטיע אונטער דער אָנפירונג פון די דעמאָקראַטישע מוניציפּאַלע אָרגאַנען.

ג. אַף וויפל אַזעלכע אינסטיטוציעס, ניט קוקנדיק אַף אונדזער קאַמף, בלײַבן דאָך אין דער קאָמפּעטענץ פון דער קעהילע, אָדער ווען ס'זײַנען פאַראַן אָביעקטיווע מעניעס צו זייער מוניציפּאַליזאַציע, פירן מיר אַ קאַמף דערפאַר, ווי זאָל דעמאָקראַטיזירט ווערן און זיי זאָלן באַפרידיקן נאָר די ווירקלעכע באַדערפענישן פון די ברייטע מאַסן. דעמאָקראַטישן קאַמף פירן מיר סײַ אין די קעהילעס גופע, אַזוי אויך אין די דומעס און זעמסטוועס, אויסנוצנדיק זייער בודזשעט־רעכט און אָפּהאָנגיק צו סובסידירן אַזעלכע אײַנריכטונגען, וואָס אַנטשפּרעכן ניט אונדזערע פאָדערונגען.

ד. מיר טראָגן אַרײַן אין די דומעס דעם פאָרשלאָג איבערצוגעבן די קעהילעס די אידישע שטאָטישע שולן און אַנדערע קולטור־אַנשטאַלטן. דערבײַ דאַרף, אַלס טנאַי אַף ווײַטער זיי אויסהאַלטן, געשטעלט ווערן די פאָדערונג, ס'זאָל אײַנגעפירט ווערן זייער וועלטלעכער כאַראַקטער און די מוטער־שפּראַך, און אַז די געלט־מיטלען, וואָס ווערן געגעבן פון די דומעס אַף די שולן, זאָלן ניט אויסגעגעבן ווערן אַף אַנדערע צילן.

ה. די קעהילע דאַרף האָבן רעכט איינצואָרדענען פאַר דיזאָיקע שולן דאָס שול־פּראָגראַם, אָנשטעלן לערער, אויסקלײַבן לערנביכער, אײַנשטעלן דאָס גאַנצע אינערלעכע לעבן פון די שולן, די לערן־מעטאָדן, אָבער דער שטאָטישער שול־קאָמיסיע געהערט די אַלגעמיינע אויפזיכט, ס'זאָלן דערפילט ווערן די אַלגעמיינע קלאָלים, וואָס זײַנען אײַנגעשטעלט פאַר די שטאָטישע שולן (וועלטלעכקייט, מוטער־שפּראַך, אומזיסטיקייט).

ו. פאַרלאַנגען, די דומעס זאָלן טראָגן אַ טייל הויצאָעס אַף אויסהאַלטן אויך אַנדערע קעהילע־שולן, אַחוץ די שטאָטישע, אָבער אַלנפאַלס קאָנען די

שטאַטישע מיטלען ניט באַנוצט ווערן אף רעליגיעזע לימודים און אף שולן, וואו די אונטעריכט-שפּראַך איז ניט די מוטער־שפּראַך פון די קינדער.

ז. ביכלאל, אף וויפל ס'האנדלט זיך וועגן דער פינאנציעלער הילף, וועלכע די דומעס און זעמסטוועס דארפן געבן דער קעהילע, דארפן מיר שטענדיק דערשלאָגן זיך, די פארשיידענע זייטן פון דער קעהילע־טעטיקייט זאָלן צוזאמענגעפאסט ווערן מיט די אנטשפּרעכנדע זייטן פון דער מוניציפּאלער ארבעט און זאָלן זיך אונטערווארפן א באשטימטן אלגעמיינעם מוניציפּאלן פּלאַן.

ח. וואָס אנבאלאנגט אונזער ארבעט אין דער קעהילע גופע, דארפן מיר ענערגיש קעמפן קעגן אלע פּרוון צו פארוואנדלען די נייע קעהילע אין דאָס אלטע קעהילע־שטיבל. מיר דארפן בעשום אויפן ניט דערלאָזן, די ארבעט פון קעהילע־ראט זאָל פארקומען ניט עפנטלעך. עפנטלעכקייט, קאָנטראָל פון די מאסן דארף זיין אונזער ערשטע פאָדערונג אין דער קעהילע.

ט. פירנדיק אף יעדער טריט און שריט א קאמף קעגן די אלטע אָפּגעלעבטע פאָרמען פון אידישן לעבן, קעגן די רעאקציאָנערע שטרעבונגען פון דער אידישער בורזשואזיע, דארפן מיר ניט אָפּלאָזן אונזערע קעגנער קיין איין־איינציקע פּאָזיציע אין דער קעהילע־ארבעט. באטייליקן זיך אין אלע קאָמיסיעס (נאטירלעך, ניט אין די רעליגיעזע). מיר קאָנען זיך באטייליקן אין די פּרעזידיומס אויך דאן, ווען די דעמאָקראטיע איז אין דער מינדערהייט. ס'איז צוועקמעסיק צו די וואלן אין די אויספירנדע אָרגאנען שליסן אָפּמאכן צווישן אלע סאָציאליסטישע פּארטייען, און אין א נויטווענדיקייט אויך מיט דער פאָלקס־פּארטיי.

אויב די דעמאָקראטיע איז ניט אין דער מינדערהייט, קאָנען מיר זיך באטייליקן אין אויספירונגס־ראט ביטנאי, אז אונזערע באווירים באקומען באזונדערע אָפּטיילונגען, וואו זיי קאָנען ארבעטן פּרינציפּיעל און פרוכטבאר פאר די מאסן און טראָגן אף זיך ניט די פאראנטוואָרטלעכקייט פאר דער אלגעמיינער פּאָליטיק פון דער רעאקציאָנערער מערהייט.

138. דער סאבאקל פון דער אוקראינער דערפארונג אין דער נאַציאָנאַלער פראגע.

(מ. ראַפעס: „נאציאָנאַלע מינדערהייטן". „זשיזן נאציאָנאלנאסטעי", 1920, נומ. 23).

1. ...חער איבערגאנג פון דער מאכט פון דער גרויס־בורזשואזיע אין די הענט פון די קליינבירגערלעכע גרופּן, וועלכע בויען א רעפּובליקאניש־דעמאָקראטישע מעלוכע, איז ניט נאָר וואָס פארקלענערט ניט, נאָר, פארקערט, ס'פארשארפט אויסערסט די אינערלעכע נאַציאָנאַלע רייבונגען אין די מעלוכעס מיט א געמישטער נאַציאָנאלער באפעלקערונג. די רעפּובליקאנישע „דעמאָקראטיע" ווערט גיך דורכגעדרונגען מיט דער נאַציאָנאלער אויסשליסלעכקייט און באַנעמט גיך און כאוזערט פּלייסיק איבער די דערפארונגען פון די סאמע אלטע לערער פון נאַציאָנאלער אונטערדריקונג — דעם צאריזם — אין הינזיכט פון אָנרייצן די פאָלקס־מאסן אף די פרעמדע פעלקער און אין הינזיכט פון אָרגאניזירן מיט די

קויכעס פון מעלוכע־אַפּאַראַט מאַסאָווע פּאָגראָמען, קעדיי צו באַקעמפן די באָלשעוויסטישע געפאַר.

...2. קיין שום „דעמאָקראַטישע" פאָרמען פון פאַרטיידיקן די רעכט פון נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, אין דעם אויך די נאַציאָנאַל־פּערסאָנאַלע אויטאָנאָמיע, קאָנען ניט בא א רעפּובליקאַניש־דעמאָקראַטישן רעזשים און בא דער הערשאַפט פון די דעמאָקראַטישע גרופן פאַרזיכערן די קולטורעלע אינטערעסן פון די נאַצמינדערהייטן און גאַראַנטירן זיי די עמעסע גלייכבאַרעכטיקונג און א גלייכע ווירקונג אפן גאַנג פון די מעלוכע־אינייאַנים.

אָפּגרעניצנדיק פאַר דער מינדערהייט־נאַציע א קליינעם קרייז אַזוי גערופענע אינערלעכע פראַגן פאַר איר קלוימערשטער סוּאווערענער ליזונג, איגנאָרירן אינגאַנצן די הערשנדיקע פּאַרטייען פון די מערהייט־נאַציעס (אין געגעבענעם פאַל, די אוקראַאינער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן) באם ליזן אַלגעמיין־פּאָליטישע פראַגן דידאָזיקע מינדערהייטן און רעכענען זיך בלויז מיט די ריין קלאַסאָווע אינטערעסן פון די נאַציאָנאַלע און קלאַסאָווע גרופן, וואָס זיי פאַרטרעטן. זיי פירן דורך א צוואַנג־נאַציאָנאַליזאַציע (אוקראַאיניזאַציע) אין אַלע געביטן פון לעבן. די נאַציאָנאַלע פאַנאַנדערגרעניצונג ברענגט צו א נאָך גרעסערער פאַרשאַרפונג פון די נאַציאָנאַלע־רייבונגען צוליב דעם אָרגאַניזירטן קעגנזייטיקן אומצוטרוי. די אַרמיי אין אַזא „דעמאָקראַטישער" מעלוכע מיט א פּילצוואָגנדיקער פאַרטיידיקונג פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן ווערט געבויט, ווי אַן אַרמיי פון דער נאַציאָנאַלער מערהייט און ווערט דורכגעדרונגען מיט דער נאַציאָנאַלער אויסשליסלעכקייט.

3. די נאַציאָנאַל־פּערסאָנאַלע אויטאָנאָמיע אף די יעסוידעס פון אַלגעמיינעם וואַל־רעכט, אַכוץ דער צעטיילונג פונם פּראָלעטאַריאַט לויט נאַציאָנאַלע סימאָנים, ברענגט נאָך צו דער פולשטענדיקער פאַרקריפּלונג פון דער רעוואָלוציאָנערער פּערספּעקטיוו, צום פאַרבינדן די פּראָלעטאַרישע קויכעס און אפילו צו דער פאַרערגערונג פון דער קולטורעלער לאַגע פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, וואָס זי איז קלוימערשט באַרופן צו פאַרטיידיקן. דאָס קומט פאָר צוליב דעם, וואָס אין יעדער נאַצמינדערהייט גופע אונטערדריקט די סיסטעם פון אַלגעמיינעם וואַל־רעכט דעם נאַציאָנאַל־אָפּגעגרעניצטן פּראָלעטאַריאַט דער מאַסע פון נאַציאָנאַלן בירגערטום, וועלכעס, ווי אַן אַלגעמיינער קלאַל, איז פיל רעאַקציאָנערער, איידער דאָס בירגערטום און פויערטום פון דער מערהייט־נאַציע.

...די פּערסאָנאַלע אויטאָנאָמיע אפן סמאַך פון אַלגעמיינעם וואַל־רעכט האָט געגעבן אין דער אידישער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג *) א מערהייט דעם קלעריקאַל־ציאָניסטישן בלאָק, אין דער פּוילישער — דעם בלאָק פון די קלעריקאַלן און נאַראָדאָוועס, און אין דער רוסישער פאַפעקלערונג וואָלט דאָס, וואַרשיינלעך, מישפּעטנדיק לויט די וואַלן אין א ריי שטעט, געבראַכט צו א ניצחון פון די מאָנאַרכיסטן אָדער פון קאַדעטיש־מאָנאַרכיסטישן בלאָק.

*) פּאָרפּאַרלאַמענט.

IX. אין דער רעפובליק פון די ראַטן.

139. אין דער פיינטלעכער ארומרינגלונג.

(ש. דימאנשטיין: „אונזערע סאָנים“. „באם ליכט פון קאָמוניזם“, מאָסקווע, 1919, ז. ז. 5—9).

... ווען איר דערמאָנט זיך אלץ, וואָס איז אויסגעקומען דער ארבעטער-פויערים-מאכט איבערצולעבן פאר די 7 מאָנאטן *), וועט איר איבערצייגט, אז אונזערע סאָנים דרעמלען ניט; זיי פארשטייען גאנץ גוט די לאגע, אז וואָס לענגער ס'האלט זיך די ראטן-מאכט, אלץ מער פארפעסטיקט זי זיך, אלץ מער נייע שיכטן פון די ברייטע פאָלקס-מאסן דערזעען באשיינפערלעך, אז זי איז זייער אייגענע מאכט און זיי מוזן זי שטיצן און פארטיידיקן.

... אין דערזעלבער צייט, ווען ס'האָט זיך אָנגעפאנגען דער פארעטערישער דייטשישער אָנגריף אף פסקאָוו, מינסק, מאָהילעוו און אנדערע שטעט, זיינען מיר, קאָמוניסטן, געווען געצוואונגען אָפצוגעבן אונזערע קרעפטן דעם קאמף אף דעם אינערלעכן פראָנט: קאלעדין, סאווינקאָוו, קאָרנילאָוו און דוטאָוו. די אלע „פאטענטירטע“ פאטריאָטן, האָבן, ווי ס'ווייזט אויס, געמאכט יאדאכאס מיט די דייטשישע קאפיטאליסטן (און עפשער אויך גלייכצייטיק מיט די פראנצויזישע און ענגלישע) און האָבן געוואָלט געבן א טויט-קלאפ דער רעוואָלוציע פון אינעווייניק.

...אין א צווייטן ווינקל פון רוסלאנד — אין מיזרעך-סיביר, פירט זיך אָן אויפשטאנד פון סעמיאָנאָוו אדער, ריכטיקער געזאָגט, פון דער קאדעטישער פארטיי מיט דעם אדמיראל קאָלטשאק 64) בעראָש, וועלכן ס'העלפט די יאַפאָנישע רעגירונג, אונטער דעם לאָזונג פון אייפירן „אָרדענונג“ אין מיזרעך-סיביר.

...ניט קיין קלענערן קריג פירט מיט דער ראטן-מאכט אף דעם גאנצן שעטאָך פון רוסלאנד דער הונגער.

מיר האָבן איבערגענומען די מאכט אין דעם מאָמענט, ווען רוסלאנד איז געווען רואינירט עקאָנאָמיש ביז צום גרונט: סאי די פראָדוקציע, סאי דער טראנספאָרט.

*) זינט דער אקטיאבר-איבערקערעניש.

צוליב דעם אינערלעכן קריג האָט מען בײַ אונדז צוגענומען די מעגלעכקייט צו אָרגאַניזירן וואָס ס'איז. פאַרשטייט זיך, אַז אויף אַזאַ אַרט האָבן מיר דעם הונגער נישט געקאָנט באַקעמפן, און דאָס איז איינער פון די הויפּט־מיטלען צו קעמפן קעגן אונדז.

דער קאַפּיטאַליסט ריאַבושינסקי האָט שוין לאַנג געזאָגט: „די ביינערדי־קע האַנט פון הונגער וועט דערשטיקן די רעוואָלוציע". מיט דעם צוועק איז אָרגאַניזירט געוואָרן דער לעצטער (ווער ווייס?) אויפשטאַנד פון די טשעכאָ־סלאָוואַקן 65)

אַלס אַגיטאַציע־מיטל האָט מען צווישן די טשעכאָ־סלאָוואַקן פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז ס'איז דאָ אַ געהיימער אָפּמאַך מיט עסטרײַך איר אַרויסצוגעבן די טשעכאָ־סלאָוואַקן, וועלכע זײַנען אירע פאַרביטערטע שׂונאים, און האָבן זיך געקליבן דורכצוגיין דורך וולאַדיוואָסטאָק און אַמעריקע צום פראַנצויזישן פראָנט.

אונדזערע שׂונאים האָבן זיך באַנוצט מיט דער גרויסמוטיקייט פון אונדזער רעוואָלוציע, וועלכע האָט געגעבן די געפאַנגענע גרויסע פרײַהייטן, זיי אָרגאַ־ניזירט און מיט די געלט און הילף פון די פאַרבינדעטע: ענגלאַנד און פראַנק־רײַך, באַוואָפנט די טשעכאָ־סלאָוואַקן, פאַראייניקט זיי מיט די אַלע עלעמענטן פון דער ווײַסער גוואַרדיע: אָפיצערן, קאַדעטן, יונקערס און די איבע־ריקע קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע שיכטן, און געבאָטן פאַרן האַלז, פאַר־כאַפּט אין זייערע הענט די מער וויכטיקסטע ראַיאָנען, פון וואַנען מיר האָבן געקאָנט באַקומען ברויט.

זייער כּשבון איז, אַז די נײַע רעגירונג פון די רעכטע עסערן און מענ־שעוויקעס אין טשעליאַבינסק, און די רעגירונג פון ווײַטן סיביר אין כאַרבין פון די קאַדעטן און דער שוואַרצער מייע, וועלן נעמען פירן אונטערהאַנדלונגען מיט דער האַטן־מאַכט, — אַזוי ווי די טשעכאָ־סלאָוואַקן זײַנען אַ גרויסע אַרמיי פון 80 טויזנט מאַן און ס'איז נישט לײַכט זיי צו באַזיגן, וועט אין דער צײַט דער הונגער וואָס ווײַטער מער שטאַרקן זיך אין רוסלאַנד און אַן אַלגעמיינער אויפשטאַנד וועט ווערן אומפאַרמײַדלעך.

אַזוי ספּעקולירן אויפן הונגער אונדזערע שׂונאים, די רעכטע עסערן, אײנײנעם מיט די קאַדעטן און די מענשעוויקעס — און מיט זיי אויך דער „בונד", — אײנ־אײנעם מיט דער שוואַרצער מייע.

נאָר מיר קאָנען זיי פאַרזיכערן, אַז אַזוי ווי ביז איצט האָט זיי נישט גע־גאָלטן אויפצושטעלן אין רוסלאַנד די מאַכט פון דער בורזשואַזיע, נישט קוקנ־דיק אויף אַלע זייערע פאַרברעכערישע קאַמפּס־מיטלען, וועט זיי עס איצט, מיט דער הילף פון די פאַרבלענדעטע טשעכאָ־סלאָוואַקן, אויך נישט גילטן.

קיינע שאָלעם־אונטערהאַנדלונגען וועט מען נישט פירן מיט די אינערלעכע קאָנטר־רעוואָלוציאָנערן, מע דאַרף נאָר עפענען די אויגן די טשעכאָ־סלאָוואַקן זעלבסט, אָבער מיט זייערע פאַרברעכערישע אָנפירער דאַרף מען ריידן נאָר מיט דער שפּראַך פון ביקסן און קאַנאָנען.

מע מוז זעען, אז וואס פאר א צופאל ס'זאל ניט זיין, זאלן אונזערע איבערלעכע סאנים, — די, וואס האבן באגעגנט די דייטשן מיט בלומען־קרענץ, און געשאסן אונזערע כאווירים, — ניט האבן די מעגלעכקייט אויפצוהויבן זייער קאפ און גאנץ אפן און דרייסט ארגאניזירן אלע בורזשואזע עלעמענטן מיט זייערע מיטלויפער, אום אין א קריטישן מאמענט אנצופאלן אף די ארבעטער־מאסן און אין אונזער בלוט דערטרינקען די דעראבערונגען פון דער רעוואלוציע.

דער מאמענט איז ערנסט, די לאגע איז גאנץ פארוויקלט. אין אזא צייט מוזן די רעוואלוציאנערן זיין אנטשלאסן, אזוי ווי עס זיינען אנטשלאסן זייערע סאנים אומעטום, וואו זיי זיגן.

140. דער אנהויב פון דער אידישער קאמוניסטישער פרעסע [65] און אירע אויפגאבן.

(„אונזער פראגראם" „די וואָרהייט". פעטראגראד. נומ. 1 פון 8-טן מארט 1918).

אונזער פראגראם — דאס איז די פלאטפארמע פונם גאנצן אינטערנאציאנאלן רעוואלוציאנערן און סאציאליסטישן פראלעטאריאט. מיר זיינען אריינגעטראטן אין דעם ענדגילטיקן און לעצטן קאמף מיטן קאפיטאל, און דער קאמף קאן זיך ענדיקן נאר מיט דער פארניכטונג פון דער בורזשואזער ארדענונג, מיט דעם אונטערגאנג פון דער הערשנדער שליטע פון אויסגעלאסנקייט, פארדארבנקייט, פארברעכן, גוואלטאט און עקספלואטאציע. און ביז צו דעם מאמענט, וויפל פון אונז ס'זאלן ניט פאלן אין קאמף, וועלן מיר זיך ניט אפשטעלן, ווייל מיר ווילן ניט און קאנען זיך ניט אפשטעלן. דער רעוואלוציאנערער פראלעטאריאט פארשטייט, אז דער קאמף קומט פאר און וועט פארקומען אין דעם קרייז פון רעאלע באדינגונגען, וואס איז דער פויעל־יוצע פון א גאנצער ריי היסטארישע סיבעס, סיבעס פון פארשיידענע אייגנשאפטן, סיבעס, וועלכע פלאנצן איין אין יעדן באזונדערן טייל פון דער פראלעטארישער ארמיי א גאנצע ריי אייגנשאפטן, וועלכע שאפן פאר אים שוועריקייטן אפן וועג צום זיג און, פארקערט, וועלכע דערשיינען אלס מיטלען צו פארגרינגערן דעם זיג און דעם קאמף. און דעריבער מוז דער אינטערנאציאנאלער פראלעטאריאט, אנערקענענדיק קלאר די פעסטע ברידערלעכע פארבינדונג פארן איינציקן ענדציל — זיך בילדן אין באזונדערע גרופן פון פארשיידענע לענדער, מעלוכעס, נאציאנאליטעטן און טעריטאריעס — מיר זיינען דער אלרוסלענדישער אידישער טייל פון דער גרויסער אינטערנאציאנאלער ארבעטער־ארמיי.

וואסערע זיינען די אייגנשאפטן, וועלכע טיילן אונז אפ פון די רייען פונם גאנצן איבעריקן אינטערנאציאנאלן פראלעטאריאט? קודעמקאל באשטייען זיי אין דעם, וואס די בורזשואזע גרופן, וועלכע שטעלן זיך אונז אין וועג צום סאציאליזם, רופן זיך אן אידישע און באנוצן זיך דורך דער געמיינזאמקייט פון דער שפראך און אנדערע קולטורעלע גלייכהייטן צו פארמאסקירן דעם טיפן

סאָציאַלן טהאָם, וועלכער צעטיילט אַלע פעלקער אַף צוויי פיינטלעכע לאַגערן: דער לאַגער פון די אונטערדריקטע און עקספּלואַטירטע, פון איין זייט, און אונטערדריקער און עקספּלואַטירער, — פון דער צווייטער. די עקספּלואַטאַטאָרן פון דער גאַנצער וועלט פאַרשטעלן זיך אין פאַרשיידענע קאָסטיומען און ריידן פאַרשיידענע שפּראַכן, נאָר אונטער די אַלע אויסערלעכע פאָרמען באַהאַלט זיך איין און דערזעלבער וועזן פון רויבעריי. אָפט לאָזן זיך די ווייניק־באַוואוסטזיניקע שיכטן פון פּראָלעטאַריאַט, און הויפּטזאַכלעך די ניט פּראָלעטאַרישע עלעמענטן פון אַרבעטער־פאָלק, אַריינשלעפּן פון דעם ליגנערישן וועג פון קלוימערשט נאַציאָנאַלער איינהייט, פאַרגעסנדיק די טיפע קלאַסן־אונטערשיידן, אין אַליין גאָר ניט באַמערקנדיק, פאַלן זיי אַרונטער אונטערן יאָך פון דער נאַציאָנאַלער גרופּע פון דער נאַציאָנאַלער בורזשואַזיע.

...רייסט אַרויס פון דער בורזשואַזיעס הענט דעמאָקראַטישן געווער פון קלוימערשטער איינהייט, פאַרטיפנדיק דאָס קלאַסן־באַוואוסטזיין, אונטערשטרייכנדיק די קעגנערישע ליניעס פון די קלאַסן־אינטערעסן, גרופּירנדיק אַרום זיך די גאַנצעווירקלעך אַרבעטנדיקע באַפעלקערונג און קעגנשטעלנדיק מיט פולן באַוואוסטזיין און אַנטשלאָסנקייט דער נאַציאָנאַלער בורזשואַזיע, אַרויסרייסנדיק פון אירע הענט יעדע געווער פון סאָציאַלן יאָך.

דורך וואָס פאַר אַן אויפן וועלן מיר דאָס אַלעס מאַכן?

אַף דער פראַגע ווייזן די רעוואָלוציאָנערישע סאָציאַליסטן נאָר איין ענטפער: דורך דער זעלבסטעטיקייט פון די מאַסן. אומעטום דאַרפן זיך אין די ראַטן פון די אַרבעטער, סאָלדאַטן־און פויערים־דעפּוטאַטן בילדן אידישע סעקציעס, וועלכע וועלן זיך ניט נאָר פאַרייניקן מיט די סאָוועט־סעקציעס פון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן, בילדנדיק די אָרטיקע סאָלדאַטן, אַרבעטער־און פויערים־סאָוועטן, נאָר אויך זיך אָרגאַניזירן אינערהאַלב פון זייער אייגענער נאַציע, באַשאַפנדיק אין די גובערניעס, ווי אויך אין די אומגעגנטן אַן אַלרוסלענדישע נאַציאָנאַלע פאַרייניקונג פון די סאָוועט־סעקציעס. דיזע סעקציעס און זייער פאַרייניקונג וועלן פאַרווירקלעכן די מאַכט פון די סאָוועטן אינערהאַלב פון דער אָנגעוויזענער נאַציע, פאַרכאַפנדיק אַלע מיטלען פון סאָציאַלער אָרגאַניזאַציע, און פירן זיי צום קאַמף קעגן דער נאַציאָנאַלער בורזשואַזיע פאַר דעם סאָציאַליזם, גלייכהייט, פרייהייט און גערעכטיקייט צווישן די מענטשן און פעלקער.

דאָס איז אונזער פּלאַטפאָרמע און דאָס זיינען אונזערע אויפגאַבן. מיט זייער פאַרווירקלעכונג וועלן מיר ווייזן אונזערע קלאַסן־פיינט פונקט אַזאַ באַשלאָסנקייט און אומבאַרעמהערציקייט, ווי אַלע אונזערע רוסישע, פינלענדישע, אוקראַאינישע, קרימישע און אָרענבורגישע כאַווײרים צו די אַנדערע טיילן פון דער קאָנטר־רעוואָלוציאָנערער בורזשואַזיע.

מיר וועלן אָן ראַכמאָנעס אַרונטערייסן די אומפאַרשעמטהייט פון אַלע די, וועלכע האָבן אונטער דער מאַסקע פון אַ נאַציאָנאַלער איינהייט אָדער „נייטראַליטעט“ געזוכט צו פאַרטונקלען דאָס זעלבסטבאַוואוסטזיין פון די אידישע אַרבעטער־מאַסן, געפירט זיי צום קאַמף קעגן די סאָלדאַטן, אַרבעטער־און פויערים־ראַטן, צום קאַמף קעגן די אַלע דערגרייכונגען פון דער אָקטיאַבר־

רעוואָלוציע, צום קאַמף מיט דער גרויזאַם אַנקומענדער און שוין נאָענטער סאָציאַלער רעוואָלוציע. דעם אידישן פּראָלעטאַריאַט און די אידישע ארבעטער־מאַסן גיבן מיר א לאָזונג, דעם לאָזונג פון אַלע אונטערדריקטע פון דער מענטשהייט:

„ארבעטער פון אלע לענדער, פאַראייניקט אייך!“

141. שפּאַלטונגען אין בונד.

(ש. אגורסקי. „דער אידישער אַרבעטער אין דער קאָמוניסטישער באוועגונג“ מינסק. 1925. ז. ז. XV-XVI).

... נאָך דער קאָנפערענץ, וואָס דער „בונד“ האָט אָפּגעהאַלטן אין מאָסקווע אין אַפּרעל 1918 יאָר, אַף וועלכער ס'איז אָנגענומען געוואָרן א גאַנצע ריי רעזאָלוציעס קעגן דער סאָוועטן־מאַכט און קאָמוניסטישער פּאַרטיי, דערהערן זיך אין די בונדישע רייען שטימען פון פּראָטעסט. אין דער סאַמאַרער אָרגאַניזאַציע פון „בונד“ האָט אן ארבעטער זיסמאַן פאָרגעלייגט פאָלגנדיקע רעזאָלוציע:

„פעסטשטעלנדיק, אז נאָך דער פעווראַל־רעוואָלוציע איז דער „בונד“ פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א ריין אנטיפּראָלעטאַרישער קאָנטר־רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי און נעמענדיק אין באַטראַכט:

1) אז רעכט אַף עקזיסטענץ אַלס אויטאָנאָמע אָרגאַניזאַציע האָט דער „בונד“ געקאָנט האָבן נאָר אין צאַרישן רעזשים, ווען דער אידישער ארבעטער האָט זיך געפונען אין אויסשליסלעכע פּאָליטישע באַדינגונגען;

2) אז די פּאָליטישע לאַגע פון אידישן ארבעטער האָט זיך אָבער אינגאַנצן געענדערט, מוז אויך געענדערט ווערן זיין פּאָליטישע פּאַרטיי;

3) אז די פאָדערונג פון נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע איז בא אונז אַלע מאָל געווען א מיטל, אָבער קיינמאָל ניט קיין ציל, און זייענדיק פעסט איבערצייגט, אז אין דעם איצטיקן היסטאָרישן מאָמענט עקזיסטירט פאַר דעם ארבעטער־קלאַס נאָר איין פּאַרטיי, וואָס שטייט אַף דער וואַך צו פּאַרטייִקן זייַנע אינטערעסן — די קאָמוניסטישע פּאַרטיי־באָלשעוויקעס, —

נעמענדיק דאָס אַלץ אין באַטראַכט, דערקלערט די פאַרזאַמלונג, אז זי האָט ניט קיין שום שאַיכעס מיט דעם אַזוי גערופענעם צ. ק. פון „בונד“ און מיט פאַראַכטונג וואַרפן מיר אָפּ זייַנע אַלע קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע באַשלוסן.

בילדנדיק א אידישע קאָמוניסטישע סעקציע, פירן מיר געמיינזאַם מיטן רוסישן ארבעטער אונזער פּאָליטישע טעטיקייט אין דער אַלגעמיינער קאָמוניסטישער פּאַרטיי (באָלשעוויקעס)“.

אַזוי האָט גערעדט דער ארבעטער אין „בונד“ אין אַפּרעל 1918, און זייַנע ווערטער האָבן געפונען אן אָפּקלאַנג. אַף דער פאַרזאַמלונג, וואו מע האָט פאָרגעלייגט דיזאָזיקע רעזאָלוציע, איז פאָרגעקומען א שפּאַלטונג אין דער סאַמאַרער אָרגאַניזאַציע.

...נאָך סאַמאַרע איז געקומען פּערם... דעם 12 אָקטיאַבער 1918 האָט די פּערמער אָרגאַניזאַציע פון „בונד" אָנגענומען די פאָלגנדיקע רעזאָלוציע:

„דער בונד האָט 20 יאָר שווער געאַרבעט אין אָזמענטשלעכע באַדינגונגען, קעדיי אויפצוהויבן און שאַפן א נייעם און בעסערן לעבן פאַרן אידישן אַרבעטער־קלאַס, ער איז אַלעמאָל געשטאַנען אין אַוואַנגאַרד פון רעוואָלוציאָנערן אַרבעטער־קלאַס אין רוסלאַנד. נאָר שוין זייענדיק באַם ציל פון די דערגרייכונגען פון אַרבעטער־קלאַס, האָט א טייל אינטעליגענטע טוער, וועלכער איז צייטווייליק געשטאַנען בעראָש פון לעבן אין בונד, געוואָלט איבערדרייען דעם רוהער קעגן די דערגרייכונגען פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע.

נאָר מיר, אידישע אַרבעטער, האָבן באַצייטנס דערזעען די גידערטרעכטיקע טאַטן פון אונזערע „פירער" און האָבן מעכטיק א געשריי געטאָן:

„שטייט! די הענט אָן א זייט! רירט זיך ניט צו דער רויטער פאָן פון אונזער „בונד", וועלכע איז באַשפּריצט מיט אונזער בלוט!

שוואַכע און פאַרעטער אַוועק פון אונזער וועג! מיר האָבן אַליין גענוג קייעך צו טראָגן די פאָן פון אַרבעטער־„בונד"!

מיר, פּערמער אידישע אַרבעטער, פאַרייניקטע אונטער דער פאָן פון בונד (לינקן), שווערן מיט דער אַלטער שוואוע:

אַז האַנט בא האַנט מיטן רעוואָלוציאָנערן אַרבעטער־קלאַס וועלן מיר שטיצן די האַטנמאַכט און זיך וואַרפן אין קאַמף פאַרן סאָציאַליזם, ווייל מיר זיינען זיכער, אַז אונזער באַפרייאונג ליגט אין אונזערע אייגענע הענט.

מיר מעלדן אַלע אידישע אַרבעטער, אַז קיינע באַציאונגען מיט די לידערס פון רעכטן בונד ווילן מיר ניט און וועלן ניט האָבן.

מיר וועלן שטרעבן צו שאַפן דעם ריין־אויסגעהאַלטענעם אידישן אַרבעטער־בונד, אין וועלכן ס'וועלן זיך פאַרייניקן אַלע אידישע פּראָלעטאַריער".

142. נאָכן 7־טן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר פון ר. ק. פּ. (ב).

(ש. דימאַנשטיין: „פאַר וואָס מיר רופן זיך קאָמוניסטן". „באַם ליכט פון קאָמוניזם", ז. ז. 83—86).

די רוסלענדער ס. ד. אַרבעטער־פּאַרטיי (באָלשעוויקעס) האָט אפן לעצטן צוזאַמענפאָר דעם 8־טן מאַרט באַשטימט אָנצורופן זיך אַלס „רוסלענדער קאָמוניסטישע פּאַרטיי (באָלשעוויקעס)".

די באַשטימונג איז אָנגענומען געוואָרן איינשטימיק נאָך קורצע דעבאַטן.

ס'איז ניט אזוי לייכט אָפּצוזאָגן זיך פון אזא נאָמען, אונטער וועלכן ס'איז געלונגען דער פּאַרטיי דורכצומאַכן די גרעסטע געשעעניש אין דער וועלטגעשיכטע. אויב די פּאַרטיי איז פאַרט אף דעם געגאַנגען, איז קענטיק, אַז זי איז צו דעם געצוואונגען. ס'פאַרשטייט זיך, די ברייטע מאַסן וועלן ניט אזוי שנעל פאַרשטיין, אַז די פּאַרטיי פון די קאָמוניסטן איז דיזעלבע, וואָס די ס. ד. באָלשעוויקעס. א געוויסער מישמאַש אף א קורצער צייט איז אַרייגעטראָגן גע־

וואָרן. פילע וועלן נעמען זוכן פראָגראַם־פאַרשיידנהייטן צווישן די צוויי נעמען פון דער פאַרטיי.

ס'וועלן זיך עפּשער געפינען פיל באַוויירים, וועלכע וועלן מיינען, אַז דאָס איז די אַנאַרכאָ־קאָמוניסטישע פאַרטיי, מיט וועלכער מיר פירן אַ קאַמף.

ניש ווייניק מי וועלן זיך געבן אונזערע סאָנים און די פאַרטייען פון די בורזשואַזע מיטלוייפער, — די מענשעוויקעס און די רעכטע עסערן — אויסצונוצן צו זייער גונסטן אונזערע אַלטע און נייע פירמעס.

דאָס אַלץ האָט די פאַרטיי פאַרויסגעזען.

נאָר מיר זיינען גענויט אָפּצוזונדערן זיך פון דער פאַרטיי פון צערעטעלי, סקאָבעלעוו און ליבער, וועלכע האָבן אין די יולי־טעג אַנטוואַפנט די פעטערבורגער אַרבעטער־מאַסן, האָבן פאַרטריבן די פאַרטיי פון אַרבעטער־קלאַס נאָך איר באַפרייאונג צוריק אין די אומלעגאַלע באַדינגונגען. דאָס איז אונזער כוונה.

מיר קאָנען ניט טראָגן דעם נאָמען פון ס. ד., ווען אַזעלכע, ווי וואַיטינסקי, האָבן אין די אָקטיאַבער־טעג אייניגעם מיטן פאַרעטער קערענסקי אָרגאַניזירט דעם צווייטן „קאָרנילאָוו־גאַנג“ אויף פעטראָגראַד. זיי האָבן אָנגעריצט די פאַרבלענדעטע קאַזאַקן קעגן דער אַרבעטער־רויטער־גוואַרדיע, די רויטע סאָלדאַטן און מאַטראָסן, און האָבן געוואָלט דערטרינקען אין אַרבעטער־בלוט די נאָר וואָס דערוואָרבענע ראַטן־מאַכט.

אַזעלכע טאַליאַנים פון דער אַרבעטער־מאַכט, אַזעלכע דערשטיקער פון סאָציאַליזם רופן זיך אָן ס. ד. און האָבן די האָזע אַרויסצוטרעטן אין נאָמען פון דער „פאַרייניקטער ס. ד. אַרבעטער־פאַרטיי“, ווען די איינציקע באַציאונג, וואָס זיי האָבן צו דער אַרבעטער־באַוועגונג, איז דאָס, וואָס זיי טרעטן אין איר אַריין אַלס אַגענטן פון דער בורזשואַזיע. מוזן מיר שטענדיק אונטערשטרייכן, אַז מיר זיינען ניט זיי. און די איינהייט פון נאָמען ס. ד. פאַרפירט גראָד פיל פון די ווייניקער באַוואוסטזיניקע צו מיינען, אַז זיי האָבן אַלגעמיינעס מיט די עמעסע פאָרשטייער פון סאָציאַליזם.

ווען ס'באַווייזן זיך פיל פאַלשע געלט־פאַפּירן, איז די רעגירונג געצוואונגען אַרויסצולאָזן פאַפּירן אין נייע פאָרמען, קעדיי צו גאַראַנטירן זיי פון די פאַלסיפיקאַטאָרן.

מיר זיינען איצט אויך אין אַזאַ לאַגע: ווען מע פאַלסיפיצירט דעם נאָמען פון ס. ד., מוזן מיר לאָזן די פירמע די פאַלסיפיקאַטאָרן, און נעמען זיך אַן אַנדער נאָמען.

דער נייער נאָמען פון דער פאַרטיי — „קאָמוניסטן“, איז דערצו גאָר ניט קיין נייער, נאָר, פאַרקערט, ער איז דער אַלטער בעקאַוועדיקער נאָמען פון דער ערשטער סאָציאַליסטישער פאַרטיי אין אייראָפּע.

די ערשטע סאָציאַליסטישע פאַרטיי אין פראַנקרייך, פאַר וועלכער מאַרקס און ענגעלס האָבן געשריבן זייער אומשטערבלעכן „קאָמוניסטישן מאַניפעסט“, האָט געהייסן די קאָמוניסטישע פאַרטיי.

רידיקאַלע פּאַרטיי איז געווען טיף פאַרהאַסט פון דער גאַנצער וועלט־בורזשואַזיע. דער שאָטן פון דער רויטער קאָמונע *) האָט דאַן אָנגעוואָרפן אַ מוירע און אַ ציטערניש אויף דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט. אונטער דער פאָן פון קאָמוניזם האָט אויך געאַרבעט דער ערשטער אינטערנאַציאָנאַל.

ווען ס'האָט זיך אָנגעפאַנגען די לעגאַלע סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין דער מאָנאַרכיסטישער דייטשלאַנד, פאַרשטייט זיך, אַז מע האָט איר ניט געקאָנט אָנרופן מיטן „שרעקלעכן" נאָמען פון קאָמוניסטן. מע האָט זיך געמוזט צופּאַסן צו די באַדינגונגען און מע האָט זיך אָנגערופן מער לאָיאַל־אָנגעוואָרדיק—סאָציאַל־דעמאָקראַטן.

פון דער דייטשישער פאַרטיי איז דער נאָמען ס. ד. איבערגעגאַנגען צו דער רוסישער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־פּאַרטיי, וועלכע האָט אָנגעפאַנגען איר טעטיקייט נאָך באַ ווייניק גינסטיקערע באַדינגונגען: אומלעגאַל, באַ דער מאַכט פון דער זעלבסטהערשונג.

איצט, ווען אויף אונזער גאַס איז יאָנטעוו, ווען מיר טרעטן צו צו פאַרווירקלעכן אין לעבן דעם אידעאַל פון די ערשטע קאָמוניסטן, איז, אויסער אַלעם, געקומען די צייט צו רופן זיך אויך מיט דעם ווירקלעכן נאָמען פון די, וועלכע ס'האָבן אוועקגעלייגט דעם ערשטן שטיין פון דער צוקונפטיקער וועלט. מיר פּאַסן זיך מער ניט צו דער בורזשואַזער געזעלשאַפט, נאָר מיר פּאַסן זי צו צו זיך.

143. די אויפגאַבן פון די אידישע קאָמוניסטישע סעקציעס.

(ש. דימאַנשטיין: „אידישע קאָמוניסטישע סעקציעס". „דער אמת", מאָסקווע, נומ. 25 פון 12־טן סענטיאַבער 1918.

די אויפגאַבע, וואָס אונזער גרופּע פון אידישע קאָמוניסטן האָבן זיך געשטעלט, הויבט זיך אָן צו פאַרווירקלעכן.

אין די ערשטע נומערן פון אונזער „וואַרהייט" האָבן מיר זיך געווענדעט מיט אַ הייסן אויפרוף צו אונזערע חברים צו גרינדן אידישע קאָמוניסטישע סעקציעס און אידישע קאָמיסאַריאַטן. אונזערע ווערטער האָבן געפונען דעם געהעריקן אָפּקלאַנג.

...מיר האָבן שוין איצטער אין 13 שטעט אָפּטיילונגען פון אידישן קאָמיסאַריאַט, און קימאַט באַ יעדער פון זיי אַ אידישע קאָמוניסטישע סעקציע. קענטיק, אַז דער באָדן איז שוין געווען גרייט, די אידישע מאַסן האָבן זיך אויפגעכאַפּט פון זייער לאַנגן שלאָף.

... ווען אַלץ אין רוסלאַנד נעמט זיך איצטער פאַר אַ נייעם לעבן, נעמען אויך מיר, אידישע אַרבעטער, בויען אונזער נייעם ביניען: אונזער סעקציע אין דער קאָמוניסטישער פאַרטיי.

צוטרעטנדיק צו אַזאַ וויכטיקער זאַך, דאַרפן מיר זיך שטאַרק פאַרטראַכטן, עס זאָל אַלץ געטאָן ווערן, ווי עס באַדאַרף צו זיין, מע זאָל ניט איבערכאַזערן

*) די פּאַריזער קאָמונע פון 1871.

די אלע פעלערן, וואָס עס האָט געמאַכט דער „בונד“, אָדער די אַלערליי ציאָ־ניסטישע מינים מיט די צונעשפּילעטע סאָציאַליסטישע צוהאַטן.

דער ערשטער פּרינציפּ איז, אַז מיר נעמען אָן אינגאַנצן די פּראָגראַם פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. איר פּראָגראַם איז אונזער פּראָגראַם.

אונזער אויפגאַבע איז דורכצופירן אין דער פּראַקטיק אַף דער אידישער גאַס אַלץ, וואָס עס שטרעבט צו פאַרווירקלעכן די קאָמוניסטישע פּאַרטיי.

מיר זיינען ניט א ספּעציעלע פּאַרטיי אַן און פאַר זיך, נאָר א טייל פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, וועלכע באַשטייט פון אידישע אַרבעטער.

זייענדיק אינטערנאַציאָנאַליסטן, שטעלן מיר זיך ניט קיינע ספּעציעלע נאַציאָנאַלע אויפגאַבן, נאָר ריין קלאַסישע *), פּראָלעטאַרישע.

אויך אַף וויפל מיר רייִדן אַף א באַזונדערער שפּראַך, זיינען מיר זיך מע־כויעוו צו באַמיען, אַז די אידישע מאַסן זאָלן קענען זייער אייגענע שפּראַך, באַ־פרידיקן די גאַנצע גייסטיקע באַדערפעניש אין זייער שפּראַך. העברעאיש האָט צו אונז קיין שום שאַיכעס ניט, מער ניט אַף וויפל איר יערושע, אין וועלכער די מאַסן נויטיקן זיך, איז אַריבער אין אידיש.

מיר זיינען אָבער אויך ניט קיין פאַנאַטיקער פון דער אידישער שפּראַך, זי ווערט פאַר אונז ניט קיין „א י ד י ש ה א ק ו י ד ע ש“, ווי פאַר אַנדערע אידישע נאַציאָנאַליסטן. ניין, די שפּראַך אַן און פיר זיך איז פאַר אונז ניט וויכטיק.

ס'איז גאַנץ מעגלעך, אַז אין דער נאָענטסטער צוקונפט וועלן די רייכערע שפּראַכן פון די שטאַרקערע און מער אַנטוויקלטע פעלקער אַרויסשטופּן אין יעדן לאַנד די אידישע שפּראַך.

מיר, קאָמוניסטן, וועלן אַף דעם קיין טרערן ניט פאַרגיסן און מיר וועלן גאָרניט טאָן, קעדיי צו שטערן דערהאַזיקער דערשיינונג.

אין דעם איצטיקן קאָנקרעטן מאָמענט, ווען די אידישע מאַסן זיינען שרעק־לעך אָפּגעשטאַנען, איז אונזער כויוו צו געבן זיי די מעגלעכקייט וואָס גיכער צו דערלאַנגן זייערע פאָרגעשריטענע באַווייזים.

דאָס איז נאָר מעגלעך אַף זייער אייגענער שפּראַך, וואָס איז זיי פאַרשטענד־לעך.

אין א געווייסן זין זיינען דאָ פּסיכאָלאָגישע פאַרשיידנהייטן צווישן דעם אידישן און רוסישן אַרבעטער. אַף דעם וועט געווייס פאַלן די אויפ־מערקזאַמקייט פון די אידישע קאָמוניסטישע סעקציעס.

אונזער אויפגאַבע איז צו דערנענטערן איינע צו די אַנדערע די אַרבעטער פון אַלערליי פעלקער און פאַרבינדן זיי אין איין אינטערנאַציאָנאַלער געזינד.

אונזערע אידישע קאָמוניסטישע סעקציעס דאַרפן אין אָרגאַניזאַציאָנס־זין געפינען זיך אינעווייניק אין דער אָרגאַניזאַציע פון יעדער שטאָט און האָבן איין קאָמיטעט.

די פּאַרטיי־בילעטן דאַרף מען באַקומען פון דעמזעלבן קאָמיטעט, ווי די אַלע איבעריקע מיטגלידער.

*) קלאַסאָווע.

ס'איז געוואונשן צו האָבן אַן אייגענעם אידישן קאָמוניסטישן קלוב, וואו מע זאָל קאָנען זיך פאַרזאַמלען און וואוהין מע וועט קאָנען צוציען די מיטפילנדע אַרבעטער.

אונזערע סעקציעס וועלן אין דערזעלביקער צייט קאָנען האָבן אייגענע קאָנפערענציעס און צוזאַמענפאָרן, באַהאַנדלען אַלץ, וואָס איז נויטיג דעם אידישן אַרבעטער לעבן.

144. לענין און די אידישע האָרעפּאַשנע מאַסן.

פון ש. דימאַנשטיינס אַריינפיר צום רוסישן ביכל: „נ. לענין וועגן דער אידן-פראַגע אין רוסלאַנד“ כאַרקאָוו. פאַרלאַג „פּראָלעטאַרי“, ז. ז. 13—18).

...מיר האָבן באַשלאָסן אָנהויבן אַן ערנסטע פּאַרטייאישע אַרבעט צווישן דער ניט גרויסער צאָל אידישע אַרבעטער, קעדיי זיי אָפּצושפּאַלטן פונם בונד און פון די אַנדערע נאַציאָנאַליסטישע פּאַרטייען.

נאָך אונטערהאַנדלונגען מיט לענינען האָט ער מאַסקים געווען, אַז ס'איז מעגלעך צופּאַסן געוויסע אָרגאַניזיר-פאָרמען פאַר דער פּאַרטייאישער אַרבעט צווישן די אידן. און מיר האָבן זיך גענומען גלייכצייטיק פאַר אידישע סאָוועטישע און פּאַרטייאישע אַרבעט.

אונז האָט זיך איינגעגעבן אַריינצוטראָגן אַ צעשפּאַלטונג אין די אידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, און זייערע בעסערע עלעמענטן זיינען אַריבערגעגאַנגען צו אונז אין פּאַרטיי, העלפנדיק אונז פירן די אידישע אַרבעט.

די טקופע פון בירגער-קריג מיט איר שטאַרקער פאַרשאַרפטקייט פון אַלע הייפוכים, וואָס אין אַ געוויינלעכער צייט לעבן זיי זיך פרידלעך איין אין די ראַמען פון דער געזעלשאַפט, האָט אַרויסגערוקט אויף אַ זייער אָנגעזעען אָרט דעם אַנטיסעמיטיזם.

די קאָנטר-רעוואָלוציע האָט זיך מיט אים באַנוצט, ווי ווייט ס'האָט זיך געלאָזט, און אָפטמאָל האָבן זיך זיינע אָפּקלאַנגען געלאָזט הערן אויך אין ראַטן-רוסלאַנד, ווייל די צענטראַלע מאַכט איז ניט געווען בעקוויאַך אומעטום צו באַקעמפן אים, און עלעמענטן, וואָס האָבן זיך צו אונז צוגעשמירט, זיינען געווען איבער גענוג.

ווען איך האָב איבערגעגעבן לענינען די ידיעס, וועלכע מיר האָבן געהאַט אין אידישן קאָמיסאַריאַט וועגן דער גרויס און די פאָרמען פון די אַנטיסעמיטישע דערשיינונגען, האָט ער אין גרויס צאָרן און, ווי מיר האָט זיך געדוכט, אפילע ווי שעמענדיק זיך פאַר די מיעסע רעשטלעך פון דער פינסטערער פאַרגאַנגענהייט, וואָס באַשמוצן די רעוואָלוציע, געזאָגט, אַז דער אַנטיסעמיטיזם איז אַ שאַרף געווער פון דער קאָנטר-רעוואָלוציע און מע מוז קעגן אים קעמפן מיט אַלע מיטלען.

מע האָט מיר פאַרהגעליינט אַרייִנצוטראָגן אַ פּראָיעקט פון אַ דעקרעט וועגן קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם, וועלכער איז פריער דורכגעדעראַגירט געוואָרן דורך לענינען, און מיט זיין האַנט איז אָנגעשריבן געוואָרן דער סאָף פון דעקרעט אין אַזאַ פאָרמולירונג: „דער ראַטפאָלקאָם באַאויפטראַגט אַלע סאָוועטן אָנצונעמען אַנטשיידענע מאָסמיטלען אַף אויסצוואָרצלען די אַנטיסעמיטישע באַוועגונג. די פּאָגראָמשטשיקעס און די, וועלכע פירן אַ פּאָגראָם-אַגיטאַציע, ווערט פאַרהגעליינט צו שטעלן אויסער געזעץ". דערהאָזיקער דעקרעט איז געווען אָנגענומען אין יולי 1918 *).

...מע דאַרף באַמערקן, אַז אין די שמועסן מיט מיר האָט לענין ניט איינמאָל באַטאָנט די גרויסע באַדייטונג פון די אידן פאַר דער רעוואָלוציע ניט בלויז אין רוסלאַנד, נאָר אויך אין אַנדערע לענדער, און אַף וויפל ס'איז וויכטיק פאַר דער רעוואָלוציע גיכער צו ליקווידירן די רעזולטאַטן פון אומגערעכטיקייט בענוגייע צו די אידישע אַרבעטנדיקע מאַסן, צוליב די באַטאָים פון דער קאַפּיטאַליסטישער און רעליגיעזער וועלט.

כ'געדענק, ווי איך בין איינמאָל געקומען צו לענינען מיט אַ בלעטל „וועגן די אידן", וואָס מ. גאָרקי האָט אַרויסגעלאָזן. דאָס בלעטל איז געווען געדרוקט אין אַ גרויסער צאָל עקזעמפּליאַרן, אָבער זיין אינהאַלט האָט זיך מיר אויסגערעכנט פאַר זייער ניט קיין געלונגענעם. איך האָב זיך געוואָלט דערשלאָגן בא לענינען, אַז מע זאָל האָסדאָזיקע בלעטל ניט דערלאָזן צו פאַרשפּרייטן. מ. גאָרקי האָט געזונגען אויסערגעוויינלעכע שוואָכים דעם אידישן פאָלק, לויבנדיק אים ביז אין הימל, און ס'האָט זיך באַשאַפן אַן איינדרוק, אַזוי ווי די רעוואָלוציע האַלט זיך אַף די אידן, הויפּטזאַכלעך אַף זייערע מיטלשיכטן.

איך האָב געהאַלטן, אַז ניט בלויז וואָס דאָס שטימט ניט מיט דער ווירקלעכקייט, נאָר דאָס קאָן נאָך אויסגענוצט ווערן פון אונזערע סאָנים צו אַנטיסעמיטישע צוועקן קעגן דער רעוואָלוציע.

לענין האָט מיט מיר איינגעשטימט בלויז אין דעם, אַז גאָרקיס בלעטל איז זייער אומגעלונגען פאָרמולירט, מאַכמעס אין אַ פּויערשן לאַנד קומט אויס אַמאָל זיך רעכענען אויך מיט אַזוינע העסלעכע פאָרורטיילן, ווי אַנטיסעמיטיזם. פונדעסטוועגן אָבער האָט ער איינגעפונען, אַז איינם דאָזיקן בלעטל איז פאַראַן אַסאַך נוצלעכעס, אַכוץ דעם, האָט ער געפונען, אַז מיין אויסטייטשן דאָס בלעטל איז אַביסל סוביעקטיוו, און דעריבער איז ניט נויטיק אָנצוואַוועגדן אַזאַ עקסטרן מיטל, ווי קאָנפיסקירן גאָרקיס בלעטל.

אין דיזאָזיקע וויקוכים האָט לענין אַרויסגעזאָגט אַזאַ אָריגינעלן געדאַנק, וועלכער איז ווערט, מע זאָל אים פאַרפיקסירן.

ער האַלט, אַז דער קומענדיקער פאָרשער פון דער ווירקונג, וואָס די אימפּעריאַליסטישע מילכאָמע האָט געהאַט אַף דער אָקטיאַבער-רעוואָלוציע, וועט ניט קאָנען ניט דיסקאָנטירן ווי געהעריק די אומגעהייערע באַדייטונג פון דער ווירקונג, וועלכע ס'האָבן געהאַט אייניקע פאַקטן, ווי, צ. ב., דאָס, וואָס צוליב די מיליטערישע אָפּעראַציעס האָט מען עוואַקוירט די פאַבריק-אינדוסטריע פון

*) זע דעם פאָלגנדיקן דאָקומענט.

באַלטישן געגנט און פון אַנדערע ראַנד־געגנטן אין צענטראַל־רוסלאַנד, און דערנאָך האָט מען פון די ראַנד־געגנטן אין אַ גרויסער צאָל עוואַקואירט די אידישע באַפעלקערונג, לעפּאָכעס די אַקטיווערע עלעמענטן, אין טיף רוסלאַנד.

האָס, וואָס די לעטישע אַרבעטער זיינען אין אַ גרויסער צאָל אָנגעקומען פון ריגע און פון אַנדערע שטעט אין די רוסישע אינדוסטריעלע צענטרען, האָט בעאייס דער מילכאָמע אַריינגעטראָגן אין די אָרטיקע אונטערערדישע אַרבע־טער־אָרגאַניזאַציעס אַ קאָלאָסאַלע אויפלעבונג.

אַ גרויסע באַדייטונג פאַר דער רעוואָלוציע האָט געהאַט אויך דער פאַקט, וואָס צוליב דער מילכאָמע האָט זיך אַ באַדייטנדיקע צאָל אידישע מיטל־איני־טעליגענץ באַזעצט אין די רוסישע שטעט.

זיי האָבן אַרונטערגעריסן יענעם גענעראַל־סאַבאָטאַזש, מיט וועלכן מיר האָבן זיך גלייך געטראָפן נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע און וועלכער איז נאָך אויך איצט פאַראַן.

די אידישע עלעמענטן, האַגאַם ווייט ניט אַלע, האָבן סאַבאָטירט דעם־דאָזיקן סאַבאָטאַזש, און מיט דעם האָבן זיי אויסגעהאָלפן דער רעוואָלוציע אין אַ שווערן מאָמענט.

גאָרקיס מיינונג וועגן דער גרויסער באַדייטונג פון די־דאָזיקע עלעמענטן האָט לענין געהאַלטן פאַר אַ גאַנץ ריכטיקע, האַגאַם ער האָט מוידע געווען, אַז ס'איז ניט צוועקמעסיק באַזונדערס אונטערצושטרייכן דעם־דאָזיקן מאָמענט אין דער פרעסע, צוליב אַ ריי טאַיימים, אָבער ער האָט באַטאָנט, אַז באַהערשן דעם מעלוכע־אַפּאַראַט און באַדייטנדיק אומענדערן זיינע פאָרמען האָט זיך אונז איינגעגעבן בלויז אַדאַנק דעם־דאָזיקן רעזערוו שריפטיקע, מער וויניקער פאַרשטענדיקע און ניכטערע נייע באַאַמטע.

145. דעקרעט פונם ראַט פון די פאָלקס־קאָמיסאַרן וועגן דערשטיקן אין שורעש די אַנטיסעמיטישע באַוועגונג.

(„יעדיעס פונם אלרוסלענדישן צ. א. ק.‟ נומ. 158 פון 27 יולי 1918)

לויט די יעדיעס, וואָס זיינען אָנגעקומען צום ראַט פון די פאָלקס־קאָמי־סאַרן, פירן די קאָנטר־רעוואָלוציאָנערן אין אַסאַך שטעט, באַזונדערס אינם פראָנט־געגנט, אַ פּאָגראָם־אַגיטאַציע, וואָס אין איר רעזולטאַט זיינען פאָרגע־קומען אין איניקע ערטער עקסצעסן קעגן דער אַרבעטנדיקער אידישער באַ־פעלקערונג. די בורזשואַזע קאָנטר־רעוואָלוציע נעמט איבער אין אירע הענט דעם קלייזאיעז, וואָס איז אַרויסגעפאַלן פון דעם צאַרס הענט.

יעדעס מאָל, ווען דער זעלבסטהערשערישער רעגירונג איז נויטיק געווען אָפּצואָווענדן פון זיך דעם פאָלקס־צאָרן, האָט זי אים געריכטעט אַף די אידן, אַנווייזנדיק די פאַרפינסטערטע מאַסן, אַז אַלע זייערע צאָרעס שטאַמען קלוי־מערשט פון די אידן. דערביי האָבן די אידישע גווירים שטענדיק געפונען פאַר זיך אַ שוץ, און געליטן און אומגעקומען פון דער העצע און פון דער פאַרגע־וואַלטיקונג איז נאָר די אידישע אָרימקייט.

איצט הייבן ווידער אָן די קאָנטר-רעוואָלוציאָנערן א העצע קעגן די אידן, אויסנוצנדיק דעם הונגער, די מידקייט, און אויך די אומבאוואוסטזיניקייט פון די אָפּגעשטאַנענע מאַסן און די רעשטלעך פון סינע צו אידן, וואָס די זעלבסט־הערשונג האָט איינגעפלאַנצט אין פאָלק.

אין דער רוסלענדישער פעדעראַטיווער ראַטן-רעפּובליק, וואו ס'איז פּראָקלאַמירט געוואָרן דער פּרינציפּ פון זעלבסטבאַשטימונג פון די אַרבעטס-מאַסן פון אַלע פעלקער, קאָן ניט האָבן קיין פּלאַץ די נאַציאָנאַלע אונטערדריקונג. די אידישע בורזשויען זיינען אונזערע סאָנים ניט אַלס אידן, נאָר אַלס בורזשויען. דער אידישער אַרבעטער איז אונזער ברודער. יעדע העצע קעגן וועלכער ס'איז נאַציע איז אַ שאַנדע און אומדערלאָזבאַר.

דער ראַט פון די פאָלקס-קאָמיסאַרן דערקלערט די אַנטיסעמיטישע העצע און די אידן-פּאָגראָמען פאַר אַן אומגליק פאַר דער זאַך פון דער אַרבעטער-און פּויערים-רעוואָלוציע, און פאָדערט אויף דאָס אַרבעטנדיקע פאָלק פון דעם סאָציאַליסטישן רוסלאַנד צו קעמפן מיט אַלע מיטלען קעגן אָט דעם בייז.

די נאַציאָנאַלע סינע שוואַכט אָפּ אונזערע רעוואָלוציאָנערע רייען, צעשפּאַלט דעם איינהייטלעכן, אָן אונטערשייד פון נאַציאָנאַליטעט, אַרבעטס-פראָנט און איז נאָר אַ שטיצע פאַר אונזערע סאָנים.

דער ראַט פון די פאָלקס-קאָמיסאַרן באַפעלט אַלע סאָוועטן*) אונטערצונעמען די אַנטשיידנדיקע שריט צו דערשטיקן אין שורעם די אַנטיסעמיטישע באַוועגונג. די פּאָגראָמשטשיקעס און פּאָגראָם-אַגיטאַטאָרן זאָל מען שטעלן אויסער געזעץ.

פאָרזיצער פונם ראַט פון די פאָלקס-קאָמיסאַרן אוליאַנאָוו (לענין)

פאַרוואַלטער מיט די איניאָנים פונם ראַט וול. באָנטש-ברועוויטש.

ס ע ק ר ע ט אַ ר נ. גאָרבונאָוו.

146. פאַר פאַרשטאַרקן דעם רויטן טעראָר.

(ש. דימאַנשטיין: „דער שרעקלעכער טעראָר“. „דער אמת“, נומ. 23 פון 10 סענטיאַבר 1918.

לענין אין זיין בוך, וואָס ער האָט אָנגעשריבן ערעוו דער אָקטיאַבר-רעוואָלוציע, „די מעלוכע און רעוואָליציע“, זאָגט פאָרויס, אַז אונז, אַרבעטער, וועט געוויס אויסקומען אָנצונעמען רעפּרעסיווע מיטלען קעגן דער בורזשואַזער מינדערהייט, וואָס וועט וועלן אָפּנעמען בא אונז צוריק די פאַרכאַפּטע מאַכט.

דערביי איז ער מויסיף, אַז אונזערע רעפּרעסיעס וועלן זיין אין פאַרגלייך מיט דעם, וואָס ס'איז אויסגעקומען אָנצונעמען בא אַלע באַדינגונגען אין אַנדערע לענדער, ג אַ נ ץ ל יי כ ט ע; ווייל ווען די בורזשואַזיע, וואָס איז אין דער מינדערהייט, דאַרף דערשטיקן אַן אויפשטאַנד קעגן זיך, מוז זי אָנעמען אַ

*) ראַטן פון אַרבעטער און סאָלדאַטן דעפּוטאַטן.

בריטן מאַסאָון טעראָר. מיר, אַרבעטער, זיינען אָבער אין דער מערהייט, און מיר וועלן דאַרום אָן באַזונדערע שטרענגע רעפּרעסיעס בייקומען די בורזשואַזיע.

אַזוי האָט גאַנץ לאַנגיש געשריבן דער כאַוועד לענין, ווען ער האָט טעאָרע־טיש באַגרינדעט אונזער לעצטע רעוואָלוציע.

אין משך פון 10 מאָנאַטן פון אונזער רעוואָלוציע זיינען מיר געווען גאַנץ גרויסמוטיק, ווייכהאַרציק, ריכטיקער געזאָגט, גאַנץ נאַיוו.

ס'האָט עקזיסטירט אַ גאַנצע פּרעסע, וואָס האָט טאָג־טעגלעך גערופן צו באַוואָפנטע אויפשטאַנדן קעגן אונז.

מיר האָבן לאַנג געשוויגן, ווען פיל ציימונגען האָבן אָפן גערופן די ענג־לענדער און פראַנצויזן אַף אונזערע קעפּ.

איבער „דעמאָקראַטישע" פאַרורטיילן האָבן מיר דערלאָזן, מע זאָל רופן צו באַוואָפנטע אויפשטאַנדן קעגן אונז פון אונזער אייגענער טריבונע — אַף די זיצונגען פון צ. א. ק. אונטער דער פאָרזיצונג פון כ. סווערדלאָוו (57

די ה. ה. ליבאַטש און זיינע כאַווײרים, וואָס זיינען איצט מיטגלידער פון דער סיבירער און אַרכאַנגעלסקער ענגלישע רעגירונגען, האָבן בא אונז אָפן אַף אונזערע זיצונגען געהאַלטן מערידע־רעדעס.

מיר האָבן דעם גענעראַל קראַסנאָוו באַפרייט אַף זיין ערנוואָרט, אַז ער וועט מער קיין אַנטייל ניט נעמען אין פּאָליטישן קאַמף. איצט הענגט ער און שיסט אונזערע כאַווײרים אַפן דאָן מאַסנווייז.

מיר האָבן געהאַלטן קאָרנילאָוון אין טורמע, ביז ער איז אַנטלאָפן און אויפגעהויבן אַן אויפשטאַנד קעגן אונז.

מיר האָבן זיך גערעכנט מיט דער געוויינלעך־אָנגענומענער אויסשליסלעכער לאַגע פון די אויסלענדישע דיפּלאָמאַטן, מיט זייער אומבאַריראַייט, און זיי האָבן בא אונז אונטערן נאָז אָרגאַניזירט אויפשטאַנדן קעגן אונז אין אונזער לאַנד, קעדיי אונז צו דערשטיקן.

אפילע אזעלכע נאָענטע פריינט, ווי די לינקע ס. ר., צו וועלכע מיר האָבן זיך באַצויגן ווי צו כאַווײרים און האָבן זיי נאַיוו געגלייבט, אפילע זיי האָבן אונז שיר ניט געגעבן אַ טויט־קלאַפּ.

אַלע מיטלען האָט מען אָנגענומען קעגן אונז — אפילע ברייטע אויפ־שטאַנדן, נאָר זיי האָבן ניט געבראַכט אונזערע סאָנים צו זייער ציל. דער לעצ־טער מיטל זייערער איז געוואָרן: פּערזענלעכער טעראָר.

ניין, גענוג אונז צו זיין נאַיוו, מיר זיינען שוין עלטער געוואָרן, ארויס פון די קינדער־יאָרן, מיר האָבן שוין געהאַט אַ ערנסטע בלוטיקע ערפאַרונג.

מע דאַרף זיך מער ניט רעכענען מיט קיינע פאַרורטיילן, אונזערע סאָנים זיינען זייער איבערגעשפּיצט אין נוצן אויס אַלץ, וואָס זיי קאָנען, קעגן אונז, ניט קוקנדיק אַף קיין זאַך.

אין דער לאַגע, וואָס אונזער רעוואָלוציע געפינט זיך איצט, און נאָך דער שטעלונג, וואָס ס'האָבן אָנגענומען אונזערע סאָנים, איז ניטאָ קיין מעגלעכקייט צו באַגיין זיך אָן טעראָר.

אונז איז לאנג באקאנט דאס ווארט „הבא להרגך השכם והרגו"*). דאס איז א לעבנספאדערונג אין איצטיקן מאמענט.

מיר האבן קיינע רעכט ניט צו לאזן אונזער רעוואלוציע אין סאקאנע איבער אונזער ווייכהערציקייט אדער ניט אנטשיידנהייט.

אונזערע סאנים שרעקן זיך ניט פאר די גרעסטע קארבאנעס. די פינ־לענדער האבן טויזנטערווייז דערשאסן אונזערע כאווייריםם, און אזוי איז אר־מעטום, וואו די בורזשואזיע באזיגט די רעוואלוציע.

מיר דארפן נאר זען איין זאך, אז אונזער טעראר זאל זיך ניט ווענדן קעגן אונז זעלבסט, ער זאל האבן א פאליטישן זין און זאל ניט טראגן קיין כאראקטער פון נעקאמע.

אונזער טעראר דארף אומבעראכמאנעסדיק שטראפן די שולדיקע און ניט גלאט אין דער וועלט אריין. די, וואס האבן א מינדסטע שייכעס צו דער ארגאניזאציע פון די ווייסע גווארדייער, דארפן דערשאסן ווערן.

ס'מוזן גלייך פובליקירט ווערן די אורזאכן, פארוואס ס'זיינען באשטראפט געווארן די אדער יענע.

ס'טארן ניט טראגן קיין געהיימען כאראקטער, אלס א אינקוויזיציע, אונ־זערע שטרענגע שטראף־מיטלען.

מע דארף ניט פארגעסן, אז מיט דער פארניכטונג פון א וועלכער ס'איז שווארצער ארגאניזאציע ראטעווען מיר טויזנטער מענטשן פון טויט און ליידן. ס'איז גענוג צו דערמאנען די כורוועס פון יאראסלאוו, 68) וואס ס'האט גע־בראכט מיט זיך די ווייסע גווארדיע.

וואס שטרענגער מיר וועלן זיין צו אונזערע דירעקטע סאנים, אלץ ווייניקער וועט אויסקומען צו ליידן די פרידלעכע בירגער.

מיר זיינען איצט אין א באלאגערטער פעסטונג און אף אזא ארט פאר־טיידיקן מיר זיך.

147. די אלגעמיינע ארבעטס־פליכט 69) און איר באדייטונג.

פלי גארפינקעל:**) „ארבעט־היזכאיוועס", „דער אמת", נומ. 31. פון 24 סענטיאבר 1918

פאר יעדערן איז קלאר, אז די מאדערנע געזעלשאפט קאן ניט עקזיסטירן אן ארבעט. דער גרונטשטיין, אף וואס ס'האלט זיך א ציוויליזירט לאנד איז, אז אלע אירע מיטגלידער זאלן זיך געפינען אף זייערע ערטער און זאלן פראָ־דוצירן, וואס פון זיי פאדערט זיך, לויט זייערע פעאיקייטן און פארבארייטונגען. ...דער קעגנזאץ פון דער קאפיטאליסטישער ארדענונג איז נאך ניט פארשוואונדן געווארן אין אונזער נייער סאציאליסטישער ארדענונג. פאר אונז, קאמוניסטן, איז עס טרויעריק צו זען, ווי ווייניק מיר האבן אויפגעטאן, ווי ניט ווייט

*) „אז איינער קומט זיך הארגענען, זיי דיך מקדים און הארגע אים".

**) פזעוודאנים פון כ' ש. דימאנשטיין.

מיר זיינען אוועקגעגאַנגען פאַרויס פון דער געוועזענער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג.

ביז היינט נאָך, ניט קוקנדיק אַף אַלע דערקרעטן אונדזערע, זעען מיר נאָך אַף יעדן שריט און טריט, ווי ווייט אונדזערע פּרינציפּן זיינען נאָך ניט פאַרווירקלעכט געוואָרן אין לעבן. דער אַרבעטער איז באַשעפטיקט נאָך ווייניקער צייט ווי געווען: אָבער טויזנטער בירגער זיצן אַף זייערע ערטער און טוען קיין זאַך ניט, באַשעפטיקן זיך טיילוויז מיט ספּעקוליאַציע, לעבן אַ גאַנץ גוטן טאָג און פּראָדוצירן גאָרנישט פאַר דער געזעלשאַפט.

די פראַגע וועגן אַרבעט-היסכאַיוועס איז נאָך קיינמאָל ניט געווען אַזוי צו דער צייט ווי איצטער. ווען מע קוקט זיך צו צום נייעם בילד, וואָס האָט זיך באַשאַפן בא אונדז אין רוסלאַנד, אַדאַנק דער אָקטיאַבער-רעוואָלוציע, זעט מען גלייך, אַז עס איז זייער ניט קיין געוויינלעכעס. אַ גרויסער טייל פון דער באַפעלקערונג האָט זיך באַשעפטיקט מיט מיסכער אין אַלע זיינע פאָרמען, אַנדערע האָבן זיך פאַרנומען מיט פאַרמיטלעריי צווישן דער רעגירונג און פריוואַטע אונטערנעמונגען, אייניקע האָבן זיך באַשעפטיקט מיט ברענגען אַלעם נויטיקעס פון איין געגנט אין צווייטן. זיי האָבן זיך באַנוצט מיט דעם אונטערשייד אין די מעקאָכים פון איין אָרט ביז דעם צווייטן, און דאָס האָט זיי געגעבן אַ גוטן רעוואַך.

גאַנץ אָפט האָט דאָס אָנגענומען אַ ריין ספּעקוליאַטיוון כאַראַקטער, און די פאַרמעגנס פון די אונטערנעמער זיינען געשטיגן מיט אומגעהויערער געשווינדקייט. ס'האָט זיך געבילדעט אַ גאַנצער קלאַס ניי אויפגעקומענע מילכאָמעגווירים, „הונגער-מיליאָנערן", וואָס האָבן אָנגעלעבט פון גאָלד אַף טייכן בלוט, הייזער און הויפן אָפן פאָלקס-הונגער.

מיט דער נאַציאָנאַליזירונג פון דער פּראָדוקציע און אַלע אירע צווייגן, נאָך דעם ערנסטן קאַמף, וואָס מיר פירן קעגן דער ספּעקוליאַציע, פאַרשאַפט זיך אַ גאַנצע מאַכנע „איבעריקע מענטשן", וואָס האָבן ניט וואו אַהינצוטאָן זייער אַרבעטס-קראַפט. זיי נוצן אויס די פאַרמעגנס, וואָס זיי האָבן אָנגעקליבן אין די פריערדיקע צייטן, און זיצן אַף אַלעם פאַרטיקן, ברענגען אויס די גראָבע קאַפּיטאַלן, וואָס זיי האָבן, וואַרטן און בעטן גאָט, וואָס גיכער פאַטער צו ווערן פון זייערע פאַרביטערטע סאָנים — פון די קאָמוניסטן.

אין דער הײַנטיקער צייט איז רוסלאַנד רואינירט געוואָרן דורך דער מילכאָמע. ס'פאָדערט זיך אַן אומגעהויערע אָנשטרענגונג פון אַלע קויכעס, קעדיי ווידער אויפצושטעלן און ברענגען אַלץ אין אָרדענונג אין דעם סאָציאַליסטישן רוסלאַנד. מע דאַרף אויסנוצן אַלץ, וואָס איז נאָר מעגלעך. מע דאַרף צוציען צו שאַפנדער אַרבעט אַלץ, וואָס איז פעאיק דערצו. אויב מיר האָבן ניט גענוג מיטלען אויסצוהאַלטן די אַרבעטער, וואָס פאָדערן זיך דערצו, דאַרפן מיר אויסנוצן די פאַרטיקע אַרבעטער, וואָס האָבן זיך אַליין גענומען זייער אַרבעטס-לוין פון דער געזעלשאַפט נאָך פריער אין דער פאָרם פון פּראָצענטן אָדער אַנדערע ספּעקוליאַטיווע פאַרדינסטן.

די קאַפּיטאַליסטן דאַרף מען אויסנוצן אויף די אַלע נייטיקע אַרבעט, וואָס מיר האָבן פאַר זיך. ס'פאַרשטייט זיך, אַז די אַרבעט טאָר ניט טראָגן קיין כאַראַקטער פון וועלכער ס'איז שטראָף. דאָס דאַרף ניט זיין קיין צוואַנגס־אַרבעט, אָדער אַ מין אָפּקומען קאַטאָרגע. די בורזשואַזיע דאַרף אויך ניט אַרבעטן נאָר דערפאַר, קעדיי איר זאָל כאָטש וועכאַלילע ניט זיין אומעטיק אָן אַ שטאָך אַרבעט, אָדער אונדז זאָל זיין ניט אָנגענעם צו קוקן, ווי די בורזשויען גייען נעבעך אַרום פּוסטאַ־און־פּאַס.

אויף די ערטער דאַרף מען זען אויסצונוצן די „אויסזיסטע" קרעפטן, וואָס מיר האָבן, קעדיי צו באַשאַפן וואָס עס איז וויכטיקעס, באַניצן זיי אויף אַרבעט, וואָס מע קאָן ניט אָפּלייגן, וואָס ס'פאָדערט פון אונדז דער מאָמענט.

די „אַרבעט־היסכאַיוועס" וועט שטאַרק אָנרירן טויזנטער פון אונזערע לופטמענטשן, וואָס ווייסן ניט וואו אַהינצוטאָן זיך. זיי לויפן אין די אָקופּירטע געגנטן און זיי כאַפּט אָן אַ אייממע, ווען זיי דערהערן, אַז די אָקופּירטע געגנטן הייבן זיך אָן אומצוקערן צו אונדז.

אין דער זעלבער צייט לויפן אידן פון הונגער צוריק אין אונזערע קאָמונעס און ווייסן ניט, וואו פאַר זיי איז בעסער צו לעבן אָדער, ריכטיקער, ניט צו שטאַרבן — בא דעם דייטשישן „קולאַק", אָדער בא דער קאָמוניסטישער אָרדענונג.

די „אַ ר ב ע ט ־ ה י ס כ אַ י וו ע ס" וועט פיל פון זיי ראַטעווען. לויט זייער אַלטער געוואוינהייט פון הענדלער, קאָנען זיי זיך ניט נעמען פאַר פּאַשעטע אַרבעט אָדער, ווי מע רופט עס, שוואַרצע אַרבעט. איצטער, אַז די אַרבעט־היסכאַיוועס פאָדערט פון אַלעמען נעמען זיך ניט ווילנדיק פאַר דער אַרבעט, וועלכע מע זאָל ניט געבן, וועלן אונזערע „אַוויינו בניי איסראָעל" נעמען זיך פאַר דער לאָפּעטע אָדער האַק און אַנדערע אַזוינע אינסטרומענטן.

דערמיט אַליין וועלן זיי מאַכן די ערשטע טריט אינם נייעם לעבן פון דעם באַנייטן רוסלאַנד, דערנאָך וועט שוין דאָס מעמיילע גיין. שווער איז נאָר דער ערשטער טריט. מע מוז זיך נאָר איבערצייגן, אַז ס'איז געקומען אַ סאָף צו מיסכער, און מע דאַרף זיך נעמען פאַר אַ נייעם אָרט לעבן.

148. ווי אַזוי האָט זיך אָרגאַניזירט דער אידישער קאָמיסאַריאַט.

(ש. אגורסקי [70]: „דער אידישער אַרבעטער אין דער קאָמוניסטישער באַוועגונג". מינסק. 1925. ז. 6—9).

דאָס איז געווען אין 1918־טן יאָר, דעם 18־טן יאַנוואַר, אויף אַ קליינער פאַרזאַמלונג, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין איינעם פון די צימערן פון דעם באַרימטן סמאָלני־אינסטיטוט*). אויף דערדאָזיקער פאַרזאַמלונג זיינען מיר געווען זאַלבעזעקסט. די פאַרזאַמלונג איז געווען אַ גאַנץ קורצע. ב' פעסטקאָווסקי, דער

*) די געביידע, וואו אין די אָקטיאַבער־טעג האָט זיך געפונען דער באָלשעוויסטישער מי־ליטער־רעוואָלוציאָנערער קאָמיטעט און שפּעטער, ביזן אַריבערפאָרן קיין מאָסקווע, אויך דער ראַט פון די פאָלקס־קאָמיסאַרן.

שטעלפארטרעטער פון דעם פאלקסקאמיסאר פאר נאציאנאלע איניאנים, האט אין עטלעכע וואכן דערקלערט, אז כמעט אלע נאציאנאליטעטן פון רוסלאנד האבן שוין ארגאניזירט קאמיסאריאטן און ס׳איז נייטיק, אז א אידישער קאמיסאריאט זאל אויך געשאפן ווערן. אזוי איז טאקע געווען. דער כ׳ ש. דימאנשטיין, אן אלטער מיטגליד פון דער באלשעוויסטישער פארטיי, איז גלייך באשטימט געווארן אלס קאמיסאר, און א. דאבקאווסקי, א לינקער עס-ער, אלס שטעלפארטרעטער פון אידישן קאמיסאר. אין דערהאזיקער קאמבינאציע פון א באלשעוויק מיט א לינקן עסער שפיגלט זיך אפ די פאליטישע סיטואציע פון יענער צייט. דאן איז די רעגירונג געלעגן אין די הענט פון די צוויי פארטייען און אלץ האט געמוזט געטאן ווערן בעשותפעס. די באשטימונג פון ש. דימאנשטיין און דאבקאווסקי איז אפיציעל באשטעטיקט געווארן דורך א דעקרעט, וועלכער איז פובליקירט געווארן אין דער צענטראלער „איזוועסטיא" פון 20-טן יאנואר 1918, אונטער וועלכן כ. לענין איז געווען אונטערגעשריבן. גלייך ווי די באשטימונג איז געמאכט געווארן, האט מען באשלאסן צו ארגאניזירן אן אפענע פארזאמלונג און באקאנט מאכן דעם אידישן עולם פון לענינגראד וועגן דער גרינדונג פון אידישן קאמיסאריאט.

די ערשטע עפנטלעכע פארזאמלונג פון אידישן קאמיסאריאט איז אפגעהאלטן געווארן דעם 21-טן יאנואר אין ארבעט-בירזשע אף כראנווערסקי פראספעקט. צוליב א מיספארשטענדעניש איז די פארזאמלונג ניט געווען קיין גרויסע; ס׳זיינען איינגעגאנגען געקומען א פאר צענדליק מענטשן. ניט געקוקט אף דעם, איז דאך די פארזאמלונג געעפנט געווארן און מע האט געוואלט אנהייבן די ארבעט, אבער דיהאזיקע ערשטע פארזאמלונג איז איבערגעריסן געווארן, ווייל א העלפט פון די, וואס זיינען צו דער פארזאמלונג געקומען, זיינען נאר געקומען מיטן צוועק זי צושטערן.

די שטערער פון דער ערשטער פארזאמלונג זיינען געווען בונדיסטן. שטערן א באלשעוויסטישע פארזאמלונג פלעגט מען אין יענער צייט דורך אבסטרוקציעס און סאבאטאזש; עטלעכע קעגנער פלעגן זיך פארשרייבן צום ווארט און האלטן לאנגע רעדעס; זיי פלעגן אין די רעדעס קיינעם ניט אטאקירן, נאר זיך סטארען רעדן וועגן אלץ אין דער וועלט, קעדיי צו פארציען די צייט און ניט דערלאזן עמוצאס צו טאן; ווען זיי פלעגן קיין מעגלעכקייט ניט האבן צו רעדן, פלעגן זיי פארשיטן מיט פראגן און ניט לאזן פירן די פארזאמלונג. אט דורך אזעלכע מיטלען איז געשטערט געווארן די ערשטע פארזאמלונג פון אידישן קאמיסאריאט.

מיט א פאר טעג שפעטער איז צוזאמענגערופן געווארן א צווייטע עפנטלעכע פארזאמלונג. דיהאזיקע פארזאמלונג קאן מיטן רעכט באטראכט ווערן פאר איינעם פון די וויכטיקסטע עפיזאדן אין דער געשיכטע פון דער אידישער קאמוניסטישער באוועגונג. די פארזאמלונג איז אפגעהאלטן געווארן אין דעם שענסטן זאל (אין „בילדער-זאל") פון געוועזענעם מיניסטעריום פאר פאלקס-בילדונג. צו דער פארזאמלונג איז געקומען די גאנצע אידישע אינטעליגענץ פון לענינגראד. די פארזאמלונג האט געעפנט דאבקאווסקי. אין דער עפענונגס-רעדע

האָט ער ניט געערדט וועגן די אויפֿגאַבן פֿון אידישן קאָמיסאַריאַט, ווייל ניט ער און ניט די איבעריקע פֿון אונז האָבן נאָך ניט געוואוסט, וואָס פֿאַר אַן אַרבעט דער אידישער קאָמיסאַריאַט דאַרף טאָן. איין זאַך איז אָבער געווען קלאָר פֿאַר אַלעמען: די אידישע מאַסן זיינען געווען שרעקלעך אָפּגעשטאַנען פֿון דער רעוואָלוציע, זיי האָבן ניט פֿאַרשטאַנען די באַדייטונג פֿון דער רעוואָלוציע און מע האָט פֿאַר זיי געדאַרפֿט קלאָר מאַכן די אידייע פֿון דער סאָוועטישער רעגירונג און באַשאַפֿן צווישן זיי אַ פֿריינטלעכע שטימונג צו דער רעוואָלוציע. אָט אין דעם דאַזיקן זין האָט אין אַ געוויסער מאָס דאַבקאָווסקי גערעכט אין זיין עפֿענונגס-רעדע.

ווען דאַבקאָווסקי איז פֿאַרטיק געוואָרן מיט זיין רעדע, האָבן די קעגנער ווידער געוואָלט שטערן די פֿאַרזאַמלונג מיט סאַבאָטאַזש־מיטלען, אָבער דעם מאָל האָט מען שוין געהאַט דערפֿאַרונג פֿון דער ערשטער פֿאַרזאַמלונג און מע האָט באַנוצט די צייט פֿאַר די רעדנער און געלאָזט וויסן, אַז מע וועט נאָר לאָזן ריידן וועגן די פֿראַגן, וואָס וועלן באַהאַנדלט ווערן אויף דער פֿאַרזאַמלונג. ס'האָבן זיך אָנגעהויבן די דעבאַטן, אָבער אַנשטאָט אַרגומענטן האָט זיך אַ שאָט געגעבן אַ גאַנצע ריי זילזולים און באַשולדיקונגען. „מערדער", „דעספּאָטן" זיינען געווען די שענסטע נעמען, מיט וועלכע מע האָט אָנגערופֿן די באָלשעוויקעס בכלל און די גרינדער פֿון אידישן קאָמיסאַריאַט בפֿרט. מע האָט זיי געלאָזן ריידן. געענטפֿערנדיק, האָט מען זיי דערקלערט, אַז אין יעדער קאַמף פֿאַר פֿרייהייט האָבן געמוזט פֿאַלן קרבנות, ניט דערפֿאַר ווייל די פֿרייהייט־קעמפֿער זיינען בלוטדורשטיקע חיות, נאָר גאָר פּשוט דערפֿאַר, ווייל די הערשער פֿון יעדער צייט און פֿון יעדן לאַנד האָבן אויף אַ פֿרידלעכן אופֿן די מאַכט ניט געוואָלט אָפּגעבן; מע האָט תּמיד געמוזט קעמפֿן, קעדיי די מאַכט פֿון זייערע הענט אַרויסצורייסן, און צי מיר ווילן, צי מיר ווילן ניט, איז דאָך אַ פֿאַקט, אַז די געשיכטע פֿון יעדער פֿרייהייט־קאַמף איז אָנגעשריבן מיט בלוט פֿון פֿילע קרבנות.

ס'האָט אָבער גאָרניט געהאָלפֿן, מע האָט ניט געקאָנט איבערצייגן די קלוימערשטע „פֿריינט פֿון דער רעוואָלוציע", אַז די באָלשעוויקעס זיינען ניט קיין מערדער און ווילן קיין בלוט ניט פֿאַרגיסן. זיי האָבן געהאַלטן אין איין איבערחזרן די באַשולדיקונג, אַז די באָלשעוויקעס זיינען די שרעקלעכסטע פֿאַרברעכער, פֿון וועלכע די געשיכטע ווייסט, און זיי האָבן פֿאַרזיכערט, אַז די אידישע מאַסן וועלן בשום אופֿן ניט נעמען קיין אָנטייל אין דער אַרבעט פֿון די באָלשעוויקעס.

בשעת די באַראַטונגען איז פֿאַרשטייט זיך, געווען אוממעגלעך צו פֿירן די פֿאַרזאַמלונג און מע האָט געמוזט מאַכן אַ סוף דערצו; מע האָט אויפֿגעפֿאָדערט, אַז די, וואָס זיינען קעגן דער סאָוועטן־רעגירונג און ווילן מיט אונז ניט אַרבעטן, זאָלן גלייך פֿאַרלאָזן דעם זאַל. זיי האָבן דאָס געטאָן און געמוזט טאָ ן, נאָר בעת פֿאַרלאָזן דעם זאַל האָבן זיך די פּויאַלי־ציאָניסטן אויסגעצייכנט, זיי האָבן „דעמאָנסטראַטיוו" פֿאַרלאָזן דעם זאַל און געזונגען זייער „שוואוע".

נאָך דערהאַזיקער „רעמאָנסטראַציע“ איז די אַרבעט פון דער צווייטער פאַרזאַמלונג פאַרגעזעצט געוואָרן. מע האָט אָנגעמערקט געוויסע פּלענער פאַר ווייטערדיקער טעטיקייט. צום אידישן קאָמיסאַר און זיין שטעלפאַרטרעטער איז באַשטימט געוואָרן אַ קאָלעגיע פון נאָך דריי פּערזאָן. מע האָט געקראָגן צוויי לאַנגע צימערן אין דער געביידע פון געוועזענעם מיניסטעריום פאַר אינערלעכע איניאָנים און מע האָט אָנגעהויבן די אַרבעט, וואָס די געשיכטע האָט אַרויפגעוואָרפן אַף די אַקסלען פון די פּיאָנערן פון דער אידישער קאָמוניסטישער באַוועגונג.

149. דער אידישער קאמיסאריאט רופט צו ארגאניזירן זיך ארום די ראַטן.

(„די וואַרהייט“. מאָסקווע. נום. 8—9 פון 2-טן יוני 1918).

צו די אידישע ארבעטער־מאסן.

הונדערטער יאָרן האָבן מיר זיך געמאַטערט אונטער דעם יאָך פון דעם צאַריזם, אין אַ רעזשים פון ווילקיר, נויט און קנעכטשאַפט. די בעסטע קינדער פון אונזער פאָלק זיינען דאָן אַריין אין די רייען פון די קעמפער פאַר דער רוסישער רעוואָלוציע. מיר האָבן די גאַנצע צייט געלעבט מיט דער האָפענונג זיך צו באַפרייען פון דעם קאַפּיטאַליסטישן יאָך און נאַציאָנאַלער פאַרשקלאַפונג. אם ענדע איז עס פאָרגעקומען.

די פאַראייניקטע קרעפטן פון אַלע אַרבעטער און עקספּלואַטירטע האָט געגאָלטן אין דער אָקטיאַבער־איבערקערעניש צו דערגרייכן די צילן, צו וועלכע זיי האָבן אַזוי שטאַרק געשטרעבט: דער פּראָלעטאַריאַט האָט גענומען די מאַכט אין די הענט און האָט זיך באַפרייט ניט נאָר פון דער זעלבסטהערשונג, נאָר אויך פון דעם דרוק פון איר יורעש: פון דער בורזשואַזיע. איצט איז די הערשאַפט און די מאַכט פון די אַרבעטער־מאַסן אין די הענט פון זייערע ראַטן פון אַרבעטער־און פויערים־דעפּוטאַטן. אונזערע פאַרשטייער היטן אָפּ אונזער רעכט, צוגלייך מיט די רעכט פון אַלע איבעריקע פעלקער אין רוסלאַנד. מיר, אידישע אַרבעטער־מאַסן, האָבן איצט די מעגלעכקייט איינצואָרדענען אונזער אינערלעכן נאַציאָנאַלן לעבן נאָך אונזער פאַרלאַנג און אונזערע אינטערעסן. אונזערע כאַווירים אַרבעטער פון אַנדערע פעלקער האָבן גענומען אין זייערע הענט די שאַפונג פון אַ נייעם נאַציאָנאַלן לעבן אַף סאָציאַליסטישע יסודות; באַ אונז אַף דער אידישער גאַס הערשן נאָך אַלע אונזערע נגידים און ראַבאָנים, די אַלטע באַקאַנטע פּנים, וועלכע זיינען גאַנץ ווייט פון סאָציאַליסטישע אידעאַלן און זעען נאָר, אַז דער אידישער אַרבעטער זאָל זיך לאָזן עקספּלואַטירן ווי געוועזן.

אונזער קעהילע, אונזערע שולן, אַלע אונזערע קאָהאָלשע איינריכטונגען דינען וועמען איר ווילט, נאָר ניט די אינטערעסן פון אונזערע ברייטע פאָלקסמאַסן.

פיל פון די אידישע מאסן שלעפן זיך נאך נאך די בורזשואזע ציאניסטן, וועלכע, אין נאמען פון קלאל-איסראעל-פאליטיק, פארפינסטערן דעם באוואוסטזיין פון די אריםע שיכטן פון פאלק; אנדערע פון אונזערע אידישע ארבעטער האלטן זיך נאך איין באם בונד און זעען ניט, ווי די אמאליקע ארבעטער-ארגאניזאציע פון בונד איז איצט, אדאנק דעם פאראט פון אירע אנפירער, פארוואנדלט געווארן אין א קליינבירגערלעכע ארגאניזאציע, וואס פירט אינאיינעם מיט דער אידישער און רוסישער בורזשואזיע א שענדלעכן קאמף קעגן די אלע דעראבערונגען פון דער רעוואלוציע, קעגן דער פולשטענדיקער נאציאנאלער און סאציאלער באפרייאונג.

די ראטנמאכט, די מאכט פון די ארבעטער זעלבסט, איז די איינציקע שטיצע פאר די דעראבערונגען פון דער רעוואלוציע. איר שטעל קאן איצט פארנעמען נאר א „העטמאן", א זעלבסטהערשער מיט א סוויטע פון דער שווארצער מייע, ווי אונזערע אלטע באקאנטע: זאמיסלאווסקי, פורישקעוויטש, א. ד. ג.

יעדער קאמף קעגן דער ראטנמאכט פירט איצט צו דער פארניכטונג פון אלץ, וואס אונז האט געגעבן די רעוואלוציע, צום זיג פון דער קאנטר-רעוואלוציע און די אומפארמיידלעכע — מיט איר זיג — אידישע פאגראמען. מיר רופן אלע אידישע ארבעטער צו שטיצן מיט אלע זייערע קרעפטן די ראטנמאכט, אירע סאציאליסטישע און נאציאנאלע דעראבערונגען, די ערקעמפטע אין דער רעוואלוציע, וואס האט באפרייט פון בורזשואזן דרוק. אדאנק דער לעצטער רעוואלוציע, איז באשאפן געווארן א קאמיסאריאט פאר אידישע איניאנים. מיט דער דעראבערונג פון אזא איינריכטונג זיינען די אידישע מאסן אוועקגעשטעלט געווארן אין דיזעלביקע באדינגונגען, ווי די איבעריקע פעלקער אין רוסלאנד.

דער אידישער קאמיסאריאט שטעלט זיך פאר א ציל איבערצובויען דעם אידישן נאציאנאלן לעבן אף פראלעטאריש-סאציאליסטישע יעסוידעס. די אידישע מאסן האבן פולשטענדיק דאס רעכט צו קאנטראלירן אלע עקזיסטירנדיקע אידישע געזעלשאפטלעכע איינריכטונגען, געבן א סאציאליסטישע ריכטונג אונזערע פאלקס-שולן, געבן אידן די מעגלעכקייט צוצוטרעטן צו אגרא-קולטור-ארבעט אף דער סאציאליזירטער ערד, צו פארנעמען זיך מיט דעם שיקזאל פון די היימלאזע, זעען, אז די נויטבאדערפטיקע זאלן באקומען די נויטיקע מעלוכע-הילף, קעמפן קעגן דעם אנטיסעמיטיזם, פאגראמען א. א. וו.

ס'זיינען גרויס און קאמפליצירט אונזערע אויפגאבן. זיי האבן א גרויסע וויכטיקייט פאר די אידישע ארבעטער-מאסן, און דערפאר מוזן מיר אליין, אידישע ארבעטער, נעמען זיך דערפאר. ס'איז געקומען די צייט צו מאכן א סאף פון דער הערשונג בא אונז פון אונזער גרויס-און קליין-בורזשואזיע. אלץ, וואס איז אלט, צעפוילט, מוז באזייטיקט ווערן; אלץ מוז געבויט ווערן, ווי בא די אנדערע פעלקער, אף נייע, סאציאליסטישע יעסוידעס.

אום דורכפירן דאס אין לעבן, מוזן מיר גרינדן נייע ארגאניזאציעס, וואס זאלן זיין פעאיק דאס צו טאן. בא די עקזיסטירנדע ראטן פון די ארבעטער-

און פויערים־דעפוטאטן דארפן די אידישע מאסן גרינדן אייגענע סעקציעס אין יעדער שטאט, די פאראייניקונג פון די סעקציעס וועלן בילדן מיט זיך א ראט פון אידישע ארבעטער. די ראטן וועלן זיין אין יעדן געגנט, האבן זייערע געגנט-צוזאמענפארן. דארטן וועט מען באשטימען אלץ, וואס איז נויטיג דעם אינערלעכן נאציאנאלן לעבן, האבנדיק די פולשטענדיקע מאכט.

אף אן אלגעמיין רוסלענדער צוזאמענפאר פון די אידישע ראטן, וועט באשטימט ווערן די אלגעמיינע פאליטיק אין אלע פראגן, וואס באריר ן דעם אידישן געזעלשאפטלעכן לעבן, דארט וועט אויך באשטימט ווערן דער קאמיסאר און דער אידישער קאמיסאריאט.

אנערקענענדיק די אלע שוועריקייטן פון דער פארשטייענדיקער ארבעט אף דער אידישער גאס, רופט דער אידישער קאמיסאריאט אלע ארבעטער, וועמען ס'איז נאר טייער די אינטערעסן פון דער רעוואלוציע, וועמען ס'איז טייער אונזער פולשטענדיקע נאציאנאלע באפרייאונג און דער זיג פון סאציאליזם, — אלע כאווירים מוזן צוטרעטן צו דער ארגאניזאציע פון די סעקציעס. הערט זיך ניט צו צו דעם, וואס ס'זאגן אייך די אידישע בורזשואזע פארטייען און זייערע סאציאליסטישע מיטלויפער. פארשטייט, אז זיי ברענגען אייך נאר שאדן.

פאראייניקט זיך אף דער פלאטפארם פון דער ראטנמאכט. שטיצט די ראטן, באשאפט אייך אייגענע סעקציעס, און איינענעם מיט די פראלעטאריער פון אלע פעלקער אין רוסלאנד קעמפט פאר דעם זיג פון סאציאליזם, בויענדיק אין דערזעלבער צייט אייער נייעם פאליטישן און קולטורעלן לעבן.

זאל לעבן דער סאציאליזם!
זאל לעבן דער דריטער אינטערנאציאנאל!
זאל לעבן די ראטנמאכט!
נידער די בורזשואזיע מיט אירע נאכלויפער!
נידער מיטן שאוויניזם!

150. די אידישע ארבעטער רופן זיך אפ אף דער ווענדונג פונם קאמיסאריאט.

(קארעספאנדענצן, „די ווארהייט". נום. 11—12 פון 21-טן יוני און נום. 16—17 פון 1-טן איגוסט 1918).

א ר י א ל.

שאבעס, דעם 1-טן יוני, איז פארגעקומען די גרינדונגס-פארזאמלונג פון אונזערע אידישע כאווירים, וואס שטייען אף דער פלאטפארם פון דער ראטנמאכט. אף דער פארזאמלונג זיינען געווען 40 כאווירים, וואס האבן זיך גלייך פארשריבן אין דער גרופע. אין אריאל איז די צאל ביז איצט אן אומדערהערטע פאר די אידישע סאציאליסטישע פארטייען. ס'דערקלערט זיך דערמיט, וואס

אין אַלע אידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען מערקט מען אַ כאַראַקטעריסטישע דערשיינונג: די אָנפירער פון די פּאַרטייען, אַלס דעקלאַסירטע אינטעליגענטן, זיינען קעגנער פון דער ראַטנמאַכט. פאַרקערט, די מאַסן זיינען הייסע אָנ־הענגער פון די אַרבעטער־און פּויערים־ראַטן.

דער פאָרשטייער פון צענטראַלן אידישן קאָמיסאַריאַט, כ. ש.*), לעזט אַ פּאָרטראַג וועגן די אויפגאַבן, וואָס שטייען פאַר די אידישע אַרבעטער אין גרויס־רוסלאַנד. און רופט צו פאַרייניקן אַלע עכט רעוואָלוציאָנערע אידישע מאַסן אין אידישע אַרבעטער־ראַטן, צו פאַרלאָזן די רייען פון קליינבירגערלעכן „בונד", וועלכער האָט שוין לאַנג קיין שום שייכעס ניט צו די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, און מיט אַלע קויכעס שטיצן די גרויסע גיצבוינגעם פון דער אָק־טיאַבער־רעוואָלוציע און אין דערזעלבער צייט בויען אויך אונזער קולטורעלן, פּאָ־ליטישן אידישן לעבן אויף נייע, סאָציאַליסטישע יעסוידעס.

אַלע כאַווייריִם, וואָס טרעטן אַרויס נאָך דעם פּאָרטראַג, באַגריסן הייס דעם געדאַנק צו גרינדן אידישע אַרבעטער־ראַטן און לייגן פאַר איינפירן אין אָריאָל אַ אידישן קאָמיסאַריאַט.

פאָלגנדע רעזאָלוציע איז פאָרגעלייגט און איינשטימיק אָנגענומען געוואָרן:

„מיר, אידישע אַרבעטער... קאָנסטאַטירן, אַז נאָר נאָך דער גרויסער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע הויבט זיך אָן אַ נייע עפּאָכע פון פאָלקסמענער באַפריי־אונג פון אַלע אַרבעטער־מאַסן אָן אונטערשייד פון נאַציאָן, ווי פון קאַפּיטאַ־ליסטישן, אַזוי אויך פון נאַציאָנאַלן יאָך.

מיר, אידישע אַרבעטער, צוטרעטנדיק צו אָרגאַניזירן אידישע אַרבעטער־ראַטן, וואָס שטייען אויף דער פּלאַטפאָרמע פון ראַטנמאַכט, דערקלערן, ...אַז מיר וועלן אָפּגעבן אַלע אונזערע קויכעס, קעדיי צו העלפן די אַרבעטער־און פּויע־רים־ראַטן קעמפן מיט דער אינערלעכער און אויסערלעכער קאָנטר־רעוואָלוציע, און אין דערזעלבער צייט וועלן מיר בויען אונזער אידישן לעבן אויף נייע פּראָלע־טאַרישע יעסוידעס"...

קאָסטראָמאַ.

...דעם 12-טן יוני איז אין קאָסטראָמער סאָציאַליסטישן קלוב פאָרגעקומען אַ פאַרזאַמלונג פון די אידישע אַרבעטער, אויף וועלכער אַ פאָרשטייער פון קאָמיסאַריאַט האָט געלעזן אַ פּאָרטראַג וועגן די אויפגאַבן און צילן פון צענטר־קאָמיסאַריאַט און זיינע אָפּטיילונגען.

...די פאָרשטייער פון קאָסטראָמער אָרגאַניזאַציע „פּועלי־ציון" מעלדן, האָס זיי זיינען בערייט צו נעמען אויף זיך די איניציאַטיוו פון גרינדן אַן אָפּ־טיילונג פון קאָמיסאַריאַט אין קאָסטראָמאַ.

אויך מערערע מיטגלידער פון בונד טרעטן אַרויס און זאָגן, האָס זיי פאַרשטייען די נויטווענדיקייט פאַר די אידישע אַרבעטער צו גיין האַנט בא־האַנט מיט די אַרבעטער־און פּויערים־ראַטן, און דעריבער וועלן זיי פּערזענלעך אָנטייל נעמען און מיטהעלפן גרינדן אידישע אַרבעטער־סעקציעס און אַן אָפּטיילונג פון קאָמיסאַריאַט.

*) שימעליאָוויטש [71].

...קימאַט איינשטימיק ווערט אָנגענומען די אַריינגעטראָגענע רעזאָלוציע און ס'ווערט אויסגעקליבן אַ ביוראָ פון 3 באַוויירים.

פ ע ר ם.

דעם 22-טן יוני איז אין קלוב פון בונד (לינקן) פאָרגעקומען אַ פאַר־זאַמלונג פון אידישע אַרבעטער, וואָס שטייען אַף דער פּלאַטפאָרם פון ראַטן־מאַכט. ...דער פאָרשטייער פונם צענטראַלן אידישן קאָמיסאַריאַט ווייזט אָן אַף דער גרויסער וועלטבאַדייטונג פון דער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע, וועלכע האָט ענדלעך איינגעשטעלט דעם ערשטן מאָל אין דער געשיכטע די דיקטאַטור פון די אַרבעטס־מאַסן. ...דער צענטראַלער קאָמיסאַריאַט איבער אידישע אינ־יאָנים שטעלט זיך אַלס הויפּט־ציל איינשטעלן אויך אַף דער אידישער גאַס די דיקטאַטור פון די אַרבעטער־מאַסן און בויען אונזער נאַציאָנאַלן לעבן אַף נייע פּראָלעטאַרישע יעסוידעס. צום סאָף פאָדערט ער אויף די פּערמער באַ־וויירים צו גרינדן אַן אָפּטיילונג פון קאָמיסאַריאַט.

ב. קאַץ, אַ מיטגליד פון בונד, באַגריסט היים דעם פאָרשלאָג פון אידישן קאָמיסאַריאַט און... דערקלערט, דאָס ניט קוקנדיק, וואָס ער איז אַ מיטגליד פון בונד, דאַרף מוז ער מודיע זיין, דאָס דער אידישער פּראָלעטאַריאַט, וועלכער איז קימאַט 20 יאָר אונטער דער אָנפירונג פון בונד געשטאַנען אינם אוואַנגאַרד פון קלאַסן־קאַמף, איז איצט אַוועק פון רעוואָלוציאָנערן סאָציאַליסטישן וועג און פירט אַ פאַרברעכערישע פּאָליטיק קעגן די ראַטן. ס'טרעטן אַרויס נאָך איניקע באַוויירים...

נאָכדעם ווערט קימאַט איינשטימיק אָנגענומען אַ רעזאָלוציע, אין וועלכער ס'ווערט אָנגעוויזן, וואָס דער קעהילע־ראַט וויל ניט און קאָן ניט פאַרטיידיקן די אינטערעסן פון די אידישע אַרבעטער־מאַסן און דעריבער ווערט געגרינדעט אין פּערם אַן אָפּטיילונג פון אידישן קאָמיסאַריאַט, וועלכער רעכנט זיך פון איצט אָן, אַלס איינציקע מאַכט אינם אינערלעכן נאַציאָנאַלן אידישן לעבן.

אַלס מיטגלידער פון פּערמער אידישן קאָמיסאַריאַט זיינען אויסגעקליבן געוואָרן פאָלגנדע באַוויירים: באַזאַנאָוו (לינקער בונד), שטריזשעווסקי (פּויאַליי־ציאָן) שיינמאַן (לינקער בונד), ליפּשיץ (לינקער סאָצ. רעוו.), אַמדור (פּויאַליי־ציאָן).

151. די אַרבעט פונם אידישן קאָמיסאַריאַט אין דער פּראָווינץ.

(ש. אַגורסקי: „דער אידישער אַרבעטער אין דער קאָמוניסטישער באַוועגונג“. ז. ז. 30—34).

...שטעלן זיך אין פאַרבינדונג מיט די אידישע האַרעפּאַשנע מאַסן פון די פאַרשיידענע געגנטן איז געווען זייער שווער פאַר דעם נאַרקאָם געגרינדעטן קאָמיסאַריאַט, וועלכער האָט נאָך ניט געהאַט דעם נויטיקן אָרגאַניזיר־אַפּאַראַט און קיין צייטונג. דעריבער האָט מען גלייך באַשטימט אַרויסשיקן עמיסאַרן אַף דער פּראָווינץ, וועלכע זאָלן אָרגאַניזירן אָפּטיילונגען פון אידישן קאָמי־

סאַריאַט און אָרגאַניזירן די באָלשעוויסטיש געשטימטע אידישע אַרבעטער. דער שרייבער פון דיהאָזיקע שורעס איז אין סאָף יאַנואַר 1918 יאָר באַשטימט געוואָרן פאַר דעם ערשטן עמיסאַר אַף דער פּראָווינץ.

די ערשטע שטאָט, וועלכע איז באַשטימט געוואָרן צו באַזוכן, איז געווען מינסק. דאָרט איז דערשינען די בונדישע טעגלעכע צייטונג „דער וועקער". דאָרט האָבן זיך געפונען אַסאַך פירער פון בונד און האָבן מיט זייער קעגנערישער שטעלונג אָפּגעהאַלטן די אידישע פּראָלעטאַרישע מאַסן פון ווייסרוסלאַנד פון צו נעמען אַן אַנטייל אין דער רעוואָלוציע. אַחוץ דעם, איז מינסק געווען די ערשטע שטאָט, פון וואַנען דער אידישער קאָמיסאַריאַט האָט אין די ערשטע טעג פון זיין עקזיסטענץ באַקומען אַ טעלעגראַמע, אַז דאָרט האָט זיך אָרגאַניזירט זיין ערשטע אָפּטיילונג.

דער פאַרוואַלטער פון מינסקער אידישן קאָמיסאַריאַט איז געווען באַוועגער צווי*). ער האָט אָנגעהויבן זיין טעטיקייט מיט דעם, וואָס ער האָט טייקעף פאַררופן אַ פאַרזאַמלונג פון היימלאָזע אין מינסקער קאַרשול, וואו ס'איז באַשלאָסן געוואָרן צו פאַרמאַכן דעם בורזשואַזן קאָמיטעט אַף צו העלפן די היימלאָזע און אַף זיין פּלאַץ שאַפן אַן אָפּטיילונג פון אידישן קאָמיסאַריאַט, וועלכער זאָל דערפילן די פונקציעס פונם אידישן קאָמיטעט.

אַט צוליב דערהאָזיקער אַרבעט — העלפן דעם מינסקער אידישן קאָמיסאַריאַט אין זיין ערשטער טעטיקייט און אָנהויבן אַ קאַמף קעגן די פירער פון בונד, אַטאַקירן די שטאַרקסטע „בונדישע פעסטונג" — האָט מען אויסגעקליבן מינסק פאַר דער ערשטער שטאָט, וואו דער אידישער קאָמיסאַריאַט זאָל אָנהויבן זיין רעוואָלוציאָנערע אַרבעט.

דיהאָזיקע געפּלאַנטע אַרבעט איז אָבער צוזאַמענגעפאַלן פונקט מיט דעם מאָמענט, ווען די בריסקער אונטערהאַנדלונגען זיינען איבערגעריסן געוואָרן, און די דייטשישע יונקערס האָבן אָנגעהויבן אַ נייעם אָנגריף און פאַרכאַפּט מינסק, דווינסק, פּסקאָוו און אַנדערע שטעט. אַף אַזאַ אויפן איז מען געצוואונגען געווען אָפּצולייגן די נייטיקע אַרבעט אַף אַ לענגערער צייט.

***

סאָף מאַי 1918 יאָר האָט דער אידישער קאָמיסאַריאַט ווידער באַשלאָסן, אַז דער שרייבער פון דיהאָזיקע שורעס זאָל מאַכן אַן אַגיטאַציאָנס־רייזע אין די געגנטן, וואו ס'האָט זיך געפונען די אידישע אַרבעטערשאַפט. דאָס מאָל איז באַשטימט געוואָרן, אַז מע זאָל צוערשט באַזוכן די שטעט, וואָס געפינען זיך אַרום וואָלגאַ.

די אַגיטאַציאָנס־רייזע האָט זיך אָנגעהויבן אין יוני 1918 און דער אָנהויב איז געמאַכט געוואָרן אין ניזשני־נאָווגאָראָד, ווייל אין דער פאַרשטאָט פון ניזשני, אין קאַנאַווינע, האָבן זיך דאַן געפונען אַסאַך אידישע בערשטער־אַרבעטער, וואָס זיינען צוליב דער מילכאָמע פאַרטריבן געוואָרן פון ווילקאָווישק. אַט אין דיהאָזיקע צוויי שטעט — ניזשני און קאַנאַווינע — האָט מען אָרגאַניזירט צוויי פאַרזאַמלונגען.

*) פרידליאַנד.

די ערשטע פאַרזאַמלונג איז געווען אין ניזשני, אין זאַל פון דער שטאָט-דומע. די דאָזיקע פאַרזאַמלונג האָט געדויערט פון 8 אַזייגער אין אָוונט ביז 1 באַנאַכט. אויף דער פאַרזאַמלונג זיינען אַרויסגעטראָטן צענדליקער רעדנער: מיט זידלעריי איז מען אָנגעפאַלן אויף דער סאָוועטן-מאַכט, אויף די קאָמוניסטן און באַזונדערס אויפן אידישן קאָמיסאַריאַט. איינער אַ בונדיסט האָט אָנגערופן דעם רעדנער פּאָגראָמשטשיק און שוואַרצמייעניק. ניט געקוקט אויף דעם, איז נאָך דער פאַרזאַמלונג געלונגען צו גרופּירן אַ גרופּע אידישע כאַווירים, וועלכע האָבן זיך אונטערגענומען צו שאַפן אַן אָפּטיילונג פון אידישן קאָמיסאַריאַט אין ניזשני; די צווייטע פאַרזאַמלונג אין קאַנאַווינע האָט זיך אויך געענדיקט ווי די ערשטע. אויך דאָרטן האָט זיך אָרגאַניזירט אַ גרופּע אידישע אַרבעטער צו העלפן דעם אידישן קאָמיסאַריאַט.

די דריטע שטאָט איז געווען באָגאָראָדסק, ניזשעגאָראָדער גובערניע. דאָרטן האָבן זיך געפונען אַסך לעדער-אַרבעטער פון סמאָרגאָן.

...אין באָגאָראָדסק האָט דער סאָוועט גלייך אָרגאַניזירט אַ פאַרזאַמלונג אין פאָלקס-הויז און אין דעם אָוונט איז אַראָפּגענומען געוואָרן דער קריגס-צושטאַנד אין שטעטל *). אויף דער פאַרזאַמלונג איז געווען אַ גאַנץ באַדייטנדיקער אוילאַם. נאָך דער פאַרזאַמלונג האָט זיך אָרגאַניזירט אַ גרופּע פון עטלעכע אַרבעטער, וועלכע האָבן זיך גלייך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיטן אידישן קאָמיסאַריאַט.

פון באָגאָראָדסק האָט מען שוין ווייטער ניט געקאָנט פאָרן, ווייל אין יענער צייט האָבן די טשעכאָסלאָוואַקן אָנגעהויבן דעם אָנגריף און אָפּגעשניטן פון אונז סאַמאַרע.

די אַגיטאַציאָנס-אַרבעט אין וואָלגער געגנט איז אָפּגעשטעלט געוואָרן. דערפאַר אָבער איז אין צענטראַלן אידישן קאָמיסאַריאַט גופע דערווייל די אַרבעט פאַר דער פּראָווינץ פאַרשטאַרקט געוואָרן. עס איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַן אויסער-שטאָט-אָפּטיילונג. דער פאַרוואַלטער פון דער דאָזיקער אָפּטיילונג איז געוואָרן יוליס שימעליאָוויטש און אין אָנהויב יולי זיינען שוין אין פּראָווינץ אַרויסגעפאָרן דריי פאַרשטייער פון אידישן קאָמיסאַריאַט.

דער ערשטער איז אַרויסגעפאָרן שימעליאָוויטש, וועלכער האָט מיט דעם כאַווער מאַנדעלסבערג אין אָריאָל אָרגאַניזירט אַ אידישן קאָמיסאַריאַט, אַ אידישע קאָמוניסטישע סעקציע און אַ אידישן קאַמפּס-אָטריאַד. אַכוץ אָריאָל, האָט שימעליאָוויטש באַזוכט וואָראָנעזש און אַנדערע שטעט און האָט דאָרטן אויך אָרגאַניזירט אָפּטיילונגען פון אידישן קאָמיכאַריאַט און אידישע סעקציעס.

דער צווייטער, וועלכער איז געפאָרן אין פּראָווינץ, איז געווען זאַלמען כאַיקין [73]. ער האָט אויך באַזוכט אַ ריי שטעט און אומעטום אָרגאַניזירט אידישע קאָמיסאַריאַטן און סעקציעס.

---

*) ווייל אין שטעטל איז ניט לאַנג פאַרגעקומען אַן אויפשטאַנד פון די באַלעגופים, איז דאָרט געווען איינגעפירט קריגס-צושטאַנד.

צוזאמען מיט זיי איז אויך אונז אויסגעקומען ארויספארן אין סמא־לענסקער און וויטעבסקער גובערניעס.

אין מאירעווגענט איז די לאגע געווען אזא:

אין סמאלענסק האבן די פויאלי־ציאן אין מארט 1918 יאר ארגאניזירט אן אפטיילונג פון אידישן קאמיסאריאט. אבער דער סמאלענסקער סאוועט האט דעם קאמיסאריאט פארמאכט, דערפאר ווייל די גרינדער זיינען די פויאלי־ציאן און האבן פון אידישן קאמיסאריאט געוואלט מאכן א שאווי־ניסטישן קאל־איסראעל־קליזל.

קומענדיק אין סמאלענסק, האבן מיר ארגאניזירט א אידישע פארזאמלונג, דעם אידישן קאמיסאריאט אבער האט מען שוין מער ניט געעפנט, ווייל סמאלענסק איז געווען ניט קיין אידישער פראלעטארישער צענטר. די אידן, וואס האבן זיך דארטן געפונען, זיינען געווען קליינבירגער, ספעקוליאנטן. אויב ס׳זיינען דארטן געווען עטלעכע ארבעטער, האבן זיי זיך געפונען אונטער דער השפעה פון בונד און קיין אנטייל ניט געוואלט נעמען אין דער רעוואלוציע.

נאך סמאלענסק איז געגאנגען ארשע. דאס איז אויך געווען א שטעטל פון קליינבירגער און ספעקוליאנטן, וועלכע האבן זיך אין יענער צייט שטארק באשעפטיקט מיט קאנטראבאנדע, ווייל דעמאלט איז ארשע געווען דער גרעניץ־פונקט צווישן רוסלאנד און דער דייטשישער אקופאציע. דאך איז אונז געלונ־גען צו ארגאניזירן א קליינע גרופע אידישע באלשעוויקעס, וועלכע האבן זיך אונטערגענומען צו פארשפרייטן די צייטונגען און בראשורן, וואס דער אידישער קאמיסאריאט האט ארויסגעגעבן.

152. די מענשעוויקעס האבן זיך דערקייקלט צו אקטיווער קאנטער־רעוואלוציע.

(ש. דימאנשטיין: „וואס זאגן איצט די מענשעוויקעס?״ „באם ליכט פון קאמוניזם״. ז. ז. 113—114).

ס׳עקזיסטירט נאך בא אונז אין רעפובליק א ראט, וואו די מענשעוויקעס זיינען אין דער מערהייט. דאס איז ניט אין אינדוסטריעלן צענטער, נאר אין פראווינציעלן בעזשעטשק.

ווי מע זאגט: „יעדע געזינט האט איר מיעסקייט״. איז אט דער ראט גיט ארויס א מענשעוויסטישע צייטונג.

אין דער צייטונג טרעטן ארויס פארשטייער פון אלע ריכטונגען פון מענשעוויקעס.

מיר זעען, אז אין דער לעצטער צייט זיינען די מענשעוויקעס געווארן קאנ־זעקווענטער, ווי ס׳פאסט פאר איצטיקער צייט, ווען מע קאן ניט בלייבן שטיין אין דער מיטן צווישן דער בורזשואזיע און די קעמפנדע ארימע מאסן.

אויב פריער האט מארטאוו אדער אבראמאוויטש געפרואווט אונז איינרעדן, אז זיי זיינען קעגן א בירגער־קריג מיט געווער אין די הענט, האבן זיי שוין איצט גאנץ אפן ארויסגעזאגט זיך, אז די באלשעוויסטישע רעגירונג איז ניט קיין פאלקס־רעגירונג און מע מוז העלפן דעם פאלק (ד. ה. דער בורזשואזיע) וואס גיכער פאטער צו ווערן פון דער ארבעטער־און פויערן־רעגירונג, מיט וועלכע מיטלען מע קאן נאר.

דער ה. ליבער איז פיל מער אפנהערציק און קאנזעקווענטער. ער לייגט פאר, אז מע זאל אנערקענען די טשעכאסלאוואקן פאר א פאלקס־באוועגונג, פאר אן אויפשטאנד פון פאלק (ווי די זעלבסטהערשונג אמאל האט דערקלערט די פאגראמען אלס א פאלקס־צארן קעגן די אידן) און נעמען זיך טאקע העלפן זיי מיט געווער אין די הענט.

דאס איז שוין — דערקייקלט זיך בארג אראפ, וואוהין עס שטויסט די בורזשואזיע די אלע, וואס דערלאנגען איר די הענט.

פאר קיינעם איז קיין סוד ניט, אז די טשעכאסלאוואקן זיינען נאר א רייניער שילד פאר די פראנצויזישע און ענגלישע קאפיטאליסטן (א מין אף א גויאישן נאמען) און ווער ס'וועט זיי קומען צו הילף, הייסט דאס גאנץ פשוט מאכן אן אפענעם פארבאנד מיטן קאפיטאל פון די גארבינדעטע, קעגן די ארבעטער און ארימע פויערים.

נאר דאס איז די לאגיק פון דער געשיכטע, וואס זי לאזט ניט קיינעם בלייבן שטיין אפן מיטן וועג, און גיט ווילנדיק שטויסט זי זיי ארויסצואווייזן זייער עמעס געזיכט, ווי העסלעך עס זאל ניט זיין.

כ'גיב א קוק אפן בונד, דערמאן זיך, ווי מע האט באוונגען און גערופן אים „דאס באריקאדן־קינד", און דערזע איצט די העסלעכע פיגור פון דעם רענעגאט ליבער, אלס א סימוואל פון בונד, ווערט מיר שאפל, און ס'גלויבט זיך ניט, אז אין לעבן קאן זיין אזא מעטאמארפאז.

די אידישע ארבעטערשאפט דארף זיך אף דעם שטארק פארטראכטן.

153. די פויאלייי־ציאן באקעמפן דעם אידישן קאמיסאריאט.

(מ. יארבלום—אניוטין: „א בריוו פון מאסקווע". „נייע לעבען". נומ. 128 פון 10-טן יולי 1918).

די היינטיקע „סאציאליסטישע" מאכט איז אויסגעהאלטן. ניט נאר זי אנערקענט דעם פרינציפ פון זעלבסטבאשטימונג פון פעלקער, נאר זי פירט דעם פרינציפ אין לעבן דורך. און זי פרעגט ניט קיין שום אייצעס. ווילסט, ווילסט ניט, איך „זעלבסטבאשטים" דיך, אדער איך „שטים דיך זעלבסט". און אזוי ווי די היינטיקע דעמאקראטישע מאכט ווייסט ניט פון קיין שום יויצע מין האקלאל, ווי עס האט אמאל פראקטיקירט דער צאריזם — פארשטייט זיך, אז אויך מיר אידן זיינען „זעלבסטבאשטימט".

אונזער זעלבסטבאשטימונג דריקט זיך אויס ניט אין אזעלכע פארמען, ווי מיר האבן זיך פארגעשטעלט: אין א אידישן סיים, אויסגעוויילט דורך דער

גאַנצער באַפעלקערונג אַף דעמאָקראַטישע יעסוידעס. דאָס זייַנען דאָך „בור־זשואַזע פאַרורטיילן".

אונזער נייַע זעלבסטבאַשטימונג ווערט סימוליזירט אין אַ פּערהאָן, וואָס ווערט אָנגעצייכנט פון די הויכע ספערן; דאָרט ווייסט מען דאָך שוין גאַנץ גוט.

...דער קאָמיסאַריאַט איבער אידישע איניאָנים — דאָס איז אַ שפּאָס, אַ כוויזעק פונם אידישן פאָלק און מע דאַרף אים אָפּוואַרפן. און אַזוי טוט עס זיך. קיין אידישע געזעלשאַפטלעכע גרופּע אַנערקענט ניט דעם קאָמיסאַריאַט אַלס די אידישע זעלבסטפאַרוואַלטונג. דער קאָמיסאַריאַט איז איזאָלירט אין־גאַנצן. אַלע פאַרשטייען, אַז דערווייל איז די קעהילע דער איינציקער פאַר־שטייער פונם אידישן פאָלק און מע ווענדעט אָן אַלע קויכעס, אַז אָט די קעהילע זאָל זיין דעמאָקראַטיש, זי זאָל אָנערקענען די פאָלקס-היצטאַרכעסן.

דאָס איז די אויפגאַבע פון דער אידישער דעמאָקראַטיע, און אַפן ערשטן פּלאַן פון אידישן סאָציאַליזם. קאָלזמאַן מיר וועלן ניט האָבן אונזער אַלרוסישן צוזאַמענפאָר, בלייבט די קעהילע די איינציקע קאָמפּעטענטע אינסטיטוציע פאַר אַלגעמיינע אידישע איניאָנים. קיין שום „אויסערלעכע" זעלבסטבאַשטי־מונג וועלן מיר ניט אָנערקענען.

עס איז גענוג צו לעזן די „ליטעראַטור" פון די ניי-געבאַקענע פאַרשטייער פון אידישן פאָלק אָדער פון אידישן פּראָלעטאַריאַט — זיי וויסן אַליין ניט, וועמענס פאַרשטייער זיי זיינען — קעדיי גלייך זיך איבערצייגן, אַז איר האָט צו טאָן מיט אַ גרופּע פון אומפאַראַנטוואָרטלעכע פּערזענלעכקייטן, וואָס שטיצן זיך אַפן אויסערלעכן קולאַק און ניט מער. אין אידישן לעבן האָבן זיי קיין שום מאַטעריעלע שטיצע ניט, שוין ניט גערעדט וועגן גייסטיקער שטיצע אָדער וועלכע עס איז סימפּאַטיע. עמעס, דער קאָמיסאַריאַט באַקומט „סוב־סידיעס" און די אידישע געזעלשאַפטן זיינען פון צייט צו צייט געצוואונגען זיך צו ווענדן צו אים. נאָר דאָס האָט מען דאָך געמוזט טאָן אויך אין די אַלטע גוטע צייטן... מאָראַליש וועלן אָבער אונזערע „זעלבסטבאַשטימער" ניט אָנערקענט פון אידישן סאָציאַליזם.

די אידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען וועלן אַליין זייער אווטאָנאָמיע בויען, ווי זיי וועלן עס פאַרשטיין, און ניט ווי מע וועט זיי דיקטירן פון אויבן, ווי אין אַמאָליקע צייטן.

154. לינקע פּויאַליי-ציאָניסטן באַשולדיקן זייער צ. ק. אין וואַקלעניש און אָפּאָרטוניזם.

(צווי*): „וועגן אונזער פּאָליטישער ליניע" „דאָס נייע וואָרט". מאָסקווע. נומ. 1 פון 13 יולי 1918.

...אין דער לעצטער צייט האָט די אָפּאָרטוניסטישע שטימונג, וועלכע הערשט אַף דער רוסישער גאַס, אויך בא אונז אַן אָפּקלאַנג געפונען, און אויב

*) פּרירליאַנד.

ס'וועט ווייטער אַזוי גיין, דראָט אונז די געפאַר צו ווערן אַ פאַרבעסערטע אויפלאַגע פונעם בונד.

באַזונדערס שטאַרק איז די געפאַר געוואָרן נאָך דער אָקטיאַבער־איבערקערעניש.

איך קאָן ניט אין דעם אַרטיקל אָפּשטעלן זיך גענויער, נאָר עטלעכע פאַקטן מוז איך אָנווייזן. די רעזאָלוציע פון 3 פאַרטיי־טאָג*) זאָגט אונז רופן אַז איינהייטלעכן סאָציאַליסטישן פראָנט אַרום די אַרבעטער־ראַטן, ווען אונטערוואַרפן זיך דער מערהייט אין די אַרבעטער־ראַטן. דאָס איז געווען נאָך דעמאָלט, ווען אין די ראַטן האָבן געהאַט די מערהייט די מענשעוויקעס און די רעכטע ס. ר. נאָכן 25־טן אָקטיאַבער זיינען מיר אַרויס פון די ראַטן. פאַרוואָס? דערפאַר, ווייל דעם צ. ק. איז ניט סימפּאַטיש געווען די פּאָזיציע פון די באָלשעוויקעס — פון דער מערהייט פון די אַרבעטער־ראַטן.

דערנאָך זיינען מיר ווידער אַריין אין די אַרבעטער־ראַטן.

דער מישמאַש, וואָס איז דורך דעם געשאַפן געוואָרן, ברענגט דערצו, אַז „באָלשעוויקעס" איז באַם ברייטן אוילעם אונזער ביינאָמען, אָבער אַלע אונזערע רעזאָלוציעס זאָגן פּונקט דעם היפּעך. און אויך אין די פּאַרטייאישע רייען איז אַ פולשטענדיקע דיסהאַרמאָניע. אין איין אָרט זיינען מיר „מער באָלשעוויקעס" און אין צווייטן — פאַרקערט. אפילו אונזערע רעזאָלוציעס שרייבן זיך שוין מיט אַ נוסעך „אַנערקענענדיק, אַז..., נאָר..."

צו דער העכסטער שטופע האָט דער מישמאַש דערגרייכט אין דער פראַגע פון אידישן קאָמיסאַריאַט. מיט אַ כוידעש צוריק איז דער אָנטייל אין קאָמיסאַריאַט געווען אַ געווינשטע זאַך, און איצט איז עס פּאָסל; די סיטואַציע האָט זיך ניט געביטן און ס'איז ניט געווען קיין סיבעס, וועלכע האָבן געקאָנט אַזאַ ענדערונג אַרויסרופן. קעדיי אַזאַ באַשלוס דורכצופירן, איז רעכט געווען אפילו ליקווידירן די פּאָליטישע קאָלעגיע באַם סעקרעטאַריאַט פון צ. ק., אין וועלכער ס'האָבן געהאַט שטימרעכט אַ קליינע צאָל „לינקע".

און אין אַנדערע געביטן פון דער אידישער פּאָליטיק איז ניט אַסאַך בעסער. וואו איז צו זען אונזער רעוואָלוציאָנערע אַרבעט אין די קעהילעס און אין אַנדערע נאַציאָנאַלע אַנשטאַלטן? ביז אַהער האָט מען אונז טאָמיד דערציילט, אַז דער אידישער צוזאַמענפאָר איז די אידישע גרינדונגס־פאַרזאַמלונג און אַז אין אַלע אידישע איניאָנים איז ער סוווערען. איצט ווייזט זיך אַרויס, אַז ס'איז גענוג אַ צוזאַמענפאָר פון צופעליק פאַרבליבענע אין רוסלאַנד דעלעגאַטן, קעדיי צו שאַפן אַ נאַציאָנאַלע פאַרשטייערשאַפט**).

צו די ציאָניסטן איז אין דער פּאַרטיי אַ גאַנץ אויסגעשפּראָכענע באַציאונג, דאָך נעמען אין דער ציאָניסטישער פרעסע אָנטייל אָנגעזעענע כאַווירים פון דער פּאַרטיי.

---

*) פאָרגעקומען אין אויגוסט 1917 אין קיעוו.

**) ס'ווערט געמיינט דער אַזוי גערופענער „נאַציאָנאַל־ראַט", וועלכער איז געשאַפן געוואָרן אין פּעטראָגראַד.

אָבער דער כּעס פֿון אומקאָנסעקווענץ איז גאָרניט אין פֿאַרגלייך מיט דער פֿעיִקייט צו שאַבלאָניזירן פּרינציפּן און מאַכן פֿאַר צוועק־און זינלאָזע אידייען, וואָס האָבן אַ גרויסע רעוואָלוציאָנערע באַדייטונג.

...פֿאַר אונז שטייט איצט אַ געוואַלדיקע אויפֿגאַבע אויסגלייכן די רעוואָ־לוציאָנערע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע ליניע פֿון דער פּאַרטיי, מאַכן אַ סאָף צו די וואַקלונגען און צופֿעליקייטן. די פּרינציפּיעלע אויסגעהאַלטנקייט און איינ־היימלעכקייט פֿון דער טאַקטיק ווי אין אַלגעמיינע פֿראַגן, אַזוי אויך אין אידישן לעבן, זיינען נויטיק, קעדיי מיר זאָלן געפֿינען זיך אין די ערשטע רייען פֿון קעמפֿנדן אַרבעטער־קלאַס.

155. דער בונד באַיקאָטירט דעם אידישן קאָמיסאַריאַט.

(אַ דערקלערונג פֿון מאָסקווער שטאָטישן און ראַיאָן־קאָמיטעט פֿון בונד, „די צוקונפֿט“, 1918, זאַמלהעפֿט 2).

אין קאָמיסאַריאַט פֿאַר אידישע אינייאָנים.

...העיוים דער קאָמיסאַריאַט פֿאַר אידישע אינייאָנים ווערט אָרגאַניזירט אין דער אָפּוועזנהייט פֿון עפֿנטלעך־רעכטלעכע דעמאָקראַטישע אָרגאַנען, וועלכע דריקן אויס דעם ווילן פֿון די ברייטע שיכטן פֿון דער אידישער באַפֿעלקערונג, וועט זיין אַרבעט אומבאַדינגט טראָגן דעם כאַראַקטער פֿון ביוראָקראַטישער שאַפֿונג, און ער וועט ניט זיין בעקויעך צו לייזן די אָנגעווייטיקטע פֿראַגן פֿון אידישן לעבן, וועלכע קאָנען געלייזט ווערן נאָר דורך דער טעטיקייט פֿון די אידישע דעמאָקראַטישע מאַסן זעלבסט.

דאָס באַטייליקן זיך פֿון אייניצלנע פֿאָרשטייער פֿון בונד און אַנדערע אידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אין דער אַרבעט פֿון קאָמיסאַריאַט וואָלט באַשאַפֿן אַ סורראָגאַט פֿון דעמאָקראַטישער פֿאָרשטייערשאַפֿט.

אַזאַ באַטייליקן זיך וואָלט אויך באַשאַפֿן צווישן די אידישע אַרבעטער־מאַסן אַ שעדלעכע אילוזיע, אַז מעלוכע־פֿראַגן קאָנען געלייזט ווערן דורך אָר־גאַנען, וועלכע זיינען געשאַפֿן פֿון אויבן, און צוזאַמען דערמיט אָפּשוואַכן די טעטיקייט פֿון פּראָלעטאַריאַט און זיין ווילן צו זעלבשטענדיקער פּאָליטישער שאַפֿונג.

אין דער אַרבעט־פּראָגראַם פֿון קאָמיסאַריאַט גייען אַריין אַזעלכע פֿראַגן, ווי רעעוואַקואַציע פֿון אידישע היימלאָזע, אָרגאַניזירן זעלבסטשוץ אוכעדוימע. דיזאָזיקע פֿראַגן האָבן ניט קיין שום שייכעס צו נאַציאָנאַלער קולטור, און דער־פֿאַר דאַרפֿן זיי געלייזט ווערן דורך די פֿאַראייניקטע גויפֿעם פֿון דער דעמאָ־קראַטיע פֿון אַלע פֿעלקער פֿאַר דער גאַנצער אָרטיקער באַפֿעלקערונג.

דאָס אויסטיילן פֿון אַזעלכע פֿראַגן אין אַ באַזונדער קאָמיסאַריאַט פֿאַר אידישע אינייאָנים קאָן ברענגען צו דער אָפּזונדערונג פֿון באַזונדערע נאַציאָנען און צו דער פֿאַרשטאַרקונג פֿון די נאַציאָנאַליסטישע שטרעמונגען, וועלכע קאָנען

אָפּהאַלטן די אַנטוויקלונג פון קלאַסן־באַוואוסטזיין פון אידישן פּראָלעטאַריאַט אין זיין קאַמף מיט דער בורזשואַזיע.

נעמענדיק דאָס אַלץ אין אַכט, האָט דער מאָסקווער שטאָטישער און ראַיאָן־קאָמיטעט פון בונד באַשלאָסן: אָפּזאָגן זיך פון אַנטייל נעמען אין קאָמיסאַריאַט פאַר אידישע אינייאַנים און אין דערזעלבער צייט קלאָר מאַכן דעם אידישן פּראָלעטאַריאַט און די ברייטע פאָלקס־מאַסן די אומדעמאָקראַטישקייט און ענגן נאַציאָנאַליסטישן כאַראַקטער פון דעם נייגעשאַפענעם קאָמיסאַריאַט.

156. ערשטע קאָנפערענץ פון די אידישע קאָמוניסטישע סעקציעס און אידישע קאָמיסאַריאַטן.

(ש. אגורסקי: „דער אידישער ארבעטער אין דער קאָמוניסטישער באוועגונג" ז. ז. 41—46).

...נאָכדעם ווי אין 13 שטעט זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן אידישע קאָמיסאַריאַטן און אידישע קאָמוניסטישע סעקציעס, האָט דער צענטראַלער אידישער קאָמיסאַריאַט באַשטימט צונויפצורופן אַ קאָנפערענץ פון די אידישע קאָמיסאַריאַטן און אידסעקציעס, קעדיי אויסצואַרבעטן אַן אַלגעמיינעם פּלאַן פון אַרבעט און שאַפן אַ צענטראַל־ביוראָ פון די אידסעקציעס.

...אויף דער קאָנפערענץ זיינען געווען 64 דעלעגאַטן. אומפּאַרטייאישע 33 און קאָמוניסטן — 31. די אומפּאַרטייאישע דעלעגאַטן זיינען געווען אידישע לערער און קולטור־טוער, וועמען דער צענטראַלער אידישער קאָמיסאַריאַט האָט איינגעלאַדן צו דער קאָנפערענץ. די קאָמוניסטן זיינען געווען דעלעגירט פון די אידישע קאָמיסאַריאַטן און אידישע פּאַרטיי־סעקציעס. אויף אַזאַ אויפן איז די קאָנפערענץ געווען אַ דרייענדיקע — פון דריי פאַרשיידענע אינסטיטוציעס. דערהאַזיקער געמישטער צוזאַמענשטעל פון דער קאָנפערענץ דערקלערט זיך מיט דעם, וואָס דער אידישער קאָמיסאַריאַט האָט דורך איר געוואָלט מאָביליזירן אַלע קולטור־קרייזעס, וועלכע האָבן געוואָלט שטיצן די סאָוועטן־מאַכט און נעמען אַן אַנטייל און העלפן שאַפן די נייע אידישע פּראָלעטאַרישע קולטור. דורך דער ערשטער קאָנפערענץ האָט דער אידישער קאָמיסאַריאַט געוואָלט פאַרייניקן אַלע סאָוועטיש־געשטימטע קולטור־טוער און זיי גרופּירן אַרום די אידישע קאָמיסאַריאַטן און אידסעקציעס.

די קאָנפערענץ האָט זיך אָנגעהויבן דעם 20־טן אָקטיאַבר 1918 יאָר. דער סיידער־האַיאָם פון דער קאָנפערענץ איז געווען אַזאַ:

1. דער פּאָליטישער מאָמענט — פּאָרטרעגער י. שימעליאָוויטש.
2. באַריכט פונם צענטראַלן אידישן קאָמיסאַריאַט — ש. דימאַנשטיין.
3. די אויפגאַבע פון די אידישע קאָמוניסטישע אָרגאַניזאַציעס — פּאָרטרעגער ש. דימאַנשטיין.
4. די נאַציאָנאַלע פראַגע און די סאָוועטן־מאַכט — פּאָרטרעגער ש. אגורסקי.

5. אונזער באַציאונג צו דער קעהילע און די איבעריקע אידישע געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס — פּאָרטרעגער שימעליאָוויטש און ראַפּאָפּאָרט.

6. אונזערע קולטור־און בילדונגסאויפגאַבן—פּאַרטרעגער טאָמסינסקי און א ביישפּאַרטראג וועגן טעאַטער — אָרשאַנסקי.

די קאָנפערענץ האָט זיך פייערלעך געעפנט אין געביידע פון צענטראַלן אידישן קאָמיסאַריאַט און ווען מע איז צוגעטראָטן צו דער אַרבעט, האָט מען זיך גלייך איבערצייגט, אַז מיט דעם געמישטן צוזאַמענשטעל פון די דעלעגאַטן איז שווער צו פירן די אַרבעט פון דער קאָנפערענץ, ווייל נאָר אַ גרויסער טייל פון די קולטור־טוער, וואָס זיינען געקומען אַף דער קאָנפערענץ, זיינען געווען קעגנער פון דער סאָוועטן-מאַכט און ביטערע סאָנים פון אידישן קאָמיסאַריאַט און סטאַם קליינבירגערלעכע נאַציאָנאַליסטן. דער ערשטער צוזאַמענשטויס, וואָס איז פאָרגעקומען גלייך באַ דער עפענונג פון דער קאָנפערענץ, איז געווען וועגן שטימרעכט אַף דער קאָנפערענץ. דער פּרעזידיום האָט פאָרגעלייגט, אַז שטימרעכט באַ די פּלענאַרע זיצונגען זאָלן האָבן נאָר די דעלעגאַטן פון די קאָמוניסטישע סעקציעס און צו צוויי פאָרשטייער פון די אידישע קאָמיסאַריאַטן, און ווען מע וועט באַהאַנדלען ספּעציעלע שול־פראַגן, זאָלן די לערער האָבן דריי שטימען. אין דער סעקציע פון שול־אַרבעט האָבן אַלע לערער שטימרעכט.

דערהאָזיקער פאָרשלאַג האָט אַרויסגערופן אַ גרויסע דיסקוסיע. די לערער און קולטור־טוער האָבן געפאָדערט שטימרעכט. שימעליאָוויטש האָט געענטפערט די לערער און דערקלערט:

„מיר ווייסן, אַז צווישן די לערער געפינען זיך נאָך אַזעלכע מענטשן, וואָס זיינען קעגן אונזער פּראָגראַם. מיר דערקלערן, אַז די דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט דאַרף אויך דורכגעפירט ווערן אין דער אידישער שול און אַט דערפאַר מוז די פּאַרטיי, וואָס שטייט אין דער שפּיץ פון דער רעגירונג, דיקטירן די פּראָגראַם און אַרבעט פון דער אידישער שול".

דער פאָרשלאַג פון פּרעזידיום איז דורכגעפירט געוואָרן. אָבער די לערער האָבן זיך אַנטזאָגט פון די דריי שטימען.

אַ צווייטער צוזאַמענשטויס איז אַף דער קאָנפערענץ פאָרגעקומען צוליב דער שפּראַך־פראַגע. איינער פון די מיטגלידער פון פּרעזידיום (ש. ראַפּאָפּאָרט) האָט געעפנט די צווייטע זיצונג פון דער קאָנפערענץ און האָט אָנגעהויבן רייד רוסיש. די נאַציאָנאַליסטישע אידישיסטן האָבן גלייך געמאַכט אַ טומל און געפאָדערט, אַז די הערשנדיקע שפּראַך אַף דער קאָנפערענץ זאָל זיין אידיש. וועגן דעמדאָזיקן איניען האָט זיך אָנגעהויבן אַ דיסקוסיע, ביז מע האָט באַשלאָסן ניט צו מאַכן קיין שפּראַך־פּריווילעגיעס אַף דער קאָנפערענץ און יעדערער זאָל רייד אַף דער שפּראַך, אַף וועלכער ער וויל און אַף וועלכער ער קען בעסער אויסדריקן זיינע געדאַנקען, און די וויטערדיקע זיצונגען זיינען געפירט געוואָרן אַף אידיש און רוסיש.

אַכוץ דעם, זיינען נאָך אויך פאָרגעקומען צוזאַמענשטויסן צווישן די לערער און קולטור־טוער אין דער סעקציע, וואו עס האָבן זיך באַהאַנדלט די

ספּעציעלע שול־פראַגן. דאָרט האָבן אייניקע קולטור־טוער געפאָדערט, אַז די אידישע שולן זאָלן זיך ניט געפינען אונטער דער השגחה פון אידישן קאָמיסאַריאַט, נאָר די גאַנצע אידישע קולטור־אַרבעט זאָל זיך געפינען אין רעשות פון די אידישע געזעלשאַפטלעכע אָרגאַנען, דאָס מיינט מען די קהילות.

ניט געקוקט אָבער אויף די דאָזיקע שטערונגען, האָט די קאָנפערענץ באַהאַנדלט אַ ריי וויכטיקע פראַגן פון טאָג־אָרדענונג, וועלכע האָבן אַ גרויסע באַדייטונג. אויף דער קאָנפערענץ איז באַהאַנדלט געוואָרן די פראַגע וועגן צוציען די אידישע האַרעפאַשנע מאַסן צו ערד־אַרבעט. איינס פאָרטראָג וועגן דער אַרבעט פון אידישן קאָמיסאַריאַט האָט דער כאַווער דימאַנשטיין צום ערשטן מאָל פאָרמולירט דעם געדאַנק, אַז די אידישע קאָמוניסטן דאַרפן מאַכן פאַר איינע פון די וויכטיקסטע אויפגאַבן די פראַגע צו באַזעצן אידן אויף ערד.

...דערדאָזיקער וויכטיקער געדאַנק, וועלכער איז איצט אַזוי פּאָפּולער אין דער אידישער קאָמוניסטישער וועלט און ווערט מיט אַזאַ ערנסטקייט דורכגעפירט אין לעבן, איז אָבער אויף דער ערשטער קאָנפערענץ באַגעגנט געוואָרן מיט אַ ווידערשטאַנד פון די „לינקע בונדיסטן“ — דעלעגאַטן, וואָס זיינען געווען אויף דער קאָנפערענץ*). זיי האָבן געטענהט, אַז אויב די אידישע קאָמיסאַריאַטן וועלן זיך פאַרנעמען מיט העלפן די אידישע פאַראָרימטע קליינבירגער, וועלן זיי אַריינפאַלן אין נעץ פון פאַרגיפטעטן נאַציאָנאַליזם און קליינבירגעריי“... די מערהייט פון דער קאָנפערענץ איז אָבער געווען איינשטימיק מיט די אויספירן פון כאַווער דימאַנשטיין, און די דאָזיקע וויכטיקע עקאָנאָמישע אַרבעט איז נאָך דער קאָנפערענץ נאָך ברייטער געפירט געוואָרן.

די קאָנפערענץ האָט באַהאַנדלט נאָך אַ ריי וויכטיקע פראַגן. עס איז אויסגעקליבן געוואָרן דער צענטראַלער אידישער קאָמיסאַר דעם כ׳ ש. דימאַנשטיין און אַ קאָלעגיע פון קאָמיסאַריאַט, אין וועלכער עס זיינען אַריין די כאַווירים שימעליאָוויטש, אַגורסקי, ראַפּאָפּאָרט און מאַנדלסבערג.

צוליב דעם צוזאַמענשטעל פון די דעלעגאַטן אויף דער קאָנפערענץ האָט פאַרשטייט זיך, געמוזט דאָ זיין אַ קאָמפּראָמיס, וועלכע האָט געהאַט באַזונדערע זיצונגען, וואו עס זיינען באַהאַנדלט געוואָרן נאָך צוויי וויכטיקע פראַגן: 1) וועגן דער פאָרם פון די אידסעקציעס; 2) וועגן דער אַרבעט אין די אָקופּירטע געגנטן.

...די פראַקציע האָט אויך אויסגעקליבן די ערשטע צענטראַל־ביוראָ פון די אידישע קאָמוניסטישע סעקציעס, אין וועלכער ס׳זיינען אַריין די פאָלגנדיקע כאַווירים: דימאַנשטיין, אַלס פאָרזיצער פון צ. ב., שימעליאָוויטש, מ. אַלסקי, ש. אגורסקי, טשאַרטשינסקי, דאשקאָווסקי און א. קריניצקי (באָמפּ**).

*) אויף דער קאָנפערענץ איז געווען אַ גרופּע פון דריי „לינקע בונדישע“ דעלעגאַטן, די כ״כ טאָמסינסקי, אַרשאַנסקי און קאַצענעלסאָן, וועלכע זיינען שוין דאַן געווען באָלשעוויסטיש געשטימט, אָבער אין די אידישע קאָמוניסטישע סעקציעס זיינען זיי אַריין שפּעטער. באַמערקונג פונם אויטאָר.

**) קריניצקי איז געקומען צו דער קאָנפערענץ אַלס פאָרשטייער פון די אונטערערדישע קאָמוניסטישע אָרגאַניזאַציעס פון ווייסרוסלאַנד, וועלכע איז נאָך דאַן געווען אָקופּירט דורך די דייטשישע מיליטאַריסטן. באַמערקונג פונם אויטאָר.

די קאנפערענץ האט געדויערט 7 טעג.

...באם שליסן די קאנפערענץ האט איינער פון די דעלעגאטן פארענדיקט מיט אט די ווערטער: „לאמיר האפן, אז די צווייטע קאנפערענץ וועט איינגיכן פארקומען אין די באפרייטע אידישע צענטערן — מינסק אדער ווילנע.“

דערהאזיקער וואונש איז דערפילט געווארן. דעם 9־טן נאיאבער 1918 יאר האט זיך אנגעהויבן די דייטשישע רעוואלוציע און מיט פינף כאדאשים שפעטער איז אין דעם באפרייטן מינסק פארגעקומען א קאנפערענץ פון אידישע קאמוניסטישע ארגאניזאציעס, וואס זיינען באשאפן געווארן אין די באפרייטע געגנטן פון ווייסרוסלאנד.

157. די רעזאלוציעס פון דער ערשטער קאנפערענץ פון די אידישע סעקציעס און קאמיסאריאטן.

א) וועגן דער טעטיקייט פון אידישן קאמיסאריאט.

די ערשטע אלרוסלענדישע קאנפערענץ פון די אידישע קאמיסאריאטן און קאמוניסטישע סעקציעס, אויסהערנדיק דעם באריכט פון כאווער דימאנשטיין וועגן דער טעטיקייט פון צענטראלן קאמיסאריאט פאר אידישע נאציאנאלע איניאנים, געפינט:

1) די טעטיקייט פון קאמיסאריאט האט אנטשפראכן די אינטערעסן פון דער פארקומענדיקער וועלט־רעוואלוציע און אויך די אינטערעסן פון די אידישע הארעפאשנע מאסן;

2) דער קאמיסאריאט האט באגעגנט אין זיין טעטיקייט אויסערגעוויינ־לעכע שטערונגען: צוליב דעם כורבן — דער רעזולטאט פון דער פיריאריקער בלוט־באד, וועלכע האט צעשטערט ביזן גרונט דעם סאציאלן און פאליטישן לעבן און האט געמאכט פאר אומעגלעך שווער די ארבעט פון אלע מעלוכע־אנשטאלטן;

3) אף דער אידישער גאס איז באזונדערס שווער דער קאמף פון דעם פראלעטאריאט מיט דער בורזשואזיע צוליב דער ספעציפישער לאגע, אין וועלכער עס געפינען זיך די אידישע מאסן;

די אידישע סאציאליסטישע פארטייען זיינען ניט געווען קיין ריין-פראלעטארישע פארטייען, אין זייערע רייען האבן זיך געפונען א גרויסע צאל קליין־בורזשואזיע און אינטעליגענטישע עלעמענטן, פאר וועלכע עס איז פרעמד געווען די פראלעטארישע אידעאלאגיע.

דער ווילדער סאבאטאזש, מיט וועלכן די אידישע אינטעליגענץ האט באגעגנט דעם אידישן קאמיסאריאט, דער טיפער שלאף פון די אידישע מאסן,

וועלכע זיינען פאַרזאַמט געווען פון די פינסטערע ציאָניסטיש־קלעריקאַלע קווי־
כעס און פון די סאָציאַל־פאַרעטערישע פּאַרטייען, האָבן געמאַכט קימאַט
אומעגלעך די אַרבעט פון קאָמיסאַריאַט;

4) אָרגאַניק דער אויסערגעוויינלעכער ענערגיע, וועלכע עס האָט אָנגע־
ווענדעט אַ הייפל כאַוויירים, וואָס האָבן פאַרשטאַנען טיף די באַדייטונג פון דער
אָקטיאַבער־רעוואָלוציע אין דעם לעבן פון די אידישע פּראָלעטאַרישע מאַסן,
ווי אין דעם לעבן פון דעם גאַנצן רוסלענדישן פּראָלעטאַריאַט, האָבן זיי באַ־
וויזן צו באַקעמפן אַט די אַלע מעניעס און שטערונגען און פאַרפעסטיקן די
אידייען פון דער סאָוועטן־מאַכט און פון דעם קאָמיסאַריאַט צווישן דער אידי־
שער אַרבעטער=מאַסע;

5) די ערשטע אַלרוסלענדישע קאָנפערענץ פון די אידישע קאָמיסאַריאַטן
און קאָמוניסטישע סעקציעס דריקט אויס איר צופרידנקייט מיט דער טעטי־
קייט פון צענטראַלן קאָמיסאַריאַט פאַר אידישע נאַציאָנאַלע ענינים און איר
האָפענונג, אַז איצטער, ווען די ברייטע אידישע האָרעפּאַשנע מאַסן הויבן אָן
אַליין ענערגישער צו אָרגאַניזירן זיך אַרום דעם אידישן קאָמיסאַריאַט, וועט
זיין טעטיקייט נאָך שטאַרקער ווערן און וועט נאָך פולער אַנטשפּרעכן די
אינטערעסן פון די אידישע האָרעפּאַשנע מאַסן;

6) די ערשטע אַלרוסלענדישע קאָנפערענץ פון די אידישע קאָמיסאַריאַטן
און קאָמוניסטישע סעקציעס געפינט, אַז מיר, שטייענדיק באַ דעם נייעם עטאַפּ
פון דער אידישער אַרבעטער=באַוועגונג, ווען די אידישע אַרבעטער=מאַסן וועלן
אינגאַנצן איבערייסן מיט די אַזוי גערופענע אידישע „סאָציאַליסטישע“ פּאַר־
טייען, וועלן פונדאַסניי פאַרנעמען אונזער פריערדיקן בעקאָוועדיקן אָרט אין די
רייען פון דעם קעמפנדיקן אַלוועלטלעכן פּראָלעטאַריאַט.

ב) וועגן פּאָליטישן מאָמענט און אונזערע אויפגאַבן.

די אַלוועלטלעכע רעוואָלוציע אין איר גאַנג כאַפּט אַרום די אַרבעטער=
מאַסע אין מאַירעוו=אייראָפּע און אַמעריקע; מיט יעדן טאָג ווערט אַלץ נעענטער
די צוקונפטיקע ליכטיקע סאָציאַליסטישע אָרדענונג, ווען עס וועט נעמען אַ סאָף
צו די אַלע מינים עקספּלואַטאַציעס פון איין טייל פון דער מענטשהייט איבער
דעם צווייטן.

דער פּראָלעטאַריאַט וועט מיט זיין מעכטיקער האַנט אַ סאָף מאַכן צו דער
עקאָנאָמישער עקספּלואַטאַציע און צו אַלע נאַציאָנאַלע פאַרשיידנהייטן אין
די רייען פון דעם אַלוועלטלעכן פּראָלעטאַריאַט.

קעמפנדיק האַנט באַ האַנט מיט די אַרבעטער פון אַלע פעלקער, וועט דער
אידישער קאָמיסאַריאַט העלפן פאַרניכטן אַלע אונטערדריקער, באַפרייען אַלע
פאַרשקלאַפטע און צוזאַמען מיט זיי אויך די אידישע מאַסן.

די נאָענטע אויפגאַבן פון אידישן פּראָלעטאַריאַט אַף דער אידישער גאַס
איז די פאַרשטאַרקונג פון דער אַרבעטער־רעגירונג און די באַפעסטיקונג פון
דער אַרבעטער־דיקטאַטור אַף דער אַלגעמיינער, ווי אויך אַף דער אידישער
גאַס.

ג) אונזערע קולטור־אויפגאַבן.

1) די בילדונג איז שטענדיק געווען אַ שטאַרק געווער אין די הענט פון די הערשנדיקע קלאַסן. באַ אַלע צוויישנדיקע טאָינעס פון דער בורזשואַזיע, אַז די שול און די בילדונג דאַרפן שטיין איבער די קלאַסן-אינטערעסן און אויסער דער פּאָליטיק, האָט זי, די בורזשואַזיע, שטענדיק אויסגענוצט איר מאַכט, כּדי ניט צו דערלאָזן די ברייטע מאַסן צו ליכט און וויסן.

2) אויף דער אידישער גאַס האָבן די דיזיע געהאַט ביז אַהער נאָר קאַלעריי יוסטע באַלעבאַטים, וועלכע האָבן געוואָלט פאַרשלייערן דעם אידישן האַמוין מיט דער העברעאישער קולטור; שיקנדיק זייערע קינדער אין די אַלגעמיינע שולן, האָבן זיי פאַר די מאַסן איבערגעלאָזן די פינסטערע ענגע כּאַדאָרים און טאַלמוד־טוירעס, וועלכע האָבן געהאַרעוועט נאָר אָמעראַצים.

נאָר דער פּראָלעטאַריאַט, וועלכער, פאַרטיידיקנדיק זיינע קלאַסן=אינטע־רעסן, פאַרטיידיקט אויך די אינטערעסן פון דער גאַנצער מענטשהייט, קאָן עפענען פאַר די ברייטע מאַסן די אַלע אוצרעס פון דער מענטשלעכער קולטור.

נאָר דער פּראָלעטאַריאַט איז ביכולעס ווייטער צו שמידן די גאָלדענע קייט פון דער מענטשלעכער קולטור, אַרויסרייסנדיק זי פון די פאַרבלוטיקטע הענט פון דער צעפוילטער, אָפּשטאַרבנדיקער בורזשואַזיע.

נאָר דער אידישער אַרבעטער און די אידישע האָרעפּאַשנע מאַסן וועלן שאַפן פאַר זיך די פרייע אידישע קולטור און וועלן זיך באַוואָפענען מיטן שטאַרקסטן קלייזאַיען פון דער וויסנשאַפט.

ד) אונזער באַציאונג צו די קעהילעס און די איבעריקע בורזשואַזע געזעלשאַפטן.

די ערשטע קאָנפערענץ פון די אידישע קאָמיסאַריאַטן און די אידישע סעקציעס דערקלערט, אַז די קאַלעריי אַנשטאַלטן, וועלכע האָבן ביז אַהער באַלעבאַטעוועט אויף דער אידישער גאַס, די קעהילע, וועלכע איז אויסגעקליבן געוואָרן אויף די באַרימטע „פּירעקנדיקע“ א. אַז. וו. יעסוידעס, האָבן מער קיין אָרט ניט אין אונזער לעבן.

אין דעם מאָמענט פון דעם פּרענענדיקן קאַמף קאָנען קיין שום פּשאָרעס מיט דער בורזשואַזיע ניט געמאַכט ווערן, און די אַלע אַזעלכע אַנשטאַלטן און אייגריסטונגען זיינען שעדלעך פאַר די אינטערעסן פון די ברייטע אידישע אַר־בעטער=מאַסן דערמיט, וואָס זיי פאַרוויגן זיי מיט די זיסינקע לידעלעך פון דעם קלוימערשטן דעמאָקראַטיזם.

דער אידישער אַרבעטער, שטיצנדיק זיך אויף דעם זיג פון דעם פּראָלעטאַ־ריאַט און דער אָקטיאַבר־רעוואָלוציע, נעמט אין זיינע הענט די מאַכט, דער־קלערט די דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט אויף דער אידישער גאַס און רופט

אלע אידישע ארבעטער צו פאראייניקן זיך ארום דעם אידישן קאָמיסאריאט, קעדיי צו פארפעסטיקן זיין דיקטאטור.

די ערשטע אלרוסלענדישע קאָנפערענץ פון די אידישע קאָמיסאריאטן און קאָמוניסטישע סעקציעס באפולמעכטיקט דער קאָלעגיע פון צענטראלן קאָמיסאריאט פאר אידישע איניאָנים, אז זי זאָל אָנעמען מיטלען צו דער פּלאנמעסיקער ליקווידאציע פון די בורזשואזע אנשטאלטן*).

*) די רעזאָלוציעס האָט געשריבן פּייסאכאוויטש, א געוועזענער סימיסט, וועלכער האָט גלייך אין אנהויב פון דער אקטיאבר-רעוואָלוציע פארלאָזן די נאציאנאליסטן און איז אריין אין די באלשעוויסטישע רייען, און פארוואלטעט מיט דעם קולטור-און בילדונגס-אָפּטייל פון סאראטאָווער אידישן קאמיסאריאט. אף דער ערשטער קאָנפערענץ האָט פּייסאָכאוויטש גענומען זייער אן אקטיוון אנטייל. פּייסאכאוויטש איז געווען זייער אַ באגאבטער קולטור-טוער. ער האָט אבער לאנג ניט געארבעט אין אונזערע רייען. דעם 16 אפּרעל 1919 האָט דער טויט אים ארויסגעריסן פון אונז. באמערקונג פון ש. אגורסקי.

בײלאגעס

באמערקונגען און דערקלערונגען.

1. קנארין, וו. — ביז 1917 אָנגעזעענער טוער פון דער לעטישער ארבעטער-באַוועגונג; אין 1917 אקטיוו באַטייליקט זיך אין צוגרייטן און דורכפירן די אָקטיאבער-רעוואָלוציע אין ווייסרוסלאַנד און אָפן מאַירעוו-פראָנט, וואו ער איז געוועזן מיטגליד פונם באָלשעוויסטישן פארטיי-קאָמיטעט, מיטרעדאקטאָר קימאַט פון אלע פארטיי-אָרגאַנען; נאָכן גרינדן די קאָמוניסטישע פארטיי פון ווייסרוסלאַנד—סעקרעטאר פון איר צענטראל-קאָמיטעט. ביז פרילינג 1927 פאַרוואַלטער פון אגיטפּראָפּ-אָפּטייל באם צ. ק. אל. ק. פּ. (ב.), איצט סעקרעטאָר פון צ. ק. ק. פּ. (ב.) וו. און קאנדידאט אין צ. ק. אל. ק. פּ. (ב.).

2. טיומין, י. — איינער פון די אַלטע טוער פונם בונד, שטענדיקער מיטארבעטער פון די אומלעגאלע און לעגאלע פארטיי-אויסגאַבן; אין 1917 פאָרזיצער פון מינסקער און מיטגליד פון צאָפּן-מאַירעוודיקן געגנט-קאמיטעט פון בונד. פאָרשטייער פון בונד אין ארבעטער-ראַט, שטאָט-דומע א. א. אין 1921 צוזאַמען מיטן קאָמבונד אַריינגעטראָטן אין ר. ק. פּ. (ב.) איצט פאָרזיצער פון „לעדער-אימפּאָרט", פּרעזידיום-מיטגליד פון דער צענטראל-פאַרוואַלטונג פון „געזערד".

3. לעווין, בענצל — א ביאַליסטאָקער חעבער, אקטיווער טוער פון דער אידישער ארבעטער-באַוועגונג נאָך פאַר דער אנטשטייאונג פון בונד און אין בונד, אין 1917 מיטגליד פון מינסקער קאמיטעט פון בונד, מיטגליד פונם ארבעטער-ראַט, צ. ב. פון די פּראָפאַריינען א. א. אין 1921 צוזאַמען מיטן קאָמבונד אַריינגעטראָטן אין ר. ק. פּ. (ב.), איצט אקטיווער טוער פון דער פּראָפבאַוועגונג אין ווייסרוסלאַנד.

4. לעוויטאן, מ. — איינער פון די גרינדער און מיטגליד פון צ. ק. פון דער א. ס. א. פּ. („סערפּ") און פון 1917 צ. ק.-מיטגליד פון דער פּ. א. ס. א. פּ. („ס. ס." און „י. ס."); אָנהויב 1919 אקטיוו מיטגעווירקט דער צעשפּאָלטונג פון די „פאַריייניקטע" און דער גרינדונג (צוזאַמען מיטן קאָמבונד) פונם „אידישן קאָמוניסטישן פארבאנד אין אוקראינע", וועלכער האָט זיך איינגיכן אַריינגעגאָסן אין דער ק. פּ. (ב.) או., זינט דענסטמאָל אקטיווער טוער פון דער קאָמוניסטישער באַוועגונג אין דער אידישער סוויווע—מיטגליד פון צ. ב. פון די אידישע סעקציעס באַם צ. קָ. ר. ק. פּ. (ב.), פאַרוואַלטער פון אידאָפּטייל באם פאָלקאָמבילד א. א., איצט מיטגליד פון הויפּט-ביוראָ פון די אידסעקציעס באַם צ. קָ. ק. פּ. (ב.) או. און פאַרוואַלטער פונם אידאָפּטייל באם פאָלקאָמבילד פון אוקראַינע.

5. דאָבין, ש. — ליטעראַרישער און פאַרטייאישער פּסעוודאָנים „שימעוני", איינער פון די גרינדער און צ. ק.-מיטגליד פון דער א. ס. א. פּ. (סערפּ), שפּעטער אַריינגעטראָטן אין בונד, פון 1917 מיטגליד פון קיעווער קאָמיטעט פון בונד, איצט אָנגעזעענער סאָוועטישער פּעדאגאָגישער און ליטעראַרישער טוער אין אוקראַינע.

6. לעונינס אפּרעל-טעזיסן. — דידאָזיקע טעזיסן האָט לענין פאָרמולירט אין זיין פאָרטראג וועגן די אויפגאַבן פון דער רעוואָלוציע, מיט וועלכן ער איז ארויסגעטראָטן אָף מאָרגן נאָך זיין אומקערן זיך פון אויסלאַנד (דעם 4 (17)-טן אפּרעל 1917) אף דער באָלשע-

וויסטישער פראקציע פון דער ערשטער אַלרוסלענדישער קאָנפערענץ פון די ראַטן. דיראַזיקע מעזיטן האבן קלאָר פאָרמולירט די סאָציאַליסטישע פערספעקטיוו פון דער רוסישער רעוואָלוציע און האבן באַשטימט די גאַנצע ווייטערדיקע טאַקטיק פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי אין דער רעוואָלוציע ביז דער סאַמע אָקטיאַבער-איבערקערעניש.

7. די 10-טע קאָנפערענץ פון בונד — פאָרגעקומען אין פעטראָגראַד דעם 1—6-טן אַפּרעל 1917 באַם אָנטייל פון 83 דעלעגאַטן פון די אויפגעשטעלטע נאָך דער רעוואָלוציע בונדישע אָרגאַניזאַציעס אין אוקראַינע, ווייסרוסלאַנד און צענטראַל-רוסלאַנד. די קאָנפערענץ האָט באַהאַנדלט און אָנגענומען רעזאָלוציעס וועגן אַלע וויכטיקערע פּראָגראַם- און טאַקטיק-פראַגן; קיין טיפע פּרינציפּיעלע מיינונגס-פאַרשיידנהייטן האָבן זיך אַף דער קאָנפערענץ ניט אַרויסבאַוויזן, אַלע רעזאָלוציעס זיינען אויסגעהאַלטן אין מענשעוויסטיש-באַשיצלערישן גייסט און זיינען אַף דער קאָנפערענץ אָנגענומען געוואָרן אָדער איינשטימיק, אָדער מיט אַן איבערוועגנדיקער מערהייט שטימען.

8. די דעקלאַראַציע פון דער צייטווייליקער רעגירונג — ס׳ווערט געמיינט די דערקלערונג פון דער צייטווייליקער רעגירונג וועגן איר אויסערלעכער פּאָליטיק און וועגן די צילן פונם קריג, וואָס זי האָט פאַרעפנטלעכט דעם 28-טן מאַרץ — אין 14 טעג אַרום נאָך דער פרידנס-דעקלאַראַציע פון פעטערבורגער אַרבעטער-ראַט. אין דעראָזיקער דעקלאַראַציע האָט די צייטווייליקע רעגירונג, פון איין זייט, דערקלערט, אַז דאָס פרייע רוסלאַנד פאַרפאָלגט ניט אין דער מילכאָמע קיין פאַרכאַפּונגס-צילן און זוכט ניט צו פאַרשקלאַפן וועלכע ניט איז פעלקער, אָבער אין דערזעלביקער צייט דערקלערט די צייטווייליקע רעגירונג, אַז אין איר אויסערלעכער פּאָליטיק וועט זי בלייבן טריי די „פאַרבינדעטע“ מעלוכעס און אַלע היסכאַיוועסן בענוגע צו זיי, וואָס דאָס צאַרישע רוסלאַנד האָט אַף זיך גענומען אין דער צייט פונם קריג. איר ווייטערדיקע קאָנקרעטיזירונג אין אויסטייטשונג האָט דיראָזיקע פאָרמול באַקומען אין דער נאָטע פונם אויסערן-מיניסטער מיליוקאָוו פון 19-טן אַפּרעל, אין וועלכער ס׳איז נאָך מער געוועזן באַטאָנט דער אַלטער גייסט פון דער אויסערלעכער פּאָליטיק. דיראָזיקע נאָטע האָט אַרויסגערופן דעם ערשטן קריזיס פון דער בורזשואַזער צייטווייליקער רעגירונג, ווען מיליוקאָוו און גוטשקאָוו זיינען אַרויס אין דימיסיע און ס׳איז געבילדעט געוואָרן אַ קאָאַליציע-רעגירונג פון דער בורזשואַזיע מיט די קליינבירגערלעכע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען.

9. די אַלרוסלענדישע באַראַטונג פון די ראַטן — פאָרגעקומען דעם 29-טן מאַרץ — 3 אַפּרעל 1917 אין פעטראָגראַד. די באַראַטונג איז צונויפגערופן געוואָרן לויט דער איניציאַטיוו פונם אויספירקאָם פון פעטראָגראַדער ראַט, קעדיי צו אויסאַרבעטן אַן איינהייטלעכע טאַקטיק און שאַפן אַן אָרגאַן, וואָס זאָל אָנפירן און קאָאָרדינירן די טעטיקייט פון די אָרטיקע ראַטן. אַף דער באַראַטונג זיינען באַהאַנדלט געוואָרן די פאָלגנדיקע פראַגן: 1) די באַציאונג צו דער מילכאָמע, 2) די באַציאונג צו דער צייטווייליקער רעגירונג, 3) אָרגאַניזיר-פראַגן, 4) די צוגרייטונגען צו דער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג, 5) די ערד-פראַגע, 6) די אַרבעטער-פראַגע, 7) פראַגן פון סאָלדאַטישן לעבן א. א. די מערהייט דעלעגאַטן פון דער באַראַטונג זיינען נאָכגעגאַנגען נאָך די מענשעוויקעס און ס״ר, וועלכע האָבן דורכגעפירט אַלע זייערע רעזאָלוציעס. אַף דער באַראַטונג איז אָבער אויך געווען אַ באַדייטנדיקע גרופּע באָלשעוויקעס, וועלכע האָט אַנטשיידן באַקעמפט די אָפּאָרטוניסטישע פּאָזיציע פון די קליינבירגערלעכע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען און וועגן יעדער פראַגע אַרייַנגעטראָגן אירע אייגענע רעזאָלוציעס. אַף דער באַראַטונג איז אויך אַרויסגעטראָטן כ׳ לענין.

10. די „פרייהייטס-האַלוואָע“ — אַזוי האָט געהייסן די 5-פּראָצענטיקע מעלוכע-האַלוואָע, וועלכע די צייטווייליקע רעגירונג האָט אַרויסגעלאָזן דעם 26-טן אַפּרעל 1917. די קליינבירגערלעכע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, די אידישע ניט אויסגעשלאָסן, וועלכע האָבן געשטיצט די צייטווייליקע רעגירונג און זיינען געשטאַנען פאַר פאָרזעצן די מילכאָמע, האָבן זיך אַרויסגעזאָגט פאַר מיטווירקן דעראָזיקער האַלוואָע און האָבן העפטיק אַגיטירט פאַר איר. די באָלשעוויקעס, אַרויסגייענדיק פון זייער אַלגעמיינער באַציאונג צו דער מילכאָמע און דער צייטווייליקער רעגירונג, זיינען געווען קעגן מיטווירקן דער האַלוואָע. ניט געקוקט אַף דער ברייטער און העפטיקער אַגיטאַציע פון דער קליינבירגערלעכער און סאָציאַל-פּאַרטייאישער פּרעסע, איז די „פרייהייטס-

האַלוואָ מיעס דורכגעפאַלן: די בורזשואַזיע האָט גערעדט וועגן קריג פירן — זי האָט אָבער קיין געלט ניט געוואָלט געבן. פון סאָף אפּרעל ביז סענטיאַבר 1917 איז רעאַליזירט געוואָרן אָבליגאַציעס בלויז אַף 5 מיליאָן רובל.

11. די אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע קאָנפערענץ אין סטאָקהאָלם — אונטער דעם דרוק פון די ברייטע מאַסן, וועלכע האָבן געפאָדערט וואָס גיכער פאַרענדיקן די מילכאָמע, און קעדיי אָפּצוציען די מאַסן פון עמעסן קאַמף קעגן קריג, האָט דער מענשעוויסטיש-עסערישער צ. א. ק. באַשלאָסן נעמען אַף זיך די איניציאַטיוו אַף צונויפרופן א אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע קאָנפערענץ. אירע אָפיציעלע צילן זיינען געווען — ווירקן אַף די רעגירונגען, זיי זאָלן פון אלע קריגפירנדיקע מעלוכעס שליסן אַן אַלגעמיינעם שאָלעם און מיטהעלפן דער אויפשטעלונג פון אינטערנאַציאָנאַל. דידאָזיקע קאָנפערענץ איז געווען באַשטימט אַף זומער 1917 אין סטאָקהאָלם, נאָר די סאָציאַל-פאַטריאָטישע פאַרטייען פון ענגלאַנד, פראַנקרייך און בעלגיע, וועלכע זיינען געשטאַנען פאַר פירן די מילכאָמע ביז א פולשטענדיקן ניצאָכן איבער דייטשלאַנד, האָבן זיך אונטער פאַרשיידענע טערוצים אָפּגעזאָגט צו באַטייליקן זיך אין דערדאָזיקער קאָנפערענץ, און צוליב דעם איז די קאָנפערענץ ניט פאָרגעקומען. פאַר די מענשעוויקעס און סאָצ. רעוו. איז די קאמפּאַניע פאַר דער סטאָקהאלמער קאָנפערענץ געווען א צוגרייטונג פאַרן אָנגריף אַפן פראָנט. די אידישע קליינבירגערלעכע סאָציאַליסטישע פאַרטייען האָבן אַלע אָן אויסנאַם אָריענטירט זיך אַף דער סטאָקהאָלמער קאָנפערענץ. די באָלשעוויקעס זיינען געווען קעגן דער גאַנצער שפּיל מיט דער סטאָקהאָלמער קאָנפערענץ, וואָס האָט געזאָלט פאַרבינדן די מיניסטעריאַלע סאָציאַליסטן. אין דעם אינטערנאַציאָנאַלן קאַמף קעגן דער מילכאָמע האָבן זיך די באָלשעוויקעס אָריענטירט אַפן לינקן פליגל פון דער צימערוואַלדער-קינטאַלער קאָנפערענץ, וועלכער האָט געזאָלט ווערן דער קערן פון צוקונפטיקן רעוואָלוציאָנערן 3-טן אינטערנאַציאָנאַל.

12. די בערנער אינטערנאַציאָנאַלע קאָמיסיע — אַן אָרגאַן פון די אָפיציעלע סאָציאַליסטישע פאַרטייען, וועלכע האָט צוגעגרייט די אויפשטעלונג פון אַלטן אינטערנאַציאָנאַל.

13. ראָבערט גרים — סעקרעטאַר פון דער שווייצאַרישער סאָצ.-דעמ. פאַרטיי, אַנטיילנעמער אין דער צימערוואַלדער און קינטאַלער אינטערנאַציאָנאַלע קאָנפערענצן אין די יאָרן פונם קריג, אַף וועלכע ער האָט געהערט צום רעכטן פליגל; אין 1917 געקומען קיין רוסלאַנד, וואו ער איז אַרויסגעטראָטן פאַר אַן אַנטשיידענער שאָלעם-פּאָליטיק. די ציטווייליקע קאָאַליציע-רעגירונג, די רעכטע סאָציאַליסטן און די בורזשואַזיע און קליינבירגערלעכע סאָציאַליסטישע פּרעסע, האָבן באַשולדיקט גרימען, אַז ער איז אַ דייטשישער אַגענט און איז געקומען קיין רוסלאַנד, קעדיי צו אַגיטירן פאַר א סעפּאַראַטן שאָלעם מיט דייטשלאַנד; אַלס גרונד צו דער באַשולדיקונג האָט געדינט דער פאַקט, וואָס גרים האָט פאַרן אָפּפאָרן פון שווייץ זיך געזעען מיטן שווייצאַרישן אויסערן-מיניסטער און זיך בא אים „אינפאָרמירט" וועגן די דייטשישע שאָלעם-טנאָים. גרימס דערקלערונגען האָבן די מיניסטאָרן-סאָציאַליסטן, צערעטעלי און סקאָבעלעוו, אָנערקענט פאַר ניט באַפרידיקנדיק, און ער איז אַרויסגעשיקט געוואָרן פון רוסלאַנד; דער אינצידענט איז פאָרגעקומען בעאייסן 1-טן ראַטן-צוזאַמענפאָר און האָט געדינט דער ציטווייליקער רעגירונג און דער מענשעוויסטיש-עסערישער מערהייט פאַר א מיטל אויסצודריקן זייער טרייהייט דער אַנטאַנטע און צוגרייטן א באָדן פאַר דער קאַמפּאַניע פאַר אַן אָנגריף אַפן פראָנט. די באָלשעוויקעס האָבן באַקעמפט די אַלגעמיינע פּאָליטיק פון דער באַשיצלערישער מערהייט, זיי האָבן זיך אָבער ניט איינגעשטעלט פאַר גרימען, ווייל זיין גאַנצע האַנדלונג איז געווען ניט קיין רעוואָלוציאָנער-אינטערנאַציאָנאַליסטישע.

14. די יולי-טעג — אונטער אָט דעם נאָמען איז אַריין אין דער געשיכטע פון דער רוסישער רעוואָלוציע די באַוואָפנטע דעמאָנסטראַציע פון די פּעטראָגראַדער אַרבעטער און סאָלדאַטן, וועלכע איז פאָרגעקומען דעם 3—5-טן (16—18) יולי 1917; די אומצופרידנהייט פון די ברייטע אַרבעטער-און סאָלדאַטן-מאַסן מיט דער אַלגעמיינער פּאָליטיק פון דער ציטווייליקער רעגירונג און מיטן יוני-אָנגריף אַפן פראָנט האָט זיך אַלץ מער פאַרשאַרפט. צום מאָמענט פון דער יולי-אַרויסטרעטונג האָט זיך אָנגעזאַמלט א ריי קלענערע צוזאַמענשטויסן: די אומצופרידנהייט פון די 40-יאָריקע רעזערוויסטן, וועלכע האָבן געפאָדערט, מע זאָל זיי טייקעף דעמאָביליזירן; דאָס אַרויסשטופּן די פּראָפאַריינען פון די פאַרנומענע פּאַלאַצן; די רעוואָלוציאָנערע פּעטראָגראַדער מיליטער-אָפּטיילן האָבן

שאַרף פּראָטעסטירט קעגן באַשלוס פון דער רעגירונג אָפּשיקן זיי אַפן פראָנט, זעענדיק אין דעם אַ שטרעבונג אָפּצושוואַכן די קויכעס פון דער רעוואָלוציע אין דער הויפּט־שטאָט; דערצו איז נאָך צוגעקומען די דימיסיע פון די מיניסטאָרן־קאַדעטן, וואָס זיי האָבן פאַרגענומען דעם 2־טן יולי אלס פּראָטעסט קעגן אָפּמאַך, וואָס צערעטעלי האָט געשלאָסן אין קיעוו מיט דער אוקראַיִנישער צענטראַלער ראַדע. דעם 3־טן יולי האָט זיך אין פּעטראָגראַד אָנגעהויבן אַ שטאַרקע סטיכישע באַוועגונג פאַר אַ באַלדיקער ארויסטרעטונג קעגן דער צייטווייליקער רעגירונג. דער ערשטער איז ארויסגעטראָטן דער 1־טער קולעמיאָט־פּאָלק, וועלכער האָט אָנגענומען מיטלען אַף אריינצוציען אין דער באַוועגונג אַלע איבעריקע מיליטער־אָפּטיילן, און אויך די ברייטע אַרבעטער־מאַסע; גלייכצייטיק האָט זיך דער פּאָלק געווענדעט צו דער אַלשטאָטישער קאָנפערענץ פון די באָלשעוויקעס, וועלכע איז דעמאָלט גראָד פאָרגעקומען, אַז זי זאָל זיך שטעלן בעראָש פון דער ארויסטרעטונג; האַלטנדיק, אַז די אַרויסטרעטונג איז אַ פריצייטיקע, האָט זיך די קאָנפערענץ פון דעם אָפּגעזאָגט; שפּעטער זיינען צו קשעשינסקעס פּאַלאַץ, וואו ס׳האָט זיך געפונען די באָלשעוויסטישע פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע, געקומען צוויי פּאָלקן, און אויך אַן אַרבעטער־דעמאָנסטראַציע מיט לאָזונגען: „די גאַנצע מאַכט די ראַטן!" ס׳איז צונויפגערופן געוואָרן אַן עקסטרע זיצונג פון צ.ק., וועלכע האָט, דיסקאָנטירנדיק די שטימונג פון די מאַסן, באַשלאָסן צו ענדערן דעם פריערדיקן באַשלוס און שטעלן זיך אין שפּיץ פון דער אַרויסטרעטונג, צוגעבנדיק איר דעם כאַראַקטער פון אַ פרידלעכער דעמאָנסטראַציע; אַף דעמזעלביקן שטאַנדפּונקט האָט זיך אויך געשטעלט די ארבעטער־סעקציע פונם פּעטראָגראַדער ראַט. דעם 4־טן יולי האָט די אַרויסטרעטונג אַרומגעכאַפּט אַלע אַרבעטער־ראַיאָנען פון שטאָט און ס׳ראָוו מיליטער־אָפּטיילן; אין דער דעמאָנסטראַציע האָבן זיך באַטייליקט בּאַ אַ האַלבן מיליאָן אַרבעטער און סאָלדאַטן; פון קראָנשטאַט זיינען צו דער דעמאָנסטראַציע געקומען בּאַ 10 טויזנט באַוואָפנטע סאָלדאַטן און מאַטראָסן; די מאַסן האָבן זיך קאָנצענטרירט אַרום טאַווריישן פּאַלאַץ, וואו ס׳האָט זיך געפונען דער צ.א.ק., פון וועלכן די מאַסן האָבן געפאָדערט, ער זאָל טייקעף איבערנעמען די גאַנצע מאַכט. דער מענשעוויסטיש־עסערישער צ.א.ק. האָט זיך פון דעם, פאַרשטייט זיך, אָפּגעזאָגט; פאַרקערט, צוזאַמען מיט דער רעגירונג האָט ער ארויסגערופן פון צאָפן־פראָנט קאַזאַקן, אַרטילעריע און פאַרשיידענע אַנדערע מיליטער־טיילן, וועלכע האָבן דעם 5־טן יולי דערשטיקט די אַרויסטרעטונג, צעגראַמירט די רעדאַקציע און דרוקעריי פון „פּראַוודאַ" און דורכגעפירט אַ ריי מאַסן־אַרעסטן צווישן די אָנטיילנעמער פון דער דעמאָנסטראַציע. נאָך די יולי־טעג איז די בורזשואַזע רעאַקציע אָפּן אַרויסגעטראָטן קעגן פּראָלעטאַריאַט. ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן קאָלעריליי רעדיפעס אַף די באָלשעוויקעס; די בורזשואַזע פּרעסע איז אַרויסגעטראָטן מיט העסלעכע רעכילעס וועגן די פירער פון די באָלשעוויקעס מיטן כ׳ לענין בעראָש, באַשולדיקנדיק זיי אין „דינען דעם דייטשישן אימפּעריאַליזם" א.ד.ג. לענין און נאָך אייניקע מיטגלידער פון צ.ק. האָבן, ווי אין די צאַרישע צייטן, געמוזט ווערן אומלעגאַל, אַ טייל באָלשעוויסטישע טוער זיינען אַרעסטירט געוואָרן. דאָסזעלבע איז אויך פאָרגעקומען אין דער פּראָווינץ און אַף די פראָנטן. דאָס אַלץ האָט אויפגעדעקט פאַר די ברייטע מאַסן דעם עמעסן פּאַרצוף פון דער צייטווייליקער רעגירונג און פון די סאָציאַל־פּאַטריאָטישע פּאַרטייען, און אַף אַזאַ אופן פאַרגיכערט דעם רעוואָלוציאָניזירונגס־פּראָצעס פון די מאַסן און פאַרשטאַרקט די ווירקונג פון די באָלשעוויקעס.

15. אוניווערסאַל — אַזוי האָבן געהייסן די פייערלעכע מעלוכע־אַקטן פון דער צענטראַלער אוקראַיִנישער ראַדע (זע באַמ. 16). דער ערשטער אוניווערסאַל (יוני 1917) דעקלאַרירט די אָרגאַניזירונג פון גענעראַל־סעקרעטאַריאַט (אַ מין רעגירונגס־אָרגאַן) אלס ענטפער אַפן אָפּזאָג פון דער צייטווייליקער רעגירונג צו אַנערקענען די אויטאָנאָמיע פון אוקראַיִנע; דער צווייטער אוניווערסאַל (3־טן יולי) האָט סאַנקציאָנירט דעם שאָלעם־אָפּמאַך מיט דער צייטווייליקער רעגירונג, וואָס איז געשלאָסן געוואָרן דורך צערעטעלין (זע באַמערקונג 18), און פייערלעך פאַרזיכערט, אַז די צענטראַלע ראַדע וועט ניט פּרוּוון פאַרווירקלעכן די אויטאָנאָמיע פון אוקראַיִנע ביז דער אַלרוסלענדישער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג; דער 3־טער אוניווערסאַל (25־טן אָקטיאַבר) דערקלערט די ראַדע פאַר די רעגירונג פון אוקראַיִנע, פּראָקלאַמירט אוקראַיִנע פאַר אַ פאָלקס־רעפּובליק, וועלכע דאַרף זיין פאַרבונדן מיט רוסלאַנד אַף פעדעראַטיווע יעסוידעס; דער 4־טער אוניווערסאַל (פון 12־טן יאַנוואַר 1918) האָט פּראָקלאַמירט די פולע אומאָפּהענגיקייט פון דער אוקראַיִנישער פאָלקס־רעפּובליק און אַזוי אַרום געשאַפן פאַר דער ראַדע די פאָרמעלע מעגלעכקייט

צו שליסן א סעפּאַראַטן שאָלעם מיט דייטשלאַנד און דערנאָך אַריינפירן אַף אוקראַינע די דייטש־עסטרייכישע אַרמייען.

16. **די צענטראַלע אוקראַיִנישע ראַדע** — דער אָנפירנדיקער אָרגאַן פון דער נאַציאָנאַליסטישער אוקראַיִנישער באַוועגונג זינט נאָך דער פעוורואַל־רעוואָלוציע; די צענטראַלע ראַדע איז צונויפגעשטעלט געווען דורך די אוקראַיִנישע נאַציאָנאַליסטישע פּאַרטייען: אוקר. סאָצ. דעמ. (די פירער: ווינישענקאָ, פּעטליורע, פּאָרש), אוקר. סאָצ. רעוו. (קאָוואַלעווסקי, גרושעווסקי, גאָלובאָוויטש), אוקר. סאָצ. פעדעראַליסטן (שראַג, שולגין) און „סאַמאָסטיניקעס", וועלכע האָבן דורכגעפירט א ריי צוזאַמענפאָרן פון זייערע אָנהענגער אין דאָרף און אין דער אַרמיי, אויסנוצנדיק דערצו די אוקראַיִנישע קאָאָפּעראַטיוון, די דאָרפישע קולאַקישע אינטעליגענץ א.ז.וו. קיין איינפלוס אַף די אַרבעטער האָט די צענטראַלע ראַדע קיינמאָל ניט געהאַט. מיט איר קאַמף פאַר אויטאָנאָמיע פון אוקראַינע קעגן דער צייטווייליקער רעגירונג האָט זיך די צ. ר. דערוואָרבן א געוויסע סימפּאַטיע בא דער אוקראַיִנישער דעמאָקראַטישער אינטעליגענץ. אין דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון דער רעוואָלוציע איז די צענטראַלע ראַדע געוואָרן דער זאַמלונגס־צענטער פון דער קליינבירגערלעכער נאַציאָנאַליסטישער קאָנטער־רעוואָלוציע, וואָס האָט בלוטיק געקעמפט קעגן דער ראַטנמאַכט אין בונד מיט קאַלעדינען און מיטן דייטשישן אימפּעריאַליזם. דער פּלענום פון דער צענטראַלער ראַדע איז לעכאַטכילע באַשטאַנען פון 212 „פויערשע" דעלעגאַטן, 132 מיליטערישע, 100 פון די אוקראַיִנער אַרבעטער, צו 5 פאָרשטייער פון די אוקראַיִנישע פּאַרטייען, פאָרשטייער פון דער אוקראַיִנישער אינטעליגענץ און פון פאַרשיידענע אַנדערע נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס; נאָך איר רעאָרגאַניזירונג אין יולי 1917 זיינען אין פּלענום אַריינגעפירט געוואָרן 210 פאָרשטייער פון די ניט אוקראַיִנישע פּאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס, אין דעם אויך פון די אַרבעטער־ראַטן; פון אָט דעם פּלענום איז געווען אויסגעטיילט דער אויספירונגס־קאָמיטעט — די אַזוי גערופענע „קליינע ראַדע" אין באַשטאַנד פון 85 מיטגלידער, אין וועלכער אַלע פּאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס האָבן געהאַט א פּראָפּאָרציאָנעל פאַרקלענערטע פאַרטרעטונג; נאָכן ערשטן אוניווערסאַל האָט די צ. ר. אויסגעטיילט א גענעראַל־סעקרעטאַריאַט, וועלכער האָט צו ביסלעך אָנגעהויבן פאַרווירקלעכן די פונקציעס פון א רעגירונג.

17. **די אידישע קאָנפערענץ** — די אַזוי גערופענע פאָר־„קאָנפערענץ", וועלכע האָט געדאַרפט באַשטימען די טאָג־אָרדענונג פונם אַלרוסלענדישן אידישן צוזאַמענפאָר, א פראַגע, וואָס האָט אַרויסגערופן א קאַמף צווישן די אידישע פּאַרטייען, הויפּטזאַכלעך צווישן בונד און די ציאָניסטן; וועגן די וויכטיקע שטרייט־פראַגן: 1) דאָס איינשליסן אין טאָג־אָרדענונג די פראַגע וועגן די רעכט פון די אידן אין אויסלאַנד און 2) די פּאַלעסטינע־פראַגע — האָט די קאָנפערענץ אָנגענומען א קאָמפּראָמיס־באַשלוס, וועלכער איז אין טאָך געווען א געווינס פון די ציאָניסטן: די ערשטע פראַגע איז געבליבן אין טאָג־אָרדענונג פונם צוזאַמענפאָר און די צווייטע איז אויסגעשלאָסן געוואָרן: אדאַנק דעם קאָמפּראָמיס האָבן די ציאָניסטן געוואונען דעם אַנטייל פון „בונד" אינם צוזאַמענפאָר.

18. **דער אויסגלייך פון דער אוקראַיִנישער ראַדע מיט דער צייטווייליקער רעגירונג** — קעדיי צו ליקווידירן די רייבונגען צווישן דער צענטראַלער ראַדע און דער צייטווייליקער רעגירונג, זיינען דעם 28-טן יוני געקומען קיין קיעוו די מיניסטאָרן צערעטעלי און טערעשטשענקאָ, וועלכע זיינען נאָך א ריי אונטערהאַנדלונגען מיט דער ראַדע דורכגעקומען אַף דעם, אַז אין באַשטאַנד פון דער ראַדע, פון דער „קליינער ראַדע" און פון גענעראַל־סעקרעטאַריאַט זאָלן איינגעשלאָסן ווערן פאַרטרעטער פון די ניט-אוקראַיִנישע אָרגאַניזאַציעס (וואָס זיינען געווען אָנהענגער פון דער צייטווייליקער רעגירונג) און אַז דער גענעראַל-סעקרעטאַריאַט זאָל ווערן א געגנט-אָרגאַן פון דער צייטווייליקער רעגירונג. דערדאָזיקער אויסגלייך האָט אַרויסגערופן א שאַרפע אָפּאָזיציע מיצאַד די קאַדעטישע מיניסטאָרן, וועלכע זיינען דעם 2-טן יולי אַרויסגעטראָטן פון דער רעגירונג. די געשעענישן פון 3—5 יולי (זע באַמ. 14) האָבן אָנגעשראָקן אויך די קליינבירגערלעכע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען און די באַשטעטיקונג פונם אויסגלייך האָט זיך שטאַרק פאַרצויגן; אין מיטן יולי האָט די צענטראַלע ראַדע געשיקט קיין פּעטראָגראַד א דעלעגאַציע אין באַשטאַנד פון ווינישענקאָ, באַראַנאָווסקי און ראַפּעס (דער לעצטער — פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן), וועלכע האָט צוליב דער געענדערטער לאַגע ניט געקאָנט דערשלאָגן זיך די באַשטעטיקונג פונם אויסגלייך מיט צערעטעלין; אַנשטאָט דעם האָט די צייטווייליקע רעגירונג אויסגעאַר-

בעט א אינסטרוקציע, וועלכע האָט שאַרק פאַרקלענערט די טעריטאָריע פון אוקראַינע (נאָר 5 גובערניעס) און פאַרשמעלערט די קאָמפּעטענץ פונם גענעראַל-סעקרעטאַריאַט; די אינסטרוקציע האָט ארויסגערופן א שאַרפן פּראָטעסט מיצאַד ס'ראָוו פראַקציעס פון דער צענטראַלער ראַדע, טאָפּקאָלסאָף אָבער איז באַשטימט געוואָרן זי אָנעמען און ווייטער פירן דעם קאַמף פאַר דער פאַרברייטערונג פון דער אַווטאָנאָמיע.

19. דער ערשטער אלרוסלענדישער צוזאַמענפאָר פון די ראַטן — פאַרגעקומען אין פּעטראָגראַד פון 3-טן ביזן 24-טן יוני 1917; אין צוזאַמענפאָר האָבן זיך באַטייליקט 822 דעלעגאַטן מיט שטים-רעכט, וועלכע האָבן פאַרטראָטן העכער 20 מיליאָן ארבעטער, סאָלדאַטן און פויערים. די פּאַרטיי-איינטיילונג פון די דעלעגאַטן איז געווען אזא: סאָצ.-רעוו. 285, מענשעוויקעס 248, באָלשעוויקעס 105, אויסערפראַקציאָנערע סאָצ. 73, אינטערנאַציאָנאַליסטן 32, בונדיסטן 10 א. א. וועגן אלע פראַגן האָט דער צוזאַמענפאָר אָנגענומען די רעזאָלוציעס פון בלאָק מענשעוויקעס און עסערן, וועלכע האָבן זיך פאַראייניקט אף דער פּלאַטפאָרם צו שטיצן די קאָאַליציע-רעגירונג און באַקעמפן די באָלשעוויקעס: דער צוזאַמענפאָר האָט זיך ארויסגעזאָגט פאַר שטיצן די קאָאַליציע-רעגירונג, פאַרן אָנגריף אפן פראָנט, פאַר מיטווירקן דער „פרייהייטס-האַלוואָע" א. ד. ג.

20. שלאָג-באַטאַליאָנען — אפגעקליבענע מיליטער-אָפּטיילן, הויפּטזאַכלעך פון יונגע אָפיצערן און יונקערס, וועלכע האָבן אפן פראָנט געדאַרפט ווייזן א ביישפּיל פון פּאַטריאָטיזם, דיסציפּלינירטקייט און איבערגעגעבנקייט דער צייטווייליקער רעגירונג; פאַקטיש זיינען דיזאָזיקע מיליטער-אָפּטיילן אויסגענוצט געוואָרן אף צו באַקעמפן די רעוואָלוציאָנערע מאַסן אין לאַנד און אף די פראָנטן.

21. דער אידישער באַטאַליאָן — לויט די פּלענער פון די ציאָניסטן האָט דער-דאָזיקער באַטאַליאָן געדאַרפט באַווייזן דעם פּאַטריאָטיזם פון די אידן און זיך איינקויפן בא דער אַנטאַנטע, לויטן מוסטער פון זשאַבאָטינסקיס אידישן באַטאַליאָן, וועלכן די ענגלישע אימפּעריאַ-ליסטן האָבן אויסגענוצט אין זייער קאַמף קעגן דער באַפרייאונגס-באַוועגונג אין מיצראַים און אין זייערע קריגס-אָפּעראַציעס קעגן טערקיי; צוליב דער נעגאַטיווער באַציאונג פון דער צייטווייליקער רעגירונג צו נאַציאָנאַלע מיליטער-אָפּטיילן בכלל איז דער פּראָיעקט פון די ציאָניסטן ניט פאַר-ווירקלעכט געוואָרן.

22. שולגין און סאַווענקאָ. — די אָנפירער פון די רוסישע שוואַרצמייעניקעס אין קיעוו; אין די יאָרן פון בירגער־קריג אָנגעזעענע טוער בא דעניקינען און וורַאַנגעלן; איצט אין עמיגראַציע.

23. די בונדישע קאָנפערענץ פון צאָפן־מאַירעוו־געגנט — פאַרגעקומען אין יוני 1917 אין מינסק; אין דער קאָנפערענץ האָבן זיך באַטייליקט 38 דעלעגאַטן פון 26 שטעט און שטעטלעך, וואָס האָבן פאַרטראָטן ביז 10 טויזנט אָרגאַניזירטע מיטגלידער; אין אַלע פּרינציפּיעלע פראַגן האָט די קאָנפערענץ פאַרנומען אַ מענשעוויסטישע פּאָזיציע.

24. די פאַבריק־קאָמיטעטן — די בילדונג פון פאַבריק־קאָמיטעטן איז פון די ער־שטע מאָנאַטן פון רעוואָלוציע געוואָרן איינער פון די שלאָג־לאָזונגען פון דער באָלשעוויסטישער אגיטאַציע און האָט ארויסגערופן דעם גרעסטן אָפּקלאַנג בא דער אַרבעטער־מאַסע. אויסגעקליבענע דירעקט דורך די ארבעטער פון פאַבריק און זאַוואָד, האָבן זיי קאָנצענטרירט די גאַנצע אומצופרידנ־קייט פון די אַרבעטער־מאַסן. דער לאָזונג פון „אַרבעטער־קאָנטראָל" איבער דער פּראָדוקציע איז געווען דירעקט פאַרבונדן מיט דער באַוועגונג פון די „פאַבריק־קאָמיטעטן". אַף די קאָנפערענצן פון די „פאַבריק־קאָמיטעטן" האָבן די באָלשעוויקעס געהאַט אַ מערהייט שוין דאַן, בעאייס די פּראָפּע־סיאָנעלע פאַריינען זיינען נאָך געווען אונטער דער ווירקונג פון די מענשעוויקעס.

25. די מאָסקווער באַראַטונג — וועלכע איז פאָרגעקומען דעם 12—15־טן אַוו־גוסט, איז צונויפגערופן געוואָרן, קעדיי צו פאַרפעסטיקן די לאַגע פון דער צייטווייליקער קאָאַליציע־רעגירונג; איר צוזאַמענשטעל איז קינסטלעך געווען צוגעקליבן אזוי, אז די גרעסטע מערהייט האָבן אף איר געהאַט די בורזשואַזיע, די קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע מיליטערישע קרייזן און די רע־אַקציאָנערע קליינבירגערלעכע שיכטן. די באָלשעוויקעס האָבן זיך פּרינציפּיעל אָפּגעזאָגט פון צו באַטייליקן זיך אין דער באַראַטונג; די מאָסקווער אַרבעטער האָבן, אַלס פּראָטעסט קעגן דער באַ־ראַטונג, דעם 12־טן אווגוסט געשטרייקט. אַף דער באַראַטונג האָט די בורזשואַז־מיליטערישע קאָנטר־

רעוואָלוציע געעפנט אירע קאָרטן, ארויסרוקנדיק אָפן די פאָדערונג פון אַ מיליטערישער דיקטאַטורן ניט געקוקט אַף דעם. זיינען די קליינבירגערלעכע סאָציאַליסטישע פארטייען פונדעסטוועגן געבליבן טריי דער קאָאַליציע מיט דער בורזשואזיע, און צערעטעלי האָט פייערלעך געדריקט די האַנט פון בובליקאָוון—דעם פאַרטרעטער פון די פאַבריקאַנטן. די מאָסקווער באַראַטונג, אַף וועלכער ס'איז פאַקטיש צוגעגרייט געוואָרן די קאָרנילאָוו־אַוואַנטיור (זע באַמערקונג 30), האָט אין דערזעלבער צייט אָבער בוילעט אנטפלעקט דעם קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן מעהוס פון דער בורזשואזיע און טיף דיסקרעדיטירט אירע פאַרבינדעטע—די מענשעוויקעס און עסערן. זייער ווירקונג האָט נאָך דער באַראַטונג אָנגעהויבן שטאַרק פאַלן.

26. די דעקלאַראַציע פון די אידישע קליינבירגערלעכע פאַרטייען האָט פאַרייניקט אַלע דריי אידישע סאָציאַליסטישע פאַרטייען, וועלכע האָבן אַף דער באַראַטונג קיין אַנדערע דערקלערונגען שוין ניט געמאַכט. דידאָזיקע דעקלאַראַציע איז אָבער געווען ניט די איינציקע אידישע דעקלאַראַציע אַף דער מאָסקווער באַראַטונג; אַכוץ איר, איז געווען נאָך אַ דעקלאַראַציע פון די אידישע בורזשואַזע פאַרטיי־גרופן, מיט וועלכער ס'איז ארויסגעטראָטן דער אדוואָקאַט גרוזענבערג; דידאָזיקע דעקלאַראַציע איז געווען אויסגעהאַלטן אין עכט־פאַטריאָטישע און קאָרנילאָווישע טענער. זי האָט געפאָדערט אַ „שטאַרקע רעגירונג", וועלכע זאָל האָבן די פולע מאַכט, ד. ה. זי זאָל ניט זיין אָפּהענגיק פון די ראַטן.

27. די פּראָגראַם פון 8־טן יולי—דידאָזיקע פּראָגראַם איז געווען פאָרמולירט אין דער דעקלאַראַציע פון דער „רעגירונג צו ראַטעווען דער רעוואָלוציע", וועלכע איז געווען אָרגאַניזירט נאָך די יולי־טעג, און האָט אַנטהאַלטן די פאָלגנדיקע פּונקטן: אַן אַלגעמיינער שאָלעם אָן אַנעקסיעס און קאָנטריבוציעס, גלייכצייטיק אָבער אָנשטרענגען אַלע קויכעס אַף צו פאַרטיידיקן דאָס לאַנד פון די אויסערלעכע סאָנים; אין דער באַשטימטער צייט צונויפרופן די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג; פאַרגיכערן דאָס אָרגאַניזירן די שטאָטישע און דאָרפישע זעלבסטפאַרוואַלטונגען, דורכפירן געזעצן וועגן קאָאַליציע־פרייהייט, אַרבעטס־בירזשעס, פשאָרעס־קאַמערן, 8־שאָאיקן אַרבעטס־טאָג, סאָציאַלע סטראַכירונג א. ד. ג. ליקווידירן די פריערדיקע אַגראַר־פאָליטיק, וועלכע האָט דעזאָרגאַניזירט דאָס דאָרף; רעגולירן געזעצמעסיק די ערד־באַציאונגען א. א. וו.

28. אַלטער וו.—בונדישער עמיגראַנט, וועלכער האָט זיך זומער 1917 אומגעקערט פון ענגלאַנד; אין 1917—איינער פון די לינקע בונדיסטן־אינטערנאַציאָנאַליסטן—מאַרטאָווצעס; נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע צוזאַמען מיטן גאַנצן בונד באַקעמפט די באָלשעוויקעס און די ראַטנמאַכט; איצט אין פוילן, איינער פון די פירער פון רעכטן בונד.

29. דער פאַראייניקונגס־צוזאַמענפאָר פון ר. ס. ד. א. פ.—פאָרגעקומע־ דעם 19—24 אַווגוסט 1917 אין פעטראָגראַד; אינם צוזאַמענפאָר האָבן זיך באַטייליקט 222 דעלעגאַטן מיט שטים־רעכט, וועלכע האָבן פאַרטראָטן 134000 אָרגאַניזירטע מיטגלידער; אַכוץ די מענשעוויקעס־באַשיצלער, האָבן זיך אין צוזאַמענפאָר באַטייליקט די מענשעוויקעס־אינטערנאַציאָנאַליסטן, די סאָצ. דעמ. „אָביעדינענצעס", דער בונד און די קאַווקאַזער ס. ד., די מערהייט האָבן אָבער געהאַט די רעכטע מענשעוויקעס מיט צערעטעלי און ליבערן בעראָש (די בונדישע דעלעגאַציע, וועלכע איז באַשטאַנען פון העכער 40 מאַן, האָט געשטימט פריי: אַ טייל מיטן רעכטן פליגל, אַ טייל מיטן צענטער און אַ טייל מיט די אינטערנאַציאָנאַליסטן); וועגן אַלע פּרינציפּיעלע פּאָליטישע פראַגן זיינען צוזאַמענפאָר דורכגעגאַנגען די רעזאָלוציעס פון די רעכטע. אין צ. ק. זיינען אויסגעקליבן געוואָרן 16 רעכטע (אין דעם ליבער) און 8 אינטערנאַציאָנאַליסטן (אין דעם אַבראַמאָוויטש); צווישן אַנדערע האָט דערדאָזיקער צוזאַמענפאָר אָפיציעל אַנערקענט די נאַציאָנאַל־קולטורעלע אַווטאָנאָמיע, וואָס דער „בונד" האָט געהאַלטן פאַר זייער אַ גרויסן ניצאָכן.

30. די קאָרנילאָוו־אַוואַנטיור—נאָך פאַר דער מאָסקווער באַראַטונג האָט די קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע „סטאַווקע" מיט קאָרנילאָוון בעראָש, אין פולן העסקעם מיט דער קאַדעטישער פאַרטיי און אַלע אַנדערע רעאַקציאָנערע גרופן, אָנגעהויבן צוגרייטן אַ קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע איבערקערעניש; ווי ס'איז שפּעטער פעסטגעשטעלט געוואָרן, האָבן זיך אין די צוגרייטונגען אויך באַטייליקט קערענסקי און דער קריגס־מיניסטער סאַווינקאָוו, וועלכע זיינען געווען אָנגעמערקט פאַר מיניסטאָרן אין קאַבינעט פון קאָרנילאָווס מיליטערישער דיקטאַטור; דעם 26־טן

אַווגוסט האָט קאָרנילאָוו אָנגעהויבן קאָנצענטרירן אַרום פּעטראָגראַד רעאַקציאָנערע קאָזאַקן־אָפּטיילן און די אַזוי גערופענע „ווילדע דיוויזיע״; אינם לעצטן מאָמענט אָבער איז קערענסקי ניט דורכגעקומען מיטן קומענדיקן דיקטאַטאָר און איז אַרויסגעטראָטן קעגן אים; קאָרנילאָוו האָט דענסטמאָל עפנטלעך דערקלערט, אַז ער נעמט פאַר אַ באַוואָפנטע אַרויסטרעטונג קעגן דער צייטווייליקער רעגירונג; אַף צו באַקעמפן די קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע אַוואַנטיור האָבן די פּעטראָגראַדער און מאָסקווער ראַטן, און דעריקער די באָלשעוויסטישע פּאַרטיי, די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס און די מיליטער־אָרגאַניזאַציעס, מאָביליזירט אַלע רעוואָלוציאָנערע קרעפטן אין די מיליטער־אָפּטיילן און באַוואָפנט די אַרבעטער; אַ באַדייטנדיקע ראָלע אין דערשטיקן די אַוואַנטיור האָבן אויך געשפּילט די ראַטן און די באָלשעוויסטישע אָרגאַניזאַציעס פון מאַירעוו־פראָנט (וויטעבסק, האָמעל, אָרשע, מינסק), וועלכע האָבן מיט זייערע באַוואָפנטע קויכעס איזאָלירט די הויפּט־נעסט פונם אויפשטאַנד — „די סטאַווקע״ אין מאָלעוו. צו קיין אָפענע באַוואָפנטע צוזאַמענשטויסן איז ניט געקומען: די סאָלדאַטן פון קאָרנילאָווס מיליטער האָבן זיך אָפּגעזאָגט אַרויסצוטרעטן קעגן דער רעוואָלוציאָנערער הויפּט־שטאָט; אונטערן דרוק פון די אַנטשיידענע פאָדערונגען פון די רעוואָלוציאָנערע מאַסן האָט די צייטווייליקע רעגירונג געמוזט לעפאָנים וועגן אַרעסטירן קאָרנילאָוון, דעניקינען און נאָך אייניקע אַנטיילנעמער פונם אויפשטאַנד, נאָר די געריכט־אויספאָרשונג איז מיט אַ קיוון פאַרצויגן געוואָרן, און דאָס האָט געגעבן די מעגלעכקייט קאָרנילאָוון צו אַנטלויפן אין דאָנער געגנט, וואו ער האָט אָנגעהויבן אַ באַוואָפנטן קאַמף קעגן דער ראַטן־מאַכט. די קאָרנילאָוו־אַוואַנטיור איז איינע פון די וויכטיקסטע עטאַפּן אפן וועג צו דער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע; די רעאַלע געפאַר פון דער קאָנטער־רעוואָלוציע מיצאַד דער בורזשואַזיע, וועלכע איז געווען פאַרבונדן מיט די קליינבירגערלעכע סאָציאַליסטן, האָט געמאַכט אַ טיפן איבערברוך אין דער שטימונג פון די ברייטסטע מאַסן: מיט אַן אומגעהויערער גיכקייט דערנעענטערן זיך די מאַסן צו די באָלשעוויקעס. דער קאַמף קעגן קאָרנילאָוון האָט אויך באַוואָפנט די אַרבעטער און געגעבן זיי אַ גוטע פּראַקטישע לעקציע פון בירגער־קריג, וועלכע איז ברייט אויסגענוצט געוואָרן אין די אָקטיאַבער־טעג; נאָכן דערשטיקן די קאָרנילאָוו־אַוואַנטיור האָט זיך אויך באַדייטנדיק פאַרשטאַרקט די קעגנערשאַפט צו דער קאָאַליציע מיט דער בורזשואַזיע צווישן די אָרנטלעכע עלעמענטן פון קליינבירגערלעכן סאָציאַליזם. אין די מאַסן זיינען געוואַקסן די סימפּאַטיעס צום לאָזונג „די גאַנצע מאַכט — די ראַטן״.

31. *א פאַרזאַמלונג פון אַלע פאַרוואַלטונגען פון די פּראָפאַריינען.* — אַף דער דאָזיקער פאַרזאַמלונג, וועלכע איז פאָרגעקומען דעם 30־טן אווגוסט, ד. ה. אין די טעג פון דער קאָרנילאָוו־אַוואַנטיור, איז איינשטימיק באַשלאָסן געוואָרן אָרגאַניזירן באַוואָפנטע אַרבעטער־דרוזשינעס, לויטן מוסטער פון דער פּעטראָגראַדער רויטער גוואַרדיע.

32. *די דעמאָקראַטישע באַראַטונג* — איז פאָרגעקומען אין פּעטראָגראַד דעם 14—22 סענטיאַבר. דער צוזאַמענשטעל פון דער באַראַטונג איז געווען אַזאַ, אַז פאַקטיש האָבן אַף איר געהאַט די מערהייט די רעאַקציאָנערע קליינבירגערלעכע אינטעליגענץ און באַאַמטע: פון 1588 דעלעגאַטן האָבן 892 געהערט די שטאָט־דומעס, זעמסטוועס, קאָאָפּעראַטיוון, רעגירונגס־קאָמיסאַרן, די נאַציאָנאַלע גרופּן א. א. פון די איבעריקע 696 דעלעגאַטן זיינען געווען צו 230 פון די אַרבעטער און פּויערשע ראַטן, 100 — פּראָפאַריינען, 38 — אַרבעטער־קאָאָפּעראַטיוון א. ד. גל. אַף דער באַראַטונג איז געווען אַ שטאַרקע באָלשעוויסטישע פראַקציע, וועלכע האָט העפטיק באַקעמפט די קליינבירגערלעכע אָפּאָרטוניסטישע מערהייט; די באַראַטונג האָט אַרויסגעוויזן דעם פולשטענדיקן באַנקראָט פון דער קליינבירגערלעכער דעמאָקראַטיע. אַ קליינע מערהייט האָט זיך אַרויסגעזאָגט קעגן דער קאָאַליציע מיט די קאַדעטן, אלס קאָרנילאָווצעס. די פירער פון די מענשעוויקעס און עסערן האָבן אָבער די דאָזיקע באַשטימונג איגנאָרירט, און אַף מאָרגן נאָך דער באַראַטונג אַריינגענומען די קאָרנילאָווצעס אין רעגירונג. די דעמאָקראַטישע באַראַטונג האָט פון זיך אויסגעטיילט אַ דעמאָקראַטישן ראָט (פאָרפּאַרלאַמענט — זע באַמ. 36), וועלכער האָט געדאַרפט דינען אַלס סוראָגאַט פון אַ פאַרטרעטונגס־אָרגאַן ביז ס׳וועט זיך צוזאַמענקלייבן די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג; די דעמאָקראַטישע באַראַטונג, ווי די מעלוכע־באַראַטונג אין מאָסקווע, האָט מיט איר פולשטענדיקער הילפלאָזיקייט קעגן דער אָנגרייפנדיקער בורזשואַזער רעאַקציע באַוויזן, אַז עס דערנעענטערט זיך דער מאָמענט פון דירעקטן צוזאַמענשטויס צווישן פּראָלעטאַריאַט און דער בורזשואַזיע. דאָס אַלץ האָט נאָך מער פאַרשאַרפט דעם קאַמף

פון די רעוואָלוציאָנערע מאַסן און אַזוי אַרום פאַרשטאַרקט דעם פּראָצעס פון זייער רעוואָלוציאָניזירונג.

33. א. ווײַנשטיין („ראַכמיעל״) — איינער פון די עלטסטע טוער פון דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין רוסלאַנד, אַ מיטגליד פון „בונד״ פון 1898 יאָר. פון 1903 ביז 1921 מיטגליד פון צ. ק. פון „בונד״; פון 1914 ביז דער פעווראַל־רעוואָלוציע געווען פאַרשיקט קיין סיביר. פון 1917 פּאָרזיצער פון צ. ק. פון „בונד״; אין 1917 פּאָרזיצער פון מינסקער דומע. נאָך דער צעשפּאַלטונג פון „בונד״ אף דער 12־טער קאָנפערענץ (אין 1920) דורכגעפירט דאס אריבערטרעטן פון קאָמבונד אין ר. ק. פּ. (ב.) (1921). פון 1921 פאַרנעמט פאַרשיידענע פאַראַנטוואָרטלעכע מעלוכע־פּאָסטנס אין ווייסרוסלאַנד און אין דער קירגיזער סאָוועטישער רעפּובליק; אַ געוויסע צייט מיטגליד פון צ. ב. פון די אידישע סעקציעס באַם צ. ק. ר. ק. פּ. (ב.), און אויך מיטגליד פון צ. ב. פון ק. פּ. (ב.) וו.; קאָלעגיע־מיטגליד פון פּאָלקאָמפּין פון פ. ס. ס. ר.; מיטגליד פון קאָמיטעט פאַר ערד־איינאָרדענונג פון די אידן באַם צ. א. ק. (קאָמזעט).

34. מיאַסניקאָוו, א. — אַן אלטער באָלשעוויק, ביז 1917 אַן אָנגעזעענער פּאַרטיי־טוער אף קאַווקאַז; אין 1917—1918 פירער פון די באָלשעוויקעס אין ווייסרוסלאַנד און אפן מאירעוור־פראָנט: פּאָרזיצער פון געגנט־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי, רעדאַקטאָר פון די פּאַראָקטיאַברישע באָלשעווי־סטישע צייטונגען, הויפּט־קאָמאַנדיר פון מאירעוו־פראָנט נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע, פּאָרזיצער פון ראַטנפּאָלקאָם פון דער מאירעוו קאָמונע א. א.; אין 1919 געאַרבעט אין מאָסקווער פּאַרטיי־קאָמיטעט, געקעמפט אפן מיזרעך־פראָנט קעגן קאָלטשאַקן; אין 1925 טראַגיש אומגעקומען בא אַן אעראָפּלאַן־קאַטאַסטראָפע ארום טיפליס.

35. באַקומענדיק אַ מערהייט אין ביידע הויפּטשטאָטישע ראַטן — בעאייס און נאָכן קאָרנילאָווס אויפשטאַנד האָט די אידייאישע און אָרגאַניזאַציאָנעלע ווירקונג פון די באָלשעוויקעס אף די ברייטע פּראָלעטאַרישע און פּויערשע מאַסן אָנגעהויבן וואַקסן מיט אַן אומגעהויער גיכן טעמפּ; קאָנקרעט האָט זיך דאָס אויסגעדריקט אין דעם, וואָס אין די אַרבעטער־און סאָלדאַטן־ראַטן, פּראָפאַריינען, פאַבריק־קאָמיטעטן און פאַרשיידענע אנדערע אָרגאַניזאַציעס האָבן די באָלשעוויקעס באַקומען אַ מערהייט, אין פּעטראָגראַדער ראַט איז צום ערשטן מאָל דורכגעגאַנגען אַ רעזאָלוציע פון די באָלשעוויקעס דעם 31 אווגוסט; אינגיכן האָבן די באָלשעוויקעס באַקומען אַ מערהייט אויך אין מאָסקווער, סאַראַטאָווער, מינסקער און אין פיל אנדערע ראַטן.

36. דער פּאָרפּאַרלאַמענט — איז געווען אויסגעטיילט פון דער דעמאָקראַטישער באַראַטונג (זע באַמ. 32); אכוץ די אָרגאַניזאַציעס און גרופּן, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין דער באַראַטונג, האָבן אין פּאַרפּאַרלאַמענט באַקומען אַ פאַרטרעטונג אויך די בורזשואַזע אָרגאַניזאַציעס און פּאַרטייען. אף דער ערשטער זיצונג פון פּאַרפּאַרלאַמענט, וועלכע איז פּאָרגעקומען דעם 7 אָקטיאַבער, האָט די באָלשעוויסטישע פראַקציע דערלאַנגט אַ מעלדונג, אין וועלכער ס'איז געווען דערקלערט, אז די אַרבעטער־און סאָלדאַטן־ראַטן פון פּעטראָגראַד, מאָסקווע, קראָנשטאַדט, אדעס, קיעוו, די געגנט־ראַטן פון פינלאַנד, קאַווקאַז און אוראַל, דער פּעטראָגראַדער ראַט פון די פּראָפאַריינען און נאָך אַ ריי רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס האַלטן פאַר ניט דערלאָזבאַר די קאָאַליציע מיט דער קאָנטר־רעוואָלוציאָנערער בורזשואַזיע; די פּראַקציע האָט געפּאָדערט איבעררייסן די אונטערהאַנדלונגען מיט דער בורזשואַזיע און טייקעף צוטרעטן צו אָרגאַניזירן אַן עמעסע רעוואָלוציאָנערע רעגירונג; נאָכן אָפּוואַרפן דידאָזיקע פּאָדערונג האָט די באָלשעוויסטישע פראַקציע פאַרעפנטלעכט אַ דעקלאַראַציע וועגן איר ארויסטרעטונג פונם פּאָרפּאַרלאַמענט; לעניך האָט געהאַלטן פאַר אַ פעלער דאָס אנטייל נעמען פון די באָלשעוויקעס אין פּאַרפּאַרלאַמענט.

37. די פאַרייניקטע אינטערנאַציאָנאַליסטן פון דער צייטונג „נאָוואיא זשיזן״ — דידאָזיקע גרופּע האָט פאַרנומען אַ וואַקלדיקע פּאָזיציע. ארויסגעזאָגט זיך קעגן דער קאָאַליציע מיט דער בורזשואַזיע און קעגן די סאָציאַל־פּאַטריאָטן, אבער גלייכצייטיק באַקעמפט די באָלשעוויסטישע טאַקטיק. די גרופּע איז געווען קעגן דער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע און האָט דורך דער צייטונג „נאָוואיא זשיזן״ שאַרף באַקעמפט די ראַטנמאַכט און די באָלשעוויקעס; אין 1919 האָט זיך די גרופּע אריינגעגאָסן אין דער מאָסקווער ארגאַניזאַציע אינטערנאַציאנאַליסטן און אַ טייל פון איר איז שפּעטער אריינגעטראָטן אין ר. ק. פּ. (ב.).

38. „וויקזשעל“—פארקירצטער נאָמען פונם „אלרוסלענדישן אויספיר־קאָמיטעט פון די אייזנבאַן־אַרבעטער און אָנגעשטעלטע“; בעאייס דער אקטיאבער־איבערקערעניש האָט „וויקזשעל“ פאַרנומען אַ צווישן־פּאָזיציע: ניט געשטיצט די געפאלענע צייטווייליקע רעגירונג, אבער אויך ניט אנערקענט די ראַטנמאַכט און געפאָדערט, אַז ס׳זאָל געשאַפן ווערן אן „איינהייטלעכע סאָציאַליסטישע רעגירונג“ (פון די פאָלק. סאצ. ביז די באָלשעוויקעס). דער סאָף איז געווען, אז דער אויסעראָרדנטלעכער צוזאַמענפאָר פון טראנספּאָרטלער־פאַריין האָט אויסגעקליבן אַ נייעם אויספירקאָם מיט אַ באָלשעוויסטישער מערהייט, וועלכער האָט פאַרקירצט געהייסן „וויקזשעלדאר“; פון די אָקטיאבער־טעג איז „וויקזשעל“ געוואָרן אַ שעמדאָוואָר, מיט דעם נאָמען האָט מען באַצייכנט יעטווידע וואקלדיקע צווישן־פּאָזיציע.

39. כייפעץ א.—אין דער בונדישער באַוועגונג פון נאָך זיער ערשטער רעוואָלוציע; אָקטיווער טוער אין די רעאַקציע יאָרן 14—1908. נאָך דער פעוורואַל־רעוואָלוציע אומגעקערט זיך פון אויסלאַנד און געאַרבעט אלס מיטגליד פון בונדישן געגנט־קאָמיטעט פון דאָרעם־רוסלאַנד; פאַרנומען די לינקסטע פּאָזיציע צווישן די וואקלדיקע בונדיסטן־אינטערנאַציאָנאַליסטן, אין די אָקטיאבער־טעג געווען מיטגליד פון אדעסער מיליטער־רעוואָלוציאָנערן קאָמיטעט. אפן 8 צוזאַמענפאָר פון „בונד“ אויסגעוויילט אין צ. ק. פון „בונד“ (קאנד.). נאָכן צעטרייבן די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג ווידער אַ קער געטאָן אף רעכטס. פון סאָף 1918 ארגאַניזירט די קאמוניסטישע פראַקציע אין „בונד“. אנהויב 1919 אריינגעטראָטן אין ר. ק. פּ. (ב.).

40. מאַניפעסט פון סטאָקהאָלמער קאָמיטעט פון אינטערנאַציאָנאַל—אין דער צייט פונם קריג, און איבערהויפּט נאָך דער פעוורואַל־רעוואָלוציע, האָט דער פּויאַליי־ציאָניסטישער וועלט־פאַרבאַנד מיט באָראָכאָוון בעראָש אָנגעפירט אַ ברייטע קאמפּאניע, אַז די פירער פון די אייראָפּעאישע סאָציאַליסטישע פאַרטייען זאָלן אנערקענען די רעכט פון די אידן אף פאַלעסטינע און זאָלן דאָס פאַרטיידיקן אפן קומענדיקן שאָלעם־קאָנגרעס; בא די פירער פון 2־טן אינטערנאַציאָנאַל האָט די קאַמפּאַניע געהאַט ערפאָלג: זיי האָבן זיך עפנטלעך ארויסגעזאָגט פאַר די פאָדערונגען פון די פ״צ; די דאָזיקע פאָדערונגען זיינען אויך אונטערגעשטראָכן געוואָרן אין מאַניפעסט פונם סטאָקהאָלמער קאָמיטעט, וועלכער איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין 1917.

41. דער 8־טער צוזאַמענפאָר פון בונד—פאָרגעקומען דעם 8—15 דעקאבר אין פעטראָגראַד (דער 7־טער צוזאַמענפאָר פון „בונד“ איז געווען אין 1906 יאָר. נאָך אים זיינען פאָרגעקומען די 8, 9 און 10 קאָנפערענצן פון „בונד“). צוליבן אָנהויב בירגער־קריג האָבן אַ טייל אָרגאַניזאַציעס ניט באַטייליקט זיך אינם 8־טען צוזאַמענפאָר; עס זיינען געווען 74 דעלעגאַטן פון 48 אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן פאַרטראָטן באַ 30 טויזנט אָרגאַניזירטע מיטגלידער; צוזאַמען מיט די, וואָס האָבן געהאַט באַראַטונגס־רעכט, האָבן זיך אין צוזאַמענפאָר באַטייליקט 92 דעלעגאַטן; דער צוזאַמענפאָר האָט אויסגעהערט באריכטן פון צ. ק. און די געגנט־קאָמיטעטן פון צאפן־מאירעוו קאַנט און דאָרעם־רוסלאַנד און האָט באַהאַנדלט און אָנגענומען רעזאָלוציעס וועגן די פאָלגנדיקע פראַגן: 1) די גרונט־פאָרמען פון דער מעלוכע־אָרדענונג פון רוסלאַנד, 2) די נאַציאָנאַלע פראַגע, 3) די פּאָליטישע לאַגע: די אלגעמיינע טאַקטיק פון דער סאָצ. דעמ. און די טאַקטיק אין דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג, 4) די מילכאָמע, די שאָלעם־באַדינגונגען און דאָס אויפשטעלן פונם סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל, 5) פראַגן פון דער סאָציאַלער געזעצגעבונג און אַרבעטער־פּאָליטיק, 6) אָרגאַניזיר־פראַגן, 7) קאַמף קעגן פּאָגראָמען, 8) פראָפעסיאָנעלע און קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג, אַרבעט צווישן דער יוגנט א. א. באַם באַטראַכטן די פּרינציפּיעלע פּאָליטישע פראַגן האָבן זיך ארויסגעוויזן גאַנץ טיפע מיינונגס־פאַרשיידנהייטן; וועגן פּאָליטישן מאָמענט און דער טאַקטיק פון דער סאָצ. דעמ. איז דורכגעגאַנגען די רעזאָלוציע פון די אינטערנאַציאָנאַליסטן־מארטאווצעס (פאַר איר האָבן געשטימט 34 דעלעגאַטן, פאַר דער רעזאָלוציע פונם צענטער 26 און פאַר דער רעזאָלוציע פון די רעכטע 11); אָבער גלייכצייטיק איז איבערגעקליבן געוואָרן קימאַט דער גאַנצער פריערדיקער באַשטאַנד פון צ. ק., אין וועלכן די אינטערנאַציאָנאַליסטן זיינען געווען אַ קליינע מינדערהייט (4 פון 13). אין באַשטאַנד פון צ. ק. זיינען אויסגעוויילט געווען: ליבער, ערליך, וויינשטיין, פרומקין (עסטער), ראַפעס, ליטוואַק, אייזנשטאַט, טשעמעריסקי, פּ. ראזענטאל, אבראמאוויטש, כייפעץ, אלטער; פון זיי געהערן איצט צו דער אל. ק. פּ. (ב.): וויינשטיין, עסטער, ראַפעס, כייפעץ, טשעמעריסקי; ערליך און אלטער פירן אן מיטן רעכטן „בונד“ אין פוילן; אבראמאוויטש איז איינער פון די פירער פון די

עמיגראַנטן־מענשעוויקעס און שרייבט רעכילעסדיקע אַרטיקלען אין אַמעריקאַנער „פאָרווערטס״. יודין־אייזנשטאַט שטייט אַף אבראמאָוויטשעס פּאָזיציע.

42. די פּאָרמול פון שאָלעם, וואָס די רוסישע רעוואָלוציע האָט פּראָקלאמירט, וועלכע איז געווען דעקלארירט אינם אויפרוף פונם פּעטראָגראַדער ראַט פון די אַרבעטער־און סאָלדאַטן־דעפּוטאַטן פון 14־טן מאַרט 1917, האָט געפּאָדערט אַ שאָלעם אָן אנעקסיעס און קאָנטריבוציעס און די פרייע זעלבסטבאַשטימונג פון די פעלקער.

43. דימאנשטיין, ש.—אַן אלטער באָלשעוויק, אקטיווער פּאַרטיי־טוער אין די יאָרן פון דער ערשטער רעוואָלוציע, געווען פארמישפּעט אַף קאטאָרגע, ביז דער פּעווראַל־רעוואָלוציע געלעבט אין אויסלאַנד, ווי אַ פּאָליטישער עמיגראַנט; אין 1904 יאָר מיטגליד פון צאָפן־מאַירעוודיקן קאָמיטעט פון ר. ס. ד. א. פּ.; פּיאָנער פון דער קאָמוניסטישער אַרבעט אין דער אידישער סוויווע, פאַרוואַלטער פונם קאָמיסאַריאַט פאַר אידישע איניאָנים, רעדאַקטאָר און הויפּט־מיטאַרבעטער פון די ערשטע אידישע קאָמוניסטישע אויסגאַבן, פיל מיטגעווירקט דער ליקווידירונג פון די קליינבירגער־לעכע אידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען און דער קאָמוניזירונג פון די אידישע אַרבעטער־מאַסן; איצט פאַרוואַלטער פונם נאַצמינדאָפּטייל באַם צ. ק. אל. ק. פּ. (ב.) און פּאָרזיצער פון דער צענטראַלער פאַרוואַלטונג פון „געזערד״.

44. „די וואַרהייט״—די ערשטע קאָמוניסטישע צייטונג אין אידיש, וועלכע איז דער־שינען פון 8־טן מאַרט ביז אָנהויב אווגוסט אין פּעטראָגראַד און אין מאָסקווע (זע „ביבליאָגראַפיע״, ז. 288).

45. איוואַנאָוו, א.—אַן אלטער קיעווער באָלשעוויק, אַן ארבעטער פונם אָרטיקן אר־סענאַל, אָרגאַניזאַטאָר פונם אקטיאבר־אויפשטאַנד אין קיעוו, פּאָרזיצער פון קיעווער אַרבעטער־ראַט אין 1920. מיטגליד פון צ. ק. אל. ק. פּ. (ב.), סעקרעטאַר פון נאַציאָנאַליטעטן־ראַט פון פּ. ס. ר.; הארבסט 1927 געשטאָרבן פון אַ לונגען־קראַנקהייט.

46. פּיאטאקאָוו, י.—איינער פון די אָנגעזעענע פירער פון די באָלשעוויקעס אין אוקראַינע אין די יאָרן פון בירגער־קריג; אין 1917 נאָך דער אקטיאבר־רעוואלוציע פּאָרזיצער פונם קיעווער ארבעטער־ראַט; אין 1918 פּאָרזיצער פון דער אַרבעטער־פּויערשער רעגירונג פון אוקראַינע. שפּעטער שטעלפארטרעטער פונם פּאָרזיצער פונם אלפאַרבאַנדישן ראַט פאַר פאָלקס־ווירטשאַפט („וו. ס. נ. כ.״), פּאָרזיצער פון קאָנצעסיעס־קאָמיטעט, איצט האנדלס־פארטרעטער אין פאריז, מיטגליד פון צ. ק. ק. פּ. (ב.) או.

47. זאטאָנסקי—איינער פון די פירער פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אַף אוקראינע און אַ לאַנגע צייט פאָלקס־קאָמיסאַר פאַר פאָלקסבילדונג פון דער או. ס. ס. ר.

48. פעלקער־ראַט—אויספיר־אָרגאַן פונם „פעלקער־צוזאַמענפאָר״, וועלכער איז לויט דער איניציאַטיוו און אונטער דער אָנפירונג פון דער אוקראינישער צענטראַלער ראַדע פאָרגעקומען אין יוני 1917 אין קיעוו; דאָס איז געווען דער ערשטער פּרוּאוו צו מאביליזירן די נאַציאנאליסטישע רעאקציע פון גאנצן לאַנד. צום צוזאַמענפאָר זיינען צוגעלאָזן געוואָרן בלויז יענע נאַציאָנאַל־סאָציאליסטישע פּאַר־טייען, וועלכע זיינען געווען פאַר אַ פעדעראַטיוון מעלוכע־בוי פון רוסלאַנד; אין צוזאַמענפאָר האָבן זיך באַטייליקט פארטרעטער פון די ליטווישע, לעטישע, ווייסרוסישע, גרוזינישע, מוסולמאנישע, אי־דישע א. א. פּאַרטייען, פארטרעטער פון די קאזאקן און אויך די רוסישע עסערן; פון די אידישע פּאַרטייען האָבן זיך אין אים באַטייליקט די פּ. א. ס. א. פּ. און די „פּויאלײ־ציאָן״.

49. „רומטשעראָד״—אַזוי האָט פאַרקירצט געהייסן דער אויספירקאָמיטעט פון די אַרמייען פון רומענישן פראָנט, שוואַרצן יאַם־ברעג און אדעסער געגנט; ביז דער אָקטיאבר־רעוואָ־לוציע האָבן אין אים געהאַט אַ מערהייט די מענשעוויקעס און ס. ר.; אין די ערשטע טעג פון דער אָקטיאבר־איבערקערעניש האָט דער „רומטשעראד״ פארנומען אַ וואקלדיקע פּאָזיציע; אפן 2־טן צוזאַ־מענפאָר דעם 23 דעקאַבר 1917 נאָך די איבערוואַלן איז „רומטשעראָד״ געוואָרן דער אָנפירער מיטן קאַמף פאַר ראַטנמאַכט אין געגנט.

50. מ. ראַפּעס—אַקטיווער טוער פון בונד זינט 1909; פון 1912 מיטגליד פון צענטראַל־קאָמיטעט; פּאַרטיי־קאַנדידאַט אין דער 4־טער מעלוכע־דומע פון ווילנע; עטלעכע מאָל געווען אַרעסטירט און פאַרשיקט; זינט דער פּעווראַל־רעוואָלוציע אָנגעפירט מיט דער בונדישער אַרבעט

אין אוקריינע, רעדאקטירט די „פאָלקסצייטונג״, פאַרטראָטן דעם בונד אין דער צענטראַל־ראַדע און איין צייט — אויך אין איר גענעראַל־סעקרעטאַריאַט; אָנהויב 1919 אָנגעפירט מיט דער שפּאַלטונג אין בונד און דער גרינדונג פונם „קאָמפארבאַנד״, וועלכער האָט זיך באַלד אַריינגעגאָסן אין ק. פּ. (ב.) או.; פון 1919 מיטגליד פון אל. ק. פּ. (ב); בעאייסן אָנגריף פון דער רויטער אַרמיי אַף וואַרשע מיטגליד פון ווילנער רעווקאָם; שפּעטער אַקטיוו באַטייליקט זיך אין דער פּאָליטאַרבעט אין דער רויטער אַרמיי, פּאַרטיי־אַרבעט א. א.; אַוטאָר פון אַ גרעסערער אָפּהאַנדלונג „צו דער געשיכטע פון בונד״, „די רעוואָלוציע אין כינע״ א. א.

51. נאָוואקאָווסקי, י. — איינער פון די גרינדער און צ. ק. מיטגליד פון דער א. ס. א. פּ. („סערפּ״), און פון 1917 — פון דער פּ. א. ס. א. פּ.; אָנהויב 1919 מיטגעווירקט דער צעשפּאַלטונג פון די „פאַרייניקטע״ און דורכן אוקראַינישן קאָמפאַרבאַנד אריינגעטראָטן אין ר. ק. פּ. (ב); איצט אַף פאראנטווארטלעכער ווירטשאַפטלעכער אַרבעט.

52. „באַראטביסטן״ — אַזוי האָט געהייסן (לויטן נאָמען פון זייער צייטונג „באַראטבאַ״ — „קאַמף״) די לינקע גרופּע אוקראַינישע סאָצ. רעוו., וואָס האָט זיך אונטער דער פירונג פון בלאַקיטני א. א. אָפּגעשפּאלטן אין יאַנוואר 1918 פון דער פּאַרטיי אוקר. ס. ר. צוליב איר קאַמף קעגן דער ראַטנמאַכט. די פּאַרטיי־גרופּע האָט דעם גאַנצן 1918 יאָר אנטייל גענומען אין פּויערשן פּאַרטיזאַנישן קאַמף קעגן דער העטמאַנשטשינע און די דייטש־עסטרייכישע אָקופּאַציע־אַרמייען, און שפּעטער אויך קעגן דער קולאַקישער אוקראַינישער דירעקטאָריע פון ווינישענקאָ (סאָף 1918 און אָנהויב 1919). די רעשטלעך פון דער עסערישער און נאַציאָנאַליסטישער אידעאָלאָגיע האָבן לנג געשטערט דער צונויפגיסונג פון דער פּאַרטיי מיט דער באָלשעוויסטישער, האגאם אין 1919 נעמען שוין די „באַראטביסטן״ אנטייל אין דער אָנפירנדיקער ראַטן־אַרבעט פון אוקראַינע. אין 1919 גיסן זיך צונויף די „באַראטביסטן״ און די „לינקע נעזאַלעזשניקעס״ (זע באַמ. 54) אין איין פּאַרטיי אונטערן נאָמען „אוקר. קאָמוניסטישע פּאַרטיי״, קעגנשטעלנדיק זיך דער „קאָמ. פּאַרטיי (באָלש.) פון אוקראַינע״. ערשט אין מאַרט 1920 גיסט זיך אַריין די נייע פּאַרטיי אין ק.פּ.(ב.)או.

53. „באַרביסטן״ — נאָך דער צעשפּאַלטונג פון די „לינקע סאָצ. רעוו. אינטערנאַציאָנאַליסטן״ (אין אוקראַינע), וועלכע איז פּאָרגעקומען זומער 1919, האָט איין טייל — די „אַקטיוויסטן״ — אַקטיוו געקעמפט קעגן דער ראַטנמאַכט; דער צווייטער טייל, וועלכער איז געשטאַנען פאַר געמיינזאַמע ארבעט מיט די קאָמוניסטן, האָט איבערגענומען דעם צענטראַלן פּאַרטיי־אָרגאַן „באַרבאַ״ („קאַמף״) און זיך אָנגערופן „באַרביסטן״.

54. „נעזאַלעזשניקעס״ — אַזוי האָט געהייסן די לינקע גרופּע, וועלכע האָט זיך אין יאַנוואר 1918 אָפּגעשפּאַלטן פון דער אוקראַינישער סאָצ. דעמ. פּאַרטיי און אָנגענומען די פּלאַטפאָרם פון ראַטנמאַכט. די גרופּע האָט אָבער ניט אויפגעהערט צו קעמפן קעגן די באָלשעוויקעס און אין יוני 1919 געפּרואווט אָרגאַניזירן א באַוואָפנטן אויפשטאַנד קעגן דער ראַטנמאַכט אַף אוקראַינע. נאָכדעם איז זיך די גרופּע צעשפּאַלטן און אויסגעטיילט א נייע פּאַרטיי „אוקראַינישע סאָצ. דעמ. פון לינקע נעזאַלעזשניקעס״, וועלכע האָבן צוזאמען מיט די „אוקר. סאָצ. רעוו. קאָמוניסטן״ געבילדעט די „אוקראַינישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי״ (או.ק.פּ.).

55. די 2־טע אלאוקראַינישע קאָנפערענץ פון בונד — פּאָרגעקומען דעם 31 מאַרט — 3 אפּרעל 1918 אין קיעוו באַם אנטייל פון 47 דעלעגאַטן מיט שטימרעכט און 10 מיט בעראטונגס־רעכט; די קאָנפערענץ האָט אין אַלגעמיין באוויליקט די פּאָזיציע פון דאָרעם־קאָמיטעט און סאַנקציאָנירט זיין אויפירונג אין אלע וויכטיקערע מאָמענטן פון דער רעוואָלוציע; בלויז וועגן אויפרוף „זייט פאָרזיכטיק!״, וועלכן דער געגנט־קאָמיטעט האָט אַרויסגעלאָזן אין יאַנוואר 1918 בעאייס באַוואָפנטן קאַמף צווישן דער ראדע און די באָלשעוויקעס, און וועלכער האָט גערופן אַקטיוו צו שטיצן די ראַדע, איז אַף דער קאָנפערענץ פאָרגעקומען א שאַרפער קאַמף, און ער איז סאַנקציאָנירט געוואָרן מיט 15 שטימען קעגן 2 בא 17 אָפּגעהאַלטענע.

56. די 1־טע אלאוקראַינישע קאָנפערענץ פון די „פאַרייניקטע״ — פּאָרגעקומען סאָף אפּרעל 1918 אין קיעוו באַם אנטייל פון העכער 40 דעלעגאַטן; די קאָנפערענץ האָט זיך אָפּגעגעבן הויפּטזאַכלעך מיט די פראַגן פון דער אידישער נאַציאָנאלער אווטאָנאָמיע און דער פאַרייניקונג מיטן בונד.

57. די 1־טע אַלאוקראַאינישע קאָנפערענץ פון די פּראָפאַרייען — פאָרגעקומען אין קיעוו דעם 31 מאַי — 3 יוני 1918; אין דער קאָנפערענץ האָבן זיך באַטייליקט 443 דעלעגאַטן, וועלכע האָבן פאָרגעשטעלט 311 אָרטיקע פאַריינען פון 105 פּונקטן; אַכוץ די גובערניעס פון אוקראַינע, זיינען אף דער קאָנפערענץ אויך געווען פאַרטראָטן א טייל פאַריינען פון מינסקער, מאָלעווער און טאווערישער גוב. און פון דאָנער געגנט; די 443 דעלעגאַטן האָבן פאַרטראָטן 497.064 פּראָפאַריין־מיטגלידער, אין דעם 45 פאַריינען פון האַנדלס־אָנגעשטעלטע מיט 56.550 מיטגלידער, 26—פון נאָדל־פאַך מיט 30.202 מיטגלידער, 16—שפּייזלער־פאַריינען מיט 13.224 מיטגלידער, 11 פאַריינען פון טאַבאַק־אַרבעטער מיט 12.838 מיטגלידער, 15 פאַריינען פון לעדער־פאַך מיט 12.633 מיטגל., 7 פאַריינען פון האָלץ־ארבעטער מיט 9.185 מיטגל., 16 פאַריינען פון דרוקער־ארבעטער מיט 12.039 מיטגל., 136 שטעטלדיקע פאַריינען מיט 15.914 מיטגלידער א.א. דער פאַרטייאישער צוזאַמענשטעל פון דער קאָנפערענץ איז געווען אַזא: מענשעוויקעס און בונד 267 דעלעגאַטן, אָדער 49,44 פּראָצ., קאָמוניסטן און מיטפילנדיקע 45 אָדער 8,33 פּראָצ., „פאַרייניקטע" 34 אָדער 6,3 פּראָצ., לינקע ס. ר. 21 אָדער 3,9 פּראָצ., „פּויאַליי־ציאָן" 15 אָדער 3,15 פּראָצ., אוקראַאינישע ס. ד. 19 אדער 3,52 פּראָצ. די קנאַפּע צאָל באָלשעוויקעס ערקלערט זיך דערמיט, וואָס אוקראַינע איז דענסטמאָל געווען אונטער דער אָקופּאַציע, און די באָלשעוויקעס זיינען געווען פאַרפאָלגט. גענוי וועגן אָט דעם צוזאַמענפאָר זע דעם רוסישן בוך: קאָלעסניקאָוו — „די פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונג און די קאָנטר־רעוואָלוציע". אויסגאַבע פון אוקר. מעלוכע־פאַרלאַג, 1923.

58. די איבערקערעניש פון 28 אַפּרעל — ס'רעדט זיך וועגן דער קאָנטר־רעוואָלוציאָנערער איבערקערעניש, וואָס די דייטשישע אָקופּאַנטן האָבן דורכגעפירט אין אוקראַינע; נאָכן צעטרייבן די צענטראַלע ראַדע איז אַפן צוזאַמענפאָר פון די פּריצים און דאָרפישע באַלעגופים פּראָקלאַמירט געוואָרן אַלס העטמאַן פון אוקראַינע דער צאַרישער גענעראַל סקאָראָפּאַדסקי, וועלכער האָט מיט דער הילף פון די דייטשישע באַגנעטן איינגעשטעלט א פּריציש־בורזשואַזע דיקטאַטור; קעגן דעם העטמאַנישן רעזשים האָבן זיך אינגיכן אָנגעהויבן פּויערשע אויפשטאַנדן, וועלכע האָבן אַרומגעכאַפּט אַ גרויסן טייל פון דער רעכטברעגיקער אוקראַינע; אין נאָיאַבר 1918, נאָך דער רעוואָלוציע אין דייטשלאַנד, איז די העטמאַנישע דיקטאַטור ליקווידירט געוואָרן.

59. אוריצקי, מ. — אין דער סאָצ.־דעמ. פּאַרטיי פון אָנהויב 900־טער יאָרן. ביז דער פעווראַל־רעוואָלוציע ארעסטירט און פאַרשיקט אין סיביר; אין די מילכאָמע־יאָרן — א אינטערנאַציאָנאַליסט; נאָך דער פעווראַל־רעוואָלוציע געאַרבעט מיט די פּעטראָגראַדער „צווישן־ראַיאָנע" סאָצ.־דעמ. און נאָך די יולי־טעג אריינגעטראָטן אין דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי; אין דעקאַבר 1917 געווען באַשטימט פאַרן קאָמיסאַר פון דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג און אָנגעפירט מיט איר עפענונג און פאַנאַנדערלאָזן; פון פרילינג 1918 געווען פאָרזיצער פון פּעטראָגראַדער אויסעראָרדנטלעכער קאָמיסיע (טש. ק.) דעם 30־טן אַווגוסט 1918 דערהאַרגעט געוואָרן דורך די סאָצ.־רעוו.

60. דער מאָסקווער אויפשטאַנד פון די לינקע ס. ר. — בעאייסן 5־טן צוזאַמענפאָר פון די ראַטן, וועלכער האָט ראַטיפיצירט דעם בריסקער שאָלעם־אָפּמאַך, האָבן די לינקע ס. ר. אויפגעהויבן א קאַמף קעגן דער ראַטנמאַכט; דעם 6־טן יולי האָט דער לינקער עסער בליומקין געהאַרגעט דעם דייטשישן געזאַנדטן אין מאָסקווע, און דעם 7־טן האָבן זיי אויפגעהויבן א באַוואָפנטן אויפשטאַנד, וועלכער איז אף מאָרגן אונטערדריקט געוואָרן; נאָכדעם זיינען אין גאַנץ רוסלאַנד אנטוואָפנט געוואָרן די לינק־עסערישע דרוזשינעס.

61. „דער 1־טער ווייסרוסלענדישער צוזאַמענפאָר" — פאָרגעקומען אין מינסק דעם 5—17 דעקאַבר 1917; דער צוזאַמענפאָר, וועלכער איז צונויפגערופן געוואָרן דורך דער קליינבירגערלעכער נאַציאָנאַליסטישער ראַדע, אָן דער דערלויבעניש פון דער אָרטיקער ראַטנמאַכט, האָט גלייך פון אָנהויב פאַרנומען אַן אויסגעשפּראָכן פיינטלעכע פּאָזיציע בענוגע צו די באָלשעוויקעס; נאָכדעם ווי ער איז פאַנאַנדערגעלאָזן געוואָרן, האָט דער צוזאַמענפאָר אויסגעטיילט פון זיך אַן אויספיר־אָרגאַן, וועלכן ער האָט דערקלערט פאַרן „העכסטן מאַכט־אָרגאַן" אין קאַנט.

62. ס'רעדט זיך וועגן דער דעפּעש, וואָס די ראַדע פון דער ווייסרוסלענדישער פאָלקס־רעפּובליק האָט אָנהויב אַפּרעל 1918 געשיקט ווילהעלם דעם 2־טן; אין דערדאָזיקער דעפּעש האָט די ראַדע געדאַנקט דעם דייטשישן קייסער פאַר דער „באַפרייאונג פון ווייסרוסלאַנד פון אונטערן

באָלשעוויסטישן יאָך" און געבעטן אים „נעמען די ווייסרוסלענדישע רעפּובליק אונטערן שוץ פון דער דייטשישער מאָנאַרכיע".

63. די וואַלן אין אוקראַינישן אידישן פאָרפּאַרלאַמענט — די פראַגע — ווי אַזוי צו אָרגאַניזירן די וואַלן אין פאָרפּאַרלאַמענט, איז באַשטימט געוואָרן אַף איינער פון די זיצונגען פונם נאַציאָנאַל־ראַט סאָף מאַרט 1918; ס'זיינען געווען פאַרשיידענע פּראָעקטן: איין פּראָעקט האָט פאָרגעלייגט, אַז די 75 פאָרשטייער, וואָס די אידישע קעהילעס דאַרפן שיקן אין פאָרפּאַרלאַמענט, זאָלן צעטיילט ווערן לויט די גובערניעס, פּראָפּאָרציאָנעל דער צאָל פון דער אידישער באַפעלקערונג; אָנגענומען איז געוואָרן אַן אַנדער פּראָעקט, לויט וועלכן די 75 פאָרשטייער זאָלן געוויילט ווערן דורך די ראַטמענער פון אַלע אידישע קעהילעס אַף פּראָפּאָרציאָנעלע יעסוידעס, קעדיי אַריינצוציען אין דער קאַמפּאַניע און פאַרבינדן מיטן פּאַרלאַמענט ברייטערע שיכטן.

64. אַדמיראַל קאָלטשאַק — צאַרישער פלאָט־אַדמיראַל, וועלכער איז נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע אַנטלאָפן קיין אַמעריקע; זומער 1918 האָט ער זיך אומגעקערט אָפּן ווייטן מיזרעך, וואו ער האָט מיט דער הילף פון די אויסלענדישע אינטערווענטן אָרגאַניזירט די קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע קויכעס; דעם 18־טן נאָיאַבער 1918 האָט ער, מיט דער הילף פון די יאַפּאַנישע, ענגלישע און פראַנצויזישע אינטערווענטן ליקווידירט די דירעקטאָריע, וועלכע איז אויסגעקליבן געוואָרן אַף דער אופימער „מעלוכע־באַראַטונג" און זיך דערקלערט פאַר דיקטאַטאָר פון גאַנץ רוסלאַנד; אַף דער טעריטאָריע פון סיביר האָבן זיך באַלד אָנגעהויבן פּויערשע אויפשטאַנדן, וועלכע האָבן אַרומגעכאַפּט גאַנץ סיביר און דעם ווייטן מיזרעך; דעם 14־טן נאָיאַבער 1919 האָט די רויטע אַרמיי פאַרנומען קאָלטשאַקס הויפּט־שטאָט, אָמסק, און קאָלטשאַק האָט זיך עוואַקוירט אַף מיזרעך; לעבן אירקוטסק, וועלכער איז שוין דענסטמאָל געווען פאַרנומען דורך די רויטע פּאַרטיזאַנער, איז קאָלטשאַק אַרעסטירט געוואָרן, און אָנהויב פעוורואַל 1920 איז ער, לויט דער באַשטימונג פונם אירקוטסקער רעווקאָם, צעשאָסן געוואָרן צוזאַמען מיט זיין פּרעמיער־מיניסטער פּעפּעליאַיעוו.

65. דער אויפשטאַנד פון די טשעכאָ־סלאָוואַקן — דער אויפשטאַנד פון טשעכאָ־סלאָוואַקישן קאָרפּוס, וועלכן מע האָט אין זומער 1917 געשאַפן פון די טשעכאָ־סלאָוואַקישע קריגס־געפאַנגענע, איז געווען אָרגאַניזירט דורך דעם פראַנצויזישן און ענגלישן געזאַנדטע, וועלכע האָבן אין נאָמען פון זייערע רעגירונגען צוגעזאָגט די טשעכאָ־סלאָוואַקן פאַר דער ליקווידירונג פון דער ראַטנמאַכט עוואַקוירן זיי אַהיים און שאַפן אַ זעלבשטענדיקע טשעכאָ־סלאָוואַקישע מעלוכע; דער אויפשטאַנד, וועלכער האָט זיך אָנגעהויבן אין מאַי 1918 גלייכצייטיק אין דער וואָלגע־געגנט, סיביר און אָפן ווייטן־מיזרעך, האָט געבראַכט צום פאַלן פון דער ראַטנמאַכט אין די אַלע געגנטן און צו דער שאַפונג פון אַ ריי קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע רעגירונגען (סאַמאַרער, אוראַלער, סיבירער א. א. וו.). די טשעכאָ־סלאָוואַקן האָבן זיך עוואַקוירט פון סיביר נאָך דער ליקווידירונג פון קאָלטשאַקס דיקטאַטור — פרילינג 1920.

66. דער אָנהויב פון דער אידישער קאָמוניסטישער פּרעסע — די ערשטע קאָמוניסטישע צייטשריפט אין אידיש („די וואַרהייט") האָט אָנגעהויבן דערשיינען דעם 7־טן מאַרט 1918, אָבער נאָך אַ צייט פאַר דעם, אין יוני 1917, האָט אַ גרופּע אידן־באָלשעוויקעס מיטן כ. דימאַנשטיין בעראָש באַשלאָסן אַרויסגעבן אַ באָלשעוויסטישע צייטונג אין אידיש, קעדיי צו באַקעמפן דעם איינפלוס פון די קליינבירגערלעכע אידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען; דער דאָזיקער פּראָעקט איז שוין געווען סאַנקציאָנירט דורכן צ. ק. פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי, ער איז אָבער געבליבן ניט פאַרווירקלעכט, מאַכמעס דער כ. דימאַנשטיין, וועלכער איז געווען באַשטימט פאַרן רעדאַקטאָר פון דער צייטונג, איז מאָביליזירט געוואָרן פאַר פּאַרטיי־אַרבעט אָפן פראָנט. דער צווייטער פּרואוו איז געמאַכט געוואָרן אין דעקאַבער 1917 דורכן כ׳ ש. אַגורסקי, וועלכער האָט פאָרגעלייגט אָרגאַניזירן אַ אידישע צייטונג דער ביוראָ פאַר אינטערנאַציאָנאַלער פּראָפּאַגאַנדע באַם פאָלקס־קאָמיסאַריאַט פאַר אויסערלעכע איניאָנים; דער ערשטער נומער איז שוין געווען פאַרטיק צום דרוק, ווען ס'איז געוואָרן באַוואוסט, אַז אין גיכן אָרגאַניזירט זיך דער אידישער קאָמיסאַריאַט, וועלכער וועט אַרויסגעבן אַן אייגענע צייטונג.

67. סווערדלאָוו, — אין דער סאָצ.־דעמ. באַוועגונג פון אָנהויב די 900־טע יאָרן; אַ באָלשעוויק; געאַרבעט אין ניזשני־נאָווגאָראָד, קאַזאַן, סאַראַטאָוו, אוראַל, מאָסקווע, פּעטראָגראַד און

אין א ריי אנדערע שטעט; פיל מאָל געווען ארעסטירט, געמישפּעט און פארשיקט קיין סיביר, פון וואנען ער איז עטלעכע מאָל געלאָפן; אַף דער באָלשעוויסטישער קאָנפערענץ אין אַפּרעל 1917 אויסגעוויילט געווארן אין צ. ק., אין וועלכן ער האָט געארבעט אלס סעקרעטאר ביז זיין טויט; פון נאָיאבר 1917 פאָרזיצער פון אלרוסלענדישן צענטראלן אויספיר־קאָמיטעט פון די ראַטן; געשטאָרבן אין 1919 פון א לונגען־אָנצינדונג.

68. די כורוועס פון יאראסלאוו — דעם 6—20 יולי 1918 איז אין יאראָסלאוו פאָרגעקומען א ווייסגווארדייאישער אויפשטאנד, בעאייס וועלכן ס'זיינען מערדעריש דערהארגעט געוואָרן א גרויסע צאָל אַרבעטער און קאָמוניסטן און ס'זיינען פאַרברענט און צעשאָסן געוואָרן פיל צענדליקער הייזער און גאַנצע קווארטאלן; אין אויפשטאנד האָבן זיך באטייליקט די אָרטיקע עסערן און א טייל פון די מענשעוויקעס.

69. די אלגעמיינע ארבעטס־פליכט — איז איינגעפירט געווארן זומער 1918 אין קאמף קעגן די פּאַראַזיטישע עלעמענטן דורך א באזונדער דעקרעט, וועלכער האָט פארפליכטעט אלע ארבעטספעאיקע בירגער צו ארויסנעמען ארבעטס־ביכלעך, וואָס האָבן פארביטן די אלטע פאספּאָרטן; אָן אַן ארבעטס־ביכל, ד. ה. ווער ס'האָט ניט געארבעט, האָט ניט געקאָנט באקומען קיין שפּייזראַציע; פאַר אָפּזאָגן זיך פון דער אַרבעטס־פליכט פלעגט מען שיקן אף צוואַנג־ארבעט און אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן; די אַרבעטס־פליכט איז אָפּגעשאפט געוואָרן נאָכן איבערגאַנג צו דער נייער עקאָנאָמישער פּאָליטיק („נעפּ״).

70. אגורסקי ש. — אַ געוועזענער ארבעטער, אין די יאָרן פון דער ערשטער רעוואָלוציע געהערט צום „בונד״; אין די רעאַקציע־יאָרן עמיגרירט קיין אַמעריקע, וואו ער האָט זיך אקטיוו באטייליקט אין דער אָרטיקער לינקער אַרבעטער־באַוועגונג. אין 1917 אומגעקערט זיך קיין רוסלאנד, ארייגעטראָטן אין דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי און אקטיוו באַטייליקט זיך אין דער אָקטיאבער־איבערקערעניש; איינער פון די פּיאָנערן פון דער קאָמוניסטישער ארבעט אין דער אידישער סוויווע, אַקטיווער טוער פונם אידישן קאָמיסאריאט, מיטאַרבעטער פון אַ ריי קאָמוניסטישע צייטשריפטן אין אידיש; איצט פּאַרוואַלטער פון היסטפּאַרט באם צ. ק. ק. פּ. (ב.) וו.

71. שימעליאָוויטש, י. — איינער פון די פּיאָנערן פון דער קאָמוניסטישער אַרבעט אין דער אידישער סוויווע; ביז דער מילכאָמע געאַרבעט אין בונד; באלד נאָך דער פעוורואַל־רעוואָלוציע ארייגעטראָטן אין דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי, אקטיוו באַטייליקט זיך (אפן צאַפּן־פראָנט) אין דער צוגרייטונג און דורכפירונג פון דער אָקטיאבער־איבערקערעניש; אקטיווער טוער פונם אידישן קאָמיסאריאט, פארטרעגער אף דער ערשטער קאָנפערענץ פון די אידישע קאָמיסאַריאטן און קאָמוניסטישע סעקציעס; נאָך דער דייטשישער רעוואָלוציע אומלעגאַל געפאָרן קיין ווילנע, וואו ער האָט געהאלפן אָרגאַניזירן דעם אַרבעטער־ראַט, פון וועלכן ער איז געווען סעקרעטאַר, געגרינדעט אַ אידישע קאָמוניסטישע צייטונג („דער קאָמוניסט״); מיט עטלעכע טעג, איידער די רויטע ארמיי האָט פארנומען ווילנע, האָבן פּוילישע לעגיאָנערן באלאגערט דעם ראַט; צוויי טעג האָבן די באלאגערטע זיך פארטיידיקט, נאָכדעם אָבער ווי ס'זיינען אויסגעגאַנגען די קוילן, האָט שימעליאָוויטש פאָרגעלייגט בעסער באַגיין זעלבסטמאָרד, איידער אונטערגעבן זיך דעם סוינע; שימעליאָוויטש און מיט אים נאָך אייניקע כאַוויירים האָבן דעמדאָזיקן פאָרשלאַג גלייך דורכגעפירט אין לעבן.

72. כייקין, ז. — איינער פון די פּיאָנערן פון דער קאָמוניסטישער אַרבעט אין דער אידישער סוויווע; אין די יאָרן פון דער ערשטער רעוואָלוציע מיטגליד פון „ס. ס.״, געווען ארעסטירט און אנטלאָפן קיין אויסלאַנד; אין די אָקטיאבער־טעג מיט געווער אין די הענט געקעמפט אף די מאָסקווער גאַסן; נאָכן אָרגאַניזירן דעם אידישן קאָמיסאַריאט איינער פון זיינע אקטיווסטע טוער; צום ערשטן יאָרטאָג פון דער אָקטיאבער־רעוואָלוציע, לויט אויפטראָג פון צ. ק. פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, אָרגאַניזירט אין סמאָלענסק אַ אידישע צייטונג („דער שטערן״), וועלכע האָט געדאַרפט באַדינען די אידישע האָרעפּאַשנע מאַסן פון די אָקופּירטע געגנטן; באלד איז אָבער מינסק באַפרייט געוואָרן פון די דייטשישע אָקופּאַנטן, און דער כאַווער כייקין צוזאַמען מיט דער צייטונג זיינען אריבערגעפאָרן קיין מינסק; דעם 17־טן אַפּרעל איז דער כאַווער כייקין מערדעריש דערהאַרגעט געוואָרן אין ווילנע דורך פּוילישע לעגיאָנערן, וועלכע זיינען פּלוצלונג באַפאלן די שטאָט.

ביבליאגראפיע.

(פאַרטיי־פּרעסע און ליטעראַטור פון דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג פאר די יאָרן 1917—1918).

ר. ק. פּ. (ב).

1. „די וואַרהייט״—אָרגאַן פון די באָלשעוויקעס און די לינקע סאָצ. רעוו., די ערשטע 3 נומערן דערשינען אין לעגינגראַד (פּעטראָגראַד), די נומ. 4—17 אין מאָסקווע; פונם נומ. 3 ארויסגעגעבן געוואָרן דורכן אידישן קאָמיסאַריאט; דערשינען פון 7־טן מאַרט ביז אָנהויב אווגוסט 1918.

2. „די פרייע שטימע״—אָרגאַן פון פּעטערבורגער קאָמיסאַריאט פאַר אידישע איניאָנים; נומ. 1—2 דערשינען צום 1־טן מאי 1918.

3. „דער אמת״—טעגלעכער אָרגאַן פון די קאָמוניסטן (באָלשעוויקעס), אויסגאבע פון צ. ק. פון דער ר. ק. פּ. (ב); פון 7 אווגוסט 1918 ביז פעוורואַל 1919 דערשינען 119 נומ.

4. „קולטור און בילדונג״—וועכנטלעכע אויסגאַבע פונם קולטור־ און בילדונג־אָפּטייל באַם קאָמיסאַריאט פאַר אידישע איניאָנים; פון 19־טן אווגוסט 1918 ביז אָנהויב 1921 דערשינען אין מאָסקווע (מיט גרויסע האפּסאָקעס) 27 נומערן.

5. „די קאָמונע״—אָרגאַן פון די קאמוניסטן (באָלשעוויקעס), נומ. 1 דערשינען אין פּעטראָגראַד דעם 1־טן סענטיאַבר, נומ. 2—דעם 5־טן סענטיאבר 1918.

6. „דער פרייער אַרבעטער״—אָרגאַן פון די קאָמוניסטן (באָלשעוויקעס), וויטעבסק; פון 7־טן נאָיאבר 1918 ביז 19־טן אפּרעל 1919 דערשינען 7 נומערן; פון 5 נומער ארויסגעגעבן דורך דער גוב. סעקציע פאַר אידישע איניאָנים.

7. „דער שטערן״—אָרגאַן פונם צאָפן־מאירעווידיקן געגנט־קאָמיטעט פון דער רוסל. קאָמוג. פאַרטיי, נומ. 1 דערשינען אין סמאָלענסק צום 7 נאָיאבר 1918 (פון 27 דעקאבר 1918 ביז אפּרעל 1919 דערשינען אין מינסק; פון אפּרעל ביז מאי—אין ווילנע; פון מאי ביז סענטיאבר 1919 ווידער אין מינסק; פון סענטיאבר 1919 ביז אפּרעל 1920 אין וויטעבסק, דערנאָך ווידער אין מינסק.)

8. ש. אגורסקי: „די באַדייטונג פון דער ערשטער אידישער קאָמוניסטישער קאָנפערענץ״, וויטעבסק. 1918. פאַרלאַג „וויטעבסקער קאָמיסאַריאט פאַר אידישע איניאָנים״. 11 ז.

9. ג. בוכבינדער: „די אָקטיאבר־רעוואָלוציע און די אידישע אַרבעטער־מאַסן״ פאַרלאג: „קאָמיסאריאט פאַר די אידישע איניאָנים״. פּעטערבורג. 1918.

10. ז. גרינבערג: „די ציאָניסטן אויף דער אידישער גאַס״. פּעטערבורג. 1918. פאַרלאג „קאָמיסאַריאט פאַר אידישע איניאָנים״. 32 ז.

11. ש. דימאַנשטיין: „ביים ליכט פון קאָמוניזם״. (אַ ריי ארטיקלען וועגן פּאָליטישע, סאָציאַלע און קולטורעלע פראַגן פון מאָמענט). פאַרלאג „איד. קאָמ. סעק.״ מאָסקווע, 1919 (אלע ארטיקלען זיינען געווען פאַרעפנטלעכט אין 1918) 295 ז.

12. כ. בער: „די לעגענדע וועגן באָלשעוויזם״. ארויסגעגעבן פון דעם צענטראַלן קאָמיסאַריאט פאַר אידישע איניאָנים. מאָסקווע. 1920 (דאָס ביכל איז אָנגעשריבן אין 1918), 48 ז.

13. „Еврейская Трибуна"—אָרגאַן פון קולטור־און בילדונג־אָפּטייל באַם קאָמיסאַריאַט פאַר אידישע איניאַנים. נומ. 1—2 דערשינען אין פעטראָגראַד דעם 13 אפּרעל, נומ. 3—4 אין מאָסקווע דעם 3 יוני 1918.

ב ו נ ד.

1. „די אַרבעטער־שטימע״—צענטראַל־אָרגאַן פון בונד. פעטראָגראַד, צוויי מאָל אין וואָך; פון 8־טן מאַרט ביז 24 נאָיאַבר 1917 דערשינען 51 נומערן.

2. „די שטימע פון בונד״—אָרגאַן פון מאָסקווער קאָמיטעט פון בונד. נומ. 1 דערשינען דעם 24־טן מאַרט 1917.

3. „דער אידישער אַרבעטער״—אָרגאַן פון דער באָריסאָגלעבסקער אָרגאַניזאַציע פון בונד. דערשינען (העקטאָגראַפירט) 1 נומ. אין אַפּרעל 1917.

4. „די נאַכריכטן פון כאַרקאָווער קאָמיטעט פון בונד״ — פון 30 אפּרעל ביזן 29 יוני 1917 דערשינען 4 נומ.

5. „דער וועקער״—אָרגאַן פון בונד פאַר צאָפן־מאַירעוו קאַנט. דערשינען אין מינסק פון 12־טן מאַי 1917 (פון 1־טן יוני טעגלעך, פון 1918 צענטראַל־אָרגאַן פון בונד, אין 1919 דערשינען אין האָמעל, אין 1920 אין מאָסקווע; פון זומער 1920 ווידער אין מינסק.)

6. „דאָס פּראָפעסיאָנעלע לעבן״—וואָכנבלאַט, ארויסגעגעבן דורך דער פּראָפעסאָנעלער קאָמיסיע באַם צ. ק. פון בונד. פעטראָגראַד, ביזן 10־טן אָקטיאַבר דערשינען 16 נומערן (די נומ. 1 און 2 דערשינען אלס ביילאַגעס צו דער „אַרבעטער־שטימע״).

7. „זשיטאָמירער אַרבעטער־בלאַט״—ניט־פּעריאָדישע אויסגאַבע פון זשיטאָמירער קאָמיטעט פון בונד; נומ. 1 דערשינען דעם 5 יולי, נומ. 2 דעם 30 יולי 1917.

8. „דער אינטערנאַציאָנאַל״—אָרגאַן פון ראַיאָן־קאָמיטעט פון בונד פאַר יעקאַטערינאָסלאַווער, כאַרקאָווער, טאַוורישער גוב. און דאָנער געגנט (פון אָנהויב 1918 ביז יאַנוואַר 1920 מיט דערשינען) דערשינען 12 נומערן.

9. „פאָלקס־צייטונג״—אָרגאַן פון בונד פאַר דאָרעם־רוסלאַנד, קיעוו, נומ. 1 דערשינען דעם 8 אווגוסט 1917 (פון נומ. 7 דערשינען טעגלעך); פון 23 פעווראַל 1918 דערשינען אלס אָרגאַן פון הויפּט־קאָמיטעט פון בונד פאַר אוקראַינע.

10. „צעטל נומ. 3״ — טעגלעכע אויסגאַבע פון אָדעסער קאָמיטעט פון בונד, דערשינען 4 נומערן פון 1 ביז 5 אווגוסט 1917 בעאַייס די וואַלן אין דער שטאָט־דומע.

11. „דער יונגער אַרבעטער״ — אָרגאַן פון מינסקער אָרגאַניזאַציע פון יוגנט־בונד, דערשינען אין מינסק פון אָנהויב אָקטיאַבר 1917.

12. „דער נייער וועקער״ — מינסק, דערשינען 20 נומערן (פון 24 יאַנוואַר ביז 20 פעוראַל 1918) אָנשטאָט דעם אָפּגעשטעלטן „וועקער״.

13. „דער גלאָק״ — וועכנטלעכער אָרגאַן פון אָדעסער קאָמיטעט פון בונד; פון 26 מאַרט ביזן 7 אַפּרעל 1918 דערשינען 2 נומ.

14. „צייט־פראַגן״ — אָרגאַן פון צייטווייליקן אוקראַינער הויפּט־קאָמיטעט פון בונד; דערשינען אין קיעוו איין נומ. דעם 28 אַפּרעל 1918.

15. „די צוקונפט״ — זאַמלהעפטן, אויסגאַבע פון מאָסקווער שטאָטישן און ראַיאָן־קאָמיטעט פון בונד, דערשינען 3 נומ. אין מאַרט און מאַי 1918.

16. „דער וואָלגער אַרבעטער״ — אָרגאַן פונם וואָלגער ראַיאָן־קאָמיטעט פון בונד, סאַראַטאָוו; פון מאַי ביז דעם 17 יולי 1918 דערשינען 4 נומ.

17. „די האָפענונג״ — אויסגאַבע פונם הויפּט־קאָמיטעט פון בונד אין גרויס־רוסלאַנד; פון 10 אווגוסט ביז דעם 19 דעקאַבר 1918 דערשינען 5 נומ.

18. „די פּראָפעסיאָנעלע וועלט״—אָרגאַן פון אַלאוקראַינישן ראַט פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען, קיעוו; דערשינען 2 נומ. סאָף 1918.

19. א. קירזשניץ: — „ווען דאַרף מען קלייבן אין די שטאָט־דומעס?״ אויסגאַבע פון קאָמיטעט פון בונד פארן צאָפן־מאַירעו־געגנט, מינסק, 1917, 16 ז.

20. אַ. מעדעזשין: „בונד און ציאָניזם״. אויסגאַבע פון אָדעסער קאָמיטעט פון בונד. 1917.

21. ד. זאַסלאַווסקי: „פארשוועכטע הייליגקייטן״. פעטראָגראַד. פארלאג „די וועלט״. 1917.

22. „Наше Слово“ — אָרגאַן פון דאָרעם־מיזרעכדיקן ראיאָן־קאָמיטעט פון בונד, כאַרקאָוו (פון נומ. 5 — קאַטערינאָסלאוו); פון 8 יוני 1917 ביז 12 יאַנוואר 1918 דערשינען 8 נומ.

23. „Наш Голос“ — וועכנטלעכער אָרגאַן פון אָדעסער קאָמיטעט פון בונד; פון 18 יוני ביזן 22 אַווגוסט 1918 דערשינען 9 נומ.

24. „Голос Бунда“ — וועכנטלעכער זשורנאַל, אויסגאַבע פון צ. ק. פון בונד, פעטראָגראַד; פון 8 אווגוסט ביזן 15 אָקטיאַבר 1917 דערשינען 8 נומ.

25. „Наша Трибуна“ — זאַמלביכער, אויסגאאבע פון מאָסקווער קאָמיטעט פון בונד; אין 1917 דערשינען 2 העפטן.

26. „Сибирский Вестник Бунда“ — צווייוועכנטלעכער זשורנאַל, טאָמסק, פון סענטיאבר 1917 ביז אפרעל 1918 דערשינען 11 נומ.

27. „Изв. Комитета Конотопской Орган. Бунда“ — דערשינען זומער 1917 אין קאָנאָטאָפּ, טשערניגאָווער גוב.

28. „Рабочий Понедельник“ — וועכנטלעכער אָרגאַן פון אָדעסער קאָמיטעט פון בונד, דערשינען פון 1־טן יאנוואר 1918 יאָר (פון נומער 5 דערשינען אונטערן נאָמען „Рабочий Еженедельник“).

29. „Еврейский Рабочий“ — וועכנטלעכער אָרגאַן פון פעטראָגראדער קאָמיטעט פון בונד; פון 15 מאי ביז 31 יולי 1918 דערשינען 10 נומ.

30. „Отклики Бунда“ — אָרגאן פון דער בארגוזינער (הינטערן באיקאַל) אָרגאניזאַציע פון בונד: דערשינען 1 נומ. אין אווגוסט 1918.

31. מ. ליבער־גאָלדמאַן: — „Кризис революции и задачи демократии“ פאַרלאג „די וועלט״, יעקאַטערינאָסלאַוו, 1918, פרייז 75 ק.

32. מ. ליבער־גאָלדמאַן: — „Полит. автономия областей и задачи с.-д“ פאַרלאַג „די וועלט״, יעקאטערינאָסלאוו, 1918, פרייז 75 ק.

33. מ. ליבער־גאָלדמאן: — „Дела большевиков“ פארלאַג „די וועלט״. יעקאטערינאָסלאַוו, 1918, פרייז 55 ק.

די פאַרייניקטע א. ס. א. פּ. („ס. ס.״ און „י. ס.״).

1. „דער אידישער סאָציאליסט״ — פארטיי־ביולעטען פון צ. ק. פון דער איד. סאָצ. ארבעטער־פארטיי, קיעוו; דערשינען 1 נומ. דעם 12 אפרעל 1917.

2. „דער אידישער פראָלעטאריער״ — וואָכנבלאט, צענטראַל־אָרגאן פון דער איד. סאָצ. טער. ארבעטער־פארטיי, קיעוו; פון 20 מאַי ביזן 10 אָקטיאבר 1917 דערשינען 11 נומ. (פון 16 יוני נומ. 1—2 דערשינען אלס צענטראל־אָרגאן פון דער פּ. א. ס. א. פּ. („ס. ס.״ און „י. ס.״).

3. „אונזער וואָרט״ — אָרגאַן פון אָדעסער ראַיאָן־קאָמיטעט פון דער פּ. א. ס. א. פּ. נומ. 1 — דעם 20 יוני 1917; דערשינען 7 נומ.

4. „ארבעטער־צייטונג״ — אָרגאן פונם כארקאָווער ראַיאָן־קאָמיטעט פון דער פּ. א. ס. א. פּ. פון 6 יולי ביזן 1917 דערשינען 6 נומ.

5. „דער קעמפער״ — אויסגאַבע פונם יעקאַטערינאָסלאַווער ראַיאָן־קאָמיטעט פון דער א. ס. א. פּ.; פון 26 יולי ביזן 1 דעקאַבר 1917 דערשינען 9 נומערן.

6. „אונזער שטימע״ — אויסגאַבע פון בעלאָצערקווער קאָמיטעט פון דער פּ. א. ס. א. פּ. נומ. 1 דערשינען דעם 8 אווגוסט 1917.

7. „נייע צייט״ — טעגלעכער אָרגאַן פון די „פאַרייניקטע״; דערשינען אין קיעוו פון 1 סענטיאַבר 1917.

8. „אונזער וועג״ — וואל־בלאט, האָמעל; דערשינען עטלעכע נומערן סאף 1917.

9. „האמלער וואָרט“—טעגלעכע צייטונג פון די „פאַרייניקטע“, האָמעל. דערשינען אַ קורצע צייט אין מאַרט 1918.

10. „אונזער וועג“ — וועכנטלעכער אָרגאַן פון צ. ק. פון דער פ. א. ס. א. פ., מאָסקווע; פון 28 יוני ביזן 23 אווגוסט 1918 דערשינען 5 נומ.

11. „וואָל-בלאַט“ — אויסגאַבע פון קיעווער קאָמיטעט פון דער פ. א. ס. א. פ.; דערשינען עטלעכע נומערן אין יולי 1918.

12. „דער שטראַל“ — צווייוועכנטלעכער אָרגאַן פון הויפּט-קאָמיטעט פון דער פ. א. ס. א. פ. פאַר ווייסרוסלאַנד, האָמעל; פון אווגוסט 1918 ביז 23 פעווראַל 1919 דערשינען 7 נומ.

13. יעקב לעשצינסקי: — „די אידישע אווטאָנאָמיע אמאָל און היינט“ קיעוו, 1917, אויסגאַבע פון די „פאַרייניקטע“.

14. בן-אדיר: „קהלה-פּראָגן“ (די קעהילע אלס אָרגאַן פון נאַציאָנאַלער אווטאָנאָמיע) קיעוו, 1918.

15. ד״ר מ. זילבערפאַרב: „דאָס אידישע מיניסטעריום און די אידישע אווטאָנאָמיע אין אוקראַינע“ (אַ בלעטל געשיכטע), פאָלקס-פאַרלאַג, קיעוו, 1918.

16. „Еврейский пролетарий“ — אָרגאַן פון דער א. סאָצ. טעריט. א. פ. („ס. ס.“) פעטראָגראַד; פון 31 מאַרט ביז מאַי 1917 דערשינען 4 נומ.

17. „Наш путь“ — אָרגאַן פון האָמלער קאָמיטעט פון דער פ. א. ס. א. פ. נומ. 1 דערשינען דעם 5 יוני, נומ. 10—סאָף 1917.

18. „Еврейский Социалист“ — אָרגאַן פון דער אָרגאַניזאַציע פון דער פ. א. ס. א. פ. לוגאַנסק, דערשינען עטלעכע נומ. אין 1917.

19. „Вестник феодосийской организ. об'ед. евр. соц. раб. партий“ — דערשינען עטלעכע נומ. אין 1917.

א. ס. ד. א. פ. („פּויאַלייציאָן“).

1. „דער סאָציאַל-דעמאָקראַט“ — צענטראַל-אָרגאַן פון דער א. ס. ד. א. פ. („פּויאַלייציאָן“) אין רוסלאַנד, מאָסקווע (פון נומ. 8—קיעוו); פון 5 מאַרט ביז 10 נאָיאַבר 1917 דערשינען 18 נומערן.

2. „דאָס נייע לעבן“ — אָרגאַן פון „פּויאַלייציאָן“, אָדעס; דערשינען פון סאָף דעקאַבר 1917 ביזן סאָף אווגוסט 1918.

3. „פּאַלעסטינאַ“ — זאַמלהעפטן. פאַרלאַג „דער האַמער“. מאָסקווע-קיעוו. נומ. 1 דערשינען אין 1917, נומ. 2 אין 1918.

4. „דער פּראָפעסיאָנעלער פאַריין“ — אויסגאַבע פון דער פּראָפעס. קאָמיסיע באַם אַלאוקראַינישן קאָמיטעט פון דער א. ס. ד. א. פ. („פּויאַלייציאָן“), קיעוו; אין יוני—יולי 1918 דערשינען 2 נומ.

5. „דאָס נייע וואָרט“ — צווייוועכנטלעכער אָרגאַן פון דער א. ס. ד. א. פ. („פּויאַלייציאָן“), מאָסקווע. פון 13 יולי 1918 ביזן 10-טן פעווראַל 1920 דערשינען 3 נומ.

6. „דאָס פרייע וואָרט“ — אָרגאַן פון דער א. ס. ד. א. פ. („פּויאַלייציאָן“), מינסק; נומ. 1 דערשינען אין מאַרט 1918 (אונטער דער דייטשישער אָקופּאַציע); דערשינען אויך אין 1919.

7. ב. באָראָכאָוו: „מיטן פּאָנים צו דער ווירקלעכקייט“, פאַרלאַג „האַמער“, מאָסקווע—קיעוו, 1917.

8. ארסקי (בערלינרויט): „די מלחמה און דער אידישער ארבעטער“. פאַרלאַג „האַמער“, קיעוו, פּרייז 20 ק.

9. פ. ב. (פאַרבאַנדס-ביוראָ): „דער אידישער פּראָלעטאַריאַט און דער אינטערנאַציאָנאַל“. קיעוו, פּרייז 20 ק.

10. פּ. ב. (פּאַרבאַנדס־ביוראָ): „סאָציאַליסטישע טוער וועגן דער אידן־פראַגע“ קיעוו, פּרייז 40 ק.

11. בן צבי (אבנר): „ארץ ישראל אלס לאַנד פאַר אידישער קאָלאָניזאַציע“, קיעוו, פּרייז 1 ר.

12. זאַמלבוך „צום אנדענק פון ב. באָראָכאָוו“, קיעוו, פּרייז 1 ר.

13 „אונזער וואַל־פּלאַטפאָרם צום אלרוסישן אידישן צוזאַמענפאָר“, אויסגאַבע פון צ. ק., קיעוו, 1917, פּרייז 10 ק.

14. שאָלעם: „אַ ענטפער די ציאָניסטן“, קרעמענטשוג, 1917, 8 ז.

15. א. רעוואוצקי: „דער אידישער פּראָלעטאַריאַט און דער וועלט־שלום“. פאַרלאַג „נייער לעבן“, אדעס. פּרייז 60 ק.

16. „Листок Петерб. Ком. Евр. Соц. Дем. Раб. Партии „Поалей-Цион“ פּעטראָגראַד, פון 11 מאַרט ביז 17 אַפּריל 1917 דערשינען 6 נום.

17. „Еврейская Рабочая хроника“ וועכנטלעכער אָרגאַן פון פּעטראָגראַדער קאָמיטעט פון דער א. ס. ד. א. פּ. („פּואַליי־ציאָן“) פון 29 אַפּריל 1917 ביז מאַרט 1918 דערשינען 20 נום.

18. „Пролетарская Мысль“ אָרגאַן פון קרעמענטשוגער קאָמיטעט פון דער א. ס. ד. א. פּ. „פּואַליי־ציאָן“; דערשינען 4 נום. אין 1917.

19. „Свободный путь“ אָרגאַן פון דער אדעסער אָרגאַניזאַציע און דאָרעמדיקן ראַיאָן־קאָמיטעט פון דער א. ס. ד. א. פּ. („פּואַליי־ציאָן“), אדעס; דערשינען 3 נום. אין 1917.

20. „Борьба“ צווייוועכנטלעכער אָרגאַן פון צ. ק. פון דער א. ס. ד. א. פּ. („פּואַליי־ציאָן“), מאָסקווע, פון 1 מאַי ביז יולי 1918 דערשינען 5 נום.

21. ז. אָסטראָווסקי: „Бунд, его настоящее, прошлое и будущее“, פאַרלאַג „האַמער“, קיעוו, פּרייז 60 ק.

22. עטינגער: „Правда и ложь о Палестине“, פאַרלאַג „האַמער“, קיעוו, פּרייז 25.

23. ארסקי: „Кризис интернационала“ צווייטע אויפלאַגע. פאַרלאַג „נייע לעבן“ אדעס, פּרייז 40 ק.

אינהאַלט

פאָרוואָרט א. ק. 3

ערשטער טייל.

פון פעוורַאל ביז אקטיאבר.

אריינפיר—מ. ראַפעס 5

I. די ערשטע כאדאָשים פון דער רעוואָלוציע.

1. מאניפעסט פון צענטראַל־קאָמיטעט פון די באָלשעוויקעס . . 31
2. דער בונד וועגן גאַנג פון דער פעוורַאל־איבערקערעניש („אַרבעטער־שטימע" פעטראָגראַד. נומ. 1. פון 8־טן מאַרט 1917) . . . 32
3. דער בונד וועגן דער פעווראל־רעוואָלוציע („אַרבעטער־שטימע". 1917, נומ. 1.) 34
4. די פעווראַל־איבערקערעניש אין וויטעבסק (ב. פינסאָן: „פון פעווראל ביז אק־טיאבר". זאמלבוך „קראסנאיא ביל". ז. ז. 21—25) . . 36
5. די אידישע ארבעטער פון ווייסרוסלאַנד אין דער פעווראל־רעוואָלוציע (וו. קנאָ־רין: „1917 יאָר אין ווייסרוסלאַנד און אפן מאירעוו־פראָנט" ז. ז. 21—23) 38
6. די ערשטע רעוואָלוציע־טעג אין קאַטערינאָסלאוו (מ. ראוויטש־טשערקאסקי: פעווראַל — דעקאַבר 1917 אין קאַטערינאָסלאַוו. „ליעטאָפיס רעוואָלוצי", 1922, נומ. 1) 39
7. די ערשטע לעגאַלע מאי־פייערונג (קאָרעספאָנדענץ פון מינסק. „אַרבעטער־שטימע". 1917, נומ. 10) 41
8. טאָמבאָווער אידישע אַרבעטער באגריסן דעם פעטראגראדער פראָלעטאַריאט און רעוואָלוציאָנערן מיליטער („יעדיעס פון פעטראָגראַדער ראַט פון די אַרבע־טער און סאָלדאַטן־דעפוטאַטן" 1917, נומ. 13) . . . 42
9. די ארבעטער־מיליציע אין אדעס („אונזער לעבן". 1917, נומ. 76) . 42
10. די כארקאָווער אידישע בורזשואזיע אין די ערשטע רעוואָלוציע־טעג (קאָרעס־פאָנדענץ פון כארקאָוו. „יעווריייסקאיא נעדעליא". 1917, נומ. 12—13) 43
11. דער בונד וועגן דער אָפּשאַפונג פון די נאציאָנאלע באגרעניצונגען („אַרבעטער־שטימע" 1917, נומ. 1) 44
12. די אידישע קאדעטן רופן צו זעלבסטבאגרעניצונג און געדולד (רעדע פון מ. ווי־נאווער דעם 11־טן מאַרט 1917. „יעווריייסקאיא נעדעליא", 1917, נ. 12—13) 46
13. די אידישע קלייקוידעש פארפאסן אַ נייע טפילע פאַר דער צייטווייליקער רע־גירונג („אונזער לעבן". 1917, נומ. 68) . . . 47
14. אפן קלעריקאל־בורזשואזן אידישן צוזאַמענפאָר אין קיעוו (פון ניט פארעפנט־לעכטע זיכרוינעס פון אַן אנטיילנעמער) . . . 47
15. די מאָלעווער ראַבאָנים און די פייערונג פון 1־טן מאי („אַרבעטער־שטימע", 1917, נומ. 6) 50
16. די נאַציאָנאַליסטיש־מאנארכיסטישע מאַניפעסטאַציע אין קיעוו (פון ניט פארעפנט־לעכטע זיכרוינעס) 50

II. דער קאמף צווישן דער פּראָלעטארישער און בורזשואַזער רעוואָלוציע.

17. לעניגס אפּרעל־טעזיסן (פּראווּדאַ. 1917, נומ. 26) . . . 53

18. פון די רעזאָלוציעס פון דער 10־טער קאָנפערענץ פון בונד („אַרבעטער־שטימע". נומ. 3—4 פון 18־טן אפּרעל 1917) 56

19. דער בונד וועגן די אויפגאַבן פון דער קאאַליציע־רעגירונג („אַרבעטער־שטימע" נומ. 19 פון 8־טן יוני 1917) 58

20. דער בונד פאַר שטיצן די „פרייהייט־האַלוואַ" (רעזאָלוציע פון דער פּלענאַרער זיצונג פון צ. ק. „אַרבעטער־שטימע". נומ. 7 פון 27־טן אפּרעל 1917) 59

21. פאַר סטאָקהאָלם, קעגן צימערוואלד (רעזאָלוציע פון צ. ק. פון בונד. „אַרבעטער־שטימע", 1917, נומ. 19) 59

22. די ערשטע ארויסטרעטונג פון די בונדיסטן־אינטערנאַציאָנאַליסטן (ר. אבראמאָוויטש: „ראָבעּרט גרים". „אַרבעטער־שטימע", נומ. 21 פון 15־טן יוני 1917) 60

23. דער בונד און די באָלשעוויקעס וועגן און אף דער יוני־דעמאָנסטראציע (פון ניט פארעפנטלעכטע זיכרוינעס) 61

24. דער בונד וועגן באָלשעוויזם (וו. קאָנטאָראָוויטש: „לעניניזם" „אַרבעטער־שטימע". נומ. 15 פון 25־טן מאי 1917) 63

25. די „אַרבעטער־שטימע" וועגן דער יולי־ארויסטרעטונג (ד. זאַסלאַווסקי: „די קאָנטער־רעוואָלוציע". „אַרבעטער־שטימע". נומ. 28) . . . 65

26. לינקע בונדיסטן פּראָטעסטירן קעגן די רעדיפעס אף די באָלשעוויקעס (רעזאָלוציע פון דער אלגעמיינער פארזאַמלונג פון דער כאַרקאָווער אָרגאַניזאַציע פון בונד. „פּראָלעטאַרי" 1917, נומ. 119) 66

27. דער דאָרעם־קאָמיטעט פון בונד וועגן דער אוקראינער פראַגע (רעזאָלוציע פון דער ביוראָ פונם געגנט־קאָמיטעט פון בונד פאר דאָרעם־רוסלאַנד) . 66

28. די 10־טע קאָנפערענץ פון בונד וועגן דער נאַציאָנאַל־קולטורעלער אווטאָנאָמיע („אַרבעטער־שטימע". 1917, נומ. 3—4) 68

29. דער בונד און דער אלרוסלענדישער אידישער צוזאַמענפאָר (ר. אבראמאָוויטש: „דער אידישער צוזאמענפאָר" „אַרבעטער־שטימע", נומ. 34—35 פון 16־טן אווגוסט 1917) 69

30—31. די וואקלענישן פון בונד אין דער פראַגע וועגן שאבעס־רו: א. דער צ. ק. פון בונד פאַר אן ענערגישן קאמף קעגן שאבעס־רו (רעזאָלוציע פון צ. ק. „ארבעטער־שטימע". נומ. 20 פון 11־טן יוני 1917), ב. די „אַרבעטער־שטימע" פאַרענטפערט זיך און „דערקלערט". („ארבעטער־שטימע". נומ. 29 פון 13־טן יולי 1917 71

32. די פאַרייניקונג פון „ס. ס." מיט „י. ס." („אפיציעלע מיטיילונג". „דער אידישער פּראָלעטאַריער". קיעוו. 1917, נומ. 1—2) . . . 73

33. די „פאַרייניקטע" פארן אנגריף אפן פראָנט („דער אָנגריף". „דער אידישער פּראָלעטאריער", 1917, נומ. 4) 74

34. דעקלאראציע פון די „פאַרייניקטע" אין דער אוקראינישער צענטראַלער ראַדע („דער אידישער פּראָלעטאַריער". 1917 נומ. 9) . . . 75

35—36. די פּאָליטישע פּאָזיציע פון די „פּויאַליי־ציאָן" (א. שאווסקי: „קאַוועאַנט קאָנסולעס". „יעווריייסקאיא ראבאָטשאיא כראָניקא". 1917, נומ. 8 (14). רעזאָלוציע פון דער צאָפן־מאַירעווודיקער געגנט־קאָנפערענץ (דאָרט, נומ. 9 (15) און פון די רעזאָלוציעס פון דער פּ. צ. קאָנפערענץ אין אפּרעל 1917) 76

37. ב. באָראָכאָוו וועגן ציאָניזם, דער מילכאָמע און ענגלישן אימפעריאליזם (ב. באָראָכאָוו: „מיטן פּאָנים צו דער ווירקלעכקייט". פארלאג „דער האַמער". מאָסקווע) 79

38. די נאציאָנאַלע פאָדערונגען פון די „פּויאַליי־ציאָן" (רעזאָלוציעס פון דער אפּרעל־קאָנפערענץ) 80

39. די אַרבעטער־און סאָלדאַטן־ראַטן פאר אן ענערגישן קאמף קעגן דער אנטי־סעמיטישער העצע (רעזאָלוציע פון ערשטן אלרוסלענדישן צוזאַמענפאָר פון די ראַטן. „אַרבעטער־שטימע". 1917, נומ. 25) . . . 81
40. אידישע יונקערס אין די „שלאָג־באטאליאָנען" („נאָווי פוט". 1917, נ. 24—25) 82
41. אידישע קאדעטן און בורזשואזע אינטעלעגענץ רופן צום קאַמף קעגן דער רע־וואָלוציע („א אידישער מיטינג" „פעטראָגראַדער טאָגבלאַט". 1917, נומ. 27 (36) 82
42. די ציאָניסטן ווילן אָרגאַניזירן אַ אידישן לעגיאָן („טאָגבלאַט", נומ. 87) . 84
43. די טאַקטיק פון בונד בא די וואַלן אין די שטאָט־דומעס (באשטימונג פון צ. ק. „אַרבעטער־שטימע", 1917, נומ. 18) 85
44. די „פאַרייניקטע" אין דער שטאָטישער וואל־קאמפאניע (מ. ברענער: „שטאָטישע וואל־קאמפאַניע" „נייע צייט", 1917, נומ. 18) . . . 86
45. די שטאָטישע וואלן אין קיעוו (מ. ב. „די קיעווער וואלן". „אַרבעטער־שטימע" 1917, נומ. 34—35) 87
46. דער ניצאָכן פון די וויטעבסקער באָלשעוויקעס בא די שטאָטישע וואלן (ב. פינ־סאָן: „דורכגעגאַנגענע עטאַפּן". זאמלבוך „קראסנאיא ביל"). . 88

III. די פראָפעסיאָנעלע באַוועגונג.

47. די פראָפבאַוועגונג אין ווייסרוסלאַנד („דאָס פראָפעסיאָנעלע לעבן". נומ. 4 פון 27־טן יוני 1917) 99
48. די וויטעבסקער פראָפפאַריינען און די באָלשעוויקעס (ב. פינסאָן: „דורכגעגאַנגענע עטאַפּן ז. ז. 70—77) 91
49. דער קאַמף פון די לעטישע באָלשעוויקעס קעגן בונד אין דער פראָפבאַוועגונג, קאָרעספּאָנדענץ פון ריגע. „דאָס פראָפעסיאָנעלע לעבן". 1917, נומ. 10) 94
50. קיעווער שניידער שטיצן די באָלשעוויקעס („גאָלאָס סאָציאל־דעמאָקראטא" קיעוו. 1917, נומ. 60) 95
51. דער בונד קעגן דער אָנפירנדיקער ראָלע פון די פאַבריק־קאָמיטעטן (לאנו: „די פאַבריק־קאָמיטעטן". דאָס פראָפעסיאָנעלע לעבן". 1917, נומ. 4) . 96
52. פאר פארשטארקן די פראָפפאַריינען אפן כעשבן פון די אַרבעטער־ראַטן (זשעלעז־ניאקאָוו: „די פראָפפאַריינען און די ארבעטער־ראַטן" „דאָס פראָפ. לעבן". נומ. 3 פון 20־טן יוני 1917) 97
53. דער ערשטער לעגאַלער צוזאַמענפאָר פון בערשטער־בונד (מ. כ.: „דער בער־שטער־צוזאַמענפאָר". „דאָס פראָפ. לעבן". 1917, נומ. 2.) . . 98
54. די 3־טע אלרוסלענדישע קאָנפערענץ פון די פראָפפאַריינען וועגן דער אַרבעט צווישן די נאצמינדערהייטן (רעזאָלוציע. „דאָס פראָפ. לעבן". 1917, נומ. 5—6) 100
55. די „פאַרייניקטע" און דער בונד אף דער 3־טער אלרוסלענדישער קאָנפערענץ פון די פראָפפאַריינען. „דער אידישער פראָלעטאַריער" 1917, נומ. 6—7) 101

VI. ערעוו דער אָקטיאבר־רעוואָלוציע.

56. די באָלשעוויקעס רופן צו פראָטעסטירן קעגן דער מאָסקווער באַראַטונג (אויפ־רוף פון צ. ק. ר. ס. ד. א. פּ. (ב.) 104
57. די דעקלאראציע פון די אידישע קליינבירגערלעכע סאָציאליסטישע פּאַרטייען אף דער מאָסקווער באַראַטונג („אַרבעטער־שטימע" 1917, נומ. 40—41) 106
58. קאַמף פון ריכטונגען אף דער דאָרעם־קאָנפערענץ פון בונד („ארבעטער־שטימע" 1917, נומ. 40—41) 108
59. די דאָרעם־קאָנפערענץ פון בונד וועגן פּאָליטישן מאָמענט („אַרבעטער־שטימע" 1917, נומ. 39) 111
60. בונדיסטן־אינטערנאַציאָנאַליסטן ווערן גערופן צו פארשטאַרקן זייער אקטיווקייט (וו. אלטער: „איז דער בונד אין געפאר?" „אַרבעטער־שטימע". נומ. 34—35 פון 16־טן אווגוסט 1917) 112

61. די פשאָרעס־טאַקטיק פון די בונדיסטן־אינטערנאַציאָנאַליסטן (ר. אבראַמאָוויטש: „צום אלרוסלענדישן פאַרטיי־צוזאַמענפאָר". „אַרבעטער־שטימע". נום. 39 פון 20־טן אווגוסט 1917) 114
62. ליבער ווענן מילכאָמע און שאָלעם (פונם פאָרטראג אפן פאַרייניקונגס־צוזאַמענפאָר פון ר. ס. ד. א. פּ. (מענשעוויקעס) „יעדיעס פונם ראַט פון די אר־בעטער־און סאָלדאַטן־דעפוטאַטן". פעטראָגראַד. 1917. נום. 152) . 116
63. דער בונד ווענן די אויפגאַבן און קאָמפעטענץ פונם אידישן צוזאַמענפאָר (באַשטימונג פון ביוראָ פון צ. ק. „דער וועקער". נום. 194 פון 19־טן אָקטיאבר 1917) 117
64—66. אָפּקלאנגען פון דער קאָרנילאָוו־אוואנטיור: א. האָמעל, ב. מינסק, ג. וויטעבסק („נייע צייט", נום. 8, „אַרבעטער־שטימע" נום. 42—43 און 44) 118
67. די פּאָזיציע פון בונד נאָך דער קאָרנילאָוו־אוואנטיור („צום פּאָליטישן מאָמענט", „דער וועקער" נום. 76 פון 8־טן סענטיאבר 1917) . . 121
68. דער בונד ווענן זיך („די יוויול־טעג". „דער וועקער". נום. 86 און 87 פון 28 און 29 סענטיאבר 1917) 123
69. די מינסקער באָלשעוויקעס האָבן ניט באגריסט דעם בונד (אל. מארטוני: „די פייערונג פון בונד". „דער בונד", „מאָלאָט", מינסק. 1917. נום. 12 און 14) 125
70. די „פאַרייניקטע" ווענן די פּאָליטישע אויפגאַבן פון מאָמענט (רעזאָלוציע פון דער פלענאַרער זיצונג פון צ. ק. „דער אידישער פּראָלעטאַריער". 1917, נום. 10) 126
71. די באָלשעוויקעס דארפן נעמען די מאַכט (אַ בריוו פון כ' לענין צום צ. ק.) פעטראָגראַדער און מאָסקווער קאָמיטעטן פון ר. ס. ד. א. פּ. (ב.) וו. א. לענין: געזאמלטע ווערק ב. 14. 2־טער טייל. ז. ז. 133—135) . . 127
72. דער צ. ק. פון די באָלשעוויקעס רופט די פאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס גרייטן זיך צום אויפשטאנד (רעזאָלוציע פון צ. ק. „פּראָלעטארסקאיא רעוואלוציא" 1922, נום. 10) 129
73. די מינסקער באָלשעוויקעס גרייטן זיך פאַרכאַפּן די מאַכט (וו. קנאָרין: „1917 י. אין ווייסרוסלאַנד און אפן מאירעוו־פראָנט". ז. ז. 57—59). . 130
74. די באָלשעוויקעס אין פארפארלאמענט (מעלדונג פון דער באָלשעוויסטישער פראקציע. (וו. ווּלאדימיראָווא: „די רעוואָלוציע פון 1917". ב. 4. ז. ז. 402—403) 132
75. ליבער פארורטיילט די פאראָקטיאבער־טאַקטיק פון די באָלשעוויקעס (רעדע פון מ. ליבער אין פעטראָגראַדער ראַט פון די אַרבעטער־און סאָלדאַטן־דעפוטאַטן. „יעדיעס פון ראַט פון די ארבעטער־און סאָלדאַטן־דעפוטאַטן". פעטראָגראַד. נום. 193 פון 10־טן אקטיאבר 1917) . . . 133
76. דער בונד רופט ענערגיש קעמפן קעגן דער געפּלאָנטער אקטיאבר־איבערקערעניש („דער וועקער". נום. 103 פון 18־טן אקטיאבר 1917) . . 134

צ וו יי ט ע ר ט יי ל

באם אָנהויב פון דער פּראָלעטארישער דיקטאַטור.

V. די אָקטיאבר-איבערקערעניש.

77. די ראַטן האָבן גענומען די מאַכט (לענינס רעדע אף דער זיצונג פון פעטראָגראַדער ראַט דעם 25־טן אָקטיאבר 1917) 139
78. דעקלאראציע פון רעכט פון די רוסלענדישע פעלקער. (זאמלונג פון געזעצן און פאראָרדענונגען פון דער אַרבעטער־און פויערשער רעגירונג). . 140
79—80. די קליינבירגערלעכע אידישע סאָציאליסטישע פאַרטייען פארלאָזן דעם 2־טן צוזאַמענפאָר פון די ראַטן („פאָלקסצייטונג", נום. 18 פון 3־טן נאיאבר 1917; „יעווריעסקאיא ראבאָטשאיא כראָניקא", נום. 14 (20) פון 4־טן נאָיאבר 1917) 142

81. די „פאַרייניקטע" רופן צו אַן אַנטשיידענעם קאַמף קעגן די באָלשעוויקעס („אַן אָפענער קאַמף", „נייע צייט", נומ. 38 פון 26־טן אָקטיאַבער 1917) . 143
82. די אָקטיאַבער־איבערקערעניש אין מינסק (וו. קנאָרין: „1917 אין ווייסרוסלאַנד און אַפן מאַירעוו־פראָנט") 145
83. דער רויטער אָקטיאַבער אין וויטעבסק (ב. פינסאָן: „דורכגעגאַנגענע עטאַפּן", „קראַסנאַיאַ ביל", ז. ז. 87—104) 148
84. די מינסקער צ. ב. פון די פראָפאַריינען אין די טעג פון דער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע („דער וועקער", מינסק, 1917, נומ. 113, 115, 120 און 122) . 151
85. די בונדישע פרעסע טרעט שאַרף אַרויס קעגן שטיצן די צייטווייליקע רעגירונג. (מ. ראַפעס: „וואָס ווייטער?" „פאָלקסצייטונג", נומ. 15 פון 28־טן אָקטיאַבער 1917) 154
86. די אָדעסער און קאַטערינאָסלאַווער אָרגאַניזאַציעס פון בונד אין די אָקטיאַבער־טעג. („די באַראַטונג בא דער ביוראָ פון צ. ק. פון בונד, „פאָלקסצייטונג", נומ. 27 פון 14־טן נאָיאַבער 1917) 155
87. דער אָנהויב פונם אינערלעכן קאַמף אין בונד („רייבונגען אין אָדעסער אָרגאַניזאַציע פון בונד" „פאָלקסצייטונג", נומ. 24 פון 10־טן נאָיאַבער 1917) 156
88. די אָפיציעלע פּאָזיציע פון בונד (רעזאָלוציע פון דער מינסקער באַראַטונג בא דער ביוראָ פון צ. ק. פון בונד „פ. צ." נומ. 27) . . . 157
89. „די פּועלי־ציאָן" פאַר אַן איינהייטלעכער סאָציאַליסטישער רעגירונג („אין פּועלי־ציאָן", „זוועזדאַ", מינסק, נומ. 30 (67) פון 15 נאָיאַבער 1917) 158

VI. אין די ערשטע כאַדאָשים פון דער ראַטנמאַכט.

90. קיִעווער נאָדל־אַרבעטער רופן קלייבן אין דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג נאָר באָלשעוויקעס (אויפרוף פונם פאַריין פון די קליידער־אַרבעטער. „פּראָלעטאַרסקאַיאַ מיסל", 1917, נומ. 17) 160
91. דער בונד וועגן די וואַלן אין ראָוונע (קאָרעספּאָנדענץ, „פאָלקסצייטונג", נומ. 54 פון 18־טן דעקאַבער 1917) 161
92. די ערשטע שפּאַלטונג אין בונד („די צעשפּאַלטונג פונם בונד אין באָברויסק" („סאָוועטסקאַיאַ פּראַוודאַ", נומ. 9 פון 12־טן דעקאַבער 1917) . 163
93. צו די סאַכאַקלען פון די וואַלן אין דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג („סאָוועטסקאַיאַ פּראַוודאַ", 1917, נומ. 3 און „נייע צייט", 1918, נומ. 2 (90) . 163
94. קיִעווער אַרבעטער פּראָטעסטירן קעגן די מאַניפעסטאַציעס פאַר דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג („פּראָטעסטן", „דער טעלעגראַף", נומ. 28 פון 24־טן דעקאַבער 1917) 164
95. קעגן אַנטיילנעמען צוזאַמען מיט דער בורזשואַזיע אין דער מאַניפעסטאַציע (רעזאָלוציע פון קיִעווער קאָמיטעט פון בונד. „פאָלקסצייטונג", נומ. 56 פון 20־טן דעקאַבער 1917) 165
96. די „פּועלי־ציאָן" און „די קאָמיטעטן צו פאַרטיידיקן די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג" (צירקוליאַר פון ביוראָ פון צ. ק. „יעווריסקאַיאַ ראַבאָטשאַיאַ כראָניקאַ", נומ. 1—2 פון 27־טן יאַנוואַר 1918) . . . 166
97. אַ רעדע פון אַ אידישן קלײנבירגערלעכן סאָציאַליסט אין דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג (ד. לוואָוויטשעס רעדע, „נייע צייט", נומ. 12 פון 16־טן יאַנוואַר 1918) 166
98. וויטעבסקער בונדיסטן פּראָטעסטירן קעגן דעם פאַנאַנדערלאָזן די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג (פון אַן אומלעגאַל בלעטל פון וויטעבסקער קאָמיטעט פון בונד) 168
99. די „פּועלי־ציאָן" וועגן דער ענגלישער פּאַלעסטינע־דעקלאַראַציע (רעזאָלוציע פון צ. ק. „דאָס נייע לעבן", נומ. 4 פון 27־טן דעקאַבער 1917) . 169
100. די פּאָליטישע און טאַקטישע פּאָזיציע פון 8־טן צוזאַמענפאָר פון בונד („דער וועקער", נומ. 160 פון 25 דעקאַבער 1917) . . . 169
101. אַ מאַניפעסטאַציע לעקאָוועד דעם שאָלעם (פ. זאַרעצקי: „אַ שאָלעם־דעמאָנסטראַציע", „פאָלקסצייטונג", נומ. 4 (66) פון 6 יאַנוואַר 1918) . . 171

102. דער בונד און די באָלשעוויסטישע שאָלעם-פּאָליטיק („דער באַנקראָט פון באָל-שעוויזם". „פאָלקסצייטונג", נומ. 24 (86) פון 22-טן פעווראל 1918) 171
103. די בורזשואזע און קליינבירגערלעכע אידישע אינטעליגענץ וועגן בריסקער שאָלעם („דער בריסקער שאָלעם און די אינטערעסן פון אידנטום". „יעווריעיסקאיא נעדעליא", נומ. 6 פון 19 אפּרעל 1918) 172
104. די קאנדידאַטן פון די מינסקער „פּויאליי-ציאָן" צום אידישן צוזאַמענפאָר און די ראַטנמאַכט („זוועזדא", נומ. 22 און 24 פון 28 און 31 יאַנוואר 1918) 174
105. די סאָצ.-רעוו. רעקאָמענדירן שטימען פאר די „פּאַריינִיקטע" („צו די וואלן צום אידישן צוזאַמענפאָר", „אוטרעניאיא מינסקאיא גאזעטאַ", נומ. 7 (1948) פון 14 פעווראל 1918) 175
106. די אידן-באָלשעוויקעס וועגן אידישן צוזאמענפאָר. („זוועזדא", נומ. 23 פון 30 יאַנוואר 1918) 175
107. די פּעטראגראדער אידישע ארבעטער זיינען קעגן דעם אידישן צוזאמענפאָר („אַ רעזאָלוציע פון אידישע ארבעטער". „די ווארהייט", נומ. 1 פון 8 מאַרט 1918) 176

VII. דער אָנהויב פון בירגער-קריג אין אוקראינע.

108. דער באוואָפנטער קאַמף פון די קיעווער באָלשעוויקעס פאַר דער מאַכט (א. איוואנאָוו: „די צענטראלע ראַדע און דער קיעווער ראַט". „לעטאפּיס רעוואָלוצי", 1922, נומ. 1) 178
109. די לעוואיע פון די קאָרבאנעס פונם אָקטיאבער-אויפשטאַנד אין קיעוו („פאָלקס-צייטונג", נומ. 20 פון 6-טן נאָיאבער 1917) 180
110. דער בונד און דער דריטער אוניווערסאַל פון דער אוקראינישער ראַדע (א. זאָ-לאָטאריאוו: „דער דריטער אוניווערסאל און אונזער פּאזיציע", „פאָלקסצי-טונג" נומ. 24 פון 10-טן נאיאבער 1917) 181
111. פאר שטיצן די ראדע קעגן די ראטן („די פּאזיציע פון בונד". „פאלקסצי-טונג", נומ. 18 פון 3 נאיאבער 1917) 183
112. דער צ. ק. פון בונד שטיצט די פּאָזיציע פונם געגנט-קאָמיטעט (רעזאלוציע פון דער פּלענארער זיצונג פון צ. ק. „פאלקסצייטונג", נומ. 13 (75) פון 17 יאַנוואר 1918) 184
113. דער בונד וועגן די דייטשישע-אוקראינישע שאָלעם-אונטערהאנדלונגען אין בריסק. (אויסצוג פון מ. ראַפעסעס רעדע אין דער צענטראַלער אוקראיני-שער ראַדע) 184
114. פון דער דעקלאראציע פון „פּויאליי-ציאָן" וועגן 4-טן אוניווערסאל („יעווריעיסקאיא ראבאטשאיא כראניקא", נומ. 3—4, מארט 1918) 186
115. מיינונגס-פארשיידנהייטן בא די „פּאַריינִיקטע" וועגן 4-טן אוניווערסאַל (מ. ליטוואקאוו: „אַ בריוו אין רעדאקציע", „נייע צייט", נומ. 11 (99) פון 15-טן יאַנוואר 1918) 188
116. דער קאמף פאר דער מאכט פון די ראַטן אין אדעס (י. שקאראָווסקי: „די בלו-טיקע טעג אין אדעס", „נייע צייט", נומ. 22 (110) פון 22 פעווראל 1918) 188
117. דער בונד און די „פּאַריינִיקטע" אין די טעג פונם יאנוואר-אויפשטאנד אין קיעוו (מ. ראפעס: „דאס 1918 יאר אינם לאגער פון קליינבירגערלעכן סאָ-ציאליזם אין אוקראינע" „דער עמעס", 1927, נומ. 193) 190
118. אין דער קיעווער ארגאניזאציע פון בונד נאכן אויפשטאנד („אלגעמיינע פאר-זאמלונג פון בונד", „פאלקסצייטונג", נומ. 21 (83) פון 19 פעווראל 1918) 191
119. קאמף פון ריכטונגען אין דער קיעווער ארגאניזאציע פון די „פּאַריינִיקטע" („א פארזאמלונג פון די „פאריינִיקטע", „נייע צייט", נומ. 18 (106) פון 16 פעווראל 1918) 193
120. קיעווער אידישע אַרבעטער ארגאניזירן אן אפּטייל פון דער רויטער גוואר-דיע („פאלקסצייטונג", נומ. 19 (81); „נייע צייט", נומ. 22 (110) פון 22-טן פעווראל 1918) 193

121. געזעץ וועגן דער נאציאנאל־פערסאנאלער אויטאנאמיע (ד״ר מ. זילבערפארב: „דאָס אידישע מיניסטעריום און די אידישע אויטאנאמיע אין אוקראינע״ ז. ז. 79—82) 194

VIII. אונטער דער דייטשישער אקופאציע.

122. די אלגעמיינע לאגע אין אוקראינע (מ. ראפעס: „דאָס 1918 יאָר אינם לאגער פון קליינבירגערלעכן סאציאליזם אין אוקראינע״. „דער עמעס״, 1927, נום. 194 און 195) 197

123. אין ווייסרוסלאנד אונטערן פויסט פון די אקופאנטן (קאָרעספאָנדענץ פון פאָלאצק, „אונזער וועג״, מאסקווע, 1918, נום. 4) . . . 200

124. דער אָנגריף פונם קאפיטאל (ר. שלאָסבערג: „דער קאמף קעגן שטיק־ארבעט״. „פאָלקסצייטונג״, נום. 100 (162) פון 20 אווגוסט 1918) . . 203

125. די פירער פון די אידישע קאדעטן באוויליקן די העטמאנישע איבערקערעניש (רעדע פון העטמאנישן מיניסטער גוטניק אפן צוזאמענפאָר פון די קאדעטן. „נייע לעבן״, נום. 83 פון 13 מאי 1918) . . . 204

126. „די ווידעראויפלעבונג פון דער שווארצער מייע״ („די שווארצע מייע אין אָדעס״. „נייע לעבן״, נום. 82 פון 11 מאַי 1918) . . . 206

127. די פאָזיציע פון בונד ערעוו דער העטמאַנישער איבערקערעניש (רעזאָלוציע פון דער 2־טער אלאוקראינישער קאָנפערענץ פון בונד. „צייט־פראַגן״, נום 1 פון 15 אפרעל 1918) 207

128. די „פאריייניקטע״ וועגן די אויפגאַבן פונם מאָמענט (רעזאָלוציע פון דער ערשטער אלאוקראינישער קאָנפערענץ. „פאָלקסצייטונג״. נום. 75 (163) פון 4־טן מאי 1918) 208

129. די ערשטע־מאילאָזונגען פון בונד (פונם אויפרוף פונם צייטווייליקן אוקראינער הויפט־קאָמיטעט פון בונד „צייט־פראגן״, נום. 1) . . . 209

130. די באָלשעוויקעס אף דער אלאוקראינישער קאָנפערענץ פון די פראָפאריינען (פונם פאָרטראג פון כ. פיראגאוו. י. קרייזעל: „די פראָפעסיאָנעלע באוועגונג און די עסטרייך־דייטשישע אָקופאציע״, ז. ז. 45־46) . . 211

131. די פאָליטישע פאָזיציע פון די פראָפעסיאָנעלע פאַריינען. י. קרייזעל: („די פראָפעסיאָנעלע באַוועגונג און די עסטרייך־דייטשישע אָקופאציע״. קיעוו. 1924, ז. ז. 52־53) 212

132. די בונדישע פרעסע וועגן אָנפאל אפן כ׳ לענין („פאָלקסצייטונג״. נום. 111 (173) און 116 (178) פון 2 און 10 סענטיאבר 1918). . . 214

133. די „פאריייניקטע״ אין דער ווייסרוסישער נאַציאָנאלער רעגירונג (מ. גוטמאן: „אין ווייסרוסלאנד״, „אונזער וועג״, 1918 נום. 4) . . . 215

134. פון ד סאכאקלען פון די קעהילע־וואלן (לויט דער כראניק פון „נאָווי פוט״, נום. 3 און 4 און „כראניקא יעווריעסקאָי זשיזני״, 1918, נום. 2) . 217

135. די וואלן אין דער אוקראינער צייטווייליקער אידישער נאציאָנאַלער פארזאמלונג („פאָרפארלאמענט״) („דאס אידישע פאָלק״, קיעוו נום. 2 פון 3־טן נאָיאבר 1918) 218

136. די „פויאליי־ציאָן״ און דער בונד אין אוקראינער אידישן „פאָרפארלאמענט״ („די דעקלאראציעס פון די פארטייען״, „דאָס אידישע פאָלק״, 1918, נום. 5) 219

137. דער בונד און די אידישע קעהילע (רעזאָלוציע פון דער בונדישער קאָנפערענץ פון ווייסרוסלאנד. „פאָלקס־צייטונג״, נום. 28 (90) פון 28 מאי 1918) . 221

138. דער סאכאקל פון דער אוקראינער דערפארונג אין דער נאציאָנאַלער פראגע (מ. ראפעס: „נאציאנאלע מינדערהייטן״, „זשיזן נאציאָנאַלנאָסטעי״, 1920, נ. 23) 223

IX. אין דער רעפובליק פון די ראטן.

139. אין דער פיינטלעכער ארומרינגלונג (ש. דימאנשטיין: „אונזערע סאָנים״, „באם ליכט פון קאָמוניזם״, מאָסקווע, 1919 ז.ז. 5־9) . . 225

140. דער אָנהויב פון דער אידישער קאָמוניכטישער פּרעסע און אירע אויפגאבען („אונזער פּראָגראם". „די ווארהייט", פּעטראָגראד, נום. 1 פון 8 מאר 1918) 227

141. שפּאלטונגען אין בונד (ש. אגורסקי: „דער אידישער אַרבעטער אין דער קאָמוניסטישער באוועגונג„, מינסק, ז. ז. XV און XVI) . . 229

142. נאָכן 7־טן פּארטיי־צוזאַמענפאָר פון ר. ק. פּ. (ב.) ש. דימאנשטיין: „פּאַרוואָס מיר רופן זיך קאָמוניסטן", „באם ליכט פון קאָמוניזם" ז. ז. 83־86) . 230

143. די אויפגאַבן פון די אידישע קאָמוניסטישע סעקציעס (ש. דימאנשטיין: „אי־דישע קאָמוניסטישע סעקציעס" „דער אמת", מאָסקווע, נום. 25 פון 12־טן סענטיאבר 1918) 232

144. לענין און די אידישע האָרעפּאשנע מאסן (פון ש. דימאנשטיינס אריינפיר צום בוך: „לענין וועגן דער אידן־פראגע אין רוסלאנד", כארקאָוו, פארלאג „פּראָלעטארי", ז. ז. 13־18) 234

145. דעקרעט פונם ראט פון די פאָלקס־קאָמיסארן וועגן דערשטיקן אין שורעש די אנטיסעמיטישע באוועגונג („יעדיעס פון אלרוסלענדישן צ. א. ק.", נום. 158 פון 27־טן יולי 1918) 236

146. פאר פארשטארקן דעם רויטן טעראָר (ש. דימאנשטיין: „דער שרעקלעכער טעראָר". „דער אמת" נום. 23 פון 10 סענטיאבר 1918) . . 237

147. די אלגעמיינע ארבעטס־פליכט און איר באדייטונג (ש. דימאנשטיין: „ארבעט־היסכאיוועס". „דער אמת". נום. 31 פון 24־טן סענטיאבר 1918) . 239

148. ווי אזוי האָט זיך ארגאניזירט דער אידישער קאָמיסאריאט (ש. אגורסקי: „דער אידישער ארבעטער אין דער קאָמוניסטישער באוועגונג", ז. ז. 6־9) . 241

149. דער אידישער קאָמיסאריאט רופט צו ארגאניזירן זיך ארום די ראטן (אויפרוף. „די ווארהייט", נום. 8־9 פון 2 יוני 1918) . . . 244

150. די אידישע ארבעטער רופן זיך אָפּ אַף דער ווענדונג פון קאָמיסאריאט (קאָ־רעספּאָנדענצן, „די ווארהייט" נום. 11־12 און 16־17) . . 247

151. די ארבעט פון אידישן קאָמיסאריאט אין דער פּראָווינץ (ש. אגורסקי: דער אידישער ארבעטער אין דער קאָמוניסטישער באוועגונג". ז. ז. 30־34) . 249

152. די מענשעוויקעס האָבן זיך דערקייקלט צו אקטיווער קאָנטר־רעוואלוציע (ש. דימאנשטיין: „וואָס זאָגן איצט די מענשעוויקעס?" „באם ליכט פון קאָמוניזם" ז. ז. 113־114) 252

153. די „פּויאַלײ־ציאָן" באקעמפן דעם אידישן קאָמיסאריאט (מ. יארבלום־אגיוטין: „א בריוו פון מאסקווע", „נייע לעבן" נום. 128 פון 10־טן יולי 1918) 253

154. לינקע פּויאַלײ־ציאָניסטן באשולדיקן זייער צ. ק. אין וואקלענישן און אפּאר־טוניזם (צווי: „וועגן אונזער פּאָליטישער ליניע", „דאָס נייע ווארט", מאָסקווע, נום. 1 פון 13־טן יולי 1918) 254

155. דער בונד באיקאָטירט דעם אידישן קאָמיסאריאט (א דערקלערונג פון מאסקווער שטאָטישן און ראַיאָנעם קאָמיטעט פון בונד. „די צוקונפט", 1918, זאמל־העפט 2) 255

156. די ערשטע קאָנפערענץ פון די אידישע קאָמוניסטישע סעקציעס און אידישע קאָמיסאריאטן (ש. אגורסקי: „דער אידישער ארבעטער אין דער קאָמוני־סטישער באוועגונג" ז. ז. 41־46) 256

157. די רעזאלוציעס פון דער ערשטער קאָנפערענץ פון די אידישע סעקציעס און קאָמיסאריאטן 259

ב ײ ל א ג ע ס:

באמערקונגען און דערקלערונגען . . . . . 265—274

ביבליאָגראפיע . . . . . . 280—284

פרייז 2 ר. 50 ק.

А. Киржниц

ЕВРЕЙСКИЙ РАБОЧИЙ

(Четвертый том)

1917—1918

Под редакцией, со вступ. статьей

М. Рафеса

Издательство а/о

„ШКОЛА и КНИГА“

Москва, Никольская, 10.